STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05702

DI ALGEMEYNE ILUSTRIRTE ENTSYKLOPEDYE

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלגעמיינע
ענציקלאָפּעדיע

צווייטער באַנד

THE

ILLUSTRATED

GENERAL ENCYCLOPAEDIA

OF

Universal Information

EDITED BY

DAVID GOLDBLATT

AND

ASSISTED BY A NUMBER OF AUTHORITIES IN ALL BRANCHES OF HUMAN ACHIEVEMENTS

VOL. II

PUBLISHED BY

THE ADVANCED ENCYCLOPAEDIA, INC.

NEW YORK

די אלגעמיינע

אילוסטרירטע

ענציקלאָפּעדיע

נעהמט אַרום אַלע צווייגען פון
יודישע און ניט־יודישע
פילאָזאָפיע, קונסט, וויסענשאַפט, ליטעראַטור, געשיכטע, ביאָגראַפיע,
געאָגראַפיע, און פעלקער-קונדע פון דער גאַנצער וועלט, אין אַלע צייטען.

רעדאַקטאָר

דוד גאָלדבלאַטט

אונטערשטיצט פון אַ צאָהל פון קאָמפּעטענטע מיטאַרבייטער
פון אַמעריקאַ, עוראָפּאַ און אַפריקאַ

ארויסגעגעבען פון

די אַדוואַנסד ענציקלאָפּעדיע אינק.
נויאָרק.

Copyright, 1923
by
THE ADVANCED ENCYCLOPAEDIA
Incorporated

THE BOOK PUBLISHERS PRESS, 227 WEST 17TH ST., N. Y.

פאררײדע

א װיכטיגע פערנאַכלעסיגטע פראַגע

די יודישע שפּראַך האָט שוין ב"ה א בעדייטענדע מאָדערנע ליטעראטור פון פיעלע טעגליכע, װעכענטליכע, מאָנאטליכע, און צופעליגע צייטשריפטען אין כמעט אלע װעלט־טיילען; א צאָהל פון װערק איבער פיעלע צװייגען פון װעלטליכע און יודישע ליטעראטור; פון פיעלע צװייגען דער װיסענשאַפט און שעהנע ליטעראטור; נאָר איין פראַגע, די װיכטיגסטע פון אלע—די שפּראַכ־װיסענשאַפט—װעלכע פערדיענט דעם ערשטען פּלאַץ אין יעדער ליטעראטור, איז נאָך ביז דעם היינטיגען טאָג, כמעט װי גאָרנישט פאר דעם יודישען לעזער פּרעזענטירט געװאָרען. דער פועל־יוצא דערפון איז: דאָס פאָלק האָט אורזאַך צו ריידען אזוי שלעכט װי עס רעדט, און װען די יודישע שרייבער שרייבען װי דאָס פאָלק רעדט, מוז, נאַטירליכער װייזע, דער פאָרטשרייטענדער גייסט פון דער יודישע ליטעראטור, בלייבען געבונדען אינצװישען די גרענצען פון א קליינעם רונדען קרייזעל.

די פּאָאר פּראָבען װאָס זיינען געמאַכט געװאָרען אין דעם "פּנקס" ארויסגעגעבען פון ש. ניגער, זעהען אויס אין די אויגען פון א פּאַכמאַן װי א בית־עלמין פון טוידט־געבוירענע קינדער. אויך פון די איינציגע פּראָבען װאָס זיינען געמאַכט געװאָרען ארויסצוגעבען א יודישע ענציקלאָפּעדיע, איז נישט צו זעהען קיין פּאַכמענישע האַנד ביי דער ארבייט. אַלס מוסטער װערט דאָ איבערגעדרוקט איין ארטיקעל, פון דער לעצטע פּראָבע, װאָס איז געמאַכט געװאָרען אין װארשא, אין 1917, און ארויסגעגעבען פון "מאָמענט". אויף רעכטס שטעהט זייערער, און אויף לינקס, דערזעלבער ארטיקעל, איבערגעשריבען אויף אונזער סטיל:—

אַלטערטום

ז׳ אַלטע צייט וו׳, תקופה פון נאָך דער פּאָרהיסטאָרישער צייט ביז׳ן צו־פאַלען פון דער מערב־רוימישער מלוכה 476 ; פון דעם יאָהר הייבט זיך אָן דאָס מיטעלאַלטער. קלאַסיש א., די צייט פון די אַלטע גרעקען און רוימער. א.־װיסענשאַפט רופט מען די

די פּאָהר־היסטאָריש צייט, ביז דעם אונטערגאַנג פון דער װעסט־רוימישע מלוכה (476). מיט דעם סוף פון דעם אַלטערטום הויבט זיך אָן דאָס מיטעל־אַלטער. "קלאַסישעס אַלטערטום": די צייט אין װעלכער עס האָט געבליהט די קולטור פון די אַלטע גריכען און

פאָרשונג און שילדערונג פון דער געשיכטע, שפּראַך און ליטעראַטור, קונסט און וויסענשאַפט, רעליגיע, מלוכה־רעכט, געזעץ און מנהגים פון אַ., בעזונדער פון קלאַסישען אַ. אַלטערטימער אָדער אַנטיקוויטעטען הייסען די איבערגעבליבענע חפצים פון קונסט און אינדוסטריע, אויך די איינריכטונגען אין עפענטליכען און הויזליכען לעבען פון די פעלקער פון אַלטערטום.

„אַלטערטומס־וויסענשאַפט״: שילדערונג פון דעם קולטורעלען לעבען פון די פעלקער אויס יענער צייט. „אַלטערטימער״: די איבערגעבליבענע קונסט־זאַכען פון די פעלקער אויס יענער צייט, פון וועלכע דער גרעסטער טייל געפינט זיך יעצט אין די פערשיעדענע מוזעומס (ז. „געשיכטע״). רוימער.

אין דיעזער אומשרייבונג האָבען מיר ארויסגעלאָזען איינִיגע צייכענס וועלכע געהערען אין א ווערטער־בוך, און אַזעלכע ווערטער וואָס קומען צום בעסערען נוצען אונטער דעם שטיכ־וואָרט „היסטאָריע״. וואו זיי שטעהען, זיינען זיי, בלויז א שטערונג צו דעם בעגריף וואָס דער ארטיקעל זוכט צו שאַפען. מיט אונזער אומשרייבען האָבען מיר זיך געהאַלטען ביים אָריגינאַל, ווייל, דאָ איז נישט דאָס אָרט צו קריטיקירען דעם אינהאַלט נאָר דעם סטיל. מיר האַנדלען דאָ ארום די שפּראַכ־וויסענשאַפט, און די שפּראַכ־וויסענשאַפט האַנדעלט וועגען דעם סטיל.

פערגלייכט מען די אויביגע צוויי ארטיקעל מיטאַנאַנדער, דאַן מערקט מען, אז טראָצדעם וואָס דער אינהאַלט איז בייביידען עגאַל, האָט דער סטיל פון צווייטען דערוויזען צו פּרעזענטירען דעמזעלבען אינהאַלט, אין א קלענערען רוים, און אין א קלאָהרערען פאָרם.

די לאַנגווייליגקייט און איהרע פאָלגען

און דערפאַר ווייל עס איז אזוי וועניג געשאַפען געוואָרען אויף דיעזען געביעט, אין דער יודישע שפּראַך, איז די יודישע ליטעראַטור אזוי מאַט און לאַנגווייליג. בעת לעזער פון פרעמדע שפּראַכען לעזען זייערע קלאַסיקער פיעלע מאָל און פיהלען קיינמאָל גענוג, געפינען מיר זעלטען א יודישען לעזער וועלכער זאָל אדורכלעזען אלע ווערק פון איין יודישען קלאַסיקער, חאָטש איינמאָל. יענער ווערט, לעזענדיג איין ווערק, אויף־גע׳חשקט צו לעזען נאָך א ווערק און, א אונזריגער ווערט איינגעשלאָפען לעזענדיג דאָס איינע. אפילו די יודישע שרייבער זעלבסט לעזען נישט איינער דעם אנדערענס שריפטען, אָפטמאָל אויך נישט זייערע אייגענע, אויב זיי ווילען נישט איינשלאָפען.

אין א צייט ווען אַלעס לויפט און יאָגט איבעראַנאַנדער, ווען די געלאַסענהייט און די געמיטהליכקייט ווערען געשמיסען פון די ראַשענדע כוואַליעס פון הינטען, און די טויבענד ליאַרמענדע קולות פון מאַשינען אויף ביידע זייטען אויערען, מיט די פליהענדע אייזערנע אשמדי׳ס איבער׳ן קאָפּ;

לאָזט די גערולד נישט מעהר לעזען, די לאַנג אויסגעצויגענע ליטעראַטור, וואָס האָט קיין לעהרע און קיין נוצען. לעהרע און נוצען קאָן מען נאָר האָבען פון אַרטיקעל וואָס זיינען געשריבען אין אַ פליעסיגען און פליסיגען סטיל. די געשיכטע פון דער יעצטיגע יודישע ליטעראַטור צייגט, אַז זי געהט לעצטענס אַרונטער און נישט אַרוף. עס ערשיינען אין דיעזע צייטען אימער נייע זשורנאַלען און זיי געהען אונטער ווייל דער סטיל איז דער אַלטער. דער פאַקט וואָס יעדער נייער נומער פערקויפט זיך בעסער אַלס דער לעצטער בעווייזט, אַז דאָס פאָלק זוכט עפּעס אינטעליגענטערעס, נאָר עס קריעגט נישט.

דער בוכהאַנדעל איז היינט טוידט, אָבער די לעזער פילען די טעאַטערע און אַנדערע פערגעניעגעס-פּלעצער. די ציטונגס-לעזער לעזען נישט מעהר ווי די קעפּלעך נייעס, ווייל דער אינהאַלט פון די לאַנגע אַרטיקעל איז זיי שוין לאַנג בעקאַנט. לויט דעם לעצטען צענזוס זיינען דאָ אין דער יונייטעד־סטייטס איבער צוויי מיליאָן יודען וואָס ריידען יודיש, דער בוכהאַנדעל איז טוידט ווייל ער האָט נישט קיין לעבענדיגע סחורה פאַר'ן מאַרק. מען האָט שוין פּרובירט פאָרנאָגראַפיע אָבער עס ריהרט זיך נישט פון אָרט. דער יודישער לעזער האָט איבערגעוואַקסען, די אינטעליגענץ פון זיינע שרייבער, זיין געשמאַק האָט זיך געהויבען און זיינע לעהרער זיינען געפאַלען; זיי האָבען לעצטענס גענומען שרייבען תחינה-לשון, דערפאַר מוזען זיי יעצט זאָגען "מעבור יבוק".

אימפּאָטענץ און אימפּודענץ

און אַזוי לאַנג ווי דיעזע פראַגע — די שפּראַך-וויסענשאַפט — וועט בלייבען פערנאַכלעסיגט מוז אויך די יודישע שפּראַך, און די יודישע ליטעראַטור, בלייבען הפקר. ווער עס האָט קיין קענטניס, אויב ער האָט נאָר חוצפה, קאָן ער לייכט פערנעהמען אַן אויבען-אָן אין אַזאַ הפקר-וועלט. אַזוי איז טאַקי דער פאַל מיט דער יודישע ליטעראַטור ביי דער היינטיגע צייט. לייטע וועלכע האָבען אין קיין אַנדערע שפּראַך אַ צוטריט פערנעהמען דאָ די גאַנצע דעה, ווי זיי וואָלטען זיין די בעלי-בתים פון דער יודישע ליטעראַטור. זיי קריטיקירען מיט אַ פערניכטענדע חוצפה, ווערקע וועלכע זיינען אַנערקאַנט פון פאַכמענער אַלס לויבענס-ווערט. ווערקע וועלכע זיי פערשטעהען נישט, טויגען נישט. אויב אַ ווערק וויל זיין גוט, און קאָן דערפאַר זייער מיטאַרבייטערשאַפט נישט געברויכען, מוז עס פערדאַמט ווערען. קומט אַמאָל אַריין אין דער יודישע ליטעראַטור אַ מאַן מיט קענטניס, בעפאַלט מען איהם מיט שטעקענעס, שטאַט מיט אַ שלום-עליכם. זיי זעהען אין יעדען ניי צוגעקומענעם, אַ קאָנקורענט, אָבער נישט אַ העלפער. זיי ציטערען פאַר זייער אונפערדיענטע גדולה, און איבערהויבט פאַר דאָס וואָס אַזאַ גדולה טראָגט זיי איין. די שפּראַך-וויסענשאַפט איז

פאַר אַ זעלכע נישט ווילקאָמען, אויך דערפאַר, ווייל מען קאָן אָהן איהר, שרייבען לאַנגע אַרטיקעל מיט קליינעם אינהאַלט. דאָס איז לייכטער ווי געהן אויף דער עלטער לערנען סטיל, מיט אַ קרוינדעל אויפ׳ן קאָפּ.

דער פּרינציפּ: "שרייב ווי דאָס פאָלק רעדט", גילט נאָר פאַר אַזעלכע וואָס פערשטעהען נישט בעסער צו שרייבען. דער וואָס קאָן בעסער שרייבען שרייבט אויך נישט ווי דאָס פאָלק רעדט. דאָס פאָלק אַליין וויל אויך ריידען בעסער ווי עס רעדט. ווען עס הערט איינעם ריידען בעסער, ווייסט עס, אַז דיעזער האָט וואָס געלערנט. דערפאַר האָט עס קיין רעספּעקט פאַר אַ שרייבער וואָס שרייבט ווי דאָס פאָלק רעדט. אַ פאָלק קאָן נישט לערנען ביי איינעם וואָס לערנט ביים פאָלק. עס איז נישט דאָ איין פאָלק וואָס צאָהלט אַזוי ווייניג רעספּעקט צו זיין פּרעסע, ווי דאָס יודישע פאָלק. יעדער זעהט דאָס און יעדער בעטראַכט דאָס אַלס אַ רעטעניש. "שרייב ווי דאָס פאָלק רעדט" איז דער פּיתרון צו דיעזען רעטעניש.

קיין שפּראַך שרייבט זיך ווי דאָס פאָלק רעדט, יודיש אויך נישט. דאָס איז איינפאַך אונלאָגיש ווייל, קיין פאָלק האָט אַן איינהייט אין זיין ריידע. די פערשיעדענהייטען קומען נישט נאָר פון די פּראָווינצען אַליין, זיי קומען אויך פון די פערשיעדענע קלאַסען אין יעדער שטאָדט, אָדער פּראָווינץ. פון דעם אונגעבילדעטען ביז דעם העכסט געבילדעטען, זיינען דאָ פיעלע שטופען. לויט דעם סטיל פון זיינען רייד, מעסט מען דעם שטאַנד פון זיין בילדונג. ווען איינער זאָגט "בוריעך" און דער אַנ־דערער זאָגט "באָרוך" וועט דער העברעער דערפאַר נישט שרייבען אַנדערש ווי "ברוך". ווען דער נויאָרקער זאָגט "גוירל" און דער באָס־טאָנער "גערל", וועלען זיי ביידע שרייבען Girl דערזעלבער דייטש וואָס זאָגט "אַ יוטע יעבראַטענע יאַנץ" וועט שרייבען: "איינע גוטע געבראַטענע גאַנץ". אפילו דער האַלב-געבילדעטער יוד שרייבט אויך נישט "עך", אָדער "יאָך", אָדער "איש", נאָר "איך". דאָס ווייזט אַז וויפיעל אָדער ווי ווייניג אַ יוד קאָן, שרייבט ער נישט מעהר ווי דאָס פאָלק רעדט. ער שרייבט נאָר ווי דאָס פאָלק רעדט, דאָרט וואו ער קאָן נישט שרייבען בעסער.

עס איז אמת אַז דער גאַסענ-אַרטיגער סטיל האָט אויך זיין פּלאַץ אין דער ליטעראַטור; אַבער, זיין רשות איז בלויז אַ לאָקאַלער, און זיין צייט האָט אַ פּעריאָדישע גרענעץ. איהם געברויכען איבער דיעזע גרענצען איז מעשה-עם-הארץ. מענדעלע׳ס סטיל געברויכען פאַר וויסענשאַפט איז אַ ביישפּיעל פון עם-הארצות וואָס ווערט געטריבען פון די היינטיגע שרייבער אין דער יודישע ליטעראַטור. זיי בעגרייפען נישט דעם אונטער־שיעד צווישען דער אַטמאָספערע פון אַ קלויז אין איישעשאָק צו דער פון אַן אַקאַדעמיע אין בערלין. זיי וואָלטען לאַכען פון אַ דאָרפסמאַן וואָס

וואָלט פּרובירען עסען יוך מיט אַ גאָפּעל, אָבער זיי זעהען נישט די די עגאָליטעט פון זייער טהאַט צו די פון יענעם דאָרפסמאַן.

בטלנות׳שע פילאָלאָגיע

און ווייל זיי פערשטעהען נישט ווי אַזוי צו פערבעסערען זייער סטיל, פעפערען זיי זייער שרייבעכץ מיט אַזעלכע הויכע העברעישע ווערטער אַז אפילו אַ למדן מוז זיי זוכען אין אַ העברעישען ווערטער-בוך. דאָס קאָמישע דערביי איז, אַז ווען דער לעזער געפינט שוין וואָס ער האָט געזוכט, זעהט ער דעמאָלט, אַז דאָס יודישע וואָרט וואָס געפינט זיך אינטער דעם העברעישען איז איהם מעהר בעקאַנט אַלס דאָס העברעישע. טאָמער איז נאָך דערזעלבער אַ יודע-ספר זעהט ער צוגלייך, אַז דער יודישער שרייבער האָט געברויכט דאָס העברעישע וואָרט אין דער יודישע שפּראַך, ווי אַן עם-הארץ. אַט למשל:—

״מלוכה-מאַן״: די אויבענדערמאָנטע ענציקלאָפּעדיע (פון 90 זייטען) געברויכט דיעזעס נייע בעשעפעניש, פאַר דעם וואָרט ״שטאַאַטס-מאַן״. יעדער יוד וואָס ווייסט נישט וואָס שטאַאַטס-מאַן מיינט, דער וועט דאָס וואָרט מלוכה-מאַן נאָך וועניגער פערשטעהן. דאָן איז דער אויסדרוק אַ זעהר שלעכטער אויסטויש פאַר דעם וואָרט ״שטאַאַטס-מאַן״. ווייל, שטאַאַטס-מאַן מיינט אַ פּאָליטיקער אָדער אַ דיפּלאָמאַט, וועהרענד אַ מלוכה-מאַן מיינט: אַ יעדער בעאַמטער פון דער מלוכה, פון אַ פּאָליציי-מאַן ביז דעם קעניג אָדער פּרעזידענט. נאָכמעהר. אַ שטאַאַטס-מאַן קאָן אויך זיין איינער וואָס האָט קיין אמט, איינער וואָס גיט זיך אָן מיט דעם שטודיום פון פראַגען וואָס האָבען צו טהון מיט דעם שטאַאַט, וועהרענד אַ ״מלוכה-מאַן״ קאָן מיינען בלויז: איינער וואָס האָט אַן אמט אין שטאַאַט. דאַן איז דער אויסדרוק אַליין, אַן-און-פאַרזיך, אונעסטעטיש און אויך בטלניש. עהנליך איז אויך דער אויסדרוק ״סאָציאַליסטישע תקופה״. ״תקופה״ מיינט: צייט-ווענדונג אָדער איבערגאַנגס-צייט. איינער וואָס ווייסט וואָס תקופה מיינט ווייסט אויך וואָס איבערגאַנגס-צייט מיינט, אָבער, נישט אַלע וואָס ווייסען וואָס איבערגאַנגס-צייט מיינט, ווייסען די מיינונג פון דעם וואָרט תקופה. אונעסטעטיש איז אויך דיעזער אויסדרוק דערפאַר; ווייל, דער סאָציאַליזמוס וואָס אונטערגראָבט יעדע היילִיגקייט פון דער רעליגיאָן האָט קיין רעכט זיך צו ציערען מיט די פעדערען פון אַ שפּראַך וועלכערס היילִיגקייט איז דורכאויס רעליגיעז. ״חלטות״ איז נאָך אַזאַ אונגעלונגענער אויסדרוק ווי דער אויביגער. דיעזער האָט דריי בעדייטונגען און דער יודישער לעזער קאָן זיי אַלע דריי. דער ערשטער איז: ״בעשטימונג״; דער צווייטער: ״ענטשלוס״; דער דריטער: ״ענטשיידונג״. אויף ווי ווייט דיעזע דריי אונטערשיידען זיך, קאָן מען זעהען פון דעם זאַץ:— אַן ענטשלוס צו בעשטימען אַן ענטשיידונג.

אזעלכע, און הונדערטע עהנליכע נארישע שוועריגקייטען ווערען דעם שוויינענדען יודישען לעזער אריינגעשטאפט צווישען די צייַלען און בלעטער וואו מען הייסט איהם זוכען וויסענשאפט. אויף דעם פאדער־בלאט זעהט דער עלענדער דאס ווארט וויסענשאפט, און ווען ער קוקט אריין אינ־ווענדיג, געפינט ער: חלטות, תקופות, מלוכה־מאן, בקיאות, פלאנעטיזעמאלע השערות, יבשה־קול, סדר׳דיקע־האמאלאגיע, בראשית׳דיקע אפקילונג פון דעם ערד־קול, א.ז.וו., א.ז.וו. טאמער איז נאך דער ארימער לעזער נישט איינגעשלאפען, הייסט מען איהם נאך כופל׳ן לארד קעלווינס ציפערן; און אז ער קומט צו ענדע פון בוך, אדער צו ענדע פון זיין גדולה, בלייבט ער ביי א צודולטען קאפ, און אן אייז־קאלטע מיסאכטונג צו דער וויסענשאפט. דאס ערגסטע דערפון איז, וואס ער שעהמט זיך דעמאלט אויסצוזאגען אז ער פערשטעהט נישט, ווייל ער מיינט, אז וויסענשאפט מוז אזוי געשריבען ווערען, און נישט אנדערש.

צו אלע אזעלכע צרות האלטען זיך דיעזע סארט שרייבער אויך פאר פילאלאגען און זיי מאכען נייע ווערטער. זיי ווילען נישט צוגעבען אז די יודישע שפראך איז א דייטשער דיאלעקט, און בכדי דאס צו בעווייזען, צודרעהען זיי די דייטשע ווערטער וואס דאס פאלק פערשטעהט, און רופען זיי צודרעהטערהייט, יודיש. אט למשל: אומאפהענגיקייט, באארבייט, באפרוכפערן, נעפעל, נעבעלקייטען, פלאנעטעס, טאנקעס, אדער נעבולעס. טאמער וואלטען זיי שרייבען (ווי מען האט געשריבען ביז יעצט) : אונאבהענגיגקייט, בעארבייטעט, בעפרוכטעט, נעבעל־פלעקען, פלאנעטען, אדער נעבעל, וואלט דאך דאס—גאט זאל שומר ומציל זיין— הייסען דייטש; (אדער ווי זיי רופען עס: "דייטשמעריש"), און דער יודישער לעזער וואלט נאך חלילה פערשטאנען וואס ער לעזט. האט מען פאר איהם אויסגעשפרייט "נעבולעס", און זיך בעהאלטען אין "טאנקעס", בכדי דער לעזער זאל נישט זעהען, אז מען ווייסט נישט וואס מען שרייבט.

וויוויים עס פיהלט זיך נויט פאר דער שפראכ־וויסענשאפט, קאן מען זעהען פון דעם פאקט: אז ווי נאר זיי דערזעהען אז די וויסענשאפט פאדערט מעהר ווערטער ווי זיי קענען צודרעהען, לעגען זיי שוין אוועק אלע זייערע איינווענדונגען געגען דייטש, און זיי נעהמען שרייבען עכט־דייטש צווישען די הויכע העברעישע, און דייטש פעריודישטע ווערטער. מען בעגעגענט צווישען די אויבען־דערמאנטע שברי־כלים אויך אזעלכע ווי: קאלעקטיווע־פארמען, ערקענטנים־טעאריען, אביעקטיוויטעט, עמפירי־שער שטאנד־פונקט, סינטעטישער מאניזמוס, קאלעקטיוויסטישער פראדוק־ציאנס־פארם א.ז.וו. וועלכע זיינען אן־ און פארזיך נישט אויסער דעם וועג, נאר, אין דער קאמבינאציע מיט יענע שברי־כלים, זיינען זיי א דעמאנס־טראציע פון אונוויסען אין דער שפראכ־וויסענשאפט. מיט אזא אונוויסען

קאָן מען נישט שאַפֿן אַ לעבעדיגע ליטעראַטור.

א פּאָאָר ווערטער וועגען סטיל.

דער לעזער וואָס עפֿענט אויף אַ ווערק, זוכט ער דאַרין, ענטוועדער זיך צו אַמוזירען, אָדער דערפון עפּעס צו לערנען. פאַר דיעזען צוועק, מוז דער סטיל פון דער שפּראַך זיין, אונטערהאַלטענד, און בעלעהרענד. סטיל מיינט: קלאַהרהייט אין דעם אויסדרוק פון דעם אַקטיוועט שכל. דאָס לאָזט זיך נאָר שאַפֿן, דורך פּאַסענדע ווערטער, לויט דעם געדאַנקען־גאַנג פון דעם שכל. אַ יעדעס וואָרט מוז אויסדריקען דעם בעגריף, פאַר וועלכען עס איז אַדאַפּטירט. דער זאַץ מוז, דורך דער צאַהל פון זיינע ווערטער, טריי רעפּרעזענטירען, די צאַהל פון בעגריפע וואָס שטעלען צוזאַמען די אידעע, אָדער אַ טייל פון דער אידעע. פון איין זייט צווינגט דער סטיל דעם לעזער צו פערשטעהן וואָס דער שרייבער וויל, און אויף דער אַנדערע זייט, ווייזט ער דעם שרייבער זעלבסט, אויב ער ווייסט וואָס ער וויל. דער סטיליסט געדענקט אימער, אַז עס איז איהם גרינגער צו לעזען זיין שריפט אַלס די פון אַ פרעמדען. דערפאַר, אויב זיין בע־וואוסטזיין איז קלאַהר (ד.ה. אויב ער ווייסט וואָס ער וויל), וועט ער אַכטונג געבען, אַז זיין סטיל זאָל זיין קלאַהר, אויך פאַר זיינע לעזער. מיט אַזאַ סטיל ציהט מען די סימפּאַטיע פון דעם לעזער צום ווערק. מיט איהם וואַקסט דער חשק ביי יעדער צייל, צו לעזען די ווייטער פאָלגענדע צייל. מיעד ווערען קאָן מען נאָר ביי אַ סטיל וואָס האָט נישט אָט דיעזע מעלות. אַזאַ סטיל קריגען אָהן די מינדעסטע קענטנים פון דער שפּראַכ־וויסענשאַפט, איז אַבסאָלוט אונמעגליך.

פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגיש ווערט נאָכגעוויזען, אַז גראַד ווי ביים שטאַמלער עס איז פאַראַן אַ פיזיאָלאָגישער פעהלער, וואָס שטערט די געלופיגקייט פון זיין ריידען, אַזוי איז אויך ביים אונקלאַהרען שרייבער פאַראַן אַ פעהלער אין זיין אינטעלעקט, וואָס שטערט איהם אין דער קלאַהרהייט פון זיין שרייבען. מעג דיעזער פעהלער קומען פון אונגענייגענדע קענטנים איבער דעם טהעמאַ וואָס ער שרייבט, אָדער דורך אַ פערשוואַכטען זכרון, דער פאַקט בלייבט, אַז די אונקלאַהרהייט פון זיין סטיל, צייגט אַ פעהלער אין זיין אינטעליגענץ. דער פעהלער איז: די אונקלאַהרהייט פון זיין בעוואוסטזיין. זיין ענערגיע איז צו שוואַך צו קענען צאַהלען די נייטיגע אויפמערקזאַמקייט וואָס דער סטיל פאָדערט ביים שרייבען. דערפאַר מאַכט עס איהם נישט אויס, אויב זיין שרייבען איז פערשטענדליך, אָדער נישט. ביי דעם שפּראַכ־וויסענשאַפטליכען איז דער געדאַנקען־גאַנג מעטאָדיש אויסגעאַרבייט, און דער סטיל, מוז שוין נאַטירליכער ווייזע, ביי אַזאַ איינעם זיין, אַ פערשטענדליכער.

די שפּראַך־וויסענשאַפט בעטראַכט די שפּראַך אַלס אַ קונסט־ווערק, דערפאַר פאָדערט עס זיך אַז דער סטיל זאָל זיין קינסטליך געפאָרמירט. די שפּראַך וואָס דאָס פאָלק רעדט אָהן חכמות מוז פון דעם סטיליסט גערייניגט און פּאָלירט ווערען. דאָס פאָלק רעדט מעהר ווי עס דענקט; ד.ה. אַ גרויסער טייל פון זיינע רייד זיינען געדאַנקענלאָז, אָדער אונזיניג; די קונסט פון דעם סטיליסט איז, אויסצומיידען דאָס געדאַנקענלאָזע, און דאָס אונזיניגע ביי זיין אַבהאַנדלונג. דער סטיליסט וועט אויך קלאַסי־פּיצירען די אויסדריקע, און זאָרגען זיי זאָלען זיך פּאַסען אין זייער אָרט און צייט. ער וועט נישט ריידען וועגען אַ בטלן מיט אַן אינטעלי־גענטען טאָן, און וועגען אַן אינטעליגענטען מיט אַ בטלנישען. ווען ער רעדט וועגען אַ דיספּוט אין פּאַרלאַמענט וועט ער געברויכען דאָס וואָרט "אָפּאָנענטען", און וועגען אַ וויכוח אין בית־המדרש וועט ער די אָפּאָנענ־טען רופען "מתנגדים". ווען ער וועט ריידען אַרום ששת ימי בראשית וועט ער זאָגען "בראשית", און וועגען עוואָלוציע וועט ער זאָגען: "אורשפּרונג". און ווען איהר בעגעגענד "בראשית'דיג" אָדער "כסדר'דיג" אין אַ דאַרוויניסטישען ווערק אין יודיש, האָט איהר אייך בעגעגענד מיט אַ ווערק פון אַן עם־הארץ, מעג ער טראָגען דעם טיטעל דאָקטאָר אָדער אַ רב.

אַ סטיליסט וואָס האָט געלערנט די שפּראַך־וויסענשאַפט ווייסט אַז, דער קלאַס לעזער וואָס נעהמט שוין אַ וויסענשאַפטליך ווערק אין האַנד, איז מעהר קיין בטלן. ד.ה. אַז אַזאַ לעזער איז שוין בעקאַנט מיט אַזעלכע ווערטער ווי: "אורשפּרונג" אָדער "ענטוויקלונג". ריידען מיט אַזעלכע ווערטער ווי: "בראשית'דיג" אָדער "כסדר'דיג" הייסט ווי, האַלטען אַן אינטעליגענטען לעזער פאַר אַ בטלן. דער סטיל פאָדערט אַז, יעדע העברעאי־שע פראַגע זאָל בעהאַנדעלט ווערען מיט אַ פיינערען סטיל. שאָפּענהויער זאָגט: "די קוואַליטעט פון דעם געדאַנקען מוז זיך אויסדרוקען אין דער קוואַליטעט פון דער שפּראַך". עס איז דאַרום לאָגיש, ביי אַ וויסענשאַפטליכע פראַגע, דעם לעזער בעקאַנט צו מאַכען מיט דער בעדייטונג פון אַזעלכע ווערטער ווי "ענטוויקלונג" און "אורשפּרונג", אויב ער ווייסט זיי נאָכנישט. איבער־הויבט וויל, אין דער וויסענשאַפט קומט אויך פאָהר, צו געברויכען אַזעלכע ווערטער אין זייערע פערשיעדענע פאָרמען, ווי מען קאָן זיי נישט נאָכטהון אין העברעאישען אַשטייגער ווי: ענטוויקלען, ענטוויקלונג, ענטוויקעלטע, ענטוויקעלבאַרע, אונענטוויקעלט, אונענטוויקעלטע, א.ז.וו., אָדער: אורשפּרונג אורשפּרינגליך, אורשפּרינגליכע א.ז.וו.

מעלאָדיע אין דער שפּראַך

די רייכע פאַנטאַזיע האָט נייטיג פאַר איהר אויסדרוק, נישט נאָר די שפּראַך אַליין, זי האָט נייטיג אויך די מעלאָדיע אין בעגלייט מיט דער

ריידע. די וועקסלענדע טענער וואָס ווערען געברויכט ביים טעגליכען ריידען בילדען אַ מעלאָדיע פאַר זיך, נאָר אין בעגלייט פון דער שפּראַך ווערען זיי אַ טייל פון דער שפּראַך. דאָס ריידען אין איין טאָן ערמיעדעט דעם ריידנער און די הערער ווייל, די שפּראַך אַליין איז אַ מעכאַנישעס ווערק. די מעלאָדיע גיט איהר די פיזישע עפעקטען וואָס מאַכען דאָס ריידען און דאָס הערען אַנגענעהם. אַ שעהנע ריידע רופט מען: אַ "רעסיטאַציע" = שפּראַכ-געזאַנג.

ביים שרייבען זוכט מען אויך די מעלאָדיע מיט דער שפּראַך צו קאַפּירען. דערפאַר האָבען מיר די פערשיעדענע פונקטואַציעס. דאָס (,) איז די קליינסטע פּויזע, דאָס (;) איז אַ גרעסערע, דער (.) איז אַ קאָמ-פּלעטער אָבשטעל. אַ פערשטומטער קלאַנג ווערט בעצייכענט מיט דעם (').
און אַנהאַלטענדער קלאַנג מיט דעם (-). דאַן קומען דער אויסגעשריי (!) מיט דעם פראַגע-טאָן (?). אַלע דיעזע טאָנ-אַרטען זיינען אָבער נאָר מעגליך צו ענדע פון וואָרט אָדער פון זאַץ. מען מוז אויך האָבען טאָנ-צייכען אינמיטען די ווערטער, צווישען די בוכשטאַבען; ווייל, ביים ריידען זינגט מען זיך אונטער אויף יעדען בוכשטאַב, און די שפּראַכ-וויסענשאַפט האָט געפינען אויך דערצו אַ מיטעל.

די גראַמאַטיק לערנט אונז אויסצוקלינגען די וואָקאַלען אַ, אָ, י, ע, קורץ; און צו פערלענגערען דעם וואָקאַל-טאָן דורך דאָס פערדאָפּלען פון דעם וואָקאַל. אַשטייגער: זעל- זעעל, מער- מעער, אַל- אַאַל, מאָס- מאָאָס. ווייל אין אונזער יודיש איז (פעהלערהאַפט) אַנגענומען געוואָרען אַ דאָפּעל יי פאַר דעם קלאַנג "אי" אָדער "עי" קאָנען מיר שוין דערפאַר נישט מעהר פערדאָפּלען דעם "י" צו פערלענגערען דעם קלאַנג אי. ס'בלייבט אונז דער איינציגער מיטעל, דיעזען פעהלער צו ערזעצען, דור די צופיגונג פון דעם וואָקאַל "ע" צו דעם "י", ווי די דייטשען און די ענגלענדער טהון. און מיר שרייבען דארום "דיען" ווען דאָס וואָרט "דין" מיינט עפּעס אַנדערש, "שפּיעלען" ווען מען מיינט נישט "שפּילן", "ציעל" ווען מען מיינט נישט "ציל". דער "ה" זייענדיג דער שוואַכסטער וואָקאַל, ווערט געברויכט דאָרט וואו מען וויל דער קלאַנג זאָל זיין ווענינער ווי דאָפּעלט, (אַנדערהאַלבען), אַשטייגער ווי "מעהר" צו אונטערשיידען פון "מעער", "פיהלען" צו אונטערשיידען פון "פילען", "אַהמען" פון "אָמען" א.ז.וו. פאַר עמאָציאָנאַלע און פאַטהעטישע אויסדריקע, דיענען די דאָפּעל-קאָנ-סאָנאַנטען. אַשטייגער ווי ביי: גאָטט, אַללעס, שרעקק, קומם.

דער אינטעליגענטער ריידנער וועט אין זיין ריידע בעטאָנען דעם דאָפּעל-בוכשטאַב, דעם סעמי-דאָפּעל, ווי אויך דעם אַנדערהאַלביגען וואָקאַל בכדי זיינע הערער זאָלען איהם בעסער פערשטעהן; און דער אינטעליגענטער

שרייבער וועט שרייבען לויט דיעזע אָרטאָגראַפיע אויב ער וויל אויסמיידען פיעלע מיספערשטענדניסע.

די אונגליקליכע קאָמיסיעס

די צוויי קאָמיסיעס וואָס זיינען געזעצט געוואָרען אין ווילנא און אין נויאָרק, אויסצואַרבייטען כּללים פאַר אַן איינהייט אין דער יודישע אָר־טאָגראַפיע, האָבען בעוויזען דורך דאָס רעזולטהאַט פון זייער אַרבייט, אַז זיי האָבען נישט געהאַט דעם מינדעסטען רעספּעקט פאַר דער שפּראַכ־וויסענשאַפט. זיי האָבען נישט פערשטאַנען אַז אַ שפּראַך מוז געבויט ווערען אויף אַ פּסיכאָלאָגישען באַזיס. זיי האָבען נישט פערשטאַנען דעם ווערטה פון דעם "ה" אין דער אָרטאָגראַפיע און האָבען איהם אַרויס־געשמיסען. לויט דיעזען כּלל מוז מען אויפהערען "פיהלען" נאָר "פילען", מען מוז אויפהערען קעמפען מיט "טהאַטען" נאָר מיט'ן "טאַטען", מען טאָר נישט זאָגען: "צאָהל" מיר פאַר אַ "צאָל" סחורה נאָר "צאָל" מיר פאַר אַ "צאָל", נישט "צעהלען" די "צאָהל" פון די (פלאַנצענ־) "צעלען" נאָר "צעלען די "צאָל" פון "צעלען", וכדומה. זיי האָבען אַרויסגע־שמיסען דאָס "ע" נאָך אַ "י" און פאַר אַ "ן"; דערפאַר דאַרפען מיר אויפהערען "שפּיעלען די פיעדעל, נאָר "שפּילן" די הויזען (במחילה!). "בעשיעסען" אַ פעסטונג?—ניין, "בעשיסן". ווערפט מען אַרויס דאָס "ע" מיט דעם "ה" האָבען מיר אַנשטאַט אַ "בליהענדע" יוגענד אַ "בלינדע" יוגענד. טויזענדע אַנדערע לעכערליכקייטען קאָנען געבויט ווערען אויף די אונקאָמפּעטענץ פון דיעזע קאָמיסיעס און מיט דיעזע אונקאָמפּעטענץ קריטיקירט מען אונזער ווערק. געבילדעטע געהען פאָרוועַרטס אויף דער גראַדע ליניע, און א י י נ ג ע ב י ל ד ע ט ע, אויף דער ליניע פון אַ רונדען צירקעל. נאָך פאָרטשרייטען פיעלע יאָהרען האָבען זיך אונזערע "פּראָגרע־סיווע" שרייבער אָבגעשטעלט אויף דעם קבר פון שרה בת־טובים, און גענומען שרייבען סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אין דעם תּחינה־לשון פון פון יענער צדקת ז"ל.

די רעדאַקציע

אַכטונג!

בעת דער אַרטיקעל "אוקראַינאַ" איז געדרוקט געוואָרען איז אָדעם געוועזען אין די הענד פון די אַליערטע מעכטע. די אַבזיכט איז דעמאָלט געוועזען צו מאַכען דיעזע שטאָדט פאַר אַ נייטראַלען האַנדעלס-פּאָרט אונטער דעם שוץ פון די אַליערטע. די ענדערונג וואָס האָט זייט דעמאָלט שטאַטגעפינדען, האָט פעראורזאַכט אייניגע קליינע פעהלער אין דעם געאָגראַפישען טייל פון דיעזען אַרטיקעל.

אונבעגרייפליכקייט (פילאָז.) "עס זיינען פאַראַן מעהר זאַכען אַלס דער מענשליכער שכל קאָן בעגרייפען" (קאַנט). "זיי זיינען פאַראַן אזויפיעל אַז מיר זיינען איינפאַך פערזונקען אין דעם גרויסען ים פון די אונבעגרייפליכקייטען" (שאָפּענהויער).

אונבעגרינדליך, אַלעס וואָס עס לאָזט זיך ניט בעשטימען איז אונבעגרינדליך. דאָס האָט ניט צו טהון מיט דער פּערזעהנליכע בעקאַנטשאַפט אָדער אונבעקאנטשאַפט פון דער זאַך, נאָר מיט דער זאַך אָדער אידעע גופא. צום ביישפּיעל: אַ חשק צו עפּעס וואָס איז אונמעגליך, אַ בעהויפּטונג אָהן גרינדע אָדער, אַן אונבעווייזבאַרע בעהויבטונג. (ז. "אונענדליכקייט", "מעטאַפיזיק").

אונבעדינגט, נאָמען פון אַ ראַדיקאַלע גרופּע אין דייטשלאַנד וועלכע האָט אַדאָפּטירט אַ פּרינציפּ צו טהון, אָדער אויספיהרען וואָס דאָס אינדיווידום דענקט פאַר לאָגיש אָדער רעכט, אָהן ריקזיכט אויף די עקזיסטירענדע מיינונג אָדער געזעץ. דער גרינדער פון די "אונבעדינגטע" איז געוועזען קאַרל פּאָלענס פון גיעסען, אין יאָהר 1818. קאַרל לודוויג סאַנד, דער וואָס האָט גע'הרג'ט קאָטצעבו, איז געוועזען איינער פון דיעזע גרופּע.

אונבעוואוסטזיין =אָהן בעוואוסטזיין. נישט וויסען, נישט טראַכטען, נישט דענקען. דאָס געגענטייל פון בעוואוסטזיין (ז.ד.). אויך די לאַגע פון אַ מענשען ווען ער האָט פערלוירען זיין בעוואוסטזיין אויס פּסיכאָלאָגישע אָדער פיזיאָלאָגישע אורזאַכען. אונטער דעם רשות פון דיעזען וואָרט קומען זאַכען וועלכע קע:ען קיינמאַל קומען צום מענשליכען בעוואוסטזיין, זאַכען וואָס קענען יאָ נאָר זיינען נאָכנישט געקומען צום בעוואוסטזיין, און זאַכען וועלכע זיינען פּערגעסען געוואָרען אינמיטען פון בעוואוסטזיין. דאָס אונבעוואוסטזיין קאָן עקזיסטירען צוזאַמען מיט דעם בעוואוסטזיין. אַ ריידנער קאָן אָנהויבען זיין ריידע בעת ער ליידעט פון נעוראַלזשיע, ער וועט אינמיטען פון זיין ריידע פערגעסען אָן זיינע שמערצען, ער וועט זיי אַבער דערפיהלען זאָפאָרט ווי ער האָט נאָר אויפגעהערט צו ריידען. פאַר אַזעלכע פעלע איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען די אַרטיקעל "היפּנאָטיזם", "חלום", "סאָמנאַבוליזם", "פאַנטאַזיע", און "שלאָף".

קלאַסען פון אונבעוואוסטזיין.

אין אלגעמיין ווערט דאָס אונבעוואוסטזיין געטיילט אין צוויי קלאַסען: 1) דאָס ניט

בעוואוסטע, ד.ה. דאָס וואָס קען מיט דער צייט בעוואוסט ווערען און דאָס אַבזאָלוטע אונבעוואוסטזיין, ד.ה. דאָס וואָס עס וועט קיינמאָל קומען צום בעוואוסטזיין. דאָס לעצטע בעגרינדעט זיך אויף דעם פאַקט דאָס די מענשליכע בעגריפע זיינען בעגרענעצט אויף בלויז 5 חושים און דאָס עס זיינען דאָ פיעלע זאַכען מעהר אַלס די 5 חושים קענען בעגרייפען. די אַהנונג זאָגט דאָס דורך א געהיימע שפּראַך און די פיעלע אונערקלעהרליכע וואונדער אונטערשטיצען דיעזען אַהנונגען.

עס עקזיסטירט אַ שטרייט צווישען די פילאָזאָפען אויב דאָס בעוואוסטזיין ענטשטעהט אויס דעם אונבעוואוסטזיין אָדער פערקעהרט. דעקאַרט זאָגט אַז די נשמה דענקט שטענדיג און לאָקע זאָגט פערקעהרט. אויב דעקאַרט איז גערעכט דאַן ענטשטעהט דאָס אונבעוואוסטזיין אויס דעם בעוואוסטזיין. נאָר, אויב בעוואוסטזיין מיינט: אַ בעשטימטע אַרט פון דענקען, דאַן מוז אַלעס וואָס מיר דענקען אונסיסטעמאַטיש הייסען אונבעוואוסטזיין און לאָקע בלייבט גערעכט. איבערהויבט ווייל, עס נעהמט אַ געוויסע צייט צו דענקען איידער עטוואָס קען בעגריפען ווערען, ד.ה. איידער דער דענקענדער געהט איבער פון בעוואוסטלאָזען צום בעוואוסטזיניגען צושטאַנד. נאָך שאַרפער ווערט דיעזע בעהויפּטונג ווען מען עראינערט זיך אַז דאָס בעוואוסטזיין איז בעגרענעצט און דאָס אונבעוואוסטזיין ניט. טרוימערייען, וואַכענדע פאַרשטעלונגען, טעאָריען און איינבילדונגען זיינען אין דעם אונבעוואוסטזיין דאָס וואָס נעבלען זיינען אין דעם קאָסמישען לעבען אויס וועלכע עס ענטשטעהען וועלטען.

איז דער אונטערשיעד צווישען "בעוואוסטזיין" איז דעם 'אונבעוואוסטזיין" קאָנטראַדיקטאָריש אָדער שטופען־אַרטיג? — האַרטמאַן געפינט איהם קאָנטראַדיקטאָריש אבער ניט ביז דעם עקסטריעם פון נעגאַטיוויטעט ד.ה. אַז דאָס "אונבעוואוסטזיין" איז אויך אַן אַרט "בעוואוסטזיין" נאָר פון שוואַכסטען כאַראַקטער אויס וועלכען עס ערשיינט קיין קלאָהרהייט. לויט זיין אייגענע שפּראַך: "דאָס לאָגישע און דאָס אַנטי־לאָגישע". דו־פּרעל זאָגט אַז, דאָס בעוואוסטזיין איז ניט די נשמה נאָר א צושטאַנד פון דער נשמה, עס איז ניט אַ קראַפט נאָר א בעגלייטונג צום אונבעוואוסטזיין; אַלזאָ ניט קאָנטראַדיקטאָריש. קאַנט דריקט זיך אויס אין זיין אַנטראָפּאָג. פּאַר. 5); צו האָבען פאָרשטעלונגען אָהן בעוואוסטזיין איז אַ ווידערשפּרוך ווייל, ווי אזוי ווייסט מען אַז מען האָט עפּעס אָהן עס צו וויסען?. אַזאַ פאָרשטעלונג הייסט, אַ דונקלעס בעוואוסטזיין. (ז. "אַגנאָסטיציזמוס", "חלום" און "לאָגיק".)

אונבעוואוסטע עמפּפינדונגען : העקעל אין זיין "לעבענס־וואונדער" זאָגט: אונזער אייגענע עמפּפינדונגען איבערצייגען אונז אַז "בעוואוסטזיין" און "אונבעוואוסטזיין" זיינען צוויי פערשיעדענע פיזיאָלאָגישע טהעטיגקייטען. זיי זיינען פאר קיין פאַל צוזאַמענגעקניפּט. ווען מיר לערנען אַ קונסט האָבען מיר נויטיג טעגליך צו לערנען און פּראַקטיצירען איידער מיר קענען דאָס גוט (בעוואוסטזיין). וואָס מעהר מיר לערנען דאָס, און וואָס מעהר מיר איבען זיך דאַרין דאָס קלאָהרער ווערט ביי אונז דער בעוואוסטזיין. די איינצעלנע עמפּפינדונגען וועלכע מיר האָבען געהאַט איידער מיר זיינען פאָלקאָמען געוואָרען אין דער קונסט זיינען ביי אונז, אויף דעם וועג, מיט דער צייט פערלוירען־געגאַנגען. זיי האָבען זיך אלזאָ ניט פערקערפערט אין דעם בעוואוסטזיין נאָר זיי זיינען אַרויסגעפאַלען.

אונבעוואוסטזיין (פיזיאָלאָגיש), אַ סאָרט חלשות. פיעלע קראַנקהייטען שטערען דאָס בעוואוסטזיין. מען קלאַסיפיצירט זיי אין דריי גראַדען: מאָמענטאַנע, כראָנישע, און טאָטאַלע. עפילעפּסיע, שלאָף, אַ וואונד אין געהירן, שכרות, מעדעצין, און שלאָף־געטרענקע ברענגען דעם מענשען אין אונבעוואוסט־זיניגען צושטאנד אַריין, דורך די אבשוואַכונג פון געהירן. דאָס שוואַך ווערען פון זכרון איז דער אָנהויב פון אונבעוואוסטזיין. מעדיצין איז דער גרעסטער שולדיגער אין דיעזער הינזיכט. דער נעכסטער איז די איבערטרייבונג פון סעקסועלען לעבען. מורא, אַנגסט, כעס, זיינען די נעקסטע שטופען פון אונבעוואוסטזיין. עפילעפּסיע, קאָנוואולסיע און היסטעריע, די צווייטע. אָרגאַנישע פערקראַנקונג פון געהירן אָדער פון הערץ זיינען די העכסטע. (פאר וויטערע ערקלעהרונג וועגען דעם ז. יעדעס וואָרט אין זיין סדר.)

אונבעפלעקטע־עמפּענגנים, אַ שטרייט פראַגע צווישען די קריסטליכע טעאָלאָגען און ביאָלאָגען: אויב עס איז מעגליך פאַר אַ נקבה שוואַנגער צו ווערען אָהן די הילף פון אַ מאַנספּערזאָהן, אָדער ניט. העקעל אין זיין "לעבענס־וואונדער" זאָגט אז ביי פערשיעדענע גרופּען פון חיות ("היסטאָנען") איז דאָס מעגליכע גליעד מיט דער צייט איבריג געוואָרען ווייל די מיטערלעך געבעירען זייערע יונגע אָהן די הילפע פון די זכרים. דאָסזעלבע פּאַסירט אויך ביי די פלאַט־טיערע (טערעמאַטאָדען). דער ביאָלאָג זייבאָלד האָט בעקאַנט געמאַכט דאָס לויט זיינע בעאָבאַכטונגע ווערען ביענען געבוירען אוים אייער וועלכע זיינען יאָ בעפרוכטעט געוואָרען פון ספּערמאַ־צעלען און פיעלע פון אַזעלכע וועלכע זיינען ניט בעפרוכטעט געוואָרען פון די ספּערמאַ־צעלען. אַלס ער האָט דאָס בעקאַנט געמאַכט, איז צו איהם געקומען דער קאַטוילישער בישאָף פון מינכען און האָט איהם די האַנד געדרוקט, זאָגענדיג: "נון יעצט וועט שוין וויסענשאַפטליך בעוויזען ווערען אַז מרים האָט געקאָנט שוואַנגער ווערען אָהן די הילף פון א מאַנספּערזאָהן". דאַרויף האָט איהם דער ביאָלאָג מיט בעדויערען געענטפערט — "דאָס קאָן נאָר פּאַסירען ביי אינזעקטען, אָבער ניט ביי זויגענדע ברואים". דאַביי זאָגט העקעל גופא אַז: איבער די אורזאַך ווי אזוי עס קומט אַז דיעזער אונטערשיעד צווישען די אינזעקטען מיט די זויגענדע חיות זאָל עקזיסטירען ווייסט ער ניט. (ז. "צייגונג", 'עמפּפענגנים", "יעזוס")

אונבעשניטען, זעה "בעשניידונג".

אונבעשריהען, ז. "עין־הרע".

אונגאַרן, (אונג.: Magyaroszag העבר. "הונגריה", אָדער "מלכות ההגרי"), אַ רעפּובליק אין צענטראַל־עוראָפּאַ, וואָס גרענעצט זיך מיט עסטרייך אויף דער וועסטליכע זייט, יוגאָ־סלאַוויאַ אויף דער זידליכע, מיט רומעניען אויף דער אָסטליכע, און מיט טשעכאָ־סלאָוואַקיאַ אויף דער נאָרדליכע זייט. איז בערך 25,000 □ מיילען גרויס מיט אַ בעפעלקערונג פון עפּעס איבער 6,000,000. — פאַר דער וועלט־מלחמה איז זי געוועזען מעהר אַלס דריימאָל אַזוי גרויס און היינט, איז אַ גרויסער טייל פון איהר אייגען פאָלק מיטגעריסען געוואָרען מיט די פערשיעדענע נאַציאָנאַליטעטען וועלכע האָבען זיך פון איהר לויזגעריסען. צוזאַמען זיינען פאַראַן אין אונגאַרן בערך 8½ מיליאָן.

טאָפּאָגראַפיש: אין דער נייע געאָגראַפישע לאַגע האָט זי פערלוירען איהרע נאַטירליכע גרענעצען. די שטאָדט פּרעסבורג וועלכע איז — פאַר בודאַפּעסט — געוועזען די הויבט־שטאָדט פון אונגאַרן איז יעצט אַ

ווינקעל־גרענעץ צווישען עסטרייך אויף דער וועסט און טשעכאָ־סלאָוואַקיאַ אויף דער נאָרד־זייט. זי האָט פערלוירען די קאַרפּאַטיען־וועלדער, די קויהלען־מינען, די זאַלץ־מינען, און כמעט אַלע נאַטירליכע רויה־מאַטריאַלען וואָס זי האָט נויטיג פאַר איהרע אינדוסטריען. איז געבליבען ביי אַ פלאַכלאַנד פול מיט זומפּען און בוימלאָזע סטעפּען וועלכע פאָדערן פיעל מיהע און צייט זיי צו קענען געברויכען פאַר אַגריקולטורעלע צוועקען.

פון די טייכען וואָס בעוואַסערען דאָס לאַנד זיינען דער "דאַנאַו" און דער "טיסאַ" די גרעסטע. ביידע לויפען זיי אין פּאַראַלעל, בערך, 60 מיילען פאַנאַנדער אָבגעטיילט. דער אונגאַרישער דאַנאַו איז אַ פאָרטזעצונג פון דעם עסטרייכישען דאַנאַו וואָס לויפט — מיט אַ ראַשען שטראָם — דורך די עסטרייכישע גרענעץ ביי פּרעסבורג, פון וועסט, אין אַ אָסטליכע דירעקציע ביז פלינטענבורג, און קערעוועט זיך פון דאַנען אַרונטער — ווינקעלדיג — אין אַ זידליכע דירעקציע ביז ער דערגרייכט דעם דראַוו, די גרענעץ צווישען אונגאַרן און די יוגאָ־סלאַווען. אויף זיין וועג ביז אַהער בעגעגענד זיך דער דאַנאַו מיט די שטעדט בודאַפּעסט, זאַקסען־פעלד, מאַרטענס־מאַרקט, דאַנאַו־פענטעל, פּאַקס, באַיאַ, און קוסקאָשעג. דער טעיז וועלכער הויבט זיך אָן נאָרדליך אויף דער סלאָוואַקישע גרענעץ ביי אָסאַפּ, איז אַ פאָרטזעצונג פון דעם שאַמאָז און לויפט אין אַ זידליכע דירעקציע דורך פערשיעדענע קרימונגען ביז טאָקאַי, וואו ער נעהמט אויף די וואַסערען פון טייך באָבראָג. פון דאַנען לויפט ער וועסטליך ביז דעם 48טען גראַד וואו ער נעהמט ווידער אויף די וואַסערען פון טייך סאַיאָ, און פון דאַנען הויבט זיך אָן זיין פּאַראַלעל־גאַנג מיט דעם דאַנאַו זידליך אַרונטער נאָך דעם דראַוו. אויף זיין וועג בעגעגענד זיך דער טיסאַ מיט די

שטעדט סאַראָס פּאַטאַק, טאָקאַי, טיסאַפּורעד, קיסקערע, פאַנעגעדע, קשידנגראַד, שצעגעדין —אַ ווינקעל־גרענעץ מיט רומעניען—אָבעקסע, מאַריענבאַד און פּעטערוואַרדען. ביידע טייכען זיינען רייך אין פיש און די אונגאַרן ציהען פון זיי חיונה בלויז פאַר דעם אינלאַנד. זיי עקספּאָרטירען קיין פיש נאָך אויסלאַנד. אויף די טייכען לויפען אַרום פּלאַסען־שיפען, רודער־שיפען אָבער קיינע גרויסע דאַמפער. צווישען ביידע — דעם דאַנאַו און טעיז — געפינען זיך פיעלע שטעדט און דערפער, וועלכע פיהרען אַ לעבהאַפטען האַנדעל, מיט לעבהאַפטע אינדוסטריען. צווישען די קאַרפּאַטיען געפינען זיך נאָך אַ פּאָאָר הויכע טייכען, דער נייזיעדלער און דער ראַאַב פערנעהמען אַ גאַנץ קליינעם פּלאַץ אין דער אונגאַרישער אַגריקולטור.

דער באָדען פון אונגאַרן געפינט זיך אונטער דעם עוראָפּעישען קלימאַט. דער פּרוכטבאַרער טייל איז פערנומען מיט 1% פאַר וויינגאָרטען, 28% פאַר וועלדער, און בלויז 3% איז אונפּראָדוקטיוו. די רעשט בעשטעהט פון זומפּען און זאַמד סטעפּען. נעקסט צו פראַנקרייך איז אונגאַרן דאָס רייכסטע לאַנד אין עוראָפּאַ אין וויין. אין עופות־צוכט שטעהט ער נעקסט צו איטאַליען. אין אַלגעמיין איז דאָס אונגאַרישע פאָלק זעהר געניינגט צו פעלד־אַרבייט און צו דער צוכטעריי פון בהמות. דערצו דיענען די פיעלע פייכטע געגענדען וועלכע קומען דורך די אָפטע איבערפלייצונגען פון ביידע טייכען. דאָס עכטע אונגאַרישע פערד איז קליין אָבער פלינק און דויערהאַפטיג. די אַלע אַנדערע וואָס ווערען דאָרט געציכטעט זיינען פון אויסלאַנד אַדאָפּטירט. דער פייכטער באָדען ווערט אָבער פון צייט צו צייט קינסטליך אויסגעטריקענט. דאָס וועט זיכער פערקלייערן דעם פּראָגרעס פון פיה־צוכט, אָבער די פעלד־אַרבייט וועט דאָדורך פערגרעסערט ווערען.

דער אַקערבוי איז דאָרט העכסט ענטוויקעלט. די קוואַליטעטען פון די ערד און בוים פּראָדוקטען זיינען די בעסטע אין עוראָפּאַ. די פרוכטען זיינען זאַפטיג. פון די וואָס עס ווערט דיסטילירט דער שליוואָוויצער וויין און בראָנפען ווייסט די גאַנצע וועלט. זייערע פלוימען, וואָל־ניס, פעטע פייגען מאַנדלען, און קאַשטאַנען זיינען געשמאַק און נאַהרהאַפט. דער ווינטער־קאָרן און דער זומער־קאָרן, אזוי ווי די ווינטער־גערשטען און די זומער־גערשטען בילדען אַ גאַנץ קנאַפּען פּראָצענט פון די ערד־פּראָדוקטען. דאַגעגען דער טאַבאַק, דער פלאַקס און הירז דעם גרעסטען פּראָצענט. אַנדערע אַקערבוי פּראָדוקטען זיינען דאָרט שוין געוועהנליך. דער אַקערבוי ליידעט אָבער זעהר פיעל דורך די איבערשוועמונגען פון טעיז און דעם דאַנאַו. די פערשיעדענע פאַרב־פּלאַנצען וואָס ווערען דאָרט קולטיווירט האָבען פיעל בייגעטראָגען צו דייטשלאַנדס ריהם פאַר פּערמאַנענטע קאָלירען.

מינעראַלען: די פיעלע בערג וואָס אונגאַרן האָט זיינען רייך אין גאָלד, זילבער, קופּער, בליי, קוועק־זילבער, אַנטימאָנען, ווי אייזען שטיינ־קויהלען, מאַנגאַן, פיעל אייזענ־קיעז, אייזענ־פּיטריאָל, שוועבעל, אַספאַלט, אָפּאַלען פערשיעדענע גראַניט, בערג־קריסטאַל, מאַרמאָר, שטיינ־זאַלץ, זאַלפּעטער, זאָדאַ, און ערד־פּעך.

אינדוסטריען: אין דער אינדוסטריעלע וועלט האָט אונגאַרן אָנגעהויבען שפּיעלען אַ ראָלע ערשט אין 1868 ד.ה. אַ יאָהר נאָכדעם ווי עס האָבען זיך אויסגעגלייכט די סכסוכים מיט עסטרייך. ביז דעמאָלט האָט דאָס אונגאַרשע פאָלק געהאַט קיין אַמביציע פאַר גרויס־אינדוסטריע. אין 1900 האָט עס געהאַט 2049 פאַבריקען מיט 212,037 אַרבייטער. דערונטער זיינען געוועזען 195 אייזענפאַבריקען און אַייזענגיעסערייען מיט 34,172 ארבייטער. פון דעמאָלט אָן האָט זי ענטוויקעלט גרויסע פאַבריקען פון אַייזענבאַהנען, לאָקאָמאָטיוועו, וואַגאָנען, שטיינאינדוסטריע, לעדער, בערשטען, טעקסטיל, בעקליידונג, פּאַפּיער, פּרעזערווירטע שפּייזמיטעל, כעמישען לאַבאָראַטאָריען, קונסט, א. ז. וו. ,די שפּייז און טרינק־אינדוסטריען זיינען דאָרט די וויכטיגסטע. די טאַבאַק אינדוסטריען זיינען נעקסט צו די שפּייז־אינדוסטריען. נעקסט קומט די קליידונג. ספּעציעל די טשיזמעס, שטיוועל, קירשנעריי, גערבעריי, געדרוקטע קרעטאָנען, פיינטיכער, קאָלדרעס, זיידענצייג, טעפּיכטען, טוך און לייכוואַנד. בלעך און דראָהט־פלעכטערייען. ווי אויך טעפּעריי און מאַיאָליקען־אַרבייטען.

דאָס פאָלק: די אונגאַרן זיינען אורשפּרינגליך געוועזען אַ פּאַסטוכער־פאָלק און די אוראַלטאַישע געגענד, האָבען געפיהרט אַ ציגיינער־לעבען און זיינען בעקאַנט געוועזען אונטער דעם נאָמען "אוגרו" = אונגרי = אונגאַרן. אויך אונטער דעם נאָמען "מאַדיאַרען" אָדער מאַגיאַרען. זיי פלעגען זיך אַרומרייסען מיט זייערע שכנים און פיהרען בלוטיגע מלחמות. זיי האָבען פאַר אַ צייט געלעבט אונטער דער הערשאַפט פון די כאַזאַרען ביז אַ טייל פון די כאַזאַרען האָט רעוואָלטירט געגען די איבריגע כאַזאַרען און האָט איינגעלאַדען די אוגרו זיי צו העלפען בעזיעגען די איבריגע פון זייער אייגען פאָלק. דאָס איז געטהון געוואָרען אונטער זייער פיהרער אַרפּאַד. ער האָט זיי צוטיילט אין 7 טיילען, און די צוגעקומענע כאַזאַרען (ז. ד.) אַלס אַן אַכטען טייל. זיי זיינען אָנפאַנגס געוועזען זעהר ערפאָלגרייך, זיי האָבען זיך אויך געשלאָגען מיט בייערען און פון דיעזען פאָלק אָבגעריסען איין שטיק לאַנד נאָכ'ן אַנדערן. זיי האָבען זיך אויף דיעזער ווייזע אַריבער געטראָגען פון די

קאַרפּאַטיען־בערג צוביסלעך ווייטער און ברייטער אויף דעם היינטיגען באָדען. זיי האָבען געבראַכען בייערענס קריעגס פעהיגקייטען, צוגענומען פון זיי פאַנאָניען, אַ דיסטריקט וועלכער האָט אַמאָל געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אונטער דער רוימישער הערשאַפט. שפּעטער האָבען זיי צוגענומען מעהרערע דיסטריקטען, און געצוואונגען בייערען זיי צו צאָהלען אַ יעהרליכען מס. ערמונטערט פון

אַזעלכע רעזולטאַטען האָבען זיי זיך גענומען צו דייטשלאַנד. זיי האָבען איינגעשריטען ביז אינמיטען פון זאַקסען. דאָ האָבען זיי פערלוירען אַ פעלד־מאַרשאַל וועלכער איז פון די דייטשען געפאַנגען געוואָרען. היינריך דער ערשטער האָט זיי אָנגעבאָטען אַז ער וועט זייער געפאַנגענעם פיהרער פריילאָזען און אַז ער וועט זיי צאָהלען אַ יעהרליכען מס אַבי זיי זאָלען די מלחמה אָבשטעלען פאַר אַ פּאָאָר יאָהר. זיי זיינען דאַרויף אַיינגעגאַנגען און האָבען אָבגעטרעטען פון זאַקסען און טיהרינגען און האָבען אָבער בעהאַלטען וואָס זיי האָבען פערכאַפּט פון בייערען. היינריך האָט דיעזען שטילשטאַנד אויסגענוצט, זיך פאָרבערייטעט מיט נייע פעסטונגען צו זיין בערייט פאַר דער ערשטער געלעגענהייט זיי צוברעכען. אין 934 האָט ער זיי געגעבען אַ ביטערע נידערלאַגע. נאָך איהם האָט זיי קייזער אָטאָ I געגעבען אַ צווייטע נידערלאַגע און דערמיט איז זייער קריגערישע לוסט געבראָכען געוואָרען. נישט לאַנג

נאָכדעם האָט זיך הערצאָג געיזאַס גענומען די אונגאַרן צו פערקריסטליכען און זיין ווייב סאַראָלטאַ האָט איהם דאַבוי געהאָלפען. זייער זוהן סטעפאַן האָט דיעזע מיסיאָן אויסגעפיהרט און דער פּאַבסט סילוועסטער דער II האָט איהם דערפאַר געקרוינט אַלס אונגאַר'שען קעניג מיט דעם טיטעל "אַפּאָסטאָל'שער קעניג", און אונגאַרן איז אויך ערקלעהרט געוואָרען אַלס אַ קעניגרייך. זייט דעמאָלט איז אונגאַרן אויך בעקאַנט אונטער דעם נאָמען "סטעפאַנס־לאַנד".

דערמיט האָט זיך אָנגעהויבען אַ אינער־

אונגאַרשע דאָרפס-פרויען

אונגאַרשע דאָרפס-מיידלעך

אונגאַרשע הוזאַרען

נאָבעל-מאַן און גייסטליכער

ליבע צווישטיגקייט צווישען די נייע קריסטען מיט די אַלטע היידען. פּעטער, דער נאָכפאָלגער פון סטעפאַן האָט די היידען גענומען מיט געוואַלד אונטערדריקען, דערפאַר האָבען זיך די אונטערדריקטע גענומען בונטעווען געגען איהם אין געהיים. זיי האָבען קאָנספּירירט געגען איהם אַזוילאַנג ביז ער איז פון זיין מלוכה אַרונטערגעזעצט געוואָרען. דיעזע אויפשטענדע זיינען דורך אַזאַ ערפאָלג נאָכמעהר צופלאַקערט געוואָרען און זיי האָבען זיך גענומען פערשפּרייטען איבער די גרענצען פון קראָאַציען. וולאַדיסלאַוו דער ערשטער האָט אויף דיעזען סמך גענומען מיט געוואַלד אַרויסרוקען די אונגאַרישע גרענצען איבער די קראָאַטישע, און זיין נאָכפאָלגער קאָלאָמאַן האָט איינגעשריטען אין דאַלמאַציען. צו איינשטעלען אָרדנונג אין די פערכאַפּטע פּראָווינצען האָבען זיי אַריבערגעבראַכט דייטשען פון נידערהיים וועלכע זיינען יעצט בעקאַנט אונטער דעם נאָמען די "פלאַנדערער". בעלאַ דער דריטער האָט די אונגאַרן פערבינדען מיט די ביזאַנטען, איהם איז דאָס געלונגען ווייל ער אַליין איז דאָרט אויפגעהאָדעוועט געוואָרען. פון 1173, ד.ה. פון בעלאַ דעם דריטען ביז בעלאַ דעם פירטען זיינען אָנגעגאַנגען בירגער־מלחמות וועלכע די גייסטליכע האָבען אָנגעפיהרט געגען די רעגיערונג, איהר אונטערצואווערפען אונטער די גייסטליכע אויטאָריטעט. אין 1241 זיינען די מאָנגאָלען בעפאַלען די אונגאַרן און די צוויסטיגקייט צווישען די גייסטליכע מיט דער רעגיערונג איז דאַדורך פערשאָבען געוואָרען. צו בעפעלקערען דאָס לאַנד וועלכעס האָט אין די שטאַרקע מלחמות פערלוירען אַ גרויסע צאָהל פון אונגאַרן האָט בעלאַ איינגעלאַדען מעהר דייטשען מיט איטאַליענער. ער פיהלט זיך אָבער אַליין צו שוואַך צו רעגיערען, אַזוי האָט ער איינגעלאַדען זיין זוהן סטעפאַן (1270) איהם צו העלפען מיטרעגיערען, ער האָט דאַדורך אויפגעוועקט אַ קנאה צווישען די איבריגע זיהן. דיעזע האָבען רעוואָלטירט אונטעראַנאַנדער ביז אין 1301 איז די אַרפּאַדיסטישע דינאַסטיע אונטערגעגאַנגען מיט דעם לעצטען קעניג אַנדרעוואַס דעם דריטען.

דעם ערשטען "מאַגנאַ טשאַרטאַ" האָט אונגאַרן ערהאַלטען אין יאָהר 1222, דער אַדעל האָט זיך דעמאָלט געצעהלט בערך 20 פּראָצענט פון פאָלק. אין דיעזען טשאַרטער האָבען זיי בעקומען אַ פּאַראַגראַף וועלכער ערקלעהרט אַז עס איז לעגאַל, אונטער אויסערגעוועהנליכע אומשטענדען, צו לייסטען אַ בעוואַפענטען ווידערשטאַנד געגען דער רעגיערונג זעלבסט. אורשפּרינגליך האָט דיעזער פּאַראַגראַף געהאַט די אַבזיכט צו זיין אַ גאַראַנטיע אַז דער קעניג וועט טריי בלייבען צו זיין שבועה. דערפאַר פלעגען אויך די אַדעל לייט קומען בעוואָפענט אין דעם מאַגנאַטען הויז פון פּאַרלאַמענט.

דאָ געהן מיר איבער צו דער געשיכטליכע כראָנאָלאָגיע פון אונגאַרן בקיצור אַזוי:—

1344 מאַכט לואיס דער גרויסער געוואַלדיגע נצחונות אין בולגאַריען, סערביען און דאַלמאַציען.

1348 שרייטעט ער איין אין איטאַליען זיך נוקם צו זיין דערפאַר וואָס מען האָט אין נעאַפּעל גע'הרגט זיין ברודער דעם דאָרטיגען קעניג.

1393 זיגיזמונד געוועלטיגט איבער זיינע אונטערטהאַנען מיט רציחה. די אונטערטהאַנען ווערען דאַדורך פאַלש צו איהם און בעטען די טירקען זיי צו העלפען איהם צו שטירצען. דאָס איז געטהון געוואָרען 3 יאָהר שפּעטער, אין אַ שלאַכט ביי ליקאָפּאָליס האָט באַיאַזעט געשלאָגען זיגיזמונד און זיין גרויסע אַרמיי.

1526 די אונגאַרן בעליידיגען דעם טירקישען אַמבאַסאַדאָר, די טירקען ערקלעהרען קריעג אויף אונגאַרן און דער סולטאַן סוליימאַן בעזעצט בודאַפּעסט. אינזעלבען יאָהר ליידען די אונגאַרן איין נידערלאַגע נאָך דער אַנדערע ביז אונגאַרן איז אונטערגעוואָרפען געוואָרען אונטער עסטרייך.

1686 האָט דער פירשט פון לאָטרינגען בעלאַגערט און אַייגענומען בודאַפּעסט, פון וואַנען ער איז שפּעטער אָבגעטרעטען.

1739 האָט דער בעלגראַדער פריעדען בעשטימט די אונגאַרשע באַלקאַן־גרענצען וועלכע זיינען געבליבען ביז דעמלעצטען וועלט־קריעג.

1741 די אונגאַרן שליעסען זיך אָן פּריוויליג אָן מאַריאַ טערעזאַ איהר צו העלפען בעזיעגען פראַנקרייך און בייערען.

1790 קריגט אונגאַרן איהר אונאַבהענגיגקייט. — די פּריוויליגירטע שטעלען זיך העפטיג געגען שוהל־רעפאָרם.

1825 געגרינדעט די ערשטע אונגאַרשע אַקאַדעמיע. — פראַנץ דער ערשטער פּרובירט איינצופיהרען שטייערען אָהן דעם אונגאַרשען פּאַרלאַמענט, קריעגט אָבער דערפאַר אַ געפעהרליכען ווידערשטאַנד פון די פּריוויליגירטע קלאַסען.

1828 אונגאַרן פערלירט צוטרויען צו עסטרייך און ברעכט אויס אין אַ רעוואָלט. דער עסטרייכשע מיליטערישער גאָווערנאָר ווערט גע'הרג'ט, דאָס אונגאַרשע פּאַרלאַמענט בעשטימט אַ פּראָוויזיאָנאַלע רעגיערונג מיט קאָסוט און באַטהיאַני אַן דער שפּיצע. דיעזעס פּאַרלאַמענט ערקלעהרט צוגלייך אַז יעדער וואָס בלייבט טריי צום עסטרייכשען קעניג איז אַ פערברעכער געגען אונגאַרן. די עסטרייכער מאַרשירען אויף די אונגאַרן.

1830 די אונגאַרן האָבען בעשלאָסען צו קעמפען פאַר די אַנערקענונג פון דאָס רעכט פאַר אונגאַרשע אָפּיציערען אין דער אַרמיי, פאַר די אונגאַרשע שפּראַך אין דער אַרמיי, און פאַר מעהר זעלבסט־קאָנטראָל אין זייערע לאָקאַלע אַנגעלעגענהייטען.

1835 איז געשטאָרבען דער עסטרייכשער קייזער און אונגאַרשער קעניג פראַנץ. זיין זוהן פערדינאַנד טרעט אויף זיין שטעל און פערשפּרעכט צו געבען די געמיינע גוטס־בעזיצער דאָס זעלבע רעכט ווי דעם אַדעל, צו פערנעהמען שטעלען אין הויכע רעגיערונגס עמטער.

1848 שיקט אונגאַרן 18,000 מאַן צו אונטערשטיצען די אָקטאָבער רעוואָלוציאָן וואָס האָט אויסגעבראָכען אין עסטרייך. זיי זיינען אין 30טען אָקטאָבער שרעקליך געשלאָגען געוואָרען ביי שעווכאַט. דאָס רעזולטאַט פון דיעזע רעוואָלוציע איז געוועזען וואָס פערדינאַנד האָט אַבדוצירט און פראַנץ יאָזעף איז געקרוינט געוואָרען אין 2טען דעצעמבער אַלס קייזער איבער עסטרייך. דיעזער נעהמט באַלד מאַרשירען אויף בודאַפּעסט.

1849 בודאַפּעסט ווערט פערכאַפּט פון ווינדישגראַץ, די אונגאַרן שלאָגען די עסטרייכער ביי הערמאַנסשטאַדט, און אויך ביי גראַן. אונגאַרן פּראָקלאַמירט זיך צו זיין אַ פריי פאָלק, מיט קאָסוט אַלס זייער העכסטער רעגיערער. דאַרויף זיינען די רוסען געקומען העלפען די עסטרייכער, און צוזאַמען האָבען זיי געשלאָגען די אונגאַרן ביי פערעד. אַ גאַנצעס יאָהר האָבען די אונגאַרן געקעמפט געגען עסטרייך און רוסלאַנד, וועקסלענדיג גליק מיט אונגליק ביז קאָסוט, אַנדראַסי, און בעם זיינען ענט־

לאָפּען נאָך דער טירקיי, וואו בעם איז
געשטאָרבען אין א יאָהר שפּעטער, אנ־
דראַסי איז צום טויט פערארטיילט גע־
וואָרען אַלס מורד במלכות.

1851 איז הייגאַו פון עסטרייך געזעצט גע־
וואָרען אַלס דיקטאַטאָר איבער אונגאַרן.
עסטרייך האָט בעשלאָסען פון אונגאַרן
צו צונעהמען דאָס רעכט פאַר אַן איי־
גענעם פּאַרלאַמענט. פיעלע אונגאַרשע
פיהרער פון אונגאַרשע טרופּען זיינען
הינגעריכטעט געוואָרען. אַ קריעגס
טריבונאַל איז געזעצט געוואָרען אויף
דעם אָרט פון דער ציווילנע אַדמיניסט־
ראַציע, פראַנץ יאָזעף איז מיט טרוי־
אומף אָנגעקומען אין אונגאַרן, האָט
פּראָקלאַמירט אַן אַמנעסטיע, און די
אָבשאַפונג פון קריעגס־טריבונאַל.

1860 ווערט אונגאַרן ערלויבט זיך צוריק צו
עטאַבעלירען אויף דעם אופן פון דער
קאָנסטיטוציע וואָס זי האָט געהאַט אין
1848. די געזעצע פון דיעזע קאָנסטי־
טוציע זיינען אָבער פערעלטערט געוואָ־
רען איבער דיעזע צייט, און זיינען
דערפאַר געקומען אין ווידערשפּרוך
מיט די נייעסטע געזעצע פון דער עסט־
רייכשע קאָנסטיטוציע. ביידע קאָנ־
סטיטוציעס האָבען זיך ניט געקענט
אויסגלייכען ווייל די אונגאַרשע פּאַר־
טייען האָבען געוואָלט דורכאוים די
אלטע קאָנסטיטוציע, דאָס רעזולטאַט
איז געוועזען אַז דאָס אונגאַרשע פּאַר־
לאַמענט איז ווידער געשלאָסען גע־
וואָרען אין נאָוועמבער 1861.

1861 האָבען די אונגאַרן פון עסטרייך גע־
פאָדערט אַן אייגענע קאָנסטיטוציע,
נאָך אַ לאַנגען צעגערן האָט זיי דער
קייזער געגעבען אַ קאָנסטיטוציע וועל־
כע זאָל זיין אונטערוואָרפען די אויי־
בערהערשאַפט פון וויענער פּאַרלאַמענט.
נאָך דיעזע קאָנסטיטוציע האָבען די
אונגאַרן געדאַרפט שיקען זייערע רע־
פּרעזענטאַנטען צו רעפּרעזענטירען זיי־
ער פּאַרלאַמענט אין וויענער פּאַרלאַ־
מענט. די אונגאַרן האָבען די קאָנסטי־
טוציע ניט געוואָלט אַקצעפּטירען. זיי־
ער אייגען פּאַרלאַמענט האָט זיך גע־
עפנט דעם 6־טען אַפּריל, אָבער זיי האָ־
בען זיך ענטזאַגט צו שיקען אונגאַרשע
רעפּרעזענטאַנטען אין וויענער פּאַרלאַ־
מענט. ניין טאָג שפּעטער איז דער
עסטרייכשער גראַף טעלעקי געפונען
געוואָרען טוידט אין אונגאַרן. דאָס
האָט אויפגערייצט עסטרייך. די אונ־
גאַרן האָבען דורך זייער פּאַרלאַמענט
גענומען פאָדערן אַ פרייע זעלבסט־
שטענדיגע קאָנסטיטוציע פון עסטרייך.
עסטרייך האָט זיי דאָס ענטזאָגט, און
זיי האָבען דאַרום אַדאָפּטירט אַ פּאַסי־
ווען ווידערשטאַנד. עסטרייך האָט דער־
פאַר עטאַבעלירט אין אונגאַרן אַ מי־
ליטערישע רעגיערונג.

1862 דער עסטרייכשער קייזער קומט צו
גאַסט אין בודאַפּעסט, ווערט העךליך
אויפגענומען, לאָזט פריי אַלע פּאָליטי־
שע געפאַנגענע.

1865 די מאָדערירטע פּאַרטיי פאָדערט זעלבסט־
שטענדיגקייט, און קיין פערבינדונג
מיט עסטרייך.

1867 איז די עסטרייכ־אונגאַרשע קאָנסטיטו־
ציע אָנגענומען געוואָרען. לויט דיע־
זע, האָט יעדע פּראָווינץ בעקומען אַן
אייגענעם "לאַנד־טאַג" וועלכער איז
פעראַנטוואָרטליך צום "רייכראַטה" אין
וויען און בודאַפּעסט. דער לעצטער זאָל
בעשטעהן פון רעפּרעזענטאַנטען פון
ביידע פעלקער, נאָך דער גרויסקייט פון
זייער בעפעלקערונג און אַנדראַסי נעמט
איבער די רעגיערונג. פיהרט אייז

פרייע פרעסע. קראָאַטען פּראָטעסטירען וואָס מען האָט זיי איינגעשלאָסען אין אונגאַרן. — יודישע עמאַנציפּאַציע איז פּראָקלאַמירט געוואָרען. — דער סאָציאַליזמוס ערשיינט אין דער עפענטליכקייט מיט אַ יונגע ענערגיע און האָט זיך גענומען טיף איינוואורצלען אין די אינדוסטריעלע דיסטריקטען.

1868 אונגאַרן אַנעקסירט די קראָאַטען, פערזיכערט זיי אַן אויטאָנאָמיע פאַר איננערליכע אַנגעלעגענהייטען, מיט אַן אייגענע פאָהן, און זייער אייגענע שפּראַך. — פיומע איז איבערגעגאַנגען אין אונגאַרישע הענד — קאָסוט רעזיגנירט זיין זיץ אין פּאַרלאַמענט אַלס פּראָטעסט געגען די שטראָף וואָס זיין רעדאַקטאָר האָט געמוזט ליידען פאַר פּובליצירען זיינעם אַ בריעף.

1869 האָבען די מיליטער־דיסטריקטען איבערגעגעבען זייער פערוואַלטונג צו די ציווילע דיסטריקט אַדמיניסטראַטאָרען.

1870 גראַף אַנדראַסי, דער פּרעזידענט פון אונגאַרישען פּאַרלאַמענט, פּועל'ט אַז עסטרייך־אונגאַרן זאָלען בלייבען נייטראַל אינ'ם דייטש־פראַנצויזישען קריעג.

1873 האָט שטאַטגעפונען אַ קראַך אין די פינאַנצען פון אונגאַרן און דאָס מיניסטעריום האָט געמוזט רעזיגנירען.

1874 ווערט בודאַפּעסט די הויבטשטאָדט פון אונגאַרן, דאָס מיניסטעריום רעזיגנירט און ביטאָ פאָרמירט אַ נייעס מיניסטעריום.

1876 איז געשטאָרבען "דיעק", דער גרינדער פון דער דיעק'שער פּאַרטיי, וועלכע האָט אייפעריג בעקעמפט די אַסימילאַציע פון דעם אונגאַרישען פאָלק אין דעם עסטרייכישען פאָלק אריין.

1884 זעכס און דרייסיג סאָציאַליסטען זיינען אַרעסטירט געוואָרען אין פּעסט, דער גרעסערער טייל פון זיי איז אַרויסגעשיקט געוואָרען פון אונגאַרן. — אַן אויסשטעלונג האָט שטאַטגעפונען אין בודאַפּעסט דעם 2־טען מאַי.

1889 דאָס שטעדטעל פּאַקס ווערט אינגאַנצען אָבגעברענט.

1890 איז די שטאָדט מאַאַר אָבגעברענט געוואָרען.

1893 איינגעפיהרט אַ געלד־רעפאָרם, אַז אַלע מינצען זאָלען בערעכענט ווערען אויף דעם גאָלד־באַזיס. די ערשטע גאָלדענע מטבע איז געגעבען געוואָרען צום עסטרייכישען קייזער פראַנץ יאָזעף.

1894 ביידע פּאַרלאַמענטס הייזער האָבען דורכגעפיהרט אַ געזעץ וואָס לעגאַליזירט די יודישע רעליגיע.

1895 דורך דעם פּאַבסטס אַנרעגונג האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע געגען די לעגאַלע אַנערקענונג פון דער יודישע רעליגיע. די אָפּעראַציאָן פון דיעזען געזעץ איז אָבגעהאַלטען געוואָרען. דאָס מאַגנאַטען־הויז האָט דאָס געזעץ אומגעענדערט און אָבגעשיקט צום אונטערן הויז.

1896 פייערט אונגאַרן איהר טויזענד יעהריגע עקזיסטענץ.

1897 פראַנץ יאָזעף לאָזט אויפשטעלען אויף אייגענע קאָסטען 10 גרויסע היסטאָרישע מאָנומענטען פון אונגאַרישע וויכטיגקייט און מאַכט זיך דאַדורך פּאָפּולער צווישען פאָלק. אַן אַקט ווערט דורכגעפיהרט צו אויסגלייכען סכסוכים צווישען אונגאַרן און עסטרייך. דער אַקט איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען "דער אויסגלייך".

1898 הויבט זיך אָן דער ערשטער אַגראַרישער אויפשטאַנד אין שאַבאָלץ, דאַן פאָלגט אַ פערשווערונג געגען קייזער פראַנץ

יאָזעף. דער אויפשטאַנד פלאַנצט זיך פאָרט אין פיעלע אַנדערע שטעדט. דער הויבטגרונד פון דיעזע אויפשטענדע איז געוועזען איבערצושניידען דעם איינפלוס פון די קלעריקאַלע בעציהונגען מיט דעם פאָלק.

1901 איז געגרינדעט געוואָרען אין בודאַפעסט דאָס סאָציאַלע מוזעאום פון ביכער און קונסט נאָך דעם מאָדעל פון דער פאַריזער אויסשטעלונג.

1902 נאָך אַן אַגראַרישער אויפשטאַנד אין וועלכען עס זיינען גע׳הרג׳ט געוואָרען 10 און פיעלע געוואונדעט.

1903 די קראָאַטען קעמפען זיך לויזצורייסען פון אונגאַרן. גראַף באַנוס אונטערדריקט זיי מיט געוואַלט. — אַ צוזאַמענשטויס האָט פאַסירט צווישען עסטרייך און איטאַליען ביי אינסברוק און טריעסט. — אַן אויפשטאַנד אין אַגראַם. — דאָס מיניסטעריום פון שעל האָט רעזיגנירט. — אַן ערד־ציטערניס האָט פיעל שאָדען געמאַכט אין ערלאַו. די קראָאַטען זעצען פאָרט זייער אויפשטאַנד אין אַגראַם. — אַ צווייטיגקייט ענטשטעהט צווישען עסטרייך און אונגאַרן צוליעב די אונגלייכע פערטיילונג פון צוקער. — גראַף העדערוואַרים מיניסטעריום רעזיגנירט. — די קראָאַטען רעוואָלטירען אין זאַפרעסיץ. אַ שטאַרקע דעמאָנסטראַציע געגען עסטרייך רופט אַרויס אַ מאַניפעסט פון פראַנץ יאָזעף, וועלכער ערקלעהרט אַז ער וועט זיין אויטאָריטעט איבער אונגאַרן אויפהאַלטען מיט מיליטער. די אונגאַרישע פרעסע שטורמט געגען דער חוצפה וואָס פראַנץ יאָזעף האָט צוריק אַרויפגעזעצט גראַף העדערוואַרים אויף דעם פרעמיער שטוהל. גראַף העדערוואַרים רעזיגנירט ווידער און גראַף טישאַ נעהמט איבער זיין ראָלע. — די אונגאַרן פאָדערן פון פראַנץ יאָזעף אַז זייערע סאָלדאַטען זאָלען קאָמאַנדירט ווערען אין זייער שפראַך. דאָס ווערט ניט נאָכגעגעבען. אַ גרופע פון פאַרלאַמענט אָרגאַניזירט אַן אָבסטרוקציאָנס פראָגראַם (ז.אָבסטרוקציאָניסטען) בכדי צו געווינען פון עסטרייך מעהר רעכט פאַר אונגאַרישע בעציהונג מיט אויסלאַנד. דאָס פאַרלאַמענט האָט בעשלאָסען אַז אונגאַרן האָט אַ רעכט צו שליסען אַ קאָמערציעלען אָבמאַך מיט דויטשלאַנד אָהן די ערלויבניס פון עסטרייך. קאָסוט מיט דער אונאָבהענגיגע פאַרטיי נעהמען אויף אַ קאַמף מיט די אָבסטרוקציאָניסטען.

1904 אַ סטרייק ברעכט אויס צווישען די באַהן־אַרבייטער און די באַהן־מאַגנאַטען פאַר העכערען לוין. 70,000 פון זיי האָבען אָבגעשטעלט אַלע באַהנען, און אונגאַרן איז אָבגעשלאָסען פון דער גאַנצער וועלט. — עסטרייך פאָדערט אַז אונגאַרן זאָל שטימען צו ספענדען 88,000,000 קראָנען פאַר די אַרמיי און 75,176,000 קראָנען פאַר די מאַרין. — דער עסטרייך־אונגאַרישער קריעגס־מיניסטער בעשליסט צו קאָמאַנדירען די אונגאַרישע סאָלדאַטען אין דער אונגאַרישע שפראַך, און דאָס דער סאָלדאַטען־דיענסט זאָל בערעכענט ווערען אויף 2 יאָהר. — גראַף טישאַ פיהרט איין אַ פאָליטישע גילאָטינע (ז.ד.). אַ גרויסער אויפריהר איז דאַדורך ענטשטאַנען צווישען די מינאָריטעט־פאַרטייען, אויף פערלאַנג פון טישאַ האָט פראַנץ יאָזעף דאָס פאַרלאַמענט אויפגעלעזט.

1905 אַ נייער וואַהל האָט שטאַטגעפונען, טישאַ איז בעזיעגט געוואָרען און ער

האָט רעזיגנירט. קאָסוט איז, צוליעב
דעם זיעג פון זיין אינדעפּענדענט
פּאַרטיי, געוואָרען פּרעזידענט פון
פּאַרלאַמענט. קיינעם ווילט זיך פאַר־
מירען אַ מיניסטעריום סיידען דער
קעניג וועט נאָכגעבען די פאָדערונגען
פון דער רעגיערענדע פּאַרטיי. דער
קעניג ענטפערט דאַרויף מיט צוריק־
רופען די קאָנצעסיעס פון דער אונ־
גאַרשע שפּראַך אין דער אַרמיי. נאָך
אייניגע אונטעררעדונגען מיט די פיה־
רער פון די גרעסערע פּאַרטייען, גיט
דער קעניג אַ מאַנדאַט צו גראַף אַנד־
ראַסי, ער זאָל פאָרמירען אַ קאָאַליצי־
אָנס מיניסטעריום. דאָס ווערט גע־
טהון, און די ערשטע טהאַט וואָס דיע־
זעס מיניסטעריום האָט אויפגעטהון
איז געוועזען: די אָבשאַפפונג פון דער
גילאָטינאַ. — פראַנץ יאָזעף עפענט
דאָס פּאַרלאַמענט מיט אַ ריידע אין
וועלכע ער גיט אָנצוגעהערן אַז ער איז
אַיינשטימיג אונגאַרן זאָל ווערען פי־
נאַנציעל אינדעפּענדענט, אַז איהר רע־
גיערונג זאָל האָבען אַ פּאַראַנטוואָרט־
ליכען כאַראַקטער, אַז עס זאָלען אַיינ־
געפיהרט ווערען רעפאָרמען אין דעם
וואַהל־סיסטעם, און אַז עס זאָל האָבען
אַלע רעכטע פאַר אַ צאָל־אַמט. — נאָכ־
דעם ווי גראַף אַנדראַסי האָט פאַר־
געשטעלט פאַר דעם קעניג די קאָאַלי־
ציאָנס־פיהרער האָט דער קעניג געבע־
טען גראַף טישאַ ער זאָל איבערנעהמען
די פּרעמיער־שטעלע אונטער די אווי־
ביגע בעדינגונגען. טישאַ לאָזט זיך
בעטען און נעהמט ענדליך אָן, ער
קאָן נישט דורכקומען מיט די קאָאַלי־
ציאָנס־פיהרער און ער דאַנקט אָב.—
באַראָן פעיערוואַרי ווערט פּרעמיער,
דאָס פּאַרלאַמענט דריקט אויס "קיין
קאָנפידענץ" אין זיין מיניסטעריום.
בכדי צו געווינען דעם קאָנפידענץ בע־
שליעסט ער אַז אַלע גרויסע שטעדט פון
אונגאַרן זאָלען אויפהערען צו ביי־
שטייערען צו די קאָסטען פון דער
דואַלע מאָנאַרכיע, און צו ענטזאַגען
זיך פון צאָהלען טאַקסעס. — באַראָן
פעיראַרי האַלט אַ קאָנפערענץ מיט די
קאָאַליציאָנס־פיהרער. קאָסוט זאָגט אַז
ער קאָן נישט שטיצען אַ רעגיערונג
וואָס האָט קיין קאָנפידענץ, דאָס איז
אונקאָנסטיטוציאָנעל. — די טשעכען
און דייטשען שלאָגען זיך אין ברין,
אייניגע הונדערט ווערען געוואונדעט,
אַן אויפשטאַנד פּאַסירט אין בילקע ביי
די וואַהלען פון אַ לאָקאַלען מאַגיסטראַט
דאָס פאָלק מיט די זשאַנדאַרען האָבען
זיך געשלאָגען ביז 6 ציווילע מיט
צוויי זשאַנדאַרען זיינען גע'הרג'ט
געוואָרען.

1906 די רעגיערונג נעהמט אונטערדריקען
די קאָאַליציאָנס־פּאַרטיי, רודנאַי ווערט
געזעצט פון פראַנץ יאָזעף אַלס ראָיאַ־
לער קאָמיסאַר איבער פּעסט און בודאַ־
פּעסט צו פיהרען אונגאַרן נאָך דעם
קעניגס ווילען. די קאָאַליציאָנס־פיה־
רער אַפּעלירען צום פאָלק, עס זאָל ליי־
סטען ווידערשטאַנד צו דיעזען אונ־
לעגאַלען אַקט, רודנאַי מאַכט אַוועק
מיט דער אויטאָנאָמיע פון דער פּעס־
טער פּראָווינץ, באַראָן פעיערוואַרי רע־
אָרגאַניזירט דאָס מיניסטעריום מיט
די קאָאַליציאָנס־פיהרער אַיינגעשלאָ־
סען, די ליבעראַלע פּאַרטיי לעזט זיך
אויף.

1907 אַ סלאָוואַקישער דעפּוטאַט פון אונ־
גאַרשען פּאַרלאַמענט ווערט פּראָצעסירט

פאַר אויפהעצען די סלאָוואַקען געגען אונגאַרן, די סלאָוואַקען מאַכען אַן אויפשטאַנדס פּראָטעסט; אַ סלאָוואַקישער גייסטליכער ווערט דאַן פּראָצעסירט פאַר אָרגאַניזירען דיעזען פּראָטעסט, דער אויפשטאַנד ווערט העפטיגער; 11 בעטייליגטע זיינען געהרג׳ט און 16 געוואונדעט געוואָרען.

1909 אַ פּאָליטישער קריזיס איז בעענדיגט געוואָרען מיט דער בעשטימונג פון דר. לוקאַטשי אַלס פּרעמיער. ער רעזיגנירט אָבער אינזעלבען מאָנאַט (יאַנואַר) און גראַף העדערוואַרי פערנעהמט זיין שטעל. ער האָט זיך אונטערגענומען צו געווינען די אונגאַרשע מאַיאָריטעט פאַר די עסטרייכשע רעגיערונג. ער איז אָבער באַלד בעגריסט געוואָרען פון די דעפּוטאַטען מיט דעם שטיפ־נאָמען: "עסטרייכשער לאַקיי". נאָכדעם ווי ער האָט איינגעזעהן אַז ער וועט ניט אויספיהרען זיין פערשפּרעך האָט ער דעם קעניג געראָטהען צו אויפלעזען דאָס פּאַרלאַמענט. דאָס איז געטהון געוואָרען. אין די נייע וואַהלען האָבען די אָפּאָזיציאָנס פּאַרטייען געארבייט פאַר אָברייסען אונגאַרן פון עסטרייך. די וואַהלען האָבען רעזולטירט 246 פאַר דער רעגיערונג און 167 געגען. די זיעגענדע פּאַרטיי האָט זיך דעמאָלט געווענדעט צו דער מיניאָריטעט זי זאָל זיך אָנשליעסען אָן דעם מיניסטעריום, זי ענטזאָגט זיך און די אונרוהיגקייט פון לאַנד איז ניט קליינער געוואָרען.

1910 גרינדעט זיך אַ נאַציאָנאַלע פּאַרטיי צו געווינען אונגאַרן׳ס אונאַבהענגיגקייט פון עסטרייך. —אין פּאַרלאַמענט האָבען זיך די מיטגליעדער געוואָרפען מיט טינטניערס און ביכער אין די קעפּ, אויף מאַרגענס איז דאָס פּאַרלאַמענט געשלאָסען געוואָרען. — פון מאַי ביז יוני האָבען פּאַסירט פייער־אונגליקען און איבערפלייצונגען וועלכע האָבען פערניכטעט פיעלע לעבענס, שטעדט און דערפער. 1913 ווערט דורכגעפיהרט אַ נייער וואַהל־סיסטעם וועלכער טיילט די בירגער אין 4 קלאַסען. 1) די וואָס האָבען דורכגעמאַכט אַ שוהל פון 8 קלאַסען, 2) וואָס האָבען דורכגעמאַכט 6 קלאַסען, און 3) די וואָס האָבען געלערנט ניט מעהר ווי דאָס לעזען און שרייבען, און ענדליך די וואָס האָבען גאָרניט געלערנט און צאָהלען אַ יעהרליכען שטייער פון ניט אונטער 40 קראָנער. — די סאָציאַליסטען האָבען בעהויבטעט אַז דיעזע ענדערונג איז געמאַכט געוואָרען צו איינהאַלטען זייער פּראָגרעס. ווייל אין יענער צייט האָבען זיי שוין געצעהלט 85,000 שטימען מיט אייגענע פּאַרטייען אין 136 מוניציפּאַליטעטען. דיעזער מאַאַסרעגעל האָט זיי נאָך מעהר געהאָלפען ווייל אין די נעקסטע וואַהלען האָבען זיי שוין געצעהלט 111,966 שטימען.

אונגאַרן אין דער וועלט־מלחמה.

די פּאָליטישע בעציהונגען צווישען אונגאַרן און עסטרייך, און צווישען אונגאַרן מיט די פערשיעדענע ראַסען וועלכע האָבען געלעבט אונטער איהר הערשאַפט איז אימער געוועזען אַ געשפּאַנטע. דערפאַר אויך זעהר אונגינסטיג פאַר אַ וועלט־מלחמה. איהר געאָגראַפישע לאַגע צווישען עסטרייך און די באַלקאַן־פעלקער איז שטענדיג געוועזען פון עסטרייך בעטראַכט אַלס איהר קאָרידאָר נאָך אַזיען. דערפאַר האָט

אונגאַרן שטענדיג געמוזט ליגען אונטער די מאַכט פון עסטרייך, און זייענדיג ניט זעלבסטשטענדיג האָט זי געמוזט געהן וואָהין זי איז ענדליך געקומען. פון די 20 מיליאָן וואָס אונגאַרן האָט געצעהלט פאַר דער מלחמה האָט זי קוים געהאַט 8 מיליאָן. אייגענע און די רעשט, ד.ה. 12 מיליאָן, זיינען געוועזען פרעמדע. פון די 8 מיליאָן אייגענע זיינען 2½ מיליאָן געוועזען פאַנאַנדער געשפּריים אין די דיסטריקטען וואו די פרעמדע האָבען געבילדעט די מאַיאָריטעט. די פרעמדע עלעמענטען זיינען געוועזען אונטעראַנאַנדער פון אַ צאַנקענדער נאַטור וועלכע האָבען זיך נאָר געקאָנט צוזאַמענהאַלטען דורך געוואַלט. אין אונגאַרן זיינען גערעדט געוואָרען בערך 20 לשונות. די מיספערשטענדניסע פון אַזאַ בבל האָבען פיעל געהאָלפען דיעזע שווערע לאַגע נאָך שווערער צו מאַכען. ביי מלחמה ערקלעהרונג האָט זיך רומעניען געשטעלט אויף דער זייט פון אונגאַרנס געגנער ווייל זי האָט געזוכט פון אונגאַרן אָבצורייסען דעם טייל לאַנד אין וועלכען עס געפינען זיך קנאַפּע 6 מיליאָן רומעניער. דיעזער טייל בעטרעפט 82,348 □ מיילען. דאַפיר האָט אונגאַרן שטענדיג מורא געהאַט. זי האָט אויך געזעהן ווי די קראָאַטען, סלאַוועז, רוטענער, סערבען, און טשעכען זוכען די ערשטע געלעגענהייט זיך פון איהר לויזצורייסען. זי האָט זיי אַלע נויטיג ווייל, אַ יעדעס פון זיי האָט אַן איבערשוס פון די רויה־מאַטריאַלען וואָס זי האָט נייטיג פאַר איהרע אינדוסטריען. אונגאַרן אַליין, אָהן זיי, האָט קיינע ברעטער, קויהלען, מינעראַלען, זאַלץ, נאַטירליכען גאַז א.ד.ג. זי האָט אַלזאָ נויטיג געהאַט אַלע איהרע כחות זיי צוזאַמענצוהאַלטען. אַז ניט וואָלט אונטעגעהן איהר עקזיסטענץ. צו איהר אונגליק איז איהר מיליטער און איהר מארין געשטאַנען ניט אונטער איהר אייגענעם קאָנטראָל, נאָר אונטער די דיקטאַטור פון דעם עסטרייכשען קריעגס־מיניסטער. דער וועלט־קריעג האָט אַלעס געפאָדערט צום פראָנט. אינערליכע אומשטענדען זיינען געוואָרען פון צייט־צו־צייט ערענסטער און ערענסטער צוליעב די וואַקסענדע אונאָרדנונג וואָס אַ פאָרטזעצענדע מלחמה מוז פעראורזאַכען. די רעגיערער פון אונגאַרן האָבען דאָס אַלעס געזעהן אָבער, זיי האָבען געמוזט געהן מיט אָפענע אויגען צו זייער אָבגרונד.

אין 1916 איז דער קייזער פראַנץ יאָזעף געשט. קאַרל נעהמט איבער דעם טראָהן, ער שאַפט אָב פיעלע פון די אַלטע מיניסטאָרען און ערזעצט זיי מיט לייטע וועלכע ווילהעלם האָט איהם בעאיינפלוסט. קיין מיניסטעריום אָבער האַלט זיך פאַר אַ צייט, זיי געהען און קומען איינס נאָך דאָס אַנדערע ווייל, זיי זעהן אַז די אינערליכע רייסערייען זיינען שוין האָפנונגסלאָז. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען ביז גראַף קאַראָלי האָט געפונען אַז, דאָס איינציגע וואָס קען נאָך ראַטעווען אונגאַרן איז צו פּראָקלאַמירען אַ רעפּובליק.

אין יאַנואַר 1918 איז פאָלגענדעס פאָרגעלעזען געוואָרען אין דעם אונגאַרשען דעפּוטאַטען־הויז: —

1) פאַר דער מלחמה זיינען אין אונגאַרן געבוירען געוואָרען 765,000 קינדער, אין ערשטען יאָהר פון דער מלחמה זיינען די געבורטען קלוינער געוואָרען מיט 438,000 אַלזאָ, צוזאַמען האָט אונגאַרן פערלוירען דורך דער מלחמה 1,172·866 קינדער, אַחוץ וואָס זי האָט פערלוירען אין שלאַכט־פעלד.

2 פאַר דער מלחמה זיינען מענשען געשטאָרבען אין אונגאַרן אין פערלויף פון 7 יאָהר בלויז 34 פראָצענט פון די צאָהל פון געבורטען, און אין פערלויף פון דער מלחמה זיינען אין דער היים געשטאָרבען 50 פראָצענט

צוליעב הונגער און הונגער־קראַנקהייטען.

אין ערשטען און צווייטען יאָהר נאָך דער מלחמה האָט דאָס אונגאַרשע פאָלק (פּער קאָפּ) געלעבט אויף ¼ פונט ברויט אַ טאָג. גאַנצע פאַמיליען האָבען געוואוינט אין באַהנוואַגאָנען. שיקען די קינדער נאָך זופּ, צו די אַמעריקאַנער צדקה־אַנשטאַלטען, האָט מען נאָר געקאָנט שיקען איינס־נאָך־דעם אַנדערן ווייל איין סוט קליידער האָט געדיענט פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. אַן אַנצוג האָט געקאָסט 10,000 קראָנען, אַ העמד 600 קראָנען, אַ זאַטליכעס מאָהלצייט פון 150 ביז 200 קראָנען, אַ קוה 40,000 קראָנען.

פאַר דער מלחמה האָט זיך דאָס אונגאַרשע פאָלק געצעהלט 22,000,000; דערונטער זיינען געוועזען:

רומעניער	5,000,000
סלאַווען	6,000,000
סלאָוואַקען	2,000,000
בלייבט אונגאַרן	9,000,000

דאָס לאַנד איז געוועזען 109,216□מיילען.
רומעניען האָט אָבגעריסען 49,979□מיילען.
טשעכאָ־סלאָוואַקען 25,540□מיילען.
סערביען 15,829□מיילען.
בלייבט פאַר אונגאַרן 17,868□מיילען

דער אונגאַרשער סאָוויעט.

אין 1918 דריי טעג נאָכדעם ווי קעניג קאַרל האָט אַבדוצירט זיין טראָהן האָט גראַף קאַראָלי פּראָקלאַמירט אונגאַרן (אין 16טען נאָוועמבער) אַלס אַ זעלבסטשטענדיגע פאָלקסרעפּובליק. ער אַליין איז געבליבען אַלס דער ערשטער פּראָוויזאָרישער פּרעזידענט, מיט דער גאַראַנטיע פאַר פּרעס־און רייד־פרייהייט. ביידע פריהעריגע לעגיסלאַטיווע הייזער זיינען אָבגעשאַפט געוואָרען און אויף זייער שטעל איז ערעפענט געוואָרען אַ פּראָוויזאָרישעס פּאַרלאַמענט. דיעזעס פּאַרלאַמענט האָט זיך אויף פערפליכטעט צו עטאַבלירען ציוויל אַדמיניסטראַציע און צו פערטיילען דאָס לאַנד צו די פּויערים. אַ דיספּוט איבער די גרענצען צווישען רומעניען און אונגאַרן איז ענטשטאַנען צווישען די אַליערטע און אונגאַרן. קאַראָלי'ס מיניסטעריום האָט ניט געוואָלט נאָכגעבען און האָט בעסער רעזיגנירט. אין מערץ 22 פון 1919 איז אַ באָלשעוויסטישע גרופּע אונטערגעשפּרונגען און האָט פּראָקלאַמירט אַ "סאָוויעט רעפּובליק" מיט פאָלגענדע פערזאָהנען אַן דער שפּיצע: —

פּרעזידענט:	אַלעקסאַנדער גאַרבאַי
קאָמיסאַרען:	
פאַר אינערל. אַנגעלעג.	עוגען לאַנדלער
פאַר אויסערער אַנגעלעג.	בעלאַ קון
פאַר פינאַנצען	בעלאַ שעקעלי
פאַר אונטעריכט	זיגמונד קונפּו
פאַר אַגריקולטור	עוגמען האַמבורגער

די רעפּובליק האָט זיך אָרגאַניזירט מיט קאָמוניסטישע גרופּען אַלס באַזיס. קליינע קאָמונען זיינען רעגולירט געוואָרען פון אַ מאַגיסטראַט אין יעדער קאָמונע, גרעסערע דורך מוניציפּאַליטעטען, און אַלע צוזאַמען דורך דעם גרויסען סאָוויעט. דאָס רעכט צו שטימען האָט יעדער געהאַט וואָס איז געוועזען איבער 20 יאָהר אַלט און האָט בעצאָהלט אַלע זיינע טאַקסעס פאַר די לעצטע צוויי יאָהר.. די רעפּרעזענטאַנטען האָבען געדאַרפט געוועהלט ווערען אויף 6 יאָהר, דער סאָוויעט זאָל זיצען אין בודאַפּעסט און אין בודאַפּעסט מוז יעדער וועהלער קענען לעזען און שרייבען.

צוערשט זיינען אָבגעשאַפט געוואָרען אַלע טיטעל און פּריווילעגיען פון אַלע נאָבלע קלאַסען. אַ דיקטאַטור פון אַרבייטער איז פּראָקלאַמירט געוואָרען איבער גאַנץ אונגאַרן.

אַלע רעליגיעזע בעציהונגען זיינען פון שטאַאַט אָבגעשניטען געוואָרען. יעדע קאָמונע האָט זיך אונטערגענומען צו זאָרגען פאַר איהרע אָרימע, קראַנקע און יתומים. די הכנסה דאַפיר זאָל בעזאָרגט ווערען דורך אַן עקסטרא טאַקסע. פאַר דיעזען צוועק איז די רעליגיעזע קערפערשאַפטען געגעבען געוואָרען דאָס פריווילעגיום בייצושטייערען.

אינווענדיג איז אָבער דעם סאָוויעט געגאַנגען ניט גלאַנציג. דאָס פאָלק האָט זיך מיט דיעזע פלעצליכע איבערקעהרעניש ניט געקענט אַזוי לייכט איינלעבען. ניט דער אַרבייטער און ניט די פאַכטער האָבען דאָס געקענט פערטראָגען. די פויערים האָבען זיך האַרטנעקיג ענטזאַגט אָבצוגעבען זייערע פראָדוקטען פאַר די פאַפירענע געלד פון דעם סאָוויעט. די אַרבייטער האָבען אַלע געפאָדערט עגאַלע געצאָהלט אונגעאַכטעט אויב זיי האָבען פראָדוצירט דעם ווערטה פון זייער געצאָהלט. דער פרייז איז געשטעלט געוואָרען אויף 68 קראָנען פאַר אַן אַכטשטונדיגען אַרבייטסטאָג. דערצו האָט יעדער אַרבייטער געמוזט זיין אַ קאָמוניסט, אַנדערע האָט מען ענטזאַגט בעשעפטיגונג. דאָס האָט אויסגעשלאָסען אַ גרויסע צאָהל פון סאָציאַליסטישע אַרבייטער וואָס זיינען ניט געוועזען קאָמוניסטען. אַ שלעכטען אַרבייטער האָט מען ניט געטאָרט אָבשאַפען. די קאָסטען פון דער פראָדוקציאָן זיינען דאַדורך געשטיגען און דער פערקויפס־פרייז האָט געמוזט בלייבען שטעהן ווייל עס איז ניט געוועזען פון וועמען צו פאָדערן ווען אַלעס איז פעראָרמט געוואָרען. די וואָלפנער שיהכ־פאַבריק האָט געמוזט פערקויפען אַ פאָאָר שטיוועל פאַר 130 קראָנען וואָס האָט געקאָסט פאַבריצירען 225. די איינציגע קויהלען־מינע וואָס דער סאָוויעט האָט געקאָנט אָפּערירען האָט פערקליינערט איהר פראָדוקציאָן פון 400 וואַגען צו 150. די קאָסטען צו פראָדוצירען אַ 100 פונט קויהלען האָט דערפאַר געשטיגען צו 29 קראָנען און מען האָט דאָס געמוזט ליפערען אין בודאַפעסט צו די הויז פון פערברויכער פאַר 8 קראָנען. אַ לאָקאָמאָטיוו וואָס האָט פריהער געקאָסט צו מאַכען פאַר 150,000 קראָנען האָט אונטער דיעזע אומשטענדען געקאָסט אַ מיליאָן קראָנען. די גאַסען טראַמוויי וועלכע האָט אין 1918 געצאָהלט 5 מיליאָן קראָנען צו איהר אַקציאָנערען און 4 מיליאָן קראָנערס צו דער שטאָדט פאַר געברויכען די גאַסען, האָט אונטער דעם סאָוויעט געהאַט אַ דעפיציט אויף 250 מיליאָן אין פערלויף פון בלויז 3 מאָנאַט. די פרייזעס פון לעבענסמיטעל זיינען געשטיגען צוליעב דעם וואָס די פאַכטער האָבען ניט געוואָלט ליפערן. אין בודאַפעסט זיינען די פרייזען געוועזען:

אָקסען־פלייש	40 קראָנען אַ קילאָגראַם
שעפסענע	60 קראָנען אַ קילאָגראַם
אייער	8 קראָנען אַ שטיק
גריענס	10 קראָנען פער קילאָגראַם

צו בעאיינפלוסען די פויערים זיי זאָלען ליפערען זייערע פראָדוקטען אין די אינדוסטריעלע צענטרען האָט די רעגיערונג פראָבירט איינפיהרען אַן אויסטויש־סיסטעם. ד.ה. געבען די פויערים פראָדוקטען וואָס זיי האָבען נויטיג פאַר זייערע פראָדוקטען. פאַר אַ צייט האָבען די פויערים דעם פראָיעקט אָנגענומען, ווען אָבער זיי האָבען געזעהן אַז מען פאָדערט פון זיי:

6 אייער פאַר אַ פונט זאַלץ
1 חזיר פאַר אַ פאָאָר שיהך
1 יונג חזיר'ל פאַר אַ פונט טאַבאַק
1 ראָק פאַר אַן אָקס

האָבען זיי זיך אָבגעזאָגט פון די מציאות און זיי זיינען ווידער געבליבען הארטנעקיג. די געוועזענע נאָבעל-לייט פלעגען קומען צווישען זיי, איינרייידען אַז דאָס איז אַ יודישע רעגיערונג וואָס האָט צושטערט זייער גאַנצעס גליק, און אַז ווען זיי וועלען ניט ליפערען שפּייז צו דער יודישע רעגיערונג וועלען אַלע יודען אויסשטערבען. אַז ווען דער סאָוויעטישער קאָמיסאַר איז צו זיי געקומען מיט זיין אויסטויש מאַטריאַל האָבען זיי איהם בעגעגענד מיט שטיינער און קוילען. דערפאַר האָט בעלאַ קון גענומען געברויכען געוואַלט געגען די נאָבעל-לייט און געגען די פּויערים, און איידער עס איז איהם געלונגען עפּעס דאַדורך צו געווינען האָט רומעניען גענומען אויף איהם מאַרשירען אויף צוויי זייטען, די טשעכאָסלאָוואַקען אויף אַ דריטע זייט אויף בודאַפּעסט. דאָס האָבען זיי געטהון בעת לענין און טראָצקי האָבען דעם אונגאַרישען סאָוויעט אַנגעבאָטען ראַטה און טהאַט. אַזוי שנעל ווי די רומעניער האָבען זייער מאַרש אַנגעהויבען האָבען פּיעלע אונגאַרישע טרופּען זיך אַנגעשלאָסען אַן די רומעניער. די אַרבייטער זיינען מאָביליזירט געוואָרען צו פערטהיידיגען דעם סאָוויעט, אָבער זיי האָבען ניט געמאַכט קיין איין וויכטיגען ווידערשטאַנד און בעלאַ קון האָט זיך געפונען געצוואונגען צו פאָדערן אַ וואַפען-שטילשטאַנד און דאָס האָט ער בעקומען, אָבער, ווען ער האָט געהערט וואָס עס ווערט פון איהם געפאָדערט האָט ער בעסער בעשלאָסען צו ענטלויפען פון שלאַכטפעלד איידער זיך צו אונטערגעבען, און אַזוי איז דער סאָוויעט אין אונגאַרן אונטערגעגאַנגען.

הושארס רעגיערונג בעהויבטעט אַז די קאָמונע האָט געקאָסט דעם אונגאַרישען פאָלק 18,000,000,000 קראָנען און דאָס רומעניען האָט אַרויסגעפיהרט פון אונגאַרן פאַר 36,000,000,000 קראָנען סחורה.

דער פריעדענס-קאָנפערענץ האָט אַריינגעשיקט אַן אולטימאַטום צו רומעניען זי זאָל זיך צוריקציהען פון איהרע נייע אָקופּאַציעס אין אונגאַרן, זי זאָל ניט פערכאַפּען אונגאַרישעס אייגענטום וואָס געהער צו פרעמדע נאַציאָנען, און צו בעצאָהלען פאַר אַלעס וואָס זי קען ניט מעהר צוריקגעבען.

1919 יאַנואַר: — די אונגאַרישע רעגיערונג האָט אַריינגעשיקט אַ פּעטיציע צום פריעדענסקאָנפערענץ מען זאָל איהר פערלייכטערען די צרות פון דעם פריעדענסאָבמאַך, און אַז מען זאָל איהר ערלויבען אַן אַרמיי פון 60,000 שטאַט 30,000. זי דאַרף זיי האָבען צו בעקעמפען די באָלשעוויקען. — די אַלגעמיינע וואַהלען האָבען געוויזען אַז איבער 90 פּראָצענט זיינען ראָיאַליסטען. עס ווערט אָבער בעוויזען אַז אין דיעזער צייט זיינען געוועזען איבער 20,000 פּאָליטישע געפאַנגענע אונטער די קליינסטע פּרעטענציעס, און אַז דיעזע זיינען ניט בלויז באָלשעוויקעס נאָך אָפּילו אויך אַנטי-באָלשעוויקעס. די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט קיין אַנטייל גענומען ווייל זייערע קאַנדידאַטען זיינען אַרעסטירט געוואָרען. די בריטישע און פראַנצויזישע רעפּרעזענטאַנטען האָבען דיעזען פאַקט פאַרגעבראַכט צו פרעמיער הושאַר, וועלכער איז אַליין אַ פערדעכטיגטער ראָיאַליסט. — די אַליערטע האָבען דאַרויף געלאָזען וויסען אַז זיי וועלען ניט טאָלערירען קיין מאָנאַרכיע אין אונגאַרן.

די אַליערטע האָבען אויך געלאָזען וויסען אַז זיי וועלען אַנערקענען אַ רעגיערונג וואָס איז אויסגעוועהלט געוואָרען אויף פאָלגענדע קאָנדיציאָנען: —

1) דאָס אין דער צייט פון די וואַהלען זאָל דאָס לאַנד זיין אין אַ רוהיגען צושטאַנד.

2) דאָס די פּאָרלויפיגע גרענצען פון אונגאַרן זאָלען בעטראַכט ווערען פאַר דיעזע וואַהלען אַלס די ריכטיגע.

3) דאָס גלייכע רעכטע זאָל געגעבען ווערען צו אַלע בירגער.

4) עס זאָל זיין פּרעס־און־רײדע פריי־הייט.

5) די וואַהלען זאָלען אַנגעהן אָהן שטערונגען, און ריכטיג אויסגע־געפיהרט ווערען.

די אַליערטע האָבען בעשלאָסען צו פאָדערן פון אונגאַרן 18·000 מיליאָן קראָנען מלחמה שאַדען, דאָס איז אַ פינטער טייל וואָס עס ווערט געפאָדערט פון דעם גאַנצען אַמאָליגען עסטרייך־אונגאַרן. דיעזע סומע זאָל בע־צאָהלט ווערען אין גאָלד אין פערלויף פון 75 יאָהר.

1920. אין יאנואר 15 האָבען די אַליער־טע דערלאַנגט אונגאַרן אַן אָבמאַך צום אונ־טערשרייבען, מיט 15 טעג צייט זיך מישב צו זיין. לויט דיעזען אָבמאַך מוז אונגאַרן אָוועקלאָזען פיומע, און אַלע פּאָדערונגען אויף די פּראָווינצען וואָס זיינען אַוועקגע־נומען געוואָרען פון איטאַליען, רומעניען, יוגאָ־סלאַוויען, און די טשעכאָ־סלאָוואַקען. זי מוז רעספעקטירען די רעכטע פון אַלע מינאָריטעטען וואָס בלייבען וואוינען אין אונגאַרן. זי טאָר ניט האָבען מער ווי 35,000 סאָלדאַטען און קיין קאַנאָנען פון איבער 10 סענטימעטער קוילען.

די הינריכטונג פון קאָמונאַרען און זייע־רע סימפּאַטיזירער האָט דערגרייכט די צאָהל פון 5,000, די אַליערטע רעפּרעזענטאַנטען פון בודאַפּעסט האָבען זיך אַריינגעמישט גע־גען דעם, און די אונגאַרישע רעגיערונג האָט געגען זיי פּראָטעסטירט; זאָגענדיג אַז דאָס איז אונגאַרנס אינערליכע אַנגעלעגענהייט איבער וועלכע קיין אויסלענדישע רעגיערונג האָט אַ רעכט.

גראַף אַפּאָני, דער פאָרשטעהער פון די אונגאַרישע קאָמיסיע צו אונטערשרייבען דעם פריעדענס פערטראַג מיט די אַליערטע, האָט נאָך דעם ערשטען דורכבליק פון דעם פער־טראַג געזאָגט: — "אונגאַרן ווערט אויפגע־פאָדערט צו אונטערשרייבען אַ פערטראַג וועלכער מיינט אונגאַרנס טוידט־אורטייל. פיער מיליאָן אונגאַרן געהן אין גלות מיט די אָבגעשניטענע טיילען נאָרדליך, אָסטליך, און וועסטליך, איבערלאָזענדיג בלויז 6 מי־ליאָן אין אונגאַרן. אינוועענדיג בלייבען נאָך צוביסלעך רומעניער, סלאָוואַקען, סערביער און טראַנסילוואַניער וועלכע וועלען אונז ניט געבען קיין רוה. אויב די טשעכען, רומעניער און סערביער וועלכע זיינען פון אונז אָבגעריסען געוואָרען בלייבען צו אונז אַזוי פיינדליך ווי יעצט דאַן זיינען מיר אָהן לעבענסמיטעל און אָהן מאַטעריאַל פאַר אונ־זערע אינדוסטריען. מיר האָבען דורכגעלעבט אַ מלחמה ניט אַן אונזריגע, דורכגעלעבט צוויי רעוואָלוציאָנען פון וועלכע מיר זיינען נאָכניט אָבגערוהט, רומעניען איז אונז בע־פאַלען אין אונזער קראַנקהייט און האָט ביי אונז אַוועקגערויבט דעם הונגעריגען ביסען פון אונזער שטערבענדען פאָלק. אונזערע טיהרען זיינען אָפען געבליבען פאַר אַ יע־דען אונז צו בערויבען; דאָס אַלעס נאָך אַ בליהענדען־שטאַאט פון 1,000 יאָהר. מיר זיינען געבליבען מיט 27 לאָקאָמאָטיוועו, דייטשלאַנד און עסטרייך האָבען אונזערע גיטער, פאַכטען, און שפּייכלער אויסגעליי־דיגט, און יעצט קומט אויף אונז דער פריע־דענס־אָבמאַך — גאָט ווייסט וואָס עס וועט פון אונז ווערען".

ווען די אונגאַרשע צייטונגען האָבען דערהערט די קאָנדיציאָנען פון דעם פריעדענס־אָבמאַך וואָס אונגאַרן מוז אונטערשרייבען זיינען זיי אַלע אַרוים מיט שוואַרצע טרויערראַהמען, שוואַרצע פאָהנען זיינען אַרויסגעהאַנגען געוואָרען אין בודאַפּעסט, עס האָט זיך געפיהלט אַז אונגאַרן האָט געהאַט דעם קליינסטען טייל אין דער מלחמה און האָט צו ליידען די גרעסטע שטראָף.

אין יוני דעם 4טען האָט אונגאַרן אונטערשריבען דעם פריעדענס־אָבמאַך אין ווערסייל. צוויי וועלכע האָבען דעם אָבמאַך אונטערשריבען זיינען געוועזען אוגוסט בייגאַר און דראַשע לאַזאַר.

דער אינטערנאַציאָנאַלער באָיקאָט.

די שרעקליכע רדיפות אויף די קאָמונאַרען, אויף דעם אינטעליגענטען קלאַס, און אויף די יודען איבערהויבט, האָט געפיהרט דאַצו, דאָס די אַרבייטער קלאַסען פון דער גאַנצע ציוויליזירטע וועלט, האָבען ערקלעהרט אַ באָיקאָט געגען אונגאַרן. דאָס איז געטהון געוואָרען נאָכדעם ווי פערשיעדענע אַרבייטער רעפּרעזענטאַנטען זיינען געפאָהרען נאָך אונגאַרן, צו אונטערזוכען אויב די בעריכטען איבער דעם אונגאַרשען ווייסען טעראָר זיינען אמת. די רעגיערונג האָט צוגעגבען אַז דער ווייסער טעראָר עקזיסטירט, אָבער זי האָט נישט געוואָלט צוגעבען אַז זי איז שולדיג. גראַף אַפּאָני, אַ געוועזענער אונגאַרשער פּרעמיער, האָט אָבער די רעגיערונג יאָ געהאַלטען פעראַנטוואָרטליך. ער האָט אָנגעוויזען אויף דעם פּאַקט, אַז אַלע רציחות ווערען אויסגעפיהרט פון לייטע אין מיליטערישען מונדיר, אונטער דער קאָמאַנדאָ פון אָפיצירען. די אַנטיסעמיטען האָבען דיעזען באָיקאָט געבראַנדעט אַלס אַ יודישען באָיקאָט, און זיי האָבען געוועקט דאָס פאָלק צו נעהמען ראַכע פון די יודען פאַר דעם באָיקאָט. דער באָיקאָט איז בעשטאַנען דאַרין וואָס די אַרבייטער פון באַהנען און האַפענס האָבען זיך ענטזאַגט צו לאַדען אָדער אויסלאַדען סחורה וואָס איז געגאַנגען נאָך אונגאַרן. די טשעכאָ־סלאָוואַקען אָבער האָבען דעם באָיקאָט געבראָכען דערמיט וואָס זיי האָבען זיך ניט געוואָלט אַנשליסען. די רעגיערונג האָט רעזיגנירט אין 9טען יוני, זאָגענדיג אַז זי איז אונמעכטיג איינצושטעלען דעם ווייסען טעראָר. דעם 20טען יולי האָט טעלעקי געפאָדערט אַ נייעם מיניסטעריום. און אונטער דיעזען מיניסטעריום איז ענטדעקט געוואָרען אַ קאָנספּיראַציע וועלכע האָט געהאַט די אויפגאַבע 1) צו עטאַבלירען אַ מיליטערישען דיקטאַטאָר, 2) מיליטעריש צו בעזעצען יעדע באַהנ־סטאַנציע, 3) ענטוואַפענען די פּאָליציי, 4) קאָנפיסקירען דאָס אייגענטהום פון די יודען, 5) צו פערניכטען יודישע דרוקעריען און יודישע צייטונגען, **און אַן אַלגעמיינע אויסראָטונג פון די יודען**, ראַדיקאַלען און סאָציאַליסטען. דיעזע ענטדעקונג האָט געוויזען אַז דער ווייסער טעראָר אַרבייט אונטער דער קאָמאַנדאָ פון אַ קאָנספּיראַטיווע קערפּערשאַפט וועלכע רופט זיך: ”אויפוואַכענדע מאַדיאַרען”, בעשטעהענד פון געוועזענע אַקטיווע אָפיצירען פון דער אונגאַרישער אַרמיי, וועלכע זוכט דורך אַלע מיטעל אונמעגליך צו מאַכען פאַר אַ יעדער בירגער־רעגיערונג צו קאָנען עקזיסטירען, בכדי די מיליטערישע מאַכט זאָל קריעגען די לייטשעס אין די הענד. דער באָיקאָט האָט אָבער געפיהרט צו אַ אינערליכע בעסערונג. ניט קענענדיג צו עקספּאָרטירען זייערע פעלד־פּראָדוקטען, האָבען די פּויערים געמוזט פערקויפען זייערע פּראָדוקטען ביליגער אין לאַנד. דאָס האָט דערפרעהט דאָס הונגריגע אונגאַרשע פאָלק און עס האָט דערפאַר גענומען סימפּאַטיזירען מיט די טעראָריס־

טען.

אין יולי האָט זיך אָנגעהויבען דער פּראָ־צעס פון די קאָמונאַרען. דר. פּעטער אַגאָס־טאָן, דער געהילף צו בעלאַ קון מיט 9 חברים זיינען די ערשטע פאַרגעבראַכט גע־וואָרען. די אָנגעקלאָגטע האָבען געבעטען אַ פערשיעבונג פון פּראָצעס ביז די אַליערטע רעפּרעזענטאַנטען וועלען אָנקומען אין בור־דאַפּעסט, דאַרויף האָט דער פּראָקוראָר גע־ענטפערט אַז ענגלאַנד ענטזאָגט צו שיקען **אירגענד וועלכען, און דאָס די יונייטעד** סטייטס האָט גאָרניט געענטפערט אויף דער **ביטע. דער ריכטער שטעקער אַלס דער ריכטער־פּרעזידענט, האָט איינגעאָרדערט אַז** דער פּראָצעס זאָל געפיהרט ווערען פאַר אַ קריעגס־טריבונאַל און האָט ענטזאָגט אַ ביטע פאַר אַ ציוויל־פּראָצעס. פופצעהן קאָ־מונאַרען זיינען ענטלאָפען פון אונטער אַרעסט.

1920 יולי, האָט דער אַמעריקאַנער נאַציאָ־נאַל־מאַסאָניק (פריימויערער) ליעג פּראָ־טעסטירט געגען די אונגאַרישע רעגיערונג פאַר פערפאָלגען די פריימויערער פון אונ־גאַרן און פאַר שליעסען פריימויערשע פער־זאַמלונגען.

יודישע געשיכטע אין אונגאַרן.

ווען די ערשטע יודען האָבען איינגעוואַנ־דערט אין אונגאַרן ווייסט מען ניט אויף קלאָהר. לעגענדען זאָגען אַז נאָך ווען רוים האָט געהערשט איבער דיעזע געגענד זיינען שוין יודען דאָרט געוועזען תושבים. דאָס ערשטע היסטאָרישע דאָקומענט וואָס דער־מאָנט יודען אין אונגאַרן איז, אַ בריעף וואָס חסדאי אבן שפּרוט האָט געשריבען צו דעם כאַזאַרען (ז.ד.) קעניג יוסף אין יאָהר 960 **יצר.. די פערפאָלגונג פון די יודען אין** בעהמען האָט פיעלע פון זיי געבראַכט נאָך אונגאַרן, פיעלע פון דיעזע זיינען געוועזען רייכע לייט, און אַז זיי האָבען זיך גלייך גענומען צום האַנדעל קען מען זעהן פון דעם געזעץ וואָס קעניג קאָלמאַן האָט אַרויס־געלאָזען צו רעגולירען דעם האַנדעל צווי־שען יודען און קריסטען. איינער פון די פּאַראַגראַפען לויטעט:—"אויב אַ יוד באָרגט געלד צו אַ קריסט, אָדער אַ קריסט צו אַ יודען, מוז דאָס געטהון ווערען אין דער געגענוואָרט פון עדות".

וועגען די ספרדישע יהודים אין אונגאַרן ווערט בעריכטעט אַז זיי זיינען דאָרטהין געקומען אין די צייטען ווען אונגאַרן איז נאָך געלעגען אונטער דער טירקישער הער־שאַפט. זיי האָבען זיך געהאַלטען אָבגעזונ־דערט פון די אַשכנזים, און זיך אַפילו מיט זיי ניט געוואָלט משדך זיין. זייער ערשטע ערשיינונג איז געוועזען אין טעמעסוואַר, וואו עס געפינט זיך נאָך היינט אַ זייעריגער בית־עלמין מיט מצבות פון יאָהר 1636. זיי שיינען צו האָבען געשטאַנען אין אַ פערטרוי־ענסווערטען שטאַנד ווען גראַף וואַלאַס, דער קאָמאַנדאַנט, האָט זיי ערלויבט צו וואוינען אין די פעסטונג. די אַשכנז'שע יודען האָט ער דאָס ניט ערלויבט. דער בעקאַנטער ליטע־ראַט אַדאָלף אַגאַי שטאַמט פון זיי.

1092 בעשליעסט דער סינאָד אין שאַבאָלטש, אַז יודען טאָרען ניט נעהמען קריסט־ליכע ווייבער, ווי אויך ניט האַלטען קריסטליכע דיענסטען.

1096 אין פריהלינג זיינען די קרייץ־ציגער צום ערשטענמאָל אָנגעקומען אין אונ־גאַרן. 15,000 ווילדעס פאָלק, אונטער די לייטונג פון וואַלטער און פּעטער האָבען אויף זייער וועג נאָך ירושלים, דאָ געזוכט מעהר רעקרוטען, פּראָווי־יאַנט און געוועהר. אין זימאָני האָט דער בורגאָמייסטער זיי ניט בעהאַנ־

דעלט ווי זיי האָבען ערוואַרטעט האָ־
בען זיי גענומען די שטאָדט פּלינדערן
און בערויבען. אַ קאַמף איז דאַדורך
ענטשטאַנען, 4,000 פון די איינוואוינער
זיינען געפאַלען טוידט און קוים 400
פון די קרייץ־ציגער. דער גרעסטער
טייל פון די אונגליקליכע איינוואוינער
זיינען געווען יודען.

1222 לאָזט קעניג אַנדריאַ II אַרויס אַ בע־
פעהל אַז אַלע יודען וועלכע האָבען
בעקומען גרויסע עמטער אין זיין
רעגיערונג מוזען פון זייערע עמטער
צוריקטרעטען.

1226 פערדינגט דערזעלבער קעניג די קע־
ניגליכע איינאַהמע צו יודישע פינאַנ־
ציערע. דאָס האָט אַרויסגערופען גרויסע
פּראָטעסטען מצד די קאַטאָליקען. דער
פּאַבסט האָט געסטראַשעט צו לייגען
איהם אין חרם אַריין, ער האָט געמוזט
דעם פּאַבסט פערשפּרעכען אַז ער וועט
אַזוינס ניט מעהר טהון, דאָס ער וועט
אויך צווינגען די יודען צו טראָגען
אויסנאַהמס־צייכען אַז זיי זיינען יו־
דען, און זיי צו פערביעטען פון
האַלטען קריסטליכע שקלאַפען.

1240 האָט דער קעניג בעלאַ דער פיערטער
אַנגעשטעלט יודישע הויכע בעאַמטע,
אַ יוד מיט דעם נאָמען הענול איז
געווען הויף־מייסטער, וועלפעל און
זיינע זיהן אַלטמאַן און ניקאָל זיינען
געווען די האַלטער פון שלאָס קאָ־
מעראָם, אַ יוד האָט געהאַלטען די
מינץ פאַבריק, און פון יענער צייט
געפינט זיך נאָך היינט אונגאַרישע מינ־
צען מיט העברעישע אויפשריפטען.

1251 האָט דערזעלבער קעניג געגעבען יודען
געוויסע פּריווילעגיען וועלכע זיי האָ־
בען געהאַלטען ביז דעם מאַהאַקען
קריעג.

1279 האָט דער סינאָד, אונטער וולאַדיסלאַוו
דעם פיערטען, בעפוילען אַז: 1)
יעדער יוד מוז טראָגען אַ רויטע לאַ־
טע אויף דער לינקע זייט פון זיין
אויבעראָק, 2) דאָס יעדער קריסט וואָס
וועט זיך שטעלען אין בעציהונג מיט
אַ יודען וואָס טראָגט ניט אַזאַ לאַטע,
אָדער וואָס וועט וואוינען צוזאַמען
מיט אַזאַ יודען, זאָל ניט ערלויבט
ווערען צו קומען בעטען אין קירכע.

1293 קעניג אַדריאַן III פּראָקלאַמירט אַז
די יודען פון פּרעסבורג זאָלען גע־
ניעסען גלייכע רעכטע מיט אַלע ביר־
גער.

1349 אַלס די שוואַרצע מגפה האָט זיך פער־
שפּרייט האָט מען די יודען חושד
געווען אַז זיי האָבען איהר געבר־
ראַכט, און מען האָט זיי דערפאַר פון
אונגאַרן פערטריבען.

1352 האָט קעניג לודוויג בעפוילען אַז אַלע
יודען וואָס ווילען זיך ניט שמד'ן
זאָלען פערלאָזען אונגאַרן, אַז זיי מע־
גען מיט זיך מיטנעהמען זייער פער־
מעגען. פיעלע האָבען אויס מורא
אויסגעוואַנדערט נאָך פּוילען וואו זיי
זיינען אויפגענומען געוואָרען פון קע־
ניג קאַזשימיערזש צוליעב זיין יו־
דישע פרוי עסטערקאַ. דער בעפעהל
איז אָבער פון קעניג לודוויג קיינמאָל
נישט דורכגעפיהרט געוואָרען ווייל,
פיעלע פון די יודען זיינען געשטאַ־
נען אונטער דעם שוץ פון אונגאַרישע
מאַגנאַטען.

1360 האָט לואיס דער גרויסער זיי ווידער
געגעבען געוויסע פּריוויליגיען, פאַר
שוץ־געלד.

1436 האָט זיגיזמונד געגעבען די יודען פון

אונגאַרן אַן אויטאָנאָמיע פאַר זייערע
אינערליכע אַנגעלעגנהייטען. זיי האָ־
בען אייגענע דיספּוטען געמעגט צווי־
שען זיך אויסגלייכען אָהן די צושטי־
מונג פון די רעגירונג יוסטיץ. זיך
דאַרויף שטיצענדיג האָבען די ענט־
לאָפענע יודען, און אויך פיעלע פון
די אַרומיגע לענדער געקומען פאָהרען
נאָך אונגאַרן, ספּעציעל נאָך פּרעסבורג
און אַהין וואו די יודישע קהלות
זיינען שוין געוועזען בעדייטענד
גרויס.

1438 הערצאָג אַלברעכט, זעהענדיג דאָס גוטע
וואָס די יודען שאַפען פאַר אונגאַרן
צוליעב דער געגעבענע פרייהייט, קאָ־
פירט ער דאָסזעלבע פאַר די יודען
וואָס זיינען געוועזען אונטער זיין
שוץ. אין ביידע פעלע האָבען די
יודען געצאָהלט שוץ־געלד פאַר די גע־
געבענע רעכט.

1452 האָט דער נייער קעניג מאַטיאַס, זיך
געהייסען צאָהלען יעהרליך 20,000
דוקאַטען שוץ־געלד פאַר די אויטאָנאָ־
מישע רעכטע וואָס זיין פאָטער זיגיז־
מונד האָט זיי געגעבען.

1490 מיט דעם טוידט פון מאַטיאַס איז דאָס
יודישע גליק אונטערגעגאַנגען, רויב
און מאָרד האָבען זיך ווידער גענומען
פיהלען איבער זייערע קעפּ, זיין טראָנ־
פאָלגער וולאַדיסלאַוו II האָט שוין
ניט געקענט איינהאַלטען די פּערדער־
בענדע כחות וועלכע האָבען אָנגעהוי־
בען בושעווען באַלד נאָך מאַטיאַס
טוידט. אויבוואויל ער האָט בעשטע־
טיגט די יודישע אויטאָנאָמיע האָט ער
זי דאָך ניט געקענט שיצען און זי
איז געבליבען בלויז אַ לעבלאָזעס דאָ־
קומענט.

1494 האָט אונטער דיעזען קעניג שטאַטגע־
פונדען דער ערשטער עלילת־דם אין
טוראַני. צוועלף יודען מיט 2 יודי־
שע פרויען האָט מען געפּייניגט זיי
זאָלען זיך מודה זיין אין אַ פערברע־
כען דאָס זיי האָבען גע'הרג'ט אַ
קריסטליך קינד. מען האָט דיעזע
אומגליקליכע ענדליך פערברענט און
אַלע יודען פון טיראַני אויף שטענדיג
אַרויסגעטריבען.

1496 זיינען די יודען פון אָפען בעפאַלען
געוואָרען אין דער געגענוואַרט פון
קעניג און די מאַגנאַטען, זייער הייזער
זיינען בעפאַלען געוואָרען און זייער
אינהאַלט בערויבט און פערניכטעט.
דער קראַוואַל האָט געדויערט איניגע
טעג איידער דאָס מיליטער האָט דאָס
פעבעל פאַנאַנדערגעטריבען.

1512 האָבען די יודען פון אונגאַרן אַפּע־
לירט נאָך שוץ פון קייזער מאַקסימי־
ליאַן. מיט די ערלויבניש פון וולאַ־
דיסלאַוו האָט מאַקסימיליאַן די פּע־
טיציע אָנגענומען.

1526 אַלס די טירקען האָבען בעזיעגט די
אונגאַרן, און גע'הרג'ט דעם קעניג
לואיס II, זיינען די רעשט פון דער
קעניגליכע פאַמיליע ענטלאָפען; דער
סולטאַן סולייימאַן איז טריאומפירענד
אַריין אין דער הויבט־שטאָדט אָפען
און, נאָכדעם ווי די יודען האָבען
איהם איבערגעגעבען אַלעס וואָס זיי
האָבען נאָר געהאַט, האָט ער בעפוילען
אַז אַלע אידען, איבער 2,000 אין
צאָהל, זאָלען פערשיקט און צושפּרייט
ווערען צווישען די טירקישע שטעדט.

די אַלמנה פון גע'הרג'טען קעניג
איז שטאַרק ברוגז געוואָרען אויף די
יודען וואָס האָבען ניט געקעמפט גע־

גען די טירקען און זי האָט דערפאַר אויפגעמונטערט די שנאה צו יודען, דאָס פאָלק האָט גענומען טרייבען די יודען פון פרעסבורג, אײדענבורג און אַנדערע שטעדט.

1529 בכדי פטור צו ווערען פון די יודישע חובות האָבען די בעאַמטע פון באַזין אַרויסגעבראַכט אַן עלילת־דם און זיך גענומען פייניגען יודען זיי זאָלען דעם בלבול בעשטעטיגען. דער יודישער שטאָדטהאַלטער האָט פּראָטעסטירט, און אַזוי האָבען אויך געטהון אַלע יודען פון אונגאַרן, עס האָט אָבער נישטס גע־האָלפען. די אונגליקליכע געפייניגטע האָט מען צום סוף פערברענט, און די איבריגע יודען פון באַזין אַרויסגע־יאָגט.

1541 דער טירקישער סולטאַן סולײמאַן נעהמט די שטאָדט אָפען, האַלט איהר ביז 1686, און בעהאַנדעלט די דאָרטיגע יודען פיעל בעסער אַלס זיי זיינען געוועזען אונטער די אונגאַרען.

1594 צוליעב אַן אינערליכע מרידה האָט דער פעלד־מאַרשאַל פּאַסטאַ בעזעצט די שטאָדט קלויזענבערג, זיין גרעסטע העלדענטהאַט איז געוועזען וואָס ער האָט אויסגע׳הרג׳ט אַלע יודען. אַזוי האָט אויך געטהון וואָיוואָדין מיכאַיל מיט אַלע יודען אין דער וואַלאַכאַי בעת ער האָט בעשטיגען דעם טראָהן.

1671 זיינען די יודען פערטריבען געוואָרען פון גאַנץ אונגאַרען.

1686 ווען די אונגאַרן האָבען די שטאָדט אָפען צוריקגענומען פון סולײמאַן האָבען זיי פיעלע פון די דאָרטיגע יודען אויסגעקוילעט און די רעשט פערקויפט אַלס שקלאַפען. די אונגאַר־שע יודען האָבען געמוזט צאָהלען דאָפּעלטע מלחמה־טאַקסעס, און דערצו נאָך בעקומען נייע גזרות אין זייער עקאָנאָמישען לעבען.

1735 אַ צענזוס איז גענומען געוואָרן איבער די יודען אין אונגאַרן, און זייער צאָהל איז געוועזען 11621, פון וועלכע אַ דריטער טייל זיינען געוועזען אונ־גאַריש, און די רעשט מאָראַוויער, פּוילישע, און בעהמישע. דער גרעסטער טייל האָט זיך בעשעפטיגט מיט האַנדעל דאַן זיינען פון זיי געוועזען: 164 שניידער, 203 בראַנפען ברענער, 150 שענקער, 59 קצבים.

1744 האָט מאַריאַ טהערעזיאַ אַרויסגעלאָזען אַן עדיקט, אַז די יודען אין אונגאַרן ווערען נאָר געדולדיגט אָבער, זיי האָ־בען קיין רעכט. פאַר דיזע גנאָדע דאַרף יעדער יוד צאָהלען צוויי פלאָרין קאָפּ־שטייער יעהרליך.

1766 האָט דיזעלבע קעניגין פערבאָטען צו שמד׳ן אַ יודיש קינד אָהן די ערלויב־ניש פון זיינע עלטערן.

1781 מיט זיין אויפטריט אַלס קעניג פון אונגאַרן האָט פראַנץ יאָזעף דער II אָבגעשאַפט אַלע געזעצע וואָס האָבען אונטערדריקט די יודען; אַפילו אויך די וועלכע זיין מוטער מאַריאַ טע־רעזיאַ האָט איינגעפיהרט. דאָס זעהט זיך קלאָהר אויס זיין געזעץ גענאַנט:
“Agentis Judaicae regulatio“
וועלכעס פערביעט צו שרייבען אויף יודיש אָדער אויף העברעיש, אַחוץ תפלות אין דער שוהל. פאָדערט אַז אַ יעדער יוד זאָל זיך אויסלערנען די לאַנדס־שפּראַך אין פערלויף פון צוויי יאָהר. אַז יעדער רב זאָל בעקאַנט־מאַכען אין דער שוהל אַלע קעניגליכע

בעפעהלע אין בעצוג צו די יודען. די יודישע חדרים זאָלען לערנען בלויז אויף די לאַנדס־שפּראַך. די שוהל־בי־כער זאָלען זיין דיזעלבע וואָס זיינען אין די פאָלקס־שוהלען. יעדער אויסדרוק וואָס קומט פאָהר אין יענע ביכער צו גונסטען פון קריסטענטום זאָלען אויס־געלאָזען ווערען. ביז עס זיינען געשאַפען געוואָרען ריכטיגע קאָמפּעטענטע יודישע לעהרער זאָלען אין די יודישע חדרים לערנען קריסטליכע לעהרער. אַבער זיי זאָלען ניט לערנען מיט די יודישע קינדער רעליגיאָן. ווען אַ יוד וועט קענען בעווייזען אַז ער האָט געלערנט אין אַזאַ שוהלע פאַר 10 יאָהר וועט איהם ערלויבט ווערען זיך צו עטאַ־בעלירען אין וועלכען געשעפטס־צווייג עס געלוסט זיך איהם. יודען איז ערלויבט צו שטודירען אין יעדער אַקאַדעמיע אָדער אוניווערזיטעט. ער מעג שטודירען וואָס ער וויל נאָר ניט טעאָלאָגיע. יודען מעגען אויך פאַכטען גיטער נאָר זיי מוזען דיעזע גיטער אַליין בעאַרבייטען אָהן די הילפע פון קריסטען. אַלע צייכענס וואָס זיי פלעגען פריהער מוזען טראָגען אויף זייערע קליידער זיינען דורך דיזען געזעץ אָבגעשאַפט געוואָרען. זיי מוזען זיך קליידען ווי די ניט־יודען.

שפּעטער ערלויבט ער זיי אויך צו טראָגען בערד, בעפעהלט זיי זיך אויס־צוקלייבען דייטשע נעמען, און ענדליך דאָס זיי זאָלען איינטרעטען אין דעם מיליטער־דיענסט גלייך מיט אַלע.

1790 נאָך יאָזעף׳ס טוידט האָבען די בעאַמטע פון טירנאַו בעפוילען די יודען זאָלען פערלאָזען די שטאָדט, די יודען האָבען געמאַכט אַ פּעטיציע צו דער רעגיערונג און די רעגיערונג האָט געלאָזט וויסען אַז דער קייזער יאָזעף׳ס געזעצע בלייבען שטעהען ווי פריהער, און דאָס די יודען קענען ניט געשטערט ווערען אין זערע פרייהייטען.

פון דיעזע צייטען אָן האָבען די יודען זיך גענומען פעראונגאַריזירען. מאָריץ בלאָך האָט איבערגעזעצט תורת־משה אין דער אונגאַרשע שפּראַך און מאָריץ ראָזענטאַל דעם תהלים און די פּרקי אָבות. איניגע רבנים האָבען זיך אויך גלייך גענומען דרשנען אין דער אונגאַרשע שפּראַך.

1868 אין דעצעמבער פון דיעזען יאָהר האָבען די יודען פון אונגאַרן אָב־געהאַלטען זייער ערשטען קאָנגרעס.

1871 ר׳ יוסף פּעטוואָס, דער גרויסער יודי־שער פּאַטריאָט איז געשטאָרבען. יודען און ניט־יודען האָבען געצאָהלט כבוד צו זיין לויה.

1880 האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטאַרקע אַנטיסעמיטישע בעוועגונג. די רעגיע־רונג האָט פערבאָטען איניגע סטודענ־טען־פערזאַמלונגען וועלכע האָבען גע־האַט דעם צוועק אויפצוהעצען דאָס פאָלק געגען די יודען. אין בודאַפּעס־טער לאַנד־טאַג האָט דער אַנטיסעמיט איסטאָטשי פאָרגעליגט אַז די רעגיע־רונג זאָל שיקען אַלע יודען נאָך ארץ ישראל.

1882 אַן עלילת־דם האָט שטאַטגעפינדען אין טישאַ עסלאַר (ז.ד.), די שענדליכסטע טהאַט וואָס אונגאַרן האָט אַמאָל אויפ־געטהון אין דער וועלט (ז. "עלילת־דם")

1883 האָט דאָס אויבערע הויז פון אונגאַרשן פּאַרלאַמענט אַריינגעשיקט אַן אַקט אין אונטערען הויז, צו ערלויבען פאַר יודען געמישטע הייראַט. אין די

וואַהלען פון זעלבען יאָהר האָבען די אַנטיסעמיטען געוואונען 21 פּלעצער און האָבען צום ערשטען מאָל דאָרט געבילדעט אַן אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי פאַר זיך.

1900 דער אַנטיסעמיט איסטאָטשי, וועלכער האָט אָנגעפיהרט דעם דערמאָנטען עלילת־דם, האָט אַנאָנסירט אַז ער געהט אָר־גאַניזירען אַ ציוניסטישע פּאַרטיי וואָס זאָל בעשטעהן פון בלויז אַנטיסעמי־טישע מיטגליעדער, וועלכע זאָל אַר־בייטען האַנד־אין־האַנד מיט די יודי־שע ציוניסטען וואָס ווילען אַרויס־נעהמען די יודען פון אונגאַרן. דיזער האָט שוין אין יוני פון 1878 געהאַט פאָרגעשלאָגען צו דער עסטרייך־אונ־גאַרשע רעגיערונג זי זאָל די יודען שיקען נאָך ארץ־ישראל אויף שטאַאַטס קאָסטען.

1902 אין אונגאַרשען פּאַרלאַמענט זיינען אין דיעזען יאָהר אַריין 20 יודישע דעפּוטאַטען. צווישען זיי איז געוועזען דר. יוליוס ראָזענבערג וועלכער האָט אין יענע וואַהלען געשלאָגען דעם עקס־פּרעמיער טישאַ, אין דער דיסטריקט אַברודבאַניאַ.

1910 באַראָן באַנפּי, געוועזענער פּרעמיער, קריטיקירט ביטערליך די יודישע דע־פּוטאַטען וואָס שטיצען דאָס מיניס־טעריום פון פּרעמיער קוהען, אַ מיניס־טעריום וואָס האָט עפנטליך ערקלעהרט אַז דער פּאַראַגראַף 20 פון אַקט 1848 גיט אַלעמען רעליגיאָנס־פריזהייט נאָר ניט יודען. ער בעגרייפט ניט וויאַזוי יודען קענען שטיצען די אַנטיסעמיטען

1913 אין בודאַפּעסט האָט דער פערבאַנד וואָס רעפּרעזענטירט איבער 18,000 סוחרים פּראָטעסטירט געגען רוסלאַנדס ברוטאַ־לע האַנדלונג געגען די יודען. דער פּראָטעסט איז פון דער עסטרייכ־אונ־גאַרשע רעגיערונג איבערגעגעבען גע־וואָרען צום רוסישען צאַר, און דער צאַר האָט איהם צוריקגעשיקט.

1914 האָט דאָס דעפּוטאַטען־הויז דורכגע־פיהרט אַ געזעץ אַז, די יודען וואָס האַלטען שבת, טאָרען נישט אָפּענהאַל־טען זייערע געשעפטען א גאַנצען טאָג זונטאָג.— די רעגיערונג עפענט אַן אָבטיילונג צום ראַבינער סעמינאַר וואו עס זאָלען שטודירען קאַנטאָרען און דר. יאָזעף באַנאָטש איז אָנגעשטעלט געוואָרען אַלס דירעקטאָר. אין פּרענצי איז פאָרגעקומען אַן עלילת־דם געגען די דאָרטיגע יודען.— אין בודאַפּעסט ווערט געפייערט דער הונדערט־יעהרי־גער געבורטסטאָג פון עדואַרד האָרן, אַ געריהמטער יודישער שטאַאַטסמאַן אין אונגאַרן.— די רעגיערונג גיט צושטייער 400,000 קראָנער אויף צו בויען אַ יודישעס גימנאַזיום.— די אונגאַרשע אַקאַדעמיע דער וויסענשאַפט בעשטימט איגנאַץ גאָלדציהער זאָל זיי רעפּרעזענטירען אויף דעם קאָנגרעס אין פּעטערסבורג. ווייל די רוסישע רעגיערונג האָט איהם געגעבען אַן ערלויבניש צו קומען נאָך רוסלאַנד אַלס אַ גנאַדע, האָט ער זיך ענטזאַגט דעם כבוד און האָט רעזיגנירט דיעזען אַמט. פיעלע עכט־אונגאַרשע צייטונגען האָבען איהם דערפאַר זעהר געלויבט.

1915 אין יולי איז אָבגעברענט געוואָרען דאָס הויז אין וועלכען ר׳ עקיבה אַיגר איז געבוירען געוואָרען אין אייזענ־שטאַט. פּרינץ עסטערהאַזי האָט גע־געבען צו די יודען אַ שטיק לאַנד צו אויפבויען אַ שוהלע, דערמיט צו

ערזעצען דעם שאָדען פון דעם אָבגעב-
רענטעג הויז.

1916 אין מאַי האָבען די יודען פון אונגאַרן
געפייערט דעם 25טען יאָהר פון זייער
עמאַנציפּאַציע. די רעגיערונג דעפּאָר-
טירט אַלע גאַליציאַנער יודען וואָס
זיינען זיך דאָרט אַנגעלאָפען פון די
מלחמה־פראָנטען.

1917 אין סאַטאָראַליאַ האָבען די זשאַנדאַרען
אַרעסטירט פיעלע יודען אין גאַס, און
אין די שוהלען אינמיטען דאַווענען
זיי אַנצוקלאָגען פאַר פּראָפיטירונג.
דער ריכטער האָט זיי אַלע פרייגעש-
פּראָכען. די יודישע דעפּוטאַטען האָבען
פּראָטעסטירט דאַגעגען, גראַף שעכעני
האָט דאַרויף געענטפערט אַז דער בע-
פעהל אַזוי צו טהון איז געגעבען
געוואָרען פון העכערע אויטאָריטעטען,
אַז ער האָט אַלס אַ פּראָטעסט רעזיגנירט

1919 פּרעמיער פריעדריך האָט פערשפּראָכען
צו די אַנטיסעמיטען אַז ער וועט זאָר-
גען אַז אונגאַרן זאָל בלייבען אַ ריין
קריסטליך לאַנד. באַלד נאָכדעם פּאָלגען
כסדר פּאָגראָמען איבער פּאָגראָמען. אין
טאָלנאַ אַזאָראַ איז אַנגעקומען אַ
מאַיאָר מיט סאָלדאַטען, ער האָט אַלע
איינוואוינער צוזאַמענגערופען אויפ׳ן
מאַרק און זיי אויפגעפאָדערט איהם
צו העלפען אויס׳הרגנען אָדער אַרוי-
טרייבען די יודען פון דאָרט. ער אַליין
איז אַרוים צו ווייזען וויאַזוי זיי
זאָלען איהם נאָכטהון. אין אַ קליינע
צייט אַרום זיינען אַלע יודען אַרויס
געבראַכט געוואָרען אויף דעם פּלאַץ,
וואו מען האָט זיי געפּייניגט מיט אַלע
מעגליכע ברוטאַליטעט. די וואָס זיינען
ניט געשטאָרבען אונטער די קלעפּ האָט
מען הונגריג און נאַקעט אַרויסגעטריבן

ווען די רציחות זיינען שוין דערגאַנ-
גען אין דער עפענטליכקייט האָט די
רעגיערונג אַרויסגעלאָזען אַ בקשה צו
די פּאָגראָמשטשיקעס זיי זאָלען אויפ-
הערען זייער אַרבייט. 3000 יודען
זיינען שוין דעמאָלט געוועזען טוידט
דורך די צוואווילדעטע בעסטיעס.

דער פּראָטעסט פון די יודען אין
וויען האָט אָנגעוויזען דער אונגאַרשע
רעגיערונג אַז מיט אַזעלכע פּאָגראָמען
טרייבט זי יודען אין לאַגער פון די
באָלשעוויקעס. די אַליערטע קאָמיסיע
אין אונגאַרן האָט אויפגעפאָדערט די
רעגיערונג צו קומען צו אַ פּשרה מיט
די יודען. דער בילדונגס מיניסטער
הושאַר האָט כלומר׳שט פערופען איי-
ניגע יודישע פאָהרשטעהער און זיי
אָנגעבאָטען צו בילדען אַ ספּעציעלען
מיניסטער פאַר יודישע אַנגעלעגענ-
הייטען. צו דערזעלבע צייט האָט ער
אויסגעשלאָסען די יודישע סטודענטען
פון די העכערע קלאַסען, און אויף די
אונגאַרשע גרענצען זיינען יודישע עמי-
גראַנטען פון אונגאַרשע זשאַנדאַרען
געשלאָגען און בערויבט געוואָרען.

אין קאַפּאָסוואַר האָט שטאַטגע-
פינדען אַ פּאָגראָם וואו עס זיינען 60
יודען געשלאָגען און בערויבט געוואָ-
רען, אין אָטטיסלאָוו זיינען 20 יודען
גע׳הרגט און פערקריפּעלט געוואָרען.
צודערזעלבע צייט האָט מען אין בו-
דאַפּעסט עפענטליך געפּרעדיגט מען זאָל
די יודען הרגנען. די בעאַמטע זוכן
כלומר׳שט וואָפען און ברעכען אַריין
אין די יודישע הייזער צו רויבען און
צו שלאָגען. די פּאָגראָמען האָבען זיך
צופלאַקערט נאָך אַלע זייטען, די יודי-
שע דעפּוטאַטען האָבען געפאָדערט דער

מיניסטער זאָל ענערגיש אונטערדריקען די פּאָגראָמען און צו מאַכען יעדע מוניציפּאַליטעט צאָהלען צו די ליידענדע פאַר זייער שאָדען. די ציוניסטען מאַכען אַן אויפרוף צו די יונגע־לייט און 10,000 געוועזענע יודישע סאָלדאַטען האָבען זיך אָרגאַניזירט אַ זעלבסט־שוץ אונטער דעם קאָמאַנדאָ פון דר. ישראל ראַפּאָפּאָרט, אַ בעוואוסטער ציוניסטישער פיהרער און אַרצט. די אָרגאַניזאַטאָרען האָבען זיך געווענדעט צו די אַליערטע און צו די אונגאַרישע רעגיערונג נאָך מאָראַלישע הילפע. די אונגאַרישע רעגיערונג האָט זיי אויך גלייך פערשפּראָכען אַז עס וועט ניט זיין קיין פּאָגראָמען אַבער די פּאָגראָמען געהען אָן ווייטער. ערקע, דער שפּייז־מיניסטער האָט געראַטהען אַלע קריסטען אַרויסצוציהען זייערע געלדער פון די יודישע באַנקען ווייל די יודען וועלען קירצליך אַרויס געטריבען ווערען פון אונגאַרן. אויף יעדע פערזאַמלונג שרייט מען ”נידער מיט די יודען!” אפילו דער יודענפריינדליכער גראַף אַנדראַסי גיט צו אַז דאָס פאָלק איז צושטאַרק אויפגערעגט געגען די יודען צוליעב דער קאָמוניסטישע רעוואָלוציע, אין וועלכע איניגע יודען האָבען געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע. די רעגי. גאַזעט שרייבט אַז די מאַגיאַרען וועלען קיינמאָל ניט זיין זיכער מיט זיך ביז די יודען וועלען אַרונטערגעזעצט ווערען פון יעדע וויכטיגע ראָלע.

אינזעלבען מאָנאַט האָבען זיך די הוליגאַנעם גענומען פערניכטען אַלע יודישע צייטונגען, זייערע דרוקערייען און מעבעל. וועהרענד די פּאָליציי האָט פּראָבירט די הוליגאַנעם פאַנאַנדער צו טרייבען, האָבען זיי געשאָסען און געוואונדעט פיעלע מענשען שרייענדיג ”נידער מיט די יודען!”.

אין וואַלד פון אַרגאָוואַני האָט מען געפונען 18 טוידטע יודישע קערפּער. ניט ווייט פון דאָרט האָט די אַמעריקאַנער אונטערזוכונגס־קאָמיטע געטראָפען 162 יודישע טוידטע קערפּער הענגען אויף ביימער. נעבען לאַיאָסמיטשע האָט מען פון אַ באַהנ־צוג אַרויסגעשלעפּט 4 יודישע פּאַסאַזשירען און זיי אויפגעהאָנגען. די רעגיערונג האָט פערבאָטען צו פערעפענטליכען אַזעלכע רעפּאָרטען. די וויענער ”אַרבייטער צייטונג” דרוקט אָפיציעלע בעריכטען וואָס בעווייזען אז אין דעם קאָמיטאַט קעטשעמענט וואו פּאָגראָמען זיינען פאָרגעקומען האָט די רעגיערונג געהאַט ווייסע זשאַנדאַרען, בעקאָנטע מערדער אַלס בעשיצער פון דיעזען קאָמיטאַט. אין דער שטאָדט פּייפּאַ זיינען 26 סאָציאַל־דעמאָקראַטען ערמאָרדעט געוואָרען אין דעוועסקער זיינען 24 ארעסטירט און ערמאָרדעט געוואָרען. די אַרמיי הרגט ניט בלויז פּראָליטאַריער, נאָר אויך רייכע, הויבטזעכליך יודען, ווי אויך בעריהמטע סאָציאַליסטען, געלעהרטע, פּראָפעסאָרען און אינצווישען זיי אויך דעם בודאַפּעסטער דאָקטאָ־דעסידער גאָדעי.

1920 די רעגיערונג האָט זיך גענומען פערצייכנען אַלע ליטעראַרישע און קינסטלערישע ווערק וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען פון יודען, אַפילו איבער ניט־יודישע זאַכען. דער צוועק דערפון איז בעקאָנט געמאַכט געוואָרען פון דעם שטאַאַטס סעקרעטער האַללער, צוריקצוהאַלטען די יודישע טהעטיגקייטען פון דער עפענטליכקייט. ”די יודען”

זאָגט ער, "זיינען בלויז 4 פּראָצ. אין אונג. און זיי טאָרען נישט קומען אין דער עפענטליכקייט מיט מעהר אַלס דיעזער פּראָצענט. אַפילו די 60% יודישע סטודענטען מוזען פּראָפּאָרציאָנעל רעדוצירט ווערען.

אין קעטשעמענג האָט אַ לייטענאַנט אַרעסטירט 51 יודען אונטער דער אַנקלאַגע אַז זיי זיינען באָלשעוויקעס. אַביסעל שפּעטער האָט מען געפינען אַ טייל פון זיי טוידט, זייערע טאַשען אויסגעלעדיגט, און די רעשט ווייסט מען נישט וואו זיי זיינען אַהין געקומען.

קאַרל הושאַר, דער נייער פּרעמיער, האָט אין אַ ריידע געזאָגט: אונגאַרן מוז בלייבען קריסטליך. די יודען מעגען זיך זיין גוטע בירגער אַבער, עס מוז ניט פערגעסען ווערען אַז צווישען די באָלשעוויקעס וועלכע האָבען אונטערגעבראָכען די אונגאַרישע רעגירונג זיינען געוועזען פיעלע יודען. עס וועט די יודען פיעל בעסער זיין זיך נישט צו מישען אין די אַנגעלעגענהייטען פון דעם קריסטליכען אונגאַרן.

1920 אין יולי האָט קאַרל הושאַר בעזוכט אַמעריקאַ אום צו דאָרט צו געווינען די סימפּאַטיע פון דעם אַמעריקאַנער פאַר די אונגאַרישע אינטערעסען. די פּעדערייש‍יאָן פון אונגאַרישע יודען אין אַמעריקאַ, אונטער דעם פאָרזיץ פון דר. שמואל ביכלער, האָט פערהינדערט קאַרל הושאַר צו גערעכטפערטיגען דעם ווייסען טעראָר אין די אויגען פון דעם פרייען אַמעריקאַנער פאָלק. אינדעם וואָס זי האָט זיך געווענדעט צו דער רעגירונג מיט דעם פערלאַנג צו דעפּאָרטירען דעם אונגאַרישען פּרעמיער פאַר זיינע מעשים רעים געגען די יודען אין אונגאַרן. אַלע סענאַטאָרען, גאָווערנאָרס א.ז.וו. זיינען אינפאָרמירט געוואָרען וועגען הושאַרס אויפפיהרונג אין אונגאַרן, פאָדערענדיג דעם עקס פּרעמיער גלייך צו פערלאָזען אַמעריקאַ. אַהיים קומענדיג אין אונגאַרן האָט הושאַר ערקלעהרט: "אַמעריקאַ איז איינשטימיג געגען יודען־פערפאָלגונג איך רעקאָמענדיר אַ קריעג־געריכט פאַר יודען־פערפאָלגער".

גראַף אַפּאָני האָט געלייקענט אַז די יודען ווערען פערפאָלגט דערפאַר ווייל זיי זיינען יודען, נאָר ווייל זיי שטופּען זיך אין פראָנט. דאָס אונגאַרישע פאָלק וויל דאָס ניט ליידען.

אין בודאַפּעסט האָבען זיך די יודישע געלעהרטע פעראייניגט מיט איניגע קאַפּיטאַליסטען צו שאַפען אַ יודישע קולטור פאַר זיך פאַר דער צייט וואָס זיי ווערען פון איבעראַל אַרויסגעוואָרפען. דאָס דאָרטיגע יודישע האָספּיטאַל איז פון די אַרויסגעוואָרפענע סטודענטען בעלאַגערט געוואָרען פאָדערענדיג הילפע ווייטער פאָרטצוזעצען זייערע שטודיען. יודען האָבען צוזאַמענגעקליבען 4,000,000 קראָנער צו שאַפען אַ יודישע אוניווערזיטעט. עס איז בעשלאָסען געוואָרען אַז אַלע לעהרער און די לעהרען זאָלען זיין יודישע. עס ווערט בעהויבטעט אַז 90 פּראָצ. פון די וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען וואָס ווערען געמאַכט אין אונגאַרן קומען דורך יודישע הענד.

אַפּעליערענדיג נאָך נדבות פאַר אונגאַרן האָט דער אַנטיסעמיטישער פּרעמיער הושאַר צוגעגעבען אַז די יודען געבען זייער טייל.

די צייטונג "אַבענד" וואָרנט יודען

אַז כלומר׳שט זוכענדיג פּאַספּאָרטען ביי די יודישע רייזענדע ווערען זיי געפּלינדערט און בערויבט פון די בעאַמטע. זיי ווערען איינפאַך פערשטעקט אין געפענגניס דאָרט צו וואַרטען ביז מען זאָל זיי בערויבען.— אַדמיראַל האָרטי מיט זיין קאָמאַנדאָ זוכט קאָמוניסטען און געפינט פרומע און רייכע יודען וועלכע ער מאַטערט צום טוידט בלויז זיי צו בערויבען. זיי שענדען יודישע פרויען און מיידלעך, און ווערען נישט בעשטראָפט.

די "טיימס" מעלדעט וועגען אַן ערפאָלגרייכע ריידע וואָס דער יודישער דעפּוטאַט פאַול סאַנדאָר האָט געהאַלטען אין אונגאַרישען פּאַרלאַמענט ווען ער האָט בעוויזען אַז: די יודען אַלס אַ מיטעל־קלאַס, האָבען פון דער קאָמוניסטישער רעגיערונג ניט געקאָנט ליידען וועניגער אַלס די ניט־יודישע אונגאַרישע ברידער זייערע; אַז פאַר דער גאַנצער צייט וואָס די יודען געפינען זיך אין אונגאַרן האָבען זיי שטענדיג געהאָלפען דאָס גאַנצע פאָלק אין זיין ענטוויקלען זיך פון זיין באַרבאַרישען לאַגער ביז צו אַ מאָדערנעם קולטור־שטאַאַט; דאָס אויב די יודען זיינען פּראָמינענט אין קאָמערץ איז עס נאָר דערפאַר ווייל די אונגאַרישע מאַגנאַטען האָבען בעטראַכט דעם האַנדעל אַלס אַ נידריגע בעשעפטיגונג; און ענדליך אַז, עס איז געפעהרליך צו מאַכען ליידען אַ גאַנצעס פאָלק פאַר די זינד פון איינצעלנע.

אין הײמאַסקער, האָבען איינינע שיכור׳ע אָפיצירען אַרעסטירט 10 יודישע יונגע פרויען און מיידלעך, זיי אין געפענגניס געשענדעט, און יעדע וועלכע האָט געלייסטעט ווידערשטאַנד האָבען זיי געשלאָגען ביז אונמאַכט. אַ יוד, נאַמענס בערנער, איז פיהרענדיג אין געפענגניס, געשאָסען געוואָרען אויף טוידט און בערויבט פון זיינע 40,000 קראָנער. אַן אונטערזוכונג האָט אַרויסגעבראַכט אַז, פון יעדער פּאַרטיי אַרעסטאַנטען ווערען צפּאָר אויף דעם וועג געשאָסען אונטער אַ בלבול אַז זיי האָבען פּרובירט צו ענטלויפען.

די צייטונג "אַבענד" רעפּאָרטירט אַז אין באָניהאַד, טאָלמער דיסטריקט, האָט אַדמיראַל האָרטיס קאָמאַנדאָ דעם ערשטען טאָג פּסח אַרומגערינגעלט די שוהל, אַ סאָלדאַט איז אַריין און האָט די מתפּללים אָבגעשטעלט, באַלד דערנאָך זיינען אַריין נאָך איינינע סאָלדאַטען און האָבען גענומען ברעכען יודישע קעפּ. אַ קראַנקען יודען פון עטליכע דרייסיג יאָהר האָבען זיי איינפאַך אָבגעשניטען דעם קאָפּ. צוויי קריסטליכע פאָרשטעהער פון דער קירכע זיינען געקומען פּראָטעסטירען האָבען זיי אויך בעקומען אַ פּסק.— גראַף זיצ׳יש פון יאַנאַשאַזאַ האָט אויפגעפּאָדערט אַז די גאַנצע פאַמיליע פון דעם יוד שמעון קעמאָני זאָל פאַר איהם ערשיינען, און ווי נאָר ער האָט איהם דערזעהן האָט ער איהם גלייך דערשטאָכען, און בעת די עלענדע פאַמיליע איז געלעגען איבער דעם בלוטענדען קערפּער האָט דער מערדער געטאַנצט פאַר שמחה זאָגענדיג: יודישעס בלוט שמעקט זיעס.

אין יוני איז קאָל. וועדזשוואוד, אַ מיטגליעד פון ענגלישען פּאַרלאַמענט צוריקגעקומען פון אונגאַרן, אַז מען האָט איהם געפרעגט וואָס ער דענקט וועגען די יודישע לאַגע אין אונגאַרן זאָגט ער: איך וואָלט ניט געוואָלט זיין

אַ יוד אין אונגאַרן.

אין אַפּריל האָבען די אוקראַאינישע קאַזאַקען געפּלינדערט די שטאָדט מונ־קאַטש, דער יודישער זעבלסט־שוץ איז אַרוים מיט די אונגאַרישע סאַלדאַטען געגען זיי און זיי האָבען געקעמפּט ביז די קאַזאַקען זיינען פערטריבען געוואָ־רען.— אַ פעראיין פון קאַטאָליקען, פּראָטעסטאַנטען און יודען האָבען אַרויסגעלאָזען אַ מאַניפעסט צו אַלע רעליגיעזע סעקטעס, אַוועקצולייגען אַלע צווייסטיגקייטען צווישען זיך און אָנהויבען אַ נייעס לעבען.

אין 7טען מאַי האָבען די יודען פון ישאַק, אָרגאָוואַני, קוסקונמאַישאַ, פּו־לאָפּשאַלאַס, און קעקסמענט בעקומען אַ בעפעהל צו פערלאָזען דיעזע שטעדט אין 24 שטונדען, אונגעהאָרכזאַמקייט זאָל בעשטראָפט ווערען מיט טוידט. באַלד נאָך די ענטלאַסונג פון דיעזען בעפעהל, נאָך איידער די 24 שטונדען זיינען פאָריבער, האָט מען שוין גענו־מען שלעפען יודען אין די מאַרקטען, מען האָט זיי בערויבט און געשלאָגען אָהן רחמנות. אין קיסקונמאַישאַ האָט מען אויסגעשטעלט די יודען אין 2 רייהען, זיי דערלאַנגט בייטשען און זיי געצוואונגען זיך צו שלאָגען איינער דעם אַנדערן. די וואָס האָבען אַזוי ניט געוואָלט טהון זיינען פון די סאָלדאַטען געשלאָגען געוואָרען ביז זיי האָבען געפאָלגט.

1921 אין יוני האָט גראַף יוליוס אַנדראַסי זיך אָנגעשלאָסען אין דער קריסטליכע פּאַרטיי דאַביי זאָגענדיג: "איך וואָרן אַלע מיטגליעדער פון אונזער פּאַרטיי נישט צו בעשמוצען דאָס קריסטענטום, דורך פערפאָלגונגען פון פערזאָהנען וועלכע זיינען פערדעכטיגט אַלס סימ־פּאַטיזירער פון באָלשעוויזם. דער אַנ־טיסעמיטיזמוס האָט נישט קיין פּלאַץ אויף אַ קריסטליכע פּלאַטפאָרמע.

קעניגע איבער אונגאַרן :

997 סטעפאַן דער זוהן פון געיזאַ
1038 פּעטער דער דייטש. קעניג, אָבגעשאַפט
1041 אָוועז
1044 פּעטער צוריק אויפגענומען און ענדליך אויסגעשטאָכען זיינע אויגען.
1047 אַנדריען דער ערשטער אָבגעשאַפט
1061 בעלאַ I געהרגט דורך אַן אונגליק.
1064 סאַלאַמאָן, זוהן פון אַנדריען.
1075 געיסאַ I זוהן פון בעלאַ
1077 וולאַדיסלאַוו דער ערשטער.
1095 קאָלאָמאַן זוהן פון געיסאַ.
1114 סטעפאַן II
1131 בעלאַ II זיינע אויגען אויסגעשטכען.
1141 געיסאַ II
1161 סטעפאַן III
1173 בעלאַ III
1196 עמעריק
1204 וולאַדיסלאַוו IIהערשט 6 מאָנאַטען.
1205 אַנדריען II
1235 בעלאַ דער פיערטער
1270 סטעפאַן דער פיערטער
1272 וולאַדיסלאַוו דער דריטער געהרגט.
1290 אַנדריען דער דריטער
1301 ווענצעסלאַוו פון בעהמען
1305 אָטאָ פון בייערען, אַבדוצירט.
1309 קאַרל ראָבערט
1342 לואיס פון פּוילען
1385 קאַרל דוראַצאָ
1382 אַמאַליאַ
1387 זיגיזמונד און מאַריאַ.
1392 זיגיזמונד פון בעהמען
1437 אַלבערט פון בעהמען און דייטשלאַנד
1439 עליזאַבעט זיין ווייב
1440 וולאַדיסלאַוו פון פּוילען, געהרגט
1444 קיין הערשער
1445 יאָהאַן הוניאַדעס
1458 וולאַדיסלאַוו דער פינפטער.
1458 מאַטיאַס קאָווינוס, זוהן פון הוניאַדעס
1490 וולאַדיסלאַוו דער 6טער פון פּוילען.
1516 לואיס II פון בעהמען
1526 יאָהאַן זאַפּאָלסקי
1540 פערדינאַנד I קעניג פון בעהמען
1563 מאַקסימיליאַן
1572 רודאָלף זיין זוהן.
1608 מאַטיאַס II זיין ברודער
1618 פערדינאַנד II
1625 פערדינאַנד III זיין זוהן

1647 פערדינאַנד דער פיערטער
1655 לעאָפּאָלד
1687 יאָזעף.
1712 קאַרל דער 4טער פון דייטשלאַנד.
1741 מאַריאַ טהערעזיאַ זיין טאָכטער
1780 יאָזעף דער 2טער איהר זוהן
1790 לעאָפּאָלד
1792 פראַנץ דער 1טער פון עסטרייך.
1835 פערדינאַנד דער 5טער פון עסטרייך.
1848 פראַנץ יאָזעף.
1917 קאַרל פערטריבען
1918 סאָוויעט
1919 רעפּובליק

די לעצט גענאַנטע רעפּובליק איז אייגענטליך דער רעזשים פון "ווייסען טעראָר" (ז.ד.) אונטער דער אייזערנע האַנד פון אַדמיראַל ניקאָלאַס האָרטי, צו וועמענס שאַנד אַלע די אויבען־דערמאָנטע פּאָגראָמען מעגען פערצייכענט ווערען. אַ רעפּובליק לפּנים און אַ צאַריזם אין דער טהאַט. אזוי זאָגען זיינע אייגענע לאַנדסלייט. אונטער דער עסטרייך־אונגאַרישע מאָנאַרכיע האָט אַזאַ דעספּאָטיע קיינמאָל געהערשט.

קאַרלס שטאַאַטס־שטריך

די ביטערע לאַגע פון דעם אונגאַרשען פאָלק נאָך דער מלחמה האָט דאָס פאָלק געמאַכט בענגען נאָך די גליקליכע צייט ווען אונגאַרן איז געשטאַנען אונטער דעם קעניגליכען רעזשים. די ראָיאַליסטישע פּאַרטיי וועלכע האָט געשטיצט אַדמיראַל האָרטי צו ווערען רעגענט, האָט דאָס געטהון בתנאַי אַז האָרטי זאָל האַלטען די אונגאַרשע קרויהן פאַר קאַרלס וועגען. די צייטונגען פלעגען אָפט דאָס דייטליך בעקאַנטמאַכען. די אַליערטע גרויס־מעכטע האָבען דערפאַר בעקאַנטגעמאַכט אַז זיי וועלען נישט צולאָזען אַ "האַבסבורגער" צו דער אונגאַרישע קרויהן. קאַרל האָט דאַדורך זיין האָפנונג שוין געהאַט אויפגעגעבען, האָט זיך אָבער אָבגעשפּיגעלט אַ סצענע אין גריכענלאַנד קאָנסטאַנטין, דער אָבגעזעצטער קעניג פון גריכענלאַנד איז טראָץ דעם ווילען פון די וועלכע האָט איהם אויפּס ניי אויפגעלעבט.

אַלירטע גרויס־מעכטע, צוריק אַרוף אויף זיין טראָהן וועלכען ער האָט אין דער מלחמה־צייט געמוזט פערלאָזען. קאַרל האָט געזעהן אַז קאָנסטאַנטין האָט זיך נישט אָבגעשראָקען פון די אַלירטע סטראַשונקעס און איז דאָך געבליבען ביי זיין קרויהן. דאָס האָט קאַרל'ן געוועקט צו פאָלגען דעם ביישפּיעל און ער האָט געוואַגט צו שפּיעלען אַן עהנליכען אַקט, רעכענענדיג אויף די שטיצע פון זיין פּאַרטיי.

די רומעניער, מיט די טשעכאָ־סלאָוואַקען און די יוגאָ־סלאַווען האָבען זיך דערוף גערעכט זיי האָבען מורא אַז אַזאַ שריט וועט אויך ברענגען קייזער ווילהעלם צו זיין קרויהן, דאָס וואָלט אונזיכער מאַכען זייער עקזיסטענץ זיי האָבען זיך דערפאַר פעראייניגט איינצושרייטען אין אונגאַרן אַזוישנעל ווי קאַרל וועט אַרוף אויף דער מלוכה. די קאַרליסטען האָבען דאָס געוואוסט און זיי האָבען קאַרל'ן געוואָרנט דאָס נישט צו וואַגען ביי דיעזער צייט, קאַרל האָט אָבער אויף זייער עצה נישט געהערט און ער איז ערשינען אין שטיינעמאַנגער דעם 27טען מערץ, דאָרט האָט ער געטראָפען זיין טרייעסטען פריינד גענעראַל לעהאַר אין קאָמאַנד איבער 100,000 מאַן, אַבער דער רעגענט האָרטי האָט שוין פריהער אויסגעלייגט די אַרסענאַלען בכדי דעם שטאַאַטס־שטריך ערפאָלג־לאָז צומאַכען. קאַרל איז גלייך אַוועק נאָך בודאַפּעסט צו זיין פּאַלאַסט וואו האָרטי האָט זיך געפונען. האָרטי האָט איהם פריהער נישט געוואָלט זעהען. שפּעטער איז ער צו איהם אַרויס און איהם געוואָרנט ער זאָל גלייך אַוועק נאָך דער שווייץ. דער קאַרדינאַל יאָהאַן טשערנאָך האָט זיך ביי איהם געבעטען ער זאָל דאָס טהון נאָך איידער די וועלט וועט דערפון געוואָר. קאַרל האָט קיינעם נישט געהאָרכט. ער האָט אַוועקגעשיקט גראַף אַנדראַסי צום פראַנצויזישען אַמבאַסאַדאָר איהם בעטען הילף צו בעשטייגען דעם טראָהן.

דיעזער האָט זיך דאָס גלייך ענטזאַגט צו טהון און קאַרל האָט איהם דערפאַר געאָרדערט צו פערלאָזען אונגאַרן.

קאַרל האָט געהערט אַז רומעניען, טשעכאָסלאָוואַקיאַ, און די יוגאָ־סלאַווען האָבען שוין אַריבערמאַרשירט די אונגאַרישע גרענצען, איז ער איינגעגאַנגען אויף אַ פשרה, אַז ער פאָהרט אַוועק אַלס דער לעגאַלער קעניג פון אונגאַרן. פריהער האָט זיך געהערט אַז ער איז קראַנק און ער קאָן נישט אָבפאָהרען, שפּעטער איז ער אַוועק נאַך דער שווייץ, און די אונגאַרישע רעגיערונג האָט געלאָזט וויסען דער וועלט אַז קאַרל איז איהר לעגאַלער קעניג וועלכער איז יעצט אין גלות ביז זיין פאַסענדע צייט וועט קומען זיך צוריקצוקעהרען. קאַרל איז אין אונגאַרן געוועזען 10 טעג. זיין בעזוך אין בודאַפּעסט האָט געדויערט אַ פּאָאָר שטונדען, זיין דיספּוט מיט האָרטי האָט גענומען דריי שטונדען. אין 15טען אַפּריל האָט ער בעקומען פון האָרטי אַן איינפאַכען בעפעהל צו פערלאָזען אונגאַרן.

אַפּאָאָר מאָנאַט שפּעטער מאַכט קאַרל אַ צווייטען פערזוך צו פערכאַפּען דעם טראָהן. ער איז דיעזעס מאָל נאָך ערגער דורכגעפאַלען ווי פריהער. ער איז ענדליך פערשיקט געוואָרען מיט זיין פאַמיליע נאָך מאַדריד, וואו ער איז געשטאָרבען אין, מערץ פון 1922.

אין אָנהויב פון 1921 האָט דער רוסישער סאָוויעט אַריינגעשיקט צו האָרטי אַ נאָטע אַז, אין רוסלאַנד זיינען פאַראַן אונגאַרישע געפאַנגענע פון דעם נאָבלען קלאַס, און אַז ווען די אונגאַרישע רעגיערונג וועט נישט אויפהערען רוידפ'ן די סאָציאַליסטען אין אונגאַרן, וועט רוסלאַנד שטעלען דיעזע געפאַנגענע צו דעם קריעגס־טריבונאַל און פאָדערען זיי זאָלען צאָהלען מיט זייער לעבען.

אונגאַרישע ליטעראַטור. די אונגאַרישע ליטעראַטור טיילט זיך אין 4 פעריאָדען. די ערשטע גרייכט ביז דער רעפאָרמאַציע פון 1520 די צווייטע ביז דעם דורכפאַל פון דער אונגאַרישע רעוואָלוציאָן געגען עסטרייך; די דריטע איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען: דער "שטילשטאַנד" און גרייכט ביז 1711; און ענדליך די לעצטע ביז אויף דעם הייניגען טאָג.

די ערשטע איז זעהר אָרים, בלויז אַ הספד "Halotti Beszed" פון אָנהויב פון דריטען יאָהר־הונדערט איז איבערגעבליבען, און ביז יעצט איז נישט מעהר פון יענער צייט ענטדעקט געוואָרען. פון 14טען יאָהר־הונדערט איז לעצטענס ענטדעקט געוואָרען אַן אונגרישעס ווערטער־בוך אין עסטרייך, אַבער אויך דאָס האָט נישט ליטעראַרישעס אין זיך. ביז 1450 זיינען פערפאַסט געוואָרען 56 קירכענפּאָעמען וועלכע שילאַדי האָט צוזאַמענגעקליבען. קוים 12 פון זיי זיינען אָריגינאַלע, די רעשט זיינען איבערזעצונגען, און פאַר דער ליטעראַטור זעהר אונוויכטיג. וואַרום די ערשטע פעריאָדע זאָל זיין אַזוי אָרים, זאָגט דר. עמיל רייך, ערקלעהרט זיך פון דעם פאַקט דאָס אַלע שפּראַכען פון דיעזער גרופּע האָבען קולטיווירט אַ מינדליכע ליטעראַטור. זיי פלעגען פאָרזינגען און פאָרטראָגען זייערע פערפאַסונגען, איבער זייערע העלדען און זייערע העראָען.

די צווייטע פעריאָדע איז ענטשטאַנען דורך דאָס אויפשטייגען פון דעם פּראָטעסטאַנטיזם געגען דעם הערשענדען קאַטאָליציזם. דאָס איז געוועזען אַ קאַמף מיט אַ פּאָליטישען מאָטיוו, אַרויסצורייסען די פּאָליטישע מאַכט פון דעם פּאַבסטס הענד. דער פּאַבסט האָט זיך אין דיעזען קאַמף געוועהרט דורך די קעניגע וועלכע האָבען געהאַלטען מיט איהם. און איינער פון דיעזע איז געוועזען דער אונגאַרישער קעניג מאַטיאַס קאָרווינוס, וועלכער האָט געהערשט

צווישען די יאָהרען 1490—1458.

דיעזער קעניג האָט איינגעלאַדען איטאַליענישע שרייבער און קינסטלער. צווישען זיי זיינען געקומען: אַנטאָן באָנפיני, מאַרציאָ גאַלאָטאָ, פּעטער ראַנזאַנוס, טאַדעוס אוגאָלעטוס,באַרטאָלינוס פּאָנטיוס, פעליקס פון ראַגוסאַ א.ז.וו., דיעזע צוזאַמען מיט דעם אונגאַרשען געלעהרטען יאָהאַן געסינג האָבען גענומען אַריינפיהרען לעבען אין דעם אונגאַרישען בעוואוסטזיין. אַ נייע אוניווערזיטעט איז געעפענט געוואָרען אין פּאָשאָני, דער קעניג האָט געשענקט אַ ביליאָטעק, אַ דרוקעריי איז געעפענט געוואָרען אין בודאַפּעסט (1473). דעם קעניגס זיעגע געגען די הוסיטען, טירקען און עסטרייכער האָבען אַרויסגערופען אַ צאָהל פון ענטהוזיאַסטישע אונבעקאַנטע פּאָעטען, און צוליעב דעם וואָס דער קעניג אַליין (אַ הוניאַד) איז אויך געוועזען אַ פּאָעט, האָט מען די דעמאָלט געבוירענע פּאָעטען גערופען מיט דעם נאָמען: "די הוניאַדען".

דער לוטעראַניזמוס, קאַלוואַניזמוס אַנאַבאַפּטיזמוס און דער אוניטאַריאַניזמוס האָבען זיך שטאַרק גענומען בעווייזען אין אונגאַרן דורך די דייטשע שריפטליכע פּראָפּאַגאַנדאַ־ווערק. באַלד דאַרויף האָט פּעטער יוהאַש דער פיהרער פון די קאַלוויניסטען, און מאַטיאַס בירא, דער פיהרער פון די לוטעראַנער גענומען פּרעדיגען אויף אונגאַריש; שרייבער פון ביידע צדדים האָבען גענומען אונטערשטיצען זייערע פּרעדיגער מיט שריפטען אין דער אונגאַרישער שפּראַך, די ביבעל איז איבערזעצט געוואָרען פון קאַספּאַר קאַראָלי און איז געדרוקט געוואָרען אין ווישאָלי. איבער אַ הונדערט פּאָעטען זיינען ערשינען אין דיעזען יאָהר־הונדערט איינער נאָך דעם אַנדערען, אַלע בעגייסטערט דורך דער ביבעל, און אין יאָהר 1550 איז ערשינען די ערשטע אונגאַרשע דראַמאַ געשריבען פון מיכאַיל שטאַראַי, אונטער דעם נאָמען "A papok hazassa" ="די חתונה פון אַ גלח". אינצווישען זיינען ערשינען דידאַקטישע ליעדער, סאַרקאַזמען געגען דעם קאַטאָליציזמוס, און איבערזעצונגען פון פערשיעדענע פאַבלען; געריימטע געשיכטען אויס דער ביבעל, אויס דער אונגאַרישע געשיכטע און אויס דעם אונגאַרישען לעבען. אין 1554 איז ערשינען דאָס בעסטע ווערק פון יענער צייט אויס דער פעדער פון סעבאַסטיאַן טינאָדי, אַ פּאָעטישעס ווערק מיט אַ מוזיקאַלישע בעגלייטונג, נאָך יעצט ווערטהפאָל צוליעב די געטריייע שילדערונגען פון דעם אונגאַרישען לעבען אויס יענער צייט. צווישען 1538—1574 זיינען ערשינען אַ גרויסע צאָהל נאָוועלען איבערזעצט פון דייטש און לאַטיין, סילוועסטער האָט ביי יענער צייט געשריבען די ערשטע אונגאַרישע גראַמאַטיק און גאַבריעל פּעסטי אין 1538 אַ קורצעס אונגאַרישעס ווערטער־בוך. אין 1588 האָט יאָהאַן דעטשי אַרויסגעגעבען 5000 אונגאַרישע שפּריכ־ווערטער, און אין 1575 האָט קאַספּאַר העלטאַי אַרויסגעגעבען די ערשטע "וועלט־קראָניק".

אין 17טען יאָהר־הונדערט, ווען אונגאַרן איז געפאַלען דריי־פירטעל אונטער דעם טירקישען יאָך, און איז געשטאַנען אין קאַמף מיט עסטרייך איבער דאָס לעצטע פירטעל האָט די ליטעראַטור געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּע געלעגענהייט צו מאַכען וועלכען ס'איז פּאָרטשריט. דער איינציגער קלאַס וואָס איז ביי יענער צייט געבליבען אונגעשטערט איז געוועזען דער יעזואיטען קלאַס. זיי ווידער האָבען געפיהרט זייערע שוהלען און שטודיען אין דער לאַטיינישער שפּראַך. אַזוי האָבען זיי געלייטעט די אוניווערזיטעטען פון נאַדזשישאָמבאַט, קאַססאַ, און בודאַ. דאָס פאָלק גופא האָט דעמאָלט געקראָגען קיין לעבענדיגע בילדונג, און זייער אינטעליגענץ איז פּשוט ווי איינגעשלאָפען.

אַ גרויסען איינפלוס אויף דער אונגאַרישע ליטעראַטור האָט געהאַט קאַרדינאַל פּאַזמאַני וועלכער האָט געלעבט צווישען 1637—1570. ער איז אין זיין נאַטור געוועזען אַן אייפעריגער קעמפּער און דיספּוטאַנט. זייענדיג אַליין זעהר בעאיינפלוסט פון די פראַנצויזישע דיספּוטאַנט האָט ער איבערגעטראָגען יענעם פייער אין אונגאַרישען מיט אַן אייגענאַרטיגען סטיל, אַ סטיל וועלכער איז בעשטאַנען פון הויכע אידעען אין דעם איינפאַכסטען וואָקאַבולאַר. ער האָט אַרויסגערופען הייסע אַנהענגער און געגנער, און איינער פון זיי איז געוועזען מאָלנאַר ד'שענטש, אַן אונגליקליכער, פערפאָלגטער, הונגערענדער לעקסיקאָגראַף; וועלכענס ווערטער־ביכער און תהלים איבעזעצונג זיינען נאָך היינט אַנערקענט אַלס מייסטער־ווערק. בלויז זיין אונגאַרישע גראַמאַטיק איז שוין היינט אַביסעל צו אַלט. דאַן קומען אַ רייהע פּאָעטען אויס דעם מאַגנאַטען שטאַם, אינצווישען זיי די גרעפין קאַטערינאַ פּעטראָטשי אַלס אַ פרוכטבאַרע שעפּפערין. אינמיטען פון די שווערע מלחמות פון אונגאַרן מיט איהרע שכנים איז ערשינען אַ קריעגס־מאַרש דער ("Rakoczy march") וועלכער האָט געהאַט אַ וואונדערבאַרען עפעקט אַבער קיינער ווייסט נאָך היינט ניט אויף זיכער ווער דער פערפאַסער איז. מען גלויבט אַז ער קומט פון אַ ציגיינערין מיט דעם נאָמען פּאַננאַ טשינקאַ. דער אינהאַלט פון דיעזן מאַרש דריקט אויס אַ גאַנצע פּעריאָדע פון דער אונגאַרישע געשיכטע.

אין 1655 איז ערשינען די ערשטע אונגאַרישע ענציקלאָפּעדיע. דאָס איז געוועזען אַ קליין פּאָפּולערעס ווערק איבער פילאָלאָגיע, נאַטור און מאַטעמאַטיק. דער נאָמען פון דעם מחבר איז געוועזען יאָהאַן ד'אַפּאַצאַ; נאָכדעם איז ערשינען (1708) אַ לאַטיינ־אונגאַרישעס ווערטער־בוך פון פראַנציס פּאַפּאַי; נאָכהער זיינען ערשינען מעמואַרען, גראַמאַטיקען, און צוערום ענציקלאָפּעדיע איבער פילאָזאָפיע.

די דריטע פּעריאָדע האָט געבראַכט אַ שטילשטאַנד צוליעב דער עסטרייכשע הערשאַפט. איבערהויבט מאַריאַ טהערעזאַ האָט ליעב געהאַט לאַטיין, און די פּאָאַר אונגאַרישע ווערק וועלכע זיינען ערשינען פאַר יענער צייט זיינען געוועזען זעהר שלעכט. די לאַטייניש שרייבער האָבען זיך בעשעפטיגט מיט פילאָלאָגיע, נאַטור־וויסענשאַפט, היסטאָריע און טעאָלאָגיע. דערפאַר ווייל דעם פאָלק איז דערפון גאָר ניט צוגעקומען האָט עס זיך אויפגעהערט צו קימערן אַרום דעם אינטעלעקטועלען פאָרטשריט. די אונגאַרישע שפּראַך האָט אויפגעהערט צו פיגורירען אין די שוהלען, אין די געריכטס־הייזער; אַפילו אין די בעסערע געזעלשאַפט איז גערעדט געוואָרען לאַטיין שטאַט אונגאַריש. דאָס האָט פּאַסירט ווייל די עסטרייכער האָבען קיינעם צוגעלאָזען צו אַן אַמט סיידען ער האָט געוויזען אַ פיינדשאַפט צו דער אונגאַרישע שפּראַך.

1781 האָט מאַטיאַס ראָטה געגרינדעט אין פּרעסבורג די ערשטע אונגאַרישע צייטונג. מיט איהר האָט זיך גענומען וועקען אַ נייעס לעבען פאַר דער אונגאַרישע שפּראַך, און די אונגאַרישע יוגענד האָט זיך גענומען פּעראינטערעסירען פריהער מיט פּאָליטישע פראַגען און שפּעטער האָט עס גענומען זוכען אויך אינפאָרמאַציע. מיטאַרבייטער האָבען גענומען ענטוויקלען פון זיך טאַלענטע, און מיט דער צייט האָבען שוין אָנגעהויבען ערשיינען ביכער, מאַנכע פון מעהר אָדער אַ מינדערען ווערטה.

דער קריעג געגען פראַנקרייך האָט געוועקט די נייגירדע פאַר אויסלענדישע אינטערעסען. מיט דער צייט האָבען די פּאָליטישע פּאַרטייען בעקומען דרייסטיגקייט צו פאָדערן פון עסטרייך פרייהייט צו געברויכען די אונגאַרישע שפּראַך אין אַלע עפענטליכע און אַדמינסטראַטיווע אינסטיטוציעס. דאָס ערשטע

אונגאַרשע טעאַטער איז געעפנט געוואָרען אין אָפען, און דאָס צווייטע אין פעסט. עס איז אזויאַרום געוואָרען מעהר רוים פאַר אייניגע נייע צייטשריפטען. טיילס מיט ליטעראַרישע און טיילס מיט וויסענשאַפטליכע טענדענצען. לודוויג קאָסוט, האָט מיט זיין פייעריגע זשעניע בעהאַנדעלט די לעבענס־פראַגען פון זיין פאָלק אין אַ קלאָהר־ דורכזיכטיגען סטיל. דיזער סטיל האָט געוועקט און ענטוויקעלט אַן אינטערעסאַנטע נאַכפאָלגערשאַפט, וועלכע האָט שפעטער געדיענט צו שאַפען די נייע פעריאָדע פון דער אונגאַרישע ליטעראַטור.

מיט איהם האָט זיך אָנגעהויבען דער עלעגאַנטער סטיל מיט די סאָציאַלע פראַגען. דאָס האָט ניט נאָר פערברייטעט קלאָהרערע אַנזיכטען איבער נאַציאָנאַלע איטערעסען נאָר, האָט אויך פערפיינערט און בעלעבט די נאַציאָנאַלע שפראַך. קאָסוטס צייטונג "Pesti Hirlap" האָט אַרויסגערופען די "Budapesti Hirado" אַ געגנערישע צייטונג מיט אַן עהנליכען סטיל עלטערע זשורנאַלען האָבען אָנגעהויבען נאָכקומען דעם סטיל , און ווי מעגליך איהם נאָך צו פערבעסערען. נעבען זיי האָבען אויך אָנגעהויבען ערשיינען זשורנאַלען פאַר שעהנע ליטעראַטור, אַלמאַנאַכען, טאַשענ־ביכער פאַר פרויען; פון1848 זיינען ערשינען רייזעביכער פון גאָטוואָס, שיכעני, שאַלאַי טרעפאָרט שעמערע,און פולשקי; דאַן ווידער היסטאָרישע ווערקע פון האָרוואַט, שאַלאַי און זטאַטאַי; די שפראַכ־וויסענשאַפטליכע ווערקע פון פאַגראַססי, און באַלאַג; די שטאַאַטס־וויסענשאַפטליכע פון שעכעני און פולשקי; דיזע אַלע זיינען אַ קרעדיט צו דער ערענסטע ליטעראַטור. דאַגעגען אין עקזאַקטע וויסענשאַפט האָבען זיי שוין נאָכגעטאַנצט די ענגלישע, דייטשע און די פראַנצויזישע ליטעראַטור. באַראָן זשאָסיקאַ האָט נאָכגעטאַנצט וואָלטער סקאָט, קאָטוואָס קעמעני און אַנדערע האָבען זיך פאָרגעשטעלט דייטשע מאָדעלען. קוטהי, נאַגי, און פאַלפי זיינען שוין געוועזען צום גרעסטען טייל אָריגינאַל. גאַנץ אָריגינאַל זיינען די טעאַטער־שטיק פון קאָטאָוואָס, אָבערניק, גאַל, באָראָססמאַרטי, טשאַקאָ וולאַדיסלאַוו און טעלעקי. שיגליגעטים שוי־שפיעלע זיינען די נאַציאָנאַלסטע און ביים פאָלק די בעליעבטעסטע. איינער פון די וויכטיגסטע פאָעטען איז געוועזען אין 19טען יאָהר־הונדערט, פראַנצים ווערסגהי. אַליין איז ער געוועזען אַ גלח, אַ פאָליטיקער, און אַ פאָליטיש־געפאַנגענער. זיינע שאַפונגע זיינען געוועזען זאַנפט אין פאָרם און קרעפטיג אין געדאַנק. ער האָט איבערזעצט די מאַרסייליז אין אונגאַרישע. אין זיינע ליעדער צייגט ער זיך אַרויס אַלס אַ קלאַסישער בעשעפער. דאַיקאַ, וועלכער האָט געווירקט אין דער זעלבער צייט האָט אין זיינע שאַפונגען געוויזען אַ מין זיעסקייט אין דער מעלאַנכאָליע וועלכע שפיגעלט זיך אָב אין דער אונגאַרשע מוזיק. אַן ענטהוזיאַסטישער פאָעט איז געוועזען יאָזעף קאַרמאַן, וועלכענס ליעדער עס בעגייסטערן נאָך היינט. זיין ענטהוזיאַזם איז געגאָסען געוואָרען אין דער ריכטונג צו קריגען פאַר אונגאַרן פרוי־הייט פון די עסטרייכער. זיין נאָוועלע פעגני איז זיין מייסטער־ווערק. עס ווערט גלייכגעגעשטעלט צו געטהע'ס "ווערטהער". אין "פעגני" שפיגעלט זיך אָב דער מאָטיוו פון זיין גאַנצען ווירקען. פראַנצים קאַזונטשי— דער אונגאַרישער לעססינג— וועלכער האָט געלעבט צווישען 1831—1759 האָט געהאַט אַ געוואַלדיגען איינפלוס אויף שרייבער און פאָעטען פון זיין צייט, וועלכע זיינען אין פיעלע הינזיכטען געשטאַנען פיעל העכער פון איהם. זיין עלעגאַנץ, זיין פרישער אויסדרוק, זיין פיעל דייטענדער זאַץ, און זיין קלאָהרער אויסדרוק האָבען צוזאַמען געווירקט אויף דעם לעזערס גאַנצען גייסטיגען סיסטעם. ער האָט זיך ניט בעדיענט מיט דעם פאָלקס אידיאָם, נאָר מיט אייגענע, נייע, נאַך דעם

פראָגרעסיווען שניט. אַזוי האָט ער געאַרבייט
און אַזוי האָט ער געווינען. ביי אַלע זיינע
אַרבייטען זעהט זיך די גריכישע עסטעטיק
אַלס זיין ציעל. דיעזעס איז ביז זיין צייט
פון אַלע זעהר פערנאַכלעסיגט געוואָרען. ער
ווערט פערעכנט אַלס דער גרעסטער פּלאַטאָ־
ניקער אין דער פּאָעזיע פון זיין צייט. ער
איז געוועזען דער פיהרער פון דער פראַקציע
פאַר דער פערפיינערונג פון דער אונגאַרישע
שפּראַך, און איז אויך דערפאַר אָנגעשטעלט
געוואָרען אַלס קרייז־אינספּעקטאָר. אין דיע־
זען אַמט האָט ער זיך געצייגט זעהר פריינד־
ליך צו די יודישע קינדער, און צו די יודען
בכלל. אין זיין צייטשריפט "אָרפעוס" האָט
ער אויסגעדרוקט פיעל אַכטונג צו דער יודי־
שער רעליגיאָן. איינער פון זיינע יודישע
פריינד איז געוועזען יוסף משה לוצאַטאָ. די
נאַכפאָלגער זיינע האָט מען גערופען "נעאָלאָ־
גען" און זיינע געגענער: "אָרטאָלאָגען". דער
אונטערשיעד פון ביידען איז געוועזען: רע־
פאָרמירען די שפּראַך אויף די פּרינציפּען פון
דער אַלטער אָרטאָגראַפּיע, אָדער זיך בעסער
רעכנען מיט די נייע אומשטענדען וועלכע
פאָדערען אַ נייע אָרטאָגראַפּיע. דער ערשטער
און גרעסטער ראָמאַנטישער פּאָעט איז געווע־
זען אַלעקסאַנדער קיספּאַלודי. ער האָט גע־
קעמפט אויף דעם שלאַכט־פעלד צווישען עסט־
רייכישע סאָלדאַטען אין איטאַליען, און אין
דייטשלאַנד געגען די רעוואָלוציאָנערען אין
פראַנקרייך. אין 1801 האָט ער אַרויסגעגעבען
זיין ערשטע סעריע פון ליערישע פּאָעמען
אונטער דעם נאָמען: "הימפו שערעלמי",
דורך וועלכע עס ציהט זיך אַ רייהע פון אונ־
גליקליכע ליעבעס. ער האָט פאַר אַ צייט גע־
לעבט אין פּעטראַרקאַס שטאָדט, און האָט
דיעזע סעריע געשריבען אונטער פּעטראַרקאַס
איינפלוס. זיי זיינען געשריבען אין 12 צויי־
ליגע סטאַנצעען, וועלכע זיינען פול מיט
זיעסע סענטימענטען, און געבען אַרום זיך
אַ פּאָעטישע אַטמאָספערע פול מיט פאַרבען
און קלאַנגען., ווי זיי וואָלטען געקומען פון
אַ מוזיקאַלישע ווייטקייט. אויך זיין צווייטע
סעריע ריימט זיך צו דער ערשטער. זיי אונ־
טערשיידען זיך בלויז דאַרין וואָס די ערשטע
איז פול מיט בעדויערען, און די צווייטע פול
מיט ענטהוזיאַזם. ער האָט אויך געשריבע־
נאָוועלען און דראַמען, פון די לעצטע זיינען
שוין אייניגע אונגעלונגען.

אַן איבערבליק איבער דעם גאַנצען פּראָגרעס
וואָס די אונגאַרישע ליטעראַטור האָט געמאַכט
ביז דער היינטיגער צייט צייגט, אַז טראָצדעם
וואָס אונגאַרן האָט געהאַט זשעניען גלייך
מיט אַלע נאַציאָנען, איז זי דאָך געבליבען
מיט 200 יאָהר הינטערשטעליג פון ענגלאַנד
און פראַנקרייך. די אורזאַך ערקלעהרט זיך
אין דעם פאַקט דאָס אונגאַרן האָט נישט געהאַט
קיין ליטעראַרישען צענטער, ווי לאָנדאָן איז
פאַר די ענגלענדער אָדער פּאַריז פאַר די פראַנ
צוזען. די אונגאַר'שע ליטעראַטען זיינען גע
וועזען ווי פערוואָרפען אין פיעלע שטעדט
שטעדטעלעך און דערפער. אַזוי האָט קאַ־
זינטשי געלעבט אין זעמפּלען, קאָלטסעל אין
דאָרף ביהאַר, קיספּאַלודי אין בערשעני, אַ
פּאָאַר אין פּעסט, א.ז.וו. דערמיט איז אונגאַרן
בערויבט געוואָרען פון דעם בענעפיט פון
דיסקוזיאָנען וואָס אַזעלכע צענטערן ברענגען
אַרויס.

גראַף שעטשעני האָט געליגט דעם ערש־
טען פאָנד פאַר אַן אַקאַדעמיע דער וויסענ־
שאַפט. זיין איינציגער בעדינג איז געוועזען
צו ענטוויקלען די שפּראַך און איהר ליטע־
ראַטור איידער אַלע אַנדערע שטודיען. גראַף
אַנדראַסי, קאַראָלי און באַראָן וואַי האָבען
די רעשט געלד געשאַפען, און אַ צענטער איז
געשאַפען געוואָרען. אין 1830 האָט די אַקאַ־
דעמיע גענומען אַרויסגעגעבען ווערקע איבער
פילאָזאָפיע, געשיכטע, וויסענשאַפט, און
יוריספּרודענץ; ווי אויך איבערזעצונגען

פון ענגלישע קלאַסיקער אויס אַלע צווייגען פון דער ענגלישער ליטעראַטור; דאַן שטאַרק רעפאָרמירטע אונגאַרישע ווערטער־ביכער מיט נייע טערמינאָלאָגיען א.ז.וו. אונטער דיעזען איינפלוס האָט זיך 7 יאָהר שפּעטער געעפענט דאָס נאַציאָנאַלע טעאַטער אין פּעסט און אין פערלויף פון 10 יאָהר זיינען צוגעקומען 16 נייע צייטונגען (26 צוזאַמען). 6 יאָהר נאָך דער גרינדונג פון דער אַקאַדעמיע האָט זיך געגרידעט די "קיספאַלודי געזעלשאַפט", וועלכערס אויפגאַבע עס איז געוועזען אויפצומינטערען די בעלעטעריסטיק. זי האָט געזוכט נייע צואוואָרפענע טאַלאַנטען, האָט אויסגעשטעלט קאָנקורסען פאַר אונבעקאַנטע שרייבער. פערשיעדענע וויסענשאַפטליכע געזעלשאַפטען זיינען ערשינען איינע נאָך די אַנדערע אין די פערשיעדענע פלעצער פון אונגאַרן. די ערשיינונג פון פראַנץ ליסט ביי אַזאַ אויפגערעגטע צייט ווערט בעטראַכט, אַז די בעריהמט געוואָרענע אונגאַרישע מוזיק איז אַ פּראָדוקט פון יענער בעוועגונג. די אונגאַרישע שפּראַך און דער פּראָגרעס פון איהר ליטעראַטור פון יענער צייט האָט זיך גענומען קאָנקורירען מיט דער דייטשער שפּראַך און איהר ליטעראַטור, וועלכע האָט ביז דעמאָלט געהאַלטען אין איינדרינגען צווישען דעם אונגאַרשען פאָלק.

דער גרעסטער אונגאַרישער עפּיקער איז געוועזען פּאָראָסמאַרטי. ער האָט דורך זיין איינפלוס געשאַפען אַ רייהע פון אַנערקענטע נאַכפאָלגער, אַשטייגער ווי, האָרוואַט ד׳פּאַזמאַנד, גרעגאָר צזוצזאָר און יאָהאַן גאַראַי. ער האָט אויך איבעזעצט שעקספּיערס איינינגע ווערק, און "טויזענד און איין נאַכט". די גרעסטע נאָוועליסטען וואָס אונגאַרן האָט אויפצואווייזען פון יענער צייט זיינען: ניקאָליי יאָסיקאַ, יאָזעף עאָטוואָס, זיגמונד קעמעני, און מאַוריץ זשאָקאַי. די ערשטע זיינען פון דעם נאָבלען קלאַס, און דער לעצטער שטאַמט פון אַן איינפאַכע פאַמיליע.

אין יולי פון 1921 האָט דער בילדונגס מיניסטער פון האָרטיס רעזשים געמאַכט די ערקלעהרונג אַז, די לאַגע פון די שוהלען איז זעהר שלעכט צוליעב מאַנגעל פון לעהרביכער. דער באָלשעוויסטישער רעזשים האָט זיי אַלע פערניכטעט, און קיין געלד איז נישט דאָ צו דרוקען נייע.

דער יודישער בייטראַג:

איבער דעם יודישען בייטראַג אין דער אונגאַרישער נאַציאָנאַל־ליטעראַטור איז זעהר ווייניג בעוואוסט. די אונגאַרישע יודען האָבען קיינמאָל געהאַט דעם מוטה צו פאָדערען קרעדיט פאַר דעם יודענטום פאַר יודישע טהאַטען. עס פּאַסירט זעלטען אַז אַן אונגאַרישער געלעהרטער יוד זאָל ניט פערבייגען זיין יודענטום צוגונסטען פון זיין אונגאַרישען פּאַטריאָטיזמוס. עס איז געוועזען איגנאַץ רייך, וועלכער האָט זיך די מיה גענומען און צוזאַמענגעשטעלט אַ ווערק פון יודישע געלעהרטע אין אונגאַרן, און ווען עס איז איהם ניט געלונגען צו קענען אויפצעהלען פיעלע פון זיי, איז עס נאָר דערפאַר ווייל פיעלע לאָזען זיך אַפילו ניט קענען אַלס יודען. זיין אייגענער אַ זוהן, דר. עמיל רייך, האָט אָנגעשריבען אַ זעהר גוטע "געשיכטע פון דער אונגאַרישע ליטעראַטור" אַבער, דורכאויס אין אַ טאָן ווי עס וואָלט איהר געשריבען אַ קריסט וואָס האָט אין אונגאַרן ניט געקאָנט קיין איין ליטעראַרישען יודען. דאָס האָט דער זוהן געטהון שוין נאָך דעם ווי דער פאָטער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ ליסטע פון איבער 20 גרויסע יודישע ליטעראַטען, קינסטלער און וויסענשאַפטס־מענער. דאָס קומט דערפון דאָס זעהר ווייניג יודען אין אונגאַרן זיינען בעלעהרט אין די אוצרות פון דער יודישע פערגאַנגענהייט.

די עטליכע וואָס האָבען דאָס יאָ געלערנט געפינען אין אונגאַרן קיין צוקונפט און מוזען פון דאָרט אויסוואַנדערען נאָך די מקומות פון יודישער קולטור. אונגאַרישע יודען האָבען בייגעטראָגען אַ זעהר קליינעם טייל צו דער העברעישע ליטעראַטור. דער ערשטער העברעישער מחבר ר׳ יצחק טורנא פון 15טען יאָהר־הונדערט איז אויך געוועזען אַ תלמיד פון ר׳ שלמה עסטרייכער, אַ רב אין ניישטאַדט, עסטרייך. פון דעמאָלט אָן האָט מען ניט געהערט פון קיין אונגאַרישען גאון, מחבר, אָדער זאַנסטיגען יודישען גדול, ביז צו ענדע פון 18טען יאָהר־הונדערט. אפילו די פון 19טען יאָהר־הונדערט זיינען אויך געוועזען געבוירענע אין אויסלאַנד. אַזוי איז ר׳ משה סופר דאָרטהין געקומען פון דייטשלאַנד, ר׳ אליעזר המחבר פון "שמן רוקח איז געקומען פון פוילען. ר׳ משה סופר, וועלכער איז געוועזען 32 יאָהר אין פּרעסבורג, האָט אַנגעווענדעט אַלע זיינע כחות צו שטעלען די פּרעסבורגער ישיבה גלייך צו דער פון וואָלאָזין; ער האָט שוין אפילו געהאַט 400 תלמידים, אַבער ער האָט דאָך ניט אַרויסגעבראַכט קיין איין גדול בישראל. דאַגעגען האָט דער ראַבינער סעמינאַר פון בודאַפּעסט (געגר. 1877) שוין יאָ אַרויסגעגעבען אייניגע אַנגעזעהענע רבנים פאַר דייטשלאַנד. אין בוכאַרעסט איז אין אָנהויב פון 19טען יאָהר־הונדערט געגרינדעט געוואָרען אַ רעפאָרם ראַבינער־סעמינאַר מיט שטאָדטשער שטיצע. איהר הויפט־לייטער איז געוועזען דער ראַבינער אַהרן כאָרין פון אַראַד, און אין דיעזע שטאָדט האָט דער ראַבינער דר. ראָזענבערג געגעבען די ערשטע חופּה־וקדושין צו יודען וואָס האָבען געהייראַט צו קריסטליכע פרויען. אין 1848 האָט דר. איגנאַץ איינהאָרן געגרינדעט אַ רעפאָרם־ראַבינער סעמינאַר אין בודאַפּעסט אַבער, די רעגיערונג האָט דיעזען געשלאָסען 4 יאָהר שפּעטער. דער עפעקט פון די רעפאָרם־בעוועגונג האָט זיך גלייך גענומען צייגען דורך דאָס שטייגען פון דער צאָהל פון געמישטע הייראַטס אין די פאָלגענדע שמד־קאָנזעקווענץ. אין 1898 בעשרייבט די "מאַנטשעסטער גאַרדיען" דיעזע טראַגעדיע בערך אַזוי: 800,000 פון זיי האָבען זיך שוין אַסימילירט דורך פערמישטע הייראַטס אַז עס איז פון זיי קיין יודישען זכר ניט געבליבען. 30,000 נייע, וואָס זיינען געקומען פון פוילען, גאַליציען און רוסלאַנד האָבען זיך אַזוי־ווייט פערמישט אַז דער אַנטיסעמיטישער בורגאָ־מייסטער דר. ליגער האָט די שטאָדט בודאַפּעסט אַ נאָמען געגעבען "יודאַפּעסט". דערזעלבער שרייבער זאָגט אויך אַז די פערמישטע יודען זיינען נאָך גרעסערע מאַגיאַרען ווי די מאַגיאַרען זעלבסט.— פון די גרויסע יודען וואָס אונגאַרן האָט אַרויס געגעבען איז דערמאָנט צו ווערען: לעאָפּאָלד לעוו פון שצעגעדין, פּראָפ. ווילהעלם באַכער, אַלעקסאַנדער קאָהוט, לעאָפּאָלד אַוער, און אַרמינוס וואַמבערי.

אונגאַרישע שפּראַך, לויט גיאַרמאַטהי רואיסברוק און מאַקס מיללער, איז די אונגאַרישע שפּראַך אַן אָבשטאַמונג פון דער אוגראָ־פינישע גרופּע. זייער עהנליכקייט און די געשיכטע פון דיעזער עהנליכקייט בעווייזען דאָס. די אוגריער (ז.ד.) האָבען אַמאָל בעוואוינט דעם טאָל וואָס די אונגאַרן בעוואוינען יעצט און דאַרויס ערקלעהרט זיך שוין פיעלעס. מעהר אינפאָרמאַציע וועגען דעם ז. "שפּראַכ־שטאַם".

די אונגאַרישע שפּראַך האָט 5 ריינע וואָקאַלען: a, e, i, o, u,

און 2 אומלויט־וואָקאַלען: ö, ü

און פאַר די פערקליינערונג פון דעם וואָקאַלקלאַנג ווערט דער צייכען (׳) געשטעלט אויף דעם ריינעם וואָקאַל. דאַן האָט זי 24 קאָנסאָ־

נאַנטען פון וועלכע 5 זיינען צוזאַמענגעזעצטע, אַ שטייגער ווי:

cs = טש
cz = ז
sz = ש
zs = זש
gy = דזש

דער טאָן פאַלט שטענדיג אויף דעם וואָקאַל פון דער ערשטע זילבע, אַלץ איינס אויב דאָס וואָרט איז לאַנג אָדער קורץ. מיט צוויי קאָנסאָנאַנטען הויבט זיך ניט אָן קיין וואָרט, גראַמאַטיש לאָזט עס זיך טהון, אָבער עס ווערט אויסגעמידען צוליעב בעקוועהמליכקייט. די דעקלינאַציאָן איז איינפאַך, און די מערצאָהל שטייגט אויס דער איינצאָהל.

די שפּראַך האָט אויפגענומען אַ מענגע פון ווערטער אויס דעם סלאַווישען, לאַטיינישען, גריכישען און אַנדערע. זי האָט זיי אַלע פער אונגאַריזירט, זיי בעקליידעט מיט אַן אונגאַרישע פאַנאַלאָגיע. דער וואורצעל ווערט דאָ קיינמאָל פערדונקעלט, אַפילו ווען דאָס פרעמד וואָרט ווערט גאַנץ אומגעבילדעט. די מאָדיפיצירונג פון וואָרט ווערט געמאַכט צו ענדע פון וואָרט. אין דיעזער שפּראַך זיינען ניט דאָ קיינע דיפטאָנגען, און ביים איבערנעהמען אַ פרעמד־וואָרט וואָס האָט צוויי קאָנסאָנאַנטען צו אָנהויב ענדערט מען עס דורך די אַריינפיהרונג פון אַ וואָקאַל אין בעגינען אָדער צווישען צוויי קאָנסאָנאַנטען. אַשטייגער: דאָס וואָרט "קראָל" אומשרייבען זיי = "קיראָלי" א.ז.וו. דער פאַמיליען־נאָמען ווערט אין דיעזער שפּראַך געשטעלט פריהער אַלס דער פערזעהנליכער. אַשטייגער: פרענקעל ישראל, נישט ישראל פרענקעל. דאָס שעהנסטע פון דיעזער שפּראַך איז וואָס זי שרייבט קיין שטומען וואָקאַל, שוין דערפאַר אַליין איז זי שאַרף און האַרמאָניש. די רעגולאַריטעט פון איהר קאָמפּאָזיציע עראינערט אַן דער סאַנסקריטישע שפּראַך.

די אונגאַרישע שפּראַך שטאַלצירט אויף איהר מוזיקאַלישען ווערטה. יעדער וואָקאַל פון איהר ווערט אויסגעשפּראָכען. דאָס מאַכט איהר מעגליך איינגעראַמט צו ווערען אין טאַקט. פאַר איבערזעצען פאָעזיע פון פרעמדע שפּראַכען איז זי פעהיג אַריבער צו ברענגען די שווערסטע קאָמפּאָזיציעס מיט לייכטיגקייט. דער שטודירענדער פון דער אונגאַרישע שפּראַך פיהלט דעם צוזאַמענהאַנג פון דיעזער שפּראַך מיט דער מוזיק ווי ער פיהלט דעם צוזאַמענהאַנג פון דעם קערפּער מיט דער נשמה.

אונגוואַר (Unghvar) אַ שטאָדט אין טשעכאָ־סלאָוואַקיאַ ביים טייך "אונגה". איז די הויבט־שטאָדט פון דעם דיסטריקט וואָס טראָגט דעמזעלבען נאָמען. ליגט 49 מייל אָסט פון קאַטאַו, נאָרדליך פון גאַליציען. האָט איניגע בעדייטענדע גימנאַזיען, 4 מאָל יעהרליך איז דאָרט אַ יריד. איז אַ צענטער פאַר ברעטער און וויין עקספּאָרט.

אונגולאַטאַ לאַטיינישער נאָמען פאַר אַ גרופּע זויג־טיערע פון אַ פערגאַנגענע צייט, און איז אין די לעצטע צייטען רעגרופּירט געוואָרען אונטער אַ נייע סיסטעמאַטישע אָרדנונג (ז. "זויג־טיערע").

אונגלייכונג אין דער געאָמעטרי, אַ פּרינציפּ, אַז צוויי גלייכ־גרויסע זאַכען זיינען דאָך ניט גאַנץ גלייך.

אונגליק, דאָס אונגעלונגענע אָדער, דאָס געגענטייל פון "גליק" (ז.ד.). פּסיכאָלאָגיש: דאָס אונגליק זעלבסט איז ניט אַזוי שמערצליך ווי די ערוואַרטונג פון דעם אונגליק. די טיעפקייט פון דעם שמערץ אין אַן אונגלק איז אָבהענגיג אָן דער קוואַנטיטעט פון דעם שאָדען. —פילאָז.: דער שאָדען פון אונגליק ליגט אין דעם פאַלשען בעגריף איבער דעם וואָרט "גליק". ווער עס ווייסט אַז "גליק" מיינט בלויז "שמערצלאָזיגקייט" דעם טרעפט דאָס אונגליק זעהר זעלטען, אָדער מילד.

צומייסטען טרעפט דאָס אונגליק דיעניגע וועלכע מיינען אַז "גליק" מיינט פערגעני־גען. נאָך איעדען אונגליק זעהט דער געטראָ־פענער אַז דאָס אונגליק קומט צו איהם דורך אַ טעות, אַבער זעהר זעלטען וועט ער צוגעבען אַז זיין טעות ליגט אין זיין גליק, און ניט אין זיין אונגליק. אַן־אונ־פאַרזיך עקזיסטירט דאָס אונגליק ניט, עס עקזיסטירט בלויז אין בעצוג צו דעם געטראָפענעם. דאָס וואָס איז פאַר איינעם אַן אונגליק קאָן זיין צוגלייך אַ גליק פאַר אַן אַנדערען.

אונגליקסהעהער (Perisoreus Infastus) אַ פויגעל אונטער דער ראָבענ־פאַמיליע. האָט אַ שטאַרק געבויגענעם שנאָבעל מיט קורצע פיס, און אַ העל־ראָסטיגע קאָליער. פליגעל רויט־ברוין, דונקעל־ברוינע אויגען, שוואַר־צען שנאָבעל און שוואַרצע פיס. איז 30 סענטימעטער לאַנג און 47 סענטים. ברייט. דער עק איז 14 סענט. לאַנג. געפינט זיך אין פינמאַרקען ביז סאַכאַלין און סיביריען. זעהר אָפט זעהט מען איהם אויף ביידע זייטען טייך אָב. ער ליעבט די געגענד וואו די ביימער זיינען געדיכט, שטיל און שטעהען אויף אַ פייכטען גרונד. וואַנדערט פּאָאַר־ווייזע אָדער אין גאַנצע גרופּען. פערהאַלט זיך זעלטען לאַנג אויף איין אָרט, אַזוי ווי ער וואָלט דורכזוכען די ביימער און וויטער געפלויגען. פליהעט אויך ניט אויף ווייטע שטרעקעס. העכסטענס פון איין וואַלד צום אַנדערען. היפּט פון איין צווייג צום אַנדערען זיך אונטערהעלפענדיג מיט די פליגעל. פון זיין קול הערט זיך דער געשריי: "גיב־גיב" און דאָס פון זיין ווייבעל: "גריי־גריי". ער בעפאַלט נעסטען, פרעסט אויף די קליינע פייגעל, פרעסט אויך קליינע זויג־טיערע און צופוילטעס פלייש. אין דעם מאָנאַט מערץ נעהמט ער שוין בויען זיין נעסט, ער בויט זי פון גראָז און צווייגען. דאָס ווייבעל



(Perisoreus Infastus)

ליגט פון 3 ביז 5 אייער, יעדעס בערך פון 13 מילימעטער לאַנג און 21 מילים. דיק. די זיינען שמוציג־ווייס אין קאָליער. ביידע עלטערן צייגען ליעבע צו זייערע קינדער. זיי האַלטען זיך שטיל אין זייערע נעסטען דער שונא זאָל זיי נישט געפינען.

אונגליקספאַל די מעהרסטע אונגליקען פּאַסיערען דורך ערטרינקען, דערשטיקונג, און חלשות. אַלע דיעזע ליידען קומען פון מאַנגעל אין אָטעם־צוג (ז.ד.). פאַר דיעזען צוועק איז עס נייטיג צו וויסען אַז מענער ביים אָטמען בעוועגען דעם בויך און די פרויען זייערע בריסטען. דערפאַר איז די ערשטע זאַך, צו בעפרייען די בעוועגליכע

טוילען פון זייערע ענגע קליידונג. די צווייטע זאַך איז די אונגליקליכע פערזאָהן אויסצושטרעקען אויף דער ערד, אונטער דער טאַליע אונטערלייגען די איינגעוויקעלטע קליידער, דער רעטער זאָל זיך שטעלען אויף זיינע קניען צוקאָפּענס פון דער פעראונגליקליכטע פערזאָהן, אָנגרייפען איהר ביי די הענד, נאָהנט צו די עלענבויגען, און קרעפטיג בעוועגען די הענד אַרונטער און אַרויף ביז דער אַטעם איז צוריק געוואונען געוואָרען. איז דאָס ניט געלונגען, זאָל דער בויך בעוועגט ווערען אַרונטער און אַרויף דורך אַ שטאַרקע האַנד, און ווען אויך נייטיג זאָל זי געוועלצט ווערן פון איין זייט צו דער אַנדערער.

פערברענטע הויט: אויב די הויט איז ניט אַרונטער איז גלייך איהר צו וויקען אין לוי־וואַרמע וואַסער, אָדער לייגען אומשלעגע מיט לוי־וואַרמע נאַסע לאַפּען. איז אָבער די הויט אַרונטער, דאַן זאָל דער טייל פון דער וואונד בעדעקט ווערען מיט אַ פיינעם באַטיסט וועלכער איז פריהער אָנגעוואַרמט געוואָרען, איבער דיעזען לייגען קאַלטע נאַסע אויפשלעגע יעדע האַלבע שטונדע, און דעם באַטיסט טוישען יעדע 24 שטונדען. קאַלטע מילכ־אויפשלעגע איז בעסער אלס וואַסער. דער קערפּער זעלבסט זאָל קריגען אַ קיהלע אַרומוואַשונג, נאָר ניט דער וואונד צו דער זעלבע צייט. מען דאַרף אַכטונג געבען אַז דער מאָגען זאָל ניט פערשטאָפּט ווערען.— אויב די קליידער האָבען זיך אָנגעצינדען איז גוט די פערזאָהן צו קייקלען אין זאַמד אָדער איבער די פּאַדלאָגע, אָדער אַרומוויקלען מיט קליידער, אַ טעפּיך, אָדער אַ מאַנטעל. שפּעטער מוזען די קליידער פּאָרזיכטיג אויסגעטהון ווערען. די שפּעטערע ענטשטאַנענע וואונדען ווערען געהיילט ווי אויבען איז אָנגעגעבען.

אונגענאַנטע צאָהל (מאַטעמאַט.) אַן אַבסטראַקטע צאָהל. (ז.״אַבסטראַקט״)

אונגער פּראָפ. **אפרים שלמה** אַ בעדייטענדער מאַטעמאַטיקער און פּעדאַגאָג. געב. 1789 און געשט. 1870 אין קאָסוויג־אַן־דער עלבע. שטודירט פילאָזאָפיע און נאַטורוויסענשאַפט אין דער ערפורטער אוניווערזיטעט וואו ער ווערט שפּעטער, פון 1810 ביז 1816 פּריוואַט דאָצענט אין מאַטעמאַטיק און פילאָזאָפיע. ער גרינדעט מיט זיין ברודער דוד אַ שוהלע פאַר מאַטעמאַטיק וועלכע איז שפּעטער אַרונטערגענומען געוואָרען אונטער די רעגיערונגס אויפזיכט. דער דייטשער קייזער האָט איהם אָנגעבאָטען אַ פּראָפעסאָר שטעל באופן ער זאָל איבערגעהן צום קריסטענטום אָבער ער ענטזאָגט זיך דערפון. ער בלייבט אָבער אין דיעזער שוהלע דער אויבער־לעהרער, און ווערט שפּעטער פון דער רעגיערונג פּענסיאָנירט. צוגלייכערצייט איז ער ערוועהלט געוואָרען אַלס מיטגליעד צום שטאָדט־ראַטה אין ערפורט, דאָרט איז ער פון קעניג דעקאָרירט געוואָרען מיט דעם אייזערנעם אָדלער, און שפּעטער איהם אויך געגעבען דעם טיטעל פּראָפעסאָר. אונגער האָט אַרויסגעגעבען אייניגע מאַטעמאַטישע ווערקע.

אונגער דר. **חיים יעקב** אַ ראַבינער פּרעדיגער, פּאָעט און קאָמענטאַטאָר. געב. 1826 אין האָמאָנאַ אונגאַרן און געשט.1912 אין איגלוי, מאָראַוויאַ. שטודירט אין בערלין נעהמט זיין דר. דיפּלאַם איבער פילאָזאָפיע אין 1859, ווערט ראַבינער אין איגלוי 1860 און בלייבט דאָרט ביז זיין טוידט. פערפאַסט פיעלע אַבהאַנדלונגען אין דער דייטשער שפּראַך וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרען אין פערשיעדענע זשורנאַלען. אייניגע פון זיי גיט ער אַרויס אין בוכ־פאָרם, און נעבען



דיזען אויך אַ העברעיש ביכעל פון שירים אונטער דעם נאָמען: „הגיון בכינור". דיזעס האָט דערלעבט 2 אויפלאַגען.

אונגער יאָזעף עסטרייכישער יוריסט און שטאַאַטסמאַן. געב. 1828 אין וויען. ווערט אין זיין 22טען יאָהר אוניווערזיטעטס ביבלאָטעקאַר, באַלד נאָכדעם ווערט ער פּראָפ. איבער יוריספּרודענץ אין פּראַג, 2 יאָהר שפּעטער קריעגט ער אַן עהנליכע שטעל אין דער וויענער אוניווערזיטעט. געווינט אַנער־קענונג צוליב אַ ווערק וואָס ער האָט פערפאַסט בשותפות מיט בישאָף „צור לעזונג דער אונגאַרישע פראַגע". דאָס ווערק האָט געפיהרט צו דער פעראייניגונג פון עסטרייך און אונגאַרן. אין 1867 ווערט ער ערוועהלט אַלס מיטגליעד אין רייכסראַטה, מוז אָבער צוליעב קראַנקהייט אויפגעבען זיין מאַנדאַט. צוויי יאָהר שפּעטער ווערט ער ערוועהלט אין העכערען הויז, וואו ער איז געוואָרען דער וואָרט־פיהרער פון דער ליבעראַלע פּאַרטיי. אין 1871 ווערט ער מיניסטער אָהן פּאָרטאָ־פאָליאָ. אין 1881 ווערט ער פּרעזידענט פון רייכסגעריכט. ווערט אין די יוריסטישע קרייזען געריהמט אַלס סיסטעמאַטיקער. זיינע יוריסטישע שריפטען זיינען ציטירט געוואָרען אין די געריכטס־הייזער פון עסטרייך און אונגאַרן. זיין ווערק: „דיע עהע אונד איהר וועלט־היסטאָרישע ענטוויקלונג" האָט אין דער אַנטראָפּאָלאָגישע וויסענשאַפט געמאַכט אַ נייע עפּאָכע. זיין ריידנער־טאַלאַנט האָט איהם געשאַפען דעם נאָמען: „דער שפּראַך־מיניסטער".

אונגעשלעכטליכע פאָרטפלאַנצונג

(Asexulus) ווי בעקאַנט איז, מוז אַלעס וואָס לעבט, זיך פאָרטפלאַנצען דורך די צוזאַמענווירקונג פון צוויי געשלעכטליכע אָרגאַנע. עס איז אָבער זעהר ווייניג בעקאַנט, אַז עס געבען אויך אונגעשלעכטליכע פאָרטפלאַנצונגען צווישען די נידריגע טיערע און פלאַנצען. העקעל אין זיין „גענערעלע מאָרפאָלאָגיע" רופט זיי: „מאָנאָגאָנען". די מעגליכקייט פון אַזאַ פּראָצעס לאָזט זיך נאָר פערשטעהן ווען מען בעטראַכט דאָס וואָרט פאָרטפלאַנצען גלייך צו דאָס וואָרט וואַקסען. מיט איין שפּרונג ווייטער: וואַקסען



אַ פּילצען־פערמעהרונג וואו דאָס איינע שפּאַלט זיך איינמיטען און עס ווערט דערפון צוויי פאַרזיך לעבענדע ברואים..

אַריבער דעם אָריגינאַלען. אין דער פלאַנצען־וועלט זיינען אייגענטליך פאַראַן צוויי סאָרט פאָרטפלאַנצונגען: אַ געשלעכטליכע און אַ געשלעכטלאָזע. די ערשטע איז אַן ענטשטעהונג אויס דער צוזאַמענווירקונג פון די געשלעכטליכע פלאַנצען, און די אַנדערע, אַן

ענטשטעהונג אויס אַ שפּאַלטונג פון דעם עלטערליכען איינעם. די לעצטע פּאַסירט ביי די פּילצען און אַלגען, ביי פּראָטאָזען, און פּאָליפּען. דאָס עלטערליכע ביי זיי צושפּאַלט זיך אויף צווייען און עס ווערט אויס איין אַלטען צוויי יונגע. דאָס עלטערע בלייבט ניט מעהר, נאָר עס לעזט זיך אויף אין די צוויי יונגע. אין מאַנכע פעלע טיילט זיך דאָס עלטערליכע אין 3, 4 אָדער 5 יונגע. נאָך דער טיילונג ערגענצען זיי זיך וועהרענד דאָס וואַקסען און לעבען דאַן פאַר זיך ביז אויך זיי טיילען זיך. ביי פלאַנצען איז די קנאָספּונג אויך אונגעשלעכטליך, אַבער דאָ פּאַסירט די פאָרטפּלאַנצונג ניט מעהר דורך דעם פערלוסט פון דאָס עלטערליכע. דאָ בלייבט דאָס עלטערליכע צו אָבהיטען די שפּראָסען ביז זיי ווערען אינדיווידועז פאַר זיך. דער אונטערשיעד צווישען די צוויי סאָרטען ליגט דאַרין וואָס אין לעצטען פּאַסירט די פאָרטפּלאַנצונג איבער דער אויבערפלעך פון דאָס עלטערליכע, און אין דעם פאָריגען פּאַסירט די שפּאַלטונג פון אינוועניג אויס. ווי דאָס בייגעגעבענע בילד דאָ ציינט. דער נאַטור־פּראָצעס אַרבייט דאָ איינפאַך דורך דאָס וואַקסען. ווען די הויט אַרום דעם עלטערליכען ווערט צו ענג פלאַצט עס עקספּלאָזיוו און צופאַלט אויף קליינערע טיילען. (ז. "אַביאָדזשענעזיס", "אור־ציוגונג", "פאָרטפּלאַנצונג", און "ציוגונג").

אונגעשריבענעס גזעץ געזעצע אָדער מנהגים וועלכע עקזיסטירען צווישען פעלקער אָדער געזעלשאַפטען וואָס האָבען קיין לעגיסלאַטיעווע אויטאָריטעט. אַ מינדליכער אָבמאַך געהער צו דיעזער קאַטעגאָריע. דאָס לעגיסלאַטיעווע געזעץ אַנערקענט דאָס אונגעשריבענע געזעץ, און גיט איהם אויך טיילמאָל אַ פאָררעכט איבער זיכזעלבסט.

אונדאַנק די בעליידיגונג פאַר אַ טובה וואָס פערדיענט אַ דאַנק (ז.ד.).

אונדולאַציאָנס־טעאָריע ז. "כוואַלעס".

אונדינען די געטינען וואָס בעוואוינען דעם תהום פון ים. אַ אידעע וואָס געפינט זיך ביי כמעט אַלע פעלקער אין דער וועלט, איבערהויבט ביי די וואָס וואוינען אַרום די ימים. די שאָלאַסטיקער פון אַלטערטום האָבען די אונדינען דערפאַר געלאָזט שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע אין דער נאַטור־געשיכטע פון דער וועלט־בעשאַפונג. זיי האָבען איהר צוגעשריבען די עלעמענטאַר־קראַפט פון אַלעם וואָס לעבט. אויך די צויבער־קראַפט. די יודישע לעגענדען איבער דעם סלמנדר, די דייטשישע לאָרליים, סטילכען, און נימפען וואָס געהערען צו דער אונדינען וועלט, האָבען אַרויסגעשפּינען די גלענצענדסטע פאַנטאַזיען אין דער פּאָעטישע ליטעראַטור ביי אַלע פעלקער.

אונזינג, בעוואוסטלאָזיגקייט, בערויבט פון פערשטאַנד, וואַהנזיניג; אַ שפּראַך אָהן אַ זינן, אַ לעכערליכקייט וואָס פּרעטענדירט צו זיין אַ אידעע, אָדער עפּעס געזאָגט וואָס האָט קיין ווערטה.

אונזער אַמעריקאַנער קאָזין (Our American Cousin) אַן ענגלישע קאָמעדיע פון טאָם טיילאָר, וועלכע איז געבליבען היסטאָריש ווייל, פּרעזידענט לינקאָלן איז גע׳הרגט געוואָרען אינמיטען דער פאָרשטעלונג אין פאָרדס טעאַטער אין וואַשינגטאָן.

אונטהאַן הערמאַן אַ זוהן פון אַ דייטשען לעהרער אין אַ דאָרפס־שוהלע, וואָס האָט געגעבען מוזיקאַלישע קאָנצערטען, שפּילענדיג מיט זיינע פיס ווייל ער האָט ניט געהאַט קיינע הענד. זיין אויפטריט אין לייפּציגער טעאַטער האָט אַרויסגערופען די

בעוואונדערונג ניט נאָר פון די קריטיקער נאָר אויך פון דער וויסענשאַפטליכער וועלט. ספּעציעל האָבען זיך מיט איהם פּעראינטערעסירט די אַנטראָפּאָלאָגען און די פּסיכאָלאָגען (ז. "אַדאַפּטאַציע"). די גויאיגקייט צו שפּיעלען מיט די פיס איז אַן־אונ־ פּאַר־זיך אַ בעוואונדערונגס־פּראָצעס, האָט ער אָבער אויך געשפּיעלט קלאַסישע מוזיק אין פערשיעדענע שליסעל; ראַפּידע און לאַנגזאַמע אין אַלע טאָנ־רעגיאָנען, איבער אַלע פיער סטרונעס אָהן אַ מינדעסטען קראַץ וואָס הערט זיך אָפט אַפילו ביי די גרעסטע האַנד שפּיעלער, ביים איבערשווינגען פון איין סטרונע איבער די אַנדערע, דריטע אָדער פירטע. ער האָט פּראָדוצירט טרילען מיט די צוויי פיס־פינגער, גאַנצע סטאַנצען אויף דאָפּעל־סטרונעס, טערצען, דעצימען, מיט די טיעפסטע פּסיכאָלאָגישע אויסדריקע.

אונטעראירדישעס רוסלאַנד אַ נאָמען פון א סעריע בעשרייבונגען וואָס סערגעי סטעפּניאַק האָט אָבגעדרוקט אין 1881 וועגען דאָס לעבען פון דער רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג אין רוסלאַנד, וואָס איז פאָרגעקומען אין געהיים אונטער די שטאַרקסטע בעוואַכונג פון דער פּאָליציי. זיי זיינען איבערגעזעצט געוואָרען אין פיעלע שפּראַכען, און די ברייטע וועלט איז דורך זיי צוערשט בעקאַנט געוואָרען מיט וואָס עס געהט פאָהר אין דעם צאַרישען רוסלאַנד (ז. "סטעפּניאַק").

אונטער־בוי אין דער אַרכיטעקטור: אַ נאָמען פון דעם טייל וואָס איז געבויט אין דער ערד. ד.ה. דער פונדאַמענט, אָדער די קעלער־שטובען, אָדער ביידעס.

אונטערבינדונג, אין דער כירורגיע: די אַרומבינדונג פון אַ טייל פון קערפּער וועלכער דאַרף אָפּערירט ווערען, בכדי איינצוהאַלטען דעם בלוט־לויף צו דיעזען אָרט פאַר דער צייט פון דער אָפּעראַציע. אָפט ווערט דאָס געמאַכט מיט אַ פּינצעט צוזאַמענגעקלעמט, אָדער אונטערגעבונדען מיט זיידענ־פאָדעם אָדער אַן עלאַסטישען באַנד פון קאַטגוט.

אונטערבעוואוסטזיין (פּסיכאָ־פּאַטאָל.) דער צושטאַנד אין וועלכען די אורטיילס־קראַפט אַרבייט ניט. אַ צושטאַנד אין וועלכען אידעען אָדער בילדער קומען פאָהר האַלב־קלאָר אָדער אונקלאָר, איידער זיי קומען אַריין אין דעם בעוואוסטזיין. היפּנאָטישע, סאָמנאַבוליסטישע און טרוימערישע צושטענדע געהערען צו דיעזען פּסיכאָלאָגישען טייל. זיי ענטשטעהען אויס אַ ריוהע פון עמפּפינדונגען אויס די זיננ־אָרגאַנען וועלכע שטעהען אין פערבינדונג מיט דער אויסערליכע וועלט. עס ווערט בעהויבטעט (פון וו. וואונד) אַז דאָס בעוואוסטזיין קען נאָר אויפנעהמען אַ בעשרענקטע צאָהל פון בילדער אָדער אידעען אויף איינמאָל. עמפּפינדונגען אָבער קומען אין מח דורך אַלע חושים. ד.ה. מעהר אַלס דאָס בעוואוסטזיין קען אויפנעהמען מיט אַמאָל. בלייבען אַלזאָ אַלע איבריגע — ניט אין אונבעוואוסטזיין נאָר — אין אונטערבעוואוסטען צושטאַנד. זיי וואַרטען דאָרט אויף דער אורטיילס־קראַפט, פּלאַהנמעסיג געפאָרמירט צו ווערען בכדי צו קענען קומען צום בעוואוסטזיין. (ז. "אורטייל", "אורטיילס־קראַפט", "בעוואוסטזיין", "חלום").

אונטערגאַנג (ז. "וועלט־אונטערגאַנג").

אונטערוואַלדען איינע פון די ערשטע קאַנטאָנען אין דער שווייץ. צוטיילט אין 21טען יאָהר־הונדערט אין צוויי האַלבע קאַנטאָנען: "נידערוואַלדען" 112 □ מיילען, גרענעצט זיך אין נאָרד מיט דעם פירוואַלדשטעטער טייך, אין אָסט מיט אורי, אין זיד מיט בערן, און אין וועסט מיט לוצערן,.

איז 25 מיילען לאַנג און 21 מיילען ברייט. ווי די מעהרסטע קאַנטאָנען פון דער שווייץ פערמאָגט אויך אונטערוואַלדען פיעלע הויכע בערג. אויבערוואַלדען איז פיעל מעהר בערגיג אַלס נידערוואַלדען. דער העכסטער באַרג אין אָבערוואַלדען איז דער טיטליז. ער איז בערך 10,000 פוס הויך. דער הויבט־טייך וואָס פליעסט צווישען ביידע קאַנטאָנען איז דער "אַא" (ז.ד.). די הויבט בעשעפטיגונג פון די בעוואוינער איז די פיה־צוכט. מילך פּראָדוקטען און פרוכט זיינען די הויבט עקספּאָרטען. די צוויי האַלבע קאַנטאָנען האָבען בעזונדערע רעגיערונגען, און זיינען אויך די דעמאָקראַטישסטע פון דער גאַנצער שווייץ די געזעצגעבענדע מאַכט ווערט אויסגעפיהרט דירעקט פון פאָלק. דאָס פּאַרלאַמענט הייסט דאָרט: "די לאַנדס־געמיינדע". דער קאַנטאָן שיקט צוויי דעלעגאַטען צום נאַציאָנאַל־קאָנסול. די הויבטשטאָדט פון אָבערוואַלדען איז "סאַרגען", די פון נידערוואַלדען "סטאַנץ". בעפעלקערונג אין אָבערוואַלדען 1916 איז 18,000, און אין נידערוואַלדען 14,000. די איינוואוינער זיינען מעהרסטענטיילס דויטש שפּרעכענדע קאַטאָליקען.

היסטאָריש: פריהער האָט אונטערוואַלדען אַנגעהערט צו 'אַאַרגאַו" (ז.ד.), איז אין 13טען יאָהר־הונדערט אונטערוואָרפען געוואָרען אונטער די הערשאַפט פון די האַבסבורגען. זי האָט אָן אַנטייל גענומען אין דעם אויפשטאַנד געגען די האַבסבורגען און האָט געשלאָסען אַן אייביגען בונד מיט דער שווייץ, וועלכע האָט דעמאָלט געלייגט דעם באַזיס פון דער שווייצאַרישע קאָנפעדעראַציע (ז."שווייץ").

אונטערטהאַן, איינער וואָס איז פערפּליכטעט צו זיין געהאָרכזאַם, אָדער אונטערטהעניג צו אַ הערשענדע פּערזאָהן. אין אַ קאָנסטיטוציאָנעלען שטאַאַט הייסט ער "בירגער". אונטערטהאַנען זיינען בלויז עמאַנציפּירטע שקלאַפען, און בירגער: עמאַנציפּירטע אונטערטהאַנען.

אונטער־וואַסער־שיפען, ז."סובמאַרין" און "מלחמה".

אונטער־וועלט, ז. "גהנום", און "אונטערבליכקייט".

אונטערווייזענבורג, (Unterweisenburg), אַ קאָמיטאַט אין זיבענ־בורגען וואָס גרענצט זיך נאָרדליך מיט טאָרדאַ־אַראַניאָס, אָסטליך מיט קאָקעל, זידליך מיט הערמאַנס־שטאַדט, און וועסטליך מיט הוניאַד. איז 3575 □ קילאָמ. גרויס און האָט בערך 213,000 איינוואוינער. די בעפעלקערונג איז אַ געמיש פון גריכען, טירקען, יודען, אונגאַרן, וועלכע שטעלען פאָהר אַ לעבענדיגע פּאַנאָראַמאַ מיט זייערע פערשיעדען פאַרביגע קליידער. בערג זיינען דאָרט פאַראַן וואָס זיינען זעהר רייך מיט מעטאַלען. איבערהויבט מיט גאָלד און זילבער. די צאָהל פון די יודען פאַר דער מלחמה איז געוועזען ניט איבער 4000.

אונטערמייער לואיס, ענגלישער פּאָעט און פּאָעטישער קריטיקער. געב. אין נויאָרק 1885, שטודירט אין קלינטאָן הייסקוהל, הייראַט די טאָכטער פון אַ יובעלען פאַבריקאַנט און ווערט טיילהאַבער אין זיין שווער'ס געשעפט, וואו ער פונקציאָנירט אַלס פערוואַלטער פון דער נואַרקער אָבטיילונג פון דיזער פאַבריק. פאַנגט אָן זיין פּאָעטישע קאַריערע אין די פערשיעדענע זשורנאַלען. ציהט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון מבינים און ווערט דאַדורך אויפגעמונטערט זיין ליעבלינגס אַרבייט פאָרטצוזעצען. ווערט מיט דער צייט אַנגעשטעקט פון די סאָציאַליסטישע אוטאָפּיען ער פּרובירט אויך אַריבער צו שטייגען די אַלגעמיין אָנגענומענע פאָרמען פון דער פּאָעזיע און שרייבט איבער וויאַזוי זי האָט געדאַרפט צו זיין. דיעזע ווינשע זיינע זיינען

אָבער פון די קריטיקער פערוואָרפען געוואָרען. ער האָט זיינע צעוואָרפענע ליעדער צוזאַמען געקליבען און זיי אַרויסגעגעבען אין בוכפאָרם. ער האָט אויך אַרויסגעגעבען צוויי בענד איבער אַמעריקאַנער און עוראָפּעישע פּאָעזיע. האָט אויך איבערזעצט און אַרויסגעגעבען 320 ליעדער פון היינריך היינע.

אונטערמייער סעמועל, איינער פון די בעדייטענדסטע יוריסטען אין די יונייטעד־סטייטס. געב. אין לינטשבורג יונ.־סט. 1858 און פיגורירט ביי דיעזער צייט אַלס טייל־האָבער אין דער פירמאַ גוגענהיימער, אונטערמייער און מאַרשאַל. ער איז דער אָרגאַניזאַטאָר פון די גרעסטע טראָסט און איז זייער שטאַרקסטער פערטיידיגען. ער גלויבט אַז זיי זיינען נוצליך נאָר זיי דאַרפען קאָנטראָלירט ווערען פון דעם שטאַאַט. אַלס דער טראָסט סיסטעם האָט זיך ענטוויקעלט צו אַ געפעהרליכע מאַכט האָט דער שטאַאַט איהם איינגעלאַדען זיי צו אונטערזוכען. ער האָט דעמאָלט אַרויסגעבראַכט שרעקליכע סודות פון אַלע סאָרט טראָסטס וואָס זיינען געוועזען אין פערבינדונג מיט דעם בויען פון הייזער. איניגע פון די פערברעכער זיינען פערשיקט געוואָרען אויף לאַנגע טערמינען אין געפענגניס. פיעלע האָבען געליטען געלד־שטראָף. שפּעטער זוכט ער אויך אונטער די חטאים פון אינשורעס קאָמפּאַניס און לענדלאָרד־טראָסטס. און די באַנקען וואָס זיינען געשטאַנען מיט זיי אין פערבינדונג, ער ברעכט איניגע טראָסט דאַדורך, די פּרייזען פון די בוי־מאַטריאַלען ווערען דאַדורך פיעל ביליגער אַבער די רענט בלייבט ווי געוועזען. ער איז אָבער ביי דיעזער צייט נאָך נישט פערטיג מיט זיין אַרבייט.

אין יודישע זאַכען האָט ער זיך זעהר ווייניג געמישט. ער האָט אַמאָל געהאַט אַ פינאַנציעלען טייל אין דער פערשטאָרבענע יודישע צייטונג "וואַהרהייט". ווען ווייצמאַן איז געקומען מיט זיין קאָמיסיע אין אַמעריקאַ האָט זיך אונטערמייער אַנגעשלאָסען אן דער ציוניסטישע בעוועגונג, און איז געוואָרען אַ דירעקטאָר צום "קרן־היסוד".

זיינע שריפטען און זיינע לעקטשורס זיינען אַלע געוועזען פון קאָמערציעלען קאַראַקטער. זיין גאַנצער גייסט שיינט צו זיין איבערגעגעבען צו "ביזנעס". אַזוי לאָזט עס זיך זעהען פון אַלע זיינע טהאַטען.

אונטער-ערדישע פלאַנצען, פאַראַן אַ קליינע צאָהל פון פלאַנצען וואָס וואַקסען גאַנץ אונטער די ערד, און האָבען נישט נייטיג די אויבערפלעך פאַר זייער עקזיסטענץ. דאָס זיינען די "פּילצען" און די "טרופלען". די נאַטור פון די ערשטע איז אַ פּאַראַזיטישע.

אונטערפיהרער, די וואָס פיהרען חתן כלה צו דער חופּה. אַ מאָדע וועלכע פערילערט זיך מיט דער צייט, און האָט אַמאָל געשפּיעלט אַ פיעל וויכטיגערע ראָלע ווי היינט. דיעזער מנהג קומט צו אונז פון אָריענט, אַשטייגער ווי טוניס און באַגדאַד, וואו זיי שפּיעלען נאָך היינט אַ זעהר וויכטיגע ראָלע. דאָרט קומען די אונטערפיהרער אַ נאַכט פאַר דער חתונה צום חתן איהם פאָרצובערייטען אויף דעם חופּה־טאָג. זיי שניידען און פּוצען אַרום זיינע פינגער-נעגעל, פיהרען איהם צומאָרגענס פריה מיט פּאַראַד זיך צו טובל'ן אין וואַסער, דאַן געהען זיי צו דער כלה, איהר צו פאַרבען די ברעמען פון די אויגען. די אַראַבער רופען דאָס "די נאַכט פון קאָלירען". ביז ניט לאַנג צוריק, און אפשר נאָך היינט אין די פּוילישע שטעדטלעך, פלעגען די אונטערפיהרער פיהרען די כלה אין מקוה אַריין מיט אַ מוזיקאַלישען פּאַראַד פון איהר וואוינונג ביז דער מקוה און פון דאָרט צוריק. די אונטערפיהרער ביי יודען האָט נאָך פונקציאָנירט אַלס לעהרער

ביים לייגענ־פיהרען, און צומאָרגענס קומען צו בעגריעסען דאָס יונגע פּאָאָר נאָך איידער דאָס בעט איז פערמאַכט געוואָרען. אויב דער חתן האָט זיך גלייך דעמאָלט נישט בעקלאָגט פאַר זיינע אונטערפיהרער האָבען זיי אויסגערופען: מזל טוב! . האָט ער זיך אָבער יאָ בעקלאָגט, האָבען זיי אויסגערופען: אַ מילכיגע חתונה! . דאָס מיינט אַז די כלה איז ניט כשר.

די אונטערפיהרער זיינען געוועהנליך די עלטערען פון די חתן וכלה אויב זיי לעבען ביי דיעזער צייט. זאָנסט ווערען איינגעלאַדען מאַן און ווייב פון די קרובים. דאָסזעלבע ווערט אויך געטהון ווען די עלטערען קאָנען נישט זיין אויף דער חתונה צוליעב געוויסע אורזאַכען. אויס אַבערגלויבישע גרינדע נעהמט מען נישט אַזעלכע וואָס לעבען נישט בשלום מיט זייערע ווייבער. מזל'דיגע פּאָאָרהאָבען אָפט די זכיה צו זיין די אונטערפיהרער פון יתומים.

פרעמדע אונטערפיהרער פיהלען זיך זעהר גערירט אונטער דער חופּה, ווייל דער חזן מאַכט דעמאָלט אַן אל מלא "רחמים" פאַר די פערשטאָרבענע עלטערען וועלכע האָבען נישט דערלעבט צו פיהרען זייערע קינדער צו דער חופּה. אַלע ביישטעהענדע ווינשען דעמאָלט צו דיעזע אונטערפיהרער אַז זיי זאָלען דערלעבען צו פיהרען זייערע אייגענע קינדער צו דער חופּה.

אונטערשטיצונגס-פעראיין, אין די ענגליש־שפּרעכענדע לענדער: בענעפיט־סאָסייטיס. צום ערשטען מאָל אונטערגעוואָרפען געוואָרען אונטער אַ געזעצליכע אויפזיכט אין יאָהר 1687, ווייל מיט אַ יאָהר פריהער איז ענטדעקט געוואָרען אַ גרויסער שווינדעל אין דעם פעראיין "אינד. מיוטשואַל ברעדערן פרענדלעי סאָסייטי" און איז געבראָכען געגאַנגען. דיעזער פעראיין איז געגרינדעט געוואָרן אין 1837, האָט שוין געהאַט 2,225,000 מיטגליעדער, מיט אַ קאַפּיטאַל פון 16,000,000 פונט שטערלינג. פאַר וויטערעס איבער דיעזען ז. "אָדדפעללאָוס", פריימויערער", "יוניאָנס" א.ז.וו.

אונטערשריפט, אַן אונטערשריפט איז אַן אָבליגאַציע, אַ בעשטעטיגונג איבער דעם גאַנצען אינהאַלט פון דעם דאָקומענט וואָס איז אונטערשריבען. גאַנץ עגאַל אויב דער אונטערשרייבער האָט דאָס דאָקומענט געלעזען אָדער נישט. עס איז זיין חוב צו לעזען איידער ער אונטערשרייבט. ווען ער טהוט דאָס נישט, איז עס גאַנץ זיין אייגענע שולד. אַ דאָקומענט וואָס פאָדערט צו ווערען אונטערשריבען מוז פאַר זיך אונטערגעשריבען ווערען. די אונטערשריפט פון איין דאָקומענט גילט ניט אויף אַ צווייטען, סיידען עס איז אַ טייל פון יענעם. אַן אונטערשריפט וואָס איז ניט לעזבאַר איז אַזוי גילטיג ווי אַ לעזבאַרע. אויב מיט בלייטשטיפט אָדער מיט טינט איז גאַנץ עגאַל.

אַן אונטעשריפט איז גילטיג אויב זי איז געמאַכט געוואָרען אינמיטען אָדער, פון אויבען אויף דעם פּאַפּיר, אַזוילאַנג ווי עס קאָן בעוויזען ווערען אַז די אַבזיכט איז געוועזען פאַר דעם געוועהנליכען צוועק.

ווען איינער פיהרט די האַנד פון אַ צווייטן ביים אונטערשרייבען אַ דאָקומענט ווערט דאָס בעטראַכט אַלס די אונטערשריפט פון דעם וואָס עס האָט איהר געשריבען, און ניט אַלס די פון דעם וואָס האָט איהם געהאָלפען. די אָבקיצונג אָדער די ראשי־תבות פון אַן אונטערשריפט זיינען קרעפטיג.

אוניאַמוועזי, אַ גרויס לאַנדשאפט אין אָסט־אַפריקאַ ביים טייך אוגאָגאָ. האָט אַן אונגעוועהנליכעס קלימאַט. געאייגנעט פאַר

ווילדע חיות וועלכע געפינען זיך דאָרט פיעל. דאָרט איז די היים פאַר די טשונגעל, לייבען, לעאָפּאַרדען, עלעפאַנטען, רהינאָצערען, זשיראַפען, בופעל, זעבראַס, קודוס, ניל־פערד, קראָקאָדילען און אַפען. די מענשליכע איינוואוינער פון דאָרט טרייבען פיה־צוכט און אַקער־בוי. זיי בויען זייערע דערפער אין די פאָרמע פון פעסטונגען. זיי קליידען זיך אין פעל. בלויז דער סולטאַן מיט די רייכערע טראָגען קליידער פון געוועבטע געצייג. זיי טאַטאָווירן זיך זייערע פּנים'ער פאַר שעהנהייטס וועגען. זייערע וואַפען זיינען: פיילען, דאָפּעל־שאַרפע מעסער, און אַסאַגען. זיי פלעכטען קאָרבען, וועבען גראָבעס וואָל־צייג, מאַכען שעהנע האָלצענע שיסעל און אַנדערע פּרימיטיווע געצייג. זייער הויבטלינג הייסט: מטעמי, נעבען איהם איז דער מגאַווע, און צו דיעזע צוויי זיינען די "וואַניאַפּאַקאַ" (זקנים). דאָס אַלעס צוזאַמען בילדעט די רעגיערונג. די שטעלע פון הויבטלינג קומט בירושה. דיעזער האָט די מאַכט איבער לעבען און טוידט. זיין איינקונפט קומט פון רייזענדע וואָס פאָהרען אַדורך און פאָדערען פון איהם הילף, אָדער פון קאָנפיסקירטע אייגענטימער פון מורדי במלכות. ער האָט אַ רעכט צו פערקויפען אַ פערברעכער, און אַראַבער קויפען אַזעלכע, ווייל זיי ווייסען אַז אַזוי איינער וועט שוין ניט וועלען צוריק אַהיים לויפען.

אוניאָן, ז. "יוניאָן".

אוניאָרא, דאָס לאַנד פון די באַנטו־נעגער אין אוגאַנדאַ אָסט־אַפריקאַ. נאָרדליך גרייכט עס ביז דעם נילוס, און פערנעהמט בערך 80,000 □ קילאָמעטער לאַנד. האָט אייניגע בערג־גרופּען פון וועלכע דער העכסטער איז 80,000 □ קילאָמעטער לאַנד. האָט אייגענע ביימער, מימאָזען און קאָברעטען צווישען וועלכע עס לויפען אַרום פיעלע פּאַפּאַגייען, לעאָפּאַרדען, לייבען, אַנטילאָפּען, בופעל און אַפען. דאָס לאַנד איז זעהר רייך מיט באַנאַנעס צוקער־ראָהרען, קאַפע, און טאַבאַק. די איינוואוינער רופען זיך "וואַניאָראָ" און ווערען בערעכענט אַלס גליעדער פון דעם "באַנטו" שבט. זייער דיאַלעקט איז פון דער באַנטו שפּראַך. די ערד איז דאָרט רייך אין זאַלץ. צוליעב דעם איז דאָרט אָנגעגאַנגען גרויסע מלחמות מיט די אוגאַנדאַ פעלקער, ביז ענגלאַנד איז דאָרט איינגעטרעטען און גאַנץ אוגאַנדאַ מיט אַלע איהרע פעלקער אונטערגעוואָרפען אונטער איהר שוץ.— דאָס לאַנד איז צוערשט בעשריבען געוואָרען פון דעם דייטשען רייזענדען שפּעקע. אוניאָראָ ווערט בעטראַכט אַלס דער צענטער פון וועלכען אויס אַלע פעלקער פון אוגאַנדאַ האָבען זיך אויסגעשפּרייט, און די ציוויליזאַציע וואָס געפינט זיך אין גאַנץ אוגאַנדאַ קומט פון דאָרט.

אוניגראַף אַ טעלעגראַפישעס אַפּאַראַט פאַר מיליטערישע צוועקען, ערפינדען פון בולאָק און ברוין. ער אַרבייט אויף עלעקטרישען שטראָם, און איז זעהר איינפאַך אין דער קאָנסטרוקציע. ווערט אויך געברויכט צום לערנען טעלעגראַפיסטען.

אוניווערזאַל, (פילאָז.) ווען אַ בעהויבטונג איז אינגאַנצען פאַלש, הייסט זי: אַ אוניווערזאַלע נעגאַטיווירונג. בערוהט אָבער די נעגאַטיווירונג בלויז אויף אַ טייל פון דער בעהויבטונג הייסט זי שוין דעמאָלט: אַ פּאַרטיקולאַרע "נעגאַטיווירונג" (ז.ד.).

אין געוועהנליכען לעבען ווערט דאָס וואָרט אוניווערזאַל געמיינט: מעהר ווי אויגס, דער ברייטערער בליק, דער ווייטערער שטאַנדפּונקט אָדער אַריבער דאָס געגענווערטיגע. צובייספּ. אַן אוניווערזאַלעס ווערטער־בוך, אַלעס וואָס ענטהאַלט ניט נאָר די ווערטער פון דער אייגענער שפּראַך, נאָר אויך די פרעמדע ווערטער

וואָס דיעזע שפּראַך האָט אויפגענומען פון די פרעמדע שפּראַכען.

אוניווערזאַל-אינסטרומענט, אַ טראַנספּאָרטירבאַר אַסטראָנאָמישעס אינסטרומענט מיט וועלכען צו מעסטען די פּאָזיציאָן פון אַ שטערען אין הימעל. עס זיינען דאָ אַזעלכע פיעלע סאָרטען פאַר דעמזעלבען צוועק. זייער פערשיעדענהייט ליגט נאָר אין דער קאָנסטרוקציע אַבער זייער נאָמען איז איבעראַל דערזעלבער (ז.״אַזימוטה״, ״טעאָדאָליט״).

אוניווערזאַליסטען, אַ קריסטליכע סעקטע וואָס גלויבט, אַז ענדליך וועט די מענשהייט ווערען כלו זכה. די זינד וועלען אַלע אויסגעמעקט ווערען און די נשמות וועלען אויסגעלייטערט ווערען, און זיך בעהעפטען אין יעזוס קריסטוס; דאָך, קיין זינדיגער איז נאָך דעם טוידט ניט פריי פון גהנום. דר. טשאַנסי, אַן אָנפיהרער זייערער, זאָגט אַז דער טוידט פון יעזוס קריסטוס האָט נאָר מכפר געווען בלויז די זינד פון עטליכע, אָבער ניט פון דער גאַנצער מענשהייט. ער זאָגט דאָס צוליעב דעם, אַז מען זאָל ניט זאָגען אַז מיט יעזוס טוידט איז דער גהנום אינגאַנצען בטל געוואָרען. אָנגעהויבען האָט זיך דיעזע סעקטע אין 130טען יאָהר יצר׳. זי געפינט זיך היינט פערשפּרייט אין אַלע קריסטליכע לענדער. זיי האָבען אייגענע שוהלען, אַן אייגענע פּרעסע, און בעשעפטיגען פיעלע מיסיאָנערען.

אוניווערזאַלע-צייט, (ז.״צייט״) עס ווערט געזוכט צווישען אַלע אַסטראָנאָמען פון דער גאַנצער וועלט, אַן איינפערשטענדניס צו עטאַבעלירען אַזאַ צייט־טיילונג וואָס זאָל ווערען אַנערקענט איבער דער גאַנצער וועלט. ווי בעוואוסט איז 12 אַזייגער אויף איין אָרט ניט 12 איבעראַל. דאַן ווידער זיינען דאָ לענדער וואו מען צעהלט 24 שטונדען אין מעת־לעת, און לענדער וואו מען צעהלט צוויי־מאָל 12 אין דער צייט פון יענע 24. דער שווערער פּונקט אין דיעזער הינזיכט ליגט דאָ אין דער פּאָליטישער שטאָלצקייט פון די גרויסע נאַציאָנען. .ענגלאַנד האָט שוין איינגעפיהרט די גריניטש צייט־טיילונג אין אַלע איהרע קאָלאָניעס. דיעזע זיינען צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און זי וויל ניט נאָכגעבען די פראַנצויזען. איטאַליען האָט גאָר פאָרגעשלאָגען אַז ירושלים זאָל זיין די צייט־געבערין. פאַר ענגלאַנד איז דאָס לעצטענס ניט אונמעגליך געוואָרען אָנצונעהמען..

אוניווערזאַל-שפּראַך, ז.״שפּראַך״.

אוניווערזום, דאָס קאָלעקטיווע גאַנצע וואָס די פינף מענשליכע חושים קאָנען אַרומנעהמען, די טאָטאַלע איינהייט פון אַלעס אין יעדער דירעקציע. אַלעס וואָס האָט אַן אַלגעמיינעם קאַראַקטער הייסט: אוניווערזאַל.

אַסטראָנאָמיש: דער רוים אין וועלכען אַלע וועלטען געפינען זיך. איבער זיין גרויסקייט זאָגט די פילאָזאָפיע אַז ער איז אונבעגרענצט. די מאַטעמאַטיקער האָבען פּרובירט שאַפען אַ בעגריף איבער זיין גרויסקייט און זיי האָבען איינגעזעהן, אַז ווען אַפילו עס זאָל זיי שוין יאָ געלונגען אויפצושרייבען די צאָהל פון ציפערן, וועט אונז פעהלען דער בעגריף זיי צו בעגרייפען. זיין גרויסקייט איז געמאָסטען געוואָרען פון זיך אַלס מיטעלפּונקט אַרוים נאָך אַלע זייטען, און מען האָט אַרויסגעבראַכט, אַז זיין גרויסקייט איז בערך 30,000 ליכט־יאָהרען אין דיאַמעט. און בערך 3000 ליכט־יאָהרען טיעף. ווען מען דערמאָנט זיך אַז דאָס ליכט לויפט 186,000 מיילען אַ סעקונדע; אז אין יעדע שטונדע זיינען פאַראַן 60 סעקונדען, אין אַ מעת־לעת 24 שטונדען, אין אַ יאָהר 365 מעת־לעת׳ן מיט 6 שטונדען 9 מינוטען, מיט 9 סעקונדען, דאַן פערליערט

זיך דער מה צווישען די ציפערן אפילו פון איין ליכט יאָהר. דאָס זיינען בלויז ציפערן פון דער ווייטקייט וואָס די מאַטעמאַטיק האָט נאָך געקאָנט דערגרייכען אַבער, קיינער פון די מאַטעמאַטיקער — אויסער איינשטיין — האָט בעהויבטעט אַז מען קאָן מיט דער מאַטעמאַטיק דערגרייכען צו דער גרענעץ (ז. "איינשטיין" און "קאָסמאָגעניע").

אוניווערזיטעט, אַן אינסטיטוט וואָס איז עטאַבעלירט מיט דעם צוועק צו אונטערריכטען אַלע, אָדער אַטייל פון וויסענשאַפטען און ליטעראַטור, און האָט אַ רעכט אַרויסצוגעבען אַ דיפלאָם צו אַ סטודענט וואָס האָט דורכגעמאַכט זיין עקזאַמען. אין ענגען זין מיינט דאָס וואָרט: די פעראייניגונג פון לעהרער וואָס פערטרעטען אַלע וויסענשאַפטען וואָס די סטודענטען ווילען לערנען. אַלזאָ ניט די געביידע נאָר דאָס פערזאָנאַל. אין ברייטערן זין אָבער מיינט עס ביידע: דאָס פערזאָנאַל און די געביידע.—אין מיטעלאַלטער האָט אויך אַ סעמינאַר געהייסען: אוניווערזיטעט, שפעטער איז דאָס געענדערט געוואָרען. די ערשטע עוראָפעישע אוניווערזיטעטען זיינען געוועזן אין באָלאָנג און אין פאַריז. דיעזע צוויי זיינען געוועזן די מאָדעלען פאַר אַלע קינפטיגע. אין דער ערשטער איז געלערנט געוואָרן יוריספרודענץ און אין דער אַנדערע פילאָזאָפיע און טעאָלאָגיע. די פון באָלאָנג האָט אויך געהאַט די שטאַאַטליכע אויטאָריטעט. דער מאַגיסטער האָט פרעזידירט, רעגולירט, בעשטימט דעם געהאַלט פון די פראָפעסאָרען, און בעשטראָפט די, וואָס זיינען בעגאַנגען פערברעכענס געגען דער אוניווערזיטעטס אָרדנונג און מעטאָדע. מיט דער ערלויבניש פון דיעזער האָבען זיך גלייך געגרינדעט אוניווערזיטעטען אין פאַדואַ, מאָדענאַ, רעגיאָ, פערוגיאַ, פלאָרענץ, סיענאַ, בערצעלי, פיזאַ, אַרעזיאָ, פאַרמאַ, א.ז.וו. אין איטאַליען האָט יעדע אוניווערזיטעט געמוזט קריגען ערלויבניש פון קעניג אָדער פון פאַבסט. אַזאַ ערלויבניש האָט געהאַט אַ תנאַי אַז מען זאָל דאָרט לערנען נאָר דאָס וואָס דער פאַבסט מיט דעם קעניג האָבען ערלויבט. אין דייטשלאַנד האָט קייזער פריעדריך דער ערשטער צוערשט אַרויסגעגעבען אַזאַ ערלויבניש אין 1158. אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך האָבען זיי ניטיג געהאַט די ערלויבנים פון דעם בישאָף. אין אָקספאָרד און אין פאַריז האָבען די פראָפעסאָרען פאַר אַ צייט געדיענט אָהן אַ געהאַלט. בלויז אַ געשענק וואָס זיי האָבען בעקומען ביים עקזאַמען. קייזער פריעדריך דער צווייטער האָט צוערשט איינגעפיהרט אַז פראָפעסאָרען זאָלען ווערען בעצאָהלט און אַז זיי זאָלען בעטראַכט ווערען אַלס שטאַאַטס בעאַמטע. די בירגער פון איין לאַנד איז פערבאָטען געוועזען צו שטודירען אין דער אוניווערזיטעט פון אַן אַנדער לאַנד. אין 14טען יאָהר־הונדערט האָבען אויך די קעניגע פון ענגלאַנד גענומען נאָכטהון דאָס מוסטער פון דייטשלאַנד.

אין 13טען יאָהר־הונדערט האָבען די דאָמיניקאַנער גייסטליכע גענומען זאָרגען אַז אויך אָרימע זאָלען קאָנען שטודירען אין די אוניווערזיטעטען. זיי האָבען געבילדעט פאָרבערייטונגס־שוהלען פאַר דער אוניווערזיטעט. זיי האָבען די גערופען: "קאָלעגיום". דאָרט זיינען די אָרימע אויסגעהאַלטען געוואָרען מיט עסען און קאָסטען ביז זיי זיינען אַריין אין דער אוניווערזיטעט. דאָרט האָט שוין דער מאַגיסטער פאַר זיי ווייטער געזאָרגט. שפעטער זיינען דיעזע קאָלעגיומס צוגעשפאַנט געוואָרען צו די אוניווערזיטעטען, און פון זיי האָבען מיר די היינטיגע "סטיפענדיומס" אָדער "שקאָלאַר־שיפ" וועלכע העלפען די אָרימסטע צו ענטוויקלען זייערע פעהיגקייטען. בכדי די אָרימע ניט צו פערשעהמען זיינען די סטיפענדיומס אָפען אויך פאַר רייכע קינדער.

די אוניווערזיטעט פון דער היינטיגער צייט ענטהאַלט שוין מעהרערע פאַקולטעטען (ז.ד.) די פאַקולטעטען ווערען גערופען מיט זייערע אייגענע נעמען. אַשטייגער: טעאָלאָגישעס, פילאָזאָפישעס, יוריסטישעס אָדער מעדיצינישעס פאַקולטעט. פאַר אַ צייט איז די מעדיצין געשטאַנען אונטער דער פילאָזאָפיע, יעצט האָט די מעדיצין שוין פאַר זיך אַליין אַ פיעל גרעסערעס פעלד אַלס די פילאָזאָפיע. די פילאָזאָפיע שליעסט נאָך איין טעאָרעטישע קונסט, אַבער פאַר פּראַקטישע קונסט זיינען היינט שוין פאַראַן אַנדערע אַנשטאַלטען. אַשטייגער: קאָנסערוואַטאָריומס פאַר מוזיק, מאַלער אַקאַדעמיען, קליניקס, א.ז.וו.

די קוואַליטעט פון אַ אוניווערזיטעט איז זעלטען גלייך צו אַן אַנדערע. דערפאַר טרעפט עס אָפט דאָס איין אוניווערזיטעט אַנערקענט נישט אַ דיפּלאָם פון אַ צווייטע. עס טרעפט אָפט דאָס אַ סטודענט וואָס אונטערברעכט זיין שטודיום אין אַ אוניווערזיטעט, מוז צוריק טרעטען פיעלע שטופען, און איבערלערנען פיעלעס וואָס ער האָט שוין אָבגעלערנט. דאַן ווידער עקזיסטירט אויך דיפּלאָמאַטיע צווישען די בעציהונגען צווישען די אוניווערזיטעטען פון אַלע לענדער. אַ דאָקטאָר פון איין לאַנד קאָן נאָר פּראַקטיצירען אין אַנדער לאַנד ווען די מעדיצינישע פאַקולטעטען פון די ביידע לענדער האָבען זיך איינפערשטענדיגט צו אַנערקענען די דיפּלאָמען אונטער אַנאַנדער.

אין 19טען יאָהר־הונדערט איז אָבגעשאַפט געוואָרען די נויטווענדיגקייט צו מאַכען פאַרלעזונגען אין דער לאַטיינישע שפּראַך, און עס איז איינגעפיהרט געוואָרען די פרייהייט פאַר פרייע פאָרשונגען. עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרען לאַבאָראַטאָריען אין פערבינדונג מיט די אוניווערזיטעטען, צום לערנען און עקספּירימענטירען. אין דעם 20טען יאָהר־הונדערט זיינען די פרויען צוגעלאָזען געוואָרען צום עקזאַמען און צו דער פּראַקסיס. אין די לעצטע צייטען האָט זיך גענומען פיהלען די נויטווענדיגקייט צו עטאַבלירען אַן אוניווערזאַלע איינפערשטענדניס צווישען אַלע אוניווערזיטעטען. בלויז איין שטערונג שטעהט דאָ אין וועג, און די איז: די שפּראַך.

אוניט, ז. "איינהייט".

אוניטאָן = איינפאַרביג, איינקלענגיג.

אוניטאַס, נאָמען פון דעם 306טען פּלאַנעטאָיד (ז. "פּלאַנעטאָידען").

אוניטאַריער, אַ קריסטליכע סעקטע וואָס לייקענט אין די דריי־איינציגקייט, און גלויבט אַז יעזוס איז געוועזען אַ מענש, אַ רעפאָרמאַטאָר פון יודענטום, אַ שטייגער ווי לוטער פון קאַטאָליציזם. אין פּרינציפּ גלויבען זיי אין דער איינציגקייט פון גאָט זעלבסט, אַזאַ גאָט איז אַ אוניטאַס = אחדות. זיי גלויבען אַז אַזוי איז אויך געוועזען דאָס אורשפּרינגליכע קריסטענטום, אַז עס איז שפּעטער דורך דעם וואַטיקאַן געוואָרען וואָס עס איז היינט. וועגען משיח זאָגען זיי, אַז עס איז נישט דאָ קיין דעפיניטיווע אָנדייטונג אין דער ביבעל פאַר אַזאַ משיח ווי דער אין וועלכען די קריסטען גלויבען. דאָס נייע טעסטאַמענט האַלטען זיי פאַר אַן אָריענטאַלע ספּעקולאַציע וואָס איז בעשאַפען געוואָרען אונטער דעם איינפלוס פון דער גריכישע פילאָזאָפיע. די אַנהענגער פון צאַראַאַסטער און פּלאַטאָ האָבען אַרייגעפיהרט אין איהם דעם גלויבען פון טייפעל דורך זייער פּרינציפּ פון "גוטען" און "בייזען".

בעפאַר לוטערס צייטען זיינען געוועזען אוניטאַרישע גרופּען אין איטאַליען, אונגאַרן פוילען, שווייצערלאַנד, דייטשלאַנד און אויך ענגלאַנד. זיי פלעגען פון צייט־צו־צייט רעוואָלטירען געגען דעם פּאַבסט מיט זיין הער־

שאַפט. זיי פלעגען אין דיזע רעוואָלטען ציטירען די דרשות פון אַנדערע פּעבסטע וועל־כע האָבען צוגעגעבען אַז יעזוס איז געוועזען אַ מענש. ווען די קעניגע זיינען מיעד גע־וואָרען פון די פּעבסטליכע הערשאַפט איבער זיך, האָבען זיי וויליג גענומען שטיצען יעדע אַנטי־פּעבסטליכע בעוועגונג. די אוניטאַריער האָבען דאַדורך בעקומען פּאָליטישע פּראַקטיקציע, און דער לוטערישער רעפאָרם איז איינגעטרעטען אינצווישען ביידע עקסטרעמען אַלס אַ קאָמפּראָמיס.

אין זייער [illegible] [illegible] דער [illegible] האַ־בען די אוניטאַריער געהאַט אויסצושטעהן גרויסע רדיפות. זיי האָבען אַן אייגענע גע־שיכטע פון מאַרטירער וועלכע זיינען דורך פייער און פאָלטער געגאַנגען צום טוידט. די פּראָטעסטאַנטען גופא זיינען שפּעטער געוואָרען זייערע פערפאָלגער. אין פּוילען האָבען זיי איבערגעזעצט די ערשטע ביבעל פון העברעיש אויף פּויליש. זיי האָבען דאָרט געמאַכט גרויס ערפאָלג, אַפילו קעניג זיגיזמונד דער צווייטער איז געוואָרען אַן אוניטאַריער. נאָר ווען קאַזשימיערזש איז געקומען אין 1660 אויף זיין טראָהן, האָט ער זיי גענומען פערפאָלגען מיט דער גרעסטע ברוטאַליטעט.

אין אַמעריקאַ זיינען זיי צוערשט ערשינען אין באָסטאָן (1825), אונטער דעם נאָמען "דהי אַמעריקאַן יוניטאַריען אַסאָסיאיישאָן" דאָ זיינען זיי פריי געוועזען, ווי אַלע רע־ליגיאָנען, צו פּרעדיגען וואָס זיי ווילען, און זיי האָבען אויך געמאַכט גרויסען ערפאָלג. זיי האָבען אַן אייגענע פּרעסע און אייגענע ביבליאָטעקען. זייער ערפאָלג שוינט צו קומען פון דעם פאַקט וואָס זיי ערלויבען די פרייע פאָרשונג און דאָס פרייע דענקען. ער האָט קיין דאָגמאַ און פערדאַמט קיין דענקען. ער איז אין דיזער הינזיכט גלייך צום רע־פאָרמירטען יודענטום. דאַרום טרעפט עס אָפט וואָס די רעפאָרם־ראַבבים פּרעדיגען אין די קירכען פון די אוניטאַריער, און אויך אוניטאַרישע גייסטליכע פּרעדיגען אין די רעפאָרם־שוהלען. ביידע גלויבען זיי אַז דער מענש איז קיין מלאך און קיין טייפעל. (ז. "הומאַניטאַריער", "יודענטום", "עטיקער", און "אַדלער פעליקס").

זייער גלויבען: דער נייער טעסטאַמענט מאַכט דעם אַלטען אונגעברויכבאַר, יעזוס איז געוועזען אַ נאַטירליכער מענש מיט אַ געט־ליכען גייסט. דער מענש איז געשאַפען אין דער נאַטור צו שטערבען, אַבער אין גייסט צו לעבען. ער איז געשאַפען אונשולדיג, מיט אַ אונקלאָהרען בעגריף וועגען גערעכטיגקייט. דערפאַר בלאָנדזשעט ער. די קרייציגונג פון יעזוס איז נייטיג געוועזען בכדי אַלע וואָס האָבען איהם געזעהען טוידט זאָלען בעוואונ־דערען זיין אויפשטאַנד פון קבר. דאָס וואָרט אויפשטאַנד מיינען זיי, זיין אידעאַל, אַבער ניט זיין פּערזאָהן.

ווער עס האָט געגרינדעט דיזע סעקטע ווייסט מען ניט אויף זיכער. דערפאַר איז אויך שווער אָנצוגעבען די צייט ווען זי איז ענטשטאַנען. לויט גרעטץ (ב. IX 326) איז זי ענטשטאַנען אויס אַן אַנדער סעקטע וועל־כע איז גערופען געוואָרען: סעמי־יודען, אָדער האַלבע־יודען. זייער גרינדער איז געוועזען מיכאַעל סערוועט, פון אַראַגאָנען; פּיעלייכט אַ קינד פון די שפּאַנישע מאַראַנען, וועלכער האָט פערפאַסט אַ ביכעל "די אירטימער פון דער דריי־איינינקייט" און איז פון קאַלווין דערפאַר געפיהרט געוואָרען צום שייטער־הוי־פען וואו מען האָט איהם פערברענט. עס איז גלויבליך אַז די סעקטע איז דאַדורך געוואָרען אַקטיווער און לעבהאַפטער. עס האָבען זיך גענומען ווייזען פון צווישען זיי אַזעלכע וואָס האָבען אָנגענומען דעם יודישען שבת

(שודט,"יודישע דענקווירדיגקייטען" ב. I) איינציגע עקצענטריקער האָבען גענומען בעווייזען אַן אויסערגעוועהנליכע ליעבע צו די יודען גראָד ווי זיי וואָלטען געוועזען קרובים. אין דיעזען זינן זיינען אויך אַרויסגעגעבען געוואָרען איינציגע שריפטען. די לוטעראַנער האָבען דאָס קאַטוילישע קריסטענטום רעפאָרמירט אַבער, די קאַטאָלישע ברוטאַליטעט געגען די יודען מיט זייערע סימפּאַטיזירער האָט ער פאָרטגעזעצט. אזוי אַרום האָבען זיי פערגאָסען בלוט פאַר דעם אוניטאַריערטום.

אוניע, אַ טירקישע שטאָדט אין דעם ווילאַיעט טראַפּעזונט, אין קליינ־אַזיען ביים שוואַרצען ים. האָט אַ האַפען, און מאַכט אַ שעהנעם איינדרוק פון דר'אויסען. איז 50 מייל אָסטליך פון סאַמסון. האָט איבער 10,000 איינוואוינער, וועלכע בעשעפטיגען זיך אין שיפ־בויערייַ, און בוים־וואָל שפּינעריען. דורך דעם האַפען פיהרען זיי קאָרן, האָלץ, פלאַקס, און אייזען, נאָך אויסלאַנד. אַמאָל האָט זי געהייסען: "אָנאָע".

אוניפאָרם=גלייך־פאָרמיג. אויך די מיליטערישע בעקליידונג פון אַ גאַנצעס רעגימענט הייסט אַזוי, ווייל אַלע אין רעגימענט טראָגען עגאַלע קליידער. די אוניפאָרמען בעצייכנען אויך די ראַנגען פון די אָפיצירען, און די צייכען פון יעדען ראַנג, און אין דיזער הינזיכט זיינען די צייכען ווידער אוניפאָרמיג מיט די אַנדערע רעגימענטער.— אוניפאָרמירען הייסט: גענוי נאָכמאַכען אַ געוויסע זאַך עס זאָל אויסזעהען אין אַלע הינזיכטען ווי דאַס ערשטע.— אוניפאָרמיזמוס: דאָס שטרעבען אַלעס אונגלייכע גלייכצושטעלען צו איין גלייכהייט. אין אַ שטאַאַמי וועלכער בעשטעהט פון פיעלע שטאַאטען, פון וועלכע יעדע האָט די אויטאָנאָמישע קראַפט צו פערוואַלטען זיינע אייגענע לאָקאַלע אינטערעסען, איז פאַראַן אַ אונגלייכהייט צווישען דיזעלבע געזעצע פון יעדען שטאַאַט. אַזאַ אויסגלייכונג רופט מען: אוניפיציערען.

אוניפאָרמיטאַריזם, אַ נאָמען וואָס ט. האַקסלעי האָט געגעבען צו לייעלס אידעע איבער דעם געאָלאָגישען פּראָצעס פון אונזער ערד. מיט דיעזער אידעע בעהויבטעט לייעל אַז די קרעפטע וואָס ווירקען נאָך היינט אַרום אונזער ערד האָבען די ערד געשאַפען, פון אַלע זייטען אויף איין מאָדעל און אין איין פאָרם. ד.ה. אַז די קאַטאַסטראָפישע אויסברעכונגען האָבען קיין טייל געהאַט אין דער בעשאַפונג פון אונזער ערד (ז. "הוטאָנישע טעאָריע").

אוניצאַ, דער צוועלפטער טייל פון אַ פונט געוויכט אין אַלטען רוים. אין ענגלאַנד איז אַ אונץ אַ זעכצעהנטער טייל פון אַ פונט. עטימאָלאָגיש מיינט עס: אַ טייל, אַן איינהייט פאַרזיך און אין דער עקאָנאָמיע איז זי נימ אימער געוועזען פון דעמזעלבען ווערטה. פריהער איז די "אוניצאַ" געוועזען גלייך צו צוויי סעמי־אוניצאַ, אָדער 3 דועלאַס, אָדער 6 סעקסטולען, אָדער 24 סקרופּולען און ענדליך צו 144 סיליקען. שפּעטער אַז די דראַכמען זיינען איינגעפיהרט געוואָרען איז די אוניצאַ גלייך געוואָרען צו 8 דראַכמען. אַלס לענגען מאָס איז די אוניצאַ געוועזען דער 12טער טייל פון אַ פוס. גלייך צום היינטיגען אינטש. דאַרויס פערגלייכט זיך "אוניצאַ" מיט "אונץ" און אינטש=צאָל.

אוניקאָרן, ז. "איינהאָרן".

אונמאַכט, (פּאַטאָלאָג.) אַ צושטאַנד אין וועלכען דאָס בעוואוסטזיין פון מענשען נעהמט זינקען און אַ נייגונג צום פאַלען לאָזט זיך פיהלען איבער'ן גאַנצען קערפּער. דער קערפּער ווערט דעמאָלט בלאַס, דאָס בלוט

לויפט לאנגזאמער, דער פולס פון הערצען ווערט שוואכער אזש קוים צום הערען. אין די אויערען רוישט עס און פאר די אויגען פליהען שווארצע פלעקען; די ליניע פון דענקען ווערט ווי אין שטיקער איבערגעריסען ביז עס טרעט איין א טאטאלע בעוואוסטלאָזיגקייט אויף אייניגע מינוטען, אדער אפּאאר שטונדען. דאס ענטשטעהט אמאל דורך אן איבערפילונג פון בלוט-לויף אין דעם קאפּ, אדער דורך א שטערונג אין דעם בלוט-לויף צום געהירן. דאס קאן קומען מיט אן ענטוויקעלטע קראנקהייט, דורך א שטארקע איבעררעשונג, אדער אן אויפגערעגטע געמיטהס בעוועגונג. פרויען וועלכע זיינען ניט אזוי שטארק צו לייסטען ווידערשטאנד געגען דער איינטרעטענדע אונמעכטיגקייט ליידען דערפון מעהר אלס די מענער. זייערע ענגע קליידער שטערען דעם בלוט-לויף און ברענגען די אונמאכט אין דער געוואוינהייט ארויין. (ז. "אטמונג", "אונבעוואוסטזיין").

הילף: אויב דאס פּנים איז בלייך, זאל די אונמעכטיגע פּערזאהן געלייגט ווערען מיט דעם קאפּ נידריגער; און ווען רויט, מיט דעם קאפּ העכער. אלע פעסטע קליידער לויז מאכען, פענסטער און טיהר ברייט געעפענט ווערען, די לינקע האנד אריינגעשטעקט אין א קרוג קאלטע וואסער, און ווען נויטיג אויך אפּאאר קאלטע טראפּען וואסער גיעסען אויף די הערצ-געגענד. העלפט נאך דאס ניט דארף דער רוקען (חוט-השדרה) דורכגעריבען ווערען מיט קאלטע וואסער. און א ווארמע פלאש וואסער צוגעלייגט צו די פּיאטעס.

אונמעגליכקייט, דאס וואס קאן ניט אויסגעפיהרט ווערען, אדער קאן נישט פּאסירען. אין דער יוריספּרודענץ איז פאראן אן אבסאלוטע און א צייטווייליגע אונמעגליכקייט. ווען א קאנטראקט ענטהאלט א פערפליכטונג אויסצופיהרען אן אונמעגליכקייט, אויב די אונמעגליכקייט איז אן אבסאלוטע, דאן איז דיעזער טייל פון קאנטראקט אונגילטיג; דאגעגען, אויב א צייטווייליגע, דאן פאדערט זיך צו צאהלען שאדען פאר דעם פערלוסט וואס דיעזע איינגעטרעטענע אונמעגליכקייט האט פערארזאכט.

אונמענש, איינער וואס האט קיין מיטלייד מיט א ליידענדען.

אונן, כל זמן דער מת איז נאכניט געקומען צו קבורה הייסט דער אבל "אונן". נאך דער קבורה הייסט ער: "אבל". לויט רש"י און דעם רמב"ם איז דער אונן פּטור פון לייגען תפלין, פון דאווענען, און פון אנדערע מצות. (רמב"ם הלכות אבל פ"ד).

אונן, צווייטער זוהן פון יהודה, וועלכער האט נאך דער דעמאלטדיגער מאדע געמוזט מיבם זיין זיין ברודערס ווייב דערפאר ווייל זי איז געבליבען א קינדערלאזע אלמנה. וויסענדיג אז דאס קינד וואס זי וועט האבען פון איהם וועט זיין ניט זיין אייגענס (בראשית ל"ח) האט ער די זרע פערגאסען אויף דער ערד (ז. "אנאניע"), גאט איז דערפאר אויף איהם אין כעס געווארען און האט איהם פון לעבען געבראכט. אונן איז געשטארבען איידער יעקב מיט זיינע זיהן זיינען געקומען אין מצרים.

אונגא, א שטעדטעל אין וועספאליען, 19 מיילען נארד-וועסטליך פון ארענסבערג. איז אין דער געשיכטע געווארען פּראמינענט צוליעב דעם וואס דארט איז געוועזען דאס הויבט-קווארטיר פאר דעם געהיימניספאלען "בעהם-געריכט" (ז.ד.) אין די פינסטערע צייטען פון דער קאטאלישע הערשאפט. זאנסט האט עס בעדייטענדע טעפּערייען, זאלצ-פאברי-

קען, ביער־ברויעריִיען, און דיסטילעריִיען. נאָהנט פון דאָרט איז פאַראַן אַ הייסער קוואַל.

אוננאַ דר. **פּאַול גערסאָן**, געריהמטער דערמאַטאָלאָג, און דערמאַטאָלאָגישער ענציקלאָפּעדיסט. געב. אין האַמבורג 1850, שטודירט אין היידעלבערג, לייפּציג און שטראַסבורג. דיפּלאָמירט אַלס אַרצט אין 1875, נעהמט אַנטייל אין דעם פּרייסיש־פראַנצויזישען קריעג און קומט אַהיים אַ געוואונדעטער. עטאַבעלירט זיך אַלס אַרצט אין האַמבורג, עפענט דאָרט אַ פּריוואַט־האָספּיטאַל פאַר הויט־קראַנקהייטען, שפּעטער זעצט ער נאָך דערצו אַ לאַבאָראַטאָריום און מאַכט זיך אַ געריהמטען נאָמען צווישען די דערמאַטאָלאָגען. אין 1882 האָט איהם עולענבערג איינגעלאַדען צו אַרבייטען פאַר זיין ״רעאַל־ענציקלאָפּעדיע דער געזאַמטען היילקונדע״, ער גרינדעט די פאַכמענישע צייטשריפט ״מאָנאַטס־העפטע פיר דערמאַטאָלאָגיע״, לאָזט אַרויס אַ זעהר געליבטעס ווערק ״קונאָ פישער אונד דאַס געוויסען״.

אונסאַ, אַ לינקער נעבען־פלוס פון דער וואָלגאַ, צווישען וואָלאָגדאַ און קאָסטראָמאַ. איז שיפבאַר פאַר קליינע שיפען בלויז אויף 394 קילאָמעטער, און פאַר מיטעל־גרויסע דאַמפער אויף 158 קילאָמעטער. אַ צווייטער פלוס פון דעמזעלבען נאָמען, וועלכער איז דער נעבען־פלוס פון דער אָקע, איז בלויז 128 קילאָמעטער לאַנג, און איז ניט שיפבאַר.

אונסאַרי, גרעסטער אַראַבישער פּאָעט אין אָנפאַנג פון עלפטען יאָהר־הונדערט. לעבט אונטער דעם סולטאַן מאַכמוד, איז אַנערקענט געוואָרען פון 400 פּאָעטען און פילאָזאָפען אַלס דערגרעסטער פון זיין צייט. האָט געהאַט אַ וואונדערבאַרען אינסטינקט פאַר אַלעס וואָס האָט פעראינטערעסירט אַן אינטעליגענטען מחעם ווערט פון איהם דערצעהלט אַז, ווען ער האָט אַמאָל געטראָפען דעם סולטאַן אין אַן אויפגערעגטער לאַגע, האָט ער אויף דער שטעל אָנגעשריבען אַ פּאָאָר שעהנע פערזען און זיי דערלאַנגט דעם סולטאַן. דיעזער איז אַזוי פון זיי בעגייסטערט געוואָרען, דאָס ער האָט בעפוילען מען זאָל אונסאַרי פילען זיין מויל מיט דיאַמאַנטען דריימאָל. אונסאַרי האָט אָנגעשריבען אַ ווערק ״דיוואַן״ אין 30000 קאָפּלעטען.

אונסינאַריאַסיז (Uncinariasis)

אַ טראָפּישע קראַנקהייט פון אַ פּאַראַזיטישע נאַטור, וועלכע האָט געהערשט פאַר אַ צייט אין פּאָרטאָ־ריקאָ. די פּאַראַזיטען אַטאַקירען דעם מענשען דורך די הויט פון באָרפיסע פיס, אָדער געהען דורך דעם אַטעם־צוג אַריין אין דעם קערפּער. אין 1905 זיינען 30,000 דערפון קראַנק געוואָרען, און אין 1906 80,000. די פּאַראַזיטען האַפטען אין דער בלאָטע און געפינען זיך אין דעם שווינגענדען שטויב. אַזוישנעל ווי די הויט קומט אין דער בעריהרונג מיט דיעזע פּאַראַזיטען הויבט זיך אָן צו פיהלען אַ בייסעניש, די בעטרעפענדע שטעלע ווערט רויט און צובּיסלעך געשוואָלען. אין אַ וואָך שפּעטער הויבט זיך אָן גיעסען מאַטעריע פון דעם אַטאַקירטען אָרט און דער גאַנצער קערפּער נעהמט פיהלען אַ מיעדיגקייט; אויב די פּאַראַזיטען זיינען דורך דעם מויל אַריין אין מאָגען, קומט נאָך הינצו שטעכעניש און אַ פערקירצונג אין דעם אַטעמצוג. דאָס טעמפּעראַטור שטייגט אָפט צו 103 גראַד פּ. בלוט־אַרמוט איז נעקסטע שטופע פון דער ״אונסיסאַריאַסיז״ ווייל, די פּאַראַזיטען זויגען אויס דאָס בלוט. די מיטעל דאַצו זיינען: פאַסטען פאַר אַ טאָג, דאַן אויף דעם ניכטערן מאָגען נעהמען אַן אָבפיהר־מיטעל, אָדער אַ קליסטיר פון לעבליכע וואַסער. אַזוי אַרום וועלען טויזענדע פון פּאַראַזיטען אָבלויפען

דורך דעם דאַרם. אין די פּיליפּינען לײַדען דערפון די אַמעריקאַנער סאָלדאַטען זעהר פיעל און פיעלע פון זיי ווערען דאַדורך בעפרייט פון דיענסט.

אונעהליכע-קינדער, ז. ״ממזרים״.

אונענדליכקייט, אַ וואָרט פאַר וועלכען אַ בעגריף איז אונמעגליך צוליעב די בעגרענצטע כחות פון אונזער שכל. מיר בעדיענען זיך מיט דיעזען וואָרט דאָרט וואו מיר ווילען אויסדריקען די ווייטעסטע ווייטקייט, אָדער נאָך ווייטער ווי מיר קאָנען זיך פאָרשטעלען. די פילאָזאָפיע לערנט אַז אין לאָגיק עקזיסטירט בלויז איין אונענדליכקייט אָבער ניט צוויי אונענדליכקייטען. דערפאַר איז די אונענדליכקייט אַן איינהייט. דער גלויבען איז אונענדליך, ווייל דאָס וויסען איז בעגרענצט, אַרום די ברעגעס פון דער פאַנטאַזיע הויבט זיך אָן די אונענדליקייט. דאָס אינערע איז דער מיטעל-פונקט פון וואַנען מיר הויבען אָן, מיר אַליין אַבער זיינען איינגעשלאָסען אין דער אונענדליכקייט. דער איינציגסטער פון די מאָדערנע וויסענשאַפטסמענער וואָס האָבען געוואַגט צו בעהויבטען אַז אַפילו די אונענדליכקייט איז בעגרענצט איז געוועזען פראָפ. איינשטיין. פאַר איהם איז די פראַגע: ״וואָס איז אויף יענער זייט?״ נישט אַזוי קינדיש ווי די פילאָזאָפען פאַר איהם האָבען געמיינט. ער זאָגט אַז צו אַלעס איז פאַראַן אַ מאָס, און ער גלויבט אויך מיט דער צייט דעם גאַנצען אוניווערזום אויסצומעסטען. וואָס איהם פעהלט פאָרלויפיג איז, אַ מאָס (ז. איינשטיין).

קעפלער האָט איינגעפיהרט דעם פרינציפ פון דער אונענדליכקייט אין דער געאָמעטרי. ער שטיצט איהר אויף דעם פאַקט אַז, אַ צירקעל בעשטעהט פון אַן אונענדליכע צאָהל פון דריי-עקען מיט איין עק אין צענטער.

אונפּאָאַר-הופער, ז. ״טאַפּיר״.

אונפעהלבאַרקייט, ז. ״אונפאַליביליטעט״.

אונפערברענבאַר, צו פערמיידען סכנות אַז שטאָפען זאָלען זיך ניט אָנצינדען זיינען פאַראַן פערשיעדענע רעצעפּטען. די בעסטע פון זיי זיינען:

אַמאָניום-סולפאַט	8	טיילען
אַמאָניום-קאַרבאָנאַט	2.3	„
באָר-זויערע	3	„
באָראַקס	1.7	„
שטערקע	1.07	„
וואַסער	100	„

דעם וועב-שטאָף, שטרוי-שטאָף, אָדער פאַפּיר-שטאָף איינטינקען אין אַזאַ לעזונג ווען נאָך הייס. פאַר לייכטע וועבשטאָפען איז פאָלגענדער רעצעפּט:

שוועבעל-זויערען ריינעם אַמאָנ.	8	„
קויהלענ-זויערן אַמאָניאַק	2.5	„
באָר-זויערע	3	„
ריינער באָראַקס	2	„
שטערקע	2	„
זשעלאַטין	0.4	„
וואַסער	100	„

אונפרוכטבאַרקייט, ז. ״קינדערלאָזיגקייט״.

אונץ=אָנץ, (העב. אונקי) דאָס קלייגסטע געוויכטס-טייל פון אַ פונט, פון וועלכען 16 מאַכען אַ פונט אין ענגלאַנד, אַמעריקאַ און זייערע קאָלאָניעס. איז גלייך צו די עוראָפּעישע 2 לויט, אָדער 360 קערנער. אין אַלע אַנדערע מאָס אָדער געוויכט איז ער א 12טער טייל פון אַ גאַנצעס.

אונצוכט, די סעקסועלע אויפפיהרונג ניט

אויף דעם געוועהנליכען אופן. אַ סעקסועלער פערברעכען געגען דער מאָראַל, אָדער געגען דעם געזעץ וואָס פערביעט דאָס, אַ סעקסועלער אַקט צווישען צוויי זכרים, אָדער צווישען אַ מענש און אַ בהמה.

אוניציאַל-בוכשטאַבען, ז. ״איניציאַל בוכשטאַבען״.

אונצינולאַ (Uncinula) פינפטע גאַטונג פון אַ שטרויך פלאַנצע, אין דער פאַמיליע ״פעריספּאָראַצעראַ״. פערצווייגט זיך ניט צו ענדע נאָר פערבייגט זיך ווי אַ הוק. האָט פון 2 ביז 8 שפּאָריגע שלויכען. וואַקסט אויף לאָנקעס און אין וועלדער, אויך אין שכנות מיט דעם אַהאָרן בוים (ז.ד.). קומט אור־שפּרינגליך פון די טראָפּישע געגענדע. גלויב־ליך פון אָסט־אינדיען. צוערשט בעשריבען געוואָרען פון דעם איטאַליענישען באָטאַניקער אַנטאָניאָ ביוואָנאַ בערנאַרדי וועלכער האָט געלעבט צו ענדע פון 18טען יאָהר־הונדערט אין מעסינאַ. עס זיינען דאָ 5 מינים צווישען דיעזע גאַטונג. זייער לעבענס־דויער איז בלויז איין יאָהר.

אונצע, אַ רויב־טיער, עהנליך צו דעם לעאָפּאַרד און דעם יאַגואַר. זיין אונטערשיעד פון זיי איז וואָס די האָאַר פון זיין פעלץ זיינען שטייפער, געדיכטער, און גרעסער. אויך אין דער קאָליער איז ער אַנדערש פון זיי. זיינע ראָזעט־פלעקען זיינען נישט אַזוי דייטליך, האָט גרויסע שוואַרצע פלעקען אונ־טער די אויערען, זיין וויידעל איז האָאַריג, אין אַלגעמיין איז זיין קאָליער גרוי־ווייס, מיט געלבליכע שאַטירונגען. דער אויבערער טייל פון זיין קערפּער איז דונקלער אַלס דער אונטערער. ער לעבט אין אַזיען און אין אַפריקאַ.

אונקאַ, אַ מיטגליעד אין דער פאַמיליע (Hylobates Rafflenii) פון די גיבאָן־אַפּען איז גרויס אַ 90טער טייל פון אַ מעטער. ער אונטערשיידעט זיך אַנאַטאָמיש פון די אַנ־דערע אין דערזעלבע פאַמיליע דאָמיט, וואָס ער האָט 14 פּאָאַר ריפּען־ביינער. זיין פּנים און זיין פעלץ זיינען שוואַרץ, אויף דעם רוקען איז ער ברוינליך רויט. די באַקען ביים זכר זיינען ווייס, און די ביי דער נקבה שוואַרץ־גרוי. זייער היימאַט איז סאַמאַטראַ.

אונקאָמאַגאַסי, אַ פלוס אין זיד־אַפריקאַ. פאַר אַ גרויסע שטרעקע שיפבאַר מיט קליינע דאַמפּער. הויבט זיך אָן אין לאָרעס־מאַרקיז און פליעסט איבערהויבט דורך די פּאָרטו־געזישע טעריטאָריע פון יענער געגענד.

אונקאַס, אַ קריעגערישער הויבטלינג פון דעם פּעקואָטישען אינדיאַנער־פאָלק, וועלכעס האָט מיט דער הילף פון ענגלישע סאָלדאַטען איינגענומען די מאָהעגאַנישע טעריטאָריע. אין 1637 העלפט ער די ענגלענדער געגען זיין אייגען פאָלק וואָס האָט איהם פערלאָזען, און קריעגט דאָפיר פון די ענגלענדער אַ שטיק טעריטאָריע פאַר זיך און זיינע אַנהענגער. ער האָט אָבער ניטלאַנג געקאָנט צוזעהן ווי די זייניגע ווערען פון די ענגלישע בעאַמטע בעהאַנדעלט, און ווען ער האָט אָנגעהויבען צייגען זיין אינטערעס פאַר זיי איז ער גע־פאַלען אין אונ־חן ביי די ענגלישע. ער איז מיט יענע דערמיט נישט יוצא געוועזען, און אייניגע אידיאַנער האָבען פּרובירט אויף איהם מאַכען אַן אַטענטאַט. די ענגלענדער האָבען דיעזע געלעגענהייט אויסגענוצט און מיט איהם ווידער שלום געשלאָסען. ער קעמפּט מיט פיעלע אינדיאַנער שבטים, זיעגט איבער אַלע, ווערט פון די ענגלענדער בעוואונדערט, און ווען ער איז געשטאָרבען אין 1680 האָבען זיי איהם אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט אין נאָרוויטש.

אונקלוס, דער גר, זוהן פון קלונימוס, דער איבעזעצער פון תורת־משה אין דער כאַל־דעישע שפּראַך אַריין, און איז בעקאַנט אונ־טער דעם נאָמען: תרגום אונקלוס. ווען ער האָט געלעבט, איז היסטאָריש ניט פעסטגע־שטעלט. אַטייל היסטאָריקער גלויבען,אַז אין דער צייט פון ישוע הנוצרי; אַטייל אַז 40 יאָהר נאָך דער געבורט פון דעמזעלבען; און נאָך אַ טייל גאָר אַז פאַר דער קריסטל. צייט. מיר ווייסען אַז ער איז געוועזען אַ תלמיד פון ר׳ גמליאל, עס איז אָבער ניט קלאָהר אויב פון דעם ערשטען אָדער פון צווייטען. אויס דער עטימאָלאָגיע פון זיין פאָמערס נאָמען לאָזט זיך שליעסען אַז ער איז גע־וועזען אַ גרעק (גריכ. קלעאָ=שעהן, אַנימאָ= נאָמען; גלייך צום העברעי. "שם־טוב"). דיעזע עטימאָלאָגיע פיהרט גרעץ צו דער פער־גלייכונג פון עקילאָס צו אונקלוס, איז אָבער בעוואוסט אז עקילאָס איז געוועזען דער איבערזעצער פון תורת משה אין דער גריכי־שער שפּראַך אַריין און אונקלוס אין דער כאַלדעישער שפּראַך. פאַר איינעם צו האָבען געמאַכט צוויי אַזעלכע איבערזעצונגען ביי יענער צייט איז אויס פיעלע טעמים פּאַסט אונמעגליך (ז."ביבעל").

וועגען זיין איבערגאַנג צום יודענטום דערצעהלט די לעגענדע אַז ער האָט (דורך כישוף?) אָנגעפרעגט ביי טיטוס זיין פעטער, ביי בלעם, און ביי יעזוס, וועלכע רעליגיע עס איז די בעסטע, אָבער די שווערסטע אָבצו־היטען; בלעם האָט געזאָגט: אַז אויף עולם־הבאָ געהט די יודען זעהר גוט, דאָך וואָלט ער איהם נישט ראַטהען זי אָנצונעהמען, אָבער קריסטוס האָט איהם געראַטהען אָנצונעהמען פון יודענטום דאָס גוטע און ניט דאָס שלעכ־טע. אַזויאַרום האָט אונקלוס זיך מגייר גע־וועזען. ווי דער קיסר הדריאן האָט דאָס דערהערט האָט ער געשיקט אַן עסקאָרט סאָלדאַ־טען אונקלוס צו ברענגען, אַבער אונקלוס האָט אויך די סאָלדאַטען מגייר געוועזען. האָט דער קיסר געשיקט אַ צווייטען עסקאָרט און ער האָט אויך דיעזען מגייר געוועזען; ערשט נאָכדעם ווי ער האָט שוין מגייר געוועזען דעם דריטען עסקאָרט, האָט דער קיסר איהם שוין געלאָזען צו רוה.

וועגען זיין פרומקייט דערצעהלט אויך די תוספתא אַז, ער האָט זיין חלק ירושה פון זיין רייכען געצענדינערישען פאָטער אַריינ־געוואָרפען אין ים. אין מגילה ג׳ ווערט גע־זאָגט אַז ער איז געוועזען דער ערשטער אי־בערזעצער פון תורת משה, אַז ער האָט די איבערזעצונג געמאַכט לויט די אַנזיכטען פון ר׳ אליעזער און ר׳ יהושוע, אַז ער האָט זיך פיעל בענוצט מיט דער תורה שבעל־פה וואָס איז דעמאָלט שוין געוועזען כמעט ווי פערגע־סען. די איבעזעצונג זיינע איז מיט דער צייט געוואָרען אַזוי הייליג אַז מען פלעגט נישט מעהר זאָגען: "תרגום אונקלוס" נאָר גלייך: "אונקלוס האָט געזאָגט", אַשטייגער ווי ער וואָלט דאָרט האָבען געזאָגט עפּעס אייגענעס. דאָס קומט דערפון וואָס זיין איבערזעצונג איז גלייך צו אַ פּירוש. ער האָט אַלע דונקלע שטעלען פּאַראַפראַזירט און אויך פּאָפּולאַ־ריזירט. רש"י בעדיענט זיך אָפט מיט זיינע פּאַראַפראַזירטע שטעלען. למשל: "וידבר ד׳ אל משה" זאָגט דער תרגום אונקלוס "והיה ממלל יקרא דאלהים למשה=גאָטס גלאָרי אָדער גאָטס כבוד האָט גערעדט צו משה. גאָט אַליין רעדט צו קיינעם, נאָר דורך זיין כבוד האָט ער גערעדט צו משה. אונקלוס פערטייטשט אויך אָפט מאַנכען פסוק אַנדערש ווי ער ווערט פון אַיעדען אויבערפלעכליך פערשטאַנען. למשל: "ועיני לאָה רכות" איבערזעצט ער לאה׳ס אויגען זיינען געוועזען שעהן. פון

לשון רך ונעים.

די שטריט־פראַגע איבער אונקלוס און עקילס, אויב דאָס זיינען צוויי פּערזאָהנען אָדער איינער, פערנעהמט אַ זעהר גרויסע שטעלע אין דער עקסעגעטישע ליטעראַטור. לעווי, פראַנקעל, גרעץ און יאָסט האַלטען אַז דאָס איז געווען איינער, אַז דער אָרטאָגראַפישער דיפערענץ איז בלויז אַן אָרטאָגראַפישער טעות. דאָך, אויסצוגלייכען דעם פאַקט אַז עס איז אונמעגליך געווען פאַר איינעם צו איבערזעצען די ביבעל אין צוויי שפּראַכען האָט קיינער דערוויזען. בלויז אַ פּשרה איז געמאַכט געוואָרען, און די איז: מען זאָל אָננעהמען אַז די כאַלדעישע איבערזעצונג פון אונקלוס איז געמאַכט געוואָרען נאַך דער גריכישער איבערזעצונג פון עקילאָס. אויב איינער האָט געמאַכט ביידע איבערזעצונגען אָדער ניט איז פאַר דער איבערזעצונג גופא קיין אונטערשיעד. עס קאָן אויך זיין דער פאַל, אַז די צווייטע איז געמאַכט געוואָרען פון איינעם וואָס האָט זיין נאָמען ניט געוואָלט אַרויסגעבען. די אורזאַך וואַרום די היסטאָריקער זיינען געצוואונגען צו קומען צו דיעזען שלוס איז, ווייל די אָבשטאַמונג און די לעבענסגעשיכטע פון ביידען איז איבעראַל עגאַל.

דער סטיל איז איינפאַך, אָהן מליצה, ניט ווי די גמרא. ער עהנליכט זיך צו דעם פון דניאל און עזרא. דאָס דייטעד אָן אַז די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרען אין אַ פריהעריגע פעריאָדע. דער קאַראַקטער פון דעם סטיל איז פאָלקס־כאַלדעיש. דאָס דייטעד ווידער אָן אַז זי איז געמאַכט געוואָרען אין בבל, אָדער צווישען די בבל'שע יודען אין פּאַלעסטינאַ. דאָס פיהרט ווידער צו דער פאָר־קריסטליכער צייט. די קריסטליכע קריטיקער פרעגען ווידער: ווי קומט עס אַז די ערשטע קריסטליכע געלעהרטע ווי אָריגען און יעראָם האָבען ניט געמאַכט קיין נאָטיץ אי..ער איהם?. אַנדערע קריסטליכע קריטיקער זאָ..ען אַז ביידע האָבען נישט געקאָנט די כאַלדעישע שפּראַך, און אַז דער לעצטערער האָט ..יזע שפּראַך געלערנט גאַנץ נאָהנט פאַר זיין טוידט.

ביי יודען איז דער תרגום אונקלוס זעהר הייליג. עס הייסט: שנים מקרא ואחד תרגום = צווייכאָל יעדען פּסוק חומש און איינמאָל תרגום. די ערשטע געדרוקטע אויסגאַבע איז בעקאָנט פון 1482 אין באָלאָנג פון ר' שלמה ירחי. ווייטער זיינען פאַראַן פיעלע אויסגאַבען געדרוקטע, און אין מאַנוסקריפּט. איז אויך איבערזעצט געוואָרען אין פיעלע שפּראַכען. אויך גלאָסאַרען זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען אין פיעלע שפּראַכען וועגען תרגום אונקלוס. פון די העברעישע ווערען אַנערקאָנט: "מיני תרגומא" פון בערלין, "אוהב גר" פון לוצאַטאָ, "נתינה לגר" פון דר. נתן אַדלער, און "עוטה אור" פון בן־ציון

אונקע, (Bombinator Igneus)

נאָמען פון אַ סאָרט זשאַבע, אויך גערופען "פייער־קראָט" צוליעב דעם קנאָבעליגען גע־



רוך וואָס זי לאָזט פון זיך אין אַ צייט פון אַנגסט בעת זי ווערט אַטאַקירט. אַנדערע רופען איהר: קנאָבעל־קראָט. האָט אַ וואַרציגע הויט. די פאַרב פון איהר רוקען איז דונקעל־

פערברייטעט צווישען פיעלע פעלקער. די גרוי, אויף דעם בויך אָראַנזש־קאָליער מיט בלויע פלעקען. דער קנאָבעליגער גערוך וואָס זי לאָזט פון זיך איז אַזוי שטאַרק אַז ער פרעסט ארויס טרערען פון יעדען אויג וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון איהר. אַ גאַנצען טאָג הופּט זי אַרום אין די זומפּען, ביינאַכט לאָזט זי זיך אויף דעם וואַסער. זי שווימט מיט אַ האַלבען קאָפּ איבערן וואַסער, און מוזיצירט מיט פערשיעדענע קולות. ווען 3 יאָהר אַלט פּאָאָרען זיי זיך, מעהרסטענס אין יוני. האָבען דינע רונדע ציינער אויף די אויבער־קיעפער, די פיס־פינגער זיינען בעוואַקסען מיט שווים־הייטעלעך, ביי זכרים שטאַרקערע און ביי נקבות שוואַכערע. זיי וואַקסען דורכשניטליך ביז 6 סענטימעטער גרויס. זיי געפינען זיך שטענדיג אַרום די ברעגעס פון ימים און טייכען.

אונקרויט, אַלע פלאַנצען וואָס וואַקסען פון דער נאַטור, אָהן דעם מענשענס ווילען ווערען גערופען מיט דיעזען נאָמען. אַפילו נוצליכע פלאַנצען ווערען אַמאָל אַזוי גערופען ווען דער פלאַנצער האָט פאַר זיי קיין נוצען. איבערהויבט זיינען עס די וועלכע בערויבען די ניצליכע פלאַנצען פון לופט, וואַסער אָדער ליכט. פון אַזעלכע אונקרויטער זיינען פאַראַן אזעלכע וואָס וואַקסען איינמאָל יעהרליך, די ווערען פון יעדען ניצליכען פעלד גערוימט. די וואָס וואַקסען מעהרערע מאָל יעהרליך זיינען שוין שווער צו פערטיליגען. אַזעלכע זיינען דאָ 187 סאָרטען.

אונריין, ז. "רייניכקייט", "נידה", "היגעניע", און "מענסטרואַציע".

אונרעכט, איין אַנגריף אויף איין אַנערקענטעס רעכט. דער ברוך פון אַ פערטראַג איז אַ פּאָזיטיווען אונרעכט. דער קאַראַקטער פון דעם אונרעכט ווערט געשעצט נאָך דער קוואַנטיטעט פון דעם שאָדען וואָס עס פעראורזאַכט "דאָס אונרעכט וועט קיינמאָל ניט אָבגעשאַפט ווערען" —זאָגט שאָפּענהויער—"וויל עס קומט פון אונזער אינסטינקט".

אונשטערבליכקייט, (השאָרת הנפש) דער גלויבען אין דער פאָרטזעצונג פון דעם מענשליכען לעבען בעולם הבאָ. ער רוהט אויף דעם מענשליכען אינסטינקט צו ווּעלען לעבען איביג, און אויס דער מורא פאַר דעם אונפערמיידליכען טוידט. ער עקזיסטירט זייט די מענשליכע פאַנטאַזיע איז געוואָרען בכח צו פאָרמולירען די ערשטע אידעע, און איז זייט דעמאָלט ביז היינט שוין אונטערגעגאַנגען אונטער פערשיעדענע רעפאָרמען, קוואַליטאַטיוו ווי אויך קוואַנטיטאַטיוו; ד.ה. פון דעם אינדיווידועלען ביז דעם אַלגעמיינעם, און פון דעם רויהסטען פאָרם ביז דעם הייניגען אויסגעפיינערטען ספּיריטואַליזמוס. ער האָט זיינע אַנהענגער צווישען אַלע קלאַסען מענשען, ביי אַלע פעלקער, און אפילו אויך ביי די העכסט ציוויליזירטעסטע מענער, רעליגיעזע אָדער פריידענקער. ווי זשאַן זשאַק רוססאָ דריקט זיך אויס: "נישטס אין דער וועלט קאָן מיך מאַכען צווייפלען אין דער אונשטערבליכקייט פון מיין נשמה. איך פיהל איהר, איך גלויב אין איהר, איך ווינש עס מיר, איך האָף אויף איהר, און איך וועל איהר פערטיידיגען מיט מיין לעצטען טראָפּען בלוט, מיט מיין לעצטען אַטעם־צוג".

אורשפּרונג: דער חלום האָט דעם מענשען געגעבען די ערשטע אידעע פון דיעזען גלויבען. דאָס ריידען אין חלום מיט פערשטאָרבענע מענשען וועלכע מען האָט ביים לעבען געליעבט אָדער געהאַסט, האָט שטענדיג איבערגעלאָזען אַ בעטריעבטען איינדרוק אין דעם זכרון פון דעם טרוימער. דאָס איז געוועזען די טרייב־קראַפט פאַר די פרוכטבאַרע פאַנ־

טאַזיע צו בילדען די אַלע פאָרמען פון לעבען אין דעם עולם הבא וועלכען מיר קענען ביים היינטיגען טאָג. אינצווישען דיעזע האָט זיך ענטוויקעלט דער אַהנען־קולט (ז.ד.), מיט דעם געהן אויף קבר־אָבות צו בעטען די טוידטע זאָלען העלפען די לעבענדיגע. אַ גלויבען וואָס געפינט זיך ביי כמעט אַלע פעלקער אין דער וועלט.

געשיכטליכעס: דער פרימיטיווסטער בעגריף אין דער אונשטערבליכקייט איז געוועזען, אַז דער מענש לעבט בעולם הבא קערפערליך אַזוי ווי דער חלום ווייזט. אויף דיעזען בעגריף רוהט אייגענטליך די אידעע פון שכר־ועונש. דערפאַר האָבען אויך אַלע רעליגיאָנען אויפצואווייזען געוויסע הייליגע וועלכע זיינען לעבענדיג געפלויגען אין הימעל אָהן חיבוט־הקבר. אַפילו יעזוס וועלכער איז שוין געוועזען טוידט דורך דער קרייציגונג האָט אויך פריהער געמוזט לעבענדיג ווערען אויף דיעזער וועלט איידער ער האָט געקאָנט פליהען אין הימעל אַריין. די פאָרטוועהרענדע אויסגראָבונגען פון קברים, די פון חיות אויפגעפרעסענע מענשען, אָדער פון פייער פערצעהרטע קערפער האָבען פון צייט־צו־צייט געוואָרפען אַ צווייפעל איבער דעם שכל פון די גלויביגע פון דיעזען סאָרט אונשטערבליכקייט. פון דער אַנדערער זייט ווידער האָט די פיזיאָלאָגיש–כעמישע וויסענשאַפט גענומען בעווייזען אז, דער אָרגאַנישער קערפער ענדיגט זיין עקזיסטענץ דורך אַ פראָצעס פון אויפלעזונגען אין דער אונאָרגאַנישער וועלט אַריין. דער פראָגרעסיווער שכל האָט צוביסלעך גענומען רעוואָלטירען געגען אַזאַ סאָרט אונשטערבליכקייט, און די מאָדיפיצירונג צו אָננעהמען די אונשטערבליכקייט פון דער נשמה שטאָט פון קערפער, איז געוואָרען אַ סיגנאַל פאַר אַן אייביגע מלחמה, צווישען די צוויי ניי–געבוירענע פאַרטייען: 1) די מאַטעריאַליסטישע און 2) די ספּיריטואַליסטישע. די ערשטע האַלט אַז מיט דער אויפלעזונג פון דעם קערפער פערליערט זיך אויך די נשמה, און די אַנדערע זאָגען אַז דערפאַר ווייל די נשמה איז אַרויס פון קערפער לעזט זיך דער קערפער אויף. די ערשטע בעטראַכטען די נשמה בלויז אַלס אַ פעראייניגונג פון פונקציאָנען וואָס ענשטעהט אויס דער פעראייניגונג פון די פערשיעדענע טיילען אין דעם אָרגאַניזירטען קערפער, און די אַנדערע אַלס אַן אַן־אונ־פאַרזיך עקזיסטירענדעס וועזען וואָס ווערט ענדליך בעפרייט פון קערפער.

פאַר אַ לאַנגע צייט האָט דער מאַטעריאַליזמוס געלערנט אַז אַזוי ווי עס געבען פעלקער וואָס האָבען קיין בעגריף איבער רעליגיאָן דאַרף דאַריוס געלערנט ווערען אַז די אידעע פון אונשטערבליכקייט איז ניט אַ וועלטליכע נאָר אַ לאָקאַלע, וואו עס קומען פאָהר אַזעלכע אומשטענדען וואָס שאַפען איהר; די לעצטע פאָרשונגען אויף דעם אַנטראָפאָלאָגישען געביעט ווייזען אָבער אַז עס איז ניט דאָ איין פאָלק וואָס האָט ניט דיעזען גלויבען. אַפילו די וואָס האָבען קיין בעגריף איבער רעליגיאָן גלויבען אויך אין דער אונשטערבליכקייט.

דאָס וואונדער פון לעבען וועט אימער בלייבען אונאויפגעדעקט דערפאַר ווייל מיר זיינען ניט געוועזען דערביי ווען עס איז ענטשטאַנען. ווייל לעבען איז ניט דער קרן נאָר דער ריוח און אונז פעהלט דער חוש צו בעגרייפען דעם קרן (דאָס דינג, קאַנט). יעדער מענש—פּרימיטיווער אָדער מאָדערנער— מוז שוין דערפאַר אַליין האָבען אַן אַהנונגס-געפיהל פון אַן אונבעקאַנטע וועלט אויס וועלכער דאָס לעבען איז צו איהם געקומען. די צווייטע אידעע, אַז דאָס לעבען מוז ענדליך דאָרטהין צוריקגעהן איז אַ לאָגישער שלום פון דער פאָריגע. פיגוראַטיוו איז דאָס די אייגענטליכע אידעע פון גלגולים וואָס געפינט זיך אויך

חלומות האָבען זעלבסטפערשטענדליך געשטאַרקט. די פאַנטאַזיע האָט זיי צוזאַמען געגרופירט מיט די פיזישע ערשיינונגען פון הימעל, און דאַרויס צוזאַמענגעשטעלט אַלע דיזע פאַנטאַזיען וואָס מיר האָבען וועגען דער אונשטערבליכקייט.

בײ די פערשיעדענע פעלקער.

כינעזער: אויבוואויל קאָנפוציוס רעדט גאָר נישט וועגען אונשטערבליכקייט איז דאָך דער אָהנען־קולט ביי די כינעזער זעהר שטאַרק פערברייטעט. קאָנפוציוס זאָגט אַז די נשמות פון פרומע איז ערלויבט נאָך דעם טוידט צו בעזוכען זייער אַלטע היים אויף דער ערד. די כינעזער מוזען בויען טעמפלען וואָהין זיי זאָלען קומען בעטען צו דיזע נשמות. די וואָס פערנאַכלעסיגען דיזעס צו טהון פערליערען די גנאַדע נאָך דעם טוידט צו קומען אַהער. — אין 1867 האָבען די אינדישע בלעטער דערצעהלט ווי דער אינדישער פרינץ מאַהאַראַאַ־ראַם־סינג האָט זיין לעבענס־לענג געזוכט אָבצושאַפען דאָס פערברענען פון די אַלמנות מיט זייערע פערשטאָרבענע מענער. אַלס ער אַליין איז געשטאָרבען האָט זיין פרוי ניט אַנדערש געוואָלט ווי זיך פערברענען מיט איהר מאַן. דער ענגלישער פערטרעטער מר. ברוס האָט דאָס פערבאָטען, האָט זי זיך אַליין פאָרבערייט צום פערברענען. מען האָט איהר דערפאַר אַרעסטירט. זי האָט אויפגעבראָכען דאָס געפענגניס און זיך אונטערגעצינדען אינמיטען מאַרקט. מען האָט איהר קוים מיט געוואָלט געקאָנט אָבראַטעווען דערפון. אין איין אַנדער רעפּאָרט ווערט געמעלדעט פון אַ פערברעכער וועלכען מען האָט פעראורטיילט צום טוידט דורך אַראָבהאַקען זיין קאָפּ, האָט ער זיך געבעטען מען זאָל איהם בעסער גלייך קרייציגען וויל, ער וויל ניט קומען אויף יענער וועלט אָהן אַ קאָפּ.

עגיפּטער: אין מצרים איז די אונשטערבליכקייט געוועזען דער באַזיס פון זייער גאַנצע רעליגיאָן מיט אַלע זייערע צערעמאָניען. אין די היראָגליפען זעהען מיר ווי דער גאָט אָזירים משפט די טוידטע. ער וועגט אויף אַ וואָג־שאַל פון גערעכטיגקייט דאָס הערץ פון טוידטען. דעם רשע שיקט ער צו דער פינסטערניס און דעם צדיק אין הימעל צום גאָט פון ליכט. די צדיקים ווערט פערשפּראָכען אַז, ווהערענד זייערע נשמות לעבען אין הימעל זאָלען זייערע קערפּער בלייבען אין זייערע קברים גאַנץ. דאָס באַלזאַמירען פון די מתים איז דערפאַר דאָרט געוואָרען אַ רעליגיעזע זאַך, און נאָר די קערפּער פון חשובים זיינען באַלזאַמירט געוואָרען. אויף די מצבות פון די באַלזאַמירטע האָבען די עגיפּטער נישט געשריבען "ער איז טוידט" נאָר, "ער לעבט יעצט אויף אייביג" (והלך לעמיו לעולם). לויט הערןדאָטוס (II 123) האָבען די עגיפּטישע פּריעסטער געלערנט אַז די נשמות וואָס זיינען געוועזען נאָכניט גאַנץ ריין פון עבירות מוזען מגולגל ווערען אין בהמות, און אומוואַנדלען פון בהמה צו בהמה ביז 3000 יאָהר, איידער זיי קענען אויסגעלייטערט ווערען. די נשמה ווערט געמשפט אין דער געגענוואַרט פון 42 ממונים, א יעדער פון זיי איז אַ ממונה איבער אַן אַנדער מין עבירה, די נשמה מוז ריין ווערען פון 42 עבירות ("טוידטענ־בוך", לעפּסיוס).

פערזיער: אין דער "זענד־אַוועסטאַ" ווערט אָנגעגעבען אַן אייביגער קאַמף צווישען אַהרימאַן און אָרמוזד אויף יענער זייט וועלט. עס ווערט דאָרט פערזיכערט אַז יעדער וואָס איז אין זיין לעבען געוועזען אַ כובש את יצרו, איז זיכער נאָך זיין טוידט צו קומען אין דער וועלט פון אייביגען לעבען.

יודען: עס ווערט בעהויבטעט אַז תורת־

משה האָט נישטס פון דעם גלויבען אין יענער
וועלט, און דיעזע בעהויבטונג ווערט ווידער־
שטריטען דורך דעם צווייטען פסוק פון
בראשית(ורוח אלהים מרחפת על פני המים)
און דורך דעם זיבטען פסוק פון קאַפּיטעל ב׳
(ויפח באַפּיו נשמת חיים ויהי אָדם לנפש
חיה). אין דעם לעצטען ליגט דער פּרינציפּ
אַז דער מענש בעשטהעט אוים צוויי עלעמענטע:
גייסט און מאַטעריע, אָדער דאָס שטערבליכע
און דאָס אונשטערבליכע. דאַגעגען זעהן מיר
אַז דער עץ החיים האָט נאָר צו טהון מיט
עולם הזה, און ווייטער איז דאָ מעהר קיין
וואָרט וועגען לעבען נאָך דעם טוידט. אפילו
ביי חנוך און אליהו ווערט ניט דייטליך
אָנגעגעבען אַז זיי זיינען געפלויגען אין
הימעל אַריין, דאָס איז בלויז אַ דרוש. אַלע
ווייטערע שטעלען וואָס ווערען אָנגעפיהרט
פון די פערשיעדענע נביאים זיינען בלויז
שלעכטע ספּעקולאַטיווע אויסטייטשונגען.
זעהר קלאָהר זעהט זיך אַבער משה׳ס מאָטיוו
ביי אַזעלכע פערבאָרגענע פראַגען אין דברים
(כט 82) "הנסתרות לד׳ אל׳ והנגלות לנו
ולבנינו עד עולם". אויבוואויל דאָס לייקענט
נישט די אונשטערבליכקייט , זעהט זיך אַבער
דאַרוים קלאָהר אַז פאַר דער יודישער רעלי־
גיאָן איז די גאַנצע פראַגע אַ טפל. דערמיט
צייכענט זיך אויס תורת משה פון אַלע אַנ־
דערע רעליגיאָנען פון יענער צייט, ביי וועל־
די אונשטערבליכקייט (נסתרות) איז געווע־
זען דער עיקר און אונטער וועלכענס פאָהר־
האַנג עס זיינען געשטאַנען די מכשפים, און
חרטומים און האָבען געטריבען קינציגע
מופתים צו פערבלענדען דאָס פאָלק.— אין
דיעזען זינן זאָגט קהלת (ג) "ומותר אָדם
מין הבהמה אָין". ווייטער זאָגט ער אינזעלבען
קאַפּ. (21) "ווער ווייסט אויב דער רוח פון
מענשען געהט אַרויף אין הימעל, אָדער דער
רוח פון דער בהמה אַרונטער אין דער ערד?
איך האָב איינגעזעהן אַז עס איז נישט דאָ
עפּעס בעסערעס ווי דער מענש זאָל זיך פרעהען
מיט זיינע מעשים, און **בעטראַכטען דיעזע**
שמחה אַלס זיין שכר, ווייל ווער קאָן איהם
פערזיכערען וואָס מיט איהם וועט פּאַסירען
נאָך זיין טוידט?. ישעיה זאָגט אין נאָמען
פון חזקיהו (לח׳ 19) "די אונטער־וועלט
(די בעוואוינער פון די קברים) דאַנקט דיר
ניט, דער טוידט לויבט דיך ניט, און די וואָס
געהן אין דער ערד זעהן ניט מעהר דיין אמת.
בלויז די וואָס לעבען קאָנען דיך אַזוי ווי איך"
אזוי זאָגט אויך דער תהלים: ניט אין טוידט
דערמאָנט מען דיך, אין דער אונטער־וועלט
ווער קאָן דיך (גאָט) דאָרט?. אין ל׳ 10 זאָגט
דערזעלבער ווייטער: "וואָס געווינסט דו מיט
מיין טוידט? וועט מיין שטויב דיר דאַנקען?
וועט ער בעקאָנטמאַכען דיין אמת?" דאַן
זאָגט ער (פּח׳ 6) "שוכבי קבר אַשר לא־
זכרתם־עוד" = "די קבר־בעוואוינער וועלכע דו
געדענקסט ניט מעהר". (11) "געהסט דו
ווייזען דיינע וואונדער צו די טוידטע? דיין
אמונה אין דעם (אַבדון =) אונטערגאַנג?
פאַר דער פינסטערניש בעקאָנטמאַכען דיינע
ווערק און דיין גערעכטיגקייט פאַר דער פער־
געסענהייט? ניט די טוידטע לויבען דיך
גאָט, ווי אויך ניט די וואָס געהען אַרונטער
אין דער שטומהייט. איוב זאָגט: (ז׳ 9)
כלה ענן וילך, כן יורד שאול לא יעלה = ווי
דער וואָלקען פערגעהט און איז נישט מעהר,
אַזוי איז דער וואָס געהט אַרונטער אין דער
טיעפקייט, ער קומט נישט מעהר אַרויף. לא
ישוב עוד לביתו, ולא יכירנו עוד מקומו =
ער וועט ניט מעהר צוריקקעהרען **צו זיין**
הויז, מען וועט איהם דאָרט נישט דערקענען
מעהר. (י׳ 22) ארץ עפתה = אַ לאַנד פון
אייביגע פינסטערניש, כמו־אופל צלמות =

ווי אַ דיקע פינסטערניש איז דער שאָטען פון טוידט, ולא סדרים=און קיין אָרדנונג, ותפע כמו אופל=און אַ שטראַהל איז גלייך צו אַ פינסטערניש. (יד׳) ״דער אויסגעריסענער בוים האָט נאָך אַ האָפנונג צו וואַקסען, דער געשטאָרבענער מענש האָט קיין האָפנונג״— די אידעע פון שכר ועונש אין אלע אַנדערע רעליגיאָנען האָט מיט דער צייט גענומען אויסאיבען אַ גרויסען איינפלוס אויך אויף דער יודישע. אין די צייטען פון דעם תלמוד האָט מען איהם שוין נישט געקענט ווידערשטעהן. דאָס האָט דעמאָלט אַפּעליערט צום יודענטום אַלס אַ טרייסט צו די צרות און פערצווייפלונג פון וועלכע די יודען האָבען אין יענער צייט געליטען — דער תלמוד בעטראַכט דיעזע וועלט בלויז אַלס אַ פּרוזדור=קאָרידאָר אין וועלכען די נשמה פּאָרבערייט זיך צו איינצוטרעטען אין דעם אייביגען לעבען (אָבות צ׳ 21). אין קדושין מ׳ ווערען די צדיקים פערגליכען צו אַ בוים וועלכער שטעהט אין אַ ריינעם אָרט און זיינע צווייגען הענגען דאָ אַריבער אין אַן אונריינעם אָרט. ווערט דער צווייג (גוף) אָבגעבראָכען, דאַן בלייבט דער בוים גאַנץ אויף דעם ריינעם אָרט. די תלמודיסטען האָבען אַפּילו פּרובירט מאַכען אַ שילדערונג איבער געוויסע איינצעלהייטען וואָס קומען פאָהר אין דעם קינפטיגען לעבען אַבער, זיי זיינען דאַרין זעהר זעלטען אָריגינאַל די מעהרסטע פון זיי זיינען געקאָפּירט געוואָרען פון בבל, אַשור מצרים, און פּערזיען. אין סנהדרין (צד׳) ווערט געזאָגט: נאָך דעם טוידט גיט דער מלאָך־המות איבער דעם מענשען צום מלאָך־הדומה, דעם אויפזעהר איבער די נשמות. (שבת קנב׳) די נשמה שוועבט אַרום דעם טוידטען גוף טרויערענדיג זיבען טעג. דאַן (מדרש רבה ויקרא ד׳) ערשיינט זי פאַר דעם העכסטען ריכטער.— דאָס ווערט שוין דערמאָנט אין פילע שטעלען פון תלמוד, צו מאַכען דעם לעבענדיגען פיהלען אַז ער מוז ענדליך אָבגעבען דין וחשבון פאַר דעם מלך מלכי המלכים— דאָרט ווערט אונטערזוכט זיין גוטסקייט און שלעכטקייט, אויב זיין בעציהונג בין אָדם לחברו איז געוועזען עהרליך, אויב זיינע פאַמיליענפליכטען זיינען אויסגעפילט געוואָרען, אויב ער האָט אָבגעגעבען צייט פאַר לערנען תורה (שבת לא׳). דיעזע שאַלות ווערען געשטעלט דעם צדיק ווי דעם רשע (קדושין מו׳). עס ווערען דאַן פאָרגעלייגט פאַרן פּראָצעס אַלע זיינע עברות מיט אַלע זיינע מצות (סוטה ג׳) יעדע טהאַט ווערט איהם פאָרגעלייענט און ער בעשטעטיגט אַלעס. ער אונטערשרייבט דאַן זיין אייגענעם משפט מיט זיין אייגענע האַנד (תענית יא׳).— דער אונטערשיעד צווישען תורת משה און דעם תלמוד איבער די אונשטערבליכקייטס פראַגע ליגט אין דעם פאַקט: אַז אין משה׳ס צייטען זיינען די יודען ארויס פון גלות צו לעבען אַן אייגען סאָציאַלעס לעבען און אין דער צייט פון תלמוד איז דאָס יודישע פאָלק שוין געוועזען אָבגעשניטען פון זיין סאָציאַלען לעבען און איז פערטריבען געוואָרען צו לעבען אין גלות. בכדי אויפצוהאַלטען די עקזיסטענץ פון אַ פאָלק וואָס איז ניט מעהר אויף זיין אייגענעם באָדען איז אַזאַ געהיימניספאָלע לעהרע געוועזען אַ גאַנץ פערנונפטיגע אַפּליקאַציע.

בבל: לויט דעם עפּאָס פון ״גלגמש״ (ז.ד.) האָבען די פּריעסטער פון בבל געלערנט אַז גאָט האָט געגעבען דעם מענשען דעם טוידט און זיך בעהאַלטען די אונשטערבליכקייט. דער מענש דאַרף לעבען און געניעסען אַזוי לאַנג ווי ער לעבט ווייל שפּעטער לעבט ער נישט מעהר. דאָך, ווען איינער שטערבט פאַר אַ גרויסען צוועק, און אַז מען בעגראָבט איהם

אין אָרדנונג, גיט מען איהם נאָכ׳ן טוידט צו טרינקען מים־חיים און ער ווערט דאַדורך פעראייניגט אויף יענער וועלט מיט אַלע די זייניגע.

קריסטען: אין אָנפאַנג האָט דאָס קריסטענטום אָנגענומען (יוסטין, טאַטיאַן, טעאָפיל) אַז די נשמה איז שטערבליך נאָר, זי קאָן ווערען אונשטערבליך דורך פרומקייט. זי קריעגט דעם זאַמען פון אונשטערבליכקייט דורך דער פעראייניגונג מיט דעם היילינגען גייסט. שפּעטער האָט דאָס פּאַבסטום גענומען לייגען פיעל געוויכט אויף שכר ועונש, און מיט דער צייט אויך דאָס גענומען טרייבען אַלס מסחר (ז. "אַבלאַס").

פילאָזאָפיע: אויב די נשמה איז אַן איינהייט קאָן זי נישט שטערבען, איז זי אַבער אַ קאָמפּלעקס קאָן זי שטערבען. דיעזער פּרינציפּ איז אָנגענומען אין דער פילאָזאָפיע, פון סאָקראַטעס ביז די לעצטע פון היינטיגען טאָג. דער שטרייט געהט נאָר אָן איבער דער פראַגע: איז זי אַן איינהייט אָדער אַ קאָמפּלעקס? — אויף וועלכען וועג לאָזט זיך דיעזע פראַגע אונטערזוכען?

די ערקלעהרונג פון איהר אורשפּרונג האָט נאָר אַן עפעקט אויף דעם בעגריף פון איהר געשיכטע אָבער לחלוטין נישט אויף דעם בעגריף פון דער אידעע זעלבסט. די אונשטערבליכקייטס אידעע קומט צו אונז פון דער אונבעקאָנטער וועלט, אַ וועלט וועלכע האָט אין זיך מעהר איכהאַלט אַלס אונזערע חושים קאָנען בעגרייפען. פיעלעס פון דאָרט קומט צו אונז דורך אונבעקאָנטע וועגען, זיי ריידען צו אונז אין אַן אונבעקאָנטע שפּראַך; ווי רוססאָו זאָגט: "מיר פיהלען זיי, מיר בעגעהרען זיי"; אַבער ווען מיר קאָנען ניט אָט דיעזען אונבעקאָנטען לשון, ליגט דער פעהלער אויף אונזער זייט, אַבער די אונשטערבליכקייט גופא, איהר עקזיסטענץ ווערט שוין אויס דיעזער אונבעקאָנטע שפּראַך אַליין בעוויזען. איהר איינהייט ווערט בעוויזען דורך דער איינהייט פון איהר שפּראַך דורך וועלכע זי ענטדעקט זיך צו אַלע מענשען פון אַלע שפּראַכען, איינגעשלאָסען אויך די שטומע און די קינדער־וועלט. אונזער אייגענער פעהלער צו בעגרייפען אַ קאָמפּלעטע איינהייט איז נאָך אַ בעוויז אַז די נשמה איז אַן איינהייט. מיר בעגרייפען ניט דאָס קליינסטע און ניט דאָס גרעסטע. דיעזער פעהלער עקזיסטירט ביי אונז וויול, אונזער גאַנצעס וויסען איז צו אונז געקומען דורך די פינף חושים און ניט דורך איינעם. מעגליך איז אַז אונז פעהלט אַ זעקסטער חוש, מעגליך אַ זעקסטער מיט אַ זיבטען חוש, אָדער גאָר נאָך מעהרערע חושים, דיעזע אַלע איינצעלנע חושים וואָלטען אונז פיעלייכט נאָך גאָר אַוועקפיהרען פון דעם איינהייטס בעגריף. מעהערערע חושים קאָנען נאָר פערמעהרען אונזער וויסען קוואַנטיטאַטיוו אַבער ניט קוואַליטאַטיוו. צו בעגרייפען אַן איינהייט פעהלט אונז אַ קאָמפּלעקסירטער חוש, אַ צענטראַלער פון אַלע חושים. גראָד ווי די זעה־קראַפט זעהט איין זאַך דורך צוויי אויגען זאָל דיעזער קאָמפּלעקס־חוש בעגרייפען דורך אַלע חושים. אַזעלכער וואָלט אונז אַריבער פיהרען איבער די גרענצען פון אונזער יעצטיגעס וויסען, אַריין אין דער אונבעקאָנטע וועלט אַריין, וואָהין עס רייסט זיך אונזער כח הדמיון און קעננים צוקומען. די טעלעפּאַטיע, דער מעסמעריזם, די צייטווייליגע נבואות׳דיגע חלומות, דער סאָמנאַבוליזמוס, די לעטאַרגיע, זייערע פאַנטאַסטישע פלאַהנמעסיגע פּראָדוקציאָנען צייגען איין קאַראַקטער, און קומען דאָך פון פערשיעדענע קוועלען. מיר פיהלען זיי ווי מיר פיהלען די אונשטערבליכקייט,

אבער מיר בעגרייפען קיינעס פון זיי. וואס מיר בעגרייפען שוין יא דורך אונזער כח **הדמיון איז בלויז דורך א שוואך דורכזיכטי**־גע פארהאנג. דאך, ווי שוואך דיעזער כח הדמיון איז, האט ער דאך בעוויזען צו שלא־**גען דעם מאטעריאליזם פון 18טען יאהר**־הונ־דערט, און אויף זיין קבר אויפגעבויט דעם "מאניזמוס" וואס פיהרט צו דער איינהייט. **העקעל** זאגט: אז יעצט, ווען דאס לעבען איז אונצערשטערבאר, אז דער גאנצער אוני־ווערזום איז פול מיט לעבען, אז דער אינהאלט פון דיעזען אוניווערזום איז אן איינהייט, רופען מיר דיעזע איינהייט: "אקטיווער בע־זעעלטער סובסטאנץ". אבער אוידער, זאגט דאס פון זיין כח הדמיון, פון דעמזעלבען וואס האט געשאפען דעם גלויבען אין דער אונשטערבליכקייט. ניט פון א בעגריף נאר א פראסטע בעהויבטונג וואס לאזט זיך ציהען אויס די שוואכע בעגריפע פון אונזערע אונ־געניעגענדע חושים.

פראף. טשיים רעזומירט פלאטאס נאטיר־ליכע ארגומענטען צוגונסטען פון דער אונ־שטערבליכקייט אין פאלגענדער ארדנונג:־

1) די פעהיגקייט, און די נייגיעריגקייט פון דעם מענשען צו פארשען וועגען וואס מיט איהם וועט פאסירען נאך זיין טוידט.

2) דאס געזעץ וואס פארבערייט די רוח זאל פאדערען ארבייט און ארבייט זאל פאדערען רוה, דאס ליכט זאל זיך ענדיגען אין דער פינסטערניש און די פינסטערניש אין דעם ליכט, מוז דאס לעבען וואס ענ־דיגט זיך אין טוידט אויך דעם טוידט צוריקפיהרען אין דעם לעבען אריין.

3) די אונקלאהרע ערינערונגען וואס ערשיינען אפט אין דעם מענשליכען זכרון וועגען אן אמאליגע עקזיסטענץ, וועלכע איז איהם פרעמד אין דער געגענווארט.

4) די גאנצהייט פון דער נשמה בעת דער גוף שטערבט אב צוביסלעך.

5) פון דער געזונדטע לעבענ־קראפט וואס די נשמה צייגט ביים קראנקען מענשען

לויט אריסטאטעלס שטערבט אב בלויז דער מאטריעלער מענש. לויט קריסיפ בלייבען נאר לעבען די נשמות פון גייסט־רייכע מענער. סענעקא איז נישט זיכער אויב די נשמה שטערבט מיט דעם גוף. פלוטארך גלויבט אין דער אונשטערבליכקייט פון יעדער נשמה. פלינוס זאגט אז דאס איז בלויז א שעדליכע איינבילדונג. די אווערא‎יסטען און די אלעק־סאנדרינער גלויבען אין א קאסמישע אונ־שטערבליכקייט אבער נישט אין אן אינדיווי־דועלע. אגריפא, העלמאנט, קאמפאנעלא, קאר־דאנוס און ברונא האבען געגלויבט אין דער אינדיווידועלע ווי אין דער קאסמישע אונ־שטערבליכקייט. לויט שפינאזא בעגרייפט דער מענש די אונשטערבליכייט אזויפיעל וויפיעל ער פיהלט אז ער איז אין גאט. וואס שטארקער זיין ליעבע איז צו גאט דאס מעהר פיהלט ער זיך אונשטערבליך. דיעזע ליעבע מוז אבער זיין אן אקטיווע, ניט א פאנטאסטישע. לייבניץ גלויבט אז אלעס וואס לעבט איז אונשטערבליך בערקלעי לערנט אז די נשמה איז אונקערפער־ליך און איז דערפאר אליין שוין נישט אנאלי־זירבאר און איז פאלגליך אויך אונשטערבליך. פערגוסאן זאגט אז די לוסט פאר דער אונ־שטערבליכקייט איז דער בעסטער בעוויז פאר דער אונשטערבליכקייט. דידערא זאגט אז די אושטערבליכקייט עקזיסטירט נאר אין רעיון פון דעם לעבענדיגען מענשען. וויס־הויבט זאגט אז דער טוידט איז בלויז א פארט־שריט צו דער העכערע ערקענטניש, אז דער מענש בלייבט ווייטער א טייל פון דער וועלט. הערדער און געטהע זיינען איבערצייגט אין דער אונשטערבליכקייט דורך זייער שטענדיגע טהעטיגקייט.

די ליטעראטור איבער דיעזע פראגע איז

אונגעהייער גרויס. די פראַגע איז פערבינדען מיט פיעלע אַנדערע גייסטיגע פראַגען פון אַן עהנליכען קאַראַקטער. זייט זי עקזיסטירט ביז דעם היינטיגען טאָג האָט קיינע פון די שטרייטענדע פאַרטייען צו פערציינען אַ זיעג. יעדער נייער אַרגומענט פערליערט זיך ביים ערשטען צוזאַמענשטויס מיט דער קריטיק ווייל מען האַנדעלט דאָ מיט אַ וועלט פון וועלכער קיינער קומט צוריק מיט דעם לשון וואָס מיר פערשטעהן. עס בלייבט אַלזאָ ווי תורת משה-זאָגט: הנסתרות לה׳ אל׳ והנגלות לנו ולבנינו עד עולם.

אַוס, אַ יודיש־אַראַבישער פּאָעט פון שטאַם קוראַיזאָ, אין מעדינאַ אַראַביען; אויס דער צייט פון מאַהאָמעדס געוואַלדיגע נצחונות. אַלס מאַהאָמעד האָט בעזיעגט זיין שבט און איהם געצוואונגען מיט דעם שווערט אין האַנד זיך צו בעקערען צו זיין רעליגיאָן, האָט אוס׳ס ווייב געבעטען איהר מאַן ער זאָל זיך אונטערגעבען און אָננעהמען די רעליגיאָן פון דעם זיעגער, און אַז ער האָט איהר נישט געפאָלגט קאָן מען זעהן אויס דער פּאָעמע וואָס ער האָט געלאָזען פאַר קינפטיגע דורות פון וועלכע מיר איבערזעצען דאָ צוויי סטראָפען

אויסבייטען אויפ׳ן קאָראַן מיין תורה?
דאָס איז דעם שטן׳ס שרעקליכער שפּאָט!
מאַהאָמעדס׳בוך איז פאַר מיר קיין סחורה
עס לעסטערט מיין פאָלק, און מיין גאָט.
אומזיסט מיין ווייב דיין בקשה צו מיר
איך בליק צום הימעל און האָף צו איהם
איך ענטלויף נים דורך אַ הינטער־טיהר
פון מיין תורה, פון מיין אלהים.

די אַראַבישע ליטעראַטור האָט אונז איבער־געגעבען זיין פּאָעמע אַבער נים זיין גורל. לויט איניגע אַראַבישע קאָמענטאַרען, האָט ער דאַפיר בעצאָהלט מיט זיין לעבען ווייל ער האָט דערמיט געלעסטערט מאַהאָמעדס תורה. אַנדערע זאָגען אַז דערפאַר וואָס מאַהאָ־מעד האָט אויסגעדרוקט זיין בעגייסטערונג פאַר דער פּאָעמאַ האָט זיך אַוס בעקעהרט צום מאַהאָמעדאַנערטום. היסטאָריש איז דאָס לעצ־טע נים בעוויזען. עס איז פיעל נאַטירליכער פאַר אַ מאַן פון אַזאַ קאַראַקטער אומצוקומען על־קדוש־השם, זאָנסט וואָלט ער אין אַזאַ געפעהרליכע צייט נים געהאַט די דרייסטיג־קייט וואָס די אויביגע פּאָעמע ווייזט.

אוסאַ, נאָמען פון 6 טייכען אין עוראָפּאַ און איינער אין אַזיאַטישען רוסלאַנד.

אוסאַגאַראַ, אַ שטיק לאַנד אין זיד־אַפריקאַ וואָס איז אין 1884 געפאַלען אונטער די דייטשע הערשאַפט און, איז נאָך דער וועלט־מלחמה געקומען אונטער דעם זיד־אַפריקאַנער יוניאָן. דאָס לאַנד קאָן וואַקסען כמעט אַלעס וואָס עס וואַקסט אין עוראָפּאַ. די מיליאַרדען לייכטענדע קעיפערען וואָס שוואַרמען אַרום ביינאַכט אין יענע געגענדע מאַכען אַ בע־צויבערענדען איינדרוק אויף די פרעמדע. דייטשלאַנד האָט געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף אוסאַגאַראַ. די איינגעבוירענע האָבען זיך אָבער נים געלאָזען טרייבען צו דער אַרבייט און דאָס לאַנד איז פערבליבען ווילד פאַר די נעקסטע בעזיצער.

אוסאַר, (uxerre) די הויבט-שטאָדט פון דער פראַנצויזישער פראָווינץ יאָן, 90 מייל זיד־אָסטליך פון פאַריז. איז געבויט אויף אַ באַרג אַרומגענומען מיט וויינ־גערטנער. האָט שמאָלע לאַנגע גאַסען וועלכע זיינען זעל־טען ריין. האָט בלויז איניגע שעהנע גע־ביידען, אַלע איבריגע זיינען געבויט אויף דעם פרימיטיווען סטיל. האָט אַ מוזעום און אַ באָטאַנישען גאָרטען. האָט איניגע גרויסע ערדענע קאָב־געשיר און לעדער פאַבריקען. דער טייך יאָן איז נעבענ־ביי, און פיעל ווייז ווערט דורך איהם דורכגעשיפט נאָך פאַריז.

רי בעפעלקערונג אין 1910 איז געוועזען .18,000

אַוסגלײַך, אונטער דיעזען נאָמען איז אין דער געשיכטע בעקאַנט דער פערטראַג צווישען עסטרייך און אונגאַרן פון 1867, און דורך וועלכען דיביידע לענדער — אונטער אַ דואַלע מאָנאַרכיע— זאָלען רעגולירען די געמיינזאַמע אינטערעסען וועלכע פאַלען אין צוויסטיגקייטען. די נויטוועגדיגקייט דאַפיר איז ענטשטאַנען אויס דער טהאַטזאַך וואָס ביידע מאָנאַרכיען האָבען געהאַט צוויי בעזונדערע געזעץ־געבענדע פאַרלאַמענטע, וועלכנס געזעצע מוזען זיך אונטעראַנאַנדער ווידערשפּרעכען. איבערהויבט זיינען דאָס געוועזען אַזעלכע וואָס האָבען בעריהרט די אויסלענדישע אינטערעסען פון ביידע לענדער. די ספּעציפישע פראַגען וועלכע דער אויסגלייך האָט בעריהרט זיינען געוועזען: 1) באַנקגעשעפטען, 2) די אַנערקענונג פון דיפּלאָמען צווישען ביידע לענדער, 3) די העכסטע אַפּעללאַציאָנס געריכטען וועלכע האָבען געמוזט משפּט'ן נאָך צוויי קאָדעקסען, 4) די צאָל פון איינ־ און אויס־פיהר, 5) די מיליטערישע אויסגאַבען און מיליטערישע אויפגאַבען, א.ז.

אַוסדעהנונג, (פיזיק), די אייגענשאַפט פון דעם קערפּער זיך פערגרעסערען, צו פילען דעם לעדיגען רוים. די אויסדעהנונג פּאַסירט נאַטירליך אַזוי ווייט ווי די איינווירקונג פון די קרעפטען זיינען עס בכח צו טהון. וויווייט ראָס פּאַסירט נאַטירליך הייסט די אויסדעהנונג אַן אַבסאָלוטע, די אַבער וואָס ווערען געמאַכט, הייסען שוין די קינסטליכע אויסדעהנונג. — אַלע קערפּער דעהנען זיך אויס אין דער וואַרמקייט און ציהען זיך צוזאַמען אין דער קעלט. מען קאָן אַזאַ אַקט ניט רופען אויסציהען ווייל, אויסציהען מיינט בלויז אין דער לענג, און אַוסדעהנונג מיינט נאָך אַלע זייטען.

אַוסדעהנונגס־לעהרע, אַן אָבטיילונג אין דער מאַטעמאַטיק וועלכע לערנט דעם בעגריף איבער די גרויסקייט פון דעם רוים. זי איז בעגרינדעט געוואָרען פון דעם דייטשען געלעהרטען הערמאַן גראַסמאַן אין יאָהר 1860 און פון זיין זוהן פיעל געבעסערט געוואָרען. שפּעטער איז זי פון שלעגעל פּאָפּולאַריזירט געוואָרען. פריער האָט זי איינגעפיהרט אויך אין דער פיזיאָלאָגיע אַריין, ספּעציעל ביים מעסטען די עמפּפינדונגען (ז. "גראַססמאַן").

אַוסאַי, אַ לאַנד־טייל אין אָסט־אַפריקאַ, נאָרדליך פון אוזינזאַ, נעבען דעם קעניגרייך קאַראַגווע. דער הערשער פון דיעזען לאַנד וואוינט אין אוטהונגוטאַלע. דאָס לאַנד ווערט געשילדערט אַלס אַ לאַנדשאַפט פון גן־עדן. די פערצווייגטע טייכען מיט זייערע שעהן בעוואַקסענע ברעגעס, די הויכע פּאַלמען פון פערשיעדענע סאָרטען שטעלען צוזאַמען אַ מוסטער־גאָרטען. פון די הויכע פעלזען גיעסען זיך אַרונטער שטרוימען און בילזען פיעלע שעהנע וואַסער־פאַלען. אַ ריהע פון אויסגעלאָשענע וואולקאַנען מיט זייערע פערשיעדענע היילען ,צווישען וואַקסענדע וועלדער וואו עס לויפען אַרום אַ גרויסע צאָהל פון פערשיעדענע חיות און ליאַרמען מיט פיעלע קולות, דערוועקען אַ וואונדערבאַרע פּסיכאָלאָגיע ביים רייזענדען. דאָס פאָלק וואָס וואוינט דאָרט הייסט "וואַזינזאַ". זייער הערשער רופען זיי "מטעמע"=סולטאַן. דער אַריסטאָקראַט טראָגט דאָרט אַ בלויע יאַקע ביז די קניע. די ציערונג פון זייערע שעהנהייטען בעשטעהט פון האַלז־בענדער אויס מושלען, אייזערנע רינגען, און אַ שטעקען אין דער האַנד. דאָס גאַנצע פאָלק אַרבייט, מעהרסטענס אַקער־בוי, די ווייבער העלפען מיט אין פעלד. זיי האַנדלען מיט זאַלין און עלעפאַנט־ביין. די פרויען פון

פאָלק טראָגען קליידער פון די גירטעל ביז די קניען מיט דעם גאַנצען אויבערן טייל נאַקעט, ווהערענד די מענער טראָגען אַ ציעגען פעל אַריבערגעוואָרפען איבער די אַקסעל.

אַסור (לאַטיינ.) פּאַטאָלאָגיש־כעמישער נאָמען פאַר אַ געשוויר אין דער אויבערפלעך פון קערפּער.

אַוסטערליץ (Austerlitz) אַ שטאָדט אין טשעכאָ־סלאָוואַקיאַ, מיט 32,000 איינוואוינער. איז געשיכטליך בעריהמט געוואָרען דורך דעם דריי־קייזער־שלאַכט וואָס האָט דאָ פּאַסירט אין 2טען דעצ. פון 1805 ווען זי איז נאָך געוועזען אַן עסטרייכישע פּראָווינץ דאָס איז געוועזען אַ קאַמף צווישען נאָפּאָליאַן געגען דעם רוסישען קייזער. נאַפּאָליאָן האַט געהאַט געגען זיך אַ פעראייניגטע מאַכט פון 83,650 מאַן מיט 16,000 פערד. ער האָט זיך גענומען צו דער מחנה 8 אוהר מאָרגענס און ביי 11 אוהר איז ער שוין געוועזען פערטיג מיט זיי. גראַף ליכטענשטיין האָט אַרויסגעשטעלט די ווייסע פאָהן און דער פריעדען איז גלייך אונטערשריבען געוואָרען אין פּרעסבורג.

אוסיבעפּו איינער פון די 13 קעניגע פון זולו־לאַנד אין דער צייט ווען ענגלאַנד האָט דיעזעס לאַנד צוטיילט אויף 13 קעניגרייכע. די אורזאַך פון דיעזע פערטיילונג איז געוועזען וואָס פיעלע האָבען פּרעטענדירט צום טראָהן פון זולו־לאַנד, און פיעל בלוט איז דאַדורך פערגאָסען געוואָרען. קעטשעוואַיאָ, דער פּאָפּולערסטער פון זיי האָט אָבער ענגלאַנדס פּלאַהן ניט געוואָלט גוט הייסען און האָט געזוכט מלחמה מיט די איבריגע 12 אוסיבעפּו האָט זיך צו איהם גענומען און איהם 3 מאָל געשלאָגען, און פון לאַנד געטריבען. די בורען וועלכע האָבען דעמאָלט שטענדיג געזוכט ענגלאַנדס מפּלה אין אַפריקאַ האָבען זיך דאָ אַריינגעמישט, זיי האָבען געקרוינט דיניזולו, דעם זוהן פון קעטשעוואַיאָ און מיט איהם גענומען אינטריגירען געגען אוסיבעפּו וועלכער איז געשטאַנען אונטער דעם ענגלישען איינפלוס, און זיי האָבען איהם ענדליך געשלאָגען אין 1882.

אוסישקין מנחם מנדיל, איינער פון די פּראָמינענטעסטע פיגורען אין דער ציוניסטישע בעוועגונג, פון נאָך פאַר דער הערצעלשע צייט. געב. אין דובראָוונאָ 1863 אין אַ חסידישע פאַמיליע. קריעגט אַן עכט־יודישע ערציהונג, צייגט זיך פון קינדווייז אָן צו זיין געוועזען אַ גוטער קאָפּ, און אַ שנעלער בעגרייפער פון שווערע פראַגען. נאָכדעם ווי ער האָט געמאַכט אַ גלענצענדען ערפאָלג אין תנ״ך און תלמוד געהט ער איבער אין דער מאָסקווער טעכנישע שוהלע, וועלכע ער האָט אין יאָהר 1889 בעענדיגט מיט אַן אינזשעניער דיפּלאָם מיט אַן אויסצייכנונג. אינצווישען דיעזער שטודיר־צייט האָט ער זיך פלייסיג געזוכט צו בעמייסטערען אין די העברעישע

אוסישקין אין די מיטעלע יאָהרען

שפּראַך און זיך צו בעקענען מיט איהר לי־
טעראַטור. ער האָט דערביי ענטוויקעלט אַן
אויסערגעוועהנליכע ליעבע צו ציון. איז אויך
פיעל דערצו געוועקט געוואָרען דורך די
פּאָגראָמען פון יענער צייט וועלכע האָבען
אויך אויפגערעגט אַלע אַנדערע יודישע סטו־
דענטען. ער האָט גענומען בעאיינפליעסען
זיינע חברים זיי זאָלען דענקען יודיש־
נאַציאָנאַל און זיי זאָלען שטודירען יודישע
געשיכטע; ער האָט זיי פעראייניגט אונטער
דעם נאָמען בל"ו (בית יעקב לכו ונלכו).
ער האָט אויך געגרינדעט דעם פעראיין
"בני ציון" אין דער צייט ווען עס האָט שוין
עקזיסטירט וויסאָצקים "חובבי ציון". איז
אויך אין דיעזען געוואָרען סעקרעטאַר אין
יאָהר 1887. דאָרט האָט ער זיך בעקאַנט מיט
דר. פּינסקער, מיט ליליענבלום, הרב ר' שמואל
מאָהליווער, שפ"ר, אחד העם און אַנדערע.
ער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען געגען זיי
אַלס אַ זעהר האַרטנעקיגער יונגער־מאַן, אַ
צאַנקער מיט יעדען וואָס ער איז געקומען אין
בעריהרונג. אַ טהאַטזאַך וועלכע ציהט זיך
ווי אַ שנור דורך זיין גאַנצע לעבענס־צייט.
עס איז נישט דאָ איין גרויסער מאַן אין דער
ציוניסטישער בעוועגונג מיט וועלכען ער האָט
נישט געצאַנקט. דיעזע נאַטור קומט צו איהם
בירושה. זיין פאָטער איז געוועזען פון אַ
וואַרמע חסידישע פאַמיליע און זיין מוטער
פון אַ מתנגדישע. אוסישקין ווייסט נאָר פון
איין געזעץ, אַז ער האָט רעכט און קיינער
אויסער איהם. וויפיעל עקשנות ער האָט געגען
די פיהרער אַזויפיעל גוטמוטהיגקייט האָט ער
פאַרן פאָלק. ער איז אַ גוטער ריידנער, נאָר קיין
שלעכטער לאָגיקער, פערשטעהט צו אַפּעלירען
צו דער מאַסע. זי פיהלט אַז ער דאַרף איהר
האָבען מיט איהר צו בעקעמפען זיינע חברים
די פיהרער. מען דערמאָנט זיך נאָר מיט וועלכן
אייפער ער האָט געקעמפט געגען דר. הערצעל,
פערפאָלגט דעם זיידען מענדעלע, הרב ר'שמואל
מאָהליווער, אָדער גאָר ליליענבלום אין די ער־
שטע יאָהרען. דער עיקר איז, ער איז טהעטיג
און זיינע געקריוודעטע חברים זיינען איהם
דערפאַר אַלעם מוחל; זיי איהם, אָבער זעהר
זעלטען פערקעהרט.

זיין קאַמף געגען אחד־העם'ס אַריסטאָקראַ־
טיזם איז אַ קאַראַקטער־צוג וואָס איבערטרעפט
אַלע. אחד־העם האָט געגרינדעט אַ פעראיין
"בני משה" אין וועלכען בלויז יחידי סגולה
האָבען געקאָנט אַריינקומען. די אינטעליגענץ
איז געוועזען די גרעסטע רעקאָמענדאַציע
פאַר מיטגליעדערשאַפט. אוסישקין האָט אויס
דעמאָקראַטישע גרינדע געזוכט דיעזען פעראיין
צו שטירצען. זיין עקשנות'דיגע געגנערשאַפט
צו דיעזען פעראיין האָט איהם געפיהרט צו
גרינדען די "בני עקיבא" אַלס אַן אָפּאָזיציע.
דאַרין האָט ער געצייגט אַז ער איז אַ דעמאָ־
קראַט. דאַגעגען איז ער שוין געגען מענדעלע
אַרויס ווי אַ דעספּאָט און איהם אַרויסגע־
טריבען פון אַזאַ דעמאָקראַטישען פעראיין
מיט אַזאַ ווילדען האַס דאָס ער האָט דאַדורך
פערלוירען די פריינדשאַפט פון זיין ליעבס־
טען פריינד ביאַליק, און וועלכער איז מיט
דעם זיידען אַרויס פון דעמזעלבען פעראיין.

ווען דר. הערצעל איז צוערשט אַרויס אויף
דער יודישע ביהנע האָט ער זיך גלייך מיט
איהם געשטעלט אין פערבינדונג. ער האָט אָבער
אויך גלייך גענומען אַ געגנער שטעלונג צו
צו זיין טשאַרטער־פּלאַהן. דאָס האָט ער בע־
צייכענט אַלס אַ טרוים, און נאָר זיין קאָלאָני־
זאַציאָנס־פּלאַהן האָט ער גערופען ציוניזמוס.
אָבטרעטען פון הערצעל האָט ער נישט געוואָלט
ווייל ער האָט געזעהען אַז הערצעל געווינט
אין די ניצליכע קרייזען וואו ער קען ניט צו־
קומען אַליין אָהנע איהם, ער איז איהם נאָכגע־
גאַנגען אויף טריט און שריט און איבעראַל
איהם גענומען בעקעמפּפען אָהן אַ ריקזיכט

אויף דעם שיקזאַל פון דער בעוועגונג. ער האָט זיך און זיינע אַנהענגער גערופען: "די פּראַקטישע ציוניסטען" אַלס אַנאָנים צו הערצעלס "טרוימעריען". ער האָט בייגעוואוינט אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסען אַחוץ דעם זעקסטען, צוליעב דעם טעריטאָריאַליסטישען פּלאַהן וואָס איז געלעגען אין מעכטיגערע הענד אַלס זיינע.

נאָך דער לעצטע וועלט־מלחמה, ווען ענגלאַנד האָט בעקומען דעם מאַנדאַט איבער פּאַלעסטינאַ, האָט ער זיך געשטעלט אין פערבינדונג מיט דר. ווייצמאַן און מר. סאָקאָלאָוו, און זיך מיט זיי בעטייליגט אין דער רעאָרגאַניזירונג פון דער ציוניסטישע פּאַרטיי, וועלכע איז שוין דעמאָלט דורך דער מלחמה געוועזען כמעט ווי פערניכטעט. אין יאָהר 1921 איז ער געקומען אין נויאָרק מיט דר. ווייצמאַנ'ס קאָמיסיע, צו בעקומען הילף פאַר דעם "קרן היסוד". ער שיינט אין דיעזע יאָהרען שוין צו זיין געלאַסענער און האַרמאָנישער ווי אַמאָל. דאָך, ווי נאָר ער האָט צוריקגעקעהרט נאָך פּאַלעסטינאַ, הערט זיך ווידער ווי ער רייסט זיך אַרום מיט דר. אידער, דעם פּאָליטישען פיהרער פון דער ציוניסטישע פּאַרטיי. אין מערץ פון 1922 איז געפייערט געוואָרען זיין פירציגסטער יאָהר פון זיין ציוניסטישע טהעטיגקייט.

זיינע שריפטליכע טהעטיגקייטען זיינען בעשרענקט אויף ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ. אייניגע אַרטיקלען אין די פערשיעדענע זשורנאַלען, אַ גרויסער טייל פון זיי פון אַ פּאָלעמישע נאַטור; אַ פּאָאַר קליינע בראָשורען וועלכע ער האָט געלאָזט איבערזעצען און דרוקען אין 5 שפּראַכען.

אוסלאַר באַראָן **פּעטער קאַרלאָוויץ,** אַ בעדייטענדער רוסישער שפּראַך־פאָרשער, געב. 1816 אין דעם דאָרף קוראָוואָ און געשט. 1875 אין זיין געבורטס־שטאָדט, אַלס גענעראַל מאַיאָר. אויסער זיינע מיליטערישע שריפטען האָט ער אויך אָבגעדרוקט די רעזולטאַטען פון זיינע שפּראַך־פאָרשונגען פון די אַבשאַסען טעטשענצען, אַוואַרען, קאַזיקומיקען, היורקאַנען, און קורינער. די פּעטערסבורגער אַקאַדעמיע האָט זיי אַרויסגעגעבען אַלס אַ דענקשריפט, ווייל אין זיי ליגט פיעל מאַטעריאַל פאַר קינפטיגע שפּראַך־פאָרשער איבער די פון דער קאַווקאַז.

אויסליעפערונגס־געזעץ, אין דער אינטערנאַציאָנאַלע יוריספּרודענץ הייסט דאָס דער אָבמאַך צווישען אייניגע נאַציאָנען אַז זיי זאָלען אויסליפערען איינע צו דער אַנדערע איינגעלאָפענע פערברעכער, צו ווערען געמשפּט נאָך דעם געזעץ פון דעם צד אין וועלכענס לאַנד דאָס פערברעכען איז בעגאַנגען געוואָרען. אַן אָבמאַך צווישען צוויי דעספּאָטישע לענדער שליעסט אויך איין פּאָליטישע פערברעכען אַלס גרונד פאַר אויסליעפערונג, אַבער אַן אָבמאַך צווישען צוויי קאָנסטיטוציאָנעלע לענדער, אָדער צווישען אַ קאָנסטיטוציאָנעלען מיט אַ דעספּאָטישען ווערט נאָר אַנערקאָנט ציוויל־פערברעכען, אָדער אַזעלכע פערברעכע וועלכע זיינען אין ביידע לענדער שטראָפּבאַר.

ווען אַזאַ נאַציאָן פאָדערט פון אַ צווייטע די אויסליעפערונג פון אַ פערברעכער, מוז די פאָדערענדע נאַציאָן ברענגען גענויגענדע בעווייזע 1) אַז די געפאָדערטע פערזאָהן איז דער פערברעכער, 2) אַז די טהאַט איז ווירקליך אַ פערברעכען, 3) זי מוז אויך געבען אַ גאַראַנטי אַז די אויסגעליעפערטע פערזאָהן וועט קריעגען אַ געהעריגען משפּט, מיט אַלע מעגליכקייטען זיך צו פערטיידיגען. ווען דיעזע אַלע פּאַפּירען זיינען שוין אין אָרדנונג ווערט די געפאָדערטע פערזאָהן פאָרגעפיהרט פאַר אַ מאַגיסטראַט, דער פאָדערענדער צד

ליגט דעמאָלט פאָהר זיינע בעווייזע, און די געפאָדערטע פערזאָהן קאָן זיך דאַן פערטיידיגען, און ווען דער מאַגיסטראַט אַנערקענט אַז די בעווייזע זיינען גענוגענד, ווערט די אויסליעפערונג אויסגעפיהרט.

די נאַציאָן וואָס פאָדערט די אויסליעפערונג פון אַ פערברעכער פון אַ פרעמדע נאַציאָן מאַכט דיעזע פאָדערונג פריהער דורך אַ טעלעגראַפישען ערזוך אַז מען זאָל די געפאָדערטע פערזאָהן אַרעסטירען, דאַן שיקט זי אַרויס אַן אַגענט מיט פאָלמאַכט און אַלע נויטיגע בעווייזע. נאָכדעם ווי דער מאַגיסטראַט פעראורטיילט דעם אַרעסטירטען אַרויסגעשיקט צו ווערען, ווערט ער איבערגעגעבען אין די הענד פון דעם אַגענט און דערמיט איז די פרעמדע נאַציאָן פּטור.

גרינדע פאַר אויסליעפערונג: די מעהרסטע נאַציאָנען וואָס זיינען געוועזען פערטרעטען אויף דעם האַאַגער־קאָנגרעס פון 1393 האָבען בעשלאָסען נישט אויסצוליעפערען פּאָליטישע פערברעכער וואָס זיינען ענטלאָפען בעת זייער לאַנד איז געוועזען אין אַן אויפשטאַנד, און אַזוילאַנג ווי זיי פערהאַלטען זיך רוהיג אין דעם נייעם לאַנד. וועגען די ציוויל־גרינדע האָט דער קאָנגרעס איבערגעלאָזען צו יעדער נאַציאָן צומאַכען איהרע אייגענע בעשטימונגען מיט די אַנדערע נאַציאָנען. דאָס ענגלישע פּאַרלאַמענט האָט די רעגיערונג געבינדען צו פאָלגענדע גרינדע: ענגלאַנד זאָל נישט אויסליעפערען אַן ענגלישען בירגער געמשפּט צו ווערען אין אַ פרעמד לאַנד, נישט אויסצוליעפערען אַ פרעמדען וואָס איז געוועזען צו הויז אַ פּאָליטישער פערברעכער און לעבט רוהיג אין ענגלאַנד, נישט אויסצוליעפערען קיין געמיינעם פערברעכער צו זיין רעגיערונג סיידען זיין רעגיערונג נעהמט זיך אונטער אַז זי וועט איהם נישט משפּט'ן פאַר איין אַנדער פערברעכען אַלס דעם פאַר וועלכען ער ווערט אויסגעליעפערט.

עס פּאַסירען דאָך פעלע וואו איין נאַציאָן ליעפערט אויס פערברעכער צו אַן אַנדערע אַפילו ווען עס עקזיסטירט גאָר קיין אויסליעפערונגס אָבמאַך צווישען זיי. אַזוי האָט שפּאַניען שוין איניגע מאָל געטהון צו ענגלאַנד; און דערפאַר וויל עס האָט שוין אמאָל אַזוי פּאַסירט איז עס שוין רעכט אויך אָהן אַ ספּעציעלען פערטראַג, ד.ה. ווען זיי ווילען זיך צייגען פריינדשאַפטליך אונטעראַנאַנדער, אָבער דאָס קאָן געזעצליך קאָנטעסטירט ווערען מיט ערפאָלג ווען אַזאַ אַקט פּאַסירט אין אַ קאָנסטיטוציאָנעלען לאַנד, אַבער נישט אין אַ דעספּאָטישען. דער דעספּאָט איז דאָס געזעץ אַליין.

אין דער יונייטעד־סטייטס איז דער מנהג אַז זי פאָדערט נישט, און זי גיט אויך נישט קיין אויסליעפערונג צו קיין נאַציאָן מיט וועלכע זי האָט קיין ספּעציעלען פערטראַג. אויב זי ליעפערט אויס איינעם אויף גרונד פון אַ ציוויל־פערברעך וויל זי האָבען אַ צוזאָג —נישט אַ גאַראַנטי ווי ענגלאַנד— אַז מען וועט איהם נישט משפּ'ן אויף אַ פּאָליטישען גרונד. אויב דער אויסגעליעפערטער ווערט פער'משפּט אויף דעם אויסגעליעפערטען גרונד און נאָכהער אויף אַ פּאָליטישען קימערט עס די יונייטעד־סטייטס נישט מעהר.

די גרינדע פאַר וועלכע די יונייטעד־סטייטס ליעפערט אויס זיינען 30 אין צאָהל. צווישען זיי זיינען: אַבדוקציאָן, אַבאָרציאָן, אָנגריף מיט דער אַבזיכט איינעם צו הרגנען, פייערשטיפטונג, שוחד, ביגאַמיע, גנבה, אונטערקויפען, קינדער גנב'נען, בונטעווען אויף אַ שיף אינמיטען ים, אויסנאַרען געלד, פערוועגדען פרעמדעס אַנפערטרויטעס געלד, פעלשען וועקסלען אָדער געלד, האַנדלען מיט געפעלשטע פּאַפּירען אָדער געפעלשטעס געלד,

הויז-איינברוך, שווינדעל, מאָרד, אַ פאַלשע שבועה, ענטעהרען אַ פרויענצימער, נעהמען גנבות פון אַ גנב, שקלאַפען־האַנדעל, א.ד.ג.

צו אילוסטרירען דעם קאַראַקטער פון אויסליעפערונג, פון און נאַך, דער יונייטעד־סטוטס, ווערען אָנגעגעבען פאָלגענדע צוויי טהאַטזאַכען:— אַן אַמעריקאַנער בירגער האָט צוגענומען זיין אַ קינד פון זיין גע'גט ווייב און איז דערמיט אַוועק נאָך קענעדע. די פרוי האָט דעם מאַן געקלאָגט אין דער יונייטעד־סטייטס פאַר גנב'נען איהר קינד. די יונייטעד־סטייטס האָט פון ענגלאַנד געפאָדערט די אויסליעפערונג פון דעם מאַן אויף גרונד פון "קינדער־גנבה". דאָס האָט פעראורזאַכט אין ענגלאַנד די פראַגע: קאָן אַ פאָטער גנב'נען זיין אייגען קינד?. ווען אַבער דער אַגענט פון דער יונייטעד־סטייטס האָט אָנגעוויזען אַז ביים גט האָט דער ריכטער גע'משפט אַז דאָס קינד געהער צו דער מוטער, און אַז דער פאָטער האָט בלויז דאָס רעכט דאָס קינד צו האַלטען אַ טאָג אָדער צוויי, האָט ענגלאַנד אַנערקאָנט אַז דער פאָטער האָט קיין רעכט געהאַט זיין קינד אַוועקצופיהרען אין אַ פרעמד לאַנד, און זי האָט איהם אויסגעליעפערט.— דער צווייטער אַקט איז געווען ווען דער צאַר האָט אין 1909 געפאָדערט פון דער יו־נייטעד־סטייטס די אויסליעפערונג פון יאַן יאַנאָף פורען. דער סטייטס־קאָמישיאָנער האָט שוין געהאַט פורען בעשטימט צוריק צו שיקען ווען יצחק אייזיק הורוויץ אַלס קאָונסעל, צוזאַמען מיט הערבערט פאַרסאָנס און סימאָן פאָלאָק האָבען פאָרגעלייגט אַ פעטיציע מיט 70,000 אונטערשריפטען צום סטייט־דעפאַרטמענט, בעווייזענדיג אַז, בעת פורען האָט בעגאַנגען זיינע טהאַטען אויף וועלכע רוסלאַנד פאָדערט זיין אויסליעפערונג איז דעמאָלט אין רוסלאַנד געווען אַ בירגער־קריעג., אַז אין אַזאַ פאַל קאָן פורען נאָר בעטראַכט ווערען אַלס אַ פאָליטישער פליכטלינג; בפרט עס ווערט פון דער רוסישער רעגיערונג זעלבסט צוגעגעבען אַז פורען איז אין רוסלאַנד געווען אַ רעוואָלוציאָנער; די פעטיציע איז אָנגענומען געוואָרען און פורען איז בעפרייט געוואָרען.

אין 1893 ווען די אַנאַרכיסטען זיינען טהעטיג געוואָרען מיט "פראָפאַגאַנדאַ־דער־טהאַט" (ז.ד.), האָבען זיך אַלע גרויסע וועלט־מעכטע פערזאַמעלט אין אַ קאָנגרעס אין האַאַג, אַן אַוסליעפערונגס־אָבמאַך איז געשלאָסען געוואָרען און פון אָלע אונטערשריבען, אַחוץ פון ענגלאַנד, טירקיי, בולגאַריען גריכענלאַנד, און סערביען; אַז אַנאַרכיסטען זאָלען אויסגעליפערט ווערען אויף יעדענס פערלאַנג. דער אָבמאַך איז געווען אויף 5 יאָהר, מיט דעם רעכט אויף נאָך 5 יאָהר ווען עס ווערט נישט צוריקגערופען 6 מאָנאַטען פאַר דעם אָבלויף פון דעם ערשטען יאָהר. ביים היינטיגען טאָג האָבען אַלע פעלקער צווישען זיך אַזעלכע אָבמאַכען, אַחץ די וואָס זיינען דורכגעגאַנגען אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן נאָך דער וועלט־מלחמה. די מאַכט וואָס די זיעגענדע פעלקער האָבען געווינען איבער די בעזיעגטע קאָן צו יעדער צייט צווינגען די בעזיעגטע אויסצו־ליעפערען פערברעכער נאַך די זיעגערישע לענדער.

דאָס עלטעסטע אויסליעפערונגס געזעץ וואָס די געשיכטע האָט אויפצואווייזען איז דאָס וואָס עס האָט עקזיסטירט צווישען יהויקים מלך ישראל און דעם קעניג פון מצרים. די ביבעל דערצעהלט אויס דער צייט פון 604 פיצר' ווי אוריהו הנביא איז ענטלאָפען נאַך מצרים ווייל יהויקים האָט איהם געוואָלט הרגנען דערפאַר ווייל ער האָט נבואות געזאָגט אַז שלעכטעס וועט קומען אויף דעם קעניג און אויף דעם פאָלק. יהויקים האָט ארויסגעשיקט אלנתן מיט איניגע ליוט נאַך מצרים איהם פון דאָרט אַהיים צו ברענגען (ז. אורי־

הו בן שמעיהו) און דאָס איז אויך אויסגעפיהרט געוואָרען. אָהן אַן פריהעריגען אָבמאַך צווישען דיעזע צוויי לענדער וואָלט דיעזעס וואַהרשיינליך אונמעגליך געוואָרען.

אַוסליעפערונג (אַנטראָפּ.). געטריבען פון דעם געפיהל אַז, עס איז מעגליך דאָס איינער זאָל האָבען בעגאַנגען אַ מאָרד־טהאַט אונגערן, האָט דעם מענשהייט פון אַלטערטום געמאַכט זוכען אַ מיטעל צו שיצען אַזאַ אונשולדיגען, פון דער ברוטאַלער נקמה וואָס איז דעמאָלט געקומען צו אַ שולדיגען מערדער. אין דעם בעוואוסטזיין אַז אַזאַ אונגליק קאָן פּאַסירען אַ יעדען מענשען, אויך זיך אַליין, האָט אַרויסגעבראַכט די אידעע פון אַן עיר־מקלט. דעפאַר איז עס אויך נאַטירליך אַז דיעזע אידעע זאָל זיך געפינען צווישען אַלע פעלקער פון אַלע צייטען. דער אונטערשיעד קאָן זיך דערפאַר נאָר געפינען אין די פאָרמען אַבער ניט אין פּרינציפּ. דיעזע אונטערשיעדע צו ערפאָרשען איז פריהער נייטיג אַוועקצושטעלען דעם צייט־פּונקט, ווען דיעזע אידעע האָט זיך גענומען ענטוויקלען, און פון דיעזען צייט־פּונקט אָן בעטראַכטען זייער געשיכטליכען פּראָגרעס.

די געשיכטע פון אַלטערטום האָט ביי קיין פאָלק אויפצואווייזען אַזאַ קלאָהרע סיסטעמאַטישע אינסטיטוציע ווי די אין תורת־משה. מען געפינט אין היראָגליפען אַז ביי די עגיפּטער האָט אַ מערדער זיך געקאָנט ראַטעווען פון זיינע פערפאָלגער ווען איהם איז געלונגען זיך אַריינצוכאַפּען אין אַ טעמפּעל; ביי די כאַלדעער אַז אַ מערדער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם מזבח האָט מען איהם נישט געטאָרט פון דאָרט אָברייסען, די פּריעסטער איבער וועלכע דער קעניג איז געוועזן דער כהן־גדול האָבען איהם געמעגט משפּ'ן און היגריכטען. אַ משפּט פאַר אַזאַ ענטלאָפּענעם איז שוין אין יענער צייט געוועזען אַ גרויסער פאָרטשריט פאַר דער גערעכטיגקייט. דער הייליגער אָרט וואו אַ מזבח איז געשטאַנען האָט ביי פיעלע פעלקער געדיענט אַלס אַן אַסיל פאַר אַ געיאָגטען. בכדי דיעזעס זאָל נישט מיסברויכט ווערען האָט געמוזט זיין איינער וועלכער זאָל דעם שולדיגען פון דאָרט אַרויסגעבען. דאָס קעניגליכע רעכט איבער די רעליגיעזע הייליגטימער געפינט זיך ביי אַלע פעלקער. דאָס שטאַמט נאָך פון די פּרימיטיווסטע צייטען ווען עס האָט נאָך עקזיסטירט דער העראָען דיענסט דעמאָלט איז דער הויבטלינג אָדער קעניג געוועזען האַלב־גאָט און האַלב־מענש. ביי די מצריים זיינען אַלע פּרעה'ס געוועזען האַלבע געטער, ביי די פּלשתים די אַבימלך'ס (ז. "געצענדיענסט").

די גריכען וועלכע האָבען עקזיסטירט בשכנות מיט דעם יודישען פאָלק און, האָבען ביי יענער צייט געבליהט אין דער פילאָזאָפיע פּאָעזיע, און שוין געהאַט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר פיעלע פון די היינטיגע וויסענשאַפטען, האָבען קיינמאָל געשאַפען אַן עיר־מקלט פאַר זייערע פעראונגליקטע. זיי זיינען אין דיעזער הינזיכט געבליבען אויף דעם פּרימיטיווסטען שטאַנד פון אַלע אונציוויליזירטע פעלקער. אַ מזבח, אַ טעמפּעל אָדער אַ הייליגע שטאַטו איז געוועזען גענוג. דאָרט אַהין האָט געקאָנט לויפען דער שולדיגער און דער אונשולדיגער. אַ יעדער ווער עס איז אַהין ענטלאָפען האָט געהייסען אַ שולדיגער. לאַנג האָט ער דאָרט נישט געקאָנט בלייבען, אַזוי האָט ענדליך יעדער פון זיי געמוזט לוידען די שטראָף פון אַ פערברעכער. ביי די יודען אָבער האָט דער עיר־מקלט געדיענט בלויז פאַר אונשולדיגע, און פאַר אַזאַ צייט ביז עס איז איהם מעגליך געוואָרען צו בעווייזען זיין אונשולד. פאַר דעמזעלבען צוועק האָט אויך די ביבעל אָנגעגעבען די בעוויז־

גרינדע אויף וועלכע מען קאָן אַ מערדער אויסליעפערען פון אַ עיר־מקלט. די גרינדע זיינען געוועזען קאָנקרעטע. די אָנקלאָגר האָבען געמוזט בעווייזען אַז דער אָנגעקלאָגטער איז געוועזען אַ שונא צום גע'הרג'טען, אַז ער איז געפינען געוואָרען מיט אַ מאָרד־געצייג אין האַנד ביים טוידטען, אַז ער האָט געהאַט סכסוכים מיט דער הורג ביים לעבען, און ענדליך אויב עס זיינען געוועזען צוויי עדות ביי דער טהאַט. אַזעלכע הומאַנע רעכענונגען האָבען די גריכען נישט געהאַט. זיי האָבען געלעבט אויף דעם גלויבען אַז "מאַכט איז רעכט". ביי אַזאַ פאָלק, ווען עס האָט שוין אַפילו וועלכע הומאַנישע רעכט ווערען זיי בלויז שטיעף־מוטערליך בעהאַנדעלט.

ביי די רוימער דערצעהלט די לעגענדע אַז, ראָמולוס האָט געגרינדעט די שטאָדט רוים אַלס די ערשטע עיר־מקלט. אַז זיין אַבזיכט איז געוועזען דיעזע שטאָדט צו בעפעלקערען מיט בלויז פליכטלינגע, מערדער, שקלאַפען שולדנער און מלחמה פליכטלינגע. נאָך דעם היינטיגען זינן: אַ פערברעכער־קאָלאָניע. דאָס איז געטהון געוואָרען אין 753 פיצר'. אָדער אין דער צייט פון דעם נביא ישעיה, אָדער ווען ירבעם בן יואָש האָט געקעניגט איבער יהודה און פקחיה איבער ישראל. ד.ה. בערך 865 יאָהר נאָך משה'ס טוידט. דאָס שטעלט פעסט אַז משה איז געוועזען דער ערשטער וואָס האָט פראָקלאַמירט (דברים כג' 16) לא תסגיר עבד אל־אַדניו אַשר ינצל אליך מעים אַדניו = דו זאָלסט נישט אויסליעפערען אַ שקלאַף צו זיין הער ווען ער האָט זיך ביי דיר בעהאַלטען זיך צו רעטען פון זיין הערען. ראָמולוס'ן האָט זיך אָבער דאָס נישט איינגעגעבען, עס איז צוגעגאַנגען צו לאַנגזאַם, די ערשטע איינגעוואַנדערטע האָבען זיך גלייך גענומען בעגעהן מיט די שפּעטערע אַזוי ווי רוים וואָלט גאָרנישט געוועזען אַן עיר מקלט. דערפאַר האָט ער געמאַכט געוויסע טיילען פון געוויסע שטעדט אַלס צופלוכטס־ערטער, אָבער דאָס גריכישע פאָלק איז נישט געוועזען דורכגעדרונגען מיט דעם הומאַנישען גייסט, עס איז געוועזען ווילד שיכור פון אַטלעטישע בעלוסטיגונגען, און די צופלוכטס פלעצער זיינען געוואָרען נעסטען פון גנבים און מערדער, ביז טיבעריוס האָט זיי גאַנץ אָבגעשאַפט.

ביי די יודען: די ביבעל וועלכע איז אַזוי האַרט אין איהר שטראָף (עין תחת עין) געגען פערברעכער איז עבען אַזוי הומאַניש געוועזען צו די אונשולדיגע. נאָך איידער די נחלאות זיינען אויסגעטיילט געוואָרען האָבען ועקס ערי מקלט געמוזט עטאַבעלירט ווערען לנוס שמה כל מכה נפש בשגגה—וואָהין עס זאָלען לויפען די וואָס האָבען דער'הרגט אַ מענשען גאָר אונוויליג (במדבר לה' 6). ווי די ברייטקייט פון דער ביבלישע הומאַניטעט דריקט זיך אויס אין דעם געבאָט („לה' 15) לבני ישראל, ולגר, ולתושב בתוכם = פאַר די יודען, פאַר די איינגעוואַנדערטע (פליכטלינגע?) און פאַר די פרעמדע וואָס האָבען זיך בעזעצט צווישען דעם יודישען פאָלק. צו פערזיכערען אַז די ערי־מקלט זאָלען נישט מיסברויכט ווערען, זאָגט זיך דאָרט קלאָהר (לה'12) "ולא ימות הרצח עד־עמדו לפני העדה למשפט" = און קיין רצח זאָל נישט הינגעריכטעט ווערען איידער ער איז איז געשטעלט געוואָרען פאַר אַן עדה (דזשורי?) געמשפט צו ווערען. דער צוטריט פאַר דעם פליכטלינג האָט געמוזט זיין לייכט, דערפאַר האָט יעדעס שטיק לאַנד געדאַרפט געטיילט ווערען אין 3 טיילען און דער עיר־מקלט אין דער מיטען („יט' 3). דיעזעס געבאָט איז געוועזען פריהער פאַר 3 אויף דער זייט ירדן און 3 אויף דער אַנדערער זייט ירדן;

און ענדליך שפעטער, נאָך 42 ערי־מקלט צו דיעזע זעקס. אַלזאָ צוזאַמען 48 ערי מקלט. ווען אַ פליכטלינג איז אָנגעקומען אין אַ עיר־מקלט האָט ער זיך גלייך געדאַרפט מעלדען צו די פאָרשטעהער פון דער שטאָדט, פאַר זיי פאָרלייגען זיין לאַגע און ביז זיין משפט איז אַרוים האָבען די פאָרשטעהער איהם געדאַרפט שיצען געגען דעם גואל־הדם (יהושע כ׳ 4) און דיעזע האָבען איהם נאָר געקאָנט אויסליפערען צום גואל־הדם נאָכדעם ווי עס איז בעוויזען געוואָרען. אַז די רציחה איז בעגאַנגען געוואָרען במזיד (9,,).מיט אַזאַ אַקט ווערט דער משפט אַרויסגענומען פון די הענד פון די ראַכע־זוכער, און ער איז פערזיכערט צו קריגען אַן עהרליכען משפט פון אַן אונפּאַרטייאישען טריבונאַל. (ז. ״אַוסליפערונגס־געזעץ״, ״היגריכטונג״, ״ערי־מקלט״, ״שטראָף״).

אַוסלעהרונג, ז. ״אָבפיהר מיטעל״, ״פערדייאונג״, ״פערשטאָפּונג״, א.ד.גל.

אַוסלענדער, נאָמען פאַר אַן אימיגראַנט אין אַ פרעמד לאַנד פאַר אַזוילאַנג ביז ער בירגערט זיך איין. אין די קאָנסטיטוציאָנעלע לענדער פיהלט ער זיך פאַר דער גאַנצער צייט גלייך ווי יעדער בירגער, בלויז ער קאָן נישט אַנטייל נעהמען אין וואַהלען. ער געניעסט דיעזע פרייהייט ביז דאָס לאַנד אין וועלכען ער געפינט זיך איז נישט אין מלחמה מיט דעם לאַנד פון זיין געבורט (ז. ״אַוסליפערונג״, ״איינבירגערונג״, און ״פּאַספּאָרט״).

אוסנעאַ (Usnea) אַ פלאַנצע פון די פלעכטען גאַטונג. פיעל געברויכט אין וואָלפאַרבערייען. איהר שטאַנג איז דין אָבער פעסט. די פערצווייגונג שיעסט נאָך אַלע זייטען. וואַקסט אין יעדען מילדען קלימאַט, דאַרף קיין בעזונדערע אויפפּאַסונג און צאָהלט



צו קולטואווירען, איבערהויבט, אין דער נאַכבאַרשאַפט פון אייזענבאַהנ־סטאַנציעס. זיי געפינען זיך צו גרעסטענטייל אין אינדיען, און אויך פיל אין עוראָפּאַ.

אַוססיג, (Aussig) אַן אידוסטריעלע שטאָדט אין בעהמען, 49 מייל נאָרד־וועסטליך פון פּראַג. דאָרט געפינט זיך אַ ראַטה־הויז וואָס איז געבויט געוואָרען אין 826 אין וועלכען עס געפינט זיך אַ קאָסטבאַרעס בילד וואָס איז געשענקט געוואָרען פון איזראַעל מענגס, דער פאָטער פון דעם גריהמטען מאַלער מענגס. אין דיעזער שטאָדט געפינען זיך גרויסע גלאָז־פאַבריקען, טעפּערייען, וואָל און קאָטטאָנ־פאַבריקען. פון דאָרט ווערט עקספּאָרטירט נאָך פּראַג האָלץ, מינעראַלען, און געטריידע. די שטאָדט ליגט אויף דער עלבע, און פיעל סחורה ווערט אויך פון דאָרט פערשיקט דורך דיעזען טייך נאָך עסטרייך. די בעפעלקערונג איז געוועזען פאַר דער וועלט־מלחמה 40,000 איינוואוינער.

אָסעדאָם גראַף **גואידאָ,** פּרויסישער דיפּלאָמאַט, געב. אין העכינגען 1805, שטודירט אין בערלין יוריספּרודענץ, בערייזט ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליען, זיך צו בעקענען מיט דער פּאָליטישע לאַגע פון

דיזע פעלקער. קריגט זיין ערשטען אַמט אַלס סעקרעטער צום פּרייסישען קאָנסול אין איטאַליען. אין 1850 געלינגט איהם צו שליסען אַ פריעדענס-אָבמאַך צווישען דענעמאַרק און פּרייסען, אין 1858 ווערט ער שטעלפערטרעטער פון ביסמאַרק אין דעם פראַנקפורטער בונדעסראַט. אין 1866 איז ער געוועזען דער פערטרעטער פון פּרייסען ביים אָבמאַך וואָס האָט פּרייסען דיפּלאָמאַטיש פערבינדען מיט איטאַליען. אויף זיין עלטער איז ער געוואָרען דירעקטאָר איבער דעם פּרייסישען מוזעום, און איז געשטאָרבען אין סאַן רעמאָ 1884.

אוסעגאַי, אַ לאַנד־טייל אין אָסט־אַפריקאַ, בעפעלקערט פון פערשיעדענע שבטים. זיי זיינען אַלע פליסיגע אַקערבויער. פּראָדוצירען צוקער־ראָהרען, מאַיס, אַרבעס, באַנאַנען פאַר עקספּאָרט. זיי פלעגען אויך פּראָדוצירען רייז אָבער די צויבערער האָבען דאָס פערבאָטען וויל, רייז ציהען אָן פיעל שדים און מזיקים וועלכע מאַכען אָן אַלע צרות. זייערע וואוינונגען זיינען אויסגעשטעלט פלאַהנ־מעסיג מיט אַ פעסטונג אַרום זיך, זיך צו שיצען געגען אַן אונערוואַרטעטען אַנגריף.

אוסערטסען, דריי עגיפּטישע קעניגע אונטער דיעזען נאָמען אין דריי פערשיעדענע ציטען. דער ערשטער אין 2433 פּיצר' איז געריהמט געוואָרען צוליעב די אָבעליסקען וואָס ער האָט אויפגעשטעלט אין העליאָפּאָליס און פערציערט דיעזעלבע שטאָדט מיט טעמפּלען און פּאַלעסטע פאַר די קומענדע קעניגע און בעאַמטע. אין קאַרנאַק געפינט זיך נאָך יעצט אַ טייל פון איינעם פון זיינע אָבעליסקען אונטער זיין הערשאַפט האָבען די בני־כוש רעוואָלטירט , און ער האָט אַרויסגעשיקט זיין פעלד־מאַרשאַל אַמנעמכאַט זיי צו אונטערדריקען. ער האָט אויך געלאָזט גראָבען מעטאַל־מינען אַרום דעם באַרג סני.— דער צווייטער, אין 2366 האָט רעגירט אין די ציטען ווען יעקב איז געפאָהרען אין מצרים קויפען קאָרן. וועגען זיינע מלחמות אָדער וועגען זיינע טהאַטען איז זעהר ווייניג בעקאַנט. בלויז אַ פּלאַטע מיט אַ קליינע פערצייכנונג מיט דעם אויבען איבערגעגעבענעם אינהאַלט איז געפונען געוואָרען אין דעם טעמפּעל פון פּתח אין מעמפיס.— דער דריטער, אין 2333 האָט געפיהרט קריעג מיט די נוביער. ער האָט זייער לאַנד פערוויסטט זייער האָב און גוט צו זיך אַהיימגעפיהרט. בכדי די נוביער אויף אייביג אונשעדליך צו מאַכען האָט ער געבויט צוויי פעסטונגען אויף זייערע גרענצען, איינע אין קעמענה, און די אַנדערע אין קוממעה. אין דעם 19טען יאָהר פון זיין הערשאַפט האָט ער מלחמה געהאַלטען מיט די בני־כוש און זיי בעזיעגט. ער האָט געבויט שעהנע געביידען אין דער שטאָדט טאַניס און אין העראַקלאָפּאָליס.

אוסערשערעס, נאָמען פון דעם ערשטען פּרעה מלך מצרים, אין דער פינפטער דינאַסטיע, לויט מאַנעטהאָ. זיין נאָמען ווערט דערמאָנט אין די טאַפעל פון אַבידאָס (ז.ד.) אַלס אַ פרומער. אין אַ טאַפעל ביי וודימאַגהאַראַ שטעהט ער אָבגעבילדעט אַלס דער פערניכטער פון פרעמדע פעלקער.

אוספאַל, אַ קאָמאַנד־וואָרט צווישען דעם דייטשען מיליטער, וואָס מיינט אַז, דאָס בעלאַגערטע מיליטער זאָל אָנגרייפען דאָס מיליטער פון פיינד וועלכעס בעלאַגערט זיי. דער צוועק איז בלויז צו שוואַכען די אַרומרינגלענדע מחנות. אין אַזאַ פאַל לויפט דאָס אָנגרייפענדע מיליטער צוריק אין זיין פעסטונג נאָך יעדען אוספאַל. דער צווייטער צוועק איז, אַן אָנגריף אויף טוידט אָדער לעבען פאַר אַ טאָטאַלער

בעפריויאונג. אין דעם ערשטען פאַל זוכט דער קאָמאַנדיר דעם פיינד צו שטערען דאָס בויען פון אַן אויסערע פעסטונג אַרום זיינע; ווהערענד אין צווייטען זוכט ער צו פּרובירען זיין גליק וויל, אינווענדיג צו בלייבען איז שוין געוואָרען אונערטרעגליך.

אוספּאָקאָיען = בערוהיגען.

אַוספּיץ רודאָלף, אַן אַבגעאָרדענטער אין דעם עסטרייכשען פּאַרלאַמענט. געב. אין וויען 1837. נאָכדעם ווי ער האָט בעענדיגט אַ טעכנישע שוהלע פּעראינטערעסירט ער זיך קאָמערציעלע וויסענשאַפט, אַרבייט זיך שנעל אַרוף צו אַ גרויס פּערמעגען און ווערט ניט לאַנג נאָכהער איינער פון די גרויסע צוקערקעניגע. אין זיין פּאָליטישען קאַריער האָט ער זיך געשטעלט אויף דער ליבעראַלע זייט. האָט גענומען אַ גרויסען אָנטייל אין דעם אויסגלייך צווישען עסטרייך און אונגאַרן אין יאָהר 1901. ער איז געוועזען פּרעזידענט אין דעם רייכסראַטהס קאָמיטע וועלכע האָט אונטערזוכט די אַנטיסעמיטישע שטרעמונגען אין עסטרייך, און איז געוועזען אַן דער שפּיצע פון אַ יודישע דעפּוטאַציע צום עסטרייכשען מיניסטער־פּרעזידענט מיט אַ פּראָטעסט געגען די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציעס אין עסטרייך.

אוספּענסקי גלעב, אַ בעדייטענדער רוסישער שריפטשטעלער וועלכער האָט געלעבט אין טולאַ צווישען 1840 און 1902, וועלכען פּ. קראָפּאָטקין בעצייכענט אַלס אַן "איינזאַמער קלאַסיקער פון זיין צייט". ער האָט געשריבען נאָוועלען אָהן אַ סטריקט נאָוועליסטישען קאַראַקטער. ד.ה. ער האָט צו זייער פאָלקספּסיכאָלאָגיע אויך צוגעפיהרט עטנאָגראַפיע, דעמאָגראַפיע און אַפילו אויך פּראָפּאַגאַנדאַ. דאָס אַלעס שפּיגעלט זיך אָב אין זיין איין ווערק "רואין". אין דיעזען ווערק שילדערט ער די גליקזעליגקייט וואָס עס האָבען געפיהלט די פויערים פון דאָרף אונטער דער פּאַנשטשינאַ, און ווי אַלעס איז פערונגליקט געוואָרען מיט דער אָבשאַפונג פון דעמזעלבען. דאָס איז אַ פּאַזע אין דער געשיכטע וועלכע איז פון קיינעם אין זיין צייט נאָטירט געוואָרען. ווען ער פיהרט אוף אַ טיפּ אויף זיין ביהנע שטעלט ער איהם פאָהר ניט בלויז אַלס אַ אַ טיפּ, נאָר דיסקוטירט זיינע אַנזיכטען. אויף דיעזער וייזע וואַגט ער אויך נביאות צו זאָגען איבער דאָס קינפטיגע לעבען פון די פויערים אויף זייערע דערפער. ער האָט די פּאָליטישע פראַגען פון טאָג אַריינגעלייגט אין מויל פון זיינע טיפּען, און שטיליסטיש זוי געפיהרט צווישען די גרענצען וואָס די נאָוועלע בילדעט. זעהר גרויס שעצט ער דעם געבילדעטען קלאַס וואָס ווירקט צוגונסטען פון דעם אָרימען קלאַס. ער רייניגט אָב פון וועגאַלע פּאָראורטיילע וואָס עקזיסטירען צווישען ביידע. צוויי פּונקטען וואָס ציהען די בעוואונדערונג איבער אוספּענסקי זיינען 1) אַליין האָט ער געלעבט אין אַ גרויסע אינדוסטריעלע שטאָדט און דאָך האָט ער געקאָנט דאָס דאָרפישע לעבען אַזוי רעאַל און אַזוי פּסיכאָלאָגיש, 2) דאָס ער האָט בעוויזען צום ערשטען מאָל , אַז סאָציאַלע פּראָבלעמע קענען ניט בעהאַנדעלט ווערען אַריפמעטיש, נאָר מוזען געפינען זייער לעזונג אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם קלאַס אַרום וועלכען זיי האַנדלען. אין אַ דאָרף הינטער נאָווגאָראָד האָט ער געלערנט די וויכטיגקייט פון דער ראָלע וואָס דער אַקערבויער שפּיעלט אין דעם לעבען פון אַ פאָלק, און זיין בעדייטונג פאַר דער מענשליכער קולטור. זיין בעסטעס ווערק איז: "די קראַפט פון דער ערד", אַרויסגעגעבען אין יאָהר 1882.

אוסקולאַציע, (מעדיצ.) דאָס עקזאַמע־

נירען אַ קראַנקהייט ד׳ירך צו־הערען זיך צום קראַנקען גוף. געוועהנליך בעדיענט זיך דער דאָקטאָר מיט אַ סטעטאָסקאָפּ (ז.ד.) אין די געגענדע פון דער אַטמונג. אין די אַנדערע טיילען פון גוף וואו עס לאָזט זיך וואָס הערען ווערט געברויכט דאָס אויער. אין פרויענ־קראַנקהייטען שפּיעלט די אַוסקולאַציע אַ גרויסע ראָלע אַבער, מען פערלאָזט זיך זעהר זעלטען אויף איהרע רעזולטאַטען. עס פאָדערט פיעל איבונג אין דער אַוסקולאַציע איידער מען קאָן וואָס פון איהר אַרויסבעקומען. עס פאָדערט זיך דאַביי צו קענען אורטיילען דעם אונטערשיעד פון אַ נאָרמאַלען גערויש צו אַן אונאָרמאַלען. פיעלע מעכאַנישע מיטעל זיינען שוין ערפינדען געוואָרען מיט וועלכע מען זוכט די אַוסקולאַציע צו ענטוויקלען צו אַ קאָנקרעטע וויסענשאַפט, אַבער אַלעס איז פאָרלויפיג נאָך ווייט דערפון.

אוסקופּ אַ שטאָדט אין סערביען אויף דעם טייך וואַרדאַר, 120 מיילען נאָרד־וועסטליך פון סאַלאָניק. זי איז פערבינדען מיט אַן אייזענבאַהן פון סאַלאָניק צו בעלגראַד און מיטראָוויצאַ. איז פריהער געלעגען אונטער דער טירקיי, איז דורך דעם גרויסען באַלקאַן־קריעג איבערגעגאַנגען פון דער טירקיי צו סערביען. אין דער וועלט־מלחמה איז זי געוועזען דער וויכטיגסטער סטראַטעגישער פּונקט אין דעם קאַמף צווישען דער טירקיי און בולגאַריען געגען סערביען. ווען די בולגאַרען האָבען אין 22טען אָקט. פון 1916 אוסקופּ פערכאַפּט האָבען זיי דערמיט אָבגעשניטען די פערבינדונג צווישען וואַרדאַר און מאָראַוויאַ. די שטאָדט איז געבויט אויף אַ באַרג, דיענט אַ וויכטיגער זאַמעל־פּלאַץ פאַר סוחרים לעדער און תבואה. האָט בערך 20,000 וואוינער.

ושוויץ, ז. אָשוויעטשין.

אַוענברוגער פאָן לעאָפּאָלד, געריהמטער מעדעצינער אין עסטרייך. געב. אין גראַץ 1722 און געשט. 1809. איז ערהויבען געוואָרען צום אַדעל־שטאַנד פאַר זיין ערפינדען אַ נייע מעטאָדע צו אונטערזוכען קראַנקהייטען דורך אָנקלאָפּען מיט די פינגער אויף דער ברוסט־וואַנד. אין זיין ווערק וואָס ער האָט וועגען דעם אַרויסגעגעבען אין דער לאַטיינישער שפּראַך האָט ער אָנגעגעבען דעם אונטערשיעד צווישען די קולות וואָס עס הערען זיך ביים אָנקלאָפּען מיט די פינגער אויף דעם ברוסט קאַסטען ביי פערשיעדענע קראַנקע. אַז יעדער קול ציינט אָן די פּאָזיציע, און דעם צושטאַנד פון דער קראַנקהייט. דאָס ווערק האָט דעמאָלט אין דער מעדעצינישער וועלט געמאַכט אַ גרויסע איבעראַשונג.

אוענעפּס, נאָמען פון דעם פירטען קעניג אין דער ערשטער עגיפּטישער דינאַסטיע לויט מאַנעטהאָ, און לויט די טאַבעלען פון אַבידאָס הייסט דערזעלבער "אַטאַ". ער האָט געלעבט בערך מיט 6000 יאָהר צוריק. ער האָט געבויט דעם ערשטען פּיראַמיד אין סאַכאַראַ. די טרעפּ פון דיזען פּיראַמיד זיינען געוועזען 6 אין צאָהל. די גרויסקייט פון די טרעפּ זיינען: 1) 38, 2) 36, 3) 34, 4) 32, 5) 31, און 6) 29 פוס הויך. די ברייטקייט פון יעדע טרעפּ איז פון 6 ביז 7 פוס. די לענג פון דעם באַזיס איז 352 פוס אויף דער נאָרד זייט און 396 אויף דער וועסט זייט. הויך איז ער אינגאַנצען 197 פוס. אוענעפּס האָט איהם גערופען: "קאַר־קעמי"=שוואַרצער אָקס. לויט ווי מיר וויסען איז די עגיפּטישע רעליגיאָן נאָך דעמאָלט נישט געוועזען ענטוויקעלט און די קעניגע זעלבסט זיינען נאָך געוועזען געטער זעלבסט. דער "אַפּיס" איז געוועזען פון אַ שפּעטערען קולט. דער "אַפּיס־קולט" איז פּיליכט דאָרט געבוירען.

אוער, דאָסזעלבע וואָס "אור"=אַנפאַנג, אָדער אַלט. שטאַמט אויס דעם וואורצעל U וועלכעס איז פון פראַנקישען און פון אָבער־דייטשען מונדאַרט איבערגעגאַנגען צום Au היינט שרייבט מען Hus, Hut, Brut, מען פלעגט שרייבען Haus, Haut, Braut, אין מאַנכע דייטשע געגענדע ווערט נאָך היינט דאָס אַלס O אויסגעשפּראָכען, אָבער דיעזער קלאַנג עהנליכט זיך שוין צו דער ענגלישער שפּראַך. דער אינטעליגענטער דייטש וועט אויסשפּרעכען דייטליך "אַו" דאַרום: אַוער־אָקס, אַוער־הוהן, א.ז.וו. פאַלש איז די יודישע אומשרייבונג "אויער" וויל, דער אורשפּרינגליכער קלאַנג פון "אור" פערליערט זיך פערפיהרט צום קלאַנג "אויער" אָדער "אויהר".

אוער אַלאַיס, גערימטער בוך־דרוקער, געב. אין זיעלס 1813 און געשט. אין וויען 1896. איז געוועזען דער זוהן פון אָרימע קריסטליכע עלטערן, האָט געלערנט די בוך־דרוקער קונסט אַלס לעבענסמיטעל, ענטוויקעלט אָבער דערביי אַן ערפינדערישען גייסט מיט וועלכען ער מאַכט פיעל פאָרטשריט אין דיעזען פאַך. ער האָט פערשטאַנען אַז אַ דרוקער אָהן בילדונג איז נישט פיעל ווערטה. ער האָט זיך דאַרום גענומען לערנען פרעמדע שפּראַכען. פאַר דיעזען צוועק האָט ער אַרום געוואַנדערט צווישען די דרוקער פון דייטש־לאַנד, שווייץ, פראַנקרייך, און ענגלאַנד לערנט איבעראַל די שפּראַך פון דעם לאַנד אַזוי ווי עס ווערט דאָרט געשפּראָכען. דאַן לערנט ער פאַר איינוועגס די פערשיעדענע סיסטעמע פון די פערשיעדענע לענדער. ער קומט ענדליך אַהיים אַלס אַן ערפינדנער און אַן אויסבעסערער פון דער סטעראַטיפּישע און ליטאָגראַפישע קונסט. ער איז פאַר אַ צייט געוועזען דער קייזערליכער בוך־דרוקער. ער האָט געדרוקט די ביבעל אין 608 שפּראַכען, און אַ צווייטע אין 206 שפּראַכען. האָט אויך אַרויסגעגעבען איינינע פאַך־ביכער וועלכע האָבען היינט בלויז אַ היסטאָרישען ווערטה. זיינער אַ זוהן האָט אין 1885 ערפינדען די מענטעלאַך פאַר די גאַז־גליה־לאַמפּען, און אין 1898 די אָסמיום גליה־לאַמפּ.

אוער־אָקס =אור־אָקס, אַ גרויסער וויל־דער אָקס פון דער רינדער גאַטונג. זיין קאָליער איז שוואַרץ און ברוין, מיט אַ ווייסען שטרייף איבער דעם רוקען. זיין רוקען איז הויקער־דיג און ענדיגט מיט אַ טשאַטיגען האַלז. איז עהנליך צום ביסענט (ז.ד.). איז אַ דייטשער לויט דער געשיכטע. האָט אין צעזאַרס צייט בעוואוינט אַלע דייטשע וועלדער, היינט גע־פינט מען איהם זעהר זעלטען. זיין נקבה רופט מען "אַוער־קוה" און דאָס יונגע "אַוער־קאַלב". אין דער ביבעל ווערט ער דערמאַנט אונטער דעם נאָמען "תאו" (דברים יד'4), רש"י רופט איהם "תורבלא". (תור=שור אָקס און בלא=וואַלד) וואָס מיינט וואַלד־אָקס. אין חולין (פ') הייסט ער שור "הבר". (ז.ד.).

וועגען זיין געשיכטליכע עלטער, האָט אַ לאַנגע צייט געהערשט אַ צווייפעל צוליעב דעם וואָס מען האָט איהם גערופען אין פערשיעדענע צייטען פערשיעדענע נעמען. דער עסטרייכישער אַמבאַסאַדאָר הערבערשטאַיין שרייבענדיג "איבער רוסלאַנד און פוילען" זאָגט ער: דער אַוער־אָקס פון דייטשלאַנד הייסט: "אורוס" אין רוסלאַנד, "טור" אין פוילען, און ווערט בעצייכענט פון דעם געמיינעם פאָלק אַלס: "ביסאָן". אויך די ליטהויער רופען איהם "טהור". די לעצטע צוויי האָבען זייער נאָמען גענומען פון דער ביבעל. די וויכטיגקייט פון זיין געשיכטליכע עלטער ליגט דאַרין וואָס ער איז דערמאַנט



אוער־אָקס

אין דער ביבעל, און מען האָט געמיינט אַז זיין ראַסע איז שוין גאַנץ אויסגעשטאָרבען. ברעהם האָט דעריבער איבער איהם געמאַכט אַ גרינדליכע נאָכפאָרשונג, און ער איז געקומען צום שלוס, אַז דיעזער דאָ אָבגעבילדעטער אַוער־אָקס איז אַ דירעקטער אָבשטאַמונג פון יענעם ביבלישען תאוה.

וועגען זיין נאַטור ווערט דערצעהלט:— ער לויפט אַרום אַ ווילדער אין וואַלד און לאָזט זיך נישט פאַנגען. ער איז געפעהרליך פאַר זיינע אָנגרייפער און וועיזט קוראַזש אין זיין פערטהיידיגונג. דער יעגער געפינט פאַר נויטיג זיך צו בעהאַלטען און אַ בוים בעת די יאַגד־הונד גרייפען איהם אָן. זיי יאָגען איהם ביז ער ווערט מיעד און פאַלט מאַכטלאָז אויף דער ערד. אַז מען פּאָאָרט איהם מיט אַ היימישע קוה האַסט ער דאָס קאַלב און שטויסט עס פון זיך. ער לייסטעט אַן אונערמיעדליכען ווידערשטאַנד געצאַהמט צו ווערען.

אויס די פערגלייכונג פון אויסגעגראָבענע סקעלעטען, האָבען אַרכעאָלאָגען געפונען אַ גאַנץ קליינע ענדערונג צווישען דיעזען און דעם אַמאָליגען אַוער־אָקס.

אַוער־האָהן, אויך אוהר־האָהן, אָדער וואַלד־האָהן גערופען. (נאַך לעוויסאָהן) גליידך צום העברעישען "דוכיפת". וויסענשאַפטליך בעצייכענט מיט'ן נאָמען Tetrao Urogalis איז דער עדעלסטער און דער גרעסטער פון רויב־פיס־היהנער (ז.ד.). ווערט בעטראַכט אַלס אַ ציערונג פון וואַלד און אַלס דער ליעבלינג פון פאַסטוך. זיין שטאָלצעס בענעהמען און צאָרניגע צאַנקערייען מיט אַלע היהנער וועלכע ער פיהלט שוואַכער פון זיך איז ווערט בעאויבאַכטעט צו ווערען. אַמאָל פליהט ער פאַר דעם פאַרבייגעהער און אַמאָל לויפט ער אים גאָר נאָך. אַמאָל שטעלט ער זיך אויף דעם קאָפּ פון אַ פערד און לאָזט זיך נישט אַראָביאָגען. אַמאָל לאָזט ער זיך לייכט פאַנגען אַבער, ווי נאָר ער פיהלט זיך אונבעקוועהם, צורייסט ער דעם ראָק פון זיין פאַנגער און ענטלויפט. בעפאַלט אָפט אַ האָלץ־גנב ביינאַכט אין וואַלד, און יענער לאָזט אַלעס איבער און ענטלויפט. צוליעב דעם האָט ער געשאַפען אַן אַבערגלויבען צווישען די וואָס קאָנען איהם. זיין פיזיאָגנאָמיע ווערט בעשריבען פון ברעהם ווי פאָלגט:

זיין אויבערער קאָפּ-טייל און די קעהל זיינען שוואַרץ די איבריגע טיילען פון קאָפּ און האַלז בלוילידך־שוואַרץ מיט גרוי. דער רוקען איז שוואַרץ, פּונקטירט מיט רויטליך ברוינע און אַש-גרויע פלעקען און שטרייפען. די פליעגעל



ברוינליך שוואַרץ־גרוי מיט ווייס אַרום די ראַנדען. די אויגען זיינען ברוין, די פיס בעפעדערט ביז די צעהען און האָט אַ באַרט־שאָפּ אויף דער קעהל. ער איז צווישען 100 און 110 סענטימעטער לאַנג. פון עק פליעגעל אויסגעשפּרייט ביז צום אַנדערען עק האַלט ער 144 סענטימעטער, און וועגט בערך 6 קילאָ (ענגל.12 פונט) געוויכט.

וועגעז זיין העברעישען נאָמען (דוכיפת)



הערשט אַ העפטיגער שטרייט. די גריכישע איבעזעצונג איז גלייך צו דעם דייטשישען Weidehopf אָדער מיט דעם ענגלישען Hophoe לויט דיעזע איבערזעצונג האָבען מיר די צוויי פייגעל וועלכע זיינען דאָ אילוסטרירט, דער ערשטער איז דער ענגלישער "האָפּהאָי" און דער צווייטער, דער דייטשישער "ווידע־האָפּף". דער תרגום רופט איהם "בערג־האָהן" פון "דו"=בעזיצער און "כופת"=פעלזען, אָדער "פעלזען־בעזיצער"=בערג־האָהן. רש"י שטימט מיט דיעזען נאָמען דורך זיין איבער־זעצונג פון דוכיפת אויף "נגר"=דורכ־שטרייכער און "טורא"=בערג; אַלזאָ נגר־טורא אַ בערג־וואַנדערער. ער גיט איהם אָבער אויך דערזעלבע שטעלע אַ צווייטע אויסדייטונג "דו"=דאָפּעלט און "כפות"=קאָפּ־שמוק. אַזאַ קאָפּ־שמוק האָט דער ווידע־הופּ אָבער נישט דער אַוער־האָהן. דיעזער האָט אַ האַלז־שמוק אָבער קיין קאָפּ־שמוק. דר. לעוויסאָהן טייטשט גאָר אויס דאָס וואָרט "כפות"=צו זאַמענגעבינדען אויס איינצעלנע טיילען. "הודו־כפות" קאָן ביי אהם נישטס אַנדערש הייסען ווי דער פעדער־באָרד וואָס הענגט ביים האַלז. נאָך אונזער מיינונג איז ער אויך נישט אונקאָרעקט. "קיפּה" הייסט דאָך בינדעל; דאָס קאָן אויך זיין אַ הענגענדעס בינדעל, אַשטייגער: "בין הכיפין"= צווישען די צווייגען. צווייגען זיינען אַ הענגענדער טייל פון אַ בוים. דאַן ווידער "כפיתא" (בבא בתרא ע"ג א׳פין כפיתא וסכריה לירדנה) הייסט שמוץ. דער אַוער־האָהן געהער צו די אונריינע פייגעל. צוליעב דעם וואָס ער האָט אַ הענגעל פון פעדערע; אונטערען גאָרגעל רופט איהם פּראָפ. דאַנקען: "קאַפּערצאַליזאַ". אין דעם זינן ווי אין דער עטימאָלאָגיע עס

פערגלייכט זיך דיעזער נאָמען מיט דעם העברעישען "דו־כיפת". פאַר מעהרערעס איבער דעם ז. דאָס וואָרט "שמיר".

אין די אַלטע צייטען פלעגען זיי בעוואוינען די וועלדער פון אַזיען און עוראָפּאַ; געגענוועהרטיג זיינען זיי אין פיעלע געגענדען גאַנץ אויסגעראָטעט. זיי געפינען זיך אָבער פיעל צווישען די אַלפּען, קאַרפּאַטהען און די פּיכטעל בערג, ווי אויך אין די בעהמישע און טהירינגשע וועלדער. זיי שווינדען איבעאַל וואו די וועלדער ווערען אויסגעהאַקט. אויף זיין וואַנדערונג שטעלט ער זיך אָב אויף אַ בוים צו איבערנעכטיגען. ווינטער בלייבט ער שטעהן אויף אַ בוים ביז ער האָט אויפגעגעסען די נאָדלען און קנאָספּען פון בוים. ער ליעבט די טאַנען־ און פּיכטען־בוימער וועלכע געפינען זיך אין די געדיכטע וועלדער פון סקאַנדינאַוויען און רוסלאַנד. אין די סיבירישע וועלדער איז אויך פאַראַן אַ קליינע גאַטונג פון זיי.— פּאָאָרט זיך נאָר ביי טאָג און מיט נאַכט־פאַל שיידט ער זיך, און געהט רוהען אויף אַ בוים פאַר זיך. קיינמאָל וועהלט ער דעם שפּיץ פון בוים פאַר זיין רוהע, שטענדיג נאָר אינמיטען בוים, שלאָפט שטעהענדיג און ערוואַכט מיט דעם טאָג גלייך. ווינטער בילדעט ער אַ הייל אין שנייי און שלאָפט זיך דאָרט רוהיג. ביי אַן אַטאַק לויפט ער נישט גלייך צו דער עפנונג, נאָר הויבט זיך אויף גלייך פון דער שטעלע, ווערפט אַרונטען דעם שנייי פון זיך און פליהט נאָך דער אַנדערע זייט. אין זיין פאַמיליען לעבען הערשט קיין שלום. ער בעפאַלט איהר אָפט מיט אַזאַ כעס אַז ער שטעכט איהר אויס די אויגען, רייסט פון איהר די פעדערען, מאַנכע מאָל אויך שטיקער הויט. ביים צוזאַמענקומען מיט איהר אויב זי איז אַלט, צייגט ער אַ געוויסען שטאָלץ געגען איהר, איז אָבער אַנדערש צו איהר ווען זי איז אַ יונגע. זי שיינט אויך צו האָבען אַ נייגונג צו אַנדערע זכרים. דאָ צייגט ער זיך אייפערזיכטיג און שטראָפט איהר דערפאַר אָהן רחמנות. די נעסט בויט זי, נישט ער. ער קימערט זיך נישט וועגען דעם. די נעסט ווערט נישט געבויט מיט אירגענד וועלכע פאָרזיכט געגען רויבער. די יונגע לייגען זעלטען מעהר אַלס 8 אייער, די עלטערע צווישען 10 ביז 12. די אייער זיינען פערהעלטניס־מעסיג צו דער היהן זעהר קליין. דאָס איי האַלט פון 60 ביז 70 מילימעטער לאַנג און פון 48 ביז 52 ברייט. דאָס איי האָט אַ דינע שאָל, איז פון אַ גלאַנציגע געל־ברוינע אָדער שמוציג־געלע קאָליר. עס נעהמט איהר 27 טעג צו בריהען דאָס איי. אייניגע שטונדען נאָכדעם ווי דאָס איי איז דורכגעבראָכען לויפט שוין דאָס יונגע אַרום. די מוטער וואָרט ביז דאָס קינד איז שוין אויף דער וועלט. זי טרוקענט עס אַרום פון דער פייכטיגקייט און פליהט דערמיט אַוועק איינזעלבען טאָג צו זוכען פרנסה. מיט דעם קול: קליק, גליק, רופט זי די יונגע צום עסען, און אין אייניגע וואָכען איז דאָס יונגע שוין בעפעדערט אָבער עס פערליערט די ערשטע פעדערען, שפּעטער. בעקומט עס דאָס אייביגע קלייד. אין שפּעטען הערבסט טיילט זיך די פאַמיליע לויט די געשלעכטער. די נקבות בלייבען מיט דער מוטער, און די זכרים מיט דעם פאָטער.

אוער־האָהן בילער, אַ יאַגד־הונד וועלכער צייגט אַ מערקווירדיגען אינסטינקט צו בילען ווען ער דערזעהט אַן אוער־האָהן און הערט ניט אויף ביז ער זעהט איהם אַרונטערגעשאָסען פון בוים.

אוער פּראָפ. **לעאָפּאָלד**, אַ וועלט־געריהמטער פידעל־שפּיעלער. געב. אין אונגאַרן 1845

פראָפ. אַוער אין די מיטלערע יאָהרען

שטודירט אין בודאַפעסט אונטער קאָלענע, פון דאַנען געהט ער אין וויענער קאָנסערוואַטאָריום שטודירט אונטער דאָנט, און בעענדיגט זיין שטודיום אונטער יאָאַכים. דיעזער האָט איהם צוערשט געפיהרט אויף דער פרייער ביהנע. אין 1859 פאָהרט ער ארוים געבען קאָנצערטען געווינט איבעראַל בייפאַל, איבערהויבט פון קריטיקער. אין 1868 ווערט ער פראָפעסאָר אין פעטערסבורגער קאָנסערוואַטאָריום אויף דער שטעלע פון וויענאַווסקי. אין 1873 ווערט ער סאָלאָיסט אין דעם צאַרס קאַפעלע, דיריגירט דאָס קאָר פון צאַרס הויף. זיין נאָמען האָט גענומען שטייגען צווישען די קעניגליכע קרייזען, ער ווערט דאַדורך איינגעלאַדען צו דיריגירען די גרעסטע מוזיקאַלישע קאָנצער־טען פון קאַרלס־רוה און דיסעלדאָרף. זיין גלאַנצענדסטע צייט איז געוועזען ווען ער האָט אָרגאַניזירט פאַר דעם צאַר אַ שטרייך־קוואַר־טעט פון קאָרגועף, קריגער, און וויערזבילאָ־וויץ. דיעזער קוואַרטעט איז אַרוים אין עו־ראָפאַ און ער האָט די גאַנצע מוזיקאַלישע וועלט אין ערשטוינונג פערזעצט. איבעראַל האָט מען דעמאָלט געזאָגט אַז די מוזיק הערשט אין רוסלאַנד. צווישען זיינע פילע שילער



אין 1921, אין נויאָרק

זיינען דערמאָנט צו ווערען: קאַלאַקאָווסקי, קראַסנאָקוטסקי, גאַלקין, מלינאַרסקי; די אויבענדערמאָנטע קאָרגועף, קרוגער און וויערזבילאָוויץ; מישאַ עלמאַן, זימבאַליסט, קעטלין פאַרלאָ, יאָשאַ חפץ, טאָשאַ זיידעל, עדי ברוין, מאַקס ראָזען, טעל. גיוועז, רוטה רעי, און אַנדערע. איז אָנגעקומען אין נויאָרק מיט זיידעל און גיוועז אין פעב. 1918 נאָכדעם ווי זיין גאַנץ פערמעגען איז פון די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד קאָנפיסקירט. אין יוני פון 1920 האָבען זיינע שילער אין נויאָרק געפייערט זיין 75טען געבורטס־טאָג. די אַמעריקאַנער פרעסע האָט זיינע טהעטיג־קייטען געקרוינט מיט דעם טיטעל "די אַוער־קולטוס". ער אונטערהאַלט זיין לעבענס עק־זיסטענץ מיט לערנען נייע שילער און די אַלטע פערגעסען איהם אויך נישט.

קיין וועלטליכע פראַגע אינטערעסירט איהם

אויסער מוזיק. אין דער רעליגיאָן גלויבט ער נישט. דאָס יודישע פאָלק, זאָגט ער, דאַרף האָבען אַ היים. צו דיזען געפיהל איז ער געקומען נישט פון אַ פּאַטריאָטישען גייסט נאָר פון שטאַנדפּונקט פון יושר.

אױער קאַרל, בעמיקער און ערפינדער פון דעם גאַז-גליה-ליכט און פון דעם אָסמיום-ליכט. דער אָסמיום איז אַ מאַטריאַל וואָס שמעלצט זיך זעהר שווער, און פון וועלכען עס ווערען געמאַכט די דראָהטליך אין דעם עלעקטרישען לאָמפּ. פריהער זיינען דיזע פעדים געמאַכט געוואָרען פון קויהלען. ער איז געבוירען אין וויען אין 1858.

אױערשטעדט Auerstadt אַ שטאָדט אין פּרייסען, אין דער זאַקסישע פּראָווינץ 10 מייל פון נאַומבורג. דאָ האָבען די פראַנצויזען געשלאָגען די פּרייסען אין 18טען אָקט. 1806. דאָס פּרייסישע מיליטער איז בעשטאַנען פון 3 דיוויזיעס אונטער די לייטונג פון בליכער. אָראַניע, וואַרטענסלעבען, און שמעטאַו. דער ערשטער האָט געפיהרט דעם אַנגריף אויף דעם פראַנצויזישען מאַרשאַל דאַוואָט וועלכער איז פון נאַפּאָליאָן געשיקט געוואָרען געגען דעם הערצאָג פון ברוינשווייג. דער הערצאָג איז גע׳הרגט געוואָרען און דאָס פּרייסישע מילי-טער איז געבליבען אָהן אַ פיהרער. פּרינץ ווילהעלם פון פּרייסען איז ערשינען אויף זיין שטעלע און אויך ער איז געפאַלען טוידט ביים ערשטען שריט. דער קעניג פון פּרייסען האָט דאַן בעפוילען דאָס מיליטער זאָל זיך צוריקציהען נאָך וויימאַר און צו רעאָרגאַניזירען אַ נייע אַטאַקע געגען דאַוואָט. דאָס האָט ער אָבער ניט אויסגעפיהרט, און אַוערשטעדט געלאָזען אין די הענד פון די פראַנצויזען. פּרייסען האָט דאָרט פערלוירען אַ העלפט פון איהר אַרמיי, און די פראַנצויזען 7000 סאָלדאַטען מיט 270 אָפיציערען.

אופאַ, אַ גובערניע אין דעם זיד-אָסטליכען טייל פון דעם עוראָפּעישען רוסלאַנד. 16,181 □ מיילען גרויס מיט אַן ערד פון 3 מיליאָן איינוואוינער. גרענעצט זיך מיט אָריענבורג פערם, סאַמאַראַ, קאַזאַן, און וויאַטקאַ. אַ קליי-נער טייל פון אופאַ ליגט אויף דער אַנדערער זייט פון די אוראַל בערג און דיזער טייל געהער דערפאַר צו אַזיען. די בעפעלקערונג איז פאַר דער וועלט-מלחמה בעשטאַנען פון 44 פּראָצ. רוסען, און די רעשט פון באַשקיר-טען, טאַטאַרען, מעשטשעריאַקען, און איינ-געוואַנדערטע אויס עוראָפּאַ. צווישען זיי האָבען זיך געפינען 12,542 מאַהאָמעדאַנער 110,314 הידען, און די רעשט פּראַוואָסלאַוו-נע זייער הויבט-בעשעפטיגונג איז פיה-צוכט און די רעפינירונג פון אייזענ-ערץ. אין דער וועלט-מלחמה האָט זיך אופאַ אָבגעריסען פון רוסלאַנד, זיך פעראייניגט מיט דער אָריענ-בורגער און סאַמאַרער רעפּובליק וועלכע האָט זיך גערופען: ״די טאַרטאַר-באַסקירישע רע פּוליק״. מיט דעם אויפטריט פון דעם באָל-שעוויזם האָט זיך דיעזע רעפּובליק אַליערט מיט אָמסק געגען די באָלשעוויקען. אין 1918 האָבען די באָלשעוויקען אַרויסמאַרשירט אויף די אוראַל-פראָנטען וואו זיי האָבען פערלוירען 34000 געפאַנגענע, אַחוץ גע׳הרג׳טע און גע-וואונדעטע. פון דער אַנדערער זייט ווידער האָבען זיי פערכאַפּט אופאַ, וואו קאָלטשאַקס אַרמיי האָט געהאַלטען איהר הויבט-קוואַרטיר. אין מערץ פון 1919 האָט קאָלטשאַק זיי פון אופאַ פעריאָגט, אין 1920 האָט וראַנגעל מיט זיין אַרמיי יענע געגענד בעהערשט ביז זיין לעצטע מפלה. אופאַ שטעהט יעצט ווידער אונטער דעם רוסישען רעזשים מיט אַ לאָקאַלע אויטאָנאָמיע.

אופאָלו, איינס פון די רייכסטע און די שעהנסטע אינזלען וואָס געפינען זיך אויף

דעם פּאַסיפישען ים, וואָס בילדען די סאַמאָאַ־נישע גרופּע אינזלען. איז בערך 600 □ מייל גרויס און איז בעפעלקערט פון פּאָלינעזער, דייטשען און ענגלענדער. 1700 ווייסע און 42,000 איינגעבוירענע. אין 1899 איז אופּאָלי איבערגעגאַנגען פון ענגלאַנד צו דייטשלאַנד. אין יאַנואַר 1900 האָט די יונייטעד־סטייטס דיעזע איבערגאַבע גוט געהייסען. אין דער וועלט־מלחמה איז עס ווידער איבערגעגאַנגען צו די ענגלענדער. די, האַפּען־שטאָדט פון דיזען אינזעל איז אַפּאַ. דער באָדען צייגט אַז ער איז ענטשטאַנען אויס אַ וואולקאַנישען אויסשוס פון ים. די איינוואוינער קולטיווי־רען קאָקוס־נוס, אויל, קאַטאָן, און קאַפע. דער אינזעל ווערט אָפט בעזוכט פון ענגלישע און אַמעריקאַנער וואַלפיש־פאַנגער.

אופּאַנישאַד, אַטייל פון די וועדאַ־ביכער אין דער סאַנסקריט־שפּראַך, וועלכע ענטהאַלט די מיסטישע לעהרען וועגען גאָט אין גלויבען פון די הינדו. דיעזע גלויבען אַז דער אופּאַ־נישאַד איז געשריבען געוואָרען ברוח הנביאה, און אַז ער ערקלעהרט די בעציהונג צווישען גאָט און די מענשליכע נשמה. צוזאַמען האַלט דאָס ווערק 108 חלקים. עס איז איבערזעצט אין ענגליש פון מאַקס מילער און אַרויס־געגעבען אין 2 בענד.

אופּאַס־בוים, (Upas- Antiaris)
אַ גיפטיגער בוים וואָס וואַקסט אין די סונדאַי אינזלען, איבערהויבט אין יאַוואַ, באָרנעאָ, און סעלעבעס. שרעקליכע מעשיות ווערען וועגען איהם דערצעהלט פון דעם האָלענדישען רייזענדער פאָערש, און זיינען אָבגעלייקענט געוואָרען פון דר. האָרספיעל, פּראָפ. בלום און דעם פראַנצויזישען רייזענדער לעשאַנאַל. פאָערש דערצעהלט אַז דער בוים איז דורך זיין גערוך גיפטיג פאַר מיילען אַרום, אַז אַלעס לעבענדיגע וואָס קומט אין זיין רשות שטערבט



גלייך. אַז די גאַנצע אומגעגענד איז פול מיט סקעלעטען. אַז דער גאַנצער רשות אַרום איהם ווערט פון די איינוואוינער גערופען: דער טאָל פון טוידטע. די דערמאָנטע אויטאָריטעט־טען האָבען דעם בוים אונטערזוכט, זיי האָבען געפינען נעסט פון פייגעל אויף איהם, גריענע גראָז אַרום איהם, זיי האָבען מיט זיינע בלע־טער בעריהרט זייערע פּנים'ער אָהן וועלכען אונאַנגענעהמען ערפאָלג, און פון זייער אונ־טערזוכונג שטעלט זיך אַרויס אַז:

1) ער איז גיפטיג בלויז ווען די רינדע איז איינגעשניטען. דעמאָלט פליעסט אויס פון איהם אַ מילך ווייסער זאַפט. דיעזען זאַפט מישען די איינגעבוירענע מיט פעפער און אַנדערע גיפטען צו בעשמירען די שפּיצען פון זייערע פיילען. אַליין אָהן די פערמישונג האָט דיעזער זאַפט אויף דער מענשליכער הויט די ווירקונג צו פעראורזאַכען בלאָזען פון אַ ברענענדען געפיהל. דאַרווין זאָגט אַז פון דיזען זאַפט קאָן געמאַכט ווערען אַ געפעהר־ליכער סם. פראָבען זיינען געמאַכט געוואָרען

מיט אַ הונד און ער איז געפאַלען טוידט אין 6 מינוטען פון בלויז 3 טראָפּען, און אַ פערד אונטער דיזעלבע אומשטענדען איז געפאַלען טוידט פון 8 אַזעלכע טראָפּען.

2) אַז די לעגענדעס פון פאָערש קומען פון דעם פאַקט, וואָס דער אופאַס-בוים וואַקסט אויף דעם באָדען פון אַן אויסגעלאָשענעם וואולקאַן וועלכער איז רייך מיט קויהלענ-זויערע. דאָס ברענגט אַרויס אַ שטאַרקען גאַז-גערוך, וועלכער ווירקט שטאַרק אונאַנגענעהם אויף אַ נערווען מענשען. ער אַליין איז העכסט וואַהרשיינליך געוועזען אַ נערוועזער און האָט דעם בוים בעשריבען פון וויטענס.

אופאַס-שטרויך: אַ צווייטע גאַטונג פון דעם אויביגען, וועלכער וואַקסט שוין נישט מיט דעם דיקען אַסט, נאָר ווי אַ קריכער וואָס שלענגעלט זיך אַרום אַ בוים ביז 32 מעטער הויך. זיין קערפּער איז דיק ווי דער מענשליכער אָרם, און איז בויגזאַם. מאַלייען קאָכען איהם ביז זיין זאַפט ווערט דיק און קלעביג. זיי מישען דיזען זאַפט מיט סטריכין און אַנדערע שטאָפען. טינקען איין דאַרין די שפּיצען פון זייערע פיילען. לייגען די פיילען אין באַמבו-ראָהרען. שיעסען דיזע פיילען אויס די ראָהרען, און ווען זיי טרעפען יעמאַנד פאַלט דער געטראָפענער טוידט אויף דער שטעל. זיי שיעסען דערמיט אויך חיות, און בכדי זי נישט צו פערגיפטען שניידען זיי אַרום דאָס פלייש אַרוב די פייל, און די רעשט שאַדט זיי נישט מעהר.

אופגאַנג, ז. 'שטערנ-אופגאַנג'.

אופוטה, זוהן פון שאַשאַנק, אָדער שישק, אַ וויצע-קעניג אין דרום-מצרים, אין דער 22טע דינאַסטיע פון בובאַסטיס, בערך 950 פיצר'. ער האָט אַריבערגעפיהרט די קעניגליכע מומיען פון זייערע בעזונדערע קברים, און זיי פערזאַמעלט אין "דאַר-אַלבאַכאַרי", וואו ער האָט זיי בעגראָבען. אַרום דעם בעגרעבניש האָט ער געבויט אַ וואַנד פון זאַמד-שטיינער, און די וואַנד אַרומגעשאַנצט מיט אַ בלאָטיגען זומף בכדי שונאים זאָלען צו זיי נישט קאָנען צוקומען, אין פאַל ער וועט בעזיעגט ווערען. דיזער פּלאַץ איז ענטדעקט געוואָרען ערשט אין יאָהר 1772 און זיין גאַנצער אינהאַלט איז אָבגעפיהרט געוואָרען אין בריטישען מוזעום.

אופופּאַ, ז. "אוער-האָהן".

אופיון, העברעישער נאָמען פאַר "אָפּיום" (ז.ד.).

אופיד, אַ ביבלישע פּערזענליכקייט, אַן אור-אייניקעל פון שם, דער צווייטער זוהן פון יקטן, דער שטאַמ-פאָטער פון אַן אַראַביש פאָלק. (בראשית י'26, א ד' הימים א' 2).

אופיר, אַ קיסטענ-לאַנד אין דעם זידליכען אַראַביען. דורך דער ביבעל בעקאַנט אַלס אַ לאַנד פון גאָלד, זילבער, עדעלשטיינער, עלעפאַנטען ביין און פיעלע בוי-מאַטריאַלען, וועלכע זיינען אין שלמה'ס ציטען פון דאָרט אימפּאָרטירט געוואָרען נאָך ארץ ישראל, פאַר דער אויפבויאונג פון דעם בית-המקדש, און אַנדערע שעהנע געביידען. די בבל'אַנער האָבען מיט דיזען לאַנד געהאַט אַ פערבינדונג דורך עציון-גבר, אַ האַפענ-שטאָדט אין מאָב. דאָרט האָט שלמה געבויט אַ פלאָט פון גרעסערע שיפען וועלכע (לויט גרעץ באַנד I ז.326) ער האָט בעזעצט מיט פעניקישע מאַטראָזען. היסטאָריש-געאָגראַפיש לאָזט זיך נישט מיט זיכערהייט אָנווייזען וואו דאָס לאַנד איז געוועזען. פיעלע היפּאָטעזען פון זעהר ערענסטע פאָרשער ווידערשפּרעכען זיך אונטעראַנאַנדער. די ביבעל זעלבסט גיט אַ זעהר קנאַפּע אָנווייזונג וועגען דעם. כמעט יעדער וועלט-טייל וואָס



"אופיר" (ב דברי הימים י"ח), לויט דעם מאַלער ה. מעלוויל.

פּראָדוצירט גאָלד און זילבער האָט שוין געהאַט דעם כבוד צו פיגורירען אין דיעזער ספּעקולאַציע. נעהמט מען אָבער בעטראַכטען די נאַטור פון די אַרטיקלען וואָס זיינען פון דאָרט געקומען געפינט מען אַז, די חיות און פלאַנצען זיינען פון אַ אינדישען קאַראַקטער, דאָס גאָלד און זילבער פון אַן אַראַבישען. לויט די עטימאָלאָגיע זיינען די נעמען פון די אימפּאָרטירטע חיות גאַנץ ענהליך צו די פון דער סאַנסקריטישע שפּראַך. טאָמער זיינען שוין צוויי פאָרשער איינשטימיג אום איין לאַנד, ווידערשפּרעכען זיי זיך באַלד איבער דעם אָרט. עס איז שוין וועגען דעם אָנגעשריבען געוואָרען אַ גאַנצע ליטעראַטור פון מענער ווי הומבאָלד, סער וואָלטער רייעלי, ברוס, ניבוהר, ריטער, לאַסען, פּעטרי און אַנדערע; זיי אַלע ליפערען בלויז אינטערעסאַנטען שטאָף צו שטודירען, אַבער נישטס מעהר.

אופן, מלאָך אוים דער כיתא אופנים וועלכע יחזקאל האָט אין זיין נבואה געזעהן שטעהן אויף דער ערד (א' 51), זיי קומען פון דעם זיבענטען הימעל (חגיגה יב'), אין פערבינדונג מיט די שרפים און די חיות הקדש.

אופּסאַלאַ, אַ שוועדישע שטאָדט ביים טייך פיריס, 35 מיילען נאָרד-וועסטליך פון שטאָקהאָלם. איז היסטאָריש וויכטיג ווייל דאָרט זיינען בעגראָבען אייניגע שוועדישע קעניגע; און קאָמערציעל ווייל דאָרט קומט פאָר אַ גרויסער יעהרליכער יריד. די בעפעלקערונג איז בערך 34,000. האָט אייניגע אוניווערזיטעטען. איינע פון זיי האָט אַ ביבלאָטעק פון 300,000 בענד אַחוץ קליינע שריפטען, ווי אויך 12,500 מאַנוסקריפּטען, און אַ זאַמלונג פון 16,000 פערשיעדענע מטבעות. אַ גרויסער באָטאַנישער גאָרטען איז מיט איהר פערבינדען וועלכער דיענט פאַר עקספּירימענטעלע באָטאַניק פאַר די סטודענטען.

אופּענבערג גענעראַל, אין דער לעצטע וועלט-מלחה אַ קאָמאַנדיר פון צעהן דייטשע קאָרפּוס מיליטער אין גאַליציען, נאָרד-אָסטליך פון לעמבערג. האָט געהאַט אַ גרויסען אָנטייל אין דעם דייטש-עסטרייכשען מאַרש אויף פּוילען אין 1915, קעמפט צוזאַמען מיט דעם דייטשען קראָהנ-פּרינץ. קריעגט אָבער אַ

גרויסע נידערלאַגע פון די רוסען אין סעפּט. 1915 ביי ראַוואַרוסקאַ אין גאַליציען. איז אָנגעקלאָגט געוואָרען פאַר נישט אונטערשטיצען גענעראַל דאַנקעלון אין זיין מאַרש אויף לובלין.

אופּער, דער ראַנד אַרום אַ טייך אָדער אַ פלוס.

אופּער־לויפער, (Elephrus) אַ סאָרט קעיפער פון וועלכע עס זיינען בעקאַנט 26 אַרטען, מיט 8 פון זיי אין עוראָפּאַ. דער קערפער איז לענגליך, האָט אַרויסגעזעצטע רונד־אויגען, מיט אַ רונדען קין, אוים וועלכען עס



שטעקען אַרוים צוויי לאַנגע ציין. די פליעגעל־דעקען זיינען בעזעצט מיט 4 רייהען גריבעלעך זיין קאָליר איז בראָנז־גריען. ער וואַקסט פון 7 ביז 9 מילימעטער לאַנג. לעבט אין שליימיגען זאַמד אַרום די טייכען. דאָס דאָ בייגעגעבענע בילד איז אַ דריטעל פון דער נאַטירליכע גרוים.

אופּער־לויפער, (Actitis) אַ זומפּ־פויגעל פון וועלכע עס זיינען בעקאַנט 6 אַרטען אין עוראָפּאַ און אין אַמעריקאַ. דער שנאָבעל איז אַביסעל לענגער אַלס דער קאָפּ און איז ביים שפּיץ פיעל האַרטער אַלס אינמיטען. דער עק איז אָבגערונדעט און די שפּיץ־פליגעל גרייכען ביז אַ פּאָאָר צאָל פון עק. דער ערשטער רעכטער פליעגעל איז לענגער אַלס דער אַנדערער. די קאָליער פון די פעדערען איז ברוין־גרוי מיט גריען געמישט. דער אונטערער טייל פון קערפּער איז שוין פיעל געמישט מיט ווייס דער שנאָבעל איז גרוי־שוואַרץ, די פיס בלוי־



גרוי. ער האַלט 21 סענטימעטער לאַנג, זיינע פליעגעל מעסטען 11 סענטימעטער, דער עק 6 סענטימעטער. פערברענגט אין עוראָפּאַ פון אַפּריל ביז סעפּטעמבער.

אופּער־סקאָרפּיאָן (Naucoris cimic.) אַ געמיינע וואַסער־וואַנץ, פון 11 ביז 13 מילימעטער לאַנג, מיט אַן איי־פאָרמיגען קערפּער, אַביסעל פּלאַט־געדרוקט. האַלט זיך אויף צווישען די וואַסער־פּלאַנצען פון שטעהענדע אָדער לאַנגזאַם פליעסענדע וואַסערען.



איז אין קאָליער גלאַנציג גריענליך־ברוין. האָט 4 גליעדעריגע פיהלער מיט אַ גרייפקראַפט אין די פיס. דער קאָפּ איז גאַנץ נאָהנט צום קערפּער. ביינאַכט קומען זיי אַרוים פון וואַסער זיך צו רייניגען. דאָס טהון זיי מיט די הינטערשטע פיס. די נקבה לייגט איהרע אייער אויף די פלאַנצען.

אופּער־פלאַנצען, הייסען די פלאַנצען וועלכע וואַקסען אין זאַמד און אין שליים אַרום די ברעגעס פון ימים און גרויסע טייכען

די זיינען פאַראַן ביז 50 סאָרטען וואָס וואַקסען אויף דער עוראָפּעישע זייט. אַלע אַנדערע ווערען געצעהלט אויף 75 סאָרטען.

אופּער-פפליעג, (Perla Bicaudata)

איינע פון דער פאַמיליע "פאַלשנעצפליעגען'



וואָס האָט זעהר ברייטע דורכזיכטיגע פליעגעל. ווערט אזוי גערופען ווייל זי ראָוועט אַרום דעם גרעסטען טייל פון איהר לעבען אַרום די ברעגעס פון זומפּיגע פּלעצער און מוטנע וואַסערען. די מוטער טראָגט איהרע אייער אין אַ בויכ־טאַש, לאָזט זיי פאַלען אויף דעם וואַסער, זיי זינקען צום באָדען און ווערען דאָרט ענטוויקעלט ביז זיי קאָנען אַרופקומען אויף דער אויבערפלעך. ווען די אופּער־פליעג ווערט אַלט פערוואַקסט זיך איהר מויל און זי שטאַרבט פאַר הונגער. דאָס איז איהר נאַטירליכער טוידט.

אופּער-שוואַלבע, (Cotyle Riparia)

איינע פון די קלײנסטע גאַטונג אין דער שוואַלבען־פאַמיליע. איז 13 סענטימעטער לאַנג 29 סענט. ברייט פון איין עק פליעגעל ביז דעם אַנדערען, און זעלטען מעהר ווי 5 סענט. הויך. די קאָליר פון די פעדערען זיינען אויבען אַש־גרוי און אונטען ווייס. ביידע געשלעכטער זעהען אויס גלייך. די יונגע זיינען אַביסעל דונקלער. זיי וואַנדערען אַרום אין צאָהלרייכע גרופּען, צומעהרסטענס זעהט מען זיי אַרום דעם טייך אָב. דאָרט זיינען זיי ווי איינגעבירגערט. מען געפינט דאָרט טויזענדע נעסטען פון זיי. טראָץ די קורצע שנאָבעל מיט צאַרטע פינגער־נעגעל גראָבען זיי לעכער אין ווענד און אין דער ערד ווי אַ מויז. זיי שליידערען אַרויס די אויסגעגראָבענע ערד אויס דער טיעפקייט מיט אַן אונבעגרענצטע ענערגיע. מאַן און ווייב אַרבייטען גלייך. זעהר אָפט לאָזען זיי איבער אַ פערטיגע נעסט אונבעוואוינט און נעהמען זיך גלייך גראָבען אַ צווייטע. אינוועגדיג מאַכען זיי די נעסט מיט שטרוי און בעטען איהר אויס מיט וואָל. איבער דער ערד בויען זיי די נעסטען צווישען שטיינ־שפּאַלטען פון בערג אָדער פעלזען. זייער פליה־צוג איז אַ זאַנפטעס שוועבען מיט כוונטערקייט, צומעהרסטענס אין די אונטערע לופט־שיכטען אָדער איבער דעם וואַסער־שפּיגעל. דאָס קול איז שוואַך, און הערט זיך ווי: "שערר, שעררר". דאָס געזאַנג איז אַ ווידערהאָלונג פון דיעזען וואָרט כסדר. זיי בריהען צווישען מאַי און סעפּטעמבער. אין יוני זיינען די אייער געלייגט און אין צוויי וואָכען שפּעטער קריכען שוין די יונגע אַרויס אויס די **אייער־שאָלען.**

אופּער-שילף-זינגער Acrocephalus phragmitis

איינער פון די שפּערלינג־פויגעל וועלכע לעבען צומייסטענס אַרום די געגענדען וואו עס וואַקסען די דינע לאַנגע זומפּ־פלאַנצען. לעבט אין עוראָפּאַ צווישען אַפּריל און אָקטאָבער, וואַנדערט פון דאַנען נאַך אָסט־אַפּר. זיין פלוג איז פלאַטערענד און שלענגעלדיג און ווען ער פיהלט זיך אויסער געפאַהר פליהט ער גלייך ווי אַ ליניע. ער שרעקט זיך נישט, ער לאָזט דעם מענשען צו זיך קומען ביז 10 אָדער 11 טריט ווייט פון זיך, דאַן שווינגט ער שיעף אין דער געגענריכטונג זיך אָבצושטעלען אַביסעל ווייטער. זיין געזאַנג איז אַנגענעהם, ער טרילט ווי אַ פלייט און ווידערהאָלט זיך ביז ער שטימט איין. ער איז זעהר ראָמאַנטיש. איידער ער קומט צו זיין פּאָאַר שטעלט ער זיך אויף דעם העכסטען שילף,



נעהמט דאָרט זינגען בכדי אַרויסצולאָקען אַ בעהאַלטענעם ליעבהאָבער וואָס זיין ווייבעל האָט פיעלייכט אין איהר נעסט. זי, אויב זי וואַרט אויף איהם לאָזט איהם הערען אַ סיגנאַל און ער קומט אַרונטער זינגענדיג אַזוי ווי ער וואָלט איהר זוכען צו בעגייסטערען מיט זיין געזאַנג. זיין קאָליער איז מאַט אָליווען־ברוין; זיין שייטעל און אויבער ריקען זיינען דונקעל געפלעקט, די פליעגעל זיינען דונקעל־ברוין; זיין לענג איז 14 סענטימעטער, די פליעגעל 6 און דער עק 5 סענטימעטער לאַנג.

אופער־שנעק Litorina נאָמען פון אַ שנעק וואָס געפינט זיך אַרום די ברעגעס פון די ימים. די שאָל איז איי־פאָרמיג, די עפנונג רונדליך מיט גלאַטע ליפען. די קאָליער



איז אַש־גרוי מיט שוואַרץ־ברוין און מאַנכע אויך מיט דונקלע שטרייפען. די עפנונג איז צווישען 6 און 7 מילימעטער, די הויכקייט פון דער שאָל איז צווישען 18 ביז 25 מילימ. דער שנעק גופא איז געל־גרוי מיט שוואַרצע פלעקען. פון דיעזע גאַטונג לעבען נאָך 150 אַרטען, און פון די פאָסילירטע זיינען בעקאַנט 25 אַרטען אויס קרייד און טעריטהער.

אפער־שפעכט ז. "קעניג־פישער".

אופקאַט וויליאַמס, אַן ענגלישער היסטאָריקער און ביבליאָגראַף. געריהמט פאַר זיין גרויסע קאָלעקציע פון 36,000 אויטאָגראַפישע בריעף פון פערשיעדענע וויכטיגע פערזעהנליכקייטען. געב. אין אָקספאָרד־שייער 1779. האָט אָנגעפאַנגען זיין קאַריער אַלס לעהר־יונג אין אַ בוכהאַנדעל, ווערט שפּעטער דער איינקויפער פון פערשיעדענע ביבליאָטעקען. דיענט נאָכהער אַלס אַסיסטענט־ביבליאָטעקאַר אין דעם אינסטיטוט פון אַלד־דזשורי לאָנדאָן. פובליצירט איניגע וויכטיגע דאָקומענטאַרישע ווערק, אַ ביאָגראַפישעס ווערטערבוך פון לעבענדיגע מחברים אין ענגלאַנד און אין אירלאַנד אין 3 בענד.

אופראַוווליאַיען = פערוואַלטען אַדמיניסטראַטיוו.

אוצר ישראל, נאָמען פון דער ערשטע העברעישע ענציקלאָפּעדיע, אַרויסגעגעבען אין נויאָרק 1906 אין 10 בענד, פון יהודה דוד אייזענשטיין. דאָס ווערק איז יעצט שוין אויס פערקויפט און וועט נישט מעהר איבערגעדרוקט ווערען.

אוק, ז. "אַלק".

אוקאַז, אין רוסיש: אַ בעפעהל. זייט דעם 16טען יאָהר־הונדערט דער נאָמען פון יעדען געזעץ וואָס איז אַרויס פון צאַר דירעקט. אויב דער אוקאַז איז געוועזען פון צאַרס אייגענע האַנד האָט ער געהייסען: "אימיענאָי אוקאַז". די אוקאַזען וועלכע דער סענאַט פלעגט אַרויסלאָזען זיינען נאָר געוועזען ערקלעהרונגען איבער דעם צאַרס אוקאַזען. צאַר ניקאָלײַ האָט געלאָזט צוזאַמען שטעלען אַלע אוקאַזען וועלכע זאָלען בילדען די גרונדלאַגע פון דעם רוסישען געזעץ. דיעזע זאַמלונג האָט מען גערופען: "סוואָד זאַקאָנאָוו".

אוקאַמבין, נאָמען פון אַ סם אין וועלכען די אַפריקאַנער ווילדע שבטים טינקען איין זייערע שפּיזען בעת זיי געהען אין דער מלחמה.

אוקאָסנע = שרעג, אַ שטייגער ווי /.

אָוקום, (Oacum) אַ סאָרט מאַטריאַל וואָס ווערט געברויכט אין די קליניקען צו פערבינדען דערמיט געשוויערען, אָדער פוילענדע טיילען פון אַ קראַנקען קערפּער. ער האָט אַ שטאַרקען גערוך פון זשעגאַכטס און בעטויבט דעם גערוך פון דער פוילענדע מכה.

אָוקינוס, ז. „אָצעאַן“.

אָוקלאַנד, אַ פּראָווינץ אין ניי־זעעלאַנד; איז 25,364 □ מיילען גרויס און איז בעפעלקערט פון 308,766 (1916) איינוואוינ. דערונטער 255,298 זכרים און 153,468 נקבות.— די הויבט־שטאָדט פון דיעזע פּראָווינץ איז „אַוקלאַנד“, זי איז אַמאָל געוועזען די הויבט־שטאָדט פון גאַנץ ניי־זעעלאַנד, זי איז געבויט אויף אַ וואולקאַנישען באָדען, אויף וועלכען עס זיינען נאָך דאָ 63 סמנים וואָס געבען אינטערעסאַנטעס מאַטריאַל צו שטודירען די „וואולקאַנאָלאָגיע“ (ז. ד.) די פּראָווינץ האָט צוויי האַפענס, איינער פון זיי איז דער גרעסטער אין גאַנץ ניי־זעעלאַנד ער קאָן אויפנעהמען אַ שיף 10,000 טאָן. די בעפעלקערונג פון דער שטאָדט אָוקלאַנד איז אין דערזעלבער צייט געוועזען 42,748 דיעזע בעשעפטיגען זיך מיט בויען שיפען, דאַמפּ־קעסעל, גלאָז־ און שיהכ־פאַבריקאַציע, ברעטער־שניידערייען, און די זאָנסט געוועהנליכע בעשעפטיגונגען.

אין סעפּטעמבער פון 1914 ביים אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה האָבען זיך דאָ פערזאַמעלט די פאָרשטעהער פון די איינגעבוירענע שבטים צו אַ קאָנפערענץ, זיך צו בעראָטהען וועגען זייער שטעלונג אין דיעזער מלחמה. פערטרעטען זיינען געוועזען די נעגאַטיוואַואָס, אוריאַהאַואַס, טעראַראָוואַס אופּאָורים, און די נעגאַפורען. זיי האָבען בעשלאָסען צו מאַכען אַ פּעטיציע צום ניי־זעעלאַנדער מיניסטער־אָוו־דעפענס, ער זאָל זיי ערלויבען צונעהמען אַן אָנטייל אין מלחמה אין דער היים אָדער אין פרעמד. דער מיניסטער האָט די פּעטיציע אָנגענומען.

צו דער ערשטע עקספּעדיציע פון ניי־זעעלאַנד נאַך דעם עוראָפּעישען קאַמפּ־פּלאַץ האָט אָוקלאַנד אַליין בייגעשטייערט 1450 סאָלדאַטען, פון וועלכע 1,000 זיינען געוועזען אינפאַנטרי און 450 רייטער.

יודען אין אוקלאַנד

יודען זיינען דאָרט פאַראַן בערך 600 פאַמיליען וועלכע האָבען צווישען זיך פערשיעדענע סאָסייעטיס פאַר וואוילטהעטיגע צוועקען. זיי שטעהען דאָרט אין אַ זעהר גוטען מעמד און פערנעהמען אַ בכבוד׳דיגען פּלאַץ אין דער אַדמינסטראַציע. זייער געשיכטע ריהמט זיך מיט דעם נישטלאַנג פערשטאָרבענעם אַדוואָקאַט בוים (ז.ד.). צו זיין לויה האָט זיך דאָס פּאַרלאַמענט געשלאָסען, דער פּרעמיער מיט די מיניסטאָרען און אַ רעגימענט פון סאָלדאַטען האָבען איהם בעגלייט ביז צום יודישען בית־עלמין.

אַוקלאַנד, (Oakland) אַ שטאָדט אין דער קאַליפאָרניער סטייט אין נאָרד־אַמער. ליגט אויף דעם טייך פראַנציסקאָ־באַי און פערנעהמט אַ פראָנט ביים וואַסער 15 מיילען לאַנג און קאָן אַריינעהמען די גרעסטע שיף. האָט אַ בעפעלקערונג פון 70,000 איינוואוינער. די שטאָדט איז געגרינדעט געוואָרען פון שפּאַניער אין 1820 און האָט בעקומען איהר טשאַרטער אין 1852. איהרע גאַסען זיינען



אַוקלאַנדס מוניציפאַל־געביידע

שעהן אויסגעלייגטע און זיינען געציהרט מיט אייכענ־ביימער. דערפאַר הייסט זי "אָוקלאַנד" = אייכענלאַנד.

די האַפען פערנעהמען 6 טייל פון פראָנט, אויף דער יבשה איז די שטאָדט ארומגענומען פון אַ רייהע בערג. די איינוואוינער קוקען אַרונטער פון זייער הויכען באָדען צום ים און דאָס מאַכט אַן איינדרוקספאָלע פאַנאָראַמאַ פאַר דעם בעאויבאַכטער. דאָס קלימאַט איז 53 גראַד פאַרענהייט דורכשניטליך. געאָגראַפיש איז אָוקלאַנד אַ צענטער צווישען פיעלע אַגריקולטורעלע דיסטריקטען. זי האָט פער־ בינדונגען דורך באַהן און שיפען מיט סאַנ־פראַנציסקאָ, אַלאַמעדאַ, און בערקלעי. די מוניציפאַליטעט בעשטעהט אויס אַ מעיער מיט 11 קאָונסעלאָרס וועלכע ווערן געוועהלט אויף 2 יאָהר יעדער. דאָרט זיינען דאָ 8 שיפ־בויערייען, מיהלען, צוקער־פאַבריקען, ברעט־זעגערייען גערבערייען א.ז.וו.

אָוקלאַנד-אינזלען, אַ גרופע אינזלען אין דעם זידליכען טייל פון פאַסיפישען ים בערך 200 מיילען פון די סטואַרד־אינזלען. דער גרעסטער פון זיי איז בערך 330 □ גרויס, און האָט צוויי נאַטירליכע האַפענס. זיי ווערען בעזוכט פון וואַל-פיש־פאַנגער פון איין סיזאָן צום אַנדערען. די רעגיערונג פון ניי־זעעלאַנד האַלט דאָרט זאַפּאַס פון שפייז אָנגעגרייט פאַר שיפ־ברוך' אין יענער געגענד.

אָוקלאַנד לאָרד עדען, איינער פון די דריי קאָמיסיאָנערען וואָס ענגלאַנד האָט אין 1778 בעשטימט צו אונטערהאַנדלען מיט די רעוואָלוציאָנערען פון דער יונייטעד־סטייטס. איהם איז אויך געלונגען צו שליעסען אַן אָבמאַך צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך אין יאָהר 1785. ער האָט אַרויסגעגעבען איניגע וויכטיגע ווערק איבער קרימינעלע יוריספרודענץ. ער איז געב. אין 1745 און געשט. אין יאָהר 1814.

אוקסאַנאָמעטער, אַן אינסטרומענט אין פערבינדונג מיט אַ זייגער, צו בעאויבאַכטען דאָס וואַקסען פון אַ פלאַנצע.

אוקעלעי, ז. "וויים־פיש".

אָוקציאָן, (ענגל. "אָקשיאָן"), דאָס פערקויפען פון עפּעס דורך אַ שטופענווייזיגע פערשטייגערונג פון פרייז. אַ סאָרט האַנדעלס־פאָרם אין דער עפענטליכקייט צווישען דעם פובליקום, וואו איינער פערקויפט סחורה דורך אויסרופען דעם לעצט געבאָטע־

נעם פּרייז פאַר אַנדערע דיעזען איבערצושטייגען. אַ זעהר פּאָפּולערער האַנדעלס־פאָרם אין ענגלאַנד און אין איהרע קאָלאָניעס. גאַנץ עהנליך ווי עס ווערען פערקויפט עליות אין אונזערע שוהלען. דער פערקויפער הייסט אָוקציאָנער. ער מוז האָבען אַ ספּעציעלע ערלויבניש פון דער רעגיערונג דאָס צו טהון. בעת ער אָוקציאָניערט האָט ער די קראַפט פון אַ פריעדענס־ריכטער אין אַלע קליינע דיספּוטען וואָס קומען פאָהר אין דער צייט פון דער אָוקציאָן. אײדער ער הויבט אָן צו אָוקציאָניערען מוז ער פאָרלעזען אַלע זיינע בעדינגונגען אונטער וועלכע ער געהט פערקויפען. דיזע בעדינגונגען גילטען פאַר דעם גאַנצען טאָג פון האַנדעל. אַפילו די וואָס קומען שפּעטער און האָבען נישט געהערט לעזען די בעדינגונגען זיינען אויך געבונדען צו זיי.

מען אַוקציאָניערט יעצט אויף בערזען, אין בעשטימטע געוועלבער, אין עפענטליכע פּלעצער אונטער די געזעצליכע אויפזיכט פון די רעגירונגען אין פערשיעדענע לענדער. די גרונדבעדינגונגען זיינען איבעראַל אַז, יעדער זאָל קאָנען פערקויפען זיין סחורה פאַר דעם פּרייז וואָס עס איז מעגליך צו קריגען אין אַזאַ צייט ווען ער נייטיגט זיך אין געלד, און דאָס קיינער זאָל דאָס טהון אויסער איינער וואָס איז פעראַנטוואָרטליך צו דער רעגיערונג, פאַר אַן עהרליכע געלעגענהייט צו יעדען וואָס געפינט זיך אַנוועזענד ביים אַוקציאָן. אין ענגלאַנד און אין די ענגלישע קאָלאָניעס טאָר דער אייגענטימער פון דער סחורה נישט שטייגען אין פּרייז, דער אַוקציאָנער אַליין מעג, אַבער נישט דער אייגענטימער. אויב די סחורה איז ענדליך געפינען געוואָרען אַנדערש ווי דער אָוקציאָנער האָט איהר געשילדערט בעת דער שטייגערונג, מעג דער קויפער חרטה האָבען. ער מוז דאָס אָבער טהון גלייך אויף דער שטעל. דער אָוקציאָנער איז נישט פעראַנטוואָרטליך פאַר דער סחורה פון דעם מאָמענט ווי ער האָט איהר פערקויפט.

געשיכטליכעס: אָנגעהויבען האָט זיך די מאָדע פון דיעזען סאָרט האַנדעל נאָך אין די באַרבאַרישע צייטען. ווען די זיעגער האָבען אַהיימגעבראַכט די בעזיעגטע, מיט דעם רויב וואָס זיי האָבען געקראָגען, האָבען זיי אַלעס פערקויפט דורך אָוקציאָן, און די איינקונפט פערטיילט צווישען די סאָלדאַטען. דאָס פלעגט געטהון ווערען מיט צערעמאָניען אין דער עפענטליכקייט פאַר די בעלוסטיגונג פון אַלע אַנוועזענדע. העראָדאָט דערצעהלט אַז אין אַלטען בבל האָט מען געבראַכט מיידלעך צו פערקויפען צו רייכע יונגעלייט וועלכע פלעגען זיך שטייגען אין פּרייז. די געלד וואָס דיזע אָוקציאָן האָט אַריינגעבראַכט איז אַוועקגעגעבען געוואָרען צו די מיידלעך וועלכע האָבען נישט געפינען קיינע בעלנים. דאָס איז געוועזען זייער נדן. ציצעראָ, ליוויוס, און פּרעטאָניוס דערמאָנען אָוקציאָנען ביי די אַלטע רוימער. דער ערשטער אָוקציאָן וואָס איז פאָרגעקומען אין עוראָפּאַ איז געוועזען די פון עלישאַ יעיל, דער גאָווערנאָר פון פאָרטדזשאָדזש, ווען ער האָט געבראַכט אין לאָנדאָן פיעל סחורה פון מאַדראַס. אין 1779 איז פערפאַסט געוואָרען דאָס ערשטע געזעץ אין ענגלאַנד צו רעגולירען דעם אָוקציאָנס־האַנדעל און אין 1845 זיינען שוין געוועזען אין לאָנדאָן 4358 אָוקציאָנערען. זיי האָבען דערמאָלט געמוזט צאָהלען 5 פּראָצ. פון זייער גאַנצע איינאַהמע. היינט איז די מאָדע צו בעצייכענט מיט דעם האַמער דעמלעצטען באָט. אַמאָל האָט דער אָוקציאָנער אָבגעטיילט אַ חלב'דיגעם ליכטעל אין חלקים, דער לעצטער פּרייז וואָס איז געבאָטען געוואָרען ביים אויס־

ברענגען פון טייל ליכט דער איז געוועזען זוכה.

אוקראַינאַ, אַ רעפובליק וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין נאָוו. 1917 אַלס אַ טייל פון דער רוסישע פעדעראַל־רעפובליק; בעשטעהענד אויס קליין־רוסלאַנד, ניי־רוסלאַנד, און די זיד־וועסטליכע רוסישע טעריטאָריע, מיט אויסנאַהמע פון דעם טייל וואָס עס בעוואוינען די דאָנסקי קאָזאַקען. צוזאַמען איז דאָס דער זיד־וועסטליכער ווינקעל פון דעם עוראָפעישען רוסלאַנד; און שליעסט איין די גובערניעס: טשערניגאָוו, פאָלטאַוואַ, כאַרקאָוו, קיעוו, פאָדאָליען, וואָהלין, כערסאָן, טאַווערידאַ און עקאַטערינאָסלאַוו. די וויכטיגסטע שטעדט פון דיעזע גובערניעס זיינען: אָדעס, קיעוו, עקאַטערינאָסלאַוו און זשיטאָמיר. אוקראַינאַ גרענעצט זיך מיט עסטרייך, אונגאַרן און פוילען אין דער וועסט; מיט דעם שוואַרצען ים און דעם אַזאָוו׳שען ים אויף דעם זידליכען טייל; מיט די דאָנסקי קאָזאַקען אויף דעם אָסטליכען טייל; און מיט רומעניען און רוסלאַנד אויף דער נאָרדליכע זייט. דאָס לאַנד ווערט געשעצט אויף 216,400 ☐ מיילען און דאָס פאָלק 30,000,000. שפעטער, ווען אונגאַרן איז פון עסטרייך אָבגעריסען געוואָרן איז צו אוקראַינאַ נאָך צוגעפאַלען די פראָווינץ בוקאָווינאַ וואָס האַלט 4,035 ☐ מיילען מיט אַ בעפעלקערונג פון 729,921 איינוואוינער. אָסט־גאַליציען איז נאַטירליך אוקראַיניש, איז אָבער צוליעב די גרעסערע בעפעלקערונג פון פאָליאַקען אין יענער געגענד, פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען פריעדענס־קאָנסול איבערגעגעבען געוואָרען צו פוילען.

נאָמען: ”אוקראַינאַ” בעדייטעד ”גרענעצלאַנד”. דאָס קומט דערפון וואָס דיעזעס לאַנד האָט פאַר אַ צייט געבילדעט דעם צווישענפונקט אַרום די גרענעצען פון רוסלאַנד, פוילען און דער טירקיי. אין פוילישע דאָקומענטען ווערט דיעזער נאָמען צום ערשטען מאָל דערמאָנט אין 1312, און ווערט דאָרט אָנגעגעבען אַלס 70 מיילען לאַנג און 30 ברייט. איינשליעסליך קיעוו׳ ווראַצלאַוו, וואָהלין, פאָדאָליען. צווישען די מלחמות פון די גענאַנטע לענדער זיינען זיך אין דיעזען מיטעל־פונקט אָנגעלאָפען פיעלע פעראונגליקטע, און דיעזע האָבען זיך געבילדעט די שטעדט: כאַרקאָוו, פאָלטאַוואַ און טשערקאַסק. אַלס אוקראַינאַ איז צוריסען געוואָרען (ז. אונטען) האָבען די צאַרען זייער טייל צושניטען אויף פערשיעדענע פראָווינצען און זיי אַ נאָמען געגעבען: ”קליין־רוסלאַנד”, ”וועסט־רוסלאַנד”, ”זיד־רוסלאַנד” און ”ניי־רוסלאַנד”. די עסטר. האָבען זייער טייל גערופען ”אָסט־גאַליציען”, די אונגאַרן זייער טייל ”בוקאָווינאַ”, און די דייטשען האָבען איהר גערופען: ”רוטהעניען”; ערשט אין דעם 19טען יאָהר־הונדערט, ווען די אוקראַינישע ליטעראַטור האָט געמאַכט איהר דעבו אין איהר אייגענע שפראַך, איז דער נאָמען ”אוקראַינאַ” פאָפולער געוואָרען צווישען דעם גאַנצען אוקראַינישען פאָלק אין אַלע לענדער.

לאַנד: דריי־פירטעל פון אוקראַינאַ בעשטעהט פון אַ שוואַרצע פרוכטבאַרע ערד וואָס האָט קיין גלייכען אויף דער גאַנצער וועלט. די שוואַרצע פרוכטבאַרע שיכטע איז אויף געוויסע שטעלען 2 מעטער טיעף, און ענטהאַלט פון 4 ביז 10 פראָצענט פלאַנצען־שטאָפען. אַ פינפטער טייל פון לאַנד איז בעוואַקסען מיט וועלדער. דער באָדען פון דיעזע געגענד איז שוין נישט אַזוי רייך, און אין געוויסע שטעלן איז עס אויך אָרים. אַרוף ווייטער פון דיעזע וועלדער זיינען דאָ פרוכטבאַרע טאָרף־לאַגערען. אייזען־שיכטען זיינען פאַראַן אין וועסטליכען טייל פון עקאַטערינאָסלאַוו און אין אָסטליכען

טייל פון כערסאָן. בערך 200 מייל פון דאָרט, ביים דאָנעץ, זיינען פאַראַנען רייכע קויהלענמינען, און ביידע דיעזע רויה־פּראָדוקטען האָבען אין אוקראַינאַ ענטוויקעלט אַ בעדייטענדע אינדוסטריע פון אייזען־ און שטאָהלגיעסערייען. גאָלד איז דאָרט פאַראַן זעהר וועניג, זילבער און בליי שוין מעהר אין די דיסטריקטען פון קובאַן, טערעק, און קאַווקאַז. אַ גרויסע אינדוסטריע פון מערקורי געהט דאָרט אָן אין די מינען פון מיקיטאָווקאַ און דאָנעץ, דיעזע האָבען קיין גלייכען אין גאַנץ רוסלאַנד. קופּער געפינט זיך אין דאָנעץ, כערסאָן, טאַוורידאַ, בוקאָווינאַ און אין מאַראַמאַראָש. מאַנגאַנעזע אין ניקאָפּאָל, און אין אָסטליכען פּאָדאָליען. זאַלץ־לאַגערען אין די קאַרפּאַטיען. פאָספאָר אין פּאָדאָליען עקאַטערינאָסלאַוו, כערסאָן פּאָלטאַוואַ, טשערניגאָוו, וואָהלין. ליים פאַר טעפּ־אידוסטריע, ליטאָגראַפישע שטיינער, מיהל־שטיינער, און פּומיק־שטיינער זיינען פאַראַן אין די צוּוואָרפענע דיסטריקטען.

קלימאַט: דאָס לאַנד ווערט בעוואַסערט פון דניעסטער, באָג, דניעפּער, דאָן און קובאַן. די וועסטליכע גרענצען פון אוקראַינאַ זיינען בעוואַסערט פון באַלטישע טייכען, און די אָסטליכע פון די וואַסערען וואָס זיינען פערבינדען מיט דעם קאַספּישען ים. אַחוץ דעם לויפען נאָך איניגע טייכען פון די קאַרפּאַטיען אויס דעם געשמאָלצענעם שניי אַריין אין דעם דניעסטער. אַזעלכע שטראָמען פילען אָפט די טייכען צום איבערפלייצען. געוויסע טאָלען ווערע דאַדורך פערוואַנדעלט אין טייכען און בלייבען פול פאַר וואָכען לאַנג.— דאָס לאַנד האָט דריי בערג־סיסטעמע: דאָס קאַרפּאַטישע, דאָס קרימשע, און דאָס קאַווקאַזישע. זעהר וועניגע פון זיי האָבען שניי־קעפּ. דאָס אוקראַינישע קלימאַט עהנליכט זיך מעהר צו דאָס פון פראַנקרייך אַלס פון גרויס רוסלאַנד. פון איין עקסטרעם צום אַנדערען איז דער אונטערשיעד בלויז אין 1 גראַד. דער ווינטער איז אַ שטאַרקער. ער טרעט איין באַלד נאָך אַ טרוקענעם זוניגען פריהלינג, מיט אַ אָסטליכען ווינד, וועלכער הויבט אויף אָפּטמאָל אַ זאַמד־שטורם. דער פריהלינג אַליין דויערט קוים 3 וואָכען. די פראָסט־צייט דויערט צווישען צוויי ביז דריי מאָנאַטען. שניי, שטורם, רעגען און פראָסט הערען אויף צווישען מיטען אַפּריל ביז דעם אָנהויב מאַי. דער זומער איז שוין נישט איבעראַל גלייך. וואָס ווייטער זיד־אָסטליך פון פּריפּעט דאָס הייסער איז עס. דער הערבסט איז שעהן און וואַרם. אין אָקט. קומען קאַלטע נעכט נאָך וואַרמע טעג. אוקר. האָט וועניגער רעגען אַלס צענטראַל־יִיראָפּאַ, דערפאַר ווייל עס ליעגט צו ווייט אַוועק פון אַטלאַנטישען ים, וועלכענס וואָלקען עס פּלאַצען אין די נעהנטערע געגענדע אַרום איהם. דער דונסט וואָס דער שוואַרצער ים גיט אַרויס איז אונבעדייטענד פאַר די אַגריקולטורעלע נויטווענדיגקייטען. אין די הייסע זומער־טעג ווערען אָפט אויך דיעזע אויף זייער וועג פון דער היץ אין דער לופט אויסגעטרוקענט. די הילפע קומט פון די בערג און די וואַסער־פאַלען. אונטער־אירדישע קוואַלען געפינען זיך דאָרט זעהר פיעלע און דיעזע בעפייכטען — די ערד לויט די נאַטירליכע פאָדערונג פון דעם אויסערען קלימאַט. דער דורכשניטליכער רעגען־פאַל פון די פערשיעדענע דיסטריקטען אין אוקראַינאַ בעטרעפט יעהרליך:

סעוואַסטאָפּאָל	735	מילימעטער
מיקאָלייעוו	386	„
עליסאַוועטגראַד	360	„
קישינעוו	444	„
עקאַטערינאָסלאַוו	471	„
כאַרקאָוו	475	„
אומאַן	546	„
קיעוו	465	„

פּאָלטאַווא	534	„
פינסק	532	„
יאַלטאַ	581	„
פּאָדאָליען	508	„
טשערנאָוויטש	600	„
נאָוואָראָסעיסק	619	„
ראָסטאָק	691	„
סטאַווראָפּאָל	900	„
לעמבערג	720	„

צוליעב דער יעצטיגע אונזיכערהייט מיט דער געאָגראַפיע פון אוקראַינאַ, בעדיענען מיר זיך דאָ מיט דער אַלטע בעצייכנונג פון איהרע גרענצען, לויט ווי עס איז אָנגעוויזען אין אָנהויב פון דיעזען אַרטיקעל.

די גרעסטע ציפּערען זעהען זיך אין דיעזע געגענדען וואָס זיינען נעהנטער צו דעם אַטלאַנטיק, און וואָהין די נאָרד־אַסטליכע ווינדען פּערטראָגען נאָך אַ טייל פון די געבליבענע וואָלקען. האָגעל פאַלט מעהרסטענס אין יוני און ווייניגער אין יולי און מאַי. די מעהרסטע פון זיי קומען פון קאַרפּאַטיען־געבערג און דערגרייכען וואָלין און קיעוו זיי געהען נישט אַריבער דעם דניעפּער.

אינדוסטריע: אוקראַינאַ האָט זעהר ווייניג פון גרויס־אינדוסטריע. די וועבעריי איז נאָך אויף דעם קליין־אינדוסטריעלען שטאַנד. קליינע דאַמפּ־שיפען ווערען געבויט אויף דעם דניעפּער און דעם דניעסטער. דעקאָראַטיווע האָלץ־אַרבייטען ווערען אויסגעפיהרט אויף דעם קליינעם מאַסשטאַב. דאָגעגען איז די טעפּעריי פון פּאָלטאַווא, טשערניגאָוו, כאַרקאָוו פּאָדאָליען, און אין פיעלע אַנדערע דיסטריקטען איינע פון די וויכטיגסטע אידוסטריען אין אוקראַינאַ. זעהר ענטוויקעלט איז אויך די שטיינ־שניידעריי אין די דיסטריקטען פון אָדעס און אַלעקסאַנדראָווסק. די לעדער־גערבערייען און פוטער־פאַבריקען פון אוקראַינאַ זיינען וועלט־בעריהמט. די קאַטאָן אינדוסטרי געפינט זיך בלויז אין די דאָנסקי רעגיאָן. די דיסטריקטען פון באַכמוט, אָדעס, קיעוו, כאַרקאָוו, פּאָדאָליען און כערסאָן האָבען צוזאַמען עטליכע הונדערט צוקער־פאַבריקען פון אַ גרויסע בעדייטונג. קיעוו, כאַרקאָוו, אָדעס, זשיטאָמיר, קרעמענטשוג, פּאָלטאַווא, עקאַטערינאָסלאַוו און ניאָליעוו האָבען בעדייטענדע טאַבאַק־פאַבריקען. די גרעסטע אינדוסטרי פון אוקראַינאַ איז די אייזענגיעסעריי און די אַגריקולטורעלע פּראָדוקטען. טראָץ דיעזע קליינ־מאַסשטאַביגע אינדוסטריע האָט אוקראַינאַ דערוויזען צו זיין דער הויבט־קוואַל פון דעם רוסישען לעבען, פאַר אַ פאָלק פון 185 מיליאָן. אין דעם לעצטען יאָהר פאַר דער וועלט־מלחמה האָט אוקראַינאַ עקספּאָרטירט נאָך דייטשלאַנד, ענגלאַנד, און איטאַליען:

180	מיליאָן פּוד ווייץ
211	מיליאָן פּוד גרויפּען
32	מיליאָן פּוד קאָרן
67	מיליאָן פּוד צוקער
6	מיליאָן פּוד פלייש

אַחוץ וואָס זי האָט געשיקט נאָך רוסלאַנד. —דיעזע גליקליכע לאַגע פון אוקראַינאַ איז געוועזען איהר גרעסטעס אונגליק. צוליעב דעם האָט זיך די גאַנצע אַטאַקע פון דייטשלאַנד אויף רוסלאַנד געציעלט בלויז אויף אוקראַינאַ. ווי נאָר זיי האָבען אוקראַינאַ צוגענומען האָט זי שוין רוסלאַנד צו־רוה געלאָזען. מיט זייער איינשרוט אין אוקראַינאַ האָבען די דייטשען גלייך בעקומען 74 מיל. פּוד תבואות, 11 מיל. פּוד לעבענדיגע אָקסען 30,000 שעפּסען, 2 מיל. עופות, 2500 וואַגאָנעס מיט אייער, 2,500,000 פּוד צוקער, 20 מיליאָן ליטער אַלקאָהאָל א.ז.וו.— דער רוסישער סאָוויעט האָט אויס דעמזעלבען גרונד געמוזט אוקראַינאַ סאָוויעטיזירען, און דערפאַר בלייבט אוקראַינאַ דאָס שלאַכט־**הויז פון אַלע רעוואָלוציאָנען פון וועלכע**

עס וועלען נאָך פאָרקומען פיעלע אין דער אונ-אונטערבראָכענע צוקונפט געגען דעם סאָוויעטישען רוסלאַנד.

דאָס פאָלק: דער דורכשניטליכער אוקראַינער איז הויך געוואַקסען, העכער ווי דער דורכשניטליכער רוס אָדער פּאָליאַק. די העכסטע פון זיי געפינט מען אין די קובאַנסקי דיסט.

(אוקראַינער טיפּען.)

וואו עס געפינען זיך אויך די זאַפּאָראָגסקי-קאָזאַקען. די קלייִנסטע געפינען זיך אין פּאָדאָליען. די מאָס צווישען די קלייִנסטע ביז די גרעסטע איז 1693—1701 מילימעטער. דער דורכשניטליכער אוקראַינער האָט ברייטע שולטער און מאַכט אַ זעהר אַנגענעהמעס אויס-זעהען. זיין שעדעל איז פון דעם סלאַווישען מוסטער, דער אינדעקס איז 83.1, די נאָז איז געוועהנליך לאַנג און דין, די ברייטקייט פון זיין פנים איז 180 פונקטען. די מאַיאָריטעט פון זיי האָבען דונקלע האָאָר, בערך 29 פּראָצ. פון דער מינאָריטעט זיינען בלאָנד, און די איבריגע זיינען פון פערשיעדענע קאָלירען. — איבער זייער אורשפּרונג איז מען נישט זיכער. מאַנכע אויטאָריטעטען גלויבען אַז זיי שטאַמען פון די אַלטע סקיטהער (ז.ד.), און אַז די אוקראַינער זיינען די ריינסטע טיפּען פון די ערשטע סלאַווען. זייער ערשטעס קעניגרייך איז געוועזען אין קיעוו אין 10טען

(אוקראַינער טיפּען.)

יאָהר-הונדערט. זייערע ברידער די רוסען זיינען אַוועק אויף דער נאָרד-זייט, זיי האָבען זיך פערמישט מיט די מאָנגאָלען און פינען, זיי האָבען פערטווישט זייער שפּראַך; בלויז די אוקראַינער זיינען געבליבען אונפערמישט, און האָבען בעהאַלטען זייער שפּראַך ביז דעם היינטיגען טאָג.

געשיכטע: אין דער אויבענדערמאָנטער צייט האָט איבער קיעוו געהעשט וולאַדימיר דער הייליגער. ער מיט זיין גאַנצעס פאָלק האָבען זיך בעקעהרט פון היידענטום צום קריסטענ-טום. זיין נאָכפאָלגער יאַראָסלאַוו האָט געמאַכט

דעסערשטען שריט פאַרן פּראָגרעס פון ציווילִיזאַציע דערמיט וואָס ער האָט אָרגאַניזירט זיין שטאַאַט אויף אַ רעפּובליקאַנישען פּרינציפּ אין דער רעפּובליק זיינען געוועזען צוויי פּאַרטייען, די מיליטערישע און די ציווילע. דער גייסטיגער פיהרער איז געוועזען דער הערשער. די מיליטערישע איז אָפּט געגאַנגען האַנד־אין־האַנד מיט דעם הערשער און דאָס פאָלק האָט זעלטען געהאַט וואָס עס האָט גע־וואָלט. אין קיעוו זיינען ערשינען די אַדעליגע באָיאַרען אַלס געגענער צום הערשער פון יענער צייט ווען דער הערשער האָט זיך גענומען צייגען סימפּאַטיש צום פאָלק. מיט דער צייט איז דער אַנטאַגאָניזמוס געוואַקסען צווישען זיי אַזוי שטאַרק אַז, דער דינגו קאַהן וועלכער האָט געלויערט אויף אַ געלעגענהייט די אוקר. צו אַטאַקירען האָט דיעזע צייט געפינען פאַר זעהר גינסטיג. ער האָט אינמיטען דיעזע שטרייטיגקייטען קיעוו אַטאַקירט, די אַטאַקירטע זיינען געוועזען אונאָרגאַניזירט, זיי האָבען גלייך געמוזט די רעגירונג אַריבערפיהרען נאַך גאַליטש ביים דניעסטער. דאָס איז געווען אין 1224, נאַך אַ דריי־טאָגיגען ווידערשטאַנד איז די קיעווער אַרמיי געשלאָגען געוואָרען, און גאַליטש איז געבליבען אונבעשעדיגט. אין הונדערט יאָהר שפּעטער האָבען די פּאָליאַקען און ליטהויער אַטאַקירט גאַליטש אויף איין זייט, די טאַטאַרען האָבען די אוקריינער אַטאַקירט אויף דער אַנדערער זייט, דאָס איינציגע וואָס די אוקריינער האָבען געקאָנט טהון צווישען די דריי פלאַמען איז געוועזען זיך צו פעראייניגען מיט פּוילען בכדי פּטור צו ווערען פון טאַטאַרען. דערמיט האָט זיך גע־ע־דיגט איהר ערשטע אונאַבהענגיגקייט.

פּוילען האָט גענומען בעהאַנדלען די אוקר. נישט אַלס פעראייניגטע נאָר אַלס בעזיעגטע די אוקראַינישע נאָבעל־לייט האָבען בעקומען פּריווילעגיען נאָר ווען זיי האָבען געצייגט פּאַטריאָטיזמוס צו דער פּוילישע נאַציאָנאַליטעט. אַזוי אַנאָך איז די אוקראַינישע אינטעליגענץ אָבגעצויגען געוואָרען פון אוקראַינישען פאָלק. זייענדיג גריכישע קריסטען, זיינען די אוקראַינער פון קאַטוילישע פּאָליאַקען בעטראַכט געוואָרען אַלס אונגלויביגע. די פּאָליאַקען האָבען זיי דערפאַר בעהאַנדעלט מיט מיסאַכטונג און אונטערדריקונג. די אוראַינער האָבען זיך שטענדיג געפינען אין אַן אויפגערעגטע לאַגע, שטענדיג אויפגערייצט צו רעוואָלטירען. מיט יעדען נייעם רעוואָלט האָבען די פּאָליאַקען פערגרעסערט זייערע רדיפות אויף די אוקראַינער. בעת עס איז אָנגעגאַנגען די מלחמה מיט די טאַטאַרען האָבען זיי די אוקראַינער אויסגעשטעלט אין יעדען געפאַהר. די טאַטאַרען פלעגען די געפאַנגענע אוקראַינער אַוועקשלעפּען אויף די אָריענטאַלישע שקלאַפען־מאַרקטען זיי צו פערקויפען. די אוקראַינער האָבען איינגעזעהען אַז די פעראייניגונג האָט זיי נישט געבראַכט די ערוואַרטעטע פּראָטעקציע פון די פּאָליאַקען געגען די טאַטאַרען, דאָס האָט זיי אַזוי פערביטערט זייער לעבען ביז זיי האָבען זיך גענומען פעראייניגען אין קליינע גרופּען קריעגער, און אויס דיעזע איז ענדליך ענטשטאַנען דער קאַזאַקען־שטאַאַט.

דער זאַפּאַראָג

אין דעם 16טען יאָהר־הונדערט האָבען זיך די קאָזאַקען פעראייניגט אין אַ זעלבסטשטענדיגען שטאַאַט אויף די מערקווירדיגע פּרינציפּען, פון וועלכע פּרינץ קראָפּאָטקין האָט געלערנט זיין אַנאַרכיזמוס. די קאַזאַקען האָבען דיעזען שטאַאַט גערופען "זאַפּאַראָג". זיין פּאָליטישע גרונדלאַגע איז געוועזען פאָלשטענדיגע גלייכהייט צווישען אַלע בירגער. יעדע אויטאָריטעט איז געלעגען אין אַ געוועהלטע קערפּערשאַפט, אפילו די בעאַמטע

אוקראַינער טיפּען.

וואָס דיעזע קערפּעשאַפט האָט נייטיג געהאַט אויסצופיהרען די בעפעהלע פון דער קערפּערשאַפט זיינען אויך אויסגעוועהלט געוואָרען פון פאָלק. דער בירגער האָט געהאַט אַלע פּריוויהייטען. דערפאַר האָט ער זיך אָבער געמוזט שקלאַפיש אונטערוואַרפען די אויטאָריטעט פון די בעאַמטע. אַלעס איז צוגעגאַנגען אויף אַ מיליטערישען אופן. אין קריעגס־צייט האָט די גראָמאַדע אויסגעוועהלט אַ העטמאַן (ז. דאָרט), און דיעזער האָט פאַר דער גאַנצער קריעגס־צייט געהערשט ווי אַן אַבסאָלוטער צאַר. דיעזער שטאַאט האָט זיך געשטעלט אין פראָנט געגען די טאַטאַרען צו פערטיידיגען די אוקריינער. זייער בראַווהייט און זייערע נצחונות האָט געוואָרפען אַ מורא אַפילו אויף די פּאָליאַקען. די פּאָליאַקען האָבען פריהער זיי גענומען רודפ׳ן נאָר ווען די רוסען שוועדען און טירקען האָבען זיך גענומען פּוילען פערניכטען, האָבען זיך די פּאָליאַקען געווענדעט צו די קאָזאַקען נאָך הילף.

אין 1648 ווען די פּוילישע פּריצים האָבען גענומען אינטריגירען צווישען זיך און אונטערדריקען זייער אייגען פאָלק, זיינען פיעלע פּאָליאַקען געלאָפען זוכען אן עיר מקלט ביי די קאָזאַקען. דאָרט האָבען די פּוילישע פליכטלינגע גענומען בונטעווען די קאָזאַקען געגען זייער אייגען לאַנד. די פּאָליאַקען מיט די פּוילישע פליכטלינגע האָבען געמאַכט אַן ערפאָלגרייכען אויפשטאַנד געגען פּוילען. דאָס פּוילישע מיליטער איז געשלאָגען געוואָרען און די אוקראַינער זיינען — נאָך אַ 300 יעהריגער אונטערדריקונג — ווידער פריי געוואָרען. דער אָנפיהרער פון דיעזען אויפשטאַנד איז געוועזען באָגדאַן כמעלניצקי (ז. "אומאַן", "כמעלניצקי", "קאָזאַקען"). דיעזער האָט אויסגעשפּרייט דעם קאָזאַקישען שטאַאט איבער דעם גאַנצען לאַנד וואָס די אוקראַינער האָבען אַמאָל בעזעסען.

זיך צו בעוואָרענען געגען די פּאָליאַקען פאַר דער צוקונפט האָט כמעלניצקי אין 1654 געשלאָסען אַ בונד מיט רוסלאַנד. ער האָט געגלויבט אַז, רוסלאַנד זייענדיג פון דערזעלבע רעליגיאָן, וועט אין אַ פעראייניגונג מיט די אוקראַינער בעסער האַרמאָנירען ווי די אוקר. מיט די פּאָליאַקען. דער אָבמאַך איז געוועזען אַז די אוקראַינער זאָלען בלייבען אונטער אַן אייגענע אויטאָנאָמיע און דאָס זייער העטמאַן זאָל שטעהען אונטער דעם שוץ פון צאַר. דער צאַר האָט אָבער נישט געקאָנט גלייכגילטיג בלייבען צו אַ דעמאָקראַטישען שטאַאט אין דער צייט ווען זיין אייגען פאָלק ווערט רעגירט פון זיין אייזערנע האַנד. ער האָט זיך קוים דערוואַרט אויף כמעלניצקים טויטס (1657) ווי ער האָט גענומען אינטריגירען מיט די קאַזאַקישע גענעראַלען געגען זייער נייעם העטמאַן, און מיט די קאַזאַקען געגען זייערע גענעראַלען. ער האָט אונטערגעקויפט די פּאָפּולערסטע פּערזאָהנען זיי זאָלען ביים שטימען צושפּאַלטען די פּאַרטייען וועלכע האָבען זיך איהם געשטעלט אין וועג צו רוסיפּיצירען די אוקראַינער. דאָס האָט געפיהרט צו אינערליכע צוויסטיגקייטען און העפטיגע רייסעריי, צווישען וועלכע דער צאַר פלעגט זיך אַריינמישען פאַר שלום. מיט אַ יעדע אַזעלכע אַריינמישונג האָט ער די פונקציאָנען פון דער אוקראַינישע אויטאָנאָמי פערקליינערט ביז עס איז אין 1667 געקומען דערצו. אַז דאָס אוקראַינישע פאָלק האָט זיך געשפּאָלטען; אַ טייל איז געבליבען ביי רוסלאַנד, אַ טייל ביי פּוילען, און אַ טייל ביי אונגאַרן.

רוסלאַנד האָט דעמאָלט זיך גענומען סיסטעמאַטיש צו פערניכטען איהר טייל אוקראַינאַ. דערפאַר האָט מאַזעפּאַ, דער אוקראַינישער העטמאַן זיך פעראייניגט מיט קאַרל דעם

12טען, קעניג פון שוועדען געגען רוסלאַנד. זיי זיינען אָבער ביידע געשלאָגען געוואָרען ביי פּאָלטאַוואַ אין 1709, ביידע זיינען קוים מיט זייער לעבען אַנטלאָפען נאָך טירקיי און דער צווייטער אוקראַינישער שטאַאַט איז פון פּיאָטאָר וועליקי דעמאָלט גאַנץ פערניכטעט געוואָרען. די רוסיפיצירונג פון די אוקראַינער האָט זיך אָנגעהויבען מיט דער אונטערדריקונג פון דער אוקראַינישער שפּראַך, מיט אַ פערבאָט צו לעזען אוקראַינישע ביכער און מיט דער צושליעסונג פון די אוקראַינישע שוהלען. אין דער טשערניגאָווער גובערניע אַליין זיינען מיטאַמאָל געשלאָסען געוואָרען 866 אַזעלכע שוהלען. די אוקראַינישע גלחים זיינען אונטערוואָרפען געוואָרען דעם רוסישען סינאָד און מיט דער צייט האָט דאָס אוקר. פאָלק שוין אָנגעהויבען דענקען אויף רוסיש. ספּעציעל ווען דער אוקראַינישער דיכטער גאָגאָל האָט געוויזען דעם וועג פאַר אַנדערע צו ווירקען אין דער רוסישע ליטעראַטור.

אין רוסלאַנד איז דאַס ווידער אופלעבען פון דער אוקראַינישע ליטעראַטור שוין אויף אַ צייט אונמעגליך געוואָרען. די רוסיש־פּוילישע צווויסטיגקייטען האָבען פאַר דעם אוקראַינישען פאָלק נישט געבראַכט קיין האָפנונג אויף זעלבסטשטענדיגקייט. דער קולטור־צושטאַנד פון די אוקראַינער איז נאָך פיעל טיעפער געזונקען ווען עס איז אין די רוסישע שוהלען פערבאָטען געוואָרען פאַר די אוקראַינישע קינדער אויסצוטייטשען די רוסישע שפּראַך אויף די אוקראַינישע. די אוקראַינישע קינדער זיינען דערפאַר געבליבען איגנאָראַנט אַפילו אין דאָס רוסישע. זיי האָבען געפיהלט די שוהל אַ לאַסט, און זיינען בעסער געבליבען אין דער היים. דאָס רעזולטאַט איז געוואָרען אַז קוים 150 פון אַ טויזענד האָבען געקאָנט אַן אַלפאַבעט. פון דיעזער צייט ביז דער וועלט־מלחמה געפינט זיך די געשיכטע פון אוקראַינאַ פערקערפערט מיט דער געשיכטע פון רוסלאַנד, פוילען, אונגאַרן, און עסטרייך.

צווישען יולי און דעצעמבער פון 1914, ביים אָנהויב פון דער לעצטע וועלט־מלחמה האָבען די אוקראַינער פון בראַזיליען קענעדי, און די יונייטעד־סטייטס אַרויסגעלאָזען אַן אַפּיעל צו זייערע רעגיערונגען זיך נישט צו מישען אין די צוויסטיגקייטען צווישען עסטרייך־אונגאַרן מיט רוסלאַנד: 1) ווייל די אוקראַינער זיינען אין רוסלאַנד שקלאַפען, 2) ווייל קאָנסטיטוציאָנעלע לענדער טאָרען נישט שטיצען אַ דעספּאָטיע. זיי האָבען אָבער אין דעמזעלבען אַפּיעל געבעטען זייערע רעגיערונגען צו ווירקען אַז דאָס אוקראַינישע פאָלק פון רוסלאַנד, עסטרייך און אונגאַרן זאָל פעראייניגט ווערען אין אַ רעפּובליק. אויס דיעזער בעוועגונג האָט זיך געזעהען אַ שטרעמונג וועלכע איז געטריבען געוואָרען פון אַן אָרגאַניזירטע האַנד, וועלכערס קערפּער עס האָט זיך געפינען אין עוראָפּאַ. די עוראָפּעישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע איז אָנפאַנגס געשטאַנען אין צווייפעל וועגען דאָס רעזולטאַט פון דער מלחמה, דאָס זעהט זיך אויס דעם אויבען דערמאָנטען, און ווי נאָר די מלחמה האָט זיך גענומען ווייזען צוגונסטען פון די אַלירטע האָט זיך זייער שטעלונג אויסגעלייטערט.

אינמיטען פון דעם וועלט־קריעג האָט זיך די אוקראַינישע אינטעליגענציאַ פון קיעוו, און לעמבערג גלייך פעראייניגט פאַר דעם קאַמף אוקראַינאַ צו בעפרייען און איהר צו עטאַבלירען אַלס אַ רעפּובליק. די צענטראַל־מעכטע וועלכע זיינען דעמאָלט נאָך גוט געשטאַנען האָבען דיזע בעוועגונג אונטערשטיצט בלויז מיט דעם צוועק צו, צורייסען רוסלאַנד. די רוסישע רעוואָלוציאָנערען וועלכע האָבען נאָך

מורא געהאַט פאַר די צאַר'שע רעאַקציע האָבען אויך געוואָלט אַז רוסלאַנד זאָל צוריסען ווערען אינצווישען האָט זיך פּרעזידענט ווילסאָן אונטערגעדרעהט מיט זיינע געריהמטע 14 פּונקטען פאַר די אַליערטע מעכטע, דאָס האָט אוקראַינאַ געגעבען די פערזיכערונג אַז זי ווערט פון די אַליערטע אונטערשטיצט אין איהר קאַמף. אַלע האָבען איהר אַלזאָ געהאָלפען קריעגען איהר זעלבסטשטענדיגקייט, אָבער דאָך נישט אַלע פון דעמזעלבען מאָטיוו. דייטשלאַנד האָט נויטיג געהאַט די אוקראַינישע רייכע שפּייכלער זיך צו ראַטעווען פון דעם הונגער וואָס די אַליערטע האָבען פעראורזאַכט דורך זייער בלאָקאַדע. זי האָט דאָס אויך גלייך געפאָדערט אַלס איהר בעלוינונג פאַר די אַנערקענונג פון דעם ברעסט־ליטאָווסקער פריעדענס קאָנפערענץ, און זי האָט זיי אויך אויסגעלעדיגט מיט געוואַלד נאָך איידער מען האָט זיי איהר געגעבען.

אין 10טען יאַנואַר פון 1918 איז אויף דער זיצונג פון דעם ברעסט־ליטאָווסקער פריעדענס־קאָנפּפער. ערשינען באַלאַבאָוויטש, דער רעפּרעזענטאַנט פון דער נייע אוקראַינישע ראַדאַ, מיט אַ פאָדערונג פאַר די אַנערקענונג פון דער אוקראַינישע רעפּובליק. "אוקראַינאַ" — זאָגט ער— "איז אַ רעפּובליק, פעדערירט מיט דער רוסישע רעפּובליק, אָבער אוקראַינאַ וויל נישט אַז די רוסישע דעלעגאַטען זאָלען ביים פריעדענסטיש האַנדלען פאַר אוקראַינאַ". פאָן קיהלעמאַן, דער דייטשער רעפּרעזענטאַנט האָט דיעזע פאָדערונג אויך בייגעשטימט און אוקראַינאַ האָט דערמיט בעקומען די ערשטע אַנערקענונג. טראָצקי האָט דערויף צוגעשטימט, נאָר דערפאַר וויל די אוקראַינישע גרענצען זיינען דעמאָלט נאָכנישט בעשטימט געוועזען זאָגט ער, מוז זיך רוסלאַנד פאָרלויפיג נאָך מישען אין אייניגע זאַכען וואָס זיינען מאָמענטאַן אוקראַיניש. דאָס האָט אוקראַינאַ איבערגעלאָזען אין אַ אונבעשטימטע לאַגע. דייטשלאַנד האָט אויך דערויף איינגעשטימט, וואַרשיינליך ווייל עס האָט איהר בעסער געדיענט אַז צווישען אוקראַינאַ און רוסלאַנד זאָלען בלייבען קריוודעס.

ענגלאַנד האָט געלאָזט וויסען אַז די אַליערטע איגנאָרירען דעם ברעסט־ליטאָווסקער קאָנפערענץ, אַז זיי שטימען איין דאָס אוקראַינאַ איז געצוואונגען אַזוי צו האַנדלען, אַז זיי האָבען נישטס געגען דער אונאַבהענגיגקייט פון אוקראַינאַ, נאָר זיי שטימען נישט איין מיט די דייטשישע בעצייכנונגען פון די אוקראַינישע גרענצען.

אוקראַינאַ האָט זיך גענומען אָרגאַניזירען אויף אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישען באַזיס. דעם באָלשעוויסטישען רוסלאַנד איז דאָס נישט געפאָלען. ניקאָליי לענין האָט אַזאַ אָרדנונג בעטראַכט אַלס אַ בורזשואַזנע געזעלשאַפט וועלכע מוז בעקעמפט ווערען. צווייטיגקייטען האָבען זיך גענומען צייגען צווישען ביידע רעפּובליקען. אין אוקראַינאַ האָבען זיך אויך געפינען פיעלע וועלכע האָבען געשטימט מיט לענין און האָבען דערפאַר גענומען אינטריגירען געגען זייער אייגענעם שטאַאַט. דייטשלאַנד האָט דאַרויף גערעכענט און איהר מיליץ פון דאָרט נישט אָבגעצויגען. אין 17טען פעברואַר האָבען די אַנטי־באָלשעוויסטישע דעלעגאַטען פון דער ראַדאַ איינגעלאַדען דייטשלאַנד צו שיצען אוקראַינאַ געגען די באָלשעוויקעס. אין דיעזער איינלאַדונג זאָגען יענע דעלעגאַטען אַז די באָלשעוויקען מאַרשירען שוין אויף אוקראַינאַ צו פערניכטען די ראַדאַ ווי זיי האָבען פערניכטעט קערענסקיס רעגירונג, אַז זיי האָבען שוין איינגעדרינגען אין די נאָרדליכע געגענד פון אוקראַינאַ, זיי האָבען שוין דאָרט אויסגעלעדיגט די אוקראַינישע שפּייכלער און אַוועקגעפיהרט אַ היים. דער דייטשער קאָמאַנדיר האָט גלייך דערויף

גענומען איינמאַרשירען אין די געגענדע וואו די באָלשעוויקעס האָבען אָפּערירט. זיי האָבען די באָלשעוויקעס פּעריאַגט, האָבען אַליין גענומען פּלינדערען דאָס וואָס די באָלשעוויקעס האָבען נישט פּאַספּייעט צו צונעהמען.

אינצווישען־צייט האָבען די פּאָליאַקען זיך גענומען צו אָסט־גאַליציען, וועלכעס האָט אַמאָל געהערט צו אוקראַינאַ. די צענטראַל־מעכטע האָבען איינגעשטימט אַז אָסט־גאַליציען זאָל צוריק קומען אונטער דעם אוקראַינישען שוץ. אין 15טען פעברואַר האָבען די אוקראַינער אַטאַקירט די פּאָליאַקען ביי לעמבערג, זיי האָבען די שטאָדט בעלאַגערט, די פּאָליאַקען האָבען אין 22טען דורכגעבראָכען בלויז אויף איין שטעל, זיי זיינען אָבער פון די אוקראַינער צוריקגעשלאָגען געוואָרען. אַ וואַפענשטילשטאַנד איז בעשלאָסען געוואָרען, די אוקראַינער אָבער האָבען בעמערקט אַז די פּאָליאַקען פּאַרבערייטען זיך אין געהיים פאַר אַ נייע אַטאַקע, האָבען זיי שוין נישט לאַנג געוואַרט און האָבען די פּאָליאַקען אַטאַקירט אין נעקסטען טאָג, ביי דער לעמבערג־קראַקאָווער ליניע, אָבער די אינערליכע אוקראַינישע צווייסטיגקייטען האָבען דיעזען ערפאָלג גאַנץ אָבגעשטעלט.

אין 20טען מערץ, וועהרענד די אוקראַינער זיינען געשטאַנען אין קאַמף מיט די פּאָליאַקען און אין אַ שלעכטע בעציהונג מיט די באָלשעוויקעס, האָבען די רעגימענטער פון דייטשלאַנד און עסטרייך בעזעצט דעם גאַנצען וועסטליכען טייל פון אוקראַינאַ, איינגעשלאָסען זשיטאָמיר, קיעוו, ניקאָלייעוו, און אָדעס. כערסאָן, איז בעזעצט געוואָרען מיט אַ טאָג שפּעטער. אין אָדעס האָבען זיי געפינען 2500 קליינע שיפען מיט געוועהר און אַמוניציע. אין אַפּריל האָבען זיי בעזעצט פּאָלטאַוואַ, עקאַטערינאָסלאַוו, און כאַרקאָוו. איבעראַל וואו זיי זיינען געקומען זיינען זיי בעפאַלען די פּויערים, פון זיי צוגענומען אַלעס וואָס האָט זיי געקאָנט ניצען. זיי האָבען אַחוץ דעם נאָך געפאָדערט פון דער ראַדאַ זי זאָל זיי געבען 58 פּראָצ. פון זייערע אַלע שפּייזען און דעם גאַנצען צוקער וואָס געפינט זיך דאָרט. דעמאָלט איז טשיטשערין, דער באָלשעוויסטישער מיניסטער פון אויסערען, אונטערגעקומען מיט אַ פּאָרשלאַג צו מאַכען שלום מיט אוקראַינאַ בתנאַי, זי זאָל בלייבען אַ פעדערירטעס מיטגליעד אין דער באָלשעוויסטישע רעפּובליק.

די ראַדאַ האָט נישט געקאָנט נאָכגעבען די דייטשישע פאָדערונגען, די פּויערים האָבען אויפגעהערט בעאַרבייטען די פעלדער; פאָן פּייער, דער דייטשישער קאָמאַנדיר האָט אַרויס געלאָזען אַ בעפעהל אַז די פּויערים מוזען דאָס פעלד בעאַרבייטען. דאָס האָבען די פּויערים נישט געוואָלט טהון. אין 28טען אַפּ. ווען די ראַדאַ איז געזעסען ביי איהר אַרבייט זיינען אַריין דייטשישע סאָלדאַטען, זיי האָבען אַרעסטירט איניגע מיטגליעדער און מיט זיי אויך דעם אוקראַינישען קריגס־מיניסטער. אויף דעם צווייטען טאָג האָט דער דייטשער קאָמאַנדיר פערזאַמעלט איניגע רייכע גוטס־בעזיצער און אַ טייל פון די אַנטי־סאָציאַליסטישע עלעמענטען, און האָט אין זייער נאָמען געקרוינט גענעראַל סקאָראָפּאַדסקי אַלס העטמאַן, און די ראַדאַ האָט גלייך דערמיט אויפגעהערט צו עקזיסטירען, און דייטשלאַנד האָט דעם אוקראַינישען העטמאַן געגעבען די אַלויניגע הערשאַפט איבער טוידט און איבער לעבען, אַן אַבסאָלוטע הערשאַפט ווי דער צאַר.

נאָך פון דער לעצטע צייט אויס דעם צאַרישען רעזשים, אונטער דער ניהיליסטישע בעוועגונג, איז דאָס אוקראַינישע פאָלק דורך פערשיעדענע פּראָפּאַגאַנדיזמען צוריסען גע־

וואָרען אויף פּיעלע בעשטימטע און אונבע־שטימטע פּאַרטייען. אין דיעזען טומעל ווען רעזאָלוטע האַנדלונגען זיינען אַבסאָלוט נויט־ווענדיג געוואָרען האָט זיך די אונקלאָרהייט פון אידעען אַרויסגעשטעלט אַלס אָפּאָזיציע צווישען אַלע פּאַרטייען. דיעזע רייסערייען האָבען אָבער נאָר פּאַסירט צווישען די בע־וואוינער פון די שטעדט, אַבער נישט צווישען די פּויערים. די זיינען געבליבען קאָנסערוואַ־טיוו. אויף דיעזער ווייזע האָבען זיך געפאָר־מירט צוויי גרויסע פּאַרטייען. איינע אַ אינטעליגענטע אָהן אַן אייניגקייט צווישען זיך, און די צווייטע: אַן איגנאָראַנטע אָפּאָזיציע צו די ערשטע. דאָס ערקלעהרט וואַרום עס האָבען זיך דאָרט אַזוי אָפט גע־ביטען די רעגיערונגס פאָרמען. אַמאָל זעהט מען זיי מיט די פּאָליאַקען אין אינ׳ם קאַמף געגען די באָלשעוויקען, און אַמאָל מיט די באָלשעוויקעס אין קאַמף געגען די פּאָליאַקען. דיעזע וועקסלענדע שטרייטיגקייטען האָבען די פּויערים טעראָריזירט. דערצו האָבען די הונגעריגע דייטשען זיי שטענדיג געפּלינדערט זיי האָבען פערלוירען די געדולד צו אַרבייטען זיי האָבען געזעהן פאַר זיך קיין אַנדער אויסוועג ווי זיך אָבטרייסלען פון דעם טאָג־טעגליכען אונטערדריקער. זיי האָבען זיך אָרגאַניזירט פאַר דיעזען צוועק און אָנגעהויבען אַ רעוואָלט געגען זיי מיט 40,000 מאַן אין דער קיעווער גוב. דער פלאַם האָט זיך גלייך צופלאַקערט איבער פּאָל־טאַווא, און פון טשערניגאָוו זיינען אונטער־געקומען נאָך 30,000, און מיט די פון עקאַ־טערינאָסלאַוו זיי די רייהען צוגעוואַקסען ביז אויף 150,000 מאַן. זיי זיינען אַרויס אויף דער ערשטער אַטאַקע ביים דאָרף קריניצק, און ביים ערשטען שלאַכט האָבען די דייטשען פערלוירען איבער אַ טויזענד און די אוקראַי־נער קוים אַ העלפט. דייטשלאַנד האָט גלייך צוגעאיילט 35 נייע דיוויזיעס צו אונטער־דריקען דעם אויפשטאַנד. די באָלשעוויקעס האָבען זיך אונטערגעאיילט צו מאַכען שלום מיט די אוקראַינער בכדי אוקראַינאַ זאָל קריעגען אַ פרייע האַנד. מען האָט זיך לאַנג נישט געדונגען און גלייך נאָכגעגעבען אַלע פּונקטען פוןביידע צדדים. דערווייל האָבען די אַליערטע גענומען זיעגען אויף די פראַנ־צויזיש־בעלגישע פראָנטען, די אונרוהען אין אונגאַרן, עסטרייך און דייטשלאַנד האָבען געפאָדערט פון דייטשלאַנד צוריק צו ציהען דאָס מיליטער פון אוקראַינאַ, און די ערוואַר־טעטע קאַטאַסטראָפע איז פון אוקראַינאַ אויף דיעזער ווייזע אויסגעמיידעט געוואָרען.

אין 15טען נאָוו. פון 1918 ווען סקאָראָ־פּאַדסקי איז נאָך געוועזען העטמאַן און די גוטס־בעזיצער זיינען פּאַטראָנען, איז ערשינען סימאָן פּעטלוראַ, אַ קאַזאַקישער רעוואָלו־ציאָנער נאָך פון אונטער דעם צאַר׳שען רעזשים, און זיך גענומען פערווירקליכען זיין נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישען אידעאַל. ער האָט אָרגאַניזירט די פּויערים אונטער דעם פערשפּרעך אַז ער וועט זיי געבען פרייע לאַנד. ער האָט איינבערופען די דירעקטאָריע, אַ סאָרט פאָלקס רעגיערונג. האָט זיך געציינט צום אָנהויב זעהר פריינדליך צו די יודען. האָט דערמיט געוואונען די מיטווירקונג פון די פּועלי־ציון, פון בונד, די פאָלקס־פּאַרטיי, און די פעראייניגטע. ער האָט איגנאָרירט סקאָראָפּאַדסקיס רעגיערונג און האָט עטאַבע־לירט זיין דירעקטאָריע אין וויניציע. ער האָט אָבער נישט געקאָנט מאַכען קיין גרוי־סען פאָרטשריט וויל, פאַר די סאָציאַליסטען איז ער נישט געוועזען סאָציאַליסט גענוג צוליעב זיין נאַציאָנאַליזמוס, און פאַר די רעאַקציאָנערען איז ער געוועזען צו ראַדיקאַל

די באָלשעוויקעס וועלכע האָבען וואויל געוואוסט אַז אָהן די אוקראַינישע שפּייכלער קאָנען זיי נישט עקזיסטירען, האָבען נישט געטאָרט דערלאָזען אַז אוקראַינאַ זאָל בלייבען אַ נאַציאָנאַליטעט פאַר זיך. זיי האָבען זיך דארום גלייך גענומען באָלשעוויזירען גאַנץ רוסלאַנד, און אוקראַינאַ איינגעשלאָסען. זיי האָבען אַבזיכטליך פּעטלוראַס דירעקטאָריע איגנאָרירט ווי ער האָט געטהון מיט סקאָר-פּאַדקי. זיי האָבען מי אַ גרויסע מאַכט גענומען מאַרשירען אויף קיעוו, האָבען דאָרט געשלאָגען פּעטלוראַס מחנות, פּעלוראַס חיל האָט זיך צוריקגעצויגען אויף דער אָדעסער ליניע וואו עס האָט זיך געפינען דאָס פראַנצוי-זישע מיליטער. אינצווישען איז איינגעטרעטען דעניקין אַלס אַ דריטע קעמפּענדע פּאַרטיי אין דער אוקראַינישע טראַגעדיע און דאָס לאַנד איז אָנגעצינדען געוואָרען אויף אַלע זייטען.

צו אַלעם דעם האָט די אַלירטע בלאָקאַדע געגען רוסלאַנד געמוזט אויך אָנגעהאַלטען ווערען געגען אוקראַינאַ, וויל אוקראַינאַ האָט נישט געהאַט קיין פעסט-שטעהענדע רעגירונג וועלכע זאָל שיצען דאָס וואָס ווערט אַריינגער-פיהרט פון אויסלאַנד. הונגער, עלענד, קראַנק-הייטען האָבען גענומען בושעווען אויך דאָ ווי אין גאַנץ רוסלאַנד. דאָס לאַנד איז געלעגען צוריסען אונטער די קריעגערישע פּאַרטייען. עס איז געוואָרען אַ געיעג ווער עס זאָל פריהער אויסרויבען דאָס פאָלק בכדי די אַנ-דערע וואָס וועלען קומען נאָכהער זאָלען שוין נישט געפינען וואָס צו רויבען. עס האָט אויפגעהערט יעדעס מיטליידס געפיהל פאַר יונג אָדער אַלט, פאַר קראַנקע אָדער שטער-בענדע. די נייטראַלע, אָדער די הילפלאָזע און בערויבטע זיינען ענטוועדער אויסגע'הרגט געוואָרען אָדער זיינען איבערגעלאָזען גע-רען אויסצוגעהען פון דחקות. די ווילדקייט איז דערפאַר געשטיגען פון שטופע צו שטופע האָט איין פּאַרטיי געפאַנגען די סאָלדאַטען פון אַן אַנדערע פּאַרטיי האָט מען מיט זיי געמאַכט קורץ און שאַרף. מען האָט זיי געגעבען בלויז איין ברירה: שטערב אָדער שליעס זיך אָן צו קעמפען געגען דיין אייגענע פּאַרטיי. מיט וואָלונטירען און מיט אָפיצירען האָט מען געמאַכט נאָך קירצער, גלייך געשאָסען. דעני-קינס אַרמיי איז בעשטאַנען צום גרעסטען טייל פון געוועזענע באָלשעוויקעס וועלכע זיינען אויף דיזער ווייזע רעקרוטירט גע-וואָרען. אין די האָספּיטעלער פון דעניקינס לאַגער האָט מען נישט געפינען קיין געוואונ-דעטע באָלשעוויקעס, און אין די באָלשעוויס-טישע האָט מען ווידער נישט געפינען קיינע פון דעניקינס סאָלדאַטען. דאָסזעלבע איז אָנ-געגאַנגען מיט די פּעטלורצעס און מיט די אַנדערע.

פּעטלוראַ האָט געוועלטיגט איבער אַ פירטעל פון אוקראַינאַ. ער האָט צוזאַמענגערויבט פון די פּויערים אַלעס וואָס ער האָט געקאָנט, און האָט אָנגעבאָטען צו די אַלירטע, 10 מיליאָן פּוד צוקער, מיט 30 מיליאָן פּוד תבואה, זיי זאָלען איהם דאַפיר געבען געוועהר מיט אַמו-ניציע. איינצוהאַלטען די פּויערים פון זייער כעס געגען זיך האָט ער זיי אַרויסגעשיקט מיט זיינע סאָלדאַטען אין די שטעדט צו רויבען די רייכע קליידער און ציערונג און עס צונעהמען פאַר זיך. וואָס די סאָלדאַטען זיינע האָבען פאַר איינוועגס געטהון מיט די "זשידעס", מיט זייערע ווייבער, און טעכטער איז געוועזען בלויז אַ בעלוסטיגונג צו קריגען מעהר קוראַזש איהם צו דיענען טריי. זיי האָבען אָבער געוואוסט אַז זיי קאָנען קריעגען דיזעלבע פּריווילעגיען ביי דעניקין, האָבען זיי פאַר פּעטלוראַ געדיענט בלויז ביז עס איז געקומען צו אַ באַיאָנעטען-שטיך. דעמאָלט

האָבען זיי איהם גלייך פערלאָזען, און זיינען אונטער דעניקינס אַרמיי ווידער געגאַנגען אויף דיזעלבע שטעדט זיך בעלוסטיגען ווי פריהער. דאָס רעזולטאַט איז געוועזען, שטאַט אַ מלחמה פאַר געוויסע פּרינציפּען איז דאָס אוקראַינישע פאָלק פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פאָלק פון באַנדיטען, פאַר וועלכען באָלשעוויזם אָדער אַנטי־באָלשעוויזם האָט געהאַט איין בעדייטונג: די לוסט צו ראַבירען, צו שענדען פרויען א.ד.ג. דאָס האָט אָבער אויך געבראָכען די דיסציפּלין, אַזוי ווייט אַז ווען די וועלט־מעכטע האָבען געפאָדערט פון פּעטלוראַ און דעניקין צו איינהאַלטען זייערע סאָלדאַטען פון באַנדיטעריי איז עס שוין פּשוט אונמעגליך געוואָרען. אפילו טראָצקי האָט אין דיעזער היגזיכט געמוזט פיעל פערשוויגען, **אַז נישט וואָלט ער געמוזט אַרונטער** פון דער ביהנע.

היער איז אַן אויסצוג פון אַן אַפּיעל, פון **פּעטלוראַ צו זיינע סאָלדאַטען, וועלכען ער האָט אַרויסגעלאָזען יוצא צו זיין פאַר דער עפענטליכע וועלט. דער אַפּיעל איז קאַראַק**טעריסטיש צוליעב זיין מילדען טאָן. אַ סאָרט לשון בקשה. ער איז דאַטירט נאָוו. 1 פון 1919 און לויטעט:—

”אָפּיצירען און קאַזאַקען! עס איז שוין צייט אַז איהר זאָלט וויסען דאָס די יודען האָבען געליטען פון די באָלשעוויסטישע רציחות אין אוקראַינאַ גלייך מיט אַלע אוקראַינער, אַז די בעסטע גרופּען זייערע: דער ”בונד“, די פּועלי־ציון“, די ”פאָלקס־פּאַרטיי“ און די ”פעראייניגטע“ האָבען זיך געשטעלט אין אונזערע רייהען צו קעמפען פאַר אַן אונאַבהענגיגעס אוקראַינאַ. עס איז שוין צייט אַז איהר זאָלט וויסען אַז דאָס פריעדליכע יודישע פאָלק, זיינע פרויען, און זיינע קינדער ליידען מיט אונז צוזאַמען דעמזעלבען גורל, אויב ער איז פרייד אָדער לייד. העלדישע סאָלדאַטען וואָס קעמפען פאַר די פרייהייט פון די אוקראַינישע בירגער, טאָרען זיך נישט לאָזען העצען געגען די בעזונדערע נאַציאָנאַליטעטען וואָס געפינען זיך אין אוקראַינאַ. יענע העצער זוכען צו זעטיגען זייער בלוט־דורשט דורך אייך בכדי אייער נאָמען צו פערשווארצען אין די אויגען פון דער וועלט. יעדער וואָס נעהמט אַן אָנטייל אין פּאָגראָמען אויף יודען איז אַ שונא צו אונזער לאַנד. ער מוז אויסגעשלאָסען ווערען פון אונזער געזעלשאַפט. ——— די וואָס העצען אייך צו אַזעלכע טהאַטען ווילען נאָר צייגען דער וועלט אַז מיר זיינען נישט פעהיג צו לעבען אונאָבהענגיג. ——— די דעמאָקראַטישע רעגיערונג פון אוקראַינאַ פיהלט אַז די פּאָגראָמען טהון איהר קיין גוטעס, און דערפאַר האָט זי אַרויסגעלאָזען דיעזען ”בעפעהל“ צו אַלע אוקראַינישע בירגער, זיי זאָלען אויפהערען צו געהאָרכען די אויפהעצער, און אַז דיעזע העצער זאָלען געבראַכט ווערען צו טריבונאַל גע׳משפּט צו ווערען. ——— איך בעפעהל אַלע רעגימענטער זיי זאָלען דיעזע פּראָקלאַמאַציע בעקאַנט מאַכען איבעראַל וואו נאָר עס איז זיי מעגליך“.

אונטערשר. פּעטלוראַ, הויבט־קאָמאַנד.

באַלד דערויף טרעט ארויס פון זיין חיל אַן אָפיציער, נאַמענס גריגאָריעוו אַלס זיין קאָנקורענט, מאַכט אַן אויפרוף צו די פּויערים געגען אַלע העטמאַנען, און שטעלט זיך פאָהר אַלס דער ריכטיגסטער פּאַטריאָט פון אלע. ער בענייעט די פּאָגראָמען מיט נאָך אַ גרעסערע ברוטאַליטעט. דאָס בלוט־דורשטיגע חיל פון פּעטלוראַ לאָזט זיך לייכט שפּליטען נאָך דער ריכטונג וואו עס לאָזט ווידער רויבען, שענדען און מערדערען. דיעזע שפּליטערונג האָט מעגליך געמאַכט אַז די באָלשעוויקעס זאָלען נעהמען כסדר איין שטאָדט נאָך דער אַנדערע. פּעטלוראַס סאָציאַל־נאַציאָנאַליסטישער שטאַאַט איז פון זיי גלייך געשטירצט געוואָרען. מאָסקוואַ האָט אָנגעהויבען דיקטירען אוקראַינאַ אין אַלע איינצעלהייטען וואָס זי האָט צו טהון די אוקראַינישע שפּראַך איז ווידער אַרויסגעיאָגט געוואָרען פון די שוהלען און רוסיש איינגעפיהרט. די קינדער האָבען זיך ענטזאָגט צו געהן אין די שוהלען ווי אַמאָל אין די צייטען פון צאַר. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען זיינען פערפאָלגט געוואָרען ווי די בורזשואזנע קלאַס. זיך פיהלענדיג שוין צושוואַך פאָרטצוזעצען די לוסטיגע מלחמה אין דער עפענטליכקייט האָט דאָס חיל פון פּעטלוראַ זיך

צוריקגעצויגען פון דער עפּענטליכקייט, און גענומען פיהרען אַ גאָרילאַ־קריעג, אויף אַ באַנדיטישען אופן.

פאַר אַ צייט האָט איינגעטרעטען אַ נייער העטמאַן, גענעראַל וורַאנגעל, צו שפּיעלען אַ נייע ראָלע אויף דעם אַלטען שטייגער. צוליעב דעם וואָס די באָלשעוויקעס זיינען געוועזען בעשעפטיגט מיט פּוילען און מיט פּעטלוראַ איז איהם אויך געלונגען צו מאַכען אייניגע נצחונות איבער די באָלשעוויקען, און צוליעב וועלכע זיין רעגיערונג איז פון פראַנקרייך אַנערקענט געוואָרען. וורַאנגעל האָט זיך אָבער מיט פּעטלוראַ ניט געוואָלט פעראייניגען ווייל ער האָט גערעכענט אַז צווישען די פּאָליאַקען און די באָלשעוויקעס וועט פּעטלוראַ צוריבען ווערען און אוקראַינאַ וועט בלייבען פריי פאַר איהם. מען גלויבט אַז ווען ער וואָלט דיעזע רעכנונג אַנדערש געמאַכט, ווען ער וואָלט זיך מיט פּעטלוראַ פעראייניגט אין יענער צייט, וואָלט דער באָלשעוויזם צווישען זיי און די פּאָליאַקען מיט אַביסעל פראַנצויזישע הילף אינגאַנצען געשלאָגען געוואָרען. דערפאַר האָט זיך ענגלאַנד נישט צוגעאיילט וורַאנגעלס רעגיערונג צו אַנערקענען.

די אוקראַינישע באָלשעוויקען האָבען אָבער אינצווישען דיעזער צייט טיכטיג אַגיטירט צווישען די פּויערים און זיי גענומען אָרגאַניזירען געגען די רייכע וואָס האָבען געהאַלטען מיט די העטמאַנס. די אויפגאַבע פון דיעזע אָרגאַניזאַציעס איז געוועזען צו בערויבען די רייכע און זייער אייגענטום צו קאָנפיסקירען פאַר דעם סאָוויעט. לויט דער איזוויעסטאַ פון אָקטאָבער 2 פון 1920 האָבען זיי שוין ביי יענער צייט געהאַט אָרגאַניזירט 945 באַנדעס אין דער כאַרקאָווער פּראָווינץ, 1139 אין דער דאָנעץ פּראָווינץ, 1280 אין דער פּאָלטאַווער, 200 אין דער עקאַטערינאָסלאָווער, 237 אין דער טשערניגאָווער, 869 אין דער קיעווער, 442 אין דער אָדעסער, און 1000 אין דער ניקאָלייעווער פּראָווינץ. אַלזאַ צוזאַמען: 6510 איבער גאַנץ אוקראַינאַ. פון דיעזע האָט די רויטע אַרמיי צוזאַמענגעשטעלט אייניגע רעגימענטער צו שטעלען געגען וורַאנגעלס פראָנטען. מען האָט זיי פערשפּראָכען אַז ווען וורַאנגעל מיט פּעטלוראַ וועלען בעזייטיגט ווערען וועלען מעהר נישט זיין קיין אָרימע אין גאַנץ אוקראַינאַ. וורַאנגעל איז געשלאָגען געוואָרען. פּעטלוראַ בעזייטיגט און אוקראַינאַ איז געוואָרען אַ סאָוויעט־רעפּובליק פעדערירט מיט דעם רוסישען סאָוויעט.

אין דעם גרויסען רוסיש־באָלשעוויסטישען סאָוויעט, ווערט אוקראַינאַ נישט בעטראַכט אַלס אַ נאַציאָנאַליטעט, נאָר אַלס אַ אויטאָנאָמישע אָבטיילונג פון דעם גרויסען רוסישען פאָלק. דערפאַר ווערט אַלעס וואָס רעכענט זיך נאַציאָנאַל אין אוקראַינאַ, גאַנץ אונטערדריקט. די אוקראַינישע שפּראַך, די אוקראַינישע ליטעראַטור ווערען בעקעמפּט צו גונסטען פון דער אַסימילאַציע פון דעם אוקראַינישען פאָלק מיט דעם רוסישען פאָלק. אַ טהאַטזאַך וואָס איז אונבעדינגט נויטיג פאַר דעם ערפאָלג צו באָלשעוויזירען גאַנץ רוסלאַנד פאַר די קינפטיגע דורות.

צווישען די באָלשעוויסטישע פיהרער אין אוקראַינאַ זיינען געוועזען צוויי וויכטיגע פיגורען וועלכע האָבען פעראורזאַכט דעם פאַל פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע ראַדאַ. איינער איז געוועזען אַלעקסאַנדער שומסקי און דער צווייטער ד. ז. מאַנולסקי. ביידע פון דעם פּויערען שטאַנד און ביידע נישט שטודירטע. דער ערשטער׳ זייענדיג אַ מיטגליד אין דער דערמאָנטע ראַדאַ. האָט ערפאָלגרייך צוזאַמענגעשמאָלצען אַלע שטרייטענדע קאָמוניסטישע דעפּוטאַטען צו איין בלאָק, און

מיט דער הילף פון דעם אַנדערען אויף דער אויסען איז איהם געלונגען זיין קאָנספּיראַציע דורכצוזעצען. **שומסקי איז שוין** געוועזען פעראורטיילט געשאָסען צו ווערען, אַבער די הערשענדע פּאַרטיי האָט זיך געווייגערט דעם אורטייל אויסצופיהרען, רעכענענדיג אַז ער איז אַ אונגעפעהרליכער. לענין גלויבט, אַז ווען דער אורטייל וואָלט אויסגעפיהרט געוואָרען, וואָלט אוקראַינאַ פּיעלייכט פערבליבען וואָס זי איז געוועזען.

דער פערטראַג

אין 28טען דעצעמבער פון 1920 איז געשלאָסען געוואָרען דער פערטראַג צווישען **דעם רוסישען און אוקראַינשען סאָוויעט. ער** בעשטעהט פון 7 פּאַראַגראַפען, ער איז אונטערשריבען אויף דעם רוסישען צד פון: אוליאַנאָוו און טשיטשערין, און אויף דעם אוקראַינישען צד: פון ראַקאָווסקי. די 7 פּאַראַגראַפען לויטען בקיצור אַזוי:—

1) די פערבינדונג אויף ביידע צדדים איז מיליטעריש און עקאָנאָמיש.

2) קיין פערבינדונג זאָל געמאַכט ווערען מיט אַן אויסלענדישען שטאַאַט פון איין צד אָהן די צושטימונג פון דעם **אַנדערען צד.**

3) צו פעראייניגען די אַרמיי און די מאַרין, דעם סופּריעם־קאָונסול פון נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיע, די אַבטיילונג פון דעם אויסלענדישען האַנדעל, די אַדמיניסטראַציע פון די אינלענדישע באַהנען, פּאָסט, און טעלעגראַף.

4) דאָס אוקראַינאַ זאָל האָבען רעפּרעזענטאַנטען אין דעם צענטראַל־עקזעקוטיוו פון דעם רוסישען סאָוויט.

5) אַז אַלע אינערליכע אַנגעלעגענהייטען וועלכע קומען אין בעריהרונג מיט די אַנגעלעגענהייטען פון דעם רוסישען סאָוויעט, זאָלען בעהאַנדעלט ווערען דורך בעזונדערע קאָנטראַקטען.

6) דאָס דער קאָנטראָל פון די רוסישע און אוקראַינישע קאָמיסאַרען, זאָל זיין אין די הענד פון די דעלעגאַטען פון דעם **אַלגעמיינעם רוסישען סאָוויעט־קאָנגרעס,** וועלכער בעשטעהט פון אַרבייטער, פּויערים **און די רויטע אַרמיי. די צאָהל פון די** אוקראַינישע דעלעגאַטען אין דיעזען קאָנגרעס זאָל בעשטימט ווערען פון דעם אַל־רוסישען קאָנגרעס.

7) דיעזער אַבמאַך. און יעדער קינפּטיגער אַבמאַך. מוז גוט געהייסען זיין פון ביידע סאָוויעטען. די פערהאַנדלונגען **זאָלען געשריבען ווערען אין רוסיש און** אין דער אוקראַינישע שפּראַך.

אויף דעם 5טען אייקראַינישען סאָוויעט־**קאָנגרעס איז בעשלאָסען געוואָרען אַז: אין** אַלע וואָלאָסטען וואו דאָס לאַנד איז אַוועקגענומען געוואָרען פון זיין פירהעריגען אייגענטימער, זאָל געהערען צו די וואָס בעאַרבייטען עס, פאַר 9 יאָהר. אַן אַמנעסטי איז ערקלעהרט געוואָרען פאַר אַלע וואָס זיינען ענטלאָפען פון אוקראַינאַ בעת דעם בירגער־קריעג, באופן, אַז זיי זאָלען צוריק קומען זיך מעלדען צו די בעאַמטע פון דעם סאָוויעט, און שווערען טריהייט צום סאָוויעט. די וואָס זיינען פעראורטיילט געוואָרען צום פערלוסט פון זייער פרייהייט אויף 5 יאָהר, זאָלען האָבען זייער אורטייל פערקלײנערט אויף 1 יאָהר. אַ נייע עקזעקוטיוו איז בעשטימט געוואָרען פון 155 מיטגליעדער, און צווישען זיי זיינען: לענין, זינאָוויעוו, טראָצקי, פּעטראָווסקי, מאַנואילסקי זאַטאָנסקי, פעליקס קאָהן און אַנדערע.

אין ערשטען אַפּריל פון 1921 האָט דער

אוקראַינער סאָוויעט אַבגעשאַפט דעם צוואַנג פון אָבגעבען די גאַנצע תבואה וואָס די פויערים האָבען פּראָדוצירט, און אַנשטאָט דאָס איינגעפיהרט אַ טאַקסע, וועלכע בעשטעהט פון אַ געוויסען פּראָצענט פון זייער תבואה. די רעשט, איז זיי ערלויבט צו בעהאַלטען אַלס אייגענטום, מיט דעם רעכט דערמיט צו טהון וואָס זיי געפעלט. די אַבזיכט פון סאָוויעט איז געוועזען, דערמיט צו בעזייטיגען די גרויסע בלוט פערגיעסונגען, וואָס האָט שטענדיג פּאַסירט ביים צווינגען די פויערים די תבואה אָבצוגעבען. עס האָט שוין געהאַלטען דאַביי, אַז די פויערים האָבען זיך ענטזאַגט די פעלדער ווייטער צו בעאַרבייטען.

די יודען אין אוקראַינאַ

אַ געשיכטע פון יודען אין אוקראַינאַ, אין דעם זינן ווי עס ווערט געשריבען אַ געשיכטע פון יודען אין אירגענד וועלכען זעלבסשטענדיגען לאַנד, איז דאָ פּאַסט אונ־מעגליך. פאַר דער צייט וואָס אוקראַינאַ איז געלעגען אַ צובראָקעלטע אונטער די פער־שיעדענע רעגיערונגען האָט זיך דאָס יודישע פאָלק פון די אוקראַינישע געגענד געהאַלטען צוזאַמען מיט די פעלקער אינצווישען וועלכע אוקראַינאַ איז געוועזען פערטיילט. זייער אייגענטליכע געשיכטע ווערט דאַרום אַרויס־געצויגען אין דער געשיכטע פון אַלע יודען וואָס האָבען געלעבעט אין דעם בעטרעפענדען לאַנד. דאָ זיינען נאָר אויפגעצעהלט געוואָרען טהאַטזאַכען פאַי און געגען יודען, וועלכע האָבען אַ ספּעציעל אוקראַינישען קאַראַקטער. אוקראַינאַ איז נאָך היינט נישט פעסטגעשטעלט, איהר שיקזאַל איז נאָך אין דער צו־קונפט, ביי אַזאַ פאָלק לאָזט זיך זעהר ווייניג זיכערעס זעהען, בפרט נאָך, ווען דער יוד איז די כפרה פאַר אַלעמענס זינד.

ווען די יודען זיינען אָנגעקומען אין אוקראַינאַ איז נישט פעסטגעשטעלט געוואָרען מען גלויבט אַז דאָס איז געוועזען אין דעם אָנהויב פון 16טען יאָהר־הונדערט. דער ערשטער דאַטום וואָס לאָזט זיך פעסטשטעלען איז דער ערשטער פּאָגראָם. וועלכער האָט שטאַטגעפונדען אין יאָהר 1648, און אין **וועלכען איבער 100,000 יודישע נפשות** האָבען זייער לעבען פערלוירען.

"אוקראַינאַ" און "פּאָגראָם" זיינען צוויי ווערטער וועלכע דער געשיכטס־פאָרשער פון אוקראַינאַ וועט זעלטען בעגעגנען בעזונדער. דער ערשטער פּאָגראָם — ווי מיר פערשטעה־ען דיעזעס וואָרט היינט — האָט זיך אָנגע־הויבען אין אוקראַינאַ, און ווי עס ווייזט אויס, וועט אויך דער לעצטער דאָרט פּאַסירען עס איז אַ צווייפעל, אויב אַלע פעלקער פון **דער גאַנצע וועלט צוזאַמען, האָבען אַזויפיעל** יודישעס בלוט פערגאָסען. ווי אוקראַינאַ אַליין האָט געטהון. עס האָט נישט געמאַכט קיין אונטערשיעד׳ אויב אונטער די אייגענע זעלבסטשטענדיגקייט, אָדער אונטער די רוסישע, פּוילישע, אָדער אונגאַרישע הער־**שאַפט. יודישעס בלוט האָט זיך אונטער** זייערע הענד שטענדיג געגאָסען. אונטער די שרעקליכסטע יסורים. פון כמעלניצקים צייט ביז דעם היינטיגען טאָג.

איבער די ערשטע פּאָגראָמען אויף יודען אין אוקר. זעה "אומאַן" (באַנד I זייט 973) שפּעטער אונטער די הײדעמאַקען. אין 1734 האָבען זיך די רציחות געגען די יודען פיעל פערגרעסערט, און דיעזעס מאָל, שוין **אונטער דעם נאָמען פון דעם הייליגען קריסטענטום. וואַסקי וושטשילאָ, דער קאָזאַ־**קישער העטמאַן, האָט אַרויסגעלאָזען אַן אויפרוף צו זיינע קאָזאַקען, אין נאָמען פון

קריסטענטום אויסצוראָטען אַלע יודען פון גאַנץ אוקראַינאַ. אין דיעזען אויפרוף, ריהמט ער זיך. אַז ער האָט שוין אויסגעראָטעט די יודען פון קריטשעבי און די פון פּראָפּויסק. אין 1767 איז ווידער געוועזען אַ פּאָגראָם, וואו איבער 60,000 יודען האָבען פערלוירען זייער לעבען אונטער שרעקליכע רציחות. דיעזעס מאָל ווידער אין אומאַן. און אויך אין פאַסטאָוו. גראַנאָוו. זשיוואָטאָוו. טולטשין, און דאַשעוו. אין 1884 האָבען אונטער **דעם צאַרישען רעזשים פּאַסירט פּאָגראָמען** איבער גאַנץ אוקראַינאַ. צו ענדע פון דעם רוסיש־יאַפּאַנעזישען קריעג, ווען דאָס צאַרנטום האָט זיך גענומען טרייסלען צוליעם די פערלוירענע מלחמה, האָט מען אויפגעפיהרט **נייע פּאָגראָמען, און ווידער אין** אוקראַינאַ. ענדליך, אין 1919 איז דאָס **אוקראַינישע פאָלק פערוואַנדעלט געוואָרען** אין אַ באַנדע ווילדע בעסטיעס, וועלכערס איינציגע לעבענס־אויפגאַבע איז. בלויז צו רויבען, פלינדערן, שענדען, פערקריפּלען און **הרג'נען; יונג און אַלט, קינדער פרויען** און מענער, אין אַ אונבעשרייבליכער ווייזע. זיי האָבען דעם נאָמען מענש פון זיך אָבגעוואַשען מיט יודישעם בלוט.

די יודען פון זייער זייט, האָבען פאַר אַלע דיעזע אונבעשרייבליכע צרות' נישט נאָר קיין נקמה געזוכט, נאָר אַלץ גענומען לערנען אויף זיי אַ זכות; זיי בעדויערען אַז, זיי זיינען נעבאַך אַליין אונטערדרוקט. און אַז **צו אַלע זייערע אייגענע צרות, האָבען זיי** קיין בילדונג נישט גענאָסען, און ווייסען דאַרום נישט, וואָס זיי טהון. דיעזע **געשענדעטע, צובלוטיגטע, פערקריפּעלטע יודען,** האָבען אָהן ראַכע־זוכט ענטוויקעלט די חרוב **געוואָרענע שטעדט, זיך בעטייליגט אין** אַלע אוקראַינישע בעפרייאונגס בעוועגונגען, זיי געהאָלפען זי בעפרייען פון זייערע **אונטערדריקער; אַבער, פאַר אַלע דיעזע** גוטע טהאַטען האָט מען זיי בעצאָהלט מיט נייע' נאָך ווילדערע פּאָגראָמען.

דאָס טרויעריגסטע מיט דעם אוקראַינישען פאָלק איז, וואָס קיינמאָל האָט קיין פּאַרטיי פון זיינע פּאַרטייען געשיצט די יודען וואָס זיינען געשטאַנען אין קאַמף אין איהרע רייהען. עס זיינען געוועזען יודען אין אַלע **קעמפּפענדע פּאַרטייען אַבער, ווען עס איז געקומען** צו אַ פּאָגראָם, האָט יעדע פּאַרטיי פערגעסען איהרע יודישע מיטהעלפער. שטענדיג איז עס אויסגעקומען לויט דעם פּויליי**שען שפּריכוואָרט: "שלאָגסטו מיינע יודען** שלאָג איך דיינע יודען". דער יודישער בונד **וועלכער האָט מקריב געוועזען טויזענדע יודען פאַר דער אוקראַינישער אונאַבהענגיג**קייט, האָט אין די פּאָגראָמען געליטען גלייך מיט אַלע אַנדערע יודען וועלכע האָבען זיך פערהאַלטען נייטראַל אין אַלע שטורמען. עס זיינען געוועזען אוקראַינישע דעפּוטאַטען אין דער ראַדאַ, וועלכע האָבען עדות געזאָגט אַז דער בונד האָט פערטיידיגט די אוקראַינישע נאַציאָנאַליטעט געגען די באָלשעוויקעס אַבער, דאָס האָט קיין ווירקונג געהאַט אויף די פּאָגראָמשטשיקעס. וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די בונדיסטען אין זייער פּאַרטיי, האָט אויך פּאַסירט מיט די יודישע קעמפּפער אין אַלע זייערע פּאַרטייען (ז. "בונד").

דאָס די פּאָגראָמען זיינען געוועזען סיסטעמאַטיש־ אָרגאַניזירט, און פון יעדע נייע רעגיערונג געשטיפּטעט' האָט מען גלייך געקאָנט פערשטעהען, ווען מען האָט געזעהן **אַז מיליטער און פּאָליציי. אין מונדיר האָבען** אַהיימגעטראָגען גערויבטע זאַכען פון פּאָגראָמירטע הייזער. האָט מען אַזעלכע פערגעבראַכט

צום קאָמאַנדיר ער זאָל זיי משפט'ן, האָט ער זיי גלייך פרייגעלאָזען. קיינע פון די זיגענדע פּאַרטייען האָט זיך אָבגעשטעלט צו שיצען איהרע יודען; קוים אַבער, האָבען זיך די יודען גענומען אָרגאַניזירען צו אַ זעלבסט־שוץ פעראיין, האָט מען גלייך גענומען שרייען פון אַלע זייטען: אַ יודישע אַרמיי געהט פערכאַפּען אוקראַינאַ פאַר זיך!

זוכענדיג די אורזאַכען איבער דיעזע אונמענשליכע האַנדלונגען, פון די אוקראַינישע פיהרער געגען די יודען, בעגעגענט מען זיך אין יעדען פאַל בלויז מיט איין גרונד־אורזאַך, און די איז: וואָס קיין פּאַרטיי איז געוועזען שטאַרק גענוג, זיך פעסטצוזעצען און אויפצוהאַלטען די אַדמינסטראַציע פאַר די נייטיגע צייט צו עטאַבעלירען אַן אָרדנונג. בכדי אויפצוהאַלטען דעם צוטרויען פון זייערע אַרמייען, האָט יעדע געשטירצטע פּאַרטיי געמוזט אָנווייזען — אַלס תירוץ — אַז זי איז פערראַטהען געוואָרען. די יודען האָבען זיך געפינען אין אַלע פּאַרטייען און אויף זיי האָט זיך לייכט געלאָזען אָנווייזען אַזאַ שולד. דאָס אוקראַינישע פאָלק, זייענדיג אונפעהיג צו לעזען און שרייבען דענקט עס אויך נישט פיעל. אַזאַ פאָלק הערט נאָר אַבער דענקט נאָר איבער דאָס וואָס עס הערט. דער נאָהנטעסטער פערברעכער איז דערפאַר זיין פערטרויטעסטער וועג־ווייזער. דאַן האָט זיך דאָ געפיהלט דער הונגער מעהר ווי דער שכל. מיט הונגריגע קאָן מען נישט אַרגומענטירען. די איינציגע פראַגע וואָס דרעהט זיך אַרום ביי אַזעלכע אין די קעפּ איז: וואו געפינט מען ברוידט? ווען אַ נייע פּאַרטיי איז אונטערגעקומען מיט אַ הויפען נייע פערשפּרעכונגען, האָט זי גלייך בעקומען די הערשאַפט. האָט זי די פערשפּרעכונגען נישט געקאָנט אויספילען האָט זי דאָס צעווילדעטע פאָלק אָנגערייצט צו פּאָגראָמען אַלס אַ מיטעל אָבצולענקען די געפאַהר פון זיך.

אַנדערהאַלבען מאָנאַט נאָכדעם ווי די דירעקטאָריע פון פּעטלוראַ האָט זיך עטאַבעלירט, אַ פּאַרלאַמענט וועלכעס די יודישע יוגענד האָט געהאָלפען פערטיידיגען מיט געזונדט און לעבען, האָט שטאַטגעפינדען דער ערשטער פּאָגראָם אין אָווערוטש, אַ אויעזדנע שטאָדט אין וואָלינער גוב. ביים ערשטען שלאַכט זיינען אומגעקומען 45 יודישע נשמות. דאַן איז געקומען בערדיטשעוו אין דער רייהע. נאָכדעם האָט זיך גענומען גיעסען יודישע בלוט אויף אַלע באַהנען דורך וועלכע די פעראוגליקטע האָבען זיך געלאָזט לויפען פון די פּאָגראָמירטע שטעדט. די פּאָגראָמען האָבען זיך גענומען צופלאַקערען אין שטעדט און דערפער פון גאַנץ אוקראַינאַ. די צאָהל פון זיי איז שוין געוואָרען אַזוי גרויס אַז מען האָט זיי שוין מעהר נישט געקאָנט צעהלען. איבעראַל האָט מען געזעהען מיליטער אַן דער שפּיצע פון פּאָגראָם־באַנדעס. אין פיעלע שטעדט זיינען די שחיטות אָנגעגאַנגען פיעלע טעג נאָכאַנאַנד, און נאָך אַ פּאָאָר טעג רוה זיינען זיי ווידער בענייעט געוואָרען. די דירעקטאָריע האָט אַפילו געגעבען 3 מיליאָן רובעל אַרויסצוהעלפען די פערונגליקטע וואָס זיינען נאָך געבליבען לעבען בדחקות. אַ קאָמטע האָט זיך געגרינדעט אונטער דעם פּאָרזיץ פון דעם יוריסט מ. ל. גאָלדשטיין צו פערטיילען דאָס געלד און צו שאַפען נאָך געלד. זייער אויפגאַבע איז אָבער פון טאָג־צו־טאָג געוואָרען האָפנונגסלאָזער, 1) ווייל די נייע פּאָגראָמען זיינען געוואַקסען שטורמיש אין דער צאָהל און אין אַכזריות; און 2) ווייל די באָלשעוויקעס

האָבען געמאַכט פּראָגרעס אין זייער אַטאַקעס אויף אוקראַינאַ. אין יעדען אָרט וואו זיי זיינען אָנגעקומען האָבן זיי אָבגעבראָכען די **צווייגען פון דיעזען הילפס־פעראיין. די פּראָטעסטען וואָס זיינען אַריינגעשיקט געוואָרען צו די קאָמאַנדאַנטען און קאָמיסאַרען פון די פערשיעדענע דיסטריקטען זיינען בעענטפערט געוואָרען מיט פוילע תירוצים. קיינס פון זיי האָט געוויזען אַן ענערגישע טהאַט אָבצושטעלען די אונמענשליכקייטען פון דעם צעווילדעטען מיליטער.**

די צאָהל פון יודען אין די פּאָגראָמירטע שטעדט אין אוקראַינאַ, איז עפּעס מעהר אַלס אָנדערהאַלבען מיליאָן נפשות. בערך 40% פון זיי האָבען זיך פערנומען מיט מלאכה און קליינ־אינדוסטריע. די פון דער קליינ־אינדוסטריע מיט די איבריגע 60% זיינען אין אַ באָלשעוויסטישען שטאַאַט פערעכענט אַלס בורזשואַזנע. פאַר אַזעלכע איז אין אַ באָלשעוויסטישען שטאַאַט קיין פּלאַץ פאַראַן. דער פּרינציפּ פון באָלשעוויזם אַז נאָר די וואָס אַרבייטען האָבען אַ רעכט צו עסען האָט פעראורטיילט איבער 60 פּרצענט פון דעם יודישען פאָלק צו שטערבען פאַר הונגער ווי בעשרענקט עס זיינען נישט געוועזען די פרנסות פון יודען אונטער דעם צאַרס רעזשים זיי האָבען וועניגסטענס געהאַט דאָס רעכט צו לעבען ווען זיי האָבען געהאַט פון וואָס. דאָ האָט מען פון זיי צוגענומען וואָס זיי האָבען געהאַט, זיי איבערגלאָזען בערום ובחוסר כול. אַרבייטען האָבען זיי נישט געקאָנט. דער מינדעסטער פּראָטעסט געגען אַזאַ אונגערעכטיגקייט איז גלייך געבראַנדמאַרקט געוואָרען אַלס קאָנטער־רעוואָלוציע און מען האָט גלייך געצייגט דעם רעוואָלווער אין פּנים אַריין. אמאָל איז אויך די קויל געוועזען די גאולה פון אַ געמאַטערטעס לעבען. מען הייסט זיי געהן אַרבייטען, אַבער מען דאַרף דאָס אויך קאָנען. נישט אַלע זיינען מסוגל דערצו, אַ פאָלק וואָס איז פאַר הונדערטע יאָהרען געצוואונגען געוועזען צו לעבען פון ספּעקולאַציע קאָן נישט מיטאַמאָל איבערגעענדערט ווערען. די אומוואַנדלונג דאַרף דויערען איניגע דורות, אַבער ביז דעמאָלט דאַרפען זיי אויך לעבען. די באָלשעוויסטישע טעאָריע מעג זיך האָבען איהר ענטפער דערויף אַבער דער מאָגען קאָן אַזאַ ענטפער נישט פערדייען.

דאַן קומט אַ סדרה רעקוויזיציעס. ווען אַזעלכע אונגליקליכע האָבען עפּעס פערמאָגט האָט מען עס פון זיי צוגענומען. ווען פּאָגראָמשטשיקעס האָבען דאָסזעלבע געטהון האָט מען עס גערופען: רויבעריי, די באָלשעוויקעס רויבען נישט נאָר, רעקוויזירען. דער איינציגער אונטערשיעד איז וואָס די ערשטע האָבען די בערויבטע גע׳הרג׳ט און די אַנדערע לאָזען זיי אויסגעהן פאַר הונגער. די אוקראַינישע פּאָגראָמען האָבען אַלזאָ געהאַט בלויז צוויי קאַראַקטעריסטיקען: 1) די ברוטאַלע און 2) די אידעאַלע. די ערשטע זיינען בעגאַנגען געוואָרען פון קריסטען אויף יודען, און אין די אַנדערע האָבען אויך יודען (אונטער דעם קאָמוניסטישען אידעאַל) געהאָלפען פּאָגראָמירען זייערע ברידער. אויב דיזעלבע בעהאַנדלונג איז אויך אויסגעטיילט געוואָרען צו די נישט־יודישע פון זייערס גלייכען איז אָבער דער פּראָצענט־פערגלייך אַ גרויסער אונטערשיעד.

אין מאַי 1921 זיינען 400,000 אוקראַינער יודען געקומען צו די אוקראַינישע גרענצען און האָבען געוואָלט פון דאָרט עטלויפען מיט זייער הוילען לעבען נאָך

אויסלאַנד. די באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט דאָס גליק נישט פערגינען, און האָט זיי געצוואונגען בלייבען אין זייער עלענד אויף דער באָלשעוויסטישער זייט גרענעץ. די באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט דעמאָלט אונטערהאַנדעלט מיט די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען וועגען האַנדעלס פערטראַגען. זי האָט מורא געהאַט אַז די ליידע ס־געשיכטע פון דיעזע יודען אין דעם באָלשעוויסטישען רוסלאַנד, וועט אין אויסלאַנד מאַכען אַ שלעכטע רעקלאַמע פאַר זייער אונטערהאַנדלונגען מיט די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען.

ווי בעוואוסט, האָט דער סאָוויעט געהאַט גרויסע צרות פון די אוקראַינישע פויערים. זיי האָבען נישט געוואָלט אָבגעבען צו דעם שטאַאַט די געפאָדערטע פראָדוקטען פון זייער לאַנד. זיי האָבען פשוט נישט פערשטאַנען, ווי עס קומט אַז די גוטע באָלשעוויקעס וואָס האָבען זיי געגעבען פרייע לאַנד, זאָלען זיין אַזעלכע רוצחים, און פערלאַנגען מיט געוואַלט די תבואה וואָס זיי האָבען אויפגעאַרבייט, מיט זייער שוויס. ווען מען האָט זיי גענומען ערקלעהרען אַז דאָס מיינט קאָמוניזמוס האָבען זיי פערשטאַנען אַז אַזאַ אידעע איז גאָר נישט אַזוי גוט ווי דער באָלשעוויזמוס. אַז אַזאַ אידעע קאָן נאָר זיין די אידעע פון שלעכטע מענשען, נישט פון די גוטע באָלשעוויקעס. און וואו געפינען זיך דאָס אַזעלכע שלעכטע מענשען ווי די זשידעס? דאָס האָבען זיי דאָך שוין געלערנט פון אייביג אָן, אַזוי אַנאָך, זיינען זיי געקומען צום בעשלוס, אַז די באָלשעוויקעס זיינען עכטע אוקראַינער, גוטע מענשען און די קאָמוניסטען: זשידעס, פרעמדע רויבער וואָס ווילען נאָר לעבען פון פרעמדע פראַצע. דערפאַר האָט עס שטענדיג באַזיי געהייסען:

"עס לעבע דער באָלשעוויזמוס! נידער מיט די קאָמוניסטען די יודען!".

ווהערענד דיעזער אַרטיקעל ווערט אָבגעשלאָסען, גיעסט זיך נאָך יודישעס בלוט אין אוקראַינאַ. צו פערצייכנען דאָ דעם סך־הכול איז אונמעגליך. אַ העלפט פון דער ענציקלאָפּעדיע וואָלט פאַר דיעזען גרויסען חורבן נישט גענוג זיין. עס זיינען שוין אַרויס איניגע ווערק איבער דיזען ענין. עס וועלען נאָך אַרויס פיעלע עהנליכע ווערק. אַבער, דער יודישער חורבן אין אוקראַינאַ וועט קיינמאָל נישט גענוגענד בעשריבען ווערען. עס איז פשוט נישט דאָ דער כח, אַפילו דורכצולעזען מיט אַ גראַדען שכל, דאָס וואָס איז שוין אויפגעשריבען געוואָרען מען ווערט פשוט פערגליווערט לעזענדיג.

אוקראַינישע שפּראַך און ליטעראַטור

די אוקראַינישע שפּראַך איז אַ דיאַלעקט אויס דער רוסישע און דער פוילישע שפּראַך צוזאַמען. דורכשטודירענדיג די געשיכטע פון דעם אוקראַינישען פאָלק, בעגעגענד מען זיך מיט די אורזאַכען וואָס האָבען איהר געשאַפען. בעת אוניווערזיטעטען זיינען איינגעפיהרט געוואָרען אין אַלע ציוויליזירטע לנדער איז אוקראַינאַ געלעגען אַ צוריסענע, אונטער די פערשיעדענע הערשאַפטען וואָס האָבען דיעזע אוניווערזיטעטען געבויט פאַר די הערשענדע שפּראַכען. די אוקראַינישע שפּראַך איז דערפאַר געבליבען די פויערים־שפּראַך. די אוקראַינישע אינטעליגענטען האָבען זיך בעדיענט מיט די הערשענדע שפּראַכען, און זייערע פערדיענסטען געהערען דערפאַר נישט צו זייער אייגען פאָלק. אוקראַינישע אויטאָריטעטען ווי: מיקלאָסיטש, מאַלינאָווסקי׳ דאַהל, מאַקסימאָוויטש, פּאָטעבניאַ, זשיטעטסקי, און אַנדערע זוכען צו בעווייזען אַז די אוקראַינישע שפּראַך איז קיין דיאַלעקט, נאָר אַ זעלבסטשטענדיגע אַזוי האָט אויך די רוסישע אַקאַדעמיע דער

וויסענשאַפטען אין 1905 בעשטעטיגט, אַבער קיינער פון אַלע ענטפערט די פראַגע: וואַרום דיעזע שפּראַך איז אַזוי ענהליך מיט יענע צוויי.

די אוקראַינישע שפּראַך איז קיין איינהייט. זי האָט אין זיך 4 דיאַלעקטען. דער זיד־אוקראַינישער, דער נאָרד־אוקראַינישער, דער גאַליציש־אוקראַינישער, און ענדליך, דער קאַרפּאַטיש־אוקראַינישער דיאַלעקט. זייער קרייז מאַפּירט זיך אויס: דער ערשטער נעהמט קיעוו, קורסק, וואָראָנעטש, פּאָלטאַוואַ, כאַרקאָוו עקאַטערינאָסלאַוו, טאַווראַ, דאָן, און קובאַן. דער צווייטער נעהמט אַרום די נאָרדליכע טיילען פון קיעוו, נאָרדליכע טיילען פון טשערניגאָוו, וואָהלין, פּאָליסעי, פּידלאַסעי, און שוואַרץ רוטעניען. דער דריטער נעהמט אַרום כאָלם, דאָס זידליכע וואָהלין, און די וועסטליכע טיילען פון פּאָדאָליען. דער פירטער: אַלע אוקראַינישע בעוואוינער פון די קאַרפּאַטישע בערג.

די אוקראַינישע שפּראַך איז רייך אין וואָקאַלען, פערטראָגט נישט די צוזאַמענהויפונג פון פיעלע קאָנסאָנאַנטען אין איין זילבע. זי אייגענט זיך דערפאַר זעהר ווייך פאַר דער מעלאָדיע. דערפאַר וואָס זי איז שטענדיג געבליבען אַ פויערים־שפּראַך האָט זי ווועניג פרעמדעס אין זיך אויפגענומען, ווי עס מוז געשעהען מיט די נישט געלעהרטע שפּראַכען. אין פאָלגעדעסע איז זי געבליבען ווי זי איז געוועזען.

קיין וויכטיגע ליטעראַטור האָט אוקראַינאַ נישט אויפצואווייזען. די אורזאַכען געפינען זיך אין די אומשטענדען צווישען וועלכע דאָס אוקראַינישע פאָלק האָט געלעבט. קאָטלאַרעווסקי (אין 1798) איז געוועזען דער ערשטער וועלכער האָט זיך גענומען די שפּראַך צו פּאָפּולאַריזירען דורך שריפט. אין דעם 19טען יאָהר־הונדערט האָבען זיך ערשט גענומען צייגען בעדייטענדע פּאָעטען אַשטיוגער ווי: שעווטשענקאָ, וואָווטשאָק, קוליש, פעדקאָוויטש, פראַנקאָ, מירני, קאָטסובינסקי, און וויניטשענקאָ. אין דעם 20טען יאָהר־הונדערט האָט זיך איהר ליטעראַטור גענומען אויסשפּרייטען נאָך אַלע צווייגען. זי האָט אויך אַפילו געהאַט איין אַקאַדעמיע אין לעמבערג און איינע אין קיעוו, זיי האָבען טראָץ זייער ענערגישע ווירקונג נישט דערגרייכט וועלכע ס'איז שטופּע פון ענטוויקלונג ווייל, זיי זיינען מיט זייער שפּראַך נישט געגאַנגען ווייטער אַלס דער פויער האָט איהר פערשטאַנען. אַן ענהליכער טענדענץ עקזיסטירט ביי די יודישע שרייבער אין אַמעריקאַ.

אור. (ביבל. געאָגר.) אויך ״אור־כשדים״ די שטאָדט וואו אַברהם אָבינו איז געבוירען געוואָרען. די עטימאָלאָגיע פון דיעזען נאָמען איז אונזיכער. די לעגענדע זאָגט, ווייל אַברהם איז דאָרט געוועזען אין אַ ברענענדען קאַלכאָווען. ״אור״ מיינט אויך ליכט, אָדער פייער. דערפאַר, אור־כשדים=דאָס פייער פון כשדים. אַנדערע זאָגען אַז ״אור״ איז אַ שלעכטע אומשרייבונג. עס האָט געדאַרפט שטעהן עיר־כשדים.— אויך איבער דעם פּלאַץ פון ״אור״ זיינען פאַראַן חלקי דעות. עס ווערט אָנגעוויזען, אַז אור איז געשטאַנען אויף דעם מאָדערנעם ״אָרפאַה״ אָדער דעם פריהריגען ״עדעסאַ״, וועלכעס געפינט זיך נאָרדליך פון מעזאָפּאָטאַמיען, 25 מייל פון חרן, און 9 מיילען פון דעם אפרת. די שעהנהייט פון דיעזע געגענד מאַכט אויך אַן איינדרוק פון אַ פּאַטריאַרכאַלישע עלטער. סער ה. ראַווילינסאָן אָבער האָט געפינען חורבות בערך 6 מיילען פון אפרת און 125 מיילען פון פּערזישען שטראָם. אויף דיעזע חורבות זיינען געפינען געוואָרען שריפטען וואָס ווייזען אַז דער נאָמען

פון יענעם אָרט איז געוועזען הורקי=הור
=אור.

אור, (פעניקישע מיטאָלאָגיע) =ליכט־גאָט, אַן אָבקירצונג פון "אוראַנוס" דער פאָטער פון קראָ־אָס (צייט־גאָט). עוזעביוס דערצעהלט פון דער פעניקישע מיטאָלאָגיע אַז, קראָנאָס האָט געבויט אַ מזבח און אויף איהם מקריב געוועזען זיין איינציגען זוהן יועוד פאַר זיין פאָטער אוראַנוס (ז. "מלך", און "קינדער־קרבנות").

אור־אַ=גרויסער פלוס. אַלט־עגיפּטישער נאָמען פאַר דעם טייך נילוס. אין די הייליגע ביכער הייסט ער "האָפּי", אין דער קאָפּטישע שפּראַך "יאַראָ" און אין דער העברעישע: "יאור" (ז. "נילוס").

אוראַ, נאָמען פון דעם אויסשטראָמענדען דופט וואָס יעדע לעבענדיגע בריאה לאָזט פון זיך אַרויס; פלאַנצען איינגעשלאָסען. מען קאָן זי נישט זעהען נאָר, פיינ־שמעקער קאָנען איהר פיהלען, און דורך דער נאָז אונטערשיידען זייערע פערשיעדענהייטען. פּראָפ. גוסטאַוו יעגער האָט אין זיין ווערק "ענטדעקונג דער זעעלע" אויפגעשטעלט אַ גאַנצעס סיסטעם וועגען דעם. ער בעהויבטעט אַז איינער וואָס האָט פאַר אַ צייט שטודירט די פערשיעדענהייטען פון דער "אוראַ" קאָן, דורך שמעקען צו די האָאָר פון אַ פרויג־קאָפּ, זאָגען בעשטימט אויב זי איז שוין געוועזען בעמאַנט אָדער נישט, אויב זי איז קראַנק אָדער נישט; און כמעט מיט דערזעלבע זיכערהייט אויך זאָגען אויף וועלכע קראַנקהייט זי ליידעט, און נאָך אַזעלכע וואונדערליכע זאַכען. ער בערופט זיך אויף דעם פאַקט אַז אַ גערטנער וועט ביים איינטריט אין אַ בלומען־גאָרטען מיט פערמאַכטע אויגען זאָגען גענוי וואָס פאַר אַ סאָרטען בלומען עס וואַקסען דאָרט. דערגעניטער אַפּטייקער קאָן דורך דעם זינן פון זיין געריך אונטערשיידען זעהר פיעלע פלאַנצענ־ און כעמישע שטאָפען.

פיזיאָ־פסיכאָלאָגיש: אַ גייסטיג טהאַטקרעפטיגער מענש ווערט געפיהלט פון ווייַטענס אַרום דעם אָרט וואו ער געפינט זיך. אַלעס וואָס געפינט זיך אַרום אין זיין שטח פיהלען איהם אַפילו ווען ער טהוט גאָר נישט. דאַגעגען אַ מוטהלאָזער ווערט זעהר זעלטען, אָדער זעהר שוואַך בעמערקט. דער "קרן־עור" וואָס ווערט אַנגעגעבען צו זיין געזעהען אַרום משה'ס קאָפּ ביים באַרג סני עראינערט אַן דיעזע "אוראַ". דר. עדווין בעקוויטה זאָגט: די נאַטור האָט אונז געגעבען די הויט אַלס אַן אונטער־קלייד מיט אַן עטהערישע אומהילונג איבער דיעזען קלייד. די עטהערישע אומהילונג שטייגט ארויס אוים דעם אינערען פון קערפּער גראַד ווי די וואָלקען שטייגען אויס דער בעוועגונג פון וואַסער. דער געריך פון שוויים איז יעדען בעקאַנט. די שוויים־טראָפּען זעלבסט האָבען קיין געריך, עס ריכט נאָר דער עטהערישער אויסדונסט וואָס שטייגט אַרויס פון צווישען דיעזע שוויים־טראָפּען. אונזער נאַקעט אויג קאָן דאָס נישט זעהן אָבער אונזען נאָז קאָן איהר וואויל בעגרייפען אַזוי איז אויך דער דופט פון דער בלום אַן "אוראַ" (ז. בעקוויטה, יעגער, לאַדזש, און נבאות).

אוראַ, (לאַט. Aura) האַוך, דופט, פאָרגעפיהל ביי מאַנכע קראַנקהייטען וועלכע דייטען אָן די אָנקונפט פון אַן אונפאַל. אַשטגער ווי עפּילעפּסיע אָדער מענסאַ, א.ד.ג.

אוראַ, (גריכישע מיטאָל.) אַ געטין, די קאַמעראַדין פון דיאַנאַ און דער נימפע פעריבי. באַקכוס האָט זיך אין איהר פערליעבט, זי אָבער האָט איהם נישט געליעבט. ער איז געגאַנגען צו ווענוס בעטען הילפע, זי האָט אויף אוראַ געבראַכט אַ שלעכטען חלום, באַק־

כוס איז צו איהר געקומען אינמיטען דיעזען חלום און זי האָט זיך אין איהם איינגעטיליט. זי איז פון איהם שוואַנגער געוואָרען און האָט געבוירען פון איהם אַ צווילינג. פאַר כעס האָט זי איין קינד אויפגעפרעסען און דאַן זיכזעלבסט געוואָרפען אין ים אַריין.

אָוראַדעלאַ, ז. "סאַלאַמאַנדער".

אוראַטאַ אַפּאַרניס ז. "שמוק-עלפע".

אָוראַמאַזדאַ, "אַ גרויסער גאָט איז אָוראַ-מאַזדאַ, וועלכער האָט בעשאַפען די ערד, וועלכער האָט בעשאַפען דעם הימעל, וועלכער האָט בעשאַפען די מענשהייט, וועלכער האָט געגעבען גליק צו דער מענשהייט. איך בין קעניג אַחשורוש דער זוהן פון אַחשורוש, דער זוהן פון דריוויוש..." (אַ פּערזישער אָבקלאַטש פון אַ מאָנומענט וואָס געפינט זיך אין אַמעריקאַנער און אין דעם בריטישען מוזעום).

אָוראַטום קאַלאַפּטער, ז. "גאָלד-שפּעכט".

אָוראַטום קוקולוס, ז. "גאָלד-קוקוק".

אוראַכוס (אַנאַט.) אַ שנור וואָס פערבינד די בלאָז מיט דעם נאָפּעל. בעשטעהט פון פיבראָזען שטאָף. אין געוויסע קראַנקהייטען ציהעט מען די השתנה פון דער בלאָז דורך דעם נאָפּעל איבער דעם אוראַכוס.

אָוראַטריכוס, לאַטיינישער נאָמען פון

אַן אַמייזען-פרעסענדע מויז אין יאַפּאַן. דאָס איז אַליין אַ גאַטונג פאַרזיך. איז בלויז 3 צאָל גרויס.

אוראַל (מעדעצ.) אַ שלאָף-מיטעל פאַר הערצ-קראַנקע, היסטעריקע, און נערוו-קראַנקע. עס בעשטעהט אויס כלאָריזירטען וואַסער-שטאָף מיט אורעטהאַ. פּראָדוצירט זאָפאָרט אַ רוהיגען שלאָף, און דויערט לענגער אַלס אַלע אַנדערע. עס שטערט ניט דעם בלוט-לויף און ביים אויפוואַכען שפּיערט זיך דער קראַנקער נאָכדעם גאַנץ רוהיג. עס ווירקט היפּנאָטיש. מען רופט עס אויך "אוראַליום".

אוראַלאַבען, נאָמען פון שלאַנקע דורכזיכטיגע מיקראָסקאָפּישע חיה'לעך, אויס וועלכע עס ענטשטעהט אַ רייכע קלאַסע פון ווערמ· וואָס מען בעגעגענד אַרום די ימים. זייער אוניווערזאַלער וויסענשאַפטליכער נאָמען איז "נעמאַטאָדען". זיי שפּיעלען אַ וויכטיגע ראָלע פאַר דער ביאָלאָגישע וויסענשאַפט. אין זייער יוגענד שווימען זיי אין די העכערע שיכטען פון וואַסער און ווען זיי ווערען עלטער שווימען זיי אין טיעפערע. מען האָט זיי אַמאָל גערופען "וואַסער-אַאַלען" אַבער די וויסענשאַפטליכע וועלט האָט דיעזען נאָמען פערוואָרפען (ברעהם X 120). זיי שלענגלען זיך אויף דעם באָדען פון טייכען, און דרעהען זיך אַרום די וואַסער-לינזען.

אוראַל-אַלטאַישע-שפּראַכען, אַ גרופּע פון שפּראַכען וואָס (לויט מאַקס מיללער) טיילט זיך ווידער אין צוויי דיוויזיעס, וועלכע נעהמען אַרום די פעלקער פון דעם זידליכען און נאָרדליכען טייל פון דער אוראַל געגענד. די נאָרדליכע דיוויזיע בעשטעהט פון די טונגסטישע, מאָנגאָלישע, טירקישע, פינישע און סאַמאָיעדישע שפּראַכען. די טונגוסטישע ברייטעט זיך אויס איבער די נאָרדליכע און וועסטליכע דיסטריקטען פון כינאַ. די מאָנגאָלישע ווערט געשפּראָכען אין כינאַ גופא. די טירקישע פון דעם פאַלאַרישען ים ביז דעם אַדריאַטישען. איהר צענטער איז קאָנסטאַנטינאָפּעל. די פינישע נעהמט אַרום די

פעלקער וואָס וואוינען אַרום דעם ברעג פון באַלטישען ים. צו איהר געהער אויך די מאַגיאַרישע שפּראַך. די זידליכע דיוויזיע בעשטעהט פון דער טאַמולישע, טיבעטאַנישע, דראַווידישע, סיאַמעזישע, מאַלאַישע, און פּאָלינעזישע. אַלע פון דער לעצטע דיוויזיע ווערען געשפּראָכען פון אינדישע פעלקער. די אוראַל־אַלטאַישע שפּראַכען צייכנען זיך אויס מיט דער קלאָרהייט פון זייערע שרשים. די בעשטימונג פון ווערטער טערמינירען צו ענדע. די וואָקאַלען מעגען געענדערט ווערען ווי עס ווילט זיך. אַנדערע פילאָלאָגען רופען איהר אויך „די פינאָ־טאַטאַרישע גרופּע" (ז. „אַוואַרען).

אוראַל־בערג, אַ קייט פון בערג וועלכע בילדען די אַנערקענטע גרענעץ צווישען עוראָפּאַ און אַזיען, בערך 16,000 מיילען גרויס. די דורכשניטליכע הויך פון זיי איז 1500 פוס. צווישען זיי זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס שטייגען איבער 5000 פוס הויך. דער טעלפּאָס האַלט 5433 פוס הויך. אויף דער נאָרדליכע זייט זיינען פאַראַנען זעהר ווייניג בוימער. דאַגעגען אַבער, אויף דער זידליכער זייט זיינען שוין פאַראַן געדיכטע וועלדער איבער 200 מיילען גרויס. אויס די אוראַל־בערג פליעסען אייניגע טייכען. די הויבט פון זיי זיינען דער פּעטשאָראַ, און דער אָב. ביידע געהערען זיי צום אַרקטישען אָקעאַן. דאַן, די קאַמאַ מיט דעם אוראַל געהערען צום קאַספּישען ים. דער געאָלאָגישער אינהאַלט איז רייך מיט גראַניט, פּלאַטינום, אַזאָטישע סטראַטאַ, און גאָלד. בליי, קופּער, אייזען, שטיינ־זאַלץ איז דאָרט פאַראַן אין פיעלע ערטער. מען האָט שוין דאָרט געפינען דיאַמאַנטען און עדעלשטיינער. אין פעברואַר 1920 ווערט רעפּאָרטירט אַז אין איינעם פון דיעזע בערג, בערך 30 מייל פון עקאַטערינענבורג, איז ענטדעקט געוואָרען רייכע גאָלד־שיכטען פון וועלכע מען האָט ביז דעמאָלט נישט געוואוסט.

אין מאַי 1919 האָט דאָ שטאַטגעפינדען אַ גרויסע שלאַכט צווישען קאָלטשאַקס אַרמיי און די באָלשעוויקעס. נאַך אַ פּאָלשטענדיגען זיעג איבער קאָלטשאַק זיינען די באָלשעוויקעס פון דאַנען ווייטער מאַרשירט אויף סיביר.

נאָכדעם ווי די באָלשעוויקעס האָבען זיך דאָ פעסטגעזעצט, האָבען זיי אויפגעשטעלט אַ באָלשעוויסטישע אַדמינסטראַציע, און גענומען גלייך ענטוויקלען די אינדוסטריען און אין אַ יאָהר צייט שפּעטער (1921) האָבען זיי רעפּאָרטירט צו האָבען אויסגעגראָבען אין:—

קיסלאָווסק, 15 מיל. פּוד שטיינ קויהלען
טשעליאַבינסק, 30 מיל. פּוד שט. קויהלען
יעגאָרשינסק, 3 מיל. פּוד שט. קוהלען
באָגאָסלאַווסק 8 מיל. פּוד שט. קויהלען.

פאָרבערייטונגען זיינען גלייך געמאַכט געוואָרען צו פּראָדוצירען שטאָל, אייזען, און רונד־אייזען.

אוראַליט, אַ מאַסע וואָס איז אין רוסלאַנד קינסטליך צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פאַר עקספּאָרט, אַלס דעקונג פאַר דעכער, אַלס פאָרהענגע אין טעאַטער און אַלס אַ פערזיכערונג איבעראַל וואו עס פאַראַן אַ סכנה פון פייער. בעשטעהט פון אַסבעסטאָס, געמישט מיט קרייד, אַלוין, און סיליאַק.

אוראַלסק, אַ שטאָדט אין דער אָרענבורגער גובערניע, 160 מייל זיד־אָסטליך פון סאַמאַראַ און 280 מייל פון קאַספּישען ים, אויף דעם באהנ־וועג צווישען אָרענבורג און סאַראַטאָוו. איז געגרינדעט געוואָרען אין 1622 פון קאַזאַקען און האָט געהייסען יאַיסק ביז דעם יאָהר 1775. פאַר דער מלחמה האָט זי געהאַט 36,000 איינוואוינער. איז גערימהמט צוליעב די ירידים וואָס ווערען דאָרט געהאַל־

טען דרײמאָל יעהרליך: יולי, אָקטאָבער, און יאַנואַר. דיזע שטאָדט האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין דעם אַנטי־באָלשעוויסטישען קאַמף, וואו די אַל־רוסישע רעפּובליק האָט קאָנצענטרירט אַלע אַרמייען און פּראָוויאַנט, צו מאַרשירען אויף די באָלשעוויקען. לויט ווידערשפּרעכליכע רעפּאָרטען זאָל דאָ דער צאַר ניקאָליי האָבען בעענדיגט זיין לעבען.

אוראַמי, (Auramiu) אַ טהעע פאַרב־שטאָף אין אַ פאָרם פון אַ געל קריסטאַלישען פולווער. לעזט זיך לייכט אין וואַסער, און ווערט געברויכט צום פאַרבען זייד, און פּאַפּיר.

אוראַן, אַ מעטאַלענער עלעמענט. זעהט אויס ווי ניקעל. שמעלצט זיך ווען ער ווערט געגליהט ווייס. זיין ספּעציפישעס געוויכט איז 18.4. קומט פאָר נאַטורליך זעלטען אַליין אָהן די פערבינדונג מיט אַנדערע מעטאַלען.

אוראַנאָגראַפיע, אין דער אַסטראָנאָמיע און אין דער אַסטראָנאָמישע געאָגראַפיע: די בעשרייבונג פון הימעל און די הימעלס־געגענדע.

אוראַן־אָקסיד, אַ מינעראַל־שטאָף אין דער 5טער גרופּע פון די אָקסידען (לעאונים) איז אַ פערבינדונג פון אוראַן מיט זויער־שטאָף, אַמאָל אויך אונטערגעמישט מיט אייזען־אָקסיד, בליי־אָקסיד, אַרסען־אָקסיד אָדער קאַלק־אָקסיד; אַמאָל אויך מיט מאַגנעזיאַ, אָדער קיעזעל, פאָספאָר, אָדער שוועפעל־זויערע. זיין קאָליר איז פעך שוואַרץ, אַמאָל גריענליך שוואַרץ, אָדער גאָר געל־רויט. איז אַליין אונשמעלצבאַר. שמעלצט זיך אָבער מיט פאָספאָר־זאַלץ. אין די אָקסיד־פלאַמען ווערט ער געל, און נאָך אַביסעל אָבקיהלען ווערט ער געל־גריען. אין זאַלפּעטער־זויערע אָדער אַמאָניאַק שמעלצט ער זיך לייכט און ענדערט זיין קאָליער אויף גריען־געל. ער איז נישט און זילבער־ערץ ביי אַנאַבורג, געאָרגענשטאַדט, מאַרינבורג, און אין יאָאַכימסטאַל. ווערט פיעל געברויכט אין די גלאָז־פאַבריקען וואו עס ווערט פאַבריצירט אוראַן־גלאָז דיעזע גלאָז־זאַכען זיינען געל און גריען.

אוראַנאָקער אַ מיקראָ־קריסטאַלישע מאַסע איז ווייך ווי ערד און צורייבט זיך לייכט. איהר פאַרב איז אַמאָל ווי אַ ציטראָן, אַמאָל ווי אָראַנזש, אָדער גאָר ווי שועבעל. בעשטעהט פון אוראַן־אָקסיד־ הידראַט, און שוועבעל־זויערע. ווען דערהיצט, שוויצט זי אַרויס וואַסער פון זיך, און ווערט רויט. אין פלאַמען ווערט זי גריען, אָבער שמעלצט זיך דעמאָלט נישט מעהר. ווערט געפינען אין דעם יאָאַכימסטאַל׳ צוזאַמען מיט אוראַנ־פעך.

אוראַנגזיב, אַ קעניגליכע דינאַסטיע פון די מאָגולען אין אינדיען. דיעזע דינאַסטיע ווערט בעצייכענט אַלס די מעכטיגסטע פון אַלע פאַר איהר. דער לעצטער פון דער דינאַסטיע, שאַך יעהאַן, האָט בעטרעטען זיין טראָן דורך אינטריגען. זייענדיג נישט דער עלטסטער פון זיינע ברידער האָט ער אָנגערייצט צו בלוטיגע מלחמות אונטעראַנאַנדער, זיי האָבען זיך איינער דעם אַנדערען גע׳הרגט, און ער, איז אויף אַזאַ אופן, פון זיי פּטור געוואָרען. ער האָט זיך פון צייט־צו־צייט כלומר׳שט אריינגעמישט פאַר שלום, אַבער נאָר צו געווינען די פּאָפּולאַריטעט פון די רעליגיעזע פאָרשטעהער. דאָס איז איהם פאָלשטענדיג אויך געלונגען.

ער האָט בעשטיגען דעם טראָהן אין 1658 און לאָזט זיך קרויהנען אַלס דער "אַלאַמגיר" = "זיעגער איבער דער וועלט". שפּעטער נעהמט ער אויך אָן דעם טיטעל "מאָהי־עדין" = "אויפלעבער פון דער רעליגיאָן. ער הערשט

בערך 50 יאָהר. פאַר דער אויסען־וועלט האָט
עס אויסגעזעהען אַז זיין שטאַט בליהט. אינ־
ווענדיג אַבער האָט געהערשט מיסטרויען און
אונצופריעדענהייט אין יעדען ווינקעל. אין
זיין אייגענעם הויף האָט ער נישט געטרויט
קיינעם אין דאָס מינדעסטע. זיינע שטאַטס־
מענער צווישען זיך האָבען איהם דאַרין
געקאָפּיערט. זיין אייגענער זוהן איז איהם
אַזוי פאַלש געוועזען ווי ער איז געוועזען צו
זיין פאָטער וועלכען ער האָט געלאָזט שטערבען
אין געפענגניש. דאָס פאָלק האָט ער בעהערשט
מיט אַן אייזערנע האַנד. נישט האָבענדיג די
ליעבע און דאָס צוטרויען פון זיין פאָלק
האָט ער קיין פלאַהן געקאָנט דורכזעצען. ער
איז ענדליך פעריאָגט געוואָרען פון זיין שטעל
און ער איז גשטאָרבען אין אַכמעדאַנגאַר, אין
יאַהר 1707.

אוראַנוס, (גריכ. מיטאָל.) = אור־אַנוס
דער הימעל אָדער אור־פאָטער פון דער גאַנצע
געטער־וועלט. זיינע ערשטע קינדער זיינען
געוועזען די צענטימאַנען, דאַן די ציקלאָפּען.
ער האָט די לעצטע פערשפּאַרט אין דעם טאַר־
טאַרוס דערפאַר ווייל זיי זיינען געוועזען
ווילד און געוואַלדיג. (אַשטייגער ווי די
ווי דער ווינד "ציקלאָן" ז.ד.). געאַ, די מוטער
(ערד) איז געוואָרען שרעקליך אין כעס אויף
אוראַנוס, און זי האָט דערפאַר אויף איהם
אָנגערייצט די ערשטע קינדער און זיי האָבען
איהם פעריאָגט פון זיין טראָהן. קראָנאָס, זיין
יונגסטער זוהן האָט איהם זאָגאַר אויסגעש־
ניטען זיין מענליכעם גליעד און עס אַריינ־
געוואָרפען אין ים אַריין. פון דיזען איז
ענטשטאַנען ווענוס, און פון די טראָפּען בלוט
וואָס זיינען פערגאָסען געוואָרען זיינען ענט־
שטאַנען די גיגאַנטען און די נימפען.

אוראַנוס, (אַסטראָנ.) אַ פּלאַנעט, ענט־
דעקט פון סער וויליאַם הערשעל אין 13טען
מערץ פון 1781, דורך זיין נייעם שפּיגעל־
טעלעסקאָפּ. די אַסטראָנאָמען האָבען איהם צו־
ערשט גערופען הערשל, אַנדערע האָבען איהם
גערופען גרעגאָריוס, אַנדערע סידוס און ענד־
ליך: אוראַנוס. ער איז דער 7טער אין דער
רייהע נאָך די גרויסקייט פון די פּלאַנעטען.
זיין ווייטעסטע ווייטקייט פון דער זונן
איז 2967 מיליאָנען קילאָם. די נאָהנטעס־
טע איז 2714 און די מיטעלסטע איז 2850
מיליאָנען קילאָם. זיין דורכמעסער איז
50,000 קילאָמעטער. ער לויפט אַרום די זונן
איינמאָל אין אונזערע 83 יאָהר מיט 271 טעג.
ער האָט אַרום זיך 4 לבנות. די ערשטע: אַריעל
לויפט אַרום דעם אוראַנוס אין אונזערע 2
טעג מיט 12 שטונדען. די צווייטע: אומבריעל,
אין 4 טעג מיט 3 שטונדען. די דריטע: טיטאַ־
ניאַ, אין 8 טעג מיט 17 שטונדען. די פירטע:
אָבעראָן אין 13־טעג מיט 17 שטונדען. זייער
לויף־באַהן אַרום דעם אוראַנוס איז אין
געגענזאַץ צו דעם לויף־באַהן פון די איבריגע
לבנות אַרום זייערע פּלאַנעטען.

מיט דעם אוראַנוס איז פערבינדען די
געשיכטע פון דער ענטדעקונג פון "נעפּטון"
(ז.ד.), אַ פּאַסיערונג וועלכע איז פערצייכענט
אין דער געשיכטע פון דער אַסטראָנאָמיע אַלס
דער ערשטער קאָנקרעטער טרומף פון דער מאַ־
טעמאַטיק. די ערשיינונג פון דעם אוראַנוס
זעלבסט איז געוועזען אַ קוואַל פון נייע בע־
גייסטערונג פאַר דער טרוקענער מאַטעמאַטי־
שע וועלט, אַבער זיין ציטערוויליגע אונרעגו־
לאַריטעט אויף זיין לויף־באַהן האָט אַלעמען
געמאַטערט. עס האָט אָנגעהויבען אויסזעהן
אַז די גאַנצע מאַטעמאַטישע געביידע פאַלט
פאַנאַנדער ווייל, מען האָט נישט געפינען קיין
ערקלעהרונג פאַר דיעזע אָבווייכונגען. אין
אָקטאָבער 1845 האָט אין אָקספאָרד אַ יונגער־
מאַן געענדיגט זיין עקזאַמען אין מאַטעמאַטיק
מיט דער העכסטע אויסצייכנונג, ער האָט זיך
אַוועקגעשטעלט אויף דער פראַגע איבער דיעזע
מערקווירדיגע אָבווייכונג און האָט מאַטעמאַ־

טיש בעהויבטעט אַז יופיטער און סאַטורן האָבען אויף דער אָבווייכונג פון אוראַנוס קיין איינפלוס, אַז אַן אויסערער פּלאַנעט וואַנדערט אַרום דער זונן אין אַ פיעל ווייטערע ווייטקייט פון אוראַנוס, און אַז דיעזער איז די אורזאַך. די אַסטראָנאָמען האָבען די אידעע פון דיעזען יונגענמאַן האַלב פערשטאַנען און זיי האָבען גענומען אָנשטעלען זייערע טעלעס־קאָפּען אויף דער ריכטונג וואָס דער יונגערמאַן האָט אָנגעוויזען, מיט דעם רעזולטאַט דאָס דר. גאַלע האָט דעם שטערער געפינען אין סעפּט. פון 1846. דאָס איז דער "נעפּטון", און דער נאָמען פון דעם יונגענמאַן איז דער שפּעטער בעריהמט געוואָרענער פּראָפעסאָר אַדאַמס.

אוראַנטיען, (Aurantieen) אַ גאַטונג פלאַנצע אונטער דער פאַמיליע "רוטאַצעען", פון וועלכע עס עקזיסטירען 60 טראָפּישע אַזיאַטישע אַרטען. דאָס האָלץ פון זיי וואַקסט מיט דאָרניגע צווייגען, וואָס זיינען רייך מיט אויל־דריזען. זיי בליהען רעגעל־מעסיג. זיינען רייך מיט צוקער־, ציטראָנען־, און עטהער־אויל. אין דיעזע גאַטונג ווערען אויך אַריינגערעכענט: די ציטראָנען און פּאָמעראַנצען בוימער.

אוראַניאַ, נאָמען פון אַן אַסטראָנאָמישען אַנשטאַלט (ז."אָבזערוואַטאָריום") וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרען אין צוריך, שווייץ, פאַר דעם פאָלק. פאַר אַ זעהר קליינע צאַהלונג קאָן איעדער אַריינגעהען בעטראַכטען דעם הימעל דורך די בעסטע אינסטרומענטען. דער גרויסער טעלעסקאָפּ וואָס געפינט זיך דאָרט איז געמאַכט געוואָרען פון קאַרל זיים. די לענג האַלט 300 מילימעטער און די ראָהר איבער 5 מעטער. אינגאַנצען וועגט ער 14 טאָן, און דער דרעהענדער טייל 4 מיט אַ האַל טאָן און דער דרעהענדער טייל 4 מיט אַ האַלב עלעקטריציטעט. די אוראַניאַ גיט אָן די מיטאַגס־שטונדע פאַר גאַנץ מיטעל־עוראָפּאַ.

אוראַניאַ, (גריכ. מיט.) איינע פון די מוזען, אַ טאָכטער פון אוראַנוס און געאַ. זי האָט געהאַט 9 שוועסטערען (ז."מוזען").

זי איז געוועזען די מוזע פון דער אַסטראָנאָמיע. אין דער קונסט ווערט זי אָבגעבילדעט מיט אַ גריפעל אין איין האַנד און מיט דעם ערד־באַל אין דער אַנדערער. אַמאָל ווערט איהר שטערען בעציערט מיט אַ שטערענקראַנץ.

אוראַניאַ, נאָמען פון אַ פלאַנץ וואָס איז היימיש אין מאַדאַגאַסקאַר, און הייסט דאָרט: "ראַוועגאַלאַ". דיעזער נאָמען קומט



אין עוראָפּאַ פון דעם באָטאַניקער שרעבער. וואַקסט נאָר אונטער אַ שטאַרקע היץ און פיעל וואַסער. פריש אימפּאָרטירטע זאַאַט וואַקסט אונטער אַזעלכע אומשטענדען גאַנץ פריי.

אוראַנידען, אַ פאַמיליע פון שמעטערלינגע וועלכע קענען נישט קלאַסיפיצירט ווערען צוליעב זייער אייגענאַרטיגע קאָליערען וואָס



זיי האָבען. אַפּילו די עקען פון זייערע פליגעל זיינען מערקווירדיג אין זייער אויסזעהען. איידער די אוראַנידען וואַקסען אויס זיינען זיי גלייך צו די קאַטערפּילאַרען. שפּעטער ערשט קריגען זיי די טראַנספאָרמאַציע. די אוראַניאַ סלאָאַנום, פון וועלכע עס זיינען דאָ פיעלע אין דזשעמיקאַ, איז אַ זעהר שעהנע. איהר גרונד-קאָליער איז סאַמעט-שוואַרץ. די אויבער-טיילען פון די פליעגעל זיינען גלאַנציג גאָלד-גריענע און קופּער-קליעריג. איבער דעאַ קערפּער זיינען פאַראַן גאָלד-געלע גלאַנצענדע לאַטעס דורכגעשאָסען מיט בלוי-ליכע און גריענע שטרייפען. די פראַנזען פון די פליגעל זיינען ווייס.

אוראַניום, אַ האַרטעס מעטאַל וואָס לאָזט זיך אויך לייכט בעאַרבייטען. איז ענטדעקט געוואָרען פון קלאַפּראָטה אין 1789. ער האָט עס ענטדעקט אין דער מינעראַל גרופּע "פּעכ-בלענדע" אין וועלכען דער אוראַניום געפינט זיך בערך 80 פּראָצ. פון זיין אינהאַלט. עס ווערט פּראָדוצירט מיט דעמזעלבען פּראָצעס וואָס דער אַלימיניום און דער מאַגנעזיום. ווען דער כלאָריד ווערט דערפון אָבגעטיילט בלייבט דער אוראַניום אין אַ צושטאַנד פון אַ שוואַרצען פּוידער. עס ווערט דאַן געשמאָל-צען און דערפון קומט אַרויס אַ מעטאַל וואָס איז עהנליך צו ניקעל. דער אוראַניום ווערט נישט אָקסי-דירט אין קאַלטען נאָר אין הייסען. ווען אָנגעגליהט ברענט עס ווייס און לאָזט פון זיך אַ העלען ליכט-שטראַהל. אין דעם אורשפּרינגליכען צושטאַנד איז עס געמישט מיט פאָספאַט און קופּער. דאָס ווערט אָבגעטיילט אין דער בעאַרבייטונג. אין דער טעכנישע טערמינאָלאָגיע ווערט עס בעצייכענט מיט דעם בוכשטאַב U

דיעזער נאָמען איז דעם מעטאַל געגעבען געוואָרען צום אַנדענקען פון דעם פּלאַנעט אוראַנוס וואָס איז ענטדעקט געוואָרען אין דעמזעלבען יאָהר.

אוראַניזמוס, אויך גערופען "אורנינגס-ליעבע": די געשלעכטליכע ליעבע צווישען מאַן און מאַן, ווי אויך צווישען ווייב און ווייב. דער געגענזאַץ פון דער נאַטירליכע ליעבע. דער פּסיכאָלאָגישער צושטאַנד ביי אַזאַ אַקט איז וואָס דער מאַן רעדט זיך איין פאַר דעם מאָמענט אַז ער איז אַ פרוי, און מאַכט זיך דאַדורך פיהלען ווי אַ פרוי פיהלט זיך ביי אַזאַ אַקט. זיינע עמפּפינדונגען פון ליעבע און אויפערזוכט ווערען דעמאָלט ביי איהם אויפגערייצט דורך זיין שפּינענדע

פאַנטאַזיע און ווערען אויסגענוצט צום אויספיהרען דעם אַקט. אין דער מעדעצינישע וויסענשאַפט געהער דיעזע קראַנקהייט צו דער ״סיכאָפאַטישע טעראַפּעוטיק״.

אוראַניט, אַ דונקעל־גריענער מינעראַל־שטאָף וואָס געפינט זיך אין אַ מאַסיווען צושטאַנד. איז גלאַנציג ווען פּאָלירט. האָט פערשיעדענע אַנדערע דונקלע פאַרבען. אַשט גער ווי: ברוין־שוואַרץ, אָליווען־גריען, גוט שוואַרץ, אָדער געל־גריען. געפינט זיך אין בעהמען, קאָרנוואָל, זאַקסען, אונגאַרן, טירקיי, קאָנעקטיקאַט, און אין נאָרד־קאַראָליין. זיין האַרטקייט איז 6.5 און זיין ספּעציפישעם געוויכט איז 6.4 ביז 9.7.

אוראַן־פּיטריאָל, אַ מינעראַל פּראָדוקט וואָס ווערט אַרויסגעגעבען פון אוראַן־פּעך אין די בערג פון יאָהאַן־געאָרגענשטאַדט. אין געהאַרטעטען צושטאַנד איז עס ניערענפאָרמיג און פון אַ גראָז־גריענע קאָליער אין וואַסער לעזט עס זיך זעהר שווער. לעזט זיך אָבער לייכט אין קופּער־אָקסיד.

אוראַנקאַלק־קאַרבאָנאַט, (מינעראַל.) אַ קליין קערניגעס אַגרעגאַט (ז.ד.) וואָס געפינט זיך איבער דעם אוראַן־פּעכ־ערץ אין יאָאַכימסטאַל אַרום די ערצ־געבערג. ער איז אַ פּראָדוקט פון דעם אוראַן־פּעך. אין וואַסער ווערט ער פריהער שוואַרץ, דאַן שוועבעלקאָליעריג ווייל ער ווערט דעמאָלט בעהאַפטעט מיט שוועבעל־זויערע אין דער נאַטור. זיין כעמישעם געהאַלט איז:

אוראַן־אָקסידול	37.03
קאַלק־ערד	15.55
קויהלענ־זויערע	24.18
וואַסער	23.24

אוראַנציאַ, אַ פאַרב־שטאָף צוזאַמענגעשטעלט פון דיפּעניל־אַמין און זאַלפּעטער־זויערע איז געל אין דער קאָליער און גיט דעם זיידענ־צייג אַ פּראַכטפאָלעס אָראַנזשענ־געל. דערפאַר ווייל עס ווירקט אויף די הויט פון דעם פאַרבער שעדליך ווערט עס זעהר ווענינ געברויכט.

אוראַעמיאַ, לאַטיינישער נאָמען פאַר: ״האַרנ־פערגיפטונג״ (ז.״אורין״). קומט פאָר ביי טובערקולאָזע קראַנקהייטען, ביי קרעבס (קאַנסער) ליידענדע, ביי פערקראַנקטע שוואַנגערשאַפט און ביי ברייטס־קראַנקהייטען.

—סימנים: די פונקציאָנען פון אַלע נערווען, אָדער פון אַ טייל פון זיי, פיהלען אַן אונאָרדנונג אין זייער אַקטיוויטעט. זיי פיהלען אַ שטייגענדע נאַכלעסיגקייט, און אַ שלעפּעריגקייט שטייגט אויף ביז צו אַ העפטיגען קאָפּ־וועהטאָג. אָפטמאָל טרעט איין אויך אַ קורצזיכטיגקייט, אָדער אַ טאָטאַלע בלינדהייט אויף איין אָדער אויף ביידע אויגען. אַמאָל אויך טויבהייט, אָדער אַ ציקונג איבער די נערווען.

קאַראַקטער: זי איז אַ צווייפאַכיגע. אַ ציטוויייליגע אָדער אַ קראָנישע. זי געהער צו די ערענסטע קראַנקהייטען, איבערהויבט די קראָנישע איז פאַסט אונהיילבאַר און מיינט אָפט אַ געשווינדער טוידט. זי טרעט איין ווען דער ״ורין״ הערט אויף צו געהז דורך די נירען און דער ״האַרנ־מלאָז״ לאָזט איהם נישט אַדורך. דער אורין ווערט אַלזאָ דורכגעמישט מיט דעם בלוט.

מיטעל: הייסע ניערענ־קאָמפּרעסען ברענגען צוריק די פונקציאָנען צו די ניערען. טרינקען וואַרמע ציטראָנענ־וואַסער, אָבצאַפּען דעם אורין דורך אַ קאַטעדער. אַ ציטער־מאַסאַזש איבער די ניערענ־געגענד, און איבער דעם גאַנצען אונטער־טייל פון דער אַבדאָמען. דאַן אויך הייסע בעדער מיט קאַלטע אומשלעגע איבערן קאָפּ.

אוראָפּעטאַלאָן, (Uropetalon) אַ זעלטענע פלאַנצע פון אַ בולביגע נאַטור, מיט געקרייזעלטע בלעטער. וואַקסט אונטער דעם גלאָז, און דיענט אַלס אַ קוריאָזער אָרנאַמענט.

ענטדעקט געוואָרען אין דער קייפּ פון זיד־אַפריקאַ אין 1816 און ווערט געצעהלט צווישען בלויז 4 גאַטונג. אונזער בילד צייגט: נומער 1 די אורפּעטאַלאָן פולוואום, און 2 די אוראָפּעטאַלאָן גלאַוקום.

אוראָ פּראַטו (Ouro-Preto) אַ בראַזיליאַנישע שטאָדט אין דער פּראָווינץ פון מינאַס־זשערעס; 176 מיילען נאָרדליך פון דע־זשענאַראַ. גערהמט צוליעב די אַמאָליגע גאָלד־אינדוסטריען וועלכע זיינען לעצטענס פיעל פערקליינערט געוואָרען. זי איז געבויט אויף איניגע בערג מיט איניגע גוט געבויטע הייזער. די גאַסען זיינען אַלע פּרימיטיוו. האָט אַ באַהנ־ליניע נאָך ריאָ־דע־זשענאַראַ וואָס בעריהרט פיעלע שטעדט אינצווישען פיעלע ריכטונגען. די בעפעלקערונג איז בערך 10000 איינוואוינער.

אור־אָקס (אינד. און פערז. מיטאָלגיע) אַן אָבגאָט פון גאָלד, גלייך צו אונזער עגל־הזהב. ער געפינט זיך אין דער פּאַגאָדאַ פון מיקאָדאַ כינאַ. לויט דעם רעפּאָרט פון דעם דאָרטיגען האָלענדישען אַמבאַסאַדאָר צייגט זיך אַ מערקווירדיגער צוזאַמענהאַנג צווישען דיעזען אור־אָקס מיט דעם "אַפּיס־מצרים", אין דעם גלויבען ווי אין די צערעמאָניען. ער איז אָבגעבילדעט ווי ער וואָלט שטעהן אין וואַסער, אויף וועלכען עס איז



געשווימען די ערד אין פאָרם פון איי, און ער שפּרינגט דערויף מיט זיינע הערנער איהר צו צוברעכען. די לעגענדען פון כינעזער, פערזער און עגיפּטער זאָגען אַלע אַז אין דיעזען איי איז געלעגען אונזער ערד מיט אַלע מענשען און חיות, אַז מיט דעם צוברעכען פון איי איז אַלעס פערטיג אַרויסגעקומען, און דער אור־אָקס האָט אין אַלעם אַריינגעבלאָזען אַ לעבענס־קראַפט, און אין אַלעם וואָס איז געטאַפּען געוואָרען צום לעבען (ז. "אַביר").

אַוראָראַ, (גריכיש און רוימישע מיטאָל.) די געטין פון פריה־מאָרגען, וועלכע ברענגט דאָס ליכט פון דער מאָרגען־וועלט אויף דער ערד. איהר מאַן איז אַסטרעוס (ז.ד.). פון איהם האָט זי געבוירען די 4 ווינדען. זי האָט ביי די געטער אויגעווירקט פאַר איהר מאַן די אונשטערבליכקייט. זי האָט אָבער פערגעסען אין איהר געבעט צוצופיגען די ביטע אַז ער זאָל קיינמאָל נישט אַלט ווערען דערפאַר ווערט ער אַלע יאָהר אַלט און ווערט ווידער יונג אין פריהלינג. זי האָט אויך געהאַט אומגאַנג מיט 4 שטערבליכע פון וועלכע זי האָט געבוירען דעם אָריאָן, וועלכער איז שפּעטער

"אַוראָראַ"—מיטאָלאָגישע

פון דער געטין דיאַנאַ דערשאָסען געוואָרען מיט אַ פייל. דאַן, קליטוס איז געוועזען דער יעניגער צוליעב וועלכענס שעהנהייט זי איז זעלבסט געוואָרען אושטערבליך. זי האָט זיך אויך געליעבט מיט טיטאַנוס און צעפאַלוס. פון לעצטען האָט זי פערפיהרט זיין ווייב און פון איהם געבוירען אַ זוהן.

אין דער מאַלעריי האָט זי ביי די קלאַסיקער ווי ביי די מאָדערנע געשפּיעלט אַ זעהר גרויסע ראָלע. זי ווערט געצייכענט (לויט האָמערס איליאַד) ווי זי זיצט אויף אַ גאָלדענעם שטוהל, אָדער שטעהט אויף דעם רייט־וואָגען וועלכער איז געשפּאַנט מיט 4 פערד, לויט די צאָהל פון די 4 יאָהר־טיילען. איהרע קליידער ווערען געפאַרבט מיט אַ זאַפראָן קאָליער.

אוראָראַ, אין דער קאַסינאָ פון דעם פּאַ־לאַסט פון קאַרדינאַל באָרגעז, געפינט זיך אַ בילד פון דעם מאַלער גוּאידאָ אונטער דיעזען טיטעל, אויף וועלכען בייראָן האָט געזאָגט אַז עס איז ווערטה צו מאַכען אַ רייזע נאָך רוים דיזעס בילד צו זעהען. מיר גיבען דאָ אַ צייכנונג דערפון אין שוואַרץ.

אַוראָראַ, 1) אַ שטאָדט אין אילינאָיס סטייטס אין אַמעריקאַ, ביים פאָקס־ריווער, 56 קילאָמעטער וועסטליך פון טשיקאַגאָ און האָט איבער 13,000 איינוואוינער. 2) אַ צווייטע שטאָדט מיט דעמזעלבען נאָמען אין די אינדיאַנאַ סטייטס, געגרינדעט אין 1819 פון דויטשישע ערד־אַרבייטער. איז געבויט אויף אַ זעהר פרוכטבאַרען באָדען, און פיהרט אַ בעדייטענדען האַנדעל פון געטריידע מיט די זידליכע סטייטס. איהרע איינוואוינער צעהלען צווישען זיך בערך 6000 נפשות.

אַוראָראַ־אויל, דער פליעסיגסטער טייל פון פּעטראָלעום וועלכער טיילט זיך אָב ביים רעקטיפיצירען. איז זעהר פייער געפעהרליך ווייל ער בילדעט פון זיך אַ דאַמף זאָגאַר אַפילו אין דעם געוועהנליכען טעמפּעראַטור. מיט לופט געמישט עקספּלאָדירט ער געוואַלטזאַם. ווערט פיעל געברויכט צום קאַרבאָנירען פון לייכט־גאַז.

אַוראָראַ באָראַלים Aurora Boralis

אַ וואונדער שעהנע ליכטיגע ערשיינונג ביי־נאַכט, אויף דעם נאָרדליכען הימעל, ביים העכסטען פונקט פון מאַגנעטישען מערידאַן. זי הויבט זיך אָן אין אַ דונקלען פאָרם, ענט־



אַרור...

וויקעלט זיך גראַדועל אַ העל-גלאַנציגען זוים; שטופּענוויזע ווערט דער זוים מיט דער צייט העלער און העלער, ברייטער און גלאַנציגער. פון דיעזע ליכטיגע ערשיינונג ווערט די אַרום־געבענדע אַטמאָספערע אילומינירט, און אין דיעזע אלומינאַציע אַרום דער אוראָראַ שפּרייט זי זיך אויס איבער אַלע איהרע גרענצען, ביז די שטראַהלען פערלירען זיך אין דער וויטער דונקעלהייט אַריין אַריין. מיט דיעזער ערשיינונג שפּיעלט די נאַטור איינע פון איהרע שעהנסטע שפּעקטאַקעל וואָס דאָס מענשליכע אויג פיהלט זיך גליקליך צו זעהן.

אַ שיף וואָס שווימט אַריבער אַזאַ ערשיינונג איז אין סכנה צו פערליערען איהר וועג, ווייל אַזאַ ליכט האָט אַ גרויסען איינפלוס אויף דער מאַגנעטישע נאָדעל פון דעם קאָמפּאַס. דער בעאָבאַכטער זעהט נישט דיעזע ענדערונג און ווייסט נישט אַז דאָס שיף געהט אויף אַן אונגעציעלטע ריכטונג און קאָן נאָך אויף דעם וועג זיך אָנשלאָגען אויף אַ פעלזען און צושמעטערט ווערען. פלאַמאַריאָן זאָגט אַז: "ווען די אוראָראַ זאָל זיך צושפּיעלען אין דעם הימעל איבער שטאָקהאָלם ווערט די מאַגנעטישע נאָדעל פון דעם קאָמפּאַס אין דעם פּאַריזער אָבזערוואַטאָריום זיך נעהמען ווערפען אַ שטייגער ווי זי וואָלט רופען דעם בעאָבאַכטער ער זאָל נאָכזוכען וואָס עס זעהט זיך אין הימעל ערגיץ וואו".

די "אוראָראַ" איז בלויז אַן אַטמאָספערישעס געשפּיעל און האָט קיין פערבינדונג מיט דער דרעהונג פון די שטערען אין הימעל. איהר הויכקייט איבער דער ערד איז נישט שטענדיג גלייך. די דורכשניטליכע הויכקייט בעטרעפט 200 מיילען איבער דער ערד. נאָך אַמפּערס טעאָריע איז דאָס אַ פאָרשטעלונג פון אַ צאָהל פון עלעקטרישע שטראָמען וועלכע טרעפען זיך צוזאַמען איבעראַנאַנדער. די נעגאַטיווע פליסיגקייט פון דער ערד מיט דער פּאָזיטיווע אין דער לופט בילדען די ליניע דורך וועלכע מיר אונטען זעהען די פאָרשטעלונג וואָס געהט פאָהר אויף יענער זייט אויבען.

די פאַרבען פון דער אוראָראַ זיינען פון גרונד אויס, ווייסליך אָדער העל-געל, מיט אַ לייכט גריענליכע בעטאָנונג. דורך איהר ערשיינונג ווערט דער הימעל הינטער איהר נאָך



דונקלערער. דערפאַר שטראַהלען די פינקלענדע שטערען אַרום איהר פיעל גלאַנציגער ... פערשעהנערען די פּאַנאָראַמאַ. ביי אַ טריבען וועטער איז די גרונד־פאַרב שמוציג־געל און ענדיגט אַרום דעם זוים מיט אַ רויטע פריזע. אָפט זעהט זיך אויך אַ זעלטענע בלויע פאַרב אַרום דער פריזע וועלכע ענדיגט זיך מיט וויאָלעט. ווען זי ערשיינט איבער בערג ווערען די שפּיצען פון די בערג בעלויכטען פון דער פּאַנאָראַמאַ און דאָס פערגרעסערט איהר עפעקט.

עס איז מערקווירדיג וואָס זי ערשיינט דאָרט וואו דאָנער און בליץ קומען זעלטען פאָהר. צו מעהרסטען קומען זיי פאָהר אין דעם פּאָלאַר־ציר על. דאָס איז דערפאַר ווייל די צוויי ענערגישע קרעפטען (מאַגנעט און עלעקטראַ) פון דער רונדע ערד טרעפען זיך צוזאַמען אין יענע געגענדע. שפּיצבערגען (ז.ד.) איז אַ זעהר גינסטיגער אָרט וואו זיי צו בעאָבאַכטען. לאָטטין האָט אין יענער געגענד געזעהען 160 אוראָראַס אין 310 נעכט. דער דער פּאָעט אָדער אַרטיסט וואָס בעגעגענט אַן אוראָראַ געפינט זיך קליין און אונמעכטיג מעג ער אויך זיין דער גרעסטער. איהר צויבער צושמעלצט די איינבילדעניש פון דעם גרעסטען פאַנטאַזיאָר. אַזוי זאָגען די זיד־

אויסטראַליער און די נאָרד־אַמעריקאַנער. פילע אוראָראַס זיינען אויך שוין געזעהן געוואָרען אין עוראָפּאַ.

אין יאהר 1716 איז אַן אוראָראַ געזעהען געוואָרען אין אירלאַנד און דיזעלבע האָט זיך אויך בעוויזען אין רוסלאַנד. זייט דעמאָלט זיינען פערצייכענט געוואָרען פאָלגענדע:

1765 האָט קאַפּיטאַן קוק געזעהן אויף זיין ים־רייזע אַן אוראָראַ צו ערשטען מאָל.

1773 האָט דערזעלבער געזעהען אַ צווייטע.

1817 רעפּאָרטירט ביאָט וועגען איינעם איבער דעם אינזעל אונסט.

טרייבט פאָרד איינע אין ענגלאַנד.

1829 רעפּאָרטירט דזשיימס פאַרקוואַרד וועגען איינע אין אַלפאָרד.

1839 איז געזעהען געוואָרען איינע אין באָסקאָפּ.

1839 אין אַלאַסקאַ.

1869 אין פּאַריז.

1892 אין נויאָרק

1900 אין פינלאַנד.

מאַנכע אוראָרען ווערען געזעהען נישט ווייט און מאַנכע שטרעקען זיך אויס זעהר ווייט. איינע פון 7טען יאַנואַר 1831 איז געזעהען געוואָרען איבער דעם נאָרדליכען און מיטלען עוראָפּאַ, ווי אויך אין אַ טייל פון נאָרד־אַמעריקאַ. אַזעלכע ווייט־געזעהענע אוראָראַס קאָנען נישט געזעהען ווערען אין דעמזעלבען פאָרם איבעראַל, ווייל די אָבשפּיגעלונג איז אַנדערש אין יעדע אַנדערע געגענד. דערפאַר צווייפלען די אַלע וואָס האָבען איהר געזעהען אויב זיי האָבען אַלע ווירקליך געזעהען דיזעלבע אוראָראַ. אין עוראָפּאַ האָט די אוראָראַ ערוועקט דעם אַבערגלויבען דאָס איהר ערשיינונג אין הימעל איז אַ סימן פון גרויסע מלחמות. פרומע יודען אין פוילען און גאַליציען האָבען געזאָגט אַז דאָס מיינט "מלחמות גוג ומגוג".

אין יאָהר 1877 האָט פּראָפ. ד׳לאַ־רו אויפגעפיהרט אַ קינסטליכע אַוראָראַ דורך אַ וואָלטאַישע באַטערי. דאָס האָט ער געטהון דורך אַרויספּומפּען די לופט פון אַ גלעזערנע ראָהר, אין אין איהר אַריינלאָזען 14.400 אַטמאָספערישע צעלען. אַ געבויגענע שטאַנג איז דאַן אריינגעפיהרט געוואָרען אינווענדיג ביי דער האָזיטיווע זייט (H). באַלד האָבען זיך די צעלען געגרופּירט און אָנגעצינדען ווי פייערלאַך, מיט זייערע שטראַהלען גיעסענדיג נאַך אונטען. די וואָס האָבען געזעהען אַ נאַטירליכע אַוראָראַ האָבען גלייך בעמערקט אַז אין קאָליערען איז די קינסטליכע גאַנץ זיהנליך צו דער נאַטירליכע. אין פאָרם אַבער, זיינען אַפילו די נאַטירליכע נישט עגאַל מיט אַנאַנדער.

אורבאַן II פּאַבסט צווישען 1088—1099. אַ ביטערער געגנער פון די קעניגליכע פּאַרטייען וועלכע האָבען געזוכט אַרויסצורייסען די פּאָליטישע מאַכט פון וואַטיקאַן. צו פערטומלען זיינע געגנער האָט ער די גלויביגע אויפגערייצט צו די בעקאַנטע בלוטיגע קרייץ־ציגע. איהם איז דאַדורך געלונגען נישט נאָר זיין אייגענעם איינפלוס צו פערשטאַרקערען נאָר אויך זיינע געגנער צו שטירצען אויף זייערע קניען. ער האָט דעם קעניג פיליפּ פון פראַנקרייך געלעגט אין חרם, און נאָכדעם ווי ער האָט פול תשובה געטהון האָט ער איהם מוחל געוועזען. ער האָט זיך מעהר געקימערט איבער די פּאָליטישע אַדמינסטראַציע פון אַלע לענדער אַלס אום רעליגיעזע זאַכען. האָט די גלחים געהייסען בעוואַכען די קעניגע אויף יעדען טריט און שריט. ער האָט די רעליגיאָן בענוצט אַלס מיטעל פאַר דיעזען צוועק. איידער ער האָט אָבגעשיקט די קהייציגער האָט ער זיי פערשפּראָכען ריינצומאַכען פון זייערע זינד, און זיי פערזיכערט אַז זייערע נשמות וועלען פון גהינום נישט וויסען.

אורבאַן דער **פירטער**, פּאַבסט צווישען 1261—1266. דער זוהן פון אַ שוהסטער. אַן אייפעריגער אונטערדריקער פון יעדע פּאָליטישע בעוועגונג אין זיין צייט. זעצט אָב די קאַרדינאַלען וועלכע ווייזען זיך נישט ענערגיש גענוג אויסצופיהרען זיינע בעפעהלע. מאַכט 14 נייע קאַדינאַלען וועלכע האָבען איהם פערשפּראָכען זייער קאָנפידענץ. פאָדערט זיי אוף נישט צו לאָזען קאָנראַדין צו ווערען קעניג איבער דייטשלאַנד, און זיי האָבען עס אויך אויסגעפיהרט. שיקט איינעם פון זיי נאָך ענגלאַנד צו צווינגען דעם קעניג מאַנפרעד ער זאָל זיין אַדמינסטראַציע אונטערוואַרפען אונטער די פּאַבסטליכע מאַכט. איהם אויך צו צווינגען צו קומען אין וואַטיקאַן בעטען מחילה. מאַנפרעד האָט געוואַגט דעם קאַמף אויפצונעהמען און האָט זיינע שונאים בעזיגט. אורבאַן האָט פערזעהנליך אַן אָנטייל גענומען אין דיעזען קאַמף, ער איז אָבער קוים מיט זיין לעבען ענטלאָפען נאַך אָרוויעטאָ. ער איז דאָרט פאַר ערגערניש נאַך אַ קליינע קראַנקהייט געשטאָרבען.

אורבאַן דער פינפטער, פּאַבסט צווישען 1362—1370 אין אַוויניאָנג (ז.ד.), אייגער פון די ביטערסטע צוררי יהודים צווישען די פּאַבסטען ביז זיין צייט. זיין גאַנצעס לעבען האָט ער מקריב געווען צו אויסראָטען די יודען און די ניט־יודען וועלכע האָבען גע־סימפּאַטיזירט מיט די יודען. אין זיין צייט האָבען זיך די פּאָליטישע בעציהונגען גענומען רייסען מיט דער קירכע פון אַלע זייטען. אין איטאַליען האָט באַרנאַבאָ רעבעלירט, ער האָט אָבגעריסען פיעלע שטעדט פון דער פּאַב־סטליכער הערשאַפט, און דעם פּאַבסט געצוואונ־גען איהם צו צאָהלען מס אַ האַלבען מיליאָן גאָלדענע פלאָרינס יעהרליך; אין ענגל. האָט עדואַרד דער דריטער זיין פּאַרלאַמענט אויפ־געפאָדערט אופצוהערען צאָהלען דעם פּאַבסט־שטייער. דערויף קוקענדיג האָט די טירקיי גענומען מאַרשירען אויף ציפּרוס; אויך פון אַנדערע זייטען האָבען זיך גענומען הערען קלענגע פון אונרוהען; ער האָט גענומען פי־לען אַז דער פּאַבסטליכער שטוהל איז אין אַ סכנה ווען דער שטראָם פון זיין אונגליק זאָל ניט אָבגעלענקט ווערען; ער האָט דערפאַר גענומען אָרגאַניזירען אַ קרייץ־צוג דעם פּאַב־סטליכען שטוהל אַריבער צו פיהרען נאָך ירושלים, און פון דאָרט אוים נעהמען קורירען דעם שטערבענדען איינפלוס פון דער קאַטוי־לישע קירכע. רוים איז איהם פאָרגעקומען צו זיין אַ גוטער סטראַטעגישער פּונקט פאַר דיעזען צוועק. דערפאַר פיהרט ער אַריבער דעם פּאַבסטליכען שטוהל פון אַוויניאָנג נאָך רוים. דאָס פעראורזאַכט גרויסע צווישטיג־קייטען צווישען די קאַרדינאַלען פון אַוויניאָנג און רוים. זיי האָבען איהם ניט געגעבען קיין מנוחה ביז זיין טוידט. ער האָט פאַר זיין טוידט געמוזט זיין שטוהל ווידער צוריק פיהרען נאָך אַוויניאָנג, וואו ער איז געש־טאָרבען אָהן די געפּלאַהנטע פיעל אַנאָנסירטע דאָ עטאַבלירט דעם ערשטען לאָמבאַרד (ז.ד.),

דישע ענציקלאָפּעדיען ווערט ער בעשריבען אַלס אַ גוט־מוטהיגער, אַ זאַנפטער און אַן עהרליכער מאַן. די שרעקליכע געשיכטע פון טאָלעדאָ וועלכע ער האָט געשטיפטעט, און אין וועלכער עס זיינען אומגעקומען צווישען 10 ביז 11 טויזענד יודישע נפשות אונטער די אונבעשרייבליכסטע צרות (ז. "מכלל יופי") ווערט אין זיי גאָרנישט דערמאָנט. ווען דאָן פּעדראָ איז דורך אורבאַנס אינטריגען געפאַ־לען אין אַ ברידער־קאַמף האָט ער געזאָגט: "ווען ס'פאַלט אַזאַ געגנער פון דער קירכע און אַ פריינד פון די יודען דאַרף מען זאָגען ישמח צדיק וינקם" (ז.גרעץ 7 זייט 430).

אורבינאָ, די הויבט־שטאָדט פון דער איטאַליענישע פּראָווינץ פּעסאַראָ־אורבינאָ. איז געבויט אויף אַ פעלזען 451 מעטער הויך און האָט בערך 20,000 איינוואוינער. די אומגעגענד איז פּאַנטאַזיערייך צוליעב די פיעלע בערג־שפּיצען מיט זייער אויסזיכט איבער דעם אַדריאַטישען ים. דאָ איז געבוירען געוואָרען דער מאָלער ראַפאַעל, און עס איז קיין צווייפעל אַז דיעזע אומגעגענד האָט פיעל בייגעטראָגען צו זיין אונשטערבליכען קאַריער. דאָרט זיינען פאַראַן זיידען־פאַברי־קען, טעכנישע און קונסט־שוהלען. אין דעם פּאַלאַסט וואָס זעהט זיך אין אונזער בילד זיינען פאַראַן סקולפּטורען, בילדער פון טומעטעאָ בוטי, פעדעריגאָ באַראָציאָ, און פיעראָ פראַנציסקאָ. די קעניגליכע אַקאַדעמיע "ראַפאַעלאָ" ענטהאַלט אַ זאַמלונג פון ראַפאַעלס שטאָל־שטיכען. אין דער רענאַיזאַנס־צייט האָט אורבינאָ געהאַט גרויסע מאַיאָליקען פאַברי־קען.

עס ווערט בעהויבטעט אַז יודען האָבען דאָ שוין געוואוינט אין ערשטען העלפט פון דעם 13טען יאָהר־הונדערט. דאָקומענטאַריש ווייזט זיך אַז אין 14טען יאָהר־הונדערט האָט זיך דאָ בעזעצט מאַעסטראָ דאַניעלע. דיעזער האָט קרייץ־צוג אויסצופיהרען.— אין די ניט־יוד־



אורבינאָ

און דאָס גראַף אַנטאָניאָ האָט איהם דיזעס פּריווילעגיום געגעבען אויף דור־דורות. באַלד נאָך איהם האָבען זיך גענומען ווייזען מעהר יודען. זיי זיינען גינסטיג אויפגענומען געוואָרען. זיי האָבען געמעגט קויפען לאַנד, הייזער, מעטאַל, פּאַפּיער; זיי האָבען געמעגט אַרבייטען שניידעריי, גערבעריי, ווי אויך וואוינען אין יעדען טייל פון דער שטאָדט. זיי האָבען אָבער געמוזט צאָהלען פאַר יעדען פּריווילעגיום בעזונדער. אין 1507 האָבען זיך אָנגעהויבען ווייזען אַנטי־יודישע געזעצע אויס דעם וואַטיקאַן, אַ יאָהר שפּעטער האָט דער פירשט פראַנציסקאָ מאַריאַ אַבגעווישט אַלע פּריווילעגיען וואָס די יודען האָבען גע־האַט. ער האָט זיי געצוואונגען צוריקצוגעבען די משכנות אָהן פּראָצ. געצוואונגען זיי צו טראָגען געלע צייכען אויף זייערע קליידער. צו קויפען זייער שפּייז בלויז ביינאַכט. זיי זיינען דעמאָלט שוין געוועזען 500 אין צאָהל. דיזע גזרות האָבען די פערפאָלגטע צוזאַמענגעד־רינגען אין אַ בעזונדערען טייל פון שטאָדט. אַזוי האָבען זיי געבילדעט אַ געטהאָ אין אורבינאָ. די שוהל אין וועלכע זיי האָבען געדאַוונט איז געוועזען דאָס אייגענטום פון די קאַטאָליקען. אין 1851 האָבען זיי געקויפט דיזע שוהל און איהר אויסגעפּוצט. אין יאָהר 1870 איז זייער צאָהל געפאַלען אויף 181 נפשות. אין דער יעצטיגע צייט זיינען זיי דאָרט פיעל װעניגער.

אורגאַ, די הויפּט־שטאָדט פון די כאַלאַ־מאָנגאָלען ביים טייך טאָלאַ. איז דער הייליגער אָרט וואו עס זיצט דער באָגדאָ־כאַן (כהן־גדול) פון די בודהיסטישע קורדען. איז דער מיטעל־פּונקט פון אַ בעפעלקערונג פון 1,800,000 וואָס בעוואוינט אַ משך פון 1,367,600 קוואַד. מיילען לאַנד. אין 1870 איז זי געלעגען אונטער דעם כינעזישען שוץ, איז נאָכהער געפאַלען אין די רוסישע הענד. אונטער דער רוסישע הערשאַפט האָט זיך אורגאַ גענומען



א ו ר ג אַ

ענטוויקלען מיט רוסישע געלד, אַבער מיט מיט דער כינעזישער רעוואָלוציע האָט זיך אורגאַ ערקלעהרט אונאַבהענגיג, און רוסלאַנד האָט דאָס צוגעשטימט אין 1912. ביים אויס־ברוך פון דער וועלט־מלחמה האָט רוסלאַנד געשלאָסען אַן אָבמאַך מיט די מאָנגאָלען אַז זיי זאָלען דיעזע דיסטריקט פערבינדען מיט באַהן און פאָסט. רוסלאַנד האָט דערוף צו־שטייער געגעבען 2 מיליאָן רובעל. (ז." מאָנ־גאָליען")

אורגולאַניאַ, אַ זעהר גערימטע פּערזעהנ־ליכקייט אין אַלטען גריכענלאַנד. זי איז גע־וועזען די געליעבטע פון ליוויוס, און פון די געלעהרטעסטע אין יענער צייט גע־שעלט געוואָרען העכער אַלס דאָס געזעץ. עס ווערט פון איהר דערצעהלט אַז זי האָט זיך ענטזאָגט צו קומען אין געריכט־הויז ווען זי איז אויפגעפאָדערט געוואָרען צו קומען אלס עדות. מען האָט געמוזט קומען צו איהר אַהיים, איהר דאָרט אויסהערען. זי האָט אויך אַזאַ אויפ-פאָדערונג פון סענאַט אָבגעזאָגט. זי איז געוועזען די מוטער פון טיבעריוס און איהר רעזאָלוטער קאַראַקטער ווערט געשילדערט אין דעם פאַקט, אַז ווען איהר אַן אייניקעל, פלאַוטוס סילוואַנוס איז אַרעסטירט געוואָרען פאַר הרגנען זיין ווייב האָט זי איהם געשיקט אַ קינזשאַל ער זאָל זיך דאָס לעבען נעהמען.

אורגעשיכטע, די געשיכטע וואָס שיל־דערט וויסענשאַפטליך דעם אורשפּרונג פון זאַכען, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיי ביז זיי זיינען בעקאַנט געוואָרען. עטימאָלאָגיש מיינט דאָס וואָרט: "די ערשטע פּאַסירונג". די אורגעשיכטע פון אַלעס איז יעצט איינ־געשלאָסען אין דער "אנטראָפּאָלאָגיע" (ז.ד.)

אורדאַבאָרן (נאָרד.מיטאָל.), דער קוואַל פון דער פערגאַנגענהייט, אַרום וועלכען עס זיצען די 3 נאָרנען־געטער און ציהען חכמה פאַר דער מענשהייט. מיט דעם וואַסער פון דיעזען קוואַל בעפרוכטען זיי די בוימער פון דער וועלט, אָפילו דאָרט וואו עס איז נישט

דאָ קיין וואַסער אָדער טייכען.

אורדאַמאַנאַ, ז. "רוט־אַמען".

אור־האָהן, ז. "אַוער־האָהן".

אוראַסטער, ז. "זונג־שטערן".

אורוגואַי, אַ רעפּובליק אין זיד־אַמעריקאַ. איז 72153 □ מיילען גרויס, און בעפעלק. פון אַנדערהאַלבען מיליאָן איינוואוינער. דאָס לאַנד איז געטיילט אין 19 דעפּאַרטמענטס וואָס שטעלען צו צום פּאַרלאַמענט 90 רעפּרעזענטאַנטען און 19 סענאַטאָרען.

די נאַציאָנאַלע אַדמינסטראַציע ליגט אין די הענד פון דעם פּרעזידענט און אַ נאַציאָנאַל־קאָונסול. דער פּרעז. ווערט ערוועהלט יעדע 4 יאָהר, דירעקט פון פאָלק. דער נאַציאָנאַלער קאָונסול בעשטעהט פון 9 מיטגליעדער: 6 פון דער מאַיאָריטעטס פּאַרטיי און 3 פון דער מינאָריטעטס פּאַרטיי.. 3 פון די 9 ווערען ערוועהלט יעדע צוויי יאָהר. אויך דיעזע ווערען ערוועהלט דירעקט פון פאָלק, אַלס רעפּרעזענטאַנטען. דער פּרעזידענט בעשטימט אַ מיניסטער פאַר אויסלענדישע אַנגעלעגענהייטען, אַ קריעגס־מיניסטער, און אַ מיניסטער פאַר אינערליכע אַנגעלעגענהייטען. ער האָט דעם קאָנטראָל איבער אַלע דעפּאַרטמענטס. די רעשט מיניסטאָרען: דעם פינאַנס־מיניסטער, דעם מיניסטער פאַר אינדוסטריע, מיניסטער פאַר בילדונג, ווערען בעשטימט פון דעם קאָונסול, וועלכעס האָט אַ קאָנטראָלירענדע קראַפט איבער אַלע דיעזע דעפּאַרטמענטען. דאָס וואַהל־סיסטעם איז געהיים. יעדער איבער 18 יאָהר אַלט קאָן שטימען. ער מוז אָבער קאָנען שרייבען און לעזען. די סענאַטאָרען זיינען ערוועהלט פון אַ קאָליעגיום רעפּרעזענטאַטען. — די רעפּובליק איז געגרינדעט געוואָרען אין אַוגוסט 27 פון 1828 און איהר קאָנסטיטוציע איז לעצטענס רעפּאָרמירט געוואָרען אין מערץ פון 1919. די קאָנסטיטוציע האָט דעם שטאַאַט אַבגעטיילט פון דער רעליגיאָן. קינדער זיינען געצוואונגען צו געהן אין דער שוהלע. עס זיינען דאָרט פאַראַן איבער אַ טויזענד שוהלען וואָס ווערען אויפגעהאַלטען פון דעם שטאַאַט, און בערך 200 פּריוואַט שוהלען וואו אייניגע הונדערט קינדער לערנען אויף דעם חשבון פון שטאַאַט. עס זיינען אויך דאָרט פאַראַן אייניגע אוניווערזיטעטען פאַר מענער און פאַר פרויען. אויך אייניגע אַבענד־שוהלען.

פאַר יוריסטישע צוועקען איז אורוגואַי איינגעטיילט אין 214 סעקציעס. יעדע סעקציע האָט פאַרזיך אַ געריכטס־הויז, וואו עס זיצט אַ פריעדענס־ריכטער. יעדע דיסטריקט האָט ווידער אַ ראַטה־הויז פאַר זיין דיסטריקט. אין מאָנטעווידעאָ איז פאַראַן צוויי געריכטס־הייזער פאַר קאָמערציעלע משפטים און איינס פאַר קרימינעלע. אין יעדען געריכטס־הויז זיצען 3 ריכטער. ס'איז פאַראַן אַן אַפּעלאַציאָנס געריכט פון 5 ריכטער, אַבער דיעזע ווערען בעשטימט פון די פּאַרלאַמענטס־מיטגליעדער. דער ריכטער־פּרעזידענט ווערט געוועהלט פון די ריכטער זעלבסט. דער טוידט־אורטייל איז דאָרט אַבגעשאַפט געוואָרען אין סעפּטעמבער פון 1907, און אַנשטאָט דאָס גיט מען פון 30 ביז 40 יאָהר שווערע אַרבייט אין געפענגניש.

די אַרמיי איז וואָלונטיער־מעסיג. זי איז אַ נאַציאָנאַלע גוואַרדיע. די וואָלונטירען פערדינגען זיך אויף 5 יאָהר. די העכסטע עלטער וואָס איז ערלויבט פאַר וואָלונטירען איז 44 יאָהר. די אַרמיי בעשטעהט פון 10,000 מאַן אין פריעדענס־צייט, און אין אַ צייט פון מלחמה האָט דער קריעגס־מיניסטער דאָס רעכט איהר צו פערגרעסערען אויף 50,000 מאַן. די פּאָליציי־מאַכט בעשטעהט פון 5,000 מאַן.

אורוגוואַי האָט דריי באַהן־סיסטעמע. דאָס צענטראַל־סיסטעם איז 900 מייל לאַנג, דאָס מידלאַנד־סיסטעם 501 מיילען לאַנג, און דאָס אָסט־קיסטען־סיסטעם 71 מיילען. אַלע זיינען זיי דאָס אייגענטום פון ענגלישע פינאַנסיערען. די טעלעגראַף־ליניע איז 4850 מיילען, צוויי טעלעפאָן קאָמפּאַניעס האָבען איינגעשפּאַנט 16545 מיילען דראָטה. אין איינינע שטעדט האָט זי אויך עלעקטרישע טראַמוויים. איהר געוויכט מאָס און איהר געלד זיינען אויף דעם מעטרישען סיסטעם. די רעגיערונג האָט דעם מאָנאָפּאָל אויף אַלע אינשורענץ געשעפטען.

לאַנד: דאָס לאַנד גרענעצט זיך אויף זיד און וועסט מיט אַרגענטיניען, זיד־אָסט מיט דעם אַטלאַנטישען ים, אויף נאָרד מיט בראַזיליען און ריאָ־דע־גראַנד. עס האָט ווייניג בערג. האָט בלויז איינינע שמאָלע פעלזיגע הויכקייטען. אויף דער נאָרד־זייט זיינען פאַראַנען איינינע בערג בערך פון 600 מעטער הויך. מען רופט דיעזע: קוטשילאַ־גראַנד, קוטשילאַ־ד׳בעלעם, און צעראָ־ אַסעגואַ. דער לעצטער איז דער העכסטער און געפינט זיך אויף דער גרענעץ. די קאָמפּאָזיציאָן פון די בערג איז פון אַלט־קריסטאַליזירטען אַש, קרייד, טערטיער, און עורופּטיווע שיכטען. פון נוצבאַרע מעטאַלען האָט עס זעהר ווייניג. צוביסלעך געפינען זיך דאָרט אייזען, בליי, אַנטימאָן, זילבער און שטיינקויהלען. גאָלד געפינט זיך אין דעפּאַרטמענט פון ריווערע. איז אָבער רייך אין אַגאַטען, קאַרנעאָלען, און אַמעטיסטען. איז רייך אין וואַסערען, און ווערט גוט בעוואַסערט. די ל׳פּלאַטאַ ליפערט וואַסער פון דר׳אויסען, דער ריאָ־נעגראָ מיט דעם ריאָ־אי בעוואַסערען אַהעלפט פון לאַנד. דער ריאָ־קאָבאָלאַטי בעוואַסערט די אָסטליכע זייט. איינינע טייכען שלענגלען זיך דורך די בערג און פעראורזאַכען זומפּען, און אין אַלגעמיין איז דאָס לאָנד גאַנץ גוט פאַר דעם אַקערבוי און פיה־צוכט.— מאָנטע־ווידעאָ איז די רעזידענץ פון דער רעפּובליק.

געשיכטע: אורשפּריִנגליך איז אורוגוואַי געוועזען אַ טייל פון בראַזיליען בעת בראַזיליען איז נאָך געוועזען אַ וויצע־קעניגרייך פון שפּאַניען. זי האָט דעמאָלט געהייסען "באַנדאַ־אָריענטאַל". ווען די זידליכע אַמעריקאַנישע קאָלאָניען האָבען זיך לויזגעריסען פון שפּאַניען האָט זיך בוענאָס־אַירס אין 1821 ערקלעהרט אַלס אַ רעפּובליק. דאָס איז געטהון געוואָרען אונטער דעם פּראָטעסט פון אַ גרויסען טייל פון פאָלק וואָס האָט נישט געוואָלט פערשמאָלצען ווערען מיט בראַזיליען. אַ קאַמף איז דאַדורך ענטשטאַנען, און אין אַ שלאַכט וואָס האָט פּאַסירט אין 20טען פעברואַר 1828 זיינען די בראַזיליאַנישע טרופּען געשלאָגען געוואָרען, ענגלאַנד האָט זיך אַריינגעמישט וועגען שלום, און אין 27טען אויגוסט איז אורוגוואַי ערקלעהרט געוואָרען אַלס אַן אונאָבהענגיגער שטאַאַט. אין סעפּטעמבער פון 1829 איז געלעגט געוואָרען דאָס ערשטע גרונד־געזעץ פון דער נייע רעפּובליק און אין איהר אייגענעם לשון הייסט זי זייט דעמאָלט Republica Oriental del Uruguai. גענעראַל פרוקטוסאָ ריבעראַ איז געוואָרען איהר ערשטער פּרעזידענט. מיט 5 יאָהר שפּעטער ווערט סאַמועל אָריבאָ פּרעזידענט. ער ווערט אָבער געשטירצט פון אַן אָפּאָזיציע וועלכע האָט זיך שפּעטער ענטוויקעלט צו אַ גרויסע מאַכט. דיזעס פיהרט צו אַ לאַנג־יעהריגע בלוטיגע מלחמה. עס איז דאָ אינטערעסאַנט צו בעמערקען אַז, דערזעלבער ריבעראַ וואָס האָט געהאָלפען אָריבאָ ווערען פּרעזידענט איז געוואָרען דער אָנפיהרער פון די רעבעלען געגען אָריבאָ. דער שטרייט איז געוועזען איבער דעם לאַנד־בעזיץ. אָריבאָ האָט געהאַלטען מיט די גרויסע לאַנד־בעזיצער און ריבעראָ מיט די פּויערים. ריבעראַס אַנהענגער

האָבען זיך גערופען "קאָלאָראַדאָס" (רויטע) און די פון אָריבאַ "בלאַנקאָס" (ווייסע). אָריבאַ האָט זיך געווענדעט צום דיקטאַטאָר פון אַרגענטיניען נאָך הילפע געגען ריבעראַ, דיעזער האָט בלאָקירט מאָנטע-ווידעאָ אין 1842, ריבעראַ איז געשלאָגען געוואָרען אין 27טען מערץ פון 1845 דורך דעם אַרגענטינישען גענעראַל אורקיזאַ. ער איז ענטלאָפען נאָך בראַזיליען, ער קומט צוריק אין 1846 און ווערט מיט אַ יאָהר שפּעטער ווידער געשלאָגען ביי סאַלטאָ. זיין פּאַרטיי ווענדעט זיך צו דער בראַזיליאַנישע רעגיערונג נאָך הילפע געגען אַרגענטיניען. דאָס האָט געפיהרט דערצו דאָס די 3 רעפּובליקען האָבען זיך פעראייניגט אין אַן אַליאַנס. דיעזע דריי האָבען דעמאָלט געצוואונגען אָריבאַ זיך אונטערצוגעבען. אַ וואַהל האָט שטאַטגעפונדען אונטער די שטרענגע אויפזיכט פון די דריי מעכטע און אָריבאָס פּאַרטיי האָט געוואונען. זשואַן פראַנציסקאָ גיראָ איז ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט פון אורוגואַי אין 1טען מערץ פון 1852. אַבער ער איז נישטלאַנג נאָכהער געשטירצט געוואָרען פון אַ נייע רעוואָלוציע, און גענעראַל ריבעראַ האָט זיך ווידער געזעצט אויף דעם פּרעזידענט-שטוהל מיט דער אונטערשטיצונג פון די צוויי גענעראַלע לאַוואַלעאַ און פלאָרעס. אין 1854 איז ריבעראַ געשטאָרבען און פלאָרעס האָט פערנומען זיין שטעל. זייט דעמאָלט האָט זיך דער שיקזאַל פון דיעזע רעפּובליק געוועקסעלט אייניגע מאָל צווישען רוה און רעוואָלוציאָן ביז 1904 ווען די לעצטע רעבעלען זיינען ענטוואָפענט געוואָרען און פריעדען שיינט זייט דעמאָלט שוין צו זיין עטאַבעלירט.

געלד: דאָס נאָמינאַל-סיסטעם איז גאָלד. אַ פּעסאָ בעשטעהט פון 100 סענטימאָס. דאָס אַקטיווע פּעסאָ איז געמאַכט פון זילבער און איז ווערטה מיט 5 סענט וועניגער. פון ניקעל צירקולירט זיך 1, 2 און 5 סענט מטבעות.

וועלט-מלחמה: אין 7טען אָקטאָבער פון 1917 האָט אורוגואַי פּראָקלאַמירט איהר אַנטאַגאָניזמוס צו דייטשלאַנד בלויז דערפאַר ווייל זי האָט ערקלעהרט אַ אונגעזעצליכען ריקזיכטסלאָזען סוב-מאַרין קאַמף געגען אַלע נייטראַלע מעכטע. אַזווישענעל ווי איהר ערשטע שיף "גאַריזאַ" איז אַטאַקירט געוואָרען פון אַ דייטשישען סוב-מאַרין האָט אורוגואַי גלייך אַרעסטירט אַלע דייטשישע שיפען וואָס האָבען זיך געפינען אין מאָנטע-ווידעאָ. דאָרט זיינען דעמאָלט געווען 9 דייטשישע שיפען וועלכע האָבען צוזאַמען בעטראָפען 42,658 טאָן.

אורוגואַי, אַ טייך אין זיד-אַמעריקאַ. ער הויבט זיך אָן אין זידליכען בראַזיליען, פליעסט אויף דער גרענעץ צווישען סאַנטאַ קאַטאַרינאַ און ריאָ-גראַנדע דאָ-סול, פון דאַנען נאָך אַרגענטיניען און פון אַרגענטיניען נאָך אורוגואַי. אין בראַזיליען רופט מען איהם "פּעלאָטאָס". ער איז איבער 1,000 מיילען לאַנג און איז זעהר ניצליך פאַר דעם קאָמערץ. אין זיין לויף בעריהרט ער די שטעדט סאַלטאָ, פּאַיסאַנדו און קאָנסעפּסיאָן. אויף זיין וועג נעהמט ער אויף די שטראָמען פון אייניגע טייכען און פעראייניגט זיך ענדליך מיט דעם טייך פּאַראַנאַ; דיעזע ביידע צוזאַמען אַרום דעם אַורוגואַי זיינען פרוכטבאַר און בילדען דעם טייך לאַ-פּלאַטאַ. די אופערן זיי זיינען שטאַרק פערנאַכלעסיגט.

אורוואַלד, נאָמען פאַר אַיעדען וואַלד וואָס איז נאָך אין ווילדען נאַטירליכען צושטאַנד, נאָך איידער אַ מענשליכע האַנד האָט זיך אַריינגעמישט צו מאַכען וועלכע אָרדנונג. אין רוסלאַנד, פּוילען, אַמעריקאַ און אַפריקאַ געפינען זיך נאָך אַזעלכע וועלדער, איבערהויבט אין די געגענדע וואו די בעפעלקערונג איז נאָך נישט געדיכט. אין די טראָפּישע געגענדע

זיינען אַזעלכע וועלדער זעהר אינטערעסאַנט. דאָרט ליגען ריעזען־ביימער איבער ריעזען־ביימער וועלכע האָבען שוין אָבגעלעבט פיעלע הונדערטע יאָהרען, און צווישען זיי שטעהען אַנדערע נאָך שטאָלץ און בליהען. צווישען די לעדיגע פלעצער שטייגען אַרויס נאָך יונגענקע ווי נייע דורות פול מיט לעבענס־קראַפט

אורולוגין, ז. "האָראָלאָגיע".

אַורום-קאָראָנאַריום, נאָמען פאַר אַ גאָלד־מתנה וואָס די רוימער פלעגען געבען דעם זיעגרייכען גענעראַל, ווען ער איז אַהיימגעקומען פון מלחמה. דאָס פלעגען טהון זיינע לאַנדסלייט פון זיין געבורטסשטאָדט, און איהר אומגעגענד. דיזעלבע מאָדע האָט אויך עקזיסטירט אין גריכענלאַנד. ווען אַלעקסאַנדער איז אַהיימגעקומען נאָך דעם זיעג איבער פערזיען האָט מען איהם געגענגעטראָגען אַזאַ מתנה וואָס האָט געוואויגען 10,500 טאַלענט. אָנפאַנגס איז די מתנה געוועזען אַ פרייוויליגע און מיט דער צייט איז זי געוואָרען אַ געצוואונגענע. דער גובערנ. פון זיין פראָווינץ האָט זיי געצוואונגען דאָס צו טהון. פאַר די גובערנאַטאָרען איז דאָס געוואָרען אַ געשעפט. זיי פלעגען רופען יעדע קלייניגקייט אַ זיעג, און ביז דער זאָגענאַנטער זיעגער האָט עפּעס בעקומען האָבען זיי שוין געהאַט זייער חלק. יוליוס צעזאַר האָט דיעזע שאַרלאַטאַנעריי רעפאָרמירט. ער האָט געבאָטען אַז בלויז אַ גרויסער זיעג זאָל בעלוינט ווערען מיט אַן אַורום־קאָראָנאַריום. אַז אַ זיעג זאָל אַנערקאָנט ווערען פון די העכסטע בעאַמטע.

אין דער צייט פון ר' יהודא הנשיא, ווען די יודען זיינען געוועזען אונטער דעם רוימישען דרוק, זיינען זיי בעלאַסטעט געוואָרען מיט אַזעלכע שווערע אָבגאַבען פאַר דעם אַורום קאָראָנאַריום אַז זיי פלעגען ענטלויפען פון איין שטאָדט אין דער אַנדערע (בבא בתרא ח' א און קמ"ר א). דער תלמוד רופט דאָס "דמי כלילה".

אורוסאָוו קניאַזש **סערגעי**, ערשטער אָפּענער קאָנסטיטוציאָנעלער דעמאָקראַט אין דער ערשטע דומאַ. געב. אין דער פראָווינץ יאַראָסלאַוו 1863, שטודירט דאָרט און אין מאָסקווא. נאַך בעענדיגונג פון זיין שטודיום ווערט ער פערוואַלטער פון זיין פאָטערס גיטער. צייגט זיך גלייך צו זיין אַ גוטער אַדמינס-

טראַטאָר, און ווען ער איז געוואָרען דער שוואָגער פון לאַפּוכין (ז.ד.) איז ער דורך איהם בעקאָנט געוואָרן מיט פלעווע, וועלכער האָט איהם ענדליך אָנגעשטעלט אַלס וויצע־גובערנאַטאָר אין טאַמבאָוו. דאָ איז ער צום ערשטענמאָל געקומען אין בעריהרונג מיט דער קאָרופּציאָן פון די רוסישע בעאַמטע.

בלויז 6 מאָנאַטען האָט ער זיך געהאַלטען אויף דיעזע שטעלע. ער האָט געפיהלט אַז אין אַ אונטערגעאָדענטען אַמט איז איהם אונמעגליך צו רעפאָרמירען אַן אָרגאַניזאַציע וועלכע איז געשטיפּטעט פון איינעם וואָס שטעהט

העכער פאַר איהם. פּלעווע האָט געוואוסט אַז אורוסאָוו האָט דעמאָקראַטישע אַנזיכטען. אין בעסאַראַביען זיינען געוועזען אַזעלכע פּאָליטישע עלעמענטע פאַר וועלכע ער האָט זעהר מורא געהאַט. ער האָט איינגעזעהען אַז עס וואָלט געוועזען אַ קלוגהייט דאָרט אריין צו זעצען אַזאַ גובערנאַטאָר וואָס וועט קאָנען געווינען יענע עלעמענטע. אורוסאָוו האָט זיך איהם דאָ זעהר גוט געפּאַסט. דערפאַר האָט ער איהם אַריבערגעהויבען אַלס גובערנאַטאָר אין בעסאַראַביען.

דער חשבון האָט נאָר אויסגעהאַלטען גוט אויף איין זייט. יענע עלעמענטע האָט אורוסאָוו געוואונען אָבער פּלעווע האָט אורוסאָוו פערלוירען. פון צייט־צו־צייט האָט זיך אורוסאָוו גענומען צייגען דעמאָקראַטישער, ביז פּלעווע האָט געפינען אַז ער מוז איהם גלייך אַריבערהייבען נאָך טווער, און דאָס איז אויך געטהון געוואָרען אין נאָוו. 1904. צו דערזעלבער צייט איז טרעפּאָוו דערהויבען געוואָרען צו דער מיניסטער שטעלע איבער די פּאָליציי. אורוסאָוו האָט שוין צו יענער צייט געוואוסט אויף וועלכען חשבון טרעפּאָוו איז אַזוישנעל דערהויבען געוואָרען. ער האָט דאַרויס פערשטאַנען אַז ער איז ווידער אונטער אַ רעאַקציאָנערע אויבערמאַכט. ער האָט געשריבען אַ בריעף וועגען דעם צו בוליגין, דעם אינערען מיניסטער, און זעהענדיג אַז זיין בקשה איז נישט אָנגענומען געוואָרען האָט ער רעזיגנירט און זיך ווידער בעזעצט אויף זיין פּאַטערס גיטער.

ווען ניקאָליי האָט אַרויסגעלאָזען זיין קאָנסטיטוציאָנעלען מאַניפעסט פון 1905, איז אורוסאָוו ערוועהלט געוואָרען אַלס דעפּוטאַט פון דער ערשטע דומאַ. פּלעווע האָט איהם איינגעלאַדען צו איבערנעהמען אַ שטעלע אין מיניסטעריום. קענענדיג די גרויסע פעראַנטוואָרטליכקייט וואָס אַזאַ שטעלע פאָדערט האָט ער זיך דאָס נישט געוואָלט אונטערנעהמען אַליין, נאָר בשותפות מיט דורנאָוואָ. אין דיזען אַמט האָט זיך אורוסאָוו אונשטערבליך געמאַכט אין דער געשיכטע פון דעם יודישען גלות אין רוסלאַנד.

אין יוני נאָך דעם פּאָגראָם אין ביאַלאָסטאָק איז ער אַרויס אין דער דומאַ מיט אַ קלאַגע געגען דער רוסישע רעגיערונג, אין וועלכער ער אַליין איז געוועזען אַ מיניסטער. אין יענעם אונפערגעסליכען אויפטריט האָט ער געזאָגט: "פּאָגראָמען ווי די אין ביאַלאָסטאָק זיינען שטענדיג אָרגאַניזירט פון דער רעגיערונג. דורך געהיימע בעפעהלע ווערען אָנגעפיהרט אַנאַטאָמישע עקספּערימענטען אויף לעבענדיגע מענשען. אויפרייצענדע פּראָקלאַמאַציעס צו פּאָגראָמירען די יודען ווערען געדרוקט אין מיין אייגענע אָבטיילונג. די פּאָליציי מיט איהרע בעאַמטע זיינען פעראַנטוואָרטליך פאַר דיזע פּאָגראָמען דירעקט. בעת די פּאָגראָמען האָבען שטאַטגעפונדען אין ביאַלאָסטאָק האָט מען געפונען אַז דער גובערנאַטאָר שעפּקין איז פון דאָרט אָבגעפאָהרען מיט אַ טאָג פריהער אָהן צו לאָזען בעפעהלע. דער גאָלאָוואַ פון ביאַלאָסטאָק האָט געפונען אַז עס איז פאַלש וואָס די פּאָליציי האָט געזאָגט אַז די יודישע רעוואָלוציאָנערען האָבען אַטאַקירט די קריסטליכע בירגער".

אונשטערבליך האָט ער זיך אויך געמאַכט מיט זיינע "מעמוארען אַלס גובערנאַטאָר" וועלכעס ער האָט אָבגעדרוקט אין דייטשלאַנד אין דער רוסישע שפּראַך. דיזעס איז איבערגעזעצט געוואָרען אין אייניגע שפּראַכען. אַן ענגלישע איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרען אין נויאָרק פון הערמאַן ראָזענטהאַל, און אַרויסגעגעבען פון האַרפּער בראָדערס, נויאָרק **אין לאָנדאָן, און האָט געמאַכט אַ זעהר גרויסען איינדרוק אין דער פּאָליטישער ווי אין דער סאָציאַלע וועלט.**

אורזאַך, (פילאָז.) דער גרונד וואָס ענטהאַלט די קראַפט אַרויסצוברענגען אַן ערשיינונג. אין פאָלק־שפּראַך: "אַיעדער וואָרום האָט זיין דאַרום". אַריסטאָטעלס לערנט, אַז עס זיינען פאַראַנען פיער אורזאַכען פאַר אַלע ווירקונגען: שטאָף, פאָרם, גרונד און צוועק. דער שטאָף איז דער אַגענט דורך וועלכען די ווירקונג געהט דורך, דער פאָרם איז די מאָדע פון דער ווירקונג, דער גרונד איז דער סובסטאַנטיוועער טייל אין דער ערשיינונג, און דער צוועק ברענגט דעם נוצען אָדער שאָדען פון ווירקונג. דזשאָהן לאָקע געפינט דעם אורשפּרונג פון דער אורזאַך אין אונזער אייגענע פאַנטאַזיע. ד.ה. אַ קלוגע פאַנטאַסטישע אויסטראַכטונג. אין דערזעלבע מיינונג איז אויך דייוויד היומע. דיעזער זאָגט נאָך ווייטער: "אויב עס עקזיסטירט אַפילו אַזאַ קראַפט וואָס זאָל זיין די אורזאַך פון אַלע אורזאַכען קאָנען מיר איהר קיינמאָל נישט בעגרייפען". קאַנט נעהמט אָן אַז מיר געבען דער אורזאַך אַן עהנליכען פאָרם צו דער ערשיינונג. די מאַטעריאַליסטען זאָגען אַז אורזאַכען און ווירקונגען זיינען צוזאַמען פערבינדען ווי אַ קייט, אַז אַזוי ווי עס איז נישט דאָ קיין אורזאַך אָהן אַ ווירקונג אַזוי איז אויך נישט דאָ קיין ווירקונג אָהן אַ אורזאַך, אַז ביידע צוזאַמען בילדען זיי אַ ציקלוס פון לעבען. די טעאָלאָגען ענטפערען דאַרויף אַז, אַפילו דיעזער ציקלוס האָט געמוזט האָבען אַן ערשטע אורזאַך פון דר'אויסען איהם צו געבען דעם דעם ערשטען שטויס פאַר דעם אָנהויב פון זיין בעוועגונג.

יוריספּרודענץ: אַן אורזאַך גיט דאָס רעכט פאַר אַ פּראָצעס געגען דעם וואָס האָט די אור. געשאַפען. איידער דער פּראָצעס האָט שטאַטגעפינדען איז די אורזאַך בלויז אַ פאָרשטעלונג אָדער אַ בעהויבטונג. ווען אַן אורזאַך ווערט אָנגעגעבען פאַר אַ פּראָצעס מוז אויך דער אָנגעגעבער אָנווייזען דעם שאָדען וואָס עס איז פון דער אורזאַך אַרויסגעקומען. אַן אורזאַך קאָן אַמאָל בעוויזען ווערען, אַבער ווען דער שאָדען ווערט נישט בעוויזען האָט די אורזאַך אַליין אויך בערעכטיגט דעם פּראָצעס.

אורח = גאַסט. אַ מידה ביי די פוילישע יודען —אָרים אָדער רייך— צו אויפזוכען אַן אָרימאַן און איהם געבען עסען שבת אָדער יום־טוב. די אורחים פלעגען קומען צו קבלת־שבת אין שוהל, און דער שמש פלעגט זיי שוין דאָרט פערטיילען צווישען די מתפּללים. די מעהרסטע פון די אורחים זיינען געוועזען סאָלדאַטען אין דיענסט פון רוסישען צאַר. זעהר אָפט זיינען דאָס געוועזען איידעלע קינדער פון גוטע פאַמיליען, און פיעלע שידוכים אָדער געשעפטליכע פערבינדונגען זיינען דערפון אַרויסגעקומען.

אורטייל, אַן אַקט דורך וועלכען דער שכל קומט צו אַ בעשלוס איבער אַ געוויסע פראַגע. אין דעם פּראָצעס פון דיעזען אַקט ווערען אונטערזוכט אַלע אונטערשטיצונגס- און אייבווענדונגס גרינדע אין בעצוג צו דיעזע פראַגע זיי ווערען געשאַצט איינע נאָך די אַנדערע, און מען קומט צום איינציגען לאָגישען שלוס פון דער אונטערזוכונג. דאָס איינע וואָרט אורטייל דעקט אַלזאָ דיעזען גאַנצען אַקט. — צו געבען אַן אורטייל מוז מען האָבען די פעהיגקייטען צו קאָנען אונטערשיידען, אַנאַליזירען, און גרופּירען. מען מוז זיין גרינדליך בעקאַנט מיט דער נאַטור פון די גרינדע אויף וועלכע די פראַגע שטיצט זיך; מוז קאָנען זייער לאָגישען צוזאַמענהאַנג, זייער נויטווענדיגקייט אָדער נוצלאָזיגקייט אין בעצוג צו דער האַנדלענדער פראַגע.— אַ ריכטיגער אורטייל שטרעבט צו געבען דעם אויסדרוק פון דעם אמת אָדער גערעכטיגקייט. בכדי דאָס צו דערגרייכען מוז דער אורטיי־

לער זיין פריי פון יעדען אויסערען אָדער אינערליכען איינפלוס, אַחוץ דעם איינפלוס פון די גרינדע אויף וועלכע דער אורטייל איז געבויט . דער ריכטער האָט ביים אורטייל קיין בעציהונג מיט דעם וואונש אָדער בעגעהר ניט מיט דער ליעבע אָדער דעם האַס צו דעם רעזולטאַט אָדער זיינע מעגליכע פאָלגערונגען.

פילאָזאָפיש: דאָס אורטיילען איז דער וויכטיגסטער פּראָצעס פון דענקען. אויב אַן אורטייל איז אָבגעלייטעט פון אורטיילע איז דאָס אַ לאָגישער אורטייל. וויל, ביים שליעסען אַן אורטייל אָפּערירען מיר מיט אַ גאַנצע רייהע פון אורטיילע. אַן אורטייל איז אַן אויסגעשפּראָכענער בעגריף, אַלץ איינס אויב ער איז לאָגיש, עמפּיריש, מעטאַפיזיש, אָדער מעטאָדאָלאָגיש. אַן אורטייל שטעהט פעסט נאָר אַזוילאַנג, ביז עס געפינען זיך מעהר גרינדע אַלס די וואָס זיינען בעטראַכט געוואָרען ביים בויען דעם אורטייל. איין נייער גרונד קאָן אַמאָל מבטל זיין אַלע יענע גרינדע און שאַפען אַ נייעם אורלטייל.

אורטיילסקראַפט, די פערמיטלונג צווי־שען פערשטאַנד און פערנונפט. זי איז די פעהיגקייט וואָס טראָגט אַריבער די מיינונג אין דעם בעוואוסטזיין אַריין. זי פערוואַנדעלט דאָס אונקלאָהרע און אונזיכערע אין אַ פעסטען בעשלוס. זי בעגרינדעט די וואַרהייט אין דעם אורטייל (ז.ד.). זי לעגט די גרונדלאַגע פון אַלע אונזערע וויסענשאַפטען. דערפאַר ווייל דער אורטייל קומט פאָהר בלויז פאַר דעם שכל מוז ער האָבען די הילף פון דער אור־טיילסקראַפט. דער וויץ און דער שאַרף־זינן זיינען אייסערונגען פון דער אורטיילסקראַפט. אַן איבערמאָס פון דעם אורטיילסקראַפט. שאַפט ערפינדונג און פּראָגרעס. איהר טהע־טיגקייט בעשטעהט דאַרין וואָס זי פערזאַמעלט צוזאַמען אידעען, געדאַנקען, פאַקטען, אָדער דאַטומס; קאָנצענטרירט זיי אויף אַן ענגען ראַדיוס, בכדי דער אינטעלעקט זאָל זיי אַלע קאָנען בעגרייפען אויף איינמאָל.

אורטיער, ז. "אורציייגונג"

אורטיצאַ (Urtica) אַ שטעכעדיגע נוצלאָזע פלאַנצע פון וועלכע עס געבען זיבען בעקאָנטע גאַטונגען.. זיי בליהען יעהרליך צווישען יולי און אוגוסט. זייערע בלעטער האָבען דעם פאָרם פון אַ הערץ. זייער פרוכט איז אונגעניעסבאַר. זיי וואַקסען איבער גאַנץ עוראָפּאַ, סיביריען און יאַפּאַן. ספּעציעל אין די פערנאַכלעסיגטע פעלדער

אָדער גערטנער. זייער פרוכט איז אַרומגענומען מיט שטעכעדיגע נאָדעל און אינוועינדיג איז פאַראַן אַ גיפטיגער זאַפט. אַזוילאַנג ווי דער זאַפט געפינט זיך אינוועינדיג איז איהר שטאָך גיפטיג, נאָך דעם אויסקוועטשען פון דעם זאַפט איז זי נישט מעהר געפעהרליך. זי קאָן דעמאָלט אַפילו געקאָכט ווערען מיט זאַלץ און געגעסען ווערען מיט מילך. די שטענגעל ווערען געטרוקענט און פערברויכט אַלס מאַטריאַל פאַר שטריק, פאַפּיער, און ביליגע קליידער. זייערע בלעטער ווערען געגעסען פון קאַטערפּילאַרען, שמעטערלינגען און טו־בערקולאָזען.

אורטיקאַריאַ, אַ ברענענדער אויסשלאַג אויף דער מענשליכע הויט, וועלכער קומט

דורך אַן אונאָרדנונג אין מאָגען, אָדער געשטערטע מענסטרואַציע. פריהער ערשיינט דער אויסשלאַג אין דעם פאָרם פון ווייסע שפּרינקעלאַך, טיילס רונדע און טיילס לענג־ליכע. שפּעטער ווערען זיי אויך רויט און רייצענד. זיי ערשיינען און פערשווינדען שנעל אונטעראַנאַנדער. די אורטיקאַריאַ צו היילען איז ראַטהזאַם פריהער צו רייניגען דעם מאָגען אויף דעם היגעניִשען אופן, צו רעגולירען די שפּייז, די הויט איינצורייבען מיט גליצערין אָדער קאַלד־קריעם, און געבען זאַלץ־בעדער זעהר אָפט.

אורי, (חג!) אַ צענטראַל־קאַנטאָן אין שווייצערלאַנד וועלכעס גרענעצט זיך: נאָרדליך מיט שוויץ, וועסטליך מיט אונטערוואַלדען און בערן, זיד־וועסטליך מיט וואַלאַיס, זידליך מיט טעסין, און אָסטליך מיט גריסאָנס און גלאַרס. איז 32 מייל לאַנג און 19 ברייט; צוזאַמען 422 □ מיילען. דער באָדען איז בעזעצט מיט זעהר פיעלע בערג. די פיעלע הויכע בערג־שפּיצען און טיעפקייטען שטעלען פאָהר מיט זיך אַ כאַאָטישעס לאַנדשאַפטס־בילד. דער קליינסטער בערג־שפּיץ איז איבער 5,000 פוס און דער העכסטער 10,000 פוס הויך. זיי צירקלען אַרום דעם גאַנצען קאַנטאָן ווי אַ פעסטונג. בלויז דער טייך לוצערן און דער פּאַס סיינט־גאָטהאַרד געבען אַ צוטריט צום קאַנטאָן. די הויבט־שטאָדט איז אַלט־דאָרף. די איינוואוינער זיינען כמעט אַלע קאַטאָליקען, און ריידען די דייטשע שפּראַך די בעפעלקערונג איז בערך 20,000

אוריאַ, אַ דיאַלעקט פון דער סאַנסקריט־שפּראַך, וואָס ווערט גערעדט אין אָריסאַ, און איז אַ געמיש פון אַראַבישע און פערזישע ווערטער, סטיליזירט נאַך דער הינדוסטאַנישע שפּראַך. איז עהנליך צו דער בענגאַלישע אַבער רעדט זיך מיט אַ גאַנץ אַנדערען אַקצענט. האָט אויך אַן אייגענעם אַלפאַבעט מיט אָרי־גינאַלע אייגענטימליכקייטען. אונזער ביבעל איז אין איהר איבערזעצט געוואָרען אין יאָהר 1838 און אין 1819 איז שוין אַ צווייטע אויפלאַגע אַרויסגעגעבען געוואָרען. דילעצטע איז שוין אַ 10טע אויפלאַגע.

אוריאַל, נאָמען פון אַ מלאך וועלכער שטהעט אויף גאָטס לינקער זייט. די בעדייטונג פון דעם נאָמען איז: ״געטליכעס ליכט״. דורך איהם גיט גאָט ליכט צו די יודען פון די תורה. זיין נאָמען ווערט אָפט צוזאַמענגע־פּאָאַרט מיט דעם מלאך מיכאל, גבריאל, און רפאל. אַמאָל איז ער דער ערשטער און אַמאָל דער לעצטער פון די פיער. דאָס הענגט אָב אָן דעם שלחות וואָס ער האָט אויסצופיהרען אין צוזאַמענהאַנג מיט די איבריגע דריי. וויאַזוי גאָט גיט דורך איהם דאָס ליכט צו די יודען ווערט סימבאָליש אָנגעוויזען דורך משלי (כ׳27) ״נר יהוה נשמת אדם = גאָטס ליכט איז דעם מענשענס נשמה״.

אוריאָן, אָדער ״אוריין״ (תלמוד.) = לעהרע. ״בריך רחמנא דיהיב אוראן תליתאי, על ידי תליתאי, ביום תליתאי, בירחי תליתאי = געלויבט זיי גאָט פאַר די דרייפאַכע לעהרע (תורה נביאים וכתובים) וועלכע ער האָט געגעבען צו דעם דרייפאַכיגען פאָלק (כהנים, לויים וישראלים) דורך דעם דריטען (זוהן פון עמרם) אין דעם דריטען טאָג פון דריטען מאָנאַט (סיון). ז. ״דריי־איינִיגקייט״, און ״צאָהל היליגע״.

אוריגוא (אַסט.) דער גריכישער נאָמען פאַר דעם שטערנ־בילד ״פוהרמאַן״. אין דער אַסטראָלאָגיע ווערט ער אָבגעבילדעט ווי אַ פוהרמאַן (בעל־עגלה) וואָס טראָגט אויף זיין לינקען שולטער אַ ציעג. אין דיעזען שטערנ־בילד צעהלען זיך 66 שטערען אונטער וועלכע



אוריה נעהמט דעם בריעף פון דודס האַנד. (ב׳ שמואל יא׳ 14) מאַלער פרעד. באָלל.

דער גרעסטער איז דער גלענצענדסטער אין הימעל. די גריכען גלויבען אַז אוריגואַ איז אין הימעל דאָס עבענ־בילד פון דעם קעניג עריכאָטינוס, ווייל, דיעזער איז געוועזען דער ערפינדער פון דעם פיער קאַנטיגען וואָגען.

אוריה=אורי־יה דאָס ליכט, אָדער דאָס פייער פון גאָט. איינער פון די דרייסיג הויבט־העלדען פון דודס אַרמיי. שטאַמט פון חת. אויס זיין נאָמען ווערט אָבגעלייטעט אַז ער איז געוועזען אַ גר, און אז ער האָט געהייראַט בת־שבע, די טאָכטער פון אליעם. פון נתן הנביא׳ס משל איז צו זעהען אַז ער איז געוועזען איבערגעגעבען צו איהר מיט אַ זעלטענע טריַיהייט. אין דער ערשטע מלחמה מיט עמון (1035 פיצר׳) האָט ער בעגלייט יואָב׳ן אין שלאַכט־פעלד. איז אויף דוד׳ס בעפעהל אַהיימגעקומען אָבגעבען אַ רעפּאָרט פון שלאַכט־פעלד, אין דער ווירקליכ־קייט אָבער האָט ער געמיינט מיט אוריה׳ס אַהיימקומען צו פערדעקען די שאַנד וואָס ער האָט בעגאַנגען מיט בת־שבע (ז.ד.). אוריה האָט זיך ענטזאַגט צו געהען אַהיים אין אַ ציַיט ווען זיינע קאַמעראַדען ליגען אויף דעם אָפענעם שלאַכט־פעלד, און ער האָט איבער־גענעכטיגט ביים טויער פון קעניגס פּאַלאַסט. זעהענדיג אַז זיין פּלאַהן איז איהם נישט געלונגען האָט דוד איהם געלאָזט אָנ׳שיכור׳ן אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפען. אויף דעם דריטען טאָג האָט דוד איהם אַוועקגעשיקט מיט אַ בריעף צו יואָב מיט אַ בעפעהל אַז אוריה זאָל אויף דעם שלאַכט־פעלד זיין לעבען פערליערען. יואָב האָט לויט דיעזען בעפעהל אוריה געשיקט אַטאַקירען דעם פיינד אויף אַזאַ אָרט וואו ער האָט געוואוסט אויף זיכער אַז ער וועט דאָרט פאַלען. אוריה איז געפאַלען ווי אַ העלד אויף דעם שלאַכטפעלד אָהן דעם בעוואוסטזיין וועגען זיין ווייבס זינד געגען איהם. דוד האָט אָבער נאַכהער בת־שבע גע־הייראַט און איהר ערקלעהרט אַלס זיין געליעב־טע פרוי.

אורי בן שמעון, אַ געלעהרטער יוד אין ספד. געב. אין בילאָ אין 16טען יאָהר־הונד. געריהמט צוליעב זיין ווערק ״יחוס האָבות״ וועלכעס איז איבערזעצט געוואָרען פון האָ־טינגער אין לאַטיין, פון קאַרמאָלי אין פראַנ־צויזיש, און אין יודיש פון אַן אונבעקאַנטען.

דאָס ווערק ענטהאַלט אָנגעגעבענע קברים פון די אָבות, נביאים, תנאים, ואַמוראים; מיט אָנגעגעבענע אילוסטראַציעס פון די קברים און אויפשריפטען פון מצבות. ער האָט פיעלעס פון זיין מאַטריאַל געקאָפּירט פון עקזיסטירענדע מאַנוסקריפּטען וואָס שטאַמען פון יאָהר 1573. די יודישע איבערזעצונג איז אַרויס אין ווילנאַ 1853.

אוריה הכהן, אַ כהן־גדול אין דער צייט פון קעניג אָחז (738 פּיצר') און איינער פון די צוויי עדות צו זיין נבואה וועגען "מהר שלל חש בז" (ישעיה ח'). דער אַנדערער עדות איז געוועזען זכריהו בן ברכיהו. עס איז אויך מעגליך אַז דאָס איז דערזעלבער אוריה הכהן וועלכער האָט געבויט דעם מזבח פאַר אָחז (ב מלכים טז'), אויב דאָס איז דער פאַל האָט איהם ישעיה נישט גענומען אַלס עדות צוליעב זיינע אייגענע מעלות נאָר צוליעב די הויכע שטעלע וועלכע ער האָט בעקליידעט. ווען אָחז האָט דורך די הילף פון תגלת פלסר זיך בעפרייט פון דער הערשאַפט פון רצין מלך אַרם און פקח בן רמליהו מלך ישראל, איז אָחז געקומען בעזוכען זיין נייעם האַר. דאָרט האָט ער געזעהען אַן אַלטאַר וועלכער האָט איהם זעהר געפאַלען, ער האָט גלייך געשיקט צו אוריה אַ פּלאַהן פון דעמזעלבען ער זאָל אַזויאַיינעם אויפבויען אין ירושלים. אוריה האָט דאָס גערן געטהון. און ווען אָחז איז אַהיימגעקומען האָט אוריה איהם נישט געוואָרנט פון מקריב זיין אויף דיעזען אַלטאַר נאָר האָט נאָך זאָגאָר צוגעשטימט צו אַלע זיינע נישט־פרומע טהאַטען.

אוריהו בן שמעיהו, נביא און צייט־גענאָסע פון יהויקים. שטאַמט פון קרית־יערים. ער מאַכט זיך אונבעליעבט ביים קעניג יהויקים דורך זיינע נביאות וועגען דעם קומענדען אונגליק אויף ירושלים. ער וואָרנט דעם קעניג און דאָס פאָלק, זיי זאָלען אָבטרעטען פון די שלעכטע וועגען, און אַנשטאָט איהם צו געהאָרכען האָבען זיי איהם געזוכט צו הרגנען. אַלס דער קעניג האָט געזעהען אַז ער קאָן איהם נישט שטיל מאַכען האָט ער געשיקט מען זאָל איהם כאַפּען און און ברענגען צו איהם, אוריהו איז דערפאַר ענטלאָפען נאָך מצרים. יהויקים האָט נאָך איהם געשיקט אלנתן מיט זיינע העלפער איהם פון דאָרט צו ברענגען. זיי האָבען איהם געבראַכט און יהויקים האָט איהם דערשטאָכען מיט זיין אייגענע שווערט, און דעם קערפּער געוואָרפען צווישען די געמיינע קברים. דאָס זאָל האָבען פּאַסירט בערך אין 608 פּיצר'.

אוריטום באַטראַכאָסטאָמוס, ז. האָרנשוואַלם.

אוריך (Aurich) אַ רעגיערונגס בעצירק אין האַנאָווער. נעהמט אַרום דאָס גאַנצע אַמאַליגע פירשטענטום פון אָסט־פריעסלאַנד, האַרלינגעלאַנד, און יאַרדע. גרענעצט זיך אָסטליך מיט אָלדענבורג, וועסטליך מיט נידערלאַנד, און נאָרדליך מיט דעם אָסט־זעע. איז צום גרעסטען טייל אַ פלאַכעס לאַנד. אויף וועלכען עס געפינען זיך אויך פיעלע זומפּען מיט אייניגע שיפבאַרע קאַנאַלען. די גרעסטע פון זיי זיינען: דער עמס און די לעדאַ. די בעפעלקערונג צעהלט זיך אין 1919 בערך 240,058 איינוואוינער, און אין צווישען זיי בערך 2755 יודען. דער גאַנצער בעצירק האָט 7 קרייזען מיט 7 שטעדט. די זיינען: נאָרדען מיט 35,333 איינוואוינער, עמדען מיט 16,453 גרעסער עמדען מיט 20,130, וויטמונד מיט 55,545, אַוריך מיט 39,201, לעער מיט 52,871 און וועענער מיט 20,525 איינוואוינער.

אַוריך: די שטאָדט, ליגט 20 קילאָמעטער זידליך פון דער נאָרד־זעע־קיסטע, און 22 קילאָמעטער וועסטליך פון נידערלאַנד. זי איז

די הויבט־שטאָדט פון דעם גאַנצען בעצירק. צווישען איהרע איינוואוינער זיינען דאָ בערך 433 יודען מיט אַ שעהנע שוהל.

אוריכאַלקום (Aurichalcum) ווissענשאַפטליכער נאָמען פאַר מעססינג.

אַוריכאַלקיט (Aurichalcit) אַ זעהר זעלטענעס מינעראַל וואָס געפינט זיך אין לאַקטעווסק און אוראַל. עס איז גלאַנציג ווי פּערלמוטער און עהנליכט אין דער נאַטור צו אַ נאָדעל־פאָרמיגעס קריסטאָל. סובסטאַנטיוו אַנאַליזירט עס זיך צו:

וואַסער	10%
קויהלענ־זויערע	16%
זינק־אָסיד	46%
קופּער אָקסיד	28%

אוריל, (סלאַוו. מיט.) דער שוץ־פּאַטראָן פון צויבערער און ערצטע.

אורי לעססער, אַן עפּאָכ־מאַכענדער יודישער מאַלער. געב. 1862 אין בירנבוים פּויזנער פּראָווינץ, ביי אָרימע עלטערען. ווערט נאָך זיין פאָטער אַ יתום פאַר זיין בר־מצוה, שטודירט אין בערלינער רעאַל־שוהלע, געהט אַריין אַלס "לעהר־יונגע" אין אַ קאָנפעקציע, ער ווערפט דאָס אַוועק נאָך אַ צוויי־יעהריגע אונצופריעדענהייט, פאָהרט נאָך דיססעלדאָרף לערנען מאַלעריי, פאָהרט שפּעטער פאַר דעם זעלבען צוועק צו בעאָוּבאַכטען די אַקטיווע און אויסגעלאָשענע וואולקאַנען. דאָרט האָט זיך צו איהם ענטדעקט זיין געניאַלער גייסט. דאָס נאַטירליכע שוישפּיעל האָט איהם ווי פון אַ שלאָף אויפגעוועקט. אַלע זיינע אַנזיכטען וואָס ער האָט געווינען אין דער שוהלע פון לעהרער, און פון די בילדער־גאַלעריען זיינען פון איהם פערשווינדען. ער האָט מיט זיין שאַרף אויג, אין ערשטען מאָמענט בעמערקט ווי פאַלש די מאַלעריי האָט ביז דעמאָלט די נאַטור פערשטאַנען. ער האָט דאַרוים געלערנט אַז פאַר איהם שטעהט נאָך אַ נייעס פעלד בעאַרבייט צו ווערען, און ער האָט זיך גלייך גענומען אַרויפפיהרען זיינע נייע אַנשויאונגען אויף דעם לייננוואַנד.



שווער האָט ער געהאַט צו קעמפען מיט דער פאַנאַטישע וועלט וועלכע וויל זיך נישט שיידען פון איהרע אָבגעטער. מאַרטין בובער זאָגט וועגען איהם: איידער ער איז אַלט געוואָרען פירציג יאָהר האָט ער שוין אָבגעליטען די צרות פון אַ קינסטלער, פון אַ יוד, פון אַ גייסטיגען פּראָליטאַריער, פון אַ טרוימער, און פון אַ נביא. יעדער נייער שמערץ וואָס האָט איהם דערטאַפּט האָט איהם נאָר העכער געהויבען אויף זיין מאַרש באַרג־אַרוף, זיינע אויגען נאָך שאַרפער און זיכטיגער געמאַכט, און זיין מוטה פערגרעסערט. מען קאָן אויף איהם זאָגען אַז זיינע צרות האָבען איהם געמאַכט פאַר אַ מייסטער. אינסטינקטיוו האָט ער געפיהלט אַז, צו בעזיעגען אַזאַ וועלט מיט אַזעלכע צרות איז פאַראַן בלויז איין וואַפע: איגנאָרירען און ווייטער ווירקען. ער

איז אַוועק אין אַ דאָרף אין בעלגיען הינטער בריסעל, האָט דאָרט געמאָלען אייניגע טאָנבילדער נאָך זיינע אייגענע אַנזיכטען, האָט זיי אויסגעשטעלט אין פּאַריז און אין מינכען, וואו די גריהמטעסטע קינסטלער פון יענער צייט: באָנאַט, גערוועקס, פּילגהיים, אוהדע. און האָבערמאַן האָבען מודה געוועזען אַז דאָ איז ערשינען אַן אויסערגעוועהנליכע קראַפט. נאָך דיעזען ערשטען זיעג האָט ער שוין געוואַגט זיך צו בעזעצען אין זיין ליעבלינגס שטאָדט בערלין.

זיינע צרות וואָס ער האָט געליטען אַלס יוד האָבען איהם נישט געלאָזט פערגעסען אַז ער געהער צו אַ פּאָלק וואָס האָט דער ווילדע וועלט געגעבען אַ ביבעל וואָס האָט איהר ציוויליזירט. דער אונדאַנק וואָס דאָס יודישע פּאָלק קריגט דערפאַר האָט איהם שטאָלץ געמאַכט אַז ער איז אַ קינד פון דיעזען פּאָלק. ער האָט זיין שאַרפעס אויג אַריינגעטהון אין דיעזער ביבעל, אַ קוואַל פון נייע פאַנטאַזיען האָט זיך דאָרט פאַר איהם ענטדעקט. ער האָט גענומען ריידען מיט פאַרבען די שפּראַך פון די נביאים. ירמיהו איז איהם פאָרגעקומען ווי אַ וואולקאַן וואָס שליידערט פייער נאָך אַלע זייטען. ער האָט אַזאַ ירמיהו אַרויפגעפיהרט אויף דעם לייוואַנד מיט דער פּסיכאָלאָגישער געניאַליטעט ווי נאָך קיין מאַלער האָט בעוויזען. מען קאָן אויף דיעזע בילדער קוקען טאָג־טעגליך מיט דערזעלבע פרישקייט ווי אין ערשטען אויגענבליק. "דער מענש" ווי ער איז געבונדען מיט זיין שווערען גוף צו דער ערד און זיין בליק געריכטעט צום הימעל; "די טרויערענדע יודען נאָך דעם חורבן בית־המקדש"; "יעקב בענשט בנימין"; "אָדם וחוה" און נאָך אַנדערע ביבלישע בילדער האָבען איהם געשאַפען אַ פיעל גרעסערע פּאָפּולאַריטעט אַלס די פּראָפּאַנע. ער האָט שוין געהאַט אַלע אורזאַכען זיך צו פרעהען מיט זיין דערגרייכטען גליק, שטערט איהם אָבער דאָס אונגליק פון זיין פּאָלק. ער זאָגט ("אָסט און וועסט" I) "די יודישע קונסט ווערט געזוכט פון די קריסטען. דער רייכער יוד וועט זוכען אויסצומיידען יעדען סימן פון יודישקייט אויס זיין הויז. אויב די יודישע קונסט ליידעט, ליידעט זי נאָר ווייל די יודען גופא אונטערדריקען איהר.

אורים ותמים, דיעזע צוויי ווערטער וועלכע רעפּרעזענטירען בלויז איין זאַך, זיינען ניט סובסטאַנטיוו נאָר אַדיעקטיוו. לויט זייער עטימאָלאָגיע פערטייטשען זיי זיך מיט: "קאָרעקטע מיטטיילונג". אורים פון אור=ליכט=קלאָהר, תמים פון תם=גאַנץ אָדער קאָרעקט. פאַרזיך זיינען זיי קיינמאָל געברויכט געוואָרען, שטענדיג נאָר מיט דעם חושן ואפוד זייער אַדיעקטיווער נאָמען איז אַלזאָ אָבהענגיג אָן דעם סובסטאַנטיוועז, ד.ה. אָן דעם "חושן ואפוד".

וואָס זיי זיינען געוועזען פאַר זיך איז שווער צו זאָגען. זייער קאַראַקטער איז אין דער ביבעל וועניג בעשריבען געוואָרען. וואָס מיר ווייסען וועגען זיי איז בלויז זייער פונקציאָן; און דאָס, אויך נאָר דעמאָנסטראַטיוו, און נישט אַקטיוו. מיר ווייסען אַז ביי משה'ס טוידט האָט יהושע בעקומען דעם בעפעהל, זיך צו שטעלען נעבען אליעזר הכהן גדול אין יעדער פערלעגענהייט, און פרעגען דעם אורים ותמים. דערמיט הויבט זיך אָן די בעציהונג צווישען גאָט און די יודען אויף אַן אינדירעקטער וויזע. אין משה'ס צייטען איז דאָס נישט נייטיג געוועזען, ווייל משה איז געשטאַנען אין דירעקטער בעציהונג מיט איהם. נאָך ווייסען מיר, אַז גאָט האָט געהייסען אַריינלייגען די אורים ותמים אין דעם חושן ואפוד אַריין. דאָס מיינט אַזויפיעל ווי אַז, ער האָט נישט געקאָנט ווירקען אָהן דעם

חושן ואפוד, אַז מיט זיין אַריינלייגען אין דעם חושן ואפוד איז דער חושן ואפוד אַקטיוו געוואָרען, און אַז ער איז דערפאַר בעטראַכט צו ווערען בלויז אַלס אַן ערגענצונגס טייל צום חושן ואפוד.

די גאַנצע אידעע פון חושן ואפוד שיינט צו זיין אַן עגיפטישע. אַעליאַן און דיאָדאָר זאָגען אַז די אויבער־פּריעסטער פון עגיפּטען האָבען געטראָגען אַרום דעם האַלז אַ שנור מיט עדעל־שטיינער, דורכגעמישט מיט געטשקעס (תרפים). צווישען זיי איז געוועזען דאָס בילד פון דער געטין "טמע" (העבר. טמא). מיר ווייסען אַז פּרעה פלעגט באַזוי פרעגען עצות. דאָס מיינט אַז די פאָרשטעהער פון דער רעליגיאָן האָבען געהאַט דאָס וואָרט פון דער געטליכע אויטאָריטעט. פּרעה אַליין איז אויך געוועזען אַ כהן גדול. זיין ערדישע אויטאָריטעט האָט זיך אַלזאָ געשטיצט אויף דער געטליכע. דאָס פאָלק האָט אין דעם גע־גלויבט און איז דורך דיעזען גלויבען געוועזען פעראייניגט און געהאָרכזאַם. די גאַנצע אידעע איז אַלזאָ געוועזען בלויז, אַ מיטעל צו פעראיי־ניגען דעם גייסט פון פאָלק צו ווירקען פאַר זיין עקזיסטעץ. דאָס יודישע פאָלק האָט אין זיין קנעכטשאַפטס־צייט נישט געקאָנט בלייבען אונבעאיינפלוסט פון אַזאַ אונגעהייערע קראַפט. עס איז דאַרום אויך לאָגיש געוועזען פאַר די פיהרער פון דעם יודישען פאָלק, דיעזען איינגעבירגערטען געפיהל אויסצו־ניצען פאַר דעם בענעפיט פון יודישען פאָלק. בכדי זיי צו געבען אַ נייען גלאַנץ האָט מען זיי אַנאָמען געגעבען "די קאָרעקטע און די קלאָהרע", דערפאַר: "אורים ותמים".

גרעץ ווייזט אָן אויף שופטים כ׳ 27 אַז דער חושן ואפוד מיט דעם אורים ותמים זיינען פון דעם פאָלק בעטראַכט געוואָרען נישט אַלס הייליגקייט נאָר אַלס אַ צויבער־מיטעל מיט וועלכען צו קענען בעקעמפען דעם פיינד. אַ גרויסע ריידע האָט דער אורים ותמים קיינמאָל נישט געגעבען. שטענדיג קורץ "יאָ, ניין; געה, געה־נישט". אַלזאָ אַ סאָרט "קאָדע" (ז.ד.). אין אַ צייט פון אַ פאָלקס־אַנגסט, האָט אַזאַ אינסטרומענט אויף דער ברוסט פון כהן גדול, אין דעם זעהר רעספּעק־טירטען היכל פאַר דעם אָרון, געמוזט האָבען אַ היפּנאָטישע קראַפט אויף די וואָס האָבען געוואַרט אויף אַן ענטפער. אויף וועלכער ווייזע דאָס איז געמאַכט געוואָרען האָט אין אַזאַ מאָמענט קיינעם נישט געקימערט. אַזוי־לאַנג ווי דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אַז דער כהן גדול מיט זיין אורים ותמים, שטעהען דורך דער שכינה אין פערבינדונג מיט גאָט. אין אַזאַ גלויבען איז דער ענטפער נישט מעהר דיספּוטירט געוואָרען.

אורין, די פליעסיגקייט וואָס שיידט זיך אָב פון דעם בלוט, דורך די ניערען אין דעם האַרנ־ביטעל אַריין פאַר דעם אָבפלוס. מיר אַדאָפּטירען דיעזען נאָמען ווייל, אַזוי הייסט ער אין לאַטיין, ענגליש, פראַנצויז, איטאַל־יעניש, שוועדיש און דעניש. אין העברעיש הייסט ער: השתנה, אין רוסיש: מאָצאַ, אין בעהמיש: מאָץ און אויך פיס, אָדער פיש, און אין דייטש: האַרן.

ער בעשטעהט פון אַ מענגע וואַסער, אין וועלכען עס זיינען אויפגעלעזט פערשיעדענע זאַלצען און שטאָפען וואָס דער קערפּער קאָן מעהר נישט פערברויכען. ער זאַמעלט זיך טראָפּען־ווייזע אין דעם האַרנ־ביטעל ביז זיין קוואַנטיטעט פעראורזאַכט אַ שפּאַנונג, וועלכע רייצט די צוזאַמענגעצויגענע ענדען זיך צו עפנען און אויסלעדיגען דעם אינהאַלט. ביים נאָרמאַל־געזונדטען מענשען איז ער קלאָהר, דורכזיכטיג, געל־בלייך אין קאָליר, מיט אַן אייגענטימליך ביטערן זאַלצ־גערוך. זיין ספּעציפישעס געוויכט איז פון 1.03 ביז

1.005 זיין מענגע איז פערשיעדען אין פערשיעדענע צייטען, אונטער פערשיעדענע אומשטענדען. דורכשניטליך לאָזט דער מענש פון זיך 52 אָנצעס אורין אין 24 שטונדען. דאָס איז גלייך צו 3½ קוואָרט. ווען אויסגע־קאָכט ביז צו אַ געדיכטע פליסיגקייט שטעלט זיך אָב עפּעס מעהר ווי 1 אָנץ סאָלידע שטאָפען וועלכע ווערען אונטען בעהאַנדעלט אין זעלבען אַרטיקעל.



אַ טראָפּען פון דעם "אורין" וואָס קומט פון אַ טיפוס ליידענדען. ער איז פיעל פערגרעסערט. די דונקלע קוואַדראַטעלעך מיט צלם־לעך אינמיטען זיינען דער אָקסאַלירטער ליים די בינטלעך פעדים זיינען קריסטאַל־פעדים פון האַרנ־זויערע, און די רעשט זיינען די זאַלצ־זויערע, אָדער אורט פון סאָדאַ.

דער קאַראַקטער פון דעם אורין ענדערט זיך לויט די צייט פון טאָג: אויב פאַר אָדער נאָך דעם עסען; אויך נאָך דעם אינהאַלט פון דעם עסען אָדער טרינקען. אין זומער איז די קוואַנטיטעט קליינער ווייל דער קערפּער שוויצט אוים דורך די הויט אַ טייל פון איהם, און אין ווינטער מעהר ווייל, די הויט ציהט זיך צוזאַמען און שוויצט נישט מעהר. דאָס עסען פון זאַלציגע שפּייזען פערגרעסערט זיין קוואַנ־טיטעט אַחוץ די עקסטראַ וואַסער וואָס ווערט פאָלגליך געטרונקען. אויך דער גייסטיגער צושטאַנד פון דעם מענשען האָט אַ גרויסען איינפלוס אויף דער קוואַנטיטעט לויט דער

פּראָפּאָרציע צו דער שרעק אָדער מורא.

זיין קאָליער ענדערט זיך פון דער ערשטע מינוט פון זיין אויסגאַנג. 7 אָדער 8 שטונדען שפּעטער נעהמט ער צייגען אַ פערדונקלונג אינמיטען דער כלי. דאָס פּאַסירט דורך די אויפלעזונג פון די פוילענדע אַנימאַלע (ז.ד.) סובסטאַנצען וואָס ער ענטהאַלט. פון דיעזען מאָמענט אָן זעהט דער זאַכ־קענער אין איהם סמנים פון דעם געזונדטהייטס-צושטאַנד אין



אַ טראָפּען "אורין" פון איינעם וואָס לייד אויף פּאַראַליזים אין אַ טייל פון חוט השדרה די גרעסערע קוואַדראַטען זיינען פאָספאָר פון אַמאָניאַ און מאַגנעזיע. די רונדע גלאָבולען בעשטעהען פון זאַלצ־זויערע אַמאָניאַ, און די אַנדערע פון אַלקאַליזירטען האַנשטאָף. אויך פיעל פערגרעסערט.

דעם קערפּער אוים וועלכען זיי קומען. פון אַ וואַסער־זוכטיגען קומט ער קלאָר ווי וואַסער. פון אַלע קראַנקהייטען וואָס זיינען פערבונדען מיט אונפערדייאונג קומט ער רויט, ביי ניערענ־קראַנקהייטען איז ער רייך מיט איי־וויים, דאָס זעלבע אויך ביי אַלע קראַנקהייטען פון אַ פיבערישע נאַטור. היפּור־זויערע געפינט מען ביי ליידענדע אויף דער האַרנ־בלאָז, ווהערענד דער שוואַנגערשאַפט געפינט זיך אין דעם ווייבליכען אורין פוטער־זויערע. ביי דער שטערונג פון די פונקציאָנען אין די ניערען פערוואַנדעלט זיך די קויהלענ־זויערע גלייך צו אַלקאַלי. ביי אַזעלכע וואָס עס וואַקסט

אַ שטיין געפינט זיך אָקסאַל־זויערע. ביי שקראָפּעל און ראַכיטיס לײַדענדע איז דער אורין רייך אין קלעע־זויערע, און ביי צוקער־קראַנקע איז ער רייך מיט צוקער. ביי ניערענשלאַג איז ער ציגעל־רויט, ביי געל־זוכטיגע איז ער רייך אין כאָלעפּירין, און ברייט׳שע קראַנקהייטען האָט ער מעהר ווי געוועהנליך פון איי־ווייס שטאָפען. אַ טיפּוס קראַנקער אורין איז זעהר רייך אין איי־ווייס שטאָפען. אזוי אויך ביי שאַרלאַך, בלאָטערען, טובערקולאָזיע, און הערצ־קראַנקהייטען. ביי שווערע ניערענ־קראַנקהייטען איז ער אַזוי רייך אין איי־ווייס אַז, ער ווערט ביים אויפוואַרמען געדיכט ווי אַ פּאַפּ.

גערוך: זיין גערוך פון אַ געזונדטען מענש איז אַביסעל שטאַרקער ווי דער גערוך פון שווייס. פון איינעם וואָס לײַדעט אויף אַ וואַקסענדען שטיין אין דעם האַרנ־בלאָז שטינקט ער זעהר ווייט. ציבעלעס און קנאָבעל טראָגען אַריבער זייער גערוך אין אורין אַריין, און דאָסזעלבע פּאַסירט דורך עסען אַנדערע פלאַנצען וואָס האָבען אַ שטאַרקען גערוך.

כעמיש: וואַסער איז זיין הויבט באַזיס. דאָרט וואו זיין אָבפלוס ווערט פערקלײנערט פערגרעסערט זיך זיין אינהאַלט פון די אַנדערע שטאָפען. אורעאַ (ז.ד.) איז דער הויבט באַזיס פון די סאָלידע סובסטאַנצען אין אורין. דער נעקסטער גרעסטער טייל איז אַמאָניאַק. צוזאַמען האָט דער אורין פאָלגענדע עלעמענטען:

וואַסער	933.00
האַרנ־שטאָף (אורעאַ)	30.10
מילכ־זויערע מיט אַמאָניום	17.14
האַרנ־זויערע	1.00
שלוים	0.32
שוועבעל־זויערע קאַל.	3.71
שוועבעל־זויערע נאַטראָן	3.71
פּאָספאָר־זויערע „	2.94
פּאָספאָר־זויערע אַמאָניום	1.65
קאָכ־זאַלץ	4.45
כלאָר־אַמאָניום	1.50
קאַלק און טאַלק ערד	1.00
קיעזעל־ערד	0.63
	1000

ביי פערשידענע קראַנקהייטען ענדערען זיך די פּראָפּאָרציאָנען. די נייע עלעמענטע וועלכע ערשיינען אין פערקראַנקטען קערפּער ווערען בעשטימט נאָך דער אַנאַליטישע אונטערזוכונג אין לאַבאָראַטאָריום.

אַוריאַק (Aurilliac) אַ פראַנצ. שטאָדט אין דעם קאַנטאַל דעפּאַרטמענט. איז די הויב־שטאָדט פון דער פּראָווינץ פון זעלבען נאָמען. נעהמט אַרום 8 קאַנטאָנס. איז פערבונדען מיט דער אָרלעאַנס־אייזענבאַהנ־ליניע. אין 1910 איז איהר בעפעלקערונג געווען 17,459 איינוואוינער. איז שעהן געבויט. האָט גימנאַזיען, אַ ביבליאָטעק, און איניגע ציוויל־אינסטיטוציעס. איהרע אינדוסטריען זיינען: ליים, שאָקאָלאַד, ליכט, פּאַפּיער, טאַפּעטען, לעדער, און שפּיצענ־וועבערייען. איהר האַנדעל בעשטעהט צומעהרסטען פון פערד, רינד־פיה, קופּער־געשיר, און מינעראַליען. זי איז גערינדעט געוואָרען אין יאָהר 884 יצר׳.

אַורי־פּיגמענט, אַ גלאַנצענד געלער מינעראַל. בעשטעהט אויס 61% אַרסען און 39% שוועבעל. איז אַ שפּאַלטבאַרע מאַסע מיט אַ איבערפלאָסענע אויבערפלעך. איז פעט כמעט ווי דער דיאַמאַנט און איז געל ווי אַן אָראַנזש. לאָזט זיך לייכט שפּאַלטען צו דינע בלעטער און איז דעמאָלט דורכזיכטיג. האָט גריענע שטרייפען, און ווען מען שטעכט מיט אַן אָעל אין אַזאַ שטרייף שפּאָלט ער זיך גלייך. זיין ספּעציפישעם געוויכט איז 3.48 און איז ווייכער ווי גיפּס. געפינט זיך אין אונגאַרן, וואַלאַכיי; אַבער קאָן אויך קינסטליך רעפּראָדוצירט ווערען אויף אַ נאַסען אָדער אויף אַ טרוקענעם אופן. ווערט געברויכט אין דער פאַרבעריי, און איז ביי דער אַרבייט זעהר גיפטיג.

אורי פייביש, העברעיש־יודישער דרוקער אין אַמסטערדאַם. דאָרט געב. אין 1623 און געשט. אין 1715. אַ זוהן פון ר׳ אַהרן דער חזן פון דער קהילה "נווי שלום" אין אַמס־טערדאַם. לערנט די זעצעריי ביי עמנואל בעַ־נעוויסטע, און אין וועלכענס דרוקעריי ער האָט געאַרבייט ביי פּאַפּענהיימס "משלי חכמים" אין 1656. מיט צוויי יאָהר שפּעטער עפענט ער אויף אַן אייגענע דרוקעריי וועלכע ער האָט אָנגעהאַלטען פאַר 31 יאָהר. אינצווישען דיעזע צייט האָט ער געדרוקט אַ מחזור על־פּי נוסח אַשכנז, אַ מחזור על־פּי נוסח ספרד, אַ שולחן ערוך, דעם חושן משפּט, און אַ יודיש־דייטשע איבערזעצונג פון דער ביבעל בשותפות מיט יקותיאל בליץ, וועלכער האָט ביי איהם גע־אַרבייט אַלס קאָרעקטאָר. ביי אַזאַ אונטערנעה־מונג איז זיין קליינעס קאַפּיטאַל שנעל אויס־געטרוקענט געוואָרען, איז ער דערפאַר געצ־וואונגען געוועזען צו געווינען צוויי קריסט־ליכע קאַפּיטאַליסטען וועלכע זאָלען איהם אויסהעלפען פערענדיגען זיין אויפגאַבע. די צוויי טיילנעהמער זיינען: שאָפּען ווילהעלם בלאָו און לאָרענץ באַל האָבען ביים פּוילישען קעניג סאָביעצקי אויסגעווירקט אַ פערבאָט נאָכצודרוקען דיעזע ביבעל אין פּוילען פאַר 20 יאָהר. אָבער, איידער אורי איז פערטיג געוואָרען מיט דיעזער איבערזעצונג איז אַרויס אַ קאָנקורענט יאָסעל אַטיאַס,אויך אַ דרוקער, אין דערזעלבע שטאָדט, און האָט אַפּעליערט צום קעניג פון האָלאַנד ,נאָך אַן עהנליכע פּריווי־לעגיע איבער גאַנץ האָלאַנד, און ער האָט זי אויך בעקומען. דער משיג־גביל האָט אויפ־געריצט די רבנים פון ביידע צדדים, עס איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסע מחלוקה איבער דעם, יעדער צד האָט גענומען זוכען פעהלערען אין דער איבערזעצונג פון דעם אַנדערען צד, אַפּילו דער ועד אַרבע אַרצות איז געוועזען שטאַרק בעטייליגט אין דיעזע מלחמה. עס זיינען געהאַלטען געוואָרען צוויי אסיפת הרבנים אין יאַראָסלאַוו און אין לובלין, וואו עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו שטיצען די אויסגאַבע פון אורי, און צו שטערען די פערברייטונג פון די קאָנקורירענדע.

אוריקולאַ, (Auricula) וויסענשאַפטלי־כער נאָמען פאַר די גאַטונג לונגען־שנעקען, וועלכע זיינען אויף דעם רוקען בעהאַפטעט מיט אַ האַרטע שאָל, און אין וועלכער זיי קאָנען זיך ארייגציהען און בעהאַלטען. דיעזע געפינען זיך צומעהרסטענס ביי די ברעגעס פון ימים צווישען פערפוילטע בלעטער און האָלץ. זיי וואַנדערען אָפּט פון די ים־ברעגעס נאָך די בערג. זיי זיינען פאַראַן בערך 200 אַרטען, פון וועלכע עוראָפּאַ האָט בלויז אייניגע.

אוריתא (תלמוד.)=געזעץ, אָדער די לעהרע פון געזעץ. א. בעציהט זיך אויף תורת־משה ווי אויף דעם תלמוד (שבת קי"ו).

אורכאַן, אַ טירקישער סולטאַן אין 1326, דער זוהן פון אָסמאַן, געריהמט אַלס אַ גרויסער קריגס־העלד. ער האָט עראָבערט גאַנץ קליינ־אַזיען, ער האָט אָרגאַניזירט די ערשטע טרופּען פאַר אַ שטענדיגע אַרמיי. ער האָט אָרגאַניזירט זיין שטאַאַט אויף דעם גרונד פון קאָראַן, און איז דערפאַר פון די זייניגע בעטראַכט געוואָ־רען אַלס אַ היילינער. ער איז געשטאָרבען אין ברוסאַ אין יאָהר 1359.

אורלויב, די פרייע צייט וואָס ווערט ערלויבט אַ בעאַמטען זיך אָבצורוהען פון זיין שטענדיגע בעשעפטיגונג. דאָס ווערט געגעבען צו מיליטערישע און ציוויל־ בעאַמטע אין אַלע לענדער אין פערשיעדענע צייטען. אין מאַנכע לענדער אַ מאָנאַט אין יעדען יאָהר, און אין מאַנכע 3 מאָנאַטען יעהרליך. אין אַמעריקאַ הייסט דאָס וואַקיישיאָן.

אורמיאַ, די שעהנסטע שטאָדט אין דער סאָוויעטישע רעפּובליק פון אַזערביידזשאַן (ז.ד.), האָט בערך 32,000 איינוואוינער, דערונטער בערך 1,000 יודען. איז רייך אין אויבסט־גערטנער. האָט אַמאָל געהייסען: "טהאַבאַרמאַ", און איז פון די פּערזער פערהייליגט געוואָרען אַלס דער געבורטס־אָרט פון צאַראָאַסטער. אַ שעהנער טעמפּעל וואָס איז דאָרט געשטאַנען איז פון קייזער העראַקלוס פערניכטעט געוואָרען.

אין דער וועלט־מלחמה, ווען אַזערביידזשאַן איז נאָך געשטאַנען אונטער דעם רוסישען קאָנטראָל, האָבען די טירקען אַטאַקירט דעם וועסטליכען טייל פון דיעזע פּראָווינץ, אויף צוויי זייטען. די רוסען האָבען דאָרט געהאַט אַ זעהר קליינעם גאַריסאָן זיך צו פערטיידיגען. די טירקען זיינען אַריין אין אורמיאַ, האָבען מאַסאַקרירט די מענער, אַלטע פרויען, און די שעהנע יונגע האָבען זיי אַהיימגעפיהרט צו זיך. זיי האָבען די פּראָווינץ אויסגעלעדיגט פון אַלע לעבענס־מיטעל. אַ טיפוס האָט אויסגעבראָכען, דער אַמעריקאַנער רויטער־קרייץ איז אַהינגעשיקט געוואָרען צו העלפען, דיעזע האָבען בעריכטעט צו דער עפענטליכע וועלט וואָס דאָרט איז פאָרגעגאַנגען, רוסלאַנד האָט גלייך געשיקט מיליטער די טירקען צו פערטרייבען... יאָגען, דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען 20 מאָנ. איידער די טירקען זיינען פון דאָרט פערטריבען... פעריאָגט געוואָרען. אין די לעצטע צייטען האָבען דאָרט נאָך פּאַסירט איניגע שלאַכטען, ביז אַזערביידזשאַן איז פון די באָלשעוויקען בעזיעגט געוואָרען (ז."אַזערביידזשאַן".)

אורמיאַ, דער וויכטיגסטער טייך פון פּערזיען, לויפט אויף דער וועסטליכע זייט פון אַזערביידזשאַן, און איז בערך 34 מייל פון טאַבריץ. ער איז 4320 פוס איבער דעם ים־שפּיגעל, 80 מיילען לאַנג פון נאָרד צו זיד, זיין ברייטעסטע שטעלע איז 25 מיילען, און פערנעהמט אַ שטח פון 1900 □ מיילען. איז דורכשניטליך 12 פוס טיעף. דאָס וואַסער איז רייך מיט זאַלץ, וואָס ווערט גערעכענט אויף 25 פּראָצ. געוויכט. איז דערפאַר צו שווער פאַר דעם ווינד צו האָבען וועלכען איינפלוס איבער זיין אויבערפלעך. אין איהם לעבען קיינע פיש אָדער מאָלוסקען. ער טרוקענט אויס לאַנגזאַם, און לאָזט הינטער זיך אַ לאַגער פון זאַלץ, דער האַנדעל מיט וועלכען עס שפּייזט זיך כמעט דאָס גאַנצע קורדיסטאַנישע פאָלק.

אורנאָרדישע שפּראַך, נייער נאָמען פאַר די אַלט־נאָרדישע שפּראַך וועלכע האָט עקזיסטירט ביז 1,000 פון יצר' און האָט זיך אויפגעלעזט אין פאָלגענדע דיאַלעקטען: נאָרוועגיש, דעניש, שוועדיש, און איסלענדיש. איהר שריפט איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען דאָס רונישע אַלפאַבעט (ז."אַלפאַבעט").

אורנען, קריגעלעך אָדער טעפּ אין וועלכע עס ווערען בעהאַלטען די אַש פון פערברענטע מענשען. זיי זיינען געמאַכט פון ערד, ליים, אָדער מעטאַל. לעצטענס אויך פון גלאָז. די אַמאָליגע גריכען, איטאַל־ענער, גערמאַנען און סלאַווען פלעגע פערברענען פיעלע פון זייערע טוידטע און פלעגען בעהאַלטען די אַש אין אַזעלכע אורנען. פיעלע פון זיי ווערען לעצטענס געפינען ביים אויסגראָבען די ערד פאַר געוויסע צוועקען, און זיי ליפערען אָפט זעהר אינטערעסאַנטעס מאַטריאַל, פאַר דער אַלגעמיינע געשיכטע, ווי אויך פאַר די לאָקאַלע. ז."בעגרעבניש", און "קאַטאַקאָמבען".)

אורסאָן, (Erythizon dorsatum) אַ מיטגליעד פון דער שטאַכעל־שווינען פאַמיליע. האָט אַ פלאַכען עק וואָס איז בעדעקט מיט שטייפע חזיר־האָאָר (שטאַכעל), אַ קורצען דיקען קאָפּ. אין די פאָדערשטע פיס האָט ער צו 4 און אין די הינטערשטע צו 5 פינגערנעגעל, מיט וואָרציגע זוילען. אַרום דעם לייב



האָט ער אַ דיקען פעל . די האָאר אויף דעם
קאַרק זיינען גרעסער אַבער די אויף דעם
בויך זיינען באָרשטיגער. דער קערפּער איז
80 סענטימעטער לאַנג, דער עק 16 , די שטאַכעל
פון 8 ביז 11 סענטימעטער. זיין פלייש
ווערט געגעסען פון די נאָרד-אַמעריקאַנער.
דער אורסאָן לעבט מייסטענס אויף ביימער,
אין די וועלדער פון קענעדע. זיין קאָליער
איז פון שוואַרץ ביז ברוין און ווייס.

אורסינוס אַרקטאָצעפאַלוס, אַ גאַטונג ים-בעערען, (Ursinus Arctocephalus)
אונטערשיידעט זיך פון די ים-לייבען דער־מיט וואָס זיינע פיס זיינען בעסער ענטוויקעלט. ער קאָן אויף זיי שטעהן אָדער געהן. זיין פעלץ איז גרוי-ברוין. איז ווייך און וואַרם. ווערט פיעל געשעצט אין האַנדעל.

והערענד די האָאר פון זיין קערפּער זיינען
עס איז איהם שווער צו פאַנגען ווייל, ער
ווייך, זיינען אַבער די פון זיין קאַרק שטייף.
איז, נישט נאָר רירעוודיג אין וואַסער, נאָר
אויך זעהר פלינק צום לויפען אויף דער
יבשה. דער געשווינדעסטער לויפער קאָן איהם
זעלטען לאַנג נאָכלויפען.

ער לעבט פּאָליגאַמיש. האָט אָפט פון 40
ביז 50 ווייבער. די פאַמיליע שטייגט אָפט
צו 120 אין צאָהל. די פאַמיליע האַלט זיך
אָבגעטיילט פון אַנדערע פאַמיליעס. אויב אַ
פרעמדלינג ווערט אַמאָל דערטאַפּט ווערט אַ
געשלעג ביז ער ווערט בעזייטיגט. אין
געשלעג נעהמען אַנטייל ביידע געשלעכטער.
דער זכר איז אַ טיראַן צו זיינע ווייבער.
טאָמער לאָזט אַ מוטער פאַלען אַ קינד וועט
ער צו איהר צולויפען מיט אַ כעס, און
איהר בייסען ביז בלוט. זיי ריידען זיך
צוזאַמען דורך ברומען און גרימאַסען. זיי
צייגען זיך דאַרין אַזוי אינטעליגענט דאָס
אַ גוטער בעאויבאַכטער קאָן זיי לייכט
פערשטעהן. זיין קול עראינערט אָן דאָס
מרוקען פון אַ קוה. ווען פערוואונדעט שרייט
ער ווי אַ געוואונדעטער הונד.

זיין עהנליכקייט צום פיש-אָטטער (ז.ד.)
איז אַזוי גרויס, און זיין לעבענסווייזע
אַזוי עהנליך דאָס פיעלע פאַרשער פערטוישען
איהם מיט יענעם. זיין שפייז ציהט ער פון
ים. פיש איז זיין הויבט מאַכל, דאַן ווייב־
טיערע. אויב ער קאָן לעבען אויך אויף דער
יבשה איז אונבעוואוסט. מען רעכענט אָבער
פון זיין פעהיגקייט צו לויפען, אַז יאָ. ער
וואָלט אַנדערש נישט געהאַט ענטוויקלען זיינע
פיס פאַר דיעזע פעהיגקייט.

אורעא, דער הויבט-סובסטאַנץ פון אַלע סאָלידע סובסטאַנצען אין דעם אורין (ז.ד.) און בעשטעהט פון פאָלגענדע עלעמענטען:

4	טייל	וואַסער-שטאָף
2	טייל	קויהלען-שטאָף
2	טייל	זויער-שטאָף
2	טייל	שטיק-שטאָף

ווען פערמישט מיט שליים ענטוויקעלט זיך דערויס אַ קויהלען-שטאָפיגער אַמאָניאַק, און מיט דער צייט אויך אַלקאַלי. אויב דער שליים ווערט פון דעם אורין אָבגעטיילט בלייבט ער פאַר אַ צייט אונפערענדערט. לויט עקספּירי-מענטען פון בישאָף, ליביג און אנדערע, קומט די אורעאַ פון פערצעהרטען פלייש אין דעם מענשליכען קערפּער, ווי אויך פון דעם פערצעהרענדען, אָדער הונגערענדען אייגענעם גוף.

אורעבי, ז. "בלייכ-באַק".

אורעאוס, (לאַט. Aureus Denarius) אַ געוועהנליכע רוימישע מטבעה פון גאָלד. איהר בעטראַג איז גלייך צו 25 דענאַרין. איניגע פון זיי געפינען זיך אין בריטישען מוזעום און וועגט 121 גריינס. פּליניוס זאָגט אַז, צוערשט זיינען דיעזע מטבעות געמאַכט געוואָרען 40 צו אַ פונט געוויכט. נעראָ האָט זיי פערקליינערט אויף 45 צום פונט. זייער ווערט איז נאַטירליך דאַדורך פערקליינערט געוואָרען.
היילינגע, מאַרטירער, און בתולות.

אורעאָלא, אין דער קאַטוילישע טעאָלאָגיע די גאָלד-שיינענדע שכינה אַרום די קעפּ פון

אורעגאַ, אַ לאַנד-שטרעקע נאָרדליך פון ניאַנגווע אין אָסט-אַפריקאַ. בעשריבען פון סטענלי אַלס איינע פון די אַנציהענדסטע געגענדע אין יענעם וועלט-טייל. ער זאָגט אַז די וועלדער זיינען דאָרט אַזוי געדיכט, און די ביימער אַזוי גרויס און ברייט, אַז דער וואָס געפינט זיך אונטער אַזאַ בוים אין איינעם פון יענע וועלדער, ווייסט אַפּילו נישט וואָס פאַר אַ וועטער עס איז אויף דר'איסען. זעהר אָפט שפּריצט אַרויס וואַסער פון דער ערד אַזוישנעל ווי מען טרעט אַרויף אויף אַזאַ פייכטען גרונד, וועלכער איז פון אויבען אַביסעל צוגעטרוקענט. אויב אַ שלאַקס-רעגען גיעסט זיך איבער אַזאַ וואַלד בלייבט ער אויף די בלעטער, און בלויז אַפּאָאָר טראָפּען פאַלען אַדורך פון צווישען די צווייגען אויף דער ערד. דערפאַר אָבער זויגען די ביימען פון אויבען מעהר וואַסער אַלס זייערע וואָרצלען. דער בוים וואָרצעלט דאָרט נישט טיעף אין דער ערד. עס איז לייכט פאַר אַ געוועהנליכען מענשען אויסצורייסען אַזאַ בוים. צווישען דיעזע ביימער לויפען אַרום ריעזען-שלאַנגען לעמורען, שימפּאַנזען. מען זעהט זיי שווינגען פון בוים צו בוים, און מען הערט זיי ברילען און קרעכצען דעם גאַנצען טאָג. נישט ווייט פון דאָרט וואוינען די "וואַרענגאַ", אַ קאַני-באַלישעס פאָלק, אין איבער אַ הונדערט פּאַ-לאַטקעס (ז. "וואַרענגאַ").

אורעדינעען, (לאַטיינ. Uredineae) אַ קלאַס פּאַראַזיטען אין דעם רייך פון די שוואַמען אָדער פּילצען. זיי פרעסען נאַהרונגס-פּלאַנצען. מען זעהט זיי געגרופּירט אין הויפען פון פערשיעדענע קאָלירען. זייערע פאָרמען זיינען אַזויפיעל פערשיעדען דאָס מען האָט זיי געמוזט קלאַסיפיצירען אַלס אַ קלאַס פאַר-זיך. ווען זיי בעפאַלען אַ פּלאַנצע האַפטען זיי אין איהר ביז זיי האָבען פון איהר אויפגעפרעסען אַלעס וואָס עס שמעקט זיי גוט. מען רופט זיי אויך: "ראָסט-פּילצען".

אורעטיקאַ, אַ מיטעל צו טרייבען די השתנה.

אורעטראָטאָמיע, (גריכיש) די כירור-גישע אָפּעראַציע אויף דעם ראָהר פון דער

השתנה. דאָס ווערט רעקאָמענדירט ווען די ראָהר איז פערענגט געוואָרען און לאָזט נישט דורך דעם אורין.

אורעלאַנוס ליציוס דאָמיטיוס, רוימישער קייזער פון 270 ביז 275. געב. אין דעם דאָרף סירמיום אין 212, האָט זיך אַרופּגעאַרבייט פון אַ נידריגע פאַמיליע צו דער העכסטע מיליטערישע שטופע. נאָך דעם טוידט פון קלאַדיוס II האָט ער זיך בעגינסטיגט ביים סענאַט דאַדורך וואָס ער האָט פערטריבען די גאָטהען פון מאָזיען, און איז דאַפיר געקרעהנט געוואָרען אַלס קייזער. ער פאַסט זיך דעמאָלט דעם פּלאַהן צו עראָבערען די וועלט און צו מאַכען רוים אַלס מיטעל־פּונקט. די אַלעמאַנען און די מאַרקאָמאַזען וועלכע זיינען דעמאָלט געוועזען די בעלי־בתים פון איטאַליען זיינען איהם געשטאַנען אין וועג. זיי האָבען זיך געהאַט ארומבעפעסטיגט מיט גרויסע מויערען, און בכדי זיי צו בעזיעגען האָט ער יענע מויערען אַרומגעצוימט מיט אַ אויסערע מויער. פון דיעזע געפינען זיך נאָך היינט איינצעלנע טיילען. מען רופט זיי: "די אַורעלאַנישע מויער". נאָך דער בעפעסטיגונג פון רוים ווענדעט ער זיך אויף דעם נעבענליגענדען קייזערטום אין פּאָלמיראַ. בעזיעגט די קעניגין זענאָביאַ אין 272 און ברענגט איהר טריאומפירענד געפאַנגען אין רוים. זיין טריאומף צוג איז געוועזען דער פּרעכטיגסטער פון אַלע וואָס זיינען געוועזען ביז דעמאָלט. די געפאַנגענע קעניגין מיט איהרע יועצים זיינען געפיהרט געוואָרען אין קייטען פאָראויס, ער איז איהר נאָכגעריטען אין אַ רייט־וואָגען וועלכער איז געוועזען געשפּאַנט מיט אַפּאָאָר הירשען. פון די באַלקאַנען האָבען די שעהנסטע דאַמען איהם געוואָרפען קרענצע. הינטער איהם איז נאָכגעגאַנגען אַ צוג פון 20 עלעפאַנטען, אַ מענגע פּאַנטער, לייבען, לעאָפּאַרדען און זשיראַפען. נאָך זיי האָבען מאַרשירט 800 פּאָאָר גלאַדיאַטאָרען וועלכע האָבען שפּעטער געקעמפט אין אַמפיטעאַטער צו דער בעלוסטיגונג פון פאָלק. שפּעטער בעקעמפט ער אויך דעם עגיפּטישען קייזער פירמוס און דעם קייזער טעטריצוס פון גאַליען. פון דעם שטענדיגען קעמפען איז דערוויילע זיין אייגען לאַנד פערזונקען געוואָרען אין חובות. די מינצ־פאַבריקען האָבען געגאָסען פאַלשעס זילבער־געלד, וועלכע איז בעשטאַנען פון צין מיט קופּער און אַ דינער זילבערנער איבערצוג. דאָס פאָלק איז דאַדורך אין זיין אויפרעגונג אַרויס אין אַ רעוואָלט, און 7000 פון די רעבעלען האָבען זייער לעבען פערלוירען. אַורעליאַן האָט דאָס איבעל געזוכט צו בעזייטיגען דורך די אַרויסגאַבע פון אַ נייע מטבעה וועלכע



מטבעה פון אורעלאַנוס

ער האָט גערופען "אַורעלוס". דיעזע מטבעה האָט געהאַט דעם ווערטה פון 17 מאַרק = $4.20 מיט דיעזע פלעגט ער צוביסלעך אויסלייזען יענע און זיי פערניכטען. ער האָט זיין צוועק דאַדורך גוט ערציעלט. ער איז ענדליך געהרגט געוואָרען אין אַ מלחמה מיט די פּערזער אין יאָהר 275.

איבער זיין העלדישקייט ווערט אין דער קלאַסישע ליטעראַטור געזאָגט אַז אַפילו זיין אַטעמ־צוג איז געוועזען מיליטעריש. מען האָט איהם גערופען מיט דעם ביי־נאָמען: Aurelanus manu ad'ferrum = אַורעליאַנוס מיט דער שווערט אין האַנד. אין דעם שלאַכט געגען די שומרונים האָט ער אַליין געהרגט דורכשניטליך 48 קריעגער טעגליך.

וואַלעריאַן ריהמט איהם אַלס פיהרער און זאָגט אַז, קיין טיטעל איז צו־גרויס פאַר איהם. זיין שכל און זיין כח שטייגען אַלעס איבער

אַורעליאַ, (לאַט.) וויסענשאַפטליכער נאָמען פאַר די "אַהאָרנ־קוואַלן" וועלכע לעבען אין וואַסער. זיי זיינען פאַראַן 8 גאַטונג, און לעבען אין אַלע עוראָפעישע ימים, וואו מען



געפינט זיי אין גאַנצע גרופען צוזאַמען. די אויבערע שאָל איז פאַראַסאָל־אַרטיג, פון וועלכערס ראַנדען עס העגען אַרונטער דיגינקע בענדער, וועלכע מען גלויבט צ זיין זייערע זינ־אָרגאַנען. זיי וואַקסען ביז 40 סענטימעט. זייער פאָרטפלאַנצונג פאַסירט אין פריהלינג, (פון מערץ ביז מאַי). די אייער ענטוויקלען זיך אין אַן אָבגעזונדערטען שליים. ערשט אין אָקטאָבער און אין נאָוועמבער ענטשטעהט אין זיי לעבען. זיי זיינען 4 מאָל אַזוי ברייט ווי הויך. די פאַרבען זיינען בלאַס־וויאָלעט, אַריינפאַלענד אין דאָס רויע און אָפט אין דאָס בלויע.

אַורעליום מאַרקום אַנטאָנינוס, די מערקווירדיגסטע הערשענדע פערזעהנליכקייט אין דעם היידנישען רוים, פאַר וועלכע די מאָדערנע געשיכטס־שרייבער שטעהען נאָך היינט מיט בעוואונדערונג, איבער אַזאַ ערשיינונג אין אַ אונציוויליזירטע צייט. ער איז געב. אין רוים 121 יצר׳ און געשט. אין יהאָר 180. פריה פער׳יתום׳ט נאָך זיין פאָטער איז ער אַדאָפטירט געוואָרען אַלס זוהן פון האַדריאַן. זייענדיג אַ געראָטען קינד האָט איהם זיין אַדאָפטיוו־פאָטער געגעבען אַלע מעגליכקייטען צו ענטוויקלען זיין גייסט, און ער איז געשטיגען פון ראַנג צו ראַנג, און אין יעדען נייעם אַמט האָט ער אַלץ געוויזען נייע זשעניאַליטעט. זיין נאָמען איז געוואָרען דער שטאָלץ פון רוים. דער אימפעראַטאָר פיאוס האָט איהם אָנגעבאָטען זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב, און אידער ער איז געשטאָרבען, האָט ער אין זיין צוואָה בעפוילען אַז אַורעליום זאָל זאָל זיין שטעלע פערנעהמען. ווען עס איז דערצו געקומען, האָט ער פון זיין אייגענעם ווילען, אָנגעבאָטען אַ שותפות אין דער מלוכה צו לוציוס דעם זוהן פון דעם פערשטאָרבענעם. אַ טהאַטזאַך וואָס האָט קיין גלייכען אין דער געשיכטע ביז דעם היינגען טאָג.

אַ באַרבאַרענ־קריעג האָט אויסגעבראָכען געגען די רוימער, ער האָט זעהר פיינט געהאַט מלחמה, ער האָט דערפאַר געשיקט לוציוס צום פראָנט, און אויך דאָס האָט ער געטהון אויף לוציוס אייגענעם פערלאַנג. לוציוס האָט אָבער אַליין געוואָלט לעבען אַ אַ וואויל־טאָג. ער איז דערפאַר געבליבען וויט פון פראָנט. ער האָט די לייטונג פון זיין מיליטער איבערגעגעבען צו זיינעם אַ לייטענאַנט קאַסיוס. אַלס קאַסיוס האָט געזיעגט איז לוציוס אַהיימגעקומען און זיך געלאָזט קרויהנען אַלס זיעגער. דאָס האָט קאַסיוס מיט זיינע סאָלדאַטען שרעקליך פערדראָסען., זיי האָבען אַלע געפיהלט אַז לוציוס האָט גאָר פעדיענט געשטראָפט צו ווערען פאַר זיין אויפפיהרונג וועלכעס איז זיי געוועזען צו גוט בעקאָנט. קאַסיוס האָט פאַר כעס גענומען בונטעווען געגען דעם שטאַאַט, ער האָט שוין געהאַט אָבגעריסען גאַנץ קלייג־אַזיען ווען ער איז גע׳הרגט געוואָרען דורך אַן אַטענטאַט. אַורעליום האָט דעמאָלט געוויינט און געזאָגט אַז, ער האָט



געהאָפט זיך צו בעגעגנען מיט דעם רעבעל
און איהם איבערבעטען פאַר די עבירה וואָס
לוציוס האָט געגען איהם בעגאַנגען.

אין דער היים האָט אַורעליוס איינגע־
פיהרט אַן אָרדנונג וועלכע אַלע קלאַסען פון
זיין פאָלק האָבען געליובט. די אונטערוואָר־
פענע פעלקער פון רוימישען רייך, וועלכע
האָבען אויסגעקוקט אַ געלעגענהייט זיך פון
רוים אָבצורייסען, האָבען פּרובירט אויסנוצען
די אונצופריעדענהייט פון דעם רוימישען
מיליטער. איבערהויבט ווען זיי האָבען גע־
זעהען אַז קאַסיוס, דער זיעגער איז געוואָרען
אונטריי, און זיינע אָפיצירען זיינען מיט
איהם געווען אין בונד. פערשיעדענע אויפ־
שטענדע האָבען זיך געלאָזט הערען פון די
פיעלע זייטען, די אָנהאַלטענדע מלחמה איז
נאָך נישט בעענדיגט געוואָרען, אורעליוס
האָט איינגעזעהען אַז ער מוז אַליין אַרויס
אין פראָנט, ער איז אַרויס צוזאַמען מיט
מיט לוציוס, און ביידע צוזאַמען האָבען
זיי געמאַכט גרויסע פאָרטשריטע, לוציוס
איז נישט געוואוינט געווען צו אַ האַרטעס
לעבען, און ער איז געשטאָרבען אין 168,
פיעלע פון זיינע סאָלדאַטען זיינען געפאַלען,
און אַורעליוס האָט זיך געפינען אין אַ
זעהר בעדרענגטע לאַגע. ער האָט ענדליך אויפ־
געפאָדערט די גלאַדיאַטאָרען און די שקלאַפען
צו קומען איהם העלפען, זיי האָבען דאָס
געטהון, און ער האָט זיך צוריק ארויס
געראַטעוועט פון זיין שלעכטע לאַגע.

מיטאַמאָל האָבען זיך אָנגעהויבען נאַטיר־
ליכע צרות מעלדען. אַ מגיפה האָט אויסגע־
בראָכען אין פאַנאָניאַ, אַן ערד־ציטערניש
האָט אַ טייל פון זיין לאַנד פערוויסטעט, די
מאַרקאָמאַנען האָבען אין מיטען דיזען טו־
מעל נאָך צוגעפיהרט אַ זעהר ענערגישען
אויפשטאַנד, אַבער, אַורעליוס האָט זיך
ביי אַלעם דעם נאָך נישט פערלוירען
ער האָט געהאַלטען אין איין זיעגען. דער
גרעסטער זיעג זיינער איז איהם אָנגעקומען
ווי דורך אַ נס. אַלס זיין חיל איז געשטאַנען
איינינגע הייסע טעג אין קאַמף אָהן אַ טראָפּען
וואַסער. ווען פיעלע פון זיינע מענשען זיינען
געפאַלען פון דורשט, האָט עס פּליצים אָנגע־
הויבען שטאַרק רעגענען אויף זיין זייט, און
אויף דער זייט פון זיין שונא איז געגאַנגען
אַ טויד־שלאָגענדער האָגעל. די איבריגע
שונאים זיינע האָבען דאָס דערהערט, זיינען
זיי געקומען אויף זייערע קניען בעטען
ער זאָל זיי מוחל זיין, און ער האָט זיי אויך
מוחל געווען.

זיין ווייב האָט זיך אין איהם פערבענגט.
זי האָט איהם אויפגעפאָדערט ער זאָל אַהיימ־
קומען. ער האָט דאַרום בעשלאָסען אויפצו־
געבען די מלחמות. ער האָט שטענדיג גע־
האַפט צו פיהרען אַ פריעדליכעס לעבען,
דערפאַר איז איהר אויפפאָדערונג פון איהם
זאָגלייך אָנגענומען געוואָרען. אַלס ער איז

אַהיימגעפאָהרען, האָט ער אויף דעם וועג בעזוכט די גרויסע גריכישע שטעדט, וואו די דעמאָלטדיגע געלעהרטע האָבען געלעבט. איבעראַל האָט ער עטאַבעלירט שוהלען פאַר פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט. אין אַטהען האָט ער דעמאָלט געגרינדעט פיער פילאָזאָפישע לעהר־אַנשטאַלטען: די פּלאַטאָנישע, די סטאָאישע, די פּעריפּאַטעטישע, און די עפּיקורעישע. ער האָט דערמיט געוויזען אַז דער הערשער דאַרף נישט צייגען מעהר סימפּאַטיע צו איינע ווי צו די אַנדערע אידעען. ווי נאָר ער איז אַהיימגעקומען האָט ער געהערט אַז די דייטשען זיינען שוין ווידער אויפגעשטאַנען אין אַ רעוואָלוציע געגען איהם, ער האָט גלייך געמוזט אָבמאַרשירען ער האָט אין אָנהויב געהאַט ערפאָלג, ער איז אָבער שוין געוועזען אויסגעמאַטערט פון זיין אונרוהיגעס לעבען, ער איז ענדליך געשטאָרבען אויף דעם אָרט פון יעצטיגען וויען, אין 180 פ׳צר.

זיין קראַפט איז בעשטאַנען אין זיין ריידע־קונסט. ווען ער איז אַלט געוועזען בלויז 12 יאָהר איז ער שוין בעקאַנט געוועזען מיט דער פילאָזאָפיע פון זענאָ, און עפּיקטעטעס. קאָרנעליוס פראָנטאָ און אַטטיקוס זיינען געוועזען זיינע לעהרער אין דער ריידע־קונסט. ווען ער איז שוין געוועזען אַן אַמבאַסאַדאָר פלעגט ער נאָך געהן אין דער פילאָזאָפישע שוהלע צו שטודירען. געלעהרטע פלעגען שטענדיג האָבען ביי איהם אַ לייכטען צוטריט. ער איז געוועזען אַן אויסגעצייכענטער מעטאַפיזיקער, מאַטעמאַטיקער, יוריסט אַ פּאָעט און אַ מאַלער. אַלע היסטאָריקער קאָנען זיך נישט מוחל זיין אַז דאָס היידענטום זאָל האָבען פּראָדוצירט אַזאַ זשעניע און אַזאַ גוטסקייט. נאָכמעהר וויל, ער איז געוועזען אַ גייסטיגער געגענער פון קריסטענטום.

אוּרענגזיב, גרויס־מאָגול איבער אינדיען צווישען 1658—1707. איז געוועזען דער דריטער זוהן פון שאַך זשאָהאַן, געב. אין 1619. אַלס זיין פאָטער האָט איהם איבערגעגעבען די קאָמאַנדאָ אין דעקמאַן האָט ער זיינע פערוואַלטונגס פעהיגקייטען ענטוויקעלט מעהר פון זיינע אַלע ברידער. ער האָט אָבער געקוקט מיט אונצופריעדענהייט אויף די פערוואַלטונג פון זיין פאָטער און גענומען טראַכטען וועגען אָבזעצען איהם נאָך ביים לעבען. ער ווערט אָבער מיעד וואַרטענדיג אויף אַ געלעגענהייט, און זעצט זיכזעלבסט די קרויהן אויף זיין קאָפּ אין זיין פאָטערס לעבען. ער פערוויקעלט זיין פאָלק אין אַ קריעג מיט די נעבענליגענדע אינדישע קעניגרייכע, ער זיעגט אָפט, ווערט אָבער אויך אָפט בעזיעגט. ביז ענדליך ער האָט געפּאַסט אַ פּלאַהן צו פערברייטען צווישען זיין פאָלק אַ פאַנאַטישען אַבערגלויבען, און דאָס איז איהם אויך געלונגען. מיט דער הילפע פון דיעזען אַבערגלויבען האָט ער זיין פאָלק צוזאַמענגעהאַלטען און דערמיט בעזיעגט דעם גאַנצען האַלבאינזעל צווישען קאָראָמאַנדעל און מאַלאַבאַר. ער לייגט דאַן אַ שטייער אויף זיין פאָלק, פון דיעזע איינאַהמען בילדעט ער פאָלקסשוהלען און ביבליאָטעקען. ער רופט אָפט צוזאַמען געלעהרטע קרייזען און צייגט זיך צווישען זיי אַלס אַן אויסעראָרנטליכער ליעבהאָבער פון קונסט און פּאָעזיע. דער פּראַכט פון זיין פּאַלאַסט דערצעהלט מען איז געוועזען פאַבעלהאַפט רייך אין קונסט.

אורפּראָדוקציאָנען, אַלגעמיינער נאָמען פאַר די רויה־שטאָפען וואָס קומען פון דער ערד, און דיענען אַלס מאַטריאַל פאַר געגענשטענדע וואָס דאַרפען פון זיי פּראָדוצירט ווערען.

אורצייגונג, די לעהרע פון דעם אָנהויב

פון ערשטען לעבען און זיין פאָרטפלאַנצונג. (ז."לעבען'). האָט אַ צוזאַמענהאַנג מיט דער "אַרכיגאָניע" ביים אָנהויב, און שיידעט זיך פון דיעזער וויסענשאַפט אין דער ענטוויקלונג פון דעם אָרגאַנישען. מיט דער ענטדעקונג פון דעם מיקראָסקאָפּ איז עס מעגליך געוואָרען נאָכצופאָרשען די פאָרגענגע צווישען פיעל קליינערע חיה'לעך ווי אונזער נאַקעט אויג קאָן זעהן, און אַ גרויסע ליטעראַטור פון שטריט־פראַגען איז דאַדורך ענטשטאַנען. דאָס האָט געפיהרט צו דער בילדונג פון צוויי פאַרטייען פון וועלכע איינע רופט זיך: "העטעראָגעניסטען" און די צווייטע "פאַן ספּערמיסטען" (ז.ד.).

אורקילינ', אַן אַסירישער קעניג וואָס האָט געקעמפט צוזאַמען מיט דעם יודישען קעניג אַחב געגען שלמנסר דעם צווייטען (ז.אַחב).

אוש, אַ טייך אין אוקראַינא, איז 125 מייל גרויס, ענטשטעהט אין וואָהלין, פליעסט אָסטליך דורכגעהענדיג אָוורוטש, אַריין אין קיעוו, וואו ער שליעסט זיך אָן, אַן דעם דניעפּער.

אושאַ, (יעצט על־אוס), אַן אָרט וואו די סנהדרין פלעגען זיך פערזאַמלען פאַר העפטיגע דיסקוזיאָנען, אין די צייטען פון די מלחמות אַנדריינוס, בעת די רעליגיאָנס־פערפאָלגונגען געגען די יודען זיינען געוועזען אונערטרעגליך אַלע תקנות וואָס די סנהדרין פון אושאַ האָבען אַרויסגעגעבען זיינען בעקאַנט געוואָרען אונטער דעם נאָמען "תקנות אושאַ". דיעזע זיינען צו מעהרסטענס געוועזן סאָציאַלע. צוויי פון זיי זיינען הערפאָרגעהויבען צו ווערען. די ערשטע איז וואָס דער פאָטער איז געזעצליך פערפליכטעט צו שפּייזען זיינע זיהן ביז זיי זיינען 12 יאָהר אַלט און טעכטער ביז זייער חתונה. ביז דעמאָלט איז דאָס בלויז געוועזען בעטראַכט אַלס אַ פרייוויליגקייט פון פאָטער, אָבער נישט אַ חוב. דאַן האָט איינער פון דיעזע תקנות פערבאָטען צו פערטיילען ביים לעבען מעהר אַלס אַ 5טעל פון זיין פערמעגען, בכדי ער זאָל שפּעטער אַליין נישט בלייבען פעראָרימט.

אושאַנט, אַן אינזעל אויף דער וועסטליכע קיסטע פון פראַנקרייך, איינגעשלאָסען אין דער אַדמינסטראַציע פון דעם פיניסטער דעפּאַרטמענט. איז 20 □ מיילען גרויס, און האָט אַ בעפעלקערונג פון 2500 איינוואוינער, פון וועלכע אַ טייל בעשעפטיגט זיך מיט פישערייו און די רעשט מיט פיה־צוכט. נעבען דיעזען אינזעל האָט אין יולי 1778 שטאַטגעפינדען אַ קאַמף צווישען די ענגלישע און די פראַנצויזישע פלאָטען, מיט דעם רעזולטאַט דאָס די פראַנצויזישע פלאָט איז ענטלאָפען, נאָכדעם ווי זי האָט פערלוירען איניגע שיפען. אין 1794 האָט דער ענגלישער אַדמיראַל האָו דאָ געפאַנגען 7 פראַנצויזישע שיפען פון וועלכע איינע איז גלייך אונטערגעגאַנגען. איהר אייגענער קאַפּיטאַן האָט איהר געזונקען מיט די מאַטראָזען, פון וועלכע אַ העלפט איז געראַטעט געוואָרען פון די ענגלענדער.

אושאַק, אַ שטאָדט אין קליינ־אַזיען, 130 מיילען פון סמירנאַ, אין אַ טאָל פון הערמוס. איז געבויט פון זונג־געטרוקענטע ציגעל. איז געריהמט אין דער קאָמערציעלע וועלט צוליעב איהרע פיינע קאַרפּעט־פאַבריקען און צייגוועבערייען. איז וויכטיג אין האַנדעל צוליעב איהר פערבינדונג מיט די אַגריקולטורעלע דיסטריקטען פון פריגיען און די אַרומיגע קיסטען. דורך דיעזע שטאָדט ווערט געפיהרט דער גרעסטער טייל פּראָדוקטען: געטריידע, טאַבאַק, אָפּיום און טעפּיכטען נאַך סמירנאַ. די בעפעלקערונג איז בערך 20,000 איינוואוינ. איין דריטעל פון זיי איז קריסטען, יודען

זיינען דאָרט וועניג פאַראַן. מאַרמאָר שטאַטוען געפינען זיך דאָרט וועלכע מען שאַצט צו זיין זעהר אַלט.

אושאָק-פּאַס, איינער פון וויכטיגסטע דורכגענגע צווישען די קאַרפּאַטישע בערג, אַרום וועלכען די רוסען און די עסטרייכער האָבען זיך אין דער לעצטע וועלט־מלחמה פירכטערליך געשלאָגען און אונגעהייער פיעלע לעבענס מקריב געוועזען. ער איז אין דער סטראַטעגיע וויכטיג צוליעב דעם וואָס ער איז געוועזען דער נאָהנטעסטער וועג צו פּזשעמיסעל, און איז דורך אייזנבּאַהן פערבינדען מיט לופּקאָוו און סאַמבאָר. מיט יעדענמאָל וואָס די עסטרייכער האָבען דיעזען פּאַס גענומען האָבען די רוסען געמוזט פּזשעמיסל פערלאָזען.

אושעבטי, נאָמען פון די קליינע פיגורען וואָס די עגיפּטער פלעגען אַריינלייגען אין די קברים מיט די מתים. די עגיפּטער האָבען געגלויבט אַז די אושעבטי וועלען דעם טוידטען דורכטראָגען די צרות וואָס וואַרטען אויף איהם אויף יענער וועלט.

אושפיזין=גאַסט־הויז, (בעלי אושפּיזין= די אייגענטימער פון גאַסט־הויז, מגילה כה׳) אויך די געסט ווערען אַמאָל גערופען מיט דיזען נאָמען (זוהר פּרשה אמור קג׳). איז בעקאַנט צוליעב דעם מנהג וואָס איז ביי די אָרטאָדאָקסישע יודען איינצולאַדען אין סוכה די זיבען אָבות: אַברהם, יצחק, יעקב, יוסף, משה, אַהרן, און דוד; עס פערשטעהט זיך ברעיון. ווי אַזוי דיעזער מנהג איז ענטשטאַנען און וואַרום ער איז אַזוי וויט פערשפּרייט געוואָרען איז אונבעוואוסט. אין תלמוד איז דערפון קיין שפּוד פאַראַן, בלויז אין זוהר ווערט ער דערמאָנט ווי אויבען. מען וואונדערט זיך נאָך מעהר ווי ער איז פערשפּרייט געוואָרען צווישען די אַשכנזיין וועלכע זיינען פרעמד פון קבלה.

אושקו אברהם, אַ איטאַליעגישער דרוקער פון יודישע רעליגיעזע ביכער, וועלכער האָט געלעבט אין אָנהויב פון 16טען יאָהרהונדערט. געב. אין ליסאַבאָן, האָט זיך עטאַבלירט אין פעראַר בערך אין 1543. איז פיעל געריהמט אין דער ליטעראַרישע וועלט וועלט צוליעב דעם וואָס ער האָט בעוויזען אין יענער צייט (צווישען 1551 ביז 1557) צו דרוקען אַכט און צוואַנציג ווערקע אין העברעיש, שפּאַניש, און פּאָרטוגעזישע שפּראַך. דערונטער אויך אַ ביבעל מיט אַ שפּאַנישע איבערזעצונג. דיעזע איבערזעצונג איז געוועזען אַן אויסגעבעסערטע פון אַ פריהעריגע וואָס האָט שוין עקזיסטירט פאַר זיינע.

אושקו שמואל, אַ פּאָעט און אַ היסטאָריקער וועלכער האָט געלעבט אין דער צייט און אויף דעמזעלבען פּלאַץ פון דעם פאָריגען. מען גלויבט אַז ער איז געוועזען אַ קרוב זיינער, אַבער אַלעס וואָס מען ווייסט וועגען איהם איז נישטס זיכער. וואָס מען ווייסט יאָ וועגען איהם איז, אַז ער איז געוועזען אַקטיוו צווישען די מאַראַנען, אַז ער פלעגט מיט זיינע שריפטען מינטערען די געהיימע יודען אין דער אינקוויזיציאָנס־צייט צו בלייבען שטאַלץ אויף זייער גלויבען. זיינע וואַרמע שריפטען זיינען געשריבען אין שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש, און לאַטיין. אין זיי שפּיגעלט זיך אָב אַ נייגונג צו רעליגיעזע פילאָזאָפיע.

אזאַספּערמיע, נאָמען פון דער קראַנ־קהייט און וועלכערס צושטאַנד עס פעהלט די לעבענס־קראַפט, אָדער די זאָמנ־פעדים אין דער זריעה פון מענליכען אָרגאַן, אַהן וועלכע ער איז אונפעהיג צו בעפרוכטען די פרוי.

אזאַב (=אַראַב. עזב) אַן איינזאַמער, אַ בחור, אַן אונפערהייראַטעטער. אין דער טירקיי אויך דער נאָמען פון אַ פוס־געהער רעגימענט. דיעזע האָבען אַמאָל געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין די אָטאָמאַנישע מלחמות.

אזאַבאָ, אַן אַבעסינישער שבט, ביי דעם רויטען ים (ז. "אַבעסיניען").

אזאָבענזאָל, אַ כעמישער פאַרב־שטאָף פון אַן אָראַנזש־רויטע קאָליר, וואָס לעזט זיך לייכט אין אַלקאָהאָל אָדער עטהער, אַבער נישט אין וואַסער. ער שמעלצט אין אַ היץ פון 68 גראַד, און ווערט אין אַ צו־שטאַרקע היץ פערפּופט. (ז.ד.) ווען געמישט מיט קאָנצענט־רירטע זאַלפּעטער־זויערע ווערט דערפון: ניטראָ־אזאָבענזאָל, און ווען מען מישט נאָך דערצו שוועפעל־אַמאָניום ווערט דערפון אַן: אַמידאָ־אזאָבענזאָל. דער רעצעפּט פון אזאָ־בענזאָל ווערט כעמיש בעצייכענט ווי פאָלגט:
$C_6, H_5. NN. C_6, H_5.$

אזאַדיראַכטאַ־אינדיקאַ (Azadirachta) אַן אינדיאַנער בוים וואָס האָט אַ גרויסע בע־דייטונג פאַר דער מעדיצין און אין דער כעמישע טעכנאָלאָגיע. ווען זיין רינד ווערט געקאָכט אין וואַסער קומט פון איהר אַרויס אַן אויליגע פעטקייט וואָס האָט אַ ביטערען געשמאַק. אין דיעזען פאָרם ווערט ער געברויכט אַלס מיטעל געגען פיעבער און קראַנישען רהומאַטיזם. פון די געקאָכטע בלעטער ווערט געמאַכט אומשלעגע צו פערהיטען דעם פּראָג־רעס פון דריזענ־געשווילסט. זייער פליעסיג־קייט רייניגט דאָס לייב פון קרעץ אָדער זאַנסטיגען אויסשלאַג. ביי די אינדיאַנער ווערט דער זאַפט איינגעריבען איבער דעם קאָפּ צו לינדערן קאָפּ־וועהטיג. ווען די פּאָקען פאַלען אַרונטער לייגען זיי אַרויף דיעזע בלע־טער אויסצוגראַדען די הויט, עס זאָלען נישט בלייבען די שטופּלעס. זייער פרוכט גיט פון זיך אַ רייצענדען אויל וועלכער דיענט אויפ־צופרישען די מונטערקייט פון די מוטהלאָזע. ווערט אויך געברויכט אין דער וואָל־פאַר־בעריי.

אזאַהירי דאָוד, אָדער אַבו סולאַימאַן. אַן אַראַבישער געלעהרטער און גרינדער פון דער "סאַהאַרי" סעקטע וועלכע גלויבט אין סאָציאַלע געזעצע וואָס זיינען געגרינדעט אויף די פּרינציפּען פון קאָראַן; אַשטייגער ווי אונ־זערע "מזרחי". ער איז געוועזען דער הויבט־פּראָפעסאָר אין באַגדאַד וואו ער האָט געהאַט איבער 400 שילער, מיט וועלכע ער האָט זיין סעקטע געגרינדעט. ער האָט געלעבט צווישען 817—884 יצר.

אזאָזעשט, אַ פערגעטערטער פויגעל ביי די פּאַרסען, וועלכער —לויט זייער מיטאָלאָגיע — בעדיינט דעם גאָט כאַהמאַן, און האָט ביי

איהם אַ גרויסע דעה איבער דעם מענשליכען גורל.

אַזאָט, פראַנצויזישער און ענגלישער נאָמען פאַר שטיק־שטאָף.

אַזאָטאָס, גריכישער נאָמען פאַר אַשדוד, אַ שטאָדט אין פלשתים.

אַזאָטוריע, אַ קראַנקהייט ביי וועלכער עס פערמעהרט זיך דער שטיקשטאָף־שיידונג דורך דעם אורין. קומט פאָר ביי פיעבערהאַפטע קראַנקהייטען וועלכע האָבען בעקומען פאָס־פאָרישע איינווירקונגען.

אַזאָטיזירען, (כעמיש) עפּעס בעאַרביי־טען מיט שטיק־שטאָף. אַלעס וואָס האָט אין זיך שטיק־שטאָף הייסט: אַן אַזאָטיזירטער סובסטאַנץ.

אַזאַיאַי אַבו ישאַק, אַ גערימטער אַראַבישער גראַמאַטיקער פילאָלאָג און פילאָזאָף איז געשט. אין באַגדאַד 922 יצר׳. אין זיין יוגענד איז ער געוועזען אַ גלעזער. דערפון האָט ער בעקומען זיין נאָמען ׳אַזאַיאַי״= ״גלאָזמאַן״. צוליעב זיין געלעהרטקייט איז ער געוועזען געשעצט ביים וויזיער פון קאַליף אַל־מאָטאַדיר, און האָט פון דיעזען בעקומען שטיצע זיינע געלעהרטע אַרבייטען פאָרטצו־זעצען. ער האָט געשריבען אַן אָבהאַנדלונג וועגען די פאָרמען און אויסדריקע פון קאָראַן, אַ בוך צו דיקטירען אַראַביש, אַן אָבהאַנדלונג איבער לאָגיק, אַ רייהע אָבהאַנדלונגען איבער די אַראַבישע עטימאָלאָגיע, איבער מוסלימאַ־נישע סעקטען, איבער דער נאַטור פון דעם מענש און פון פערד, אַן אַראַבישע גראַמאַטיק אַ בוך פון אַנעקדאָטען, איבער דעם איינפלוס פון די שטערען איבער דעם וועטער א.ז.וו. אַלעס האָט ער געשריבען אין אַ שוהל־מעסיגע פאָרמע פאַר זיינע תלמדים.

אַזאַיז פירער ה. פראַנצויזישער פילאָזאָף געב. אין סאָרעז 1766 און געשט. אין פּאַריז 1845. ער בעגרינדעט דאָס קאָמפּענסאַציאָנס־געזעץ אין דער פילאָזאָפיע, מיט וועלכען ער ערקלעהרט ווי גליק מיט אונגליק גלייכען זיך אויס אין יעדער איינצעלהייט. זיין בעסטעס ווערק איז: Le compensations dans les destinees humaines

אַזאָיש, (גריכ.) נאָמען פאַר זאַכען וואָס האָבען קיינע סמנים פון לעבען. צייט די וויסענשאַפט האָט אָנגענומען אַז עס גיט גאָר נישט אַזאַ זאַך וואָס זאָל זיין אַבזאָלוט טוידט איז דיעזעס וואָרט נישט מעהר געברויכט צו ווערען אַחוץ אין דער דיסקוזיאָן.

אַזאָישע צייט, וויסענשאַפטליכער נאָמען פאַר דער ערשטע געאָלאָגישע צייט, איידער לעבען איז ענטשטאַנען אויף דער וועלט. דער קאַראַקטער פון יענער צייט ווערט בעגריפען ווען מען שטעלט זיך פאָר, אַז די עלטעססטע שטיינער: אַשטייגער, גראַניט, מאַרמאָר, גנייס, און שיפער האָבען געבילדעט די אויבער־פלעך פון דער ערד. פאַר דיעזען בעגריפס־וועגען שטעלט מען זיך פאָר אַז אין דיעזע שטיינער איז נישט דאָ קיין לעבען.

אַזאַל, אַ געזאַלצענער טייך אין אָסט־אַפריקאַ לויפט פון אַ וואולקאַנישען בעקען. בערך 639 פיס אונטער דעם ים־שפיגעל.

אַזאַלעאַ, (לאַט. Azalea) אַ פלאַנצענ־גאַטונג אוים דער פאַמיליע Rhodoraceen אַן איביג־ גריענענדער פעלזענ־שטרויך, וואָס טראָגט אַ גרויסע צאָהל פון בלומען פון פיעלע קאָליערען וואָס לאָזען פון זיך אַ שטאַרקען דופט. זיי זיינען פאַראַנען ביז 30 גאַטונגען אין דיעזער פאַמיליע. די ״אַזאַלעאַ אינדיקאַ״ איז זעהר דעליקאַט. איהרע בלומען וואַקסען אין פייכטען קלימאַט זעהר גינסטיג, בעסטענס

אָבער אין פייכטען זאַמדיגען גרונד. אונטער דעם גלאָז דאַרף זי שטעהן אין לופט־צוג, מוז אַבער דאָרט קריגען נישט צופיעל וואַסער. אין זומער מוז מען איהר אַרוים טראָגען אין דער אָפענע לופט, אָבער נישט אין דער צו־הייסער זונן. זי וואורצעלט זיך איין אונ־טער דעם גלאָז פיעל לייכטער אַלס אין דער פרייהייט. זי וואַקסט אַליין, און אויך געמישט מיט מאַנכע אַמעריקאַנער בלומען פון אַן עהנ־ליכען קאַראַקטער. די ״אַזאַלעאַ פאָנטיקאַ״ קומט פון אַזיען. דיעזע מוז אין ווינטער בעדעקט ווערען געגען פראָסט. איהר זאַפט איז גיפטיג, און דער האָניג וואָס די ביענען פראָדוצירען פון איהר איז שעדליך. איהר גערוך איז ערפרישענד, און טראָגט קיין שפור פון דער שעדליכקייט. אונזער צייכנונג רעפ־רעזענטירט דריי גאַטונג פון זיי.

אַזאַמאַ־יאַמאַ, אַן אַקטיווער וואולקאַן אינמיטען יאַפּאַן. איז בערך 50 מייל נאָרד־וועסטליך פון טאָקיאָ. איז 8280 פוס הויך. זיין לעצטער פירכטערליכער אויסברוך איז געוועזען אין 1783. ער האָט דעמאָלט פערניכ־טעט שטעדט און דערפער וועלכע האָבען זיך געפינען אין זיין שטח. זייט דעמאָלט רויכערט ער נאָר.

זאַמאַל (נאָרד. מיטאָל.) די שפראַך פון אַזען געטער. אַ סאָרט סאַנסקריטישע שפראַך מיט וועלכע בלויז די דיכטער, פריעסטער, און סקאַלאַדען פון די נאָרדישע פעלקער האָבען זיך געמעגט בעדיענן, אַבער נישט דאָס פאָלק. זי איז איבערגעגאַנגען בירושה פון געלעהרטע צו געלעהרטע.

אַזאַמאַן באַדי, אויך ״אַל־חאַמאַדאַני״ גערופען; דיעזער שיינט צו זיין געוועזען זיין ריכטיגער נאָמען. דער ערשטער איז איהם געגעבען געוואָרען צוליעב זיין געלעהרטקייט (באַדי־אַזאַמאַן = וואונדער דער צייט). זיין ווערק ״מאקזאַמאַס״ איז געוואָרען אַ מאָדעל פאַר פיעלע שרייבער נאָך איהם. זיין סטיל אין אַראַבישען איז בעטראַכט געוואָרען אַלס קלאַ־סיש, און זיינע משלים האָט מען געטראָגען פון מויל צו מויל. ער פערגלייכט אַ גאַסט צו אַ וואַסער וואָס איז ליעבליך ווען עס לויפט ווייטער, קוים שטעלט ער זיך אָב, דאַן פיהלט ער זיך אונאַנגענעהם ווי דאָס שטעהענדע וואַסער. אויף זיין געבורטס־שטאָדט זאָגט ער: ״איך פערגין דיר דעם כבוד וואָס דו ריהמסט זיך מיט מיין געבורט, אַבער דיינע קינדער יאָגען זיך אַלט צו ווערען, און די אַלטע יאָגען זיך צו דערגרייכען דעם שכל פון קינדער..— זיין טוידט ווערט בעשריבען צו זיין געוועזען אַ טראַגישער. זיינער אַ צייט־גענאָסע ערצעהלט אַז ער איז געפאַלען אין לעטהאַרגיע. אַלע האָבען געמיינט אַז ער איז שוין טוידט און זיי האָבען איהם בעגראָבען. אין דערזעלבע נאַכט האָט מען געהערט אַ געשריי פון זיין קבר, אַלס מען האָט דעם קבר אויפגעגראָבען האָט מען איהם געפינען אין אַ זיצענדיגע פאָזיציע, אַבער שוין ריכטיג טוידט, מיט זיינע הענד איינגעגראָבען אין זיין באָרד, און זיין פנים שטאַרק צוקראַצט.

אַזאַמאָר, אַן אַלט בעפעסטיגטע שטאָדט 122 מייל נאָרדליך פון מאָראָקאָ, ביים אַטלאַנ־

טישען ים. האט א האפען אויף דעם טייך 'אומעראביא', און דיזער האפען איז 4 מייל פון מאזאגאן. איז בעדייטענד אלס א פישער־סטאנציע פאר דעם הינטער־לאנד. די פארטו־געזען האבען דארט געהערשט אין 1770.

אזאמגאר, נאמען פון א שטאדט און, א דיסטריקט אין בריטיש־אינדיען. זי ליגט ביים טייך טאנס, און איז געגרינדעט געווארען פון אזים־כאהן אין יאהר 1665.

די דיסטריקט האלט 2207 □ מייל, גרענעצט זיך נארדליך מיט דעם טייך גארגא, וועסטליך מיט יאונפיר. דאס לאנד איז פרוכטבאר. איז רייך מיט צוקער־ראהרענ־פעלדער, רייז־פעלדער און אינדיגא. אן אייזענבאהן איז דארט געבויט געווארען אין 1898. די בעפעלקערונג איז אין יאהר 1910 געוועזען איבער אנדערהאלבען מיליאן איינוואוינער. פיעלע אויפשטענדע זיינען דארט געמאכט געווארען ביז די ברי־טישע רעגירונג האט דארט איינגעטרעטען.

אזאמיד, א כעמישע מישונג פון וואסער־שטאף און שטיק־שטאף. איז פון אן עקס־פלאזיווען קאראקטער. ערפינדען פון פראפ. קורטיוס אין 1890. אין א מישונג מיט אייזען פערוואנדעלט ער זיך צו "זאל".

אזאן (אראביש) דאס רופען די מאחמע־דאנער צום דאוונען. דאס ווערט געטהון פון שמש וועלכער ווערט גערופען "מועזין", צוויימאל טעגליך. ער שטעלט זיך אויף דעם גאנעקעל פון טהורם פון דער מאשעע, און רופט מיט א ניגון:

(4 מאל) "גאט איז גרויס"
(2 מאל) "איך גלויב אז גאט איז גאט"
(2 מאל) "איך גלויב אז מאכמעד איז זיין נביא"
(2 מאל) "קומט בעטען"
(2 מאל) "בעטען איז בעסער ווי שלאפען"

די וואס הערען איהם הארכען יעדעס ווארט וואס ער זאגט און שטילערהייט ענטפערען זיי:

'גאטס ווילען בלייבט, אהן גאט האב איך קיין כח".

בעת ער רופט מוז ער שטעהן מיט זיין פנים געווענדעט נאך מעקא. ער טאר נישט זיין אונריין אין זיינע קליידער, ער מוז זיין א ירא שמים און האבען א גוטען קאראקטער.

אזאן, דער געדיכטערער און פיינערער שטאף פון זויער־שטאף. אשטייגער ווי דער דיאמאנד איז פון קויהלען. ווערט אפט פרא־דוצירט מיט דעם דורכלויף פון אן עלעקטרי־שען שטראם דורך דעם זויער־שטאף. ער ווערט אויך גערופען: אקטיווער זויער־שטאף. זיין אטאמישעס געוויכט איז: 47.88 און זיין געדיכטיגקייט איז: 23.94. איז ענטדעקט גע־ווארען פון דעם האלענדער מארי אין 1785 און בעסער ענטוויקעלט דורך שעהנביין אין 1840, געפינט זיך אין דער אטמאספערע אין א גאנץ קליינעם פראצענט. ער לאזט זיך פיהלען דורך א מערקווירדיגען ריח. זיין אינפלוענץ אויף די מיקראבען איז נישט פעסטגעשטעלט געווארען. עס זיינען דא אזעלכע וואס זאגען אז ער טוידטעט אלע באצילען מיט וועלכע ער קומט אין בעריהרונג.

אזאנדע, ז. "ניאם־ניאם".

אזאנטשעווסקי מיכאיל, א רוסישער קאמפאניסט, געב. 1839 אין מאסקווא, שטו־דירט אין לייפציג אונטער הויבטמאן און ריכטער, לעבט 3 יאהר אין פאריז וואו ער פערפאלקאמט זיך אין דער קלאוויר־מוזיק. אין 1871 נעהמט ער איבער די שטעלע פון אנטאן רובינשטיין אלס דירעקטאר פון דעם קאנסערוואטאריום אין פעטערסבורג. מוז דאך צוליעב זיין קראנקהייט דיזע שטעלע אויפ־געבען. ער האט געשריבען פיעלע געלונגענע קלאוויר־קאמפאזיציעס, און דורך זיי זיך געמאכט א בעדייטענדען נאמען צווישען די

מוזיקאַלישע קרייזען.

אַזאַניאַ, אַלטער נאָמען פאַר די אָסטליכע קיסטען פון אַפריקאַ וועלכע געפינען זיך ביים אַזיאַנישען מעער־בוזען. יעצט הייסען זיי אין איינעם: "אַיאַן".

אָזאָנין, אַ מיטעל צו בלייכען געוויסע מאַטריאַלען. בעשטעהט פון פאָלגענדען רע־צעפּט:— האַרץ 125 טיילען, אויפגעלעזט אין 200 טיילען טערפּענטינ־אויל; צוזאַמענ־געמישט מיט אַ לעזונג פון 25 טיילען עטצ־קאַלי אין 40 טיילען וואַסער־שטאָפ־אָקסיד; און אויסגעשטעלט צום טאָג־ליכט אונבעדעקט.

אָזאָסטאָמיאַ, אַ קראַנקהייט וואָס איז־סערט זיך דורך אַן אַבשטויסענדען גערוך פון מויל.

אַזאַף, אין דער אַראַבישע מיטאָלאָגיע דער נאָמען פון עמרו'ס זוהן אויס דעם שבט יתום. דערפאַר וויל ער האָט זיך מיט זיין געליעבטע אַרומגעאַרמט אין דער קאַאַבאַ זיינען זיי ביידע פערוואַנדעלט געוואָרען אין צוויי בילד־זיילען.

אַזאָף, אָדער "אַזאָוו" (טירק. "אַזאַק"), אַ שטאָדט אין זידליכען רוסלאַנד, אויף דער לינקע זייט פון דאָן, בערך 24 מייל פון ראָסטאָוו, און 25 מייל פון טאַגאַנראָג. אין די אַלטע צייטען, ווען אונטער דער גריכישע הערשאַפט, האָט זי געהייסען "טאַנאַיס" און איז געוועזען אַ צענטראַל־פּלאַץ פאַר דעם גרי־כישען האַנדעל. אין 4טען יאָהר־הונדערט, ווען זי איז געלעגען אין טירקישע הענד, האָבען איהר די גערמאַנען חרוב געמאַכט. אין 8טען יאָהר־הונדערט איז זי ווידער אויפ־געבויט געוואָרען אונטער די הערשאַפט פון די כאַזאַרען (ז.ד.). אין 12טען יאָהר־הונדערט איז זי בעהערשט געוואָרען פון די פּאָלאָפּציאַ־נער פּרינצען. זי איז פאַר יענער צייט געוועזען דער שפּייכלער און דער מאַגאַזין פאַר די סוחרים פון אינדיען און כינאַ. אין 13טען יאָהר־הונדערט האָבען די דאָרטיגע איינוואוי־נער פערטריבען די פּאָלאָפּציאַנער, און די טירקען האָבען באַלד דאַרויף די איינוואוינער אונטעריאָכט. אין 14טען יאָהר־הונדערט איז זי געוואָרען אַ טייל פון דער קרים אונטער דער הערשאַפט פון די קאַזאַקען. רוסלאַנד האָט איהר צוערשט בעקומען אין יאָהר 1696 זי האָט איהר אָבער גלייך פערלוירען צו די טירקען, און איהר ווידער צוריקגעוואונע ןאין 1774. זייט דעמאָלט איז זי שוין גע־בליבען אין די רוסישע הענד. זי האָט זיך דאָרט בעפעסטיגט געגען אַ טירקישען אָנ־גריף. ווינאָר דיעזע געפאַהר איז פאָריבער איז די פעסטונג פערנאַכלעסיגט געוואָרען. קערענסקי (ז.ד.) האָט איהר ווידער אויפ־געבויט. אין די אַנטי־באָלשעוויסטישע מלחמות איז זי פּיעלע מאָל איבערגעגאַנגען פון האַנד־צו־האַנד. די איינוואוינער זיינען אין 1913 געוועזען 31,000, דאַרונטער בערך 500 יודען. עס זיינען געפינען געוואָרען סמנים אַז יודען האָבען שוין דאָרט געוואוינט אין ערשטען יאָהר־הונדערט פּיצר'. דער גרעס־טער טייל פון די יעצטיגע יודען זיינען קראָים'ער.

אין דער וועלט־געשיכטע ווערט זי צוערשט דערמאָנט אַלס אַ ווענעציאַנישע קאָלאָניע אין יאָהר 1316 אונטער דעם נאָמען 'טאַנאַיס". אַ טירקישע מטבעה פון 1317 איז דאָס ערשטע דאָקומענט וואָס טראָגט דעם טירקישען נאָמען "אַזאַק" פון דיעזע שטאָדט. צוליעב די פּיעלע מלחמות וואָס זיינען דאָרט אַזוי אָפט פאָרגע־קומען האָט זיך דער האַנדעל פון דאָרט איבער־געטראָגען נאָך ראָסטאָוו.

אַזאָ־פאַרבשטאָף, אַ גרופּע פון פאַרב־שטאָפען וואָס זיינען קינסטליך צוזאַמענגעש־טעלט געוואָרען דורך געמישטע פאַרבען מען

פערטיילט דיעזע גרופּע אויף צווייען, די ערשטע: די אַמידאָ-אַזאָ-פאַרבען און די אָקסי אַזאָ-פאַרבען (ז. "אַזאָבענזאָל"). זיי ווערען געברויכט צו פאַרבען וואָל און וואָליגע סחורה. די איינפאַכע אַזאָפאַרבשטאָפען בעשטעהען פון אָקסי-כראָמען, געל. מיט דער צופיהרונג פון קויהלען-שטאָף ווערט די געלע פאַרב טיעפער. מיט דער פערמעהרונג פון קויהלען-שטאָף געהט די געלקייט איבער אין רויט. אונטער פערשיעדענע אַטמאָספערישע עקספּאָזיציאָנען ווערט עס ברוין. דורך די צומישונג פון אַן אַזאָ-גרופּע מאָלעקולען ווערט עס בלוי. גריענע אַזאָפאַרבשטאָפען ענטהאַלטען ניטראָ גרופּען. אַלע אַזאָפאַרבשטאָפען לעזען זיך נישט אין וואַסער, סיידען דאָס וואַסער ענטהאַלט אַ לעזונג פון נאַטראָן-זאַלץ. די צאָהל פון אַזאָפאַרבשטאָפען איז גרויס אַבער, אין דעם האַנדעל קומען זיי שוין פאָר אונטער פערשיעדענע נעמען.

זעהר פיעל פון דיעזע פאַרבשטאָפען ווערט פערברויכט אין די בלענדונג פון טעע. די אורזאַך פון זייער פּאָפּולאַריטעט אין דיעזער אינדוסטרי איז וואָס מען דאַרף נישט זיין אַ בעמיקער זיי צו קענען צוזאַמעצושטעלען.

די וואָלצייג וואָס ווערט געפאַרבט מיט אַזאָפאַרבען קען געוואַשען ווערען מיט זייף און וואַסער אָהן צו בלאַקירען די קאָליער.

אַזאָפּיע, (גריכ.) די אונדייטליכע שוואַך העריגע שטימע אָדער שפּראַך.

אַזאַ-פּעטידאַ, (Asafoetida) אַ שטינקענדער אַזאַנט, אין דייטשלאַנד אויך גערופען: "טייפעלס-דרעק". אַ מעדיצינישער זאַפט אויס די וואורצעל פון שירם-פלאַנץ וועלכע וואַקסט אין פּערזיען און אין די אוראַל געגענד. מען לאָזט זיי וואַקסען ביז צוויי מעטער הויך, דאָס דויערט בערך 4 יאָהר. דאַן שניידט מען די וואורצעל פון אויבען, דאָס איבריגע בלייבט



אין דער ערד ווייטער צו וואַקסען. מען דריקט די אַבגעשניטענע וואורצעל און זיי געבען פון זיך אַ מילכ-אַרטיגען זאַפט וועלכער ווערט אין דער פרייע לופט פערהאַרטעט. באַלד דאַרויף הויבט זיך אָן די קאָליר צו ענדערען אויף צאַרט-רויט, דאַן וויאָלעט, און שפּעטער אויך ברוין. דער גערוך איז קנאָבעלדיג, און איז אַזוי שטאַרק אַז מען פערגעסט איהם נישט אַזוישנעל. אין דער קעלט איז ער קלעביג, און לעזט זיך שווער אין אַלקאָהאָל. אין האַנדעל געפינט ער זיך אין האַרטע שטיקער. ווערט אָפט אויך געברויכט אין רעסטאָראַנטס שטאַט קנאָבעל. —אַלס אַ מעדיצינישע פלאַנצע ווערט ער געברויכט אין אַראַביען און אין פּערזיען פאַר אָפענע וואונדען און אינערליכע אונאָרדנונג. אין עוראָפּאַ ווערט ער געברויכט אין היסטעריקאַ, וואָרמקראַנקהייטען, און דעם האַקענדען הוסט. אין זיין פליעסיגען צושטאַנד איז זיין גערוך פון איין דראַם אַזוי שטאַרק ווי 100 פונט אין האַרטען צושטאַנד. דר. פאַלקנער האָט איהם געפינען אין כאָראַסאַן, לאַאָר, טורקעסטאַן, בעלאָכוסטאַן, קאַנדאַהאַר, און אויך אין פיעלע אַנדערע פּלעצער פון אַפגאַניסטאַן.

אין תלמוד ווערט דערצעהלט אַז מר עוקבא האָט פערשריבען 3 אונצען פון דיעזען שטאָף צו ר' אחא בן יוסף אַלס אַ רפואה געגען "אַסטמאַ" און איהם דאָס געהייסען געניעסען פאַר 3 טעג.

אַזאָפּשע סטעפּען, אַ אונפּרוכטבאַרע געגענד נעבען דעם אַזאָפּשען ים. דער באָדען איז זאַמדיג און פייכט, דורכגעמישט מיט שטיינער. צייגט אַלע סמנים אַז ער איז אַמאָל געלעגען אונטער דעם ים, וועלכער האָט זיך נאָך אַ לאַנגע רייהע פון יאָהרען צוביסלעך אָבגעריקט.

אַזאָפ׳שער ים, דער גרויסער טייך אין דעם זידליכען עוראָפּאַ, צווישען דעם שוואַרצען ים און דער קרים, אין פערבינדונג מיט דעם דאָנאַו און דעם קערטש. איז בערך 235 מייל לאַנג און אויף דעם ברייטעסטען אָרט 168 מייל ברייט. פערנעהמט 14,000 □ מייל פּלאַץ פון וועלכע די אינזלען פערנעהמען 42 מייל. ער קומט אין בעריהרונג אויף זיין לאַנגע שטרעקע מיט קערטש, טאַגאַנראָג, מאַריאָפּאָל, בערדיאַנסק, יעניקאַל, און אַזאָף. זיין וואַסער איז ווי דאָס פון די טייכען, און איז דערפאַר רייך מיט זיסע פיש. דער זידליכער אופער איז נידריגער און דער נאָרדליכער לעצטער איז מיט 100 פוס איבער׳ן ים־שפּ. אויף דער וועסטליכע זייט געפינט זיך די זאַמדיגע פּראָווינץ אַכאַראַט, וואו עס געהט אָן אַ לעבהאַפטער האַנדעל. סמנים צייגען אַז דער אַזאָפ׳שער ים טרוקענט זיך אויס אויף לאַנגזאַמער ווייזע. פיעלע זומפען אַרום איהם צייגען אַז אַזויפיעל האָט ער זיך שוין אויסגעטרוקענט. די סיבירישע באַהן האָט פיעל פון זיין וויכטיגקייט פערקליינערט. צווישען נאָוועמבער און מערץ ווערט ער ווי כמעט גאַנץ פערפרוירען. אין 25טען מאַי פון 1885 איז דאָרט אָנגעקומען אַ פעראייניגטע פלאָטע פון ענגלענדער פראַנצויזען און טירקען, זי האָט זיך אָבגעשטעלט אין קערטש אונטער די לייטונג פון דעם ענגלישען אַדמיראַל סער ג. ברוין, די רוסען האָבען זיך גלייך צוריקגעצויגען און האָבען זייער פעסטונג עקספּלאָדירט. אַטאָג שפּעטער האָבען די פעראייניגטע אָבמאַרשירט נאָך יעניקאַל, אָבער די רוסען האָבען אויך דאָ געטהון דאָסזעלבע. אינזעלבען אָבענד האָבען די פעראייניגטע פערכאַפּט דעם גאַנצען אַזאָפ׳שען ים און ווען די רוסען האָבען געזעהן אַז די פעראייניגטע האָבען פערנומען די רוסישע שיפּעז וואָס האָבען זיך דאָרט געפינען, האָבען זיי פערברענט זייערע זאַפּאַס־מאַגאַזינען.

אַזאָקאַ, אַ שטאָדט אין דעם נאָרדליכען יאַפּאַן, 20 מייל פון דער האַפען־שטאָדט היאָגאָ. ליגט אויף דעם ברעג פון אַ טייך אויף דעם זיד־אָסטליכען אינזעל אינצווישען גרויסע טעע־דיסטריקטען. איז אַ גרויסער צענטער פון האַנדעל, דער דריטער פון די גרעסטע אין יאַפּאַן. האָט בערך אָנדערהאַלבען מיליאָן איינוואוינער. ערשט אין 1863 איז עס ערלויבט געוואָרען פאַר אויסלענדער אַהין צו קומען. אַ טייך לויפט דורך די שטאָדט, און איבער דעם טייך זיינען פערצויגען עטליכע הונדערט האָלצענע און אייזערנע בריקען. דאָרט געפינט זיך די יאַפּאַנעזישע מינץ־פאַבריק וועלכע איז אויסגעשטאַט מיט די לעצטע עוראָפּעישע מאַשינען. זי האָט שעהנע אימפּאָסאַנטע געביידען, און שטעלט פאַר אַ שעהנהייטס בילד פאַר דעם פריש אָנגעקומענעם.

אַזאַקי ג. אַ בעדייטענדער רומענישער שריפטשטעלער, געב. אין דער וואַלאַכאַי 1788, און געש. אין יאַסי 1869. שטודירט אין זיין יוגענד מאַטעמאַטיק, און אַסטראָנאָמיע ווי אויך די וואַלאַכאַישע אַרכעאָלאָגיע. ער געפינט פיעלע שטערונגען אין דער רומענישע שפּראַך פאַר זיינע ענטוויקלונג, און ער נעהמט זיך דערפאַר צו דער אויסבעסערונג פון דיזע שפּראַך. ער פערפאַסט פיעלע שוהל־ביכער און גיט אַרויס אַ געשיכטע פון רוסלאַנד אין צוויי בענד. ער גרינדעט דעם ערשטען רומענישען זשורנאַל וועלכען ער האָט אויך רעדיזשירט פאַר גאַנצע דרייסיג יאָהר.

אזאקיר איבן אבו, אן אראבישער געלעהרטער וועלכער האט געענדיגט זיין לעבען אין פייער צוליעב זיינע פארטגעשריטענע לעהרען, וועלכע זיינען ערקלעהרט געווארען אלס פערברעכעריש. די שאיטישע פארטיי פון דעם איסלאם האט זיינע לעהרען מיספערשטאנען און האט איהם דערפאר גענומען בעטראכטען אלס א גאט. פאר זיין טוידט האט ער געזאגט אז ער האט קיינמאל זיך אויסגעגעבען אלס א גאט און דאס ער איז נישט פעראנטווארטליך פאר אזא אידעע וועגען איהם אין זיין פארטיי. זיין לעהרע איז בעשטאנען אין דעם פרינציפ: "דער מענש איז געטליך אין זיכזעלבסט.. אויב ער האט גוטע מידות וואוינט גאט אין איהם". דער קאליף האט איהם געלאזט זוכען אין באגדאד אבער ער האט איהם דארט נישט געפינען. אלס ער האט געהערט אז מען זוכט איהם האט ער זיך פרייוויליג צוגעשטעלט צו איבן מאלקא, און דיעזער האט איהם גלייך ארעסטירט. ער איז געבראכט געווארען צום קאליף און דיעזער האט איהם פעראורטיילט פערברענט צו ווערען.

אזאר, אן עגיפטישער גאט (ז. "אזירים"). אין דער אראבישע מיטאלאגיע האט אברהם'ס פאטער געהייסען פרינץ אזאר. אין קאראן הייסט ער אפילו תרח נאר, ווי אזוי די מיטאלאגיע איז געקומען צו דיעזען נאמען איז אונבעוואוסט.

אזאר, (=העבר. חזיר), סירישער נאמען פאר מארס, וועלכער ווערט אבגעבילדעט אין געשטאלט פון א ווילדען חזיר, און וועלכער האט, לויט דער מיטאלאגיע, געהרגט דעם שעהנעם "אדאנים" (ז.ד.).

אזארא יאזע ניקאלא, א שפאנישער דיפלאמאט און געריהמטער קונסט־קענער. געב. 1731 אין בארבינאל, אראגאניען, און געשט. 1804 אין פאריז. אין 1765 איז ער פון דער שפאנישער רעגיערונג געשיקט געווארען אלס פערטרעטער אין רוים. ער ווירקט ערפאלגרייך אויף פאבסט קלעמענס געגען דעם יעזואיטען ארדען, ביז עס איז איהם געלונגען זיי פון שפאניען גאנץ צו פערטרייבען. ער האט זיך אויך בעטייליגט מיט זיין איינפלוס אין דער ערוועהלונג פון פאבסט פיאוס דעם 6טען ווייל אויך דער האט איהם פערזיכערט נישט צו שטיצען די יעזואיטען. אזארא איז דאדורך פאפולער געווארען צווישען די געגענער פון די יעזואיטען. שפעטער ווערט ער דער שפאנישער פערטרעטער אין פאריז. איהם איז געלונגען צו מאכען א פערטראג צווישען פראנקרייך און שפאניען. אייגענע ווערקע האט ער נישט געלאזען, נאר האט געמאכט אייניגע ניצליכע איבערזעצונגען. ער האט ארויסגעגעבען די ווערקע פון מענגס אויף אייגענע קאסטען.

אזארא פעליקס, א זעהר געריהמטער נאטור־פארשער, א ברודער פון פאריגען. געב. 1746 אין בארבינאל, און געשט. 1811 אין מאדריד. פון דער רעגיערונג בעשטימט אלס קאפיטאן פון דער 'פרעגאטא" וועלכע האט ארומגערייזט זיד־אמעריקא צו בעשטימען די פארטוגעזישע גרענצען. ער ניצט אויס דיעזע געלעגענהייט פאר נאטורפארשליכע צוועקען. ער האט דאס רעזולטאט פון דיעזע פארשונגען ארויסגעגעבען אין צוויי ווערק וועלכע ווערען נאך היינט ציטירט פון אלע נאטור־פארשער. דארווין ציטירט אין זיין ערשטען עפאכ־מאכענדען ווערק 21 מאל, וואלאס ביכנער, העקעל, האקסלעי און אנדערע ציטירען איהם צעהנדליגע מאל.

אזארום, (לאט. Azarum) א קרייטערפלאנצע וואס איז פיעל פערברייטעט דורך דעם נארדליכען העמיספער, אין די שאטענוועלדער. דער באדען אויף וועלכען זיי וואקסען איז בערך 7,000 פוס איבער דעם ים שפיגעל. זיי קאראקטעריזירען זיך דורך א



גלאָקען־פאָרמיגעס אויסזעהען. זייער פרוכט איז קאַפּסעל־אַרטיג, און ענטהאַלט צו 6 צעלען אין יעדע. מען געפינט זיי אין די וועלדער פון לענקעשייר און וועסט־מאָרלאַנד. די בלעטער וואַקסען אויף לאַנגע שטענגלעך און זיינען גלאַנציג. זיי ווערען געטרוקענט און געריבען צו אַ פולווער און פערברויכט אין פּראָדוצירען דעם שמעק־טאַבאַק, אַלס מיטעל געגען דעם קאָפּ־וועה. אַליין געמישט מיט וואַרמעס וואַסער דיענט ער אַלס אַ זעהר גוטעס ברעכ־מיטעל, אין אַ דיקערען פאָרם איז עס אַן אָבפיהר־מיטעל. דער אַזאַרום קריעגט דיעזע קראַפט פון אַ קריסטאַלענעם סובסטאַנץ וועלכער וואוינט אין דער פלאַנצע גופא. דער נאָמען פון דעם קריסטאַל איז: "אַזאַרין" אונזער אילוסטראַציע רעפּרעזענטירט 4 גאַטונג פון זיי, פון וועלכע 1) איז אַראָמאַטיש, וואַקסט אין נאָרד־אַמעריקא, איז אייביג גריען און בליהט אין יוני. 2) אַ געוועהנליכע וואָס וואַקסט אין די ענגלישע וועלדער, איז אייביג גריען, און בליהט אין מאַי, 3 און 4) וואַקסען אין קענעדע, זיי זיינען אייביג גריען און בליהען צווישען אַפּריל און מאַי.

אַזאַרין, (Azarin) אַ קינסטליכער געלער פאַרבשטאָף וועלכער דיענט צום דרוקען פון בוים־וואָל. האָט אַ גערוך פון שוועבל־זויערע.

אַזאָרעס, (פּאָרטוג. Acores = האַביכטס אינזעל), אַ פּאָרטוגעזישע פּראָווינץ, בעשטעהענד אויס 9 אינזלען מיט אַ פּאָאַר קליפּען, אין דעם אַטלאַנטישען ים. איז 830 מייל ווייט פון דער נאָהעטסטע פּאָרטוגעזישע קיסטע, און 2,400 מייל פון דעם אַמעריקאַנער פּאָרט סט. טהאָמאַס. בילדעט 3 דיסטריקטען אין דעם פּאָרטוגעזישען רייך. איז 922 □ גרויס און האָט בערך 242,613 איינוואוינער. די ערשטע איינוואָנדערער זיינען געוועזען די פּאָרטוגעזער. זיי זיינען דאָרט אָנגעקומען אין אָנהויב פון 15טען יאָהר־הונדערט. זיי האָבען דאָרט געפלאַנצט ביימער און אויסגעלייגט די ערשטע שטעדט. אַנגראַ די הויבטשטאָדט פון דעם אינזעל טערציירא, איז די רעזידענץ פון דער אַדמינסטראַציע. פּינטאַ, דעלעגאַדאַ, רובייראַ, און גראַנאַדאַ זיינען פיעל גרעסערע שטעדט. די איינגענגע צו די האַפענס פון דיעזע שטעדט זיינען גוט בעפעסטיגט צו קענען לייסטען ווידערשטאַנד געגען אַן אוערוואַרטעטען פיינד צו יעדער צייט.

דער באָדען איז פון אַ וואולקאַנישער נאַטור. נאָך אין די היינטיגע צייטען פּאַסירען דאָרט ערד־ציטערניסע. דער העכסטער באַרג איז בערך 7613 פוס איבער דעם ים־שפּיגעל.— דאָס קלימאַט איז ווי דאָס מיטעל־מעסיגע צווישען מאַדיירא און ליסאַבאָן. שניי זעהט מען דאָרט זעלטען אַבער האָגעל, זעהר אָפט. די אַטמאָספּערע איז פייכט. אין האָרטאַ איז רעדזשיסטרירט געוואָרען אין אַ דורכשניטליכען יאָהר 196 טעג רעגען און 4 טעג האָגעל; צוזאַמען 62 צאָל רעגען. ווען די רעגענס קומען געהען זיי מי אַ שלאַקסענדע האַסטיגקייט, און די איינוואוינער טראָגען דעמאָלט רעגענ־הייבעס מיט אויבער־מאַנטעל ווי אונזער בילד צייגט. — די פלאַנצען זיינען כמעט אַלע פון עוראָפּאַ. די פרוכטען אויסער געוועהנליך זאַפטיג. די טרויבען זיינען זעהר

אזאָרישער פרויען

פעט. דאָס לאַנד איז אויך רייך אין קאָרן, באַנאַנעס, אָראַנזשען, צוקער־ראָהרען, קאַפּעע און טאַבאַק. די רייכע פרוכטבאַרקייט פון די אָראַנזש־ביימער קען מען זיך פאָרשטעלען, ווען מען ווייסט אַז מאַנכע פון זיי טראָגען צ 26,000 אָראַנזשען. די ביימער בליהען דאָרט אין מערץ און אין אַפּריל. אין נאָוועמ־בער ווערען שוין די פרוכטען עקספּאָרטירט. די בהמות פּאַשען זיך דאָרט לייכט. און פעט. די בעלגישע איינוואַנדערער האָבען דאָס לאַנד רייך געמאַכט מיט פערשיעדענע בהמות. פייגעל זיינען דאָרט פאַראַן בערך 30 סאָרטען. אַ טייל פון זיי וואוינען דאָרט אַ גאַנצעס יאָהר און אַ טייל וואַנדערט אויס אין פער־שיעדענע צייטען נאָך עוראָפּאַ. דער גריענער קאַנאַריען פויגעל וועלכער איז אַ משחית צו די קאָרן פעלדער האָט דערפאַר בעקומען דעם נאָמען "האַביכט". אויבוואול ער געהער נישט צו דער "האַביכט" פאַמיליע איז ער אין דער זאָאָלאָגי דאָך בעקאַנט אונטער דיעזען נאָמען. פריש־וואַסער־אַאַלען, און בערך 70 סאָרטען פיש זיינען דאָרטען געפינען געוואָרען, פון וועלכע 6 סאָרטען געפינען זיך נירגענד וואו אַפריקאַנער היישרעקען בעזוכען דיעזעס לאַנד אין פערשיעדענע צייטען, ספּעציעל ווען דער קאָרן איז שוין הויך אויפגעוואַקסען.

ווען גאָנזאַלעס האָט דאָס לאַנד ענטדעקט אין 1444 האָט ער עס געפינען אונבעוואוינט שפּעטער האָבען די פעודאַלע הערען פון פּאָרטו־גאַל אַהינגעבראַכט ווייסע פרייע מענשען מיט

קאָליערטע שקלאַפען. אויך פון די אַרויסגעטריבענע יודען אויס פּאָרטוגאַל, זיינען זעהר פיעלע אַלס שקלאַפען אַהינגעשלעפּט געוואָרען. די פלעמישע איינוואַנדערונג האָט זיך דאָרט אָנגעהויבען אין אָנפאַנג פון 17טן יאָהר־הונדערט, און איז מיט דער צייט געוואָרען אזוי גרויס, אַז מען האָט די אַזאָרען שוין גענומען רופען "ניי־פלאַנדערען". אָבער מיט דער צייט האָבען די פּאָרטוגעזער איבערפליצט יעדען פרעמדען עלעמענט. דיעזער אינפלוענץ האָט זיך גענומען ווייזען אין דעם פאַקט דאָס די פרעמדע האָבען עס געפינען פיר ראַטזאַם זייערע נעמען צו פּאָרטוגיזירען. דער אורשפּרונג פון דער דאָרטיגע בעפעלקערונג איז אויף דיעזער ווייזע פערלוירען געגאַנגען.

איידער קאָלומבוס האָט ענטדעקט אַמעריקאַ האָט ער דיעזע אינזלען בעזוכט, און דאָרט האָט ער עס געלערנט די אידעע פון אַ לאַנד אויף יענער זייט וואַסער.

פערגליכען מיט די עוראָפּעער זיינען די אַזאָריאַנער קליין, האָבען רויהע געזיכטס־ציגע, גרויסע מיילער, דיקע ליפּען, שלעכט געפאָרמטע נעזער, און זיינען אין אַלגעמיין זעהר שווער בעוועגליך. זיי זיינען זעהר רעליגיעז. די אָפטע ערד־ציטערניסע האָבען זייערע רעליגיעזע געפיהלען שטענדיג געשטאַרקט. מיט יעדע ערד־ציטערנים זיינען זיי געלאָפען אין קירכע בעטען. אין 1591 האָט דאָרט אַן ערד־ציטערנים געדויערט 12 טעג און האָט פערניכטעט זעהר פיעלע הייזער און לעבענס. עס האָט זיך אַמאָל פּאַסירט אַז אַן ערד־ציטערנים האָט שטאַטגעפינדען בעת אַ סטרייק, די אַרבייטער זיינען גלייך געפאַלען אויף זייערע קניען און געבעטען מחילה פון די גוטסבעזיצער געגען וועלכע זיי האָבען געסטרייקט, און זיי זיינען געגאַנגען ווייטער אַרבייטען (עלי רעקלו). זיי זיינען טראַצדעם דאָך נישט אַזוי פאַנאַטיש ווי די פּאָרטוגעזער זעלבסט. דאָס פאַמיליען לעבען איז צו אַ געוויסען טייל אַזיאַטיש. די פרויען לעבען אָבגעזונדערט פון דעם אויסערען מענליכען געשלעכט. עס איז אַרטיג פאַר אַ פרוי זיך צו אויסדרעהען מיט איהר פנים צום וואַנד ווען זי דערזעהט אַ מאַנספּערזאָהן. זי זוכט אויסצומיידען צו געהן אין גאַס ווען נאָר מעגליך, און ווען זי מוז, דאַן געהט זי אָפט פערשלייערט איהר פנים. בלויז צוויי לעכער אין פנים פון דער מאַסקע פאַר די אויגען דורכצוקוקען, ווייטער איז אַלעס פערדעקט. ווען מאַן און פרוי געהן אין גאַס געהט ער מיט אַ פּאָאָר שריט פאָראויס, און זי הינטער איהם. ווען זי בעגעגענד אַ מאַנספּערזאָהן אין איהר וועג ווענדעט זי אָב איהר קאָפּ פון איהם.

רעפאָרמען לאָזען זיך דאָרט שווער איינפיהרען. אין פּאָנטאָ דעלגאַדאַ וואוינען נאָך אַביסעל יודען, אַבער זיי האַלטען נישט פון טהרות משפחה. זיי האַלטען זיך נאָך אוף דורך דעם פאַקט דאָס מאַנכע קריסטליכע פרויען געהען איבער צו דער יודישע רעליגיאָן.

די פערבינדונג מיט דער אויסען-וועלט איז דורך אַ קייבעל מיט ליסבאָן, און דורך שיפסליניען מיט ליסבאָן, האַמבורג און ליווערפּול. זייער עקספּאָרט פון פרוכט געהט נאָך פּאָרטוגאַל, ענגלאַנד, און בראַזיליען. דער אימפּאָרט פון בהמות, מעטאַל, געשיר, און מאַשינען פון ענגלאַנד, און פאַרבען, גלאָז, און לוקסוס־אַרטיקעל פון האַמבורג.

אַזאַרקאַל, אַן אַראַבישער מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָם, אַנגעשטעלט פון אַל־מאַמאָון קעניג פון טאָלעדאָ. געב. אין קאָרדאָוואַ, אין דער ערשטע העלפט פון 11טען יאָהר־הונדערט. ער האָט ערפינדען אַ וואַסער־זייגער וואָס האָט ביי יענער צייט געמאַכט אַ גרוישען רעש אין דער אַסטראָנאָמיע. האָט אויך ערפינדען אַן אַסטראָלאַב אויף אַ נייעם פּרינציפּ וואָס

איז ביז איהם גאַנץ אומבעקאַנט געוועזען.

אזארקיע, נאָמען פון אַ קראַנקהייט וואָס מ׳רופט: פּליוש־קאָז אָדער מאָגער.

אזבוקא, נאָמען פון דעם אַלפאַבעט אין דער אַלט סלאַווישע ליטעראַטור.

אזבענאַווא, (Asben=Air) אַ שטיק לאַנד אין דער זאַהאַראַ (ז.ד.), בערך 49,000□ מיילען גרויס, מיט אַ בעפעלקערונג פון 64,000 איינוואוינער. די הויבט־שטאָדט איז אַגאַדעס, וועלכעס זעהט אויס חורבה׳דיג און בעשטעהט פון הייזער געבויט פון ליים אָהן אַן ארכיטעקטישען סטיל.

דאָס לאַנד איז נישט ווייט פון סודאַן. עס געפינט זיך אין אַ הויכקייט פון 2,000 פוס איבער דעם ים־שפּיגעל. מאַנכע בערג־שפּיצען שטייגען איבער 6,000 פוס הויך. די טאָלען זיינען פרוכטבאַר און זעהר געאייגענט פאַר דעם אַקערבוי, וועלכער שטעהט דאָרט נאָך אויף אַ פּרימיטיווען באַזיס. יעדער בערג איז בעדעקט מיט גריענס און איז אָפט בעלאַגערט פון ציעגען. שעפּסען און פערד זיינען דאָרט זעלטען. די לאַסט ווערט געצויגען פון קעמעל און זעבוס, פון וועלכע דאָס לאַנד האָט זעהר פיעלע. דאָס קלימאַט איז געזונדט. די הויבט געוויקסע זיינען פרוכט, טרויבען, טייטלען, הירזע, אינדיגאָ, פערשיעדענע האָלצ־ביימער, און בלומען. — פון די ווילדע טיערע זיינען דאָרט פאַראַן: זשיראַפען, אַפען, אַנטעלאָפּען, הייענען, זשאַקאַלען, וועלף ווילדע חזרים און לייבען. די לעצטע ווערען זעלטענער פון צייט צו צייט. טירטעל־טויבען און שטרויס־פויגעל לויפען אַרום אין גרויסע גרופּען.

דאָס פאָלק בעשטעהט אויס אַ געמישטע ראַסע פון נעגער און בערבער. זייער הויט־פאַרב איז דונקעל, זייערע געזיכטס־ציגע זיינען ענליך צו די האַוסאַ־נעגער פון סודאַן. זיי זיינען ענערגישע קריגער, געשיקטע רייטער, אַבער זעהר ווייניג פּראָדוקטיוו. די פאַבריקאַציע פון לעדער, וואָל, און אַנדערע אַרטיקעל איז איבערגעלאָזען אין די הענד פון די פרויען. זיי פּראָדוצירען אויך אַ סאָרט קעז וועלכען מען ריהמט איבער די גאַנצע זאַהאַראַ. זייער רעליגיאָן איז דער מאַהמעדאַנערטום זיי ווערען אין אַלגעמיין בעטראַכט אַלס אַ רויבער־פאָלק. אין 16טען יאָהר־הונדערט איז דיזעס פאָלק געשטאַנען אויף אַ גלענצענדע שטופע, אַגאַדעס אַליין האָט געהאַט איבער 50,000 איינוואוינער, און אין גאַנצען האָט דאָס פאָלק געצעהלט 164,000 איינוואוינער, צוליעב די שטענדיגע מלחמות מיט זייערע אַרומיגע שכנים, זיינען זיי אַזויוויט אַרונטער געפאַלען. אַ צווייטע שטאָדט ״טין טעליסט״ אין וועלכער עס איז געשטאַנען דעם סולטאַנס פּאַלאַסט איז היינט ווי גאַנץ פערלאָזען. דיעזע האָט היינט קוים 500 איינוואוינער. ״דאָהער־גאָ״ איז אַ שטאָדט אויף דער גרענעץ פון באָרנו וועלכע ענטהאַלט אַלע קאָרנ־שפּייכלער.

אזהאר, נאָמען פון דער אַראַבישע אוני־ווערזיטעט אין קאַירא, זי איז די גרעסטע מאַהמעדאַנישע אַקאַדעמיע אין דער וועלט. אַלע וויסענשאַפטען ווערען געלערנט אין דער אַראַבישער שפּראַך. זי האָט אויך די גרעסטע אַראַבישע ביבליאָטעק וואָס די 200 מיליאָנען מאַהמעדאַנער פערמאָגען. אין דיעזער ביבליאָטעק געפינט זיך אַ העברעישע אַבטיילונג, ווייל די אַראַבער גלויבען אַז בכדי צו קענען די אַראַבישע שפּראַך מוז מען אויך קענען העברעיש. דאָרט געפינען זיך כמעט אַלע אַראַבישע ווערק וואָס זיינען געשריבען געוואָרען מיט העברעישע אותיות, דערונטער אויך די ווערק פון סעדיה גאון, רמב״ם, ר׳ יהודה הלוי, ר׳ שלמה אבן גבירול, און אַנדערע. דער נאָמען ״אזהאַר״ מיינט גלאַנץ. קריסטען און יודען ווערען דאָרט נישט אַריינגענומען.

אַזהרות, אין פּלוראַל: נאָמען פון די העברעישע פּיוטים וועלכע בעהאַנדלען די דינים פון תרי״ג מצות. סינגולאַר: ״אַזהרה״ אַ בעפעהל אָדער אַ וואָרנונג פון אַ רב, אַ דיין, אָדער גבאַי.—סעדיה גאון האָט פערפאַסט אַזהרות, אַזוי האָט אויך געטהון ר׳ שלמה אבן גבירול און אַנדערע דאָך, האָט אבן עזרה אין זיין ״יסוד מורה״ שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דיעזע אַקראָבאַטישע פאָרמען פון די אַזהרות. דאָסזעלבע האָט אויך געטהון דער רמב״ם אין זיין ״ספר המצווה״. דער לעצטער זאָגט דאַריבער: שטאַרק פאַריבעל האָבען אויף זיי קענען מיר נישט; די אַזהרה־מאַכער זיינען דאָך נישט קיינע רבנים, נאָר משוררים וועלכע האָבען די ערלויבנים צו ריידען אַנדערש ווי אַ בשר־ודם. געקומען איז דער נאָמען אַזהרות פאַר דיעזע סאָרט פּאָעמען דערפון וואָס די ערשטע פון זיי הויבט זיך אָן מיט: ״אַזהרות ראשית לעמך נתת״.

אַזוגאָס, (גריכיש) אונגעפּאָאַרט. וואָר־שיינליך אין צוזאַמענהאַנג מיט אונזער העב־רעישען ״זוגות״. — אין דער אַנאַטאָמיע ווערט יעדעס גליעד וואָס האָט קיין פּאָאַר מיט דיעזען נאָמען בעצייכענט. אַשטייגער: אַזוגאָס־אַרטעריע, וואָס מיינט דאָסזעלבע וואָס, קניע־געלענק אַרטעריע.

אַזול, אַ דיסטריקט אין דער פּראָווינץ בוענאָס־איירעס, אין דער אַרגענטינישע רעפּוב־ליק. איז 6047 □ קילאָמ. גרויס, און האָט איבער 17,000 איינוואוינער. די שטאָדט, פון דעמזעלבען נאָמען, האָט ביי 7000 איינוואוי־נער פון וועלכע עס געבען זעהר ווייניג יודען.

אַזולאַי, אַ יודישע פאַמיליע פון געלעהר־טע וועלכע איז מיט דעם גרויש־שפּאַניען אויסגעוואַנדערט נאָך פעץ (מאַראָקא), און פון דאָרט זיך פערפּלייצט נאָך פערשיעדענע לענדער פון וועלכע זיי האָבען זיך געלאָזט הערען אַלס מקבלים און מחברים. די בעקאַנטעסטע פון זיי ווערען דאָ אויפגעפיהרט.

אַזולאַי אברהם, אַ בעל־מקבל, געב. אין פעץ מאַראָקאָ 1570 און געשט. אין חברון 1643 די אונרוהיגע צייט האָט איהם געבראַכט נאָך פּאַלעסטינאַ וואו ער האָט מחבר געוועזען אַ פּרוש אויף דעם זוהר אונטער דעם נאָמען ״קרית אַרבע״. שפּעטער גיט ער אַרויס כסדר, ״חסד לאַברהם״, ״זהורה חמה״, ״אור הלבנה״ ״מעשה חושב״, און ״כנף רננים״. בכתב געפינען זיך פון איהם איינעגע ספרים אין פערשיעדענע ביבליאָטעקען.

אַזולאַי חיים יוסף דוד, (חיד״א), געב. אין ירשלים 1727, און געשט. אין ליוואָרנאָ 1807. אַן אייניקעל פון פאָריגען, און אַן אור־אייניקעל פון איינעם פון די חכמי קאַסטיליע וואָס האָבען זיך געפינען צווישען די שפּאַנישע מגורשים. חיד״א איז געריהמט געוועזען אַלס תלמודיסט און אַלס בעל־זכרון. שוין אין זיין יוגענד האָט ער פּרובירט אויסגלייכען די שווערע שטעלען פון תלמוד. ער האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען אַ פּיעלזייטיגער קענ־נער אין רעליגיאָנס־זאַכען, איבער וועלכע ער האָט פיעל געשריבען אָבער ווייניג געדרוקט אין 1755 האָבען די יודען פון ירשלים איהם געשיקט אַלס משולח פאַר די עוראָפּעישע שטעדט. צוליעב דעם האָט ער בעזוכט איטאַליען פראַנקרייך, דייטשלאַנד און האָלאַנד. ער קומט צוריק 10 י. שפּעטער און בעזעצט זיך אין חברון. אין 1770 פאָהרט ער ווידער קליי־בען געלד פאַר די אביונים פון חברון, און און ער בעזוכט דעמאָלט גאַנץ טירקיי, גרי־כענלאַנד, טוניס, ליוואָרנאַ מאַנטואַ, און ענג־לאַנד. אין 1781 מאַכט ער אַ דריטע רייזע אַלס משולח, דיעזע איז שוין געוועזען די לעצטע, נאָך וועלכע ער האָט זיך בעזעצט אין ליוואָרנאַ וואו ער האָט זיין לעבען בעענדיגט.

איבעראַל וואָהין ער איז געקומען פלעגט ער זיך בעקענען מיט די גרויסע געלעהרטע יודען פון דער שטאָדט, ער פלעגט בעזוכען אַלע גרויסע ביבליאָטעקען, פערצייכנען יודישע ספרים, געדרוקטע און מאַנוסקריפּטען ער האָט פון איבעראַל געקליבען מאַטריאַל פאַר זיינע שריפטען. אין ליוואָרנא האָט ער גע־לעבט אין דעם פּאַלאַסט פון פּירירא ד׳ליאָן און דאָרט האָט ער פערפאַסט דעם גרעסטען טייל פון זיינע ספרים. ווען ער איז נאָך געוועזען אַ יונגערמאַן האָט ער פערפאַסט זיין "העולם דבר" וועלכער איז שפּעטער געוועזען די גרונדלאַגע פון זיין געריהמטען "שם הגדולים", אַ ווערק פול מיט ביאָגראַפיען פון די גדולי ישראל, וועלכעס איז שפּעטער בע־אַרבייט געוואָרען און איבערגעדרוקט געוואָ־רען פון דעם בעוואוסטען שריפטשטעלער יצחק אייזיק יאַקאָבסאָן (בן־יעקב) אין ווילנא 1852 זיין ספר "מעגל טוב" איז אַ אינטערעסאַנטע בעשרייבונג פון זיינע רייזען און ערלעבני־סע אין די פערשיעדענע לענדער און שטעדט. זיינע פיעלע אונגעדרוקטע מאַנוסקריפּטען געפינען זיך פאַנאַנדערגעטיילט צווישען די פערשיעדענע אַרכיוועז און ביבליאָטעקען. צוזאַמען האָט ער פערפאַסט ביז 71 ספרים.

אין זיינע שריפטען געפינט זיך זיין קאַ־ראַקטער אין אַ קאָנטראַסט צווישען קלאָהרען וויסען און קינדישען אַבערגלויבען. זיין אמונה אין דער קבלה האָט זיך נישט געריימט מיט זיין קלאָהרען און קריטישען שכל וואָס זעהט זיך דאָרט, בעת ער איז חוקר ודורש איבער די עכטהייט פון דעם פּרוש רש״י א.ד.ג. זיין כח החקירה איז געוועזען פריי בעת ער האָט געפאָרשט, און בעת ער האָט געגלויבט זעהט זיך אַ קינדישע בלינדהייט.

אַזוראַס, (אינדישע מיטאָל) נאַכט־גייסטער אַשטייגער ווי די שדים ביי אונז. מען רופט זיי אויך ראַקשאַסאַס = בייזאַרטיגע. זייער הויבט־פיהרער איז "שוכראַ", איינער וואָס פערגלייכט זיך מיט אונזער אַשמדי.

אַזור־בלוי, צווייטער נאָמען פון אולטראַ־מאַרין (ז.ד.).

אַזורי, קעניג פון אַשדוד 711 פּיצ׳. לויט דאָקומענטען אין בריטישען מוזעאום (באַב. אַסיריש.ע אָבט.) האָט ער זיך ענטזאָגט צו צאָהלען מס צו סרגן מלך אַשור (ז. ישעיה כ׳ 1) האָט איהם סרגן דערפאַר אָבגעזעצט פון דער מלוכה און אַרופגעזעצט זיין ברודער אַחימיטי. דאָס פאָלק פון אַשדוד האָט איהם אָבער נישט געוואָלט און עס האָט זיך אויס־געוועהלט ימיני אויף זיין אָרט. זיך צו פער־זיכערען געגען סרגן האָט זיך דאָס פאָלק פעראייניגט מיט די פלשתים, מיט יהודה, מיט אדום, מואָב, און מצרים. סרגן האָט זיי אַלעמען דאָך בעזיעגט, און אַלע זייערע לענ־דער אונטערגעוואָרפען אונטער דעם יאָך פון אַשור.

אַזזאַראָלאַ, אַ שמאַקהאַפטע פרוכט פון אַ גרויסען בוים אין איטאַליען, גענאַנט Crataegus Azarolus זיין קאָליער איז בלאַס־געל, שמעקט זויערליך אויף דער צונג, ווערט געגעסען רויה ווי אויך אין איינגעמאַכטען פאָרם. דאָס האָלץ פון דעם בוים ווערטע געזוכט פון דרעקסלער.

אַזזי איפּאָליטאַ, אַ איטאַליענישע העל־דין אויס דער צייט פון דעם קאַמף צווי־שען פלאָרענץ געגען אַרעזזאָ. אַלס איהר מאַן איז געפאַלען אויף דעם שלאַכט־פעלד האָט זי מיט אַ בעגייסטערענדע רעדע געווירקט אויף די פרויען מיט איהר צו געהן אין פראָנט געגען פיינד. זי האָט געמאַכט אַ נאַכט־איבער־פאַל און האָט דעם פיינד ערפאָלגרייך צוריק־געדרענגט. אינמיטען פון דיעזען שטורם האָט זי פערלוירען איהר איינציגעס קינד. דער פיינד האָט איהר געלאָזט וויסען אַז אויב

אַרעזזאָ וועט זיך נישט אונטערגעבען וועט איהר קינד בעצאָהלען מיט זיין לעבען. זי האָט דערויף געענטפערט מיט נאָך אַן אַטאַק ביי וועלכען זי האָט דעם פיינד ווידער גע־שלאָגען און דאַביי אויך איהר קינד צוריק־בעקומען.

אזטעקען, אַ פאָלק וואָס האָט געהערשט אין מעקסיקאָ בעת די ערשטע עוראָפּעער האָבען געלאַנדעט אין אַמעריקאָ. זיי האָבען בעזיעגט און פערשלינגען די טאָלטעקען, אַ פאָלק וואָס האָט דאָרט עקזיסטירט נאָך פון דוד המלך׳ס צייטען. די טאָלטעקען זיינען געוועזען אַ ציוויליזירטעס פאָלק, און מיט זייער אַסימיליזאַציע איז זייער ציוויליזאַ־ציע איבערגעגאַנגען צו די אַזטעקען. זיי זיינען געוועזען קריעגעריש און בראַוו אין זייערע מלחמות. זיי האָבען געטהון זייער בעסטעס זייער פיינד אין דער מלחמה נישט צו הרגנען ווייל, זיי האָבען געזוכט זיי מקריב צו זיין פאַר זייער "מעקסיטילי". מען גלויבט אַז בעת די שפּאַניער האָבען די אַזטעקען איינגענומען האָבען זיי שוין געהאַט מקריב געוועזען איבער 20,000 מענשען פאַר דיעזען גאָט. מיט זייערע מלחמות האָבען זיי בעזיעגט 7 שבטים וואָס האָבען געלעבט אין זייער שכנות. די צאָהל פון בעזיעגטע איז געוועזען אַזוי גרויס אַז זיי זיינען ענדליך פון זיי אַסימילירט געוואָרען. זיי האָבען איינגענומען די שטאָדט מעקסיקאָ אין 1325. זי האָט דעמאָלט געהייסען "טאַנאָכטיטלאַן". דער נאָמען מעקסיקאָ איז איהר געגעבען געוואָרען צוליעב זייער גאָט מעקסיטילי. בכדי זיך צו פערזיכערען געגען אַן אויפשטאַנד אָדער אַן אַנגריף פון זייערע שונאים האָבען זיי די שטאָדט מעקסיקאָ אַרומגענומען מיט וואַסער־קאַנאַלען אויף דער זייט פון די יבשה און די שטאָדט האָט דאַדורך בעקומען דאָס אויסזעהען פון אַן אינזעל. אין 1375 האָבען

זיי זיך געוועהלט דעם ערשטען קעניג, זיין נאָמען איז געוועזען 'אַקאַמאַפּיטשטלי', דער פירטער קעניג זייערער "איזקאָטשין", האָט זיך פעראייניגט מיט די "טעזוקוקען" און זיי האָבען פערניכטעט דעם שבט אַזקאַ־פּיטצאַלקאָ. אַנדערע שבטים האָבען אויס מורא זיך מיט זיי פעראייניגט, און צוזאַמען האָבען זיי צווישען זיך געבילדעט אַ קאָנפעדעראַציע. די בעזיעגטע פעלקער האָבען נישט נאָר גע־דאַרפט צאָהלען מס צו די אַזטעקען נאָר האָבען אויך געמוזט געבען יעהרליך אַ צאָהל מענשען מקריב צו זיין פאַר דעם גאָט מעקסיטילי.

אין דעם 15טען יאָהר־הונדערט, אונטער די הערשאַפט פון מאָנטעצומאַ דעם ערשטען, האָט זיך זייער הערשאַפט אויסגעברייט איבער די קיסטען פון דעם אַטלאַנטישען ים. אונטער מאָנטעצומאַ דעם צווייטען, זיינען פערשיעדענע דיסטריקטען געוואָרען בעהערשט מיט דער אַבסאָלוטע הערשאַפט פון פערשיעדענע פּרינצען און פּירשטען. דער פּריעסטער־שטאַנד איז געוועזען אַ זעהר ענטוויקעלטער. איעדער פון זיי האָט געמוזט קענען אַסטראָנאָמיע אוידער ער איז צווישען זיי אויפגענומען געוואָרען. זיי האָבען געהאַט צווישען זיך אַן אייגענעם רעכענ־סיסטעם. דורך זייער קראָנאָלאָגיע קאָן

מען זעהען אַז זיי האָבען געקאָנט מאַטעמאַטיק. זיי האָבען צוזאַמענגעשטעלט אַן אייגענעם קאַלענדער וועלכער האָט געהאַט אַ גרעסערען ווערטה ווי דער פון די גריכען און רוימער. זייער אַקער־בוי איז געוועזען אַ הויך ענטוויקעלטער. זיי האָבען אויך פערשטאַנען צו גראָבען און צו פעראַרבייטען זילבער, צינן, און קופער. גאָלד פלעגען זיי געווינען דורך וואַשען. זיי האָבען פערשטאַנען די קונסט צו וועבען און פאַרבען. זייער גאַנצע אייגענטימליכע קולטור איז פון די שפּאַניער ווי אָבגעווישט געוואָרן. אויך זייער נאַציאָנאַליטעט איז צוליעב דעם אונטערגעגאַנגען. זיי אַליין געפינען זיך יעצט אין איניגע גרופּען צוואָרפען אין די פערשיעדענע געגענדע פון דעם מעקסיקאַנר שטאַאַט. בלויז אַפּאָר רעשטלעך זיינען זיי יעצט. זיי האַלטען שוין ביים טאָטאַלען אונטערגאַנג.

אין זייער בליהענדסטע צייט זיינען זיי געוועזען איינגעטיילט אין 20 אָבטיילונגען. אַ יעדע אָבטיילונג האָט געהאַט אַ בעזונדער לאָקאַלע אויטאָנאָמיע. דער ראַטה איז בעשטאַנען פון געוועהלטע דעפּוטאַטען. אַן דער שפּיצע פון אַלע זיינען געשטאַנען צוויי רעגענטען, אַ ציווילנער און אַ מיליטערישער. דער מיליטערישער האָט געהאַט די פּאָליציי אונטער זיין אַדמינסטראַציע. די פּאָליציי ווידער איז געוועזען געטיילט אין 4 אָבטיילונגען פאַר יעדע שטאָדט. יעדע אָבטיילונג האָט געהאַט די אויפזיכט איבער אַ פירטעל פון דער שטאָדט. די פּאָליציי האָט אויך געדיענט אַלס עקזעקוציאָנערען ביים מקריב זיין די מענשליכע קרבנות. אַ הויבט־רעגירונג וועלכע האָט געהאַט די אויטאָריטעט איבער אַלע 20 איז בעשטאַנען פון 20 מיטגליעדער, איין מיטגליעד פון אַ יעדע אָבטיילונג. דיעזע זיינען זיך טעגליך צוזאַמענגעקומען צו בעהאַנדלען נאָר דאָס וואָס עס איז געוועזען דרינגענד. די רעשט איז געבליבען פאַר דער פערזאַמלונג וואָס האָט שטאַטגעפינדען יעדע 80טען טאָג. צו דיעזע סאָרט פערזאַמלונגען זיינען געקומען אויך די פריעסטער צו געבען עצות איבער זאַכען וואָס האָבען בעריהרט די רעליגיעזע קולטור. ווען די שפּאַניער זיינען אָנגעקומען אין אַמעריקאַ האָבען די אַזטעקען געהאַט 1430 פריעסטער.

פּריוואַט אייגענטום האָט צווישען זיי נישט עקזיסטירט. יעדער האָט בעזעסען אַ הויז און דאָס איז געוועזען זיין ביז ער האָט עס פערלאָזען. האָט ער פערפלאַנצט אַ גאָרטען איז דער גאָרטען געוועזען זיין פאַר אַזוי לאַנג ווי ער האָט בעזעסען דאָס הויז מיט וועלכען דער גאָרטען איז געוועזען פערבינדען. די פאַמיליע איז פערצייכענט געוואָרען פון דער פאָטערליכע זייט. בלייבען אונפערהייראַט איז געוועזען אַ פערברעך. אַ חוץ פאַר איינעם וואָס האָט בעקומען אַ ספּעציעלע ערלויבניש פון שטאַאַט. אונטריי־הייט איז בעשטראָפט געוואָרען דערמיט וואָס אַן אונטרייער מאַן איז געוואָרען אַ שקלאַף און אַ אונטרייע פרוי האָט געמוזט בלייבען אַ פּראָסטיטוטקע.

אַגריקולטור האָבען זיי געטריבען אויף אַ פּרימיטיווען אופן. זיי האָבען אָבער איינגעפיהרט וואַסער־ליטונג וואו ס'איז נייטיג געוועזען. זייערע שאָסעען און גאַסען זיינען געוועזען שמאָל, און זייערע הייזער האָבען זיי געבויט פון ציגעל. פאַר רעגיערונגס געביידען האָבען זיי געבויט שטיינערנע ווענד מאַרמאָר פאַר פאַדלאָגעס, און שעהנע טאַפּעטען פאַר די אינערליכע ווענד. אַ טייל פון זיי האָבען זיי אינווענדיג אויך פערציהרט מעטאַלענע געזימסען. אין פערשיעדענע שטעדט האָבען זיי פון צייט צו צייט איינגעריכטעט ירידים וואו סחורה איז פערהאַנדעלט געוואָרען פאַר סחורה. האָבען געהאַט פערגעניגענס פּלעצער, מענאַזשעריען, באָד־פּלעצער טעאַטערע

דער אַזטעקשער שטיינערנער קאַלענדער

פאַר אַקדאָבאַטען, זינגער און מאַגיקער. און צו אַלעם דעם זיינען זיי געוועזען קאַניבאַלען.

אַרכעאָלאָגיע: אין יאָהר 1790 איז געפינען געוואָרען אין מעקסיקאָ אַ שטיינערנער קאַלענ־דער פון מאָנטעצומאַס צייטען. ער האָט געמאָסטען 11 פוס מיט 9 צאָל אין דיאַמעטער, און האָט געוואויגען 24 טאָן. בעת מען האָט געאָרדערט די אידיאַנער אַרבייטער איהם אַרויסצוהייבען פון דער ערד האָבען 10,000 זייערע דעם שטיין נישט געקאָנט ריהרען. די שטריק האָבען זיך איינינגע מאָל צוריסען. שפּעטער האָט מען זיך דערוויסט אַז די אינ־דיאַנער האָבען אַבערגלויביש מורא געהאַט דעם שטיין צו ריהרען פון אָרט. דערפאַר האָבען זיי נישט אָנגעווענדעט אַלע זייערע כחות. די קריסטען האָבען ענדליך דיעזען שטיין איינגעמויערט אין דעם קאַטעדראַל פון מעק־סיקאַ. פון זיין אויסזעהען שליעסט מען אַז דער שטיין האָט געדיענט אַלס אַ מזבח פון מענשליכע קרבנות. ווי עס זעהט זיך פון דעם דאָ בייגעגעבענעם בילד, איז פאַראַן דער פּנים פון דער זונן אינמיטען, און אַרום איהר זיי־נען 8 קראָנאָמעטרישע סימבאָלען. — עס ווערט אויך בעהויבטעט אַז די אַזטעקען האָבען געברויכט קאָקאָ־קערנער אַלס געלד, און דאָס מאָנטעצומאַ האָט דער עשטער זיי געמאָלען צו מאַכען אַ טרינק פון זיי. זיין בעכער איז געוועזען פון גאָלד און דער לעפעל פון שילד־קראָט־שעל.

אַזיאַ, (גריכ. מיטאָל.) דאָס פּרינציפּ וואָס איז געוועזען פעראייניגט מיט גאָט בעת ער האָט די וועלט געשאַפען. אַלס צעום איז גע־שאַפען געוואָרען האָט זיך אַזיאַ געטיילט פון גאָט און האָט זיך פערוואַנדעלט אין דער געטין מאַיאַ. פריהער איז זי געוועזען דער גייסט וועלכער האָט געשוועבט איבער דעם וואַסער,

אַשטייגער ווי ביי אונז דער רוח א׳ מרחפת על פני המים. דערפאַר האָבען אייניגע פלוס־געטינען געטראָגען דיעזען נאָמען. עטימאָל. איז דאָס וואָרט ״אַזיאַ״ גלייך צום העברעישען ״חציה״ = ״די געטיילטע״. פיגוראַטיוו ער־אינערט דאָס אין דעם סעקסועלען אַפּאַראַט פון דער פרוי.

אַזיאַ, אַ גריכישעס דאָרף. נאָהנט צום טייך אַרטאַ. איז געריהמט געוואָרען אין דער אַרכע־אָלאָגיע צוליעב דעם גרויסען פעסטונג וואָס איז דאָרט אויסגעגראָבען געוואָרען פון דעם דייטשען פאָרשער דר. ערלינגער. די פעסטונג שטאַמט אוים אַלטע צייטען, איז גרויס 5 מיט אַ האַלבע מייל, איז געבויט מיט אַ זעהר קלוגען פּלאַהן, האָט איינגעפיקסט אַ שטאָלענע טאַבליצע וועלכע האָט געדיענט אַלס אַ לופט־טעלעגראַפישער אַפּאַראַט אין פערבינדונג מיט די שיפען אויף דעם וואַסער. עס איז דאַדורך פעסטגעשטעלט געוואָרען אַז דאָרט איז געוועזען דאָס לאַגער פון אַנטאָניוס און אַוגוסטוס אין דער מלחמה פון אַקטום.

אַזיאַגאָ, אַ שטעדטעל אין נאָרדליכען איטאַליען, אַרום וועלכען עס האָבען זיך געשלאָגען די איטאַליענער מיט די עסטרייכער פאַר גאַנצע צוויי יאָהר. 6 מאָל האָט זיך איהר שיקזאַל געענדערט פון עסטרייך אויף איטאַליען און פון איטאַליען אויף עסטרייך. די בעפעלקערונג פון דיעזען דאָרף (2,000) איז אין דיעזער מלחמה כמעט ווי גאַנץ פערלוירען געגאַנגען. ערשט אין נאָוו. פון 1916 זיינען די עסטרייכער פון דאָרט אויף שטענדיג פעריאָגט געוואָרען.

אַזיאַה, (מאָחמעד. מיטאָל.) די טאָכטער פון מאַזאַהעם, און די פרוי פון דעם קעניג פרעה, אוים דער צייט פון יציאַת מצרים. דערפאַר ווייל זי האָט איינגעשטימט מיט משה אַז פרעה זאָל די יודען פריילאָזען פון מצרים האָט פרעה איהר געשליידערט אין געפענגניס, ער האָט איהר דאָרט געמאַטערט, גוטע מלאכים האָבען איהרע ליידען פאַר אַ צייט געלינדערט, און ענדליך האָבען זיי איהר אַרויפגעפיהרט אין הימעל. זי איז געהייליגט אַלס איינע פון די 4 פרויען וועלכע האָבען זוכה געוועזען צו אַ זאַ סוף. זי דיענט אַלס ביישפיעל פאַר דער מאַחמעדאַנישע פרוי.

אַזיאַטישע חלי־רע ז. ״חלי־רע״.

אַזיאַ־מינאָר, אָדער ״קליין־אַזיען״, נאָמען פון דעם וועסטליכען טייל פון אַזיען. בילדעט אַ גרויסען טייל פון דער טירקיי. איהר גרענעץ ציהט זיך אָסטליך פון דעם גאָלף סקאַנדערום ביז דעם אויבערען טייל פון אפרת. אויף דער נאָרדליכע זייט איז זי בעגרענעצט דורך דעם שוואַרצען ים, אויף דער וועסט מיט דעם ים מאַמאָר און באָספאָרוס, און אויף דער זידליכע זייט מיט דעם מעדיטעראַנעישען ים. פערנעהמט בערך 200,000 □ מיילען. שליעסט איין די פּראָווינצען אַנאַטאָליען, קאַראַמאַניאַ, אַדאַנאַ, ראָום, טרייביזאָנד, און מאַראַש.

באָדען: די געשטאַלט פון דעם באָדען איז פון אַ וואולקאַנישע נאַטור, און די גאַנצע פלאַכע ליגט צווישען 3500 ביז 4000 פוס איבער דעם ים־שפּיגעל. עס שטעהען דאָרט נאָך קראַטער וואָס שטייגען איבער 11,830 פוס הויך, מיט אַ שטייגענדען צוטריט פון 2000 פוס. אויף דער נאָרדליכע זייט געפינען זיך אַ רייהע פון בערג פון וועלכע דער העכסטער איז 6000 פוס הויך. דיעזע האָבען קיין שטייגענדען צוטריט, נאָר זיינען כמעט ווי גראַד אַרוף געשטרעקט. אויף דער וועסטליכע גרענעץ זיינען דאָ אייניגע טיעפע טאָלען, און צווישען זיי שטעהען, דער שטאָלצער אָלימפּוס מיט דער אידאַ. די גרעסטע טייכען פון אַזיאַ־מינאָר זיינען: דער קיזיל־אירמאַק, עשיל־אירמאַק, און דער זאַכאַריאַ. אַלע דריי לויפען אין דעם

שוואַרצען ים אַריין. דער סאַראַבאַט און דער מעינדער לויפען אין דעם עגעישען ים אַריין.

קלימאַ: דאָס אַלגעמיינע קלימאַ עהנליכט זיך זעהר צו דעם קלימאַ פון דעם זידליכען עוראָפּאַ, און ער טיילט זיך אין פיער רעגיאָנען די צענטראַל געגענד איז אַהן וועלדער און אַהן וואַסער. דיעזע געגענד האָט אַ הייסען זומער מיט אַ קאַלטען ווינטער. דער זידליכער טייל האָט אַ מילדען ווינטער און א ברענענדען זומער. אַרום דעם עגעישען ים איז די געגענד אינגאַנצען מילד און גוט בעוואַקסען. אויף דעם נאָרדליכען טייל איז עס שוין נישט אַזוי מילד אַבער דאָך גוט בעוואַקסען. די וועלדער האָבען דעמזעלבען קאַראַקטער וואָס די עוראָ־פּעישע, זיינען אויך טיילוויז געמישט מיט פּערזישע און סירישע בוימער. אַרום די ימים וואַקסען פיעלע עוראָפּעישע פּראָדוקטען, ווי אויך אָליוען, טרויבען און זייד.

בעפעלקערונג: בערך 7 מיליאָן איינוואוינער געפינען זיך אין קליין אַזיען. בעשטעהענד אויס אָסמאַליען, טורקאָמאַנען, יורוקען, טור־קען, קורדען, גריכען, אַרמעניער און יודען. די ערשטע פיער זיינען נאָמאַדען, די לעצטע דריי זיינען לאַנד־בעזיצער, סוחרים, און אַרבייטער. אַדמינסטראַטיוו איז דאָס לאַנד פערטיילט אין 8 ווילאַיעטען. זייערע הויפּט־שטעדט זיינען: ברוסאַ, סמירנאַ, קאָניע, אַדאַנאַ, סיוואַ אַנגאָראַ, טרעביזאָנד, און קאַס־טאַמוני. די לעצטע דריי זיינען לעצטענס געפאַלען אונטער דעם רוסיש־סאָוויעטישען רעזשים. —גריכענלאַנד האָט דאָ אַמאָל געש־פּיעלט אַ זעהר גרויסע ראָלע. דאָ זיינען גע־שטאַנען די שוין פערלוירענע שטעדט: פריגיאַ, ליציאַ, קאַריאַ פּאַפלאַגאָניאַ, ביטיניאַ, לידיאַ, פּאַמפּיליאַ, איסאַוריאַ, סיליציאַ, גאַלאַציאַ, קאַפּאַדאָציאַ, טראָי עפעזוס, און דאָס אַלטע סמירנאַ. אַטייל פון דיעזע שטעדט האָבען געבליהט אין די צייטען פון אַברהם אָבינו. זיי זיינען אונטערגעגאַנגען אין מלחמות צווישען די מדינים און די פּרסים מיט די סקיטען; צווישען די גריכען מיט די פּערזער די רוימער מיט די אַראַבער, סעליוקען, מאָנ־גאָלען, אָסמאַלען, טורקען און דעם ביזאַנטי־נישען קעניגרייך. פון דאַנען אויס האָט אַלעק־סאַנדער דער גרויסער געליטעט אַלע זיינע נצחונות. טראָץ די אַלע בלוטיגע שלאַכטען האָט קליינ־אַזיען געבליהט ביז עס איז גע־פאַלען אין די טירקישע הענד. זייט דעמאָלט איז דאָס גאַנצע לאַנד דורך נאַכלעסיגקייט בעדעקט געוואָרען מיט חורבות פון אַן אַמאָליגע גלאָרי. פון דער שטאָדט מילעט, אין וועלכער עס איז געבוירען טהאַלעס דער ערשטער גריכישער פילאָזאָף, און וואן עס האָבען אויך געלעבט זיינע שילער אַנאַקסימענעס, אַנאַק־סימאַנדער א.ד.ג. די שטאָדט פון גריכענלאַנדס אונשטערבליכקייט האָט איבערגעלאָזען הינטער זיך בלויז אַ פּאָאָר חורבות. בלויז סמירנאַ די יונגסטע פון אַלע, איז געבליבען שטעהן אַלס דער אָרימער עדות פון אַ רייכע פערגאַנ־גענהייט. די פראַנצויזען האָבען דאָרט געבויט אַ האַפען, די ענגלענדער האָבען דורך אַ נעץ פון באַהנען פערבינדען די דריי טאָלען הערמאָס קאַיסטראָס און מענדער. ברוסאַ איז אַ צווייטע שטאָדט וואָס האָט אַ האַפען אַרום וועלכענס יבשה עס ליגען דיסטריקטען מיט גרויסע זיידענ־פאַבריקען און טעפּערייען. די באַהנען וועלכע זיינען געשטאַנען אין פערבינדונג מיט דיעזען האַפען זיינען לעצטענס זעהר פערנאַכ־לעסיגט געוואָרען.

אַזיאַנדער אַנדרעאַס דער געבילדעטסטער דייטשער טעאָלאָג און רעפאָרמאַטאָר פון זיין צייט. געב. אין גינצענהויזען בייערען 1498 און געשט. אין קעניגסבערג 1552. זיין פאָטער איז געוועזען אַ שמיד, זיין נאָמען איז געווע־זען האָזעמאַן; דער זוהן האָט זיין נאָמען פערלאַטייניזשט נאָך דער דעמאָלטדיגער מאָדע.

זיין שטודיום איז געוועזען אַן אַלזייטיגע: טעאָלאָגיע, מאַטעמאַטיק, מעדיצין און אַנדערע נעבען שטודיען. פון שפּראַכען האָט ער זיך אויסגעצייכענט אין העברעיש. אין 1522 גיט ער אָב די פּראָפעסאָר שטעלע פון דעם נירמ־בורגער אוניווערזיטעט און נעהמט זיך צו דער רעפאָרמ־בעוועגונג. ער פיהרט העפטיגע דעבאַטען מיט די קאַטוילישע גייסטליכע, זיין שעהנער סטיל האָט איהם געשאַפען אַ וועלט־ליכע רעפּוטאַציע, און ער איז אין אַ קורצע צייט אַרום בעטראַכט געוואָרען אַלס לוטהערס שטאַרקסטע שטיצע. אין זיינע געלעהרטע אָב־האַנדלונגען צייגט ער אַ טיעפע קענטניס אין תלמוד און אין משנה. אין זיינע דעבאַטען האָט ער זיך בעדיענט מיט די שאַרפקייט פון דעם העברעישען וויץ. ער האָט זיינע שונאים בעקעמפט מיט אַ בייסענדע איראָניע, און ער האָט קיינעם געשוינט.

אַזיאַרען, אַ אונציוויליזירטער שבט אין אַלזשיער, וואָס דיענט אַלס וועג־ווייזער פאַר די עוראָפּעישע רייזענדע וועלכע קומען דאָרט אויסצופאָרשען די זאַהאַראַ. אין זייער פּאָלי־טישען לעבען בעטראַכטען זיי זיך אַלס אונטער דעם שוץ פון פראַנקרייך, און צווישען די אַרומיגע שבטים האַלטען זיי זיך שטאָלץ דער־מיט וואָס זיי פיהרען די עוראָפּעישע רייזענ־דע. זיי צייגען פיעל רעספּעקט פאַר די עו־ראָפּעישע קולטור און איהר זוכען צו ענט־וויקלען אַזויפיעל ווי מעגליך אין זייער אַקערבוי.

אַזיום, (גריכ. מיטאָל.) דער סעקסועלער אַפּאַראַט פון מאַן, אָדער פון דעם אור־מענש. ער איז דער צווייטער טייל פון "אַזיאַ" (ז.ד.) אַזיום און אַזיאַ האָבען פריהער געלעבט אַלס צוויי בעזונדערע טיילען, נאָר, ווען זיי זיינען געקומען אויף דער וועלט האָבען זיי בעקומען חשק איינער צו די אַנדערע, און ווי נאָר זיי הבען זיך בעהעפטעט האָבען זיי געבראַכט דעם טוידט אויף דער וועלט. זייט דעמאָלט, און אויך דערפאַר האָט די ערשטע מענשהייט גלייך פערלוירען די אונשטערבליכקייט.

אַזיזע, אַ שטעדטעל אין עגיפּטען, בערך 30 מייל נאָרדליך פון קאַיראָ, אין דעם אָסט־ליכען טייל פון דעם דעלטאַ. ווען די ענגלענ־דער זיינען אין דער לעצטע וועלט־מלחמה געגאַנגען געגען דער טירקיי האָט גענעראַל טאָונסהענד דיעזעס שטעדטעל גענומען מיט אַ זעהר קליינעם ווידערשטאַנד. ער האָט עס אָבער געמוזט גלייך פערלאָזען איידער ער איז פון די טירקען געפאַנגען געוואָרען. ווען גענעראַל מאַודס האָט אונטער דער קאָמאַנדאָ פון גענעראַל אַלענבי די טירקען דאָ אַטאַקירט האָט ער זיי אין 27טען פעב. 1917 שרעקליך געשלאָגען. די טירקען האָבען דאָ פערלוירען 4000 מאַן 39 קאַנאָנען, 11מאַשינ־קאַנאָנען און 22 טרענטש־מאָרטאַרען.

אַזיטיע, דער מאַנגעל אַן אַפּעטיט צום עסען.

אַזימאַה, ז. "אַשימה".

אַזימוטה, (אַראַביש) אַן אויסגעטראַכטער פּלאַהן וויאַזוי צו בעשטימען דעם אָרט וואו אַ געוויסער שטערן איז געזעהען געוואָרען אין הימעל. צובּיישפּיעל: ווען אַ שטערן ווערט געזעהען אין מזרח פון הימעל, שטעלט זיך דער בעאָבאַכטער מיט זיין פּנים גלייך געגען דעם שטערן. אין זיין רעיון שטעלט ער זיך דעמאָלט פאָהר אַ האַלבען בויגען געצויגען איבער דעם הימעל, פון מערידאַן (איבערן קאָפּ) אַרונטער נאָך דעם האָריזאָנט, און דאַן אַ קורצען קרייצ־שטריך דורך דיעזען בויגען גראַד וואו דער שטערן געפינט זיך. אָט דיעזער קרייצ־ווינקעל הייסט: "אַזימוטה". דער בע־אויבאַכטער קאָן דעמאָלט שוין פערצייכנען און אַנדערע מיטטיילען די עקזאַקטע שטעלע פון שטערן, דורך אָנגעבען דעם בויגענ־גראַד.

ביי אַן אינסטרומענט וואָס טראָגט דיעזען זיינען די ציפערן פון דעם בויגענ־גראַד אָנגעצייכענט. דער אַסטראָנאָם האָט איהם נישט נויטיג. ער קאָן דאָס שוין טהון אויס געוואוינהייט (ז. "טעאָדאָליט").

אַזימיטען, גריכישער שפּעט־נאָמען פאַר די אַרמעניער און מאַראָנישע קריסטען וועלכע עסען מצה אין פּסח.

אַזיען, דער גרעסטער פון די 5 וועלט־טיילען, אָדער דער דריטער טייל פון דער וועלטס יבשה. מיט עוראָפּאַ צוזאַמען פערנעהמט זי די גרעסערע העלפט פון דעם וועלט־קוגעל. איז אַרומגענומען אויף דער נאָרד־זייט פון דעם אייז־ים, אויף דער אָסטליכע זייט פון דעם גרויסען ים, אויף דער זידליכע זייט פון אינדישען ים, און אויף דער וועסטליכער זייט פון דעם מיטלענדישען און פון דעם שוואַרצען ים. די גרענעצען פון דע זיד־אָסטליכען טייל זיינען אונזיכער. די ביי אַפריקאַ זיינען: די שטרעקע פון באַב־על־מאַנדאַב דורך דעם רויטען ים און דעם זועץ קאַנאַל. די ביי עוראָפּאַ: דער שוואַרצער ים, דער עגעישער ים, די קאַוקאַזישע בערג, דער קאַספּישער ים, דער אוראַל־פלוס און אוראַל בערג. מיט אַמעריקאַ דורך דעם בעהרינג־קאַנאַל, מיט אויסטראַליען און פּאָלינעזיען דורך דעם מאַלאַקען־טייך.— די גרעסטע לענג פון אַזיען און קאַפּ־באַבאַ, אין קליין־אַזיען ביז צום אָסט־קאַפּ פון דעם בעהרינג־קאַנאַל. די גרענטע ברייטקייט איז פון קאַפּ־בורו, אויף דעם האַלב־אינזעל מאַלאַקאַ ביז קאַפּ־טשעליוסקין אין סיביריען. די גאַנצע פלאַך איז בערך 17,250,000 □ מיילען. דריי פירטעל דערפון געפינען זיך אויף דער נאָרדליכע מעסיגע צאָנע, אַ העלפט פון לעצטען פירטעל אויף דער הייסע צאָנע, און די רעשט אויף דער נאָרדליכע קאַלטע צאָנע. זיך צו שאַפען אַ בעגריף איבער די גרויס פון אַזיען דאַרף מען נאָר בעמערקען אַז: טראָצדעם וואָס אַזיען אַליין ענטהאַלט מעהר ווי אַ העלפט פון אונזער מענשהייט איז עוראָפּאַ אַליין (לויט פער מייל) דריימאָל אַזוי געדיכט בעפעלקערט ווי אַזיען.

אינזלען:- אין דעם נאָרדליכען טייל זיינען די נוי־סיבירישע; אין אָסט די קורעילאַנען און סאַכאַלין, די (יאַפּאַנעזישע) יעזאָ, ניפּאָן, שיקאָקו, קיושיו, און לוטשו, (כינעזישע) די טאַיוואַן, אַניאַהן, פיליפּין; אין זידליכען טייל די סאַנדאַי־אינזלען, די ניקאָבאַרען, אַנדעמאַנען, ציילאָן, מאַלעדיווע, און לאַקעדי־אינזלען. אין דער וועסט: די ציפּערן, און די שפּאָראַדען.— האַלב־אינזלען האָט זי אין דעם נאָרדליכען טייל: די יאַנמאַל, טאַימיר און די טשוטשען. אין אָסט: די קאָרעאַ און קאַמטשאַטקאַ. אין זידליכען: די מאַלייאישע.

אויבערפלעך: איהרע גרויסע שטרעקעס פון פלאַך־לאַנד, די גרויסע שטרעקעס פון טיעפלאַנד, און די פיעלע בערג פון פערשיעדענע הויכקייטען וואָס זי האָט, שטעלען מיט זיך פאָהר די שענסטע פּאַנאָראַמאַ וואָס די וועלט פערמאָגט. אַזיען, דאָס וויגעלע פון דער מענשליכע ציוויליזאַציע, דער גייסטיגער וועבשטוהל פון די וואונדערבאַרסטע פאַנטאַזיען וואָס אונזער כח־הדמיון האָט אַמאָל דערגרייכט איז אויך פון דער נאַטור זעלבסט געשאַפען געוואָרען צו זיין דער שענסטער טייל פון דער גאַנצע וועלט. מען געפינט דאָרט פּלאַנצען וואַקסען 10,000 פוס איבער דעם ים־שפּיגעל. בהמות לויפען אַרום זיך פאַשענדיג 4000 פוס איבער דעם ים־שפּיגעל. די פלאַכקייט הייבט זיך און זינקט טיעפער און העכער ווי אין וועלכען אַנדערען טייל פון דער וועלט. פאָלגענדע טאַבעליצע ווייזט די פערשיעדענע הויכקייטען פון איניגע בערג און שטעדט. די אָנגעגעבענע ציפערן מיינען, אַזויפיעל פוס הויך איבער דעם ים־שפּיגעל, און די רייהע לויט די הויכקייט:

עווערעסט,	(הימאַליי)	29,002
דוואַלאַגאַרי,	(הימאַליי)	28,703
קונטשינגינגאַ,	(הימאַליי)	28,173
קייכינוּנגאַ	(הימאַליי)	26,419
שאַמאַלאַרי,	(הימאַליי)	26,000
נאַנדאַ־דעווי,	(הימאַליי)	25,740
גאָסיאַטין,	(הימאַליי)	22,488
קוענלין,	(צענט. אַזיען)	22,000
דעמאַוועַנד	(פערזיען)	21,500
טהאַו סון,	(פאָרמאָזאַ)	19,000
עלבורץ,		18,526
פאַראַנג־פאַסס,	(הימאַליי)	18,400
מאָונט אַררט	(אַרמעניען)	17,332
קאַוקאַזוס,		16,484
קאַזבעק,	(קאַווקאַז)	16,546
קלוטשוועק,	(קאַמטשאַטקאַ)	15,763
מאָנאַסאַראָוואַ,	(הימאַליי)	15,250
פעכאָ,	(כינאַ)	15,000
פוזיאַמאַ	(יאַפּאַן)	14,177
גאַנגעס,	(הימאַליי)	13,800
סעוווילאַן,	(פערזיען)	13,000
מאָונט אַריש,		13,100
טאַקט־י־סוליימאַן	(אַפגאַניסט.)	11,301
בולגאַר־דאַגה,		11,407
מאָרריסאָן,	(פאָרמאָזאַ)	10,800
באַי־דאַגה,	(טאַוראַ)	10,500
גאַנגאָטרי,	(הימאַליי)	10,314
יבל מאַקמעל	(לבנון)	10,050
נעגלערי,	(אינדיען)	8,760
יבל סונים,	(לבנון)	8,555
אַדאַמס פיק,	(ציילאָן)	7,400
הר אַרזים	(פאַלעסטינאַ)	6,200
הר חרמון	(פאַלעסטינאַ)	8,376
אַבו אַראַוואָלי,	(אינדיען)	5,000
הר סיני	(פאַלעסטינאַ)	4,645
הר חברון	(פאַלעסטינאַ)	3,029
הר גריזים,	(פאַלעסטינאַ)	2,000
הר הזיתים,	(פאַלעסטינאַ)	2,398
הר בית־לחם	(פאַלעסטינאַ)	2,708
הר נצרת	(פאַלעסטינאַ)	1,237
הר כרמל	(פאַלעסטינאַ)	1,725
חרמון	(פאַלעסטינאַ)	1,862
הר טבור,	(פאַלעסטינאַ)	1,905

ביינאַה אַלע בערג פון אזיען לויפען אין 4 קייטען פאַראַלעל מיט־אַנאַדער פון נאָרד נאָך וועסט. די הימאַלייאישע איז די ווייטעסטע פון דעם אייז־מעער. דיעזע בערג פענעהמען אַ לענג פון 1800 מייל פון דער אויבערפלעך. ווייטער איז דער גאַנצער רעגיאָן פון נאָרד און אין נאָרד־וועסט אַ ריעזיגעס פלאַך־לאַנד. טיעפלאַנד איז דאָרט פאַראַן זעהר וועניג בלויז אין דעם נאָרד־וועסטליכען טוראַן, און אין די קיריגיז־סטעפּען, וועלכע געפינען זיך נישט ווייט פון קאַספּישען ים. דיעזער באָדען איז אייגענטליך נידריגער ווי דער ים־שפיגעל. דיעזע גאַנצע געגענד איז אַמאָל געלעגען אונ־טער דעם ים. אַלע דיעזע געגענדע זיינען יעצט בעדעקט מיט גראָז און טאַנען־וועלדער. צוזאַמען איז אַזיענס אויבערפלעך גרעסער אַלס עוראָפּאַס מיט אַפריקאַ צוזאַמען, און בילדעט דערפאַר אַ דריטען טייל פון אונזער גלאָבוס.

וואולקאַנען: עס זיינען דאָרט פאַראַנען אַקטיווע און אויסגעלאָשענע וואולקאַנען. פון די אויסגעלאָשענע זיינען דאָ אַ טייל וואָס ווערען פון צייט צו צייט ווידער אַקטיוו, און די רעשט זיינען שוין אויף אייביג אויסגע־לאָשען. זיי זיינען אויסגעשפּריט איבער די פערשיעדענע געגענדע פון אזיען. אַקטיווע געפינען זיך אין די דיסטריקטען פון קאַמ־טשאַטקאַ,, קאַרעילאַ, יאַפּאַן, פיליפּינען, מאַלוקאַ, פאָרמאָזאַ, אינדיען, טאַרטאַריען, גריכענלאַנד, סומאַטראַ, סאַנדי־אינזלען, אַמ־באָניאַ־באַנדאַ, ניי־גינעאַ, סאָלאָמאָן־אינזעל, סומבאַוואַ, סיאַם, באָרנעאָ, און יאַוואַ. די געפעהרליכסטע ליגען צווישען סומבאַוואַ, יאַוואַ, און סומאַטראַ. דיעזע זיינען שטענדיג אַקטיוו. מאַנכע פון זיי זיינען 15,000 פוס הויך. אַ טייל פון זיי שפּייען מיט פייער און אַ טייל מיט אַש. די לעצטע זיינען מייסטענס אין די געגענדען פון די קאַמטשאַטקאַ. אין יאַוואַ אַליין זיינען פאַראַן 38 אַקטיווע, דער העכסטער פון זיי איז 10,000 פוס הויך, און שפּייט מיט שוועבעל, און אַ שוועבעל־אַרטיגע פליעסיגקייט (ז. "וואולקאַנען").

קאַנאַלען: אַזיען ענטהאַלט אייניגע פון די גרעסטע טייכען אין דער וועלט. מאַנכע פון זיי זיינען אַזוילאַנג אַז זיי פערליערען זיך אויף זייער וועג אין זאַמד, און קומען קיינמאָל, אָדער זעהר זעלטען צו אַ ים. דער גרעסטער

טייך איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען "דער קאַספּישער ים". אַבער ער האָט אויך אַ טייל אין עוראָפּאַ, וואו ער בעגעגענד די וואָלגאַ. די גרעסטע אַזיאַטישע טייכען וואָס פאַלען אַריין אין דיעזען ים זיינען: דער "קור" פון קאַווקאַז, דער 'אַראַס' פון אַרמעניען, דער "אַטרעק" פון דעם נאָרדליכען פּערזיען. דער "אוראַל האָט אויך אַ טייל אין עוראָפּאַ. אין פערגלייך מיט די אַנדערע 4 וועלט־טיילען האָט א. זעהר וועניג וואַסער. דאָס קאָן זיין געוועזען איינע פון די וויכטיגסטע אורזאַכען וואָס אונזער מענשהייט האָט זיך אַריבערגע־טראָגען פון דאָרט איבער דיעזע וועלט־טיילען וואָס האָבען מעהר וואַסער. פון די בעדייטענד־סטע שיפבאַרע קאַנאַלען זיינען:

	מיילען לאַנג	□ מיילען
טיגרים	1140	115,000
פרת	1780	115,000
אינדוס	1700	400,000
גאַנגעס	1491	420.000
בראַמאַפּוטראַ	1300	350,000
יאַנגטסע־קיאַנג	3200	760,000
האָאַנג־האַ	2600	400,000
אַבאָר	2300	900,000
לענאַ	2400	960,000
יעניסעי	2900	1110,090
אָבי	2500	1250,009
קאַמבאָדיאַ	2000	
אַמור	2650	

צוזאַמען פערנעהמען די 11 טייכען אַ לענג פון 23511 מיילען, אָדער 6,780,000 □ מ. דער "יו־האַ" איז אַ קינסטליכער קאַנאַל, אין די לעצטע צייטען געשאַפען געוואָרען צו פער־בינדען פיעלע פון די וועסטליכע און זידליכע שטעדט פון כינאַ. דאָס לאַנד אַנאַם האָט זיך אויך געשאַפען איניגע קינסטליכע קאַנאַלען. איינער פון זיי הייסט "חו" און דער צווייטער "זאַיגאָן". דער לעצטער האָט געדויערט 6 וואָכען אַרבייט פון 26,000 אַרבייטער, פון וועלכע 7,000 זיינען געשטאָרבען דורך צו־פיעל אַנשטרענגונג. אַחוץ דעם זיינען נאָך דאָ פיעלע קליינע טייכען וואָס צווייגען זיך אָב פון די אויביגע. זייער קאַראַקטעריסטיק איז

וואָס פיעלע פון זיי לויפען צו צוויי צוזאַמען אין איין ריכטונג. מען רופט זיי דאַרום די צווילינגס־טייכען. מען צעהלט אַזעלכע בערך 40 אין צאָהל. זיי זיינען אַבער זעהר אונבעדייטענד אין פערגלייך מיט די אויביגע. פאַר די רייז־פעלדער גראָבען די כינעזער, די יאַפּאַנעזער און די אינדיער, שטעהענדע טייכן און אין אַ מאַנגעל פון רעגען געברויכען זיי דיעזע וואַסערען אויך צו בעפייכטען די טראָקענע פעלדער. דער "אָבי" לויפט מיט אַ שנעליגקייט פון 33,000 קוב. פוס וואַסער פער סעקונדע, דער "יאַנגטסע" מיט אַ 200,000 קוב. פוס, און דער "גאַנגעס" מיט 200,000 קוביק פוס פער סעקונדע.— צום נאָרדליכען אייז־ים שטראָמען צוויי גרויסע ריעזען־טייכען דער "אָבי" פון אַלטאַי מיט די וואַסערען וואָס פליעסען צו איהם צו אויף זיין וועג פון דעם אירטיש, טאָבאָל, טאָם, טשולים, און קעט. דאַן די "לענאַ" מיט איהרע צווייגען: אַלדאַן, אָלעקמאַ, און ווילני. דער האָאַנג־האָ, אַ געלער שטראָם, געהט ווי אַ צווילינג מיט דעם יאַנג־טסע, אַ בלויער שטראָם, פון קוענלין ביז דעם מיטלען כינאַ, וואו דער בלויער שטראָם גיעסט זיך אַריין אין דעם געלען. אויף דעם וועג האָט דער בלויער שטראָם שוין אויפגענומען צוויי זיעס־וואַסער שטרוימען פון "טונגטונג" און פון "פּאָיאַנג". דער "אינדוס" און דער "בראַמאַפּוטראַ" וועלכע קומען פון טיבעט שטראָמען דורךביידע זייטען פון די הימאַ־לייאישע בערג און געהן צוזאַמען פאַר אַ ווייטע שטרעק. בערך 1000 מיילען ווייטער ווערט דער נאָמען בראַמאַפּוטראַ געענדערט אויף סאַנ־פּו און ווען ער קומט נאָרד־אָסט פון אַסאַם הייסט ער שוין ריהאָנג. אין זיין לויף בעריהרט ער די דעלטאַ און פעראייניגט זיך ענדליך מיט דעם גאַנגעס. דער אידוס לענקט זיך נאָך דער זיד־אָסטליכער דירעקציע, לויפענדיג נאָך קאַשמיר, און פון דאַנען שטראָמט ער אין

אַראַבישען ים אַריין. דער פרת און דער טיגריס פון פאָדער־אַזיען ענטשטעהען אויס אַרמעניען און גיעסען זיך צוזאַמען, אונטער דעם נאָמען שאַט־על־אַראַב אין פערזישען ים אַריין. אַחוץ זיי זיינען פאַראַן: דער ירדן מיט דעם ים־המלח, און נאָך פיעלע קליינע אונבעדייטענדע טייכען וועלכע איהר געפינט ווייטער, אונטער זייערע אייגענע נעמען.

געאָלאָגיע: די געאָלאָגישע פערהעלטניסע פון אַ. זיינען בלויז אַ טייל דורכגעפאָרשט. דאָס גאַנצע לאַנד איז בעדייטענד הויך, און ווערט אימער נאָך העכער געהויבען דורך די צאָהלרייכע וואולקאַנען, וועלכע הייבען אַרויס אונגעהייערע גרויסע מאַסען אויס דעם אינער־רען פון דער ערד. עס איז קיין צווייפעל אַז דער וועסטליכער טייל פון סיביריען איז אַמאָל געוועזען בעדעקט פון ים. די צוריקגעבליבענע זאַלץ־זומפען פערגלייכען זיך מיט דעם זאַלץ־געהאַלט פון קאַספּישען און מיט דעם אוראַל ים. די גרויסע מדבריות וואָס ציהען זיך ווי אַ ברייטער זאַמדיגער פאַס פון אַראַביען ביז גאָבי, זיינען אויך אַמאָל בעדעקט געוועזען מיט וואַסער. גרויסע קריסטאַלענע שטיינער וועלכע האָבען קיין גראָז אויף זיך בעווייזען דאָס. ווהערענד דער גרעסטער טייל פון אזיען הייבט זיך איבער דעם ים־שפּיגעל זינקען די סודאַן אינזלען אימער טיעפער. די יעצטיגע זיינען בלויז די רעשט פון שוין אונטער־געגאַנגענע. אין דעם זידליכען טייל פון דעם סיני האַלב־אינזעל, געפינען זיך טאָלען פון זאַמד־שטיינער און גראַניט־שטיינער. בויום ים פון אַקאַבאַה געפינען זיך גנייז און גלימער־שיעפער נעבען גראַניט. דערזעלבער קאַראַקטער ציגט זיך אויך אין די בערג פון הידשאַס ביז יעמען. הינטער די פלאַכע קיסטען פון דעם פערזישען גאָלף איז אויך פאַראַן קריסטאַלישע שיעפער־בערג. איבעראַל געפינען זיך שפּורען פון אויסגעלאָשענע וואולקאַנען. אַלטע לאַוואַ־פעלדער און אויסגעלאָשענע קראַטער געפינען זיך אויף דער וועסט־קיסטע אין אַראַביען פון מעקאַ ביז אַדען. דורך פּאַלעסטינאַ און סיריען ביז וואַדי־על־העון ציהט זיך אַ קאַלכ־שיכטע אָהן שפּורען פון קריסטאַלענע שטיינער, נאָר די נאָרדליכע זייט איז רייך מיט באַזאַלט־שטיינער. די צענטראַל־מאַסע פון לבנון בעשטעהט אויס גרוי־ברוינעם קאַלכ־שטיין, איבער וועלכע שיכטע עס ליגט אַ זאַמד־שטיינערנע שיכטע, מיט אַ צווישענ־שיכטע פון ברוינ־אייזענשטיין. אין דיעזע שיכטען געפינען זיך פערשטיינערטע פיש, אַ בעווייז אַז אויך דיעזע שטעלע איז אַמאָל געלעגען אונטער דעם ים. דער אַנטי־לבנון שטעהט אינגאַנצען אויף קרייד. קרייד־קאַלך געפינט זיך פון אָסטליכען ירדן ביז דעם ים המלח. אין דעם זידליכען טייל פון דיעזען ים, ביי דזשעבעל על־מעלאַ געפינט זיך אַ מאַסע שטיינ־זאַלץ.

מינעראַלען: אזיען איז רייכער אין דער צאָהל פון מינעראַלען אַלס אירגענד וועלכער וועלט־טייל. דאָרט ליגען פערנאַכלעסיגטע שעטצע פאַר פיעלע קינפטיגע דורות. דיאַמאַנ־טען זיינען דאָ אין ניזאַם, באַלאַגהאַט, זומבול־פור, גונדור, צײלאָן, פּערם, אָרענבורג, טאָמסק, איקוטסק, טורקעסטאַן, כאָראַסאַן, באַדאַקשאַן. גאַלד איז פאַראַן אין סאַדאָ, ניפּאָן, טיבעט, יונאָן, פּערם, אָרענבורג, טאָמסק, אַוואַ, אַנאַם, סיאַם, לַאָס, מאַלאַקאַ, און אַסאַם. זילבער איז פאַראַן אין גרעסטען טייל פון כינאַ, אין טאָמסק, אירקוטסק, טאָנקין, קאָכינכינאַ, אַנאַם בונגאָ, אַרמעניען און קליינ־אַזיען. צין איז פאַראַן אין סיאַם, סעלענגאַ, מאַלאַקאַ, ליגאָר, קועדאַ, כינאַ, בורמאַ, אַנאַם, קאָכינ־כינאַ. קוועק־זילבער אין כינאַ, טיבעט, און אינדיען. קופּער אן סורונגאַ, יעטסינגאָ, קויאָ־קואָני, פּערם, אָרענבורג, טאָמסק, גער־אָרגיען, קליינ־אַזיען, אַרמעניען, יונאָן, אַנאַם

קועיט־שעו, אַגראַ, אָדשמער, געלאָרע, און אַזערביידזשאַן. אייזען אין פּערם, אָרענבורג, טאָמסק, אירקוטסק, קאַשמיר, נעפּאַל, בענגאַלען בעהאַר, אודע, אַגראַ, בעראַר, שאַנסי, שענסי, טעבעט, בוטאַן, סיאַם, טאָנקין, ביאַרבעקיר, קאַבאַל, פּעשאַור, פּערם, און אין יאַפּאַן. בליי אין כינאַ, אירקוטסק, טאָמסק, געאָרגיען, סיאַם, יעזאָ, פּאַרם, מאַסקאַט, קליינ־אַזיען און אַרמעניען. שטיינ־קויהלען אין די פאָדערע פּראָווינצען פון כינאַ, בענגאַלען, אוראַל און אין פיעלע געגענדע וועלכע זיינען נאָך נישט דורכגעפאָרשט. זאַלץ אין פיעלע פּראָווינצען פון כינאַ, אין אינדיען, גוזעראַט, אַשמער, בענגאַלען, לאַהאָרע, אַללאַהאַבאַד, אַגראַ, אָריסאַ, קאָראָמאַנדעל, אַראָקאַן, און ציילאָן. אויך אין די רוסישע סטעפּען פון ישין, באַרבאַראַ, קאָריאַקאָוו, אירטיש, און שירוואַן. אין אַרמענען, פּערזיען, יעמען, אַנאַטאָליען, און אין ציפּערן. די גרעסטע זיינען אין אין קליינ־אַזיען. זייפען־שטיין, ערד־פלאַקס און פּאָרצעלאַן ליים געפינען זיך אין כינאַ און יאַפּאַן. טאַלק אין סיביריען. שטיינ־זאַלץ אין די אוראַל־בערג, פּעניאַב, אַימער, יעמען, און אַנאַטאָליען. סאַלמיאַק אין די וואולקאַנישע סטעפּען פון צענטראַ־אַזיען. באָראַקס אין טיבעט. פּעטראָלעום אין באַקו אַרום די ברעגעס פון קאַספּישען ים, פון פּרת, און פון טיגרים. אַספאַלט אַרום דעם ים המלח אין פּאַלעסטינאַ. הייסע קוואַלען אונטער אַ שניי בעדעקטען גרונד פון די הימאַלייאישע בערג. איבערהויבט זיינען דיעזע מערקבאַר אַרום דעם גאַנגעס אין די נאָרד־וועסטליכע געגענד פון אַנאַטאָליען.

קלימאַ: ווי שוין אויבען דערמאָנט, איז די אויבערפלעך פון אַזיען נישט איבעראַל גלייך איבער דעם ים־שפּיגעל. דאָס קלימאַ מוז שוין דערפאַר אַליין זיין אַ פערשיעדענאַרטיגע נאָך דער הויכקייט אָדער טיעפקייט פון געגענד. דאָרט וואו בערג און טאָלען וועקסלען זיך אָפט איז דאָס קלימאַ אַ פיעלפאַכיגעס. דערפאַר געפינט מען דאָרט וואַקסען בוימוואָל, פייגען, טרויבען און אָראַנזשען צווישען מיט שניי בעדעקטע בערג. טיבעט, וועלכעס ליגט 15,000 פוס איבער דעם ים־שפּיגעל האָט אַ שרעקליכעס קלימאַ, מיט אַ וואַריאַציע פון שטאַרקע קעלטען און שטאַרקע ווינדען. אין צענטראַל־אַזיען איז עס עקסטריעם קאַלט און עקסטריעם הייס, מיט זעהר וועניג רעגען. אויס דיעזען גרונד געפינט זיך דאָרט וועניג גראָז, מיט וועניגע נאָמאַדען. אין דער ריכטונג פון אייז־ים, אַשטייגער ווי אין סיביריען איז דאָ אַן אייביגער ווינטער. אין די מדבריות טראָקענט דער גליהענדער זאַמד די פייכטקייט פון דער לופט אין די נעבענ-ליגענדע לענדער. אין הינטער־אינדיען איז די לופט הייס און פייכט, אין פאָדערען אינדיען איז עס שטאַרק רעגענדיג. דאָס נאָרדליכע כינאַ האָט אַ וואַרמען זומער און ביים סוף פון נאָרדליכען כינאַ איז דער ווינטער אַ שרעקליך קאַלטער. מאַנכע טיילען פון אַראַביען, אַשטייגער ווי יעמען און אומאַן זיינען פרוכטבאַר, דאַגעגען איז דער גרעסטער טייל אַרום דעם רויטען ים אונבעוואַקסען און אויך אונפרוכטבאַר. צווישען דעם הייסעסטען און דעם קאַלטעסטען טאָג אין סיביריען איז דער דיפרענץ אין 100 גראַד. אין אירקוטסק איז די ערד ביז 30 מעטער טיעף פערפרוירען. ביים איבערגאַנג פון ווינטער צו זומער אין אינדיען ווי אין כינאַ הערשט אין די אַרומליגענדע ימים דער שרעקליכער אָרקאַן, וועלכען די כינעזער רופען "טיפון". נאָרדליך האָט קליינ־אַזיען דעם קאַלטעסטען ווינטער און אין זידליכען טייל דעם הייסעסטען זומער. די הויכע בערג הינדערן די אויסברייטונג פון דעם טראָפּישען קלימאַ נאָך דעם נאָרד און די קאַלטקייט

בלייבט דערפאַר נישט געמילדערט. די היץ פון די מדבריות הינדערן די וואָלקען דורכצוגעהן און זיי ווערען אויף דעם וועג אין די מדבריות אויסגעטרוקענט. סיריען און פאַלעסטינאַ האָבען הערבסט רעגען, אַרמעניען און קורדעסטאַן האָבען אַ טרוקענעם זומער. סיביריען האָט פון 22 ביז 60 צאָל רעגען דורך דאַס גאַנצע יאָהר. הינדוסטאַן פון 26 ביז 115 צאָל, די קאָראָמאַנדעל־קיסטען פון19 ביז 45, דעה טאָל ביים גאַנגעס 67, קאַווקאַז 52, און כינאַ פון 42 ביז 48 צאָל רעגען דורך דאָס יאָהר. פאַלעסטינאַ האָט 55 טעג אין יאָהר שטאַרקען שלאַקס־רעגען וועלכער קומט מיט דעם וועסט־ווינד. (ז. יעדעס לאַנד אונטער דעם אייגענעם נאָמען).

פלאַנצען: די פלאַנצענ־וועלט פון אַזיען טיילט זיך 4 צאָנען: 1) די סיביררישע, 2) די כינעזיש־יאַפּאַנעזישע, 3) די אַראַביש־פּערזישע, און 4) די אינדישע. פיעלע עוראָפּעישע פלאַנצען וואַקסען אין אָסטליכען טייל, אַבער זיי צייגען אַזיאַטישע פאָרמען, אַשטייגער ווי זיי וואָלטען זיך נאַטוראַליזירט. דער גרעסטער טייל פון די סיביר פלאַנצען געהערען צו די דאָלדען פאַמיליע. ראָזענ־פאָרמיגע פלאַנצען, גרעזער, ענציאַנ־לאַנצען, קראַנצ־בליטהען, הילזען, און אַבזינטה. די פלאַנצען פון קאַמטשאַטקאַ זיינען עהנליך צו די פון דעם נאָרדוועסטליכען אַמעריקאַ. די פון סיביריען בילדען אַ שעהנע פאַנאָראַמאַ מיט זייער גרויסע פערשיעדענהייט. מען טרעפט דאָרט אָפט 30 אַרטען צוזאַמען אויף איין פלאַץ. קיינע פון זיי וואַקסט איבער 5 צאָל הויך. די סיביררישע וועלדער שטרעקען זיך אויס איבער דעם גאַנצען קאָנטינענט. צווישען זיי געפינען זיך פיכטען, צירבעל־קיעפער, ווייס־בירקען, לאַרכען, ווייסע־טאַנען, אייכען, נאָדעל־שטעכער, אַהאָרן, לינדען, מאָל־נוס, פאַפעל, און זידליכע קיעפערן. אין דעם זידליכען טייל ביי אַלטאַי וואַקסען אַ מענגע שטרויכער, צווערגעפעל, שטרויכ־דובינען, אָרכידען, רהאָרבאַרבער. אין זיד־סיביריען איז אַ גערעטעניש אויף קאַרטאָפעל, און קאָכ־קרייטער. עוראָפּעישע פלאַנצען וואַקסען דאָרט זעהר קליין און זיי ליידען אַן מאַנגעל אין זאַפט.— די צווייטע צאָנע נעהמט אַרום נישט כינאַ אַליין, נאָר אויך די קיסטען פון אַנאַם, קאָכינ־כינאַ, מיט די גרויסע אָסטליכע אינזעל וועלכע שטעהט אונטער דעם יאַפּאַנעזישען קאָנטראָל. די געוויקסע פון כינאַ און יאַפּאַן עהנליכען זעהר די געוויקסע פון אינדיען. זייער לאַנד איז בעזונדערס רייך מיט די פלאַנצען עהרענפרייז, שווערט־ליליען, גלאָקענ־בלומען, געניזע־פיס, לויך, בינזען, וואָלפס־מילך א.ד.ג. דאַגעגען זיינען היימיש אין יאַפּאַן די בלומענ־ראָהרען, קאַרדאַמאָזען, יוסטיציאַנען, יאַמס־וואורצעל, עבענ־האָלצ־בוים, און לאָרבער־בוים. יאַפּאַן האָט אייגענטימליכע טהע־וואורצעל וועלכע מען האָט שוין אין די לעצטע צוויטען איינגעבירגערט אין עוראָפּאַ. זייערע בלעטער זיינען לעדער־אַרטיג, גלאַנציג און געפלעקעלט. זייערע בלומען לאָזען אַ שטאַרקען דופט פון זיך וואָס דערשפּירט זיך זעהר ווייט. דער רוס־פּערניקס, אָדער ווערניקס, שוויצט פון זיך אַרויס אַ סאָרט פירניס וועלכער ווערט פיעל געברויכט אין דער טעכניק. די רייז־קולטור האָט אויסגעראָטעט פיעלע בלומען פון דעם כינעזישען באָדען. די וועלדער פון דעם נאָרדליכען כינאַ עהנליכען אין זייער אינהאַלט צו די סיביררישע.— די אַראַביש־פּערזישע צאָנע, פערנעהמט דעם גאַנצען אָריענט. אין זיינע נאָרדליכע טיילען מישען זיך די פלאַנצען מיט די פון אָסט און זידליכען עוראָפּאַ. מיט אויסנאַהם פון די בערג ביים קאַספּישען ים. דער לבנון צייגט פלאַנצען וועלכע מען בעגעגענט אין ערגיץ נישט. זיינע וועלט־בעריהמטע צעדערן ווערען אָבער זעלטענער פון צייט צו

ציוט. בלויז 15 שטעמען זיינען יעצט פער־
בליבען פון די רייכע צאָהל וואָס זיינען דאָרט
אַמאָל געווען. די עלטעסטע פון זיי האָבען
קוים 7 שטעמע אוים דעמזעלבען וואורצעל.
אַנדערע פלאַנצען האָבען זיך דאָרט גראָד פער־
מעהרט. דאָרט וואַקסט יעצט דער אַסטראַגאַליס
פון וועלכען עס טריעפט דער טראַגאַנט־גומי.
די פערזישע פלאַנצען זיינען עהנליכער צו די
אינדישע אַלס צו די עוראָפּישע פאָרמען. פון
דאַנען האָט עוראָפּאַ בעקומען די אַזאַלעען,
אָרכידען, קאַמילען, מינצען, אייכען, אולמען,
האַינביך, ווילדער אַהאָרן, א.ז.וו. אַראַבישע
פערמישט מיט עגיפּטישע פלאַנצען, אַשטייגער
ווי, פעבער־פּאַלמען, קאַפע־בוים, גומי־בוים,
זיינען דאָ פיעלע און זיינען פיעל פער
ברייטעט.— די אינדישע צאָנע איז, וואָס אין
פלאַנצען אַנבעטרעפט, דער שעהנסטער און דער
רייכסטער טייל פון אַזיען. ווען עוראָפּאַ איז
געוועזען נאָך אָהן אַ גאָרטען, איז דיעזע צאָנע
שוין געוועזען איינגעהיהלט אין די פיעלע
טויזענדע פערשיעדענע פלאַנצען. בייגאַה צוויי
דריטעל וואָס די יעצטיגע מעדעצין קאָן, קומט
פון דאָרט. זינט דער וועג איז געעפענט געוואָרן
צו פאָהרען נאָך אינדיען דורך די קייפּ, האָבען
פיעלע סוחרים פון דאָרט אַריבערגעפיהרט
פיעלע געוויקסע נאָך עוראָפּאַ. זיי האָבען
דערפון געמאַכט גוטע געשעפטען פאַר אַזוי־
לאַנג ווי זיי האָבען נישט אויסגעזאָגט פון
וואַנען זיי ברענגען זיי. די ראָהר־אַרטען, די
אַמאָמען, קאַננאַ קאַסטוס, אינגבער, מאַראַנטאַ,
קאַרקומאַ, דער שוואַרצער פעפער, וואַקסען
אויף דער קיסטע מאַלאַבאַר. ניצליכע גרעזער
געפינען זיך דאָרט איבעראַל. אַלע סאָרטען
לאָרבער־אַרטען פון וועלכע מיר האָבען דעם
צימט (צימרינג) און דעם קאַמפער בילדען
דאָרט גאַנצע וועלדער, אויף דעם באָדען פון
ציילאָן. דער מושקאַט־בוים, געווירץ־נעלקען,
און הילזען־פלאַנצען זיינען דאָרט דאָ אין
איבערפלוס. דער טאַמאַרינדען־בוים, סאַפּאַנ־
האָלץ, מאַנגאָ, דוריאָן, איכנעמאָן, צוקער־
ראָהרען, בוים־וואָל, אינדיגאָ, נעלקען־פעפער,
קאַשיאַ, קאַרדאַמאָן, באַנאַנען, קאָקאָס־
פּאַלמען, אַרעקאַ־פּאַלמען, זאַגאָ־פּאַלמען, ברויט
פרוכט־בוים, קאַוטשוק, גוטאַפּערטשע, קאַטעכו,
עבענ־האָלץ, טיעק־האָלץ, און זאַמד־האָלץ, זיי־
נען אַזיאַטישע בירגער. די פיעלע מלחמות
האָבען פיעלע פון זיי אויסגעראָטעט פון
זייער היים, און מען געפינט זיי היינט אין
בלויז אין זייערע גלות־לענדער.

חיות: די חיות וועלכע זיינען אַבהענגיג
מיט זייער שפּייז אויף די פלאַנצען האָבען
קיין פעסטע לאָקאַליטעט. זיי זיינען נאָר
דאָרט פעסטבעזעסען וואו די פלאַנצען פון
וועלכע זיי לעבען בלייבען לעבען. דער צוויי־
הויקערדיגער קאַמעל, דאָס טראַפּאַנ־פערד, דער
אָקס מיט דעם פערדישען וויידעל פון דזשינ־
געטהאַי זיינען און בלייבען אַזיאַטען. דער
"מאַנול" וועלכען די זאָאָלאָגען נעהמען צו
זיין דער אור־שטאַם פון דער עוראָפּעישע קאַץ
לעבט זיך היינט בעקוועהם אין די סטעפּען.
אין דעם נילגאַו זיינען דאָ אייגענאַרטיגע
אַנטעלאָפּען, און דער מערקווירדיגער "סאַיגאַ"
וועלכער איז כמעט טאָטאַל בלינד. ביידע
האָבען זיי פאַר קיינעם קיין מורא, אויסער
פאַר דעם מענשען. דער סיבירישער טיגער
לויפט אַרום אין אינדיען ביז צום ברעג פון
דעם טייך אָבי. פיעלע פון זיי לויפען אויך
אַרום אין די וועלדער פון מאַזענדעראַן און
אַזערביידזשאַן. ווען געיאָגט פון יעגער לויפען
זיי נאָך ביז טיפליס. די היימאַט פון דעם
טיגער איז אין קאַלכאַס, אַלטאַי, און גאַנץ
כינאַ. הונד, וועלף שאַקאַלען, און אַנטעלאָפּען
זיינען דאָ פיעל אין כינאַ. דער מאַשוס, די
אַרגאַלי, די ווילדע ציעגען, דער שטיינ־באָק,
און די געמזע זיינען אייגענטליך קאַווקאַזי־
שע בירגער, אַבער זיי זיינען יעצט מעהר אין

פערזיען ווי אין דער היים. די בלויע ציעגען, דער איינ־הויקערדיגער דראָמעדאַרי, די גזעלע, די קראַקאַלען, שאַקאַלען, אַנטעלאָפּען, און אַפען געהען אַרום אין אַראַביען און אין פערזיען. דער אָנאַגער, אָדער דער ווילדער עזעל ווערט פון די מאַכמעדאַנער געעהרט וויל, ער ווערט דערמאָנט אין דער ביבעל. אויף די אופערן אַרום דעם אָסט־קאַפ לעבט די ים־קוה וואָס האָט גלאַטע וואורצעל־לאָזע ציינער. אויף די שפּיצען פון די הימאַלייען לויפען אַרום ביז 5 סאָרטען הירשען פון וועלכע מען האָט אינמיטען פון 19טען יאָהר־הונדערט נאָך נישטס געוואוסט. דער בלויער אַנטעלאָפ, פון וועלכען עס פאַלען אַרונטער אַלע יאָהר זיינע הערנער; דער טשיקאַראַ מיט זיינע פיעלע הערנער אין די וועלדער פון בענגאַלען; די געשטרייפטע זעבו, און דער ווייס־געפלעקטער אַקסיס אַרום דעם גאַנגעס, ציהען מיט זיך די טיגערן, וועלכע לויערען אויף זיי. אין דעם ברייטען אינדיען לעבען די בופעל מיט זייערע געקרויזטע קעפ און ריקוועררטס געבויגענע הערנער. אַ טייל פון זיי זיינען נאָך ווילד, און אַ טייל געצאַהמט. צווישען דעם גאַנגעס און דעם אינדוס לעבען פיעלע אייכהאָרן, פאַוועןַ, פאַסאַנען, ווילדע־היהנער, און אייניגע סאָרט בערען. די איינזאַמע וועלדער זיינען בעוואוינט פון אינדישע עלעפאַנטען און איינהאָרניגע נאַס־הערנער. אין דער געגענד פון מאַלאַקאַ ביז כינאַ לעבט דער טאַפּיר, דער אָראַנג, גיבאָן וואָו־וואָו, דאַן די לאַנג־נעזיגע מאַסקען־אַפע. און די קליידער־אַפען. אין טייך גאַנגעס געפינען זיך איבע 250 סאָרטען פיש, פיעלע קראָקאָדילען וואָס לעבען פון די פיש, ווי אויך דער גאַנגעס־דעלפין. אין די סונדאַי־אינזעל לעבט דער גיפטיגער בריללען־שלאַנג.— פויגעל זיינען דאָרט פאַראַן אַ גרויסע מענגע אין צאָהל ווי אין פערשיעדענהייטען. אין מוסטער זיינען די פויגעל פון אַזיען די רייכסטע פון

אירגענד וועלכען אַנדערען וועלט־טייל. די ריעזיגע גייער, די שאָגין, און די אַריקו. הערשען דאָרט אַלס טיראַנען איבער די פויגעל ביים אופער פון דעם אינדוס. עס פעהלען אויך נישט צווישען זיי די גרויסע אַדלער, פאַלקען, בופאָרדען, און נאַכט־עולען. גאַנצע שאַרען פיעל־פאַרביגע פאַפּגייען וואַנדערען אַרום אויף דעם פעסט־לאַנד פון דיעזע אינזעל. די גריענע פאַפּאַגייען זיינען אימשטאַנד נאָכצואַהמען די מענשליכע שטימען אַזוי גענוי אַז, ווען איינער קאָן זיי נישט קאָן ער אַמאָל זייהר שטאַרק איבעראַשט ווערען. די לאָרים מיט איהרע קאַרמעזינ־פעדערען, די קאַקאַדוס מיט די מילכ־ווייסע פעדערען, די פיעל־פאַרביגע קליינע פאַפּאַגייען בילדען אַ קאַליידאָסקאָפּישע פאַנאָראַמאַ אין די הויכע געגענדע פון אַזיען. די קורוקוס מיט זייערע גאָלד־שאַרלאַך פאַרביגע פעדערען זיינען עכט אַזיאַטיש. די מאַלקאָהאַס מיט זייערע גרויסע שנאָבעל, דער שפּאָרנ־קוקוק מיט זיינע שטייפע פעדערען, די רונד־שנאָבעלדיגע רובוס, די אינדישע טאַקעודעס, די עדאָליען, ענדינאַמוס, סורניקוס, די בערדיגע פויגעל, אינצווישען זיי דער ביבלישער אוער־האָן (ז.ד.), שפּעכט קלעטער־פויגעל, זעהען זיך כמעט איבעראַל. די אויסעראָרנטליך שעהנע נאַס־האָרן פויגעל, די מאַנאַטען זיינען שפּערלינגען מיט וועלכע אַזיען שטאָלצירט. די דראָגאָ מיט איהרע בלויע פעדערען, דער גריענער שלייער־פויגעל, דער ברויטשלינד, פליגענ־מערדער, און דער גריענלינג זיינען בעוואונדערט אַפילו פון די וואָס זעהען זיי שטענדיג.

בעפעלקערונג: איבער די צאָהל פון אַזיענס בעפעלקערונג איז נישט פאַראַן קיין זיכערער קוואַל. אין דיעזען וועלט־טייל קימערט מען זיך ווייניג וועגען אַ פאָלקס־צעהלונג (אַ צענזוס) ווי ביי די עוראָפּעישע פעלקער. די

פאָלגענדע צאָהלען זיינען בעגרינדעט בלויז אויף אַ שעצונג. די אורזאַך איז טייל־ווייז אַ רעליגיעזער פאַנאַטיזם און די רעשט, ווייל צווישען די אַזיאַטישע פעלקער הערשט אַן אייביגער קריעג, און די לעצטע וועלט־מלחמה האָט די רעשט פון די שטעהענדע ציפערען אומגעוואָרפען. די ציפערען וועלכע פאָלגען דאָ ווייטער אונטען זיינען די אָנגענומענע, בערך, אָבער נישט זיכערע. דאָ געבען מיר אַן אַלפאַבעטישע ליסטע פון פעלקער אין אַזיען אָהנע זייער צאָהל אָנצוגעבען:

פעלקער אין אַזיען

אַבאַסען
אַבאָרען
אַבשאַסען
אַגהאָרען
אוגורען
אוזבעקען
אורגען
אַטשינען
אימראַיליען
אינדיאַנער
אַינו
איראַנער
אַלבאַנעזען
אַלטאַיער
אַלי־אַילאַי
אַלפורען
אָמאָקען
אַנאַמיטען
אַנדאַמאַנער
אַסאַנער
אָסטיאַקען
אָסמאַנען
אָסטעטען
אַפגאַנען
אַפשאַרען
אָראַאָנען
אַראַבער
אַרינצען
אָראָטאָגען
אַרמעניער
באַדאַגען
באַטאַווער
באַטאַיען
באַטאַקען
באַלאָבען
באַלינזען
באַניאַנען
בוטיאַנען
בוכאַרען
בוראַטען
בורמאַנען
ביסאַיאַנען
בעדואינען
בעהעלען
קאַראַקאַלפאַקען
בענגאַלען
בראַהינגען
גאָנדען
גהורקען
גוריער
גטשעבען
גיליאַקען
געאָרגיער
געקלען
גרוזינער
גריכען
דיאַקען
דאַרדוסען
דראַווידען
דרוזען
דשאַטען
הידקונען
האַידאַמאַקען
הימאַיאַרען
הינדוסטאַנען
וואַהאַבען
וואָגולען
ווינדהיאַנען
וועדען
טאַגאַלען
טאָדען
טאַטאַרען
טאַנגוטען
טאָפטערען
טהאַגסען
אַהאַיען
טולען
טשאַנגאַטען
טעלוגען
טונגעזען
יאַקוטען
טשודאָרען
טיבעטאַנער
טשערקאַסען
טורקעסטאַנער
טוראַנער
טעקען
טשאַפאָגעזען
יאַוואַנען
טשאַמאַרען
יוקאַגעזען
יאַפאַנעזער
יעזידען
טשואוואַשען
יאָמוטען
טורקען
יעניסעען
כאַודאַנען
כאַזאַרען
כינעזער
לאָהיטאַנען
לאָמוטען
לאַמפאַנגען
לורוסען
מאַדורעזען
מאַטאָרען
מאַלאַבאַרען
מאָנגאָלען
מאַנדשען
מאַנקאַסאַרען
מאַראָניטען
מאַרדען
מורען
מינגרעלען
מעשטשערען
נאַגאַיער
ניקאַבאַרען
נעגרעטען
סאַמאָיעדען
סאַסאַקען
סאַראָטען
סאַריקען
סומאַטען
סונדאַנעזען
סטינגעזען
סיאַמעזען
סינגאַלעזען
סיכיטען
סיריער
סעלעבעזען
פאַרמאָזענען
פאַרסען
פעלאַכען
פערזער
קאַבאַרדינער
קאָהיסטאַנען
קאַווקאַזער
קאָטאָנען
קאַלאַנגען
קאַלכען
קאַלמוקען
קאַמאַסינען
קאַמטשאַדאַלען
קאַנאַרעסען
בעלוכיסטאַנען
קאָריאַקען
קאָרימען
קאָרעאַנער
קהאַטאַגאַרען
קהאָנדען
קומונען
קונדורען
קורמינען
קיזילבאַשען
קיריגיזען
קרימטאַטרען
רעדשאַנגען
שאַיקען
שאַמאַנען
שיטען

אַלע צוזאַמען ווערען זיי עטנאָגראַפיש געטיילט אין 3 ראַסען: די מאַלייאישע, מאָנגאָלישע, און די קאַווקאַזישע. אוראָפעישע זיינען דאָרט פערהעלטניס־מעסיג פאַראַן זעהר ווייניג פאַראַן אַחוץ דאָס מיליטערישע וואָס די אוראָפעישע מעכטע האַלטען דאָרט.

שפראַכען: אויב עס איז קאָרעקט וואָס מאַנכע שפראַך־פאָרשער בעהויבטען, אַז אַלע שפראַכען



1) יאַוואַנערין, 2) טיבעטאַנערין, 3) אַנאַמיטין, 4) הימאַלאַיערין, 5) ציילאָנערין
6) לעפּשאַערין, 7) פּערזערין, 8) פון בית־לחם, 9) סאַרטינערין.

אַזיאַטישע פרויען



1) קאַלמוקין 2) טאַטרין, 3) קיריגיזין, 4) יאַקוטין, 5) טונגוזין
6) אוזבעקין, 7) מאַנדזשורין, 8) גאָלדין, 9) גיליאַקין.

—(לויט פלאָסס-באַרטעלס, "דאַס ווייב")—

האָבען בלויז איין אורשפּרונג, דאַן איז אַזיען זיכער דער געבורטס־אָרט פון דער מוטער־שפּראַך פון אַלע שפּראַכען. אויף אַן אַנדער אָרט ווערט דיעזע פראַגע גרינדליכער בעהאַנדעלט, דאָ אָבער פערצייכנען מיר נאָר די שפּראַכען און די דיאַלעקטען וואָס ווערען אין אַזיען געשפּראָכען. די הויבט־שפּראַכען זיינען בלויז 14 אין צאָהל, דיעזע ליסטע שליעסט איין אויך זייערע צווייגען.

אַבאַיש
אַבכאַיש
אוגוריש
אַוואַריש
אָזעטיש
אינדיש
אַלבאַנעזיש
אַלט־פּערזיש
אַמהאַריש
אַנאַמיטיש
אַסאַמיש
אָסטיאַקיש
אָסט־מאָנגאָליש
אַפגאַניש
אַראַביש
אָראָטאָנגיש
אַריאַניש
אַרמעניש
באָדאָש
באַשקיריש
בולגאַריש
בורמאַניש
בורעטיש
בעלוטיש
בענגאַליש
גאַנדיש
געאָרגיש
גרוזיניש
דאַלמוקיש
העברעיש
הינדוסטאַניש
וואַגוליש
וואַרוגיש
זאַבינגיש
טאַגוויש
טאַלאַינגיש
טאַמיליש
טאָדאַיש
טורקאָמעניש
טיבעטיש
טירקיש
טעליגיש
טשאַגאַטיש
טשאַפּאָגיריש
טשוקטשיש
טשערקעסיש
יאַפּאַנעזיש
יאַקוטיש
יוקאַגוריש
יוראַגיש
יענסעיש
כאָשאָטיש
כינעזיש
לאַזיש
לאַמוטיש
לאָלאָ
לעזגיש
מאַהריש
מאַלאַיהאַלאַש
מאַליואיש
מאַנדשו
מאַראַטיש
מיאַאָטיש
מינגרעליש
מישמיש
מיריש
נאָגאַיש
ניי־אינדיש
נעפּאַליש
סאַמאָיעדיש
סואַניש
סיאַמעזיש
סינגאַלעזיש
סינגפאָש
סיריש
פּאַליש
פּאַנזשאַבי
פּאַרסי
פּאָלינעזיש
פוקיאַניש
פּעלעווי
פּערזיש
קאַוויש
קאַזיקומוקיש
קאַלכיש
קאַמאַסיגיש
קאַמטשאַדאַליש
קאַנאַריש
קאַשמירי
קאַרעניש
קאָטיש
קאָריאַקיש
קאָרעאַניש
קהאַמטי
קהעניש
קואַנגהאָאַש
קואַנג־טונגיש
קורדיש
קורדיש
קוריליש
קיסטיש
קיריגיזיש
ראַקהאַינגיש
שאַראַמבאָנגאָל
שאַרינגאָל
שיאַניש

נעבען דיעזע ווערען נאָך גערעדט פיעלע דיאַלעקטען פון וועלכע אַדעלונג (ז.ד.) צעהלט: 937 אין צאָהל. די אורזאַכען פון מעהר שפּראַכען אַלס פעלקער ליגען אין דעם פאַקט: וואָס די פעלקער בעקעמפען זיך איינס דאָס אַנדערע און פערמישען זיך אונטער אַנאַנדער. ביז די פאָלשטענדיגע אַסימילירונג האָט נאָך נישט שטאַטגעפינדען ווערען נאָך די בעזיעגטע שפּראַכען אויך נאָך געשפּראָכען. עוראָפּעישע שפּראַכען ווערען דאָרט גערעדט אין די ציוויליזירטע געגענדע, אַבער נאָר אַזויוויט ווי דער האַנדעל־פערקעהר פאָדערט עס. נישט יעדע פון די געגאַנטע שפּראַכען האָט אַן אייגענע ליטעראַטור.

רעליגיאָנען: יעדע יעצט אַנערקענטע רעליגיאָן איבער דער גאַנצע וועלט, האָט איהר אורשפּרונג אין אַזיען. דערפאַר ווערט אַזיען גערופען "דאָס וויגעלע" פון דער גייסטליך ענטוויקעלטער מענשהייט. פון דאָרט אויס האָט זיך דאָס יודענטום, דאָס קריסטענטום, דאָס מאַהאָמעדאַנערטום, בודהיזם, בראַהימאַניזם, און פיעלע אַנדערע רעליגיאָנען אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. אין עוראָפּאַ זיינען זיי בלויז רעפאָרמירט געוואָרען אַבער אין אַזיען זיינען זיי געבליבען אין זייער אַלטען שטאַנד. דאָס יודענטום וועלכעס האָט דאָרט געהאַט די בליהענדסטע פערגאַנגענהייט איז יעצט דאָרט זעהר קנאַפּ רעפּרעזענטירט. בלויז קליינע גרופּען געפינען זיך פון זיי אין כינאַ, פּערזיען, טורקעסטאַן: אַמצאָהלרייכסטען זיינען זיי אין אַזיאַטישען טורקיי, אין פּאַ־

לעסטינאַ, אין פאָדערען אינדיאַ און אין אַראַביען. דאָס קריסטענטום געפינט זיך דאָרט זעהר וועניג רעפּרעזענטירט. דאָס אינערליכע אַזיען איז דורכגעדרונגען מיט דעם איסלאַם און דעם בודהיזמוס. אין גאַנץ רוסיש־אַזיען הערשט דאָס פּראַוואָסלאַוונע קריסטענטום. אַ קליינער טייל פון דיעזער רעליגיאָן געפינט זיך אויך אין דער טירקיי, פּערזיען, און אין אינדיען. די פּראָטעסטאַנטישע פערברייטעט זיך אין אַזיען מיט דעם ענגלישען פּאָליטישען איינפלוס.— נאַנעקיזמוס, די לעהרע פון נאַנעק (אין 1419) וועלכע איז אַ צוזאַמענהאַנג פון בודהיזמוס מיט דעם איסלאַם, איז די הערשענדע רעליגיאָן ביי די שייקס אין נאָרד־וועסט פון אינדיען.— בראַהימאַניזמוס איז שטאַרק צווישען די אינדיער.— די שטאַרקסטע אין אַזיען איז דער בודהיזמוס. מיט אַ קליינע אויסנאָהמע הערשט זי איבער גאַנץ הינטער־אינדיען, טהיבעט, מאָנגאָל, מאַנדשו, כינאַ, קאָרעאַ, יאַפּאַן, די הימאַלאַישע געגענדע, און אויך פיעל אין דעם אַזיאַטישען רוסלאַנד.— נאַטוראַליזמוס און גייסטער־קולטוס אין דעם אָסטליכען אַזיען, זיינען דאָס רעשט פון דער פאָרלעצטע רעליגיאָן פון די כינעזער, יאַפּאַנעזער, און קאָרעאַנער. פיעלע בעוואוינער פון דיעזע לענדער האַלטען זיך זעהר פעסט אין זיי. אין טונגיזע און טאָנקין זיינען כמעט אַלע נאַטוראַליסטען.— סינטאָיזמוס: איז די עלטעסטע פון אַלע רעליגיאָנען אין יאַפּאַן. זי איז מיט דעם נאַטוראַליזמוס זעהר גלייך אין זייער געאָגראַפישע אויסברייטונג. דער מאַגיזמוס, אָדער די לעהרע פון צאָראָאַסטער, איז ווייט פערברייט צווישען די פּערזער און די הונדיסטאַנען צווישען קערמאַן און גוזעראַט. די איבריגע פעלקער זיינען היידען, געצענדיענער, און פעטישיסטען פון אַלע רויהע פאָרמען. די צאָהל פון אַנהענגער וואָס יעדע רעליגיאָן האָט איז פאַסט אונמעגליך אָנצוגעבען, זיי טוישען זיך מיט יעדע גענעראַציע.

בעשעפטיגונג: דער אַקער־בוי, פיה־צוכט און פאַכטעריי זיינען קאַראַקטעריסטיש אַזיאַטיש. די גרויס־אינדוסטריען פון עוראָפּאַ זיינען נאָך דערווייל דאָרט כמעט ווי פרעמד. די קינסטליכע בעוואַסערונג פון די פעלדער אין די רעגענלאָזע דיסטריקטען פערמעהרען די פעלד־פּראָדוקטען אַפילו דאָרט וואו עס האָט קיינמאָל נישטס געוואַקסען. מדבריות זיינען לעצטענס פערוואַנדעלט געוואָרען אין פרוכטבאַרע געגענדע דורך איריגאַציע. עס ווערט אויף דיעזען סמך גערעכענט אַז, מיט דער איבערגרופּירונג פון די אַזיאַטישע פעלקער, און מיט דער עטאַבעלירונג פון דעם יודישען פאָלק אין פּאַלעסטינאַ, זאָל דיעזער וועלט־טייל אַמאָל ווערען די שפּייזערין פון אַ האַלבע וועלט. דאָס ווערט געדרינגען פון דער פאַקט וואָס די בעפעלקערונג פון אַזיען איז קוים 18 נפשות אויף דעם □ קילאָמעטער ערד, וועהרענד דאָס פון עוראָפּאַ איז 40. אויבוואויל אַמעריקאַ האָט בלויז 3 פער □ קילאָמעטער, איז אָבער דאָס אַמעריקאַנער פאָלק שוין שטאַרק ענטוויקעלט אין דער אינדוסטריע און אין דער פאַבריקאַציע, וועהרענד די אַזיאַטישע פעלקער זיינען נאָך כמעט אַלע אַגריקולטורעל. די וויכטיגסטע ערד־פּראָדוקטען פון אַזיען זיינען: בוים־וואָל, רייז, טהעע, קאַפּעע, טאַבאַק, צוקער, אינדיגאָ, ווייצען, און פערשיעדענע געווירצען. פון פאַכט ליפערט זי פיעל וואָל, פעלען, און לעדער מאַטריאַל. פון די וויכטיגסטע רויה־מאַטריאַל וואָס זי ליפערט נאָך אַלע לענדער איז די זיידען־וועב־שטאָפען פון כינאַ, די בוים־וואָל פאַבריקאַציע פון אינדיען און יאַוואַ, די שאַל־וועב־שטאָפען פון קאַזשמיר, די טעפּיכטען פון אינדיען, פּאָרצעלאַן און העלפאַנט־ביין פון כינאַ און יאַפּאַן, די וואָפען־פאַבריקאַציע

פון אינדיען און סיריען, די זשוט־אינדוסטריע פון אינדיען און די זעהר גוטע ווייגע פון פּאַלעסטינאַ. די אַזיאַטישע לענדער זיינען נאָך זעהר וועניג בע־באַהנט. דערפאַר ווערט דער גרעסטער טייל פון איהרע פּראָדוקטען געפיהרט אויף קאַראַוואַנען. די קאַראַוואַנען בעשטעהען אויף טייל ערטער פון קעמעל, אויף טייל פון הינד און טייל פון פערד. די גאַנצע שטרעקע פון אייזענבאַהן אין אַזיען האָט אין 1918 בעטראָפען נישט פיעל איבער 45,000 קילאָמעטער, און די לענג פון איהר טעלעגראַף נישט איבער 107,038 קילאָמעטער. אַפילו אויך דיעזע זיינען אויפגעשטעלט געוואָרען פון עוראָפּעער.

אַזיאַטישע פערד: אין דיעזען וועלט־טייל זיינען די פערד מעהר געראָטען אַלס אירגענד אַנדערש וואו. זיי זיינען געריהמט פאַר זייער קוראַזש, פאַר זייער שעהנעם אויסזעהן, זיי זיינען אָבער צו ווילד פאַר אַן עוראָפּעישען רייטער. איידער זיי ווערען געפיהרט נאָך עוראָפּאַ מוזען זיי דערפאַר געצוימט ווערען. זיי זיינען דאָ זעהר פיעל אין די קיריגיזישע סטעפּען, אין די בוריאַטישע פּראָווינצען, ביי די אוראַל־בערג, צווישען די טורקאָמאַנען און טורקעסטאַנען. הונדערטע און טויזענדע לויפען זיי אַרום אויף די גראָזיגע פעלדער ווי זיי וואָלטען נישט געהאַט קיין אייגענטימער. די איינוואוינער פון יענע געגענדע זיינען אַלע פלינקע רייטער ווייל די קינדער ווערען אויפגעהאָדעוועט מיט די פערד צוזאַמען.

ג ע ש י כ ט ע

איבער דעם אורשפרונג פון דער מענשליכע געשיכטע אין אַזיען האָט די וויסענשאַפטליכע פאָרשונג ביז דעם היינטיגען טאָג, נאָך קיין זיכערעס צו פערצייכנען. אַלע איינוועגדונגען געגען די ביבעל׳ס בעהויבטונג אַז אַזיען איז די ערשטע מענשליכע הײמאַט געוועזען, זיינען דורך אַרכעאָלאָגישע ענטדעקונגען אומגעוואָרפען געוואָרען. אויבוואויל די ביבעל בעצייכענט נישט די נעמען פון אַלע פעלקער אין דער וועלט, ווערט דערמיט נאָך אַלץ נישט בעוויזען אַז אַזיען איז נישט די אור־היים פון דער ערשטע מענשהייט. די אויסשפּרייטונג פון דער מענשהייט אויס איין פונקט נאָך אַלע וועלט־טיילען איז קלאָר געוואָרען מיט דער ערפאַהרונג אַז די ימים און טייכען שטעהען נישט אויף איין אָרט, נאָר זיי טראָגען זיך איבער פון אָרט צו אָרט מיט דער צייט. עס ווערען געפינען פאָסילירטע סקעלעטען אין דער ערד פון דעם קאַלטען סיביריען, פון אַזעלכע חיות וואָס האָבען נאָר געקאָנט לעבען אין די הייסע געגענדע. דאַגעגען געפינט מען אין די הייסע געגענדע סקעלעטען פון אַזעלכע חיות וואָס האָבען נאָר געקאָנט לעבען אין די קאַלטעסטע. דאָס בעווייזט אז אַפילו די קלימאַטען וואַנדערען אויך פון אָרט צו אָרט. מען געפינט פיש־סקעלעטען צווישען די ערד־שיכטען אויף דער יבשה, און פאָסילירטע ביימער אין די קויהלען־מינען וועלכע זיינען אַמאָל געלעגען אונטער דעם ים. אויף זייער רייזע רייסען די ימים אַרונטער שטיקער לאַנד בכדי צוקענען ווייטער געהן, און אַזוי געהענדיג ווייטער, לאָזען זיי הינטער זיך נייע יבשות. אונטער אַזאַ פּראָצעס האָט דאָס אורשפּרונגליכע מענשהייט זיך לייכט געקאָנט פערברייטען פון איין פונקט איבער דער גאַנצע וועלט. אויף וויפיעל די אַרגומענטען זאָלען זיך נישט ווידערשפּרעכען, איין פאַקט בלייבט אונבעשטרייטבאַר, און דער איז: דער אורשפּרונג פון דער מענשהייט האָט נאָר געקאָנט פּאַסירען אונטער אַ שטענדיג וואַרמען קלימאַט. דיעזער פאַקט שטויסט אַרויס עוראָפּאַ און אַמעריקאַ פון דיעזען דיספּוט. צווישען די די איבריגע דריי וועלט־טיילען איז אַזיען נישט דער הייסעסטער וועלט־טייל נאָר דער רייכסטער אין דער פערשיעדענהייט פון קלי־

מאַטען. דערפאַר איז אַזיען דער געאייגענטסטער פלאַץ פאַר דער מענשליכער אור־היים. דיעזער פאַקט, צוזאַמען מיט די אומשטענדען וואָס אַזיען האָט: 1) די גרעסטע צאָהל פון אונזער מענשהייט, 2) די גרעסטע צאָהל פון שפּראַכען, 3) די גרעסטע צאָהל פון נאַטורפלאַנצען, 4) דער גרעסטער טייל פון אונזער געשיכטע וואָס מיר ווייסען, 5) דאָס וויגעלע פון אַלע רעליגיאָנען, אַלע דיעזע אומשטענדען צוזאַמען, איבערוועגען יעדען ספּעקולאַטיווען אַרגומענט צוגונסטען פון אַן אַנדער אָרט פאַר דעם אורשפּרונג פון אונזער מענשהייט. איבער דער פראַגע פון איין אורשפּרונג, אָדער מעהרערע, זעה "אַנטראָפּאָלאָגיע", "אַנטראָפּאָגעניע" "מענש", 'משפּחה", א.ד.ג.

ווער עס האָט דעם נאָמען "אַזיען" צוערשט געברויכט, און וואָס זיין ריכטיגע בעדייטונג איז, איז נישט בעשטימט. וואָס מען ווייסט איז אַז, אורשפּרינגליך האָט דיעזער נאָמען בלויז געדעקט דעם טייל וועלכען מיר רופען היינט: קליין־אַזיען. מיט דער צייט איז אונטער איהם איינגעשלאָסען געוואָרען דער גאַנצער קאָנטינענט. אַלעס וועגען אַזיענס פאָרגעשיכטליכע צייט (ז."געשיכטע") איז ספּעקולאַטיוו. אַפּילו אונזערע ערשטע שריפטליכע דאָקומענטען זיינען נישט עקזאַקט היסטאָריש. זיי זיינען פערמישט מיט אַזויפיעל פאַנטאַזיען אַז עס איז פּשוט שווער צו נעהמען אויף זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר אַ קאָנקרעטע בעהויבטונג אויס זיי. זיי ווערען דאַרום פון יעדען ערענסטען היסטאָריקער נאָר אָנגעגעבען נאַך זייער אייגענעם ווערט. אַלע פאָר'ביבל. דאָקומענטען בעשטעהען פון קליינע ברוכשטיקער אָהן זייער אייגענעם צוזאַמענהאַנג. די ביבעל איז דאָס איינציגע צוזאַמענהענגענדע ווערק וואָס מיר האָבען. פיעלעס פון איהר איז מיט דער צייט דורך פערשיעדענע אויסגראָבונגען בעשטעטיגט געוואָרען, פיעלעס איז נאָך ביז יעצט נישט בעשטעטיגט, און פיעלעס איז צוליעב דער אַלטקייט פון דער שפּראַך גופא אונפערשטענדליך געבליבען. דערפאַר הויבען מיר אָן די געשיכטע פון אונזער ערשטען וועלט־טייל נישט פון אָנהויב. די געשיכטען פון די פערשיעדענע פעלקער אין אַזיען ווערען בעהאַנדעלט אונטער זייערע אייגענע נעמען כסדר. דאָ בעשעפטיגען מיר זיך נאָר מיט דאָס אַלגעמיינע, פון אַ געשיכטליכען שטאַנדפּונקט.

לויט די מאַיאָריטעט פון פערטרויאונגסווערטע פאָרשער איז די אור־היים פון דער מענשליכע געזעלשאַפט אין מעזאָפּאָטאַמיען (אַרם נהרים). דער הייסער קלימאַט פון דאָרט האָט נאַטירליכער ווייזע אַרויסגעבראַכט די דונקעל־פאַרביגע סיריער, פעניקער, באַבילאָנער און אַסיריער. וועגען זייער פאָר'געשיכטע האָבען מיר אין די פערשיעדענע מוזעומס און אַרכיווען בלויז מיטאָלאָגיע און טראַדיציאָנען וואָס געפינען זיך אין איניגע פּלאַטען בעדעקט מיט געקריצטע שריפט אויס בבל, מואָב און אַשור וועלכע זיינען דערמאָנט אין אונזער בראשית. די כינעזער, אינדיער פערזער, און יאַפּאַנעזער האָבען טראַדיציאָנען וואָס ריידען וועגען אונגעהייער אַלטע צייטען זויבערע קריטיקער האָבען אָבער בעוויזען אַז דאָס זיינען בלויז פאַנטאַזיען, און אַז זייער עלטעסטע צייט גרייכט נישט ווייטער צוריק ווי 4000 יאָהר.

אָבגעזעהען פון דיעזע דאָקומענטען צייגען כמעט אַלע שפּראַכען אַן אַלגעמיינעם צוזאַמענהאַנג מיט די סעמיטישע שפּראַכען. נאָכפאָלגענדיג זייער שליאַד, קומען מיר אויף די וועגען, דורך וועלכע די מענשהייט האָט אויסגעוואַנדערט פון אַזיען נאַך אַלע וועלט־טיילען. דער גרעסטער זיעג אין דיעזער פאָרשונג איז געמאַכט געוואָרען פון רודאָלף פאַלב,

אין זיין בוך Das Land d. Inca אין וועלכען ער ווייזט אויף אַז די אינקאַס, אַן עכט־אַמעריקאַנער שבט, האָבען אין זייער שפּראַך אַ זעהר גרויסע צאָהל פון העברעישע ווערטער פון וועלכע דער גרעסטער טייל, איז נאָך אין זיין צייט געוועזען אונפערמישט, און פיעלע זיינען עטימאָלאָגיש נאָך לייכט צו פערגלייכען.

די אַרישע, מאָנגאָלישע און קאַווקאַזישע ראַסען וועלכע זיינען היינט אויסגעשפּרייט איבער אַלע וועלט־טיילען האָבען זייער אורשפּרונג אין אַזיען. אין זייערע מלחמות מיטאַנאַנדער האָבען זיך די אַזיאַטישע פעלקער געמוזט איבערטראָגען פון אָרט צו אָרט. אויף דיעזע ווייזע האָט זיך דאָס פעניקישע אַלף־בית מיט זיי איבערגעטראָגען. דאָס גריכישע, דאָס רוימישע, און דאָס גאָטישע אַלפאַ־בעט טראָגען אויף זיך אַלע סמנים פון דעם פעניקישען. אַ פערגלייכניש פון זייערע טיפּען בעווייזען דאָס גלייך. מיר ווייסען אַז די קעניגע פון אַשור, בבל, מדין, און פרס האָבען שטענדיג געפיהרט מלחמות צווישען זיך, אַז אין פערלויף פון דיעזע מלחמות האָט פּאַסירט אַז אַ יעדער פון זיי האָט אַמאָל געהאַט די אויבערמאַכט איבער אַלע אַנדערע; אַז די מאַכט פון די פּרעה׳ס אויס מצרים (אַפריקאַ) האָט אָפט דערגרייכט זעהר טיעף אין אַזיען; אַז צירוס (559 פּיצ׳ר) האָט אויסגעשפּרייט די פּערזישע מאַכט איבער דעם מעדיטעראַנעישען ים; אַלעקסנדער מוקדן האָט פעלקער געטריבען ווי סטאַדעס פון אָרט צו אָרט, און האָט דערגרייכט אַפילו אויף דעם עוראָפּעישען באָדען. אין 65 פּיצ׳ר איז סיריען געוועזען אַ רוימישע פּראָווינץ. שלמה המלך׳ס בעציהונג מיט אַפריקאַ איז קלאָהר פאַר אַלעמען.

דער מיטעלאַלטערליכער צייט־אָבשניט פון אַזיענס געשיכטע, הויבט זיך אָן מיט דער ערשיינונג פון מאַהאָמעדאַנערטום (622 יצר׳) ביז די ענדע פון דעם 15טען יאָהר־הונדערט, ווען וואַסקאָ ד׳גאַמאַ האָט ענטדעקט אַ וועג דורך אינדיען נאָך דער קייפּ, זיד־אַפריקאַ, איז עוראָפּאַ נאָך דעמאָלט געוועזען אין איהר קינדהייט. דער מאַכמעדאַנערטום האָט מיט דעם שווערט אין איין האַנד און מיט דעם קאָראַן אין דער אַנדערע, אָהן אונטערבראָכען, דורכמאַרשירט זידליך און נאָרדליך פון דעם רויטען ביז דעם קאַספּישען ים, און אָסטליך פון טאַרטאַריען ביז דעם אַטלאַנטישען ים. אין 1037 זיינען שוין אונטער זיינע פיס געלעגען: פּערזיען, אינדיען, סיריען, עגיפּטען, און ירשלים איז שוין געלעגען אַ געפּלינדערטע אין איהר בלוט. אין דעם פערלויף פון דיעזען בלוטיגען מאַרש זיינען אַלע קליינע פעלקער צוזאַמענגעבונדען געוואָרען פּאָליטיש און רעליגיעז. דאָס קריסטענטום פון עוראָפּאַ האָט גענומען ציטערען פאַר זיין שיקזאַל. דער נייער קאָנקורענט האָט דערוויזען אין אַ משך פון אַ פּאָאָר יאָהר־הונדערט צו איבערשטייגן דאָס עלטערע קריסטענטום מיט מעהר אַלס דאָפּעלט אין דער צאָהל פון זיינע אַנהענגער. אַזיען, דער געבורטס־אָרט פון קריסטענטום איז געפאַלען אונטער די פיס פון דעם מאַכמעדאַנערטום, און דיעזער האָט שוין זאָגאַר גענומען איינדרינגען אין עוראָפּאַ. דאָס פּאַבסטום האָט זיך גענומען טרייסלען פאַר שרעק, און דער פלאַהן פאַר די בעקאָנטע בלוטיגע קרייץ־ציגע איז געלייגט געוואָרען. 200 יאָהר האָבען די קרייץ־ציגע געדויערט. קעניגע נאָך קעניגע האָבען זיך אין זיי אָנגעשלאָסען. זיי זיינען מיט דער צייט פערוואַנדעלט געוואָרען צו הייליגע מענשען־שלאַכטערייען, און פּליכדערייען וועלכע האָבען איבערגעשטיגען די מאַכמעדאַנער אין דער בעסטיאַליטעט. דאָס יודישע פאָלק האָט געליטען אויף ביידע צדדים פון די הערצלאָזיגקייט פון ביידע רעליגיאָנען. נאָכדעם ווי ביידע האָבען די ערד רויט

געפּאַרבט מיט מענשליכע בלוט זיינען זיי
געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז פּאָרטזעצען
דיעזען קאַמף אויף רעליגיעזע פּרינציפּען
קאָן ביידען קיין גוטעס ברענגען. עוראָפּאַ
האָט אָנגעהויבען זעהן אַז אַזיען קאָן איהר
קאָמערציעל בעסערע נוצען ברענגען. פאַר
דיעזען צוועק האָבען זיך געלאָזען פערשיע־
דענע רייזענדע איבער דער וועלט צו מאַכען
געאָגראַפישע ענטדעקונגען. זיי זיינען כמעט
אַלע אונטערשטיצט געוואָרען פון די רעגיערו־
נגען. זייער ערפאָלג איז געשטיגען פון צייט
צו צייט. דיעזע צייט האָט מען בעצייכענט
אַלס אַ נייע פעריאָדע, און דיעזע האָט גע־
דויערט ביז דער לעצטע וועלט־מלחמה.

אין 1250 זיינען 2 סוחרים פון ווענעדיג
געפאָרען נאָך אַזיען און האָבען מיט זיך
מיטגענומען ניקאָליי מאַרקאָ, אַ מאַן וועלכער
איז שפּעטער געוואָרען דער גרעהמטעסטער
פון אַלע רייזענדע, דערפאַר ווייל ער האָט
געלייגט די ערשטע גרונדלאַגע פאַר אַן אַזיאַ־
טישע געאָגראַפיע. אין 24 יאָהר פון זיין
וואַנדערען האָט ער דורכגערייזט דעם גרעסטען
טייל פון כינאַ, וועלכע איז דעמאָלט געוועזען
אָבגעשלאָסען פון דער איבריגע וועלט, דורך
אַ גרויסע מויער אַרום דעם גאַנצען לאַנד. ער
האָט אויך דורכגערייזט אַ גרויסען טייל פון
אינדיען, יאַוואַ, ציילאָן, די זידליכע קיסטען
פון אַזיען; די אַלע זיינען דעמאָלט נאָך פאַר
דער עוראָפּעישע וועלט געוועזען גאַנץ פרעמד.
זיינע פערצייכנונגען וואָס ער האָט געמאַכט
זיינען געוועזען ערענסטע און פערטרויאונגס־
ווערטה נאָך איהם זיינען שוין ערשינען אַ
גאַנצע רייהע פון רייזענדע איבער אַזיען,
אָבער זייערע רעזולטאַטען זיינען שוין נישט
געוועזען פון וועלכען נוצען פאַר דער ווי־
סענשאַפט. נאָך דיעזע איז ערשינען וואַסקאָ
ד'גאַמאַ און האָט אין 1498 דורך אַזיען
געפינען דעם נאָהנטעסטען וועג נאָך זיד־
אַפריקאַ. דאָס איז אַ טהאַטזאַך וועלכע עס
האָט פיעל פערגרעסערט די קענטניס איבער די
געאָגראַפיע פון אַזיען. נאָכדעם האָבען שוין
געפאָלגט רייזען פון דער קייפּ־קאָמאָרין צו
דעם באַי־קאָמבאַי, קאָכינ־כינאַ, טאָנקווין, און
דעם אַרשיפּעלאַגאָ. דאַן איז דאַרויס ענטשטאַ־
נען אַ פערבינדונג צווישען די קייפּ (זיד־
אַפריקאַ) מיט יאַפּאַן וואָס געפינט זיך 12000
מיילען ווייט פון אַנאַנדער. ביז דיעזער צייט
זיינען דאָס געוועזען צומעהרסטענס פּאָרטו־
געזישע רייזענדע. אין אָנהויב פון דעם 16טען
יאָהר־הונדערט האָבען די האָלענדיש רייזענדע
גענומען קאָנקורירען מיט די פּאָרטוגעזישע.
די האָלענדישע רעגיערונג האָט אין בעזיצגע־
נומען פון אַלעם וואָס זייערע רייזענדע האָבען
געפינען. זיי האָבען אויך אין פיעלע פלעצער
די פּאָרטוגעזען פעריאָגט פון זייערע געפינע־
נע פלעצער. די האָלענדער האָבען זיך וועגען
דער געאָגראַפיע גאַנץ ווייניג געקימערט, פאַר
זיי האָט דאָס פּאָליטישע בעזיצטום געשפּיעלט
די גאַנצע ראָלע. ענגלאַנד איז אין אַזיען
אָנגעקומען גאַנץ שפּעט.

זייט דעם 17טען יאָהר־הונדערט האָבען זיך
די עוראָפּעישע פעלקער גענומען איינדרינגען
מיט זייער הערשאַפט און אינפלוענץ איבער
די אַזיאַטישע פעלקער. די פּאָרטוגעזען, די
שפּאַניער, די האָלענדער, ענגלענדער, פראַנצוי־
זען, דייטשען, עסטרייכער און איבערהויבט
רוסלאַנד, האָבען אין פערלויף פון 300 יאָהר
פערנומען עפּעס מעהר ווי אַ העלפט פון
אַזיען, און דעם בעסערען טייל דערפון אונטער
וואָרפען אונטער זייער פּאָליטישען איינפלוס.
פאַר די לעצטע וועלט־מלחמה האָט רוסלאַנד
אַליין דערפון פערכאַפּט מעהר אַלס 3 מאָל
אַזויפיעל ווי אַלע עוראָפּעישע פעלקער צוזאַ־
מען, אָדער כמעט אַזויפיעל ווי דאָס גאַנצע
פרייע אַזיען בעטרעפט. מיט דעם פאַנאַנדער־
פאַלען פון דער רוסישע אימפּעריע איז בלויז

אַ קליינער טייל דערפון פריי געוואָרען, וויל, דער גרעסערער טייל איז שוין אונטער דער רוסישע הערשאַפט רוסיפיצירט געוואָרען. פון דער אַנדערע זייט אָבער, האָבען ענגלאַנד און פראַנקרייך פערגרעסערט זייער איינפלוס איבער פּאַלעסטינאַ, סיריען, און אַראַביען. ד.ה. אַז די וועלט־מלחמה האָט נאָר די לאַנדקאַרטע פון אַזיען געענדערט, אָבער נישט איהר זעלבסשטענדיגקייט צוריקגעגעבען.

פון די פעסט אָרגאַניזירטע שטאַאטען אין אַזיען זיינען:

שטאַאט	☐ מיילען	איינוו.
כינעז. רעפּ.	3,913,560	330,130,000
יאַפּאַנעזישער	147,655	56,860,735
אַזיאַט. טירקיי.	337,582	12,827,900
פּערזיען	628,000	15,000,000
קאָרעאַ	13,253	9,670,000
סיאַם	195,000	8,820,000
אַפגאַניסטאַן	245,000	6,550,000
נעפּאַל	24,000	5,000,000
בהוטאַן	20,000	250,000
בעכוסטאַן	20,000	250,000
אַראַביען	750,000	73,800

אין יאָהר 1912 האָט אַזיען געהאַט בערך 63,320 מיילען אייזענבאַהן. פון דיעזע האָבען די עוראָפּעישע וועלט־מעכטע קאָנטראָלירט:

ענגלאַנד	32,667 מיילען
רוסלאַנד	10,586 „
פראַנקרייך	2,178 „
האָלאַנד	1,551 „
כינאַ	5,420 „
יאַפּאַן	6,093 „
טירקיי	2,836 „

דיעזע ציפערען זיינען דורך דער וועלט־מלחמה גאַנץ געענדערט געוואָרען דור די נייע רעגרופּירונג פון די אַזיאַטישע פעלקער.

אַזיען צענטראַל, נאָמען וואָס בעצייכענט א טעריטאָריע אָסטליך פון קאַספּישען ים, פון וועלכען דער אָסטליכער טייל געהער צו כינאַ, דער וועסטליכער טייל צו די קיריגיזען, טורקאָמאַנען, און די טורקאָסטאַנען. דער קיריגיזישער טייל איז בעקאָנט אונטער די נעמען: אוראַלסק, טורגאַי, אַקמאָלינסק, און סעמיפּאַלאַטינסק. דאָס גאַנצע צענטראַל־אַזיען האַלט 1,350,000 ☐ מיילען.

אַזירו, זוהן פון דעם עגיפּטישען קעניג אַבדאַשירטאַ, גובערנאַטאָר פון אַמורו. לויט אַ בריעף פון איהם (בריט. מוז. נומ.35, באַב.־אַסירישע אַבט.) צו זיין פאָטער, איז ער בעגנב׳ט געוואָרען פון אַ געוויסען כאַטוב, וועלכער האָט מיט זיך גענומען אַ העלפט פון דעם קעניגליכען גאָלד און זילבער. דאָס האָט פּאַסירט אין זיין אַבוועזענהייט פון אַמורו. אַ צווייטער בריעף (נומ.13) געשריבען פון ריב אַדדאַ, דעם גובערנאַטאָר פון ביבלאָס ווערט דערמאָנט צום קעניג אַיי, אַזירו האָט אַטאַקירט זיין פלאָט וועלכע האָט בעלאַגערט די שטאָדט אַמורו.

אָזירים, (עגיפּט. מיטאָל.) דער בעשעפער און געבער פון אַל־דאָס־גיטס, אין געגענטייל צום גאָט סעט (שד) זיין ברידער, וועלכער האָט געשאַפען אַל־דאָס־בייז. ער ווערט אָפט געשילדערט אין פערשיעדענע פאָרמען. אַמאָל אַלס די זונן, אַמאָל אַלס דער נילוס, אַמאָל אַלס דער גאָט אַפּיס (ז.ד.). דאָס איז אַלעס דערפאַר וויל ער האָט געשאַפען אַל־דאָס־גיטס פון אַלע מינים. אָזירים זיצט אויף יענער וועלט און משפט יעדען נאַך זיינע מעשים. ער זיצט אין אַגרויסען זאַאַל, פאַר איהם שטעהט אַגרויסע וואָג־שאָל, די נשמה פון יעדען טוידטען ווערט געלייגט אויף איין זייט און אויף דער אַנדערער די גערעכטיגקייט. אויב די נשמה וועגט נישט איבער די גערעכטיגקייט ווערט זי פערמשפּט מגולגל צו ווערען אין אַ שרעקליכע חיה. אויף די הירואָגליפען ווערט די נשמה אָבגעבילדעט אין דעם פאָרם פון אַ הערץ, און די גערעכטיגקייט אין דעם פאָרם פון אַ פעדער. האָבען אָבער,ביידע געבאַלאַנסירט דאַן האָט "טהאָט" די נשמה איבערצוגעבען צו "האָרוס", און דיעזער האָט די



(אָזירים שטייגט אויס זיין קבר)

נשמה פאָרצושטעלען פאַר אָזירים. ער בעלויכט איהר שוין נאַך איהר פערדיענסט.

איבער די געשיכטע פון אָזירים דערצעהלט דאָס "טוידטענ־בוך" וואָס געפינט זיך אין דעם ברימישען מוזעום אונגעפעהר אַזוי:

אין 3800 פיצר' האָט געהערשט איבער דעם זידליכען טייל פון מצרים אַ קעניג מיט דעם נאָמען "אָזירים (ז. "אַזאַר"), זיין ווייב האָט געהייסען "איזים" אָדער "אַסט'. ער האָט געטהון פיעל גוטעס פאַר זיין פאָלק, ער האָט זיינע בירגער געלערנט די ערד־אַרבייט, און אַלע האָבען איהם דערפאַר ליעב בעקומען. ער האָט אָבער געהאַט אַ צווילינגס־ברודער "סעט" וועלכער האָט איהם מקנא געוועזען און האָט געטראַכט איהם צו הרגנען, און פון איהם צו צונעהמען זיין הערשאַפט און זיין ווייב. נאָך אַ לאַנגע רייהע פון אינטריגען איז איהם געלונגען אָזירים צו דערטרינקען אין דעם נילוס. דער נילוס האָט אָבער זיין קערפּער אַרויסגעפיהרט אויף דעם דעלטאַ (ז.ד.) צווישען די הויך געוואַקסענע שילפען. איזים האָט דורך אַ נבואה אויסגעפינען וואָס עס האָט מיט איהר מאַן פּאַסירט און וואו ער געפינט זיך. זי איז אַהין און האָט איהם צוגענומען צו זיך. זי איז אַוועק צו איהר זוהן "האָרוס" (די זונן) איהם אָנצורייצען ער זאָל ראַכע נעהמען פון סעט פאַר זיין פאָטערס טוידט. בעת זי איז גֶעוועזען ביי האָרוס האָט סעט פערכאַפּט דעם קערפּער פון אָזירים, האָט איהם צושניטען אויף 14 שטיקער און צוּוואָרפען די שטיקער איבערן גאַנצען לאַנד. איזים איז דאָס גלייך געוואָר געוואָרען, זי האָט גלייך אויפגעקליבען די שטיקער, זיי בעגראָבען, אַרום זיין קבר געבויט אַ געצעלט. איזים און האָרוס האָבען דורך אַ געהיימע קראַפט דעם טוידטען אָזירים ווידער לעבענדיג געמאַכט. ער איז אויפגעשטאַנען און איז געוואָרען דער הערשער איבער דער אונטערוועלט. האָרוס האָט דאַן געפיהרט אַ לאַנגען קאַמף מיט סעט און ער האָט איהם ענדליך פערניכטעט.

איבער וויאַזוי סעט האָט בייגעקומען זיין ברודער אָזירים דערצעהלט פּלוטאַרך אַזוי:

סעט האָט געמאַכט אַ שעהנעם קאַסטען, האָט איינגעלאַדען 70 געסט, האָט אַיעדען פון זיי געוועט אויב ער וועט קאָנען אַריין אין דעם קאַסטען. ווען אָזירים האָט פּרובירט אַריינצוגעהן האָט זיך דער קאַסטען צוגעקלאַפּט. ער האָט דעמאָלט דעם קאַסטען אַרומגעקלעבט מיט געשמאָלצענעם בליי און איהם אַריינגעוואָרפען אין נילוס. ווען איזים האָט איהם גענומען



קעניג סעטאָס ברענגט אַ קרבן צו אָזירים

זוכען האָבען איהר קליינע קינדער געזאָגט וואו ער געפינט זיך, און זי האָט איהם גלייך אַהיימגענומען. דר. גידעמאַן פערגלייכט דיעזע פלוטאַרכשע געשיכטע מיט דער מכילתה צו שמות י״ג וואו עס שטעהט:

״ומשה מהיכן ידע היכן קבור יוסף, אָמרו סרח בת אָשר נשתירה מאותו הדור, והיא הראתה למשה קבר יוסף. אָמרו לו במקום הזה שמוהו, עשו לו מצרים אַרון של מתכת ישקעוהו בתוך נילוס. בא ועמד על נילוס, נטל צרור וזרק לתוכו וזעק, ואָמר: יוסף, יוסף; הגיע השבועה שנשבע הקב״ה לאַברהם אָבינו, שהוא גואל את בניך. תן כבוד לה׳ אלהי ישראל, ואַל תעכב גאולתנו, כי בגללך אָנו מעוכבים. ואם לאו נקיים אַנחנו משבו־עתך. מיד צף אַרונו של יוסף ונטלו משה.

״פון וואַנען האָט משה געוואוסט וואו יוסף איז בעגראָבען? סרח, די טאָכטער פון אָשר וואָס האָט נאָך געלעבט אין יענעם דור האָט צו איהם געזאָגט: דאָ האָט מען איהם בעגראָבען. די מצרים האָבען איהם אַריינ־געלייגט אין אַ מעטאַלענעם קאַסטען און איהם געוואָרפען אין דעם נילוס. האָט זיך משה געשטעלט ביים נילוס און האָט געררו־פען: יוסף, יוסף, עס איז געקומען די צייט וואָס גאָט האָט געשוואוירען צו אַברהם אָבינו דאָס ער וועט זיינע קינדער בעפרייען. גיב כבוד צום גאָט פון ישראל, האַלט אונז נישט אוף, אַז נישט זיינען מיר ריין פון דער שבועה. באַלד דאַרוף איז דער אָרון פון יוסף אַרופגעקומען און משה האָט איהם מיט זיך מיטגענומען״.

צו דיעזע צוויי לעגענדען קומט נאָך צו אַ דריטע, די פון משה אין דעם קעסטעל און זיין שוועסטער מרים. איזיס איז געוועזען אַ שוועסטער און די פרוי פון אָזירים. אין אַלע דריי לעגענדען געפינט זיך אַ פרוי וואָס זוכט דאָס קעסטעל. איזיס, מרים און סרח.

די מיטאָלאָגיע דערצעהלט אויך אַז, דורך די טרערען וואָס איזיס האָט פערגאָסען איבער דעם טוידט פון אָזירים, האָט זיך דער נילוס צום ערשטען מאָל אויפגעהויבען און איבער־געפליוצט זיינע ברעגעס. זייט דעמאָלט, טהוט ער דאָס יעהרליך, ער בעוואַסערט דאָס לאַנד און ברענגט אַ ברכה פאַר די עגיפּטער. דאָס זאָל האָבען פּאַסירט צום ערשטענמאָל אין דעם 11טען טאָג פון דעם חודש פּאַאָני. דערפאַר איז דיעזער טאָג פון יאָהר אַ יום־טוב. זיי האָבען צוערשט דיעזען יום־טוב גערופען: ״קוער־ען־חטהי״=״די נאַכט פון טרערען״. מיט דער צייט האָט מען איהם מאָדיפיצירט, און מען רופט איהם היינט אין דער גאַנצער מאַכ־מעדאַנער וועלט: ״לילת־אַל־נחיתא״=״די נאַכט פון טראָפּען״.

אָז ישיר נאָמען פון דער שירה וואָס די יודען האָבען געזונגען נאָך דעם איבערגאַנג פון ים ביי יציאַת מצרים. איינס פון די עלטעסטע זיעגעס־ליעדער וואָס די וועלט־לי־טעראַטור פערמאָגט. עס ענטהאַלט אַ קרעפטיגע שפראַך, מיט קלאָהרע פאָרמען, פון אַ טיעפע פּאָעטישע פאַנטאַזיע, און פערבינדונג מיט אַ פייעריגען פּאַטריאָטיזמוס, וועלכער קלאָפּט אויף די הערצער פון זיינע לעזער אָדער הערער און הייבט זיין גייסט צו דער שטופע פון בעוואונדערונג.

אַזכרות נשמות, ז. ״הזכרות נשמות״.

אַזעגליאָ מאַסימאָ טאַפּאַרעלי, אַ איטאַליענישער נאָבעלמאַן, ליטעראַט, קינסט־לער און שטאַאַטסמאַן. געב. 1798 אין טורין און געשט. אין 1866. האָט גענומען אַ ליטעראַרישען אַנטייל אין דעם קאַמף פאַר די עמאַנציפּאַציע פון די יודען. האָט פיעלעס געשריבען איבער פערשיעדענע פּראָבלעמע פון יענער צייט, האָט געמאָלען אייניגע בילדער וועלכע זיינען בעצייכענט געוואָרען אַלס קלאַ־סישע, האָט געקעמפּט אַלס קאָמאַנדיר פון די פּאַבסטליכע טרופּען געגען עסטרייך אין 1848 און וואו ער איז געוואונדעט געוואָרען. נאָך דעם קריעג איז ער געוואָרען פּרעזידענט אין וויקטאָר עמאַנועלס קאַבינעט און אין 1859 מיליטער־קאָמיסאַר איבער דעם גאַנצען איטאַ־ליענישען שטאַאַט.

מאַפּעי, זיין ביאָגראַפער זאָגט וועגען זיין פּאַטריאָטיזמוס אַז, ער איז געווען געגען אַסימילירען די פרעמדע עלעמענטע מיט דעם איטאַליענישען פאָלק. ער האָט געשטרעבט צו עמאַנציפּירען זיין אייגען פאָלק ווייל ער האָט אַנערקענט אַז זיין פאָלק איז נאָך ווייט פון צו זיין וואָס עס דאַרף זיין. אַזעגליאָס מאָטאָ איז געווען: זאָלען נאָר די איטאַליע־נער ווערען ציעל־בעוואוסטע מענשען וועט זיי די גאַנצע וועלט נישט קאָנען שטערען צו בלייבען פרייע מענשען. אַזוילאַנג אָבער ווי דאָס איז נאָכנישט דער פאַל, קאָן זיי די גאַנצע וועלט נישט פריימאַכען.

אין זיין צייט זיינען די עסטרייכער געק־ראָכען צוביסלעך ווייטער און טיעפער אין איטאַליען אריין. דער פּאַבסט אין רוים איז געווען אונפריינדליך צום איטאַליענישען פאָלק ווייל עס האָט געזוכט צו לעבען פאַרזיך, אָהן צו הערען זיינע דעות אין זייערע פּאָליטישע אַנגעלעגנהייטען. אַזעגליאָ האָט געפינען זיין פאָלק צווישען צוויי אונפריינד־ליכע עלעמענטען. זיין אייגענע פאַמיליע— זייענדיג נאָבעללייט— האָט זיך אויך פערהאַל־טען פיינדליך צום נידריגען פאָלק. און שפּעטער אויך צו איהם אַליין ווייל ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזען צו דיעזען פאָלק. זיין ערשטעס געפיהל איז געווען צו וועקען די איטאַליענער געגען די פרעמדע. די עסטרייכער זיינען די פרעמדע. די יודען האָט ער בעטראַכט פאַר איינוואַנדערער וועלכע זוכען אַ היים. אַזעלכע קענען זיך איטאַליעניזירען, אָבער נישט אַזעלכע וואָס זוכען מאַכט פיר אַן אַנדערען שטאַאַט. דאַרין שטעהט זיין פיגור נאָך יעצט אַליין. ביי פּאַטריאָטען פון דער היינטיגער צייט צייגט זיך זייער פּאַטריאָ־טיזמוס הויבטזעכליך אין זייער אַנטי־סעמי־טיזמוס.

אַזעוועדאָ מאַנועל אַנטאָניאָ, אַ בראַ־זיליאַנישער דיכטער. געב. אין סאַאָ־פּאַולאָ 1831 און דאָרט געשט. אין 1852. ער הויבט אָן זיין שטודיום מיט געזעץ און טראָגט זיך איבער צו דער מוזע. זיין פּאָעזיע איז ווי אַ שטורמישער ים. פול מיט ראָמאַנטיק, אידעאַ־ליזמוס, עלעגיע, רעאַליזמוס און ביטערער הומאָר. אין פיעלע שטעלען פערגלייכט ער זיך מיט היינע, בייראָן, און מוסעט. נעקסט צו גאָנסאַלעס דיאַס איז ער געוועזען דער גרעסטער ליעבלינג ביים בראַזיליאַנישען פאָלק.

אַזעיטעט, (פילאָז.) דאָס זיין פון זיך־זעלבסט. אין געגענזאַץ צו: דאָס אָבהענגיגע, אָדער דאָס געשאַפענע. די שאָלאַסטיקער געב־רויכען דיעזעס וואָרט, ביי דער בעהויבטונג אַז, גאָט איז אַן אַבסאָלוטהייט, אַ פאָלקאָמענ־סטע זעלבסטשטענדיגקייט. שאָפּענהויער רעדט פון דער ״אַזעיטעט פון דעם ווילען״. האַרטמאַן פון דער ״אַזעיטעט פון דעם אונבעוואוסטזיין״ מיינענדיג אַז, זיי זיינען אין זיך פאָלקאָמען אָדער אַבסאָלוט זעלבסטשטענדיג.

אָזעלאָט (Felis Pardalis) אַ רויבטיער אין דער קאַצען־פאַמיליע, לויט ליננעס קלאַסיפיצירונג. זיין קאָליער איז אויבען ברוין ביז רויטליך־געל, אונטען ווייסליך, די זייטען האָבען פון 4 ביז 5 געקרומטע רייהען פון שוואַרצע פלעקען. די לענג פון זיין קערפער איז פון 90 ביז 95 סענטימעטער. דער עק פון 35 ביז 40 סענטימעטער. זיינע שולטערען בערך 40 סענטימעטער הויך.



געפינט זיך אין מעקסיקאָ, פערו, נאָרד־בראַזיליען, קאָלומביאַ און גינעאַ. זיין לעבען איז ענערגיש, קרעפטיג און אַקטיעוו. גלייכט זיך אין כמעט אַלע הינזיכטען צום לעמפערט. אין געפאַנגענשאַפט איז ער קאַפריזיג, און ווען אויפגערעגט שנאָרכט ער שרעקליך, און שפייט אויף דעם וואָס רעגט איהם אוף. ווען ער איז געצאַהמט לאָזט ער זיך שטרייכען איבערן קאָפּ און ווייזט צופריעדענהייט דערפון מיט אַ וואונשענדען אויסדרוק פאַר נאָך.

אַזעלוס אַקואַטיקוס, אַ קרעבס־וואורם, די דריטע גאַטונג (לויט לעונים) אין דער פאַמיליע פון די "איסאָפּאָדאַ". האָט ליניערפאָרמיגע אויסערע גליעדער, אַ פלאַטשיגען געשטרעקטען קערפער, אַ קליינעם קאָפּ מיט אַ גרופּע פון פונקטירטע אויגען, 2 גרויסע און 2 קליינע פיהלער. וואַקסט ביז עפּעס מעהר פון אַ סענטימעטער לאַנג, לעבט אין די טייכען און



אַרום די ברעגעס פון ימים אין עוראָפּאַ. דאָס בילד אויבען צייגט ווי ער זעהט אויס אויף בײדע זייטען. די צייכנונג אויף לינקס איז די אונטערשטע, און די אויף רעכטס די אויבערשטע זייט פון קערפער.

אַזעללי גאַספּאַראָ, אַן איטאַליענישער אַנאַטאָם, גערימהט פאַר זיין ענטדעקונג פון די מילך־דריזען אין דעם פיזיאָלאָגישען קערפּער. געב. אין קרעמאָנאַ 1580 האָט פונקציאָנירט אַלס פּראָפעסאָר איבער אַנאַטאָמיע אין דער אוניווערזיטעט פון פּאַוויאַ, געמאַכט זיין ענטדעקונג אין 1622 און איז געשט. אין פּאַוויאַ אין יאָהר 1626.

אַזעמאַר, אַ שטאָדט אין מאָראָקאָ ביים טייך אומערביאַ, וועלכער לויפט אַריין אין אַטלאַנטישען ים. דערפאַר ווייל עס קאָנען נישט קיינע שיפען צוקומען איז דער האַפען פאַר אַזעמאַר אָבגערוקט געוואָרען נאָך מאַסאַגאַן וואָס ליגט בערך 7 קילאָמעטער ווייט פון דאָרט. אַזעמאַר איז די איינציגע קיסטען־שטאָדט פון מאָראָקאָ וואָס איז געבליבען ריין מאָראָקאַניש. דאָרט טאַר קיין עוראָפּעישער נישט איבערנעכטיגען. די איינוואוינער צעהלען צווישען זיך קוים 5000.

אַזעמיאַ, אַ קראַנקהייט ביי וועלכער עס איז פערלוירענגעגאַנגען דאָס פערמעגען זיך צו פערשטענדיגען דורך ריידען אָדער שרייבען. צו אַ געוויסען גראַד "חסר דעה". (ז. "אַגראַפיע", "אַלעקסיאַ", "אַפאַזיאַ").

אַזענגקוהר, (פראַנצויזיש Azincourt) אַ דאָרף אין נאָרד־וועסטליכען פראַנקרייך

וועלכעס איז געקומען פּראָמינענט אין דער געשיכטע צוליעב אייניגע גרויסע שלאַכטען וואָס האָבען דאָרט שטאַטגעפונדען. אין 25טען אָקטאָבער פון 1415 האָט קעניג היינריך מיט אַן אַרמיי פון 50,000 מאַן די פראַנצויזען דאָרט אַטאַקירט. ער האָט זיי געשלאָגען ביז 10,000 פון זיי זיינען אויף דעם שלאַכטפעלד געפאַלען, און אינצווישען זיי האָט פראַנקרייך פערלוירען: 5 פּרינצען און 6 הערצוגען. די אַטאַקירענדע ענגלענדער האָבען דאַביי פערלוירען בלויז 1,500 מאַן מיט דעם הערצוג ריטשאַרד פון יאָרק. מיט דיעזען פאַל האָט זיך אָנגעפאַנגען פראַנקרייכס ערשטע נידערלאַגע, נאָך וועלכער זי האָט שפּעטער געליטען פיעלע.

אזעף יעווג, איינער פון די מערקווירדיגסטע פיגורען אין דער רוסישע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג, אונטער דעם רעזשים פון דעם צאַר ניקאָליי דעם צווייטען. ער איז געוועזען אַ זוהן פון אַ יודישען שניידער אין ראָסטאָוו. נאָך אין זיינע חדר־יאָהרען איז ער בעקאַנט געוועזען אַלס אַ בונטאָווטשיק, אַ הערצלאָזער שטיפער און אַ אינטריגאַנט. זיינע לעהרער האָבען אויך נביאות געזאָגט אַז פון איהם וועט אַרויסוואַקסען אַ טייפעל אין מענשען־געשטאַלט. אַז ער איז אויסגעוואַקסען פון חדר אַרויס, האָט זיך איהם פערגליסט נאָר צו לערנען סודות פון קינצען. די עלעקטראָ־טעכניק האָט דערפאַר ביי איהם געפינען גרויס חן, ער האָט בע׳גנבט זיין בעל־הבית ביי וועמען ער איז געוועזען אויף דער לעהר, און איז אַוועק אין דאַרמשטאַדט דאָרט צו שטודירען אין דעם פּאָליטעכניקום, און דאָרט האָט ער געלערנט די פאַבריקאַציע פון דינאַמיט.

ער איז געוועזען אַ יוד, האָט אָבער נישט געהאַט דעם יודישען טיפּ, נישט אין אויסזעהן

ווי אויך נישט אין דעם קאַראַקטער. זיין קורצער דיקער האַלז, זיין פעסט געבויטער קערפּער, זיין קליינער שטערן, דיקע ליפּען און פלאַכע נאָז האָבען אויסגעדרוקט אַ געוואַגטע ענטשלאָסענהייט; און דאָס איז עס געוועזען וואָס עס האָט זיינע קינפטיגע חברים אָנגעצויגען צו איהם און איהם אַזויפיעל צוטרויען געשענקט. אַפילו ווען אַלע בעווייזע האָבען איהם שוין פעראורטיילט האָבען זיינע חברים איהם נאָך שטענדיג פערטיידיגט. זיין אייגענע פרוי, אַן ערענסטע רעוואָלוציאָנערקע האָט קוקענדיג אויף זיין פּנים, נישט געקאָנט גלויבען אַז זי לעבט מיט דעם נידריגסטען קאַראַקטער וואָס די נאַטור האָט אַמאָל אויף דער וועלט געבראַכט.

ווען ער איז אין זיין שטודיר־צייט געקומען אויף אַ בעזוך אין דער שווייץ האָט זיך דעמאָלט דאָרט געגרינדעט דער "סאָיוז רוסקיך סאָציאַליסטאָוו רעוואָלוציאָנעראָוו". אַז ער איז צוריק געקומען אין דאַרמשטאַדט האָט ער דאָרט צווישען זיינע חברים שטודענטען געגרינדעט אַ גרופּע, צו פערברייטען די ליטעראַטור וואָס דיעזע גרופּע "סאָיוז" האָט

אַרויסגעגעבען. ער פלעגט נאָך דעם סאָיוז פון צייט־צו־צייט אַריינשיקען אַ פּאָאָר הונדערט מאַרק, און אַזוי ווי דער קאַראַקטער פון זיין אַרבייט איז נישט געווען פון אַ געהיימע נאַטור האָט דער סאָיוז וועגען זיין קאַראַקטער נישט נאָכגעפרעגט. ער האָט דערווייל געוואונען פּאָפּולאַריטעט צווישען די טהעטיגע רעוואָלוצינערען, און אַז ער איז פערטיג געוואָרען מיט זיין שטודיום, איז ער אַוועק נאָך מאָסקוואַ, וואו ער האָט לפנים בעקומען אַ שטעל אַלס אינזשעניער, אַבער, אין אמת'ן איז ער שוין דעמאָלט געוועזען אַן אָנגעשטעלטער אין דער אָכראַניע.

בכדי צו געווינען דאָס צוטרויען פון די רעוואָלוציאָנערען אין אויסלאַנד האָט ער אַליין געגרינדעט אַ נייע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג אין מאָסקוואַ. דערמיט האָט ער צוזיך צוגעצויגען דעם טיכטיגסטען און פערטרויענסווערטעסטען גריגאָרי גערשוני. אַז די ביידע זיינען אין 1900 ערשינען צוזאַמען אין אויסלאַנד אַלס אָרגאַניזאַטאָרען פון דער רוסיש־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, האָבען די אויסלענדישע חברים זייערע שוין נישט געהאַט קיין חשד אויף אַזעוו'ן. אַזעוו האָט דערווייל בעוואויגען גערשוני איינצושטימען פאַר אַ פערשמעלצונג פון אַלע אָבגעזונדערטע גרופּען פון רוסל. אין איין טהעטיגע אָרגאַניזאַציע אַריין. דאָס איז אויך אויסגעפיהרט געוואָרען, און אַזעף איז אויף דיעזער וויזע געוואָרען אַ קרוב צו דער גאַנצע פּאַרטיי, מיט וועלכער ער האָט שפּעטער געשפּיעלט פאַר דער אָכראַניע.

זיין לעבען איז פול מיט מאָרד־טהאַטען אויף ביידע צדדים וועלכע ער האָט געדיענט. אַ פולע ליסטע פון זיינע קרבנות וועט פיעלייכט קיינמאָל נישט בעקאַנט ווערען. ער אַליין איז געוועזען אַ גרויסער בעל־סוד. מען ווייסט אָבער אויף זיכער אַז, ער איז געוועזען דער אָנפיהרער פון די ערפאָלגרייכסטע אַטענטאַטען. דורך זיין קאָנספּיראַציע זיינען גע'הרגט געוואָרען: סיפּיאַגין, באָגדאַנאָוו, ד'פלעווע, יאָלאָס, קניאַז סערגעי, סודייקין, און אַנדערע. דיעזע טהאַטען האָבען איהם פיעל געהאָלפען צו געווינען דעם פאַנאַטישען צוטרויען פון זיינע רעוואָלוציאָנערע פריינד. ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען ווייזען דאָקומענטען געגען איהם, איז איהם דער זכות פון דיעזע טהאַטען בייגעשטאַנען, און אַפילו בורצעוו האָט געגען איהם נישטס געקאָנט אויספיהרען מיט אַלע זיינע בעווייזע געגען איהם.

ווען אַזעף איז געקומען פון דאַרמשטאַדט נאָך מאָסקוואַ האָט ער זיך שוין געהאַט בעקאָנט מיט ראַטשקאָווסקי, דעם אָנפיהרער פון די רוסישע שפּיאָנען אין אויסלאַנד. דיעזער האָט איהם גאַראַנטירט אַז ער וועט אין רוסלאַנד נישט אַרעסטירט ווערען. ראַטשקאָווסקי האָט געשריבען אין 1902 צו דורנאָוואָ אַז ער דאַרף האָבען 500 רובעל פאַר אַ שפּיאָן וועלכער איז אַ פריינד פון גערשוני, און דאָס דיעזע געלד איז צו שטיצען די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג. דורנאָוואָ האָט ראַטשקאָווסקי בעפוילען אַז דער שפּיאָן זאָל קומען אין מאָסקוואַ זיך מעלדען צו איהם און ווען אַזעף איז צו איהם געקומען, האָט ער געמוזט בעווייזען זיין עהרליכקייט צו דער אָכראַניע, און ער האָט אויסגעגעבען די נעמען פון די אָנפיהרער פון דער "באַיאָוועיאַ אָרגאַניזאַציאַ" ער האָט אָנגעוויזען אַ געהיימע דרוקערייי אין פּענזאַ, און די אָנפיהרער פון דער דרוקערייי זיינען אַרעסטירט געוואָרען. ער האָט אויסגעאַרבייט אַ פּלאַהן וויאַזוי אַריינצושמוגלען ליטעראַטור אין רוסלאַנד, און ווען די בעוועגונג איז שוין געוועזען אין פולען שוואונג האָט ער אַלעמען אויסגעגעבען. אין

1904 האָט אַן אומאָבהענגיגע גרופּע פון רעוואָלוציאָנערען געמאַכט אַ פּלאַהן צו פערניכטען דעם דיקטאַטאָר ד'פּלעווע, בלויז דערפאַר וויל די גרופּע האָט נישט געהערט צו זיין פּאַרטיי, האָט ער זיי אַלעמען אויסגעגעבען און זיי זיינען פון דער אָכראַניע פערניכטעט געוואָרען. אַזעף אַליין האָט דעם פּלאַהן געגען ד'פּלעווע אויסגעפיהרט מיט דער הילף פון איניגע רעגיערונגס בעאַמטע. דאָס ערקלעהרט דעם סוד וואַרום עס איז די צוויי אַטענטעטער סאַזאַנאָוו און שיקאָרסקי געלונגען צו ענטריינען פון אַסטראָג. ער האָט דענונצירט פּרינץ כילקאָף דעם פריינד פון טאָלסטאָי אַלס אַ רעוואָלוציאָנער. אַלס ער איז פון זיין פּאַרטיי געשיקט געוואָרען נאָך פּאַריז אויף דעם קאָנפערענץ פון יאָהר 1904 האָט ער איבערגעשיקט צום דירעקטאָר פון דער פּאָליציי אַ קאָפּיע פון די געהיימע אויפטראַגען וואָס ער האָט בעקומען צו אויספיהרען. נאַכהער איז ער זיך געקומען נאָך רוסלאַנד, אין איז אונטער דעם דעם שוץ פון די רוסישע שפּיאָנען אַרומגעפאָהרען פון איין גרופּע רעוואָלוציאָנערען צו דער אַנדערע. דער ערפּאָלגלאָזער אַטענטאַט אויף טרעפּאָוו, ניקאָליי'ס לייב-גוואַרדיסט, איז פון איהם אָרגאַניזירט און דענונצירט געוואָרען. ביי דיעזען דאָנאָס איז פערוויקעלט געוואָרען טרעפּאָוו'ס אייגענע אַ קוזינע מיט נאָך 6 פרויען און 3 מענער, וועלכע זיינען אַלע פער'משפט געוואָרען. איניגע פערזוכע זיינען געמאַכט געוואָרען אויפ'ן לעבען פון גענעראַל דובאַסאָוו, אַבער אָהן אַן ערפּאָלג. אין דעמלעצטען פאַל, ווען ער אַליין האָט אַן אָנטייל גענומען, איז בלויז דובאַסאָוו'ס לייטענאַנט גע'הרגט געוואָרען. אַ קאָמישער פערזוך אויף דעם לעבען פון סטאָליפּין איז פון איהם אָרגאַניזירט געוואָרען בלויז אַריינצוזאָגען אַ מורא אין די הערצער פון דעם הערשענדען קלאַס, בכדי זיין אייגענע ווירדיגקייט צו פערגרעסערען.

אין 1905 האָט די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי בעקומען אַ בריעף פון דער אָכראַניע, דורך איינעם וואָס איז דאָרט געוועזען אַן איינגעהער, און צוגלייך אַ טרייער צו דער רעוואָלוציאָן. אין דיעזען בריעף איז אָנגעגעבען געוואָרען אַז, צוויי וויכטיגע שפּיאָנען, איינער אַזעף און דער צווייטער טאַטאַראָוו, און אַז די פּאַרטיי האַלט דאַדורך אין פּאַנאַנדער קראַכען. קיינער האָט געהאַט דעם מוטה צו שטעלען דעם טרייען אַזעף צום משפט, אָבער טאַטאַראָוו'ן האָבען זיי יאָ גע'משפט און אויך הינגעריכטעט. טאַטאַראָוו האָט ביז דער לעצטע מינוט פון זיין לעבען געשריען אַז, ער איז געוועזען בלויז אַ געציִיג אין הענד פון אַזעף, אַבער קיינער האָט איהם געוואָלט גלויבען. מען גלויבט נאָך היינט אַז, ראַטשקאָווסקי האָט געהאָלפען אַזעף רייניוואַשען און טאַטאַראָוו'ן מקריב צו זיין פאַר אַזעף.

ווען פּאַפּאַ גאַפּאָן איז ערשינען אין דער רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג האָבען די רעוואָלוציאָנערען געקוקט אויף איהם מיט פערדעכטיגע אויגען ווי סאָציאַליסטען קוקען אויף אַ יעדען גייסטליכען. זיך פיהלענדיג נישט היימליך צווישען זיי האָט ער נאַטירליכער ווייזע גענומען טראַכטען וועגען אַ בעסערען לעבען פאַר זיך. דאָס האָט איהם געפיהרט צום בעשלום איינצוטרעטען אין דעם דיענסט פון דער אָכראַניע. ער האָט זיך גלייך בעקאָנט מיט ראַטשקאָווסקי און מיט וויטע, ער האָט פון זיי בעקומען 30,000 רובעל צו רעאָרגאַניזירען זיין אַרבייטער פעראיין וואָס איז צושמעטערט געוואָרען נאָך דער געשיכטליכע דעמאָנסטראַציע וואָס ער האָט געמאַכט. דיעזער פעראיין האָט געזאָלט שטעהן אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי, אַבער גאַפּאָן האָט זיין אַרבייט געטהון אָהן דער פּאָליציי

צו געבען די ערוואַרטעטע צופריעדענהייט. אַזעף, זעהענדיג אין איהם אַ קאָנקורענט, האָט פון איהם גלייך געמאַכט אַ סוף. ער האָט איהם פערנאַרט אין אַ לעדיגע הויז הינטער פעטעסבורג (יעצט פעטראָגראַד) און איהם דאָרט אויפגעהאָנגען. דאָס האָט אַזעף אויסגעפיהרט דורך די הילף פון די רעוואָלוציאָנערען, ווייל ער האָט זיי געמאַכט גלויבען אַז ער איז אַ געפאַהר צו דער בעוועגונג.

פון די פערזאָהנען וואָס ער האָט אויסגעגעבען צו דער פאָליציי זיינען געוועזען— לויט אַזעף'ס בריעף וועלכע בורצעוו האָט אָבגעדרוקט:— די באַבושקאַ, פאָליאַנאָוו, ראָזענבלום, אָלגאַ טאַראַטוטאַ, ניקאָליי ראָמאַנאָוו, וויערא גריגאָריעוונאַ, מיאַטניצקאַיאַ, קראַקאָוו, מאַכאָווסקי, מאַריאַ מינאַטשעווסקאַיאַ, גאָץ, טשערנאָוו, שישקאַ, לעוויט, גורעוויטש, פרווי טשערנאָוו, מייסנער, וואַרשאַווסקי, בעסלאַנאָוו, מאַטינאָוו, ביביק, באָריסאָן באָריסענקאָ, קראַווטשענקאָ, זאַטאָנסקי, מאָראָזאָוו, ווטאָראָף, מאַשיסטאָוו, פעדולין, שוליץ, שפישקאָווסקי, מערקוראָוו, וועדיאַניקין, קערשנער, סטיפטאַר, גראָנסקי, ניקיטענקאָ, טרויבערג, זשיטלאַווסקי אַנסקי מאַרק ליבער, מאַד. פאַלקנער, טראַפּ, קאַגאַן, ליובאָוו, אַקסעלראָד, מאַשיצקי טראָצקי, זאַסוליטש, סערגעי, מאַרטאָוו, קראָכמאַל בלומפעלד, לענין, פלעכאַנאָוו, עקאַטערינאַ דערמיאַנענקאָ, סאָפיאַ לעוויאַש, גאָלדמאַן פאָקאַטילאָוו, נאַרבעקאָוו, אוליאַנאָוואַ, קודיאַווצאָוו, בערמאַן סעראַפימאָוואַ, פאָדאָס, לאַשקעוויטש, אַנטאָנאָוואַ, מעלניקאָוו, מאַריאַ טשעפּאַטיעוואַ, לעאָנטיעוויטש, רעקקער, סוכאָמלין, געדעאָנאָווסקי, נאַטאַליאַ, פליאַסקין, סיניצין טראַנדאַפילאָוו, בערענשטאַם, זענזינאָוו, מאַדאַם יעמעליאַנאַוואַ, בעלעאוסאָוו, פאָפאָוו, גאָרנבערג, סלעטאָוו, מאַריאַ סעליוק, בנימין, פאַוועל איוואַנאָוויטש, גאַלקין, עפרוס, בוקים, סאָלאָוויאָוואַ, כילקאָף, רובין, עוואַ, מאַשאַ, אַווקעסטיעוו, סאַשאַ, ציליאַקוס און טשערנאָוו.

ווען אַזעף איז פאָרגעבראַכט געוואָרען פאַר דעם רוסיש־רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל אין פאַריז גע'משפט צו ווערען, האָט ער שוין פערשטאַנען אַז דאָס מאָל וועט ער זיך שוין אַרויסדרעהען טרוקען. ער האָט געוואוסט אַז בורצעוו האָט פערזיכערט צו לאַפוכין, דעם הויבט פון דער אָכראַניע, אַז די רעוואָלוציאָנערען וועלען איהם קיין שאָדען טהון, ווען ער וועט נאָר אַרויסגעבען די נייטיגע בעווייזע געגען אַזעף. זיך צו ראַטעווען פון לאַפוכינס הענד האָט ער לאַפוכינען דענונצירט צו די העכערע רעגיערונגס בעאַמטע אַלס אַ געפעהרליכען רעוואָלוציאָנער. לאַפוכין איז גלייך אַרעסטירט געוואָרען, אַבער מיט זיין אַרעסט איז די מעשה־אַזעף אַרוים אין דער עפענטליכקייט (ז. "לאַפוכין"). דאָס פאַריזער טריבונאַל האָט אַזעף פער'משפט, ער איז אָבער פערשווינדען געוואָרען, ביז בורצעוו האָט דורך פיעלע אַנאָנסען איהם ווידער אויפגעזוכט, אַבער נאָר אונטער דער פערזיכערונג אַז ער וועט איהם נישט איבערגעבען אין די הענד פון די רעוואָלוציאָנערען. בורצעוו האָט דאָס געטהון ווייל, ער האָט פון איהם געוואָלט אַרויסקריגען וויכטיגערע ידיעות בנוגע צו דער ערוואַרטעטע רעוואָלוציע. שפעטער ווערט רעפּאָרטירט אַז די רעוואָלוציאָנערען האָבען איהם אין פעטערסבורג אַרעסטירט מיט זיינעם אַ חבר אַנאַטאָלי, אַז זיי האָבען איהם געהאַלטען אַרעסטירט פאַר אַ צייט, אַבער זיין ריכטיגער סוף איז נאָך ביי דיעזער צייט אונבעקאַנט.

אַזערביידזשאַן, (עטימ. = דאָס לאַנד פון אייביגען פייער. דאָס לאַנד איז רייך אין גאַז און נפט פון די קאַווקאַזישע בערג ביז דעם קאַספּישען ים.) — איז אַ רעפּובליק וואָס איז ענטשטאַנען אין דער לעצטע וועלט־מלחמה, און האָט ערקלעהרט איהר אונאַבהענגיגקייט פון פערזיען אין דעם 28טען

מאַי פון יאָהר 1918. איז גרויס בערך 40,000 □ מײלען, און האָט אַ בעפעלקערונג 4,500,000 אײנוואוינער. איהרע צוויי הויבט־שטעדט זײנען: באַקו און עליזאַבעטפּאָל. איז געטײלט אין 4 דיסטריקטען: אַרדיאַביל, גאַבראַוועז, מאַראַנד, און וואַרטאַן. איז געוועזען ביז איהר אונאַבהענגיגקייט אַ פּערז. פּראָווינץ, וואָס האָט זיך געגרענעצט זידליך מיט קודיסטאַן און אוראַק, אָסטליך מיט גהיליאַן און דעם קאַספּישען ים. נאָרדליך און וועסטליך מיט אַרמעניען.

דאָס לאַנד איז פיעל בערגיג. מאַנכע בערג שטייגען פון 7,000 ביז 9,000 פוס איבער דעם ים־שפּיגעל. דער באַרג סאַלוואַנאַ האַלט 13,000 פוס הויך, און דער איז דער העכסטער פון אַלע. צווישען זיי ליגט אויך דער באַרג אַררט (ז.ד.) די הויבט טײכען זײנען: דער אַראַסי, קאַראַסו קיזיל-אוזען, און דער זאַלצ־טײך אורומיאַ. דיעזער איז אויך דער גרעסטער פון אַלע.

שפּראַך: די שפּראַך וואָס דאָס פאָלק רעדט הייסט "אורמי", זי איז אָבער נאָך איהר גאַנג נאָך אַן אַראַמ. דיאַלעקט, אַבער פיעל דורכגעמישט מיט טירקיש. זייער אַלף־בית רופט זיך ווי דאָס העברעישע, לויפט אינזעל־בען סדר, אַבער שרייבט זיך עהנליך צום אַראַמישען. די יודען ריידען דאָרט תרגום.

אונטער די כאַליפען איז אין אַזערבײַדזשאַן גערעדט געוואָרען 70 שפּראַכען, אָדער דיאַלעקטען, ווייל די בערג-בעוואוינער זײנען געוועזען אָהן אַ בעציהונג צווישען זיך, און האָבען דאַדורך געלעבט אַן אייגענטימליכעס לעבען מיט אייגענע מנהגים און סאָציאַלע אומשטענדען. אַפילו זייער קריסטענטום איז נישט גלייך צו דאָס עוראָפּעישע. די עוראָפּעישע קריסטען רופען זיי: נעסטאָריאַנער. זיי גלויבען אין אַ פּאַטריאַרך שמעון, וועלכען זיי רופען אויך: דער פּאַטריאַרך פון מזרח.

מיט דעם דראַנג פון דעם רוסישען סאָוויעט אויף אַזיען איז אַזערבײַדזשאַן אונטערגעוואָרפען געוואָרען מיט געוואַלד אונטער דעם רוסישען סאָוויעט. דער סאָוויעט האָט פאַר אַ צייט זעהר פיעל געליטען פון די דאָרטיגע פּאַטריאָטען. נאָך אין מערץ פון 1921 האָט זיך די רויטע אַרמיי געפינען אין אַ זעהר געפעהרליכע לאַגע דורך די פּויערים פון די דיסטריקטען: לענקאָראַן, קובאַן, און דיעוואַ. צו דיעזע זײנען אויך אויפגעשטאַנען די דאַרטיגע אַרמעניער, דאַגעסטאַנען, פּערזער, און געאָרגיער. דער סאָוויעט האָט דעמאָלט אַפּעלירט צו קעמאַל, און דער האַט מיט זיינע רעבעלען די רויטע אַרמיי גערעטעט פון איהר אונטערגאַנג.

אַחא, פיעלע פון דיעזען נאָמען האָבען געווירקט צווישען די חכמי התלמוד אַלס תנאים ואַמוראים. דער גרעסטער טייל פון זיי איז בלויז פאַרביילויפענדיג דערמאָנט געוואָרען, און בלויז אייניגע פון זיי באַריכות. איינער וועלכער האָט געלעבט אַלס צייטגענאָסע פון ר׳ שמעון בן יוחאי איז געוועזן אַן אויטאָריטעט איבער הלכה און אַגדתא. אַ צווייטער האָט סיסטעמאַטיזירט די ברייתות אין דער ישיבה פון ר׳ חיא הגדול און איז געוועזען דער רבי פון ר׳ שמואל הזקן. אַ דריטער וואָס האָט אויך קאָלעקטירט ברייתות און האָט מתקן געווען מען זאָל מבקר חולה זיין. ווי ער זאָגט: (נדרים ל׳ט) ״איינער וואָס איז מבקר החולה נעהמט צו פון דעם חולה אַ זעכציגסטען טייל פון זיין קראַנקהייט״. אַ פירטער, וועלכער האָט ערפינדען נקודות צו דער אַסירישער שפּראַך. אַ פינפטער, וועלכער האָט שוין געלעבט באַלד נאָך דעם אַבשלום פון תלמוד, איז געוועזען ר׳ אַחאי גאון משבחא, דער געריהמטער מחבר פון ״שאלתות״, אַ וויכטיגעס ווערק איבער דינים מכל המצות שבתורה כסדר הפרשיות.

אַחאָב זוהן פון עמרי, אַכטער קעניג פון ישראל וועלכער האָט רעגיערט (פון 918 ביז 896 פיצר׳) 22 יאָהר. אין זיין צייט האָט געהערשט איבער יהודה, פריהער אָסאָ און נאַכהער יהושפט. ער ווערט געשילדערט אַלס דער שלעכטעסטער פון אַלע יודישע קעניגע פאַר איהם. פיעלע פון זיינע חסרונות זיינען צו איהם געקומען דורך דעם דרינגענדען איינפלוס פון זיין ווייב איזבל. זי איז געוועזען די טאָכטער פון אתבעל, דער קעניג צידון, און אַ פריעסטער צום אַבגאָט ״אַשרה״ זי האָט איהם געצוואונגען איינצופיהרען נעבען דעם קעלבער־דיענסט אויך דעם כאַלדעישען בעל (א מלכים כ׳ב 39). ער האָט געבויט פאַר דיעזען אָבגאָט אַ טעמפּעל אין שומרון, האָט איינגעפיהרט 450 נבואי־הבעל האָט אָבגעשאַפט די נביאי ה׳, האָט פיעלע פון זיי אויסגע׳הרגט. מיט יעדען אייפער האָבען זיי דאָס לאַנד געפילט מיט געצענדיענסט און פאַלשע נבואים. אַ גרויסער טייל פון פאָלק האָט פּראָטעסטירט, אַבער זי האָט דיעזע פּראָטעסטען ברוטאַליש אונטערדריקט. די פערפאָלגטע האָבען זיך בעהאַלטען אין די קעלער־שטובען זיי האָבען געליטען דחקות, אינמיטען האָבען נאָך איינגעטרעטען די 3 יאָהר הונגער אויף וועלכע עס איז שוין פריהער נבואות געזאָגט געוואָרען, אינמיטען פון דיעזען הונגער איז ערשינען דער אונשטערבליכער אליהו הנביא מיט אַטייל פון דעם פרומען אונטערדריקטען פאָלק, האָט אויסגע׳הרגט פיעלע פון די נביאי הבעל און צערשמעטערט זייערע מזבחות. איזבל איז דאַדורך אויפגערעגט געוואָרען, און זי האָט בעשלאָסען איהם דאַפיר צו הרגנען. אליהו איז ענטלאָפען נאָך באר־שבע אין יהודה, אַבער, זעהענדיג די פריינדליכע בעציהונג צווישען אַחאָב און יהושפט האָט ער



אליהו פאַר אַחב'ן

מורא בעקומען ער זאָל נישט אויסגעליפערט ווערען אין די הענד פון איזבל, האָט ער זיך דערפאַר אָבגעטראָגען צום באַרג חורב.

אין דעם טומעל צווישען הונגער און רעליגיעזע צוויסטיגקייטען האָט דער קעניג פון אַרם געפינען די גינסטיגע צייט צו בעפאַלען דאָס לאַנד פון ישראל. דער פאַטריאָטיזם פון די נביאי אמת האָט אין דיעזען קריטישען מאָמענט געפאָדערט אַז זיי זאָלען פאַר אַ צייט פערגעסען זייערע צוויסטיגקייטען מיט אַחאָב'ן, און זיי האָבען אויפגעמונטערט דאָס פאָלק צום קאַמף פאַר דער פרעטהיידיגונג פון זייער לאַנד. אַחאָב זעלבסט איז געוועזען, ווי זיין פאָטער, אַ זעהר בראַווער קריעגס־העלד. ער איז אַרויס מיט 7000 מאַן, האָט דעם מלך פון אַרם געשלאָגען, און שומרון בעפרייט פון דער בעלאַגערונג. מיט אַ יאָהר שפּעטער האָט דער מלך פון אַרם געמאַכט אַ צווייטען אָנגריף אויף ישראל, דורך דער אָסטליכע זייט פון ירדן, אַחאָב האָט איהם אויך דאָ זעהר ביטער געשלאָגען. דער מלך "בן־הדד" גופא איז איהם געפאַלען אַלס קריעג־געפאַנגענער. די צוויי נצחונות וואָס אַחאָב האָט דאָ אויסגעפיהרט האָבען איהם געמאַכט גלויבען אַז, קיינער קאָן איהם שוין נישט מעהר מנצח זיין. דערפאַר האָט ער בן־הדד נישט גע'הרגט. ער האָט נאָר פון איהם גענומען זיין עהרענוואָרט אַז ער וועט אָבטרעטען פון אַלע יודישע שטעדט וועלכע ער האָט ביז דעמאָלט געהאַלטען אונטער זיין מאַכט. בן־הדד האָט אויך געמוזט פערטפרעכען צו אַחאָב'ן אַ קאָנצעסיע אַז, ער וועט ערלויבען יודישע אַמבאַסאַדאָרען זאָלען וואוינען אין אַרם פריי און אונגעהינדערט, זיי זאָלען דאָרט מעגען אַכטונג געבען אויף די אינטערעסען

פון די יודען וואָס וואוינען דאָרט, און איבער דעם יודישען האַנדעל וואָס וועט בעריהרען זיין לאַנד. דריי יאָהר האָט אַחאָב געהאַט שלום נאָך דיעזען זיעג. דאָס פאָלק פון אַרם אָבער האָט דיעזען אָבמאַך נישט עהרליך דורכגעפיהרט. דערפאַר האָט אַחאָב אין פעראייניגונג מיט יהושפט אַטאַקיר רמות און גלעד אָסטליך פון ירדן. דער נביא מיכה האָט איהם פאָראויס געזאָגט אַז ער וועט דאָ נישט זיעגען, און אַז די נביאי הבעל וואָס האָבען איהם געראַטהען דאָס צו טהון האָבען איהם פערפיהרט. אַחאָב האָט מיכה דערפאַר געוואָרפען אין געפענגניס. בכדי זיך צו שיצען געגען די נבואה פון מיכה האָט ער זיך פערקליידעט פאַר אַ געוועהנליכער סאָלדאַט. ווי נאָר ער איז אַרויס אין שלאַכט, איז ער גלייך אינזעלבען **אָבענד געפאַלען טודט דורך אַ פייל.**

אויף דעם שטיין פון מאב וואָס געפינט זיך יעצט אין דער פאַריזער לאורי, איז פאַראַן פערצייכענט דער פאַקט, אַז אַחאָב האָט פערלוירען די סוזעראַניטעט איבער אַלע טיילען פון מאב וואָס זיין פאָטער עמרי האָט ערוואָרבען. אויף שלמנסר׳ס מאָנאַליטשטיין געפינט זיך איינגעקריצט אַ ליסטע פון 11 קעניגע וועלכע האָבען געגען איהם געקעמפט אַלס אַ פעראייניגטע מאַכט, און אין צווישען זיי איז אויך געוועזען אַחאָב און בן-הדד וועלכע האָבען געקעמפט צוזאַמען ווי געגען איין שונא. דאָרט ווערט אויך אָנגעגעבען אַז אַחאָב האָט געהאַט אין דיעזער מלחמה, 2000 רייטוועגען און 10,000 סאָלדאַטען, אַז ביים ערשטען זיעג וואָס שלמנסר האָט געהאַט זיינען די אַלירטע צופאַלען. אַחאָב איז געוועזען דער ערשטער יודישער **קעניג וועלכער איז דערמאָנט געוואָרען אין** די אַסירישע מאָנומענטען, און דער ערשטער פון זיי צו קעמפען געגען אַסיריען.

ריידענדיג איבער אַחאָב׳ס פּאָליטיק זאָגט גרעץ (ב.II ז.24) ער האָט פאָרטגעזעצט די פּאָליטיק פון זיין פאָטער צו פעראייניגען די צידונים מיט דעם יודישען פאָלק. די שפּראַך עהנליכקייט פון די ביידע פעלקער האָט זיי געפיהרט צו דיעזער אידעע. אַחאָב האָט עבען ווי זיין פאָטער נישט געגלויבט אַז דאָס יודישע פאָלק שטעהט העכער פאַר די צדונים. **דערפאַר האָט ער אויך געהייראַט** די טאָכטער פון אַ צידונישען קעניג. די איינפיהרונג פון דעם צידונישען געצענדינסט אין ישראל האָט געהאַט דעמזעלבען אַסימילירענדען צוועק. איזבל׳ס ענערגישע טהעטיגקייטען אין דיעזער ריכטונג בעשטעטיגען דאָס. די נביאי אמת זיינען **אייגענטליך געוועזען די געגנער פון** דער אַסימילאַציע. אין דער גאַנצע געשיכטע פון אַחאָב׳ס רעגיערונג זעהט זיך קלאָהר, ווי זי האָט געפיהרט די מלוכה, און ער איז געוועזען בלויז איהר געצייג.

די גמרא זאָגט אַז, איז זיין עבודה-זרה איז אַחאָב געוועזען אַן: אָח לשמים ואָב לעבודה-זרה (סנהדרין ק״ב 2) אַז ער האָט גלאָזט אויפשרייבען אויף אַלע טיהרען פון שומרון: ״אַחאָב האָט פערלאָזען דעם לעבענדיגען גאָט״. **ער האָט אָבער צייטענווייז** רעספּעקטירט אויך די נביאי אמת, דערפאַר האָט גאָט איהם מוחל געוועזען אַ העלפט פון זיינען זינד. זיין קאַראַקטער איז געוועזען אַ עהרענגייציגער (תענית כ״ז 8), אַ האָבזיכטיגער (סנהדרין ק״ד), דער בעוויז איז וואָס ער האָט דעם געפאַנגענעם בן-הדד געלאָזט פריי געהען, און דאָס צוליעב דעם וויינגאָרטען וואָס זיין שכן האָט איהם נישט געוואָלט אָבגעבען האָט ער דעם אייגענטימער גע׳הרגט. ער האָט געזינדיגט אַזוי אָפט ווי ער האָט תשובה געטהון (מדרש רבה), ער איז געוועזען דער פאָטער פון דעם

געצענדיענסט און ווידערשפענסטיגקייט, עס איז נישט געווען קיין איין שפיצ־בערג אויף וועלכען ער האט נישט אויפגע־שטעלט א געטשקע. ווער עס זעהט אחאב׳ן אין חלום דער וועט געשטראפט ווערען (עורכין י״ח).

אין זיין פריוואט לעבען איז אחאב געווען א פערגעניגען זוכער. ער האט געבויט שטיינערנע ריעזען־פאלאצען, מיט גרויסע געציערטע גערטנער. איבערהויבט האט ער געציערט יזרעל, א פלאץ וואס האט געהאט אן אויסזיכט איבער דעם ירדן. ער האט אויך צוריק אויפגעבויט די איינגע־פאלענע מויער פון יריחו. אויבוואויל די ביבעל רעדט בלויז פון איין ווייב, איזבל, זיינען אבער פאראן שטעלען וועלכע ווייזען אן אז ער האט געהאט מעהרערע ווייבער. אין א מלכים (כ״ 5) זעהען מיר ווי בן־הדד פאדערט פון איהם זיינע ווייבער. מיט צוויי פסוקים ווייטער ווידערהאלט אחאב דאס ווארט ״נשי״=מיינע ווייבער. אין ב מלכים (י״ 1) הייסט עס אז ער האט געהאט 70 זיהן אין שומרון.

אין 1909 איז פון פראפ. רייזנער ענט־דעקט געווארען, אויף דעם ארט פון אלטען שומרון, דער פאלאסט פון אחאב. דער נאמען פון אחאב איז געפינען געווארען אויף א גרויסע וואזע. דער פאלאסט האט פערנומען בערך אנדערהאלבען אקער ערד. א יאהר שפעטער האט דערזעלבער ענטדעקט אויף דעמזעלבען ארט איבער א הונדערט פלאטען מיט א קלאהרע שריפט. די אונטער־זוכונג ווייזט אז איין פלאטע איז א בריעף פון אן אסירישען קעניג צו אחאב׳ן. די איבריגע זיינען דער אינהאלט פון אחאב׳ס ארכיוו.

אחדות=אייניגקייט (ז.ד.). אין דער יודישע טעאלאגיע דריקט דאס ווארט אויס דעם פרינציפ: ״גאט איז אהן א שותף״. דערפאר מוז יעדער יוד זאגען יעדען פריה־מארגען און יעדען אבענד, שמע ישראל א׳ אלהינו א׳ אחד. ווער עס גלויבט אז גאט האט א שותף דער איז א כופר בעיקר (סנהדרין ס״ג). עס שיינט אז דער געדאנק פון אחדות איז אלעמאל געווען בלויז פאר געקליבענע דענקער פון יודען, און נישט פאר דעם המון. זאנסט וואלט עס נישט געקומען צו דעם ווידערשפרוך פון שטן געטליכע קראפט (ז. ״שטן״).

אחו, אן עגיפטישעס ווארט אין דער העברעישע שפראך וואס מיינט: ׳ניל־גראז״ אין קאפטישען הייסט עס: פי־אחי=זומפ־קרויט.

אחז, צוועלפטער קעניג פון יהודה, א זוהן פון יותם אויס דעם בית־דוד. האט דעם טראהן בעשטיגען ווען 20 יאהר אלט און האט רעגירט 16 יאהר, פון 735 ביז 719 פיצר׳. שוין ביי זיין טראהנ־בעשטיי־גונג געפינט ער זיך פערוויקעלט אין א מלחמה־פלאנטער. פקח בן רמליהו מלך ישראל האט זיך פעראייניגט מיט רצין מלך ארם געגען איהם, איהם צו צווינגען איינצו־טרעטען אין א פעראייניגונג געגען אשור. אשור איז דעמאלט געפירכטעט געווארען אלס א וועלט־עראבערענדע מאכט. ער האט אין זיין 20טען יאהרעס עלטער געפיהלט אז ער האט נייטיג א פאאר יאהר זיך איינצולעבען אין זיין נייער פאזיציע. ער איז דעמאלט געווען בלויז א פאאר חדשים נאך זיין חתונה, און נאכנישט געהאט קיין יורש, און האט דערפאר געזוכט א פאסיוועס לעבען. די צוויי געגנער זיינע האבען אבער גע־קומען מארשירען אויף ירושלים, מיט דער אבזיכט איהם צו שטירצען, און אויף זיין

אָרט קרוינען בן־טבאל. אָחז האָט אָבער געקוקט מיט מורא אויף תגלת־פּלסר מלך אַשור וועלכער האָט זיך פאַרבערייט צו געהן אויף יהודה מיט ישראל. ער האָט גערעכענט אַז אַפילו דריי נאַציאָנען צוזאַמען וועלען נישט קאָנען ביישטעהן די כחות פון אַשור. אָחז האָט אַפילו גענומען קלעהרען וועגען אַ פּריוויליגע אונטערוואַרפונג צו אַשור, רעכענענדיג דאַדורך צו קריגען די בעסטע בעדינגונגען, און צו בלייבען עקזיסטירען.

אין דיעזע שוואַנקענדע שטונדען איז ערשינען ישעיה הנביא מיט אַ נבואה פון גאָט צו שטאַרקען זיין גייסט און לייגען זיין בטחון אויף גאָט. אין ביידע יודישע קעניגליכע הייזער האָט אָבער דעמאָלט שוין די געצענדיענסט געהאַט די אויבערמאַכט. ישעיה האָט מיט זיין נבואה געוואָלט בעווייזען אַז אין אַזאַ קריטישען מאָמענט קאָן מען זיך אויף דעם יודישען גאָט בעסער פערלאָזען. ער האָט דערפאַר גענומען ריידען: "שאַל־לך אות מעם ד' אל' = פרעג ביי גאָט אַ צייכען"; אָבער דער שוואַנקענדער אָחז האָט מורא געהאַט טאָמער איז דער ענטפער אַן ענטמוטהיגענדער, האָט ער געענטפערט: "איך וועל נישט פרעגען". ישעיה האָט אָבער דאָך געוואָלט פאַר איהם ענטדעקען די נבואה פון גאָט בכדי איהם צו שטאַרקען; זאָגט ער שוין אונגעפרעגט: "הנה העלמה הרה וילדת בן = זעה דיעזע יונגע־פרוי (די קעניגין) שוואַנגערט, זי וועט געבעירען אַ זוהן. וקראת שמו עמנו־אל = און זי וועט זיין נאָמען רופען: גאָט־מיט־אונז". ד.ה. אַז די דינאַסטיע פון דוד וועט אין דיעזען קריעג נישט אָבגעשניטען ווערען. אַבער אָחז האָט נישט געוואָלט ריזיקירען און איז געבליבען ביי זיין בעשלוס, ווייל, יענע צוויי קעניגע האָבען נישט געוואָלט נאָכלאָזען פון זייער אַנגריף, זיי האָבען געשטורמט דאָס לאַנד יהודה און פערנומען איין שטאָדט נאָך דער אַנדערע.

אָחז האָט אויסגעלעדיגט די אוצרות פון בית־המקדש און געשיקט אַ מתנה צו תגלת־פּלתר מלך אַשור, און איהם אָנגעבאָטען די סוזעראַניטעט איבער יהודה. תגלת־פּלסר איז אַרויס מיט זיין חיל און האָט געשלאָגען פקח און רצין, אָחז איז אַרויס אין דמשק צו בעגריסען תגלת־פּלסר און איהם איינצולאַדען אין ירושלים. פאַר זיין כבוד וועגען האָט אָחז איינגעפיהרט דעם געצענ־דיענסט אין בית המקדש. ער האָט זאָגאַר זיינע אייגענע קינדער מקריב געוועזען צום מלך. נאָכדעם ווי אָחז האָט געזאָגט צו תגלת־פּלסר "עבדך ובנך אני" איז פאַר תגלת־פּלסר געבליבען בלויז צו ערקלעהרען דאָס גאַנצע יודישע פאָלק אונטער זיין סוזעראַניטעט, און אָחז איז געבליבען אַ פערשקלאַפּטער קעניג במנוחה פאַר די רעשט פון זיינע יאָהרען. ער איז געשטאָרבען 56 יאָהר אַלט, אָבער, די נביאי אמת האָבען איהם נישט געוואָלט געבען אַ קעניגליכע קבורה.

די גמרא זאָגט אויף איהם: "אָחז" איז געוועזען דאָס וואָס זיין נאָמען בעדייט. ער האָט זיך פעסט געהאַלטען אָן זיין עבודה־זרה ער האָט דאָס בית־המקדש געשלאָסען, די תורה פערבאָטען, און איינגעפיהרט אונצוכט אין לאַנד (סנהדרין ק"ג). בלויז צוליעב דעם זכות פון זיין פרומען פאָטער, פון זיין פרומען זוהן, און דערפאַר ווייל ער האָט נישט פערפאָלגט די נביאים ישעיה, מיכה און הושע, איז ער געוואָרען איינגעפיהרט אין דער ליסטע פון יודישע קעניגע. אין סנהדרין ק"ד ווערט געלויבט זיין רעספּעקט פאַר ישעיה הנביא.

אחזיה, זוהן און נאָכפאָלגער פון אַחאָב, רעגיערט קיינע צוויי יאָהר (896—897),

האט פאַרטצוזעצען די מלחמות פון זיין פאָטער, געהט אין אַלע דרכים פון זיין פאָטער און מוטער, בעדיענט זיך מיט די נביאי־הבעל, זוכט אויך אויפצוהאַלטען די פריינדשאַפט פון יהושפט וועלכע זיין פאָטער האט אַנגעהויבען, אָבער יהושפט ענטזאָגט זיך דערפון (א מלכים כ״ב 48). באַלד נאָך זיין אַרויפטרעטען אויף דעם טראָהן האָט מאב רעוואָלטירט און זיך לויזגעריסען פון דער יודישע הערשאַפט. אַחזיה זעלבסט איז פון אַן אויבערשטען צימער אַרונטער געפאַלען. אין זיין קראַנקהייט האָט ער געשיקט צום בעל־זבוב אין עקרון אָנפרעגען אויב ער וועט געזונדט ווערען. אליהו האָט די שלוחים אויף דעם וועג אויפגעהאַלטען. דער קעניג האָט געשיקט מען זאָל אליהו פאַר איהם ברענגען אָבער אויך דיעזע שלוחים זיינען נישט צוריקגעקומען. ענדליך קומט אליהו אַליין צום קעניג און זאָגט איהם: גאָט האָט געזאָגט אַז דער קעניג וועט פון זיין בעט נישט מעהר אַרונטערקומען. אַחזיה איז פון דיעזער קראַנקהייט געשטאָרבען.

אחזיה, קעניג פון יהודה, יונגסטער זוהן פון יהורם און אַן אייניקעל פון יהושפט. הערשט איבער יהודה בלויז איין יאָהר (842—843). בעטרעט דעם טראָהן ווען 22 יאָהר אַלט, נאָכדעם ווי זיינע ברידער זיינען געהרגט געוואָרען אין דער מלחמה מיט די פלישתים. ער האָט חתונה געהאַט מיט די שוועסטער פון יורם דעם קעניג פון ישראל, און געהט נאָך דעם געצענדיענסט פון זיין שוואָגער, דעם קעניג פון ישראל. ער פאָהרט בעזוכען זיין שוואָ־גערס הויף אין שומרון, אין יענער צייט איז יהוא אַרויס מיט אַ מחנה צו הרגנען יורם, אַחזיה און יורם האָבען נישט געאַהנט איבער די אָבזיכט פון יהוא און זיינען איהם ענטקעגען געקומען. ווען יורם איז שוין געלעגען טויטט איז אַחזיה ענטלאָפען צוריק נאָך שומרון. יהוא׳ס סאָלדאַטען האָבען איהם נאָכגעיאָגט און געפעהרליך געוואונדעט. ער האָט קוים דערגרייכט מגדו וואו ער איז געשטאָרבען פון זיין וואונד. זיין גוף איז געבראַכט געוואָרען אין ירושלים בעגראָבען צו ווערען.

אחיאור, אַן עמוני׳טישער גענעראַל ביים קעניג האָליפאַרני, און פעלד־מאַרשאַל איבער די טרופען וועלכע זיינען אָבגעשיקט געוואָרען צו אונטעריאָכען מצרים. לויט די אַפּאָקריפען (יהודית 14) האָט ער גערעדט גוטעס אויף יודען פאַר דעם קעניג. בכדי איהם צו בעווייזען אַז יודען טאָלערירען נישט קיין נישט־יודען האָט האָליפאַרניס איהם געלאָזט בינדען אין קייטען און איהם איבערגעגעבען צו די יודען, מיט דעם רעכט צו טהון מיט איהם וואָס זיי געפעלט. די יודען האָבען איהם מיט פערגעניגען עמפ־פאַנגען און ער האָט זיך איבערצייגט אַז ער איז געוועזען גערעכט מיט זיין גוטע מיינונג איבער זיי. ער האָט זיך ענדליך מגייר געוועזען און איז געבליבען אַ יוד.

אחיה השילוני, אַ נביא וועלכער האָט נביאות געזאָגט צו ירבעם אַז, גאָט האָט געוואָרפען זיין אונ׳חן אויף שלמה דערפאַר ווייל ער האָט בעגינסטיגט דעם געצענדיענסט און אַז די מלוכה וועט פון איהם דערפאַר אַוועקגענומען ווערען, און אַז זי וועט פון איהם איבערגעהען אין די הענד פון ירבעם (א מלכים י״א 29). שפּעטער האָט ער אויך בלינדערהייט נביאות געזאָגט צו ירבעם׳ס ווייב, וועלכע איז צו איהם גע־קומען אַ פערשטעלטע אין שילה, אַז דאָס

הויז פון ירבעם וועט אויסגעריסען ווערען, אַז קיין זכר וועט דערפון נישט בלייבען, אַז די מיתים פון זיין הויז וועלען געפרעסען ווערען פון הינד און פון רויב־פייגעל, און אַז, ווי נאָר זי קומט אַהיים וועט זי טרעפען איהר קראַנקען זוהן אַביה טוידט. פיעלע לעגענדען געפינען זיך אין תלמוד און אין די מדרשים וועגען איהם, און אַלעס ווייזט אַז, מען האָט איהם געאַכטעט פאַר זיין אונערשראָקענהייט.

אַחימלך בן אַחיטוב, דער צוועלפטער כהן גדול, (בערך 1060—1085פיצר׳) אין נוב, וואָהין דוד איז געלאָפען פאַר שאול׳ס צאָרן. נישט צו ברענגען דעם כהן גדול אין אַ פערלעגענהייט האָט דוד אַחימלך׳ן נישט דערצעהלט דעם אמת. אָנשטאָט דאָס האָט ער איהם געזאָגט אַז ער איז געקומען אויף שאָולס אַ געהיימע שליחות, און דערפאַר איז ער אָהן אַ בעגלייט. דוד האָט ביי איהם געבעטען ברויט אַבער אַחימלך האָט נישט געהאַט קיין געוועהנליכעס ברויט, האָט ער איהם דערפאַר געגעבען פון דעם הייליגען ברויט. דוד האָט געבעטען אַ שווערט אָדער אַ שפּיעז, אַחימלך האָט געהאַט בלויז די שווערט וועלכע דוד האָט אָבגענומען פון גלית, און ער האָט זי איהם געגעבען. דאָרט איז דאַביי געוועזען דער פאַסטוך דאג האדומי, דיעזער האָט צו שאָול צוגעטראָגען וואָס ער האָט געזעהען. דער פאַקט אַז אַחימלך האָט דוד׳ן געגעבען הייליגעס ברויט און דעם שווערט פון גלית, איז שאָול׳ן פאָרגעקומען אַז אַחימלך איז אין אַ קאָנספּיראַציע. שאָול האָט געלאָזט אַחימלך קומען צו איהם אויף אַ פערהער. פון די פראַגען האָט אַחימלך געשלאָסען אַז ער שטעהט אויף אַ פערהער נישט וועגען זיך נאָר וועגען דוד׳ן האָט ער דוד פערטיידיגט. שאָול אין זיין וואַהנ־זינן האָט בעפוילען מען זאָל אַחימלך מיט זיין גאַנצע פאַמיליע ברענגען אויף דער שטעל און זיי הרגנען. דאג האדמי האָט אויסגעפיהרט דעם בעפעהל און אַחימלך איז גע׳הרגט געוואָרען מיט 85 כהנים אין זייערע כהונה־קליידער און די שטאָדט נב חרוב געמאַכט. אַלע איהרע איינוואוינער, דורך די שווערט אומגעבראַכט, בלויז איין זוהן פון אַחימלך, אביתר, איז געלונגען צו ענטרינען. ער איז געלאָפען צו דוד און האָט איהם דערצעהלט וואָס שאָול האָט געטהון (ז. "דוד", "שאָול").

אַחימעץ, זוהן און נאַכפאָלגער פון צדוק הכהן גדול (בערך 956-972). אַלס דוד איז ענטלאָפען פאַר זיין זוהן אַבשלום האָט ער נישט געלאָזט אַז דער אָרון זאָל איהם נאָכגעטראָגען ווערען. אביתר און צדוק האָבען דערפאַר געמוזט בלייבען מיט דעם אָרון אין ירשלים. זיי האָבען אָבער מיטגעשיקט זייערע זיהן מיט איהם. אַחימעץ איז געוועזען איינער צווישען זיי. אַחימעץ האָט זיך בעהאַלטען אונטער דער שטאָדט צו שפּיאָנירען די בעוועגונג פון אַבשלום. חושי אַ פריינד פון דוד האָט געשפּיעלט אַ צווייפאַכיגע ראָלע: ער האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן אַבשלום און האָט דורך אַ מיידעלע געשיקט בעריכטען צו אַחימעץ, און דיעזער האָט עס צוגעטראָגען צו דוד אין זיין בעהעלטעניש. דיעזער סוד איז אַרויס. אַחימעץ איז ענטלאָפען און ער האָט זיך בעהאַלטען אין אַ טרוקענע ברונע. אַ פרוי האָט איהם צוגעדעקט מיט ברעטער. איבער דיעזע דעק האָט זי אויסגעשפּרייט טרוקענעם קאָרן, און ווען אַבשלום׳ס יעגער זיינען אָנגעקומען האָט זי געזאָגט אַז די שפּיאָנען זיינען פאַרביי געלאָפען. אַחימעץ האָט דער הערט אַז אַבשלום איז טוידט (ז. "אַבשלום") איז ער געלאָפען

דוד'ן אָנזאָגען די בשורה. דוד זעהענדיג פון ווייטען אַחימעץ לויפען זאָגט ער: דיעזער מאַן איז אַ גוטער, ער טראָגט אַ גוטע בשורה, דיעזעס מאָל איז די בשורה געוועזען נישט אַ גוטע.

אַחיתפל, איינער פון דוד'ס קלוגסטע יועצים. ביי אַבשלום'ס אויפשטאַנד געגען זיין פאָטער האָט אַחיתפל אַבשלום'ן גע־ראַטהען צו שענדען זיין פאָטערס קעבס־ווייבער און דעם פאָטער פעריאָגען. ווען ער האָט געזעהן אַז אַבשלום'ן איז דער אויפ־שטאַנד נישט געלונגען איז ער בעגאַנגען זעלבסמאָרד. די גמרא ברענגט דערפון אַ בעווייז דאָס חכמה אַליין אָהן יראה קאָן אַ מענשען נאָכנישט רעטען. דער מדרש רבא (במדבר כ"ב) זאָגט: צוויי חכמים זיינען געוועזען, אַחיתפל ביי יודען און בלעם ביי די היידען. ביידע זיינען זיי אונטערגעגאַנגען צוליעב זייער חכמה, ווייל זייער חכמה איז נישט בעגרינדעט אויף די הכמה פון הימעל. די אַגדתא זאָגט אַז אַחיתפל איז געוועזען אַן אַסטראָלאָג. ער האָט פון דיעזע לעהרע געגלויבט אַז ער וועט נאָך ווערען דער קעניג פון ישראל. ער האָט דערפאַר געראַטהען אַבשלום צו בעגעהען אַ פערברעך פאַר וועל־כען עס קומט מיתה, און אַז ווען דוד מיט אַבשלום וועלען אַרונטערגערוימט ווערען פון וועג בלייבט פאַר איהם אַ גוטע געלע־גענהייט.

איבער די שנאה פון אַחיתפל צו דוד ווייזט גרעץ (I 263) אַז בת־שבע איז געוועזען די טאָכטער פון אליעם (א דברי הימים ג"5) און אליעם דער זוהן פון אַחיתפל. דוד האָט איהר פעפיהרט פון איהר מאַן אוריה (ז.ד.) וועלכער איז געוועזען בעשעפטיגט אין דער בעלאַגערונג פון רבה, און איהם ענדליך געשיקט קאָנספּיראַטיוו גע'הרגט צו ווערען , בכדי בת־שבע זאָל ביי איהם בלייבען אונגעשטערט. אויבוואויל דוד האָט געזוכט דעם טאַטען מיט דעם זוי־דען אַחיתפל צו בערוהיגען. ער האָט בת־שבע ערהויבען צו דער קרוין, און איהר פער־שפּראָכען אַז איהר זוהן וועט זיין דער טראָהנפאָלגער, אַבער ווי עס שיינט, האָט אַחיתפל זיין שנאה נישט אויפגעגעבען. די עצה וואָס ער האָט געגעבען צו אַבשלום טראָגט דעם קאַראַקטער פון אַ ראַכע־אַקט: דער פאָטער זאָל זיך קרענקען וואָס דער זוהן האָט געשענדעט זיינע ווייבער.

אחמתא, אַ פּערזישע שטאָדט אין וועל־כער די קעניגליכע אוצרות זיינען געלעגען בעהאַלטען. דערמאָנט אין עזרא (ו"2) און פון די פּערזער אויך גערופען: האַגמאַטאַנאַ. די גריכען האָבען איהר גערופען: אַגבאַטאַנאַ די באַבילאָניער: אַגאַמאַטאַנו, און אונזער תלמוד: המדן. זי איז געוועזען אַרומגעבויט מיט אַ שטאַרקע מויער פון אינווענדיג און אַ צווייטע אַרום דיעזע נאַך אויסוועגדיג. לויט עזרא האָבען זיך דאָרט געפינען די פּערזישע אַרכיווען. די אַפּאָקריפען בע־הויבטען אַז די אויסערע וואַנד איז געבויט געוואָרען פון אַרפּכשד (בראשית י"22). די וואַנד ווערט בעשריבען צו האָבען געהאַט 7 צירקעל און אין דעם מיטעלסטען זיינען געוועזען די אוצרות. מאָדערנע אַרכעאָלאָגען פערגלייכען דיעזע שטאָדט מיט דער יעצ־טיגער פּערזישע שטאָדט "האַמאַדאַן".

אין די מאָדערנע צייטען איז דיעזע שטאָדט פּראָמינענט געוואָרען צוליעב אייניגע אויסגראָבונגען וואָס זיינען דאָרט געמאַכט געוואָרען. אויף אַ טאַבליצע פון תגלת פּלסר ווערט זי דערמאָנט אונטער דעם נאָמען: "אַכמאַטאַן". אויף דעם באַרג אָראָנטעס (10,728 פוס הויך) זיינען געפינען געוואָרען איפשריפטען פון אַחשורש. די אַרכעאָלאָגיע האָט אויך בעוויזע אַז פיעלע יודען פון שבט

נפתלי און אָשר זיינען דאָרט אַהינגעקומען נאָך אין די בליהענדסטע צייטען פון דעם יודישען פאָלק. עס זיינען נאָך היינט דאָרט פאַראַן פיעלע יודען וואָס גלויבען אין דיעזען ווי אין אַ פאַקט. זיי ווייזען נאָך היינט אויף די קברים פון מרדכי און אסתר. דאָס ווערט פון דער ביבעל אונטער־שטיצט אין ב מלכים י"ב 6.

אחר ז. "אלישע בן אביה".

אחריות, אַ פערפליכטונג. זיך אונטער־נעהמען צו צאָהלען אַ חוב פאַר יענעם, פאַלס יענער צאָהלט נישט. אַן אחריות ווערט אונטערשטיצט מיט דעם פערמעגען אַלס אַ גאַראַנטיע

אחשדרפנין, פערזישער נאָמען פאַר דעם וואָרט "שטאַדטהאַלטער". ווערט אין דער ביבעל דערמאָנט פיער מאָל, 3 אין אסתר און 1 מאָל אין עזרא.

אחשורש, טיטולאַר נאָמען פאַר אייניגע מלכים אין אַלטען פערזיען, אַשטייגער ווי דער טיטעל "פרעה" אין מצרים אָדער, "אַבימלך" ביי די פלשתים, אין אונזער ביבעל זיינען דערמאָנט דריי פון זיי: איינער אין עזרא (ד"6), איינער אין דניאל (ט"1) און איינער אין אסתר. פיעלע שטרייטיג־קייטען זיינען אָנגעגאַנגען וועגען: וועלכער פון זיי עס איז געוועזען אסתר'ס מאַן, און מען איז נאָך ביז דעם היינטיגען טאָג נישט געקומען צו אַ פעסטען בעשלוס וועגען דעם. די אורזאַך איז ווייל עס פעהלען דאַטען ביי אַלע דריי פון זיי. אַ דאַטום פון איינעם וואָלט דאָ געוועזען פון אַ גאַנץ קליינעם ווערטה. די צווייטע שוועריגקייט ליגט דאָ וואָס דער העברעישער נאָמען איז נישט דער זעלבער וואָס דער פערזישער נאָמען. מען האָט געפינען אין דער פערזישער געשיכטע סמנים פון אַזאַ געשיכטע ווי אסתר, אַבער יענער קעניג הייסט קסערקעס. אין שושן איז געפינען געוואָרען אַן אַלאַבאַסטערנע וואַזע מיט דיעזען נאָמען אין דער אַסי־רישער, פערזישע און היראָגליפישע שפּראַך. דאָס פיהרט צו דער אידעע אַז קסערקעס האָט געהערשט איבער דיעזע לענדער, און פיהרט אויך צו דעם פסוק. אין אסתר וואו עס שטעהט: "המולך מהודו ועד כוש".

עס איז כדאַי דאָ אָנצוגעבען אַ קראָנאָ־לאָגישע ליסטע פון די פערזישע קעניגע, מיט דער אַנגאַבע פון די יאָהרען וויאַלאַנג זיי האָבען געהערשט בכדי זיך צו אָריענטי־רען ביי אַזאַ דיפּוט. די מיטלערע ציפערן זיינען די דאַטען, און די לעצטע, וויפיעל אַ יעדער פון זיי האָט רעגיערט:

צירוס (= כורש)	538-529	9
קאַמביזע	529-522	7
סמערדיס	522-521	1
דאַריוס	521-485	36
קסערקעס (אַחשורש)	485-465	20
אַרטאַקסערקעס	465-425	40
קסערקעס II	2 וואָכען	
דאַריוס II	424-405	19
אַרטאַקסערקעס II	405-364	41
אַרטאַקסערקעס III	364-338	26
אַרסיס	336-336	2
דאַריוס III	336-339	3

סמנים אין מגלת אסתר ווייזען אַז, איהר איינטריט אין האַרעם פון אַחשורש האָט פּאַסירט בערך 479. אַזוי ווערט פאָרלויפיג אָנגענומען אַז קסערקעס, דער פינפטער פון דיזער ליסטע איז דער אַחשורש פון מגלת אסתר. ער איז געוועזען דער זוהן פון דריוש אין אַרטאָסאַ. אַחשורש איז נישט געוועזען דער עלטעסטער זוהן פון זיין פאָטער, ווי אויך נישט דער זוהן פון זיין פאָטערס לעגאַלע פרוי; אַרטאָסאַ איז געוועזען דריוש אַ געליעבטע, זי האָט גערדינגען אויף איהר מאַן צו קרוינען איהר זוהן אַחשורש



דער פּאַלאַסט פון אַחשורש, לויט אויגעגראָבענע חורבות.

ווייל, ער איז געבוירען געוואָרען ווען דריוש איז שוין געוועזען אַ מלך. אַלע עלטערע זיהן זיינען געבוירען געוואָרען ווען דריוש איז נאָך געוועזען אַ פּריוואַטמאַן.

מגלת אסתר האַנדעלט בלויז מיט איין געשיכטע פון איין פּעריאָדע אין דעם לעבען פון אַחשורש. זי דערצעהלט אַז ער האָט געהערשט איבער 127 לענדער, פון הודו (אינדיען) ביז כוש (אַבעסיניען). אַז אין דריטען יאָהר פון זיין הערשאַפט האָט ער געמאַכט אַ מאָהלצייט צו ווייזען דעם פּראַכט פון פּערזיען (פרס) און מעדעאַ (מדי) צו אַלע פירשטען וועלכע ער האָט איינגעלאַדען. אז נאָכדעם ווי דיעזער יום-טוב האָט אָבגעדויערט 180 טעג האָט ער געמאַכט נאָך אַ מאָהלצייט וועלכעס האָט געדויערט 7 טעג און צו וועלכען ער האָט איינגעלאַדען דאָס גאַנצע פאָלק פון גרויס ביז קליין. אַז אין לעצטען טאָג האָט ער איינגעלאַדען די קעניגין ושתי צו ערשיינען פאַר די פעלקער און פאַר די פירשטען זיי זאָלען זעהען איהר שעהנהייט. אַז זי האָט זיך ענטזאָגט דיעזען בעפעהל אויסצופיהרען און ער איז דערפאַר געוואָרען אין כעס. אז ער האָט צוזאַמען גערופען אַ קאָנסול פון זיינע יועצים און זיך מיט זיי בעראַטהען וועגען דעם. אַז אַלע האָבען זיי בעשלאָסען, אַז ושתי האָט געזינדיגט נישט נאָר געגען איהר מאַן אַליין, נאָר זי האָט אויך געוויזען אַ מוסטער פאַר אַלע פרויען נישט צו געהאָרכען זייערע מענער, און דאָס אַזאַ פערברעך טאָר נישט בלייבען אונבעשטראָפט. דער קעניג האָט דיעזען אורטייל רעספּעקטירט. ושתי איז אָראָבגעזעצט געוואָרען פון איהר גדולה. דערמיט ענדיגט זיך דאָס ערשטע קאַפּיטעל פון מגלת אסתר, אָהן צו זאָגען צוליעב וועלכע שמחה אַחשורש האָט געמאַכט דיעזע פּראַכטפאָלע מאָהלצייטען.

מיר ווענדען זיך דאָ צו דער געשיכטע פון דעם פּערזיש-גריכישען קריעג וועלכע דריוש האָט אָנגעהויבען און אַחשורש האָט האָט פאָרטגעזעצט בכדי צו מאַכען דעם קריעג ערפאָלגרייך האָט אַחשורש איינגעלאַדען די פאָרשטעהער פון אַלע פעלקער וועלכע זיינען שוין דעמאָלט געלעגען אונטער זיין סצעפּטער. דאָס זיינען די "עמים ושרים" וועלכע זיינען דערמאָנט אין דעם ערשטען קאַפּיטאַל פון מגלת אסתר. דאָס איז גראָד געוועזען נאָך זיין ערשטען זיעג איבער מצרים וועלכער האָט זיך געענדיגט אין צווייטען יאָהר פון זיין הערשאַפט. די שמחה איז אַלזאָ געוועזען צווישען אַ זיעג און דעם אָנהויב פון אַ נייע מלחמה. נאָך דיעזע שמחות האָט ער אָנגעהויבען צוזאַמענצושטעלען זיין חיל, וואָס איז בעשטאַנען פון נאָמאַדען אויס די סטעפּען פון צענטראַל אַזיען, דונקלע טרופּען פון אינדיען, פון נעגער אויס אַפריקאַ, פון פּערזער אויס אַלע טיילען פון זיין אייגען לאַנד; די כנענים האָבען געגעבען זייערע פלאָטען; ער האָט אויך צוזאַמענגעשטעלט אַן אַרמיי פון 1,700,000 פוס-פאָלק, 800,000 רייטער, און 29,000 מאַן אין רעזערוו. ער האָט אַלע געטיילט אין 170 דיוויזיעס. דערצו האָט ער געהאַט 4207 פערשיעדענע שיפען וואָס זיינען געוועזען בעזעצט מיט 517,610 מאַטראָזען און אָפיציערען; אויף זיין וועג נאָך גריכענלאַנד האָבען איהם עוראָפּעישע נאַציאָנען נאָך צוגעפיהרט 300000 סאָלדאַטען מיט אַ פלאָט פון 120 שיפען און אַ מאַנשאַפט פאַר דיעזען פלאָט פון 24,000 מאַטראָזען און אָפיצירען. דאָס גאַנצע חיל וואָס ער האָט צונויפגעטריבען איז געוועזען (לויט העראָדאָט) 5,283,220 מאַן. אַנדערע היסטאָריקער רעדוצירען דיעזע צאָהל מי אַ העלפט. אַחשורש האָט מיט אַזאַ ריעזען-חיל

געוואָלט די גריכען איינפאַך אָבשרעקען, און האָט גערעכענט אַז זיי וועלען זיך אונטערגעבען אָהן אַ מלחמה. ער איז אָבער שרעקליך אַדורכגעפאַלען, און איז אַהיימ־געקומען מיט קוים 5,000 מאַן. נאָך דיעזען דורכפאַל לעזט זיך דאָס צווייטע קאַפּיטעל פון מגלת אסתר.

אַחשורש לאָזט זיך אויפזוכען אַ ווייב, איהר העברעישער נאָמען איז הדסה, ער טוישט דיעזען נאָמען אויף דעם פּערזישען אסתר. צוויי עכוכען בגתן ותרש קאָנספּי־רירען געגען זיין לעבען, מרדכי איהר אַדאָפּטיוו־פאָטער וועלכער זיצט ביים טויער פון פּאַלאַסט האָט איבערגעהערט זייער געשפּרעך, ער גיט דאָס איבער צו אסתר און זי דערצעהלט דאָס צו איהר מאַן, די קאָנספּיראַטאָרען זיינען געהאָנגען געוואָרען און דער קעניג בעלוינט מרדכי פאַר זיין טריהייט. המן ערשיינט אַלס דער קלוגסטער יועץ אין קעניגליכען הויף, אַלע קניען פאַר איהם נאָר איין מרדכי נישט. המן ווערט דאַפיר אין כעס און וויל אויס׳הרג׳נען אַלע יודען. אַחשורש שטימט איין, אסתר אָבער מאַכט איהם דיעזען דעקרעט צוריקצו־רופען, המן מיט זיינע זיהן ווערען אויפ־געהאָנגען צוליעב זיין תאוה צו אסתר, און דערמיט ענדיגט זיך די ביבלישע ערצעהלונג וועגען איהם.

אַט-, אַלעס וואָס עס געפינט זיך נישט אונטער "אַט-" איז געזוכט צו ווערען אונטער "אַטה-" אָדער "אַטט-".

אַטאַ, דער פירטער קעניג אויס דער ערשטע דינאַסטיע אין יאָהר 4300 פיצר'. אין זיין צייט האָט מצרים געליטען גרויס הונגער ער האָט געבויט די פיראַמיד פון קאָשמאָ. עס ווערט בעהויבטעט אַז ער האָט געבויט אויך אַ שטופענ-פיראַמיד אין דער זעלבע שטאָדט אַבער, דאָס איז נישט פעסט-געשטעלט געוואָרען.

אַטאַ אוללאַה, אַן אַראַבישער פערפאַסער פון 15טען יאָהר-הונדערט. איז געוואָרען געריהמט דורך זיין ווערק "רוזאַט-אול-אַכבאַב" אַ געשיכטע פון מאָהאַמעד מיט זיינע חברים און די 12 אימאַומס. ער האָט אויך גשריבען אַ לעהר-בוך איבער פאָעזיע. ביידע דיעזע ווערק האָט ער געווידמעט דעם עמיר אַלישער. אַטאַ-אוללאַה איז געוועזען זיין וויזיער ביז דעם עמירס טוידט.

אָטאָבאַסעט, (באָט.) נאָמען פון אַ בוים אויף וועלכען עס וואַקסען מושקאַט-נוס ער איז היימיש אין גראַנאַדאַ. געפינט זיך זיך אויך פערפלאַנצט אין פיעלע אַנדערע געגענדע. וואַקסט צווישען 13 ביז 16 מעט. הויך. אויס זיין פרוכט ווערט אַרויסגעפרעסט אַ פוטער-אַרטיגע פליעסיגקייט וועלכע ווערט בעאַרבייט אַלס אַ באַלזאַם, און ווערט גע-ברויכט אַלס אַ הייל-מיטעל געגען פערדישע

הויט-קראַנקהייטען אין דער פאַרמאַציע הייסט ער Myristica Otoba

אַטאַבירום ז. "צעוס".

אַטאַבעג, אַ טירקישער טיטעל פאַר אַ הויך געלעהרטען לעהרער, אָדער אַ געשעצטען הערשער, אָדער לעהרער פון פרינצען. פון דער צייט וואָס עס איז אונטערגעגאַנגען די סאַליוקענ-דינאַסטיע ביז די עראָבערונג פון פערזיען, איז די טירקיי בעהערשט געוואָרען פון פיעלע פרינצען אָדער גובערנאַטאָרען. אַלע דיעזע האָבען געטראָגען דיעזען נאָמען דער בעדייטענדסטער פון זיי איז געוועזען דער אַטאַבעג עלדיגוז. אַ געוועזענער טיר-קישער שקלאַף. ער האָט געהערשט איבער אַזערביידזשאַן (ז.ד.)

אַטאַבעג אַבו בעקיר, אַן איינִיקעל פון עלדיגוז, אויך אַ הערשער איבער אַזערביידזשאַן (ז'ד.) בערך אין 1191 יצר'. ער האָט געוואוינט אין טאַבריץ, ער האָט געפיהרט מלחמה מיט זיין ברידער קוואַטלאַג און האָט איהם בעזיעגט. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1194.

אַטאַבעג מוהאַמאַד, אַ זוהן פון עלדי-גוז. איז געוואָרען פריימיניסטער צו זיין פאָטער אין 1172, און האָט געפאָלגט זיין טראָהן מיט 4 יאָהר שפּעטער. ער הערשט גאַנצע 13 יאָהר און איז געשטאָרבען אין אין 1186. די לעגענדע זאָגט אַז, ווען ער

איז געשטאָרבען האָבען זיך אַלע פלאַנטען צוזאַמענגעטראָפען.

אַטאַבעג מוזאַפאַר, דער זוהן פון דעם פאָריגען איבערנעהמט דעם טראָהן נאָך דעם טוידט פון זיין ברודער אַבו בעקיר. ער הערשט גאַנצע 15 יאָהר איבער אַזערביידזשאַן און אַ גרויסען טייל פון איראַק. אין זיין צייט האָט דער סולטאַן יאַלעד־אוד־דין איינגעשריטען אין אַזערביידזשאַן, מוזאַפאַר האָט זיך בעהאַלטען אין אַ פעסטונג פון אַלאַניאַק וואו ער איז געשטאָרבען. מיט איהם האָט זיך געענדיגט די דינאַסטיע פון עלדיגוז˙

אָטאַגאָ, אַ פראָווינץ אין נײי־זעעלאַנד, וואס אָיז לעצטענס געטיילט געוואָרען אין צוויי טיילען: די אָטאַגאָער און די סויט־לענדער. דער ערשטער טייל איז 13,957 □ מיילען גרויס, און האָט 131,518 איינוו.; דערונטער 63,546 זכרים און 67,972 נקבות. איז די רייכסטע פון אַלע נײי־זעעלאַנדער פראָ־ווינצען ביים פאַסיפישען ים. איהרע הויבט־טיכען זיינען: וואַיטאַקי, קלוטהאַ, און מאַטאַואַראַ. אַלע פון זיי לויפען אין אַ זיד־אָסטליכע ריכטונג, און אַלע זיינען זיי צו אַ גרויסען טייל אויך שיפ־באַר. אָטאַגאָ האָט פיעלע בערג פון וועלכע איניגע זיינען בעדעקט מיט אַן אייביגען שנײי. פראָסט און שנײי זיינען אונטען זעהר זעלטען, אַחוץ אין בלויז אַ פּאָאַר איינצעלנע פלעצער. זי האָט קויהלען, אייזען, קופער, זילבער, און בלײי. גאָלד איז דאָרט ענטדעקט געוואָ־רען פון ריעד אין 1861. פון דאָרט ווערט אויך עקספּאָרטירט ברעטער, וואָל, קאַרטאָפעל און ווייץ.

אַטאַגיניוס, דער זוהן פון פריניאָן, אַ פיהרער צווישען די איינוואוינער פון טהעבעס. ער האָט פעראַטהען דיעזע שטאָדט צו אַחשורש בעת ער איז בעפאַלען גריכענ־לאַנד, און האָט די פערזער געהאָלפען אין זייער קאַמף געגען זיין אייגען לאַנד. אַלס די מלחמה איז פאָריבער צוגונסטען פון די גריכען האָבען די לעצטע בעלאַגערט טהעבעס מיט דער איינציגע פאָדערונג, אַז אַטאַגי־ניוס זאָל אַרויסגעגעבען ווערען צו זיי. צוערשט איז די פאָדערונג ענטזאָגט געוואָ־רען אַבער נאָך אַ בעלאַגערונג פון 20 טעג האָבען די איינוואוינער בעשלאָסען איהם אַרויסצוגעבען, ווי נאָר ער האָט דאָס דער־הערט אי ער פון דאָרט ענטלאָפען די איינוואוינער האָבען דערפאַר אויסגעליפערט זיין פאַמיליע צו די גריכען. די גריכען האָבען דער פאַמיליע גאָר נישט געטהון, און זיי האָבען איהר צוריקגעשיקט.

אַטאַגען אַקואילאַ, דער זאָאָלאָגישער נאָמען פאַר אַ ים־פויגעל וואָס ווערט גערופען פריגאַט, האַביכט, קריעגס־שיף, און פיעלע אַנדערע נעמען. ער געהער צו די פעליקאַנען פאַמיליע. איז פון איין אויסגעשפרייטען פליגען ביז צו די ענדע פון צווייטען 14



פוס ברייט. איז אָ שטאַרקער און אַ שנעלער פליהער. ער קאָן פליהען איניגע טעג און איניגע נעכט אָהן זיך אָבצוריהען. ער גע־פינט זיך אין די טראָפישע געגענדע פון אַטלאַנטישען און דעם פאַסיפישען ים. ער לעבט מייסטענטיילס פון פיש וואָס ער

זעהט שווימען אויף דער אויבערפלעך פון איבערען וואַסער. ער זינקט קיינמאָל טיעף אין וואַסער צו פאַנגען פיש ווי די אַנדערע ים־פויגעל טהון ער פליהט זעהר הויך און מייעסטעטיש.

אַטאַוואוּם (לאַט.) אור־גרויס־פאָטער. אַ זיידע, אַדער דעם זיידענס־זיידע, אירגענד וועלכער זיידע אין דער פאַמיליע; אין אַ געוויסען גראַד גלייך צום העברעישען וואָרט "אָבות", נישט זקינים. זקינים מיינט גרויס־פאָטער פון פיעלע משפחות, און "אַטאַוואוּס" בלויז פון אַ געוויסע משפחה. דיעזעס וואָרט איז לעצטענס וויכטיג געוואָרען צוליעב דער אַטאַוויסטישע לעהרע וועלכע איז ענטוויקעלט געוואָרען אין דעם פראָגרעס פון פון דאַרוויניזם (ז."אַטאַוויזם").

אַטאַוויזם, אין דער ביאָלאָגיע ווערט דיזעס וואָרט פערשטאַנען: די ווידער־ערשיינונג פון אַ טיפּ וואָס איז עהנליך צו איינעם פון די אור־אור־עלטערען, און נישט צו די נאָהנטע עלטערען. למשל, די ערשיינונג פון אַ קינד וואָס האָט 6 פינגער ביי עלטערען וואָס האָבען די נאָרמאַלע 5. ווען מען פאָרשט נאָך די געשיכטע פון דער פאַמיליע אוים ביידע עלטערען, וועט מען זיך דערוויסען אַז איינער פון זיי האָט געהאַט צו 6 פינגער אין די הענד אָדער אין די פים, אָדער אין ביידע.

ווי בעקאָנט איז, יורשנט יעדעס קינד עפּעס פון דעם פאָטער און עפּעס פון דער מוטער. דאָס קינד איז אַלזאָ אַ זעבסטשטענדיגעס פּאַר זיך בעשטעהענד אוים די אייגענשאַפטען פון ביידען. שפּעטער פעראייניגט זיך דיעזעס קינד מיט נאָך אַזאַ קינד און וואָס די ביידע פּראָדוצירען איז ווידער אַ זעלבסטשטענדיגעס, בעשטעהענד פו אייגענע אייגענשאַפטען. אין ביאָלאָגיע רופט מען דיעזען מאַרש: "פּערערבונג". אַן אונטערברוך צו דיעזען מאַרש פאָרוועדטס הייסט אַ "ריק־שלאַג", אָדער "אַטאַוויזמוס". פערזעהענישען, אָדער מיסגעבורטען זיינען נישט אַטאַוויזם, דאַפיר זיינען פאַראַן לאָקאַלע אורזאַכען. דאָ ווערט נאָר געמיינט: אַן ערשיינונג וואָס זעהט אוים נאָרמאַל און איז דאָך דער הפוך פון די עלטערען.

פּראָפעסאָר קאָססאַר עוואַרד האָט געפינען אין שטאַל אַ זעבראַ (ז.ד.) געבוירען פון זיין אַ פּאָאָר נאָרמאַלע פערד. פון דיעזען פּאָאָר זיינען שוין געבוירען געוואָרען אייניגע נאָרמאַלע קינדער, אַן אונטערזוכונג האָט אַרויסגעבראַכט דעם פאַקט, אַז אין דער ווייטער פערגאַנגענהייט איז איינס פון די אור־אור־עלטערען צוזאַמענגעפּאָרט געוואָרען מיט אַ זעבראַ.

הערבערט ספּענסער דערצעהלט אַ לאַנגע געשיכטע פון אַ 6־פינגער־פאַמיליע, וואו עס זיינען פאָריבערגעגאַנגען אייניגע דורות מיט 5 פינגער, און ענדליך איז ווידער ערשינען אַ 6 פינגעריגער. אין אַ מעדיקאַל רעפּאָרט הייסט עס: עס איז געבוירען אַ נעגער קינד ביי אַ ווייסע עוראָפּעישע פּאָאָר. דער פאָטער האָט דעם דאָקטאָר געפרעגט אויב דאַרין ליגט נישט דער בעוויז פון זיין ווייבס אונטריהייט, דער דאָקטאָר האָט איהם געראַטהען נאָכצופאָרשען דעם יחום פון זיינע און זיין ווייבס אור־אור־עלטערען, און עס איז געפינען געוואָרען, אַז זיינער אַ אור־אור־זיידע האָט געלעבט מיט אַ נעגערין, און אַז ער אַליין שטאַמט פון יענעם פּאָאָר.

עס עקזיסטירט אַ שטריט צווישען די ביאָלאָגען אויב מען זאָל דיעזע ערשיינונגען רופען "ריק־שלאַג", אָדער "אַטאַוויזם". די ערשיינונגען זיינען אַבער אַזויפיעל, און אַזוי פערשיעדען, אַז מען קאָן גאָר נישט



אַן אַטאָל

מאַכען אַ גרענעץ צווישען ביידע ווערטער. "ריק־שלאַג" מיינט אַן אונטערברוך צום פאָרטשריט און אַ שפרינג צוריק, און "אַטאַ־וויזמוס" די ווידער־ערשיינונג פון דאָס פערגאַנגענע. מעהר דעריבער ז. "פערערבונג" און "צוכט־וואַהל".

אַטאַולפוס אַ ברידער פון דעם קעניג אַלאַריק'ס ווייב. דערפאַר וויל ער האָט זיין שוואָגער געהאָלפען אין זיין קאַמף געגען די הונען און די גאָטהען איז ער דערהויבען געוואָרען צום אַדעל־קלאַס מיט דעם טיטעל פרינץ. נאָך אַלאַריקס טוידט איז ער געזעצט געוואָרען אויף אַלאַריקס פלאַץ. אין זיינע קעמפע איז איהם געלונגען צו פאַנגען פלאַצידאַ, די שוועסטער פון האָנאָריוס. ער האָט מיט איהר געהייראַט נאָכדעם ווי ער האָט זיך געשיידט פון זיין ערשט ווייב. ער ווערט בעשריבען צו זיין געוועזען דער ערשטער קעניג פון דעם נאָרד וואָס האָט זיך פערשוועגערט מיט אַ קעניג פון זיד. דיזער פאַקט ווערט בעטראַכט אַלס עפּאָכ־מאַכענד וויל, מיט איהם איז מקוים געוואָרען די נבואה פון דניאל, אַז מלך פון צפון וועט זיך משדך זיין מיט אַ מלך פון דרום. זיין טוידט איז געקומען דורך אַ קאָנספּיראַציע אין באַרצעלאָנאַ.

אַטאַכאָן, אין דער מיטאָלאָגיע פון די נאָרד־אַמעריקאַנער פעלקער: דער נאָמען פון דעם גרעסטען גאָט וואָס האָט געשאַפען אַלעס.

אַטאָל אַ סאָרט קאָראַל־אינזעל (ז. "אינזעל") וועלכער בעשטעהט פון אַ רינג קאָראַלען און זעהט אויס אינמיטען ווי אַ בעקען וואַסער. אין דער וויסענשאַפט רופט מען זיי "לאַגונען־ריפען". דער נאָמען אַטאָל קומט פון די אָרטיגע איינגעבוירענע. דער גרויסער אָקעאַן האָט 300 אַזעלכע, דער אַטלאַנטישער ים האָט בלויז איינעם, דער אינדישער ים האָט 3 גרויסע גרופּען, און די הייסען: לאַקאַדיווען, מאַלאַדיווען, און טשאַגאָ־אַרשיפּעל. אַ טייל פון זיי שווימען, און אַ טייל זיינען פעסט בעגרינדעט אויף פעלזען. זייער הויכקייט איבער דעם וואַסער־שפּיגעל איז זעלטען העכער ווי 6 פוס.

אַטאַלאַנטע, (גריכ. מיטאָל.) טאָכטער פון דעם אַרקאַדישען קעניג יאַזאָן. איהר פאָטער האָט געהאַט פילע טעכטער. ער האָט געהאָפט אַז ווען איהר מוטער האָט מיט

איהר געשווענגערט דאָס זי וועט געבעירען אַ זוהן. צו זיין פערדרוס איז זיין האָפנונג דורך די געבורט פון אַטאַלאַנטע פערלוירען געגאַנגען. פאַר כעס האָט ער דאָס ניי־געבוירענע קינד אַרויסגעוואָרפען אינצווישען די וואַלד־בערג פון פּאַרטהענאָן נעבען אַ קוואַל. עס איז אָנגעקומען אַ בערען־מוטער וועלכערס קינדער אַ יעגער האָט צוגענומען און האָט די אַטאַלאַנטע געזויגען. אַ פּאָאָר יאָהר שפּעטער האָבען די יעגער געפינען די בערען־מוטער מיט דעם מענשען־קינד. זיי האָבען דאָס קינד אַהיימגעבראַכט, עס אויפגעהאָדעוועט און ענדליך איז אַטאַלאַנטע אויפגעוואַקסען אַ ווילדע אָבער אַ צויבער שעהנע פערזאָהן. צוויי צענטאַורען האָבען זיך אין איהר פערליעבט. זי האָט זיי ביידען נישט געוואָלט. זיי האָבען ביידע געפּלאַהנט איהר צו פערגעוואַלטעווען. זי האָט ביידען דערשטאָכען. שפּעטער האָט זיך אין איהר פערליעבט דער העלד מעילאַניאָן. מיט איהם האָט זי זיך פערהייראַט און פון זיי איז געבוירען געוואָרען "פּאַרטענאָפּוס".

אין דערזעלבע מיטאָלאָגיע ווערט ערצעהלט וועגען אַטאַלאַנטע אַן אַנדערע געשיכטע. זי איז געוועזען די טאָכטער פון דעם בעאָטישען קעניג שעניום. זי איז געוועזען צויבער־שעהן. זי האָט אָבער איהרע ליעבהאָבער אָנגעבאָטען אַ צו־הויכען פּרייז פאַר איהר בעזיץ. זי איז געוועזען אַ פלינקע לויפערין. זי האָט געמאַכט אַ וועט מיט זיי, ווער עס וועט איהר איהר קאָנען כאַפּען דעם נעהמט זי. אַבער, דער וואָס וועט איהר נישט כאַפּען דעם זאָל זי דערשטעכען מיט איהר שפּיעז. איהר שעהנהייט האָט אַזויאַרום פערלאָקט פילע יונגע־לייט צום טוידט. מעגאַרום, איינער אַ קלוגער, האָט זיך געווענדעט צו ווענוס נאָך הילפע. זי האָט איהם געגעבען דריי עפּעל פון אַ בליהענדע שעהנהייט. ער האָט די עפּעל געוואָרפען אויף איהר וועג. זיי זיינען געוועזען אַזוי שעהן אַז זי האָט זיך געמוזט אָבשטעלען דריימאָל זיי איינס נאָכ'ן אַנדערן אויפצוהייבען, און ער האָט איהר געווינען. דער ליעבענסווירדיגער מעגאַרום האָט פערגעסען צו ברענגען אַ קרבן צו ווענוס, זי איז דערפאַר אויף איהם אין כעס געוואָרען, זי האָט אויסגעזאָגט צו דער מוטער פון די געטער אַז, דאָס יונגע פּאָאָר האָט שוין גענאָסען די פרוכט פון דער ליעבע איידער זיי האָבען עהרליך חתונה געהאַט. די מוטער האָט זיי ביידען פערוואַנדעלט אין צוויי לייבען און זיי איינגעשפּאַנט אין איהר רייט־וואָגען.

אָטאַלגיאַ, נאָמען פון אַן אויערען־קראַנקהייט. קומט אָפט פון שלעכטע ציינער, אָדער פון נעוראַלזשע אויס אַן אַנדערען טייל פון קאָפּ. זי כאַפּט מיטאַמאָל שרעקליך שמערצען און די וועהטאָג פערברייט זיך ביז דעם טעמפּעל פון דער פערקראַנקטער זייט. אָפטמאָל הערט זי אוף אַזוי שנעל ווי זי איז געקומען, און קומט ווידער פּליצים. געוועהנליכע אויערען־שמערץ געהערען צו "אָטיטיס" (ז.ד.) אָבער נישט צו דער אָטאַלגיאַ.

אָטאָליטה, אַן אויערען־שטיין וואָס געפינט זיך מעהר אין אויערען פון חיות און וועניגער אין די פון מענשען. איז ווייך אין זיין נאַטור. ענטהאַלט 75 פּצ. פון אונאָרגאַנישע שטאָפען, און די רעשט פון שליים. מען האָט געגלויבט פאַר אַ צייט אַז, ער דיענט צו פערפיינערען דעם טאָן, ווייל ער ליעגט וואו טיעף אין אויער. לעצטענס גלויבט מען אַז ער איז גאָר אומניצליך און אומגעווינשען. צו דיעזען שלוס איז מען געקומען דורך דעם פאַקט וואָס דער אָטאָליטה איז גרעסער ביי חיות ווי

ביי מענשען. אַ סימן אַז, מיט דער ענטוויקלונג פון דעם מענשליכען קערפּער פערקלײנערט זיך דער אָטאָליטה.

אַטאָם, (אַזוי ווערט גערופען אין איטאַליעניש, גריכיש, דייטש, דעניש, האָלענדיש, [העברעיש = עצם], לאַטייניש, ענגליש פראַנצויזיש, רוסיש, שוועדיש, און שפּאַניש) דער קליינסטער טייל פון אַן עלעמענט, וואָס לאָזט זיך ניש מעהר טיילען; נישט מיט די הענד, און נישט מיט דעם שכל. די לעהרע פון פון די אַטאָמען הייט: "אַטאָמיסטיק", און די אָנגענומענע אידעע אַז, די וועלט בעשטעהט פון אַטאָמען, הייסט: "אַטאָמיזמוס".

דער בעגריף

פילאָזאָפ.: פון לוציפּוס און דעמאָקריטוס (500 פּיצר') ביז דעם היינטיגען טאָג, האָט דער מענשליכער שכל געזוכט זיך צו שאַפען אַ בעגריף איבער אַן אַטאָם,; דער איינציגער בעשלוס צו וועלכען ער איז געקומען איז, אַז בעצם בלייבט דער אַטאָם אַ סוד פאַר אונז אויף אייביג, און אַז דעם איינציגען בעגריף וואָס מיר מוזען אָנעהמען איז: "דער טייל וואָס לאָזט זיך נישט מעהר טיילען". דאָס איז אַ בעגריף וועלכער בלייבט נישט פעסט, ווייל, וואָס מיר קאָנען היינט נישט טיילען קאָן מעגליך געטהון ווערען אַן אַנדערט מאָל. ביי יענער צייט וועט זיך דיעזער בעגריף מוזען ענדערן לויט דעם פּראָגרעס און די אומשטענדען פון יענער צייט. ווירכאָוו זאָגט: דער אַטאָם איז אַן "אונטיילבאַרע איינהייט" וואָס אַפילו דער שכל קאָן אויך נישט מעהר טיילען. שוין דערפאַר אַליין איז דער אַטאָם אונפערניכטבאַר. נאָר דאָס וואָס קאָן געטיילט ווערען קאָן פערניכטעט ווערען. די עקספּירימענטאַלע פיזיק האָט אַרויס געבראַכט אַז, אַן אַטאָם וואַסער־שטאָף וועגט קוים איין טייל פון 22 ציפערן, און אַז איין קוביק וואַסער קאָן דורך היץ פערוואַנדעלט ווערען אין אַ דאַמף וואָס זאָל זיך אויסשפּרייטען און פערנעהמען אַ מיליאָן קוביק רוים. איבער די פראַגע אויב אַן אַטאָם איז מאַטעריע אָדער גייסט, אָדער גאָר ביידעס אין איינעם, ענטפערט דער איטאַליענישער פילאָזאָף קאַמפּאַנעלאַ: מיר קאָנען נאָר בעגרייפען דאָס קוואַנטיטאַטיווע אָבער נישט דאָס סובסטאַנטיווע. ער מיינט דאָס וואָס קאַנט רופט "דאַס דינג אַן זיך און זיינע מאַניפעסטאַציאָנען". דערפאַר זיינען אַלע אונזערע בעגריפע איבער אַן אַטאָם בלוי: פּראָוויזאָריש.

דער מח וואָס וויל זיך דורכאויס שאַפען אַ בעגריף איבער דער קליינהייט פון אַן אַטאָם, וועט געפינען, אַז דער שכל האָט איהם פיעל פריהער פערלאָזען איידער ער קומט אַפילו נאָהנט צו אַן אַטאָם. די פיזיאָלאָגען זאָגען אַז, איבער אונזער געהירן ליגט אַ גרויע איבערלאַגע פון אַ געדיכטע מאַסע. אַז דיזע מאַסע בעשטעהט פון צעלען. אַז דיעזע צעלען זיינען אַזוי קליין און אַזוי געדיכט דאָס, 250,000 פון זיי פערנעהמען דעם פלאַץ פון קוים 1 קוואַדראַט צאָל. יעדע צעלע בעשטעהט פון 2 פיברינען, אַלזאָ, אַ האַלבער מיליאָן פון פיברינען אויף דעם פלאַץ פון 1 קוואַדראַט צאָל; אָבצעהלען דיעזעס אַ ק ו ר אַ ט איז זעלבסטפערשטענדליך אונמעגליך; צו דיעזע רעכנונג האָט מען נאָר געקאָנט קומען דורך דער הילף פון דעם שטאַרקסטען פערגרעסער גלאָז, און נאָר דורך קוקען אויף איין איינציגען פונקט, די רעכנונג איז דערפאַר אָנגענומען געוואָרען בלויז ב ע ר ך, ד.ה. אַז דער בעגריף פעהלט שוין דאָ, אַז שוין דאָ זיינען מיר זיך בלויז משער; דאַן ווייסען מיר אויף קלאָהר, אַז דיעזע צעלען זיינען

נאָך ריזען געגענאיבער אַן אַטאָם, אונזער ציפּ פון אַן אַטאָם אין דער וויסענשאַפט איז:
גאַנצעס וויסען וועגען אַן אַטאָם איז בלויז רעלאַטיוו ווייל, יעדע מאָס מוז זיין קליינער אַלס די זאַך וואָס עס האָט צו מעסטן דער אַטאָם בלייבט שוין דערפאַר אַליין אַן אייביגער סוד.

וויסענשאַפטל.: די פיזיק און די כעמיע האָבען זיך געשאַפען אַ בעגריף, נישט פון דעם אַטאָם גופא, נאָר האָט אָנגענומען אַ משל בהסכם. ד.ה. מען האָט אָנגענומען אַז דער לייכטעסטער, אָדער דער גרינגסטער גאַז־אַטאָם זאָל הייסען 1 אַטאָם געוויכט (ז.ד.) און מיט איהם אַלס אַ געוויכט זאָל מען וועגען די איבריגע, וועלכע זיינען די שווערערע. אַלזאָ, אונזער גאַנצע עקזאַקטע וויסענשאַפט רוהט אויף דעם משל.

בעטראַכטענדיג די קאָמפּאָזיציאָן פון די בעקאָנטע סובסטאַנצען קומט די וויסענשאַפט צום שלוס אַז, פרייע אַטאָמען זיינען אונמעגליך, אַז אַטאָמען זיינען שטענדיג פערבינדען אונטעראַנאַנדער אין דעם מאָלעקול, אַז צווישען די מאָלעקולען זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבען אַ צאָהל פון אַטאָמען אויס איין קאַראַקטער און אַזעלכע וואָס ענטהאַלטען אַ צאָהל פון געמישטע אַטאָמען. עס זיינען דאָ וויסענשאַפטס לייטע וואָס ריידען זיך איין אַז זיי קאָנען צעהלען די צאָהל פון די אַטאָמען דורך די רענגטגען־שטראַהלען, אַז די ראַדיאָלאָגיע האָט שוין אַפילו דעם אַטאָם פאַנאַנדערגעטיילט, דיעזע איינרוידעניש איז אויף דעם פעלד פון דער וויסענשאַפט אונמעגליך. ווייל, ווי שוין אויבען איז ערקלעהרט, איז דער נאָמען "אַטאָם" אין דער וויסענשאַפט קיין פעסטשטעהענדער. האָט מען איינמאָל דאָס אונטיילבאַרע פון היינט געטיילט, טראָגט זיך איבער דער נאָמען "אַטאָם" אויף דאָס אונטיילבאַרע פון מאָרגען. דער גרונד־פּרינ־

"דאָס אונטיילבאַרע".

מאַטעמאַטיקער האָבען זיך געשאַפען אַ בעגריף איבער די גרויס (רעלאַטיוו) פון אַן אַטאָם און זיי זאָגען, אַז די גרויסקייט פון אַן אַטאָם פערגלייכט זיך צו דער גרויסקייט פון אַ שפּיעל־באָל, און דער שפּיעל־באָל פערגלייכט צום ערד־באָל יעדער איינער אַטאָם ענטהאַלט נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע טייל־כלאַך פון עלעקטריציטעט. אַז אינמיטען צווישען דיעזע איז פאַראַן דער קערן אַרום וועלכען עס דרעהען זיך דיעזע עלעקטרישע טיילכעלעך ווי די פּלאַנעטען אַרום דער זונן. אַז דער קערן פון דיעזען אַטאָם איז אין פערגלייך צו די עלעקטרישע טיילכעלעך אַזוי גרויס ווי אונזער זונן איז אין פער־לייך צו איהרע פּלאַנעטען. אַז די אומדרע־הונג פון די עלעקטרישע טיילכעלעך אַרום דעם קערן האָט בעשטימטע באַהנען ווי די פּלאַנעטען האָבען אַרום דער זונן. זיי האָבען אויך פּרובירט דורך דעמזעלבען רע־לאַטיוו־סיסטעם צו פערגלייכען די גרויס־קייט פון דיעזע עלעקטראָנען צו דעם קערן גופא, און זיי בעהויבטען אַז, ווען מיר זאָלען קאָנען פערגרעסערען אַן אַטאָם אויף אַ מייל אין דיאַמעטער וועט אַן עלעקטראָן זיין 5 פוס אין דיאַמעטער.— מאַטעמאַטיקער זיינען בכח צו מאַכען רעכנונגען אַרום זאַכען וואָס זיי זעהען נישט. זיי האָבען שוין פיעלע מאָל געטראָפען אַן פיעלע מאָל נישט. אויף דעם סמך פון די געטראָפענע מאָל ספּעקולירען זיי ווייטער, און אַזוילאַנג ווי עס לאָזט זיך ריידען שעהן, אָדער לאָגיש נאָך אונזער בעגריף, הערען מיר זיי מיט אַ גרויסען טייל רעספּעקט פון גלויבען.

פאַר ווייטערעס איבער דיעזען ענין ז. "אולטראַ־וויאָלעט־מיקראָסקאָפּ", "אַטאָם־טע־אָריע", "אַטאָמגעוויכט", "אַפיניטעט", "ראַ־דיום", רענגטען־שטראַהלען".

אַטאַמאַן, ז. "העטמאַן".

אַטאָם־געוויכט, די גרונדלאַגע פון דער כעמישע וויסענשאַפט, דאָס מאָס־סיסטעם פון די עלעמענטען מיט וועלכע דער כעמיקער איז בעשעפטיגט אין זיין אַרבייט. דיעזעס סיסטעם איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע מאָס־סיסטעמע דאַמיט וואָס עס וועגט זיין גוויכט דורך זיכזעלבסט, אויף אַ רעלאַטיווען וועג. עס יז אָנגענומען געוואָרען אַז וואַסער־שטאָף איז דער גרינגסטער עלעמענט זאָל ער דערפאַר אָנגענומען ווערען אַלס אַ אוניט דיעזען אוניט צו געבען דעם ווערט פון 1 ספעציפישען געוויכט, און אַלע איבריגע זאָלען געוואויגען ווערען לויט דיעזען איינעם.

מען רופט דאָס "אַטאָם־געוויכט". דאָס איז אייגענטליך פאַלש. די אַטאָמען עקזיסטירען נישט פריי. מען קאָן זיי דאַרום נישט וועגען. דאָס קליינסטע וואָס די כעמיע קאָן איז אַ מאָלעקול. אין אַ יעדען מאָלעקול איז פער־אייניגט צוויי אָדער מעהרערע אַטאָמען. אַ מאָלעקול וואָס בעשטעהט פון צוויי סאָרטען אַטאָמען ווערט גערופען: "דיאַ־אַטאָמיש", און די וואָס עס ענטהאַלטען איין סאָרט אַטאָמען רופט מען: "עלעמענט".

די פאָלגענדע ליסטע גיט דאָס ספעציפישע געוויכט פון די בעקאָנט אַזויגענאַנטע אַטאָמען. די ערשטע קאָלומנע ענטהאַלט די נעמען די מיטלערע זייער וויסענשאַפטליכע בע־צייכנונג און די דריטע: זייער ספעציפישע געוויכט.

אוראַן	(U)	120
אייזען	(Fe)	56
איטערביום	(Yt)	173.01
איטריום	(Y)	93
אינדיום	(In)	113.5
אירידיום	(Ir)	193
אָסמיום	(Os)	199.2
אַלומיניום	(Al)	27.4
אַנטימאָן	(Sb)	122
אַרגאָן	(A)	39.9
אַרסען	(As)	75
באָר	(B)	11
באַריום	(Ba)	137
ביסמוטה	(Bi)	210
בלייי	(Pd)	106
בעריליום	(Be)	9.1
בראָם	(Br)	80
גאַדאָליניום	(Gd)	157.3
גאָלד	(Au)	196
גאַליום	(Ga)	68
גלוציניום	(Gl)	9.1
גערמאַניום	(Ge)	72
דידים	(Di)	147
האָלמיום	(Ho)	163.5
העליום	(He)	4
וואָלפראַם	(W)	184
וואַנאַדין	(V)	51.3
וואַסער־שטאָף	(H)	1
זויער־שטאָף	(O)	16
זילבער	(Ag)	108
טאַנטאַל	(Ta)	182
טהאַליום	(Tl)	204
טהאָריום	(Th)	231.5
טהוליום	(Tm)	168.5
טערביום	(Tb)	159.2
טיטאַן	(Ti)	48
טעלור	(Te)	127
יאָד	(I)	127
כלאָר	(Cl)	35.5
כראָם	(Cr)	52
לאַטעציום	(Lu)	175
לאַנטהאַן	(La)	139
ליטהיום	(Li)	7
מאַגנעזיום	(Mn)	55
מאָליבדען	(Mo)	96
מאַנגאַן	(Mg)	24
מערקורי	(Hg)	200.3
נאַטריום	(Na)	23
ניאָביום	(Nb)	94
ניטאָן	(Nt)	222.4

ניקעל	(Ni)	59
נעאָדעמיום	(Nd)	143.6
נעאָן	(Ne)	20
סאַמאַריום	(Sa)	150
סטראָנציום	(Sr)	87.3
סיציליום	(Si)	28
סעלען	(Se)	79
סקאַנדיום	(Sc)	44.03
ערביום	(E)	169
פּאַלאַדיום	(Pb)	207
פאָספאָר	(P)	31
פּלאַטין	(Pt)	194.5
פלואָר	(F)	19
פּראַסעאָדומיום	(Pr)	140.5
צין	(Sn)	118
צינק	(Zn)	65
צירקאָניום	(Zr)	90
צעסיום	(Cs)	133
צעריום	(Ce)	140
קאָבאַלד	(Co)	59
קאַדמיום	(Cd)	112
קאָלומביום	(Cb)	94
קאַליום	(K)	39.1
קאַלקום	(Ca)	40
קוועקזילבער	(Hg)	200
קויהלען־שטאָף	(C)	12
קופּער	(Cu)	63.5
קסענאָן	(Xe)	130.2
ראַדיום	(Ra)	226
קריפּטאָן	(Kr)	81.8
רהאָדיום	(Rh)	104
רובידיום	(Rb)	85.4
רוטעניום	(Ru)	104.4
שוועבעל	(S)	32
שטיק־שטאָף	(N)	14

די ציפערען זיינען נישט גאַנץ פעסט. זיי אונטערשיידען זיך אָבער זעהר וועניג אין די פערשידענע טאַבעלען.

אַטאָמי, אַ שבט צווישען די מעקסיקאַנער פעלקער, וועלכער ווערט בעציכענט אַלס דער עלטעסטער פון אַלע וואָס עקזיסטירען נאָך בײַ דיעזער צייט אין יענער געגענד. מאַנכע גלויבען אַז זיי זיינען נאָך עלטער אַלס די טאָלטעקען, אָדער די אַזטעקען. זיי זיצען אויף דעם הויכלאַנד פון אַנאַהוק און מי־טשאָאַקאַן ביז יאַליסקאָ און טאַלאַקסקאַלאַ. מען בעגעגענד זיי אויך אין פּעובלאַ, אַמאַזאָק, און אַקאַיעטאַ. טיילווייז אויך אין די געגענדען פון זאָנגאָליקאַ, אָריזאַבאַ, און אַגאַצינקאַ.

טיפּ: דער קאָפּ איז אויסערגעוועהנליך גרויס, שטייגט אָפטמאָל איבער די ברייטקייט פון די אַקסעל. די פאַרב איז שמוציג־בלוי־ברוין. זיינען מאָגער אַבער קרעפטיג. זיי זיינען מעהר מענשליך צו זייערע קינדער אַלס זייערע שכנים. אַיעדער אין דער פאַמי־ליע אַרבייט. דאָס הויז ווערט געפיהרט אַזוי אַנשטענדיג ווי די מיטלען ערלויבען. זייער העפליכקייט שטעהט אין אַ קאָמישען ווידער־שפּרוך צו זייער קליידונג. זיי ריידען צוויי־שען זיך ווי די עלעגאַנטעסטע אַריסטאָקראַ־טען וועהרענד זייערע קליידער זיינען האַלב־נאַקעט. דאָנאַ לאַוראַ און דאָן מיגועל געהן צוזאַמען באָרפוס און טראָגען האָלץ מיט היהנער אויף דעם מאַרקט צו פערקויפען. זיי ריידען צווישען זיך שפּאַניש. זייער אייגענע שפּראַך זעהר זעלטען. שפּראַך־פאָר־שער האַלטען זייער שפּראַך פאַר זעהר וויכטיג ווייל, אַחוץ דעם וואָס זי ווערט בעטראַכט אַלס די אורשפּראַך פון פיעלע לעבענדיגע שבטים פון יענער געגענד, איז זי אויך אין פיעלע הינזיכטען אייגענאַרטיג. עס פעהלען אין איהר דער קלאַנג פון "פּ" און "ל". זי ווערט גערעדט אַרויס־פּלאַצענדיג זי איז איינזילביג און האָט טראָצדעם אידיאָמען פון אַן אייגענעם קאַראַקטער, ווי אויך פיעלע ווערטער פאַר אַבסטראַקטע בעגריפע.

אַטאָמיזירען, עפּעס צו צוברעקלען,

אָדער אַנאַליזירען ביז צו אַטאָמען

אַטאָמיס, אַ גאַטונג מויז, וואָס אונ־
טערשיידט זיך פון דער געוועהנליכער
דערמויז וואָס איהרע אויערען זיינען גרעסער



און דער ווײדעל קלײנער. איהר היים איז
זיד־אַפריקאַ. איבערהויבט אין דער קייפּ־
פּאָווינץ. די קאָליער איז גרוי, די לענג בערך
6 צאָל, און דער ווײדעל צוויי און אַ האַלב
צאָהל.

אַטאָמיסטישע טעאָריע, די לעהרע
איבער דעם אַטאָם (ז.ד.). אַ פראַגע מיט
וועלכער עס זיינען פערבינדען אַלע גרענעצען
פון דעם מענשליכען שכל, און האָט קיין
האָפנונג אַמאָל געלעזט צו ווערען אין דער
וויסענשאַפטליכע וועלט. עס איז דאַרום פּראַק־
טישער זיך דאָ צו בעשעפטיגען מיט דער
געשיכטליכער זייט פון דיעזער טעאָריע,
און דאַרויס צו לערנען וואָס עס האָבען
וועגען איהר געטראַכט די פערשיעדענע פעל־
קער אין די פערשיעדענע צייטען.

גריכענלאַנד

עס איז אַלגעמיין אָנגענומען פון אַלע
היסטאָריקער דער פילאָזאָפיע, אַז דיעזע
טעאָריע איז צוערשט ענטשטאַנען אין
גריכענלאַנד, און איז דאָרט בעגרינדעט גע־
וואָרען פון לוציפּוס, און שפּעטער, (בערך
460 פּוצר') פערבעסערט געוואָרען פון
דעמאָקריטוס. לוציפּוס איז געוועזען אַ
גרויסער וויסענשאַפטס־מאַן מיט וועלכען
אַריסטאָטעלס האָט זיך זעהר ערענסט בענומען
און מיט איהם אויך טעאָפּראַסטוס. עס האָט
דעמאָלט עקזיסטירט אַ שטרייט צווישען די
פילאָזאָפען פון יענער צייט, אויב דער
קערפּער צוטיילט זיך אויף אַ פיעלהייט אָדער
אויף אַן איינהייט. לויט עמ־
פּעדאָקלעס, ווערט דער אַטאָם
געבוירען דורך אַ פעראייני־
גונג פון איניגע אור־שטאָפען,
און לויט דעמאָקריטוס, זיינען
די אור־שטאָפען זעלבסט פול
מיט אַטאָמען. ביי דעם ערשטען
הויבט זיך אָן דער אַטאָם מיט
דער מעגליכקייט פון אַ בעגריף, און ביים
צווייטען, מיט דאָס אַבסאָלוט אונבעגרייפלי־
כע. ביי ביידען ענדערען זיך די אַטאָמען
נאָר פאָרמעל, אָבער נישט סובסטאַנטיוו. ד.ה.
זיי ערשיינען פאַר אונזער בעגריף בלויז
אין פאָרם. אַזוי שנעל ווי זיי ווערען פאַנאַנ־
דער געטיילט ביז אויף דאָס לעצט מעגליכע
פערשווינדען זיי אין דער אייביגקייט אַריין.

נעבען דיעזע פראַגען זיינען צוגעקומען
אויך די פראַגע: 1) פילען דיעזע אַטאָמען
דעם גאַנצען אוניווערזום?, 2) וואָס צווינגט
זיי זיך צו פעראייניגען און זיך צו ענטוויק־
לען?, 3) וואו ליגט זייער כח זיך צוזאַמע־
צוהאַלטען אין די פעראייניגטע פאָרמען?,
4) ענטוויקעלט זיך אויך דער כח מיט זיי?
5) וואָהין קומען דיעזע כחות ווען די
פעראייניגונג לעזט זיך אויף?.

ביים בעטראַכטען דיעזע פראַגען מוז מען
אין זינן האַלטען אַז: אַטאָמען אונטערשיידען
זיך אין פאָרמען, אין זייער קאָמפּאָזיציע
און אין זייער פּאָזיציע. מיט די פאָרמען
זיינען ווידער פערבינדען געוויכט און מאָס.
דאַן ווידער אַ גאַנצע רייהע פון זינליכע
ערשיינונגען אויס די ענטוויקלונג פון די
פערשיעדענע פאָרמען. דאַרויף האָבען די
גריכישע פילאָזאָפען געענטפערט:—

1) די אַטאָמען בעשטעהען אויס אַ צאָהל פון אונדורכדרינגליכע איינהייטען וועלכע טיילען זיך נישט מעהר. דער געדאַנק פון פיעלע איינהייטען בעגרייפט זיך, אַז דער אונטערשיעד צווישען זיי איז דער רוים, און אַז זייער בעציהונג אונטעראַנאַנדער פאַסירט אין דיעזען רוים. דערפאַר שליעסט זיך דאַרויס לאָגיש, אַז עס איז דאָ רוים אויך אָהנע אַזעלכע איינהייטען, אָדער אַרום דיעזע איינהייטען. אַן אַנדערע שוהלע לערנט אַז, עס איז גאָר נישט דאָ אַזאַ זאַך וואָס מען רופט לעדיגער רוים, אַז די אַטאָמען לעזען זיך אוף נישט אין איינצעלהייטען אַריין נאָר אין אַן אַ ל ג ע מ יי נ ה יי ט אַריין. ד.ה. אין אַן אַוסגעדעהנטען צושטאַנד אַריין. אַז אַלעס וואָס מיר רופען רוים איז בלויז דער אורצושטאַנד פון די אַטאָמען.

2) דער צופאַל ברענגט זיי צוזאַמען, און דאָס מיט זייער ערשטער צוזאַמענטרעפונג טרעט איין די ערשטע ענטוויקלונס פאָרם. איין שוהלע זאָגט אַז דער צופאַל ווירקט דורך אַ צוזאַמענשטויסונג. און די אַנדערע דורך צוזאַמענדריקונג.

3) אַז דער כח ליגט אין די אַטאָמען גופא אַז דער בעגריף איבער אַן אַטאָם שליעסט אויך איין דעם כח פון דעם אַטאָם. דיעזער כח איז אָנציהענד, און דערפאַר אויך צוזאַמענהאַלטענד.

4) דערפאַר פאַסירט מיט דער פעראייניגונג פון אַטאָמען אויך אַ פעראייניגונג פון זייערע כחות. אַ פּראָגרעסיווע ענטוויקלונג פון דיעזע אַטאָמען מוז צוגלייך זיין אַ קאָמפּעראַטיווע פערמעהרונג פון די כחות.

5) אין פאָלגעדעסען לעזען זיך די כחות אוף צוזאַמען מיט דער אויפלעזונג פון די קערפער פּראָפּאָרציאָנעל, און בײדע פערשווינדען זיי צוזאַמען אין זייער אור צושטאַנד אַריין.

עמפּעדאָקלעס האָט געגלויבט: דער גרונד פון דער ערשטער בעוועגונג ליגט אין דעם שווער־געוויכט פון די פערשיעדענע אַטאָמען. אויב דיעזע געוויכט פעראורזאַכט אַ בעהעפּטונג דורך צופעליגע שווינגונגען, אָדער דורך אַן אייביגע אונרוהיגקייט האָבען די גריכישע פילאָזאָפען נאָך נישט געענטפערט. מעגליך דערפאַר, ווייל זיי האָט דעמאָלט געפעהלט אונזער היינטיגעס וויסען איבער דעם גראַוויטאַציאָנס־געזעץ.

דעמאָקריט האָט אויך געלערנט, אַז די נשמה איז אַ קאָמבינאַציע פון אַטאָמען. ער רופט זיי: "פייער־אַטאָמען". זיי זיינען זאָגט ער, אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצען גוף. אין דער פּראָפּאָרציע פון צוויי קערפּער־אַטאָמען צו איין נשמה־אַטאָם. מיט זייער פעראייניגונג ענטשטעהט בעוועגונג. אויס דיעזער בעוועגונג ענטוויקעלט זיך דער כח צו דענקען. דאָס איז אַ לעהרע מיט אַ מאַטעריאַליסטישע אונטערלאַגע. געשטיצט אויף דיעזער אידעע האָט עפּיקור געזוכט צו בעגרינדען זיין אידעאַל, וועלכער איז היינט בעקאַנט אונטער דעם נאָמען "אוטיליטאַריאַניזמוס" (ז.ד.). דערפאַר ווייל די נשמה־אַטאָמען בילדען אין מענשען בלויז אַ דריטעל געגאיבער די קערפּער־אַטאָמען דרינגט ער, אַז דער צוועק פון אונזער וויסען און אונזער דאַזיין, איז דער געגוס פון אונזער קערפּער, אַז אויסער דיעזען האָט אונזער וויסען קיין נוצען. אַסצעפּליאַדעס, אַ גריכישער מעדעצינער, האָט צוערשט בעגרינדעט זיין מעדעצינישען סיסטעם אויף דעם אַטאָמיסטישען סיסטעם פון דעמאָקריטוס מיט די עפּיקורעישע שלוספאָלגערונגען. אַריסטאָטעלס האָט געגלויבט אין פיער עלעמענטען: פייער, וואַסער, לופט, און שטויב.

אינדיען

די וועלט האָט געגלויבט אַז די אינדישע

רעליגיאָנען זיינען געגרינדעט אויף דעם אַטאָמיסטישען באַזיס. לעצטע אויטאָריטעטען אָבער זאָגען אַז אין די הייליגע ביכער פון בראַהמאַ, אין די "אופּאַנישאַדען" איז קיין וואָרט דאַריבער געזאָגט געוואָרען. אַפילו אויך נישט אין זייערע קאָמענטאַרען. דער אַטאָמיזמוס ווערט צוערשט בעהאַנדעלט דורך די צוויי בראַהימאַנישע פילאָזאָפען פון וואַישעסיקאַ און נאַיאַ. דיעזע צוויי שוהלען זיינען אָבער נישט אַנערקאָנט איבער גאַנץ אינדיען. די פּאָפּולערסטע שוהלע איז די שפּעטערע, די זשאַינשע.

דיעזע שוהלע האָט געלערנט: מאַטעריע איז אַן אייביגער סובסטאַנץ מיט אַן אונבעשטימטע קוואַנטיטעט. זי קאָן זיך פערמעהרען אָדער פערמינדערען, אָהו צו צובעקומען אָדער פערלירן; קאָן זיך ענטוויקלען אין יעדער פאָרמע און פון זיך בילדען יעדע קוואַליטעט; קאָן זיך פערפיעלפאַכען צו פערשיעדענע סובסטאַנצען אָדער צוריק קומען פון דער פיעלהייט אין דער איינהייט אַריין. נאַך דיעזע לעהרען שטאַמט אַלעס אין דער וועלט פון דער מאַטעריע, נאָר נישט די נשמה. די גאַנצע מאַטעריע בעשטעהט פון אַטאָמען. יעדער אַטאָם פערנעהמט איין פונקט רוים. די מאַטעריע קאָן זיך געפינען פעראייניגט אָדער געטיילט. ווען געטיילט פערנעהמען די איינצעלנע אַטאָמען אַזויפיעל רוים ווי זיי וואָלטען געוועזען אַ פעראייניגונג. יעדע זאַך איז געפאָרמירט פון אַ גרופּע אַטאָמען פון אַ געוויסען קאַראַקטער וואָס שאַפט דעם אונטערשיעד צווישען זאַך און זאַך. אין סובסטאַנץ זיינען די אַטאָמען אייביג אונפערענדערליך. א יעדער אַטאָם האָט אַן אַנדערען גערוך, געשמאַק, אָדער קאָליער. דיעזע אייגענשאַפטען פערשמעלצען זיך אין דער פעראייניגונג. די אַטאָמען קאָנען פון זיך ענטוויקלען אַ בעוועגונג און אַזאַ בעוועגונג קאָן ענטוויקלען אַזאַ געשווינדיגקייט, מיט וועלכער דער אַטאָם זאָל דורכפליהען דעם גאַנצען אוניווערזום אין אַ סעקונדע. אַלע אַטאָמען גרופּירען זיך אין 5 גרופּען (נישט ווי ביי אַריסטאָטעלס די 4) וועלכע אייסערן זיך פאַר אונזערע 5 חושים.

די וואַישעסיקאַ שוהלע לערנט: אַלעס וואָס ווערט געשאַפען נישט דורך אורזאַכען איז אייביגלעך, און אַלעס וואָס מיר בעגרייפען איז געשאַפען דורך אורזאַכען. ווייל אַלעס וואָס מיר בעגרייפען איז פערגענגליך. שליעסט זיך שוין דאַרויס אַז, דאָס אונבעגרייפליכע איז דאָס אונפערגענגליכע. אַזוי ווי מיר פערשטעהען נישט די אורזאַך פון אונפעראורזאַכטע ווירקונגען (פענאָמענאַ) אַזוי בלייבען אַזעלכע צושטענדע אויסערהאַלב פון אונזער וויסען, און דערפאַר בלייבען אויך אַזעלכע צושטענדע אונפערגענגליך. אונזער איגנאָראַנץ איז אַלזאָ: אונפערגענגליך ד.ה. דער מענש וועט קיינמאָל וויסען אַלעס. דער אַטאָם איז אונזעהבאַר ווייל ער איז נישט אַ פעראייניגונג. גרויס, לאַנג, קליין, קורץ, זיינען נאָר רעלאַטיוו־ווערטער. מיר קאָנען דאָס לאַנגע נאָר דורך די פערגלייכונג צום קורצען, אָדער דאָס גרויסע דורך פערגלייכונג צום קליינעם, אָדער פערקעהרט. פאַר זיך אַליין האָבען מיר קיין מאָס פאַר זיי. דערפאַר הייסט עס: אַז ווען מיר זאָגען אַז דער אַטאָם איז קליין, מיינט עס נישט צו זאָגע אַז ער איז קליין לויט אַ געוויסע מאָס, נאָר ער איז אַזוי קליין דאָס מען קאָן איהם נישט פערגלייכען מיט עפּעס קליינערעס. דערפאָר בלייבט ער דאָס קליינסטע.

גואַטאַמאַ לערנט: אַטאָמען זיינען צוטיילטע זאַכען וועלכע האָבען אין זיך קיינע טיילען מעהר. די לופט קאָן נישט דורכדרינגען אַן אַטאָם, ווייל די לופט קאָן נאָר דורכדרינגען דאָס וואָס האָט טיילען. אַן

אַטאָם האָט קיין אינערליכקייט און קיין אויסערליכקייט ווייל, ער בעשטעהט פון קיינע טיילען. ער איז נישט הויל און נישט מאַסיוו, ער איז פשוט, אַן אויפגעלעזטהייט. אין די שפּעטערע צייטען אויך די בודהיסטישע דענקער האָבען גענומען אַנאַליזירען די אַריסטאָטעלשע 4 עלעמענטען און זיינען געקומען צו אַ אונבעשרענקט צאָהל. זיי האָבען אָבער געוואָלט פעסטשטעלען די פראַגע אין וועלכען שטאַדיום הויבט אָן דער מענשליכער שכל צו בעגרייפען אַן אַטאָם? און זיי זיינען געקומען צו דעם בעשלס אז ווען די אַטאָמען האָבען זיך פעראייניגט. דאָס, ווייל דאָס מענשליכע אויג קאָן נאָר זעהן אַ קאָמפּאָנד (ז.ד.). דאַרין שפּיגעלט זיך אָן דעמאָקריטס לעהרע פון צוויי קערפּער־אַטאָמען מיט איין נשמה־אַטאָם.

מאַהאָמעדאַנער

אין דעם קאָראַן איז נישטס פאַראַן וועגען אַטאָמען. די מאַהאָמעדאַנער געלעהרטע זיינען מיט דיעזער אידעע בעקאָנט געוואָרען דורך די איבערזעצונגען פון אַריסטאָטעלס און פּלאַט. די ערשטע אַנזיכטען וועגען דעם אַטאָמיזמוס זיינען געשריבען געוואָרען פון אַל־נאַזזאַם און אַל־קונדי. ביידע אַלס געגנער דערפון אויס רעליגיעזע מאָטיוועו. דער ערשטער וועלכער האָט וועגען דעם ערנסט געשריבען איז געוועזען אַבו־העשים (920 יצר') און ביי דערזעלבער צייט אויך מוטאַזיליט. נאָך זייערע אַנזיכטען איז דער אַטאָמיזמוס פערשטאַנען צו זיין בערך אַזוי:־

דער אַטאָם איז סובסטאַנטיוו, ער בעזיצט די אייגענשאַפט זיך אויסצוברייטען און צו פילען רוים. זיין פאָרם איז קוואַדראַט־קוביקאַרטיג. דער איינציגער דיפערענץ צווישען די אַטאָמען איז, וואָס אַיעדער פון זיי פערנעהמט אַ בעזונדערען טייל רוים. זיי האָבען אויך די פעהיגקייטען צו פעראורזאַכען אַ צופאַל. זיי בעוועגען זיך אין אַ לעדיגען רוים, און ווערען אָנגעצויגען פון דראַנג און דרוק. זייער עקזיסטענץ איז אָבהענגיג אָן דעם געטליכען געדאַנק. גאָט האָט זיי נישט געשאַפען נאָר בעגאַבט מיט די קרעפטען, אָדער אייגענשאַפטען וואָס זיי האָבען נייטיג פאַר זייער עקזיסטענץ. זייער דויער איז אַבהענגיג אָן דעם דויער פון דער וועלט. זיי קאָנען נאָר טאָטאַל אונטערגעהען ווען די וועלט געהט אונטער טאָטאַל.

וועגען דיעזען ענין שפּיעלט אין דער אַראַבישע ליטעראַטור דער "מורה נבוכים" פון רמב"ם אַ זעהר ברייטע ראָלע. לויט זיין לעהרע איז גאָט אַליין דער אַבסאָלוטער בעשעפער פון דער וועלט. דיעזע וועלט בעשאַפען פון פיעלע סאָרט סובסטאַנצען אָדער אַטאָמען, וועלכע זיינען בעגאַבט מיט אייגענשאַפטען. ווען דיעזע סובסטאַנצען ווערען צוטיילט צו אַטאָמען קאָנען זיי נאָר פערגרעסערען די צאָהל, אָבער זיי צוגיעסען זיך נישט אין אַ פליעסיגע גרויסקייט אַריין. זיי זיינען איינפאַך אונבעגרייפליך קליינע פונקטען. דיעזע קאָנען אָבער נאָר קומען צו אונזער בעגריף אין אַן אַגרעגירטען צושטאַנד, נישט פריהער ווי זיי פערנעהמען שוין אַ פּלאַץ אין אַלע דריי דימענסיאָנען. דאָס וואָס עס ווערט געזאָגט וועגען רוים איז אויך געזאָגט וועגען צייט. יעדעס אינדיווידועלע סובסטאַנץ בעזיצט אַלע נייטיגע אייגענשאַפטען צו פונקציאָנירען.

ביי די יודען

אַלע יודישע דענקער פאַר דעם רמב"ם האָבען געזוכט די פראַגע פון אַטאָם אויסצומיידען. זיי האָבען דעם אַטאָמיזמוס ענטוועדער איגנאָרירט אָדער, פאַרבייגעהענדיג זיך פון איהם אויסגעלאַכט. עס איז געוועזען דער רמב"ב וועלכער האָט געוואַגט די פראַגע אַריבער צו פיהרען אויף דער יודישע ביהנע. ער גיט אונז אין זיין מורה נבוכים (ע"ג) אַן אָבהאַנדלונג וועגען דעם אין 12 אָבטיי־

לונגען, פון וועלכע די ערשטע האַנדעלט איבער די עקזיסטענץ פון די אַטאָמען; די צווייטע, וועגען די עקזיסטענץ פון דעם לעדיגען רוים; די דריטע, וועגען דער צייט וואָס בעשטעהט פון קליינע צייט־טיילען; די פירטע, ווי יעדער אַטאָם איז בעגאַבט מיט אַ רייהע פון אָבוועקסלענדע צופעלע; די פינפטע, ווי דער אַטאָם האָט בעשטימטע אייגענשאַפטען אָהן וועלכע ער קאָן נישט עקזיסטירען; די זעקסטע, ווי דער אַטאָם קאָן זיך נישט געפינען אויף 2 צייט־טיילען; די זיבענטע, דאָס אַ קערפּער איז אַ קערפּער אויב ער האָט פּאָזיטיווע אייגענשאַפטען אָדער נישט; די אַכטע, אַז דער גאַנצער אוניווערזום בעזיצט נישטס מעהר אַלס אַטאָמען און צופעלע פון וועלכע אַלע פאָרמען פון דער וועלט זיינען ענטשטאַנען; די ניינטע, דאָס איין צופאַל איז קיין סוביעקט פון אַ צווייטען; די צעהנטע, דאָס די אונפעהיגקייט עפּעס צו בעווייזען איז קיין בעוויז געגען דער ווירקליכקייט; די עלפטע, דאָס די אונענדליכקייט איז אונמעגליך אויף אַלע אופנים; די צוועלפטע, די חושים טוישען אונז, און זייער בעגריף איז דערפאַר קיין באַזיס און קיין בעוויז.

צוזאַמענגענומען זיינען דעם רמב"ם'ס אַנזיכטען אונגעפעהר אַזוי:—

אין זייער אור־צושטאַנד זיינען די אַטאָמען פאָרמלאָז. זיי הייבען אָן צו קריגען אַ פאָרם מיט דער ערשטע פערבינדונג אונטער אַנאַנדער. דאָס ענטשטעהען אָדער דער אונטערגאַנג מיינט דאָסזעלבע וואָס אַ פעראייניגונג אָדער אַן אויפלעזונג פון דער פעראייניגונג. דיעזע אַטאָמען זיינען נישט פון אייביג אָן נאָר זיי זיינען געשאַפען. גאָט האָט זיי געשאַפען.

מאָדערנע צייט ביז איינשטיין

די אַריסטאָטעלישע אידעע פון די פיער יסודות האָט געהערשט צווישען די פילאָזאָפען ביז דעם 17טען יאָהר־הונדערט. דער ענגלענדער פראַנציס בייקאָן (1620) האָט דאָס וואָרט "פייער" געוועקסעלט אויף "היץ", און דער היץ צוגעשריבען דעם גרונד פון בעוועגונג. אין זיין Novum Organum זאָגט ער: די היץ פערגרעסערט זיך נישט פון זיכזעלבסט, נאָר ענטשטעהט דורך רייבונג, אויפרעגונג, אין דער געשווינדיגקייט איבער דעם קערפּער. אין דעם קערפּער וואוינט דער גייסט (נאַך דער היינטיגער אויפפאַסונג דער "עטהער") וועלכער זעצט די היץ אין דער בעוועגונג. ווען דער גייסט דרינגט זיך אַרויס אויף דער אויבערפלעך פון זיין קערפּער דריקט ער דעם פערלאָזענעם קערפּער צוזאַמען, און מאַכט איהם האַרטער. בלייבט אָבער דער גייסט אינווענדיג אויפגעהיצט אַזוי צושפּאַנט ער דעם קערפּער און מאַכט איהם ווייכער אָדער לויזער. אונטער דער שפּאַנונג דריקען זיך אַרויס פאָרמען, גלידער, און געשטאַלטען.— דעקאַרט, וועלכער שליעסט זיך אָן אַן בייקאָנס אידעע דאָס די היץ אין דער גרונד פון יעדע בעוועגונג, זאָגט: וואָס מיר קאָנען בעגרייפען איז פערשטענדליך און ריכטיג. מיר קאָנען נישט בעגרייפען די אידעע פון אַן אונטיילבאַרען אַטאָם וויל, ווי קליין ער זאָל נישט זיין, ווילט זיך אונזער שכל אויך איהם, צו פאַנאַנדער טיילען אויף נאָך קליינערע טיילען. און ווען אַפילו דאָס זאָל שוין מעגליך ווערען ווילט זיך שוין דעמאָלט דאָסזעלבע טהון מיט די נייגעטיילטע טיילען. אונזער ערשטער בעגריף וועגען אַן אַטאָם הויבט זיך ערשט אָן מיט דער ערגערעסערונג פון סובסטאַנץ אין אַ פערגרעסערטען רוים. דערפאַר האַלטען מיר אַז יעדער רוים איז געפילט מיט סובסטאַנץ. פון אָט דיעזען שטאַנדפּונקט אויס, לאָזט זיך זאָגען, אַז אין דיעזען אַלגעמיינעם סובסטאַנץ

געפינען זיך דריי עלעמענטען וועלכע פערענטפערן די אונרעגולאַריטעט פון די אור־פאָרמען וועלכע ענטוויקלען זיך מיט דער צייט, צו רעגולערע פאָרמען. דער ערשטער עלעמענט בעשטעהט פון די קליינסטע טיילכעלעך פון אונרעגולערע פאָרמען, וועלכע זיינען בעגאַבט מיט דער מעגליכקייט פאַר בעוועגונג; געוויסע טיילכעלעך פון דיעזע בילדען דורך דיעזע בעוועגונג דעם צווייטען עלעמענט. די פון צווייטען עלעמענט פילען אויס דעם רוים צווישען זיך דורך די רייבונג אויס זייער רונדע בעוועגונג, און דאַדורך שאַפען זיי דעם דריטען עלעמענט וועלכען מיר רופען: מאַטעריע. די זונן, די שטערען זיינען פון דעם ערשטען עלעמענט דער הימעל פון צווייטען, און די ערד מיט פלאַנעטען פון דעם דריטען. די צווייטע און די דריטע האָבען ווירבלענדע דרעהונגען אַרום זיך, און דיעזע ענטשטעהען אַלע בעוועגליכע קרעפטען וואָס מיר האָבען. סענזאַציעס זוונען אַ פּראָדוקט פון דיעזע בעוועג־קרעפטען.

ראָבערט באָילע האָט (אין 1666) געלייגט דעם ערשטען כעמישען פּרינציפּ אין דער אַטאָמיסטיק אַריין. אין אַ רייהע פון פיעלע אָבהאַנדלונגען זאָגט ער: עס זיינען דאָ אין דער וועלט אַ אונגעהייער גרויסע צאָהל פון אַטאָמען, יעדעס פאַר זיך איז צו־קליין געטיילט צו ווערען אָדער עמפּינדליך צו ווערען. בכדי דאָס צו זיין מוזען זיי זיין סאָליד, און מוזען האָבען אַ פאָרם. אויבוואויל מיר בעגרייפען מעהר נישט דיעזע קליינע טיילכעלעך ווייטער צו טיילען, מוזען מיר אָבער צוגעבען אַז ביי גאָט איז דאָס אויך מעגליך.

אור־צושטאַנד קאָנען מיר דערפאַר רופען: "פּרימאַ נאַטוראַליס" אָדער דאָס "נאַטירליכע מינימום". עס זיינען דאָ מענגעס פון קאָרפּוסלען (קליינינקע קערפּערלעך) וועלכע זיינען ענטשטאַנען דורך די פעראייניגונג פון נאַטירליכע מינימומס. אויך דיעזע זיינען אַזוי קליין, און זייער פערבינדונג איז נאָך אַזוי ענג, אַז אונזער כח זיי צו ערקלעהרען איז נישט פיין גענוג. דער אורשפּרונג פון דיעזער מאַטעריע איז פון איין סאָרט, די דיפערענצען האָבען איינגעטרעטען מיט די פערשיעדענהייטען פון די פאָרמען צו וועלכע זיי האָבען זיך ענטוויקעלט. ד.ה. אַז מיט דער אויפלעזונג פון די פאָרמען קומען זיי צוריק צו זייער אורשפּרינגליכער עגאַליטעט.

באָסקאָוויטש האָט געלערנט (1758) אַז דער אַטאָם איז אַ פּונקט, אַרום וועלכען עס געפינען זיך קרעפטען. ווען צוויי אַזעלכע אַטאָמען קומען זיך אין שכנות, נאָהנט גענוג פאַר זייערע קרעפטען זיך אָנצוציהען, פּאַסירט אַ פעראייניגונג. די קרעפטען קומען דער דער אויבערפלעך אויס דעם אינערען פון די אַטאָמען. די אַטאָמען זיינען אַלזאָ קאָמפּלעקסען (ז.ד.) און נישט סימפּלעקסען (ז.ד) פּאַראַדיי האָט דיעזע אידעע אויפגענומען און צו איהר צוגעפיגט אַז, מיר קאָנען דעם אַטאָם נאָר דורך זיין קראַפט, די קראַפט איז זיין פאָרשטעלונג, ער אַליין אָבער פילט דעם רוים. דערפאַר בלייבט ער אונזיכטבאַר. נאָך פּאַראַדיי האָט זיך לאָרד קעלווין אָנגעשלאָסען אַן באָסקאָוויטשעס אידעע. נעהמליך, אַז דערפאַר וואָס מען קאָן קיין אַטאָם בעגרייפען דאַרף מען זיך נאָר בעשעפטיגען מיט זיין קראַפט וואָס מען קאָן יאָ בעגרייפען. דער שכל אָבער לאָזט דאָס נישט צו. דער שכל איז שטענדיג גענייגט צו דענקען דואַליסטיש (וועגען די ווירקונג און אורזאַך) און נישט מאָניסטיש. סיידען, דער דואַליזמוס זעלבסט איז אַן אָבשטאַמונג פון אַ מאָנאָם.

אינמיטען פון 18טען יאָהר־הונדערט, ווען די כעמיע האָט גענומען אַנאַליזירען מעטאַלען און קריסטאַלען, האָבען די פילאָזאָפען געאיבט אַ שטרענגען איינפלוס אויף אויף דעם כעמישען פראָגרעס. אויף וויוויים זיי זיינען שוין נישט געוועזען אַוועק פון די אַריסטאָטעלשע לעהרען האָט זיך אַלץ באַזיי געדרעהט אין די קעפ די אידעע פון די 4 עלעמענטען. ווען די כעמיקער האָבען שוין גענומען אַנאַליזירען די לופט, דאָס וואַסער, און דאָס פייער; ווען די רעזולטאַטען האָבען גענומען ווייזען אַז אויך דיעזע קאָנען אַנאַליזירט ווערען, דעמאָלט ערשט, איז די וועלט בעפרייט געוואָרען פון אַריסטאָטעלס פיער עלעמענטען.

דאַלטאָן (1808) האָט דער כעמיע אָנגעגעבען איהר רשות בזה הלשון: די כעמיע קאָן זיך נאָר בעשעפטיגען מיט די פאַנאַנדער גלידערונג פון אַ קערפער ביז די קלעינסטע טיילען וואָס בילדען אַן אַטאָם. זי קאָן אויך פרובירען נאָכפאָרשען, אָדער העלפען אין דער ווידער פעראייניגונג פון פיעלע אויפגעלעזטע קליינע צו איין גרויסעס. זי קאָן אַבער נישט שאַפען קיין נייעס. אַ יעדער קערפער איז אַ קאָמפאָנד, אַ קאָמפאָנד בעשטעהט פון אַ גרופע אַטאָמען וואָס האַלטען זיך צוזאַמען דורך אַן אָנציהונגס־קראַפט אָדער אַ צוזאַמענדריקונג. די גרופירונג קאָן זיין פערשיעדען. צוביישפיעל: איין אַטאָם פון "א" מיט איין אַטאָם פון 'ב" קאָנען בילדען אַ דאָפעלטען אַטאָם אין "ג"; אָדער איין אַטאָם פון "א" מיט צוויי אַטאָמען פון "ב" וועלען בילדען אַ דרייפאַכיגען אַטאָם אין "ד". א.ז.וו. די כעמיע קימערט זיך נישט איבער די פילאָזאָפישע בעדייטונג פון דעם וואָרט אַטאָם. פאַר דער פילאָזאָפיע מעג עס הייסען דאָס אונטיילבאַרע, אין דער כעמיע איז גענוג אַז עס זאָל הייסען: דאָס קליינסטע (ז. "קינעטישע טעאָריע").

לאָרד קעלווין און העלמהאָלץ לערנען אַז, דער גאַנצער רוים איז פול מיט אַ בעוועגלאָזע, זעהר לויזע פייכטיגקייט וואָס אונטערשיידעט זיך פון דער אַלגעמיינע מאַסע דורך זיין דרעהען זיך. די רייבונג פון דער בעוועגונג מאַכט דיעזען רינג וואַנדערען פון זיך אין דער ווייטקייט אַריין. אַזוי ווי ער איז אורשפּרינגליך רונד אין זיין פאָרם איז דערפאַר זיין וואַנדער־צוג אויך אַ רונדער. ווען איהר מאַכט מיט אַ טהעעלעפעלע אַ שניט דורך אַ גלאָז טהעע, וועט איהר זעהען ווי אַ רונדקייט בילדעט זיך פוןביידע זייטען אין דעם שניט אַריין. דיעזע לעהרע ערקלעהרט אָבער נישט וויאַזוי אָדער וואָס האָט אָבגעטיילט אַ רינג פון דער אַלגעמיינער פייכטקייט? אָדער ווער האָט דעם רינג געגעבען דעם ערשטען שטויס זיך צו בעוועגען, און צו שאַפען די ערשטע רייבונג.

סער אָליווער לאָדזש, זיך שטיצענדיג אויף לאַרמאָר און טהאָמסאָן לערנט ער: אַ מאָלעקול איז אַ פעראייניגונג פון אַ גרופע אַטאָמען. די צוזאַמענהאַלטונג פון די אַטאָמען אין דעם מאָלעקול פאַסירט דורך די צוויי עלעקטרישע —די נעגאַטיווע און די פאָזיטיווע— קרעפטען וואָס וואוינען אין, און אַרום די אַטאָמען. דאָס ווערט בעוויזען דורך דעם פאַקט, דאָס מען קאָן דורך אַן עלעקטרישען שטראָם אויפלעזען אַ פליעסיגקייט. ד.ה. מאַכען אַ פליעסיגקייט פאַר אויספליעסיגקייט, אָדער צוריקטרייבען די פליעסיגקייט צו איהרע פריהעריגע עלעמענטען. די צוויי עלעקטרישע קרעפטען זיינען נישט אין דעם איינעם אַטאָם, נאָר זיי ענטשטעהן ביי דער צוזאַמענקונפט פון צוויי אָדער מעהרערע אַטאָמען. די אַטאָמען האָבען די

אייגענשאַפט דיעזע קרעפטען צו רעפראָדוצירען. מיט זייער צוזאַמענקונפט אין דעם מאָלעקול, ווערט די קראַפט פון איין אַטאָם די נעגאַטיווע, און די פון צווייטען, די פּאָזיטיווע.

עקספּירימענטען פון פאַראַדיי האָבען בעוויזען אַז ביי די פערניכטונג—אויפלעזונג—פון אַ פליעסיגקייט דורך אַן עלעקטרישען שטראָם, איז נייטיג אַ פּאַסענדער שטראָם צו יעדער פליעסיגקייט. דער שטראָם מוז אַלזאָ בערעכענט ווערען נאַך די צאָהל פון די אַטאָמען וואָס די פליעסיגקייט ענטהאַלט. אַלע וואַסער־שטאָפּיגע פליעסיגקייטען האָבען נייטיג איין סאָרט פון עלעקטרישען שטראָם. אַנדערע דאַרפען ענטוועדער דעמזעלבען שטראָם אָדער אַ דאָפּעלט זאָ שטאַרקען שטראָם. די אויפלעזונג פּאַסירט דאַדורך וואָס דער פון אויסען אָנגעווענדעטער שטראָם איז שטאַרקער, און זיין איבער־מאָס נעגאַטיווירט די עלעקטראָנען וואָס דער אַטאָם ענטהאַלט. די אינהאַלטענדע קרעפטען פון אַ מאָלעקול זיינען געפינען געוואָרען אַזוי קליין (1טייל' פון 1700) אַז מען האָט זיי אַנאָמען געגעבען "עלעקטראָנען" (ז.ד.)

אין די לעצטע 10 יאָהר (1921) האָבען די פיזיקער אויפגעשטעלט פאָלגענדע אַנזיכטען איבער דעם אַטאָם: ער איז דער לעצטער טייל וואָס טיילט זיך נישט מעהר, אָהן אַ אונערשיעד אויב ער איז אַן איינהייט אָדער אַ פעראייניגונג. אין איהם וואוינט אַן עלעקטראָן פון אַ פּאָזיטיווע נאַטור און ווערט צוזאַמענגעהאַלטען פון אַן עלעקטראָן פון אַ נעגאַטיווער נאַטור. דער נעגאַטיווער עלעקטראָן האַלט צוזאַמען דעם אַטאָם מיט זיין פּאָזיטיווען עלעקטראָן ווי דער צעמענט האַלט צוזאַמען די ציגעל. דורך דיעזע צוזאַמענהאַלטונג רעוואָלטירט דער אינערליכער פּאָזיטיווערעלעקטראָן און עקספּלאָדירט. די אונגעהייער פיעלע אַטאָמען מיט זייערע אונגעהייער פיעלע עקספּלאָזיאָנען בילדען צוזאַמען אַ דעמאָנסטראַציע ווי די בלעזעלאַך אין אַ קאָכענדען וואַסער. דער גאַנצער אוניווערזום איז פול מי זיי. און צוליעב זייער קליינהייט, פיעלהייט, און געדיכטיגקייט ערשיינען זיי אַלע ווי איין צוזאַמענהאַלטענדע מאַסע. זייער טהעטיגקייט ענשטעהט דורך דעם דרוק און דעם ווידערשטאַנד פון ביידע עלעקטראָנען. די צאָהללאָזע עקספּלאָזיאָנענלעך שאַפען די בעוועגונג פאַר ענטוויקלונג אָדער פאַר דער צערשטערונג וואָס עס געהט פאָר אין דעם אוניווערזום. זייענדי אַ פעראייניגונג און נישט אַן איינהייט, קען ער נישט בעטראַכט ווערען אַלס דער גאָר ערשטער. עס ווערט אַלזאָ נאָך ווייטער געפאָרשט אויף דעם עלעקטרישען געביעט, צו געפינען אויב עס איז נישט דער עלעקטראָן צו וועמען דער יחוס געהער. (ז."מאַטעריע").

אַטאָנו, אַן עגיפּטישער גאָט, דער גרעסטער אין דעם ערשטען געטער־קרייז, וואָס ווערט רעפּרעזענטירט דוירך די זונן (מאַפּעראָ), אין זיין דיענסט און אין זיין רעספּעקט פערגלייכט ער זיך צום" אַדאָנים". ער קומט דאָרטהין דורך אַ פּראָבע צו איינפלאַנצען דעם מאָנאָטעיזמוס אין עגיפּטען (טיעלע). די עגיפּטער האָבען אָבער אַזאַ אידעע נישט געקאָנט אויסהאַלטען און האָבען, לויט זייער דעמאָלטדיגען געטליכען בעגריף, אַטאָנו פערזאָניפיצירט גלייך צו אַלע אַנדערע פון זייערע געטער. זיי האָבען איהם נאָר געגעבען דעם העכסטען ראַנג. ער איז בעצייכענט געוואָרען אַלס דער הער פון אַלע פּלאַנעטען, אַלס דער העשער איבער דער ערד, דער בעלייכטער פון דער וועלט, דער אייביגער בעלעבער פון אַלעם וואָס עס לעבט. לעפּסיוס בעצייכענט איהם אַלס גאָט־קעניג. זיין כהן גדול האָט געהאַט דעם טיטעל: "אָרימאַו"

דיעזער איז געוועזען אין אויטאָריטעט נעקסט צו פּרעה, דער העכסטער אין שטאַאַט.

אָטאַני גענעראַל **קיקוזאַ**, דער פיהרער פון די יאַפּאַנעזישע סאָלדאַטען וואָס יאַפּאַן האָט געשיקט געגען די באָלשעוויקעס אין װלאַדיוואָסטאָק, צו זיכערען די אינדעפּענ־דענץ פון די טשעכאָ־סלאָוואַקען. זיין אַרמיי איז בעשטאַנען פון 18,000 מאַן שטאַרק. ער האָט זיך מיט זיי געשטעלט אויף דער ענג־לישער זייט נאָך איידער די אַמעריקאַנער מיט די פראַנצויזען זיינען אָנגעקומען אין װלאַדיוואָסטאָק (אַוגוסט 1918). עס האָט שוין געהאַלטען זעהר שלעכט מיט די אַלירטע טרופּען ווען אָטאַני האָט איבער־גענומען די אַטאַקע. ער האָט אָהן לאַנג צו צעגערען זיך אַלאָזגעטהון אויף דער אייזענ־באַהן, צו אונטערלויפען די באָלשעוויקעס הינטער זייער רוקען. ער האָט גלייך פערכיפּט צוויי געפאַנצערטע באַהנען פון די באָלשע־וויקעס, איבערגעבראָכען זייער ליניע. דאָס האָט געצוואונגען די באָלשעוויקעס צו לויפען צוריק. ער האָט זיי אַזוי שנעל נאָכגעיאָגט דאָס זיי זיינען אַרויס פון זייער הויפּ־קוואַטיר אין כאַבאַראָווסק, איידער זיי האָבען דערוויזען צו צערשטערען די בריק.

אָטאַנע, אַ פּערזישער רייכער נאָבעל־מאַן אַ פּאָרקעמפער פאַר אַ פּערזישע דעמאָקראַטיע אין 521 פּיצר׳. אַלס ער איז געוואָר געוואָרען פון זיין טאָכטער, אַז סמערדעס פאָרבערייט זיך צו פערכאַפּען דעם פּערזישען טראָהן האָט ער געמאַכט אַ קאָספּיראַציע געגען איהם און געגען זיינע אָנהענגער, און זיין פּלאַהן איז אויך געלונגען. זיינע מיטהעלפער האָבען איהם געוואָלט קדויהנען אַס קעניג האָט ער זיך פון דעם כבוד ענטזאָגט. ער האָט זאָגאַר געווירקט אויף זיינע קינדער זיי זאָלען נישט טראָגען קיין קרויהן אויף זייער קאָפּ. בלויז פאַר דיעזען צוועק האָט ער זיך געלאָזט צו־ריידען צו האַלטען צו האַלטען די אויבער קאָמאַנדאָ איבער דאָס מיליטער.

אָטאַנע, אַ פּערזישער ריכטער אין 506 פּיצר׳. דער זוהן פון אַ ריכטער וועלכען דער קעניג קאַמביזעס האָט געלאָזט הרגנען, זיין הויט אָבשינדען, מיט דיעזע הויט געלאָזט איבערציהען דעם ריכטער־שטוהל, און בעפוילען, אַז דער זוהן זאָל בלייבען ריכטער אויף זיין פאָטערס אָרט און ער זאָל זיצען אויף דיעזען שטוהל. בעת פּערזיען האָט אָנגעהויבען איהר עראָבערונגס מאַרש איז אָטאַנע געוואָרען דער פעלד־מאַרשאַל, און דורך זיין האַנד זיינען בעזיעגט געוואָרען ביזאַנטום, כאַצעדאָן, אַנטאַנדרול, לאַמפּאָניום און די אינזלען עמנאָס און אימברל.

אָטאָססאַ, די טאָכטער פון צירוס, פרוי פון דאַריוס (דריוש), און מוטער קסערקסעס (אַחשורש). אַלס זי איז פון דעם גריכישען

שרייבער דעמצעדעס שלעכט בעשריבען גע־ווארען האט זי אנגערייצט איהר פאטער צו בעפאלען גריכענלאנד. אספאסיוס זאגט אז, זי איז פון איהר משוגע'נעם זוהן גע'הרגט געווארען, און ער האט איהר אויפגעגעסען.

אטא-ינסיק, אין דער נארד־אמעריקאנער מיטאלאגיע: דער נאמען פון די מוטער פון אלע מענשען. זי האט פריהער געלעבט אין הימעל. דערפאר וויל זי האט זיך געלאזט פערפיהרען פון האגאהואהא איז זי ארונטער געשליידערט געווארען אין ים אריין. א שילד־קראט האט איהר גענומען אויף זיין רוקען. די פיש האבען פאר איהר געבויט אויף זיין רוקען די ערד. זי איז די מוטער פון טוידט, פון פיינדזעליגקייט, און זי שפייזט זיך פון שלאנגען. זי איז יעצט ווידער אין הימעל, זי שפייזט זיך דארט מיט די שפייז וואס די טוידטע ברענגען מיט זיך פון דיעזע וועלט. דערפאר לייגען יענע שבטים שפייז אין די קברים פון זייערע טוידטע.

אטאפאלק, (אינד. מיטאל.) נאמען פון איינעם פון די 7 אויבערשטע הימלען, וואו עס געפינען זיך די נשמות, שדים און רוחות

אטאציליוס פיליטוס, א רוימישער רעטאריקער וועלכער האט געלעבט אין 81 פיצר'. איז פריהער געוועזען א שקלאף, ער איז געשטאנען אנגעבונדען ביי דער טיהר פון זיין הערען אלס א טיהר־היטער. זיין בעזיצער האט איהם געפינען אינטעלי־גענט גענוג איהם צו בעפרייען, און איהם צו לאזען לעבען אלס א פרייען מענשען. אטאליציוס האט זיך גענומען האסטיג צו שטודירען, אין איניגע יאהר האט זיין בעזיצער איהם שוין געפינען אלס א לעהרער אין א רוימישע שוהלע פון רעטאריק. פאמ־פעוס מאגנוס איז געוועזען זיין שילער. אטאציליוס האט געשריבען די געשיכטע פון פאמפעי אין 7 בענד. קארנעליוס נעפאס זאגט אז ער איז געוועזען דער ערשטער בעפרייטער שקלאף וואס האט געשריבען א געשיכטע.

אטאק, (Phoca Croenlandica) א גאטונג פון די ים־לייבען פאמיליע, וואס איז אויך בעקאנט אונטער דעם נאמען די "הארפע" צוליעב די קאליער פון זיין הויט.



זיין גאנצע הויט איז גרוי־ווייס. איבער די זייטען און איבער דעם רוקען ציהען זיך שווארצע פאסען פון די אקסעל אין א פליגעל־פארמיגע בויגונג ביז צום עק. די מארדע האט דיזעלבע שווארצקייט וואס די פאסען. ביי די יונגע איז די מארדע ווייס, זי ווערט שווארצער מיט דער שטייגענדע עלטער. די ענדערונג פון דער קאליער הויבט זיך אן מיט דעם פינפטען יאהר. די גריענלענדער האבען פאר איהם פערשיעדענע נעמען אין זיין פערשיעדענע עלטער־צייטען. אלס קינד הייסט ער "אטאק", אלס אן איינ־יעהריגער "אטאראק", אלס צוויי־יעהריגער "אטעיסי־אק", אלס דריי־יעהריגער "אגלעטאק", אלס פיער־יעהריגער "מילעטאק", און אלס פינפ־יעהריגער "אטארסאק". די אורזאך פאר דיעזע פערשיעדענהייט ליגט אין דעם פאקט וואס זיינע קאלירען ענדערען זיך פון יאהר צו יאהר ביז דעם פינפטען יאהר.

זיין לעבענס ווייזע צייכענט זיך אויס פון אלע ים־לייבען דאמיט וואס ער קומט

ווניג אויף דער יבשה. ער לעבט אויף די שווימענדע אייז־בערג אָדער אויף אייז־אינלעז. ער ווערט געפינען אין דער קאָמפּאַני פון גרויסע גרופּען, אונטער די לייטונג פון אַ פיהרער, און אַלע בעוועגען זיך אַרום דעם פיהרער מיט בעמערקליכער געהאָרכזאַמקייט. איינצעלנע פון זיי געפינט מען אויסגעשפּרייט אַרום דער גרופּע, ווי זיי וואָלטען וואַכען איבער אַ סכנה. ווען ער פיהלט זיך זיכער שלאָפט ער אויף דעם אייז זעהר האַסטיג. ווערט ער פּליצים אָנגעגריפען ווערט ער זיך נישט. זיין וואוקס איז פון 7 ביז 8 פוס לאַנג, און פּראָפּאָרציאָנעל אין דער דיקהייט.

פאַר דעם האַנדעל איז ער וויכטיג צוליעב זיין אויל. ער איז מערקווירדיג פעט. פיעל מעהר אַלס די ים־לייבען. זיין פעל איז אויך אַ גוטער האַנדעלס־אַרטיקעל אַבער נישט אַזוי גוט ווי די פון די אַנדערע אויס זיין קלאַס. די מוטער ברענגט אין איהר לעבען זעלטען מעהר אַלס צוויי קינדער אויף איינמאָל. ער לאָזט זיך זעהר לייכט צאַמען. ער צייגט זיך אינטעליגענט אין זיין שפּיעלען זיך מיט אַ הונד. ער שווימט שטענדיג אויף זיין רוקען.

אטאַקאַמאַ, אַ נאָרדליכע פּראָווינץ אין דער רעפּובליק טשילי. איז 30,711 □ מיילען גרויס מיט אַ בעפעלקערונג פון 63,893 איינוואוינער. האָט פיעלע זילבער און קופּער מינען. אויך גאָלד, אַבער נישט אין צאָהלבּאַרע קוואַנטיטעטען. האָט אַ זאַלץ־לאַגער פון 50 קוואַד. מיילען. די הויבט־שטאָדט פון דיעזער פּראָווינץ איז קאָפּיאַגאָ.

אטאַקאַמאַ, אַ מדבר אויף דער וועסטליכע קיסטע פון זיד־אַמעריקאַ. אַמאָל געוועזען אונטער דער הערשאַפט בון באָליוויאַ, היינט איז זי אונטער טשילי. ליגט צווישען דעם טייך אַנדעס און דעם ים, איז צווישען 3 ביז 5,000 פוס איבער דעם ים־שפּיגעל. די פלאַכע טיילען האָבען אויך פיעלע בערג אָבער קיינע טאָלען. אַ פּאָאַר אויסגעטרוקענטע זאַלץ־טייכען געפינען זיך דאָרט מיט אַ לאַגער פון 1084 קוואַדראַט מיילען זאַלץ.

אטאַקאַמיט, (Atacamite) אַ קופּער־אַרטיגעס מעטאַל וואָס געפינט זיך צווישען די לאַוואַ אַרום דעם וועזופּיוס, זינד ער האָט אויסגעבראָכען אין די יאָהרען 1804, 1820 און 1822. געפינט זיך אויך אין פּערו, אין סאַנטאַ ראָזאַ, און אין נאָך איינינגע שטעדט פון טשילי. אין באָליוויאַ איז ער געפינען געוואָרען אין שכנות מיט זילבער. ער ווערט געפינען אין אַ קריסטאַלענעם פאָרם, אין שטויביגען און אין קערניגען פאָרם. ביים פעראַרבייטען דעם רויהען אַטאַקאַמיט קומט אַרויס פון איהם צווישען 55 ביז 60 פּראָצ. קופּער.

אטאַר, אַן עגיפּטישע געטין. איהר נאָמען בעדייטעט = "אור־נאַכט". איז בעטראַכט געוואָרען אַלס דער פּרינציפּ פון דעם "אונבעוואוסטזיין", אויס וועלכען די ערשטע אורזאַך איז ענטשטאַנען. זי איז פערעהרט געוואָרען אין אַטריבים אויף דער דעלטאַ. אויף די היראָגליפען ווערט זי אָבגעבילדעט אַלס אַ פּרויענצימער מיט אַ שפּיעז אין דער לינקע האַנד און אַ טויב אין דער רעכטע. עס ווערט נאַכגעוויזען אַז די גריכען האָבען איהר פון אַטריבים איבערגענומען און האָבען איהר גערופען אַפּראָדיטע, און די רוימער האָבען איהר געדיענט אונטער דעם נאָמען פון ווענוס. ביי אַלע דריי איז זי געוועזען דער סימבאָל פון פּרוכטבאַרקייט.

אָטאָקאָרי, אַ פויגעל פון לערכען קלאַס וועלכער איז היימיש אין פּערזיען, פיעל אין ערזערום, און אין נעבען ליגענדע געגענד.



(Otcoris penillatus)

ער צייכענט זיך אויס מיט זיין מאַטע בלײשטיפּט קאָליער פון זײַנע פעדערען. דער אויבערער טייל פון זיין קערפּער איז דונקעלער, און דער אונטערשטער העל אַש־גרוי. די פליגעל האָבען אויך ברוינע שטריכען און פלעקען. דער שטערען, די ברוסט און שטעלען פון דעם אונטערלייב זיינען ווייס. דער עק איז דונקעל־ברוין.

אַטאַקי אַ שטעדטעל אין בעסאַראַביאַ, אויף דער רעכטער זייט פון דניעסטער, געגענאיבער מאָהילעוו. פון די 1000 איינוואוינער זיינען געווען איבער 800 יודישע וועלכע זייַנען אין דער לעצטע וועלט־מלחמה כמעט ווי אָבגעווישט געוואָרען.

אַטאַקס, נאָמען פון אַ וואַסער־חיה געקלאַסיפיצירט צווישען די וואַסער־מילבען. ביי לעונים אין די ערשטע רייהע פון די 4 גאַטונג, פון וועלכע אַלע זיינען פּאַראַזיטען אין דער יוגענד.

דער קערפּער איז ווייך און איי־פאָרמיג. ער האָט לאַנגע גרייפער, צו 4 אין אַ זייט, דער פירטער איז דער לענגסטער. איז בעגאַבט מיט שווים־האָר אַרום די גרייפער. זיין קאָליער איז ווייס מיט קליינע ברוינע פלעקען. די ציפערען 1,2,3,4 ווייזען דער באַזיס פון די אָבגעשניטענע גרייפער, פון וועלכע די נישט אָבגעשניטענע געפינען זיך



אויף דער זייט געגענאיבער. נומער 2 ווייזט דאָס געשלעכטס טייל. די צוויי אויגען זיינען ענג צוזאַמען.

אַטאַקסיאַ לאָקאָמאָטאָר, נאָמען פון אַ קראַנקהייט אין וועלכער געוויסע טיילען פון קערפּער הערען אויף רעגולער מיטצואַרבייטען מיט דעם גוף. דער אָנהויב איז שטענדיג ביי די אונטערשטע מוסקעל־טיילען, פּראָגרעסירענדיג גראַדועל ביז די אָרעמס. דער פּאַציענט שפּאַצירט אונרעגולער. ער וואַקעלט זיך, ער לויפט אָדער געהט. זיינע שריט זיינען נישט מעהר טאַקטיש, אַמאָל געהט ער מיט צעשפּרייטע פיס און אַמאָל

מיט ענג צוזאַמענהאַלטענדע. מיט דער פּער־
גרעסערונג פון דער קראַנקהייט פיהלט זיך
דער ליידענדער ווי געצוואונגען צו האַלטען
די אויגען געפּיקסט אויף די פּיס. אויך
זיינע אָרימס פּערליערען זייער טאַקטישע
בעוועגונג. נעבען דעם קלייבען זיך נאָך צו
פערשיעדענע אַנדערע קראַנקהייטען. דער
אורין געהט אונרעגולער, אויך מיט פּער־
לוסט פון ספּערמאַ. — די אורזאַך איז
מעהרסטענטיילס אונגעהיילטע ערקעלטונג,
צו־שווערע אַרבייט, אונגעניגענדע שפּייז,
אָדער אַ שווער געדריקטעס געמיטה. דער
צושטאַנד איז וואָס דאַס בלוט ענדערט זיך.
עס טרעטען אַריין גלאָבולען פון אויל
אין דעם בלוט אַריין.

אטאקע, אין דער מלחמה ווערט יעדע
אַטאַקע געפּיהרט אויף אַ געוויסען פּאַראַוּיס
בעשטימטען פּלאַהן. דער פּלאַהן ווערט פּער־
טיילט אין פערשיעדענע צווייגען, און דאַס
מיליטער וועלכעס ווערט בעשטימט די אַטאַקע
אויסצופיהרען ווערט אויך געטיילט צו
אַזוייפיעלע טיילען, און יעדען טייל פון
מיליטער ווערט געגעבען זיין טייל פון דעם
גאַנצען פּלאַהן אויסצופיהרען. יעדער טייל
האָט זיין קאָמאַנדיר, און ער ווערט פּעראַנט־
ליך פאַר זיין טייל פון פּלאַהן, און מוז
איהם אויספיהרען צו אַ בעשטימטע צייט.
אין דעם גרונד־פּלאַהן געפינט זיך אָנגעגעבען
די צייט ווען אַלע טיילען מוזען זיך צוזאַ־
מענטרעפען אויף די בעשטימטע פּלעצער.
יעדער גרופּע ווערט איבערגעגעבען אַזאַ שטיק
אַרבייט וואָס איז איהר מעגליך אויסצופיהרען
די אויפגאַבע ווערט געשעצט אויף די
מעגליכקייט פון דער גרופּע אָהן צו רעכנען
אויף די הילפע פון דעם צענטראַל קוואַרטיר.
ביים מאַרש צו דער אַטאַקע ווערט אויך
די שוועריגקייטען פון שלעכטע שאָסעען,
און שווערע וועגען פון בערג און טאָלען.
אין אַנבעטראַכט גענומען. די גרופּע וואָס
טרעפט גוטע שאָסעען ווערט צוריקגעהאַלטען
אויף דעם וועג זי זאָל נישט אָנקומען
פריהער אויף איהר בעשטימטע שטעל פאַר
פאַר יענע וואָס האָבען אַ שלעכטען וועג.

אין דער אַטאַקע טאָר קיין זיעגענדע
גרופּע ווייטער איינדרינגען אין דעם פיינד־
ליכען לאַגער פריהער, ביז די אַנדערע גרופּען
פון זעלבען חיל, האָבען עבענפאַלס דערגרייכט
זייער ציעל. זיי בלייבען דערווייל גרייט
אויף אַ סיגנאַל, צו העלפען די אַנדערע
גרופּען וועלכע נייטיגען זיך אין זייער
הילפע, אַזוי אַז דאָס חיל זאָל נישט
טיילוויז געבראָכען ווערען. זיינען אָבער
אַלע זיעגרייך, דאַן דאַרף דער קאָמאַנדיר
איבעראָרגאַניזירען די גאַנצע אַטאַקירענדע
מחנה, און אָבוואַרטען צו פערטיידיגען זיך
געגען אַ קאָנטער־אַטאַק. ווען דער קאָנטער־
אַטאַקע ווערט אויך געשלאָגען, דאַן ווערט
דאָס גאַנצע חיל קאָמאַנדירט דעם שונא
ווייטער צו יאָגען. דער פּלאַהן פאַר דעם
ווייטערען פאָרטשריט ווערט שוין איבערגע־
לאָזען צו קאָמאַנדיר וואָס האָט די אַטאַקע
זיעגרייך דורכגעפיהרט.

אטאראקסיא, אַ רוהיגעס געמיטה,
געלאַסענהייט.

אַטארו, אַ הויב־שטאָדט פון דער יאַפּאַ־
נעזישע פּראָווינץ האָקיאַדאַ. ליגט אויף דער
זידליכע זייט פון דעם גרויסען טייך אי־
שיקאַרי. איז פערבונדען דורך אייזענבאַהן
מיט די קויהלען־מינען פון אישיקאַרי און
מיט סאַפּאָראַ. האָט אַ האַפען מיט אַ גרויסע
מאַרין סטאַנציע. די בעפעלקערונג אין 1920
איז געוועזען 91,000 איינוו. זייער הויבט
בעשעפטיגונג איז געררויכערטע און געזאַל־
צענע פיש. דאָרט געפינען זיך נאָך אונער־
פאָרשטע אַרכעאָלאָגישע געגענשטענדע.

אָטאַריאַ יובאַטאַ, (Otaria Jubata) אַ גאַטונג פון די ים־לייבען וועלכע צייכענט זיך אויס מיט די אויסערע אויערען, און דערמיט וואָס זיינע פאָדערשטע פיס זיינען מעהר אַוועק פון קאָפּ ווי ביי די ים־לייבען. די הייטלעך פון צווישען די פינגער פון זיינע הינטערשטע פיס גרייכען ביז צו די שפּיץ־פינגער. דער גרעסטער פון זיי וואָס איז געפאַנגען געוואָרען האָט געהאַלטען אין מאָס 15 פוס און האָט געוואויגען 1,600

פונט. געפינט זיך ביי די אָסטליכע ברעגעס אין קאַמטשאַטקאַ. ווען דער ווינטער קומט אָן וואַנדערט ער נאָרדליך. דער קאָפּ איז גרויס, די אויגען זעהר גרויס, די הויט דיק, די האָאָר שטייף. ער אַנטלויפט פאַר דעם מענשען, אָבער אַז מען רייצט זיך מיט איהם, שטעלט ער זיך אַוועק פערטיידיגען. ער לאָזט זיך צאַהמען. איז אין דער נאַטור פּאָליגאַמיש. בעאויבאַכטונגען האָבען געצייגט אַז מעהר ווי צוויי אָדער דריי נקבות ניצט ער נישט.

אַטבאַראַ, אַ ראַשענדער טייך וואָס פליעסט אַריין אין דעם נילוס מיט רויט־שמוציגעס וואַסער. הויבט זיך אָן אין אַבעסיניען, וואו ער הייסט טאַקאַזע, און נעהמט זיך אויף דעם לינקען צופלוס פון דעם גאַאַנג, און פון דעם מאַרעב אויס נוביען. דעם נילוס גרייכט ער ביי בערבער, וואו עס גיעסען זיך אַריין דער בלויער און דער ווייסער נילוס. אויף דיעזער שטעלע זיינען די מחנות פון די קאַליפען געשלאָגען געוואָרען פון דעם ענגלישען קאָמאַנדיר לאָרד קיטשנער אין אַפּריל 1898. אין דעם זעלבען יאָהר איז די אייזענבאַהן פון סודאַן אַהער געצויגען געוואָרען, און דער ענגלישע זיעג איז דאַדורך קאָמפּלעט געוואָרען. אין 1899 איז די אייזענבאַהן פון דאָנען פערלענגערט געוואָרען נאָך קאַרטום. אַן אייזערנע בריק איבער 12000 פוס לאַנג איז געצויגען איבער דער אַטבאַראַ פון ענגלישע מיליטער־אינזשעניערען.

אָטד (ביבל. געאָגר.) אַן אָרט בעבר לירדן, וואו די לויה פון יעקב אָבינו האָט זיך אָבגעשטעלט בעוויינט צו ווערען פאַר 7 טעג. דערפאַר איז דער פּלאַץ שפּעטער גערופען געוואָרען: אבל־מצרים (בראשית. נ׳).

אַטהאַבאַסקאַ, אַ טייך אין דער נאָרד־וועסטליכער זייט פון בריטיש נאָרד־אַמעריקאַ ער איז פון אָסט נאָך וועסט 230 מיילען לאַנג, און דורכשניטליך 20 מיילען ברייט. הויבט זיך אָן אין די ראָקי־מאַונטיינס, לויפט דורך דעם סלייוו־ריווער, אַריין אין דעם מ׳קענזי ריווער. ער קרייצט זיך דורך די גרענצען פון דעם אַלבערטאַ דיסטריקט, און בריטיש קאָלומביאַ.

אַטהאַבאַסקאַ, (Athabasca) אַ דיסטריקט אין נאָרד־וועסטליכען קענעדע, געגרינדעט אין 1882 און פערגרעסערט אין 1895. ענטהאַלט יעצט 261,965 □ מיילען, דערונטער 8,805 □ מיילען וואַסער. גרענעצט זיך אויף דער נאָרדליכע זייט מיט דעם מ׳קענזי דיסטריקט, אויף דער אָסטליכע מיט דעם קיעוואַטין, אויף דער דער זידליכע מיט סאַסקעטשעוואַן, און אויף דער וועסטליכע מיט בריטיש קאָלומביאַ. די אַ. דיסטריקט איז בעוואַסערט הויבטזעכליך פון דעם טייך "אַטהאַבאַסקאַ" (ז.ד.) און די טייכען:

פיעם און ריינדיער. דאָס קלימאַ איז פערשיעדען. אין אַלגעמיין איז דער שניי און רעגען זעהר מעסיג. דער רעגען קומט אין דער ריכטיגער צייט. די ערד איז אויף דער וועסטליכע זייט זעהר פרוכטבאַר פאַר ווייץ, קאַרטאָפעל און אַנדערע גריענע שפייז. דער אָסטליכער, זייענדיג אַ פעלזען־מדבר, איז שוין נישט אַזוי פרוכטבאַר. האָט פיעלע וועלדער פון פערשיעדענע האָלץ. די מאַיאָריטעט פון די בעוואוינער זיינען אינדיאַנער, וועלכע לעבען פון יאַכט. אימיגראַנטען האָבען איינגעפיהרט דעם אַקערבוי און אַנדערע אינדוסטריען, די איינגעבוירענע האָבען געפינען ביי דעם פיעל בעשעפטיגונג. די הויבט־שטאָדט איז דאָנוועגאַן.

אַטהאַבאַסקען, דאָס פאָלק וואָס לעבט אין "אַטהאַבאַסקאַ" (ז.ד.), זיי זיינען פון אַן אינדיאַנער אַבשטאַמונג. זייער לעבען איז נאָך יעצט פרימיטיוו. איידער די ווייסע זיינען דאָרט אָנגעקומען האָבען זיי געהאַט אַ ווייבער קאָמוניזמוס בלויז פאַר דעם געשלעכטליכען פערקעהר. פאַר דעם עקאָנאָמישען צוועק, איז יעדעס ווייב געוועזען אַן אַרבייטענדער שקלאַף צו איהר מאַן ביז איהר לעצטען אַטעם־צוג. ביידע געשלעכטער האָבען קיין גרויסען חשק פאַר פערגעניעגענס. זיי בעגניעגען זיך מיט אַ זאַטען מאָגען. אַז זיי געפינען נישטס אויף דעם געיעג פאַר אַ צייט וואַנדערען זיי ווייטער פון דעם אָרט. זיי פרעגען נישט, צו וועמען די טעריטאָרי בעלאַנגט. וואָהין זיי קומען דאָרט איז זייער היים. רייך: הייסט איינער וואָס בעזיצט אַ שנור גלאָז־פערל. אָרים: איינער וואָס האָט קיין גלאָז־פערל.

אַטהאַיאָנע=לייבענבעזאָרגער. אינצווישען די נאָרד־אַמעריקאַנער פעלקער איז איינגעפיהרט אַ מנהג, אַז אין יעדע פאַמיליע איז פאַראַן איינער וואָס בעזאָרגט די מתים פון דער פאַמיליע. "אַטהאַיאָנע" איז זיין נאָמען. ער געהער צו די הייליגע ווייל, זיי גלויבען אַז ער שטעהט נאָהנט אין בעציהונג מיט די פערשטאָרבענע אויף יענער וועלט. זיין פליכט איז דעם טוידטען צו וואַשען, אָנקליידען, דעם קבר צו גראָבען, און איהם בעהאַלטען. שפּעטער, צו הזכרות נשמות, דאַרף ער אויסגראַבען די ביינער, זיי ריינוואַשען און פאַרבען ווייס.

אַטהאַמאַנטאַ, אַ באָטאַנישער נאָמען פאַר אַ פלאַנץ פון דער דער גאַטונג "אומבעליפעראַ" (ז.ד.) פון וועלכע עס געבען נאָך 9 פאָרמען. אַלע זיינען זיי הערבען. בליהען צווישען יאַנואַר און יולי. זיי געפינען זיך אין דייטשלאַנד, ענגלאַנד, סיציליען, קאַנדיאַ און טיילמאָל אויך אין סיביריען. זי טראָגט

דיעזען נאָמען צוליעב דעם וואָס זי איז צוערשט ענטדעקט געוואָרען אויף דעם באַרג אַטהאַמאַס. אַנדערע זאָגען ווייל, דער קעניג אַטהאַמאַס פון טהעבען האָט איהר געלאָזט קולטיווירען. אין ענגלאַנד הייסט זי: ספינגעל אין פראַנקרייך: ל'אַטהאַמאַנג, אין דויטשל.: הירש־וואורצעל און אין האָלאַנד, איטאַליען, און שפּאַניען לויט דעם לאַטיינישען ווי אויבען.

אָטהאָ מאַרקס סאַלוויוס, אַ רוימישער אימפּעראַטאָר אין יאָהר 69 פון יצר'. אַ ליבעלינג פון קייזער נעראָ, וועלכער האָט איהם אין די ערשטע יאָהרען געשטראָפט

דערפאַר ווייל ער האָט זיך נישט געוואָלט שיידען פון זיין שעהנע פרוי פּאָפּעאַ וועלכע נעראָ האָט געליעבט. 10 יאָהר האָט אָטהאָ געדיענט אונטער נעראָ, שטענדיג האָט ער געהאָפּט אַז נעראָ וועט זיין ווייב פריי לאָזען נאָר, ווען ער האָט איינגעזעהן אַז די האָפ־נונג טוישט איהם, האָט ער זיך אָנגעשלאָסען אָן דעם אויפשטאַנד פון גאַלבאָס געגען נעראָ. דאַביי האָט ער אויך אין זינען געהאַט אַז, אין דיעזען אויפשטאַנד ליגט אויך אַ געלעגענהייט פאַר איהם צו ווערען געקרוינט אַלס אימפּעראַטאָר ווען נעראָ איז בעזיעגט, אַבער, ער האָט דאַרויף לאַנג נישט געקאָנט וואַרטען, ער האָט באַלד נאָכדעם פערזאַמעלט אַ גרופּע פון זיינע סאָלדאַטען אין פאָרום,



האָט זיך פון זיי געלאָזט קרוינען אויף גאַלבאָס אָרט, גאַלבאָס איז אויף דער שטעלע דערשטאָכען געוואָרען, און אָטהאָ איז גע־בליבען דער הערשער איבער גאַנץ רוים. אין דייטשלאַנד איז דאָס מיליטער דעמאָלט גע־שטאַנען אונטער דעם בעפעהל פון וויטעלוס. דיעזער האָט גלייך קאָמאַנדירט צוויי לייטע־נאַנטען וואַלענס און צעציונאַ זיי זאָלען אַבמאַרשירען נאָך איטאַליען. אָטהאָ האָט זיך ענערגיש פערטהיידיגט געגען זיי, אַבער ער איז שטאַרק געשלאָגען געוואָרען ביי בעד־ריאַקוס. אין דעם נעקסטען טאָג האָט אָטהאָ בעגאַנגען זעלבסמאָרד אין 16טען אַפּריל פון 69. ער האָט אַלזאָ געהערשט בלויז 3 מאָנאַטען, ווען ער איז אַלט געוועזען בלויז 37 יאָהר.

אטהאמביא (פילאָז.) די אינערליכע אונערשראָקענהייט, דער רוהיגער צושטאַנד פון דער נשמה, די אינדיפערענץ צו דאָס אויסערליכע, די בעוואוסטזיניגע רוהיגקייט. (ז. "אַפּאַטהיאַ").

אטהאנאגליד דער פיערצענטער וועסט־גאָטישער קעניג אין שפּאַניען. איז פריהער געוועזען אַן אָנפיהרער פון אַן אויפשטאַנד געגען דעם קעניג אַגילאַ. יוסטינאַן האָט געשיקט דעם פּאַטריצער גענעראַל לובעריוס איהם צו העלפען. לובעריוס האָט בעזעצט אַלע האַפענס פון שפּאַניען, אַגילאַ איז אויף דיעזער וויזע בעזייטיגט געוואָרען און אַטהאַנאַגליד האָט בעקומען די מלוכה איבער שפּאַניען. מורא האָבענדיג אַז יוסטינאַן זאָל שפּעטער ווידער איהם נישט אַראָבזעצען האָט אַטהאַנאַגליד בעפוילען אַז לובעריוס זאָל צוריקציהען זיין מיליטער פון שפּאַניען. זעהענדיג אַז זיין בעפעהל איז איגנאָרירט געוואָרען האָט ער די רוימישע אַרמיי פון דאָרט אַטאַקירט און זיי שטאַרק געשלאָגען. אָבער נישט געקאָנט זיי פערטרייבען. ער איז אַבער גלייך אַטאַקירט געוואָרען אָסטליך פון די מעראָווינגער און וועסטליך פון די אַריאַנער. זיין קאַמף געגען קייזער יוסטי־ניאַן האָט געדויערט (554—567) פּירצעהן יאָהר פון איהם צוריקצוגעווינען די פער־לוירענע פּראָווינצען. ער האָט פאַר דיעזען צוועק פערהייראַט זיין טאָכטער ברונהילד מיט זיגיבערטאון די צווייטע גאַלינסווינ־טהאַ מיט שילפּערען, זיי זאָלען איהם העלפען. אַבער זיי האָבען איהם ביידע בלויז אָבגענאַרט. ער האָט געקעמפּט אַזוי לאַנג ווי ער האָט נאָך נישט איינגעזעהן אַז ער איז ערלוירען. נאָך דעם לעצטען שלאַכט, איז ער פון גרויס עגמת-נפש געשטאָרבען.

אַטהאַנאַזיאַ, (גריכיש Athanasia) אַ שטענדיג וואַקסענדער שטרויך, פון די ציער־פלאַנצען פאַר בוקעטען. געפינען אין



דער קייפּ פון זיד־אַפריקאַ אין 1723 פון די איינגעבוירענע, און ביז היינט זיינען 10 נייע פון דיעזער גאַטונג נאָך צוגעקומען. 2 פון זיי זיינען דאָ אָבגעבילדעט. זיי געבען קיין געריך, אַבער זיינען בעליעבט צוליעב זייער שעהנהייט. זיי זיינען אונטער דיעזען נאָמען בעקאָנט אין ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש, שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש.

אַטהאַנאַטיזמוס, (גריכיש) עטוואָס מאַכען אונשטערבליך, פערגעטערען פעראייביגען, אָדער גאָר דער גלויבען אין דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה. די לעהרע פון דיעזען גלויבען: "אַטהאַנאָלאָגיע".

אַטהאַנאַריק, אַ קעניג פון די וועסט־גאָטען, אַ שטאַרקער געגנער פון אולפילאַס (ז.ד.) און זיין קריסטענטום. ער קעמפט געגען די רוימער ביי אַדריאַנאָפּאָל, און אַלס טהעאָדאָזיוס האָט איהם געצוואונגען צו אַן אָבמאַך פון שלום האָט ער געמאַכט אַ תנאַי אַז, אַ בריק זאָל געבויט ווערען איבערן דאָנאַו, און דער אָבמאַך זאָל אונטערשריבען ווערען אויף דער מיט פון דיעזען בריק. דאָס איז אויסגעפיהרט געוואָרען אין 379 יצר׳. שפּעטער ווערט ער פערפאָלגט פון ווייטערע מלחמות וועלכע האָבען איהם־מיעד געמאַכט. ער ווענדעט זיך צו טהעאָדאָזיוס נאָך אַן עיר־מקלט. דאָס איז איהם געגעבען געוואָרען מיט אַ לעבענס פּענסיע. ער איז געשטאָרבען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין 381 יצר׳.

אָטהאַנע, ז. "עטהאַנע".

אַטהאָס, איינער פון די ריעזען וועלכער האָט רעוואָלטירט געגען די געטער. דיעזע זיינען געוועזען די זיהן פון דער ערד, וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען פון דעם בלוט וואָס אוראַנוס האָט פערלוירען. ביי דיעזען אויפשטאַנד האָט אַטהאָס געוואָרפען אַ באַרג אין הימעל אַריין אויף צעוס, אַבער צעוס האָט איהם דורך אַ בליץ צוריקגעוואָרפען און דער באַרג איז געבליבען ליגען וואו ער געפינט זיך יעצט. צוליעב דיעזען זיעג איז אויף דיעזען באַרג געשטעלט געוואָרען אַ טעמפּעל צו יופּיטער, און דעם טעמפּעל גערופען: דער אַטהאָס־טעמפּעל.

אַטהאָס, אַ באַרג אין דער פּראָווינץ פון סאַלאָניק. ער איז געוואָרען אינטערעסאַנט דאַדורך וואָס עס געפינען זיך אַרום איהם, און אויף איהם בערך 23 קלויסטערס און מאָנאַסטירען, אין וועלכע עס לעבען איבער 6,000 מאָנאַכען, די מעהרסטע רוסישע. זיי זיינען דאָרט גאַנץ אָבגעשלאָסען פון דער אויסען וועלט. זיי רופען דעם באַרג: מאָנטע־סאַנטאָס. זיי האַלטען עס פאַר אַ פערברעך צו האָבען נעבען זיך אַ נקבה פון אירגענד וועלכען לעבענדיגען מין. אַפילו פון אַ קוה. זייער אַדמינסטראַציע ווערט געפיהרט דורך אַ קאָמיטע וועלכעס ווערט יעהרליך אויסגעוועהלט. דיעזע קאָמיטע הייסט: "פּראָטאָטאַטאָן". פאַר זייער לעבענס בעדירפניש שניצען זיי געטשקעס און שיקען דאָס אַרויס אויף די ירידים. זייערע ביבליאָטעקען האָבען וועניג פון געדרוקטע ביכער. דאַגעגען האָבען זיי אַ גרויסע צאָהל פון מאַנוסקריפּ־

טען. אונטער דער צווייטער עקאַטערינאַ'ס צייט, איז אַ פּראָבע געמאַכט געוואָרען צו האָבען דאָרט אַן אַקאַדעמיע פאַר טעאָלאָגען. אַלע אַנשטרענגונגען האָבען נישט געהאָלפען. די מאָנאַכען אָבען רעוואָלטירט. איינפאַך ווייל זיי ווילען נישט וויסען פון די וועלטליכע אַנשויאונגען. דאָך האָט דאָס אויך דאָרט געבראָכען. זיי האָבען זיך געלאָזט איינריידען צו אויפשטעלען אַ דרוקעריי, און אַרויסגעבען אַ רעליגיעזע צייטונג. אין 1889 האָט פּראָפעסאָר לאַמבראָז זיך גענומען מאַכען אַ קאַטאַלאָג פון די מאַנוסקריפּטען וואָס געפינען זיך דאָרט. אויס דיעזע קאַטאַלאָגען איז צו זעהען אַז, די מעהרסטע פון זיי בעשטעהען פון אַלטען און נייעם טעסטאַמענט אויס זעהר אַלטע צייטען. אין 1890 האָט דאָרט אויסגעבראָכען אַ פייער און האָט פערברענט אַ מאָנאַסטיר מיט 12 מאָנאַכען. מיט 9 יאָהר שפּעטער האָט נאָך אַ פייער אָבגעברענט נאָך אַ מאָנאַסטיר.

דער באַרג: דער אַטהאָס איז דער העכסטער פון אַ גרופּע אינצווישען וועלכע ער שטעהט. ער איז איבער 6,700 פוס הויך. ער ברייט זיך אויס מיט זיין גרופּע ביז דעם עגעישען ים. דעם גאַנצען ראַדיוס וועלכען ער פערנעהמט איז 30 מייל לאַנג און 5 מייל ברייט. ער נעהמט אַרום וועלדער, וויינגערטנער, אָליווען־פּלאַנטאַציעס, און פרוכט־גערטנער. דאָ איז צושמעטערט געוואָרען די פּערזישע פלאָט אונטער וואַרדאָניוס, אין דעם יאָהר 439 פּיצר'. בכדי נאָך אַזאַ צופאַל אויסצומיידען האָט דער פּערזישער קעניג אַחשורש דאָ געלאָזט שניידען אַ קאַנאַל דורך דעם איסטמוס.

אַטהאַראַוואַ-וועדאַ, דער פירטער טייל פון די אינדישע הייליגע וועדאַ־ביכער. ער ענטהאַלט אַ גרויסען טייל הימנען אויס די ריג־וועדאַ, אַ גרויסע צאָהל פון צויבער שפּריכע פאַר אַלע סאָרט קראַנקהייטען און גליקזעליגקייטען. דאָס ווערק איז אַ צוזאַמענשטעלונג פון אינדישע טראַדיציאָנאַלע איבערליפערונגען, און איז צוזאַמענגעשטעלט פאַר דעם אויפזעהר פון די קרבנות. לויט מאַקס מיללערס רעכנונג זאָל דיעזע פערפאַסונג זיין די שפּעטעסטע פון אַלע, זיי שטאַמען פון דעם אכטען יאָהר־הונדערט פּיצר'. לויט דר. מיורס איבערזעצונג איז צו זעהען אַז דער סטיל פון דער אַטהאַראַוואַ־וועדאַ איז גאַנץ עהנליך צו דעם סטיל פון אונזער ביבעל, איבערהויבט ווען די תפלה געהט צום גאָט וואַרונו. אין דיעזען טייל זעהט זיך דער אינדישער גלויבען אין אַן עולם־הבא מעהר ווי אין אַלע זייערע אַנדערע וועדאַ־ביכער. ער איז אָבער נישט דער הייליגסטער פון די איבריגע.

אַטהאַראַוואַן, (אינ. מיטאָל.) דער פירטער טייל פון די וועדאַ ביכער (ז.ד.). עס ווערט געגלויבט אַז דאָס אָריגינאַל איז פערלוירען געגאַנגען, און דיעזער איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען דורך איבערליפערונגען. ער ענטהאַלט: תפלות, סליחות א.ז.וו.

אַטהואַלפּאַ, דער לעצטער קעניג פון די אינקאַס (ז.ד.). ער איז געקומען צום טראָהן נישט אויף אַ לעגאַלער וועיזע, ער איז נישט געוועזען דער עלטסטער וזהן ביי זיין פאָטער, ער איז אָבער געוועזען דער בעליעבטעסטער. דערפאַר האָט דער פאָטער איהם געמאַכט אַלס קעניג איבער אַ טייל פון זיין קעניגרייך אין 1525. נאָך דעם פאָטערס טוידט האָט דער עלטערער ברודער פון איהם געפאָדערט, ער זאָל אָבטרעטען פון דעם טייל לאַנד וואָס דער פאָטער האָט איהם געגעבען. דאָס האָט ער זיך ענטזאַגט צו טהון. דער ברידער האָט דערפאַר מיט איהם געפיהרט מלחמה, ווען אינמיטען זיינען אונטערגעקומען שפּאַנישע מיסיאָנערען און

הינטער זיי דער שפּאַנישער גענעראַל פּיזאַראָ מיט 200 שפּאַנישע סאָלדאַטען. די מיסיאָנערן האָבען אַטהולפּאַ איינגעלאַדען צו זעהן ווי עס געהט צו מיט דער קריסטליכע רעליג־יאָן, און ווען ער איז געקומען דאָרטהין, איז ער אויף אַ סיגנאַל אַרעסטירט געוואָרען און פּיזאַראָ מיט זיין מאָדערנעם געוועהר האָט גלייך דאָס גאַנצע לאַנד פון די אינקאַס אַנעקסירט. אַטהואַלפּאַ האָט מען געגעבען די בחירה: זיך שמד'ן אָדער פערברענט צו ווערען, ער האָט זיך בעסער גע'שמד.

אַטהלעטען אין דעם אַלטען גריכענלאַנד ווי אין אַלטען רוים: אַזעלכע וואָס האָבען געמאַכט זייער פּרנסה פון וועט־קעמפּפע אין די עפענטליכע פּלעצער. דיעזע האָבען זיך אונטערשיעדען פון די גימנאַסטען דאַרין, וואָס די לעצטע האָבען זיך געאיבט אין פערשיעדענע בייגונגען בלויז צו פערבעסע־רען זייער געזונדטהייט, און די אַטהלעטען האָבען עס געטריבען פאַר געשעפטליכע געווינס. דיעזער נאָמען האָט דערפאַר נישט בעלאַנגט פאַר די וואָס האָבען זיך דאַרין געאיבט נאָר פאַר די וואָס האָבען געזיעגט אין די פערשיעדענע פאָרשטעלונגען.

אויבוואוהל די "אַטהלעטיק" איז געווע־זען אין גרונד אַ פּרנסה־זאַך, האָבען זיך צווישען זיי אויך געפינען שטאַאַטס־לייט וועלכע האָבען דאָס געטריבען בלויז צו ריהם מיט דער צייט זיינען דיעזע פאָרשטעלונגען געוואָרען נאַציאָנאַליזירט, און יעדער זיעגער האָט אַחוץ פון דעם געלד וואָס ער האָט געוואונען, אויך בעקומען אַ נאַציאָנאַלע אַנערקענונג. לויט דעם געזעץ פון סאָלאָן האָט אַזאַ זיעגער בעקומען פון שטאַאַט 500 דראַכמען.

איבער די פאָרמען פון די וועט־קעמפּפע איז נישט דאָ קיין בעשטימטהייט. אַמאָל איז עס ראַנגלען, אַמאָל זיך שטופּען, אַמאָל זיך שלאָגען מיט פויסטען (באָקסען), לויפען, קלעטערען, טאַנצען, שפּרינגען, שנעל־געהען, פעכטען, שיעסען, רייטען, שווימען, גליטשען ווערפען, א.ד.ג. אימער ווערען נייע סאָרטען אויסגעפינען בכדי דעם חשק דאַפיר אויפצו־פרישען, אַלעס דיעזעס איז פערשטאַנען אונטער דעם איינעם וואָרט: "אַטהלעטיקס". אין די איבונגען פון דיעזע סאָרטען אַרבייט זיך אויס דער כח פון ווידערשטאַנד, צו די פערשיעדענע נאַטירליכע שטערונגען, וואָס קומען אָפט פאָהר אין דעם לעבענס־צייט. דאָך, ווען איינער איבט זיך דאַרין, פיהלט ער נישט אַז דאָס איז זיין צוועק, נאָר ער געהט פּשוט נאָך, זיין טיהרישען אינ־סטינגקט וועלכער אויסערט זיך ביי דער קאַטץ ווען זי שפּרינגט אָדער שפּיעלט זיך לויפענדיג, ביים פיש ווען ער צושפּיעלט זיך שווימענדיג, ביי די עלעפאַנטען ווען זיי לויפען איינער איבער דעם אַנדערען; אָדער דאָס טאַנצען און לויפען ביי די ווילדע פעלקער, אפילו ביי אונזערע קינדער ווען זיי שפּיעלען זיך איידער זיי וויסען דעם פיזיקאַלישען נוצען וואָס דיעזע קונסט גיט דעם אַטהלעט.

צווישען די פיעלע אונזיניגע, באַרבאַרישע און ווילדע שפּיעלערייען וואָס די אַטהלעטען טרייבען, זיינען דאָ אַ פּאָאָר גאַנץ אינטעלי־גענטע וועלכע זיינען צוגלייך אויך אַמוזאַנט. צובייישפּיעל, דאָס קלעטערען אויף אַ גלאַטען הויכען שטאַנג, דאָס געהען אָדער טאַנצען אויף שטאָלצען; אין ביידע פון דיעזע סאָרטען, הויבט זיך דער אַטהלעט אַרויס פון דעם געוועהנליכען, אין דאָס אונגעוועהנ־ליכע אַריין. ער געווינט דאַדורך אַ געוואוינ־הייט מיט דאָס אונגעוועהנליכע און ער ווערט דאַדורך שטאַרקער נישט נאָר אין די נערוון, נאָר אויך אין דער פּסיכאָלאָגיע. איבער די אַנדערע אַטהלעטען לאָזט זיך דאָס

נישט זאָגען, יענע זיינען בלויז ווילדע באַרבאַרען אונטער אַ ציוויליזירטע מאַסקע.

וועגען דעם נוצען אָדער דעם שאַדען דערפון איז פאַראַן פיעלעס דאַפיר, און דאַגעגען, אויף יעדען פונקט צו דיסקוטירען. פון אַ נאַציאָנאַלען שטאַנד־פונקט געווינען די אַנהענגער, פון אַן אינדיווידועלען שטאַנדפונקט געווינען די געגנער. אין אַ נאַציאָנאַלען לעבען שפּיעלט דאָס אינדיווידיום קיין גרויסע ראָלע, אָבער דאָס אינדיווידיום פאַר זיך, האָט פיעל דאַדורך צו פערליערען און וועניג צו געווינען.

די נאַציאָן דאַרף האָבען אַ לעבענדיגע יוגענד וואָס זאָל מיט דער צייט קאָנען בילדען אַן עפעקטיווע פערטיידיגונג פון דאָס פאַטערלאַנד. עס איז אָבער נאָכנישט בעוויזען געוואָרען אַז דער לעבענס־דויער פון די אַטהלעטען זאָל זיין לענגער ווי דאָס פון דעם געוועהנליכען בירגער. ווען אַן אַטהלעט ספּעציאַליזירט זיך אויף אַ געוויסען געביעט, ענטוויקעלט ער נאָר געוויסע טיילען פון זיין מוסקעל־סיסטעם. די איבריגע ליידען פון די אַשטרענגונג וואָס די ענטוויקעלטע איבען אויף זיי. ווען דאָס הערץ ווערט צו־גרויס פאַר זיין ברוסטקאַסטען אין דער גאַנצער קערפּער דאַדורך אין סכנה. ביי די מעהרסטע פון זיי איז דאָס אויך דער פאַל. ביים ראַנגלען זיך ווערען אָפט מוסקלען איבערגעריסען. זיך מעסיגען אין אַטהלעטיקס איז פאַסט אונמעגליך, ווייל, איינער וואָס געווינט נישט הייסט נישט אַן אַטהלעט.

אַטהעאיזמוס, אַ טעאָריע וועלכע לייגענט די עקזיסטענץ פון אַ גאָט, אָדער פון אַ געטליכען אַנטייל אין דער וועלט, אָדער וועלטען. זי איז נישט נייטראַל צו דעם געטליכען געדאַנק ווי דער אַגנאָסטיציזמוס איז, נאָר אַגרעסיוו, ווי דער אַנטי־טהעאיסמוס איז. זי בעגרינדעט זיך אויף דעם גלויבען אַז: אין דעם אינערליכען אוניווערזום עקזיסטירט נישטס וואָס קאָן נישט מיט דער צייט בעגריפען ווערען פון דער מענשליכע אינטעליגענץ, אַז דער פּראָגרעס פיהרט אַלץ נעהנטער צו דעם קליינסטען טייל פון דאָס אונבעוואוסטע, און אַז, מיט יעדער פערקליינערונג פון דיזען קרייז, ווערען די וואונדער אַלץ קלאָהרער און די געטליכע מאַכט אַלץ שוואַכער. זי בעהויבטעט אַז, די געטליכקייט רוהט אויף דעם מענשליכען אונוויסען. דערפאַר פּראָקלאַמירט זי: "וויסען מאַכט פריי!" און איהרע אַנהענגער רופען זיך דערפאַר: "פריידענקער".

די טענדענץ פון אַטהעאיזמוס, צו זיין אַגרעסיוו געגען דעם געטליכען געדאַנק, האָט אַרויסגערופען אַ שפּאַלטונג צווישען די פריידענקער. דער אַנדערער טייל רופט זיך: אַגנאָסטיקער, מיט אַ טענדענץ פאַר פרייע אויפקלעהרונג אָהן אַ דירעקטע בעציהונג צו דער רעליגיאָן; די צוויי וויכטיגסטע פאָרשטעהער פון ביידע שוהלען זיינען דער אַטהעאיסט העקעל און דער אַגנאָסטיקער האַקסליי. אַ זעהר אינטערעסאַנטער געשפּרעך איז וועגען דיעזע צוויי טענדענצען אָנגעפיהרט געוואָרען צווישען ביכנער און דאַרווין וועלכער געפינט זיך אָבגעדרוקט אין ביכנערס בוך "פרעמדעס אונד אייגענעס" זייטע 381.

קאָן די מענשליכע אינטעליגענץ אורטיילען אויב עטוואָס עקזיסטירט? דאַרוף ענטפערט די גאַנצע אינטעליגענטע וועלט— אַחוץ די אַטהעאיסטען— ניין. אין קיין פאַל איז דער ענטפער אַזוי קאָנקרעט ווי דיעזער "ניין". דער אַטהעאיזמוס אַליין בערוהט אויף דעם גלויבען אַז עס איז קיין גאָט נישט דאָ. קאַנט האָט פעסטגעשטעלט אַז די זאַך (דאָס דינג אַן זיך) גופא איז, און בלייבט אונבעגרייפליך. אַז אונזער גאַנ־

צעס וויסען בעשטעהט בלויז פון מאַניפעס־טאַציעס פון דער זאַך, אַבער נישט פון דער זאַך גופא. די מאַניפעסטאַציע בעווייזט די עקזיסטענץ פון אַן אורזאַך אַבער, די אורזאַך גופא בלייבט פאַר אונז אונבעקאַנט. דערפאַר האָבען זיך יענע דערמאָנטע פרוידענקער אַ נאָמען געגעבען: "אַגנאָסטיקער". ד.ה. זיי אַנערקענען מיט קאַנט, דאָס אונבעקאַנטע וועט אייביג בלייבען גרעסער ווי דאָס בע־קאַנטע (ז."אונבעוואוסטזיין").

אין דער פּאָלעמישער לאָגיק פערליערט זיך דער אַטהעאיזמוס שוין ביי דעם פאַקט: עס קאָן נישט עקזיסטירען אַן אָפּאָזיציע אַליין אָהן אַ בעשטאַנד־טייל. דער אַטהע־איזמוס איז אַן אָפּאָזיציע, און אַלס זאָלכע קאָן זי נישט עקזיסטירען אָהן דעם טהע־איזמוס, וואהרענד דער טהעאיזמוס אָהן דעם אַטהעאיזמוס יאָ. די עקזיסטענץ פון דעם אַטהעאיזמוס זעלבסט בעשטעטיגט אַלזאָ די עקזיסטענץ פון אַ גאָט. טאָמער איז דאַדורך אַליין נאָכנישט בעוויזען די עקזיס־טענץ פון אַ גאָט ווערט אָבער דאַדורך קלאָהר, אַז דער אַטהעאיזמוס אָהן אַ גאָט איז אונ־לאָגיש; אָדער אַז ער איז אַ ווידערשפּרוך.

אייניגע געשיכטליכע פאַקטען אויף וועלכע דער אַטהעאיזמוס שטיצט זיך זיינען עבען אַזוי מערקווירדיג ווי דער אַטהעאיזמוס זעלבסט. די ענטדעקונג פון דער גראַוויטאַ־ציע איז אַ זייל פון דעם אַטהעאיזמוס, און דער ענטדעקער זעלבסט, אייזאַק ניוטאָן איז געוועזען אַ טהעאיסט. דער סענזאַציאַ־נאַליזם איז אַ צווייטע זייל פון דעם אַטהע־איזמוס און זיין ענטדעקער דזשאָהן לאָק איז געוועזען אַ טהעאיסט. טשאַרלס דאַרווין דער ענטדעקער פון דעם עוואָלוציאָנס פּרינ־ציפּ איז געוועזען אַ געגנער פון דעם אַטהע־איזמוס.

וועגען דעם אַטהעאיסטישען גלויבען אַז די וועלט איז פון זיכזעלבסט ענטשטאַנען און אַז די קראַפט פון דיעזע ענטוויקלונג ליגט אין דער מאַטעריע, ענטפערט דר. סע־ווערזש: "אויב איהר קענט מיר בעווייזען אַז דיעזע טויטע מאַטעריע וואָס איך זעה אין דיעזען קאַלטען מאַרמאָר, איז אויף וועלכער ווייזע געוואָרען לעבענדיג, פעהיג צו דענקען, צו פיהלען, צו האָפען, זיך מקריב צו זיין פאַר אַ צווייטען, צו דענקען וועגען דאָס לעבען נאָכ'ן טוידט; וועט איהר דעמאָלט נאָר האָבען געענדערט דאָס וואָרט נשמה אויף דעם וואָרט קערפּער".

מיר געפינען אין דער פילאָזאָפישע גע־שיכטע פיעלע וועלכע האָבען געלייגענט אין גאָט. איבערהויבט די אַטאָמיסטען, דערויף ענטפערט מאַקס מיללער אַז: דערמיט וואָס דער אינדיאַנער אָדער דער גריך הערט אויף צו גלויבען אין זיינע געטער איז נאָכנישט געדרונגען אַז ער איז אַן אַטהעאיסט. עס קאָן גיכער זיין דער פאַל אַז אַ רעפאָרמירטע אידעע האָט איהם פון יענע אָוועקגעפיהרט. צוליעם דעמזעלבען טעות האָבען לייטע גע־רופען שפּינאָזאַ אַן אַטהעאיסט. די אַלטע אַלטע גריכען פלעגען רופען די יודען אַטהע־איסטען. לויט ווי מיר פערשטעהען דעם אַטהעאיזמוס יעצט איז ער אַן אָפּאָזיציע צו יעדען געטליכען פּרינציפּ; אַזעלכע גע־פינען מיר אין דער אַלטע געשיכטע זעהר ווייניג. דער בעדייטענדסטער פון זיי איז געוועזען עפיקור (ז.ד.). די פּראָמינענטעסטע פון פאָריגען יאָהר־הונדערט זיינען געוועזען לודוויג פייערבאַך, מאַקס שטירנער, אייגען דיהרינג, לודוויג ביכנער, פריעדריך ניעטשע טשאַרלס ברעדלוי און ערנסט העקעל.

מעהרערעס דעריבער ווערט געהאַנדעלט אונטער: אַגנאָסטיציזמוס, אַטאָמיזמוס, אונ־בעוואוסטזיין, אונשטערבליכקייט, גאָטהייט, און מאַטעריאַליזמוס.

אטהעטאָזיס, אַ נערוועזע קראַנקהייט, ביי וועלכער דער קראַנקער פיהלט אַ ציטערען אין די הענד און אין די פיס. ער האָט קיין פעהיגקייט צו קאָנטראָלירען די בעוועגונג פון זיינע פינגער. אין שלאָף בעוועגען זיך די פינגער אָהן זיין ווילען. דיעזעס ציטערען קאָן זיך אויך איבערטראָגען צו די אַקסעל־בענדער און די קניע־בענדער. אין אַזאַ פאַל שאָקעלט זיך די האַנד ווי אַ פענדעל פון אַ זייגער פינקטליך אונד רעגולער. דאָס קען זיין אַ פאָרלויפער צו אַ קומענדע עפּילעפּ־סיע. פאַסירט מערסטען ביי מיטעל יעהריגע פערזאָהנען.

די אורזאַכע פון אטהעטאָזיס זיינען נים גרינדליך בעקאַנט. מען גלויבט אַז זי קומט פון אַן אונאָרדענונג אין געהירען, אָדער פון אַ פאַל. מעגליך אויך אויס מורא. פיעלע אַזעלכע קראַנקע האָבען געהאַט עלטערען וואָס האָבען געליטען דערפון. זעהר זעלטען זיינען אַזעלכע קריינקהייטען קורירט גע־וואָרען.

אטהעל (ז. "עטעל")

אטהעלסטאַן, (אַנג.־סאַקס Athelestan) אַן אייניקעל פון אַלפרעד דעם גרויסען, געב. בערך 895, איז געוועזען דער ערשטער סאַקסאָנישער מאָנאַרך וועלכער האָט געטראָגען דעם טיטעל: קעניג פאָן ענגלאַנד. אַלפרעד האָט זיך גערופען: קעניג פון די אַנגלאָ־סאַקסאָנס. אטהעלסטאַן איז געקרוינט געוואָ־רען אין קינגסטאָן אין 925. ער האָט מיט גרויס טאַלאַנט געזוכט צו פעראייניגען אונ־טער זיין מאַכט אַלע פעלקער פון זיין אינזעל און פון אַלעס וואָס עס איהם געלונגען איז געוועזען, צו געווינען קאָרנוואָל און וויילס. ווען דער קעניג פון נאָרטהומבריאַ, זיין איידעם, איז געשטאָרבען האָט אטהעלסטאַן צוגענומען זיין קעניגרייך. דאָס האָט אויפ־גערעגט די שכנות'שע שטאַאַטען פון דעם אינזעל. עס האָט זיך דערפאַר געבילדעט אַן אַליאַנס צווישען די וועלשער, סקאָטען, און אירלענדער געגען ענגלאַנד. אַ מלחמה איז גלייך ענטשטאַנען און די אַליערטע זיינען געשלאָגען געוואָרען אין ברונענבורג. דאָס האָט אטהלעסטאַן געגעבען אַ ריהם אויף דעם קאָנטינענט. ער האָט דאַדורך בעקומען אַ גרויסען איינפלוס אין דער עוראָפּעישע פּאָליטיק. זיינע שוועסטערען האָבען זיך פערהייראַט מיט די קעניגליכע פאַמיליען פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד. אין דער היים האָט ער איינגעפיהרט נייע געזעצע. ער האָט רעוויזירט די אַלטע. ער האָט אויך פינאַנציעל געהאָלפען צו איבערזעצען די ביבעל אין דער אַלט־סאַקסאָנישע שפּראַך. ער איז גע־שטאָרבען אין גלאָסטער אין יאָהר 941 ווען 47 יאָהר אַלט.



זיינע מינצ־פאַבריקען זיינען געוועזען אין סויטהעמפּטאָן, און אין ראָטשעסטער. פאַר אַ לאַנגע צייט האָט מען קיין מטבעה געפינען פון זיין צייט, ערשט אין 18טען יאָהר־הונדערט זיינען אייניגע פון זיי ענטדעקט געוואָרען. די אויבערשטע צייכנונג איז פון אַ זילבערנע מטבעה וואָס געפינט זיך אין דעם ברוטישען מוזעום, וואו עס געפינען זיך נאָר נאָך צוויי קאָפּיעס.

אטהען, איינע פון די עלטעסטע שטעדט וואָס עקזיסטירען נאָך היינט פון דער אַלטער צייט; די הויבט־שטאָדט פון דער אַלט־גריכישער קולטור, די רעזידענץ פון דער אַלטע אטטישע רעפּובליק; לויט געשיכטע זייט 1556 פּיצר', און לויט טראַדיציע פון נאָך 200 יאָהר פריהער; נאָך היינט די

הויבט־שטאָדט פון דעם מאָדערנעם גריכענלאַנד, און שפּיעלט נאָך אַ בעדייטענדע ראָלע אין די דריי זיד־עוראָפּעישע האַלב־אינזלען פון דער היינטיגער צייט.

טראַדיציאָן: דער ערשטער קעניג וואָס האָט געהערשט אין אַטהען האָט געהייסען אָגינעס. אין זיין צייט (1764 פיצר') האָט שטאַטגעפינדען אַ מביל און האָט פערפלייצט דאָס גאַנצע לאַנד מיט איהרע אומגעגענד. ערשט דער ערשטער פּרעה צעקראָפּס האָט דאָס פערוויסטע לאַנד ווידער אויפגעבויט. ער האָט עס קאָלאָניזירט אויף 12 פערשיעדענע פּלעצער פון וועלכע עס האָבען זיך ענטוויקעלט 12 שטעדט, און צווישען זיי אויך די שטאָדט אַטהען. דערפאַר האָט אַטהען פריהער געהייסען: "צעקראָפּיאַ". דער נאָמען אַטהען איז צו איהר געגעבען געוואָרען (1383) צו פעראייביגען דעם נאָמען פון דער געטין "אַטהענע" (ז.ד.). אַטהען איז געוואָרען די הויב־שטאָדט פון אַלע. אין פערלויף פון 487 יאָהר איז זי בעהערשט געוואָרען פון 17 קעניגע, אין פערלויף פון די פאָלגענדע 386 יאָהר פון 20 פּערמאַנענטע אַרכאָנען, און פאַר די פאָלגענדע 760 יאָהר פון 760 יעהרליך ערוועהלטע אַרכאָנען. (ז."אַטטיקאַ").

אַטהען איז געבויט אויף אַ פלאַכ־לאַנד פון דער פּראָווינץ "אַטטיקאַ", בערך 5 מייל פון דעם טייך וואָס טראָגט דעמזעלבען נאָמען דיעזער טייך איז אַ צווייג פון דעם עגעישען ים. דאָס אויסזעהען פון דער שטאָדט איז לאַנדשאַפט־אַרטיג. זי איז געבויט אַרום און אַריבער איינִיגע בערג. דער וויכטיגסטער פון זיי איז דער "אַקראָפּאָלים". אויף דיעזען באַרג האָבען אַמאָל געוואוינט די פּריעסטער, די קעניגע, און די ריכטער. דאָ איז אַמאָל געשטאַנען דער טעמפּעל פון דער געטין "אַטהענע", דער "ערעכטעום" א.ז.וו. שטעהענדיג אויף דיעזען באַרג זעהט מען אַרום זיך די שפּיצען פון אַלע בערג אויף וועלכע עס זיינען אַמאָל געשטאַנען טעמפּלען פאַר די אַמאָליגע געטער, נאָך וועלכע עס זיינען געבליבען חורבות אַלס עדות פון אַ ווילד־קינדישע פערגאַנגענהייט. אַ זעהר פּאַטעטישען איינדרוק מאַכט די חורבה פון דעם געפענגנים אין וועלכען סאָקראַטעס איז געצוואונגען געוואָרען צו טרינקען דעם בעכער סם. נישט ווייט פון דאָרט זעהט זיך דער טאָל אין וועלכען עס איז געשטאַנען פּלאַטאָס פילאָזאָפישע אַקאַדעמיע. אַביסעל ווייטער ווערט אָנגעוויזען דער אָרט וואו עס האָט געלעבט און געווירקט סאָפאָקלעס, דער גרעסטער טראַגישער פּאָעט פון זיין צייט. די פיעלע וואוינונגען וואָס זיינען לעצטענס געפינען געוואָרען אין בערג, אוים דער בליהענדסטער צייט פון אַלטען גריכענלאַנד, אַ צייט וועלכע קאָרעספּאָנדירט מיט דער בליהענדסטער צייט פון אַלטען יודענטום, און אַלע נייעסטע אויסגראָבונגען, בילדען אַן אָנציהונגס קראַפט פאַר אַרכעאָלאָגען, וועלכע קומען דאָרט אַהין פון אַלע ציוויליזירטע לענדער.

זייענדיג אַזוי נאָהנט צום האַפען און די הויבט־שטאָדט פון אַטטיקאַ, זיינען דאָרט אין די אַלטע צייטען אָנגעקומען: פעניקער, אַסיריער, כאַלדער, עגיפּטישע און יודישע סוחרים. אַחוץ דעם האַנדעל, זיינען אויך די גריכישע פילאָזאָפען, רעדנער, דעקלאַמאַטאָרען, זינגער, און אַטהלעטען געוועזען אַן אַנציהונג פאַר פרעמדע צו קומען אין אַטהען. די שטאָדט איז אַזוי אַרום געוואַקסען גרעסער און גרעסער. אין איהר שטאַרק בליהענדסטען צושטאַנד האָט אַטהען געהאַט 200,000 פעסטע איינוואוינער מיט 10,000 הייזער. דיעזער בליהענדסטער צושטאַנד איז געוועזען אין אַנטאָנינוס צייטען. דעמאָלט זיינען שוין פערטיג געוועזען אַלע



די שטאָדט אטהען

שעהנסטע אַרכיטעקטישע אַרבייטען פון אי־בער אַ טויזענד יאָהר. מלחמות האָבען גיך־מאַכט פון אַלעס חורבות. רייזענדע האָבען שטיקער פון דיעזע חורבות צושלעפּט און אויסגעשטעלט אין די פערשיעדענע מוזעומס פון דער וועלט. דאָקומענטען ווייזען אַז ווען יוסטינאַן האָט געשלאָסען די פילאָזאָפישע אַקאַדעמיען האָט אַטהען גלייך פערלוירען איהר גלאַנץ. נישט לאַנג נאַכהער איז דער פּאַרטענאָן פערוואַנדעלט געוואָרען צו אַ קירך פאַר דער הייליגע מרים. ווען אַטהען איז געפאַלען אין די טירקישע הענד (1456) האָבען זיי דעם פּאַרטענאָן ווידער פערוואַנ־דעלט צו אַ מאָשעע. היינט האָבען די גריכען איהר ווידער ערהויבען צו אַ הויבט־שטאָדט אַבער נישט מעהר צו איהר אַמאָליגען גלאַנץ.

די מאָדערנע יוריסטען וועלכע זיינען נישט בעקאָנט מיט דער יודישע יוריספּרו־דענץ, בעצייכנען אַטהען אַלס דאָס וויגעלע פון דער מאָדערנע געזעצליכקייט. סאָלאָן האָט איינגעפיהרט די ערשטע געזעץ און קליסטהענעס די צווייטע. דאָס איז געוועזען אין 6טען יאָהר־הונדערט פּיצר'. ווען אין ירשלים זיינען געזעסען שופטים און זקני־העיר מיט אַכט הונדערט יאָהר צוריק (ז. "יוריספּרודענץ"). אין יענער צייט איז די שטאָדט אַטהען אַרומגעבויט געוואָרען מיט אַ מויער פון 90 טורמען און 10 טויערען. די מויער האָט געהאַלטען 5 מיילען אַרום. דאָס גרעסטע און וויכטיגסטע טויער איז געוועזען אויף דער נאָרד־וועסטליכע זייט. דיעזעס האָט געפיהרט צו דער אַקאַדעמיע. סימנים פון דיעזע מויער זיינען נאָך יעצט פאַראַן, און מען קאָן זיך פון זיי משער זיין ווי זי האָט אויסגעזעהען אַמאָל. דאָ געבען מיר אייניגע פון די וויכטיגסטע טהאַטזאַכען אויס דער געשיכטע פון אַטהען אין דער קראָנאָלאָגישע רייהע:־

פּיצר'.

594 האָט סאָלאָן איינגעפיהרט אַ סאָרט רעפּובליק, אין וועלכער ער האָט דאָס פאָלק געטיילט אין 4 טיילען, פון וועלכע דריי טיילען האָבען געהאַט דאָס רעכט צו אַן אַמט. וואו קיין געזעץ איז געקו־מען אין פאָלמאַכט ביז די דעפּוטאַטען פערזאַמלונג האָט עס גוט געהייסען. דער טיראַן פּיסיסטראַטוס האָט דיעזע רעפּוב־ליק אומגעוואָרפען. סאָלאָן האָט געמוזט ענטלויפען. צו געווינען די פריינדשאַפט פון די געלעהרטע האָט דער טיראַן גע־עפענט די ערשטע פאָלקס ביבליאָטעק.

535 איז פאָרגעשטעלט געוואָרען די ערשטע טראַגעדיע פון טהעזבים, אויף אַ וואָגען.

490 האָבען די פּערזער אַטאַקירט אַטהען און זיי זיינען צוריקגעשלאָגען געוואָרען.

480 האָבען די פּערזער איינגענומען אַטהען אונטער די פיהרערשאַפט פון אַחשורש.

457 איז געבויט געוואָרען די גרויסע מויער.

448 איז געוועזען די בליהענדסטע צייט פון די אַטהענישע געלעהרזאַמקייט.

445 האָט העראָדאָטוס פאָרגעלעזען זיין גע־געשיכטע פאַר דעם קאָנסול פון אַטהען. דיעזע געשיכטע בילדעט היינט די גרונד־לאַגע פון אונזער וויסען איבער דעם אַלטען גריכענלאַנד.

440 איז פערבאָטען געוואָרען צו שפּיעלען סאַטירישע קאָמעדיען.

430 האָט זיך אָנגעהויבען די 5 יעהריגע מגפה, וואָס האָט זיך דאָרטהין פערפלאַנצט פון אַבעסיניען.

411 איז עטאַבעלירט געוואָרען אַ רעגיערונג פון 400.

405 ליסאַנדער בעלאַגערט אַטהען, ער אַטאַ־קירט איהר דורך לאַנד און וואַסער, ער שטורמט די מויער מיט אַלע איהרע פעס־טונגען, ער פערניכטעט אַטהענס פלאָטע, אַטהען גיט זיך אונטער, און דערמיט ענדיגט זיך דער פּעלאָפּענעזישער קריעג.

399 סאָקראַטעס (ז.ד.) ווערט געצוואוגען

צו טרינקען סם, ער ענדיגט זיין העלדישעס לעבען ווען 70 יאָהר אַלט.

395 הויבט זיך אָן דער קרינטישער קריעג מיט אַטהען.

393 קאָנאָן בויט נאָכאַמאָל אויף די מויער אַרום אַטהען.

388 בויט פּלאַטאָ אויף זיין שוהלע.

335 פאַלט אַטהען אין הענד פון אַלעקסאַנדער מוקדון, ער צייגט זיין גענאַדע צו אָראַטאָרען.

211 ערשיינט אַ רוימישע פלאָטע אין אַטהען, די גריכען אונטערווערפען זיך אונטער די רוימער, און די רוימער ערקלעהרען אַטהען אַלס אַ פריי־שטאָדט.

יצר'.

396 ווערט אַטהען בעלאַגערט און גענומען פון אַלאַריק.

4444 ווערט זי בעלאַגערט פון די טירקען און פון זיי צוגענומען.

1466 ווערט זי בעלאַגערט פון די וועניציאַנער און צוגענומען.

1479 פאַלט אַטהען ווידער אין די הענד פון די טירקען.

1827 בעפרייט זיך אַטהען פון די טירקען דורך אַ 5 יעהריגען קריעג.

1901 אַ פערזוך צו איבערזעצען די אַפּאָסטאָל'שע ביבעל אין דער מאָדערנע גריכישע שפּראַך אַריין פיהרט צו אַ רעוואָלוציע, פיעלע זיינען גע'הרגט געוואָרען, דער הויבט־פּאָליציי־מייסטער האָט רעזיגנירט, די קעניגין האָט געשטיצט די רעוואָלוציע

אין דעם יהאָר 1833, ווען אַטהען איז געוואָרען די הויבט־שטאָדט פון דעם מאָדערנעם גריכענלאַנד, איז זי געוועזען נישט גרעסער ווי אַ גרויסער דאָרף. אַ פּאָאָר הונדערט הייזער אינצווישען אַ וואַלד פון אַלטע חורבות זיינען געוועזען אַלעס וואָס מען האָט גערופען אַטהען. דאָס מאָדערנע אַטהען האָט זיך איבערגעבויט אויף דער אָסטליכער און נאָרדליכער זייט פון דעם אַקראָפּאָליס. דאָס אַלטע איז געלעגען אויף דער זידליכער און דער וועסטליכע זייט פון דעמזעלבען באַרג. די אַרכיטעקטור פון די מאָדערנע געביידען זיינען פון דעם עכט־דייטשען סטיל. אין 1907 איז אַטהענס בעפעלקערונג געוועזען 167,479. די זעהר גרויסע אויסוואַנדערונג פון די גריכען נאָך דער יונייטעד סטייטס הינדערט דאָס וואַקסען און די בעסערע ענטוויקלונג פון אַטהען. אַטהען האָט אַן אייזענבאַהן פערבינדונג מיט פּירעוס און פעליפּאָנעזוס. זי האָט אויך אַן אַקאַדעמיע, 3 מוזעומס פון גריכישע און אָריענטאַלישע אַלטערטימער, 4 אויסלענדישע שוהלען איבער אַרכעאָלאָגיע; אַן אַמעריקאַנער, אַן ענגלישעס, אַ פראַנצויזישע און אַ דייטשע (ז."גריכענלאַנד").

אַטהענאַעוס, אַ בעדייטענדער גריכישער ליטעראַט פון דריטען יאָהר־הונדערט. האָט זיך אַ נאָמען געשאַפען דורך זיין קאָלעקציע פון אַ גרויסע צאָהל פון אַנעקדאָטען; אויסציגע פון פּאָעטישע, היסטאָרישע, דראַמאַטישע, אָראַטאָרישע, פילאָזאָפישע, קריטישע, נאַטורוויסענשאַפטליכע, און אַפילו גאַסטראָנאָמישע. די לעצטע האָט ער געהאַלטען פאַר די נאָבעלסטע. ער האָט דיעזע קאָלעקטירט פון שריפטען און פון פאָלקס מויל.

די פאָרם פון גרעסטען ווערק איז דיאַלאָגיש. ער רופט עס: "אַ באַנקעט פון געלעהרטע". צו דיעזען (שריפטליכען) באַנקעט האָט ער איינגעלאַדען דעם דעמאָלט זעהר געריהמטען דאָקטאָר גאַלען, דעם יוריסט אולפּיאַן, און נאָך אַזעלכע וויכטיגע געסט. ער ענטוויקעלט צווישען זיי אַ געשפּרעך וועגען אַלע פראַגען וועלכע ער וויל בעהאַנדלען. ווי ניצליך און ווי אינטערעסאַנט דיעזעס ווערק זאָל נישט זיין, פערליערט עס פיעל סימפּאַטיע ווייל, אַלעס קומט פאָהר

אויף אַ באַנקעט און דער געשפּרעך געהט אָן אָהן אַ אונטערברוך. דאָך, מיט אַלע זיינע הסרונות ווערט דאָס ווערק געשאַצט אַלס אַ קוואַל פון ליטעראַטור איבער דאָס לעבען, מנהגים, און צייט־גענאָסענשאַפט פון יענער צייט.

פון די אויטאָרען וועלכע ער ציטירט, און וועלכענס ווערקע עס זיינען שוין היינט נישט מעהר צו געפינען זיינען: אַלקעוס, אַגאַטהאָן, אַנטיסטענעס, אַרכילאָכוס, מענאַנדער, דיפילוס, עפּימענידעס, קראַטיניוס, עופּאָליס, אַלקמאַן, עמפּעדאָקלעס,, עפּיקורוס; צוזאַמען ציטירט ער מעהר אַלס 800 אויטאָרען און איבער 1200 ווערק. זיין ווערק איז צוערשט געדרוקט געוואָרען אין ווענעדיג 1514, דאַן אין באַזעל 1535, דאַן אין זשענעוואַ 1597, דאַן אין שטראַסבורג 1801 אין 14 בענד. איז אויך איבערזעצט געוואָרען אין איניגע שפּראַכען. די ערשטע איבערזעצונג איז געוועזען אין דעם פראַנצויזישען.

אַטהענע, איינע פון די גרויסע געטינען אין אַלטען גריכענלאַנד. לויט האָמער איז זי געוועזען די טאָכטער פון צעוס. דערפאַר ווייל דער נאָמען פון איהר מוטער ווערט אין ערגיץ נישט דערמאָנט לערנט מען אַז, זי איז געבוירען געוואָרען פון צעוס'ס קאָפּ. דאָס האָט פּאַסירט ווייל, ווען מעטיס, די ערשטע פרוי פון צעוס איז מיט איהר שוואַנגער געוואָרען האָבען גאַעאַ און אוראַנוס געראַטהען ער זאָל די שוואַנגערע פרוי איינשלינגען. און ווען ער האָט דאָסגעטהון איז אַטהענע ארויסגעשפּרונגען פון זיין קאָפּ. דאָס האָט פּאַסירט אויף דעם טייך טריטאָן. פּראָמעטעוס איז געוועזען דאַביי. דער טייך־גאָט טריטאָן האָט איהר אויפגעצויגען צוזאַמען מיט זיין טאָכטער פּאַלאַס. עס ווערט דערצעהלט אַז זי האָט ערפינדען

די פליוט, און ווען זי פלעגט שפּיעלען האָט זי נאָכגעמאַכט די מוזיק פון די שלאַנגען. זי איז געוועזען אַזוי בעליעבט אַז, דערפאַר ווייל זי איז געבוירען געוואָרען אויף אַ טייך האָבען די איינוואוינער פון יעדע געגענד בעהויבטעט אַז זי איז געבוירען געוואָרען אויף זייער טייך. היסטאָריקער פון יענער צייט האָבען איהר גערופען: אַטהענע טריטאָגיס, בכדי פּטור צו ווערען פון די צאַנקערייען.

איהר קאַראַקטער איז געוועזען חכמה

און גבורה. זי האָט בעזעסען די חכמה פון איהר מוטער און די גבורה פון איהר פאָטער. איהר געבורט פון פאָטערס קאָפּ און פון אַ פערשלינגענע מוטער, פעראייניגט דיביידע קרעפטען אין איין פּערזאָהן. זי איז בעטראַכט געוואָרען אַלס די שיצערין פון דעם שטאַאַט און די סאָציאַלע אָרדנונג. דערצו האָט זי נייטיג געהאַט דיביידע קרעפטע. די אַגריקולטור, שטעהענדיג אונטער דער שטאַאַטליכער אַדמינסטראַציע, איז אויך געשטאַנען אונטער איהר שוץ. מען האָט איהר דערפאַר צוגעשריבען דעם קרעדיט אַז זי האָט ערפינדען דעם פלוג און ערד־רייסער, אויך פאַר בעשאַפען דעם אָליווען־בוים; ווי אויך פאַר לערנען דאָס פאָלק די ערד צו בעאַרבייטען. זיי האָבען אויך געגלויבט אַז זי האָט ערפינדען די ציפערען, דעם טרומפּייט, דעם רייט־וואָגען, די שיפען א.ז.וו.

אין דער גריכישער ליטעראַטור ווערט זי געשילדערט אַלס די שיצערין פון דער גערעכטיגקייט. אין געזעצליכע פּראָצעסען בעוואַכט זי דעם אונשולדיגען, און וואו די ריכטער האָבען געשטימט גלייכ־אויף־גלייך האָט זי געגעבען איהר שטימע צוגונסטען פון דעם אָנגעקלאָגטען. האָט אָבער איינער געמאַכט אַ צווייטען ליידען דורך פאַלשע עדות האָט זי שוין פון איהם זיכער גענומען ראַכע.

זי האָט פיינט קריעג פאַר אונגערעכטע צוועקען, אַבער זי העלפט אַזעלכע וואָס האָבען אַ גערעכטע פאָדערונג. זי שיצט די העלדען פון אַ גערעכטען קריעג, און זי קרויהנט דעם זיעגער וואָס ברענגט גערעכטיגקייט. איהר שעהנהייט איז געפעהרליך פאַר דעם מענשליכען אויג. ווער עס האָט איהר געזעהען אין באָד איז ער גלייך בלינד געוואָרען.

אין סקולפּטור איז אַטהענע געבילדעט געוואָרען פון פהידיאַס אין דריי שטאַטוען. די ערשטע איז געוועזען קאָלאָסאַל גרויס, פון גאָלד און ביין. דיעזע איז אויפגעשטעלט געוואַרען אויף דים אַקראָפּאָליס אין אַטהען. די צווייטע, אויך אַ גרויסע פון בראָנז, און די דריטע אויך פון בראָנז, נאָר שוין נישט אזוי גרויס. די ערשטע איז צו זעהען אין דיעזען בילד.

דער טעמפּעל וואָס איז פאַר איהר געבויט געוואָרען האָט געהייסען: פּאַרטענאָן. חורבות שטעהען נאָך פון איהם אויף דעם אַקראָפּאָליס אין אַטהען. ער איז געוועזען 228 פוס לאַנג, 101 פוס ברייט און 66 פוס הויך. ער איז געבויט געוואָרען אונטער די אַדמינסטראַציע פון פּעריקלעס און איז געענדיגט געוואָרען אין 438 פיצר'. ער האָט געהאַט צו 8 זיילען אויף דער פראָנט און ריק־זייט, און צו 17 זיילען אויף ביידע זייטען. יעדער זייל איז 6 פוס אין דיאַמעטער. אינוועניג איז געשטאַנען די פיגור פון דער געטין 40 פוס הויך. דער נאַקעטער טייל פון דער פיגור איז געוועזען פון עלעפאַנטביין און די קליידונג פון גאָלד. דער צוטריט איז געוועזען פון ווייסען מאַמאָר.

אַטהענע, (Athene Noctua)

צוליעב זיין קלוגהייט האָבען די גריכען דיעזען פויגעל גערופען מיט דעם נאָמען פון זייער געטין אַטהענע. ברעהם רופט איהם די שטיינקאַוץ. ער זאָגט אָבער אויך אַז ער האָט אין פערשיעדענע געגענדע פערשיעדענע נעמען. אַשטייגער: לערכען־קאַוץ, שטאָק־קאַוץ, הויז קאַוץ, לייכען־קאַוץ; דערפאַר האָבען מיר איבערגענומען זיין קלאַסישען נאָמען פון גריכענלאַנד.

דאָס איז אַ קליינע עולע מיט אַ מיטעלגרויסען קאָפּ, אַ קורצ־געבויגענעם שנאָבעל, הויכע פיס, קורץ גערונדעטע פליגעל, מיט קליינע אויערען־עפנונגען. ער איז 22 סענט. לאַנג, פון 52 ביז 55 סענטים. ברייט, און

דער עק 8 סענטים. די קאָליער איז ביים אויבערען טייל פון קערפּער ברוין מיט ווייסע פלעקען. דאָס פּנים גרוי־ווייס, דער אונטער־קערפּער ווייסליך, די פליגעל ראָסטגעל מיט ווייסע פלעקען. די אויגען זיינען שוועבעל־געל. די יונגע זיינען דונקלער אַלס די אַלטע. דיעזע גאַטונג איז אויסגעברייט אין פּאַלעסטינאַ, אַראַביען, פּערזיען, און גאַנ נאָרד־אַפריקאַ. ער לעבט צווישען די אַלטע חורבות, צווישען שפּאַלטען פון שטיינער און בערג, לעבט אויך אויף ביימער. ער ליעבט דאָס ליכט. דערפאַר קלאַסיפיצירט איהם לעונים צווישען די טאָג־עולען. ווען ער קומט אין דייטשלאַנד האַלטען איהם די פּויערים אַלס אַ מבשר פון טוידט ווייל, ביינאַכט שטעלט ער זיך אָב אויף די ליכטיגע פענסטער און רופט, "קואוויט" וועלכעס קלינגט אין די פּויערישע אויערען ווי "קום מיט".

אַטהענעום, נאָמען פון אַ טעמפּעל אין אַטהען. שפּעטער, נאָמען פון הויכ־שוהלע. לעצטענס, דער נאָמען פון פערשיעדענע זשורנאַלען און קלובס.— די ערשטע הויכשהלע וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אונטער דיעזען נאָמען איז געוועזען די פון אַטהען, געגרינדעט פון דעם אימפּעראַטאָר האַדריאַן, אין 133 פּיצר', צו לערנען פּאָעזיע און רהעטאָריק. דיעזע האָט עקזיסטירט ביז דעם 5טען יאָהר־הונדערט. איינע אונטער דיעזען נאָמען האָט זיך אויך געגרינדעט אין ליאָנס, פון טהעאָדאָזיוס II; אַן אַנדערע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל פאַר אָריענטאַלישע לעהרען, און נאָך איניגע אין די פּראָווינצען וועלכע האָבען געהאַט אַ קורצע עקזיסטענץ.

אַטהעראָמאַ, אַ געשווילסט וואָס ענטהאַלט אין זיך אַ גריץ־אַרטיגע וויכע מאַסע. ווערט אויך גערופען: ברײ־געשווילסט, אָדער גריץ־ביטעל־געשווילסט.

אַטהערטאָן גערטרוד, אַ בעדייטענדע אַמעריקאַנער נאָוועליסטין וואָס האָט זיך פאַר אַ צייט בעזעצט אין לאָנדאָן, וואו זי איז געוועזען זעהר פּאָפּולער. זי איז אַן אָבשטאַמונג פון בענדזשאַמין פראַנקלין. געב. אין סאַנ־פראַנציסקאָ 1858, איהר מיידעל־נאָמען איז געוועזען פראַנקלין, זי האָט זיך פערהייראַט מיט דזשאָרדזש אַטהערטאָן אין קאַליפאָרניאַ און איז ענדליך געבליבען אַן אַלמנה. קאַליפאָרניאַ האָט אויף איהר נשמה געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק. מען זעהט דאָס פון איהרע טיפּען אין די מייסטע פון איהרע נאָוועלען. איהר שפּראַך איז לעבהאַפט און אַמוזאַנט. די פיזיאָלאָגיע איז זעהר וואַרם, אַבער איהרע מענער טיפּען זיינען זעהר קאַלט. איהר פעהלט די מענער־פּסיכאָלאָגיע, און דאָס איז איהר גרויסער פעהלער. איין מענער טיפּ איז איהר יאָ געלונגען, אַ יונגער סאָציאַליסטישער ענטוזיאַסט וועלכער לעקטשורד די מאַרקסיסטישע אידעע צו אַ גרופּע מיידלעך, דאָס איז איהר מעגליך געוועזען צו בעגרייפען ווען זי האָט די געלעגעהייט אויסגענוצט בייצוואוינען סאָציאַליסטישע מיטינגס, דער איינדרוק וואָס אַזאַ מיטינג האָט אויף איהר געמאַכט האָט ביי דיעזען טיפּ געבילדעט

די גרונדלאַגע. ביי די אַנדערע האָט איהר געפעהלט די עהנליכע קענטניס.

פון איהרע לעצטע טהעטיגקייטען איז צו זעהען וואָס פיר אַן איינדרוק דער סאָציאַליזמוס האָט אויף איהר געהאַט. בעת דער גרויסע וועלט־מלחמה איז זי געוועזען אין פראַנקרייך צו העלפען מיט וואָס עס האָט זיך איהר אַנגעבאָטען. ווען עס איז אַנגעגאַנגען די מלחמה צווישען פוילען און רוסלאַנד האָט זי אַפּעלירט צו אַמעריקאַ זי זאָל העלפען פוילען געגען די באָלשעוויקעס אין ענגלאַנד פאָדערט זי פאַר די אַרבייטער אַ גרעסערען געהאַלט און אַ פרייערעס לעבען. איהר בעסטעס ווערק איז "די קייוו וואָמען" אין דיעזען ווערק ווייזט זי אָן מיט גרויס טאַלאַנט אַז, די לעצטע וועלט־מלחמה האָט בעוויזען, דאָס די פרוי איז פעהיג צו אַלעס, און דעם מאַן געצייגט אַז דאָס איז אויך אמת.

אין אַ בריעף צו דער נויאָרקער "טיימס" שרייבט זי אין 1915 אַז, זי האָט געלעבט אין מינכען 5 מאָנאַטען פון יעדען יאָהר פאַר 7 יאָהר. אַז זי ליעבט דיעזע שטאָדט מיט איהרע איינוואוינער און איהר רעגירונג; נאָר ווען דער קריעג האָט אויסגעבראָכען האָט זיך איהר ליעבע צו אַמעריקאַ אויפגעוועקט און זי איז גלייך פון דאָרט אַוועק.

אַטהעריאַסטיט (Athriastit) אַ מינעראַל פון דעם סקאַפּאָליטישען קלאַס. קומט פאָהר אין דיקע קורצע זיילען אָדער קערנער, מיט אַ אונריינע גריענע פאַרב, ביי אַרענדאַל. זיין בעמישער אינהאַלט איז:

וואַסער	7.00
קאַלק־ערד	22.4
טהאָן־ערד	24.00
קיעזעל־זויערע	38.00

מיט אַ אונבעדייטענדע צאָהל פון אייזענ־אָקסידול, מאַנגאַנאָ־אָקסידול, און מאַגנעזיע.

אַטהערינאַ (העבר. "אַטונס" חולין ס'ו) אַ קליינער שפּייז־פיש וועלכער האָט די מעהרסטע ווירבעל־ביינער פון אַלע בעקאַנטע פיש. ער וואַקסט זעלטען איבער 6 צאָל גרויס האָט אַ ברייט זילבערנעם שטרייף איבער די לענג פון קערפער, און קליינע גלאַטע ציין. ער איז זעהר געשמאַק צום עסען. זיין



גאַטונג געפינט מען אין די וואַסערען פון אַרום ענגלאַנד און אירלאַנד. טיילמאָל אויך אין אַנדערע עוראָפּעישע וואַסערען.

אַטהערמאַנסיאַ, אַ נאָמען פאַר אַלע קערפער וואָס לאָזען נישט אַדורך די וואַרמקייט.

אַטטאָ I אַ דייטשער קייזער, געב. אין מעמלעבען 912 און געשט. אין טהורינגיאַ 973. ער איז געקרוינט געוואָרען אין אַאַכען אויף זיין פאָטערס אָרט אין 936, ער האָט געהערשט 36 יאָהר, אין וועלכע זיין פאָלק האָט נישט געהאַט קיין מנוחה פאַר איין יאָהר. די ערשטע אָפּאָנענטען זיינע זיינען געוועזען זיינע אייגענע ברידער וועלכע ער האָט בעזיעגט איינעם נאָך דעם אַנדערען. ער שלאָגט זיך מיט באָלעסלאַוו פון בעהמען און בעזיעגט איהם, שלאָגט זיך מיט די אונגאַרן און בעזיעגט זיי, מיט פיעלע פון די סלאַווישע פעלקער און בעזיעגט זיי. ער ווערט איינגעלאַדען פון דער שעהנע איטאַליענישע אַלמנה לאָטהאַריאַ ער זאָל איהר פערטהיידיגען דעם איטאַליענישען טראָהן געגען בערענגאַר און ער בעזיעגט אויך איהם. אָטטאָ האָט מיט איהר חתונה און ווערט דאַדורך דער קעניג פון לאָמבאַרדי.

אַלס ער קומט אַהיים בעגעגענד ער נייע אויפשטענדע וועלכע זיין ערשטע פרוי האָט געשטיפטעט, ער אונטערדריקט זיי אַלע. דערווייל איז בערענזשער ווידער אויפגעשטאַנען אין איטאַליען, ער איילט זיך שנעל דאָרטהין און בעזיעגט איהם ווידער. דעמאָלט איז ער שוין געקרויהנט געוואָרען אַלס קעניג איבער איטאַליען. ער געפינט אַז בערענזשער ווערט געשטיצט פון פּאַבסט דזשהן אַזוי האָט ער איהם אַראָבגעזעצט און אויף זיין שטעל געקרויהנט דעם פּאַבסט לעאָ.—ער שלאָגט זיך נאָכהער מיט גריכענלאַנד און בעזיעגט אויך זיי.

אָטטאָ III דייטשער קייזער, אַ זוהן פון אָטטאָ דעם צווייטען. געב. 980 און געקרוינט געוואָרען אין אַאַכען ווען 6 יאָהר אַלט. זיין מוטער האָט פאַר איהם רעגירט אונטער זיין נאָמען, און זי איז געוועזען אונטער דעם פּאַבסט אויפזיכט. אַלס די קרעסצענטען האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד אין רוים מיט דער אַבזיכט צו עטאַבלירען דאָרט אַ רעפּובליק, האָט דער פּאַבסט גרעגאָר דער פינפטער אויפגעפאָדערט דעם יונגען אָטטאָ צו אונטערדרוקען די רעוואָלוציע. נאָכדעם ווי דאָס איז געטהון געוואָרען האָט דער יונגער קעניג איינגעזעהען אַז ער איז בלויז אַ שפּיעל־צייג אין די הענד פון פּאַבסט, ער האָט זיך דאַרום צוריקגעצויגען נאָך דייטשלאַנד. די קרעסצענטען האָבען דיזע געלעגענהייט אויסגענוצט, זיי האָבען געמאַכט אַ נייעם אויפשטאַנד, און האָבען דעם פּאַבסט גרעגאָר פּעריאָגט. דער נייער פּאַבסט האָט ביי איהם גע׳פּועלט ער זאָל ווידער קומען איינשטילען די רעוואָלוציאָנערען, ער האָט זיי איינגעשטילט נאָכדעם ווי ער האָט קרעסצענטום מיט 12 פון זיינע הויבט מיטהעלפער אָבגעהאַקט די קעפּ און איינגעפיהרט אַ שטרענגע אויפזיכט.

אַטטאַטשמענט (Attachment) אין דער ענגלישע יוריספּרודענץ: דער אַרעסט פון אַ פּערזאָהן אָדר זיין אייגענטום, אַלס אַ גאַראַנטיע דאָס דער ווערדיקט וועט אויס געפיהרט ווערען. דאָס קאָן געטהון ווערען פון אַ בעאַמטען מיט אַן אָרדער פון אַ ריכטער, אויף דעם פערלאַנג פון אַן אָנקלעגער. איידער אַזאַ פאָדערונג ווערט דורכגעפיהרט, מוז דער אָנקלעגער דעם ריכטער בעווייזען אַז ער האָט ריכטיגע גרינדע צו גלויבען, אַז דער אָנגעקלאָגטער פּאָרבערייט זיך צו ענטלויפען, אָדער פּטור צו ווערען פון זיין אייגענטום איידער דער משפּט וועט פאָרקומען. די פּערזאָהן וועלכע פאָדערט אַזאַ אַטטאַטשמענט איז פעראַנטוואָרטליך צום ריכטער פאַר דער ריכטיגקייט פון זיינע גרינדע. פאַלס דער געקריוודעטער קאָן בעווייזען אַז די אָנגעגעבענע גרינדע זיינען געוועזען פאַלש, האָט ער אַ גוטען פּראָצעס געגען דעם אָנקלעגער פאַר שאָדענ־ערזאַץ.

אַן אַטטאַטשמענט קאָן געמאַכט ווערען אויף אַ פּערזאָהן און אויף זיין אייגענטום נאָר אויף צוויי בעזונדערע וואָראַנטס (פּאָלמאַכט) און נישט אויף איינעם. קאָן געמאַכט ווערען אויף אַ טייל פון אייגענטום אָדער אויף איינעם פון די שותפים פון אַ פּראָצעס. אויב איינער פאָהרט אַוועק פון זיין געשעפט און בעזאָרגט נישט פאַר זיינע קרעדיטאָרען, קאָן געלייגט ווערען אַן אַטטאַטשמענט אויף דעם געבליבענעם אייגענטום.

אויבוואויל, לויט געזעץ, קענען די בעלי־חובות אַטטאַטשען די פּערזאָהן וואָס איז זיי שולדיג געלד און צאָהלט נישט, ווערט דאָס אָבער זעהר זעלטען געטהון ביי די היינטיגע צייטען. די ריכטער האַלטען אַז די פריהייט פון אַ שולדיגען איז מעהר בענעפיציעז צום בעל־חוב ווי דאָס געפענגניס, סיידען דער שולדיגער קאָן צאָהלען

און וויל נישט.

אין דער יונייטעד־סטייטס קאָן אַן אַרביטער אַטטאַטשען זיין מייסטער ווען ער צאָהלט איהם נישט זיין לוין. אין פיעלע סטייטס ווערט אויך געמאַכט אַן אַטטאַטשמענט געמאַכט אין ציוויל־פּראָצעסען נאָך איידער דער סאָמאָנס (פּאָוויעסטקע) ווערט אַרויסגעשיקט. אין ענגלאַנד ווערט פריהער אַרויסגעשיקט דער סאָמאָנס, אויב דער אָנגעקלאָגטער ערשיינט נישט, ווערט דער שעריף אויפגעפאָדערט צו אַטטאַטשען דאָס אייגענטום פון דער פּערזאָהן און איהם דאַדורך צו צווינגען צו קומען אין געריכט. אויב יעמאַנד גאַראַנטירט פאַר איהם אַז ער וועט ערשיינען אין געריכט ווערט די אַטטאַטשמענט פון איהם אַרונטער גענומען. אויך אַן עדות קאָן אַטטאַטשט ווערען פאַר נישט קומען אין געריכט ווען ער ווערט אויפגעפאָדערט.

אַטטאַינדער, אַן אַלט־ענגלישעס געזעץ נאָך פון די פעודאַלע צייטען, וועלכעס קאָנפיסקירט דאָס אייגענטום פון אַ פערברעכער איבערהויבט דאָס פון אַ מורד במלכות. דער "אַטטאַינדער מיינט אַזויפיעל ווי: אַ בלוטבעפלעקטער, אָדער אַ קאָרומפּירטעס בלוט. דעמאָלט האָט מען געגלויבט אַז איינער וואָס האָט קיין בייז בלוט קאָן נישט בעגעהען אַ פערברעך. צוויי עדות זיינען גענוג צו בעשטעטיגען אַ פערברעך אונטער דיעזען אַקט. די שטראָף איז געוועזען 1) אַוועקנעהמען אַלע בירגער רעכט פון דעם פעראורטיילטען, 2) די קאָנפיסקירונג פון דעם פערברעכערס אייגענטום, 3) די הינריכטונג. אַ פעראורטיילטער אונטער דיעזען אַקט האָט נישט געקאָנט זיין אַן עדות פאַר קיינעם, און איז נישט געשיצט געוואָרען ביז דעם לעצטען מאָמענט פון זיין לעבען.

מיט דער צייט איז דאָס געזעץ צוביסלעך רעפאָרמירט געוואָרען. דער ערשטער רעפאָרם איז געקומען פון וויליאַם דעם דריטען אין יאָהר 1695. די הינריכטונג פון לאָרד ראַסעל האָט געפיהרט דערצו. דאָס פאָלק האָט דאָס געזעץ פערברענט אין דער עפענטליכקייט. דער לעצטער וואָס האָט פון איהם געליטען די האַרטעסטע שטראָף איז געוועזען סער דזשאָהן פענוויק. שפּעטער איז די טוידטשטראָף פון דיעזען אַקט אָבגעשאַפט געוואָרען נאָר די קאָנפיסקאַציע איז פערבליבען. אַן אַגיטאַציע צוגונסטען פון די יורשים וואָס זיינען אונשולדיג אין דיעזען פערברעך האָט געפיהרט צו אַ רעפאָרם וועלכער שטעהט היינט אַזוי:— ווען איינער ווערט פעראורטיילט אונטער דיעזען אַקט, אויב אויף טוידט אָדער אויף לעבענס לאַנג געפענגניס, זאָל בעשטימט ווערען אַן אַדמינסטראַטאָר צו איבערנעהמען דאָס פערמעגען. פון דיעזען פערמעגען זאָל בעצאָהלט ווערען די קאָסטען פון דעם פּראָצעס, שאַדענערזאַץ וואָס איז פעראורזאַכט געוואָרען דורך דעם פערברעך, אויפצוהאַלטען די פערזאָהנען וואָס זיינען אַבהענגיג מיט זייער פרנסה אויף דעם פערברעכער, און די רעשט, נאָך דעם טוידט פון פערברעכער צו פערטיילען צווישען זיינע יורשים. טאָמער ווערט ער אָבער בעפרייט, דאַרף דער אַדמינסטראַטאָר איהם אָבגעבען די רעשט.

אַטטאַלוס, נאָמען פון דריי קעניגע פון פערגאַמוס. דער ערשטער איז געוועזען דער ברודער פון אַנטיאָכוס, ער האָט געפאָלגט אויף דעם טראָהן נאָך עמענעס דעם ערשטען אין יאָהר 241 פיצר׳, ער איז געוועזען דער ערשטער אַזיאַטישער הערשער וואָס האָט אַטאַקירט און געזיעגט איבער די גאַולען. אין יאָהר 226 איז ער געוואָרען הערשער איבער גאַנץ קליינ־אַזיען, און אין 221 האָט אַכעוס איהם געשלאָגען און צוריק־

געטריבען צו זיין ערשטען בעזיץ. איין יאָהר שפּעטער האָבען די ביזאַנטינער געזוכט צו מאַכען שלום צווישען איהם און אכעוס, אַבער דאָס האָט געפיהרט צו אַ נייעם קריעג צווישען די ביזאַנטינער און אַטטאַלוס געגען אַכעוס. אין 218 האָט אַטטאַלוס מיט די הילפע פון די ביזאַנטינער ווידער געוואונען פיעלע פון די פערלוירענע שטעדט, אַבער, אַ ליקוי־חמא האָט שטאַטגעפינדען אין מיטען און די גאַולען האָבען זיך ענטזאַגט ווייטער אָנצוגעהן מיט דער מלחמה. אין 216 פעראייניגט ער זיך מיט אַנטיאָכוס דעם גרויסען געגען אַכעוס. אַכעוס האָט זיך ווידער פעראייניגט מיט פיליפּ געגען ביידע. דאַרויף האָט אַטטאַלוס נאָך צובעקומען די רוימער און די עטאָליער. די מלחמה איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ צייט, ביז ער האָט דערהערט אַז פּרוסיאַז האָט בעלאַגערט פּערגאַמוס, האָט ער גלייך פערלאָזען דעם פרעמדען באָדען און איז אַהיים ראַטעווען זיין אייגען לאַנד. אין 200 איז ער איינגעלאַדען געוואָרען צו קומען אין אַטהען. דאָרט האָט מען איהם געיובעלט אַלס זיעגערישער קריעגס־העלד. דעמאָלט האָט ער זיך נאָך שטאַרקער פעראייניגט מיט די רוימישע קאָנסולען. אין 197 האָט ער בעקומען אַן אַפּאָפּלעקסיע אינמיטען אַ ריידע אין טהעבעס. מען האָט איהם גלייך אַהיימגעבראַכט נאָך פּערגאַמוס, וואו ער איז געשטאָרבען 72 יאָהר אַלט, נאָכדעם ווי ער האָט געהערשט 44 יאָהר.

אַטטאַלוס פילאַדעלפיוס, דער 2טער זוהן פון דעם פאָריגען. ער האָט בעשטיגען דעם טראָהן נאָך דעם טוידט פון זיין עלטערען ברודער אין 159 פיצר׳. האָט אין זיין יוגענד מיטגעמאַכט אַלע מלחמות פון זיין פאָטער און פון זיין עלטערען ברודער. ער איז געוועזען זעהר בעליעבט ביי די רוימער ווייל זיי האָבען פיינד געהאַט זיין ברודער. ער האָט די רוימער פיעל געהאָלפען געגען זייערע פיינד וואָס זיינען געוועזען אויך זיינע פיינד און די פיינד פון זיין פאָטער. ער האָט בעגרינדעט און שפּעטער אויך אויפגעבויט די שטאָדט פילאַדעלפיאַ און די שטאָדט לידיאַ. שפּעטער בויט ער אויך די שטעדט אַטטאַלעאַ און פאַמפילאַ. ער האָט אויך זעהר רייכליך אונטערשטיצט וויסענשאַפט און קונסט.

אַטטאַלוס פילאָמעטער דער דריטער. אַ ברודער־זוהן פון דעם פאָריגען. ער האָט בעטרעטען דעם טראָהן אין 138 פיצר׳. איז געוועזען אַן אויסגעלאַסענער, אַ מערדער פון זיין פאַמיליע און ענדליך, אַ משוגענער. אַלס ער איז געפּלאָגט געוואָרען פון זיין געוויסען פאַר הרגנען זיין פאַמיליע האָט ער זיך צוריקגעצויגען אין דער איינזאַמקייט אַריין, און זיך גענומען צו סקולפּטור. ער האָט געשריבען איינינע ווערק איבער קונסט. ער איז ענדליך אָנגעגריפען געוואָרען פון אַ פיעבער־קראַנקהייט נאָך וועלכער ער איז געשטאָרבען אין 133 פיצר׳.

אַטטאַלעאַ, אַ גאַטונג פאַלמע, וועלכע וואַקסט בעסטענס אין די טראָפּישע געגענדע. איז מיט דיעזען נאָמען בעצייכענט צום אַנדענקען פון אַטטאַלוס דעם קעניג פון פּערגאַמוס, דערפאַר ווייל ער האָט געגרינדעט די פּערגאַמישע ביבליאָטעק אין 198 פיצר׳. אין אַמעריקאַ געפינט מען פיעלע פון דיעזע ביימער אין די געדיכטעסטע וועלדער פון דער הייסע געגענד. איז עהנליך צום קאָקוס־נוס־בוים. זיין פרוכט האָט דריי צעלען און דריי זאַאַט־קערנער. זיין האָלץ איז ווייך און פון אַ רויט־ברוינע קאָליער. די בלאַט־שטענגעל זיינען ברייט און גלאַט. די פרוכט הענגט אַרונטער אין גאַנצע בינטלעך מיט ברוינליכע נים. די בלעטער וואַקסען צווישען 3 ביז 5 סענטימעטער לאַנג. פון זיינע צוויי־

גען ווערען פאַבריצירט שטריק וועלכע ווערען שטאַרקער און דויערהאַפטיגער אין זאַלציגע וואַסערען. דערפאַר ניצט מען זיי אין בראַזיליען פאַר דער דאָרטיגער נייווי. אויך ווערט פן זיי פאַבריצירט בערשטען און בעזים. פון זייער נוס־שאָלעכץ מאַכען די דרעקסלער קעפּ פאַר שפּאַציער־שטעקען.

אָטטאָלענגהי זשיזעפּ אַ יוּדישער פעלד־מאַרשאַל אין דער איטאַליענישע אַרמיי. געב. אין לאָמבאַרדי 1838 און געשט. אין טורין 1904. שטודירט פריהער יוריספּרודענץ, פערגליסט זיך בעסער אָנצונעהמען אַ מיליטערישע קאַריערע, וואָלונטירט אין 1859, נעהמט אָנטייל אין אייניגע קעמפּע און אַוואַנסירט פון ראַנג צו ראַנג ביז קאַפּיטאַן אין 1863. ער איז געוועזען דער ערשטער יוד אין דער איטאַליענישע אַרמיי צו טראָגען דיעזען טיטעל. אין 1864 קעמפּט ער געגען דעם בריגאַנד באַסיליקאַטאַ און געווינט דערפאַר אַזילבערנעם מעדאַל. אין די מלחמה פון 1866 געווינט ער ווידער איין אויסצייכנונג נאָך דער אַנדערע און ער ווערט פּראָפעסאָר איבער מיליטערישע היסטאָריע און מיליטערישע טאַקטיק אין דער ראָיאַלע מיליטערישע שוהלע פון מאָדענאַ. אין דער פראַנצויזיש־דייטשע מלחמה איז ער געוועזען דער איטאַליענישער אַטאַשי אין די פראַנצויזישע רייהען. אין דעם דיספּיוט צווישען דער טירקיי און מאָנטענעגראָ אזי ער געוועזען אין דער קאָמיסיע וועלכע האָט געדאַרפט בעשטימען די גרענצען צווישען ביידע דיספּוטאַנטען. אין 1888 איז ער געוואָרען בריגאַדיער גענעראַל און קאָמאַנדיער פון דעם מיליטער אין טורין. אין 1902 איז ער געוואָרען גריעגס־מיניסטער און איטאַליענישער סענאַטאָר. אין זיין גאַנצע קאַריערע האָט ער גענומען אַן אַקטיווען אָנטייל אין יודיש רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען. אַז דאָס האָט איהם נישט געשטערט צו זיין קאַריערע איז אַ קרעדיט צום איטאַליענישען פאָלק.

אָטטאָ פאָן שעהנבערג, דער פּרינץ פון זאַקסען, איז גע'הרגט געוואָרען אויף דעם שלאַכט־פעלד ביי רהיימס אין 1915 ווען 33 יאָהר אַלט. ער האָט זיך אונטערנומען מיט אַ פּאָאָר פריינד צו געהען שפּיאָנירע דעם פיינדס לאַגער. אַלס ער איז מיט זיי רייטענדיג אָנגעקומען נעבען אַ באַהנ־בריק האָבען פראַנצויזישע סאָלדאַטען גענומען שיעסען אויף איהם פון זייער בעהעלטעניש. די ערשטע קויל האָט איהם געטראָפען. אַלס זיינע קאַמעראַדען האָבען איהם געוואָלט העלפען האָט ער זיי בעפוילען איהם צו לאָזען ליגען און לויפען אָנזאָגען די דייטשען וואו די פראַנצויזען זיינען. ווען זיי זיינען צוריקגעקומען האָבען זיי איהם געפינען טוידט.

אַטטאָק, אַ פעסטונגס־שטאָדט אין פּונזשאַב, אויף דער לינקער זייט פון טייך אינדוס. איז געבויט געוואָרען פון קעניג אַקבאַר אין 1581 אַלס אַ סטראַטעגישען פּונקט צו היטען דעם דורכגאַנג פון דעם טייך אַ גרויסע באַהנ־בריק איז דאָרט געעפענט געוואָרען אין יאָהר 1883 וועלכע שטעהט אויף 5 זיילען 130 פוס הויך, איבער וועלכען עס לויפט די אייזענבאַהנ־ליניע צווישען קאַלקוטאַ און פּעשאַוואור. אין דיעזע שטאָדט געפינט זיך דער גרעסטער האַפען פון דעם טייך אינדוס, און דורך דאַנען ווערען אַלע עקספּאָרטען און אימפּאָרטען געמאַכט. דורך דיעזע געגענד האָבען אַלע מלחמות פּאַסירט אין אינדיען פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסען ביז די הייטיגע צייט. די בעפעלקערונג איז בערך 4,000.

אָטטאָקאַר II, קעניג פון בעהמען,

געב. 1230 און געפאַלען אין מלחמה אין יאָהר 1278. אין זיין יוגענד שליעסט ער זיך אָן אין דעם אויפשטאַנד געגען זיין פאָטער מיט די נאָבעל-לייט. דער אויפשטאַנד איז אונגעלונגען און ער איז דערפאַר פער־זעצט געוואָרען אין געפענגניס. אַלס ער איז פריי געוואָרען האָט ער געהייראַט די אַלמנה פון דעם עסטרייכישען הערשער. זי איז אַלט געוועזען 46 און ער 23 יאָהר. ער איז דאַדורך געוואָרען דער קעניג פון עסטרייך און סטיריאַ. נאָך זיין פאָטערס טוידט קריעגט ער נאָך די הערשאַפט פון בעהמען. דעמאָלט האָט זיך איהם פערגליסט צו מאַכען אַ קרייץ-צוג געגען די אונגלויביגע פרייסען אין 1261 געווינט ער אַ גרויסען זיעג איבער אונגאַרען. ער גט זיך דעמאָלט מיט זיין עלטערע ווייב און הייראַט די שעהנע יונגע אונגאַרישע פרינצעסין קוניגונדאַ. ער האָט זיין מאַכט אויסגעברייט פון די בייערישע גרענעץ צו ראַאַב אין אונגאַרן, און פון אַדריאַטישען ים ביז דעם באַלטישען. ווען רודאָלף דער גראַף פון האַבסבורג איז גע־וואָרען דייטשער קייזער האָט אָטטאָקאַר געמוזט אָבגעבען עסטרייך, סטיריאַ, קאַרינ־טיאַ, און אַנדערע טעריטאָריען. דאָס האָט איהם זעהר געערגערט און ער האָט פרובירט צוריקגעווינען די אָבגעגעבענע טעריטאָריען, ער איז אָבער געפאַלען טוידט אין אַ שלאַכט ביי מאַרכפעלד.

אַטטאָרני, אין די ענגליש שפרעכענדע לענדער: איינער וואָס האָט דאָס רעכט צו פיהרען אַ פראָצעס פאַר אַ צווייטען. אין די יונייטעד-סטייטס, וואו עס איז נישט דאָ דער אַדוואָקאַטען-קלאַס, איז ער אויך דער שפרעכענדער פאָרשטעהער פון איין צד אין אַ פראָצעס; אין ענגלאַנד, און אין די ענגלישע קאָלאָניעס מעג ער נאָר ריידען אין די קליינערע קאָורטס, און אין די סופּריעם־קאָורטס מוז ער בעשעפטיגען אַן אַדוואָקאַט ער זאָל פאַר איהם ריידען. ער דאַרף דעם אַדוואָקאַט צושטעלען דעם גאַנצען פראָצעס מיט אַלע אַרגומענטען שריפטליך. דאַגעגען אין די אונטערע קאָורטס קאָן דער ענגלי־שער אַטטאָרני טהון דאָסזעלבען וואָס דער פון די יונייטעד-סטייטס.

אין דייטשלאַנד הייסט ער: רעכטס-אַנ־וואַלט. אין רוסישען: כאָדאַטאַי פאָ דיעלאַם. אין לאַטייניש: אויב ער איז פאַר דעם אַנקלעגער הייסט ער פראָקוראַטאָר, און פאַר דעם אַנגעקלאַגטען הייסט ער אַקטאָר. אין פיעלע לענדער וואו עס איז נאָר פאַראַן איין קלאַס פון זיי הייסט ער אויך אַדוואָקאַט.

די פליכטען פון אַן אַטטאָרני ווערען גערעגולירט דורך אַ סטאַטוט (ז.ד.) פון דעם שטאַאַט, און זיין רעכט צו פראַקטיצירען קריעגט ער פון סופּריעם-קאָורט, נאָכדעם ווי ער האָט אָבגעלעגט אַן עקזאַמען. זיין עקזאַמען ווערט אָבגעלעגט פאַר אַ קאָמיטע וואָס ווערט יעדעס יאָהר בעשטימט פון דעם ריכטער-פרעזידענט. דיעזעס קאָמיטע האָט דאָס רעכט צו בעשטימען די פאָרמען פון דעם עקזאַמען. אויב דער קאַנדידאַט האָט דורכגעמאַכט אַ שוהלע פון יוריספרו־דענץ אין אַ לאַנד וואָס דיעזעס לאַנד אַנער־קאָנט פאַר גענוגענד, ווערט זיין דיפּלאָם פון יענער שוהלע אַנערקאַנט. ער קריעגט זיין ערלויבניש צו פראַקטיצירען אויף דעם סמך פון דיעזען דיפּלאָם.

איידער ער קריעגט זיין ערלויבניש צו פראַקטיצירען ווערט זיין קאַראַקטער אונ־טערזוכט. אויב דיעזער ווערט גוט געהייסען מוז ער שווערען אַז ער וועט אין פערלויף פון זיין פראַקסיס דיענען טריי צו די אינטערעסען פון זיינע קליענטען. אויב ער ווערט אַמאָל פעראורטיילט פאַר אַ פערברעך ווערט איהם צוגענומען דאָס רעכט צו פראַק־טיצירען.

אַטטאָרני און סאָליסיטאָר זיינען נאָר צוויי נעמען פאַר איין אַמט. דורך אַ געזעץ פון 1873 הייסען אַלע ענגלישע אַטטאָרניס אויך סאָליסיטאָרס. פריהער האָט אַן אַטטאָרני געמעגט פּראַקטיצירען בלויז אין סופּריעמ־קאָרוט, און אַ סאָליסיטאָר אין די אונטערע קאָורטס, הײַנט זיינען זיי ביידע גלייכגעשטעלט געוואָרען דורך דיעזען געזעץ.

אַחוץ דאָס רעכט פון קאָורט צו פּראַקטיצירען מוז ער נאָך קריעגען פון זיין קליענט דאָס רעכט איהם צו רעפּרעזענטירען. דאָס מוז ער קריעגען פון יעדען קליענט ביי אַ יעדען פּראָצעס. דיעזע פאָלמאַכט רופט מען פּאָוער־אָוו־אַטטאָרני. אָהן אַזאַ פּאָוער האָט דער אַטטאָרני קיין רעכט פאָרצוטרעטען פאַר דעם געריכט, אָדער עפּעס צו טהון פאַר זיין קליענט. אויב ער טהוט דאָס יאָ, דאַן נעהמט ער די אַחריות אויף זיך. אויב דער קליענט שרייבט אונטער אַ פּאָער־אָוו־אַטטרני אָהן שום תנאים דאַן איז ער פעראַנטוואָרטליך פאַר אַלעס וואָס דער אַטטאָרני טהוט פאַר איהם. האָט ער אָבער יאָ אויסגעשטעלט תנאים דאַן איז ער נאָר פעראַנטוואָרטליך ביז צו די גרענצען פון דיעזע תנאים. פאַר די רעשט מוז דער אַטטאָני ליידען.

עס איז די פליכט פון אַן אַטטאָרני צו מיטטיילען צו זיין קליענט אַלעס וואָס עס בעריהרט זיין געשעפט אָדער זיין פּראָצעס. צו היטען זיינע דאָקומענטען, אָדער זיינע מינדליכע מיטטיילונגען, זיי זאָלען נישט אַריבעקומען צו זיין געגנער. אויב אַן אַטטאָרני ווערט גערופען פון דעם אַנדערען צד אַלס עדות האָט ער דאָס געזעצליכע פּריוויליגיום די פערטרויטע סודות נישט אויס־צו זאָגען. אין פערלויף פון זיין פּראָצעס, בעת ער רעדט, האָט ער דאָס רעכט צו געברויכען ווערטער אין קאָורט וועלכע ער טאָר נישט געברויכען אויסער דעם קאָורט.

דיעזע ווערטער מוזען אָבער זיין אַזעלכע וואָס דיענען איהם צו גונסטען פון זיין פּראָצעס. זיינען זיי אָבער נישט צום בענעפיט פון זיין פּראָצעס דאַן איז ער פעראַנטוואָרטליך פאַר זיי (Hasting v. Lusk, 22 Wend. N. Y. 410)

אַטטאָרני-דזשענעראַל, איינער וואָס רעפּרעזענטירט דעם שטאַאט ווי דער אַטטאָרני רעפּרעזענטירט דעם בירגער. ער איז דער הויבט אַדמינסטראַטאָר פון דער שטאַאַטליכע יוסטיץ, און דער הויבט פּראָקוראַטאָר אין אַלע בעציהונגען צווישען די געזעצליכע פאָדערונגען און די איינצעלנע ביגער. אין ענגלאַנד איז ער אָנגעשטעלט פון קעניג אויף די רעקאָמענדאַציע פון דעם פּרעמיער, און אין די ענגלישע קאָלאָניעס, פון דעם גאָווערנאָר, דורך די רעקאָמענדאַציע פון דעם פּרעמיער פון דער בעטרעפענדע קאָלאָניע. אין דער יונייטעד־סטייטס: פון דעם פּרעזידענט דורך די רעקאָמענדאַציע פון סענאַט.

אין ענגלאַנד איז ער נישט אַ קאַבינעט־מיניסטער, און אין ענגלישע קאָלאָניעס איז ער יאָ. אין די ענגלישע קאָלאָניעס ווערט ער גערופען אויך יוסטיץ־מיניסטער, ווייל העכערעס איבער איהם איז אין דיעזען אַמט דאָרט נישט דאָ אַבער, מען רופט איהם אַטטאָרני־דזשענעראַל צוליעב דער לעגאַלע טערמינאָלאָגיע. איבעראַל איז ער פריהער אַן אויסערוועהלטער פון פאָלק פאַר אַ לעדזשיסלאַטיווער קערפּערשאַפט. אַשטייגער: פּאַרלאַמענט, סענאַט, קאָנגרעס, אָדער אַסעמבלי דער איינציגער אַטטאָרני־דזשענעראַל וואָס איז אַמאָל געוועזען אַ קאַבינעט־מיניסטער אין ענגלאַנד איז געוועזען מר. רופוס אַיזאַקס, דער יעצטיגער שני למלך פון אינדיען. אַ פּריווילעגיום וואָס איז געמאַכט געוואָרען ספּעציעל פאַר איהם. אין דער יונייטעד־סטייטס איז ער אַ קאַבינעט־מיניס־

טער. לויט אַן אַקט פון קאָנגרעס פון 1886 איז ער דער פירטער אין דער רייהע פון דעם פּרעזידענט. ד.ה. אַז ווען די דריי בעפאָר איהם זיינען געשטאָרבען, אָדער זיינען דיסקוואָליפיצירט (בטול) געוואָרען, ווערט ער פּרעזידענט.

זיינע הויבט־פליכטען זיינען: צו פּראָצעסירען קרימינעלע פערברעכען, צו פאָדערען פון דעם פינאַנצ־מיניסטער געהאַלט פאַר דעם קעניג אָדער פאַר דעם פּרעזידענט. צו זאָרגען אַז אַלע שטאַאַטליכע שטייערען זאָלען פון די בירגער בעצאָהלט ווערען, צו זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר די אַרעסטירטע בירגער זיי זאָלען בעהאַנדעלט ווערען לויט דעם געזעץ פאַר אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען נישט פריי פאַר זיכזעלבסט צו זאָרגען. צו געבען לעגאַלע עצות צום קעניג אָדער צום פּרעזידענט, און צו די העכסטע בעאַמטע פון יעדע אָבטיילונג אין שטאַאַט. אַכטונג צוגעבען אַז, יעדע האַנדלונג וואָס דער שטאַאַט מאַכט זאָל זיין לויט די געזעץ פון לאַנד. צו פיהרען, אָדער צו לאָזען אָנפיהרען יעדען פּראָצעס וואָס דער שטאַאַט דאַרף פיהרען, אָדער אַנטייל נעהמען אין יעדען פּראָצעס אין וועלכען דער שטאַאַט איז פערוויקעלט. ער האָט אויך אַכטונג צו געבען אַז אַלע שטאַאַטס־בעאַמטע זאָלען געטריי אויפיהרען זייערע פליכטען.

אין דער יוריספּרודענץ פון דער יונייטעד סטייטס איז נישט פאַראַן אַן אייגען געזעץ וואָס זאָל פאָרשרייבען די פליכטען פון אַן אַטטאָרני־דזשענעראַל, נאָר זי האָט אַדאָפּטירט דאָס ענגלישע געזעץ אין דיעזער הינזיכט; און נאַך דיעזען געזעץ איז ער פערפליכטעט 1) צו שיצען דעם בירגער, זיין פרייהייט, זיין לעבען און זיין אייגענטום. פאַר דיעזען צוועק מוז ער אויפזוכען דעם פערברעכער וואָס בעגעהט אַ פערברעך געגען דעם בירגער און איהם האַלטען אין זיכערהייט, איהם פאָרברענגען גע׳משפט צו ווערען פאַר זיין פערברעך, און זאָרגען אַז די שטראָף זאָל אויסגעפיהרט ווערען. 2) צו זוכען און צו ענטדעקען די פערברעכער וואָס פערברעכען דאָס געזעץ געגען דעם שטאַאַט, און געגען דער קאָנסטיטוציע. 3) צו אַכטונג געבען אַז קיין רעגיערונגס בעאַמטער זאָל אויסגעבען מעהר געלד פון דער שטאַאַטס־קאַסע אַלס ער האָט ערלויבניס. 4) צו זוכען און צו ענטעקען גנבות, און אָבצוגעבען די געפונענע גנבות צו זייערע אייגענטימער. 5) דורך אַן אָרדער פון קאָורט אָבצושאַפען ז בעאַמטען ווען ער געפינט איהם שעדליי אָדער אונפעהיג, אָדער אונגעניגעד אין זיין אַמט. 6) דורך אַן אָרדער פון קאָורט צווינגען מען זאָל אַן אָבגעשאַפטען בעאַמטען צוריק אויפנעהמען אין פאַל ער איז אויף אַ אונלעגאַלער וויזע אַרויסגעשטויסען געוואָרען. 7) אין בעזיץ צו נעהמען דאָס קאָנפיסקירטע אייגענטום פון אַ פערברערעכער 8) צו ברענגען אונטער דעם שטאַאַטליכען שוץ משוגעים, און אַנדערע פּעזאָהנען וועלכע קענען נישט מעהר זיכזעלבסט שיצען.

אַטטידען זאָאָלאָגישער נאָמען פאַר אַ גאַטונג היפּ־שפּינען וואָס האָבען 8 אויגען אין דריי רייהען. אין דער ערשטע רייהע 4 נעבענ־אַנאַנדער אין אַ האַלבען קרייזפאָרם, אין דער צווייטער רייהע 2 קליינינקע ווייט פאַנאַנדער, און אין דער דריטע רייהע 2 גרויסע נאָך ווייטער פאַנאַנדער. דער קאָפּ איז הויך,דער רוקען ברייט און פלאַך, האָט שטאַרקע פיס, און דריי פּאָאָר שפּינ־וואַרצעי. שפּינט קיין פאַנג־נעץ נאָר אַ זיידענעם בייטעל מיט אַן עפנונג, וואו ער בעהאַלט זיך און קוקט אַרויס מיט זיינע ערשטע אויגען. 14 סאָרטען פון זיי זיינען בעקאַנט אין עוראָפּאַ.

אַטטילאַ דיעזער נאָמען איז לאַטיי־ניזירט פון דעם טאַטאַרישען "אַטאַליק" גלייך צום רוסישען "באַטיושקאַ", און איז געוועזען דער טיטעל פאַר אַלע הערשער צווישען די אוזבעקען (ז.ד.) פון באָכאַראַ. די דייטשען האָבען איהם פערטייטשט אויף "עטצעל". ווערט אָבער בעצייכענט אונטע דעם אויביגען נאָמען אין דער דייטשע געשיכטע און אין איהר טראַדיציע.

ער איז געוועזען דער קעניג פון הונען, די אור־עלטערען פון די יעצטיגע דייטשען. אַ זוהן פון מונזוק, האָט בעשטיגען דעם טראָהן אין 434 יצר' איבער אַ צאָהל פון ווילדע שבטים וועלכע האָבען געלעבט צווי־שען די קאַרפּאַטישע בערג. האָט געהאַט אַרום זיך אַן אַרמיי פון אַן ערך אַ האַלב מיליאָן באַרבאַרען, וועלכע האָבען געגלויבט אַז ער איז אונבעזיעגבאַר, און אַז ער האָט די שווערט פון דעם סקיטישען גאָט פון מלחמה. ער האָט זיך געריהמט אַז, דאָרט וואו אַ פוס פון זיין פערד האָט אַרופגעט־רעטען וועט קיין גראָז נישט מעהר וואַקסען. מען האָט איהם דערפאַר גערופען: די רוט פון גאָט. אין דער לעצטע וועלט־מלחמה האָבען פיעלע דייטשע פּאַטריאָטען דיעזען נאָמען אַרופגעלעגט אויך אויף ווילהעלם.

ער האָט פעראייניגט אונטער זיין מאַכט— דורך געוואַלד— די וואַנדאַלען, אָסט־גאָטען, בורגונדען, געפּיעדען, הערועלער כאַזאַרען, לאַנגאָבאַרדען, רוגירען, און אַ טייל פון די פראַנקען. האָט זיך מיטגעלאָזט אויף אַ מאַרש צו איבערפאַלען דאָס רייכע פּערזיען. די פּערזער האָבען אָבער נישט געוואַרט די שלאַכט זאָל שטאַטפינדען אויף זייערע אייגענע גרענצען, זיי זיינען אַרויס איהם צו בעגעגנען אויף דעם וועג, און זיי האָבען איהם ביטער געשלאָגען אין אַרמעניען. ער האָט אַלזאָ די האָפנונג אויף פּערזיען געמוזט אויפגעבען. בכדי גוט צומאַכען דיעזען דורכפאַל האָט ער זיך געלאָזט אויף די אָסט־רוימישע אימפּעריע. ער האָט אַטאַקירט טהעאָדאָזיוס דריי מאָל, און מיט יעדען זיעג האָט ער איהם אָבגעריסען אַ שטיק קעניגרייך אָסטליך פון דעם דאַנובע, און איהם בעלאַסטעט מיט אַ יעהרליכע טאַקסע. אין אַ קורצע צייט איז אַטטילאַ געוואָרען דער בעל־הבית איבער גריכענלאַנד, מאַצע־דאָניען, און טהראַציע. ער האָט געפּלינדערט און פערניכטעט 70 שטעדט, בלויז קאָנס־טאַנטינאָפּאָל האָט ער נישט געקאָנט נעהמען. האָבענדיג אָבגעשוואַכט טהעאָדאָזיוס, איז איהם דער וועג נאָך עוראָפּאַ פריי געוואָרען. ער האָט מיט אַ גרויסע מחנה אַטאַקירט און בעזיעגט די גאַולען, אַריבערמאַרשירט דעם רהיין, די סיין, די מאָרסעל, ביז ער האָט דערגרייכט די פעסטונגס מויערען פון אָר־לעאַנס. דאָ האָבען איהם כישוף־מאַכערינען נבואות געזאָגט אַז ער וועט דעם קאַמף פערליערען. ער האָט זיך געפּאַסט מוטה. ער איז אַרויס צו זיינע סאָלדאַטען מיט אַ פלאַמענדע ריידע זיי אויפצומינטערען פאַר אַ זיעג. די פיינד זיינען אויף איהם אָנגע־קומען, זיינע סאָלדאַטען האָבען געקעמפט ווי די בעסטיעס, זיי האָבען שוין געמיינט אַז זיי האָבען געזיעגט ווען מיטאַמאָל האָבען זיך אַלאָזגעטהון פרישע מחנות פון די הויכע בערג, ער האָט איינגעזעהען אַז ער דאַרף גאָר יעצט קעמפען אין אַ געפעהרליכע פערטהיידיגונג, ענטלויפען איז געוועזען נישט פאַר זיין כבוד, ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע כוחות, די טוידטע און פערוואונדעטע זיינען געפאָלען אַרום איהם ווי פליעגען, עס זיינען דעמאָלט גע'הרגט געוואָרען 206,000 מאַן אין איין שלאַכט, ער האָט שוין געהאַט אָנגעגרייט אַ הויפען האָלץ זיך צו לאָזען פערברענען, ווער ער האָט פליצים דערהערט אַז טהעאָדאָריך זיין פיינד

איז געשטאָרבען; ער האָט אויסגענוצט די געלעגענהייט און איז צוריקגעלאָפּען איבער דעם רהיין, ווי נאָר ער האָט זיך געפיהלט אַביסעל פרייער, האָט ער זיך שוין ווידער גענומען פאָרבערייטען צו נייע מלחמות.

ער האָט פערניכטעט אַקוואילאַ, פּאַדואַ, וויצענזאַ, וועראָנאַ, בערגאַמאַ, און לאָמבאַרדי. רוים איז דעמאָלט געוועזען אונאָרגאַניזירט, און האָט דאַרום נישט געקאָנט לייסטען קיין ווידערשטאַנד. ער האָט דאַרום מיט רוים געטהון וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט זיך אויסגעקליבען די שעהנע הילדאַ פאַר אַ ווייב. אין דער נאַכט פון זיין חתונה איז איהם געפּלאַצט אַן אַדער און ער איז געשטאָרבען. די רוימישע קריסטען האָבען דאָס בעטראַכט אַלס אַ גאָטס שטראָף צו ראַטעווען דאָס קריסטענטום פון באַרבאַרישע הענד.

אַטטילאַ איז בעגראָבען געוואָרען (453) אין דריי טרונעס איינע אין די אַנדערע. די ערשטע איז געוועזען אַ גאָלדענע, די צווייטע אַ זילבערנע, און די דריטע אַן אייזערנע. געפאַנגענע רוימער האָבען איהם בעגראָבען, און נאָכדעם ווי זיי האָבען דאָס געטהון האָט מען אויך זיי דערוואָרגען און בעגראָבען נעבען איהם. דאָס פאָלק וואָס ער האָט מיט געוואַלד פעראייניגט איז באַלד נאָך זיין טוידט ווידער פאַנאַנדער געפאַלען.

אַטטיקאַ (Attica) אַפּראָווינץ, אָדער אַ שטאַאַט אין אַלטען גריכענלאַנד; אין וועלכען אַטהען איז געוועזען די הויבטשטאָדט. איז געוועזען 600 □ מיילען גרויס, אַ לאַנדשאַפט אין אַ פאָרם פון אַ דריי־עק, אַרומגענומען פון וואַסער אויף דער נאָרד־אָסטליכע און אויף דער זיד־וועסטליכע זייט, און אויף דעם נאָרדליכע איז ער פערבינדען מיט דער יבשה. אין דיעזען לאַנדשאַפט געפינען זיך די אונשטערבליכע בערג: דער פּאַרנאַס, 4634 פוס הויך; דער העמעטוס 3368 פוס הויך; דער אַקראָפּאָליס 513 פוס הויך; דאַן די צוויי הויבט־טייכען, דער צעפיסוס און דער אילוסוס וועלכע זיינען בערג־שטראָמען וואָס טרוקענען זיך אויס אין הייסען זומער. דערפאַר ווייל דאָס לאַנד איז געוועזען אונפרוכטבאַר זיינען זעלטען אַהינגעקומען אימיגראַנטען. דערוף האָבען זיך די איינוואוינער פון אַטטיקאַ געריהמט אַז זייער ראַסע איז געבליבען אונפערמישט.

אין 1550 פיצר׳ זיינען דאָרט אָנגעקומען די צעקראָפּען פון זאַיס אַלס קאָלאָניסטען. די גריכען האָבען דעמאָלט געלעבט ווי די ווילדע בעדואינען. איינער פון די נייע איינגעוואַנדערטע קאָלאָניסטען האָט אַלעס אָרגאַניזירט און זיי האָבען איהם דערפאַר געמאַכט פאַר זייער קעניג. דיעזער האָט געגרינדעט איניגע דערפער אין דער נאָהנטער שכנות, אויס וועלכע עס איז אַרויסגעוואַקסען דאָס יעצטיגע אַטהען. ער האָט דאָס פאָלק געטיילט אין דריי קלאַסען: 1) די נאָבעל־לייט, 2) די ערד־אַרבייטער, און 3) די בעלי־מלאכות. ער האָט די שטאָדט אַטהען אויגעציערט און פערגרעסערט. האָט איינגעלאַדען פרעמדע זאָלען זיך דאָרט בעזעצען און אַטהען האָט דאַדורך געבליהט. עס איז אַ סברא אַז דיעזער צעקראָפּס האָט פון זאַיס (עגיפּטען) אַריבערגעבראַכט די עגיפּטישע קולטור פאַר די אור־איינוואוינער פון גריכענלאַנד, וועלכע זיינען יעצט בעקאָנט אונטער דעם נאָמען: אוטאָכטאָנען. די עהנליכקייט פון דער גריכישע מיטאָלאָגיע צו די עגיפּטישע שטאַרקט דיזע סברה.

אַטטיקאַ האָט געשפּיעלט אַ זעהר גרויסע ראָלע אין אַלע מלחמות פון אַזיען, איהר פולע געשיכטע איז אַ גרויסער טייל פון דער געשיכטע פון גריכענלאַנד. היינט איז אַטטיקאַ פעראייניגט מיט בעאָטיאַ אין איין פּראָווינץ. צוזאַמען האָבען זיי אַ

בעפעלקערונג פון 407,063 איינוואוינער.

אַטטיקאַראַ (Atticora Leucostenon) אַ גאַטונג שוואַלבע, אויך גערופען: "די ווייס־ברוסטיגע שוואַלבע". איהר היימאַט איז אויסטראַליען. ווערט אויך געזעהען אין אַנדערע געגענדען. זי איז בלויז פון 3 ביז 4 צאָל גרוים. איהר קאָליער איז ווייס און שוואַרץ. אַמאָל מעהר שוואַרץ ווי ווייס, און אַמאָל פערקעהרט. די קרוין פון איהר קעפּעל איז העל־ברוין, געפּינטעלט מיט דונקלע

פלעקעלעך. אַרום דיעזע איז אַ ווייסער רינג. אַ שוואַרצער פּאַס ציהט זיך פון שנאָבעל ביז אריבער דעם ריקען. אין אַלגעמיין מאַכט זי אַ שעהנעם אָנבליק. מען זעהט איהר קיינמאָל אינצווישען גרויסע גרופּען. פון 10 ביז 20 איז זייער געוועהנליכע קאָמפּאַני. זייער שפּייז בעשטעהט צום גרעסטען טייל פון פליעגען. זיי ליגען זייערע אייער אין דער ערד אויף דעם הוילען זאַמד. די אויס־טראַליער איינגעבוירענע רופען זיי: "בור־די, בוד־די".

אַטטיקוס העראָדעס, אַ געריהמטער גריכישער היסטאָריקער פון צווייטען יאָהר־הונדערט פון יצר'. לערנט פּלאַטאָנישע פילאָ־זאָפיע פון טאַורוס, שטודירט נעבען דעם רעטאָריק, וועלכע האָט אין גריכענלאַנד ביי יענער צייט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע. ער צייכענט זיך אויס אין דער שפּראַכ־קונסט און געווינט אַ זעהר גרויסען נאָמען אַלס אַ שעהנ־רײדנער. ער עפענט אוף אַ שוהלע פאַר רעטאָריק אין אַטהען און שפּעטער אויך איינע אין רוים. צווישען זיינע שילער האָט ער געהאַט אויך מאַרקוס אַורעליוס (ז. "אַורעליוס מאַרקוס") ווי אויך דעם גרויסען געריהמטען ווערום. ער מאַכט פיעל געלד דערפון און ווערט רייך. ער בויט שעהנע הייזער אין אַטהען, ווי אויך פערשיעדענע בעלוסטיגונגס הייזער . מיט דעם וואַקסען פון זיין ריהם זיינען אויך מיטגעוואַקסען זיינע אייפעריגע שונאים. זיי האָבען איהם דאָס לעבען ביטער געמאַכט און ער האָט בעשלאָסען זיך צוריקצוציהען אין זיין פּריוואַט־לעבען. ערשט נאָך זיין טוידט האָבען די אַטהענער גענומען פיהלען אַז זיי האָבען פערלוירען אַ גרויסען מאַן.

אַטטיקוס פּאָמפּאָניוס, אַ געריהמטער רוימישע פילאָזאָף און היסטאָריקער, אַ שוהל־קאָליעגע פון ציצעראָ. שוין אין זיין יוגענד האָט ער געוויזען פלייסיגקייט צום לערנען, אין די שפּעטערע יאָהרען האָט ער זיך בעמייסטערט איבער די עפּיקורעישע פילאָזאָפיע און האָט בעוויזען אַ זעלטענע קענטניס אין איהר טיעפקייט און ברייט־קייט. זיינע שוהל־קאָלעגען האָבען איהם געבראַכט זייערע ווערק דורכצוזעהען איידער זיי האָבען זיי געבראַכט אין דער עפענטליכ־קייט. ער האָט אַליין אויך פיעל געשריבען, אַבער זעהר וועניג פון זיינע ווערק זיינען היינט נאָך איהם געבליבען.

אָטטענדאָרפער אָסוואַלד, אַ בעדיי־
טענדער דייטש־אַמעריקאַנער זשורנאַליסט
און רעדאַקטער פון דער נויאָרקער „שטאַאַטס
צייטונג". געב. אין צוויטאַו (מעהרען
1826) שטודירט אין ברון, ענדיגט דאָרט
יוריספּרודענץ, פאָהרט נאָך פּראַג צו לערנען
די טשעכישע שפּראַך אַלס מיטעל צו זיין
פּראָגרעס, ווייל ער האָט גרעכענט צו פּראַק־
טיצירען צווישען טשעכען. אין 1848 ווען
די רעוואָלוציאָן האָט אויסגעבראָכען האָט

ער זיך געשטעלט אַלס פיהרער פון דער
רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי אין וויען. ווען
דאָס פאָלק האָט בעקומען קאָנטראָל איבער
וויען האָט מען איהם געמאַכט פאַר אַ
לייטענאַנט איבער אַ גאַרדע פון צייטונגס־
רעפּאָרטער. ווען די רעוואָלוציאָנערען זיינען
אין אָקטאָבער געשלאָגען געוואָרען, און
פיעלע פון זיינע קאַמעראַדען זיינען אין
געפאַלען אין קאַפּ, איז איהם געלונגען צו
בעהאַלטען זיך אין אַ בוך־האַנדעל צווישען
די ביכער, וואו ער איז געלעגען פאַר אַ
פּאָאָר טעג, און ווען דער שטורם איז פאָרי־
בער איז ער ענטלאָפען נאָך בעהמען.
אַ יאָהר שפּעטער קומט ער צוריק נאָך
פּראַג, נעהמט אַן אַנטייל ביי אַ שטודענטען
אויפשטאַנד געגען דער אונגאַרישע אימפּערי־
אַלע אַרמיי, און ווען אויך דיעזער אויפ־
שטאַנד איז אונטערדריקט געוואָרען האָט ער
זיך ווידער אַרויסגעדרעהט. ער איז ענטלאָ־
פען אין פרויען־קליידער נאָך באַדען, און
אַ צייט שפּעטער איז ער געקומען אין אַמע־
ריקאַ אָהן געלד אָבער מיט אַסך שפּראַכען.
ער האָט געקאָנט גוט לאַטיין, דייטש,
גריכיש, פראַנצויזיש העברעיש, נאָר נישט
ענגליש. ער האָט דערפאַר געמוזט פערדיענען
אַן אָרימעס לעבען אַלס אַ געוועהנליכער
אַרבייטער. ווי נאָר ער האָט געקאָנט אַביסעל
ענגליש האָט ער בעקומען אַ פּראָסטע שטעלע
שטעלע אין דעם בוכהאַלטערס אָבטיילונג
פון דער נויאָרקער „שטאַאַטס צייטונג".
נאָכדעם ווי דער אייגענטהימער פון דע
„שטאַאַטס צייטונג" איז געשטאָרבען האָט ד
אַלמנה איבערגענומען די פאָרטזעצונג פו
דער צייטונג, און אונטער איהר פערוואַל־
טונג איז אָטטענדאָרפער געלונגען צו שטיי־
גען פון שטופע־צו־־שטופע, ביז זי האָט
מיט איהם חתונה געהאַט. דער ווערטה פון
צייטונג איז דעמאָלט געשעצט געוואָרען
אויף 4 מיליאָן דאָלאַרס. די „שטאַאַטס
צייטונג" איז געוועזען אַן איינפלוסרייכע
צייטונג צווישען די צוויי מיליאָן דייטשען
אין אַמעריקאַ, און אָטטענדאָרפער האָט
איהר גענומען נוצען פאַר זיינע לאַנדסלייט.
ער האָט פאַר אייגענע געלד עטאַבלירט אַ
פרייע ביבליאָטהעק אין נויאָרק, אַ הויז
פאַר אַלטע לייט אין לאָנג־איילאַנד, אַן ער־
ציהונגס אַנשטאַלט אין זיין געבורטס־שטאָדט
צוויטאַו, און גענומען אַ גרויסען אַנטייל
אין פיעלע אַנדערע אַנשטאַלטען. ער האָט זיך
געשאַפען צווישען זיינע לאַנדסלייט אַ אונ־
שטערבליכען נאָמען. ער האָט זיך נישט
אויסגעגעבען אַלס יוד, אָבער זיין פּנים
און זיין קענטניש פון דער העברעישע
שפּראַך האָבען געמאַכט אַ יודישען איינדרוק.

אַטטענהיימער הענריעטע, אַ דייטש יודישע פּאָעטין. געב. אין שטוטגאַרד 1807 און געשט. דאָרט אין 1883. זי האָט אַרויס־געגעבען איינציגע פיעל געשעצטע פּאָעטישע ווערק אין דער דייטשער שפּראַך, און איבערגעלאָזען פיעלע אין מאַנוסקריפּט. זי איז געוועזען געקרענקט צוליעב דעם אַנטי־סעמיטיזמוס. איז געשטאַנען אין פערבינ־דונג מיט די גרעסטע דייטשע דיכטער און קינסטלער פון איהר צייט. זי האָט אויף זיי געווירקט צו גונסטען פון איהר פאָלק. די נאָהנטעסטע מיט וועלכע זי איז געשטאַנען אין פערבינדונג זיינען געוועזען: אוהלאַנד, ריקערט, בעער, ריעסטער, און מענצעל. זי איז געשטאָרבען פון אַ פּאַראַליזע.

אַטטער, (Vipera) אַ פאַמיליע פון גיפטיגע שלאַנגען, און (לויט ברעהם) דער הויבט-פּאַרטעהער איז דער "קרייץ-אַטטער" אין פערשיעדענע ערטער ווערט יעדער איינער פון דיעזער פאַמיליע גערופען פערשיעדענע נעמען. אַזוי רופט מען צובייזשפּיעל דעם קרייץ-אַטטער אויך: קופּער-אַטטער, פייער-אַטטער, העלענ-אַטטער,; און אַזוי פאַסירט אויך מיט אַלע מיטגליעדער פון דיעזער פאַמיליע.

וועגען זיין העברעישען נאָמען זיינען דאָ פיעלע מיינונגען. מעהער דעריבער ווערט געזאָגט ווערען אונטער דעם אַלגעמיינעם וואָרט "שלאַנגען" דאָ געבען מיר דאָס בילד פון ערשטען וועלכער הייסט אין אַראַבישען "על-עפּאה". דאָס דערמאָנט אָן דעם העברעישען "אפעה" פון ישעיה נ׳ט 5 און וועלכער איז פון לאַנגע צייטען א היימישער אין אַזיען ווי אויך אין עגיפּטען. דער פאָרשער דזשעקסאָן שילדערט איהם אַז ער איז גיפטיג אַז ער איז בערך 24 צאָל לאַנג, ווי אַ מענשליכע האַנד דיק, שעהן געפלעקעלט מיט געלע און ברוינע פלעקען, און דורכגעש־פּרינקעלט מיט שווארצע פינטעלעך. אַז ער בלאָזט זיך אָן מיט ווינד צישעט ער אַז מען הערט איהם ווייט.

דאָס צווייטע בילד איז אַ פערקליינערטער קרייץ-אַטטער. זיין קאָפּ איז ברייטער אַלס דער האַלז, אַביסעל פלאַטשיק. פון האַלז אָן געהט דאָס לייב דיקער און ברייטער. איז ווי איינגעפלאַכט אויף דעם בויך. דער עק איז פערהעלטניסמעסיג קורץ. בערך אַ דריטעל פון זיין קערפּער. דער פול געוואַקסענער קרייץ-אַטטער האַלט 63 סענטימעטער. דאָס ווייבעל 75 סענטימעטער. דער קאָפּ איז בערך אַ צוואַנציגסטעל די גרויס פון קערפּער. די שופּען פון זיין הויט זיינען לענגליך. ביי אַ יעדען שוואַכען טייל פון זיין קערפּער האָט ער אַ שילד צו שוץ. דער אונטער־שיעד צווישען ביידע געשלעכטער זעהט זיך אין דער קאָליער. דער זכר איז העלער פון דער נקבה. די הויט פון דעם זכר איז זילבער אַש-גרוי און די פון דער נקבה, ברוינ-גרוי. זיינע אויגען זיינען פייעריג. זיי פינקלען ביי יעדער בעוועגונג. ביים זונענ־



שיין האַלט ער זיי האַלב צו, און ביי אָבענד עפענט ער זיי אָפען. די גאַנצע וועלט איז זיין היים. איבעראַל וואו ער געפינט צו עסען דאָרט בלייבט ער אַ תושב. ער ליעבט



קשאַקעס, לעבער וואָס זיינען בעדעקט מיט גראָז אָדער בלעטער. איז זיך משמח ווען ער קריעגט אַ הויי־בוידעם. איז אָפט אַזוי פער־שיכורט אַז מען קאָן איהם לייכט פאַנגען. כאַפּט ער זיך אַריין אין אַ מויז־לאָך וואַרט ער ביז זי קומט אַהיים. דעמאָלט געהט זי שוין נישט אַרויס לעבעדיג. אז ער ווערט בייז בייסט ער אַלעס וואָס עס קומט איהם אין וועג. ער האָט שוין אַפּילו פּרובירט בייסען אַ פינגער דורך דעם גלאָז. איידער ער נעהמט בייסען ציהט ער איין דעם קאָפּ בכדי צו געווינען מעהר כח. ער בייסט יעדען פאַרבייגעהער, און ווען ער האָט איהם שוין געביסען צווייטמאָל ענטלויפט ער.

ער לעבט פון וואַרם־בלוטיגע חיה'לעך. אַשטייגער: מייז, מוילוואורף, יונגע אונ־בעפעדערטע פייגעל, זשאַבעס, א.ד.ג. ער פּאָאַרט זיך ווען דער פריהלינג האָט זיך איינגעשטילט. געוועהנליך צום אָנהויב פון אַפּריל ביז מאַי. זיי בריהען ביז אַוגוסט. לעניץ זאָגט אַז ער פּאָאַרט זיך נישט פריהער ביז ער איז נישט אויסגעוואַקסען צו זיין פולע גרויס. יונגערע מוטער האָבען צו 5 אָדער 6 אייער, עלטערע פון 12 ביז 14 יעהרליך. ווען זי דאַרף לייגען איהרע אייער

שטרעקט זי זיך אויס אויף דער ערד, דריקט ארויס פון זיך איין איי נאָך דעם אַנדערען דורך די עפנונג פון איהר דאַרם קאַנאַל. "עס איז מערקווירדיג" זאָגט ברעהם, "אַז ער קומט אויף דער וועלט בייז און איז פול מיט כעס ביז זיין לעצטען אַטעמצוג. ווען ער איז נאָך אין דעם איי צישעט ער ווען יעמאַנד בעריהרט דאָס איי". ביים געבורט איז ער בערך 23 סענטימעטער לאַנג, און 1 סענט. דיק. זיי קומען אויף דער וועלט אין אַ גלאַנציג דורכזיכטיגע הויט. אַ פּאָאַר שטונדען שפּעטער רייסט זיך דיעזע הויט פאַנאַנדער און די נאַטירליכע הויט ערשיינט אין איהר ערשטע נאַטירליכע פאַרבען. די זכרים זיינען קוים בערך אַ פינפטעל אין דער צאָהל געגענאיבער די נקבות. די זכרים לעבען אָבער פיעל לענגער, און אויף דער עלטער זיינען זיי אין דער מאַיאָריטעט.

דער קליינער אָטטער קריכט נאָך דער דער מוטער אָבער נישט דעם פאָטער. צווישען די קינדער שיינט צו זיין קיין פערבינדונג. מען געפינט זיי קריכענדיג פאַנאַנדערגעטיילט אין די פערשיעדענע ריכטונגען. זיי זעהען אויס ווי זיי וואָלטען זיך פיהלען זעלבסט־שטענדיג.

זיין ביס פיהלט זיך ווי אַן עלעקטרישער שטרוים. דער געביסענער נעהמט גלייך ציקען ער ווערט בעטויבט און אין פּאָאָר מינוטען שפּעטער בעפאַלט איהם אַ שוואַכעס שווינדלען אין די אויגען ביז ער פאַלט חלשות. דאַן הויבט אָן געשווילען יעדער פערגיפטעטער טייל פון קערפער, און מיט דער שטייגענדע געשווילסט קומט צו אַ הייסער בלוט־פלוס איבער דיעזע טיילען. אונטער גוטע בעהאַנד־לונג דויערט דאָס פאַר אַ פּאָאָר טעג. דאַן פאַלט אַלעס גראַדועל צוריק. איז אָבער ד בעהאַנדלונג נישט מאַסגעבענד ענדיגט דער געביסענער מיט זיין לעבען אין אַ פּאָאָר

טעג (ז. "וויפּערען").

אַטטערבאָם פּעטער, אַ געריהמטער שוועדישער דיכטער. געב. 1790 און געשט. 1855. האָט זיך אונשטערבליך געמאַכט ביי זיין פאָלק דורך צוויי געלונגענע ווערק: "נביאים און פּאָעטען", און "דער אינזעל פון גליק". ער האָט מיט זיי געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף אַ רייהע פון נאַכפאָלגער און צווישען זיי: דאַהלגרען, בעריסאָן, נייבערג און גראַף שטראָם. מען האָט דיעזע גרופּע גערופען: "די פאָספאָריסטען" ווייל זיי האָבען אַרויסגעגעבען אַ זשורנאַל מיט דעם נאָמען "פאָספאָראָס".

אַטטערבורי פראַנציס אַן ענגלישער בישאָף אין ראָטשעסטער. געב. אין מילטאָנקעינעס 1662 און געשט. אין פּאַריז 1732 אַ פערטריבענער. שוין אין זיין יוגענד האָט ער געוויזען אַ וואונדערבאַרען טאַלאַנט צו ריידען און דיסקוטירען. זיין קריטישער גייסט האָט איהם געטריבען געגען דעם שטראָם פון יענער צייט, אַבער ער האָט פיעל געוואונען, און ענדליך פערשפּיעלט נאָכמעהר. אין רעפאָרם שטרייט איז ער געשטאַנען אויף לוטהערס זייט, ער האָט אָבער געוואָלט דעם פּראָטעסטאַנטיזמוס בעפעסטיגען מיט שטאַאטליכע אויטאָריטעט. דערפאַר האָט ער געווינען די סימפּאַטיע פון דעם קעניג. זיינע פּאָלעמישע ווערק האָבען געפילט 10 בענד. אַיעדעס האָט געהאַט זיין איינדרוק אויף די קריסטליכע געלעהרטע קרייזען. די קעניגין אַננאַ האָט איהם געזעצט אויף דעם בישאָפליכען שטוהל. באַלד נאָכדעם ווי דזשאָרדזש האָט איהר קרוין אָנגעטהון האָט ער געוויזען זיין אונצופריעדענהייט מיט אַטטערבורי. נישט לאַנג האָט עס געדויערט און דער אונגונסט האָט זיך גענומען פערוואַנדלען אין פערפאָלגונג. אַטטערבורי איז אַרעסטירט געוואָרען אויף דער קלאַגע פון קאָנספּיראַציע געגען דעם קעניגליכען הויף. קיינע בעווייזע איהם צו פער'משפט'ן האָט מען געקאָנט געפינען, אויף דעם קעניגס פערלאַנג האָט דאָס הויז־אָוו־לאָרדס איהם ערקלעהרט פאַר שולדיג, און מען האָט איהם אויסגעוויזען פון ענגלאַנד אויף זיין גאַנצעס לעבען. דאָס צו טהון האָט דאָס הויז־אָוו־לאָרדס געמוזט דורכפיהרען אַן אַקט. דאָס הייסט עס איז געמאַכט געוואָרען אַ געבאָט נאָכדעם צו פערביעטען אַ בעגאַנגענעם אַקט. אַטטערבורי איז אַוועק נאָך בריסעל, וואו ער איז געוועזען פאַר אַ קליינע צייט. שפּעטער איז ער אַוועק נאָך פּאַריז, און דאָרט איז ער געשטאָרבען 71 יאָהר אַלט. זיינע געגנער וועלכע האָבען געהאָלפען צו זיין אונטערגאַנג האָבען אויף איהם געזאָגט: ער איז געוועזען אַ פריעדליכער פּאָליטיקער און אַן אינטריגאַנט. דאַגעגען זיינע אַנהענגער האָבען איהם גערופען: די גלאָרי פון דער ענגלישע קירכע. אַלע האָבען אָבער צוגעגע־

בען אַז, אַלס ריידנער האָט ער נישט געהאַט קיין קאָנקורענט.

אָטטערווינדעל, (Jynx torquila) אַן אַש־גרויער פויגעל מיט דונקלע, און אָפּט פּונקטירטע צייכענס איבערן לייב. דער אויבערער טייל איז דונקלער, און האָט אויך העל־ברוינע פלעקען. דער שנאָבעל און די



פיס זיינען גריעג־געל. ביי די יונגע איז די פאַרב בלאַסער. איז 18 סענטימעטער לאַנג. ברייט פון איין שפּיץ־פליגעל צום אַנדערען פון 29 ביז 30 סענטימעטער. דער עק איז 6 סענטימעטער.

ער געפינט זיך אין איבער אַ האַלבע וועלט. אין מיטעל און זיד־רוסלאַנד, אין דייטשלאַנד, סקאַנדינאַוויען, פינלאַנד, שפּאַניען, גריכענלאַנד, און אָפט אויך אין אָסט־סודאַן. ער וואַנדערט מיט דעם וואַרמען וועטער און קומט מיט איהם ווידער צוריק צו זיין געבורטס־אָרט. ער ליעבט די געגענדע וועלכע האָבען אַלטע ביימער. ערשטענס וויל דאָרט טרעפט ער אָפט אַלטע פערלאָזענע נעסטען, און צווייטענס וויל, דאָרט ווערט ער ווייניג געשטערט. ער פיהלט זיך אין וואַלד זיכער וויל ער ווייסט אַז, די קאָליער פון זיינע פעדערען זיינען עהנליך צו דער קאָליער פון אַלטע בוימער. ער האָט אויך אַ וואונדערבאַרע פעהיגקייט אומצודרעהען זיין קאָפּ אויף הינטען. אַז ער ווערט בייז שטעלט ער אוף די פעדערען אַרום זיין האַלז ווי אַ פּריזע. אין זיין אַנגסט שרייט ער: "ועד, וועד", און ווען אין צאָרן שרייט ער קורץ: "שעק". די נקבה צישעט ווי אַ שלאַנג ווען מען רייצט איהר. זיינע שונאים זיינען דער שפּערבער, די קאַץ, דער מאַרדער; דאַגעגען ער אַליין איז אַ שרעקליכער אַמייזען־פרעסער.

אטיא, אַ שוועסטער פון יוליוס צעזאַר און די פרוי פון קייזער אָקטאַוויוס. זי האָט זיך איינגערעדט אַז זי האָט געבוירען איהר זוהן אַוגוסטוס פון דעם גאָט אַפּאָלאָ בעת זי איז געשלאָפען אין טעמפּעל פון דיעזען גאָט. זי האָט איהר זוהן געזוכט אויפצוהאָדעווען אַלס אַ הייליגען. אַבער ער האָט געהאַט חשק צו געהן אין די דרכים וואו עס געפינען זיך תעניגי עולם הזה. ווען יוליוס צעזאַר האָט פאַר זיין טוידט איהר זוהן בעשטימט צו פאָלגען אויף זיין טראָהן, האָט זי איהם געבעטען דאָס נישט אָנצונעהמען. ווי מען ווייסט האָט ער איהר נישט געפאָלגט.

אַטיאַ (Atya Scabra) נאָמען פון אַ מיטגליעד אין דער, קרעבס פאַמיליע, וואָס געפינט זיך אין נאָרד־אַמעריקאַ און אַרום די ברעגעס פון דעם אינדישען ים. שווימט מיט גרויסע גרופּען גאַנץ געמיטהליך, און ווי נאָר זיי דערזעהען אַ מענשען צולויפען זיי זיך נאָך אַלע זייטען. איהר הויט איז



האַרט, און דאָס אונטערלייב גרויס. אַלע גרייפ־גליעדער געפינען זיך אין אויבערען טייל.

אַטיאַס יאָסעל, אַ זעהר בּיידייטענדער העברעיש־יודישער דרוקער אין 17טען יאָהר־הונדערט. ער איז פון זיין שפּאַנישען פאָטער געשיקט געוואָרען אין האַמבורג צו לערנען יודישקייט. דאָ האָט ער זיך גענומען צו דער דרוק־אַרבּייט. אין 1658 פאָהרט ער אין אַמסטערדאַם און עטאַבּעלירט דאָרט אַ דרוקעריי, מיט דער אַבּזיכט אַרויסצוגעבּען ספרים. זיין ערשטעס ווערק וואָס ער האָט אַרויסגעגעבּען איז געוועזען "תיקון ספר תורה". שפּעטער מיט צוויי יאָהר גיט ער אַרויס די בּיבּעל בּיג וועלכער ער האָט בּע־שעפטיגט פּראָפעסאָר יאָהאַן לעוזדען אַלס קאָרעקטאָר. דיעזע בּיבּעל ווערט בּעטראַכט אַלס אַ מייסטער־ווערק פון יעדען טעכנישען שטאַנדפּונקט. דער האָלענדישער דרוקער־צעך האָט איהם דאַפיר אויפגענומען אַלס אַ מיט־גליעד. שפּעטער דרוקט ער איבּער אַ צווייטע אויפלאַגע פון דערזעלבּע בּיבּעל מיט פיעל בּעסערע אויסשטאַטונגען, און ער בּעקומט דאַפיר פון דער רעגיערונג אַ גאָלדענעם מעדאַל. ער דרוקט דאַן כסדר דעם רמב"ם'ס "יד החזקה". דעם "עין יעקב", "לחם משני", און ווערט זעהר רייך. זיין דרוק איז בּעקאַנט געוואָרען אַלס די בּעסטע פון האָלאַנד. ער האָט זיך אָבּער געלאָזען אַ זעהר שלעכטען נאָמען פאַר אַ משיג־גבול (ז. "אורי פייביש" זייט 311 פון דיעזען בּאַנד)

אַטיטיס, אַן אויערען קראַנקהייט וואָס צייכענט זיך אויס דורך אַן ענטצינדונג אין דער הוילונג פון דעם טימפּאַנום אין אויער (ז. "אויער). דאָס קאָן קומען פון אַ שטאַרקע קעלט, פון אַ צושטאַרקע אויס־שפּריצונג, פון אַנדערע קראַנקהייטען. למשל: רהומאַטיזם, שקראָפּלען, שקאַרלאַטין א.ד.ג. די סימפּטאָמען בּיי שאַרפע קראַנקהייטען זיינען: פּלעצליכע שטאַרקע שמערצען אין אויער. מאַנכעמאָל אין בּעגלייט פון הוסט אָדער ניעסען. גערויש פון קלינגען אָדער זשומען אין אויער. אויב עס ווערט גאָר נישט דאַפיר געטהון הויבּט זיך אָן צו ווייזען אַ פלוס פון מאַטעריע. די ענציגדונג פערשפּרייט זיך דאַן ווייטער צום קאָפּ. דאָס פיהרט נעקסט צו אַ פּערזעצונג אויף דעם געהירן.— נאַטור־מיטעל ווערט רעקאָמענדירט לייכטע אויסשפּריצונגען מיט וואַרמע וואַסער וואַרמע אומשלעגע אַרום דעם האַלז בּיז איבּער דעם ליידענדען אויער. דעם קאָפּ לאָזען שוויצען אין דאַמף, און פאַר דער צייט וואָס דאָס אויער רוהט זאָל די הוילונג פערשטאָפּט ווערען בּכדי עס זאָל דאָרט נישט צוקומען קיין לופט.

אַטיליוס, אונטער דיעזען נאָמען זיינען געוועזען אייניגע רוימישע קאָנסולען, פון וועלכע די פאָלגענדע האָבּען זיך אַ גרויסען נאָמען געמאַכט אין דער געשיכטע פון רוים. 1) אַ פּלעבּיסטישער יוריסט, וועלכער האָט צוזאַמען מיט מאַרציוס אויפגעשטעלט אַ געזעץ פאַר דעם פאָלק, צו וועהלען 16 מיליטערישע טריבּונאַלען און 4 לעגיאָנען. איבּערלאָזענדיג פאַר די פּאַטריצער בּלויז 2 לעגיאָנען מיט דעם כח צו וועהלען 8 טריבּונאַלען. ד.ה. דעם פאָלק צוויי־דריטעל געגענאיבּער די פּריווילעגירטע. פריהער האָט דאָס פאָלק געהאַט אַ רעכט בּלויז אויף 6 טריבּונאַלען און די רעשט איז אויסגעפילט געוואָרען פון די קאָנסולען. 2) אַ ליבּער־טינער וועלכער האָט אויפגעבּויט אַן אַמפּי־

טעאַטער אין 27טען יאָהר פּיצר׳ וועלכער איז ביי אַ פאָהרשטעלונג צוזאַמענגעפאַלען און גע׳הרגט 20,000 מענער און פרויען, און 30,000 געוואונדעט. אַטיליוס איז דערפאַר פון רוים אויסגעוויזען געוואָרען.

אַטיללאַ, די מוטער פון דעם רוימישען קאָנסול לוציאַן. זי איז פון איהר אייגענעם זוהן אָנגעקלאָגט געוואָרען אַלס די אָנפיהרערין פון אַ קאָנספּיראַציע געגען דעם קייזער נעראָ. זי איז פערמשפּט געוואָרען, אַבער נישט בעשטראָפט.

אַטימאַ, גריכישער און רוימישער נאָמען פאַר דעם משפּט, וואָס נעהמט אַוועק פון דעם בעשטראָפטען זיין בירגער־רעכט. די איז געוועזען אַ פאָלשטענדיגע און אַ פאַרציאַלע. דער אונטערשיעד ווערט אונטען ווייטער ערקלעהרט.

די אַטימאַ האָט שוין עקזיסטירט אין די צייטען פון סאָלאָן. די פילאָלאָגישע בעדייטונג פון דיעזען וואָרט איז נאָך ביז היינט נישט קלאָהר. דאָס בעווייזט אַז די געזעצגעבער און דאָס פאָלק האָבען עס אַזוי גוט געוואוסט דאָס זיי האָבען עס נישט געפינען פאַר נייטיג צו ערקלעהרען. ווען מיר פערטיעפען זיך אין דער בעדייטונג פון אונזער ביבלישען "ונכרתה הנפש הזה מעמיו" זעהט זיך אויפפאַלענדיג אַז, די אַטימאַ האָט אויך עקזיסטירט ביים יודישען פאָלק. מיר זאָגען "אויך" וויל עס איז גאַנץ מעגליך דאָס די אַטימאַ זאָל זיין געוועזען אוניווערזאַל פּראַקטיצירט פון גאַנץ פריהע צייטען; אָט דאָס העלפט אייגענטליך ערקלעהרען וואַרום די פילאָלאָגישע ערקלעהרונג פון דעם וואָרט איז אין ערגיץ נישט אָנגעגעבען געוואָרען.

אין דער פּראַקטיק האָט אַ טאָטאַלע אַטימאַ געהאַט איהר ווירקונג, נישט נאָר אויף דער פעראורטיילטע פּערזאָהן אַליין, נאָר אויך אויף זיין גאַנצעס הויז־גזינד. אין אַלגעמיין האָט אַ פאַטימאַ געדויערט אויף שטענדיג. אין פיעלע פעלען איז זי אויך איבערגעגאַנגען בירושה אויף דעם נעקסטען דור. עשינעס בעשרייבט וואָס אַזאַ פעראורטיילטער האָט נישט געטאָרט טהון. ער זאָגט:

ער האָט נישט געטאָרט האַלטען קיין רעליגיעזען אָדער שטאַאַטליכען אַמט, נישט אין אַטהען און נישט אַנדערש וואו.

ער האָט נישט געטאָרט קומען נאָהנט ארויף דער "אַגאָראַ" (ז.ד.).

נישט צו קומען אין אירגענד וועלכען עפענטליכען פּלאַץ וואו בירגער קומען זיך צוזאַמען.

ער האָט געהאַט קיין רעכט צו קלאָגען אָדער פערקלאָגט צו ווערען.

ער האָט נישט געטאָרט זיין אַן עדות, נישט איינטרעטען אין דער אַרמיי אַלס סאָלדאַט.

דיעזער משפּט איז געקומען פאַר פאָלגענדע פערברעכען:

פאַלשע עדות, אויסנאַרען געלד, פאַלש איינעם בעשולדיגען, צייגען פייגהייט אין דער פערטיידיגונג פון זיין לאַנד, בעליידיגען אַ מאַגיסטראַט בעת ער טהוט זיין פליכט, פאַר זיין פאַרטייאיש אין אַ משפּט ווען ער איז אַ ריכטער, פאַר פערשווענדען זיין ירושה אָדער פאַר פּראָסטיטוציע.

צו בעפרייען איינעם פון דער אַטימאַ איז נייטיג געוועזען צו האָבען אַ פערזאַמלונג פון 6000 בירגער וועלכע זאָלען איינשטימיג שטימען דאַפיר. און פון דעם סענאַט גוט געהייסען ווערען.

ווען איינער איז הינגעריכטעט געוואָרען האָבען זיינע קינדער געליטען פון דער אַטימאַ. פאַר ביז ווילאַנג איז נישט אָנגעגעבען. קיינער פון דיעזע האָט געמעגט חתונה האָבען מיט אַ שפּאַרטאַנער.

אָטיס (Otis Tarda) אַ זומפּ־פויגעל פון דער טראַפּענ־פאַמיליע. האָט אַ 20 פעדעריגען עק, אַ קורצען שנאָבעל, צו דריי פינגער אין די פיס; די אויבער־זייט איז ברוינליך מיט צאָהלרייכע שוואַרצע פלעקען. דער קאָפּ און דער האַלז זיינען אַש־גרוי אָהן פלעקען. די פליגעל האָבען ווייסע און שוואַרצע שטריכען. די פיס זיינען ברוינליך־גרוי.



דער זכר האָט אַן אויסגעשפּרייטע באָרד נאַך ביידע זייטען פון האַלז. די פליגעל האַלטען 70 סענטימעטער לאַנג, דער עק איז 28 סענטימעטער לאַנג. וועגט פון 30 ביז 34 פונט געוויכט. וואַנדערט ארום מיט קליינע גרופּען אין זיד־ און מיטעל־עוראָפּאַ. ער איז זעהר שווער צו שיעסען, ער לויפט אָדער פליהט אָהן אַ גראַדע ריכטונג. פרעסט גריענס, ווייץ טרויבען און אַלעס וואָס לאָזט זיך עסען אויף דעם פעלד אָדער גאָרטען. ער פערשלינגט אויך קליינע מייז, זשאַבעס און ווערם. דאָס ווייבעל לייגט צו צוויי אייער, פון אַן אָליווענ־ברוינע קאָליער.

אויבוואויל זיינע פליגעל זיינען געבויט צום פליהען בעדיענט ער זיך זעלטען מיט זיי. אַפילו ווען מען יאָגט איהם געפעהרליך, לויפט ער בעסער איידער פליהען. אין זיין פאַמיליען־לעבען איז ער פּאָליגאַמיש. ער לאָזט זיך צוימען אַבער נישט איינהיימישען. עס זיינען דאָ אייניגע סאָרטען פון זיי. דער אָטיס טאַרדאַ איז אַמאָל געוועזען אַן ענלישער בירגער ער פלעגט אויך נישט זיין אַ פרעמדער אין סקאָטלאַנד, היינט זיינען זיי שוין דאָרט נישט מעהר דאָ.

אָטיס דזשיימס, אַן אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנער און שטאַאַטס־מאַן. געב. אין הייהעם 1718 און געשט. אין אַנדאָווער 1783,. שטודירט יוריספּרודענץ, הויבט אָן צו פּראַקטיצירען אַלס לאָער אין פּלימוטה מאַס. אין 1750 ציהט ער איבער נאַך באָסטאָן דאָרט ווערט ער אַנערקענט אַלס אַן אויטאָריטעט אין קלאַסישע ליטעראַטור. ער ווערט בעאויפטראַגט צו פערפאַסען אַ לאַטיינישעס טעקסט־בוך פאַר דער אוניווערזיטעט פון האַרוואַרד. ער איז געוועזען איינער פון די ערשטע וועלכע האָבען אויפגעבלאָזען דאָס פייער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָן געגען ענגלאַנד. דזשאָהן אַדאַמס האָט אויף איהם געזאָגט: "ער איז פלאַם־פייער. אַ מאַן וועלכער האָט צו זיין פערפיעגונג אַלע פעהיגקייטען פון אַ זשעני. ער האָט אַ דורכדרינגליכען בליק איבער זאַכען וואָס פאָדערען קענטניס. ער האָט מיך געמאַכט פיהלען ווי געצוואונגען צו נעהמען די וואַפען אין האַנד געגען די ענגלישע פאָדערונגען". ער האָט אַרויסגעגעבען אַ בראָשורע The Rights of the Colonies Vindicated. אין לאָנדאָן. דאָס אָט אין ענגלאַנד אָנגעצינדען אַ פייער. מען האָט איהם אַפילו דערפאַר געוואָלט אַרעסטירען, מען האָט אַבער שוין דעמאָלט געפיהלט דאָס טרייסלען פון אַן אויסברעכענדען וואולקאַן. איבערהויבט ווייל ער איז געוועזען אין אַמעריקאַ דער דזשאַדזש אַדוואָקאַט, און דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע

בעדיטונג פאַר יענער צייט. אָטים האָט אָבער פון דיעזען אַמט רעזיגנירט בכדי צו קענען זיין פרייער און מעהר אַקטיוו. ער איז אַרוים אין די צייטונגען מיט אַן עלעגאַנטע שפּראַך געגען די קאָסטום־אָפּיסערס, זיי האָבען זיך אָן איהם נוקם געוועזען דורך אַן איבערפאַל מיט סאָלדאַטען און איהם גוט אָנגעשלאָגען. זיין טהעטיגקייט פאַר דער רעװאָלוציע איז געבליבען אונפערצייכענט. מען געדענקט נאָר וואָס עס האָט זיך וועגען איהם דערצעהלט. זיין האָפנונג צו דערלעבען די בעפרייאונג פון אַמעריקאַ איז געבליבען אונערפילט. אַ דונער האָט איהם דערשלאָגען בעת ער איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון זיין אַ פריינד אין 23טען מאַי פון 1783.

אָטים סעמיועל, אַ בעדייטענדער אַמעריקאַנער שטאַאַטס־מאַן. געב. אין באַרנסטייבעל מאַס. אין 174ז, שטודירט אין האַרוואַרד יוריספּרודענץ, ווערט אַ מיטגליעד אין דער אַסעמבלי אין 1776, ווערט באַלד דערנאָך אַ מיטגליעד פון דער קאָנסטיטוציאָנאַלע קאָנווענשיאָן. אין 1784 ווערט ער ספּיעקער פון דעם לעדזשיסלייטיוו און צוגלייך אַ מיטגליעד אין קריעגס קאַבינעט. דריי יאָהר שפּעטער ווערט ער בעשטימט צו אונטערהאַנדלען מיט די פיהרער פון שייא׳ס רעבעליאָן. אין 1788 ווערט ער מיטגליעד פון קאָנגרעס. שפּעטער אויך שטאַאַטס־סעקרעטער. אונגעאַכטעט אויף די פּאַרטיי דיפערענצען האָט ער דיעזען אַמט געהאַלטען פאַר גאַנצע 30 יאָהר.

אָטיסאַ, אַן אינדישער פּריעסטער און אַ רעפאָרמאַטאָר פון דער בודהיסטישע רעליגיאָן. אַלס ער איז אָנגעקומען אין 1038 פון יצר׳ אין טהיבעט האָט ער געפינען דעם בודהיטישען גייסטליכען שטאַנד זעהר געזונקען אין דער מאָראַליטעט. ער האָט זיך גענומען צום קאַמף דורך פעדער און צונג, און עס איז איהם ענדליך געלונגען אַ נייע סעקטע ״געלוק״ צו גרינדען וועלכע איז געוואָרען די הערשענדע אין יענער געגענד. ער איז געשטאָרבען אין נעטאַנג ביי לאַשאַ.

אַטיפּאָס, אונדייטליך, אַדער אָהן אַ טיפּ, נישט קלאָהר. ״אַטיפּיש״: איינער וואָס שטאַמעלט.

אַטיפּוס, אַ מיטגליעד אין דער שפּינען פאַמיליע וועלכע צייכענט זיך אויס פון די איבריגע, מיט די 6 שפּינען־וואַרצען וואָס זעהען זיך אין דער בייגעגעבענער אילוסט־ראַציע. אונטער דיעזען נאָמען זיינען נאָך פאַראַן צוויי אַנדערע שפּינען וועלכע אונ־טערשיידען זיך פון דיעזער בלויז אין דער קאָליער. פערגליכען מיט דעם קערפּער האָט



Atypus piceus.

זי אַ זעהר הויכען קאָפּ וועלכער הויבט זיך אָן ביי די פלאַכע ברוסט־טיילען. זי האָט 8 אויגען. איהר קאָליער איז שוואַרץ ווי פּעך., אַמאָל אויך ברוין. דער קערפּער איז בערך 20 מילימעטער לאַנג. לעבט צווי־שען מויערען, שטיינער און בערג־לעכער. אונזער בילד צייגט דעם זכר און די נקבה.

אַטלאַ, (גריכ. מיטאָל.) אַ ריעזען־מיידעל וועלכע איז געלאָפען מיט איהרע 6 שוועס־טערען ביים ברעג פון ים, און דער גאָט אָדין איז זיי איבערגעפאַלען און אַלע ענטעהרט. אַלע צוזאַמען האָבען זיי געבוירען דעם איינעם גאָט "היימדאַל".

אַטלאַיבאָש, אַ הויז־גאָט ביי די אַלטע פּאָליאַקען.

אַטאַלאַנטאַ, נאָמען פון אַ פּלאַנעטאָיד (ז.ד.) פערצייכענט אין דעם אַסטראָנאָמישען קאַטאַלאָג אונטער דעם נומער (36), איז ענטדעקט געוואָרען פון גאָלדשמיט אין דעם יאהר 1855.

אַטלאַנטאַ די הויבט־שטאָדט פון דזשאָר־זשיאַ, יונייטעד־סטייטס. נעבען די בערג וואָס טיילען דעם אַטלאַנטישען ים פון דעם מעקסיקאַנער גאָלף. זי איז געבויט אויף אַ גרונד פון 1,100 פוס הויך איבער דעם ים־שפּיגעל. אויף דיעזען אָרט איז פריהער געשטאַנען אַ געדיכטער וואַלד. ווען זי איז נאָך געוועזען אַ דאָרף האָט זי געהייסען: מאַרטאַסוויל. ווען זי האָט זיך שוין ענט־וויקעלט אַלס אַ קאָמערציעלער צענטער פאַר יענער געגענד האָט מען דעם נאָמען געענדערט אויף אַטלאַנטאַ. דער מעק'פערסאָן פעסטונג וואָס געפינט זיך דאָרט האָט דער שטאָדט געגעבען די ערשטע פּראָמינענץ פאַר אַ צענטער. שפּעטער האָבען פאַבריקען, לעהר־אַנשטאַלטען, האַנדעלס פערבינדונגען מיט די אַרומליגענדע דערפער און שטעדט פיעל בייגעטראָגען צו איהר ענטוויקלונג. אַן אינדוסטריעלע אויסשטעלונג וואָס האָט דאָרט שטאַטגעפינדען אין יאָהר 1895 האָט איהר געגעבען אַ וועלטליכע רעקלאַמע.

1877 איז אַטלאַנטאַ דורך אַ פאָלקס־שטי־מונג געוואָרען די הויבט־שטאָדט פון דזשאָר־זשיאַ סטייטס. די אַסעמבלי געביידע איז אויפגעשטעלט געוואָרען אין 1889 און האָט געקאָסט אַ מיליאָן דאָלאַרס. אַ פּאָסט־אָפיס געביידע איז אויפגעשטעלט געוואָרען פאַר אַ מיליאָן דאָלאַרס. די שטאָדט האָט גענומען וואַקסען צוליעב דעם פּראָגרעס וואָס איהרע פאַבריקען האָבען געמאַכט. די הויבט אינדוס־טריען פון אַטלאַנטאַ זיינען: קאָטאָנ־וואַרע, מאַשינען, ברעטער, בלאַט־מעטאַל, טעראַ־קאָטאַ, ציגעל, מעבעל, צוקער־ווערג, ביסקעטס, ציגאַרען, פערד־זאַטעל, וואָל־שטאָף קליידער, און קליידער־קאַסטען. איבערהויבט

צייכענט זיך אויס דער דאָרטיגער מאַרקט פון פערד און עזעל.

די גרויסקייט פון אַטלאַנטאַ איז 11□ מייל, זי איז אַרום בעגרענעצט ווי אַ צירקעל פון 3½ מייל אין דיאַמעטער. זי האָט 63 געפּלאַסטערטע גאַסען, 227 זייטען־גאַסען, 6 מייל פון די גאַסען זיינען בעדעקט מיט אַספאַלט, די רעשט מיט האָלץ־בלאָקס אָדער גראַניט. דער רעזערוואַר ענטהאַלט 15 מיליאָן גאַלאָנס וואַסער, די שטאָדט פערברויכט עפּעס מעהר ווי 9 מיל. גאַלאָנס טעגליך.

אין דעם בירגער־קריעג פון 1862 האָט אַטלאַנטאַ געהאַט אייניגע גרויסע שלאַכטען פון וועלכע גענעראַל שערמאַן איז אַרויס דער זיעגער. די שטאָדט איז גאַנץ אַרונטער־געברענט געוואָרען פון די סאָלדאַטען פון דער יונייטעד־סטייטס אין 1864. אַלע אַרכיוען זיינען דאַדורך פערניכטעט געוואָרען. אַלע היסטאָרישע דאָקומענטען מיט זיי. וואָס מען ווייסט יעצט וועגען אַטלאַנטאַ איז פון טראַדיציעס.

אויבוואויל די צאָהל פון יודען איז דאָרט 2000 האָבען זיי דאָרט אַ גרויסע אַנטייל גענומען אין דער ענטוויקלונג פון דער שטאָדט. זיי האָבען געהאַט אייניגע מאָל יודישע מיטגליעדער אין דעם דאָרטיגען לעדזשיסלייטשור. אַ פאַקט וועלכער ווייזט אין וועלכער גוטע בעציהונג זיי שטעהען מיט די נישט־יודישע בירגער. דער נאָמען דייוויד מייער איז דאָרט בעקאַנט אַלס דער פאָטער פון די פּאָבליק־סקוהלס. זיי האָבען דאָרט גרויסע פאַבריקען און האָבען אַן אַנטייל אין אַלע אינדוסטריען. זיי האָבען צוויי קהילות און אויך אייניגע צדקה־אַנשטאַלטען.

אַטלאַנטאַ פּעראָני (Atlanta Peronii)

אַ שנעקען־גאַטונג פון וועלכער עס זיינען דאָ 22 סאָרטען. די דאָזיגע אילוסטראַציע



ווייזט ווי זי שטרעקט זיך אַרויס פון איהר אייגענע וואוינונג. ציהט זי זיך אָבער צוריק דאַן זעהט מען נישט מעהר ווי די שאָל. דיעזע שאָל איז דורכזיכטיג, דורך וועלכער די אינערליכע בעוועגונג קאָן לייכט בעטראַכט ווערען. איהר גרויס איז פון 9 ביז 10 מילימעטער. זי געפינט זיך אין אַלע וואַרמע ימים, צומעהרסטענס אין טיעפערע געגענדע. זי ריהרט זיך אַרויס פון דער שאָל אָנר יך אויסצוגלייכען די גליעדער. ביים בעטראַכטען עס דורך דער דורכזיכטיגע שאָל זעהט זיך דאָס נערווען־סיסטעם אַרבייטענדיג. דאָס ערשטע טייל פון דעם טיער איז צו־זאַמענגעדרוקט און בילדעט דאָס שווימ־אינסטרומענט, און בעוועגט זיך נאָך רעכטס און לינקס. דער צווייטער טייל בילדעט דאָס שפּייז און דאָס פערדייאונגס אינסטרומענט. דער דריטער טייל ענטהאַלט די גרייפער און דעם אַנקער. די גליעדער זיינען אַלע צילינ־דער־אַרטיג. ווען אויפגערעגט כאַפּט עס דעם קאָפּ גלייך אַריין אין שאָל, ראָלט זיך דאַן צוזאַמען, לאָזט זיך אַרונטער אין דער טיעפעניש, און שטעלט זיך אויף דעם באָדען מיט דער רונדע זייט פון דעקעל אַרויף. עס פיהלט זיך דעמאָלט פערשלאָסען צווישען דעם דעקעל און דעם באָדען.

אַטלאַנטיס לויט עגיפּטישע און גריכישע זאַגען— אַן אונטערגעגאַנגענער אינזעל אין דעם אַטלאַנטישען ים (ז."אינזעל"). פּלאַטאָ דערמאָנט איהם אין צוויי שטעלען. אין זיין "טימעאָס" און אין "קריטיאַס". זייט

1675 האָבען זיך געלאָזט הערען פערשיעדענע היסטאָריקער מיט פערשיעדענע טעאָריען וועגען: אַטלאַנטיס ווידער געפינען. בירכעראָ זאָגט אַז אַמעריקאַ איז עס. רובבעק זאָגט, אַז סקאַנדינאַוויען איז עס. נאָראָף האָלט איז איבערצייגט אַז דאָס איז דער וועסטלי־כער טייל פון קליין אַזיען. ווייל, דער אַטלאַנטישער ים איז אַמאָל געוועזען דער וועסטליכער ים. דאַן זיינען אויך געקומען אין דער רייהע: ציפּערן, קרעטאַ, רהאָד־אינזעל, די אינזלען פון דעם אַרשיפּעלאַזש; שפּעטער איז ווידער דער גורל געפאַלען אויף אַמעריקאַ ווייל דאָרט זיינען פאַראַן עהנליכע פלאַנצען ווי אין אזיען.

אַטלאַנטיק סיטי, אַ זעהר פּאָפּולערער פּלאַץ פאַר ים־בעדער, אין דזשערסי סטייט. ליגט 24 מייל פון פילאַדעלפיאַ. איז געוואָרען אַ שטאָדט אין 1854, שטעהט אויף אַן אינזעל וואָס איז 10 מייל לאַנג און קנאַפּע 4 מייל ברייט. איז פערבינדען מיט פילאַדעלפיאַ דורך 3 באַהנ־ליניען. די שטאָדט האָט פיעלע האָטעלען. די שטענדיגע בעפעלקערונג איז בערך 28,000 אַבער אין זומער איז דאָרט זעהר ענג און די קאָסטען זעהר גרויס. דער פּלאַץ איז פּאָפּולער צוליעב דעם מילדען קלימאַ, און איבערהויבט צוליעב זיין געאָ־גראַפישע לאַגע וואָס מאַכט מעגליך אַז די נויאָרקער מיט די פילאַדעלפיער זאָלען זיך דאָרט צוזאַמענטרעפען. דער ערשטער וואָס האָט זיך דאָרט בעזעצט איז געוועזען דשערמאַיאַ ליעדז אין 1783.

אַטלאַנטישער ים, דער גרויסער טייל וואַסער וואָס ליגט צווישען די וועסטליכע קיסטען פון עוראָפּאַ און אַפריקאַ, און די אָסטליכע קיסטען פון נאָרד־ און זיד־אַמעריקאַ. גרייכענדיג פון דעם אַרקטישען ים ביז דעם אַנטאַרקטישען. זיין ברייטעסטע זייט איז צווישען נאָרד־אַפריקאַ און נאָרד אַמעריקאַ, בערך 4,150 מיילען. אויב דער גאָלף פון מעקסיקאַ זאָל צוגערעכענט ווערען פערגרעסערען זיך דיעזע ציפערען אויף 5,000 מיילען. זיין שמאָלסטע זייט איז פון נאָרוויי ביז גריענלאַנד, אַן ערך פון 930 מיילען. זיין גאַנצע אויבער־פלעך איז 25,000,000 □ מיילען. פון די גרעסטע טייכן וואָס פליעסען אין איהם אַריין זיינען

טאַגוס	דער אַירישער ים
לאָרי	גאָלף פון גואינעאַ
רהיין	ביי־אָוו־ביסק
קאָנגאָ	אַמאַזאָנען שטראָם
סענעגאַל	דער באַלטיק
ניגער	דער האָנדוראַס
מיססיססיפפּי	מעקסיקאַנער גאָלף
אָרינאָקאָ	דער הודסאָן
לאַ פּלאַטאַ	דער האַפּפּין

מעהרערע וואַסערען פון אַמעריקאַ פליעסען אַריין אין דעם אַטלאַנטיק ווי אין דעם פּאַסיפיק.

די וויכטיגסטע אינזלען פון אַטלאַנטיק זיינען נאָרדליך פון דעם עקואַטאָר. זיי הייסען:

קאַנאַרישע	אייזלאַנדישע
קייפ־ווערדישע	בריטישע
נייפונדלאַנדישע	אַזאָרעס
קייפ־ברעטאָנישע	וועסט־אינדישע

די פון דער זידליכער זייט פון דעם עקואַטאָר זיינען:

אַסצענשיאָן	סט. העלענאַ
טרינידאַד	קאָלומבוס
טריטאַן דאַ קונהאַ	

זיין לויף: זיין לויף איז אַ צוויי־פאַכער. אַן אומטרייבענדער און אַ שטראָמענדער. דער ערשטער ווערט פעראורזאַכט דורך דיווינדען, וואַנדערענדע אָדער לאָקאַלע; און די אַנדערע דורך די איינשטראָמענדע און אויסשטראָמענדע טייכען. די אומטרייבענדע געהען זעלבסטפערשטענדליך נישט ווייטער

ווי די ווינדען טראָגען זיי, די שטראָמענדע ווידער ווערען אין זייער לויף פיעל געהינ־דערט פון די אומטרייבענדע. דאַרום זיינען די געשווינדיגקייטען און די ריכטונגען פון די שטראָמען נישט שטענדיג עגאַל. פון די פערשיעדענע מעסטונגען האָט זיך אַרויס־געשטעלט אַז די געשווינדיגקייט איז אויף אייניגע שטעלען פון 30 ביז 50 מייל פער טאָג, און אויף אַנדערע שטעלען צו 167 מייל פער דעמזעלבען טאָג. עס זיינען דאָ שטראָמען אויף וועלכע די שטערונגען האָבען קיין איינפלוס און אַזעלכע וואָס ווערען געשטערט פון דער קלענסטע שטערונג. אַזוי לויפט אַ שטראָם פון די אַפריקאַנער קיסטען ביז דער קייפּ־סט.־ראָק 2500 מייל לאַנג און 185 מייל ברייט, וואָס זיין דורכשניטליכער לויף, סיי ווינטער אָדער זומער, איז 30 מייל פער טאָג דאַגעגען איין אַנדערער וואָס לויפט פון קייפּטון אין אַ נאָרדליכע דירעק־ציע פון 15 ביז 20 מייל פער טאָג.

האָפּט. די געאָגראַפיע פון דעם נאָרדליכען טייל פון דיעזען ים איז כמעט ווי גאַנץ אויסגעפאָרשט. אויף דעם וועג צווישען עוראָפּאַ און אַמעריקאַ זיינען פאַראַן צוויי גרויסע טאָלען, אַ יעדער פון זיי איז בערך 500 מיילען גרויס, און זייערע טיעפקייטען זיינען פון 14,000 ביז 15,000 פוס. צווישען דעם אַזאָרעס אינזעל ביז נאָרד־גריענלאַנד איז פאַראַן אַ שטעלע וואָס איז 16,000 פוס טיעף. דער זידליכער טייל פון דיעזען ים איז שוין נישט אַזוי גוט בעקאַנט.

דער אַטלאַנטישער ים איז דער נעקסט גרעסטער ים צום פּאַסיפישען. ער ענטהאַלט אַ פירטעל פון דעם וואַסער וואָס אַלע ימים האָבען. די פערשיעדענע טייכען פון די פערשיעדענע געגענדען וואָס פליעסען אין איהם אַריין ברענגען מיט זיך פערשיעדענע קלימאַטישע טעמפּעראַטורען. אויך ברענגען זיי מיט זיך פערשיעדענע קאָליערען. אויך איז די געדיכטיגקייטען פון די אַלע שטראָ־

די קייבעל ליניע אויף דעם באָדען פון אַטלאַנטיק

טיעפקייט: דער באָדען פון די אַלע ימים איז ווי דער באָדען פון אויבערפלעך. פול מיט בערג און טאָלען. די טיעפקייטען זיינען דאַרום פערשיעדען אין די פערשיעדענע שטעלען. די גרעסטע טיעפקייט אין אַטלאַנ־טישען ים וואָס איז ביז יעצט ענטדעקט געוואָרען איז נאָרדליך פון דעם אינזעל פּאָרטאָ־ריקאָ. דאָרט איז עס 27,366 פוס טיעף. עס זיינען אַפילו פאַראַן רעפּאָרטען פון אַ טיעפקייט פון 50,000 פוס אָבער, עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט נישט ריכטיג. דער אַפּאַראַט מיט וועלכען דיעזע מעסטונג איז געמאַכט געוואָרען איז געוועזען פעהלער־

מען נישט עגאַל. אַלעס דאָס האָט אַן אַסי־מילאַטאָרישען איינפלוס אויף דעם גאַנצען קאַראַקטער פון דעם אַטלאַנטיק. זייער איינ־פלוס געהט דורך דעם אַטלאַנטיק אַריבער אויף די לענדער וועלכע ליגען אַרום דעם אַטלאַנטיק, און זיי בילדען אַ טייל פון דעם קלימאַט פון איעדען פון זיי.

כוואַלעס: די כוואַלעס פון דעם אַטלאַנטיק שטייגען העכער ווי אין אַלע אַנדערע ימים. זיי שטייגען ביים זידליכען טייל אָפט צו 57 פוס הויך.

בעמיש: דאָס וואַסער פון דעם אַטלאַנטישען ים אַנאַליזירט זיך בעמיש, ביי 40 גראַד

וועסט און 20 גראַד נאָרד, לויט ביבראַ:

כלאָר־נאַטריום	76.47
כלאָר־מאַגנעזיום	9.00
כלאָר־קאַלקיום	4.00
בראָם־נאַטריום	1.15
שוועבעל־זויערע־קאַלק	4.60
„ מאַגנעזיום	5.20

פערבינדונגען: דער לעבהאַפטסטער פערקעהר צווישען די אינדוסטריעלע פעלקער געהט פאָהר דורך דיזען ים. די גרעסטע דאַמפּער פון אַלע שיפּס־קאָמפּאַניעס, פיהרענדיג די אימיגראַנטען און פּראָדוקטען פון און נאָך דער אַלטע און נייע וועלט, בעגעגנען זיך אויף דעם וועג אַזוי אָפט ווי עס בעגעגנען זיך באַהנען אויף די אייזענ־ליניען. דער ערשטער דאַמפּער וואָס האָט דורכגערייזט דעם אַטלאַנטישען ים האָט געהייסען "די רייזינג סאָן" = "די אויפשטייגענדע זון". זי איז אָנגעקומען אין נויאָרק אין 1818. מיט אַ יאָהר שפּעטער איז אַ צווייטע אָבגעשיפט פון נויאָרק נאָך ליווערפּול, זי האָט געהאַלטען 300 טאָן, איהר נאָמען איז געוועזען די "האַוואַנאַ". אַ רעגולערע שיפונג פון גרעסערע דאַמפּער האָט זיך אָנגעהויבען ערשט אין 1892. צוליעב די געפעהרליכע שווימענדע אייז־בערג האָט מען גענומען בויען גאַנץ גרויסע שיפען. די וויכטיגסטע האַפען־שטעדט אַרום דעם אַטלאַנטישען ים זיינען: לאָנדאָן, ליווערפּול, גלאַזגאָ, האַמבורג, ברעמען, אַמסטערדאַם, ראָטערדאַם, סט.נאַזאַיר, באָרדאָ, ליסאַבאָן, קאַדיקס, נויאָרק, באַלטימאָר, ניו־אָרלעאַנס, קוויבעק, באָסטאָן, ריאָ־מאָנטעווידעאָ, בוענאָס אירעס, קייפּטון, און דעלעגאָאַ־באַי.

קייבעלס: דער ערשטער קייבעל איז געלעגט געוואָרען אין 1866. יעצט זיינען דאָ 14 קייבעלס איבער דעם אַטלאַנטיק. איין ענגלישע געזעלשאַפט האָט ליגען 5 קייבעלס, צוויי אַמעריקאַנישע געזעלשאַפטען האָבען ליגען 6 קייבעלס, איין פראַנצויזישע געזעלשאַפט האָט 3 קייבעלס.

דאָס ערשטע לופט־שיף וואָס איז אַריבער דעם אַטלאַנטיק איז געוועזען אַן ענגלישעס. זי האָט געמאַכט די רייזע אין 1920 פון ענגלאַנד נאָך אַמעריקאַ און צוריק. אַ יאָהר שפּעטער איז דיזעלבע שיף פאַנאַנדערגעפאַלען אין יאָרקשייר ענגלאַנד.

אַטלאַנטישער קייבעל, ז. "קייבעל", "אַטלאַנטישער ים", .מאָרסע", "עלעקטריציטעט".

אַטלאַנטעס (אַרכיט.) נאָמען פון אַן אָרנאַמענטאַלע שטיצע. בעשטעהענד פון אַ פיגור אין דער פּאָזיציע ווי זי וואָלט מיט איהרע עלענבויגען און קאָפּ אונטערשטיצען אַ לאַסט. די אַלטע גריכען פלעגען זייערע באָד־הייזער און די געביידען פון עפענט־



ליכע אונטערהאַלטונג בעציערען מיט אַזעלכע אַטלאַנטען. טיילמאָל אויך ביים שפּיץ פון אַ שיף. די אידעע קומט פון דער לעגענדע פון "אַטלאַס" (ז.ד.). ביי די היינטיגע צייטען איז די אידעע שוין מאָדערניזירט. מען שטעלט שוין אויך פרויען־פיגורען אויף דעם אָרט פון אַטלאַס. פיעלמאָל אויך שוין אָהן דעם בעגריף פון אונטערשטיצונג, נאָר גלאַט פרויען־געשטאַלטען.

אַטלאַס (גריכ. מיטאָל.) דער טרעגער פון הימעל און ערד. וועגען זיינע עלטערען זיי־נען דאָ פערשיעדענע אויטאָריטעטען. נאָך העזיאָד איז ער געווען דער זוהן פון דעם טיטאַן יאַפּעטו און קלימענע. נאָך אַפּאָלאָ־דאָרוס האָט ער געהייסען „אַזיאַ". נאָך הי־גענוס איז ער געוועזען דער זוהן פון עטהער און גאַעאַ (הימעל און ערד). אין איניגע שריפטען הייסט ער: ער טראָגט דעם הימעל אויף זיין קאָפּ מיט זיינע הענד אונטערגעשפּאַרט. ער ווערט געשילדערט אַלס דער אַנפיהרער פון די טיטאַנען וועלכע האָבען רעבעלירט געגען צעוס, און ווען די טיטאַנען האָבען זייער קאַמף פערלוירען איז אַטלאַס פעראורטיילט געוואָרען צו טראָגען די ערד אויף זיך.

אין די פאַבעל ווערט דערצעהלט וועגען איהם אַז ער וואוינט העט ווייט ביים סוף פון דער וועלט. דיעזער סוף וועלט ווערט אָנגעוויזען צו זיין אויף דער נאָרד־וועסט, וואו דער טאָג קומט זיך צוזאַמען מיט דער נאַכט. אַפריקאַ, דאָס לאַנד וואָס איז געוועזען בעקאַנט צו די פעניקישע שיפער, וועלכע פלעגען נאָך אַיעדע רוזע אַהיימקומען דער־צעהלען שרעקליכע מעשיות בכדי אָבצושרע־קען אַנדערע זאָלען זיי נישט נאָכפאָהרען, בכדי נישט צו שאַפען קאָנקורענטען געגען זיךהאָבען אויך אויך פאַר איינוועגס געזאָגט אַז זיי האָבען זיך מיט איהם בעגעגענט, אַנדייטענדיג אָט דאָר וואו די בערג גרייכען אין הימעל אַריין. דערפאַר האָבען יענע בערג בעקומען דעם נאָמען „די אַטלאַס בערג" און דערפון נעהמט זיך אויך די אידעע אַז דער טאָג בעגעגענט זיך דאָרט מיט דער נאַכט.

אַטלאַס (געאָגר.) אַ גרופּע פון בערג אין נאָרד־וועסט־אַפריקאַ, וואָס בריוטעט זיך אויס פון קייפּ־נאָן אין מאָראָקאָ ביז צו דער קייפּ־באָן אין טוניס. אַ ווייטקייט פון 1400 מיילען. דער טייל פון מאָראָקאָ איז אַרומגענומען אויף דריי זייטען מיט וואַסער פון דעם מעדיטעראַנעישען און דעם אַטלאַנ־טישען ים. די פּירטע זייט איז אויף דעם מדבר זאַהאַראַ. אין מילטסין, 27 מייל זיד־אָסטליך פון מאָראָקאָ איז די הויכקייט 13,000 פוס, אין אַלגעריען 7673 פוס הויך, אין טוניס 4476, און אין טריפּאָלי שוין בלויז 3200 פוס הויך. דער נאָרד־וועסט־ליכער טייל פון זיי איז בעדעקט פון וועלדער מיט פינען אייכען, קאָרק, ווילדע אָליווען און אַנדערע סאָרט ביימער. די טאָלען האָבען גענוג וואַסער פאַר אַגריקולטורעלע צוועקען. דער אינהאַלט פון דיעזע בערג איז ווייניג ערפאָרשט געוואָרען. פון דאָס וואָס עס איז ביז יעצט בעקאַנט איז, דאָרט שוין געפינען געוואָרען קופער, אייזען, און אַנטימאָני. דער גרעסטער טייל שיינט צו זיין קאַלכ־אַרטיג.

אַטלאַס, נאָמען פון אַ וועב־שטאָף וואָס האָט אַ גלאַנציגע אויבערפלעך, און איז צו געפינען אין האַנדעל אין פערשיעדענע קאָלי־רען און אין פערשיעדענע קוואַליטעטען. ביי אונזערע חסידישע יודען זעהר פּאָפּולער פאַר בגדי שבת וויום־טוב. אין פוילען ווי אין גאַליציען ווערט דערפון געמאַכט איבערהויבט אַטלאַסענע קאַפּאָטעס אָדער זשופּעצעס. רייכע מאַכען זיך דערפון אויך קאַפּטאַנעס, און פאַר זייערע ווייבער קליידער צו געהן אין

שוהל אַריין דאַווענען. דיעזע אַלע זיינען בלויז פון אַ שוואַרצע קאָליער. אין דער מאָדערנ־וועלט פון די גרויסע שטעדט ווערען שוין געברויכט אַטלאַסען פון אַלע קאָליערען אַפילו פאַר וואָכענ־קליידער. אין דער טעכניק ווערען זייערע קוואַליטעטען בעצייכענט לויט די צאָהל פון די בינד־געוועבע. דער אַטלאַס־איז קיין וועב־פאָדים נאָר אַ מאַסע וואָס ווערט קינסטליך אריינגעקניפּט אינצווישען דעם נעץ פון די וועב־פעדים און ווערט ענדליך געפּרעסט בכדי ער זאָל קריגען דעם גלאַנץ. אויב ער האָט מעהר פעדים אין זיין נעץ איז ער בעסער.

אַטלאַס (קאַרטאָגראַפיע) נאָמען פון אַ זאַמלונג פון געאָגראַפישע אָדער אַנדערע לאַנד־קאַרטען. איז צוערשט געברויכט געוואָרען פאַר דיעזען צוועק פון מערקאַטאָר אין 16טען יאָהר־הונדערט. לעצטענס איז דיעזער נאָמען אויך שוין געברויכט געוואָרען פאַר ביכער וועלכע האָבען גאַנצע זייטען פון בילדער אָדער טאַבעלען פון אונטעריכט. ווערט אויך אָפט געברויכט שטאָט דאָס וואָרט "מאַפּ".

אַטלאַס (אַנאַטאָמיע) נאָמען פון דעם אויבערשטען טייל פון דעם נאַקען, אויף וועלכען עס רוהט דער קאָפּ. ער איז אַ קליינער ביינעגער קערפּער, וואָס זיצט אין אַ גרויסע רינג, אויסגעבעט און פערבינדען מיט די שכנות'טיילען דורך עלאַסטישע בענד דער אַטלאַס מאַכט דעם קאָפּ מעגליך צו ניקען, זיך צו בעוועגען נאָךביידע זייטען. דיעזער געפינט זיך אויך ביי אַלע ווירבעלטיערע.

פיעלע אונגליקען ווערען רעפּאָרטירט וואו דער אַטלאַס ווערט אויסגעלענקט פון זיין אַקסיס. אַמאָל דורך אַרומדרעהען דעם קאָפּ נאָך הינטען, אַמאָל דורך אויפהייבען אַ קינד ביים קעפּעל, אַ קלאַפּ אויף דעם נאַקען, אַ פאַל מיט דעם קאָפּ אַראָב. עס עס האָט שוין אַמאָל פּאַסירט אַז אַ קינד איז פון אַ ליעבע מוטער־האַנד דורך אַ שפּאַסיגען קלאָפּ אין נאַקען געפאַלען טוידט.

אַטלאַס אליעזר, אַ העברעיש־ליטעראַרישער קריטיקער. געב. אין בייסיגאָלאַ 1851 לערנט אין נאָוואַ זאַגאָרי, וואו ער האָט נעבען די רעליגיעזע שטודיען אויך פערכאַפּטער הייט געלערנט וועלט־זאַכען, פאַר פרנסה האָט ער געלערנט בוכהאַלטעריע, ווערט נאָך יונג אַ מיטאַרבייטער אין האָסיף, אין 1888 הויבט ער אָן אַרויסגעבען דעם "הכרם" וועלכער געהט גלייך אונטער. ער קאָלעקטירט דאַן פיעלע פון זיינע אַרטיקלען וואָס ער האָט געדרוקט אין הצפירה און דרוקט זיי אין אַ בוכ־פאָרם אונטער דעם נאָמען "מה לפנים ומה לאָחור" וואַרשאָ 1898. ער ווערט נאָכהער מיטאַרבייטער מיט סאָקאָלאָוו אין "ספר השנה".

פאַר יענער צייט איז אַטלאַס געוועזען אַ גאון. זיין למדות און זיינע קאָמערציעלע קענטניס וואָס ער האָט געוואונען פון זיין בוכהאַלטעריע האָבען איהם אַריבערגעהויבען איבער דעם שטאַנד פון די דעמאָלטדיגע טעאָרעטיקער. זיין גאַנצער קריטישער געדאַנק איז אַרויסגעשפּרונגען פון דיעזע צווייקוואַלען. דערפאַר האָט ער דאָס דעם "דור דור ודורשיו" אַזוי גליקלעך דורכגעדרונגען. זיין קריטיק איבער דיעזען ווערק פון דר. וויס איז בעטראַכט געוואָרען אַלס אַ מוסטער פון דורכדרינגליכער קענטניס איבער אַלעס וואָס ער האָט בעריהרט. זיינע מאָטיווען זיינען געוועזען פּעדאַגאָגיש און רעפאָרמאַטיוו. נאָך זיינע אַנזיכטען האָט די יודישע רעליגיאָן געדאַרפט נאָכגעהען דעם פאָרטשריט פון פאָלק. די צייט טרייבט דאָס פאָלק מיט איהר פאָרטשריט, און ווען די רעליגיאָן



אַטלאַס בוים מיט זיינע זילבער-בלעטער, די פיגורען פון ביידע זייטען צייגען די גרויס פון די בלעטער אויף וועלכע דיעזע פיגורען ווערען ארופגעדרוקט מיט אַ שפּרוך

האַלט דאָס פאָלק צוריק, אזוי רייסט די צייט דאָס פאָלק פון דער רעליגיאָן. אַ ברודער זיינער משה וואוינט יעצט אין קייפּטאַון סויט-אַפריקאַ און בעשעפטיגט זיך מיט דער דרוקעריי. ער שרייבט אָפט אין נ. ד. האָפמאַנס וואָכענבלאַט "דער אַפריקאַנער, אַרויסגעגעבען אין קייפּטאַון.

אַטלאַס-בוים אַ בוים אויף וועלכען עס וואַקסען זילבער-בלעטער. ער איז היימיש אין דער קייפּ פון סויטה-אַפריקאַ. וואַקסט אויפ'ן טייבעל-מאַנטיין. די בלעטער זיינען ווי ריכטיגער וויסער אָדער וויים-גרויער אַטלאַס. זיי דויערען אייביג. מען שרייבט אויף זיי, און מען דרוקט אויף אַלערליי בילדער אָדער ברכות פאַר ניי-יאָהר. די אימיגראַנטען שיקען דאָס אַהיים צו זייערע קרובים אַלס סאָוועניערס פון זיד-אַפריקאַ. זיין באָטאַנישער נאָמען איז Leucadendvon

אַטלאַס-פולווער נאָמען פון אַן עקס-פלאָזי-שטאָף, בעשטעהענד אויס:

14 טיילען ניטראָ-צעלולאָז
14 טוילען ניטראָ שטאַרקע
16 טיילען ניטראָ-גליצערין

אַטלעבאָראָ אַ שטאָדט אין דער מאַס-סאַטשוסעס-סטייט, 15 מייל פון באָסטאָן. האָט אַ בעפעלקערונג פון איבער 11,000 איינוואוינער.

אַטמאָמעטער, אַ מעטראָלאָגישעס אינ-טען דעם אַטעמצוג.

אַטמאָמעטער, אַ מעראָלאָגישעס אינ-סטרומענט צו מעסטען די קוואַנטיטעט פון

פון דאַמף וואָס שטייגט אויס דעם פרייען וואַסער אין אַ בעשטימטע צייט.

אַטמאָספערעלאָגיע, ז. ״מעטעראָלאָגיע״

אַטמאָספערישע גידערשלעגע, אַ וויסענשאַפטליכער אויסדרוק אין דער דייטשער שפּראַך, וועלכער דריקט אויס מיטאַמאָל טהוי, רעגען, שניי, און האָגעל.

אַטמאָספערישער דרוק, די דרוקקראַפט וואָס די אַטמאָספערע האָט איבער אַלעס וואָס געפינט זיך אונטער איהר. דיעזער בעטרעפט 1033.3 גראַם איבער אַ□ צענטימ. פלאַך. אָדער 15 פונט געוויכט איבער אַ□ ים־וואַסער וואָס איז 32 גראַד פאַרענהייט (ז.״אַטמאָספערע״).

ווען דער באַראָמעטער שטעהט אויף 20 איז דער אַטמאָספערישער דרוק אויף דעם מענשליכען קערפּער 2,160 פונט אויף יעדען □ פוס פון זיין גוף. א מיטעל געוואַקסענער מענשליכער קערפּער האָט 15 □ פוס, אַזוי ליידעט אַזאַ מענש אַן אַטמאָספערישען דרוק פון 32,400 פונט געוויכט. אַפילו ווען די לופט איז אַמגרינגסטען וועט דיעזע דרוקקראַפט אויך נישט זיין וועניגער ווי 31,150 פונט געוויכט; און ווען צום שווערסטען וועט עס בעטרעפען 33,360 פונט.

צו בעווייזען אַז די אַטמאָספערע האָט אַ דרוק קראַפט ווערט רעקאָמענדירט פאָלגענדעס עקספּירימענט: נעהמען אַ גלעזערנע כלי, איהר אָפענע זייט צודעקען מיט די הויט פון אַ בלאָז, זאָלאַנג ווי די כלי ענטהאַלט לופט איז די הויט נאָך גראַד, קוים אַבער פּומפּט מען אַרויס די די לופט דורך אַ לופט פּומפּ אַזוי זינקט גלייך די הויט אין דער גלעזערנע כלי אַריין. די ערקלעהרונג דערפון איז: פריהער האָט די אינערליכע לופט געלייסטעט ווידערשטאַנד צו דער אויסערע, אַז ווי נאָר די אינערע לופט איז אויסגעשעפּט איז קיין ווידערשטאַנד נישט דאָ מעהר. די אויסערע אַטמאָספערע האָט דעמאָלט פולע פרייהייט פאַר איהר דרוק קראַפט.

אַטמאָספערע, אַלגעמיינער נאָמען פאַר דער לופט וואָס נעהמט אַרום אונזער ערד. אין זיך זיינען ״אַטמאָספערע״ און ״לופט״ גאַנץ איינס, זיי ווערען נאָר אַלס צוויי געברויכט פאַר צוויי בעזונדערע צוועקען. דאָס ערשטע ווערט געברויכט אַזוילאַנג ווי עס האַנדעלט זיך וועגען דער בעשאַפענהייט פון דער לופט, און דאָס צווייטע, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען מעכאַנישע זאַכען וואָס האָבען צו טהון מיט דער אַטמאָספערע. אַשטייגער ווי: לופט שיפעריי, לופט־פּומפּען, לופט־פּרעסען א.ז.וו.

קאָמפּאָזיציאָן: מיר פיהלען די אַטמאָספער אַלס אַן איינהייט, אָבער אין דער ווירקליכקייט איז זי אַ צוזאַמענמישונג פון פערשיעדענע גאַזען. זי נעהמט אַרום אונזער גאַנצע ערד, און ווייל אַלע טיילען פון אונזער ערד זיינען נישט איבעראַל עגאַל מוז אויך די קאָמפּאָזיציע פון דער אַטמאָספערע זיין פערשיעדען אין די פערשיעדענע טיילען פון אונזער ערד. זי איז אויך נישט עגאַל אונטען ווי אויבען; זי איז אונטען געדיכטער, און וואָס העכער אַלץ שיטערער, ביז אויס. גאַנץ אונטען איז זי אין אינהאַלט קוים 1 אַכט־הונדערטסטען טייל אַזוי געדיכט ווי וואַסער. ד.ה. אַ טראָפּען וואַסער אויסגעשפּרייט דורך קאָכען אין דעם פאָרם פון דאַמף וועט אין דער לופט פערנעהמען אַ רוים פון 800 טראָפּען. דער דאַמף וועט דעמאָלט זיין אַזוי שיטער ווי יד אַטמאָספערע דער דורכשניטליכער אינהאַלט פון דער אַטמאָספערע איז:

זויער־שטאָף	21 טייל
שטיק־שטאָף	79 טייל

אין צווישען דיזע געפינען זיך נאָך אונבעשטימטע טיילען פון קויהלען־שטאָף, אָרגאַנישע שטאָפען, וואַסער־דאַמף, און אַנדערע סובסטאַנצען.

דיזע מישונג פון אַלע גאַזען איז אַ מעכאַנישע. אַ כעמישע מישונג וואָלט איהר געמאַכט אונפערענדערליך. דער פאַקט אַז פערשיעדענע עלעקטרישע קרעפטען ענדערען איהר פון צייט־צו־צייט בעווייזט דאָס.

געוויכט און דרוק: אַלעס וואָס האָט אַ געוויכט דרוקט דער קראַפט וואָס עס וועגט. אונזער אַטמאָספערע איבט אויס דרוק אויף אַלעס וואָס עס געפינט זיך צווישען איהר און דער ערד וועלכע זי נעהמט אַרום. אויס דיזען דרוק קריגען מיר דעם גרונד־פרינציפ פאַר אונזער געוויכט־סיסטעם. וועגען די שווערינקייט פון דער דרוק־קראַפט ז. "אַטמאָספערישער דרוק"

טיעפקייט: וואָס העכער דער לופט־שיפער שטייגט דאָס דינער און קעלטער געפינט ער די אַטמאָספערע אַרום זיך. ווען ער דערגרייכט אַ הויכקייט פון 30,000 פוס איבער דעם ים־שפיגעל הערט ער אויף צו קענען אַטמען, און ער איז געצוואונגען אַרונטער צו שטייגען. דאָרט איז אָבער נאָך ווייט פון פון דער ענדע, און ווען ער זאָל שוין אַפילו האָבען מיט זיך קינסטליכע לופט צו אַטמען, וועט ער אויך דעמאָלט נישט קאָנען דערגרייכען די ענדע פון דער טיעפקייט ווייל, אַ הונדערט מייל איבער אונזער ערד, הערשען שטענדיגע עלעקטרישע שטורמען וועלכע רייסען שטיקער מעטעאָרען אַרונטער פון זייער לויפ־באַהן אַרוף אויף דער ערד. ד.ה. אַז קיין לעבענדיגער מענש קאָן צווישען זיי קומען. טעאָריען וועגען דער טיעפקייט פון דער אַטמאָספערע זיינען דאָ פון 45 מייל ביז 2,000 מייל. מען קאָן נישט צוקומען צו קיין קאָנקרעטען ציפער צוליעב די דערמאָנטע אורזאַכען. (ז. "אַטם" "אַטאָמיסטישע טעאָריע").

דער גרונד פון איהר דרוק־קראַפט: איהר דרוק־קראַפט קומט פון דער ערדס גראַוויטאַציע. די אַטמאָספערע איז אַ גרויסע מאַסע איבער אונז, דאַרום ווען די ערד ציהט איהר צו זיך בעת מיר געפינען זיך צווישען ביידען ליידען מיר צווישען ביידען. וואָס העכער מיר שטייגען אַלץ גרינגער ווערט איהר דרוק־קראַפט איבער אונז, נאָר אַז מיר נעהמען פאַלען, שטייגט איהר מאַסע איבער אונז אַזוי שנעל ווי מיר זינקען אונטער איהר.

פאַר אַלעס וואָס די אַטמאָספערע פראָדוצירט ז. "מעטעראָלאָגיע", פאַר איהר איינפלוס אויף דעם לעבען און וואַקסען ז. "ביאָכעמיע", "באָטאַניק" און "כעמיע".

אַטמו, אַן עגיפּטישער גאָט. דער ממונה איבער די היץ פון דער שטראַהלענדע זונן. ער איז דער שליעסער פון דעם טאָג, און דער רעפּרעזענטאַנט פון דער נאַכט. מיט דעם שליסעל אין דער רעכטע האַנד און דעם האָקען אין דער לינקער האַנד רעפרעטירט ער דאָס אונטערע און אויבערע עגיפּטען. פיגורען געפינען זיך פון איהם געמאַכט אין גאָלד, אין זילבער אָדער אין בראָנז.

אַטמיאַטריק (גריכיש) מעדעצינישער נאָמען פאַר אַ מעטאָדע צו היילען די שוועריגקייט צו אַטמען. אין דער פאָלקס־שפּראַך הייסט דאָס "אַטעמס־היילקונדע" (ז"אַטעם")

אַטמידאָמעטער אַן אינסטרומענט מיט וועלכען עס ווערט געמאָסטען די אויסדונסטונג פון וואַסער, אייז, און שניי.

אַטע, (גריכ. מיטאָל.) אַ געטין וועלכע פערזאַניפיצירט די "שולד". זי נאַרט אָם מענשען און געטער. אַפילו איהר אייגענעם

פאַטער האָט זי אָבגענאַרט. דערפאַר האָט ער איהר אַרונטערגעשליידערט אויף דער ערד. די גריכישע טראַגיקער שטעלען איהר פאַהר אַל אַ ריכטערין פון בייזע טהאַטען.

אַטעגאַש, אַ דאָרף נעבען באַקו, וואו עס איז געשטאַנען דאָס נאַציאָנאַלע הייליג־טום פון די פּאַרסען. דאָרט איז פאַראַן אַ רייכער קוואַל פון גאַז. יעמאַנד האָט דאָרט אויפגעשטעלט אַ מויער מיט 4 שטיינערנע ראָהרען דורך וועלכע דער גאַז איז ארויס־געפלאָסען, און האָט דאָס אָנגעצינדען. דיעזער פייער האָט דאָס בייגעטראָגען פיעל צו דעם גלויבען אַז דאָרט געפינט זיך דער גהנום. ווען רוסלאַנד האָט אַטעגאַש פערנומען האָט זי דאָס אַלעס צושטערט און אויפגע־שטעלט פאַבריקען וועלכע פערברויכען דיעזע גאַז ראָהרען אַלס בעטריעב און בעלייכטונג.

אַטעוכוס, זאָאָלאָגישער נאָמען פון אַ מיסט־קעיפער, אָדער ווי מאַנכע רופען איהם דער הייליגער פּולען־קעיפער. דער קאָפּ־שילד האַלב־קרייז־פאָרמיג. די אויגען זיינען גע־טיילט אין אויבערע און אונטערע העלפטען. די הינטערע פיס זיינען פאָדים־פאָרמיג. דער קערפער איז ברייט און פלאַך. ער איז 3 סענטימעטער גרויסאון פון אַ שוואַרץ גלאַטע קאָליר. איז אין אַלטען עגיפּטען פערגעטערט געוועזען. מען געפינט איהם אויף די היראָגליפען פון טעמפּלען, דענקמעלער, און מינצען.

די אורזאַך פון זיין פערגעטערונג ליעגט אין דעם טעות וואָס מען האָט דעמאָלט גע־מאַכט אַז ער האָט קיין נקבה. מען האָט געג־ליובט אַז ער פערמעהרט זיך דאַדורך וואָס ער קייקעלט ייך צונויף מיסט־קיילכעלעך און ער בעלעבט זיי. דער אמת איז אַז די מוטער בעגראָבט דאָס איי אין אַזאַ קיילכעלע און בעהאַלט עס אין דער ערד. אין דער מיטאָ־



Ateuchus sacer

לאָגיע האָט ער רעפּרעזענטירט דעם ציקלוס פון דער זונן און דער לבנה. ער האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף די פאָרטצלאַנצונג פון דער פאַמיליע. ווען די קריעגער פלעגען געהן אין מלחמה פלעגען זיי טראָגען רינגען מיט זיין בילד אויף זיי.

אַטעט, דער דריטער קעניג פון עגיפּטען אויס דער ערשטע דינאַסטיע. פון איהם און פון זיין צייט איז ווייניג וואָס בעקאַנט.

אַטעיוס פילאָלאָגוס, אַן אַטהענישער פילאָלאָג און גראַמאַטיקער. ער האָט געלעבט אין ערשטען יאָהר־הונדערט פיצר׳. געבוירען אַלס שקלאַף און געדיענט ביי קאַפּיטאָ. זיין אייגענטימער האָט וועגען איהם געזאָגט אַז ער איז געוועזען דער גרעסטער רעטאָריקער פון זיין צייט. פיעלע פון די רוימישע נאָבעל לייט האָבען ביי איהם געלערנט. דער היס־טאָריקער סאַלוס האָט איהם בעשעפטיגט צו קלייבען פאַר איהם מאַטריאַל פאַר זיינע געשיכטליכע ווערק. ער האָט געלערנט אַזי־ניוס פּאָלאָ צו שרייבען. זיינע ווערק וואָס ער האָט געשאַפען זיינען געוועזען כמעט אַלע גראַמאַטיקאַלישע.

אַטעל די הויפּט־שטאָדט פון דעם כאַזאַרען

קעניגרייך אין דעם 10טען יאָהר־הונדערט. בערך 8 מיילען פון אַסטראַכאַן. איז יעצט שוין חרוב. לויט אַלטע כתבים איז דיזע שטאָדט געלעגען 60 מייל פון דער וואָלגאַ. דאָ האָט געוואוינט דער חקן פון די כאַזאַרען אין אַ הויז פון ציגעל און ליים. אַלע אַנדערע הייזער זיינען געוועזען בלויז כאַטקאַס. די בעפעלקערונג איז בעשטאַנען פון מאַהאָמעדאַנער, קריסטען און יודען. זיי האָבען גערעדט די טירקישע און די כאַזאַרשע שפּראַכען. דער הערשער מיט זיינע בעדיענער זיינען געוועזען יודען. אין 969 האָט רוסלאַנד איהר חרוב געמאַכט (ז. "כאַזאַרען").

אַטעלאָסטאָמיע. די אונפאָלקאָמענהייט אין דער ענטוויקלונג פון דעם מויל.

אַטעליע־נאַסיאָנאַ Ateliers Nationaux נאָמען פון אַ נאַציאָנאַל־ווערקשטאָט וואָס איז עטאַבלירט געוואָרען פון פּראָוויזיאָנאַלע קאָמוניסטישע רעגיערונג אין דער פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן פון 1848, צו געבען אַרבייט פאַר די אונבעשעפטיגטע. לואי בלאַנק דער אַרבייטער פיהרער, האָט געפאָדערט פון דער רעגיערונג דאָס רעכט פאַר אַרבייט. עס זיינען דעמאָלט געוועזען בערך 14,000 אונבעשעפטיגטע. קיין נויטווענדיגע אַרבייט איז פאַר דעם מאָמענט נישט געוועזען פאַר אַזאַ גרויסע צאָהל אַרבייטער. די רעגיערונג האָט געצאָהלט צו אַ יעדען אונבעשעפטיגען אַנדערהאַלבען פראַנק אַ טאָג, און 2 פראַנק אַ טאָג פאַר אַיעדען בעשעפטיגטען. די גרעסטע צאָהל פון די אַרבייטער האָבען צוליעב דיזען קליינעם אונטערשיעד בעסער געוואָלט נישט אַרבייטען. לואי בלאַנק האָט געפאָדערט אַז אַן אַרבייטער מיניסטער זאָל געזעצט ווערען צו שאַפען אַרבייט פאַר אַלע. דאָס מיניסטעריום האָט דיזע פאָדערונג נישט געוואָלט נאָכגעבען. די אַרבייטער זיינען בעפאָלען דעם זיצונגס־זאַאַל פון דעם מיניסטעריום. אַ בלוטיגער שלאַכט איז דאַרוים ענטשטאַנען. באַלד דערנאָך איז לואי נאַפּאָליאָן ערשינען אַלס דער ערוועהלטער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק. ער האָט גלייך גענומען איבערבויען פּאַריז, און די אַרבייטער זיינען ווידער בעשעפטיגט געוואָרען פאַר פיעלע יאָהרען.דערמיט איז דער אַטעליע־נאַסיאָנאַ אונטער געגאַנגען.

אַטעליער, דער נאָמען פאַר אַ ווערקשטאַט פאַר קינסטלער, איבערהויבט פאַר מאַלער און סקולפּטאָרען. אין די לעצטע יאָהרען האָט מען דיזען נאָמען שוין גענומען געברויכען פאַר פאָטאָגראַפישע, און אַרכיטעקטישע אַרבייטס־צימערען.

אַן אַטעליער מוז האָבען ריינעס ליכט פון דער נאָרד זייט וואָס זאָל אַריינפאַלען זייטליך פון אויבען אַרונטער. צו דעם צו איז אַן איבערשטע איינלייכטונג נאָך בעסער. בכדי דאָס ליכט פון אויבען צו קענען רעגולירען ווערען געמאַכט שיעב־פאָהרהענגער. אין דעם פראָנט פון די פענסטער פון אַן אַטעליער דאַרפען זיך נישט געפינען קיינע ביימער. אויך נישט קיין קאָלירטעס געגענשטאַנד. ווייל דאָס שלאָגט אָב אויף די קאָליער פון דעם מאַלערס פאַרבען, און דאָס פערבלענדט עס די אַבזיכט פון דעם מאַלער. דער ערפאָלג פון אַן אַרטיסט איז פיעל אָבהענגיג אַן דעם צושטאַנד פון זיין אַטעליער. אַטעליערען ווערען מעבלירט מיט אַנטיק־מעבעל, מיט טעפּיכטען, געטרוקענטע בלומען א.ז.וו.

אַטעלעס (גריכיש Ateles) אַ גאַטונג פון דער אַפען־פאַמיליע, וואָס אונטערשיידעט זיך פון אַלע דאַמיט וואָס זי האָט קיין דיקען פינגער (דוימען) אין הענד, און האָט אַ וואונדערבאַרע געשיקטיגקייט אין ווידעל.



דער קאָפּ איז רונד, דאָס פּנים ענטוויקעלט און זעהט אויס מעלאַנכאָליש. דער וויידעל איז לענגער אַלס דער גוף, די נאָז־לעכער ווייט פאַנאַנדער די אויערען נאַקעט, און די ציין זיינען גלייך ווי ביי אַלע אַפּען. דער וויידעל איז ביי איהר ווי דריטע האַנד. זי טראָגט מיט איהם האָלץ, אָדער גאַנצע בינטלעך שטרוי, בעדיענט זיך מיט איהם ווי דער עלעפאַנט מיט זיין ריסעל, בויט מיט איהם דאָס געלעגער, און העלפט זיך מיט איהם צו קלעטערען אויף די ביימער.

דיזע גאַטונג ווערט בעטראַכט אַלס די איטעליגענטעסטע פון אַלע אַפּען. ווען דער אַטעלעס וויל קנאַקען אַ גרויסע קאָקוס־ניס שליידערט ער איהר אויף אַ שטיין אַזוילאַנג ביז זי פּלאַצט. ער שפּרינגט פון איין בוים צום צווייטען וועלכע שטעהן פון 15 ביז 20 פוס פאַנאַנדער. בעשליעסט ער אַריבער צו קומען אויף דער צווייטער זייט פון אַ ברייטען טייך, אַזוי בילדעט די גאַנצע פאַמיליע אַ פון זיך אַ קייט. יעדעס רינגעלט זיין וויידעל אַרום דעם האַלז פון דעם אַנדערען, זיי ציהען זיך אויס אויף אַ רייהע ביימער, זיי שפּאַנען אָן די ביימער ווי אַ בויגען צום שיעסען, אויף אַ סיגנאַל ווערט מיטאַמאָל לויזגעלאָזען דער גריף פון איין זייט, די גאַנצע קייט גיט זיך דאַן אַ שוואונג מיט דער הילף פון דעם לעצטען אָנגעשפּאַנטען בוים, און אַלעס ווערט אַריבער געשאָסען ווי אַ פייל פון בויגען, אָהן דעם באָדען צו בעריהרען.

ער איז אַן אַמעריקאַנער. צומעהרסטענס געפינט מען זיי אין בראַזיליען. זיי לאָזען זיך צאַהמען און זיי ציינגען פריינד־שאַפט צו די וואָס טהון זיי גוטעס. די לענג פון דעם קערפּער בעטראָגט 20 צאָל, און דער וויידעל 22 צאָל.

אַטעם, דער גאַז־וועקסעל וואָס ווערט געפיהרט פון די אַטמונגס־אָרגאַנע, אין יעדען לעבענדיגען קערפּער פון מענש, חיה, אָדער פלאַנץ. אַן אַקט וואָס פיהרט דעם גאַנצען פּראָצעס פון לעבען, דורך איינזויגען פון זויער־שטאָף וואָס די פערדייאונגס־אָרגאַנען פּראָדוצירען ביים פעראַרבייטען די שפּייזען. ביי זאָאָלאָגישע לעבענדע קערפּער בעאיינ־פלוסט דער אַטעם, אויף מעכאַנישער וויזע, די צירקולאַציע פון בלוט, דעם פּראָצעס פון פערדייאונג, און די אַלגעמיינע געזונדטהייט. ער טריבט יעדעס בעוועגליכע גליעד אין קערפּער, לאָזט נישט צו קיין שטילשטאַנד דורך די שטענדיגע טאַקטישע בעוועגונגען וואָס ער מאַכט אונטער דעם איינפלוס פון דעם לופט־דרוק און דעם ווידערשטאַנד פון אַ גאַנצעס מוסקעל־סיסטעם, ווי אונטען איז אויספיהרליך בעהאַנדעלט.

ווען נישט דאָס ריידען, זינגען, לאַכען, שרייען, וויינען און געהנעצען וואָלט דער מענש געוועזען בלוי אַן אַטמונגס־אַפּאַראַט. עס זיינען דיעזע אינטעלעקטועלע אויסדריקע וועלכע אונטערברעכען די אַפּאַראַטישע רע־

גולאַריטעט און ברענגען איהם אונטער אַ פערשידענהייט פון טעמפעראַמענטען. זיי אונטערברעכען די מאָנאָטאָנע גלייכגילטיגקייט וואָס די רעגולאַריטעט שאַפט ער ווערט דורך אונרעגולאַריטעטען אַנגערעגט זיך צו פעראינטערעסירען מיט אויסערע זאַכען אַחוץ זיכזעלבסט. בעת המעשה פערגעסט ער אַז אַטעמט אָדער נישט און ער מערקט נישט די איינגעטרעטענע שטערונגען. אַחוץ דיזע האָט אויך יעדע ענדערונג פון קלימאַ אַ גרויסען איינפלוס אויף דער רעגולאַריטעט פון דעם אַטעם־צוג. איבערהויבט ביי נערוועזע מענשען לאָזט זיך דאָס בעסטענס בעמערקען. וועגען קראַנקע אורזאַכען וואָס שטערען דעם אַטעם ז. אונטען.

די צאָהל: דאָס קינד אין מוטער־לייב אַטעמט נישט. זיין ערשטער אַטעם־צוג ווערט געמאַכט מיט זיין ערשטען געשריי בעת עס בעגעגענט זיך מיט דער לופט צום ערשטען מאָל. זי דריגט מיט איהר דרוק־קראַפט (ז. "אַטמאָספערישער דרוק") אויף דעם נייגעבוירענעם, און מיט איהר געוויכט דריגגענדיג צווינגט זי איהם צו אַטמען. ביז דימאָלט האָט די מוטער פאַר איהם געאַטעמט. די צאָהל פון אַטמונגען איז ביי:

1	יאָהר	אַלט	44	פער מינוט
5	"	"	26	"
20	"	"	20	"
30	"	"	16	"
50	"	"	18	"

דער פולס־שלאַג איז אין פאַל פיער מאָל אַזוי גרויס ווי דער אַטעם־צוג. וועניגער אַטעמצוגען מיינט טיעפער אַטמען, דאַרום איז דאָס לאַנגע אַטמען אַ סימן פון געזונדטהייט. ביי פיבערישע קראַנקהייטען פערמעהרט ער זיך און מיט יעדער פערמעהרונג ווערט ער אויך פלאַכער.

מיט יעדען אַטעם־צוג פיהרט דער נאָרמאַלער קערפער אין די לונגען אַריין פון 16 ביז 17 קוביק לופט. דאָס איז גלייך צו 274 קוביק פוס לופט אין 24 שטונדען, גערעכענט אויף דעם באַזיס פון 20 אַטמונגען פער מינוט. אַ פּאָאַר געזונדטע לונגען האָבען אימער 280 קוביק פוס לופט אין זאַפּאַס, פאַר דעם אויסטויש וואָס קומט דאָרט פאָהר. עקספּירימענטען האָבען געוויזען אַז דער נאָרמאַלער מענש אַטעמט אַריין 700 גראַם זויער־שטאָף אין דורכשניט טעגליך, און ער אַטעמט אויס 800 גראַם קויהלען־שטאָף פאַר דער זעלבער צייט.

לופט: די לופט וואָס מיר אַטמען היעלט אַרום אונזער ערד, און איז פאַר אונז אויף דער יבשה דאָס וואָס דאָס וואַסער איז פאַר די ברואים פון די ימים. דער כעמישער בעשטאַנד פון דיעזער לופט איז פון:

קויהלען־זויערע	0. 4%
שטיק־שטאָף	79.51%
זויער־שטאָף	20.81%

אין דיעזען אַרטיקעל ווערען די לעצטע צוויי צוזאַמענגערופען מיט דעם איינעם נאָמען: קויהלען־זויערע. מיט אַ דרוק־קראַפט (ז.ד.) פון 32,400 פונט געוויכט דרינגט זיך די לופט אַריין אין דעם אַטמונגס־אַפּאַראַט אינוועגדיג בעגעגענד זי אַ מעכאַנישען ווידערשטאַנד וועלכער דריקט איהר צורי אַרויס. אַזוי ווידערהאָלט זיך דיעזער אַקט פאַר די גאַנצע לעבענס־צייט אָהן אונטערברוך ביז דעם טוידט.

מוסקלען: די אַרבייט פון דעם אַטעם־צוג איז אַ מעכאַנישע. זי ווערט אויסגעפיהרט פון אַן אָרגאַניזירטע צאָהל פון מוסקלען. דיעזער אַטעם־אַפּאַראַט איז נישט ביי אַלע ברואים עגאַל. אויבוואויל דער צוועק איז דערזעלבער איז אָבער די פּראָדוקציאָן אַנדערש ביי די פערשידענע שטופען פון די חיות. עס זיינען דאָ קאַלט־בלוטיגע ברואים און הייס־בלוטיגע. ביי די לעצטע ליגט

דער אַטמונגס־אַפּאַראַט אין קערפּער, און ביי די קאַלט־בלוטיגע אויף דער אויסען. די הייס־בלוטיגע אַטמען דורך די לונגען און די אַנדערע דורך די הויט. פאַראַן אַזעלכע ברואים וואָס האָבען איבערהויבט קיין בעזונדערע אַטמונגס־מוסקלען. זייער גאַנצער קערפּער אַטעמט. עס זיינען דאָ סימנים אַז דער יעצטיגער מענש איז אויך אַמאָל געוועזען אַ הויט־אַטמער. די הויט פון דעם מענשען איז פול מיט שוויים־לעכערלעך (פּאָרען) וועלכע אַטמען פּראָפּאָרציאָנעל ווי יענע פּאָליפּען, אינפוזאָרען, און מעדוסען (ז.ד.). אַחוץ די הויט־אַטמונג איז נאָך פאַראַן אַ קיעמען־אַטמונג (ז."קיעמען") און דיזע מוסקלען זיינען פאַראַן מעהרסטענס צווישען די בעוואוינער פון וואַסער. אַנדערע אינזעקטער אַטמען דורך דעם דאַרם (ז.ד.). דער איינציגער וואָס בעזיצט דעם בעסט ענטוויקעלטען אַפּאַראַט איז דער מענש, און זיין אַפּאַראַט בעשטעהט פון פאָלגענדע מוסקלען:



די נאָז און דאָס מויל האָבען ביידע קאַנאַלען וואָס פיהרען די לופט נאַך דעם ווינד־קאַנאַל (1). דיעזע ווינד־קאַנאַל ענדיגט זיך אין די לונגען (2) וואָס בעשטעהט פון אַ שוואַם־אַרטיגע מאַסע פול מיט לופט־קאַמערלעך, אין וועלכער די לופט דרינגט זיך אַריין מיט יעדער איינאַטמונג. מיט יעדער פילונג פון דיעזע קאַמערלעך ווערען די לונגען גרויס אופגעבלאָזען און פעראורזאַכט דאַדורך אַ שפּאַנונג אויף די אַרומיגע גליעדער אין זייער שכנות. אויף דער ריק־זייט זיינען די לונגען האַרט אויף דעם ריק־ראַד. דערפּאַר קאָן די שפּאַנונג נאַך הינטען נישט געהן. דער ריק־ראַד איז אַלזאָ די אָנגעשפּאַרטע זייל פון וואַנען אויס די שפּאַנונג פערטיילט זיך נאַך אַלע זייטען. אויף רעכטס און אויף לינקס געפינען זיך די ריפּען־ און ברוסט־ביינער. אויף אונטען איז פאַראַן די צווערכ־פעל (ז."אַבדאָמען) וואָס איז ווי אַ הימעל צווישען דעם אויבערען טייל און דעם אונטערען טייל פון קערפּער. ווען די שפּאַנונג הויבט זיך אָן דורך די פערגרעסערונג פון די לונגען, שפּרייטען זיך פאַנאַנדער די די ברוסט־ און ריפּען־ביינער אין דער ברייט און די צווערכ־פעל ווערט דאַדורך געדרוקט נאַך אונטען דורך דעם אויבערשטען דרוק פון דער לופט און אַזוי שנעל ווי דיעזע שפּאַנונג האָט שוין דערגרייכט איהר מאַקסימום און קאָן שוין ווייטער נישט דריקען. אַזוי שפּרינגען צוריק אַלע געשפּאַנטע גליעדער, און פעראורזאַכען דאַדורך דאָס אויס־אַטמען (ז."בלוט", "לעבען" און "פערדייאונג").

די צייכנונג וואָס ווערט דאָ געגעבען איז דאָס ענד־טייל פון דעם אַדער־סיסטעם אין די לונגען פון אַן אַפּע, אין זיין אָנגעבלאָזענעם צושטאַנד, צו ווייזען דאָס מאַקסי־



מום פון שפּאַנקראַפט וואָס דער אַטעם־צוג קאָן דערגרייכען. בעמערקט דאָס אַדער־סיס־טעם אין די לונגען פון מענשען אין דער פאָריגע צייכנונג, אויף דער לינקער זייט. פערגלייכט די דינינקע אַדערלעך צו ענדע פון דעם גאַנצען בינטעל אַדערן מיט דיעזע צייכנונג, וועט איהר זעהען דעם אונטעשיעד פון די איינגעאַטעמטע און אויסגעאַטעמטע לונגען. 1) צייגט דעם אָבשניט ודרך וועלכען די לופט שטראָמט צו, 2) די לופט־צעלען אָדער די לופט־קאַמערלעך איבער דעם גאַנ־צען סיסטעם, און 3) די צווייגען דורך וועלכע די לופט געהט אַריין און אַרויס.

די דריי בילדער וואָס מיר געבען דאָ נאָכאַנאַנד צייגען אויף קלאָהר די נאַטירליכע און די געקינסטעלטע אַטמונגס־פאָרמען. די צוויי פיגורען צוזאַמען רעפּרע־זענטירען אַ מאַנספּערזאָהן און א פרויענ־צימער. דער שוואַרצער שטריך צייגט די געוועהנליכע אויסשפּאַנונג פון אַ געוועהנ־ליכע אַטמונג. ביי אַ געצוואונגענע אַטמונג געהט די אויסשפּאַנונג לויט די געפּינטעלטע ליניען. דאַביי איז צו בעמערקען אַז ביים מאַנספּערזאָהן בעוועגט זיך דער בויך ביים אַטמען מעהר ווי די ברוסטען, און ביים פרויענצימער די ברוסטען מעהר ווי דער בויך. דיעזער אונטערשיעד איז אויך גינסטיג פאַר דער שוואַנגערשאַפט. דאָס קינד האַלט זיך דאַדורך פעסטער. דאָס דריטע בילד צייגט



דאָ די שטאַרקסטע אויסשפּאַנונג וואָס זינגער און אַטלעטען קאָנען דערגרייכען.

טאַקט: דער פּראָצעס פון דעם אַטעם־צוג ווערט געטיילט אין פיער טיילען. 1) די איינאַטמונג, 2) קליינע אונבעמערקטע פּויזע, 3) אויסאַטמונג, 4) אַ גרויסע פּויזע. די אויסאַטמונג־איז גרעסער פון דער איינאַט־מונג מיט אַ פינפטעל. פון דעם ערשטען אַטעם־צוג ביז דעם לעצטען פּאַסירט עס אזוי. סיידען געוויסע שטערונגען טרעטען איין וועלכע מען בעטראַכט אַלס קראַנקהייטען

און וועלכע מען דאַרף בעזייטיגען. שטעהענ־דיג אַטעמט דער מענש 33 קוביק צאָל טיעף און ווען ער געהט:

1	מייל	פער שטונדע,	52	ק. צאָל
2	"		60	"
3	"		75	"
4	"		91	"

די דורכשניטליכע קוואַנטיטעט פון לופט וואָס געהט אַדורך די לונגען יעדע 24 שטונ־דען איז דאַרום אַבהענגיג אָן דיעזע קאָנ־דיציעס. דר. סמיט האָט געפונען אַז פון 6 אוהר מאָרגענס ביז 12 אוהר ביינאַכט געהט אַדורך 502 קוביק צאָל לופט פער מינוט, אָדער 542,160 קוביק צאָל פאַר די גאַנצע דערמאָנטע צייט. דורך די רעשט פון די 24 שטונדען איז דער דורכשניט 400 פער מינוט. דאָס וועט אַלזאָ מאַכען צוזאַמען פאַר אַ גאַנצען מעת־לעת 686,000 קוביק צאָל דער זויער־שטאָף וואָס דער מענש אַטעמט איין אין די 24 שטונדען איז 911 גראַם. צוויי דריטעל פון דעם קויהלענ־שטאָף אַטעמט ער אויס דורך דעם טאָג און איין דריטעל דורך דער נאַכט. 800 ליטער בלוט ווערט אויפגעפרישט שטונדליך, אָדער 20 טויזענד ליטער טעגליך דורך דאָס אַטמען.

אַקט: דאָס בלוט וואָס די פולמאָנישע אַרטעריען פיהרען פון דער רעכטער זייט פון הערץ אין די לונגען אַריין איז אונריין. דערפאַר איז עס דעמאָלט דונקעל אין קאָליר. נאָכדעם ווי עס איז אַדורך די לונגען איז עס געוואָרען העלער. דיעזע ענדערונג האָט פאַסירט אונטער דעם איינפלוס פון דעם זויערשטאָף וועלכער ענטהאַלט אין זיך אַ מענגע פון בלוט־קאָרפּוסלען (קעפּערלעך). מיט דיעזער ענדערונג ווערט אויך דאָס בלוט וואַרמער מיט 1 אָדער 2 גראַד פאַרענהייט, און ווערט דאַדורך מעהר צוזאַמענהענגענד ווי פריהער.

דאָס בלוט גיט דער לופט די נוצלאָזע פּראָדוקטען וואָס בלייבען נאָך דער פער־דייאונג (בעשטעהענד פון קויהלענ־שטאָף, היץ, וואַסער, אַמאָניאַ, און אַנדערע אָרגאַ־נישע שטאָפען) און קריעגט דאַפיר זויער־שטאָף און שטיק־שטאָף. דער אויסטויש ווערט בעצוועקט דורך די וועקסלונג פון גאַזען. דער זויער־שטאָף דרינגט איין דורך די דינינקע הייטעלעך פון די בלוט־צעלען בעת דער דרוק פאַסירט בייט אויסאַטמען. אַלעס וואָס די אויסאַטמונג פיהרט אַרויס ווערט בעטראַכט אַלס נוצלאָז פאַר דעם קער־פער. אַ טייל פון דיעזע נוצלאָזיגקייטען געהט אָב פון קערפּער דורך די נירען, הויט, און לעבער דיעזע האָבען אַ גרויסע פער־וואַנדשאַפט מיט די לונגען ווייל, נישט נאָר איז זייער בעשאַפענהייט עהנליך צו די לונ־גען נאָר אויך זייער פונקציאָן איז אַ טייל פון די וואָס די לונגען פונקציאָנירען.

דורך דאָס אַטמען ווערט די הויט גערעגט צו פונקציאָנירען. איהר נאָרמאַלע פונקציאָן איז, אָבצושיידען פון קערפּער וואַסער, (דורך שווייס און אורין) און מיסט. דאָס ווערט געטהון ביי יעדע נאָרמאַלע פּערזאָהן דורכ־שניטליך 11,500 גריין פליעסיגקייט און 250 גריין סאָלידעס אין יעדע 24 שטונדען. די נירען שטויסען אַרויס 23,000 גריינס פליעסיגקייטען, 680 גריינס סאָלידעס און 420 גריינס מינעראַל־שטאָפען אין יעדע 24 שטונדען.

פעהלערען: עס זיינען דאָ פאַלשע, פלאַכע, געשטערטע, און פערנאַכלעסיגטע אַטמונגס־פאָרמען. זיי עקזיסטירען ביי יעדען קראַנקען מענשען, און איבערהויבט ביי פרויען. זיי ענשטעהען דורך די איינזייטיגע טהעטיגקייט פון דעם קערפּער, אָדער פערנאַכלעסיגקייט צו בעוועגען געוויסע מוסקעל־טיילען פון דעם אַטמונגס־אַפּאַראַט. דאָס פאַסירט דורך

טראָגען אונפּאַסענדע קליידער, דורך פיהרען אַן אונאָרמאַלעס לעבען, דורך עסען נוצלאָזע אָדער שווער פערדייבאַרע שפּייזען, און איבערהויבט דורך לעבען אין אַן אונריינע אַטמאָספערע.

ווי די ערשטע 2 שוואַרצע פיגורען צייגען אַטעמט דער מאַן טיעפער אַלס די פרוי. אַ טיעפערעס אַטמען מיינט אויך אַ גרעסערע קוואַנטיטעט פון לופט און מעהר זויער־שטאָף פאַר די בעניישונג פון דעם בלוט. אין אַלע בעקאַנטע פרויען־קראַנקהייטען אַשטייגער ווי אַסטמאַ, היפּאָכאָנדריאַ, ספּאַזמען נעוראַס־טעמאַ, בלוט־אַרמוט, פּנעומאָניאַ, אונמאַכט,



און עפּילעפּסיע, איז מאַנגעל אין לופט די הויפּט־אורזאַך. צום גרעסטען טייל ליידען דערפון די קאָקעטישע מאָדיסטקעס. די מאָדע זאָרגט נישט פאַר די בעקוועהמליכקייט אָדער פאַר די געזונדטהייט, זי זאָרגט נאָר צו מאַכען פון אַ נאַטירליכעס פרויענצימער אַ מעכאַנישע פּופּקע. די צוויי בילדער וואָס מיר געבען דאָ ווייזען: אַ געזונדטע נאַטירלי־כע, מיט אַלע גליעדער אין אַ נאָרמאַלען צושטאַנד געגענאיבער אַ צווייטע, אַ צוזאַמען געשנורטע וואו אַלעס איז צוזאַמענגעפּרעסט און אונאָרמאַל. די ערשטע איז זעלבסטפער־שטענדליך געזונדט, און די צווייטע, אַ קונה אויף אַלע קראַנקהייטען.

אַלעס וואָס דרוקט די לונגען שטערט איהר פרייע בעוועגונג. דאָס אַטמען דורך דעם מויל פיהרט צו שטויב אין האַלז אריין, און פון דיעזען שטויב בלייבט פיעל שטעקען אין אין האַלז און שטערט דעם פרייען צוטריט פון דער לופט ביים אַטמען. דאָס אַנטרינקען זיך מיט צופיעל וואַסער שטערט די לונגען זיך אויפצובלאָזען, און דאָס מאַכט זיי אונ־מעגליך אַריינצונעהמען די נייטיגע קוואַנ־



טיטעט פון לופט. די פערשטאָפּונג פון מאַגען פילט די לופט־קאַמערלעך מיט גאַז, שליים און אַנדערע צרות וואָס עס ענטשטעהען אויס דעם שטינקענדען געדוך פון די נישט־אויס־געלעדיגטע פוילענדע שפּייז וואָס ליגט דאָרט אין דער הוילונג פון דאַרם.

בכדי ריכטיג צו אַטמען מוזען אַלע דיעזע שטערונגען בעזייטיגט ווערען. מען מוז זיך איינגעוואוינען צו אַטמען רעגולער, און אַזוי טיעף אַז אַלע טיילען פון דעם אַטעמ־

אַפּאַראַט זאָלען אַנטייל נעהמען אין יעדען אַטעם־צוג. די זיינען: דער שליסעל־ביין, די ריפּען־ביינער, די צווערכ־פעל צוזאַמען מיט די לונגען.

אַטעם־געריש, ז. "אויסקולאַציע".

אַטעם־היילקונדע, מעטאָדע צו היילען די שוועריגקייטען צום אַטמען, דורך שטאַרקע גערוכבאַרע שטאָפען. אַשטייגער ווי: יאָד, בראָם, כלאָר, אַמאָניום, אַרסעניק זויער־שטאָף אָדער קויהלען־שטאָף־גאַז. אויך דער גערויכערטער באַ־דאָנאַ ווערט געברויכט אין דיזער מעטאָדע. איבערהויבט פאַר אַסטמאַ און שווינד־זוכט.

אַטעם קינסטליכער, אין אַ אונגליקס־פאַל, ווען מען געפינט אַ דערטרונקענע, אָדער דורך גאַז דערשטיקטע פּערזאָהן; אָדער אַ פּער'חלושת'ע דורך מאַנגעל אָן לופט־אַטעם איז די אַנווענדונג פון אַ קינסטליכען אַטעם־צוג דאָס איינציגסטע וואָס עס קען געטהון ווערען קיין צייט צו פערלירען. אייניגע אַזעלכע מיטעל ווערען רעקאָמענדירט און די זיינען:

מויל־צו־מויל: דאָס גרינגסטע אין דאָס לייכטסטע מיטעל איז דאָס וואָס עס ווערט דערמאָנט אין די ביבעל (ב מלכים ד' 34) ווי אלישע האָט געטהון מיט דעם קינד וואָס ער האָט צריק אינס לעבען געבראַכט. ער האָט דאָס קינד אויסגעשטרעקט, די העדטעלאַך אויסגעלייגט, זיך איצער דעם קינד געלייגט, מיט זיינע הענד אויף דעם קינדס הענד, זיינע אויגען אויף דעם קינדס אויגען, און מיט זיין מויל האָט ער זיין אַטעם אַריינגעדרינגען דורך דעם קינדס מויל אין אין דעם קינדס לינגעלעך אַריין. דיזע פּראַקסיס ווערט נאָך היינט רעקאָמענדירט אין אַ אונגליקס־פאַל, אויסגעפיהרט פון אַ דערוואַקסענעם מענשען.

דר. ריטשאַרדסאָנס מעטאָדע: די אונטען שטעהענדע אילוסטראַציע האָט צוויי גומענע בלאָזערס פעראייניגט דורך גומענע קישקעס צו ענדע אין איינעם. דיזע ענדע ווערט אַריינגעשטעקט אין נאָז. די אַנדערע זייט פון דער נאָז ווערט פערהאַלטען פון אַ העלפער לופט ווערט דאַן אַריינגעדרוקט אין דער נאָז דורך דאָס דרוקען מיט איין האַנד די אונ־



טערשטע באַל, און דורך דאָס דרוקען פון די צווייטע ווערט די אינערליכע לופט אַרויס געפּומפּט.

דר. האַוואַדס מעטאָדע: אַ דערטרונקענע פּערזאָהן זאָל ענטקליידעט ווערען ביז די לענדען, זאָל געלייגט ווערען מיט דעם פּנים אַרונטער. אונטער דעם הוילען טייל פון דעם בויך זאָל געלייגט ווערען אַ דיקער ראָל פון קליידער, אזוי אַז דער בויך זאָל זיין העכער ווי דאָס מויל. מיט ביידע הענד זאָל מען דעם פּאַציענט דרוקען אויף דעם ריקען 3 אָדער 4 מאָל פּער סעקונדע אין דער ריכטונג איבער די ראָל קליידער. מיט דיזען דרוק זאָל דאָס וואַסער געפּרעסט ווערען צום מויל און אויפהערען ערשט ווען דאָס וואַסער איז שוין אַרויס. דאָס זאָל נאָר געטהון ווערען מיט דערטרונקענע, אָבער נישט מיט דערשטיקטע.

ביי אַ דערשטיקטען אַטעם־צוג זאָל די פּעראונגליקטע פּערזאָהן ענטקליידעט ווערען ווי אויבען, זאָל געלייגט ווערען אויף דעם רוקען, מיט די איינגעראָלטע קליידער לויט די אלוסטראַציע. די העלפענדע פּערזאָהן זאָל אַנידער קניען, מיט ביידע הענד נעהמען

פאַנאַנדערשפּאַנען די קירצערע ברוסט־ביינער וועלכע געפינען זיך נאָהענט פון דעם מאַגען

גרוב. די הענד פון דער העלפענדע פערזאָהן זאָלען אָנגרייפען די הענד פון דער אונ־

גליקליכע, און מיט זיי אַרבייטען: 1) אַרונ־טער צו די פיס, 2) אַרוף איבער דעם קאָפּ, 3) איינגעפאַלטעט מיט די עלענבויגען, און 4) מיט די עלענבויגען אַרבייטען איבער די ברוסט און פאַנאַנדער. דאָס זאָל געטהון ווערען כסדר, מיט אַ רעגולאַרישעש ווי מען צעהלט איינס, צוויי, דריי.

דער הויבט־פּונקט איז אַז, בעת דאָס ווערט געטהון, טאָר די קראַנקע פערזאָהן נישט האָבען קיינע ענגע קליידער אויף דעם לייב. אַלעס מוז לויז געמאַכט ווערען. ווען זי הויבט אָן צו אַטמען זאָל מען נאָך אָנגעהן מיט דער אָפּעראַציע ביז דער אַטעם איז געוואָרען מעכאַניש זעלבסשטענדיג.

אטענטאַט, איין אונערוואַרטעטער אַנ־גריף אויף דאָס לעבען פון אַ פּאָליטישע פערזעהנליכקייט אויס אַ פּאָליטישען מאָטיוו. דאָרט וואו די רעליגיאָן איז פערבינדען מיט פּאָליטיק, אַשטייגער ווי ביים קאַטאָליציזם, איז אַן אַנגריף אויף אַ גייסטליכען אויס אַ פּאָליטישען מאָטיוו אויך אַן אַטענטאַט. אַזאַ טהאַט איז אַמאָל דער אַקט פון אַן איינצעלנע פערזאָהן, אַבער די מעהרסטע ווערען בעגאַנגען דורך אַ קאָנספּיראַציע פון אַ גרופּע פּעזאָהנען.

געשיכטליכעס: די ערשטע היסטאָרישע פערצייכנים וועגען אַן אַטענטאַט געפינט זיך אין דער ביבעל (שופטים ג׳) וואו אהוד האָט דערשטאָכען דעם פעטען קעניג עגלן פון מאב אונטער אַן אויסרייד אַז ער וויל איהם זאָגען אַ סוד. און (אין שופטים ד׳) ווען יעל האָט פערנאַרט סיסרא אין איהר הויז וואו זי האָט פער׳שכור׳ט און איהם אַריינגעשלאָגען אַ פלאָקען דורך זיין שליף ביז אין דער ערד. שפּעטער ווערט דערצעהלט פון יהודית וועלכע האָט אָבגעשניטען דעם קאָפּ פון האָליפאָרנים מיט זיין אייגענע שווערט.

ווייטער דערצעהלט אונז די געשיכטע פון אַ גרויסע צאָהל אַטענטאַטען וועלכע דער־טרינקען זיך אין דער לעצטע וועלט־מלחמה מיט איהר פאָלגענדע סאָציאַלע רעוואָלוציאָן.

אַטעסגהאַ (פּערזיש) אַ נפט־קוואַל אין דער פּראָווינץ אַפּשעראָן, אויף דער וועסט־זייט פון דעם קאַספּישען ים. אין אַ טרו־קענעם וועטער שיעסט ער אַרויס אַ העלען פלאַם. די איינוואוינער פערהייליגען דעם אָרט און רופען איהם: "דאָס הייליגע פייער" די פּערזער גלויבען אַז אָרמוצד אַליין האָט דאָס פייער אָנגעצינדען.

אַטעססאַ, אַ איטאַליענישע שטאָדט אין דער פּראָווינץ שיעטי. בערך 10 מייל פון דעם אַדריאַטישען ים. האָט איבער 10,000 איינוואוינער. איז בעדייטענד צוליעב די גרויסע וואָל־פאַבריקען און די געזאַלצענע פישערייען וואָס זי האָט. זי איז געבויט אויף אַ פערלאָשענעם וואולקאַן.

אַטער, נאָמען פון אַ שוואַרצע קאָליער וועלכע איז דאָס דונקעלסטע שוואַרץ, אָדער שוואַרצעסטע שוואַרץ.

אַטער. ז. "מילאַן".

אַטערינא, (רוימ. מיטאָל.) די טאָכטער פון סאָל און קלימענע. איהר שיקזאָל איז געוועזען אַזוי שרעקליך אַז זי איז צוגאָסען געוואָרען פון איהרע טרערן און איז אַריין אין ים. פון איהר וואַקסט נאָך ביז דעם היינטיגען טאָג דער מערשווים.

אַטערמאָאַמאַנג (Atermoiement) אַ פראַנצויזישער קאָמערציעלער אויסדרוק וואָס מיינט: צו פערלענגערען אָדער פער־שיעבען די צייט פון צאָהלען אַ וועקסעל אָדער אַ געוויסען חוב. אין ענגלאַנד און אין די ענגלישע קאָלאָניעס רופט מען דאָס: "מאָראַטאָריום". אין דער לעצטע וועלט־מלחמה זיינען דיעזע צוויי ווערטער געוואָרען זעהר פּאָפּולער איבער דער וועלט, ווייל ביידע געגנאַנטע לענדער האָבען איינגעפיהרט אַ געזעצליכע פערשיעבונג פון צייט־צאָהלונגען פאַר זייערע פעראָרימטע בירגער.

אַטקינס, ז. "טאָמי אַטקינס".

אַטקינסאָן, פּראָפ. **דזשיימס**, אַן ענג־לישער מעדיצינער, פילאָלאָג, און ליטעראַט. געב. 1780 אין דורהעם ענגל. און געשט. פון אַפּאָפּלעקסיע אין 1852. אין דעם יאָהר 1813 האָט לאָרד מינטאָ איהם מיטגענומען אין קאַלקוטאַ און איהם דאָרט בעשטימט צו פערוואַלטען די מינץ־פאַבריק. צו דערזעלבע צייט האָט ער אויך דאָרט רעדיזשירט די "גאָווערמענט גאַזעט" פון 1817 ביז 1828. ער נעהמט דעמאָלט אורלויב אויף 5 יאָהר און קומט נאָכהער צוריק אַלס הויבט־דאָקטאָר פון דער אַרמיי. די ענגלישע אַרמיי איז דעמאָלט אַרויס אין קאַמף געגען אַפגאַניס־טאַן, זי האָט געליטען אַ שווערע נידערלאַגע און אַטקינסאָן איז קוים געלונגען צו קומען אַהיים אַ לעבענדיגער. נאָך 42 יאָהר שווערע דיענסט־לייסטונג רעזיגנירט ער זיין אַמט און נעהמט זיך אַרויסגעבען זיינע מאַנוס־קריפּטען וואָס ער האָט אָנגעזאַמעלט פאַר די גאַנצע צייט פון זיין דיענסט. ער האָט אַרויסגעגעבען אַן איבערזעצונג אוי "שאַך נומעד" פון פירדוסי, "די עפּיקס פון די קעניגע", דאַן "לילה און מיינום", דאַן "די מנהגים פון די פּערזישע פרויען"; דאָס זיינען געוועזען די ערשטע איבערזעצונגען אויס דעם פּערזישען אין דער ענגלישער שפּראַך אַריין. דאַן האָט ער אַרויסגעגעבען זיינע סקיצען איבער אַפגאַניסטאַן, וועלכע ווערען נאָך היינט געלעזען אַלס ווערטהפאָלע דאָקומענטען.

אטראַגאַטיס, אַ פעניקישע געטין אין וועלכערס טעמפּעל עס האָבען זיך בעהאַלטען די עמונים און די אַראַבער וועלכע יהודה המכבי האָט געשלאָגען און אויך דעם טעמפּעל פערניכטעט. די סירישע אומשרייבונג פון אַטראַגאַטיס איז "עתרעתה" נישט עשתרתה ווי מאַנכע בעהויבטען. אין אשכלון איז געפינען געוואָרען אַ טעמפּעל פאַר דער אַטראַגאַטיס און איין אַנדערער פאַר דער עשתרתה. האָמעל זאָגט אַז זי איז אין דעם פאָרם פון אַ האַלב־פיש פערעהרט געוואָרען אין קליין אַזיען, און פון דאָרט אויסגעבריט נאַך וועסט־אַזיען. איהר אורשפּרונג ווערט טראַדיציאָנעל ערצעהלט אַז די קעניגין



גאַטס האָט קאָנפיסקירט אַלע פיש וואָס עס זיינען געפנגען געוואָרען און האָט קיינעם נישט געלאָזען האָבען אַ טייל דערפון. דאָס פאָלק האָט דאַרויס גענומען לערנען אַז די געטער האָבען ליעב פיש, דערפאַר האָט דיעזע געטין בעקומען דעם פאָרם פון אַ פיש, און מען האָט פאַר איהר געבראַכט קרבנות פון געבראָטענע און געקאָכטע פיש. פאַר איהרעט וועגען האָבען עס די פריעסטער אויפגעגעסען.

אַטראַכעליאַ, אַ אינזעקטען גאַטונג וואָס איז שוואַרץ און דול אין קאָליער, איז אַ לאַנגזאַמער קריכער, אַמאָל אויף דער ערד און אַמאָל אויף ביימער. אין ענגלאַנד רופט מען זיי: "טשאָרטש־יאַרד־ביעטעל". זיי פלאָדעווען זיך אויף דונקלע פּלעצער און שמוציגע ווינקעל. איבערהויבט אין קעלערן. אויך אין מיהלען און אין שפּייכלער. אין מאַנכע געגענד האָדעוועט מען זיי אַלס שפּייז





פאַר שטייגען-פייגעל. אין מאַנכע געגענדען גלויבט מען אַז ווען זיי קומען אין אַ הויז מוז איינער קירצליך שטאַרבען.

אַטראַמענטען-שטיין, אַ סאָרט שטיין וואָס בעשטעהט פון אייזען־ און קופּער־פיטריאָל. געפינט זיך אין ראַמעלסבערג, ביי גאָסלאַר.

אַטראָנגעס, (לויט יוספון) אַ גרויסער העלד פון אַ נידריגע אָבשטאַמונג, וועלכער האָט מיט זיינע פיער ברידער אָרגאַניזירט אַן אַרמיי פון באַנדיטען אין דעם לאַנד יהודה. דורך זייערע מורא'דיגע טהאַטען איז אַטראָנגעס עגלוינגען זיך צו קרויהנען אַלס מלך. זיין מלוכה האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. ער איז נישט געוועזען אינטעליגענט גענוג זי צו האַלטען אויף זיין שטעל. מען האָט איהם ענדליך מיט געוואַלד אַרונטער געזעצט.

אַטראָסיטיעס, ז. "געוואַלדטהאַטען".

אַטראָפּאַ-באַלאַדאָנאַ, באָטאַנישער נאָמען פאַר אַ גיפט־פלאַנץ איבער עוולכער עס געבען זעהר אינטערעסאַנטע געשיכטען. עס געבען פיער סאָרטען פון דיעזער גאַטונג. זיי געפינען זיך אין ענגלאַנד, דייטשלאַנד, און אין דזשעמייקאַ זעהר פיעל, אין

אַנדערע עוראָפּעישע פלעצער זעהר וועניג. זייער נאָמען קומט פון דער געטין פון דעם שיקזאַל (אַטראָפּאַ). דיעזע געטין האָט האָט געהאַט איין אויפגאַבע, און די איז, איבער צו שניידען די ליניע פון לעבען.

זי האָט קיין גערוך. איהר פרוכט איז גרעסער ווי די קירשען. זיי זיינען פריהער גריען, ווען רייף זיינען זיי גלאַנציג שוואַרץ זייער אינהאַלט גיפט. דער היסטאָריקער ביוקענען דערצעהלט אַז ווען דענער האָבען איינגעדרינגען אין סקאָטלאַנד האָבען די

סקאָטלענדער מכבד געוועזען די דענישע סאָלדאַטען מיט אַ טרינק וואָס איז געוועזען געמישט מיט דעם זאַפט פון דיעזע פרוכט. די סאָלדאַטען זיינען איינפאַך דערפון משוגע געוואָרען, און די סקאָטלענדער זיינען גלייך נאָכדעם איבערפאַלען דיעזע סאָלדאַטען און זיי פערניכטעט.— די מיטעל געגען דיעזען גיפט זיינען: ציטראָנען־זאַפט, און עסיג, אָדער קאַפע.

וואַקסט אויף דעם קאַלכ־באָדען אין דעם שאַטען פון וועלדער. איז גלאַט און טיילמאָל אויך גלאַנציג. וואַקסט ביז 2 פוס מיט 2 צאָל דיק. אונטער די בעריהרונג מיט די פינגער פיהלט זיך איהר פלייש פעט ווי פלוימען. די בלעטער זיינען מיט אַדערן, זיי ענטוויקלען זיך פון די גלאָקען־אַרטיגע בליטהען, בי צו 6 צאָל לאַנג. זיי זיינען ברוינליך אין דער קאָליער און זייערע אַדערן זיינען דונקלער. די פרוכט איז גלאַנציג־שוואַרץ און דער זאַפט ראָזען־רויט. די גאַנצע פלאַנץ ענטהאַלט אַלקאַלאָיד, אַט־ראָפין און בעלאַדאָנין. זי איז דערפאַר נאַרקאָטיש־גיפטיג, און ווירקט גלייך אויף דעם געהירן און די זינ־אָרגאַנען. פעראורזאַכט שווינדעל, פערטויבונג, דאָפּעל־זעהען, און פערגרעסערונג פון די פּאַפּילען. זייער שעהנעם אויסזעהען פערלאָקט דעם פרעמדען, ביי דער ערשטע בעריהרונג פיהלט זיך אויף דער צונג אַ זיעסקייט וועלכע ענדיגט זיך מיט עקעלהאַפטיגקייט. אין איטאַליען נוצען דאָס די פרויען אַלס שמינק, אַלס מיטעל געגען וואַרצען אָדער אַנדערע אויסשלאַגען אויף דעם פּנים. דערפאַר רופט מען זיי מיט דעם ביינאַמען: ״בעלאַדאָנאַ״ (שעהנע דאַמע) אין דער מעדיצין ווערט זי געברויכט אַלס מיטעל געגען קייכ־הוסט, רהומאַטיזם און קרעבס. ביי אָפּעראַציאָנען ניצט איהר דער אויגענ־אַרצט צו פערגרעסרען די אויגענ־אַפּעל אָדער אַלס טראָפּען צו רייניגען די מעמבראַנען.

אַטראָפּאַ מאַנדראַגאָראַ, באָטאַנישער נאָמען פאַר נאָך אַ גיפטיגערע פלאַנץ אַלס די פאָריגע. אויך גערופען: אַלראַונ־וואורצעל, העקסענ־קרויט, צויבער־וואורצעל, און אויך צויבער־פלאַנץ. שוין פון דיעזע נעמען אַליין ווייזט זיך אַז די מאַנדראַגאָראַ איז אַמאָל געשטאַנען אין אַ הויכע מדריגה. אין די אַלטע צייטען, אונטער די הערשאַפט פון אַבערגלויבען,, איז מען בלויז פון איהר אויסזעהן בעצויבערט געוואָרען. איהר פרוכט זעהט אויס ווי אַ מענש, און דער/אַליין איז די פאַנטאַזיע פון די אונוויסענדע געוועקט געוואָרען צו שאַפען אַלע ערליי דומהייטען

פון וועלכע דאָ ווערען דערצעהלט בלויז אַ פּאָאַר

מען האָט געגלויבט אַז די פרוכט האָט אַ נשמה, אַז זי שרייט בעת מען רייסט איהר פון דער ערד. אַז ווער עס הערט איהר שרייען דער מוז שטערבען. דערפאַר פלעגט מען אָנבינדען אַ שוואַרצען הינד צום מאַנד־ראַגאָראַ דורך אַ לאַנגען שטריק און איהם לאָזען לויפען נאָך אַ שטיק פלייש וואָס מען האָט געהאַלטען פון וויטען פאַר זיינע אויגען. נאָכדעם ווי דער הונד איז פערטיג געוואָרען האָט מען איהם גע'הרג'ט און בעגראָבען אויף דעם אָרט פון דער



אויסגעריסענע מאַנדראַגאָראַ. די מאַנדראַגאָראַ איז דעמאָלט געוואָרען אויפגעשטעלט אַלס אַ הויז־גאָט. ביים מאָהלצייט פלעגט מען איהם מכבד זיין מיט עסען און טרינקען. יעדען זונטאָג האָט מען איהם געוואַשען מיט וויין (גרים, מיטאָלאָג. באַנד II ז.1154) האָט מען איהר איינמאָל נישט געוואַשען האָט זי גענומען וויינען (וואָלף, דייטשע מערכען אונד זאַגען ז.453). זיי האָבען גע־גלויבט אַז דיעזער געץ שיצט זיי געגען מלחמה, העלפט זיי געווינען חן אין די אויגען פון די ריכטער, העלפט די עקרות שוואַנגער ווערען, לינדערט די וועהען פון אַ געווינערין (פאַלקענשטיין, נאָרדגאָישע אַלטערטימער ז.131).

די פרוכט פון דיעזער פלאַנץ האָט אין גאַנצען אָריענט געהאַט אַן עראָטישע בעדיי־טונג (ראָזענמילער, ביבלישע נאַטורגעש.) מען האָט געגלויבט אַז בלויז דער גערוך פון די בליטהען האָבען שוין ערוועקט די תאוה פון ליעבע (ז. שיר השירים ז׳ 14). אַ סאַמאַריטאַנער מאָנאַך זאָגט (פּאַולוס, זאַמ־לונג פון רייזען) אַז ווען מען לייגט אַ מאַנדראַגאָראַ אין בעט פון אַן עקרה ווערט זי שוואַנגער. דר. ראַפעל דערצעהלט אַז ער האָט געקאָנט אַ פרוי וואָס איז שוואַנגער געוואָרען דורך עסען דעם מאַנדראַגאָראַ. Reis, R. Mandragora an ad venerem promovendam ducere possit 516

אַטראַפּאַקסים, נאָמען פון אַן אוננוּצ־ליכע פלאַנץ וואָס וואַקסט אין זאַמד ווי אונטער דעם גלאָז, און פאָדערט קיין אויפ־מערקזאַמקייט. איז רעדזשיסטרירט געוואָרען



אין יאָהר 1732. הייסט אין דייטש: שטרויכ־מעלדע, אין האָלענדיש: מעלדע, אין שפּאַניש: אַטרעפּיצע, פּאָרטוגעזיש: אַרמועלע, רוסיש: לעבעדאַ, פּויליש: לאָבאָדאַ, און אין שוועד־דישען: מאָללאַ.

אַטראָפּין, אַ כעמיש־אָרגאַנישער באַזיס פון אַטראָפּאַ בעלאַדאָנאַ (ז.ד.) אין דעם פאָרם

פון אַ קריסטאַל, וואָס איז אָהן אַ קאָליר און אָהן אַ גערוך. האָט אַ זייִדענעם גלאַנץ און פּיהלט זיך ביטער אויף דעם צונג. לעזט זיך אויף אין 299 טיילען קאַלט וואַסער, אין 30 טיילען הייסע וואַסער, אָדער 8 טיילען רעקטיפיצירטען ספּירטוס, אָדער אין 1 טייל עטהער. שמעלצט ביי 90 גראַד צעלזיוס. ביי 140 גראַד צעלזיוס דעקאָמפּאָזירט ער זיך גענצליך. ווען אויפגעלעזט אין וואַסער ווערט ציטראָנ־געל אין קאָליער. איז אַ גיפטיגער סובסטאַנץ פאַר דעם מאַגען. אַ האַלבער גריין איז טויד־געפעהרליך.

מעדעצין: ווערט געברויכט אין פערשיע־דענע מישונגען אַלס מיטעל געגען קייכ־הוסט רהומאַטיזם, נעוראַלזשיע, פערשטאָפּונג, נערוו קראַנקהייטען, רעגולירונג פון דעם אורין, צו מילדערען אויגענ־שמערץ, און אויך געגען אויסשלאַג.

אַטראָפּיע =דאַרזוכט, אָדער די פער־קליינערונג פון אַ קערפּער־טייל, אָדער די פערמינדערונג פון דער גרויסקייט, געוויכט, אָדער פון די פונקציאָנס־קרעפטען. עס קאָן זיין אַן אַלגעמיינע אַטראָפּיע אָדער אַ טיילווייזיגע. קאָן איינטרעטען דורך הונגער, שטערונג אין דער פערדייאונג, בלוט־פערלוסט פיעבער, אונגאָרמאַלע אַנשטרענגונגען, אויך פון געברויכען מעדעצין; ספּעציעל פון יאָד, בראָם און מערקורי. עס קאָן אויך פּאָרקומען אַ לאָקאַלע אַטראָפּיע אויף אַ געוויסען נערוו צוליעב אַ שטערונג פון בלוט־לויף. ביי אַ פּראָגרעסיווע אַטראָפּיע שטערבען אָב די מוס־קלען ביים לעבענדיגען מענשען צוביסלעך עס דערגרייכט פּאַראַליזיס. די אַטראָפּיע קומט פאָהר מעהר ביי מענער ווי ביי פרויען, און מעהר צווישען די יאָהרען פון 30 ביז 50 אַלס אין די יונגערע יאָהרען. זי איז אָפט דאָס רעזולטאַט פון סיפילים, טיפוס, און רהומאַטיזם. הויבט זיך אָן מעהרסטען טייל אין די אויבער טיילער פון קערפּער. טיילמאָל אויך פון די געזיכטס נערוועז. דער אָנגעגריפענער טייל פאַנגט אָן זיך צו זאַמענצוציהען ביז ער ווערט מיט דער צייט דעפאָרמירט. אַזאַ טייל ענטפערט אַפילו נישט מעהר צום עלעקטרישען שטראָם. די פּאַראַליע טרעט אַריין ווען דער שמערץ האָט שוין אויפגעהערט.

אַטראַצעפּאַלוס אַ אונגאָרמאַלע געבורט פון אַ קינד אָהן אַ מויל, אָדער ווי דאָס וואָרט מיינט: אָהן אַן עפנונג אין קאָפּ.

אַטראַקטילים, באָטאַנישער נאָמען פאַר אַ ציער־פלאַנץ וואָס איז היימיש אין שפּאַ־ניען, דויערט יעהרליך, בליהט צווישען יאַנ.

און יולי, איז ענטדעקט געוואָרען אין 1759 הייסט אין דייטש: שפּינדעל־קרויט, אין פראַנצויז: קיענאַלע, ענגליש: דיסטאַפטהיס־טעל, האָלענדיש: סטאַל־קאָפּ, שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש: אַטראַטיליע.

אַטראַקציאָן, ז. "אָנציהונג".

אַטריבוט, אַן אייגענשאַפט פון עפּעס נישט דער עפּעס אַליין. אין דער לאָגיק: דאָס געגענטייל פון דעם סובסטאַנץ, וואָס קאָן אַליין פון זיך נישט עקזיסטירען ווי דער סובסטאַנץ קאָן. אַשטייגער ווי חכמה אָהן געהירן, גוטסקייט אָהן אַ הערץ, אָדער שעהנהייט אָהן אַ קערפּער. די ווייסקייט איז אַן אַטריבוט צום שניי אָדער דעם קעז

אַ רוימישער אַטריום

און די רויטקייט צום בלוט.— האָט גאָט אַטריבוטען? אויב גאָט לעבט איז דאָס לעבען אַן אַטריבוט. לעבען און וויסען זייענדיג צוויי פערשיעדענע קרעפטען פאַר זיך, און וויסען זייענדיג אַ נויטווענדיגייט ביי דעם וואָס עס געפינט זיך, איז אויך אַן אַטריבוט. אויב גאָט איז אָבהענגיג מיט זיין געטליכקייט אויף דיעזע אַטריבוטען דאַן איז ער נישט מעהר אַן אַבסאָלוט, און וואָס איז נישט אַבסאָלוט איז אויך קיין איינהייט (ז. "אַבסאָלוט", "אַטאָמיסטישע טעאָריע" און "איינהייט".)

אַטריום, (אַרכיט.) אַ צענטראַל-אָבטיילונג אין אַ גרויסע געביידע, אַ הויף וואָס האָט קיין דאַך און איז אַרומגענומען מיט צימערן. דער רוימישער אַטריום איז געבויט געוואָרען פריהער אַלס צימער, אַלס שפּייז-זאַאַל אונטער דעם פרייען הימעל; שפּעטער פלעגט מען איהם פערציערען מיט פאָנטאַנען און וואַזען-פלאַנצען; נאָך שפּעטער פלעגען אַטריומס איינגעפיהרט ווערען אין די טעמפּלען וואהין שקלאַפען זיינען געקומען בעטען. אויף איין זייט איז געוועזען דער צוטריט פון דר'אויסען און אויף דריי זייטען האָבען זיך געעפענט טיהרען פון אינווענדיג נאָך די צימערן. דער צוגאַנג פון דר'אויסען האָט געהייסען וועסטיבול. טיילמאָל פלעגט דאָרט אויפגעשטעלט ווערען אַ ביבליאָטעק מיט בענק און טישען צום לעזען.

אַנאַטאָמיע: די הויהלונגען פון הערץ ווערען אויך גערופען אַטריומס. ספּעציעל די טיילען אין וועלכע עס גיעסט זיך אַריין דאָס בלוט פון די וועגען דירעקט. אַזוי

הייסט אויך די הויהלונג אין וועלכען עס ענדיגען זיך אַריין די קישקעס.

אַטריכום (גריכיש) איינער וואָס האָט קיין האָר. אַן אַלטער קאַהל־קאָפּ הייסט: "אַטריכום סעניליס".

אַטרינאַ, לויט אַ דאָקומענט אין דעם ברישיטען בוזעאום (נום.210, באַביל.־אַסיר. אָבטיילונג) אַ זעלבסט־געקרויהנטער קעניג פון שושן.

אַטריפּלעקס, באָטאַנישער נאָמען פון אַ פלאַנץ וואָס וואַקסט אויף דער זעע־קיסטע פון דעם זידליכען עוראָפּאַ. האָט אַ זילבער־קאָליער. 16 פאָרמען זיינען פאַדאַן אין

דיעזע גאַטונג. זיי זיינען אויסגעשפּרייט איבער שפּאַניען, ענגלאַנד, קייפּ זיד־אַפריקאַ, סיביריען, און אונגאַרן. זיי דגיערען יעהר־ליך, און בליהען צווישען יולי און אַוגוסט. דער קעלך האָט פון 3 ביז 5 טיילען. זיי וואַקסען בעסטענס אויף אַ זאַלציגען באָדען.

אָטרעפּיעוו, אַ מאָנאַך וואָס האָט זיך אָנגעגעבען אז ער איז דימיטרי דער זוהן פון צאַר איוואַן, וועלכען באָרים, איוואַנס טראָהן פּרעטענדער, האָט געמיינט אַז ער האָט גע'הרגט. אָטרעפּיעוו האָט בעהויבטעט, אַז ווען די הויפלייט זיינען געוואָר־געוואָרען אַז באָרים וויל דעם קליינעם דימיטרי הרג"ן האָבען זיי איהם פערטוישט אויף אַנאַנדער קינד, און באָרים האָט גע'הרגט דאָס פרעמדע צוליעב דעם וואָס אַטרעפּיעוו אין געוועזען אַ רוימישער קאַטאָליק האָבען די פּאָליאַקען איהם געשטיצט און ער האָט ענדליך דער־גרייכט זיין אַמביציע. די קאָזאַקען זיינען געוועזען זיינע פּאָרקעמפער. מען איז אָבער געוואָר געוואָרען אַז די גאַנצע געשיכטע איז בלויז געוועזען אַ קאָנספּיראַטיווער שפּיעל, האָט מען איהם גע'הרגט אין זיין פּאַלאַסט אין מאָסקוואַ, 1607.

אָטשאַקאָוו, אַ קליין שטעדטעל אין אוקראַינאַ, אין דער כערסאָנער גוב. אויף דער נאָרדליכע זייט פון דעם דניעפּער, בערך 40 מייל פון אָדעס. דער פּלאַץ אויף וועלכען אָטשאַקאָוו שטעהט יעצט שיינט אַמאָל צו זיין געוועזען אַ וויכטיגע שטאָדט אין דעם גריכישען אַלטערטום. אין 15טען יאָהר־הונדערט האָט דער כאַן פון דער קרים דאָ געבויט אַ פעסטונג. אינצווישען די טירקיש־רוסישע מלחמות איז זי איינינגע מאָל איבערגעגאַנגען פון איין האַנד אין דער אַנדערער אַריין. אין 1788 האָט פּאָטיאָמקין איהר שוין פעסט אָנגעבונדען אָן רוסלאַנד. זי איז אַ האַפען־שטאָדט, נאָר ווייל זי איז אַזוי נאָהנט צו אָדעס קאָן זי זיך נישט ענטוויקלען. אין די לעצטע וועלט־מלחמה איז זי כמעט ווי חרוב געוואָרען.

אַטשינאָוו ניקאָליי, אַ קאַזאַקישער העטמאַן וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו אַנעקסירען אַבעסיניען צו רוסלאַנד אין 1888 אָהן דעם רוסישען צאַר צו פערוויקלען אין אַ מלחמה מיט פראַנקרייך, וועלכע האָט אויף דעם וועג איינינגע טעריטאָריען צווישען

רוסלאַנד און אַבעסיניען. דאָס איז געוועזען אין דער צייט ווען אַבעסיניען איז געוועזען אין קאַמף מיט איטאַליען. אַטשינאָוו האָט זיך אָנגעבאָטען צו העלפען דעם נעגוס מיט זיינע קאָזאַקען געגען די איטאַליענער. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ נאָמען ביי די מאַהאָמעדאַנער ווייל ער האָט זיי געהאָלפען געגען גענעראַל גאָרדאָן אין כאַרטום, און אָסמאַן דיגמאַ געגען די ענגלענדער אין סואַקין. ער איז דערפאַר אַוועק נאָך אַבעסיניען האָט פון דאָרט מיט זיך מיטגענומען איינינע אַבעסיניער נאָך רוסלאַנד, האָט זיי פאָרגעשטעלט פאַר דעם סענאַט, און געזאָגט אַז גאַנץ אַבעסיניען וויל איבערגעהן צום קריסטענטום, דער סינאָד האָט איהם דערויף געגעבען געלד, אַ גרופּע העלפער, מיט אַ פּאָאָר קאַסטען געוועהר. זיין פּאַרטיי האָט געהאַט צווישען זיך 9 פּאָפּען, 20 מיליטערישע אָפיצירען, 40 קאָזאַקען, פערשיעדענע בעל־מלכות מיט פּויערים. דער קריסטליכע וועלט האָט ער גענאַרט אונטער אַ רעליגיעזע מאַסקע, די אַבעסיניער מיט אַ פּאָליטישע מאַסקע, און זיינע אייגענע מענשען האָט ער פערשפּראָכען גליקען ווען ער וועט דעם פּלאַהן אויספיהרען. די פראַנצויזען וועלכע האָבען איהם שוין געקאָנט פון כאַרטום און סואַקין האָבען פערשטאַנען אַז אַטשינאָוו איז ווייט פון רעליגיעזע מאָטיווען, און די איטאַליענער האָבען געהאַט זייערע אורזאַכען איהם צו פערדעכטיגען, אַטשינאָוו האָט זיך דערפאַר בעדיענט מיט אַן עסטרייכשע שיף און האָט זיך אונטער דער עסטרייכשע פאָהן אַריבערגעשמוגעלט צווישען ביידע וואַכען ביים סועץ און אויף דעם רויטען ים. זיי זיינען פון איהם געוואָר געוואָרען שוין נאָכדעם ווי ער איז געוועזען אין טאַדוראַ, אַ פראַנצויזישעס פּראָטעקטאָראַט. פראַנקרייך האָט בעשלאָסען צו וואַרטען און זעהען וואָס ווייטער קומט. אַטשינאָוו האָט דערווייל אונטערהאַנדעלט מיט דעם סולטאַן פון טאַדוראַ און ער האָט פון איהם בעקומען איינינע קאָנצעסיעס איבער אַ גרויס שטיק לאַנד. ער האָט פערוואַנדעלט אין אַ רוסישע קאָלאָניע, און ער האָט איהר גערופען: מאָסקוואַ. פראַנקרייך האָט אָנגעפרעגט דעם צאַר וואָס דאָס מיינט. דער צאַר האָט געענטפערט אַז ער ווייסט גאָר נישט דערפון. פראַנקרייך האָט דאַן געפאָדערט אַז רוסלאַנד זאָל אַרויסשיקען אַ קריעגס־שיף און אַהיימברענגען די גאַנצע חברה. דער צאַר האָט איינגעזעהען אַז ער האָט קיין אַנדערע ברירה, האָט ער פראַנקרייכס פאָדערונג גלייך נאָכגעגעבען, אַבער ווי נאָר דאָס שיף איז אָנגעקומען האָט זיך אַטשינאָוו מיט זיין חברה אָבגעטראָגען נאָך סאַגאָלאָ. דאָרט האָבען זיי געפינען אַן אַלטע פערלאָזענע פעסטונג זיי האָבען אויף איהר אַרופגעצויגען די רוסישע פאָהן און זיך גענומען פאָהרצובערייטען צו דעם נעקסטען שריט. פראַנקרייך האָט געלאָזט וויסען אַטשינאָוו אַז ווען ער וועט נאָר אָנפיהרען בלויז אַ רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדאַ וועט זי איהם צורוהע

לאָזען, אַבער ער מוז זיך אונטערוואַרפען די פראַנצויזישע געזעצע און אַרונטערלאָזען די רוסישע פאָהן. דאָס האָט אַטשינאָוו נישט געוואָלט פערשפּרעכען. אַ פראַנצויזישע שיף האָט גלייך אַריינגעשאָסען אַ פּאָאָר קויהלען אין פעסטונג, 5 פון דער קאָמפּאַניע זיינען גע׳הרגט געוואָרען און 5 פערוואונדעט. אַ ווייסע פאָהן איז גלייך אַרויסגעהאַנגען געוואָרען. די פראַנצויזען האָבען די לעבענגעבליבענע אַריבערגעפיהרט אין אָדעס און זיי איבערגעגעבען אין די רוסישע הענד. די בולאַנזשיסטען האָבען דעמאָלט געשטורמט פאָדערענדיג אַז פראַנקרייך זאָל ערקלעהרען קריעג צו רוסלאַנד, אַבער די רעגירונג האָט בעסער אָנגענומען די ערקלעהרונג פון צאַר, אַז ער אונשולדיג.

אַי, אַן אַפּען־עהנליכעס טיער. אויך גערופען: פויל־טיער. ז. "בראַדיפּוס".

אַיאַטשאָ (Ajacco) זייט 1811 די הויבטשטאָדט פון דעם פראַנצויזישען אינזעל קאָרסיקאַ, מיט איבער 21,000 איינוואוינער. איז אַרום געשיצט געגען די זיד־וועסטליכע ווינדען פון בערג צווישען 6 ביז 8 טויזענד פוס הויך. דאָרט איז דאָ אַ גוטער האַפען און אַ ציטאַדעל. דער גרעסטער טייל פון דער בעפעלקערונג בעשעפטיגט זיך מיט קאָראַלען, אויסטערען, פּערעל, און סאַרדעלען פישעריי. זיי פּראָדוצירען אויך וויין, אויל, פלאַקס, וואַקס, האָניג, אָראַנזשען און געטריידע. איז אַ הילפרייכעס באָד־אָרט פאַר ברוסט־ליידענדע, שקראָפעליגע, און שווינדזוכטיגע. אין דיעזער שטאָדט איז געבוירען געוואָרען נאָפּאָליאָן באָנאַפּאַרטי.

אָיאַמאַ פירשט **איוואַאָ**, אַ יאַפּאַנעזישער פעלד־מאַרשאַל אין דער יפּאַנעזיש־רוסישע מלחמה. געב. אין זאַטסומאַ 1841 און קומט אין דער עפענטליכקייט אין דעם אינערליכען פּאַרטיי קאַמף צווישען די אַנהענגער פון קעניג און זייערע געגנער. אָיאַמאַ זייענדיג אין דער קעניגליכע פּאַרטיי איז פון קעניג אַוועקגעשיקט געוואָרען מיט נאָך פיער סטודענטען אין דער שווייץ צו שטודירען מיליטערישע טאַקטיק. שפּעטער ווערט ער אָנגעשטעלט אַלס מיליטערישער אַטטאַשי אין דער פּרייסישע אַרמיי און ווען עס זיינען געוואָרען די אויפשטענ־

דע אין דער היים צו־שטאַרק, האָט דער קעניג איהם אַהיימגערופען, ער האָט איהם געמאַכט פאַר בריגאַדיר גענעראַל און איהם געשיקט

אין קאַמף געגען זיין אייגענעם פעטער זיאַגאָ. נאָך דיעזען זיעג האָט מען איהם געמאַכט פאַר קריעגסמיניסטער, ווי אויך פאַר דעם שעף פון דער אַדמיראַליטעט, און פאַר פּראָפעסאָר פון דער מיליטערישע שוהלע. אין 1883 האָט ער אונטערגענומען דעם קאַמף מיט כינאַ. דאָרט האָט ער ענטוויקעלט אַ טאַקטיק ביי פּאָרט־אַרטהור און ביי וויי־היי־וויי וואָס האָט אויפגעריסען די אויגען פון אַלע וועלט־מעכטע. אין 1895 מאַכט ער אין כינאַ ווידער אַזאַ ערפאָלג און מען האָט גענומען איינזעהען אַז ער איז נישט אַ קינד פון דעם בלינדען צופאַל

נאָר אַ העלד פון אויסגערעכנטע סטראַטעגיע. ביים קריעג מיט רוסלאַנד איז אויף איהם געפאַלען דער גורל צו ווייזען דער וועלט אַז זי ציטערט פאַר אַ קראַנקען בער. ער האָט איבערגענומען די העכסטע קאָמאַנדאָ איז אַליין אַרויס געגען קוראָפּאַטקין און איהם געשלאָגען אין 30טען אַוגוסט ביי לאַאָ־יאַנג, שפּעטער אין שאַהאָ, נאַכהער ביי זאַנדעפּו, און ענדליך ביי מוקדען. זייט דעמאָלט האָט עס אָנגעהויבען געהן מיט רוסישען צאַרענטום אַרונטער און אַרונטער. עס איז אויך מעגליך אַז דיעזער פאַקט האָט פיעל בייגעטראָגען צו דער ענטשטעהונג פון דער לעצטע וועלט־מלחמה.

איבאַיזאַבעל, דער באַסקישער נאָמען פון דער שטאָדט "בילבאַאָ" (ז.ד.).

איבאַנעז, ז. "בלאַסקאָ איבאַנעז".

איבאַר, אַ רעכטזייטיגער נעבען־פלוס פון דעם טייך מאָראַוויאַ אין סערביען. ער שטאַמט אויס דעם סאַנדזשאַק און פליעסט אַריין אין דעם קאַראַנאָווטץ. אויף זיין וועג נעהמט ער אוף די וואַסערען פון דער סיטניצאַ און דער ראַשקאַ.

איביד. (Ibid.) אַ בעצייכנונג וואָס מיינט "ווי אויבען, אויף דעמזעלבען פלאַץ" בכדי נישט צו ווידערהאָלען דעם גאַנצען טיטעל פון אַ ווערק וואָס ווערט ציטירט פיעלעמאָל שרייבט מען: איביד.

איביס, אַ סאָרט שטאָרך פויגעל פון וועלכע עס זיינען דאָ 25 גאַטונג, וועלכע זיינען שוין היינט זעהר זעלטען. איינער פון זיי האָט געשפּיעלט אַ בידייטענדע ראָלע אין דער עגיפּטישע רעליגיאָן און איז בעשריבען אין דעם ערשטען באַנד פון דיעזען ווערק אונטער דעם נאָמען "אַבוהאַנעס". דאָ פיהרען מיר נאָר צו די עגיפּטער האָבען איהם געדאַנקט פאַר זיין ערפינדונג פון אַ קליסטיר (אַ קאַנע) צו רייניגען דעם מאָגען. ער האָט די נאַטור זיך אָנפילען אַ שנאָבעל מיט וואַסער און זיך איהם אַריינשפּייען אין הינטען אַריין.

איוים-שטרויך, ז. "היביסקוס".

איביקוס (Ibicus.) דער פינפטער ליערישער פּאָעט אין דעם אַלעקסאַנדרינישען קאַנאָן. געב. אין רהעגיום איטאַליען. האָט געווירקט אין 540 פיצר׳ און געלעבט אין דעם הויף פון דעם טיראַן פּאָליקראַטעס. וועגען זיין טוידט ווערט דערצעהלט אַז, ער האָ געוואַנדערט אין דער מדבר, זיינען איהם רויבער בעפאַלען, זיי האָבען איהם גע׳הרגט. די מערדער האָבען בעמערקט אַז אַן "איביס" איז געשטאַנען דערביי און האָט זיך צוגעקוקט צו זייער טהאַט. אַ צייט אַרום ווען דאָס פאָלק איז געוועזען פערזאַמעלט אין דעם אָפענעם טעאַטער, איז אָנגעקומען צופליהען דער איביס און האָט געקלאָפּט מיט זיינע פליגעל איבער דעם קאָפּ פון דעם מערדער. די מערדער זייענדיג איינגעגלויבט אַז דער איביס איז אַ געטליכקייט האָבען איינגעזעהען אַז זייער ראַכע איז געוואָרען אונפערמיידליך, זיי האָבען דאַרום זיך איבערגעגעבען אין די הענד פון דער פערוואַלטונג און זיך מודה געוועזען אין זייער פערברעכען.

זיין פּאָעזיע איז געוועזען עראָטיש, אַ טייל אויך מיסטיש. זיין דיאַלעקט איז געוועזען אַ דאָרישער. עס ווערט בעהויבטעט אַז ער האָט געשריבען 7 פּאָעטישע ווערק אַבער בלויז אַ פּאָאָר פראַגמענטען זיינען נאָך איהם געבליבען.

איבלים, אין קאָראַן דער נאָמען פון דעם טייפעל.

איבן אַל-אַטהיר, אַן אַראַבישער היס־

טאַריקער. געב. אין מעזאָפּאָטאַמיען 1160 און געשט. אין מאָסול 1233. ער האָט זיך געמאַכט אַ געריהמטען נאָמען אין דער אַראַבישער ליטעראַטור דורך אַ ווערק וואָס גיט די היסטאָריע זייט די וועלט איז געשאַ־פען ביז 3 יאָהר פאַר זיין טוידט. דאָס ווערק פערנעהמט 14 בענד און איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין ליידען 1851 און אין קאַירא 1873.

איבן אַל־הסין, איינער פון די געריהמ־טעסטע איבערשרייבער פון דעם קאָראַן, און וועלכער האָט דערפאַר בעקומען דעם טיטל "כיתב"=שרייבער. ער האָט דעם קאָ־ראַן איבערגעשריבען 500 מאָל, און דערביי אויך פערפאַסט אַ היבש ביסעל פּאָעזיע. ער איז געשטאָרבען מיט אַ פּליצליכען טוידט אין יולי 1109.

זיין פּאָעטישער געדאַנקען־גאַנג שפּיגעלט זיך אָב אין פאָלגענדע ציטאַציע:— דאָס גליק מאַטערט דעם וואָס זוכט עס, און דער וואָס אַרבייט געפינט עס אין זיין רוה. דער פּרינץ פאַר וועמען דאָס גליק שטעהט פריי ענדיגט אין תכריכים. ער זאַמעלט געלד דורך שמערץ און מיט שמערץ לאָזט ער עס נאָך זיך. איך האַס די וועלט ווייל זי רייסט זיך צו דער נשמה־לאָזיגקייט, וואַרום זאָל איך דען בע־דויערען דעם טוידט?

איבן אַראַבי, אַ דאָקטאָר פון דמשק אין דעם יאָהר 1229 וועלכער האָט זיך אונשטערבליך געמאַכט דורך אַ דאָקטאָר־בוך וואָס ער האָט אַדויסגעגעבען אין דער אַראַ־בישע שפּראַך. נעבען מעדיצין ענטהאַלט דאָס בוך אויך פיעלע אַבערגלויבישע מיטעל וועלכע זיינען אין איינקלאַנג מיט דעם אָרטאָדאָקסישען אַראַבערטום. זיי האָבען אויף די אַראַבער געהאַט אַזאַ ווירקונג ווי אויף די גלויביגע פון דעם זאָגענאַנטען "קריס־טשיען סייענס". פיעלע פון די מאָדערנע ערצטע גלויבען אין דעם אַלס אַ סופּלעמענט צו דער מעדיצין פאַר די אַבערגלויביגע. דאָס פאָלק גלויבט אַז מאַהאָמעד האָט אַרונ־טערגעשיקט דיעזעס בוך פון הימעל צו איבן אַראַבי.

איבן באַדאַשאַ (אַבו בעקר מאַהאָמעד) אַן אַראַבישער פילאָזאָף און אַרצט אין 11טען יאָהר־הונדערט. ער האָט געלעבט אין סאַראַגאָסאַ אונטער די גליקליכע צייטען פון די אַלמאָראַווידען. ער האָט געזוכט זיין גליק דורך זיין בילדונג צו דערגרייכען אַבער, ווי נאָר ער האָט עס בעקומען האָט ער עס גלייך פערלוירען. איז ער געוואָרען מיניסטער האָבען איהם די סאָלדאַטען פער־לאָזען ווייל ער איז געוועזען צופיעל פילאָ־זאָף, האָט ער אָנגעשריבען אַ מעדיצינישעס ווערק האָט ער דערמיט אויפגערייצט די אַראַבישע ערצטע און זיי האָבען איהם פער׳סם׳ט. דאָס מערקווירדיגסטע ווערק וואָס ער האָט געשריבען איז געוועזען פאַר יענע צייט: "טאַביר אַל־מוטאַוואַהיד". אַ ווערק וואָס לערנט ווי אַזוי דער איינציגער זאָל קעמפען און בעזיעגען אַלע זיינע סאָציאַלע שטערונגען. ער זאָגט: "דורך דער ספּעקו־לאַטיווער וויסענשאַפט קאָן זיך דער יחיד אַרויסהייבען אין דער העכסטער פאָלקאָמענ־הייט אַריין". איבן באַדאַשאַ האָט אין דיעזען זין געדענקט ווי ניעטשע, און ביידע זיינען זיי געבליבען הינטען ווייט פון זייער אייגענעם ציעל.

איבן באַטוטאַ, אַן אַראַבישער רייזענ־דער און געאָגראַף. געב. אין טאַנגיר 1304, וואַנדערט אַרום 30 יאָהר, בעזוכט און בע־שרייבט: מעקאַ, פערזיען, מעזאָפּאָטאַמיען, אַפריקאַ, קליין־אַזיען, כינאַ, שפּאַניען מיט אַלע זייערע שטעדט און דערפער וועלכע

ער האָט בעזוכט. די שפּראַך איז זעהר וויציג און אַנגענעהם צו לעזען. אין דעם 19טען יאָהר־הונדערט זיינען זיינע ווערק איבערזעצט געוואָרען אין פראַנצויזיש, און אַרויסגעגעבען אין 4 בענד

איבן באַרון אַבו איבראַהים ישאַק, אַ שפּאַנישער געלעהרטער, און העברעישער גראַמאַטיקער. אַ שילער פון דעם מחבר פון מפתח, און אַ צייט־גענאָסע פון יהודה הלוי און אבן עזרא. ער איז געוועזען גוט בעקאַנט מיט דער אַראַבישע ליטעראַטור און איז געוועזען דער ערשטער וואָס האָט בעמרקט די עהנליכקייט פון דער אַראַבישע גראַמאַטיק און דער אַראַבישע לעקסיקאָגראַפיע מיט דער העברעישע דאָס האָט ער אָנגעוויזען אין זיין ווערק "כתב אַל־מאָוואַזאַנאַה". ער האָט אויך געמאַכט אַ פערגלייכונג צווישען דער העברעישע און דער לאַטייניש שפּראַך, ווי אויך די העברעישע מיט דער בערבער שפּראַך. ער האָט געהאַט דאָס אונגליק פון פיעלע ציטירט צו ווערען אָהן צו האָבען זיין נאָמען דערמאָנט.

איבן גבירול ז. "גבירול".

איבן כאַלדון, אַן אַראַבישער יוריסט און היסטאָריקער. געב. אין טונים 1332 און געשט. אין עגיפּטען 1406. ער איז געוועזען פאַר אַ לאַנגע צייט דער הויבטריכטער איבער עגיפּטען, און האָט אונטער דיעזע צייט אַרויסגעגעבען אייניגע גרויסע ווערק. זיין הויבט־ווערק איז געוועזען אַ היסטאָריע פון די אַראַבער פּערזער און בערבער. דער אָריגינאַלער טיטעל פון דיעזען ווערק איז: "ת'ערוך איבן־כאַלדון". ריידענדיג אַרום דער אָריענטאַלישע קולטור זאָגט ער:—"אַ פאָלק פון טרוימער קאָן נאָר געפיהרט ווערען פון טרוימער. די רעליגיאָן פּאַסט זיך פאַר דער אָרינטאַלישע מענשהייט, נאָר זי קאָן דעם אָריענט צוזאַמענהאַלטען. אַבער, אַזוי אָפט ווי עס קומט פאָהר אַנייע רעליגיאָן אַזוי שנעל קריעגט זי נייע אַנהענגער פון דער אַלטע רעליגיאָן. אַזעלכע ענדערונגען ערהיצען אָפט די געמיטהער פון די אַלטע און די נייע פּאַרטייען, און דאָס פיהרט נויטווענדיגער ווייזע צום קאַמף אונטעראַנאַנדער.

איבן סינאַ, אויך גערופען "אַוויסיענאַ" (זיין אַראַבישער טיטעל איז געוועזען: אַבו אַלי אַל־חאַסיין איבן אַבד אַללאַה איבן סינאַ) אַ וועלט גערימטער פילאָזאָף און אַרצט. געב. אין כאַרמייטאַן 981, אַ זוהן פון אַ געלד־וועקסלער. זיין יודישער נאָמען איז געוועזען "אין סינאַ". ער האָט בעקומען אַ וועלטליכע ערציהונג און האָט געלערנט דעם קאָראַן נעבען דער ביבעל. שפּעטער שטודירט ער די אינדישע אַריפמעטיק פון אַן אינדיאַנער פרוכט־הענדלער, נאָך שפּעטער לערנט ער פילאָזאָפיע פון נעטילי, אַ מאַן וואָס איז געוועזען אַן אורח ביי זיין פאָטער. פון דיעזען האָט ער אויך געלערנט לאָגיק און עוקליד. ער האָט געלערנט די היזל־קונסט אָהן אַ לעהרער, און ווען נאָך יונג האָט ער זיך שוין גענומען היילען קראַנקע, און דאַביי שטודירט אַריסטאָטעלס

זיין ערפאָלג אַלס דאָקטאָר האָט איהם געפיהרט אין הויף צום סולטאַן. ער האָט קורירט דעם סולטאַן נוך אין באָכאַראַ. ער איז געוואָרען דעם סולטאַנס פריינד. ער האָט דאַדורך בעקומען אַ פרייען צוטריט צו דער ביבליאָטעק פון סולטאַן. דאָס איז געוועזען אַ זעהר רייכע ביבליאָטעק, זי איז שפּעטער אָבגעברענט געוואָרען. ער האָט אָבער דעם פּאָסטען אויפגעגעבען ווייל ער האָט געוואָלט ווייטער שטודירען. פאַר דיעזען צוועק האָט ער בעזוכט די שטעד קאָרקאַני, נאַסאַ, אַביוואַרד, און טוס. אין יאָריזשאַן האָט ער זיך

צוזאַמענגעטראָפען מיט דעם שוין געריהמטען אַל־יוזשיאַני, ווערלכער איז שפּעטער געוואָרען זיין אַן אַנהענגער. צו דאַנקען דיעזען איז פאַר דער וועלט געבליבען אַ ביאָגראַפיע פון איבן סינאַ.. קיינע אַנדערע קוועלען זיינען נישט דאַ.

ער איז אַרומגעפאָהרען זוכען עפּעס אַ גרויסען פּאַטראָן אונטער וועלכענס שוץ ער זאָל קאָנען רוהיג פערבלייבען און ווירקען. ער איז אָנגעקומען אין האַמאַדאַן וואו ער האָט געקורירט דעם עמיר. דיעזער האָט איהם געמאַכט פאַר וויזיער וואו ער איז אויך פערבליבען אויף אַ קורצע צייט. ער האָט איינגעזעהען אַז אויך נישט דאָס איז עס וואָס זיין נשמה זוכט, ער האָט זיך בעגעבען צו אַן אַפּטייקער, וואו ער האָט געאַרבייט ביי זיין מעדיצינישען ווערק. ער האָט אינצווישענצייט געשריבען צום עמיר פון אישפּאַהאַן אַז ער וויל צו איהם קומען. דער עמיר פון האַמאַדאַן איז דערפון געוואָר געוואָרען האָט ער איהם דערפאַר אַרעסטירט. אין געפענגניס האָט ער ווייטער געשריבען, דערמיט האָט ער אָבגעלענקט די אויפמערקזאַמקייט פון זיינע וועכטער, ער האָט זיך פערקליידעט אַלס פּרויענצימער און איז ענטלאָפען פון געפענגניס נאָך אישפּאַהאַן. דאָרט איז איהם שוין געוואָרען בעסער. ער בעקומען וואָס ער האָט געוואָלט. אַבענדס האָט ער געהאַלטען פילאָזאָפישע פאָרלעזונגען איבער וועלכע דער עמיר האָט אייניגע מאָל פּרעזידירט.

לויט זיין ביאָגראַפער האָט איבן סינאַ געשריבען אַבהאַנדלונגען:

100 איבער מעדיצין
20 איבער דעם נוצען פון וויסענשאַפט
20 בענד אַן ענציקלאָפּעדיע
18 איבער רפואות
14 ביכער איבער פיזיק
10 איבער די אַראַבישע שפּראַך
8 איבער מיטעל געזונד צו לעבען
2 איבער אונשולד און פערברעכען
1 בוך איבער מאַטעמאַטישע דעמנסטר.
1 בוך איבער די נשמה און תחית המ.
1 בוך איבער פיזיק און מעטאַפיזיק
1 איבער ענדליכקייט און אונענדליכק.
1 איבער חיות און פלאַנצען

די 14 ביכער איבער פיזיק האָט ער גערופען "דער גרויסער קאַנאָן".

זיין שטאַנד: האַבענדיג געשריבען אַזוי־פיעל, איבער אַלעס, און אַזוי גוט, האָט ער זיך ערוואָרבען דעם נאָמען "פילאָזאָף". ביי יענער צייט, אין דער אַראַבישער ליטעראַטור, איז אַזאַ טיטעל אַ זעהר גרויסער כבוד געוועזען. היסטאָריקער זאָגען, אַז בלויז 20 געלעהרטע אין דער אַראַבישע ליטעראַטור האָבען בעקומען דיעזען טיטעל פאַר איהם. ער האָט פערטרעטען די ניי־פּלאַטאָנישע שולע, ער האָט אָבער אין איהר אַריינגעפיהרט אַ סיסטעם וועלכער האָט דאָרט געפעהלט פאַר איהם. זיין סיסטעם טיילט זיך איין: לאָגיק, פיזיק, פּסיכאָלאָגיע, מעטאַפיזיק, מיסטיציזם און עטהיק.

לאָגיק: די לאָגיק שטעהט ביי איהם זעהר הויך. זי איז אַבהענגיג אַן אַ אויסגעוועהלטע שפּראַך, מיט קלאָהרע ווערטער וועלכע ווייזען דעם ציעל אָדער די אַבזיכט. די אויפגאַבע פון דער לאָגיק איז צו שאַפען דער מענשהייט אַ רעגעל בכדי עס זאָלען נישט געמאַכט ווערען פיעל טעות"ן. לאָגיק ענטדעקט נישט די וואַרהייט נאָר זי מאַכט דעם מענשען מעגליך אַרויסצוגעבען דאָס וואָס ער בעזיצט ביי דער בעטרעפענדער צייט.

פערנונפט: אַן איינפערשטענדניש איז דער שטאַנדפּונקט פון וועלכען די פערנונפט געהט אַרויס. מיט ערקלעהרונג שטעלט מען פאָהר די אידעע און מיט אַרגומענטען דרינגט מען איהר אויף דעם הערער. די

פערנונפט ווערט געשעצט פון פאָרשטעלונגען מיינונגען און פון זכרון. אונפערנונפטיגע פרינציפּען שטאַמען אַמאָל פון אַן אַלגעמיינען געפיהל אָדער פון אַ נייגונג, אַמאָל פון אַ נייגונג וואָס אַ געלעהרטער האָט און די אונגעלעהרטע ווידערשפּרעכען נישט, אַמאָל אויך אויס דער געוואוינהייט פון די קינדישע יאָהרען; ביי אַלע אַזעלכע פעהלט דער שטויס זיך צו בעזינען, אויב זיי זיינען ריכטיגע אָדער פאַלשע. דער שכל איז זיך אַפילו אונבעוואוסט איבער פון וואַנען זיי קומען. ער, דער שכל, פרעגט נישט אָהן אַן אורזאַך, און ווען די אורזאַך ערשיינט הייבט זיך אָן די פערנונפט. אין דער דיסקוזיאָן איבער אַ געוויסע זאַך איז נייטיג פריהער אַוועקצושטעלען, וואָס די זאַך איז, אויב זי איז; נאַכהער, וויאַזוי זי איז; און ענדליך וואַרום זי איז.

פיזיק: דער מענשליכער אינטעלעקט בעשטעהט פון קראַפט, צייט, און בעוועגונג. די אידעע פון אַ פאָרם אין דער מאַטעריע קומט צו איהם פון די פאָרמען וואָס ער זעהט אין זיין לעבען אויף דער וועלט. אַ פיזיקאַלישער קערפּער בעשטעהט פון מאַטעריע אין פאָרם, דערצו קומען נאָך צו די צופעלע וועלכע פעראורזאַכען די ענדערונג פון פאָרם. די קראַפט ליגט אין קערפּער און ווערט בעוועגונג פון איינערען, און נישט שטענדיג פון אויסען. יעדער קערפּער האָט אין דער נאַטור זיין פּלאַץ צו וועלכען ער מוז זיך ענדליך צוריקקעהרען. עס איז נישט דאָ אַן אונבעגרענצטע קראַפט. יעדע קראַפט איז גרעסער אָדער קליינער. בעוועגונג מאַכט די צייט. אַנדערש קאָן מען זיך די צייט נישט פאָהרשטעלען. ביי דאָס אונבעוועגליכע איז נישט דאָ קיין צייט. צייט איז געשאַפען נישט דערפאַר וויל עס איז דאָ בעוועגונג נאָר זי איז אין זיכזעלבסט. וועגען דעם רוים אין דעם אוניווערזום זאָגט ער: אין דעם וואַקום בוועגט זיך קיין קערפּער דערפאַר וויל, דער דימענסיאָן פון וואַקום איז נישט דורכדרינגליך. די וועלט, דער אוניווערזום זיינען בעגרענעצט. אַלץ איינס אויב יענע זייט איז פול אָדער לעדיג, אָדער גאָר ביידעס נישט. וואַקום איז נישט פול און נישט לעדיג, דאָך עס איז עפּעס.

פסיכאָלאָגיע: עס זיינען דאָ דריי סאָרטען זינען. דער פלאַנצענ־זין, דער טיערישער זינן און דער דענקענדער זינן פון מענשען. דער פלאַנצענ־זינן האָט די קראַפט צו ערנעהרען און מיט דיעזע נאַהרונג ענדערט ער די פאָרמען פון קערפּער אין אַנדערע פאָרמען; דאַן האָט ער די קראַפט צו וואַקסען און דורך דיעזען וואַקסען מאַכען דעם קערפּער גרעסער אָהן צו ענדערען די פאָרם פון דעם פאַקסענדען קערפּער; די קראַפט פון פאָרטפלאַנצונג אייסערט זיך דורך אַן אַקט פון אָבגעבען פון זיך אַ טייל צו פּראָדוצירען אַן עהנליכקייט צו זיכזעלבסט. דער טיערישער זינן בעשטעהט אין דעם אַפּעטיט דורך וועלכען זיין קערפּער ערגענצט זיך. אַפּעטיט הייסט: פערלאַנגען, און פערלאַנגען שאַפט בעוועגונג, אין די מאָטאָר־נערווען. דער טיערישער זינן האָט זיצען זיין גראַדען שכל אין דעם פאָדערען טייל פון זיין געהירן, וואו די איינדריקע בילדען זיך און רעפלעקטירען זיק דור דער טיערישע אינטעליגענץ. דיעזער אינטעליגענץ קאָן אָבער נישט רעדנען, פּלאַהנירען און אויספיהרען. בלויז דער מענש אַליין האָט אַן אינטעליגענץ וועלכע קאָן פּראָדוצירען אידעען און זיי איבערטראָגען צו אַנדערע. ער קאָן ספּעקולירען, טעאָריזירען, דויערהאַפט אַרבייטען, שוועריגקייטען בעזייטיגען און זיי אויספיהרען. די פּערפעקטהייט פון דער אינטעליגענץ דריקט זיך אויס

אין דעם וויסען וואָס מען פערמאָגט, אין דער אויסרעכנונג פון זיין פערמעגען, און אין אין דער צוזאַמענרעכנונג פון אַלעם אין איין סומע. דאָס פערנונפטיגע דענקען פון דיעזע אינטעליגענץ הויבט זיך אָן ביי דאָס בעגרייפליכע אָדער ביי דאָס בעגריפענע. נויט איז דער אור־פּרינציפּ פון אַלע פּרינציפּען. דאָס בעוואוסטזיין איבער דיעזע נויט, די פעהיגקייט דיעזע נויט צו דערקענען אין אַלע איהרע פאָרמען איז דער מענשליכער אינטעלעקט.

מעטאַפיזיק: גאָט אַליין בעוועגט נישט די שטערען, זיי בעוועגען זיך דורך זיין אינטעליגענץ וועלכע איז די אורזאַך. זאָגען אַז גאָט בעוועגט עפּעס הייסט ווי זאָגען אַז גאָט איז אַן אָרגאַניזירטעס וועזען. גאָט איז אַן איינהייט, אַן איינפאַכהייט, אַבער נישט אַ פעראייניגונג. זיין אינטעליגענץ קאָן זיכזעלבסט, און קאָן אויך זיין אורשפּרונג. נויט, זייענדיג דאָס אור־פּרינציפּ זעלבסט, האָט זי קיין צוועק. דערפאַר בעגרייפט מען איהר אַלס צופאַל. נויט אייסערט זיך אין אַ סעריע פון פאָרמען דורך אַ סעריע פון פאָדערונגען. צוזאַמען שאַפען זיי די עקזיסטענץ. די פערשיעדענע פאָרמען פון דער נויט זיינען אַבער נישט געבונדען אונטעראַנאַנדער. זיי האָבען נאָר אַן עהנליכקייט מיטאַנאַנדער אַבער קיין פערבינדונג. די נשמה קריגט איהר פאָלקאָמענהייט נאָך איהר בעפרייאונג פון דעם קערפּער. זי ווערט דעמאָלט בעוואוסט איבער דאָס אונבעוואוסטע. אויב זי האָט געהאַט אַ אין איהר פּראַקטישען לעבען אַ זויבערע איבונג האָט זי קיין שטערונג אויף איהר וועג צו דער פאָלקאָמענהייט.

עטהיק: זייט אָנפאַנג פון דעם מענשליכען דאַזיין פיהלט דער מענש אַ נויט פאַר אַ פעראייניגונג. צוליעב מיעדיגקייט, עלטער, און קראַנקהייט איז ער געצוואונגען זיך צו בעזעצען אויף אַ פּלאַץ, דאָס נעקסטע איז דער פּלאַהן פאַר אַ הויז, פאַר געהילף. די אינערליכע און די אויסערליכע נויטווענדיגקייטען האָבען בעשטימט דעם מאַן צו ווירקען אויף דר׳אויסען, און די פרוי אינווענדיג. אַ גוטער מאַן איז דער וואָס זאָרגט פאַר זיין הויז, און אַ גוטע פרוי איז די וואָס זאָרגט פאַר איהר מאַן און זייערע קינדער. אין אַ פאַמיליע מוז זיין אַן אויטאָריטעט וועלכע מוז רעספּעקטירט ווערען. די ערפאַהרונג וואָס דער מאַן מאַכט אין דער אויסערע וועלט גיט איהם דיעזע אויטאָריטעט. די פרוי וועלכע איז בעשעפטיגט מיט שעהנהייט פון איהרע קליידער פערגעסט איהר חוב צום מאַן מיט איהרע קינדער.

אין סינאַ און אַוועראָעס (ז.ד.) זיינען בעטראַכט אַלס די צוויי רעפּרעזענטאַנטען פון דער אַראַבישע פילאָזאָפיע. זיי האָבען די שאָלאַסטיק (ז.ד.) אויפגעהויבען צו דער העכסטער מדריגה. אויבוואויל זיין גרעסטער טייל פון דענקען ליגט אונטער דעם אַריסטאָטעלשען איינפלוס איז אָבער איבן סינאַ אין פיעלע שטעלען אַזוי אָריגינאַל אַז ער איבערטרעפט אַריסטאָטעלס. פינף הונדערט יאָהר זיינען זיינע ווערק געוועזען אַנערקאַנט אין אַלע עוראָפּעישע אוניווערזיטעטען אַלס לייט־פאָדים. זיי זיינען געברויכט געוואָרען אַלס שוהל־ביכער אין די אוניווערזיטעטען פון לאָוואַין און מאָנטפעליע ביז 1650. איבערהויבט איז עס געוועזען מיט זיין פיזיאָלאָגיע, פּאַטאָלאָגיע, היגעניע, און זיין מאַטעריאַ מעדיציאַ. זיינע ווערק זיינען מעהרסטענטיילס גערימט צוליעב זייער מערקווירדיגע קלאָהרהייט און זעהר שעהנעם סטיל.

איבן פאַזלאַן, דער ערשטער אַראַבישער געלעהרטער וועלכער האָט בערייזט די וואָלגאַ געגענדע און האָט געגעבען אַן אויספיהר־ליכע בעשרייבונג פון די רוסען אין איהר 922 יצר'.

איבן קאַזרא ז. "מנשה איבן קאַזרא".

איבן ראַשיד ז. "אַווראָעס".

איבן שאַפרוט ז. "חסדאי".

איבן פולגאַר, אַ שפּאַניש־יודישער פילאָזאָף און פּאָעט. האָט געלעבט אין די ערשטע העלפט פון 14טען יאָהר־הונדערט. ער האָט איבערזעצט אייניגע שריפטען פון יצחק אַלבאַלי, געשריבען אייניגע ווערק פון גרויסער וויכטיגקייט, אין וועלכע ער צייגט אַ מערקווירדיגען כח צו דיספּוטירען איבער רעליגיעזע פראַגען. איבערהויבט צייכענט ער זיך אויס אין זיין "ער הדעת" אין 5 חלקים אין אַ דיאַלאָגישען פאָרם. זיין ווערק פון שירים איז גוט אַבער זיין גרויסקייט זעהט זיך אין זיינע פּראָזאַישע ווערק פון וועלכע עס זיינען אַרויס נישט אַלע. ער בעשטרייט דאָס קריסטענטום אונערשראָקען, און צייגט אַן אַז דער גאַנצער פונדאַמענט פון קריסטענטום איז געבויט אויף אַ פיגוראַטיווע איבערזעצונג אָדער אויסטייטשונג פון דער ביבעל. פיגוראַטיווע איבערזעצונגען זיינען שלעכטע רעפּרעזאַנטען פון דעם אָריגינאַל. ער בעשטרייט אויך די אַסטראָלאָגיע, די פריידענקער און די סקעפּטיקער. זיינע ווערק האָבען געדיענט אַלס אַן אַרסענאַל פון וואַפען פאַר פיעלע שפּעטערע דיספּוטאַנטען.

איבן שלביב, אַ יורישער דיפּלאָמאַט און מעדיציינער. ווייל ער איז געוועזען גוט בעקאַנט מיט דער אַראַבישער שפּראַך ווי און די אַראַבישע ליטעראַטור האָט אַלפאַנזאָ איהם אַנגעשטעלט אַלס פּריוואַט־סעקרעטער. גייאַנגאָס, אין זיין "היסטאָרי אָוו דהי מאַהאָמעדאַנס אין ספּאַין" דערצעהלט ווי אין 1082 איז דער יוד איבן שלביב געקומען פון שפּאַניען מיט אַ פּאָאָר שפּאַנישע ריטער נאָך סעוויל, איינצומאָהנען דעם יעהרליכען מס פון אַלמוטאַמעד פאַר דעם קעניג פון שפּאַניען. ער, זייענדיג דער אייגציגער פון זיי וואָס האָט געקאָנט אַראַביש איז זעלבסט־פערשטענדליך געוועזען זייער פאָרשפּרעכער. ווי נאָר די דעפּוטאַציע האָט אויף דר'אויסען וואַרטענדיג געלאָזט וויסען נאָך וואָס זיי זיינען געקומען האָט דער סולטאַן גלייך צו זיי אַרויסגעשיקט דאָס געלד. דער יוד האָט זיך ענטזאָגט צו נעהמען דעם סולטאַנס געלד און געזאָגט אַז ער וויל גאָלד. דאַביי האָט ער אויך געזאָגט אַז נעקסט יאָהר וועלען זיי זיך נישט בעגניגענען בלויז מיט גאָלד נאָר, זיי וועלען אויך צונעהמען אַלעס וואָס דער סולטאַן פערמאָגט. ווי דער סולטאַן האָט דאָס געהערט האָט ער בעפוילען מען זאָל דעם יודען ברענגען צו איהם און ער האָט איהם געלאָזט צו־נאָגלען צו אַ קלאָץ, און די ריטער האָט ער געוואָרפען אין געפענגניס. אַז אַ יוד זאָל האָבען אַזויפיעל חוצפה איז אונפערשטענדליך, סיידען אַלפאַנזאָ האָט איהם אַזוי בעפוילען און אַז ער האָט געמוזט אַזוי האַנדלען.

איבסאַמבול, ז. "אַבוזאַמבול"

איבסען הענריק, אַ נאָרוועגישער פּאָעט און וועלט געריהמטער דראַמאַטורג. געב. אין דעם קליינעם האַפען־שטעדטעל סקיען 1828 און געשט. אין קריסטיאַנאַ 1906. איז געוועזען דאָס עלטעסטע קינד אין דער פאַמיליע. ביי זיין געבורט איז זיין פאָטער געוועזען אַ רייכער סוחר, און ווען ער איז אַלט געוועזען 8 יאָהר איז דער פאָטער שוין

געוועזען אַן אָרימאַן. דערפאַר האָט ער נישט געקאָנט בעקומען אַ בעדייטענדע בילדונג.

איבסענס יחוס איז בעשטאַנען פון דייטשען, סקאָטלענדער, דענער, אָבער קיינע נאָר וועגער. אין זיין גאַנצע רייהע פון אָבות איז קיינער געוועזען אַ שרייבער אָדער אַ דענקער. דער גרעסטער טייל פון זיי איז געוועזען מאַטראָזען. ער אַליין האָט אין זיין יוגענד נישט געוויזען עפּעס פון די מערקווירדיגקייטען וואָס מען איז געוואוינט צו געפינען ביי זשעניען. ער פלעגט אַרום געהען צייכנען אָבער אָהן טאַלענט. דער פאָטער האָט איהם אַוועקגעגעבען פאַר 7 יאָהר אויף דער לעהר צו אַן אַפּטייקער אין דעם קליינעם שטעדטעל גרימסטאַד. דאָס איז געוועזען צו זיין 16טען געבורטסטאָג. צוויי יאָהר פאַר דיעזען טערמין איז געוועזען די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע אין פּאַריז. אויף דר'אויסען פון פראַנקרייך האָט עס געשטורמט מיט מלחמות אַרום נאָרוועגען. דער יונגער איבסען איז פון דיעזע שטורמען אויפגעוועקט געוואָרען צו שרייבען. ער האָט זיין ערשטעס פּאָעטישע ווערק Catilina פערפערטיגט אין לעצטען יאָהר פון זיין טערמין. דאָס איז געוועזען אַן ערשטלינג, אַ מיסגעבורט, וועלכעס ער האָט פּרובירט מיט 25 יאָהר שפּעטער צו ראַטעווען דורך איבערטרייבען, אָבער אָהן ערפאָלג.

דערוויל האָט ער געלעבט אין דחקות. ער האָט מיט צוויי יונגע פריינד געגרינדעט אַ סאַטיריש-פּאָליטיש וואָכענבלאַט. דאַרין האָט ער פּרובירט זיין פּאָעטישען גייסט צו ענטוויקלען נאָך אַלע זייטען. ער האָט געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די דריי קריטיקער בראַנדעס, פּעטערסען און באַנג. דער צווייטער האָט איהם געראַטהען צו אויפגעבען די פּאָעזי און זיך בעסער נעהמען צו פילאָזאָפישע פּראָבלעמע. פאַר אַ לאַנגע צייט איז איבסען געוועזען ברוגז אויף פּעטערסען דאַפיר. ער האָט זיך געגלויבט צו זיין אַ וואונדער גוטער פּאָעט, און ער האָט ווי אויף להכעיס פערפאַסט נאָך אַ פּאָאָר דראַמען אין דעם פּאָעטישען סטיל, אָבער זיי זיינען אַלע נישט געלונגען. ער האָט אויפגעפיהרט זיין "היהנער-גרוב" מיינענדיג אַז ער וועט דערמיט בעזיעגען פּעטערסען, נאָר ווען ביערנסאָן האָט איהם שוין אויך געראַטהען צו פערלאָזען די פּאָעזיע האָט ער געענטפערט מיט כעס:— אויב איך קאָן נישט בויען וועל איך אַלעס אַרונטער רייסען.

זיין וואָכענבלאַט "די מאַנדען" האָט נישט דערגרייכט אַ הונדערט לעזער. דערפאַר האָט ער זיך דאַדורך געשאַפען טויזענדער שונאים. זיין גליק איז געוועזען וואָס אין דעם טעאַטער פון בערגען איז געוועזען אַ וואַקאַנס פאַר אַ רעזשיסער. די קריטיקער זיינע האָבען איהם פּאָרגעשלאָגען, און אין 1851 איז ער אַוועק צו זיין נייע שטעלע אין בערגען אויפגעבענדיג זיין בלאַט נאָך אַ לעבען פון 9 מאָנאַטען.

לויט זיין קאָנטראַקט מיט דעם טעאַטער האָט ער געהאַט אויפצופיהרען פרעמדע דראַמען, און חאָטש איינמאָל אין יאָהר זיין אַן אייגענע דראַמע. ער האָט אויך געדאַרפט פאָהרען אין קאָפּענהאַגען און אין דרעזדען צו שטודירען די דאָרטיגע טעאַטער דעקאָראַציעס. אין די 5 יאָהר וואָס ער האָט דאָרט געאַרבייט האָט ער געלערנט די טעאַטער טעכניק, און דאָס האָט איהם זעהר פיעל געהאָלפען פאַר זיין קינפטיגע קאַריערע. אַלע זיינע פאָלגענדע ווערק האָבען געוויזען סימנים דערפון. מעהר ווי דאָס האָט ער אין בערגען נישט פעריבעריגט. דאָס טהעאַטער האָט באַנקראָטירט און ער איז ווידער געבליבען אָהן ברויט. אין 1857 בעקומט

ער אַן עהנליכע שטעלונג אין קריסטיאַנאַ, ער האָט אָבער אויך דאָרט נישט געהאַט קיין ערפאָלג פון זיינע ווערק. זיין "היהנער גרוב" איז איהם ענטזאַגט געוואָרען איינציגע מאָל. ער האָט אָנגעשריבען "די קאָמעדיע דער ליעבע" האָט ער זיך דורך איהר איינ־געקויפט שונאים. אויבוואויל דאָס שטיק איז אַן־אונ־פאַרזיך זעהר וויציג און אַמוּ־זאַנט האָט עס אין קיין אַנדער שטאָדט נישט געקאָנט אויפגענומען ווערען, אַחוץ אין זיין טעאַטער. יעדער דירעקטאָר האָט דאַרין געפינען טעכנישע פעהלערען און אַ אונמעגליכע עטהיק. ענדליך איז איהם געלונגען אַ דראַמאַ "די פּרעטענדערס", אַבער אויך דיעזעס מאָל האָט זיין טעאַטער באַנקראָטירט און ער איז ווידער געבליבען (אין 1864) אָהן ברוידט.

נאָרוועגען איז איהם פערמיאוסט געוואָרען. ער האָט גענומען טראַכטען וועגען פערלאָזען זיין פאַטערלאַנד. דאָס נאָרוועגישע פאַרלאַ־מענט בעשטימט איהם אַ דיכטערס פענסיע אַבער דאָס האַלט איהם גאָר נישט צוריק פון זיין בעשלוס און ער איז ענדליך אַוועק נאָך דייטשלאַנד, וואו ער האָט געפינען אַ ליטעראַרישע וועלט, פול מיט לעבען און רייך אין אַקטיוויטעט. דאָס האָט איהם געמאַכט פיהלען אַז זיין היים איז דאָרט וואו ער קאָן ווירקען און אויפוויקלען זיינע פעהיגקייטען, און נישט בלויז אַ געבורטס־אָרט. זיין ליעבע צו זיין פאַטער־לאַנד איז איהם גלייך אָבגעשטאָרבען. ער שרייבט אין איינעם פון זיינע בריעף: "עס איז שווער צו לעבען צווישען פריינד און בלייבען זעלבסשטענדיג. פאַר דעם פאַסט נישט צו טהון דאָס, און פאַר דעם אַנדערען עפּעס אַנדערשעס. עס ווילט זיך אָבער טהון וואָס עס ווילט זיך טהון, און מען פיהלט זיך ווי פערשקלאַפּט צו דער פריינדשאַפט. אין קיין לאַנד פיהל איך מיך נישט אַזוי פרעמד ווי אין מיין נאָרוועגען. איך האָב פּראָגרעסירט. איך האָט אָנפאַנגס זיך געפיהלט אַ נאָרוועגער, איך האָב פּראָגרעסירט און בין געוואָרען אַ סקאַנדינאַוויער, יעצט האָב איך דערגרייכט דעם טעוטאָניזמוס". צו וויליאַם אַרטשער, דעם איבערזעצער פון זיינע ווערק אין ענגליש, זאָגט ער: "מיך פערדריעסט וואָס איך האָב נישט געלערנט די ענגלישע שפּראַך אין צייט. איך פיהל אַ חשק צו לעבען אין לאָנדאָן. עס דוכט זיך מיר, אַז דאָרט וואָלט מיין סקאָטיש בלוט זיך געפיהלט לעבענדיגער.

זיין גרויסקייט האָט זיך אייגענטליך אָנגעהויבען מיט די "זיילען פון דער געזעלשאַפט" פון 1877. אַלע זיינע פריהערדיגע ווערק זיינען געוועזען פּאָעטישע, און אַלס זעלכע, האָבען דיעזע ווערק אין בעסטען פאַל איהם נאָר געקאָנט גלייכשטעלען צו אַ גרויסען, אָדער צו איינעם פון די גרעסטע פּאָעטען. איבסען האָט זיך אָבער געגלויבט צו זיין דער "איבערמענש" און אַזאַ שטופע וואָלט איהם ווייט נישט צופריעדענגעשטעלט. מען האָט איהם פאָרגעוואָרפען אַז ער איז בעאיינפלוסט געוואָרען פון ניעטשע, האָט ער דערויף געענטפערט, אַז ער האָט ניעטשע נישט געלעזען, אַז ניעטשע האָט איהם יאָ

געלעזען. מיט „די זיילען פון דער געזעלשאַפט" האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אויף דעם סאָציאַלען באָדען, מיט אַ פילאָזאָפישען בליק, אין אַ פּאָזיציע וואו קיינער איז פאַר איהם נישט געשטאַנען. „די גייסטער", „די ווילדע ענטע", „דער פיינד פון פאָלק", „ראָזמערסהאָלם", „העדדאַ גאַבלער", „דער בוי־מייסטער", „דער קליינער אָלעף", ווי „באָרקמאַן", און „ווען מיר טוידטע ערוואַכען" האָבען געפאָלגט איינס נאָך דאָס אַנדערע; אַלע פון דער סאָציאַלע וועלט, און אַלע ערפאָלגרייך. איבסען האָט אַלזאָ אויף דעם סאָציאַלען באָדען דערגרייכט די שטופע וואָס ער האָט געזוכט אין דער פּאָעזיע.

איבסען איז נישט געוועזען קיין ענו. ער האָט וועגען זיך גערעדט מיט אַ פעסט בעטאָנטען „איך". ווייל לייטע האָבען דאָס נישט ליעב געהאַט צו הערען האָט ער זיך געהאַלטען צוריקגעצויגען. ער איז כמעט שטענדיג געוועזען אַליין פאַרזיך. ער האָט פיינד געהאַט צו דיסקוטירען מיט יעמאַנד ווייל, ער האָט נישט ליעב געהאַט מען זאָל זיין אויטאָריטעט אַפילו בעצווייפלען. זיינע דיאַלאָגען אויף דער ביהנע זיינען מייסטערהאַפט און מען קאָן אויס זיי זעהען וואָס פאַר אַ גוטער דעבאַטאַנט ער האָט געקאָנט זיין אַבער, ער האָט בעסער געוואָלט דעבאַטירען מיט זיכזעלבסט, דורך אייגען געמאַכטע פיגורען, איידער מיט אַ זעלבסטשטענדיגען, וועלכער וואָלט איהם פּיעלייכט פּרובירען בעשטרייטען. דאָס מערקווירדיגסטע פון זיין פילאָזאָפיע איז, וואָס ער פּרעדיגט פולע פרייהייט פאַר דעם „איך" פון יעדען איינציגען, און ווי נאָר ער איז זיך צוזאַמענגעקומען מיט איינעם וואָס האָט געוואָלט זיין „איך" שטעלען געגען איבסענס „איך", האָט זיך איבסען גלייך צוריקגעצויגען, ווייל, זיין „איך" האָט נישט געקאָנט פערטראָגען יענעמס „איך".

איבער דער פראַגע אויב איבסען בלייבט אונשטערבליך, זיינען אַלע קריטיקער איינשטימיג אַז נייז. אַלס פּאָעט האָט ער נישט בעזאָדערעס געשאַפען. ווייל זיין גרויסקייט רוהט אויף דעם סאָציאַלען פעלד קאָן ער נאָר העכסטענס דויערען אַזוילאַנג ווי דיעזער טיפּ סאָציאָלאָגיע. עקזיסטירט וועלכען ער האָט אויפגעוויקעלט. סאָציאַלע פּראָבלעמע זיינען אין אַלגעמיין נישט פון לאַנגען דויער. קאַרל מאַרקס איז היינט בלויז אַ סימבאָל. זיינע טעאָריען זיינען צום גרעסטען טייל שוין אָבגעשטאָרבען. אַפילו דאָס הייפעל מאַרקסיסטען וואָס זיינען נאָך פערבליבען האָבען אַ גאַנץ קליינעם פּראָצענט פון די מאַרקסיסטישע לעהרען אין זייער מאַרקסיזם איבערגעלאָזען. דאַן ווידער בעשטעהט די גאַנצע גרויסקייט פון איבסענס דראַמען אויף די קריטיק פון דער היינטיגער געזעלשאַפט. די געזעלשאַפט אָבער שטעהט נישט. זי רעפאָרמירט זיך פון זיכזעלבסט זינט זי האָט זיך געגרינדעט. קריטיזירען קאָן מען נאָר אַ פאָרם, און אַזוי שנעל ווי דער פאָרם ענדערט זיך פאַלט די קריטיק. דאָס איז אייגענטליך דער גאַנצער קאַראַקטער פון די סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען, און דער גרעסטער פּראָבלעמאַטיקער פון דיעזען געביעט שטערבט מיט דער אומוועקסלונג פון די פּראָבלעמען וועלכע האָבען איהם גרויס געמאַכט.

פּסיכאָ־אַנאַליטיש ערקלעהרט זיך דער טיפּ פון איבסען בערך אַזוי: ער קומט פון אַ קליין שטעדטעל וואו גאַנץ קליינינקייטען שפּיעלען גרויסע ראָלען. דאָס שאַפט אַ בעגריף איבער קליינינקייטען וועלכע בילדען דעם שטאָף פון אַ קאַראַקטער אין יעדער פיגור פון אַ דראַמאַ. לעזענדיג געשיכטע

ווערט ער בעאיינפלוסט פון טהאַטען, און אונטער דיעזען איינפלוס ענטשטעהט די האַנדלונג פאַר די פיגורען אין דער דראַמאַ. זייענדיג אין דער גרויסע שטאָדט וויען וואו רייכטום און אַרמוט וואוינען צוזאַמען האָט ער געפינען די מאָטיווען פאַר דער דראַמאַ. אַלעס וואָס דאָ האָט געפעהלט איז אַביסעל טאַלאַנט און דער מאַן איז געמאַכט. עס זיינען אין זיין צייט געוועזען גרעסערע פילאָזאָפען פאַר איהם, אויך גרעסערע סאָציאָלאָגען, אָדער פסיכאָלאָגען. דער איינציגער אונטערשיעד צווישען איהם און יענע איז געוועזען, וואָס ער האָט געשריבען וואָס די סאָציאַליסטישע פראָפּאַגאַנדע פון יענער צייט האָט פערלאַנגט. דערפאַר האָבען די סאָציאַליסטישע פראָפּאַגאַנדיסטען איהם פּאָפּולער געמאַכט. זיי האָבען איהם צוגעפיהרט די מאַסע און די מאַסע האָט זיך צו איהם געבוקט.

זיינע ווערקע זיינען איבערגעזעצט געוואָרען אין אַלע שפּראַכען אין וועלכע דער סאָציאַליזמוס איז פּראָפּאַגאַנדירט געוואָרען. אַפּילו די יודישע איבערזעצער זיינען אויך אַלע סאָציאַליסטען. די פּאָעטישע ווערק זיינע זיינען זעהר זעלטען איבערזעצט, אין דער יודישע שפּראַך זיינען איבערזעצט בלויז די פּראָפּאַגאַנדיסטישע. מיר געבען דאָ אַ פערצייכניס פון זיי מיט די נעמען פון זייערע איבערזעצער:

"פאָלקספיינד", ש. יאַנאָווסקי, 1906
"די גייסטער", י. ענטין, 1907
"שטיצען ד. געזעלש.", פּרומקין, ?
"ווען מיר טויטע ערוו.", „ 1908
"העדדאַ גאַבלער", אַ. ים, 1910
"דער קליינער אַלעף", ק. טעפּער ?
"דער בוימייסטער", אַ. גאָלדווין 1910
"ראָזמערסהאָלם", „ 1910
"די פרוי פון ים", א. ים, 1910
"די ווילדע ענטע", פרומקין 1911
"יאָהאַן גאַבריעל באָרקמאַן", „ 1911
"נאָראַ", מ. ווינטשעווסקי 1915

איבסען זיגורד, נאָרוועגעשער שטאַאַטסמאַן, אַ זוהן פון דעם פּאָריגען. געב. אין קריסטיאַנאַ 1859. שטודירט אין מינכען און אין רוים. קריגט אין רוים זיין יוריסטישען דיפּלאָם אין 1884. 1 יאָהר שפּעטער ווערט ער געשיקט אַלס נאָרוועגישער קאָנסול אין וואַשינגטאָן, נאָכהער אַלס זאַלכער אין וויען. אין 1889 קומט ער צוריק אַ היים און נעהמט זיך צו ליטעראַטור. אין 1897 האַלט ער סאָציאָלאָגישע פּאָרלעזונגען אין דער אוניווערזיטעט, און אין 1898 ווערט ער דער אַרויסגעבער פון דעם וואָכענבלאַט "רינגערן". אין 1899 ווערט ער מיניסטער פון אייסערען. אין 1902 ווערט ער מיטגליד אין דעם פּאַרלאַמענט פון שטאָקהאָלם. ער צווינגט דאָס מיניסטעריום פון בלעהר צו רעזיגנירען און העלפט האַגערופּ בילדען אַ ליבעראַל־קאָנזערוואַטיוועס מיניסטעריום. ער בעקעמפט די ראַדיקאַלע פּאַרטייען אויף טריט און שריט. האָט אַרויסגעגעבען איניגע דיפּלאָמאַטישע און פּאָליטישע ווערק. די סאָציאַליסטישע וועלט וועלכע האָט זיין פאָטער אַזוי פּאָפּולער געמאַכט האָט זיך אין דעם זוהן געפונען זעהר געטוישט. דער זוהן זאָגט אַז זיין פאָטער איז געוועזען אַ פּאָעט, אַ קינסטלער אָבער נישט אַ סאָציאַליסט ווי פיעלע פון די סאָציאַליסטען האָבען געמיינט.

איבעל, אַלעס וואָס איז נישט גוט ד.ה. נישט דורכאויס שלעכט נאָר, נישט גוט. אַלעס וואָס עס איז נישט גוט איז דעם גוטען נישט ערטרעגליך, דערפאַר קוקט דער איינפאַכער מענש אויף נישט־גוטעס ווי עס וואָלט זיין דורכאויס שלעכט. שלעכט איז רעלאַטיוו צום גוטען ווי די נאַכט איז צום טאָג; איבעל איז אונגערעכט אין געגענזאַץ

צו דער אַנערקאַנטע גערעכטיגקייט, אָדער אונמאָראַליש אין געגענזאַץ צו דער אַנערקאַנטע מאָראַל.

איבעקס, דער וויסענשאַפטליכער נאָמען פאַר "שטיינ־באָק" (ז.ד.).

איבער = נאָכאַמאָל. אַשטייגער ווי: איבער־זאָגען, איבער־קייען, איבער־שווענקען איבערייסען מיינט: איין זאַך רייסען אויף צוויי. איבערציהען: עפּעס פערדעקען מיט עפּעס, אָדער זיך איבערציהען פון איין אָרט צום צווייטען.

איבער-ביין, (אַנאַטאָם. Ganglion) אַ זעהר פערהאַרטעטע געשווילסט אין דעם פיזיאָלאָגישען קערפּער, איבערהויבט ביים האַנד־געלענק. מאַנכעמאָל אויך אויף איין אָדער ביידע קניען. דאָס בעשטעהט פון אַ צוזאַמענהויפונג פון אַ פערגליווערטע מאַטעריע אונטער די הויט און בלייבט דאָרט שטעקען ווי אין אַ האַרטען זאַק. פון וואַנען דאָס קומט איז נאָך אונבעוואוסט. מען רעכענט אַז עס קומט בירושה, מען ווייסט אָבער אַז עס זיינען דאָ אויך פיעלע וואָס האָבען עס אַלס אַן אייגענטום אָהן אַ ירושה דערפאַר איז מען געבליבען בספק איבער זיין אָבשטאַמונג.

- מען האָט איהם פּראָבירט היילען דורך צודריקען. דאָס האָט געפיהרט די מאַטעריע צו די נעבענליגענדע גליעדער און פעראורזאַכט פּאַראַליזע. דאָס אויסשניידען איז אָפטמאָל אונמעגליך ווייל, ער קאָן זיך געפינען אינצווישען אַ קראַנץ פון אַדערן.

איבערבעפעלקערונג - ז. "בעפעלקערונג" און "מאַלטוס".

איבערוועג פּראָפ. **פריעדריך**, אַ דייטשער פילאָזאָפישער שריפטשטעלער וועלכער האָט זיך געריהמט געמאַכט מיט זיין "גרונדריס דער געשיכטע דער פילאָזאָפיע". אַ ווערק פון 4 טיילען, יעצט אין דער 9טער אויפל.

איבערוס, (אויך גערופען: "עבראָ") אַ טייך אין דעם נאָרד־אָסטליכען טייל פון שפּאַניען, וועלכער איז געוואָרען אַ היסטאָרישע וויכטיגקייט צוליעב איניגע גרויסע מלחמות וואָס זיינען אויף איהם פאָהרגעקומען אין די פערשיעדענע צייטען. שוין אין דעם פּונישען קריעג פון 182—102 פיצר׳ איז דאָ פאָהרגעקומען אַ גרויסער שלאַכט. שפּעטער אין 1808 יצר׳ האָבען די פראַנצויזען דאָ געגעבען די שפּאַניער אַ גרויסע נידערלאַגע. אין פּעניכסולאַר קריעג פון יאָהר 1809 ביז 1813 זיינען דאָרט אַקטיוו געוועזען די שפּאַנישע פלאָטען אין פעראייניגונג מיט די ענגלישע.

איבערזעצונג. דאָס איבערטראָגען פון געדאַנקען אויס איין שפּראַך אין דער אַנדערע אַריין, שריפטליך אָדער מינדליך. עס זיינען פאַראַן פרייע און טרייע איבערזעצונגען. די אורזאַך איז ווייל, יעדע שפּראַך האָט געוויסע אייגענטימליכקייטען וועלכע לאָזען זיך נישט טריי איבערטראָגען. דערפאַר קאָן די בעסטע איבערזעצונג נישט זיין אַזוי גוט ווי דאָס אָריגינאַל. שאָפּענהויער זאָגט: "יעדע איבערזעצונג איז טוידט, איהר סטיל איז געצוואונגען און שטייף; פרייע איבערזעצונגען זיינען פאַלש, געדיכטע קאָן מען נישט איבערזעצען נאָר איבער דיכטען".

אַלס אַ קונסט: דער גוטער איבערזעצער ווייסט אַז אַ גוטע איבערזעצונג איז פיעל שווערער ווי שרייבען אַן אָריגינאַל, ווייל דאָס אָריגינאַל האָט צו טהון בלויז מיט איין שפּראַך, און די איבערזעצונג מיט צוויי שפּראַכען. נישט נאָר מוז דער איבערזעצער קאָנען ביידע שפּראַכען עגאַל גוט,

ער מוז זיי אויך קענען ביידע גרינדליך; וויסענשאַפטליך און טעכניש. איעדעס פאָלק האָט זיך זיין קולטור־שטופע. נאַך דיעזער קולטור־שטופע דענקט עס, און נאַך דיעזען געדאַנקען־גאַנג שרייבט עס אָדער רעדט. ביי אַן איבערזעצונג פון א שפּראַך וואָס ווערט גערעדט פון אַ פאָלק וואָס שטעהט אויף אַ הויכע שטופע, אַריין אין אַ שפּראַך פון אַ פאָלק אויף אַ נידריגערע שטופע, גיט דעם איבערזעצער נייע שוועריגקייטען, וועלכע ער בעגעגענד נישט אינצווישען ביידע שפּראַכען פון צוויי גלייך־שטופיגע פעלקער. פערשטעהט ער דאָס נישט דאַן גערעכטפער־טיגט ער דעם ביטערען אורטייל פון שאָפּענ־הויער שוין אויבען איז דערמאָנט. די מעהרסטע טהון דאָס.

איבסען איז איבערזעצט געוואָרען אין ענגליש פון אייניגע איבערזעצער, מען האָט זייערע איבערזעצונגען אויפגעפיהרט, אַבער זיי האָבען נישט געהאַט קיין ערפאָלג. ווי נאָר ווילליאַם אַרטשער האָט איהם איבערזעצט איז יעדע אויפפיהרונג געוועזען אַן ערפאָלג. שעקספּיער איז איבערזעצט געוואָרען פון צעהנדליגע דייטשע איבערזעצער, דורך קיינע פון זיי האָט זיך שעקספּיערס גרויסקייט נישט אַזוי גוט אַרויסגעזעהען ווי דורך שלעגעל׳ס איבערזעצונג. מיר האָבען פיעלע עהנליכע ביישפּיעלע אין אונזער יודישע ליטעראַטור. ווערקע פון געריהמטע אויטאָרען אין פרעמדע שפּראַכען זיינען איבערזעצט געוואָרען אין יודיש, פון שרייבער וועלכע האָבען, ענטוועדער איינע פון די צוויי שפּראַ־כען נישט גרינדליך פערשטאַנען, אָדער גאָר ביידע נישט; און אין פאָלגעדעסען האָט געפעהלט דער בעגריף פאַר די אַבזיכט וואָס דער אויטאָר האָט געזוכט מיט דער העכסטע מעגליכקייט פון זיין קונס צו ענטוויקלען. איבסען איז איבערזעצט געוואָרען פון זעקס יודישע איבערזעצער און בלויז די פון יאַנאָווסקי און ווינטשעווסקי זיינען טאָלע־רירבאַר. אָט איז למשל ״די שטיצען פון דער געזעלשאַפט״. אין דייטש הייסט עס ״די זיילען פון דער געזעלשאַפט״, אין ענגליש ״דהי פּיללאַרס אָוו סאָסיועטי״ וואָס מיינט פונקט ווי אין דייטשישען. אין אונזער יודיש ווייסט מען פון דעם וואָרט ״זיילען״ דורך דער ביבלישע געשיכטע פון שמשון הגבור. אויך איבסען זעלבסט האָט דיעזען אויסדרוק איבערגענומען פון דער ביבעל. דאַגעגען האָט דאָס וואָרט ״שטיצען״ פיעלע אַנדערע מיינונגען און פאָרמען. אַשטייגער שטיצען מיט געלד, מיט אַן עצה, זיך שטיצען אויף יענעמס מיינונג, אַ קראַנקען פוס שטיצען מיט אַ שטעקען א.ז.וו., א.ז.וו. אַלע ווייסען אַבער אַז ״זיילען״ האָט בלויז איין בעדייטונג: דער באַזיס פון דעם בנין וואָס געפינט זיך אויף זיי. דאָס האָט איבסען געמיינט און אַזוי האָבען איהם אַלע איבער־זעצער פערשטאַנען. ווען מען זעהט אַזאַ שטעכעדיגע מיסרעפּרעזענטאַציע שוין אויף דעם פאָדערבלאַט איז שוין נישט כדאַי מעהר אינוועניג אַריינצוקוקען.

מיר ווילען זיך דאָ נישט אָבשטעלען אויף פיעלע איבערזעצונגען. אונזער אַבזיכט איז דאָ נישט צו קריטיזירען נאָר צו בעלייכטען אונזער פראַגע. פאַר דיעזען צוועק האָבען מיר אויסגעקליבען אַן איבערזעצונג וואָס עס האָט געמאַכט אונזער גרעסטער יודישער דיכטער פון אונזער צייט. דערזעלבער איז אויך דער מיטפערפאַסער פון אַ גאַנץ נוצ־ליך יודישעס ווערטערבוך, און שוין דערפאַר אַליין פערדיענט ער אַלס ביישפּיעל אויפגע־פיהרט צו ווערען. מיר מיינען דאָ דאָס געדיכט ״האַיאַוואַטאַ״ פון לאָנגפעללאָו, אַ געדיכט וואָס פערדיענט איבערזעצט צו ווערען אין יעדער שפּראַך וואו עס איז

נאָכנישט איבערזעצט. דאָס אָריגינאַל לויטעט

Should you ask me whence these stories?
Whence these legends and traditions,
With the odors of the forests,
With the dew and damp of meadows,
With the curling smoke of wigwams,
With the rushing of great rivers,
With their frequent repetitions,
And their wild reverberations,
As of thunders in the mountains.

—

יהואָש'ס איבערזעצונג:—

פרעגט איהר מיך, וואו כ'נעהם די מעשות
די ספורים און די סקאַזקעס,
מיט די ריחות פון די וועלדער,
מיט דעם דופט און טהוי פון לאָנקעס,
מיט די רויכקרייזען פון וויגוואַמס,
מיט דעם רעש פון שטאַרקע שטראָמען,,
מיט די אָפטע ווידערקלאַנגען
ווי אין בערג די דונער־קלאַנגען?—

—

ע. איידלין־טראַממער'ס איבערזעצונג:—

פרעגסט, פון וואַנען אַלע מעשות,
די לעגענדען און טראַדיציעס,
מיט די דופטען פון די וועלדער,
מיט דעם טהוי פון פייכטע לאָנקעס,
מיט געקרייזטען רויך פון וויגוואַמס,
מיט'ן רויש פון גרויסע טייכען,
וועלכע שלענגלען זיך און דרעהען,
מיט די ווילדע ווידערקלאַנגען,
ווי אין בערג דער קראַך פון דונער?

פערגלייכט מען טראַממער'ס מיט דעם אָריגי־נאַל דאַן זעהט, ווי לייכט עס איז דאָ מעגליך געווען פאַר יהואָש צו בלייבען טריי צום אָריגינאַל און ער איז עס נישט. פערבעסערען לאָנגפעלאָו האָט ער נישט נייטיג געהאַט, און ער האָט עס אויך נישט געטהון. דער זאַץ: "וואו כ'נעם די מעשות" איז פאַלש. דאָס אָריגינאַל זאָגט: "פון וואַנען". לאָנגפעללאָ געברויכט די ווערטער: "סטאָריעס, לעדזשענדס ענד טראַדישיאָנס" דאָס זיינען דריי פערשי־דען מיינענדע ווערטער, יהואָש זעצט זיי איבער מיט: "מעשות, ספורים און סקאַזקעס" דאָס זיינען דריי ווערטער מיט איין מיינונג אין דריי שפראַכען. סטאָריעס מיט מעשות, איז גוט, אַבער, לעדזשענדס ענד טראַדישיאָנס מיט ספורים און סקאַזקעס—שלעכט. דיעזע צוויי ווערטער זיינען אַפילו נישט נייטיג געוועזען איבערזעצט צו ווערען ווייל, זיי זיינען נישט ענגליש. זיי געהערען צום פרעמד־ווערטערבוך פון דער ענגלישע שפראַך. זיי זיינען דאָס אייגענטום פון אַלע שפראַכען זיי זיינען שוין לאַנג איינגעבירגערט אויך אין דער יודישע שפראַך. דאָס זיינען "לע־גענדעס און טראַדיציעס". דאָס געברויכען פון אַ רוסישען וואָרט (סקאַזקעס) אין אַ יודישע איבערזעצונג פון אַן ענגלישען גע־דיכט, בעת עס איז דאָ דאַפיר דאָס ריכטיגע יודישע וואָרט, איז זעהר שלעכט. יהואָש געברויכט "ריחות" וואו ער האָט געדאַרפט האָבען "דופטען" און וואו ער געברויכט "דופט" האָט ער געדאַרפט האָבען "פייכטע" ווייל, וועלדער דופטען און טהוי איז פייכט. אַזוי זאָגט אויך לאָנגפעללאָ. נון, פערג־לייכען מיר פאָלגענדע ציילע מיט ביידע איבערזעצונגען וועט זיך דער אונטערשיעד נאָך בולט'ער אַרויסזעהען:

לאָנגפעללאָ

As of thunders in the mountains.

יהואָש

ווי אין בערג די דונער־קלאַנגען.

טראַממער

ווי אין בערג דער קראַך פון דונער.

אַ דונער קראַכט, נישט ער קלינגט. דאָס ווייסט יהואָש אויך. דאָס ווייזט אַבער אַז יהואָש איז קיין מייסטער איבער דער ענגלישע שפראַך.

קולטור־פאַקטאָר: עס איז פאַראַן איין

שפּראַך וואָס די גאַנצע מענשהייט פערשטעהט גוט, און אַ גרויסע צאָהל פון חיות פערשטעהן צוביסלעך; דיעזע שפּראַך הייסט "מוזיק". אונטער דיעזע שפּראַך לעבט אַלעס אין האַרמאָניע. זי האָט נאָכנישט פעראורזאַכט קיינע מלחמות, זאָגאַר קיין צוויסטיגקייט. עס קאָנען זיצען צוזאַמען מענשען פון אַלע פעלקער אין איין פערזאַמלונג, איז שוין פּאָפּולער געוואָרען אין ענגלאַנד און אין אַמעריקאַ דורך וויליאַם אַרטשערס איבערזעצונגען, האָט ער געמעגט קומען אין דיעזע צוויי לענדער אָהן צו קאָנען אַ וואָרט ענגליש, און מען וואָלט איהם דאָרט עמפּפאַנגען מיט פּאַראַד (ז. פּאָררײדע צו דיעזען באַנד).

וויפיעל קענטנים עס איז נייטיג פאַר אַ גוטען איבערזעצער קאָן מען זיך פאָרשטעלען פון דעם פאַקט: מיליאָנען געלד האָט שוין געקאָסט צו קריגען אַ קאָרעקטע איבערזעצונג פון אונזער ביבעל אין דער ענגלישע שפּראַך אַריין, און לויט וואָס עס איז ביז יעצט אויפגעטהון געוואָרען זעהט עס אויס האַפּנונגסלאָז. איינפאַך וויל, אין די ענגליש־שפּרעכענדע לענדער שטעהט נאָך די פילאָלאָגישע וויסענשאַפט אויף אַ זעהר נידריגע שטופע. דייטשלאַנד האָט דיעזע וויסענשאַפט געבראַכט צו דער העכסטע שטופע דערפאַר האָט זי די בעסטע ביבעל־איבערזעצונג אָהן צו האָבען געספּענדט אַזויפיעל געלד. די דייטשען האָבען נישט נאָר פערשטאַנען די העברעישע שפּראַך גוט, נאָר זיי האָבען איהר זאָגאַר פערשטאַנען אויסצובעסערען, וועהרענד די ענגליש־שפּרעכענדע פעלקער מאַטערען זיך איהר צו פערשטעהן.

די יודישע ראָלע: פערפאָלגט און געטריבען פון זיין געבורטס־אָרט איבער דער גאַנצע וועלט, צווישען פעלקער פון אַלע שפּראַכען, האָט דאָס יודישע פאָלק מיטגעשלעפּט מיט זיך די שפּראַכען פון זיינע געבורטס־אָרטען אין דער פרעמד אַריין, און מיט דער צייט אויך זייערע ליטעראַטורען. צוערשט האָט עס דער וועלט געגעבען אַ ביבעל אין זיין אייגענע שפּראַך, וועלכע איז מיט דער צייט איבערזעצט געוואָרען אין 600 שפּראַכען אַריין. נאָכהער האָט עס איבערזעצט אַלע וויסענשאַפטליכע און מענשען וועלכע פערשטעהן זיך זאָנסט נישט צונויפצורײדען צוליעב די פערשיעדענהייט פון זייערע שפּראַכען, וועלען זיי זיך גוט פערשטעהן אונטער דיעזע שפּראַך. ליידער איז דיעזע שפּראַך נישט ווייטגרייכענד גענוג צו פערנעהמען אַ גרעסערן פּלאַץ אין אונזער אַקטיווען לעבען. צו אַזאַ האַרמאָניע שטרעבט די קולטור דער מענשהייט. די שפּרעכענדע שפּראַך איז נאָר אַ פּאָרטזעצונג פון דער מוזיקאַלישע. זי ווערט אָבער נישט אָבגעהיט מיט דערזעלבע קונסט און פּאָרזיכטיג ווי עס היעט דער מוזיקער די מוזיקאַלישע שפּראַך. און ווען עס געלונגט אַ גוטען איבערזעצער צו איבערטראָגען אַ גוט געשריבענעם ווערק אין אַן אַנדערע שפּראַך אַריין, האָט ער געהאָלפען דער קולטור צו ברענגען האַרמאָניע צווישען די ביידע פעלקער וואָס רײדען די שפּראַכען מיט וועלכע ער האַנדעלט. נאָכדעם ווי איבסען איז שוין איבערזעצט געוואָרען אין די פיעלע שפּראַכען, האָט ער שוין געקאָנט פּאָהרען איבעראַל, און לעבען מיט כבוד, צווישען פעלקער, וועלכעס לשונות ער האָט נישט פערשטאַנען.

דער גוטער איבערזעצער האַלט אימער אין זינען אַז, אין צוויי שפּראַכען גיט עס נאָר איין דאָבעלטער אויסדרוק פאַר איין און דעמזעלבען געדאַנק; אַז זיין ערשטע אויפגאַבע איז צו געפינען דעם גלייכען אויסדרוק אין דער אַנדערע שפּראַך. אַזויאיינער וועט

נישט אָבטרעטען פון דיעזען פּרינציפּ פריהער ביז ער האָט זיך פאָלקאָם איבערציינט אַז דאָס איז אונמעגליך. ער וועט אָבער צוליעב דער אונמעגליכקייט פון איין פאַל נישט פערלאָזען דיעזען פּרינציפּ ביי די אַנדערע פעלע וואו עס איז יאָ מעגליך. דאָרט וואו עס איז איהם אונמעגליך צו געפינען דאָס ריכטיגע וואָרט וועט ער וועניגסטענס זוכען צו רעפּרעזענטירען דעם פאָרם פון דעם אָריגינאַל־געדאַנק. ער וועט זאָרגען אַז די אַקטיוויטעט אָדער פּאַסיוויטעט פון דעם אָריגינאַל־געדאַנק זאָל זיך בולט אַרויסזעהען אין דער איבערזעצונג ווי אין דעם אָריגינאַל שיללער זאָגט: "אין אַ קליינעם פּונקט (.) ליגט אַמאָל די העכסטע קראַפט".

איבעריאַ, אונטער דיעזען נאָמען האָבען די אַלטע גריכען און רוימער פערשטאַנען דאָס וואָס מיר רופען היינט "געאָרגיאַ" (ז.ד.)

איבער־יאָהר, ז. "עבור־יאָהר"

איבערים, נאָמען פון אַ האַלב־שטרויך פלאַנץ (שלייפען־בלום) אויס דער גאַטונג פון די קרוזיפירען. די בלעטער זיינען דיק, און טראָגען אַ סאָרט טרויבען. וואַקסט ביז 25 סענטימעטער הויך, בליהט איינמאָל אין יאָהר, מיט ווייסע בליטהען. אייגנעט זיך פאַר אַ קאַלכיגען באָדען. זיי געפינען זיך בערך 30 סאָרטען איבער מיטעל־, און זיד־עוראָפּאַ, ווי אויך אין קליין־אַזיען.

איבעריען, דער אַלטער נאָמען פאַר דעם יעצטיגען "געאָרגיאַ" (ז.ד.), אויך דער אַלטער נאָמען פון שפּאַניען, איבערהויבט די טיילען וועלכע זיינען אין בעריהרונג מיט דעם טייך איבעריוס.

איבעריער, איינס פון די ערשטע פעלקער וואָס האָבען בעוואוינט דעם וועסטליכען טייל פון עוראָפּאַ. זיי האָבען זיך מיט דער צייט אויסגעברייט גרופּען־ווייז אין שפּאַניען ענגלאַנד און האָלאַנד. זיי זיינען געוועזען אַ טהעטיגעס לוסטיגעס און קריעגעריש פאָלק (העללוואַלד קולט. געש. I 510) זיי האָבען זיך ענדליך פערמישט מיט די אָנוואַקסענדע בעפעלקערונג צווישען וועלכע זיי האָבען געלעבט. עס ווערט נאָכגעוויזען דורך די שעדעל־פערגלייכונג און דורך די שפּראַכ־פערגלייכונג אַז די שפּאַניער, קאַנטאַבאַרער, באַסקען, אילערגעטען ליגורען, אַקוויטאַנער, און די טורדיטאַנער שטאַמען פון די איבעריער לויט אַרכעאָלאָגישע אויספינדונגען ווערט בעהויבטעט אַז זיי ההאָבען אין שפּאַניען איינגעפיהרט די קונסט צו בעאַרבייטען אייזען, זילבער און צין.

איבירישע בערג. אַ גרופּע בער ביים אָסטליכען ראַנד פון דעם שפּאַנישען טאַפעל־לאַנד. זיי ציהען זיך פון נאָרד־וועסט נאַך עם זידליכען אָסטען. זיי ווערען בעצייכענט אַלס: דער וואַלענצי־זיד־קאַטאַלאָנישער בערג־וועג. דער נאָרדליכער טייל בעשטעהט פון קרייד־קאַלך, דער זידליכער אויס יוראַקאַלך און סילירישע שטיינער.

איבערישע האַלב־אינזעל, מאַנכעמאָל דער נאָמען פאַר די פּירענעישע האַלב־אינזעל פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל.

איבערישער ים, אין אַלטערטום דער טייל ים צווישען שפּאַניען און וואַלעראַן.

איבערליגען, נאָכאַמאָל דורכדענקען און פּרובירען קומען צו אַן אַנדערן בעשלוס. דאָאָס ווערט געטהון ווען מען פיהלט זיך זיך נישט זיכער מיט דעם ערשטען בעשלוס. אָדער ווען מען זעהט אַז דער ערשטער בעשלוס קאָן פיהרען צו אַ געפאַהר.

איבערליעפערונג, ז. "טראַדיציאָן.

איבער-מענש, נאָמען פאַר אַ שטאַרקען "איך" געשאַפען פון געטהע, און פון ניעטשע פערברויכט אין זיין פילאָזאָפיע אַלס דער נאָמען פאַר דעם קינפטיגען מענשען, נאָכדעם ווי נאָר דער היינטיגער וועט אָבשטערבען. ניעטשע גיט נישט אָן די פעריאָדע אין וועלכער דער יעצטיגער מענש וועט זיין פלאַץ רייניגען פאַר דעם איבער-מענש, ער ווייזט אָבער אָן וואָס דער איבער-מענש וועט זיין, און אין וואָס ער וועט זיך אונטערשיידען פון דעם היינטיגען. דאָס, זאָגט ער, קאָן נאָר פּאַסירען פון צייט-צו-צייט און פון שטופּע-צו-שטופּע, ביז פון דעם היינטיגען נישטס ווירדיגען, וועט אַרויסקומען דער ערהויבענער "איבער-מענש" (ז. "איבסען", "געטהע", "ניעטשע", און "שטירנער").

איבערנאַהמס-פּרייז, אין דעם דייטשען קאָמערץ, דער פּרייז וואָס שליעסט איין, אויך די קאָסטען פון ליפערונג. ד.ה. דער פּרייז פון דער סחורה ביז דער אָנגעוויזענע שטעלע פון קויפער. דאָס שליעסט אָבער נישט איין די אויסערגעוועהנליכע קאָסטען וואָס קאָנען נישט אין פאָראויס אריינגערעכענט ווערען. אַשטייגער ווי רעפּעראַטור וואָס ווערט נייטיג דורך אירגענד אַ צופאַל.

איבערפאַל, אַן אונפאָרבערייטעטען געגנער ראַש אָנגרייפען. אין מלחמה פּאַסירט דאָס אויף צוויי אופנים: איבערפּאַלען אַ רוהענדען פיינד דורך אַ שנעלען מאַרש אָדער גאַלאָפּ, אָדער דורך פערשטעקען זיך אין אַ בעהעלטעניש אויף דעם וועג פון אַ מאַרשירענדען געגנער בכדי איהם אָנצוגרייפען אונערוואַרטעטער ווייזע בעת ער רעכט זיך נישט דערוף.

איבער-פלאַנץ, אַן אָרנאַמענט פלאַנצע פון וועלכע עס געבען 16 סאָרטען. איז צום ערשטען מאָל ענטדעקט געוואָרען בערך אין יאָהר 1823. זיי געפינען זיך יעצט אויך אין קענעדע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, זיד-עוראָפּאַ און אין קאַווקאַז. זיי ווערען קולטאָווירט צוליעב זייער שעהנהייט און

זייער אַנגענעהמען גערוך. זיי וואַקסען אין דעם געוועהנליכען גאָרטען, און בליהען איינמאָל יעהרליך צווישען אַפּריל און יוני. זיי ווערען אויך גערופען די שלייפּבלומען

איבערפּראָדוקציאָן, דאָס פּראָדוצירען מעהר אַלס מען קאָן געברויכען. זייט די ערפינדונג פון מאַשינען צו העלפען פּראָדוצירען מעהר, איז די "איבערפּראָדוקציאָן" געוואָרען אַ זעהר ערנסטע פראַגע אין דער פּאָליטישע עקאָנאָמיע. צוערשט האָט עס אויסגעזעהען אַז מיט דער פערמעהרונג פון מאַשינען קומט אָן אַ געוואַלדיגער קריזיס דורך איבערפּראָדוקציאָן. ד.ה. אַ צייט ווען אַלע מאַגאַזינען וועלען זיין איבערגעפּאַקט מיט סחורה, און די אַרבייטער וועלען שוין נישט האָבען וואָס צו טהון. שטעלט זיך אָבער אַרויס אַז דאָס וואָס עס געפינט זיך צופיעל אין איין לאַנד פעהלט אויס אין אַן אַנדער לאַנד, און דאָס מיט יעדע נייע פערבינדונג וואָס אייזענבאַהנען און שיפען מאַכען, גלייכען זיך אויס די איבערפּראָדוק-

ציאָנען פון אַלע לענדער.

די איבערפיהרונג פון די איבערפּראָדוקציאָנען פון איין לאַנד אין דעם אַנדערען אַריין, האָט אַריינגעפיהרט דיעזע פראַגע אין דער שטאַאַטס־אָרדנונג; ערשטענס, צוליעב די דיפערענצען אין די געלד־קורסען און צווייטענס, צוליעב דעם קרעדיט וואָס ווערט אין אַזאַ פאַל נויטיג. פאַר דיעזען צוועק האָבען שטאַאַטען צווישען זיך געוויסע אינטערנאַציאָנאַלע פערטראַגס צו מאַכען, די קרעדיטאָרען צו פערזיכערען מיט זייער קרעדיט אין אויסלאַנד. אין געוויסע פעלע וואו די געלד־קורסען שטערען אַזאַ אויסטויש צאָהלט דער שטאַאַט אַ פּרעמיום צו יעדען אויסליפערער, לויט די קוואַנטיטעט פון זיין אויסליפערונג נאַך דעם אויסלאַנד.

דער סאָציאַליזמוס לערנט אַז, אַזאַ פּרעמיום איז נישט נייטיג, אַז דער אויסטויש פון סחורה אויף סחורה ווערפט אַרויס די פּראָפּיטירער פון צווישען, און די פּראָדוצירער געווינען דאַדורך דעם גאַנצען פּראָפיט (ז. "פּאָליטישע עקאָנאָמיע").

איבערשווענונג, דער איבערגוס פון טייכען אָדער ימים וואָס פערפלייצט גרוסע שטרעקעס פון לאַנד. דאָס פּאַסירט דורך גרויסע רעגענס, און דורך דאָס שמעלצען פון שניי אָדער אייז־בערג. איבערשווענונגען ווערען לעצטענס אָפטער ווייל, פון צייט־צו־צייט ווערען די וועלדער אַלץ מעהר אויסגעהאַקט און די גרויסע שניי־בערג ווערען פריער צום ליכט־שיין. דאָס וואָס מען טרוקענט אויס די זומפּען צו קולטיווירען דעם באָדען, טראָגט אויך ביי זעהר פיעל דערצו. דאָס וואַסער ווערט דאַדורך געטריבען צו די נאָהנטעסטע טייכען, און טרייבט דיזעלבע איבער זייערע גרענצען.

איבראַהימיע, אַ קאַנאַל אין מיטעל־עגיפּטען וועלכער איז נישט לאַנג צוריק געשאַפען געוואָרען. ער איז 200 קילאָמעטער לאַנג. ער הויבט זיך אָן אין דעם סיוט, און פליעסט פון דאָרט דורך די פּראָווינצען סיוט און מיניעה.

איבראַהים פּאַשאַ, אַן אַדאָפּטירטער זוהן פון וויצע־קעניג מעהעמעד אַלי. ער איז געב. 1789 און געשט. אין קאַיראָ 1848. אין יאָהר 1819 בעזיעגט ער די מאַהאַביטען, און ווערט דאַדורך ערהויבען צום ראַנג פון פּאַשאַ איבער מעקאַ און מעדינאַ. ער האָט אָרגאַניזירט זיין מיליטער אויפ'ן עוראָפּעישען מאָדעל און געמאַרשירט

דערמיט ערפאָלגרייך אויף סענאַאַר און דאָנגאָלאַ. ער פיהרט די עגיפּטישע פלאָטע נאַך מאָרעאַ און ער עראָבערט קרעטאַ און פערוויעסט מאָרעאַ. אין דעם יאָהר 1831 האָט איהם מעהעמד אַלי אָבגעשיקט מיט מיליטער נאַך סיריען און ער האָט אויך גאַנץ סיריען איינגענומען נאָכדעם ווי ער האָט די טירקען געשלאָגען ביי האָמס און ביי קאָניאַ. אויף דיעזען פּלאַץ האָט איהם פּאַסירט אַ נס. ער האָט דאָ געהאַט בלויז 10,000 מאַן און דער סולטאַן האָט געשיקט געגען איהם 50,000 מאַן. אַ געדיכטער נעבעל איז געפאַלן איבער דעם גאַנצען דיספּוטירטען פּלאַץ. איבראַהים האָט זיך צוריקגעצויגען אין

דער פינסטערער זייט אַריין און געלאָזען זיינע אָנגרייפער אין דער ליכטיגקייט. זיינע שונאים האָבען איהם נישט געזעהען אָבער ער האָט זיי יאָ געזעהען. ער האָט זיי אַזוי צוטומעלט דאָס זיי האָבען זיך נישט דערקאָנט אין דער געדיכטע פינסטערניש און זיי האָבען זיך איינער דעם אַנדערען געשלאָגען מיינענדיג אַז זיי שלאָגען זיין חיל. אויף דיעזער אונגליקליכער וויזע האָבען די טירקען פערלוירען זייער לעצט אַרמיי אין יאָהר 1832. דער סולטאַן האָט זיך דעמאָלט געווענדעט צו ענגלאַנד נאָך הילפע אַבער זי האָט איהם איינפאַך איגנאָרירט. דעמזעלבען ענטפער האָט ער אויך בעקומען פון פראַנקרייך. רוסלאַנד האָט זיך אָנגעבאָטען אַבער מאָהאָמעד האָט איהר מורא געהאַט צו טרויען, אַזוי האָט ער זיך בעסער אונטערגעגעבען און מיט איבראַהים געשלאָסען דעם פריעדען פון 1833. רוסלאַנד האָט דאָס שטאַרק פעררדראָסען און זי האָט גענומען געהן אויף איבראַהים אונגעבעטענער הייט. ענגלאַנד און עסטרייך האָבען גלייך דערוף אַריינגעשיקט זייערע פלאָטען אין יפו צו פערהינדערען רוסלאַנד פון איהר אַבזיכט. דער צאַר האָט ענדליך געפועלט ביי ענגלאַנד צו פאָדערען איבראַהים זאָל פערלאָזען סיריען. איבראַהים האָט געפינען אַז ער קאָן ינשט מעהר שטעהען געגען אַלע האָט ער ענגלאַנדס פאָדערונג גלייך נאָכגעגעבען. מעהעמעד אַלי האָט איהם פאַר דיעזע גרויסע פעהיגקייטען בעשטימט צו זיין זיין נאַכפאָלגער, אַבער איבראַהים איז אינזעלבען יאָהר געשטאָרבען.

איבראַים, טירקישער סולטאַן צווישען 1640—1648. געב. אַלס דריטער זוהן פון אַכמעד דעם ערשטען. זיינע צוויי פאָריגע ברידער זיינען געשטאָרבען און ער האָט איבערגענמען דעם טראָהן פון זיין ברודער מוראַד. ער ווערט געשילדערט אַלס אַ גרויסער לײדענשאַפטליכער צו די פרויען פון זיין האַרעם, און אַז ער האָט געספּענדט אַלע שטאַאַטליכע איינקינפטע פאַר דיעזען צוועק. ער האָט טאַקסירט אַלעס וואָס עס איז מעגליך געוועזען, אַפילו אויך די רעליגיעזע אינסטיטוציעס. זיין מיליטער איז געוועזען הונגעריג און נאַקעט, די אָפּיצירען זיינען אַרומגעגאַנגען זוכענדיג אַ געלעגענהייט זיך מיט איהם אָבצורעכענען, אַבער דער מופטי האָט זיי פאַר אַ צייט צוריקגעהאַלטען נאָר, ווען דער מופטי האָט געזעהען אַז צו דער צרה קומט קיין ענד האָט ער איהם געגעבען אָנצוגעהערען אַז דאָס פאָלק קאָן זיך נישט איינהאַלטען און עס וועט רעוואָלטירען. איבראַים האָט דערפאַר אָנגעהויבען אַ מלחמה מיט די ווענעציאַנער זיי זאָלען איהם אַוועקגעבען קרעטאַ. דער מופטי האָט פערשטאַנען די אַבזיכט פון איבראַים און, אַלס ער איז געקומען אין דער מאָשעע פון דעם הייליגען אַכמעד האָט דער מופטי געפאָדערט פון איהם אַ גערעכטפערטיגונג פאַר זיינע טהאַטען. איבראַים האָט זיך געווייגערט, דער מופטי האָט גלייך ערקלעהרט אין נאָמען פון אַללאַה אַז ער, איבראַים איז אַראָבגעזעצט פון דער מלוכה. אין דער גאַנצע פערזאַמלונג איז נישט געוועזען איין מאַן וואָס זאָל זיך שטעלען אויף דער זייט פון איבראַים. איבראַימס זוהן איז גלייך געקרוינט געוואָרען, און איהם האָבען זיי גע'הרגט, איידער דער קריעג איז בעענדיגט געוואָרען.

איבראַים, אַראַבישע אומשרייבונג פאַר דעם העברעישען "אַברהם".

איבראַים אַדהאַם אַ קעניג פון באַלך וועלכער האָט זיך צוריקגעצויגען פון זיין מלוכה צוליעב אַ חלום און איז געוואָרען אַ דערוויש. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 880 ווען ער איז אַלט געוואָרען 110 יאָהר.

אין זיין חלום האָט ער געזעהן אַ מענש זוכענדיג אַ קעמעל אויף זיין דאַך. אַלס ער האָט איהם געזאָגט אַז עס איז נאַריש צו זוכען אַ קעמעל אייף דעם דאַך, ענטפערט יענער אַז עס איז נישט אַזוי נאַריש צו זוכען אַ קעמעל אויף דעם דאַך, ווי זוכען ביי גאָט חן פאַר אַ קרוין. ווען איבראַים איז אויפגעשטאַנען האָט ער גלייך זיין מלוכה איבערגעגעבען און זיך געווידמעט צו דער רעליגיאָן.

איבריין אַ דאָרף אין קליין־אַזיען וואָס איז זעהר פּראָמינענט געוואָרען צוליעב די פּיעלע רעליעף־פּלאַטען, וואָס זיינען דאָרט ענטדעקט געוואָרען פון מאַיאָר פישער אין יאָהר 1838, און געקאָפּירט געוואָרען פון דייווויס אין 1875 און פון באָגאַרד אין 1890. דאָס דאָרף ליגט נאָרד־וועסטליך פון תרשיש אין סיליציאַ. די פּלאַטען זיינען געפינען געוואָרען אויף אַ פעלזען וואָס שטעהט נעבען אַ שטראָמענדען טייך, נאָהנט ביי דער בריק. די פיגורען און די שריפט פון די פּלאַטען שטאַמען אוים דער צייט פון די בני־חת וואָס זיינען דערמאָנט אין דער ביבעל.

איגאָרראָטען, אַ מאַלאַישעם פאָלק אויף דעם אינזעל לוזאָן אין די פיליפּינען. מען גלויבט זיכער אַז זיי שטאַמען אָב פון אַ געמישטעם בלוט אוים טאַנגאַלען, כינעזער, און יאַפּאַנעזער. זייער צאָהל איז אונטער 40,000 נפשות. זייער הויט איז קאַשטאַנענברוין, מיט בלויע טאַטאָווירונג אויף די אָרימס, הענד און ברוסט. די האָאָר פון גאַנצען לייב ווערען באַזויי אויסגעריסען אַ חוץ די פון קאָפּ. אויף די קעפּ טראָגען זיי טורבאַנען און אַרום די לענדען אַ פאַרטוך ביז די קניען, אָדער קירצער. אַטייל טראָגען אויך אַ שטיק טוך אַריבערגעוואָרפען איבער׳ן לייב. אַלס וואַפען טראָגען זיי געשמידעטע האַק־מעסער, שפּיעזען און בויגען. צום שוץ טראָגען זיי האָלצענע שילדען. זייערע וואוינונגען זיינען פּאַלבויטען (ז.ד.) זיי זיינען טיכטיגע אַקערבויער אַבער האָבען קיין לוסט פאַר פיה־צוכט. זיי פּראָדוצירען רייז, מאַיז, טאַבאַק, צוקער־ראָהרען, מאַנגאָ, און אָראַנזשען. זאַלץ געווינען זיי אוים קוואַלען, אַלקאָהאָל אוים רייז און צוקער־ראָהרען. מעבעל און קאָכגעשיר אוים אייזען ליים און האָלץ. זיי צייגען גרויסע פעהיגקייטען אין שניצען, שפּינען, וועבען און פלעכטען. אַלס מינען אַרבייטער ביי גאָלד, קופּער, זינק און אייזען איבערטרעפען זיי אַלע מאַלאַישע פעלקער. זיי לעבען מאָנאָגאַמיש. זיי בעגראָבען זייערע מתים אין האָלצענע קאַסטען. זיי גלויבען אין גלגול־נשמות. פאַר דער נשמה פון אַ פערשטאָרבענעם טאַטען האָבען זיי זעהר מורא. גאָט וואוינט איבער די שטערען. די זונן און די לבנה זיינען די שיצער פון מאַן און ווייב. פּריסטער זיינען מענער און אַלטע ווייבער.

די שפּאַניער זיינען צוערשט דאָרט אַהינגעקומען אין יאָהר 1660, שפּעטער אין 1829 האָט שפּאַניען זיי גענומען אונטער איהר שוץ. היינט זיינען זיי מיט די פיליפּינער צוזאַמען אונטער דעם אַמעריקאַנער שוץ.

איגואַווינישע טאַבעלען, זיבען גרויסע קופּערנע טאַבעלען מיט אומברישע שריפט וועלכע זיינען געפינען געוואָרען אין איגוביום אוים דעם יאָהר 1444. דיעזע געפינען זיך נאָך היינט אין דעם דאָרטיגען ראַטהויז אויסגעשטעלט. דערפאַר ווייל די שפּראַך איז שוין אַן אָבגעשטאָרבענע האָבען דיעזע טאַבעלען פערורזאַכט אַ גרויסע לעבהאַפטיגקייט צווישען די שפּראַך־פאָרשער אין דער וועלט. זיי זיינען בעשריבען אויף ביידע זייטען. די שריפט איז לעזבאַר. דער אינהאַלט איז פון אַ רעליגיעזען קאַראַקטער.

איגואַנאָדאָן, אַ גאַטונג פון די אויסגעשטאָרבענע ריעזען־טיערע אויס דער רעפּטילען פאַמיליע. דער ערשטער סקעלעט פון אַזוי איינעם איז געפינען געוואָרען פון דר. מאַנטעל, און איז אויפגעשטעלט געוואָרען אין מוזעום פון בריסעל אין יאָהר 1878. זייט דעמאָלט געפינען געוואָרען אין ענגלאַנד אין בעלגען, און אין אַנדערע שטעדט. אימער אין די קרייד־שיכטען.. דער פון בריסעל איז 14 פוס מיט 2 צאָל הויך, און פון דער דער מאָרדע ביז דעם עק פון ווידעל 23 פוס. פּראָפּ. אָוועץ רעדט פון איינעם וואָס האָט געמאָסטען 60 פוס לאַנג. זיין ענטדעקונג האָט פאַר דער וויסענשאַפט אַ גרוסע בעדייטונג וועיל, זיין בעשאַפענהייט בעשטעהט פון אייגענטימליכקייטען וועלכע געפינען זיך פערטיילט צווישען פערשיעדענע קלאַסען חיות. לעונים זאָגט אַז אין איהם זיינען פעראייניגט דער איידעקס, דער קראָקאָדיל, דער פויגעל, און דאָס זייגטיער. אויבוואויל ער האָט הוילע קנאָכען ווי דער פויגעל האָט ער אַבער קיין סימן פון פליעגעל. ער האָט הענד מיט 5 פינגער אין יעדע. לויט אַן אָבדרוק פון זיינע טריט אין ליים זעהט זיך אַז ער איז געגאַנגען אויף פלאַכע זוילען, און אַז ער האָט זיך נאָר בעדיענט מיט די הינטערשטע פיס צום געהן. לויט די ציין ווייסט מען אַז ער איז געוועזען אַ קייער.. זיין חוט־השדרה איז גלייך צו דעם פון אַ פיש. ער האָט אויך געהאַט אַ נאָז־האָרן. די ערד־שיכטע אין וועלכער ער ווערט געפינען איז אַמאָל געוועזען די אויבערפלעך. אין דער געאָלאָגיע רופט מען איהר: די וועלדענפאָרמאַציע.

איגואַנידען (זאָאָלאָגיש. Iguanidae) די ערשטע פון די 7 אָבטיילונגען אין דער איידעקסען פאַמיליע. דיעזע אָבטיילונג אַליין האָט אין זיך 55 גאַטונגען מיט 235 אַרטען. די מייסטע פון זיי זיינען אין די האַלבטראָפּישע רעגיאָנען. דער קערפּער איז שלאַנק זייטליך צוזאַמענגעדרוקט, און ענדיגט מיט



אַ לאַנגען עק. די צונג איז דיק, אַבער זי ציהט זיך נישט אויס. האָט קליינע רייהען ציינער וועלכע שטאַמען אַרויס נישט פון די נערוועז נאָר ווי אַריינגעזעצט אין בייטען זייער שפּייז בעשטעהט מייסטענטיילס פון בלעטער און פרוכטען. דער גאַנצער קערפּער איז בעזעצט מיט האַרטע שופּען ביז די ענדע פון דעם עק. די פיס האָבען לאַנגע דינע אָבער קרעפטיגע פינגער וועלכע דיענען גוט צו קלעטערען אויף די ביימער. די קאָליער איז גריענליך מיט פלעקען. די אייער זיינען אַזוי גרויס ווי די פון די טויבען, אַבער זיי האָבען אַ ווייכע שאָל. אַמעריקאַ האָט זעהר פיעלע פון זיי. אין טייל פּלעצער ווערען זיי געגעסען, און אויך זייערע אייער. —ראַוולינסאָן זאָגט אַז די מאַהאָמעדאַנער אין סיריען ליידען נישט די איגואַנאָס וועיל זיי ליאַרמען און זינגען מיט דיזעלבע נגונים ווי די מאַהאָמעדאַנער זאָגען זייערע תפילות. עס קומט באַזוי אויס אַז דיעזע אונשולדיגע ברואים שפּעטען זיי נאָך להכעים.

איגידי, נאָמען פון דעם וועסטליכען טייל פון דעם מדבר זאַהאַראַ. ליגט צווישען מאַראָקקאָ, אַדראַ און טאַורעג. דורך דיעזען טייל געהען וויכטיגע קאַראַוואַנען פון מאַראָקקאָ נאָך טימבוקטו און נאָך דעם צענטראַל-וועסטליכען סודאַן.

איגלאָ, אַ טשעכאָ-סלאָוואַקישע שטאָדט וואָס איז ביז 1917 געלעגען אונטער אונגאַרן האָט בערך 10,000 איינוואוינער וואָס בעשעפטיגען זיך מיט בערג-גראַבעריי, פּאַפּיער-פאַבריקאַציע, האָלץ-אינדוסטריע און וועבערייען. זי איז פערבינדען דורך דער קאַשאַ-אָדערבערגער באַהן, און אַ לאָקאַלע באַהן וואָס פיהרט איהרע סחורות נאָך לעוטשאַ.

איגלאַו, אַ שטאָדט אין מעהרען, אויף דעם פלוס איגלאַווא, 519 קילאָמעטער פון דער בעהמישע גרענעץ, און איז פערבינדען מיט דער אויסענוועלט דורך דער קאַשאַ-וויענער-טעטשער אייזענבאַהן און מיט דער איגלאַווער-וועסלי-מעזימאָסטיער באַהן. האָט בערך 25,000 איינוואוינער, די מעהרסטע קאַטאָליקען. האָט טוך-פאַבריקען, שפּינערייען, איינציגע טאַבאַק-פאַבריקען, און ספּיריטוס-ברענערייען. זי האָט אַמאָל געהאַט אַ רייכע זילבער מינע וועלכע איז שוין יעצט נישט מעהר צאַהלבאַר צו אַרבייטען.

יודען.

דאָס ערשטע דאָקומענט וואָס ווייזט אַז יודען האָבען זיך דאָרט בעזעצט, איז דאַטירט 1250. דאָס איז געוועזען אונטער קאַרל דעם פירטען. דיעזער קעניג האָט זיי זאָגאָר איינגעלאַדען אַהינצוקומען, בכדי דאָרטען איינצופיהרען דעם האַנדעל. אויפגעמונטערט פון דיעזע געלעגענהייט האָבען שוין איינִיגע יודישע פאַמיליען דאָרטהין איינגעוואַנדערט אויף זייער אייגענעם חשבון. זיי האָבען זיך צוערשט דאָרט בעזעצט אויף דעם אָרט וואָס איז נאָך היינט בעצייכענט מיט דעם נאָמען "יודענגאַס". אין 1345 האָבען זיי געבויט די ערשטע סינאַגאָגע. זיי האָבען זיך דאָרט געלעבט במנוחה פאַר הונדערט יאָהר. אין 1426 האָט אַלבערעכט זיי פון דאָרט אַרויסגעטריבען, אונטער אַ חשד אַז זיי זיינען געשטאַנען אין פערבינדונג מיט זיינע שונאים, די טאַבאָריטען. זיי זיינען דעמאָלט געצוואונגען געוואָרען איבערצולאָזען זייערע הייזער, און פון דער שוהל איז גלייך געוואָרען אַ קירכע. ערשט אין יאָהר 1848 האָט דער וויצע-קעניג פון ברון זיי ווידער ערלויבט איינצוואוואַנדערען און זיך דאָרט פעסט איינצואָרדנען.

איגלאַווא, אַ פלוס אין מעהרען, וואָס פליעסט אוים די מעהרישע בערג, וועלכע געפינען זיך אויף די זיד-אָסטליכע גרענעץ פון בעהמען. פון דאָרט פליעסט ער אַריין אין מעהרען צירקעל-פאָרמיג, פאַרבייגעהענדיג די שטעדט: איגלאַו, טרעביטש, אייבענשיץ, און קאַניץ. דאָ פעראייניגט ער זיך מיט דעם טהעיז. זיין לענג ביז אַהער, איז 80 מייל. אין איהם גיעסען זיך אַריין די טייכען באָקונאַ, אָסלאַוואַ, און שוואַרצאַ.

איגלעזיאַס מיגועל, פּרעזידענט פון פּערו. געב. 1822 אין קאַיאַמאַרקאַ, שטודירט יוריספּרודענץ, ווערט דעפּוטאַט אין 1861, אין יאָהר 1879 קאָמאַנדירט ער אַן אַרמיי געגען טשילי און שלאָגט זיינע געגנער אויף יעדען שריט. ער ווערט דערפאַר קריעגס-מיניסטער, אָבער ער געפינט אַז, זיין אַקטיוויטעט אויף דעם שלאַכטפעלד איז פון אַ פיעל גרעסערען נוצען אַלס די אַדמינסטראַציע. ער טרעט דארום צוריק אַריין אין דער אַקטיווע אַרמיי. ער נעהמט אַן אַנטייל אין די שלאַכטען ביי לאָס-אַנדזשעלאָס און שלאָגט דאָרט מיראַפלאָרעס. אין 1883 ווערט ער

ערוועהלט אַלס פּרעזידענט, און מאַכט שלום מיט משילי. ער פּרובירט מיט אַלע זיינע כחות צו ברענגען פּערו אין אָרדנונג נאָך דער מלחמה אָבער, עס געלונגט איהם נישט. אין 1885 פאַלט ער אין די נייע וואַהלען, און פערלאָזט פּערו צו ענדיגען זיין לעבען אין שפּאַניען.

איגנאָבעל, שלעכטיגקייט, פּעבעל-אַרטיג נישט אידעל.

איגנאַטאָוו דוד, אַ יודישער שריפט־שטעלער אין ניו־יאָרק. ער איז געקומען פון רוסלאַנד אַן אונבעקאַנטער, דעבוטירט אין יאָהר 1908 מיט אַ נאָוועלע "צוויי קרעפטען" אַרויסגעגעבען פון "פאַרלאַג אידיש" ניו־יאָרק. זייט דעמאַלט שרייבט ער פאַר אַ צייט פערשיעדענע נאָוועלען און ראָמאַנען אין די פערשיעדענע צייטונגען און זשורנאַלען. ער ווערט פאַר אַ צייט פון די "יונגע" קריטיקער אַרונטערגעריסען, צום טייל גערעכטערווייזע און צום טייל אויך אונגערעכטערווייזע. פון 1912 ביז 1921 גיט ער אַרויס אַ רייהע פון דעם בעקאַנטען זאַמעל-בוך "שריפטען" מיט דער מיטאַרבייטערשאַפט פון זיינע ליעבע "יונגע" וואו ער פערעפענטליכט אַ פּאָאַר פון זיינע גרעסערע ראָמאַנען. זיין סטיל איז גלאַט, אָפטמאָל פאַרבענרייך, אָבער נאָר ביי קליינע שריפטען. ביי די גרעסערע אָבער, זעהט זיך אַז ער שרייבט פון ביכער און נישט פון לעבען. ער איז האַסטיג אין טעמפּעראַמענט, שוויצט זיך אויס שנעל און ווערט גלייך לאַנגווייליג. אין דיעזער לאַנגווייליגקייט מערקט מען אַז ער האָט ווייניג געלערנט, אַז ער איז מעהר איינגעבילדעט ווי אויסגעבילדעט.

איגנאַטוס, דער אַדאָפּטירטער נאָמען פון דעם מערקווירדיגען ענגלישען מאַנאַך רעוו. דזשאָזעף לעסטער לין. געב. אין 1837 לאָנדאָן און געשט אין 1908. פון זיין יוגענד אָן האָט ער זיך געלאָזט בעגייסטערען פון דעם אַלטען און דעם נייעם טעסטאַמענט. עס האָט איהם שטענדיג פערדראָסען וואָרום די רעפאָרמען פערמאַטעריאַליזירען דאָס אידעאַלע, די אַלטע פרומע צייט איז געוועזען זיין בענגשאַפט, און ער האָט דערפאַר אויף זיך גענומען צו קעמפען געגען דעם שטראָם פון דער צייט. ער האָט קיינעם נישט געשאָנעוועט. מיט זיין טאַלאַנטפאַלע פעדער און צונג האָט ער גענומען אַטאַקירען זיינע העכערע קירכען-בעאַמטע, ביז מען האָט איהם פערבאָטען צו פרעדיגען אין קירכע. ער האָט זיין הייפעל סימפּאַטיזירער מיט זיך מיטגענומען, איז אַרויס פון דער קירכע, און גענומען פּראָווען דאָס קריסטענטום אויף זיין נייעם שטייגער. פאַר די רעשט פון זיין לעבען איז ער געבליבען אַן אָב־געזונדערטער פון זיין קירכע.

דאָס יודישע פאָלק האָט ער הערצליך רעספּעקטירט אַלס דאָס פאָלק פון דער ביבעל. די רעפאָרמירטע יודען האָט ער שטענדיג פשוט געהאַסט. נאָך מעהר האָט ער געהאַסט די משמדים און די מיסיאָנערען. וועגען די לעצטערע האָט ער געזאָגט אַז, זיי האָבען פיעל מעהר ניצליכע אַרבייט צו בעקעהרען די קריסטען צום קריסטענטום ווי די יודען. אַז ער פלעגט אַמאָל זעהן יודען קומען אין זיין קירכע, האָט ער זיי גלייך געהייסען געהן אין שוהל אָדער אין בית-המדרש, נישט אין אַן איפּעריאַר געבעט־הויז. ער אַליין פלעגט קומען שבתים וימים טובים אין שוהל און פלעגט מיט־דאַווענען אין ענגליש. אַז דער חזן איז געגאַנגען מיט די תורה פון אָרון־קדש האָט ער איהר געקוסט מיט יראה ווי די מתפללים. עס האָט איהם פערדראָסען ווען ער האָט געזעהן אַז

יודען טהון דאָס נישט, אָדער אַז זיי טהון דאָס מיט וועניגער דרך־ארץ. ער האָט געגלויבט אין דער אמונה על־פי דת משה ודרבנן און האָט געגלויבט אין דער יודישע צוקונפט לויט די נביאים. ער פלעגט זאָגען: דער אונטערגאַנג פון דעם יודישען פאָלק מיינט דער אונטערגאַנג פון גאָטס וואָרט.

אַלס מען האָט איהם געפרעגט וואָס ער דענקט וועגען דעם ציוניזמוס, האָט ער געענטפערט: בערך 30 יאָהר פאַר הערצעלס ערשיינונג, האָט ער שוין געפּרעדיגט דעם ציוניזמוס. אַלס הערצעל איז ערשינען האָט ער זיך איהם אָנגעבאָטען צו העלפען. ער פלעגט קומען צו ציוניסטישע מיטינגס און ער פלעגט שטענדיג קריגען אָוואַציעס. ער האָט געהאַט אַ מזוזה אין דער טיהר פון זיין קירכע, און איינע אין דער טיהר פון זיין הויז. ער איז קיינמאָל נישט פאַרבייגעגאַנגען אַ מזוזה אָהן איהר צו קוסען. איבער זיין בעט האָט ער געהאַט הענגען אַ פּאָאַר תפלין.

איגנאַטוס-שטרויך, אַ שלינג-שטרויך אויף די פיליפינען אינזעל. דער יעזואיט קאַמעלי האָט איהר צוערשט בעמערקט. ער האָט איהר דיעזען נאָמען געגעבען צו פעראייביגען דעם נאָמען פון דעם גרינדער פון דעם יעזואיטען אָרדען. דעם זאָמען פון דיעזען שטרויך רופט מען אין אַפּטייק: "איגנאַטוס-באָהנען". זייער זאָמען איז גיפטיג, און ווערט געברויכט אַלס הייל-מיטעל געגען פיעבער.

איגנאַטיעף ניקאָליי פּאַוולאָוויטש, רוסישער שטאַאַטס-מאַן און פּראָפעסיאָנעלער אינטריגאַנט. געב. אין פּעטערסבורג 1832 אַלס זוהן פון דעם אינזשעניער פּאַוועל, וועלכער האָט איהם בעשטימט פאַר אַ מיליטערישע קאַריערע. ער קריעגט חן אין אויגען פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, און ווערט ערהויבען פון ראַנג צו ראַנג. אין זיין 24טען יאָהר איז ער בעשטימט געוואָרען אַלס הויבט־אַטאַשי אין לאָנדאָן, און 2 יאָהר שפּעטער אַלס גענעראַל-מאַיאָר און לייטענאַנט צו מוראַוויאָוו, בעת ער איז געוועזען דער גענעראַל-גובערנאַטאָר פון סיביריען אויף דער שטעלע פון מעליקאָוו. דעמאָלט האָט ער געלערנט די שפּראַכען און דאָס לעבען פון די אַרומיגע פעלקער. דער צאַר האָט זיך דערפאַר מיט איהם בעדיענט צו קריעגען קאָנצעסיעס פון כינאַ. פאַר דעם ערפאָלג

וואָס ער האָט געהאַט אין כיוואַ און אין באָכאַראַ איז ער געוואָרען אַמבאַסאַדאָר אין פּעקין. ער מישט זיך צווישען די כינעזיש־ענגליש-פראַנצויזישע דיפּוטען, און בכדי צו געווינען כינאַ פאַר רוסלאַנד ווירקט ער אויס פאַר כינאַ אַ פּאָאַר וויכטיגע טובות. דער צאַר האָט איהם דערפאַר געמאַכט אַלס דירעקטאָר איבער דעם אַזיאַטישען דעפּאַרטמענט, און שפּעטער אַן אַמבאַסאַדאָר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

דאָ האָט ער געגומען ענטוויקלען זיינע כיטרע אינטריגען. ער האָט זיך געשמייכלט צו בולגאַריען און צוגלייך געהעצט די הערצעגאָווינאַ אין 1875 צום אויפשטאַנד, ווען דאָס פייער האָט שוין געברענט פון אַלע זייטען האָט ער רוסלאַנד געשיקט

זיך אַריינצומישען וועגען שלום. אין יאָהר 1877 פאָהרט ער אַרום צווישען די גרויסמעכטע זיי צו געווינען צו בלייבען נייטראַל פאַר רוסלאַנד ווען זי וועט געהן אין מלחמה מיט דער טירקיי. זעהענדיג אַז ער קאָן מיט ענגלאַנד נישט אויסקומען פאָהרט ער אַהיים און נאַרט אָב דעם צאַר, אַז ער האָט מיט ענגלאַנד יאָ אויסגעפיהרט. ענגלאַנד האָט דאָס באַלד אָבגעלייגענט און ער איז דאַדורך געפאַלען אין אונ׳חן ביים צאַר. ער האָט זיך דאַדורך געפיהלט געצוואונגען צוריק צו ציהען אין זיינע גיטער וואָס ער האָט געהאַט אין קיעווער גובערניע, ווי עס זעהט אויס, מיט דעם צוועק, אָבצוואַרטען אַ נייע געלעגענהייט. ווי נאָר אַלעקסאַנדער דער 2טער איז גע׳הרגט געוואָרען, איז ער ווידער ערשיענען אויף דער פּאָליטישע ביהנע.

ער האָט געוואונען דעם חן פון אַלעקס. דעם דריטען דורך די פּאָרלאַגע פון אַ פּראָגראַם צו אויסראָטען די ניהיליסטען. פאַר דיעזען צוועק ווערט ער אָנגעשטעלט אַלס מיניסטער פון אינערען. ער האָט אָבער נישט געקאָנט אַזוי לייכט פּאַקען די ניהיליסטען האָט ער אויפגעפיהרט אַ רייהע פּאָגראָמען אויף יודען, און דעם צאַר איינגערעדט אַז אַלע יודען זיינען ניהיליסטען. די "נאָוואָיע ווּרעמיע", וועלכע איז דעמאָלט געוועזען אַ זעהר אונבעדייטענד בלעטעל, איז דורך זיין הילף אויסגעוואַקסען צו אַ מעכטיגע אַנטיסעמיטישע וואָפע.

צוליעב זיין גרויסע שפּראַכקענטניס און זיינע זעהר קלוגע דיפּלאָמאַטישע אינטריגעס האָט מען גערעכענט אַז ער וועט זיך אַרופאַרבייטען זעהר הויך, און דאָך, איז ער אין 13טען מאָנאַט פון זיין הערשאַפט אַרונטערגעזעצט געוואָרען מיט דעם טיטעל "דער גרעסטער ליגנער פון זיין צייט".

זיין אַנטיסעמיטיזמוס האָט געשטאַמט פון זיין געלד־זוכט. ער איז געוואָרען אַז יודען קויפען זיך אויס פון צרות האָט ער זיי צוגעטיילט וואָס מעהר צרות. בעת ער האָט פערפאַסט דאָס בעקאַנטע מאַי געזעץ, דורך וועלכען די יודען זיינען בערויבט געוואָרען פון דאָס רעכט צו האַלטען פּאַכטס, פון דאָס רעכט צו וואוינען אויף דעם דאָרף א.ז.וו. האָט ער אָנגעבאָטען איינִיגע יודען צו געבען אַן אויסנאַהם פאַר אַ האַלבען מיליאָן רובעל. די יודען האָבען אָבגעהאַלטען אַ פערזאַמלונג, און האָבען בעשלאָסען דאָס נישט צו טהון. איידער דאָס געזעץ איז געקומען אין קראַפט האָט ער זיינע אייגענע גיטער פערדינגען צו אייניגע יודען, און ער האָט אַריינגעפיהרט אין דעם געזעץ אַ פּאַראַגראַף, אַז די יודען וועלכע האַלטען פּאַכטס פון פריהער מעגען בלייבען. דערמיט האָט ער זיך פערזאָרגט מיט יודישע פּאַכטער וועלכע זאָלען איהם דיענען שקלאַפיש, אַבער ער האָט דאַדורך אויך שטאַרק געשעדיגט די גיטער פון די קנאַזען, וועלכע האָבען דאָס גלייך געזעהן און האָבען איהם געבראַכט די נידערלאַגע.

איגנאַציאַ, אַ פלאַנץ פון דער פאַמיליע Loganiacea וואָס וואַקסט אין אינדיען און פון וועלכען עס וואַקסען אַ סאָרט אַרבעס וועלכע די אינדיאַנער רופען: פּאַפּיעטאַ. די אינדישע דאָקטוירים גלויבען אַז מיט מיט דיעזע אַרבעס קאָן מען היילען די חלי־רע. די עוראָפּעישע דאָקטוירים גלויבען אין דעם נישט. דר. לינדלעי זאָגט אַז, ווען מען געניעסט פון זיי אַביסעל קריעגט מען קאָנוואולסיע און חלשות.

איגנאָראַנט, (עם־הארץ) אַן אונוויסענדער, אַן אונגעלעהרטער; דער שימפנאָמען פאַר איינעם וואָס מישט זיך אין זאַכען וועלכע ער פערשטעהט נישט. איינער

קאָן זיין אַ געלערנטער אין פּיעלע זאַכען, נאָר ווען ער מישט זיך אַריין אין אַ זאַך וואָס ער ווייס נישט הייסט ער אַן איגנאָראַנט אין דיעזער בעציהונג. דאַרום לאָזט זיך אויך לאָגיש שליעסען, אַז עס זיינען דאָ געלעהרטע איגנאָראַנטען. אַן אַלגעמיינער בעגריף פאַר דיעזען וואָרט קאָן נישט געבען ווייל, עס איז איבערהויבט נישט דאָ איין מענש וואָס זאָל זיין טאָטאַל איגנאָראַנט. ווילען מיר זיך אָבער שאַפען אַ קאָנקרעטען בעגריף איבער דעם וואָרט "איגנאָראַנט" אַלס אַן אונטערשיעד צום געלעהרטען, דאַן בלייבט איבער בלויז פאָלגענדע בעדייטונג: "איינער וואָס וויל נישט וויסען", אָדער, "איינער וואָס ווייסט ווייניגער ווי דער מיט וועמען ער דיסקוטירט".

איגנאָראַנץ (סכלות), שטומף, אונוויסענד, אויך אונטאַקטיש; אָדער דאָס נישט קאָנען פון דרך-ארץ. אין יוריספּרודענץ איז איגנאָראַנץ קיין ענטשולדיגונג.

יוריספּרודענץ: נישט וויסען די פאַקטען איז אַן ענטשולדיגונג, אָבער נישט וויסען דאָס געזעץ איז קיין ענטשולדיגונג ווייל, דאָס געזעץ מוז יעדער וויסען. אַן אַקט וואָס איז בעגאַנגען געוואָרען מיט דעם פולען בעוואוסטזיין (במזיד) איז אַ שטראָפבאַרעס פערברעכען, דאַגעגען אַן אַקט וואָס איז בעגאַנגען געוואָרען אָהן דאַביי צו האָבען דעם ווילען (בשוגג) איז אונשטראָפבאַר. דיעזער זאַץ בעגרינדעט זיך אויף דעם לאָגישען שלוס, דאָס די מאַאָריטעט איז שולדיג וואָס זי איז איגנאָראַנט, ווייל, זי וויל נישט לערנען און זי וויל נישט וויסען. דער שאָדען איז אַ שאָדען אויב ער איז געמאַכט געוואָרען בשוגג אָדער במזיד און ווען דער איגנאָראַנט וואָלט וועלען לערנען, האָט ער געקאָנט בעסער וויסען, און דער שאָדען וואָלט פּיעלייכט נישט געמאַכט געוואָרען. צופעליגע אונגליקען פּאַסירען צום גרעסטען טייל ביי איגנאָראַנטען, ביי וויסענדע טרעפט עס נאָר ווען זיי זיינען אונפערמיידליך.

ערקלעהרונג: ווען איינער שרייבט אונטער אַ בריעף, אַ קאָנטראַקט, אָדער אַ דאָקומענט, קאָן ער זיך פון זיין אונטערשריפט נישט בעפרייען דאַמיט וואָס ער בעווייזט אַז ער האָט נישט געוואוסט דעם אינהאַלט פון דער זאַך וואָס ער האָט אונטערשריבען. אַז ער בעגעהט אַ פערברעך געגען דאָס געזעץ, קאָן ער זיך נישט ענטשולדיגען דאַמיט וואָס ער זאָגט, אַז ער האָט נישט געקאָנט דאָס געזעץ. דאָס געזעץ פאָדערט אַז דער בירגער זאָל עס קאָנען, און ווען ער קאָן עס נישט, איז עס זיין שולד. אין פלוג זעהט דאָס אויס צו זיין אַן אונרעכט, ווייל עס איז דאָך אונמעגליך פאַר אַ יעדען בירגער, צו קענען אַלע געזעצע פון זיין לאַנד; דיעזעס איז אָבער דאָך, דער איינציגער וועג, אויף וועלכען מען קאָן דאָס געזעץ ביים לעבען דערהאַלטען. אַז נישט, וואָלט קיין געזעץ קיינמאָל נישט געקאָנט אויסגעפיהרט ווערען.

פילאָזאָפיש: אין אַ פילאָזאָפישען זינן זיינען מיר אַלע איגנאָראַנטען. אונזער בייגירדע שטענדיג צו וועלען וויסען וואָס מעהר בעווייזט דאָס. אונזער וויסען איז אַזוי קליין, אַז ווען מיר פערגלייכען איהם מיט אונזער אונוויסען, זעהט זיך אונזער איגנאָראַנץ אויס צו זיין, אונענדליך גרויס. דיעזע לאָגיק איז נייטיג אין זינען צו האָבען בעת מען טרעט צו צו אַ דיספּוט פון אירגענד וועלכער ספּעקולאַטיווע נאַטור (ז. "אונבעוואוסטזיין").

איגנאָרירען, עפּעס אַבזיכטליך פערקוקען דערפון קיין נאָטיץ נעהמען, ווי עס וואָלט

גאַרנישט געזעהן אָדער געהערט ווערען; ענטוועדער ווייל עס פערדיענט נישט אָדער עס לוינט זיך נישט דערפון נאָטיץ צו נעהמען.

איגניציע (ברענענדע היץ) נאָמען פון פיעלע כעמישע, אָדער פיזיקאַלישע שטאָפען וואָס צינדען זיך אָן ווען זיי קומען אין בעריהרונג מיט דער לופט. אַטייל פון זיי צינדען זיך אָן גלייך, און אַטייל נאָך אַ לענגערע צייט. עקספּלאָזיאָנען פּאַסירען זעהר אָפט דורך די פון דעם ערשטען קלאַס. מען רופט דיעזען קלאַס טעכניש מיט דעם נאָמען: "ספּאָנטאַנע איגנאַציע". אַ הויפען מיסט איגנירט אָהן אַ פלאַם, ער איז אינווענדיג הייס, און אויף דער אויסען קאַלט. מעטאַלען צוגיעסען זיך פריהער איידער זיי ווערען איגנירט (רויט-הייס), אַ שטייגער ווי בליי, בלעך, און צינק. דאַגעגען אייזען ווערט איגנירט נאָך פיעל פריהער איידער ער שמעלצט. דער אָנהויב פון איגניציע איז ביי 770 גראַד פּאַרענ. ביז דעמאָלט איז ער רויט, איבער דיעזען גראַד ביז 1000 איז ער שוין ווייס-הייס ביז ברילאַנט-ווייס. ביי דער אָבקיהלונג פון געשמאָלצענעם אייזען זעהט מען אַלע קאָליערען ליכט.

איגנעום-פעלזען, פעלזען וועלכע זיינען ענטשטאַנען אויס דעם פייעריגען שטראָם וואָס די ערד גיעסט ארויס פון איהר אינערן. אין געגענזאַץ צו די סעדימענט-פעלזען וועלכע ענטשטעהן דורך דעם אָבזאַץ פון שטויב איבער שטויב, אויף דער אויבער-פלעך פון דער ערד. דאָס לעצטע פּאַסירט דורך דעם שליים וואָס וואַסער לאָזט איבער מיט יעדען צוריקגאַנג אין דעם ים אַריין.

איגעל, (Erinaceus) אַן אינזעקטען-פרעסער פון דעם "זוילענ-געהער" קלאַס. איז פון 25 ביז 30 סענטימעטער לאַנג, ווען ער שטעהט האַלט ער פון 12 ביז 15 סענטימעט. הויך. די נקבה האָט אַ שפּיציגע מאָרדע, אַ שטאַרקערען לייב, און אַ העלערע קאָליער.



ביי איהר איז אויך דער פּנים נישט אַזוי בעוואַקסען ווי ביי דעם מאַן, דערפאַר זעהט איהר קאָפּ אויס לענגער אַלס ביי איהם. די וואָס ווייסען דאָס נישט מיינען אַז, דאָס זיינען צוויי פערשיעדענע גאַטונגען. זיי רופען דערפאַר דעם זכר "הונד-איגעל", און דער נקבה "שווינ-איגעל". ער געפינט זיך אין אַלע מיטעל- און וואַרמע געגענדען. מען זעהט איהם אין סיריען, וועסט-סיביריען, אין די עוראָפּעישע אַלפּען, און אויף בערג 2,000 מעטער הויך איבער דעם ים-שפּיגעל. אין קאַווקאַז געפינט מען זיי איבער 3000 מעטער הויך. ער ליעבט די וועלדער, פעלדער, און גערטנער. געפינט זיך אַ וואוינונג אין הוילע ביימער, הויפען מיסט, אַלטע חורבות א.ד.ג. ער איז נישט געזעלשאַפטליך. ליעבט די בעהאַלטענהייט. לעבט צומייסטען מיט זיין ווייב. גראָבט זיין נעסט בערך 30 סענט. טיעף אין דער ערד. בעזאָרגט זיך מיט צוויי אויסגענגע. ווען דער ווינד ווערט שטאַרק אויף דער זייט פון איין טיהר פערקלעבט ער דיעזע און עפענט זיך אַן אַנדערע. ווען די תבואה איז הויך גראָבט ער זיך נישט

איין אין דער ערד, נאָר שלאָפט צווישען די הויכע זאַנגען. דעם ווייב מאַכט ער אַ וואוינונג נישט ווייט פון זיינע. אין די וואַרמערע צייטען ליגען זיי אויך ביידע צוזאַמען אין איין וואוינונג. זיי שפּיעלען זיך מיט אַנאַנדער, יאָגען זיך אַרום, לעקען זיך און נעהמען זיך אויך אַרום. בעת לויפען שנופט ער מיט די נאָז, ווי דער לויפענדער הונד. הערט ער אַ גערויש, זאָ שטעלט ער זיך אָב, הערטשיך איין, און ווען ער דערזעהט אַ געפאַהר, אַזוי בלאָזט ער זיך אָן און ער פערליערט דאַדורך זיין פריהעריגעס גע־שטאַלט. קלינגט אַ גלעקעל אַזוי ציטערט ער אויף ביי יעדען קלאַנג ווי ער וואָלט קריגען אַן עלעקטרישען קלאַפּ. ער ווערט דאַצו קיינמאָל געוועהנט. דער ציטער פון זיין הויט פּאַסירט אין די געגענד פון דעם גלעקעל. דאָס ארופבלאָזען פון טאַבאַק־רויך אויף זיין פעל האָט אויף איהם דיזעלבע ווירקונג ווי מען וואָלט איהם אַנגיעסען פליצים מיט אַן עמער קאַלטע וואַסער. בעגיעסט מען איהם מיט וואַסער אַזוי וויקעלט ער זיך ווידער אוים. ער בלאָזט זיך אָן ווען ער לויערט נאָך זיין קרבן בכדי ער זאָל נישט דערקאָנט ווערען. ער האָט אויבען און אונטען צו 6 שטעכ־צייהנער, ווי אויך 7 באַק־צייהנער אויבען, און 5 אונטען. די רעשט זיינען אַלע פיעל־שפּיציג. צוזאַמען האָט ער 36 צייהנער. זיין קאָליער איז שוואַרץ־ברוין מיט ווייסע שטאַכעל־שפּיצען. ער איז ניצליך דאַדורך וואָס ער פרעסט מייז, זשאַבעס, ווערם, אינזעקטען, קרייצ־אָטטערען, און זייערע אייער. אין פיעלע לענדער ניצט מען זיי אַלס קעץ צו רייניגען מייז און ראַטען. זיי זיינען אָבער אויך שעדליך ווייל, זיי פּלינדערען די די נעסטען פון די פייגעל. אין שפּאַניען עסט מען זייער פלייש. ווינטער געהען זיי שלאָפען אין אייגען געמאַכטע גריבער, וואָס ווערען פאַרזיכטיג אַרום בעדעקט מיט בלעטער. זיי שלאָפען דאָרט פאַר אייניגע מאָנאַטען אָהן אונטערבראָכען. דער "אוהו" און דער פוקס זיינען די איינציגסטע שונאים פאַר וועמען זיי האָבען זעהר מורא. זיי פּאָאַרען זיך צווישען אַפּריל און מאַי. מיט 7 וואָכען שפּעטער ווערען שוין געבוירען קינדער. אַ מוטער געבעירט פון 4 ביז 6 קינדער אין איהר לעבען. זי האָדעוועט זיי מיט מוטערליכע צערטליכקייט.

די גמרא רופט איהם: קפוד. רש"י זאָגט: (בבא בתרה ד') "שערו קשה כמחטין" זיינע האָאַר זיינען אַזוי האַרט ווי די נאָדלען. אין חולין קכ"ב ווערט דערצעהלט אַז, בכדי אַ קעלבעל אָנצוגעוועהנען פון זייגען האָט מען די אייטער פון דער מוטער איינגעהיעלט אין דער פעל פון אַן איגעל.— אין אַלטען פערזיען איז ער געהייליגט געוואָרען צליעב זיין ניצליכקייט. לויט זייער גלויבען איז עס געוועזען אַ פערברעכען צו הרג'נען

וועלכען פון זיי וויל, ער ברענגט אַ קללה אויף די הויז פון זיין מערדער.

איגעלפוס, א קראַנקהייט אין דעם פוס פון אַ פערד. אַ פערזעצונג אונטער די הויט וועלכע איז זעהר האַרט און ריהרט זיך נישט פון אָרט. דערפאַר ווייל די האָאַר אַרום דעם פערוועהטאָגטען אָרט ווערט שטייף האָט די קראַנקהייט בעקומען דיעזען נאָמען. ביי שלעפּ-פערד איז דאָס זעהר אָפט דער פאַל, ווייל זיי ווערען פערנאַכלעסיגט.

איגעל-פיש (Didon) א פיש מיט א שטעכעדיגע הויט וועלכע קאָן זיך אויפ־בלאָזען אַן ווערען רונד אין פאָרם, ווי די שטעכעדיגע אומהיעלונג פון אַ קאַשטאַנענ־ אויס אויפגעבלאָזענערהייט.

ער געהער צו דער קלאַס פון די דאָבעל־ציינער. וואַקסט ביז 35 סענטימ. לאַנג. די ריקען־פלאָסען צעהלען 14, די בויך־פלאָסען 21, די אונטערע פלאָסען 17, און די פון דעם עק 10 שטרייפען. די רונדע שטאַכעל האָבען צו דריי וואורצען, פון וועלכע איינע איז די פאָרטזעצונג פון די שטאַכעל. די וואורצעל מיט דעם שטאַכעל זאָנען אָפט 5 סענטימעטער לאַנג.— אויף דער יבשה לעבט ער בלויז אַ פּאָאַר שטונדען. אַזוי אָפט ווי מען בעריהרט איהם בלאָזט ער זיך גלייך אָן, שטרעקט אויס די שטאַכער, קריצט מיט די ציין און לאָזט פון זיך הערען אַ קול ווי פון אַ ווינד-ראָהר. דאָס אָנבלאָזען



נוס. ווען אויפגעבלאָזען איז דער קערפּער זיך פּאַסירט דורך פערשלינגען גרויסע פּאָר־ 31 סענטימעטער הויך. אין קאָליער איז ער ציעס לופט. ווען מען ריהרט אָן די שטאַכעל ברוין מיט דונקל-ברוינע שטיפּעל. ער האָט מיט דער האַנד, אַזוי פיהלט מען אַז זיי צוויי פלאַטען צייהנער. די שטאַכעלען זיינען באַזירען אויף אַ האַרטע אונטערלאַגע, און אונטער דער הויט בעוועגט זיך די שדרה ווי זי וואָלט וועלען בויערען אַ לאָך



דאַרווין ציטירט דר. אַללאַן פּאָרעס וועלכער זאָל האָבען בעאָבאַכט ווי אַ וואַלפיש האָט איינגעשלינגען אַזאַ איגעל-פיש, ווי דער פיש איז פּאַר אַ צייט שפּעטער אַרוים פון דעם צום גרעסטען טייל אונבעוועגליך. זיי גער־ בויך פון וואַלפיש. ער האָט איהם דעם בויך פינען זיך אַלע אין די טראָפּישע ימים. דורך געריסען מיט זיינע שטאַכעל, און אונזערע בילדער צוייצען איהם 1) אין דעם דעם וואַלפיש אַזוי אַרום גע׳חרגט. דאַרווין נאַטירליכען אויסזעהען, און 2) ווי ער זעהט צווייפעלט אין דעם נישט.

איגעל־קעיפּער, (Hispa) אַ וואַלצ־פאַר־מיגער קעיפּער מיט שטעכער בעזעצטען לייב, פון וועלכע עס געבען בלויז צוויי אַרטען. ער איז מאַט־שוואַרץ, האָט דערנער ביים שפּיץ פון די פּיהלער, אויף די פליגעל־



דעקען 4 רייהען פון שטאַכעל. אונזער בילד איז אַ זעקסטעל פון די נאַטירליכע גרויס. לעבט אויף די גראָז־פעלדער, ביי נאַכט לויפט ער אויך אַרוף אויף די זאַנגען אָדער גראָז־האַלמען.

איגער ר' וואָלף, זוהן פון ר' עקיבה דעם עלטערען, אַן איידעם פון ר' יוסף תאָמים, און אַ פעטער פון ר' עקיבה איגער דעם יונגערען. האָט געהאַט אַ ישיבה אין

ברעסלאַו, וואו עס האָט אויך געלערנט ר' עקיבה דער יונגערער (ז. אונטען). אין 1780 איז ער געוואָרען רב אין לייפּניק וואו ער איז געבליבען ביז ענדע פון זיין לעבען. ער האָט אַרויסגעגעבען בשותפות מיט זיין ברודער ליב "משנה דר' עקיבה".

איגער ר' עקיבא, כמעט דער גרעסטער גאון פון זיין צייט, אַ זוהן פון ר' יעקב משה, געב. אין אייזענשטאַדט 1761 און געשט. אין פּאָזען 1837. צייגט זיך שוין אין דער יוגענד אַלס אַן עילוי. זיין בעשיידענהייט, זאַנפטמוטה, און האַכאַכטונג צו יעדען איז ביי איהם שוין דעמאָלט געוועזען ווי ביי אַ גרויסען מענשען. ווען 12 יאָהר אַלט איז ער שוין געוועזען אַ חריף, צו זיין 13טען י. האָט זיין פעטער ר' וואָלף איגער איהם געבראַכט צו זיך אין דער ישיבה פון ברעסלאַו, און זיך מיט איהם געריהמט פאַר אַלע איבריגע תלמידים. אַ רייכער יוד פון ליסאַ האָט זיך מיט איהם משדך געוועזען. ווייטער לערנענדיג האָט ער געגעסען קעסט ביים שווער. קיין רבנות האָט ער נישט געוואָלט אָננעהמען אויס פיעלע אורזאַכען. אַ פייער האָט אָבגעברענט די שטאָדט ליסאַ און זיין שווער האָט פיעל דאַדורך געליטען. בכדי מחיה צו זיין ווייב און קינדער האָט ער זיך בעסער גענומען לערנען מיט תלמידים וואָס פלעגען צו איהם קומען פון נאָהנט און ווייט. דאָס שיינט איהם אָבער נישט צו האָבען געגעבען פּרנסה. ער האָט ענדליך איינגעגעבען צו ווערען רב אין מאַרקיש פריעדלאַנד, וועסט־פּרייסען. דאָ וואַקסט זיין נאָמען ווייט און ברייט, און מיט זיין 25טען יאָהר הויבט זיך אָן זיין יודיש וועלטליכע קאַריערע. ער איז גלייך דערנאָך געוואָרען רב אין פּאָזען, וואו ער האָט גענומען פאַנאַנדער וויקלען זיינע אַקטיוויטעטען.

אין געזעלשאַפטליכען לעבען איז ער געוועזען אַ שטאַרקער גלויביגער אין ביקור־חולים. ער פלעגט געהן מבקר חולה זיין אין

די געפעהרליכסטע קראַנקהייטען. נועז די חלי־רע האָט אויסגעבראָכען האָט ער, שטאָט

זיך דערפון צוריקצוציהען, זיך נאָכמעהר בעמיהט אין דיעזער מצוה. דיעזע גרויס הערציגקייט האָט דערגרייכט דעם קייזעריליכען שלאָס און ווילהעלם דער דריטער האָט צו איהם אויסגעדרוקט זיין דאַנק דאַפיר. זיין לעבען איז געוועזען שטרענג אָרטאָדאָקסיש. ער האָט געהאַסט יעדען רעפאָרם. ער האָט געזאָגט: אויב איינער ענדערט אַ טויזענדסטען טייל פון אַ וואָרט פון די רבנן פאַלט ביי איהם פאַנאַנדער די גאַנצע תורה. די אַלגעמיינע בילדונג פיהרט אַוועק פון גלויבען. ער האָט אויך פערבאָטען דעם בראָנפען פון קאַרטאָפעל אויף פסח, ווי אויך צו שרייבען אַ גט אויף פאַרמעט וואָס איז געמאַכט געוואָרען פאַר אַ ספר־תורה.

זיינע ווערק זיינען: "תשובות", "הערות והגהות", חדושים וחלוקא דרבנן", "חדושים על מ"ס בבא מציעה, גיטון, וכתובות ולקוטים", "גליון הש"ס", הגהות על ר' יוסף קאַראָ", "הגהות על ש"ע יו"ד", "הגהות על ש"ע או"ח", "הגהות על ש"ע, ח"מ ואה"ע", "לקוטי הלכות", "תוספות רע"א על משניות ששה סדרים".

איד, אַ פערליטווישטער "יוד" ז. ד.

אידאַ, נאָמען פון אַן אַסטעראָיד, בעציכענט אין דעם אַסטראָנאָמישען קאַטאַלאָג אונטער דעם נומער (342), ער איז ענטדעקט געוואָרען פון פאַליסאַ אין י. 1884.

אידאָ, איינע פון די שפּראַכען וואָס זיינען פאָרגעשלאָגען געוואָרען אַלס די אוניווערזאַל־שפּראַך פאַר דער גאַנצע מענשהייט, און איז אונטערגעגאַנגען מיט דער ערשיינונג פון עספּעראַנטאָ. פּראָמינענטע פילאָלאָגען האָבען זיך ביי איהר בעשעפטיגט פאַר אַ צייט, איהר בעגרינדער איז געוועזען פּראָפ. אָטטאָ דזשעפערסען, זיין אויסגאַנגס־פּונקט איז געוועזען אַז אַן אוניווערזאַל־שפּראַך מוז זיין גרינג זיך אויסצולערנען פאַר די מעהרסטע מענשען. ווי נאָר ער האָט איינגעזעהן, אַז עספּעראַנטאָ איז גרינגער ווי "אידאָ" האָט ער איהר צוליעב דעם גלייך אויפגעגעבען.

אידאַ-בערג, אַ גרופּע בערג אין קליינאַזיען, וואָס ציהט זיך פון פּרוגיאַ דורך מיסיאַ, ביז טראַאָד. די שטאָדט טראָי איז געשטאַנען אויף איינעם פון זיי. דער העכסטער פון זיי איז 5749 פוס איבער דעם ים-שפּיגעל. פון דאַנען שטראָמען ארויס איניגע טייכען: דער גראַניקוס, סימאָיס, און דער סקאַמאַנדער. אין קרעטאַ איז אויך פאַראַן אַ באַרג אונטער דיעזען נאָמען וועלכער איז 8065 פוס איבער דעם ים־שפּיגעל.

מיטהאָלאָגיע: אויף דער ערשטע גרופּע אויף דעם נאָהנטעסטען באַרג צו טראָי האָט פּרינץ "פּאַריז" אויסגעגלייכט דעם שטרייט צווישען די דריי שעהנהייטען יונאָ, מינערוואַ און ווענוס (ז. "פּאַריז").

אידאַהאָ, ז. "איידאַהאָ".

אידאַל, (נאָרד. מיטאָל.) דער אָרט וואו עס זיצען די 12 גרויסע ריכטער אין אַזגאַרד איבער וועלכע עס פּרעזידירט דער גרויסער געקרוינטער גאָט "אָדין" און משפּט די גאַנצע וועלט. ווען די וועלט וועט אונטער־געהען, וועלען זיך אויף דיעזען אָרט פער־זאַמלען די "אַזען" (ז.ד.) צו בעשטימען איבּ די וועלט זאָל ווידער בעשאַפען ווערען אָדער נישט.

אידאָלאַטריע, (גריכיש) זיכזעלבסט פערעהרען, אָדער פערגעטערען. (ז."געצענ־דיעסט").

אידאַליא, ביינאָמען פון דער געטין וועגוס, דערפאַר ווייל, זי איז געקרוינט גע־וואָרען אויף דעם בערג אידאַ אַלס די איינ־ציגע שעהנהייט (ז."אידאַ").

אידאַליאָן, אַ פעניקישע שטאָדט, יעצט אונטער דעם נאָמען "דאַלי". אין דער אַר־כעאָלאָגיע פּראָמינענט געוואָרען צוליעב די געפונענע 15,000 פעניקישע קברים, מיט טויזענדע טעראַקאָטען, אויס דער בליהענד־סטער צייט פון דעם פעניקישען פאָלק.

אידאָמענעוס, אַ גריכישער העלד וועל־כער האָט מיט אַ פלאָטע פון 70 שיפען בעענדיגט די לאַנגע מלחמה פון טראָי. אַלס ער איז אַהיימגעקומען איז אַ גרויסער שטורם איהם בעפאַלען, און אין זיין שרעק פאַר זיין אונטערגאַנג, האָט ער געשוואוירען, אַז דער ערשטער מענש וואָס וועט איהם אַקעגען קומען, וועט ער מקריב זיין צום גאָט נעפּטון. דער גורל איז אַלזאָ געפאַלען אויף זיין אייגענעם זוהן. אויס מורא פאַר נעפּטון האָט ער זיין זוהן מקריב געוועזען. די בירגער פון לאַנד זיינען אויף איהם



פאַר כעס אַנגעפאַלען און האָבען איהם פון לאַנד פאַריאָגט. ער איז אַוועק אין איטאַליען וואו ער האָט געגרינדעט די שטאָדט סאַלענ־טעס, און דאָרט איינגעפיהרט די געזעצע פון מינאָס.

אידאַס, אַ שטאָדט בערך 60 מיילען פון אַדריאַנאָפּאָל, נאָהנט ביים שוואַרצען ים. איז בעריהמט זייט אַלטע צייטען אַלס אַ באָד־אָרט. די דאָרטיגע וואַסערען זיינען 118 גראַד פאַרענהייט, שטאַרק מיט סולפור.

אידאָקראַס, ז. "וועזואוויאַן".

אידגעזקאָם, (ראשי תבות) אידישעס געזעלשאַפטליכע קאָמיטעט, אָרגאַניזירט (ווי אונטען בעשריבען איז) אין דער רוסישע סאָוויעטען רעפּובליק, אין 1920. דער ערש־טער גרינדונגס אָרט איז געוועזען אין מאָסקוואַ. מיט דעם צוועק, צו העלפען די פּאָגראָם־קרבנות וואָס האָבען זיך געפינען אונטער דעם שוץ פון דיעזער רעפּובליק. וועגען די פּאָגראָם־כוואַלעס וועלכע האָבען (1918-1919) פערפלייצט גאַנץ אוקראַאינאַ מיט יודישעס בלוט אין יענער צייט ז. "אוקראַאינאַ". די הונדערטע און טויזענדע פעראונגליקטע זיינען געבליבען פער'אָרימט,

זייער אונגליק און עלענד איז געוועזען האָפנונגסלאָז, איבערהויבט ווייל די נויט איז געוועזען פיעל גרעסער אַלס די מעגליכקייטען איהר צו העלפען. די ערשטע הילפע איז געגעבען געוואָרען פון אַ פּאָגראָם־הילף סעקציע וואָס איז בעשאַפען געוואָרען פון דעם יודישען קאָמיסאַריאַט, באַלד איז אָנגעקומען אין רוסלאַנד אַ דעלעגאַציע פון דער אַמעריקאַנער "דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע" און האָט פערשפּראָכען מיט־צו־העלפען קריגען הילף פון אַמעריקאַ. און אונטער דיזע אומשטענדען האָט זיך דער אידגעזקאָם אָרגאַניזירט, מיט דעם צוועק, זיך צו פערצווייגען איבער אַלע דיסטריקטען וואו עס געפינען זיך די פּעראונגליקטע.

דער "אידגעזקאָם" איז צונויפגעשטעלט פון דעלעגאַטען (צו צוויי פון יעדע) אויס פאָלגענדע אָרגאַניזאַציעס:—

1) יודישע סעקציע פון דער רוסישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי,
2) דער בונד,
3) פּעראייניגטע יודישע סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי,
4) קאָמוניסטישע פּאַרטיי "פּועלי ציון".
5) "בונד" סאָציאַל־דעמאָקראַטישער.
6) פּעראייניגטע יודישע סאָציאַליסטישע (מינאָריטעט־) אַרבייטער־פּאַרטיי.
7) יודישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַר־ אַרבייטער־פּאַרטיי (מינאָריטעט).
8) קולטור־ליגע.
9) "א.ר.ט."
10) "א.ז.ע."
11) "י.ע.ק.א.פּ.ע.".
12) "ס.ע.ט.מ.א.ס.".
13) אַלרוסישער צענטראַל־ראַט פון די יוניאָנס.

אויך פאָרשטעהער פון יודישען קאָמיסאַריאַט, פון דער יודישער אָבטיילונג פון פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג און פון דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטעט.

דער הויפט־צענטער פון אידגעזקאָם איז אין מאָסקווא. צענטראַלע האָט ער פינף: פאַר אוקראַינא—אין כאַרקאָוו; פאַר די האָמלער גוב.—אין האָמעל; פאַר ווייס־רוסל.—אין מינסק; פאַר וויטעבסקער גוב.—אין וויטעבסק; און פאַר דעם וואָלגא־ראַיאָן—אין סאַמאַרע. די אוקראַינער צענטראַלע האָט פון איהר זייט איין אָבטיילונג אין אָדעס, איינע אין קיעוו, און איינע אין די יודישע קאָלאָניען פון זיד־אוקראַינא. דאַן געבען עס אויך אָרטיגע אָבטיילונגען מיט פאָלמאַכט פון בערך 400 אין צאָהל. אין אויסלאַנד האָט דער אידגעזקאָם פאָרשטעהערשאַפטען אין אַמעריקא, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, און אין עסטלאַנד.

טהעטיגקייט: די טהעטיגקייטען פון דעם "אידגעזקאָם" איז צו שאַפען געלד און מאַטריאַל צו אויסהאַלטען און אונטערשטיצען פערשיעדענע קינדער־אַנשטאַלטען, מעדיצינישע אַנשטאַלטען, אַנשטאַלטען פאַר קאַליעקע און זקנים, לאַנדווירטשאַפטליכע און פּראָדוקטיווע קאָאָפּעראַציעס, אויסצופאָרשען די געגענדע פון די פּאָגראָם־ליידענדע און זאַמלען מאַטריאַלען וועגען פּאָגראָמען א.ז.וו.— צו ענדע פון 1921 האָט די צאָהל פון אַנשטאַלטען אונטער דעם שוץ פון דעם אידגעזקאָם בעטראָפען:

463 אַרבייטס־שוהלען, מיט 58153 קינדער
261 קינדער־היימען מיט 12740 קינדער.
100 טאָג־קינדער־היימען, מיט 7442 קינדער
167 קינדער־גערטנער מיט 8794 קינדער.
15 קינדער־קאָלאָניען מיט 815 קינדער.
44 קינדער־קלובען און אָבענד־קורסען מיט 3451 קינדער

8 גארקיכען פאַר קינדער בערך 1085
11 קורסען פאַר שוהל־טהוער מיט 676 קינדער
84 פּראָפ־טעכנישע שוהלען מיט 8000 קינדער, און בערך
300 סאַניטאַר־מעדיצינישע אַנשטאַלטען.
100 קאָאָפּעראַטיווען און אַרטעלען.

מיטלען: דעם גרעסטען טייל בעקומט דער "אידגעזקאָם" פון סאָוויעט־רוסלאַנד. אין אויסלאַנד, דער עיקר פון אַמעריקאַ, זיינען ביז ענדע 1921 אריינגעקומען אין רשות פון דיעזער אָרגאַניזאַציע אַרום 450 וואַגאָנעס (אַן ערך 10,000 טאָן) מיט פערשיעדענע הילפ־פּראָדוקטען, אַשטייגער: שפּייז קליידער, מעדיקאַמענטען און אַנדערע. אַחוץ דעם איז אויך דורך זיינע אויסלענדישע אָבטיילונגען איבערגעשיקט געוואָרען אַ מיליאָן פּריוואַט־בריעף און מעהר אלס 30,000 אינדיווידועלע פּעקלעך פון אַמעריקאַנער קרובים אין רוסלאַנד.

די אַדמינסטראַטיווע פעראַנטוואָרטלכקייט ליגט אונטער דעם קאָנטראָל פון דעם יודישען קאָמיסאַריאַט, וועלכער האָט צו זאָגען איבער אַלע יודישע אַנגעלעגענהייטען פון לאַנד.

אידדעסליי ערל אָוו **סטאַפאָרד**, אַן ענגלישער שטאַאַטס־מאַן, געב. 1818 און געשט. 1887. הויבט אָן זיין קאַריערע אַלס פּריוואַט־סעקרעטער צו גלאַדסטאָן, ווערט אַ מיטגליעד צו ענגלישען פּאַרלאַמענט פאַר דאַדליי, און שפּעטער פאַר נאָרד־דיוויאָן. אין 1859 ווערט ער פינאַנצ־סעקרעטער אין לאָרד דערבים מיניסטעריום. אין 1862 געהט ער איבער אין אינדיען אָפּיס. דאָ נעהמט ער אויף זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט דורכצוזעצען אַ מלחמה מיט אַבעסיניען, און פיהרט זי אויך אויס מיט גרויסען ערפאָלג. אין יאָהר 1871 ווערט ער בעשטימט צו אויסגלייכען די אַמעריקאַנער צוויסטיגקייטען איבער אַלאַבאַמאַ. ער איז דער פּאָטער פון דער "פרענדלי סאָסייטי אַקט" פון 1875. ווען דיזראַעלי איז געוואָרען לאָרד ביקאָנספיעלד איז אידדעסליי געוואָרען דער ליעדער פון דער קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי אין פּאַרלאַמענט. איהם איז געלונגען אומצוווערפען גלאַדסטאָנס מיניסטעריום אין 1885 אין יאָהר 1887 איז ער זיצענדיג אין לאָרד סאָלסבורים אָפּיס פּליצים געשטאָרבען.

אידונאַ, (נאָרד.מיטאָל.) די געטין פון דער אייביגע יוגענד, און פון אונשטערבליכקייט. זי איז נישט געבוירען, נאָר פון אייביג אָן. זי איז די פרוי פון דעם קלוגען בראַגאַ, דער גאָט פון די דיכטער. אונטער איהר שוץ געפינען זיך די עפּעל וועלכע מאַכען ווידער יונג. זי עסט אַלע טאָג אַזאַ עפּעל צו בלייבען אונשטערבליך. די געטער אָדין און לאָקע האָבען זיך פערשטעלט פאַר מענשען און געמאַכט אַ לאַנגע רייזע מיט דעם צוועק פון איהר צו רויבען דיעזע עפּעל. לאָקע איז צו איהר געקומען אויף די פליגעל פון אַן אָדלער, און האָט איהר איינגערעדט אַז ער האָט אויף דער ערד געפינען עהנליכע עפּעל. אידונאַ האָט מיט גענומען די עפּעל בכדי זיי צו פערגלייכען מיט יענע. דער אָדלער האָט איהר אָבער פערטראָגען. די געטער האָבען דערווייל נישט געהאַט די יוגענד־עפּעל צו עסען, און זיי זיינען דערפאַר גרוי און אַלט געוואָרען. זיי האָבען מיט כעס געפאָדערט פון לאָקע ער זאָל איהר צוריקברענגען, און ווען זי איז צוריקגעקומען, האָבען זיי גענומען עסען די עפּעל, און זיי זיינען ווידער יונג געוואָרען.

אידום, אַ גאַטונג פיש, אין די נאָרדליך

עוראָפּעישע וואַסערען. דער נאָמען איז לאַטייניזירט געוואָרען פון דעם שוועדישען נאָמען "איד". אין ענגליש הייסט ער "אייד" און אין דייטשען: "העק". זיינע ריקען־פלאָסען האָבען פון 8 ביז 9 שטרייפען, די ברוסט־פלאָסען פון 15 ביז 16, די בויך־



פלאָסען צו 8, די אַפטער־פלאָסען פון 9 ביז 11, און דער עק 19 שטרייפען. האָט קליינע אויגען און קליינע שופען. די קאָליער איז שוואַרצ־גריען מיט לעבהאַפטע מעש־גלאַנציגע שטראַהלען. אויף דער זייט בלויליך ווייס, און אויף דעם בויך זילבער־גלאַנציג. זיין לענג איז צווישען 30 ביז 80 סענטימעטער.

אידיאָבלאַסטען, (באָטאַניק) די פערהאַרטעטע קניפלעך וואָס בילדען זיך אין האָלץ אָדער אין דעם פלייש פון פרוכט. זיי בעשטעהען פון שטיינ־צעלען. זיי קומען פאָהר צווישען די פלאַנצען ווי פערזעצונג אין פיזיאָלאָגישען קערפער. מען רופט זיי "סענקעס". זיי זיינען פאַראַן אין פערשיעדענע גרויסקייטען. די קליינסטע זיינען מיקראָסקאָפּיש. זיי קומען פאָהר אין גומי און אין אָיל־דריזען. איבערהויבט אין די פענ־פלאַנצען.

אידיאָט, אין דעם אַלטען גריכענלאַנד, דער נאָמען פון איינעם וואָס איז געוועזען נייטראַל צו די אינטערעסען פון שטאַאַט, אָדער דער געזעלשאַפט. שפּעטער איז דער נאָמען איבערגעטראָגען געוואָרען אויף די אַרבייטער וויל, זיי האָבען קיין רעכט געהאַט צו בעקליידען אַן אַמט. היינט מיינט דיעזער נאָמען: איינער וועלכער לעבט ווי אַן אויטאָמאַט אָהן צו דענקען. צווישען בריטערען לעבען פון פאָלק מיינט עס: איינער וואָס מישט זיך אין וויסענשאַפטליכע זאַכען וועלכע ער פערשטעהט נישט.

פיזיאָלאָגיש איז אַן אידיאָט איינער וואָס איז געבוירען מיט אַ פעהלערהאַפטען געהירן אָדער איינער, וועמענס געהירן עס איז אַזוי פעהלערהאַפט געוואָרען, דאָס ער האָט קיין זין פאַר קיין זאַך, און לעבט ווי אַן אויטאָמאַט. די נאָהנטעסטע קראַנקהייט צו דעם אידיאָטיזם איז דער אימבעציליום, דאָס מיינט אַ שוואַכ־זיניגער. דער אידיאָט איז קיין זיניגער.

אורזאַכען: די אורזאַכען פון אַזאַ געבורט זיינען פיעלע. אינצווישען זיי זיינען דער גרעסטער טייל פעראורזאַכט ביי שווערע געווינערין דורך שלעכטע אַקושערס. דאָס ווייכע קעפּעל קריעגט אַ געפעהרליכען דרוק אויף דעם געהירן און דאָס געהירן בלייבט אונאַקטיעוו. אויך עלטערען וואָס שיכור'ן, אָדער אַזעלכע וואָס ליידען אויף סיפּילים קאָנען אַזאַ קינד ברענגען אויף דער וועלט. אויך קאָן דאָס קומען דורך אַ שווערען פאַל מיט דעם קעפּעל אַראָפּ.

קאַראַקטער: פאַראַנען אַזעלכע וואָס וואָלטען נישט עסען ווען מען זאָל זיי נישט קאָרמען. אַזוי איינער פיהלט דעם הונגער נאָר זיין ווילענסקראַפט איז נייטראַליזירט. אַזעלכער וואָס עסט בלויז איין געוויסע שפּייז, אָדער וואָס עסט איינציגע שפּייזען אין איין מאָהלצייט און לאָזט זיך נישט ענדערען דעם סדר ד.ה. שטענדיג אָנהויבען מיט דאָסזעלבע און אויסלאָזען מיט דעמזעלבען. אַזעלכער וואָס מאַכט זיך מיאוס הינטער־זיך טראָצדעם וואָס ער קאָן געהען אין אָבטריט. איינער

וועמען עס רייצען קיינע קאָליערען, קיינע שפּעקטאַקעל, און איז דאָך סעקסועל צו אַ געוויסען גראַד עמפּפינדליך. איינער וואָס קאָן ריידען און רעדט נישט מעהר ווי אַ פּאָאַר ווערטער זיין גאַנצעס לעבען. מען האָט אַזוי איינעם פּרובירט רייצען זיין געפיהל פון מוטער-ליעבע דאַמיט וואָס מען האָט איהם אָפט געציינט דאָס בילד פון זיין פערשטאָרבענע מוטער, אַבער ער האָט אַפילו נישט געוואָלט אויף איהר אַקוק טהון. מען האָט געמיינט אַז ער בעגרייפט אַפילו נישט וואָס מוטער מיינט. צעהן יאָהר שפּעטער, אַפּאָאַר סעקונדען פאַר זיין טוידט, האָט ער אויסגערופען— מיין שעהנע מאַמע!— און איז מיט דיעזע ווערטער געשטאָרבען.

פאָלגענדע סטאַטיסטיק פון אַ משוגעים הויז דיענט אַלס ביישפּיעל וועגען די פערשיעדענהייט פון אידיאָטען. דער צוועק פון דעם צענזוס איז געוועזען צו זעהען אויף וויפיעל אַן אידיאָט איז אַבהענגיג אַן דער הילף פון אַנדערע:—

574 הילפלאָז ווי ניי-געבוירענע קינדער.
74 „ ווי קינדער פון 2 יאָהר
94 „ ווי קינדער פון 7 יאָהר
179 האָבען בייגאַה פערדיענט זייער פרנסה
36 האָבען געלעבט אין געזעלשאַפט אונטער אַ געוויסע דיסציפּלין.

אין דעם אַלטען עגיפּטען האָט מען אַן אידיאָט געהאַלטען פאַר אַ הייליגען. מען האָט געגלויבט אַז דער אינטעלעקטער טהייל פון זיין נשמה איז אין הימעל, און אַז ער שטעהט אין פערבינדונג מיט דעם חומר אויף דער ערד. זיי האָבען געגלויבט, אַז ווער עס געווינט חן אין זיינע אויגען, קאָן ער גוטעס טהון צווישען די געטער. לוין זאָגט אין זיין "מאָדערן עדזשופּט" אַז דאָס איז דאָרט נאָך היינט אין דער מאָדע.

אידיאָטיזמוס, (גריכיש) אייגענטימליכקייט, אויסער געוועהנליכקייט, אונטער נאָרמאַל, הינטערשטעליגקייט אין גייסט.

אידיאָטיקאָן נאָמען פון דעם קייזערליכען שאַץ אין דעם אַלטען קאָנסטאַנטינאָפּאָל. שפּעטער דער נאָמען פון אַ ווערטער-בוך וואָס ענטהאַלט בלויז אידיאָמען.

אידיאָם, אייגענטימליכער אויסדרוק וואָס בילדעט זיך אין דער שפּראַך פון פאָלק. אַ בילדליכע פאָרשטעלונג דורך אַ געקינסטעלטען אויסדרוק. אַזעלכע בילדען זיך אין מיט דער צייט אין יעדע שפּראַך. פאַר דעם פאָרשער זיינען אידיאָמען דאָס מאַטריאַל צו דערפאָרשען דעם גייסטיגען צושטאַנד פון אַ פאָלק, אין אַלע זיינע עפּאָכען.

אידיאָסינקראַזיע, אַן אויסערגעוועהנליכע נייגונג צו, אָדער געגען עפּעס, וואָס נישט אַלע האָבען. למשל: אַ נייגונג צו עסען שפּינען, אָדער אַן אָבנייגונג געגען אַ קאַץ. אָפטמאָל איז דיעזע נייגונג ביי דעם אידיאָסינקראַט אַזוי שטאַרק, אַז ווען ער רעדט זיך איין, אַז דורך עסען ווייסען קעז וועט ער קריגען רויטע קרעץ אויף זיין לייב קריגט ער זיי אויך. דיעזע סאָרט קראַנקהייטען בעגעגענט מען אָפט ביי געזונדטע מענשען, און זיי דויערען באַזוי אָפטמאָל פאַר אַלענגערע צייט. זיי קומען און זיי געהען אַליין אַוועק. (ז."סוגעסטיאָן").

אידיאָפּאַטישע קראַנקהייט, נאָמען פאַר אַ קראַנקהייט וואָס האָט קיין בעציהונג מיט אַ אַנדערע קראַנקהייט. אין געגענזאַץ פון "סימפּאַטישע קראַנקהייט" וועלכע האָט יאָ אַ בעציהונג מיט אַן אַנדער קראַנקהייט.

אידיליע, נאָמען פון אַ געוויסע סאָרט געדיכטע, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס אַ בענגשאַפט צו דעם פרייען לעבען פון

אַ פאַסטוך, פון אַ פישער, אַן אַקערבויער, אַ יעגער, א.ד.ג. אידיליסטישע ליטעראַטור עקזיסטירט שוין פון לאַנגע צייטען. אַזוי איז רות אין אונזער ביבעל, אַן אידילע אין דעם פאָרם פן אַן ערצעהלונג; אַבער, אַלס אַ קלאַסישע קונסט, איז די אידיליע ערשט ענטשטאַנען אין די אַלעקסאַנדרינישע צייטען (295 פיצר.) און איז בעגרינדעט געוואָרען פון טהעאָקריטאָס דער גריכישער פאָעט. פאַר איהם האָט מען בעגעגענט איינצעלנע אידיליסטישע טיפען אין אַ דראַמאַ, אַמאָל אין אַ גאַנצען אַקט פון אַ מעלאָדראַמאַ אַשטייגער ווי ביי אונז אין גאָלדפאַדענס ”שולמית”, אַבער נישט אין דעם איינצעלנעם פאָרם, ווי ביי אונז ”די סאָכע” פון צונזער.

דער אידיליען־דיכטער בעטראַכט אימער די ציוויליזאַציע אַלס אַ שטערערין פון רוה, און די רוה, אַלס דאָס איינציגע גליק פון דעם מענשען. די מיעדיגקייט פון דעם שטורמישען לעבען אין די גרויסע ציוויליזירטע שטעדט, שאַפט אין איהם די בענגשאַפט פאַר דעם אַמאָליגען פריעדליכען לעבען. דיכטענדיג אַזעלכע בילדער דריקט ער אויס, צוגלייכער צייט, אַ פראָטעסט געגען דער ציוויליזאַציע וואָס האָט דאָס גליקליכע מענשהייט פון יענעם סאָרט לעבען אָבגעריסען. טהעאָקריטוס האָט געלעבט אין אַ צייט ווען די דיכטער האָבען בעזינגען די העראָען, די אַטהלעטען, די קאָנקורס־לויפער, די פויסט־קעמפער, פון וועלכע דאָס גריכישע פאָלק איז ווילד ווי אַ בעסטיע. צו שאַפען נייע העראָען האָט עס געמאַכט נייע מלחמות. מען איז בעפאַלען רוהיגע פעלקער בכדי צו קריגען נייע אויפרעגונג פאַר דעם ספאָרטישען לעבען. טהעאָקריטאָס האָט זיך דאָס דערעסען און ער האָט זיך אָבגעטיילט פון דער מענגע. אויסצודריקען זיין פראָטעסט געגען דעם ווילדען לעבען פון זיינע לאַנדסלייט האָט ער געשאַפען וואונדער שעהנע בילדער אויס דעם נאַטור־לעבען פון די סיצילישע פאַסטוכער, זאַנגענשניידער, פישער און יעגער. נאָך איהם האָבען געפאָלגט ביאָן און מאָשוס. צווישען די רוימישע אידיליען דיכטער פערנעהמט ווירגיל דעם ערשטען פלאַץ. אונטער זיין איינפלוס זיינען ענטשטאַנען די איטאַליענישע רענאַזאַנס דיכטונגען. אַ רייהע פון שעפער-שפיעל האָבען געפאָלגט פון טאַסאָ, גואַרינאָ, סאַנאַזאַראָ, און אַלאַמאַני. פון איטאַליען האָבען זיי זיך פערברייט איבער שפאַניען, פראַנקרייך, און ענגלאַנד. אין טעאַטער איז דאָס קאָקעטע און דאָס ראַפינירטע אין קאָנטראַסט געשטעלט געוואָרען צום נאַיווען און דעם נאַטירליכען. ”הערמאַן אונד דאָראָטהעאַ” פון געטהע איז שוין אַן אידילישער עפּאָס. לעצטענס בעדיענט מען זיך שוין אויך מיט דעם דאָרפישען דיאַלעקט ביים בילדען אידילישע דיכטונגען. בערטהאָלד אַוערבאַך ווערט בעטראַכט אַלס דער גרעסטער פון די מאָדערנע.

די טעכניק

אַן אידיליע מוז שאַפען אַ קאָמפּלעטעס בילד אין אַ קליינעם קאָמפּאַס. מעג דערמאָנען אַסך פערשיעדענע געגענשטענדע אַבער נאָר אַלס פאַרבען צום בילד. די שפּראַך דאַרף זיין איינפאַך און בילדליך, דורכאויס גענומען פון דעם דאָרפישען לעבען. דער פּאַטהאָס מוז זיין זאַנפט פאַר דער אידיליע און העפטיג געגען די שעדליכע עלעמענטען וואָס שטערען דאָס אידילישע גליק.

אידיסאַ, העברעישער נאָמען פאַר ”עדעססאַ” (ז.ד.).

אידלש ר׳ שמואל אליעזר בן יהודה

(מהרש״א) אַ געריהמטער תלמודיסט און תוספות פאָרשער. געב. אין פּאָזען 1555 און

געשט. אין אָסטראָגאָ וואָלינער גוב. 1631 טראָגט דיעזען נאָמען לכבוד זיין שוויגער איידעל, וועלכע האָט געהאָלפען זיין ישיבה

פאַר צוואַנציג יאָהר. זיין שווער האָט געגרינדעט פאַר איהם אַ גרויסע ישיבה אין 1585 וועלכע ער האָט אָנגעהאַלטען ביז 1609 זיין שוויגער האָט די תלמידים מפרנס געווען פון איהר אייגען געלד. אַלס זי איז געשטאָרבען האָט ער די ישיבה נישט מעהר געקאָנט אָנהאַלטען. ער איז דערפאַר געוואָרען רב אין כעלם אין 1610 וואו ער האָט געלעבט פיער יאָהר. ער ווערט שפּעטער ערוועהלט אַלס ראש ישיבה אין לובלין און פונקציאָנירט דאָרט ביז ער איז ערוועהלט געוואָרען אַלס רב און ראש ישיבה אין אָסטראָגאָ. דיעזע שטעלע האַלט ער שוין ביז זיין טוידט.

ער איז געווען אַ גרויסער עילוי אין תוספות. דער גאַנצער תלמוד איז איהם קלאָהר געוואָרען דורך תוספות. זיין נייגונג פאַר אָריגינאַליטעט האָט איהם געמאַכט זוכען חדשות און ער האָט אויך פיעלע געפונען. אין 1600 גיט ער אַרויס אַ טייל פון זיינע חדשות, די מיינונגען וועגען זיי פון די צייטגענאָססען האָבען איהם אויפגעמונטערט ווייטער אָנצוגעהען מיט זיין אַרבייט, און מיט 11 יאָהר שפּעטער גיט ער אַרויס די רעשט פון זיי. אין דער צייט ווען אַנדערע רבנים האָבען זיך געגריבעלט אין דער קבלה האָט ער ווייטער געאַרבייט אין חדשות אין די הגדה. אויבוואויל ער איז אַליין געווען אַ גוטער בעל־מקובל, האָט ער דאָך בעטראַכט די קבלה אַלס אַ צייטפערטרייבעריי. פון זיינע ווערקע זעהט זיך אַרויס אַז ער האָט געהאַט גרויסע קענטניס אין דער אַסטראָנאָמי און אין דער פילאָזאָפיע.

אידסטרעם עללען, אַ בעדייטענדע שוועדישע נאָוועליסטין וועלכע איז איבער־

ELLEN IDSTROM.

זעצט געוואָרען אין איניגע שפּראַכען. איהר בעסטעס ווערק איז "אבישג". איהר איבערזעצער איז געווען דר. ברויזעוועטער, דער וואָס האָט איבערזעצט איבסען. דערזעלבער האָט איהר אויך פּאָפּולאַריזירט, און איהר פאַר דער אויסערערע וועלט אַ גרויסען נאָמען געשאַפען.

אידעאָגראַם, אַ צייכנונג וואָס דריקט אויס אַ אידעע (נישט דורך צוזאַמענגעשטעלטע בוכשטאַבען). איידער די בוכשטאַבען זיינען ענטשטאַנען האָט יעדעס פאָלק געצייכענט אידעען אין זאַכליכע פאָרמען. ביי די פוילישע און רוסישע פויערים וואָס קאָנען נישט שרייבען, ווערט דאָס נאָך היינט פראַקטיצירט. מען רופט דאָס אויך: בילדער־שריפט, די אַמאָליגע פון עגיפטען האָבען געהייסען: היראָגליפען־שריפט. דער אידעאָגראַם בעצייכענט נאָר די סאָרט צייכנונג וואָס רעפּרעזענטירט אַ רעאַלען געגענשטאַנד, אָדער אַ רעאַלע טהאַט. די היינטיגע כינעזישע שריפט איז אַ אידעאָגראַפישע, זי בעשטעהט אויס 24,235 צייכען. די היראָגליפען האָבען געהאַט 400 צייכען וועהרענד אונזער אַלפאַבעט האָט בלויז 26, וועלכע מיר רופען שוין: בוכשטאַבען, און וועלכע מיר מוזען צונויפשטעלען, איידער מיר קאָנען אויסדריקען דאָס וואָס איין אידעאָגראַם קאָן טהון. אַ קינסטליכער ביישפּיעל קאָן געגעבען ווערען אין אונזער אייגענעם לשון. למשל: זוי נישט ״ב״. אַ ״ו״ עסט דאָך קיין ״ה״.— דיעזע בוכשטאַבען זיינען אין דיעזען פאַל, אידעאָגראַמען.

אידעאָגראַפיע, די צייכען־שפּראַך. אַ שריפט וואָס בעצייכענט בעגריפע און נישט ווערטער. אַשטייגער ווי די ציפערען, אָדער די כינעזישע שריפט (ז.ד.).

אידעאַל, אַ שעהנע איינבילדונג פון אַן אינטעלעקטועלע פאַנטאַזיע, אין געגענזאַץ צו דעם רעאַלען וועלכעס האָט אַ ווירקליכע עקזיסטענץ. שאָפּענהויער זאָגט: אידעאַל איז די וועלט אין קאָפּ, און רעאַל איז אויסערהאַלב דעם קאָפּ. אידעאַל אונטערשיידט זיך פון דעם וואָרט אידעע דאַמיט וואָס, איין אידעאַל פערקערפּערט אין זיך פיעלע אידעען. אַן אידעאַל איז אַ קאָמפּלעקס פון אידעען וואָס צייגען צוזאַמען, אַ פּלאַהן פאַר אַ גאַנצע אַנשוואונג. דער פערנונפטיגער אידעאַל איז אַ מוסטער פון דעם רעאַלען.

אין דער פּאָלעמיק וועגען דעם אידעאַלען און רעאַלען, בעציהט זיך דער אידעאַליסט אויף דער מאַניפעסטאַציע און דער רעאַליסט אויף דער זאַך גופא. דער רעאַליסט מוז זיך דארום אָבשטעלען ביי די גרענעצען פון די חושים וועהרענד דער אידעאַליסט קאָן ספּעקולאַטיוו נאָך ווייטער געהען. דער רעאַליסט זעהט פאַר זיך קיין ווייטע צוקונפט ווייל, זיין וויסען איז אַבהענגיג אויף דעם צושטאַנד וואָס דער פּראָגרעס האָט געמאַכט ביז זיין צייט, וועהרענד דער אידעאַליסט קאָן געהן דעם פּראָגרעס אין פאָראויס. עס איז אייגענטליך דער אידעאַליזמוס וואָס ברענגט דעם פּראָגרעס.

אידעאָלאָגיע, די לעהרע איבער די ענטשטעהנג, קאַראַקטער, האַרמאָניע און לאָגיק פון אידעען. איהר פאָרשונגס גרונד איז די אַנטראָפּאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע און פילאָלאָגיע. זי ערקלעהרט דעם אונטערשיעד צווישען דעם צוועקלאָזען דענקען צו דעם אידעאַליסטישען, צווישען דעם בעוואוסטזיניגען און דעם בעוואוסטלאָזען; ווי אויך די אורזאַכען וואָס שטערען צו בילדען קאָמפּלעטע אידעען. דער בעגרינדער פון דיעזע לעהרע איז געוועזען דער פראַנצוזישער פילאָזאָפישער שריפטשטעלער דעסט. ד׳ טראַסי, און זיינע נאַכפאָלגער זיינען געוועזען: קאָלאַרד און קוזין.

אידעאַליזירען, אַן אונפאָלקאָמענהייט אין דער רעאַליטעט אין דעם רעיון פאָלקאָם מאַכען. די אידעאַליזירונג קומט פון דער בעגייסטערונג וואָס עס ווערט געשעפּט אויס דער שעהנהייט פון דעם אידעאַל. דיעזע

אידעאַליזירטע בעגייסטערונג ענטוויקעלט דעם שעהנעם סטיל, און דער סטיל שאַפט די קונסט. אַזויפיעל פאָרמען ווי דער סטיל האָט אַזויפיעל אַרטען האָט די אידעאַליזירונג. די נידריגסטע פאָרמען זיינען די נאַטירליכע, און די העכסטע די גייסטיגע. דער דראַמאַטורג וואָס אידעאַליזירט געוויסע טיפּען, אויב ער טהוט דאָס אויף דעם רעאַליסטישען געביעט, איז ער נאַטוראַליסטיש, און ווען אויף דעם גייסטיגען געביעט איז ער אידעאַליסטיש. צובייׁשפּיעל: הויפּטמאַן, איבסען, קעלער האָבען געווירקט אויף דעם רעאַליסטישען, און געטהע, שיללער און שעקספּיער אויף דעם אידעאַליסטישען. דער נאַטוראַליסט איז געבינדען מיט זיין סטיל צו דער נאַטור אַזוי ווייט ווי די קאָנקרעטע בעגריפע ערלויבען, און דער אידעאַליסט איז גאַנץ אויף די פליגעל פון דער פאַנטאַזיע.

אידעאַליזמוס, א קונסט־אויסדרוק פאַר פיעלע פילאָזאָפישע סיסטעמען, וועלכע טיילען זיך אין צוויי הויבט־גרופּען, די טעאָרעטישע און די פּראַקטישע. די לעצטע דענקט בלויז איבער דאָס מעגליכע, איבער דאָס נוצליכע, און בעטראַכט אַלעס ווי עס איז וועהרענד די טעאָרעטישע בעטראַכט אַלעס ווי עס דאַרף צו זיין. אונגעאַכטעט, אויב עס איז מעגליך אָדער נישט, און אונגעאַכטעט אויב עס איז נוצליך אָדער נישט.

עס געבען אויך אָבוויכונגען וואו דער פּראַקטישער קינסטלער געהט אַריבער די נאַטירליכע פאָרמען, און דער טעאָרעטישער וואָס געהט אַריין אין דער פּראַקטישע; איבערהויבט ווען עס האַנדעלט זיך אַרום גרויסע זאַכען וואָס געפינען זיך צו־ענג אינצווישען די גרענצען פון זייער קלאַס. זיי טרעטען אָבער ביידע צוריק הינטער זייערע גרענצען, אַזוי שנעל ווי אַזאַ האַנדלונג איז פערטיג.

למשל: דער מאַלער וואָס מאָלט אַ גרויסע לאַנדשאַפט אין אַ קליינעם ראַהם. ער וויל דאַרשטעלען די וויטקייט אויף דעם הינטער גרונד. דאָ מוז ער פערלאָזען די נאַטירליכע פאָרמען, און מאָלען אַן אידעאַלע וויטקייט. ער מוז אין אַזאַ פאַל אויך פערלאָזען די נאַטירליכע פאַרבען, און אריינפיהרען אידעאַלע פאַרבען. פון דער אַנדערער זייט ווידער, קאָן דער טעאָרעטישער פּאָעט נישט אימער פאַנטאַזירען אָהן זיך צו בעדיענען מיט נאַטירליכע (פּראַקטישע) פאָרמען. שוין אין דעם געזאַנג גופא פעראייניגען זיך ביידע דורך דער שפּראַך און מוזיק; דאָך, נאָכדעם, געהט זיך די שפּראַך ווידער אין איהר פּראַקטישען וועג, און די מעלאָדיע ווידער אין איהרע טעאָרעטישע וועגען אַריין.

דער פּראַקטישער אידעאַליזמוס לאָזט זיך אורטיילען דורך דעם טעאָרעטישען, און דער טעאָרעטישער דורך דעם פּראַקטישען. זיי קאָנען נישט פון זייער אייגענעם שטאַנדפּונקט בעאורטיילט ווערען. זיי זיינען ווי אַלע אַנדערע זאַכען אונטערוואָרפען דעם רעלאַטיוו־סיסטעם.

וויל מען צופיהרען דעם אָפּטימיזמוס מיט דעם פּעסימיזמוס צו זייערע קלאַסען דאַן מערקט מען גלייך אַז, דער טעאָרעטישער קלאַס פּראָדוצירט מעהר אָפּטימיסטען ווי דער פּראַקטישער. עס זאָל אייגענטליך זיין פערקעהרט. דער פּראַקטישער נעהמט דאָך אַלעס ווי עס איז פאַר גוט, אַלעס וואָס מעגליך פאַר נוצליך; דער טעאָרעטישער וועלכער איז מיט דאָס זייענדע אונצופריעדען און וויל אַלעס ווי עס דאַרף צו זיין; דאָך, ווי נאָר עס קומט צום לעצטען געדאַנק, דעם געדאַנק פון טוידט, בלייבט דער פּראַקטישער שכל טוידט און דער טעאָרעטישער לעבט ווייטער. דערפאַר ענדיגט דער פּראַקטישער

מיט סקעפּטיציזמוס און דער טעאָרעטישער מיטע גלויבען.

דער טעאָרעטישער אידעאַליזמוס האָט אַ פּאָרטזעצענדען קלאַס: די מעטאַפיזיק. דער מעטאַפיזישער אידעאַליזמוס לערנט אַז, נישט דער טוידטער שטאָף און נישט די בלינדע נאַטור־קראַפט קאָן גערופען ווערען אידעאַל. זיי קאָנען העכסטענס זיין בלויז רעפּרעזענטאַנטען פון אידעאַלען, אַבער קיינע אידעאַלען גופא. עס איז דער גייסטיגער פּרינציפּ וועלכער פּראָדוצירט די פּראַקטישע פאָרמען אָבער נישט פערקעהרט. דער העכסט ענטוויקעלטער גייסט וועט בעשאַפען העכסט ענטוויקעלטע פאָרמען. דאָס פּראַקטישע איז דאַרום אַן אונטעראָרדנונג אונטער דאָס טעאָרעטישע. דער מעטאַפיזישער אידעאַליזמוס בעטראַכט יעדע פאָרשונג איבער דער מאַטעריע אַלס אַ שריט פאָרווערטס צו דער ערקענטניס פון דעם העכסטען אידעאַלען גאָט.

אידעאַליסטיש, אַ אידעע וואָס איז פאָלקאָם, אָהן אַ פעהלער, גאַנץ ווי געוואונשען, אַ מוסטער פון פאָלקאָמענהייט. ביים האַנדלען וועגען קונסט אָדער וועגען זיטליכקייט איז דאָס אור־בילד אין דער פאַנטאַזיע דאָס אידעאַליסטישע, און דאָס געשאַפענע דאָס רעאַליסטישע. צווישען דעם אור־בילד ביז דעם געשאַפענעם פעהלט אימער עפּעס אָדער פיעל צו דער פאָלקאָמענהייט, דערפאַר בלייבט דאָס געשאַפענע אַ רעאַליזם. דאָס הייסט: אַן אונפאָלקאָמענהייט. קוים אָבער געלונגט עס דעם קינסטלער זיין אידעאַל פאָלקאָם צו רעאַליזירען דאַן איז אויך זיין ווערק אַן אידעאַליסטישעס. ד.ה. אַן עקזאַקטע קאָפּיע אויף דר׳אויסען פון דאָס אינערע.

אידעאָ־מאָטאָרישע בעוועגונג, דאָס טהון פון טהאַטען אונבעוואוסטערהייט. דאָס פּאַסירט ביי אַנשטרענגען דעם אינטעלעקט פון א גייסטיגען אַרבייטער ווען די מיעדיגקייט פערשלעפּערט דאָס בעוואוסטזיין, בעת דער קערפּער איז וואַך. ביים היפּנאָטיזמוס ווערט דערויף גערעכענט, און אַזוי שנעל ווי דער היפּנאָטיסט פערשלעפּערט דאָס בעוואוסטזיין פון זיין פּאַציענט, פערטשעפּעט ער גלייך זיין אייגענעם בעוואוסטזיין מיט יענעמס אידעאָ־מאָטאָרישע בעוועגונגס שטראָמען.

צו דיעזע קלאַס בעוועגונג געהערען אויך אַלע טהאַטען וואָס אַ מענש בעגעהט אָהן צו וויסען פאַר וואָס. אויך די טהאַטען וואָס איינער בעגעהט בעת זיין מח איז פערנומען מיט טראַכטען אַרום עפּעס אַנדערש. אויך דאָס ריידען וואָס מען מיינט נישט, אָדער דאָס שילטען אַ גוטען פריינד.

אידעאָקראַטיע, די הערשאַפט פון דעם פערנונפטס־בעגריף, אָדער די אונטערווערפונג אונטער די הערשאַפט פון דער פערנונפט אָדער די אַנערקענונג אַז די פערנונפט איז איבער אַלעם.

אידעלסאָן אַברהם, העברעיש־רוסיש־און יודישער שריפטשטעלער. געב. אין זאַגער 1863 און געשט. אין בערלין 1922. אַלס אַ זוהן פון אָרימע עלטערען וואַנדערט ער אויס זיין היים ווען 17 יאָהר אַלט נאַך ליבוי, בעקאָנט זיך דאָרט מיט יעקב מאַרק וועלכער האָט איהם געהאָלפען קריגען שטונדען. ער האָט שוין דעמאָלט געקאָנט קלאָהר תנ״ך און אַ פּאָאָר מסכתות גמרא. בייטאָג האָט ער געלערנט מיט אַנדערע און ביינאַכט פאַרזיך. ער האָט זיך פאָרבערייט צו אָנקומען אין גימנאַזיע, און אין אַ האַלב יאָהר שפּעטער האָט ער דיעזען ציעל ערריכט. ער איז אַריין אין 6טען קלאַס, און 3 יאָהר שפּעטער האָט ער די גימנאַזיע געענדיגט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל.

ער פאָהרט נאָכדעם אַוועק אין מאָסקוואַ

שטודירען יוריספּרודענץ, דאָרט בעגעגענט ער זיך מיט ברייגין, אוסישקין, טשלענאָוו און מאַזאַ"ה. ער ווערט אַ חבר אין דעם סטודענטען קרייז "בני ציון", און אַרבייט זייט דעמאָלט אין דער ציוניסטישע בעוועגונג (במשך פון 35 יאָהר) ביז זיין לעצטען לעבענס־טאָג. זיינע אַקטיוויטעטען זיינען געוועזען אינערליך. מיט זיין אַנאַליטישען שכל פלעגט ער צונישטמאַכען אַלע דיפערענצען צווישען זיינע שטרייטענדע חברים. אויף פּראָסט לשון האָט מען איהם גערופען אַ פּשרה־מאַכער. אַז מען האָט אוסישקין צווישען זיי, איז שוין פאַר אַזאַ מענשען ווי אידעלסאָן געוועזען פיעל צו טהון. ער האָט זיך שטענדיג צוריקגעהאַלטען פון דער עפענטליכע רעקלאַמע, האָט זיך קיינמאָל נישט געלאָזט שטופּען אין פראָנט, און האָט דאָך אינערליך געהאַט דעם גרעסטען איינפלוס אויף דער בעוועגונג.

בערך 7 יאָהר האָט ער רעדיזשירט דעם רוסיש־יודישען זשורנאַל "ראַזסוויעט" אין פּעטערסבורג. דאַן 2 יאָהר דאָס העברעישע ציוניסטישע וואָכען־בלאַט "העולם" אין לאָנדאָן. זיין גייסטרייכער וויץ, און זיין קריטישע שאַרפזיניגקייט האָבען איהם בעליעבט געמאַכט צווישען אַלע אינטעליגענטען וואָס האָבען איהם געלעזען. אין 1905 בעת די רוסישע רעוואָלוציאָן האָט אָבגעשאַפט די צענזור, האָט ער אין פּעטראָגראַד ארויסגעגעבען אַ וויץ־בלאַט "דער שגץ". מיט דער ווידער איינפיהרונג פון באָלשעוויסטישען צענזור איז דער "שגץ" אַרונטער פון דער ביהנע. זיין בעשיידענהייט איז צו זעהען פון דעם פאַקט וואָס ער האָט כמעט שטענדיג געשריעבען נישט אונטער זיין אייגענעם נאָמען. די פּסעודאָנימען וועלכע ער האָט געברויכט זיינען געוועזען:- אַ. דאַווידסאָן, זאַגאָרסקי, בן־דוד, און אַנדערע.

אידענטיטעט, די פערגלייכונג פון עגאַלע געגענשטענדע אָדער אידעען אונטעראַנאַנדער, אָדער די אַנערקענונג אַז, דאָס איינע איז אַזוי גוט ווי דאָס צווייטע; אָדער גאָר, אַז די צוויי זיינען איינס. איין זאַך קאָן פאָהרקומען צווימאָל אין צוויי פערשיעדענע צייטען. דער אונטערשיעד קאָן זיין וואָס די צווישען־צייט האָט געמאַכט צווישעןביידע פאָהרקומענישען, אַבער דאָס ברענגט נאָך, נישט אַלעמאָל, אַ פאָלקאָמענעם דיפערענץ; די פערגלייכונג פון דיעזע ביידע הייסט: אידענטיפיצירונג.

אידענטיפיקאַציע, צוויי געגענשטענדע ברענגען אונטער איין בעגריף. למשל: איניגע ברידער אידענטיפיצירען איין פאַמיליע; צוויי עגאַלע אונטערשריפטען, איין שרייבער; צוויי עגאַלע פינגער־דרוק איין פערזאָהן א. ז. וו.

אידעע, אַ געדאַנקען־בילד וועלכעס איז געזעהען געוואָרען, אָדער פון דער פאַנטאַזיע צוזאַמענגעשטעלט. עמאַנועל קאַנט רופט יעדען פערנונפטיגען בעגריף: אַ אידעע. לאָקע האַלט יעדע שפּינונג פון דער פאַנטאַזיפאַר אַ אידעע. שאָפּענהויער האַלט אַז בלויז דאָס וואָס קאָן געזעהען ווערען; אַ שטייגער ווי דאָס לאַטיינישע דריקט אוים "עקזעמפּלאַר".

פילאָז.: די פּלאַטאָנישע שוהלע לערנט: אַ אידעע איז, אַ נאָרמאַלע אַנשויאונג וואָס לאָזט זיך קלאָהרשטעלען, נישט נאָר מאַטעמאַטיש נאָר אויך מאַטריעל. די אידעע איז אַ פּראָדוקט פון דער צייט, געבויט אין אַ בעשטימטען רוים און צוזאַמענגעשטעלט אוים אַ פיעלהייט אין אַן איינהייטליכען פאָרם. די אידעע איז אייביג, זי ענשטעהט נישט, זי פערגלייכט זיך מיט דעם "פענאָם" (ז.ד.) ווי די אייביגקייט צו דער און־ענד־

ליכקייט. זי איז דאָס מוסטער־בילד פון דעם געטליכען גייסט. פון ווילהעלם אָקאַם אָן איז דאָס וואָרט "געטליכע" אויסגעלאָזען געוואָרען און עס הייסט: דאָס מוסטער־בילד וואָס (און אַזוי לאַנג) עס עקזיסטירט אין גייסט. לייבניץ שטעלט דאָס אידעאַלע אַלס געגענזאַץ צום רעאַלען. פיכטע איז געוועזען דער ערשטער וואָס האָט די אידעע אונטערוואָרפען דעם פרייען ווילען. ער זאָגט: די אידעע איז ווי איך וויל אַז זי זאָל זיין. אַוועכאַריוס פערגלייכט דאָס "אידעאַלע" צו "געדאַנקענהאַפ" און דאָס "רעאַלע" צו "זאַכ־האַפט".

אידעע און בעגריף: אַ בעגריף קאָן זיין שוואַך און אַ אידעע מוז זיין קלאָהר. א בעגריף איז אַ פאָרם און אַ אידעע אַ פלאַהן. אַ בעגריף איז אַבסטראַקט אין זיין אור־שפרונג און אַ אידעע איז קינסטליך. די אידעע איז דער שטאָף פון דער קונסט און דער בעגריף איז דער שטאָף פון דער וויסענשאַפט.

צו בילדען א אידעע מוז דער שכל האָבען אַ פעהיגקייט צו קאָנען אידענטיפיצירען (ז.ד.), צו דיפערענצירען (ז.ד.), און צו קלאַסיפיצירען די מאַסע פון ערפאַהרונגען [illegible] וועלכע [illegible] זיינען דאָ פערשיעדען בעגריפליכע געגענשטענדע. ד.ה. ער מוז האָבען אינטעליגענץ.

אידעעלער קריסטיאַן לודוויג, אַ בעדייטענדער אַסטראָנאָם און כראָנאָלאָג. געב. אין 1766 [illegible] פערלבערג דייטשלאַנד, און געשט. אין 1846. איז פון קעניג אָנגעשטעלט געוואָרען צו שרייבען אויסרעכנונגען און כראָנאָלאָגיע פאַר קאַלענדאַרען, און ווירקט צוגלייכער צייט אַלס דירעקטאָר פון דעם קאַדעטישען קאָרפּוס. שפּעטער ווערט ער דער לעהרער פון פרינץ ווילהעלם, דער יעצטיגער עקס־קייזער, ווי אויך פרינץ קאַרל, און פרינץ פריעדריך. שפּעטער איז ער געוואָרען פּראָפעסאָר דער פילאָזופיע. נעבען אַלע דיעזע אַרבייטען פאָרשט ער איבער די אַסטראָנאָמיע אין אַלטערטום און גיט אַרויס אַ ווערק איבער דיעזע פאָרשונגען וועלכעס דיענט נאָך היינט אַלס אַ ווערטה־פולער קוואַל פאַר דער געשיכטע פון דער אַסטראָנאָמיע. זיין ווערק "איבער די צייט־רעכנונג פון די כינעזער" ווערט נאָך היינט פיעל ציטירט.

אידעען־פלוכט, אַ קראַנקהייט ביי וועלכע אידעען וועקסלען זיך ראַש, אָהן אַ צוזאַמענהאַנג, אָדער אָהן אַן ערקלעהרונג.

אידער דר. ד. מ. אַ בעדייטענדער ציוניסטישער כלל־טהוער; אַ שוואָגער צו יאָזעף קאָווען, פּרעזידענט פון דער ענגליש־ציוניסטישע פעדעראַציע, און אַ שוואָגער צו ליטווינאָוו דעם רוסישען סאָוויעט־מיניסטער. געב. בערך 1869 אין ענגלאַנד, שטודירט דאָרט מעדיצין, ספּעציאַליזירט זיך אין נעוראָלאָגיע און מענטאַלע טעראַפּוטיק. זיין פרוי אידים איז אויך אַ דאָקטאָר מעדיצין, און אַ שוועסטער פון סער סידנעי לאָו. ער שרייבט טעכנישע אַרטיקעל אין פאַכ־זשור־נאַלען, ער שרייבט אויך איבער סאָציאַלע און ערציהונגס פראַגען, וואו ער צייגט זיך אַלס אַ שאַרפזיניגער שרייבער.

ער בעדויערט זעהר וואָס ער האָט נישט בעקומען אַ יודישע ערציהונג, אַבער זיינע נייגונגען זיינען פאַר ציון און פאַר דעם יודישען פאָלק. בעת די איטאָ בעוועגונג איז ערשינען האָט ער זיך אָן איהר אָנגע־שלאָסען. ער איז פאַר אַ צייט אויך געוועזען איהר סעקרעטער. ער איז אַלס רעפּרעזענ־טאַנט פון דער איטאָ איינגעשלאָסען געוואָרען אין דער פּאַלעסטינער קאָמיסיע, אין וועלכער

ער איז נאָך היינט אַ מיטגליעד.

זייענדיג דער שוואָגער פון ליטווינאָוו, און האָבענדיג ליבעראַלע אַנזיכטען, איז איהם געלונגען צו קומען אין רוסלאַנד אין 1921 מיט דעם צוועק צו פועל'ן ביים סאָוויעט, צו לעגאַליזירען די ציוניסטישע בעוועגונג. דאָס איז איהם נישט געלונגען ווייל דיעזע בעוועגונג איז אַ נאַציאָנאַלע. אַלס ער איז צוריקגעקומען פון דאָרט האָט ער געהאַלטען רעפעראַטען וועגען רוסלאַנד, און האָט אין זיי געראַטהען די אַנערקענונג פון סאָוויעט אַלס אַ טהאַטזעכליכע רעגיערונג פון רוסלאַנד.

נאָך אַלס יונגערמאַן האָט ער בערייזט די ווילדע געגענדע פון צענטראַל- און זיד-אַמעריקאַ. ער איז אויך געוועזען אין זיד-אַפריקאַ. האָט געדיענט אין דער בריטישע אַרמיי בעת דער וועלט-מלחמה. ער האָט ביי אַלעם דעם אָנגעזאַמעלט פיעל ערפאַהרונג וועלכע מאַכען איהם זעהר ניצליך אין דער ציוניסטישע בעוועגונג. אין די ענגלישע רעגיערונגס-קרייזען בעטראַכט מען איהם אַלס אַן אויטאָריטעט איבער ערציהונג.

אין זיין אַמט אַלס מיטגליעד אין דער קאָמיסיע פון פּאַלעסטינאַ איז איהם אויסגעקמען צו האַלטען אַ ריידע פאַר דעם מעדיצינישען אונית, ער האָט געמוזט ריידען אין ענגליש ווייל ער קאָן נישט קיין העברעיש, אוסישקין האָט פון דער אונמעגליכקייט נישט געוואָלט וויסען, און ער האָט פערורזאַכט אַזאַ סקאַנדאַל דאָס אידער האָט זיך געפיהלט געצוואונגען צו רעזיגנירען. ער האָט פערלאָזען פּאַלעסטינאַ אין דעצעמבער 1921 אַבער די אָרגאַניזאַציע האָט איהם נישט אָבגעלאָזען ביז ער האָט געמוזט צוריק פאָהרען אין דעם קומענדען מאָנאַט צו זיין פריהעריגען אַמט.

אידראַליט, אַ מינעראַל-שטאָף וואָס איז אורשפּרינגליך געפינען געוואָרען אין דער אידריאַ (ז.ד.) אין דעם פאָרם פון קערנער אָדער שיעפער. זיין קאָליער איז ברוינליך שוואַרץ. איז פעט-גלאַנציג אָבער דורכזיכטיג. ער צינדט זיך אָן לייכט און שמעלצט ביי 250 גראַד היץ. ווען געמישט מיט ציגאָבער קיעזעל-זויערע, טהאָנ-ערד, און אייזענ-קיעז קאָן מען איהם ציהען. ער געפינט זיך אויך צווישען די שיעפער-שיכטען.

אידריאַ, אַ נעבענ-פלוס פון דעם טייך "איזאָנצאָ" (ז.ד.).

אידריאַ, אַ שטאָדט אין קראַין ביים פלוס אידריאַ. ליגט אין אַ טאָל. איז געריהמט צוליעב די רייכע קוועק-זילבער מינען, ציגאָבער-פאַבריקען, שפּיצענ-קלאַפּעריי, ווי אויך פערשיעדענע מינעראַל-ווערק.

אידריסי אַבו-אַבד-אַללאַה, אַן אַראַבישער געאָגראַף, געב. בערך אין 1100 און געשט. אין 1180. שטודירט אין דער אוניווערזיטעט פון קאָרדאָוואַ. וואַנדערט פיעל איבער דער וועלט, ביז ער איז געוואָרען איינגעלאַדען פון ראָגערס דעם צווייטען דער הערשער פון סיציליען, צו בלייבען ביי איהם אין הויף. דאָרט זייענדיג האָט ער אויפגעבויט אַ זילבערנעם גלאָבוס וועלכער ווערט בעטראַכט אַלס דער בעסטער פון יענער צייט. צו דעם האָט ער אויך אַרויסגעגעבען אַ בוך מיט ערקלעהרונגען אונטער דעם נאָמען "נוזהאַט אַל-מושטאַק". אַן אַלטעס מאַנוסקריפּט איז פון איהם געפינען געוואָרען איז פּאַריז אין 1820, און עס איז אַרויסגעגעסען אין דער פראַנצויזישע שפּראַך. דער געגעבען אין דער פראַנצויזישע שפּראַך. דער אין איטאַליעניש. דערזעלבער גלויבט, אַז אידריסי איי געוועזען דער ערשטער, וואָס האָט בעמערקט די רונדהייט אַלס אַ געזעץ פון פאָרמען אין דעם אוניווערזום. אידריסי

האָט געגאָסען דיזעלבע אַכטונג פון ראָגערס טראָהנ-פּאָלגער און זיינע הויפּליט.

איהאָוריקאַ, אַ פערגעטערטער קעניג אין יאַפּאַן אוים דעם 7טען יאָהר-הונדערט פּיצר' וועלכער האָט אָנגעהויבען זיין הערשאַפט איבען דעם אינזעל ליאוקיאַ, און נאָך זיין פּאָטערס טוידט אויך איבער היוגאַ. ער געהט מיט זיינע ברידער עראָבערען גאַנץ יאַפּאַן, אויף דעם ים האָבען זיך די כוואַלעס צושפּיעלט מיט אַ גרויסע סכנה איבער זיין פלאָטע. בכדי די כוואַליעס רוהיג צומאַכען ווערפט ער אריין זיינע צוויי ברידער אין ים. ער קומט אין יאַפּאַן מיט אַ האַלב פערלוירענע פלאָטע. ער הויבט זיין קאַמף מיט גרויסע ענערגיע, ער פיהרט די מלחמה פון איין נצחון צום אַנדערען, ביז ער האָט זיין ציעל דערגרייכט. ער האָט דערפאַר געבויט זיין פּאַלאַסט: האַלב-טעמפּעל און האַלב-וואוינונג אויף דעם באַרג "אונכי" אין יאַמאַטאָ.

איוב, נאָמען פון ניינטען בוך צווישען די כתובים אין אונזער יעצטיגע אָרדנונג פון תנ"ך. אין דער סירישע אָרדנונג שטעהט ער צווישען דברים און יהושע, ווייל לויט בבא-בתרא (י"ד) האָט איוב געלעבט בימי משה. בעטראַכטענדיג דעם קאַראַקטער פון זיין פערפאַסונג, איז זיין שטעלע צווישען משלי און שיר-השירים וויסענשאַפטליך אין אָרדנונג.

קאַראַקטער און הויבט-פיגור: די גמרא זאָגט: איוב לא היה ולא נברא, אלא משל הוא =איוב האָט גאָר נישט עקזיסטירט, ער איז בלויז אַ דיכטערישע פיגור. דער אָרט וואו די געשיכטע פּאַסירט איז געראָפען: "עוץ", אין דער אַראַבישען מדבר וועלכער געפינט זיך, אויסערהאַלב פון דער שפּעטערע יודישע בעזיצונג. פּשוט אַן אַראַבישע פיגור, וואָס ווערט פאָרגעשטעלט אַלס אַ פרומער, וואָס שטעהט אוים פיעלע צרות, און זינדיגט נישט. די שפּראַך איז דראַמאַטיש, די אַקטען זיינען טראַגיש—אַלזאָ אַ דיכטערישע פערפאַסונג; אַזוי זיינען אויך משלי און שיר-השירים.

די צייט: דער פּראָלאָג הויבט אָן די פּאַסירונג מיט אַ מיטאָלאָגישע פאָרשטעלונג פאַר וועלכע עס גיט קיין צייט-בעשטימונג. די גמרא (בבא-בתרא) האָט דאַריבער אייניגע מיינונגען. איינער זאָגט אַז איוב האָט געלעבט אין יעקב'ס ציטען, און אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט יעקב'ס טאָכטער דינה. איינער זאָגט אַז ער האָט געלעבט אין משה'ס ציטען. איינער זאָגט (סוטה כ") אַז ער האָט געלעבט אין אַברהם'ס ציטען. דיעזע חלקי דעות האָבען געפיהרט די שפּראַכ-קענער צו אונטערזוכען דעם סטיל פון דער שפּראַך, און זיי זיינען געקומען צום שלוס, אַז דער סטיל איז דערזעלבער ווי ער איז געברויכט געוואָרען אין דער צייט נאָך דעם ערשטען גלות, איבערהויבט ווי ער איז פערשטאַנען געוועזען אין יהודה. די קריטיקער געבען צו, אַז די פערפאַסונג איז פון אַ הויך בעגאַבטען פּאָעט, וועלכער האָט געדיכטעט אויף גרונד פון איבערליפערונגען, ווי דעמאָלט איז געוועזען דער שטייגער.

מיט דיעזע ערקלעהרונג פערענטפערט זיך אויך די אורזאַך וואָרום זכריה (ל" 2) דערמאָנט איהם. די לעגענדע זעלבסט האָט אוודאי געלעבט אין דער איבערליעפערונג אַ לאַנגע צייט איידער דאָס בוך איז געשריבען געוואָרען. פון וואַנען דיעזע לעגענדע קומט ווערט אונטען ערקלעהרט. דאָ איז נאָר כדאי אָנצואווייזען אַז דער נאָמען אַליין ווייזט אָן, אַז מיר האָבען דאָ צו טהון מיט אַ דיכטערישע פערזעהנליכקייט. "איוב"



"ה' נתן וה' לקח" (איוב א 21) לויט דעם מאַלער ב. פּיקאַרד

אָדער "אָיב" = דער אָנגעפיינדעטער, דריקט אויס די טהאַט פון דעם שטן אין הימעל ווי ער קומט פאָהר אין צווייטען קאַפּיטעל. ער האָט איהם בעפיינדעט ביי גאָט און דערמיט איף איהם געבראַכט אַלע צרות.

אַן עהנליכע געשיכטע ווערט דערצעהלט פון די אינדישע געטער אין בושער'ס ווערק The Religious Ceremonies and Customs of the Various Nations. וואו עס הייסט:

"די געטער האָבען זיך פערזאַמעלט אין הימעל, אינדראַ האָט פּרעזידירט, צווישען די געטער זיינען אויך געוועזען די געטינען און די פרומע נשמות. אין דעם געשפּרעך איז פאָהרגעקומען די פראַגע אויב עס איז פאַראַן, איינער צווישען פירשטען וואָס האָט נישט געזינדיגט. שיבאַ (אַ שטן) האָט זיך אָנגערופען אַז עס איז נישט דאָ איינער. אַבער באַטיסטאַ האָט איהם ווידערשפּראָכען און געזאָגט, אַז אַטשאַנדירען, איז אָהן זינד. שיבאַ איז גלייך אויפגעטרעטען מיט צאָרן, און געזאָגט, אַז ווען מען וועט איהם איבערגעבען אַטשאַנדירען אין זיינע הענד וועט ער ווייזען, אַז אויך ער, איז נישט פעהלערלאָז. אַטשאַנדירען איז אַלזאָ געוואָרען דער קרבן פון דיעזען שטרייט, און דאַן פאָלגט די גאַנצע געשיכטע מיט דעם אונגליקליכען אַטשאַנדירען ווי מיט איוב. אין דער אינדישע מיטאָלאָגיע איז דאָס בלויז אַ טרוקענע פרומע ערצעהלונג, און ביי אונז אז זי פּאָעטיזירט געוואָרען, אַשטייגער ווי געטהע האָט דראַמאַטיזירט זיין "פאַוסט" פון אונזער איוב.

אויף דעם פּסוק: ויבאו איש ממקמו (איוב ב' 11) זאָגט דער מדרש קהלת, "ממקום שנתרצר לו בגי־הנום". ד.ה. אַז די דריי פריינד פון איוב זיינען צו איהם געקומען פון דער אונטער־וועלט. איוב איז אַלזאָ, אויך איינער פון דאָרט. אין פּראַקטישען לעבען איז דאָס אונפערשטענדליך, אַבער פון אַ מיטאָלאָגישען שטאַנדפּונקט איז דאָס גאַנץ קלאָהר.

ווי קומט אַזאַ ווערק אין דער ביבעל אַריין ווען אַלע האָבען געוואוסט, אַז דאָס איז בלויז אַ מיטאָלאָגישע לעגענדע? דער ענטפער צו דיעזע פראַגע, ענטפערט אויך אויף דער צייט, ווען איוב איז געשריבען געוואָרען. איוב איז אַ רעפּרעזענטאַציע פון

דעם יודישען פאָלק גופא, מיט אַלע זיינע ליידען. די ליידען קומען צו איוב דורך פערלוימדעריי אָבער נישט דורך זיין שולד. אין אַלע זיינע ליידען, זאָגאַר אין זיינע טיעפּסטע וועהטאָגען פערלאָזט ער נישט זיין גאָט; און ענדליך, ווערט ער פון זיינע צרות פריי, און פאַר זיינע ליידען רייך בעלוינט. עס איז פשוט, אַן אַדאָפּטירטע לעגענדע פאַר אַ הייליגען צוועק. אין זייער אייגען לאַנד, האָבען די יודען אַזאַ ספר מוסר נישט נייטיג געהאַט. זיי האָבען עס אָבער נייטיג געהאַט אין גלות. די צייט פון זיין פערפאַסונג האָט דאַרום געקאָנט זיין, נישט פריהער פון דעם ערשטען גלות.

איוואַן דער שרעקליכער, רוסישער צאַר פון 1533 ביז 1584, און בעגרינדער פון דער ראָמאַנאָוו'שע דינאַסטיע דורך זיין הייראַט מיט אַ טאָכטער אויס דער פאַמיליע ראָמאַנאָוו. בעת זיין פאָטער וואסילי איז געשטאָרבען איז איוואַן קוים אַלט געוועזען 3 יאָהר. זיין מוטער, העלענאַ, איז געבליבען הערשען ביז ער וועט קומען אין זיין פולע עלטער. זי איז אָבער געשטאָרבען אין 1538, די באָיאַרען האָבען זיך גלייך אַריינ־געכאַפּט אין אַלע הויכע מלוכה־פּלעצער, און האָבען געהערשט לויט דעם פערלאַנג פון פוילען. איוואַן איז דערווייל געהאָדע־וועט געוואָרען פון דעם מעטראָפּאָליט מאַקאַ־רוס. דיעזער האָט אין דעם יונגען איוואַן געשאַפען אַ כעס צו די באָיאַרען, און ווי נאָר ער איז געקומען אין זיין לעגאַלע עלטער, האָט ער אויף דעם פערלאַנג פון דעם מעטראָפּאָליט פערטריבען די באָיאַרען, און זיך געלאָזט קרוינען אַלס דער צאַר פון רוסלאַנד. אינזעלבען יאָהר פון דיעזער קרוינונג האָט שטאַטגעפונדען אַ גרויסע שריפה אין מאָסקווא, די באָיאַרען האָבען פאָרטגעזעצט די העצע געגען איוואַנען,

און ווען די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען האָבען זיי צוזאַמען מיט די רעוואָלוציאָ־נערען גענומען פאָדערען רעפאָרמען. דער מעטראָפּאָליט האָט איוואַן דערפון אָבגערא־טהען, איוואַן האָט אָבער זיין לאַגע בעסער פערשטאַנען, און ער האָט איינגעלאַדען דעם גלח סילוועסטער און דעם פּראָסטען בירגער אַדאַטשעוו, זיי זאָלען אַדורכפיהרען די רעפאָרמען וועלכע ער האָט זיי פאָרגעלעגט. דיעזע צוויי האָבען רעווידירט די זאַקאָנעס און האָבען רעקאָמענדירט די בעשאַפונג פון דער אָפּריטשנינאַ און דער זעמשטינאַ.

אונטער דער צייט ווען זיי האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דיעזער אַרבייט, האָט ער אָבער מיט געוואַלט אונטערדריקט און אונ־טעריאָכט די קאַזאַקען, די אַסטראַכאַנער, און די טאַטאַרען. אין 1576 ווען ענגלאַנד האָט איסגעפינען דעם וועג אויף דעם ים נאָך אַרכאַנגעלסק, איז איוואַן דערפון זעהר

בעגייסטערט געוואָרען. ער האָט גלייך געשלאָסען אַ האַנדעלס־פערטראַג מיט ענגלאַנד און זיך ערענסט גענומען דאָס רוסישע פאָלק צו צוגעוועהנען צו אַ העכערען שטאַנד אין דער ציוויליזאַציע, וועלכע זאָל זיך פאַסען צו די פון ענגלישען, און דעם דייטשישען פאָלק.

איוואַן אין סקולפּטור, פון אַנטאַקאָלסקי

זיין מאָטיוו איז קלאָהר געוואָרען ווען ער האָט זיך גענומען משדך זיין מיט אַן ענגלישע פּרינצעסין. דאָס איז איהם אַבער זעהר העפליך ענטזאַגט געוואָרען. ער האָט זיך אָבער דערפאַר נישט אָבגעשטעלט פון זיין פּלאַהן פאָרטצוזעצען דעם פּראָגרעס פון זיין לאַנד. ער האָט אַריבערגעבראַכט דייטשע לעהרער און דייטשע האַנד־ווערקער וועלכע זאָלען אונטעריכטען זיין פאָלק. ער האָט געגרינדעט די ערשטע שטעהענדע אַרמיי (די סטרעלציעס) אין רוסלאַנד, און ער האָט אַריבערגעבראַכט די ערשטע דרוקעריי פון דייטשלאַנד נאַך רוסלאַנד.

מיט דער שטעהענדע אַרמיי האָט ער זיך גענומען עראָבערען ליפלאַנד. אויסצומיידען איהר אונטערגאַנג האָט ליפלאַנד זיך געטיילט אין צווייען. איין טייל האָט זיך אָנגעשלאָסען אין פּוילען און דער צווייטער טייל, אָן שוועדען. אינצווישען־צייט האָבען די באָיאַרען געזוכט צו קרוינען דעם פּוילישען קעניג אין מאָסקוואַ. די פּאָליאַקען האָבען איהם נישט געגעבען קיין מנוחה, זיי האָבען זיך מיט איהם שטענדיג געשלאָגען, מיט יעדען זיעג וואָס זיי האָבען איבער איהם געמאַכט זיינען זיי אויפגעמונטערט געוואָרען צום ווייטערען קאַמף. איוואַן האָט זיך ענדליך געווענדעט צום פּאַבסט גרעגאָר ער זאָל זיך אַריינמישען פאַר שלום, און עס איז דעם פּאַבסט ענדליך געלונגען צו ברענגען אַ וואַפען־שטילשטאַנד צווישען איוואַנען און באַטהאָרי פאַר 10 יאָהר.

בעת דיעזע אונטערהאַנדלונג איז אָנגעגאַנגען, האָבען זיך די אונטעריאָכטע טאַטאַרען פעראייניגט מיט די טירקען צו מאַרשירען אויף מאָסקוואַ, זיי האָבען שוין געהאַט דערגרייכט די טויערען פון מאָסקוואַ ווען דער וואַפען־שטילשטאַנד איז געשלאָסען געוואָרען, איוואַן האָט זיך גלייך גענומען צו דיעזען געפאַהר, און ער האָט די טירקען פעריאָגט, און טאַטאַרען ווידער אונטעריאַכט. דיעזע טהאַטזאַך דערקלעהרט די אורזאַך וואַרום דער פּאַבסט האָט זיך אַריינגעמישט פאַר שלום, און וואַרום די פּאָליאַקען האָבען זיך געלאָזט האַנדלען.

מיט דער איינפיהרונג פון דער אָפּריטשנינאַ און דער זעמשטשינאַ האָט איוואַן בעקומען די אַבסאָלוטע הערשאַפט איבער לעבען און טוידט. ער האָט דעמאָלט גענומען ווייזען צו וועלכען צוועק ער האָט געזוכט דיעזעס פּריווילעגיום. די באָיאַרען פון נאָווגאָראָד האָבען זיך גלייך פערזינדיגט געגען איהם, ער איז אַריין אַהין, און האָט אין זעקס וואָכען אויסגע'הרגט 60,000 פון זיי.

עהנליכע הריגות האָט ער אויסגעפיהרט אין טווער, מאָסקוואַ, און אין אַנדערע שטעדט. די גרוילטהאַטען וואָס ער איז בעגאַנגען בעת דיעזע הריגות, האָבען איהם אויף אייביג געבראַנדמאַרקט מיט דעם נאָמען "איוואַן דער שרעקליכער". ער האָט גע'הרגט אַפילו זיין אייגענעם זוהן, דעם טראָהנפאָלגער. פאַר זיין צייט־פערטרייב פלעגט ער אַרויסרופען אַ גרויסע צאָהל פון אַרעסטאַנטען אין אַן עפענטליכען פּלאַץ, פלעגט זיי לאָזען פּייניגען, און אָפטמאָל אויך אַליין זיי מאַטערען מיט די גרעסטע אַכזריות. פלעגט זיי לאָזען צוהאַקען אויף שטיקער לעבענדיגערהייט, אָדער זייער לעבען לאָזען ענדיגען אין אַ קאָכענדען קעסעל וואַסער, אָדער גאָר זיי ווערפען צווישען אויפגערייצטע ווילדע חיות. ער האָט געהייראַט 7 מאָל. זיין פרוי אַנאַסטאַסיאַ איז געוועזען פון די ראָמאַנאָווס, פון איהר האָט זיך געצויגען די ראָמאַנאָוו'שע דינאַסטיע ביז ניקאָלויי דעם לעצטען.

וועגען די יודען

נאָכדעם ווי זיגיזמונד האָט בעטרעטען דעם פּוילישען טראָהן, האָט ער געמאַכט אַ פערטראַג מיט איוואַן איבער די האַנדעלס־בעציהונגען צווישען פּוילען און רוסלאַנד. אין איינעם פון דיעזע אָבמאַכען, איז געוועזען איינגעשלאָסען, אַן ערלויבניש פאַר די פּוילישע יודען צו האַנדלען אין רוסלאַנד. איוואַן האָט דאַרויף געענטפערט: "דיעזע מענשען וויל איך נישט אין מיין לאַנד. זיי טראָגען גיפט פאַר'ן לייב און פאַר דער נשמה. זיי האָבען ביי אונז פערקויפט גיפטיגע קרייטער און זיי האָבען געלעסטערט אונזער הייליגסטען", דערצעהלט קאַראַמסין אין זיין רוסישע געשיכטע..

איוואַנאָוו, רוסישער קאָמאַנדיר פון צווייטע קאָרפּוס מיליטער פון 400,000 מאַן געגען דעם עסטרייכישען גענ. דאַנקעל, אויף דער ליניע צווישען לובלין און כעלם, אין אַוגוסט 1914 . אין נאָוועמבער האָט איוואַנאָוו בעלאַגערט פּשעמישל, אין מערץ פון 1915 האָט ער אָנגעהויבען נעהמען די פעסטונג שטיק־ביי־שטיק, ביז ער האָט די שטאָדט איינגענומען אין 21טען פון זעלבען מאָנאַט. ער האָט ביי דיעזען פאַל געפאַנגען פון די דייטשען: 9 גענעראַלען, 93 אָפיצירען, 2500 אונטער־אָפיצירען, און 117,000 סאָלדאַטען.אין 15טען יולי, ווען דער גרויספירשט יאָזעף פערדינאַנד האָט מאַרשירט אויף דעם זידליכען פּוילען, אַרום גריביטשעוו, קאַמיאָנקאַ און סטרומלינאַ, האָט איוואַנאָוו דאָ געלייטעט די פערטיידיגונג. אין אַפּריל פון 1916 איז ער גערופען געוואָרען אין הויבט־קוואַרטיר אַלס עצה־געבער צום צאַר וועלכער איז דעמאָלט געוועזען אין פראָנט. ברוסילאָוו האָט דעמאָלט פערנומען זיין שטעלע.

איוואַנגאָראָד, רוסישער נאָמען פאַר דעם פּוילישען דאָרף דענבלין, וואָס ליגט אין דער לובלינער גובערניע, 107 קילאָמעטער זידאָסטליך פון וואַרשאָ, ביי די טייכען וויעפּש און ווייכסעל. איז פערבינדען מיט די אַרומיגע שטעדט דורך די קאָוועל־מלאַוואַ באַהנ־ליניע און דאָמבראָוואַ. רוסלאַנד האָט דאָ אויפגעשטעלט אַ פעסטונג אויף דעם נייפּרייסישען מאָדעל. דאָס גאַנצע דאָרף בעשטעהט בלויז פון דיעזע פעסטונג. האָט אַ זעהר קליינע בעפעלקערונג, און איז אַרומגענומען מיט געדיכטע וועלדער. רוסלאַנד האָט גערעכענט, אַז דיעזע פעסטונג איז אונבעזיעגבאַר. אַזוי האָבן אויך די דייטשען צוגעגעבען, זיי האָבען איהר דערפאַר נישט געוואָלט אַטאַקירען מיט געוואַלט, און האָבען איהר נאָר גענומען מיט סטראַטעגיע. דאָס איז ענטדעקט געוואָרען אויף אַ קאָנפערענץ

צווישען די דייטשע קאָמאַנדאַנטען. דעמאָלט האָבען זיי בעשלאָסען בעסער דורכגעהן דעם ווייכסעל, און אָבשניידען רוסלאַנד פון פוילען אויף דיעזער שטעלע, איידער ריזיקירען אַ בעלאַגערונג. גענעראַל וואָיזש האָט זיך אונטערגענומען דאָס אויסצופיהרען. ער האָט געטיילט זיינע איזשעניערען אויף צוויי גרופען, און האָט זיי בעפוילען צו מאַכען צעהן בריקען אין ווייטע אָבגעריקטע שטרעקעס. הינטער יעדען פונקט האָט ער אָנגעגרייט אַרטילעריע צו בעשיצען די בריקבויער. די גרעסטע שטילקייט איז געאָרדערט געוואָרען פאַר די פּאָאָר טעג פאַר דעם בעשטימטען דאַטום פון דער אַטאַקע. אין 29טען יולי פון 1915 האַלב נאָך 1 ביינאַכט איז אַלעס פערטיג געוואָרען צום דורכמאַרש. יעדע בריק איז געוועזען 1000 מעטער לאַנג. ווי נאָר די ערשטע גרופּע סאָלדאַטען האָבען גענומען געהן אויף די ערשטע בריק, האָט די רוסישע אַרטילעריע געשאָסען אויף די ערשטע בריק, ווערענד אויף די איבריגע 9 בריקען זיינען די דייטשען אַריבער אונבעמערקט. דאָס האָט גלייך געזעצט די רוסען אין געפאַהר. זיי האָבען די פעסטונג פון איוואַנגאָראָד איבערגעלאָזען, און האָבען זיך צוריקגעצויגען. די דייטשען האָבען דאָרט גענומען 2300 רוסישע געפאַנגען, און 32 קאַנאָנען וואָס די רוסען האָבען נישט דערוויזען מיטצונעהמען.

איוואַסאַקי יאַטאַראָ, דער אָנפיהרער פון דער פּראָגרעסיווע פּאַרטיי אין יאַפּאַן. געב. 1833 און געשט. 1885. אין דעם אויפשטאַנד פון 1868 האָט ער געלייטעט זיין פּראָווינץ טאָסאַ צוגונסטען פון דער מיקאַדאָ פּאַרטיי. ער איז געוועזען דער פערוואַלטער פון דער גרעסטע שיפ-ליניע. ער האָט אַלע זיינע שיפען געשטעלט דעם מיקאַדאָ צו פערפיגונג. דערפאַר האָט דער מיקאַדאָ איהם געמאַכט פאַר דעם אַדמיראַל איבער דיעזע פלאָטע. איוואַסאַקי האָט מיט דיעזע פלאָטע טראַנספּאָרטירט דעם מיקאַדאָס טרופען נאָך אַלע פונקטען וואו די רעבעלען האָבען זיך פערזאַמעלט. דיעזע טהאַטזאַכע האָט יאַפּאַן געפיהרט צו דער אידעע צו בילדען אַ מעכטיגע פלאָטע, צוליעב וועלכער, עס איז איהר ענדליך געלונגען, זיך צו שאַפען אַזאַ פּראָמינענטען פּלאַץ, צווישען די עוראָפּעישע נאַציאָנען, און אויך שפּעטער צו בעזיעגען דאָס מעכטיגע רוסלאַנד.

איוואַקוראַ טאָמאָי, אַ יאַפּאַנעזישער שטאַאַטס-מאַן וועלכער האָט געלעבט צווישען 1835—83.. ער איז געוועזען אַ שטאַרקער געגנער צו עפנען יאַפּאַן פאַר אימיגראַנטען אָדער פאַר דעם אויסלענדישען האַנדעל. אין 1868 איז ער געוועזען דער אָנפיהרער פון די פּראָגרעסיווע רעוואָלוציאָנערען וועלכע זיינען אַריין אין דעם מיקאַדאָס פּאַלאַסט און האָבען איהם געצוואונגען צו רעפאָרמירען די רעגיערונג, ווי אויך צו אָבגעבען אַ טייל פון זיין מאַכט צו דער רעפאָרם פּאַרטיי. איוואַקוראַ איז דעמאָלט געוואָרען דער אָנפיהרער פון דיעזער פּאַרטיי, און דער וויכטיגסטער ראַטה-געבער צום מיקאַדאָ. ער האָט ענדליך אָבגעשאַפט די הויכע פּענסיעס וואָס דער שאַץ-מייסטער האָט געמוזט צאָהלען צו דער משפחה פון מיקאַדאָ. ער האָט פאַר זיין גאַנצעס לעבען געהאַסט יעדען פרעמדען. אין 14טען יאַנואַר פון 1873 זיינען אַריין אין זיין הויז איניגע פערמאַסקירטע מענער און האָבען איהם געוואָלט ערמאָרדען, עס איז זיי אָבער נישט געלונגען. ער איז געשטאָרבען אַלס פּרינץ איוואַקוראַ אין יאָהר 1883.

איווינדאָ, דער רעכטער נעבען-פלוס פון דעם "אָגאָווע" אין אַפריקאַ. ער איז ענטדעקט אין יאָהר 1874 פון דעם פראַנצויז, מאַרש.

איוולינסקאַ דאָראַ, (לויט דער "נויאָרק טיימס") דער נאָמען פון אַ 17 יעהריגע מיידעל וועלכע האָט געדיענט אַלס אָפיציעלע

הינריכטערין אין דעם באָלשעוויסטישען אָדעס. זי זאָל זיין געוועזען אונערמיעדליך טהעטיג, אין דער צייט פון די קאָונטער־רעוואָלוציאָן.

איוועריּ פעטער, דער בעגרינדער פון דער יודיש־אונגאַרישע בעלעטעריסטיק. געב. אין ערזעקואיוואר 1870, אַלס דער זוהן פון דעם דאָרטיגען ראַבינער. לערנט אין דער יוגענד משנה און גמרא. ווערט פער׳יתום׳ט ווען 12 יאָהר אַלט. אויף זיין גורל פאַלט די לאַסט צו שפייזען זיין אָרימע פאַמיליע, ליידעט פיעל צרות דערפון, און לערנט בעהאַלטענערהייט השכלה. צו זיין 13טען יאָהר ענדיגט ער זיין ערשטעס ווערק אַ פורים־שפּיעל, ווען 22 יאָהר אַלט נעהמט ער זיך צו זשורנאַליזם. מאַכט גרויסע פאָרט־שריטע פון צייט־צו־צייט ביז ער איז געוואָרען דער רעדאַקטער אין דער גרעסטע טעגליכע ציטונג פון שעגעד. אין 1950 ערשיינט זיין ערשטעס ווערק "לעגענדען און קראַניקען" וואָס איז געוואָרען אויפגענומען מיט בייפאַל. איז אָבער געוועזען אַ קרענקליכער, ער האָט געליטען פון אַן אונגעלונגענע אָפּעראַציע, און ער האָט שטענדיג געאַרבייט אונטער פיזישע ליידען. דאָס האָט איהם אָבער אויך נישט צוריקגעהאַלטען פון צו נעהמען אַן אַנטייל אין די פּאָליטישע צאַנקערייען, וועלכע זיינען אין זיין צייט געוועזען פייעריג צווישען אונגאַרן און עסטרייך. אין יאָהר 1907 ערשיינט זיין ערשטעס ווערק אין דער אונגאַרישע שפּראַך, אַ ווערק וואָס איז פול מיט יודישע טענדענצען. איבערהויבט שטעלט ער דאָרט אַרויס די ביטערע קאָנזעקווענצען פון דער אַסימילאַציע און שמד. וויסענדיג אַז ער איז געוועזען אַ קערפּערליך ליידענדער איז צו בעוואונדערען זיין שאַרפען און געזונדטען הומאָר וואָס ער האָט געציגט אין געגנאַנטען ווערק. מיט יעדען נייעם ווערק ווערט זיין געזונדטהייט מעהר אונטערגעגראָבען, אָבער קיינעם פון זיינע ווערק ווייזט אַ צייכען פון מיעדיגקייט.

איווערניאַ, דער אַמאָליגער נאָמען פון דעם יעצטיגען אירלאַנד (ז.ד.).

איוורעאַ, די הויבט־שטאָדט פון דעם קרייז, פון זעלבען נאָמען, אין דער איטאַליענישע פּראָווינץ טורין. ליגט לינקס פון טייך דאָראַ־וואַלטעראַ, און האָט אַ סטאַנציע אויף דער באַהנ־ליניע שיוואַסאָ־אַאָסטאַ. פיער מאָל איז דיעזע שטאָדט געפאַלען אין די פראַנצויזישע הענד און איז יעדעס מאָל צוריקגעגעבען געוואָרען. דאָס לעצטע מאָל איז געוועזען אין 1800, און פראַנקרייך האָט איהר געהאַלטען פאַר 14 יאָהר.

איז (Oise) אַ טייך אין פראַנקרייך, איינער פון די וויכטיגסטע וואָס פליעסען אַריין אין דער סיין. ער הויבט זיך אָן אויף די אַרדענען ביי שימאַי אין בעלגיען

און ווי נאָר ער קומט אַריין זיד־וועסטליך אין פראַנקרייך, ווערט ער שיפבאַר פאַר 75 מיילען. זיין גאַנצע לענג איז 160 מייל. ער פערבינדט זיך מיט איינינע קאַנאַלען אויף זיין וועג צום סאָם. ער איז דער הויבט קאַנאַל וואָס פערבינדט פראַנקרייך מיט בעלגיען.

אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה ווען די דייטשען האָבען געשלאָגען די בעלגיער, האָט דער פראַנצויזישער פעלד־מאַרשאַל אָנגעוויזען די אָנקומענדע ענגלענדער, זיי זאָלען זיך פערזאַמלען אַרום דיעזען טייך, ביז זיי וועלען אימשטאַנד זיין צו אַטאַקירען די דייטשען. ביז דעמאָלט, האָבען די ענגלענדער פון דאַנען אויס, באָמבאַרדירט די דייטשען, בכדי די געשלאָגענע בעלגיער זאָלען קאָנען ענטלויפען פון אַ זיכערען טוידט. אין נאָוו. 1914 האָט דאָ שטאַטגעפינען דער ערשטער גרויסער שלאַכט. די דייטשען איז געלונגען אַריבער צו געהן דעם טייך, די ענגלענדער האָבען זיך אָבער דאָ אַוועקגעשטעלט, זיי האָבען איינגעהאַלטען דעם ווייטערען פאָרטשריט פון די דייטשען, ביז די פראַנצויזען זיינען אונטערגעקומען און די דייטשען צוריק געשטויסען איבער דעם אָיז (ז.ווייטער אונטען).

אָיז (Oise) אַ דעפאַרטמענט אין דעם נאָדר־אָסטליכען פראַנקרייך, מיט בערך 500,000 איינוואוינער. דער באָדען איז גראַד און פרוכט־באַר, נאָר נאָרדליך זיינען פאַראַן איניגע קליינע בערג וועלכע זיינען בעוואַקסען. דאָס לאַנד איז געראָטען פאַר ווייץ, ווייץ, קאַרטאָפעל, הילזען־פרוכטען, ריבען, פלאַקס, האַנף, און אויבסט. האָט גוטע לאָנקעס פאַר פערד, עזעל, רינדער און ציעגען. האָט אייזען־גיעסעריען, פאָרצעלאַן־פאַבריקען טעפעריען, וואָל, צוקער, פאַפיער, טעפיכטען און ברעטער שניידעריען.

אין דער וועלט־מלחמה האָבען דאָ שטאַטגעפינען די גרעסטע שלאַכטען. דאָ האָבען זיך די דייטשען צום ערשטענמאָל בעגעגענד מיט די ענגלענדער, און זייט דעמאָלט, האָבען דאָ שטאַטגעפינען זעהר פיעלע שלאַכטען. ביים לעצטען שלאַכט, אין יוני 1918 האָבען די דייטשען דאָ געהאַט איבער 400,000 סאָלדאַטען פון אַלטע, און אינגלעך קוים 16 יאָהר אַלט.

איזאַאַקס גאָדפרעי, יונגערער ברודער פון לאָרד ריעדינג, און הויבט־דירעקטאָר פון דער מאַרקאָני קאָמפאַניע. שטודירט אין לאָנדאָן, האַנאָווער און בריסעל. אַרבייט מיט זיין פאָטער אין געשעפט אַלס אימפאָרטער פון פרוכט און אַלס מעקלער אין דעם האַנדעל פון שיפען. קריעגט דאַדורך די געלעגענהייט צו בערייזען פיעלע עוראָפעישע לענדער. לערנט אויך פיעלע שפראַכען, פעראינטערעסירט זיך פינאַנציעל אין פערשיעדענע אינדוסטריע און קאָמערציעלע קאָמפאַניעס. זיין גרעסטער ערפאָלג איז געוועזען וואָס ער האָט איבערגענומען די הויבט־דירעקטאָר שטעלע פון דער מאַרקאָני קאָמפ.

ווען ער האָט אין יאַנואַר 1910 דיעזע שטעלע איבערגענומען איז סער הערבערט סעמועלס געוועזען דער פאָסט־מאַסטער גענעראַל. איינינע קאָמפאַניעס מיט פראָיעקטען פאַר דראָטלאָזע טעלעגראַפיע האָבען זי אַרומגעדרעהט אַרום דעם פאָסט־מאַסטער גענעראַל צו קריגען פון איהם אַ קאָנטראַקט, און צווישען זיי איז אויך געוועזען אַ דייטשע קאָמפאַניע, יעצט בעקאַנט מיט דעם נאָמען: "טעלעפונקען געזעלשאַפט". איזאַאַקס האָט בעשלאָסען צו קאָנקורירען מיט די דייטשע קאָמפאַניע אפילו אויף פערלוסט צו דער מאַרקאָני קאָמפאַניע, און דאָס איז איהם אויך געלונגען אַ מאָנאַט פריהער איידער זיין ברודער רופוס איז געוואָרען אַטטאָרני־

דזשענעראַל. נאָכדעם ווי דייטשלאַנד האָט ערקלעהרט די וועלט־מלחמה, האָט מען אין ענגלאַנד זיך אַרומגעזעהען, וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז געוועזען פאַר ענגלאַנד. ביים אויסברוך פון קריעג, האָט ענגלאַנד דורך גאָדפרעי׳ס ענערגישע לייסטונג שוין געהאַט מאַרקאָנישע פערבינדונגען מיט אַלע איהרע פּלאָטען איבער דער גאַנצע וועלט (ז. ”טעלעגראַף“, ”טשעסטערטאָן“, ”מאַרקאָני“).

אַיזאַאַקס סער הענרי אַ., געוועזענער לאָרד־מעיאָר אין לאָנדאָן. דאָרט געב. אין 1830 און געשט. אין 1909. איז געוועזען אַן אויטאָריטעט איבער פינאַנסען און איז דערפאַר בעוואויגען געוואָרען זיך צו פעראינטערעסירען אין דעם מוניציפּאַלען פערוואַלטונגס־ראַטה. אין 1881 איז ער געוואָרען לייטענאַט פון לאָנדאָן, 2 יאָהר שפּעטער ווערט ער אָלדערמאַן, אין 1887 ווערט ער שעריף מיט דעם טיטעל סער, אַלס אַנערקענונג פאַר זיינע גרויסע לייסטונגען פאַר לאָנדאָן. אין 1889 איז ער געוואָרען ערוועהלט אַלס דער לאָרד־מעיאָר איבער לאָנדאָן. אַיזאַאַקס איז געוועזען דער דריטער יוד אין דיעזען אַמט. פאַר זיין צייט איז געמאַכט געוואָרען אַן אויסבעסערונג אין די וואַסערלייטונג, בעסערע וואוינונגען פאַר דעם אַרבייטער קלאַס און בעסערע פייער־פערזיכערונגען. די אויפבויאונג פון דער וועלט־גרעהמטע ”טאָוער־ברידזש“ (בריק), ווי אויך פיעלע רעפאָרמען אין די שטאָדטישע פינאַנסען. ער איז געוועזען דער פעטער צו לאָרד ריעדינג, און גאָדפרעי אַיזאַאַקס.

איזאַאַק אַנגעלאָס, אַ ביזאַנטינישער קעניג און אימפּעראַטאָר פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער קומט צו זיין מלוכה דורך אַן אויפשטאַנד געגען זיין הערשער אַדראָניקוס, בעת ער איז געוועזען אויף דעם שלאַכט־פעלד אין קאַמף מיט דעם אויסערען פיינד. ווען אַנדראָניקוס איז אַהיימגעקומען האָט איזאַאַק איהם געלאָזט אָבהאַקען איין האַנד און אויסשטעכען איין אויג בכדי ער זאָל איהם נישט קאָנען שטערען אין זיין מלוכה. ווען אַנדראָניקוס האָט פּראָטעסטירט געגען דיעזע גרוילטהאַטען, האָט אַיזאַאַק איהם געפיהרט אין דעם היפּאָדראָם און האָט איהם דאָרט געלאָזט אויפהענגען ביי די פיס, ביז ער איז געשטאָרבען, אונטער דעם ציינישען געלעכטער פון זיינע סאָלדאַטען. נאָכדעם ווי איזאַאַק האָט בעזייטיגט אַנדראָניקוס, האָט ער זיך גענומען צו אַן אויסגעלאַסענעם לעבען. ער האָט פערנאַכלעסיגט אַלע זיינע שטאַאַטליכע אַנגעלעגענהייטען. ער איז דאַדורך פעראַכטעט געוואָרען פון אַלע זיינע אַנהענגער. ער האָט זיך אָבער דערפון קיין פערדרוס געמאַכט. ביז ענדליך זיי האָבען זיין ברודער אַלעקסיס אויפגעמונטערט, ער זאָל איהם אַרונטערזעצען. אַלעקסיס האָט דאָס געטהון און זיך געקרוינט אויף זיין שטעלע אין 1195 און האָט איזאַאַק פערזעצט אויף אייביג אין געפענגניס. אין יאָהר 1203 רייסט ער זיך אַרויס פון דאָרט און שטירצט זיין ברודער פון דעם טראָהן. אַ יאָהר שפּעטער ווערט ער ווידער פון זיין ברודער געשטירצט, אַבער דיעזעס מאָל איז איזאַאַק שוין געשטאָרבען, אָדער איז געהרגט געוואָרען אין געפענגניס.

איזאַאַק סאַול, דער ערשטער יודישער פּאַרלאַמענטס־מיטגליעד אין ענגלישען אונטערן הויז, אויף דער קאָנסערוואַטיווע זייט. געב. אין לאָנדאָן 1823, ערוועהלט אין יאָהר 1874 אַלס רעפּרעזענטאַנט פון נאָטינגהעם. מיט דעם איינטריט פון דעם ליבעראַלען קאַבינעט איז ער אַדורכגעפאַלען און האָט זייט דעמאָלט, זיך צוריקגעצויגען פון דער פּאָליטיק. ער איז געזעסען אין פּאַרלאַמענט פאַר 6 יאָהר.

איזאַאַקס סעמועל מאיר, גרינדער און רעדאַקטער פון "דזשואיש מעסענדזשער" אין נויאָרק. געב. אין לעואוואַרען האָלאַנד 1804 און געשט. אין נויאָרק 1878. ער איז געקומען אַלס קינד אין לאָנדאָן, איז דאָרט אויפגעוואַקסען און האָט דאָרט שטודירט. אין 1839 איז ער געבראַכט געוואָרען אַלס רב אין דער שוהל פון עלם סטריט. ער האָט דער ערשטער גענומען פּרעדיגען אין ענגליש, לייטע זיינען איהם געקומען הערען אויס נייגירדע, און ער האָט אויף זיי געמאַכט נישט אַ שלעכטען איינדרוק. גרינדענדיג דעם "דזשואיש מעסענדזשער" האָט ער בע־קומען מעהר מעגליכקייטען פאַר אַ ברייטערע טהעטיגקייט. ער האָט זיך בעטהייליגט אין פּיעלע קהל'שע זאַכען. ער איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פון דעם מאָונט־סיני האָספּיטאַל.

איזאַאַק I קאָמנענאָס, ביזאַנטינישער קייזער פון 1057 ביז 1059. איז פריהער געווען אַ גענעראַל, האָט זיך פערהייראַט מיט די טאָכטער פון דעם בולגאַרישען קעניג סאַמועל, און איז געוואָרען זעהר רייך. די ביזאַנטינישע קעניגין האָט איהם אויס אייפערזוכט אָבגעשאַפט פון זיין אַמט. ווען זי איז געשטאָרבען האָט דאָס פאָלק איהם געקרוינט אַלס געגנער צו איהר טראָהנ־פאָלגער. איזאַאַק האָט אין אַ שלאַכט געגען דיעזען געזיעגט, און איהם געצוואונ־גען צו אַבדוצירען. ער איז אָבער נישט לאַנג נאָכהער קראַנק געוואָרען. ער האָט בעשטימט זיין פינאַנסמיניסטער דוקאַס אויף זיין שטעלע, און ער אַליין, איז אַוועק אין אַ קלויסטער שטערבען.

איזאַבעלאַ, נאָמען פון אַן אַסטעראָיד, פערצייכענט אין דעם אַסטראָנאָמישען קאַ־טאַלאָג אונטער דעם נומער(210). ער איז ענטדעקט געוואָרען פון פּאַליסאַ אין 1879.

איזאַבעלאַ, די קעניגין פון שפּאַניען, טאָכטער פון דעם קאַסטילישען קעניג יאָהן דער צווייטער. געב. 1451 און געשט.1504. אין מעדינאַ דעל קאַמפּאָ. איז געוואָרען פער־הייראַט צו פערדינאַנד פון אַרגאָניען, נאָך דעם טוידט פון איהר ברודער היינריך נעהמט זי איבער זיין טראָהן איבער קאַסטיליען אין יאָהר 1474. זי פעראייניגט קאַסטיליען מיט אַרגאָניען און מאַכט דאַרויס דאָס קעניגרייך שפּאַניען. זי האָט געהאַט צו קעמפּפען מיט יאָהאַנאַ, אַ קאָנקורענטין צום טראָהן, ווייל זי איז געווען די טאָכטער פון היינריך. איהר פאָטער האָט איהר אָבער ערקלעהרט אַלס אַן אונלעגאַלע קינד. זי ווערט געשילדערט אַלס אַ זעהר שטאָלצע פרוי מיט גרויסע אַמביציעס. זי האָט ליעב געהאַט מענשען מיט גרויסע אונטערנעה־מונגס קראַפט. זי האָט אויך פערטרי־בען די מורען פון שפּאַניען, זי האָט איינ־געפיהרט די הייליגע אינקוויזיציע און האָט געהאָלפען קאָלומבוס אין זיין ענט־דעקונגס רייזע אין דער צייט ווען איהרע מיניסטאָרען האָבען זיך דערפון אויסגעלאַכט. איהר איינציגע טאָכטער האָט זי פערהייראַט מיט דעם עסטרייכישען ערץ־הערצאָג פיליפּ, און איז דאַדורך געוואָרען די באָבע פון קעניג קאַרל דעם פינפטען און פערדינאַנד דעם ערשטען. פאַר איהר טוידט האָט איהר מאַן איהר געמוזט צו שווערען אַז ער וועט נאָך איהר טוידט נישט הייראַטען. ער האָט אָבער שפּעטער געפינען אַן אויס־וועג פון זיין שבועה. ער האָט נישט גע־הייראַט אַפּיציעל.

וועגען איהר ערלויבניש איינצופיהרען די אינקוויזיציע לאָזט זיך נאָר ערקלעהרען, דורך איהר מורא, פאַר אַ קאָנספּיראַציע געגען איהר פעראייניגונג פון אַרגאָניען און קאַסטיליען. די בעטעל־מאָנאַכען וועלכע

האָבען ביי איהר גע׳פועלט דאָס צו טהון, האָבען איהר פערזיכערט אַז דערמיט, וועט זי אויך קאָנען בעזייטיגען איהרע געגנער. דער פּאַבסט האָט איהר מאַן געגעבען דעם טיטעל ״קאַטוילישער קעניג״ און דערמיט פעראייניגט די רעליגיאָן מיט דער פּאָליטיק. ד.ה. אַז אַ פּאָליטישער פערברעכער איז צוגלייך אַ רעליגיאָנס פערברעכער, און ביידע מוזען בעשטראָפט ווערען פון דער הייליגע אינקוויזיציע. זאָנסט איז איזאַבעלאַ געוועזען פריינדליך צו די יודען (ז. גרעץ ב.8,ז.333). זי האָט שוין אַפילו געוויזען אַ עפענטליכע פיינדשאַפט צו די יודענ־פיינדליכע רעגיערונג אין שפּאַניען. איהר פּלעצליכע ענדערונג אין בעצוג צו די יודען ערקלעהרט זיך אין פאַקט, אַז ווי נאָר די אינקוויזיציע איז גוט אָרגאַניזירט געוואָרען איז זי געוואָרען די הערשערין איבער די הערשער.

איזאַבעלאַ II, קעניגין פון שפּאַניען צווישען 1833 און 1868. פאָלגט דעם טראָהן נאָך איהר פאָטער פערדינאַנד דעם דריטען, בעת זי איז קוים אַלט געוועזען 3 יאָהר. לויט דעם דעמאָלטדיגען עקזיסטירענדען געזעץ אין שפּאַניען, האָט קיין פרוי געמעגט רעגיערען. איהר פאָטער האָט פאַר איהר׳ט וועגען דאָס געזעץ בעזייטיגט. דאָס האָט געפיהרט דאָן קאַרלאָס צו אַ רעוואָלט געגען איהר. ווייל, ווען נישט זי, קומט איהם די מלוכה. די רעוואָלוציע איז פאַר אַ צייט אָנגעגאַנגען אָהן ערפאָלג. זי איז אָבער אינצווישען דיעזע אונרוהיגע צייט אונטערגעוואַקסען, און איז פון פאָלק זעהר בעליעבט געוואָרען. דער פראַנצויזישער קעניג לואיס פיליפּ, מיט זיין אינטריגאַנטישען מיניסטער טהיערס, האָבען איהר משדך געוועזען מיט איהר אַ קאָזין דאָן פראַנציסקאָ אַסיסי. זיי האָבען גוט געוואוסט אַז ער איז נישט מסוגל צו האָבען קינדער. זייער אַבזיכט איז געוועזען אַז זי זאָל שטערבען קינדערלאָז און אויף דיעזער וויייזע אַריבער פיהרען די ירושה פון דער שפּאַנישע מלוכה נאָך פראַנקרייך. אַלס די יונגע קעניגין איז נאָך דער חתונה ערפאַהרען איהר אונגליק, און זעהענדיג אַז לויט דעם קאַטוילישען גלויבען קאָן זי זיך נישט גט׳ן, האָט זי זיך איבערגעגעבען צו ליעבהאָבער אין איהר הויף. זי האָט פון זיי געהאַט אייניגע קינדער, און זי האָט איהר מאַן געצוואונגען דיעזע צו אַנערקאָנען אַלס די זייניגע. איינער פון דיעזע איז געוועזען אַלפאָנזאָ, דער פאָטער פון דעם יעצטיגען שפּאַנישען קעניג אַלפאָנזאָ דער דרייצעהנטער. דיעזע אונאַנגענעהמליכע לאַגע איהרע האָט איהר שוין געפיהרט צו אַ ווילדעס אויסגעלאַסען לעבען, וועלכעס האָט ענדליך געפיהרט צו דער רעוואָלוציע פון 1868, וואו זי האָט געמוזט אַבדוצירען. זי האָט שפּאַניען פערלאָזען מיט אַ גרויס רייכטום, און געענדיגט איהר לעבען אין פראַנקרייך. זי איז געב. אין מאַדריד 1830 און געשט. אין פּאַריז אין 1904

איזאַבעלאַ נאָמען פון אַ פּראָווינץ אין לוזאָן, אויף דעם פּיליפּינישען אינזעל. ליגט אויף די נאָרדליך פּאַסיפישע קיסטע, איז 118 מייל לאַנג, אַדער 5395□ מיילען, און איז די גרעסטע פּראָווינץ פון לוזאָן. דאָס לאַנד איז בערגיג. דער טייך גראַנד ד׳ קאַגאַיאַ לויפט דורך די גאַנצע לענג פון דער פּראָווינץ. די הויבט־פּראָדוקטען זיינען רייז, צוקער־ראָהרען, שאָקאָלאַד, קאַפע, און קאָרן. די גרעסטע פון אַלע איז די טאַבאַק־אינדוסטרי. נעקסט איז פיה־צוכט. די איינוואוינער זיינען בערך 45,000.

איזאַבעלאַ־פאַרב, נאָמען פון אַ ברוינגעלע פאַרב, וואָס איז מעהר ברוין ווי געל.

דיעזער נאָמען קומט פון דער לעגענדע, אַז ווען איזאַבעלאַ האָט בעלאַגערט אָסט־ענד האָט זי געשוואוירען, אַז זי וועט נישט אויסטוישען איהר העמד ביז די שטאָדט איז גענומען. דאָס האָט אָבער געדויערט דריי יאָהר, אַזוי איז איהר העמד געוואָרען פון דיעזע קאָליער.

איזאָבראַנטען, (מעטראָל.) אַ פערבינ־דונגס ליניע איבער אַלע ערטער וואו איין דונער איז געהערט געוואָרען. אַ מיטעל צו ערפאָרשען דעם גאַנג פון דעם דונער און זיין געשווינדיגקייט.

איזאָגאַמיע, אין דער באָטאַניק, נאָמען פון דער קלאַס פלאַנצען וועלכע צייגען קיין אונטערשיעד צווישען זכרים און נקבות. דיעזער קלאַס איז דער אונטערשסטער פון די איבריגע פלאַנצען־גאַטונגען.

איזאָ־דינאַמי געזעץ, דאָס געזעץ מיט וועלכען מען פערגלייכט דעם ווערטה פון די פערשיעדענע שפייזען, וואָס האָבען אַ גלייכען אַלס נאַהרונגס־שטאָף פאַר דעם קערפּער. ד.ה. אַז ווען עס פעהלט אויס אַ געוויסער שפייז־אַרטיקעל, זאָל מען וויסען איהם צו ערזעצען מיט אַן אַנדער אַרטיקעל, פון דעם זעלבען ווערטה. למשל: עסען אייער שטאַט פלייש, ווייל זייער אינהאַלט איז ביינאַה עגאַל.

איזאַוויטען, נאָמען פון די אַנהענגער פון "אַבו־ישי" (ז. באַנד 1, ז.150). זיי זיינען געוועזען 10,000 אין צאָהל. זיי האָבען געדאַווענט 4 מאָל טעגליך, האָבען געהאַלטען פאַר אַן עבירה צו גט'ן אַ פרוי אפילו אַן אונאָרנטליכע.

איזאַטעס, ז. "אַדיאַבענע" (באַנד 1, זייט 554).

איזאַיר אַ דעפּאַרטמענט אין דעם זיד־אָסטליכען פראַנקרייך, פון 3178□ מיילען גרויס. איז טיילס בעזעצט מיט אַלפּען פון וועלכע דער גרעסטער איז 13000 פוס הויך און איז דורכגעצויגען פון די טייכען: ראָהן, און איזאַיר. האָט פיעלע מינעראַ־קוואַלען, קויהלען, אייזען, בליי, און מאַר־מאָר מינען. ליפערט נאָך אויסלאַנד: וויין, קאַרטאָפעל, טאַבאַק, ניס א.ד.ג. די בעפעלק. איז בערך 600,000

איזאָכראָמאַטיע, נאָמען פון אַ פאָטאָ־גראַפישען פּראָצעס, וועלכער אַרבייט זיך דורך אַזעלכע פּלאַטען, וואָס זיינען עמפּפינד־ליך צו די קאָלירען פון דעם פאָטאָגראַפירטען געגענשטאַנד. ד.ה. פּשוט: פאָטאָגראַפירען מיט די נאַטירליכע קאָלירען. דיעזער נאָמען קומט פון פראַנקרייך, ווייל דאָרט איז די ערפינ־דונג געמאַכט געוואָרען. אין דייטשלאַנד און אין ענגלאַנד האָבען זיי דיעזען נאָמען גע־ענדערט. ביי די ערשטע רופט מען דאָס: "פאַרבען־עמפּינגליכע־פּלאַטען" און ביי די צווייטע: "קאָלאָר־סענזיטיוו".

איזאָכראָניש = פון גלייכער צייט און פון גלייכען דויער.

איזאָלאַטאָר, אין דער עלעקטריציטעט, אַן איינריכטונג צו אָבטיילען דעם שטראָם, אין געגענזאַץ צו דעם לייטער וואָס פיהרט ־עם שטראָם ווייטער. אַ דראָט איז אַ לייטער. וויל מען איהם מאַכען פאַר אַן איזאָלאַטאָר דאַן שפּינט מען איהם אַרום, אָדער מען קלעבט איהם אַרום מיט וואָל, אָדער גומי, אָדער גוטאַ־פּערטש, אָדער וואַקס. אַזוי לאַנג ווי ער איז נאַקעט קאָן מען איהם נישט אַנריהרען, איז ער אָבער בעקליידעט, אַזוי קאָן מען איהם שוין בעריהרען, ווייל ער איז איזאָלירט געוואָרען. ווען מען ציהט עלעקטרישע דראָטען אין דער לופט איבער

שטאַנגען, ווערט די דראָט אַרומגעבונדען אַרום פּאָרצעלאַנענע גלאָקען, בכדי דער עלעקטרישער שטראָם זאָל נישט אַריין אין די שטאַנגען. די פּאָרצעלאַנענע קלאָקען איזאָלירען דעם שטראָם פון די שטאַנגען.

איזאָלאַציע=אַבזאָנדערונג (ז.ד.) אין דער ביאָלאָגיע ווערט דאָס וואָרט געברויכט אין דער ערקלעהרונג פון דער ענטוויקלונג. אַ טייל פון חיות ווערען איזאָלירט פון די אַנדערע, בכדי זיי זאָלען זיך פּאָאַרען מיט זייערע מינים, אָדער ווען מען וויל זיי זאָלען זיך פּאָאַרען נאָר מיט פרעמדע מינים. דאָס ווערט געטהון מיט דער אַבזיכט צו קאָנען אַכטונג געבען דעם פּאָרגאַנג פון דיזע פּאָאַרונג, און ענדליך צו קאָנען נאָכפאָרשען די סמנים פון עהנליכקייטען, וואָס זייערע קינדער האָבען צו די עלטערען.

דורך מורא פאַר זייערע שונאים אויף דער אויבערפלעך, לעבען פיעלע חיות אין פינסטערע לעכער. מיט דער צייט פערלירען זייערע אויגען. דיעזע זיינען שוין איזאָלירט געוואָרען פון דער נאַטור, און זיי פּאָאַרען זיך שוין נישט מעהר מיט די פון דער אויבערפלעך. דורך אַזעלכע איזאָלאַציעס האָט די נאַטור פאַנאַנדערגעטיילט חיות צו לעבען אין דער הויך, אויף דער אויבערפלעך, און אין דער טיעפעניש פון דער ערד, ווי אויך אין די ימים.

איזאָלדאַ, נאָמען פון אַן אַסטעראָאיד, בעצייכענט אין דעם אַסטראָנאָמישען קאַטאַלאָג אונטער דעם נומער (211). ער איז ענטדעקט געוואָרען פון פּאַליסאַ אין יאָהר 1879.

איזאָליר-בענד, די בענד מיט וועלכע דער עלעקטרישער דראָט ווערט אַרומגעהיעלט. זיי ווערען געמאַכט לויט פאָלגענדען פאָרמעל:

768	טייל	קאָוטשוק
166	„	שוועבעל-אַנטימאָן
58	„	שוועבעל
185	„	קרייד
130	„	מאַגנעזיט
922	„	קויהלענ-זויערע מאַגנ.

אויס דיעזער מאַסע ווערט געמאַכט אַ טייג, ער ווערט דאַן אויסגעפּלאַסטערט ווי בלעטער, אָדער ווערט אויסגעראָלט לויט די געפאָדערטע פאָרם אָדער מוסטער. וויל מען זיי וואולקאַניזירען ווערען דיעזע בלעטער בעדעקט מיט גומילאַק און געלעגט צווישען צוויי זינק-פּלאַטען. זיי ווערען געפּרעסט אונטער אַ דרוק פון 120,000 פונט געוויכט. די זינק-פּלאַטען מוזען פריהער בעשטויבט ווערען מיט טאַלק-פּודער, בכדי די בלעטער זאָלען זיך נישט אַנקלעבען.

איזאָלירען, אין דער אַרכיטעקטור: דאָס שיצען די ווענד געגען פייכטקייט דורך איזאָליר-שיכטען. אין דער מאַשינען-טעכניק: געוויסע טיילען איינהיעלען זיי זאָלען נישט אָבגעקיהלט ווערען. אין דער הייל-קונדע: געוויסע קראַנקהייטען אָבטיילען פון די איבריגע, ענטוועדער ווייל זיי זאָלען נישט אָנשטעקען די איבריגע, אָדער זיי זאָלען נישט שטערען די רוה פון די איבריגע. געפעהרליכע משוגעים ווערען איזאָלירט פון די מעסיגע.

איזאָלירטע שפּראַכען, שפּראַכען וואָס זיינען אָבהענגיג אָן דער מעלאָדיע, און קאָנען נישט אַנדערש פערשטאַנען זיין. איבערהויבט די איינזילביגע, וועלכע האָבען פיעלע ווערטער וואָס שרייבען זיך עגאַל און מיינען גאַנץ אַנדערש ווען מען ענדערט די תנועות. די כינעזישע שפּראַך איז איינע פון זיי (ז. "שפּראַך").

איזאָליר-שיכטען, צו בעוואָרענען

געגען פייכטע ווענד, ווערט געלעגט אַ שיכטע פון אַספאַלט 1 סענטימעטער דיק איבער די ערד, אויף וועלכע דאָס הויז געהט געבויט ווערען. דערמיט ווערט אָבגעשניטען די דירעקטע בעציהונג צווישען דעם גרונד און די ווענד. עס זיינען פאַראַן פערטיגע איזאָליר-שיכטען אין האַנדעל. דיעזע זיינען מייסטענס געמאַכט פון פילץ, בעדעקט מיט פעך, אָדער טעפיכטען בעדעקט מיט פעך.

איזאַלקאָ, אַן אינדיאַנער דאָרף אין דעם מיטעל-אַמעריקאַנישען שטאַאַט סאַלוואַדאָר. האָט בערך 4000 איינוואוינער. איז וויכטיג פאַר די אַרכעאָלאָגיע צוליעב די אַלטע חורבות פון איין אַלטע אינדיאַנער שטאָדט וואָס איז דאָרט אַמאָל געשטאַנען, און איז אונטערגעגאַנגען. אין נאָוו. פון 1920 איז דאָרט אויסגעבראָכען אַ וואולקאַן פון איבער 6000 פוס הויך און האָט פון זיך געגאָסען אַ מאַסע פון געשמאָלצענע לאַווע, וויט אַרום זיך, און האָט פערוויסט אַלעס וואָס ער האָט בעריהרט.

אין יאָהר 1793 איז דער אויסברוך פון דיעזען וואולקאַן צום ערשטען מאָל בעאויבאַכטעט געוואָרען, און זייט דעמאָלט זעהט מען איהם ציטערען אין געוויסע רעגולערע צייטען. זיין אַקטיוויטעט דויערט שטענדיג ווי מיט אַ בעשטימטע פינקטליכקייט. געאָלאָגען בעהויבטען אַז, ער האָט ביז אַהער שוין אויסגעגאָסען, לאַווע אויס דעם אינערן פון דער ערד, איבער 27,000,000 קוביק יאַרד, און דאָס ער איז דאַדורך געשטיגען צו אַ הויכקייט פון 2000 פוס איבער דעם ים-שפיגעל.

איזאָמאַלטעזע, אַ ניי ענטדעקטע צוקער-אַרט וואָס ווערט פערברויכט אַלס צוקער אין ביער-ברויעריי, און אין אַנדערע פאַבריקאַציעס וואו צוקער ווערט געברויכט. ער איז אינטענסיוו זיעס, און ווערט ברוין ביי 65 גראַד היץ. ער ווערט געמאַכט פון טרויבען-צוקער מיט רויכענדע זאַלץ-זויערע. אין הייסען וואַסער שמעלצט ער לייכט, און ביי 150 גראַד היץ שמעלט ער אָהן וואַסער.

איזאָמעריס, די בעציהונג צווישען די כעמישע מישונגען, וועלכע זיינען עגאַל אין זייער אינהאַלט און אונעגאַל אין זייערע אייגענשאַפטען. דער איזאָמעריזם טיילט זיך אין 1) פאָלימעריזם, 2) מעטאַמעריזם און 3) געאָמעריזם (ז.ד.).

איזאָנאָמיע, גלייכהייט פון דעם נאַטור-געזעץ.

איזאַנאַנדראַ. ז. "גוטאַ פערטש".

איזאַנבער פראַנס אַנדרע, אַ פראַנצויזישער יוריסט און קעמפער פאַר די בעפרייאונג פון די שווארצע שקלאַפען. געב. אין אַנאַי 1792 און געשט. אין 1857. ער איז געוועזען דער פיהרער פון די ליבעראַלע פאַרטיי אין פאַרלאַמענט פאַר אַ לאַנגע צייט. אין 1830 איז ער געוואָרען ריכטער אין דעם קאַסאַציאָנס-געריכט, וואו ער האָט זיך געמאַכט אַ גרויסען נאָמען אַלס יוריסט. ער האָט אַרויסגעגעבען אייניגע ליטעראַרישע און יוריסטישע ווערק. די לעצטערע ווערען נאָך היינט ציטירט אין די געריכטס הייזער.

איזאַנדאַלאַ, אַ דאָרף אין זולו-לאַנד וואָס דערמאָנט אַ שרעקליכע טראַגעדיע אין דער בריטישע געשיכטע. אין יאָהר 1879 איז דער הויבטלינג קעטעוואַיאָ אַרויס מיט 18,000 זולו-קאַפערן, און איז בעפאַלען די בריטישע סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געשטאַנען אונטער די קאָמאַנדאָ פון טשעלמספאָרד. דאָס גאַנצע בריטישע חיל (1600) איז פערניכטעט געוואָרען. זעקס מאָנאַט שפעטער זיינען די זולוס בעזיעגט געוואָרען און

קעטעוואַיאָ איז געפאַלען אַ געפאַנגענער אין
די בריטישע הענד (ז.״זולו-לאַנד״).

איזאָנצאָ (Isonzo) אַ פלוס וואָס
גיעסט זיך אַרויס פון די יוליאַנישע אַלפּען
און שלענגעלט זיך דורך סאַגאַ, סיינט-לוציאַ,
גאָריזאַ, און גראַדיסקאַ. ביי פּאָרטאָ טימבאַוואָ
פערצווייגט ער זיך אַרום איניגע אַטאָלען,
און גיעסט זיך אַריין אין דעם טריעסטער
טייך, וועלכער בילדעט אַ טייל פון דעם
אַדריאַטישען ים. אין דער גראַדער ליניע
איז ער 45 מיילען לאַנג, און אין זיין
געקרימטער ליניע, 70 מיילען. אויף זיין
וועג לויפען אין איהם אַריין די טייכען
אידראַ, וויפּאַך, און טאַררע. ער איז שיפבאַר
בלויז אַ קליינע שטרעקע, ביי דואינאָ און
מיראַמאַר.

פיעלע שלאַכטען זיינען געפאָכטען געוואָ-
רען צווישען די איטאַליענער און די עסט-
רייכער אַרום די שטעדט וואָס ליגען ביי
דיזען פלוס. איניגע שטעדט זיינען פשוט
פערוואַנדעלט געוואָרען צו הויפען מיסט.
איינע פון דיעזע שלאַכטען איז פון די
עסטרייכער בעצייכענט געוואָרען אַלס דער
״פּאַרלאַמענטס-שלאַכט״. ווייל, דעמאָלט האָט
דאָס איטאַליענישע פּאַרלאַמענט דיסקוטירט
וועגען נייע אויסגאַבען פאַר דער מלחמה.
בכדי אַריינצוּיאָגען אַ פּחד אין הערצער
פון די פּאַרלאַמענטס מיטגליעדער, האָט
עסטרייך אונטערגענומען אַ פירכטערליכע
אַטאַקע. אַז דאָס האָט געהאַט אַ געגענ-
ווירקונג איז בלויז נאַטירליך.

איזאָפּאָדאַ (Isopoda) ז. ״אַססעל״.

איזאָפּאַטיע, אַן אייגענטימליכע הייל-
מעטאָדע וועלכע ווערט בעהאַנדעלט אונטער
דעם שלאַג-וואָרט ״האָמעאָפּאַטיע״.

איזאַק אַ. איזאַקס, אַ בעדייטענדער
יוריסט און ריכטער אין דעם סופּריעמ-
קאָורט פון אויסטראַליען. געב. אין מעלבורן
1856, שטודירט אין זיין געבורטס-שטאָדט
אונטער זעהר אָרימע אומשטענדען, און
אַרבייט שווער אין דער יוגענד זיך צו
קענען ערנעהרען און אויסצוהאַלטען זיין
שטודיום. אין 1880 ווערט ער דיפּלאָמירט
אַלס אַדוואָקאַט, ער מאַכט מיט זיין ערשטע
ערשיינונג אין קאָורט אַזאַ גוטען איינדרוק
אויף די ריכטער, דאָס דער פּרעזידירענדער

ריכטער האָט זיך אויסגעדרוקט, אַז ער האָפט
אין גיכען איהם צו זעהען זיצען נעבען
זיך אַלס ריכטער. איזאַק האָט זיך אויך
גענומען אינטערעסירען מיט דער פּאָליטיק
פון אויסטראַליען. אין 1899 ווערט ער
קינגס קאָונסילאָר (קעניגליכער יועץ), אין
צוויי יאָהר שפּעטער ווערט אַטטאָרני-דזשענ.
אין טערנערס קאַבינעט, און ווען דער פּרע-
מיער איז אָבגעפאָהרען צום יובילעום פון

דער קוויען וויקטאָריאַ, האָט ער איבערגע־לאָזען אַיזאַק אַלס זיין שטעל־פערטרעטער.

אין פערלויף פון דיעזען קאַריער האָט אַיזאַק געהאַט אַ מערקווירדיגע עראייגניס. ווען סער דזשיימס פּאַטערסאָן האָט אָרגאַניזירט זיין מיניסטעריום, האָט ער אַיזאַק אַנגעשטעלט אַלס סאָליסיטאָר־דזשענעראַל, און סער בריינען אָ׳לאָגלען אַלס אַטטאָרני־דזשענעראַל. אַ באַנק־סקאַנדאַל האָט שטאַטגעפינדען אין 1893 און דער אַטטאָרני דזש. האָט זיך ענטזאַגט אַנצוקלאָגען די דירעקטאָרען פון דער באַנק. זייענדיג דער נעקסטער בעאַמטער האָט אַיזאַק די דירעקטאָרען יאָ אַנגעקלאָגט. דער פּרעמיער האָט דערפאַר איהם אויפגעפאָדערט צו רעזיגנירען. אין דער וויקטאָריע קאָלאָניע איז דאַדורך אַרויס אַ גרויסער פּראָטעסט, אָבער אַיזאַק האָט רעזיגנירט זיין אַמט מיט זיין זיץ אין פּאַרלאַמענט. ער האָט זיך אָבער נאָכאַמאָל געשטעלט צום וואַהל, און אינמיטען האָט האָט ער איינגעלאַדען דעם פּרעמיער, ער זאָל זיך שטעלען אַלס קאַנדידאַט געגען איהם. דער פּרעמיער האָט מורא געהאַט די איינלאַדונג אָנצונעהמען. אַיזאַק איז ווידער ערוועהלט געוואָרען מיט אַ פיעל גרעסער מאַיאָריטעט ווי ביים ערשטענמאָל. ער איז ענדליך געוואָרען אַ ריכטער אין סופּריעמ־קאָורט וואו ער האָט זיך בעגעגנט מיט יענעם ריכטער, וואָס האָט נבואות געזאָגט, אַז ער וועט זיצען נעבען איהם.

אַיזאַק האָט געהאַט אַן אַנטייל אין דער פערפאַסונג פון דער קאָנסטיטוציע פון דעם אויסטראַליער קאָמאָנוועלטה. אין 1900 האָט די מעלבורן טראַמוויי קאָ. איהם געשיקט אין לאָנדאָן, אַנצופיהרען זייער אַן אַפּעלאַציע אין דעם הויז אָוו לאָרדס. די לאָנדאָנער מאַקאַבעענס האָבען איהם געגעבען אַ הערליכע אויפנאַהמע און מר. רופוס אַיזאַקס האָט פּרעזידירט. אַיזאַק האָט דעמאָלט געוויזע ווי ער שטאָלצירט מיט זיין יודענטום. דאַביי איז אויך דערמאָנט געוואָרען דער פאַקט, אַז אַיזאַק איז געוועזען דער ערשטער אַדוואָקאַט, אַן אויסטראַליער אַ געבוירענער, וואָס איז ערשינען אין אַ פּראָצעס פאַר׳ן הויז אָוו לאָרדס.

אַיזאַקס רופוס, ז. ״ריעדינג לאָרד״.

איזאָקראַטעס, אַ גריכישער ריידנער און לעהרער פון די ריידע־קונסט. געב. אין אַטהען 436 פּיצר׳ און בעגאַנגען זעלבס־מאָרד אין 338. האָט בעקומען זיין בילדונג פון בלויז הערען די סאָפיסטישע ריידנער. ער פערוואָרפט די סאָפיסטישע מעטאָדען און נעהמט אָן אַן אייגענע ערנסטע ריכטונג וועלכע האָט אַרויסגערופען דעם בייפאַל פון זיינע צוהערער. ער האָט פיעלע פון זיינע ריידען אויפגעשריבען, אין די צייט פון פּלוטאַרך זיינען נאָך געוועזען 60 פון זיי. ביי דער היינטיגער צייט זיינען פאַראַן 21 פון זיי. אַנדערע גלויבען, אַז איניגע פון דיעזע זיינען געפעלשט, אָדער פּשוט אונטערגעוואָרפענע.

איזבל, די פרוי פון קעניג אַחב, און די טאָכטער פון אתבעל דער קעניג פון צידון. די ביבעל שטעלט איהר פאָהר, אַלס אַ וואונדערבאַר ענערגישע פרוי, וועלכע האָט בעהערשט איהר מאַן, זיין הויז געפילט מיט פּריעסטער פון בעל, דורך זיי אינטריגירט געגען די נביאים פון דעם יודישען פאָלק, האָט געבויט טעמפּלען פאַר איהרע אָבגעטער אין די יודישע הייליגע שטעדט, דאָס יודישע פאָלק געצוואונגען צו אַנערקענען איהר אָבגאָט אַלס דעם יודישען נאַציאָנאַל־גאָט. זי האָט גע׳הרגט די נביאים וועלכע האָבען דאָס פאָלק צוריקגעהאַלטען פון איהר ציעל, ביז ענדליך, יהוא האָט איינמאַרשירט אין שומרון און

"איזבל" לויט דעם שטאַל-שטעכער צ. סטאַאל

האָט בעפוילען מען זאָל איהר דורך דעם פענסטער אַרויסווערפען אין גאַס. איהר צובלוטיגטער קערפּער איז דאַן פון די פערד געטרעטען געוואָרען, און פון די הונד געגעסען.

איזדאַגערד I, אַ יודענפריינדליכער קעניג אין פּערזיען, צווישען 421—400, אַ זוהן פון באַיראַמס, פון דער זאַסאַדינישע דינאַסטיע. ער איז פון די רעליגיעזע פאָהרשטעהער פון זיין פאָלק פעראַכטעט געוואָרען צוליעב זיין אויסערגעוועהנליכע פריינדשאַפט צו די יודען, און די קריסטען. אין זיין הויף האָבען פיעלע יודישע עקזיל־אַרכען געהאַט אַ פרייען צוטריט. לויט "זבחים" י"ט האָט ער די יודען גערופען: דער ממלכת כהנים וגוי קדוש. מר' זוטרא ורב אַשי זיינען געוועזען ביי איהם גרויסע חשובים.

איזדאַגערד II, אַ ברודער פון פאָריגען ווי אויך זיין טראָהנ־פאָלגער. האָט רעגירט איבער פּערזיען צווישען 460—442, און איז געוועזען אין קאַראַקטער דאָס געגענטייל פון זיין ברודער. ער האָט פערפאָלגט די יודען און די קריסטען. האָט די יודען פערבאָטען צו דאַוונען און צו האַלטען שבת; די קריסט־ליכע קירכען האָט ער געהייסען אַרונטער רוימען פון גרונד. די גרעסטע צרות האָט ער זיי צוגעטיילט אין די לעצטע 5 יאָהר פון זיין הערשאַפט.

איזדגר מלכא ז. "איזדאַגערד".

איזדובאַר ז. 'נמרוד".

איזוואָלסקי אַלעקסאַנדער, רוסישער שטאַאַטס־מאַן מיט אַ זעהר בעדייטענדער קאַריערע. געב. אין מאָסקוואַ 1856 און געשט. אין פּאַריז 1919. איידער ער איז נאָך אַלט געוועזען 22 יאָהר איז ער שוין געוועזען אַנגעשטעלט אין דער אינטערנאַ־ציאָנאַלע קאָמיסיע אין פיליפּאָלים וועלכע האָט געהאַט צו אָרגאַניזירען דאָס אָסטליכע רומעליאַ. צו זיין 23טען יאָהר איז ער געשיקט געוואָרען נאָך וואַשינגטאָן אַלס דער רוסישער רעפּרעזענטאַנט. דעמאָלט האָט רוסלאַנד נאָכנישט געהאַט אַן אַמבאַסאַ־

דאָר אין אַמעריקאַ. דאָ האָט ער שטודירט די רעפּובליקאַנישע קאָנסטיטוציע, און דאַביי בעקומען אַ גרינדליכע קענטניס אין דער רעפּובליקאַנישע שטאַאַטס־מאַשין. אין 1896 איז ער געוואָרען דער פאָרשטעהער פון רוסלאַנד אין בעלגראַד, וואו ער האָט זיך גרינדליך בעקאָנט מיט די באַלקאַן־פּאָליטיק. פון דאָרט איז ער געשיקט געוואָרען נאָך טאָקיאָ אין יאַפּאַן, שפּעטער נאָך מינכען, און פון דאָרט נאַך קאָפּענהאַגען.

אין קאָפּענהאַגען איז איזוואָלסקי שוין געוועזען אַן ערפאַהרענער דיפּלאָמאַט. אונ־ערפאַהרענע האָט מען דאָרטהין נישט גע־שיקט צוליעב דעם ווייל אין קאָפּענהאַגען קומען זיך אָפט צוזאַמען קעניגע פון די גרויס־מעכטע, צו פערברענגען זייער וואַקאַ־ציע. די דענישע קעניגליכע פאַמיליע זעלבסט איז דורכגעפלאָכטען מיט די בלויע אַדערען פון דער ערופּעישע הערשער־וועלט. ביי אַ ציגאַר־טישעל ווערען דאָרט אָפט בעשפּראָכען די גרעסטע וועלט־אינטערעסען. דער צאַר פלעגט אויך אַהינקומען. איהם איז נויטיג געוועזען צו האָבען איזוואָלסקים ערפאַה־

רונגען ביי דער זייט, ווען ער האָט זיך דאָרט בעגעגענט מיט אַנדערע מאָנאַרכען. דאָ האָט אייגענטליך איזוואָלסקי פּערקניפּט די פּער־אייניגונג צווישען ענגלאַנד און רוסלאַנד. דאָס איז איהם געלונגען ווייל דער קעניג עדוואַרד האָט איהם איינגעלאַדען צו זיין, זיין קאָנווערזאַציאָנס־פּריינד. דערצו האָט איזוואָלסקי געהיראָט אַ נאָבלע פרוי וואָס איז אויפגעצויגען געוואָרען אין דעם דענישען קעניגליכען הויף. ער האָט דאָדורך בעקומען אָפען פּיעלע טיהרען וואָס זיינען געווען פּערשלאָסען פאַר אַנדערע דיפּלאָ־מאַטען. פון זיינע מעמואַרען זעהט זיך אַז זינט ער איז אין קאָפּענהאַגען געוואָר געוואָרען אז ראָזשדעסטווענסקים אָנפאַל אויף ענגלאַנד (בעת דעם רוסיש־יאַפּאַנעזישען קריעג) איז געווען אַ דייטשע אינטריגע צו פּערוויקלען ענגלאַנד אין דער מלחמה וואָס זי האָט געזוכט אויסצומיידען, האָט ער נישט אויפגעהערט צו בעווייזען קעניג עדוואַרד אַז ווילהעלם איז אַ שונא צו ענגלאַנד ווי צו רוסלאַנד. מיט דיעזע ערקלעהרונג איז איהם געלונגען צו ברענגען אַ פּעראייניגונג צווישען רוסלאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרייך.

אין 1906 איז ער געוואָרען דער אויס־לענדישער מיניסטער אין רוסלאַנד. זיינע אַקטיוויטעטען אין דיעזען אַמט זיינען אונבעקאַנט געוועזען ביז זיינע מעמואַרען זיינען ערשינען. דאָרט זעהט מען זיין ביטערען קאַמף געגען דער רעאַקציע. ער וואָלט פון דיעזער רעאַקציע שוין לאַנג בעז־זייטיגט געוואָרען ווען נישט זיין ערפאָלג־רייכע פּאָליטיק אין אויסלאַנד. איזוואָלסקי האָט געזוכט צו ענטוויקלען ביים פּאָלק אַ געדאַנק פאַר אַ קאָנסטיטוציע מיט די רעכט פאַר פרייע לאַנד, פאַר די וואָס ווילעז עס בעאַרבייטען. ער האָט ווידערשטריטען די פּאָליטיק פון סאַזאָנאָוו זיין נאָכפאָלגער ווייל סאַזאָנאָוו האָט זיך אַלץ געהאַלטען ביי די אַלטע פּרינציפּען. זעהענדיג אַז ער קאָן מיט איהם נישט דורכקומען האָט ער רע־זיגנירט. גלייך נאָך ניקאָלייס אַבדיקאַציע און איז אַוועק נאָך פּאַריז, וואו ער איז געשטאָרבען איידער זיינע מעמואַרען זיינען קאָמפּלעט געוואָרען.

פאַר דער צייט פון זיין דיפּלאָמאַטישע קאַריערע האָט ער אויסגעגלייכט די סכסוכים צווישען דעם וואַטיקאַן און רוסלאַנד, האָט אונטערשריבען דעם שלום צווישען יאַפּאַן און רוסלאַנד, די סכסוכים צווישען ענגלאַנד און רוסלאַנד, די סכסוכים צווישען ענגלאַנד און פּערזיען, ער האָט צושטאַנד געבראַכט די פעראייניגונג צווישען ענגלאַנד, פראַנקרייך, און רוסלאַנד.

איזוואָשטשיק, אַ קוטשער אין רוסלאַנד

איזוועסטיאַ, נאָמען פון אָפיציעלען אָרגאַן פון דער רוסיש־באָלשעוויסטישע רעגיערונג. איהר נומער 210 איז וויכטיג דאַרין, וואָס אין איהר ערשיינט די ערשטע באָלשעוויסטישע פּראָקלאַמאַציע וואָס ער־קלעהרט דעם באָלשעוויזם אַלס אַ רעגיערונג אויף דעם אָרט פון קערענסקים רעגיערונג נאָך דיעזער פּראָקלאַמאַציע איז פאַראַן אַן אויפרוף צו די קאַזאַקען זיי זאָלען אַרעס־טירען קערענסקי.

איזיום, אַ קרייז־שטאָדט אין דער כאַר־קאָווער גובערניע, לינקס נאָרדליך פון דעם דאָנעץ. פאַר דעם איינטריט פון דער באָל־שעוויסטישע רעגיערונג האָט זי געהאַט 13,000 איינוואוינער.

איזיטען, אַ מאַהאָמעדאַנישע סעקטע וואָס האָט איהר נאָמען פון איזאַ־אַלערדאַד. איהרע אַנהענגער האַלטען אַז דער קאָראַן איז פון גאָט געשאַפען. מאַהאָמעד האָט איהם

נאָר געקאָפּירט, אַזוי ווי מען האָט איהם פון הימעל דיקטירט. דאָס אָריגינאַל איז נאָך גאָר אויף דיעזער וועלט נישט געווען.

איזיס, אַן עגיפּטישע געטין, די פרוי און שוועסטער פון "אָזיריס" (ז.ד.). מיט איהר מאַן איז זי געווען די איינציגע געטער־פּאָאר וואָס איז פערעהרט געוואָרען איבער גאַנץ עגיפּטען. לויט די היראָגליפען האָט זיך זייער פערעהרונג אָנגעהויבען בערך אין 13טען יאָהר־הונדערט פיצר׳. זי איז בעשריבען אַלס די טאָכטער פון סעב און נוט. איהר זוהן איז געוועזען האָרוס. זי איז שפּעטער געוואָרען אויך זיין ווייב. איהר עגיפּטישער נאָמען איז געוועזען "אַסועט", און מיט דיעזען נאָמען איז געפינען געוואָרען אַ רייהע פון אַמולעטען אין די פּרינצליכע קברים פון עגיפּטען. זיי זיינען פערצייכענט אין דעם טוידטען־בוך.



רעמסס III ברענגט אַ קרבן צו איזיס

אין דער סקולפּטור ווערט זי דאַרגעשטעלט אַמאָל מיט צוויי הערנער אויף דעם קאָפּ, און צווישען די הערנער אַ רונדען קרייז; זי, זיצענדיג מיט איהר קינד האָרוס אויף דער האַנד און זויגט איהם מיט דער לינקע ברוסט אַמאָל שטעהענדיג, און אַמאָל זיצענדיג; ביי אַ זייל מיט אַ טהורם אויף דעם קאָפּ, און אַמאָל אויך מיט אַ קאָפּ פון אַן אָקס.

אין דער מיטאָלאָגיע ווערט זי מיט איהר מאַן געהייליגט אַלס די געבער פון מענשליכקייט צו די מענשען. זי האָט זיי געגעבען דעם ווייץ, און ער האָט אָבגעשאַפט די מענשען־פרעסעריי. זי האָט געמאַכט דעם נילוס איבערפלייצען בכדי עס זאָל וואַקסן, און מענשען זאָלען האָבען פון וואָס צו לעבען, אָהן צו מוזען מערדערען איינער דעם אַנדערען. אין "סאַיז" איז געוועזען אַן אויפשריפט וועגען איהר: "איך בין אַלעס, די וואָס איז געוועזען און וואָס וועט זיין. מיך האָט קיינער נישט געזעהען". אין העברעיש האָט מען איהר גערופען "אָס־נת" (שיללער׳ס "זענדונג מאָזעס". ווי אויך שירי יל"ג: "סוד אלוה"). אַלע יאָהר איז געוועזען אַ יום־טוב פון 10 טעג, צו פייערען איהר זיעג איבער טיפאָן (ז."אָזירים"), מיט אַרומשפּאַצירען מיט וויוצענזאַנגען אין די הענד, אין די טעמפּלען און אין די גאַסען. ווען די שניטער האָבען אָנגעהויבען שניידען די זאַנגען, האָבען זיי מיט די ערשטע זאַנגען זיך געשלאָגען איבער די ברוסטען, און דאַן דיזעלבע אַוועקגעלעגט פאַר איזיס אַלס אַ קרבן. מען זאָגט אַז, איהר קבר איז אין מעמפיס. שפּעטער האָבען אויך די גריכען איהר פערהייליגט. דאָמיציוס האָט אויפגעבויט אַ טעמפּעל אין רוים, נאָך אין יאָהר 82 פיצר׳. אין דעם רוימישען קאַלענדאַר ווערט נאָך היינט דער 5טער מערץ בעצייכענט מיט דעם נאָמען "איזידים נאַוויגיום".

איזיס, נאָמען פון אַ פּלאַנעטאָיד, פערצייכענט אין דעם אַסטראָנאָמישען קאַטאַלאָג אונטער דעם נומער (43). ער איז ענטדעקט געוואָרען פון פּאָגסאָן אין יאָהר 1856.

איזיקאָקאָ, נאָמען פון אַרינג וואָס די זולו־קאַפער׳שע הערויען טראָגען אויף די

קעפּ. דער רינג ווערט געמאַכט פון וואַקס מיט פּעך און די אייגענע האָר. וואָס מעהר העלדענטהאַטען איינער בעגעהט דאָס העכער איז זיין רינג. אַ פּייגלינג טאָר איהם נישט טראָגען.

איזי טאַטאַקי, (יאַפּ. מיטאָל.) נאָמען פון געטליכען פייגעל וועלכער האָט דעם ערשטען מענשען־פּאָאָר אויסגעזאָגט דעם סוד, ווי אַזוי זיך צו פּאָאָרען, בכדי די וועלט צו בעפעלקערען מיט מענשען.

איזמאַילאַ, ז. "איסמאַיליע".

איזמיר, העברעישער נאָמען פאַר דער שטאָדט סמירנאַ (זד.).

איזעאָ-זעע, אַ גרויס וואַסער ביי די אַלפּען אויף דער איטאַליענישע גרענעץ, וואָס בעריהרט די פּראָווינצען בערעזיקאַ און בערגאַמאָ. ער ענטשפּרינגט פון דעם פלוס אָגליאָ. ער איז 25 קילאָמעטער לאַנג, 5 קילאָמעטער ברייט, און 251 מעטער טיעף. ער איז רייך מיט פיש, און האָט אינמיטען אַן אינזעל וואו עס וואוינען פישער.

איזעדען, אַ גרופּע פון גוטע גייסטער אין דער צאָראָאַסטישע רעליגיאָן. זיי שטעהען די נאָהנטעסטע צו די מענשען. די טעג, וואָכען און מאָנאַטען זיינען אונטער זייער הערשאַפט. די גלויביגע דאַרפען שטענדיג זייער נאָמען צו דערמאָנען. זיי זיינען די וועכטער פון אַלע עלעמענטען מיט וועלכע דער מענש בעדיענט זיך. זייער צאָהל איז 28.

איזעט פּאַשאַ, טירקישער גראַנד־וויזיער און קריעגס־מיניסטער בעת דעם צוזאַמענפאַל פון דער טירקיי אין דער וועלט־מלחמה. ער אַליין איז געוועזען אַן אַלבאַנעזער וואָס האָט געדיענט אין דער טירקישער אַרמיי. ער איז געוועזען געאַכטעט אַלס אַן עהרענמאַן און ווען די אַליערטע האָבען די צענטראַל־מעכטע שוין געהאַלטען פעסט אין די הענד און דאָס טירקישע מיניסטעריום האָט זיך געשעהמט צו קומען פּנים־אל־פּנים מיט די זיעגער, האָט עס אָבגעדאַנקט, און איינגעלאַדען איזעט־פּאַשאַ צו איבערנעהמען דיזע טרויעריגע מיסיע, און צו ראַטעווען פאַר דער טירקיי, וואָס עס איז נאָך מעגליך. ווען ער האָט דאָס אונטערנומען האָט ער פריהער געזוכט צו בערוהיגען דאָס פאָלק פון זיין אַנגסט. ער האָט עס פערשפּראָכען, אַז ער וועט גלייך אַהיימברענגען די סאָדאַטען פון אַלע פראָנטען, און צו שאַפען נייע אינער־ליכע רעפאָרמען. ער האָט אויך פאָהרגעשלאָגען אַז קאָנסטאַנטינאָפּאָל זאָל בלייבען אַ פרייע האַפען־שטאָדט, מיט דעם תנאי, אַז די טירקישע פאָהן זאָל איבער איהר פלאַטערען. איזעט האָט גלייך ארויסגעשיקט דעלעגאַטען נאָך פראַנקרייך צו אונטערהאַנדלען וועגען שלום, פראַנקרייך האָט זיי אָבגעשיקט צום ענגלישען קאָמאַנדיר פון די פלאָטע וואָס איז דעמאָלט געוועזען אין לעמנאָס. בכדי צו געווינען חן אין די אויגען פון די ענגלענדער האָט איזעט מיט־גענומען דעם געפאַנגענעם ענגלישען גענע־ראַל טאָונסהענד צו דער פערהאַנדלונג. אַ פּאָאָר טאָג נאָכדעם ווי איהם איז געלונגען צו ברענגען אַ וואַפענשטילשטאַנד, איז זיין מיניסטעריום געפאַלען, און טעווּפיק פּאַשאַ האָט זיין שטעלע איבערגענומען. אַ קליינע צייט שפּעטער טרעט ער ווידער אין דיענסט, אַבער דיעזעס מאָל, אַלס דער טיר־קישער מיניסטער פון אויסלענדישע אַנגעלע־גענהייטען. אין יוני פון 1922 רעפּאָרטירט ער צו די אַליערטע, אַז די טירקיי שיקט אַרויס די גריכען פון אַנגאָראַ ווייל זיי בונ־טעווען זיך געגען דער טירקיי. ער פאָדערט

אויף אַ קאַמיסיע פון די אַליערטע זאָל אונטערזוכען אויב די גריכישע קלאַגעז געגען דער טירקיי זיינען בערעכטיגט. אַלס מען האָט איהם געפרעגט אויב קעמאַל-פּאַשאַ שטעהט אין פערבאַנד מיט די באָלשעוויקען זאָגט ער אַז ניין. אַז די טירקיי בעטראַכט דעם באָלשעוויזם אַלס אַ קללה פאַר דער וועלט. וואָס קעמאַל-פּאַשאַ האָט געליפערט פּראָוויאַנט פאַרן סאָוויעט, זאָגט ער, איז געוועזען בלויז אַלס אויסטויש פאַר געוועהר און אַמוניציע וואָס די טירקיי האָט נייטיג געהאַט זיך צו שיצען געגען אַ טאָטאַלען אונטערגאַנג.

איזעל, אַ באַרג אין טיראָל, זידליך פון אינסברוק. בעדעקט מיט גאַרטען איבער 750 מעטער הויך. האָט אַן אייזענבאַהנ-טונעל פון 612 מעטער לאַנג, דורך וועלכען עס לויפט די ברענער-ליניע. אין 1809 האָבען דאָ שטאַטגעפינען פיער שלאַכטען צווישען די טיראָלער און די פראַנצויזען. אין אַפּריל, מאַי, און אין אָגוסט האָבען די טיראָלער געזיעגט אונטער אַנדרעאַס האָפער, און אין נאָוועמבער האָבען זיי שוין אַלעס פערלוירען.

איזעל, דער לינקער נעבענ-פלוס פון דראַו, אין טיראָל. ער ענטשפּרינגט פון די דאָרטיגע אַלפּען. ער איז 55 קילאָמעטער לאַנג.

איזעלין איזאַק, אַ דייטשער פילאָזאָף און פילאַנטראָפּ. געב. אין באַזעל 1728 און געשט. דאָרט אין 1782. שטודירט יוריס-פּרודענץ, נאָר זייענדיג דער זוהן פון רייכע עלטערען האָט ער דיזען שטודיום פער-לאָזען צוליעב דער פילאָזאָפיע. ער האָט זיך בעשאַפען אַ געריהמטען נאָמען דורך זיין "געשיכטע דער מענשהייט" און "טרוימע פון אַ מענשענפריינד". ער האָט געגרינדעט די "העלוועטישע געזעלשאַפט" אין וועלכער ער האָט אַריינגעצויגען די איינפלוסרייכסטע מענער פון באַזעל, און האָט געשטיצט פיעלע פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטען אין דער שווייץ און אין דייטשלאַנד.

איזער, אַ נעבענ-פלוס פון דער עלבע אין בעהמען. ער ענטשפּרינגט פון די אייז-בערג, בעריהרט איזענבראָד און קאַמניץ. נאָך אַ לענג פון 122 קילאָמעטער פערליערט ער זיך ביי טושים אין דעם טייך בראַנד-אייז. אויף איהם געהען בלויז פלאָסען.

איזער, אַ קליינער טייך אין דער וועסט פון פלאַנדערן בעלגיען, לויפט פון ראָנס-ברוג ביז דיקסמונד, נאָהנט ביי דער גרענעץ מיט פראַנקרייך און נישט וויט פון דעם איפּרע. האָט אין דער וועלט-מלחמה געש-פּיעלט אַ זעהר בעדייטענדע ראָלע, וועלכע האָט געדויערט פון אָקט. 1914 ביז ענדע פון 1917. אין יולי פון 1917 זיינען די ענגלענדער דאָ געשלאַגען געוואָרען איבער אַ פראָנט פון איבער אַמייל, זיי האָבען דאָ פערלוירען 1250 געפאַנגענע אוז אייניגע טויזענד גע'הרגעטע און געוואונדעטע. פיעלע פון די געוואונדעטע האָבען זיך געוואָרפען שווימען אין איזער צו זייער הויבט-לאַגער אָבער די דייטשע קאַנאָנען האָבען זיי נאָכגעשאָסען, און אונטער דיעזען געפאַהר איז אַן ענגלישער סאָלדאַט אַריבערגעשווימען דעם איזער און מיט אַשטריק האָט ער דעם טייך פערבינדען אויף ביידע זייטען, בכדי די אונגליקליכע מעגליך צו מאַכען אַריבער צו שווימען.

איזער-בערג, אַ רייהע פון בערג צווישען בעהמען אין שלעזיען, בעשטעהען צומייסטען פון גנייס און גלימער-שיעפער, און זיינען געבילדעט אין 4 פּאַראַלעל-גרופּען, וועלכע

ציהען זיך פון זיד־אָסט נאָך נאָרד־אָסט־וועסט. די הויבט גרופּע פון זיי ווערט גערופען "איזערקאַם", די העכסטע גיפּעל פון דיעזע גרופּע איז איבער 1000 מעטער הויך, און זייער גאַנצע לענג ציהט זיך בערך 16 קילאָמעטער. די איבריגע הייסען: "איזער־ווייזע", "קעמניץ־קאַם" און די "גריענע־קאָפּפּע".

איזערניאַ, איטאַליענישע הויבט־שטאָדט פון דער פּראָווינץ קאַמפּאָבאַסאָ, ביים טייך וואָלטורנאָ. האָט מינעראַל־קוועלען, און אַ בעפעלקערונג פון 10,000 איינוואוינער. דריי ערד־ציטערנישען האָבען דאָרט שטאַטגעפונען אין די יאָהרען 847, 1349 און אין 1805. יעדעס מאָל איז דיעזע שטאָדט חרוב געוואָרען און ווידער אויפגעבויט.

איזפאַרעטאַ, (אינד. מיטאָלאָג.) דער העכסטער גאָט וואָס איז פערעהרט געוואָרען פון די בעוואוינער אין מאַלאַבאַר. אַלס ער האָט בעשלאָסען צו שאַפען די וועלט האָט ער זיך פערוואַנדעלט אין אַן איי. ער האָט פון זיך דעמאָלט אַרויסגעגעבען די וועלט, דעם הימעל און אַלעס וואָס אונטער איהם איז פאַראַן. נאָכדעם ווי ער האָט אַלעס געשאַפען האָט ער אַלעס אַרומגענומען, אַזוי אַז אַלעס זאָל זיך צוזאַמענהאַלטען. דערפאַר ווערט ער פאָרגעשטעלט מיט 8 הענד אויף יעדער זייט און מיט 3 אויגען, פון וועלכע דאָס רריטע געפינט זיך אויף דעם שטערען, און איז דאָס קלענסטע פון די דריי.

איזראַעלי, ז. "ביקאָנספיעלד".

איזראַעלי דר. יצחק, (יצחק בן שלמה הישראלי), געריהמטער מעדיצינער, פילאָזאָף און שפּראַכ־פאָרשער. געב. אין עגיפּטען בערך 855, און געשט. בערך 955. איז געוועזען דער הויף־דאָקטאָר צו איניגע קאַליפען פון דער פאַטימישע דינאַסטיע. ער איז געשטאַנען אין אַ הויכע אַכטונג צווישען די מעדיצינישע געלעהרטע פון יענער צייט. אויך זיין ריידנער טאַלאַנט ווערט זעהר געריהמט; איבערהויבט האָט ער זיך אויסגעצייכענט אַלס דעבאַטאַנט מיט זיין שאַרפזיניגקייט. זיינע ווערק האָט ער געשריבען אין אַראַביש זיי זיינען איבערזעצט געוואָרען אין לאַטיין שפּאַניש און העברעיש. די קריסטליכע שאָלאַסטיקער וועלכע האָבען איהם שטודירט דורך די לאַטיינישע איבערזעצונג האָבען איהם גלייכגעשטעלט צום רמב"ם. די יודישע געלעהרטע ווילען דיעזע פערגלייכונג נישט אָננעהמען. דער רמב"ם גופא האַלט פון איהם זעהר וועניג. אין זיין בריעף צו ר' שמואל אבן תבון זאָגט ער וועגען איהם: "זיינע יסודות בעשטעהען פון פאַנטאַזיעס אויף דעם ווינד, און זיינע רייד זיינען הויל. ער איז איינפאַך אַ מעדיצינער, דאָס איז אַלעס" (אגרות הרמב"ם, ז. 14).

זיין ערשיינונג אין דער געבילדעטע וועלט האָט געמאַכט אַ גרויסע ווירקונג צוליעב דעם וואָס קיינער האָט ביז דעמאָלט געוואוסט דעם מצב פון די יודען אין עגיפּטען. ער האָט געוויזען דעם ערשטען סימן אַז די דאָרטיגע יודען זיינען נישט גייסטיג טוידט. אַ עהנליכע ווירקונג האָט נאָך איהם געמאַכט די ערשיינונג פון סעדיה גאון, זיינער אַ לאַנדסמאַן. פון זיינע ווערק זעהט זיך, אַז ער איז געוועזען גוט בעקאַנט מיט די שריפטען פון גאַלען, היפּאָקראַטוס, אַריסטאָטעלס, פּלאַטאָ און פּראָקלוס.

פילאָזאָפיע: דאָס פילאָזאָפירען, זאָגט ער, האַלט צוריק פון איבעל, פעראיידעלט דעם קאַראַקטער און ערהויבט דעם מענשען צו אַ העכערע שטופע. דאָס בעוואוסטזיין איז קערפערליך און אַלעס וואָס איז אַבסטראַקטיוו איז גייסטיג. דאָס בעוואוסטזיין מיינט: די

ערקענטניס פון אַלעס, און איינער וואָס ווייסט פיעל דער הייסט אַ פילאָזאָף. די פילאָזאָפיע מיינט אַבער מעהר ווי וויסען. זי שליעסט אויך איין די טהאַטען, אָדער די שטרעבונגען צו דאָס גוטע און דאָס געטליכע אויך דאָס שטרעבען צו דער וואַרהייט איז אַ פילאָזאָפישע אויפגאַבע; דער לוין פון דעם פילאָזאָף פאַר דאָס פילאָזאָפירען איז, וואָס פילאָזאָפירענדיג, דערגרייכט זיין נשמה אַ העכערע שטופע, נעהנטער צו דער געטליכקייט. ביי אַזאַ שטופע פיהלט זיך דער פילאָזאָף ווי אין גן־עדן, ווייל, קומענדיג צו דיעזער שטופע זיינען ביי איהם אָבגעשטאָרבען די טיערישע ליידענשאַפטען. שטודירענדיג וויסענשאַפט פעראייניגט זיך דער קערפער מיט דעם גייסט, וואָס מעהר אַלץ ענגער. איינער וואָס לאָזט זיך בעהערשען פון זיינע ליידענשאַפטען בליבט אַן אייביגער שקלאַף. דער פילאָזאָף איז אַ פרייער מענש.

איזראַעלס יאָזעף, איינער פון די געריהמטעסטע גענרע־מאַלערס אין האָלאַנד, מיט אַ גרויען נאָמען איבער דער גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. געב. אין גראַנינגען (האָל. כראָנינכען) אין יאָהר 1824 אַלס אַ זוהן פון אַ יודיש־אָרטאָדאָקסישען סוחר. ער שטודירט אין אַמסטערדאַם ביי קאָרנעלוס קרוזעמאַן, נאַכהער אין פאַריז ביי פיקאָ, און האָט זיך בעזעצט אין האַאַג.

אויף דער פאַריזער אויסשטעלונג פון 1848 האָבען מילעטס בילדער אויף איהם געמאַכט אַ זעהר טיעפען איינדרוק. די קריטיקער האָבען שפעטער אויף איהם געזאָגט, אַז ער איבערטרעפט מילעט אין פיעלע הינזיכטען. אַלס יוד איז דער געפיהל פון רחמנות שטענדיג געוועזען זיין בעגלייטער אין זיין גאַנצע מאַלער קאַריערע. זיין פינזעל האָט גערעדט פון עלענד און נויט אין דער שפראַך פון ניעטשע און איבסען. זיינע מייסטערהאַפטע בעהאַנלונגען פון די העל־דונקלע פאַרבען האָבען די צושויער געמאַכט טרוימען וועגען אַ ווירקליכקייט. זיין קונסט איז סימבאָליש, זיינע אָרימע אַלטע מענשען וועקען אייער רחמנות מיט זיי. זיינע פרויען, מיידלעך און קינדער רוידען מיט וועה־מוט, איינזאַמקייט און שמערץ.



זיין ערשטער טרומף איז געוועזען אויף דער לאָנדאָנער אויסשטעלונג אין 1862. דאָס זיינען געוועזען צוויי בילדער: "דער שיפ־ברוך" און "די וויעג". ער האָט פון דיעזע צוויי שוין געוויזען, אַז ער האָט גענוג איינפאַכע מאָטיווען פאַר זיין רייכע פאַנטאַזיע צו מאַכען אַ קונסרייכעס בילד. זיין



„דער סופר״, פון יאָזעף איזראַעלס

"אַליין אין וועלט" וואָס שטעלט פאָהר ווי אַ פרוי זיצט ביים טוידטען קערפער פון איהר מאַן איז פון דער רעגיערונג אָבגעקויפט געוואָרען פאַר דעם האָלענדישען שטאַאַטס־מוזעום. זיין נאָמען האָט ער געמאַכט איבערהויבט דורך די בילדער פון פישער־לעבען ארום די ברעגעס פון ים. ער האָט אויך פרובירט שרייבען ליטעראַטור, ער האָט אַרויסגעגעבען אַ בוך "שפּאַניען אַ רייזע ערצעהלונג" וועלכעס איז גאַנץ אינטערעסאַנט. ער איז געוועזען פערבינדען מיט דעם יודענטום, און מיט די אינטערעסען פון יודישען פאָלק ביז זיין לעצטען טאָג. ציוניסטישע רעקאָרדס ווייזען אַז ער האָט געצאָהלט שקל ביז ענדע פון זיין לעבען. ער פלעגט ביי יעדער געלעגענהייט צייגען אַז ער איז שטאָלץ אויף זיין יודענטום.

איבער דער פראַגע וואַרום ער האָט געמאָלט יודישע פּנים'ער אַזוי טרויעריג, האָט ער געענטפערט צום קריטיקער פאַביוס: "איך געדענק נאָך, ווי איך און מיין ברודער זיינען אויפגעשטאַנען יעדען פריה־מאָרגען און געגאַנגען מיט מיין בלינדען רב'ן דאַוונען אין שוהל. איך געדענק נאָך זיין הויכע פיגור, ווי ער איז געשטאַנען און געבעטען פאַר די פערפרוירענע פענסטער. איך האָב ביי איהם געלערנט און איך האָב איהם פערעהרט. זייט דעמאָלט האָב איך אַ נייגונג צו מאָלען יודישע פּנים'ער מיט אַ טרויעריגען אויסדרוק.

אויף אַ באַנקעט וואָס איז פאַר איהם געמאַכט געוואָרען פון די מאַקאַבעענס אין לאָנדאָן (1903), וואו עס זיינען אויך געקומען די גרעסטע מאַלער פון ענגלאַנד איהם צו בעגריסען, און וואו ער איז פערגליכען געוואָרען צו רעמבראַנד, האָט ער געזאָגט: "איך אַליין בין אויך גענייגט צו גלויבען, אַז רעמבראַנד איז געוועזען אַ יוד. ער האָט געוואוינט אין אַ יודישע גאַס פון אַמסטערדאַם. דער פאַקט אַז, ער האָט אָפט געמאָלט יודען, גיט דעם בעווייז אַז אין איהם האָט געלעבט דאָס יודישע בלוט. נאָך מעהר, אין די פאַרבען זיינע, געפינט זיך די געוואַגטהייט וואָס מען בעגעגענט בלויז ביי יודישע מאַלער". — אויף דעמזעלבען באַנקעט האָט אַ מיטגליעד פון דער ענגלישע אַקאַדעמיע אויף איהם געזאָגט: "איזראַעלס האָט פאָרטגעזעצט דעם ריהם פון האָלאַנד אין דער מאַלעריי. ער האָט מיט דיעזע קונסט אָבגעווישט דעם רעליגיאָנס־האַס צווישען זיינע פאַכ־גענאָסען. די שפּראַך פון דעם מאַלער פערשטעהן אַלע, און דאָרט וואו מען פערשטעהט זיך האַסט מען זיך נישט". מר. זאַנגוויל האָט געזאָגט: "פאַר דער וועלט איז ער יאָזעף איזראַעלס, און פאַר אונז איז ער ישראל'ס יוסף.

ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1911 87 יאָהר אַלט.

איזראַפיל, אין דער מאַהאָמעדאַנישע רעליגיאָן דער מלאך הממונה איבער מוזיק. מען גלויבט אַז בעת תחיית המתים וועט דיעזער מלאך אַרוף אויף דעם העסטען באַרג ירושלים, און וועט מיט אַ גרויסען טרומפּייט רופען די מענשהייט צום גרויסען יום־הדין.

א.י.ט.אָ. ראשי־תיבות פאַר: אידישע טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע (ז."יוד. טעריט. אָרגאַנ.).

איטאַ, שפּאַנישער נאָמען פאַר דעם נעגער־פאָלק וואָס לעבט אין די פיליפּינען, און איז פערשפּרייט איבער די אינזלען פון לוזאָן, נעגראָס, פּאַנאַי, מינדאָראָ, און מונדאַנאַואַ; און וועלכעס צעהלט צווישען זיך בערך 35,000 קעפּ.

איטאַביריאַן, דער גריכישער און רוי־מישער נאָמען פון דער שטאָדט "טאַבאָר" וואָס ליגט אום דעם באַרג פון דעמזעלבען נאָמען. אין דער ביבעל (הושע ה' 1) ווערט זי דערמאָנט אונטער דעם נאָמען תבור. ווען אַנטיאָכוס דער גרויסער קעניג פון סיריען האָט איינגענומען די שטאָדט פילאָטעראַ, נעבען דעם טייך טיבעריאַ, איז ער אַרויף אויף דעם באַרג איטאַביריאַן און געפינען אַז די שטאָדט ליגט דאָרט 15 סטאַדיען הויך. לויט יוספון, האָט דאָ שטאַטגעפינען אַ שלאַכט צווישען די יודען און די רוימער די יודען זיינען געפיהרט געוואָרען פון אַלעקסאַנדער, דער זוהן פון אַריסטאָבולוס, און די רוימער פון גאַבינוס. די יודען האָבען דאָ פערלוירען 10,000 מאַן.

איטאַבירית, אַן אייזען־אָקסיד, פער־אייניגט מיט אייזען־אָקסידול, און בילדעט אַ לאַגער צווישען די קריסטאַל־שיפערען. ער איז גלאַנציג און ענטהאַלט אויך אין מאַנכע ערטער מאַגנעט־אייזען־שטיין.

איטאָ פירשט **היראָומי**, דער גרעסטער יאַפּאַנעזישער רעפאָרמאַטאָר. אין עוראָפּאַ רופט מען איהם: דער יאַפּאַנעזישער ביס־מאַרק. געב. אין דעם דאָרף טסוקאַרימוראַ אין 1841 אַלס דער זוהן פון אַ פויער. אין 1863 איז ער מיט נאָך פיער יונגעלייט געשיקט געוואָרען נאָך ענגלאַנד צו שטודירען און דאָרט זיינען זיי גאַנץ עוראָפּעיזירט געוואָרען. איידער ער איז אַהיים געפאָהרען האָט ער בערייזט די יונייטעד־סטייטס, און נאָכהער אויך אייניגע אַנדערע לענדער. אין דייטשלאַנד האָט ער געמאַכט אַ גרינדליכען שטודיום איבער די מאָנאַרכיסטישע קאָנס־טיטוציע, וועלכע האָט זיך איהם פאָהרגעש־טעלט אַלס פּאַסיג פאַר יאַפּאַן. אַלס ער איז אַהיימגעקומען האָט ער גלייך געגרינדעט אַ פּראָגרעסיווע פּאַרטיי, דורך וועלכע ער איז געקומען אין קראַפט, צו ווירקען אויף די אומשטענדען פון זיין לאַנד, ווי נאָך קיינער פאַר איהם. זיין קאָמענטאַר וואָס וואָס ער האָט געשריבען צו דער יאַפּאַנישע קאָנסטיטוציע איז שפּעטער גאַנץ דורכגע־פיהרט געוואָרען. ווען ער איז געוואָרען דער פּרעזידענט פון יאַפּאַנעזישען סענאַט האָט ער שוין פאַר זיך געהאַט זיין אייגענער אויסגעטרעטענעם וועג פאָרטצוזעצען. עס איז איהם אויך געלונגען צו ברענגען אַ פעראייניגונג צווישען ענגלאַנד און יאַפּאַן. יאַפּאַן איז דאַדורך געשטיגען צו זיין די גרעסטע מאַכט אין אַזיען.

ער האָט זעהר ליעב געהאַט רוזעוועלט. ער האָט אין 1906 נביאות געזאָגט אַז די יונייטעד־סטייטס וועט ווערען די פיהרערין פון די עוראָפּעישע נאַציאָנען. זיין גאַנצע גרויסקייט איז בעשטאַנען דאַרין, וואָס ער האָט געלערנט די יאַפּאַנעזער צו אַדאַפּטירען די עוראָפּעישע ציוויליזאַציע, און דאָך בלייבען יאַפּאַנעזער.

איטיאַטיאַ, העכסטער באַרג אין בראַזי־ליען, אין דער "סעררא־ד־מאַנטיקוערא. איז בערך 2712 מעטער הויך.

איטאַליען. אַ קעניגרייך אין זידליכען עוראָפּאַ. עס נעהמט אַרום דעם גאַנצען מעדיטעראַנעישען האַלב־אינזעל. עס שפּרייט זיך אויס פון די זיד־אַסטליכע אַלפּען, איבער סיציליען, סאַרדיניען, גראַנאַדאַ, און איבער אַ גרופּע פון 66 קליינערע אינזלען. איז פאַר דער לעצטע וועלט־מלחמה געוועזען 110,688□ מיילען גרויס, מיט אַ בעפעל־קערונג פון 36,120,118 איינוו. אַחוץ איהרע קאָלאָניען (ז. אונטען), און מיט דער ענדע פון דער מלחמה, האָט זי נאָך צובעקומען פון עסטרייך נייע 7,350□ מיילען, מיט אַ בעפעלקערונג פון 1,408,296 איינוו. אַלזאָ

צוזאַמען איז איטאַליען היינט 118,038□ מיילען גרויס, מיט אַ בעפעלקערונג פון 37,528,504 איינוואוינער.

די נײַ צוגעקומענע פּראָווינצען וואָס דער פריעדענס אַבשלוס האָט איהר אָבגעגעבען זיינען:—

פּראָווינץ	מיילען	איינוו.
אַלטאָ־אַדידזשע	618□	24,345
קאַרינציאַ	112□	7,667
קאַרניאָלאַ	782□	260,749
טריעסט	37□	229,510
איסטריאַ	2035□	404,309
טרענט.־אַמפּעז.	2627□	393,111

גרענצען: איטאַליען גרענעצט זיך אויף דריי זייטען מיט דעם אַדריאַטישען און מעדיטעראַנעישען ים. אויף דער פירטע זיי האָט זי די אַלפּען וועלכע גרענעצען איהר אָב פון עסטרייך, אונגאַרן, שווייצערלאַנד, און פראַנקרייך. איהר גרעסטע לענג—אַחוץ די נייע טעריטאָריען— איז 710 מיילען און די ברייטסטע ברייטקייט איז 351 מ־ן. איהרע ים־ברעגעס זיינען 2272 מיילען, איהר גרענעץ מיט פראַנקרייך האַלט 307 מ־ן די מיט דער שווייץ 407 מיילען, מיט עסטרייך און אונגאַרן איז נאָך ביז יעצט ניט בעשטימט. פריהער איז געוועזען 466 מיילען.

לאַנד: אויף דער לאַנד־קאַרטע זעהט אויס איטאַליען ווי אַ צונג אַרויסגעשטעקט פון דער יבשה אין ים אַריין. איהרע גרענצען אויף דער יבשה בעשטעהען אויס אַ רייהע פון אַלפּען וועלכע ליגען אין אַ בויגען־פאָרם; זיך אָנהויבענדיג אין דער וועסט, פון ניצאַ אויף דער פראַנצויזישע גרענעץ, זיך רונדענדיג נאָך דער שווייצאַרישע זייט, פאָרטזעצענדיג מיט דער עסטרייכישע גרענעץ, ביז דער אָסטליכע זייט; וועלכע שליעסט אויך איין די נײַ צובעקומענע פּראָווינצען. אויף דער אויסענזייט זיינען די אַלפּען גראַד־אויף, הויך געהויבען, און שווער צו בעשטייגען. אויף דער איטאַליע־נישע זייט זיינען די מעהרסטע שיעף, און דערפאַר גרינגער צו בעשטייגען. צווישען דיעזע אַלפּען זיינען פאַראַן די גרעסטע: מאָנט־בלאַנק, מאָנט־ראָזאַ און דער גראַנד־פּאַראַדיזאָ. דער לעצטער איז 13,652 פוס הויך. פון די אַלפּען פליעסען אַרונטער פיעלע שטראָמען. אויף זייער לויף בילדען זיי קליינע טייכען, וועלכע ציהען זיך ווי אָדערען איבער די גאַנצע לאַנד־קאַרטע.

טייכען: דער מעדיטעראַנעישער ים וואָס נעהמט אַרום דעם גרעסערען טייל פון איטאַ־ליען ווערט, פאַר געאָגראַפישע צוועקען געטיילט אין 5 פערשיעדענע טיילען: 1) דער נידריגער ים, מיט דעם נאָמען "טיררעהנע" וועלכער פערבינד איטאַליען מיט די אינזעל קאָרסיקאַ, סאַרדיניען און סיציליען. דיעזער טייל ים געהער גאַנץ צו איטאַליען אַליין. 2) דער איבערישער ים מיט דעם נאָמען "אַדריאַטיק" וואָס פערבינט איטאַליען מיט אַלבאַניען. 3) דער יאָניאַנישער ים איז אין בעריהרונג מיט גריכענלאַנד. 4) דער ליבי־אַנישער ים געפינט זיך צווישען סאַרדיניען סיציליען און אַפריקאַ. 5) דער ליגוריאַ־נישער ים בעריהרט ליגוריאַ, קאָרסיקאַ סאַרדיניען, פראַנקרייך און שפּאַניען. די גרעסטע טיעפקייט פון דעם מעדיטעראַנע־אישען ים אויף דער וועסטליכע זייט פון איטאַליען איז 10,600 פוס, אויף דער אָסט־ליכע זייט איז ער 15,092 פוס טיעף. צוויי ענטגעגענגעזעצטע שטראָמען לויפען אַרום די ברעגעס פון איטאַליען און זיי בעוועגען די וואַסערען פון די טייכען וואָס לויפען דורך דעם לאַנד. די טייכען ווערען געשפּייזט טיילווייז פן די וואַסער־פאַלען

מוזיצירענדע איטאַליענישע יוגענד



פון שטאָדט אַהיים אין דאָרף אַריין.

אוים די אַלפּען און טיילווייז דורך די שטראָמען אוים דעם מעדיטעראַנעישען ים. פיעלע טאָלען אויף די פערשיעדענע וועגען בילדען אָזיערעם. ווען איבערפילט שליעסען זיי זיך צוזאַמען אין אַ רייהע און בילדען די טייכען. די טייכען גרופּירען זיך אין צוויי גרופּען: די אַלפּען־גרופּע און די אַפּעניני־גרופּע. די ערשטע קומען פון דעם שמעלצענדען שניי און אייז. וואָס געפינען זיך אויף די קעפּ פון אַלפּען און אין זייערע שפּאַלטען. דיעזע קומען אַרונטער פון דאָרט אין דעם פאָרם פון וואַסער־פאַלען, און בילדען וואונער־שעהנע פּאַנאָראַמען. צווישען דיעזע איז: דער ״מאַדזשאָרע״ 36 מיילען לאַנג, אויף דער ברייטעסטער זייט 8 מיילען ברייט, און אויף דער טיעפסטער שטעל 2624 פוס טיעף; דער ״קאָמאָ״, דער שעהנסטער פון אַלע אין לאַנדשאַפטס־בילדער האָט דעם פאָרם פון אַ Λ מיט דעם איינ־עק געווענדעט צו די אַלפּען, איז 30 מייל לאַנג מיט אַמאַקסימאַלע ברייטקייט פון 3 און אַ האַלבע מייל; די ״גאַרדאַ״ איז 46 מייל לאַנג מיט אַ מאַקסימאַלע ברייטקייט פון 16 מייל; דאַן קומען די קליינערע טייכען וואַרגאָסאָ, אָרטאַ, מאָרנאַטאַ, קאָמאַביאָ, איזעאָ און אידראַ. די צווייטע גרופּע, די אַפּענינישע בעשטעהען פון קראַטערס פון אויסגעברענטע וואולקאַנען. זייערע נעמען זיינען: מאַסאַקיוקאָלי, ביענטינאַ, כיוסי, מאָנטעפילוציאַנאָ, פערוגי באָלסענאַ, בראַציאַנאָ, פונדי, פוצינאָ, לעסינאַ, לוקרינאָ, אַגנאַנאָ, אַווערנאָ, און פיסאַראָ. דאַן קומען דריי גרופּען פון שטראָמען, פון וועלכע אַ טייל זיינען פערבינדען מיט דעם אַדריאַטישען ים. צווישען דיעזע איז דער וויכטיגסטער דער ״איזאָנצאָ״. דאַן דער קאָרנאָ, לעווענצאַ, און דער פיאַווע. אַ צווייטע גרופּע פון דיעזער קאַטעגאָריע בילדעט דורך זייער צופלוס דעם גרויסען טייך ״אַדידזשע״, וועלכער איז אַ פאָרטזעצונג פון דעם ״עטש״ אין טיראָל. די לענג פון דיעזען איז 230 מייל. דאַן קומט דער ״פּאָ״ (פּאַדוס) וואָס האַלט אין אַ גראַדע ליניע 262 מייל, און אין זיינע קרימונג 420 מיילען, פון וועלכע 320 מייל זיינען שיפבאַר. דער פּאָ ענטשפּרינגט פון דעם מאָנטע־וויזעאָ 6560 פוס הויך. ער קרייצט דורך פיעדעמאָנט, שניידט אָב לאָמבאַרד פון פּאַרמאַ, פון מאָדענאַ און פון פעראַראַ, ביז ער דערגרייכט וועניציאַ. הינטער סעראַוואַלאַ שפּאַלט ער זיך אין צווייען. איין טייל לויפט זידליך פון וועניציאַ 28 מייל אין דעם אַדריאַטישען ים אריין, און דער צווייטער טייל לויפט אויך אין אדריאַטיק אַריין, אַבער 15 מייל ווייטער זיד־וועסטליך. די די איבריגע טייכען וועלכע ווערען דאָ נישט דערמאָנט ווערען בעזונדער בעהאַנדעלט אין זייער אַלפאַבעטישע אָרדנונג.

געאָלאָגיע און מינעראַלאָגיע: דער גאַנצער בעקען פון דעם טייך ״פּאָ״, די קיסטענגעגענד פון גענואַ ביס ציוויטאַ־וועקכיאַ, ווי אויך דער גאַנצער פּאַס צווישען די אַפּענינען ביז דעם אַדריאַק, זיינען בעדעקט מיט אַ לאַגער פון טערטערע פאָרמאַציע. די העכערע רילען בעשטעהען פון גנייס אָדער פרימערע שטיינער, דורכגעוואָרפען פון ליים־שטיינער, זאַמד־שטיינער, און שיעפער א.ז.וו. די אַפּענינען זיינען געבילדעט פון קאַלכ־שטיין און סערפּענטינ־שטיין, איבער וועלכע עס ליגט אַ דעק פון גיפּס און סולפור. דאָס וואולקאַנישע סיסטעם נעהמט אַרום די עוגאַנעישע בערג פון לאָמבאַרדי, די בערג סנאַטאַ פיאָראַ אין טוסקאַני, די וויטערבאָ אין דער אומגעגענד פון רוים, סיינט־אַגאַטאַ, און ראָקאַ־מאָרפינאַ. דער וועזופיוס איז דער איינציגער אַקטיווער וואול־

קאַן אויף דער עוראָפּעיִשע זייט. קראַטער פון אויסגעלאָשענע וואולקאַנען זיינען אויך דאָ פיעלע אין די דיסטריקטען אַפּעניִנאַ, אַרצעאָ, פּערוגיאַ און ספּאָלעטאָ. אין דער אייז-צייט האָבען די שמעלצענדע גלעטשער אַרונטער געריסען פון די בערג גרויסע מאַסען און זיי דעפּאָנירט אויף דעם באָדען פון דעם "פּאָ". אין דיעזען פּראָצעס האָבען זיך פערקלענערט די בערג און די טאָלען זיינען געוואָרען העכער.—קויהלען האָט איטאַליען זעהר וועניג, אויך די איבריגע מינעראַלען זיינען דאָרט זעהר וועניג. זי האָט צובּיסלעך גאָלד אין פּיעדעמאָנט, זילבער אין סאַרדיניען, קוועקזילבער אין טאָסקאַנאַ און וועלונאַ, בליי און זינק אין סאַרדיניען, אייזען אין די פּראָווינצען עלבאַ, ברעסציאַ און בערגאַמאָ, און קופּער אין טאָסקאַנאַ ווייל עס פעהלט דאָרט קויהלען ווערען די מעהרסטע פון דיזע רויה-מאַטריאַלי אַרויסגעשיקט פון איטאַליען געשמאָלצען צו ווערען. דאַגעגען שוועבעל, גיפּס, מאַרמאָר און שטיינ-זאַלץ האָט זי פּיעל.

קלימאַ: טראָצדעם וואָס דער ווינטער איז שטאַרק אין דער נאָרד, און די היץ ברענענ-דיג אויף דער זידליכע זייט, איז דאָס קלימאַ דאָך זעהר גוט. שניי פאַלט קוים צוויי טעג יעהרליך אין רוים, פלאָרענץ, נעאַפּעל און פּאַלערמאָ. אין וועניציאַ איז ער שוין 5 טעג אין יאָהר דורכשניטליך. דאָס יעהר-ליכע טעמפּעראַטור איז:

גענואַ	61	גראַד פאַרענה.
פלאָרענץ	51	„
נעאַפּעל	61	„
באָלאָגנאַ	58	„
מילאַן	56	„
ווענעציאַ	56	„
סיראַקוזע	65	„
רוים	60	„

אין דער נאָרד-געגענד רעגענט עס מעהר אין זומער ווי אין ווינטער, און פערקעהרט איז עס אין דער זידליכע געגענד. דער יעהרלי-כער רעגען-פאַל איז דורכשניטליך אין:

פּערוגיאַ	39	צאָל
גענואַ	52	„
פלאָרענץ	49	„
נעאַפּעל	34	„

אין זומער הערשט מאַלאַריאַ פּיעבער אין טאָסקאַנאַ, מאַרעמאַ און אַרום די וועניציאַ-נישע זומפּען. אָפּט געהען דורך שניידענדע ווינדען דורך די גאַנצע זידליכע געגענד.

מינעראַל-בעדער: דאָס לאַנד איז רייך אין הייסע קוואַלען וואָס ענטהאַלטען שוועבל און קויהלענ-זויערע. צומייסטענס געפינען זיי זיך אין די וואולקאַנישע דיסטריקטען. אַ שטייגער ווי אין פּעסאַראָ, אַנקאָנאַ, מאַצעראַטאַ, און אַסקאָלי. אין דיעזע געגענ-ייז אַליין געפינען זיך 54 שוועבעל-קוואַלען 45 סאָל-קוואַלען און 11 אייזענהאַלטיגע קוואַלען. אין טעראַמאָ זיינען דאָ 54, אין וואַסילי קאַשאַ 50, און אויף דעם אינזעל אישאַ 30 קוואַלען הייסע און מילדע. אַטייל פון זיי האָבען אַ טעמפּעראַטור פון 80 גראַד צעלזיוס. אין די אַפּעניִנען זיינען דאָ פיעלע פּעטראָלעום קוואַלען. וויכטיג זיינען אויך די באָר האַלטיגע קוואַלען פון די טאָסקאַ-נישע ערצ-בערג. דער גרעסטער פון זיי איז דער לאַגאָ-סולפּעראָ ביי מאָנטאָ-ראָטאָנדאָ. אייזאָטערמיש קלאַסיפיצירען זיך דיעזע קוואַלען אַזוי:- וואַרמע סאָל-בעדער זיינען פאַראַן אין אַבאַנאָ, באַטאַגליאַ, מאָנטעקאַ-טיני, און אין פּערעטאָ. שוועבעל-טהערמען אין אַבאַנאָ און אַקואי. אַלקאַלישע, אין באַגני, דילוקאַ, באָרמינאָ, מענטעקאַטיני, סאַן גילאַנאַ, און אויף דער אישאַ. הייסע יאָד-בעדער אין סאַן פּעלעגרינאָ. שטאָל-בעדער אין רעקאָאַראָ. געוועהנליכע ים-

בעדער זיינען דאָ אין סאַן־רעמאָ, אַלאַסיאָ, כאַוואָנאַ, פּעגלי, גענואַ, נערווי, ראַפּאַלאָ, ספּעציאַ, מאַסאַ, ביאַרעגיאָ, ליוואָרנאָ, ציווי־טאַוועכיאַ, אישאַ, נעאַפּעל, קאַסטעלאַמאַרע, פּאַלערמאָ, מעסינאַ, קאַטאַניאַ, סיראַקוזאַ, פּעסאַראָ, אַנקאָנאַ, און ווענעציאַ. די מעהרס־טע פון זיי זיינען ווינטער־קור אָרטען.

מעהר אַלס דרייסיג אונטערגעגאַנגענע אַלטע פאָלק פון איטאַליען, אַן אַסימילאַציע פון פון דעם אַלטען רוים, איז דאָס יעצטיגע דאָס פאָלק: אויבוואויל אַ פאָרטזעצונג

אָקס און עזעל געשפּאַן

פעלקער. דער פּראָצעס פון דער אַסימילאַציע איז געטריבען געוואָרען פון דער רוימישע לוסט צו בעהערשען די גאַנצע וועלט. פיעלע פון די אונטעריאָכטע פעלקער זיינען אַהיימ־געבראַכט געוואָרען אַלס שקלאַפען און די איינענע זיינען געשיקט געוואָרען אַלס סאָלדאַטען צו בעזעצען די פערנומענע לענ־דער. מיט דער צייט האָבען זיך דיעזע פערמישט מיט די אַרומיגע. אויף דעם אָרט פון דעם יעצטיגען איטאַליען האָבען פריהער געוואוינט: אומבריער, איבעריער, איטאַלי־קער, אילוריער, אָסקיער, אַפּוליער, ברוטיר, גאַליער, דאַוניער, וואָלסקיער, יאַפּיגיער, לאַטיניער, לוקיאַניער, ליגוריער, מעסאַפּיר, סאַביער, סאַמניטער, סיקוליער, ענאָריטער, עטרוסקיער, פּעוצעטיער, פעניקיער, און קעלטען. אייניגע פון דיעזע פעלקער זיינען געוועזען בלויז אָבצווייגונגען פון זייערע היימאַט־לענדער. דיעזע האָבען זיך דאַרום בלויז טיילווייז פערמישט מיט די איטאַליע־נער און טיילווייז מיט אַנדערע פעלקער. היינט וואוינען אין איטאַליען בלויז אַכט פּראָצענט פרעמדע פון די יעצט עקזיסטי־רענדע אויסלענדישע שטאַאַטען. אין דער פּראָווינץ טורין וואוינען 100,000 פראַנ־וועניציאַנישע 20,000 דייטשען. אין די נאָרדליכע פּראָווינצען 40,000 סלאַווען, צווישען אָטראַנטאָ און גאַליפּאָלי 20,000 גריכען, אין דער סיציליער פּראָווינץ בערך 60,000 אַלבאַנעזער. לויט סטאַטיס־טיק פון 1915 איז דאָס אי···ליענישע פאָלק בעשעפטיגט מיט:

אַקערבוי	8,173,382
טיער־צוכט	,244,452
גערטנער	73,339
וואַלד־אַרבייטער	59,651
פישער	48,241
מינען-אַרבייטער	60,267
אידוסטרי	4,185,461
קליידונג	151,094
האַנדעל	279,773
טראַנספּאָרט	313,011
פעדלערס	35,450
ציוויל-בעאַמטע	170,652
געריכטס „	028,250



איטאַליעניש טיפען

לעהרער	79,795
קינסטלער	35,625
וויסענשאַפט	19,775

וועגען דעם גייסטיגען איטאַליען ז. "איטאַליענישע ליטעראַטור".

אינדוסטריע: נישט האָבענדיג קיין אייגענע קויהלען-מינען, און זייענדיג אָבהענגיג אָן אימפּאָרטירטע קויהלען איז איטאַליען נישט פעהיג צו ענטוויקלען איהרע אינדוסטריען וואָס האָבען נייטיג קויהלען. מען פערגלייכט איטאַליענס אינדוסטריע אַלס אַ פירציגסטער טייל פון דער ענגלישע, וועהרענד אין דער בעפעלקערונג שטעהען ביידע כמעט גלייך. דערפאַר אָבער האָבען זיך דאָרט ענטוויקעלט אייניגע אינדוסטריען וואָס האָבען קיין דאַמף נייטיג. די זייד-אינדוסטריע איז די גרעסטע. דער צענטער פון דיעזע אינדוסטריע איז אין דעם נאָרדליכען טייל פון איטאַליען. איבערהויבט אין דער קאָמאָ-פּראָווינץ. דאַן קומט די קאָטאָן אינדוסטריע, פאָדעם, טרעד, וואָל, טוך און זשוט פאַבריקאַציע. די בוים-וואָל אינדוסטריע האָט פאַר דער מלחמה בעשעפטיגט איבער 2 און אַ האַלב מיליאָן שפּינדעל מיט איבער 70,000 מעכאַנישע וועב-שטולען. די צענטערען פון דיעזע אינדוסטריע געפינען זיך אין די פּראָווינצען טורין, נאָוואַראַ, גענואַ, אודינאַ, פּיסאַ, און סאַלערנאָ. זילבער און גאָלד-אַרטיקעל ווערען פאַבריצירט אין רוים, מאַילאַנד, נעאַפּעל, גענואַ וועניציאַ און קאַטאַניאַ. אַחוץ די בעדייטענדע מעבעל פאַבריקען, פּאַפּיער, שטרויה-הוטען, און קאָרב-פלעכטערייען איז איטאַליען ספּעציאַליזירט אין גיעסען פון אייזען-באַהן ליניען. דערהויבט פונקט דערפון איז אין דער פּערוגיאַ פּראָווינץ. מאַשינען-בויערייען, און קופּער-אַרבייטען זיינען דאָס רוב אין טורין און אין מילאַן.

דאַן האָט זי אויך ענטוויקעלט די פאַבריקאַציע פון וועניציאַנישעס גלאָז, מאַיאָליקאַ, און טעראַקאָטאַ. זי האָט אויך אַסך פאַבריקען פאַר שפּייז פּרעזערוון. בערך 6 מיליאָן טאָן וויין ווערט דאָרט געמאַהלען יעהרליך דורך די ווינד-מיהלען. מאַרמאָר און אַלאַבאַסטער שניידערייען זיינען הויבטזעכליך אין די רוימישע פּראָווינץ, אין נעאַפּעל, און אין פלאָרענץ. פון שפּייז-מאַטעריאַל פּראָדוצירט איטאַליען כמעט אַלעס וואָס איהר קלימאַ ערלויבט.

קאָמערץ: דער איינפיהר, אויספיהר, און דער דורכפיהר פון סחורה דורך די איטאַליענישע גרענצען איז אַמלעבהאַפטעסטען אין מאַילאַנד, טורין, פלאָרענץ, באָלאָגנאַ, רוים און נעאַפּעל. מיט אַלע פעלקער וואָס זי האַנדעלט אימפּאָרטירט זי צומייסטען פון די יונייטעד-סטייטס, ענגלאַנד, און פראַנקרייך וועהרענד איהר עקספּאָרט און אימפּאָרט מיט פראַנקרייך גלייכט זי אויס, איז אָבער איהר אימפּאָרט פון די אַנדערע לענדער פיעל גרעסער פון דעם עקספּאָרט. איהר אימפּאָרט פון אַמעריקאַ איז גרעסער פון איהר עקספּאָרט מיט 6 מיליאָן לירעס. פאָלגענדע אַרטיקעל זיינען וואָס איטאַליען

אימפּאָרטירט	עקספּאָרטירט
אַלאַבאַסטער	
אוטאָמאָבילען	אייזען רויהע
אייער	ברעטער
אָליווען-אָיל	גוטאַפּערטש
הוטען פערשיעדענע	וויין
וויין	וואָל
זייד פערטיגע	זייד רויהע
מאַרמאָר	פּעטראָלעאום
מעהל	פעל
סולפור	קאַפּע
פרוכט	קעסעל
קעז	קאַטאָן

אַגריקולטור: איטאַליען האָט 35 אַגריקולטור־שוהלען וועלכע בילדען אויס גוטע אַקער־בויער. דאָס לאַנד ווערט בעאַרבייט אויף דריי סיסטעמע: 1) דאָס סיסטעם פון פּויערים אייגענטום; 2) דאָס שותפות־סיסטעם און; 3) דאָס פּאַכט־סיסטעם. דאָס ערשטע הערשט איבערהויבט אין פּידעמאָנט און אין ליגוריאַ, ווי אויך טיילווייז אין אַנדערע פּראָווינצען; דאָס צווייטע, וואו די אייגענטימער מיט די אַרבייטער זיינען שותפים, הערשט איבערהויבט אין טאָסקאַני, מאַרשעס, און אומבריאַ, אַבער זעהר ווייניג אויסערהאַלב פון דיעזע דיסטריקטען; דאָס דריטע, הערשט איבעראַל וואו די אויביגע עקזיסטירען נישט.— פון די 28,668,221 העקטאַר לאַנד וואָס איטאַליען פערמאָגט זיינען: 70% פּראָדוקטיוו, 16% אונפּראָד., און 14% קנאַפּ פּראָדוקטיוו. די מעטאָדען צו בעאַרבייטען די ערד, איז ביז נישט לאַנג, געוועזען אַלט־מאָדיש. ערשט אין די לעצטע יאָהרען האָט די רעגירונג מיט דער הילף פון קאָאָפּעראַטיווע קערפּערשאַפטען עטאַבלירט די אויבען גענאַנטע אַגריקולטור־שוהלען, און דורך זיי אַלעס פיעל אויסגעבעסערט. די וועלדער פערנעהמען בערך 2 מיליאָן העקטאַר ערד, און זיי ליפערען געהילץ פאַר געביידען און פאַבריקאַציע אויף מעהר אַלס 88 מיליאָן לירעס יעהרליך. טאַבאַק איז דאָרט זעהר פיעל פּראָדוצירט געוואָרען אין דער צייט פון מלחמה.

קאָאָפּעראַטיווען: אין פעברואַר פון יאָהר 1922 האָבען די קאָאָפּעראַטיווען אָבגעהאַלטען זייער יעהרליכען קאָנגרעס אין מילאַן. ביז אַ טויזענד דעלעגאַטען האָבען זיך אין איהם בעטייליגט, וועלכע האָבען רעפּרעזענטירט בערך 5000 קאָאָפּעראַציעס. דער רעפּאָרט האָט געלויטעט: דער ליעג האָט קנאַפּע 2 מיליאָן מיטגליעדער וואָס זיינען בעטייליגט אין 430 געזעלשאַפטען צו 7000 אין יעדע. עס זיינען אויך דאָ 7000 קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען פון וועלכע אַ העלפט זיינען ספּעציפיש קאַטוילישע, און זיי זיינען אָנגעשלאָסען צו אַ קאַטוילישע פעדעראַציע. די קאָאָפּעראַציעס האָבען אַ שטענדיגע קאָמיסיע וואָס האָט אויסצוגלייכען די סכסוכים צווישען די קאָאָפּעראַציעס און די אַרבייטער וואָס אַרבייטען באַזיי. זיי בעשעפטיגען אויך אַרבייטער וואָס זיינען קיינע מיטגליעדער.

פערבינדונג: אין דעצעמבער פון 1918 האָט איטאַליען געהאַט 11,722 מיילען אייזענ־באַהן, פון וועלכע 8,754 זיינען געוועזען דאָס אייגענטום פון דער רעגיערונג אינזעלבען יאָהר זיינען געוועזען 11,228 פּאָסט־סטאַנציעס מיט 224,607 מייל טעלעג. זי האָט אויך געהאַט 6200 גרויסע און קליינע שיפען.

קאָלאָניעס: איטאַליען האָט בלויז דריי גרויסע קאָלאָניעס. די ערשטע איז עריטעראַ. וועלכע האַלט □45,8000 מייל מיט 450,000 איינוואוינער. דיעזע ליגט אַניף דער קיסטע ביים רויטען ים. די צווייטע איז סאָמאַלילאַנד, אין אַפרי. וואָס ענטהאַלט □139,430 מיט 450,000 איינוואוינער. די דריטע איז טריפּאָלי, וואָס ענטהאַלט □606,000 מייל מיט 523,176 איינוואוינער. זיי ווערען בעשריבען ווייטער אין דעם אַלפאַבעטישען אָרדנונג.

געלד און מאָס: דאָס מאָס־סיסטעם פון איטאַליען איז דאָס (מעטרישע) זעלבע וואָס אין פראַנקרייך אָדער אין דייטשלאַנד. די נעמען זיינען נאָר איטאַליעניזירט געוואָרען. אַ לירע בעשטעהט פון 100 סענטעסימי, און איז פאַר דער וועלט־מלחמה געווזען גלייך צו ענגלישען פונט שטערלינג אָדער אַמעריקאַנער 5 דאָלאַרס. די מטבעות

וואָס צירקולירען זיינען:

גאָלד: 10־לירעס, 20־לירעס, 50־לירעס, און 100־לירעס.

זילבער: 05־סענטעס., 1־לירע, 2־לירעס, און 5־לירעס

ניקעל: 20־סענטעסימי.

בראָנז: 1, 2, 5, און 10־סענטעסימי.

נאָטען: 25, 50, 100, 500, 1000־לירעס.

„ 5־ און 10־לירעס.

קאָנסטיטוציע

די יעצטיגע איטאַליענישע קאָסטיטוציע וועלכע הייסט אָפיציעל אין איהר לשון 'Statuto fondamentale del Regno' איז געגעבען געוואָרען פון קעניג אַלבערט צו זיינע בירגער אין סאַרדיניען, דעם 4טען מערץ פון יאָהר 1848. לויט דיעזען טשאַרטער, ליגט די גאַנצע אַדמינסטראַטיווע מאַכט אין די הענד פון קעניג. ער דאַרף לייטען די אַדמינסטראַציע דורך פעראַנטוואָרטליכע מיניסטאָרען. די קראַפט צו מאַכען געזעצע ליגט אין זיין האַנד בשותפות מיט דעם פּאַרלאַמענט. ער האָט אָבער דאָס רעכט אויפצולעזען דאָס פּאַרלאַמענט ווען ער געפינט עס פאַר נייטיג. ווען דאָס פּאַרלאַמענט איז געשלאָסען, האָט ער אַ רעכט צו אָקטען אָהן דעם פּאַרלאַמענט. — דאָס פּאַרלאַמענט בעשטעהט פון צוויי אָבטיילונגען: דאָס אויבערע הייסט: דער סענאַט, און דאָס אונטערע "קאַמעראַ ד'דעפּוטאַטי". דער סענאַט בעשטעהט פון פּרינצען, און פון מיטגליעדער אויס דעם פאָלק, וועלכע דער קעניג בעשטימט. דאָס טהוט ער מיט אַזעלכע בירגער וואָס צייכנען זיך אויס, מיט אַ גרויסע טהאַט, וואָס איז ניצליך פאַרן פאָלק. די אויסצייכנונגען מעגען זיין ליטעראַרישע, העלדישע, אָדער ערפינדערישע. די צאָהל פון די סענאַטאָרען איז אונבעשטימט, און דערפאַר אונבעגרענעצט. זייער אַמט דויערט פאַר זייער לעבענס־לויף. איינער וואָס צאָהלט קיינע שטאַאַטס־שטייער קאָן פאַר קיין פאַל ווערען אַ סענאַטאָר. די צאָהל פון די מיטגליעדער אין דעם אונטערען הויז איז בעשטימט, לויט די גרויסקייט פון פאָלק, אין דער צייט פון די וואַהלען. אין יאָהר 1920 זיינען געוועזען 508 דעפּוטאַטען אין דעם אונטערען הויז, און 376 אין סענאַט. יעדער דעפּוטאַט בעקומט 2,000 לירעס געהאַלט יעהרליך, מיט פרייע באַהן אָדער שיפס־קאַרטען. אַ דעפּוטאַט וואָס האָט קיין אַנדערע איינקונפט, קריעגט נאָך 4,000 לירעס צו די פּאַריגע. דער דויער פון פּאַרלאַמענט איז 5 יאָהר. ד.ה. אַלע 5 יאָהר מוזען שטאַטפינדען נייע וואַהלען. ווען דער קעניג לעזט אויף דאָס פּאַרלאַמענט פאַר דיעזע צייט, מוז ער פאָדערען אַ נייעם וואַהל. אין יאָהר 1920 האָבען די פרויען בעקומען דאָס וואַהל־רעכט. יעדער וועהלער מוז זיין נישט אונטער 21 יאָהר אַלט. ער מוז אויך קאָנען שרייבען. אַן אויסנאַהם ווערט געמאַכט אין אַזאַ הינזיכט מיט אַזעלכע וואָס האָבען געדיענט אין מיליטער, אָדער מיט די וואָס האָבען אַן אַנטייל גענומען אין דער לעצטע וועלט־מלחמה.

פאַר אַדמינסטראַטיווע צוועקען איז דאָס לאַנד געטיילט אין 69 טעריטאָריען (צירקאָנדאַרי), מיט 214 דיסטריקטען (מאַנדאַמענטי), און 8346 קאָמונעס. יעדע קאָמונע האָט איהר פערוואַלטונג, וועלכע בעשטעהט פון אַ קאָנסול מיט אַ סינדיק (בורגאָמייסטער), וועלכער ווערט ערוועהלט פון דעם קאָנסול. דער וואַהל פון די מיטגליעדער אין קאָנסול איז אויף 4 יאָהר. יעדער מוז זיין אַ איטאַליענער בירגער, און מוז האָבען געוואוינט אַ יאָהר אין דעם דיסטריקט וואו ער שטימט. פּאָליטישע פּאַרטייען זיינען

דאָ אין יעדען וואַהל־קערפּערשאַפט. זייערע נעמען זייען: קאָנסטיטוציאָנאַליסטען, ראַדיקאַלען רעפּובליקאַנער, סאָציאַליסטען, קאַטאָליקען, און סינדיקאַליסטען. פאָלגענד איז אַ ליסט פון די פּראָווינצען מיט זייערע נעמען און זייער גרויס אין קוואַדראַט מיילען:

אַברוצי	□6,387
אַפּוליאַ	□7,376
ווענעציאַ	□9,463
טוסקאַני	□9,302
לאָמבאַרדי	□9,333
ליגוריאַ	□20,38
מאַרשעס	□3,741
סאַרדיניאַ	□9,299
סיציליאַ	□9,935
עמיליאַ	□8,042
פּיעדעמאָנט	□11,331
פּערוגיאַ	□3,770
פּאָטענזאַ	□3,855
קאַלאַבריאַ	□5,819
קאַמפּאַניאַ	□6,277
ראָמאַ	□4,664

צו דיעזע קומען נאָך הינצו די זעקס נייע פּראָווינצען וואָס זיינען שוין אויבען דערמאָנט געוואָרען. די הויפּט גרויסע שטעדט פון איטאַליען זיינען:

	איינוו.		איינוו.
באָלאָגנאַ	189,770	מעסינאַ	150,000
באַרי	109,218	נאַפּאָלי	697,917
ווענעציאַ	168,038	פּאַדואַ	105,135
זשערנאָוו	300,139	פּאַלערמאָ	354,891
טאָרינאָ	451,994	פירענזע	242,147
ליוואָרנאָ	198,585	פערראַראַ	102,550
מילאַנאָ	663,059	קאַטאַניאַ	217,389
		רוים	590,960

רעליגיאָנען: דער רוימישער קאַטאָליציזם איז די הערשענדע רעליגיאָן, דאָך, די קירכע און די גייסטליכע זיינען אונטער די בירגערליכע אַדמינסטראַציע. אויבוואוהל דיעזע רעליגיאָן בילדעט מעהר אַלס 97 פּראָצ. פון דער בעפעלקערונג האַלט דאָס נישט אָב דעם פּראָגרעס פון אונלעגאַלע געבורטען, וועלכע זיינען ביינאַה אַזוי גרויס ווי די לעגאַלע. די בעציהונג צווישען דעם שטאַאַט און דער קירכע איז זייט 1870 געוועזען אַ ביטערע. ביז יוני 1920 איז דער איטאַליענישער קעניג געלעגען אין חרם ביים פּאַבסט ווייל, ער, דער געטליכער רעפּרעזענטאַנט אויף דער ערד, טאָר נישט רעספּעקטירען אַ קעניג, אַ בשר־ודם וואָס פאָדערט רעספּעקט פאַר זיך (ז. "פּאַבסטום", "רוים"). די וואַטיקאַנ'שע אַמביציע איז אימער געוועזען צו בעהערשען די גאַנצע וועלט, גייסטיג און פּאָליטיש. דער רעפאָרם פון יאָהר 1866 האָט דיעזע האָפנונג שוין אויף אייביג אויסגעלאָשען. אין 1870 איז אָרוים אַ קעניגליכער דעקרעט, אַז די רוימישע פּראָווינץ איז אויך איינגעשלאָסען אין דעם איטאַליענישען קעניגרייך. דער פּאַבסט איז דאָרט אַנערקאַנט געוואָרען אַלס דער הויפּט פון דער קירכע, מיט די ווירדע פון אַ פּרינץ. דער וואַטיקאַן מיט די פּאַלעסטע וואָס ווערען בעניצט פאַר די פּאַבסטליכע אויפהאַלטונג, זיינען גאַראַנטירט געוואָרען פאַר אַלע פּאַבסטליכע נאַכפאָלגער אויף אייביג, מיט אַ געהאַלט פון 3 מיט אַהאַלב מיליאָן לירעס יעהרליך. אַלס פּראָטעסט האָט נאָך קיין פּאַבסט דיעזע סומע פערלאַנגט. דער שטאַאַט האָט עס אויך נישט געצאָהלט. דער שטאַאַט האָט אָבער גלייך נאָכדעם פּראָקלאַמירט פרייהייט פאַר אַלע רעליגיאָנען. לויט ווי פאָלגענדע סטאַטיסטיק ווייזט, איז עס מערקווירדיג דאָס די מאַיאָריטעט פון די קאַטאָליקען האָט צוגעלאָזען דיעזע רעפאָרם. די געשיכטע אונטען

ערקלעהרט דאָס גאַנץ דייטליך.

דער צענזוס פון 1911 ווייזט אַז די אַנהענגער פֿן אַלע רעליגיאָנען אין איטליען זיינען:

קאַטאָליקען	32,983,664
פּראָטעסטאַנטען	123,253
יודען	34,224
פריידענקער	874,532
אונבעוואוסטע	653,404

געשיכטע

אַלס אַן איינהייט איז איטאַליען נאָך גאָר אַ יונגעס קעניגרייך. איהר קאָנסטיטוציע דאַטירט קוים פון 1848. ביז דיעזער צייט, איז דער גאַנצער האַלב-אינזעל געוועזען אַ שטענדיגעס שלאַכט-פעלד פאַר אַלע פעלקער וואָס האָבען זיך דאָרט געפינען, זייט אונבעקאַנטע צייטען. די צאָהל פון די פעלקער וועלכע האָבען אורשפּרינגליך בעוואוינט דיעזעס לאַנד, איז אָנגעגעבען אין דעם אַבשניט "דאָס פאָלק"; און די פעלקער וועלכע זיינען יעצט פעראייניגט אונטער דעם איטאַליענישען פאָלק, ווערען אָנגעגעבען ווייטער אונטען. אַלע צוזאַמען געהערען זיי נישט צו איין ראַסע. זיי זיינען נאָך יעצט נישט רעכט אַסימילירט. אין זייערע היימען לעבען זיי נאָך יעצט ווי בעזונדערע. עס וועט נאָך נעהמען אַ לאַנגע צייט איידער די אַסימילאַציע וועט זיין פּירטיג מיט איהר אַרבייט. דערווייל ריידען זיי נאָך פיעלע דיאַלעקטען אונטער דער איטאַליענישע שפּראַך. לויט די דיאַלעקטען קאָן מען נאָך היינט זעהן די געאָגראַפישע לאַגע פון די אַסימילירשע פעלקער. זיי לעבען נאָך היינט נישט גאַנץ בשלום מיט אַנאַנדער. דער טעמפּעראַמענט פון דעם איטאַליענישען פאָלק איז אַזאַ אונרוהיגער ווי די פיזיקאַלישע נאַטור איז דאָרט; שטענדיג אונרוהיג—וואולקאַן-אַרטיג; שטענדי אין דער הויכע אָדער נידריגע שטימונג, ווי די אַלפּען מיט זייערע טאָלען. צוליעב דיעזער נאַטור איז עס אונמעגליך געוועזען פאַר אַ לאַנגע צייט דיעזעס פאָלק צו פעראייניגען. אויבוואויל אַלע מלחמות האָבען געהאַט דיעזען צוועק האָט דאָך קיינע פון זיי איהר ציעל דערגרייכט. די מלחמות זיינען אָנגעגאַנגען ביז אַלעס איז פּשוט מיעד און אויסגעמאַטערט געוואָרען. בלויז אין דער צייט פון זייער מיעדיגקייט איז עס מעגליך געוואָרען פאַר איניגע ענערגישע פיהרער דאָס פאָלק איינצוצוימען אין אַ קאָנסטיטוציאָנעלע פעראייניגונג. דאָס ערשטע איטאַליענישע פּאַרלאַמענט איז געעפענט געוואָרען אין יאָהר 1861 און דיעזעס פּאַרלאַמענט האָט ערקלעהרט וויטאָרע עמאַנועלע אַלס דעם ערשטען קעניג איבער גאַנץ איטאַליען.

נאָמען: דאָס וואָרט "איטאַליען" קומט פון דעם אַמאַליגען Vitalia וואָס מיינט: "אָקס-לאַנד". לויט דער מאָדע פון יענע צייטען, ווען פעלקער פלעגען זייערע לענדער רופען מיט סימבאָלישע נעמען פון זייערע געטער. אַשטייגער ווי די "הירפּינער" נאָך זייער פערגעטערטען וואולף, די "פּיצענטער" נאָך זייע פערגעטערטען שפּעכט, א.ז.וו. דער נאָמען איטאַליען ווייזט אַלזאָ אַז די ערשטע איטאַליקער האָבען געהאַט אַ שייכות מיט די עגיפּטער וועלכע האָבען געדיענט צום אָקס (אַפּיס), און ווי די געשיכטע ווייזט, האָבען די עגיפּטער געהאַט אַ בעדייטענדע קאָלאָניע אויף דעם יעצטיגען איטאַליענישען האַלב-אינזעל. דער פאַקט אַז אַלע פערשמאָלצענע פעלקער האָבען פעלוירען זייערע נעמען און דער נאָמען פון די איטאַליקער איז געבליבען פיר אַלע, בעווייזט אַז די איטאַליקער זיינען געוועזען די טיכטיגסטע פון אַלע. צו פערשטעהן גרינד-

ליכער די געשיכטע פון איטאַליען מוז מען אויך שטודירען די געשיכטע פון די איינצעלנע פעלקער וועלכע שטעלען צוזאַמען דיעזעס פאָלק. זיי ווערען דאָ בעהאַנדעלט כסדר, אונטער זייערע אייגענע נעמען. דאָ האַנדלען מיר נאָר מיט די פראַגען וואָס זיינע געמאַכט געוואָרען צו שאַפען אַזאַ איטאַליען ווי דאָס יעצטיגע.

ערשטע פעריאָדע—(476-568)

רוים און גריכענלאַנד האָבען געקאָנט פעלקער בעזיעגען, זיי האָבען אָבער די בעזיעגטע נישט געקאָנט פאַר לאַנג צוזאַמען האַלטען. זיי האָבען געברויכט געוואַלד פאַר דיעזען צוועק, אָבער די געוואַלד האָט גאָר אַרויסגערופען ווידערשטאַנד און רעוואָלוציאָנען. דיעזע אונצופריעדענע עלעמענטען האָבען נישט נאָר זיך אַליין בעפרייט, זיי האָבען אויך געבראָכען די טיראַנען זייערע. רוים און גריכענלאַנד זיינען צופאַלען, צופאַלען אויף שטיקער, יעדעס שטיק האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ קאָלאָניע, צווישען אַלע איז די גריכישע קאָלאָניע געוועזען די גרעסטע. די פעניקיער האָבען דיעזעס לאַנד שוין געקאָנט פון פיעל פריהער. זיי האָבען דאָ געהאַט זייער פלאַטע שווימענדיג איבער דעם מיטלענדישען ים. די גריכען האָבען נישט אויפגעגעבען זייער מיסיאָן אַרויסצופודרינגען זייער קולטור אויף די איינגעבוירענע איטאַליקער. נייע מלחמות האָבען דאַדורך אויסגעבראָכען. אין דיעזע נייע מלחמות האָבען זיך די גריכישע און רוימישע עלעמענטען ווידער צוזאַמענגעשטויסען. וואָס פון די לאַטיינער און די איטאַליקער איז ענדליך געוואָרען איז מען נישט גאַנץ קלאָהר. מען ווייסט נאָר אַז דער נאָמען איטאַליען איז ענדליך פון אַלע צאַנקענדע אַדאַפטירט געוואָרען.

דאָס יאָהר 476 יצר' ווערט בעטראַכט אַלס דאָס ענדע פון דעם איטאַליענישען אַלטערטום. ווייל, אין איהם איז די ערשטע פראָבע געמאַכט געוואָרען אויפצושטעלען אַ פעראייניגטעס איטאַליען. לויט פערהאַנדענע דאָקומענטען איז אָדאָאַקער, דער פיהרער פון די הערולען, געוועזען דער ערשטער וואָס איז געקרוינט געוואָרען אַלס הערשער פון איטאַליען. געקומען איז ער דערצו, דורך דעם פאַקט, די רוימער האָבען געדונגען די הערולען זיך צו שלאָגען פאַר זיי. נאָר, ווען די הערולען האָבען גענומען פאָדערען צוויי דריטעל פון איטאַליען אַלס זייער לוין און די רוימער האָבען זיך ענטזאָגט, האָבען די הערולען געוועהלט זייער הויבטלינג און איהם געזעצט אַלס דעם קעניג פון גאַנץ איטאַליען. אונטער איהם איז די רעגיערונג געוועזען אַ געמישטע, פון רוימער און טעוטאָנען. צוועלף יאָהר האָט ער געהערשט מיט מורא אין הערצען, און דאָך, מיט אַ טיראַנישע האַנד. ער האָט זיך גערעכענט מיט אומשטענדען, נישט זיי צו בעקעמפען נאָר, זיי אויסצומיידען. דאָס האָט איהם געפיהרט צו זיין אונטערגאַנג.

ווען טהעאָדאָריך, דער קעניג פון די אָסטגאָטען, איז געקומען אויף איטאַליען מיט 200,000 מאַן בעוואָפענט און מיט זייערע פאַמיליען, האָבען זיי געפינען דאָס פאָלק בערייט זיי צו עמפאַנגען, ווייל עס איז געוועזען אונצופריעדען, זאָגאַר אין כעס מיט אָדאָאַקערס אַדמינסטראַציע. צו בעלוינען זיינע סאָלדאַטען פאַר זייער הילף האָט ער זיי איינקוואַרטירט אין פאַמיליען־הייזער, און דריי פירטעל פון אייגענטום וואָס האָט זיך געפינען אין דיעזע הייזער האָט ער אָוועקגעגעבען צו די איינקוואַרטירטע סאָלדאַטען. די סאָלדאַטען גופא, האָבען זיך זעהר שלעכט בענומען מיט די פאַמיליען, ביי וועלכע זיי זיינען געוועזען איינקוואַר־

טירט. דאָס האָט געשאַפען גענוג אורזאַך פאַר דעם פאָלק צו בעווילקאָמען אירגענד וועלכען שונא פון אָדאָאַקער, אַבי זיינע פטור צו ווערען. אָדאָאַקער איז דריימאָל אַטאַקירט געוואָרען, טעאָדאָריך האָט איהם אַלע דריימאָל געשלאָגען. אָדאָאַקער האָט זיך ענדליך אונטערגעגעבען, בתנאַי מען זאָל איהם לאָזען לעבען. טעאָדאָריך האָט איהם אָבער אויף אַ באַנקעט דערשטאָכען מיט זיין אייגענע האַנד, און זיך געקרוינט אַלס דער צווייטער קעניג פון איטאַליען, אין יאָהר 493 יצר׳.

וואָס טעאָדאָריך האָט געוואונען אויף דעם שלאַכט־פעלד האָט ער פערלוירען דורך זיין אונפעהיגע אַדמינסטראַציע. ער האָט ווי אַלע גערמאַנישע הערשער, געזוכט צו הערשען מיט אַן אייזערנע פויסט. אויב דאָס האָט איהם געבראַכט ערפאָלג ביי אונציווויליזירטע פעלקער, האָט עס דאָ איהם געבראַכט שאָדען. רוים און גריכענלאַנד זיינען שוין דעמאָלט געוועזען ציוויליזירט, און ער מיט זיינע גערמאַנען זיינען געוועזען באַרבאַרען. די ערשטע באַרבאַרישע טהאַט וואָס ער האָט בעגאַנגען איז געוועזען וואָס ער האָט ביי זיי צוגענומען די פרייהייט צו וועהלען זייערע אייגענע בעאַמטע. ער אַליין האָט זיי אָנגעשטעלט. ער האָט אָנגעשטעלט בלויז די זייניגע, אַבער קיינע איטאַליענער. ער האָט פון דעם איטאַליענישען פאָלק גערויבירט אוצרות. זיין טאָכטער אַמאַליזאַנטאַ האָט פון דיעזע אוצרות אהיימגעפיהרט פאַר זיך 40,000 פונט גאָלד, אַחוץ אַנדערע חפצים. זעהענדיג אַז רוים זוכט צו אונטערדריקען אַלע רעליגיאָנען בכדי צו קאָנען אויפצוויגען איהר רעליגיאָן, האָט ער פּראָקלאַמירט רעליגיאָנס־פרייהייט פאַר אַלע רעליגיאָנען. ער האָט אויך בעפוילען אַז אין די געריכטס הייזער זאָלען די יודען בעהאַנדעלט ווערען גלייך מיט די קריסטען. די רוימישע קאַטאָליקען האָבען אַזאַ דעקרעט זעהר נישט געוואָלט ליידען. דאָס פּעבעל פון ראַוועננאַ איז אויפגערייצט געוואָרען און עס האָט געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף די יודען. טעאָדאָריך האָט דאַרין געזעהען אַן אָנגריף אויף זיין אויטאָריטעט. ער האָט גלייך געלאָזען זוכען די פערברעכער. ווייל דיעזע האָבען זיך בעהאַלטען האָט ער בעפוילען אַז די קריסטליכע געמיינדע פון ראַוועננאַ זאָל בעצאָהלען פאַר דעם יודישען שאַדען. די גלחים האָבען אין די קירכען גענומען העצען געגען דיעזע צאַהלונג. זעהענדיג אַז די געמיינדע וויגערט זיך צו בעצאָהלען, האָט ער בעפוילען אַז מען זאָל די פאָהרשטעהער אין דער גאַס דורכפיהרען דורך אַ לאַנגע רייהע פון שמייסער ביז זיי וועלען צאָהלען. אין 523 האָט די אָסטרוימישע רעגיערונג זיך גענומען בונטעווען געגען איהם. ער האָט דערפאַר הינגעריכטעט צוויי זעהר פּאָפּולערע פּערזעהנליכקייטען, בעטהיוס מיט זיין שווער סימאַכוס. באַלד דערנאָך האָט ער פערזעצט דעם בישאָפּ יאָהאַנעס אין געפענגניס, וואו ער גלייך געשטאָרבען. שפּעטער איז טעאָדאָריך געוואָר געוואָרען אַז די צוויי הינגעריכטעטע זיינען געוועזען אונשולדיג. דאָס האָט איהם זעהר געערגערט. די אונצופריעדענהייט וואָס דיעזע נייעס האָט אַרויסגערופען צווישען פאָלק, זיין אייגענע חרטה, זיין עלטער: אַלעס צוזאַמען האָט זיין לעבען געענדיגט און ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 526

נאָך זיין טוידט האָבען זיך די אונצופריעדענע עלעמענטען גענומען רייסען אונטעראַנאַנדער, יוסטינאַן דער ביזאַנטינישער קעניג, האָט אַרונטער געשיקט בעליזאַרוס דאָס איט. פאָלק איינצושטילען. אויבוואויל

בעליזאַרוס איז אויפגענומען געוואָרען מיט פּאַראַד, האָט ער דאָך זיין פּלאַהן קיינמאָל נישט אויסגעפיהרט. מלחמות איבער מלחמות זיינען אָנגעגאַנגען פון אָרט צו אָרט, ביז אַלבאָין דער קעניג פון די לאַנגאָבאַרדען האָט אין יאָהר 568 געבראָכען די מאַכט פון די ביזאַנטינער.

צווייטע פּעריאָדע—(568-774)

אַלבאָינס איטאַליען איז צוערשט בעשטאַנען פון לאָמבאַרדי, טאָסקאַני, אומבריאַ, און בענעווענטאָ. אַ יאָהר שפּעטער (569) האָט ער פערנומען מאַילאַנד, און נאָך אַ דריי יעהריגען קאַמף האָט ער פערנומען פּאַוויאַ. דיעזע שטאָדט האָט ער געמאַכט פאַר זיין רעזידענץ, און ער האָט איהר בעפעסטיגט געגען אַ מעגליכען איבערפאַל פון זיינע בעזיעגטע שונאים. די גריכישע קאָלאָניעס און די שטאָדט רוים האָט ער צורוה געלאָזען. ער איז אָבער גע'הרגט געוואָרען קאָנספּיראַטיוו, צוליעב אַ גרויל-טהאַט וואָס ער איז בעגאַנגען געגען זיין ווייב, און זיין מאַכט איז געפאַלען אין יאָהר 573. דאָס לאַנד איז ווידער צוטיילט געוואָרען אויף קליינע פירשטענטימער. בייזע מלחמות האָבען ווידער אָנגעהויבען צווישען זיי. רוים האָט גענומען שפּיעלען די ראָלע פון אַ פּראָטעקטאָרין איבער די שוואַכערע פון זיי, און אונטער דיעזע פּרעטענציע האָט זי געהעצט די פערקריסטליכטע פעלקער געגען די אַנדערש גלויביגע. קעניגע פון קליינע שטאַאַטען זיינען אָבגעזעצט געוואָרען און אנדערע געקרוינט אויף זייער אָרט. דעסידערוס, דער קעניג פון די לאַנגאָבאַרדען, איז געפאַלען אין אונ-חן פון דעם קלעריקאַלע רוים ווייל ער האָט געוואָלט אָבטיילען די רעליגיאָן פון שטאַאַט. פּאַבסט האַדריאַן האָט זיך בעדיענט מיט אַן עוולה וואָס האָט עקזיסטירט צווישען דעסידערוס און שאַרלעמאַנזש (קאַרל דער גרויסער) קעניג פון די פראַנקען. די עוולה איז געווען וואָס שאַרלעמאַנזש האָט חתונה געהאַט מיט דעסידעראַטאַ, די טאָכטער פון דעסידערוס, און ער האָט איהר באַלד נאָך דער חתונה אָבגעשיקט אַהיים צו איהר פאָטער. דעסידערוס איז פאַר כעס איבערגעגאַנגען צו קאַרלעמאַן, דעם ברודער פון שאַרלעמאַנזש איהם צו העלפען אין זיין ברודער-קאַמף. פּאַבסט האַדריאַן האָט שאַרלעמאַנזש איינגעלאַדען צו בעפאַלען איטאַליען און פערטרייבען דעסידערוס. דאָס האָט ער אויך אויסגעפיהרט נאָך אַ קאַמף פון צעהן מאָנאַטען. שאַרלעמאַנזש איז געקרוינט געוואָרען אין רוים אַלס קעניג פון איטאַליען. ער האָט אָבער נישט געהאַט דעם ערוואַרטעטען ערפאָלג. די ענגערען און די וועסטפאַליער האָבען זיך אינזעלבען יאָהר געגען איהם געבונטעוועט. ער האָט געמוזט געגען זיי אָנווענדען אַלע זיינע כוחות, ער האָט געפיהלט אַז, ווען ער טהוט דאָס נישט פערליערט ער זיין טראָהן אין דער היים; זיין אויפמערקזאַמקייט פאַר איטאַליען איז דערפאַר געוואָרען אַן אונמעגליכקייט.

דריטע פּעריאָדע—(774-996)

נאָך שאַרלעמאַנזש האָבען געפאָלגט אַכט פון זיין דינאַסטיע, דער לעצטער איז געווען קאַרל דער דיקער, וועלכער איז אָבגעזעצט געוואָרען אין 888. אונטער דיעזע צייט האָבען אין רוים שטאַטגעפונדען פּאַבסטליכע סקאַנדאַלען (ז. "טהעאָדאָראַ", "יאָהאַנאַ", "מאַראָזאַ" און "פּאַבסטום") וועלכע האָבען דאָס איטאַליענישע פאָלק פערשלעפּט אין ווילדע מלחמות אונטעראַנאַנדער. אין מיטען פון דיעזע צאַנקערייען זיינען זיי בעפאַלען געוואָרען פון די ווילדע אונגאַרן אַרום דעם נאָרדליכען איטאַליען, וואו זיי האָבען פערוויסט גאַנצע פּראָווינצען; דאָך,

צווישען זיך האָבען די צאַנקערייען דאַדורך בישט אויפגעהערט. אין 926 איז ענטשטאַנען אַ ביטערער קאַמף צווישען רודאָלף II קעניג פון בורגונדי געגען בערענגאַרום דעם גרויס־פירשט פון איווראַ. דער לעצטער האָט אַפּעלירט צו אָטטאָ דעם גרויסען קעניג פון דייטשלאַנד נאָך הילף. נאָכדעם ווי בערענ־גאַרום בעזיעגט רודאָלף, פערגיפטעט ער זיין פריינד, דעם קעניג לאָטהאַר, און זוכט צו צווינגען לאָטהאַרס שעהנע אַלמנה זאָל הייראַטען מיט זיין זוהן אַדאַלבערט. ער האָט איהר פערזעצט אין געפענגניס, זי איז פון דאָרט ענטלאָפען נאָך דעם שלאָס קאַנאָסאַ פון פירשט פון טאָסקאַני. בערענגאַרום האָט דיעזען שלאָס בעלאַגערט און די אַלמנה האָט זיך געווענדעט צו אָטטאָ נאָך הילף. אָטטאָ איז גלייך אַריבער די אַלפּען, האָט בערענגאַרום געשלאָגען, די אַלמנה בעפרייט, אַנעקסירט פּאַוויאַ, און איז געוואָרען דער קעניג פון די לאַנגאָבאַרדען. און די פראַנקען באַלד נאָכדעם ווי ער האָט חתונה געהאַט מיט אַדעלהייד די בעפרייטע אַלמנה, אין יאָהר 951. צעהן יאָהר שפּעטער ווערט אָטטאָ געקרוינט אין רוים מיט אַן אייזערנע קרוין, אַלס קעניג פון איטאַליען. זייט דעמאָלט האָט איטאַליען אויפגעהערט צו זיין אַן אייגען פאָלק, עס איז געוואָרען אַ טייל פון דייטשלאַנד, און דייטשלאַנד מיט איטאַ־ליען צוזאַמען זיינען בעצייכענט געוואָרען אַלס "דאָס הייליגע רוימישע קעניגרייך".

אָטטאָ האָט פערטיילט איטאַליען צווישען דייטשישע פּרינצען און גרויס־פירשטען. די שטעדט האָט ער געגעבען דאָס רעכט פאַר מוניציפּאַלע פערוואַלטונג, און זיי ערלויבט זיך אַרום צו צוימען מיט שטאָדט־מויערען אַלס גרענצען פון זייער פערוואַלטונג. צו די בישאָפּס האָט ער געגעבען די גייסטיגע אויבערהערשאַפט אין יעדע שטאָדט. מיט דיעזער פּאָליטיק האָט ער געזוכט צו ברעכען די הערשאַפט פון די איטאַליענישע נאָבעל־לייט. דיעזער זיעג פאַר דעם וואַטיקאַן האָט פער'שיכור'ט די גייסטליכע און האָט זיי געפיהרט צו קאָרופּציאָן. סקאַנדאַלען האָבען זיך גענומען הערען פון וואַטיקאַן, פרויען האָבען זיך גענומען מישען מיט זייערע קאָקעטערייען ביי די וואַהלען פון פּאַבסט. מען האָט געקויפט שטימען מיט ליעבע. אָטטאָ האָט אָבגעשאַפט דעם פּאַבסט וואָס האָט איהם געקרוינט, און האָט געזעצט לעאָ דעם 8טען אויף זיין זיץ. די קלערי־קאַלע האָבען דאָס אָנגענומען אַלס אַ סיגנאַל פאַר אַ נייעם קאַמף.

פיערטע פּעריאָדע—(996-1073)

ווען אָטטאָ II איז געוועזען בעשעפטיגט מיט אַ קריעג אין אונטער־איטאַליען האָט ער זיך וועניג געקימערט ווי עס געהט אָן אין אויבער־איטאַליען. די לייטונג פון די קאָנקורירענדע פּאַבסטען האָט געפיהרט דער־צו, אַז ווען אָטטאָ III האָט זיך שוין יאָ געוואָלט אַריינמישען, איז ער שוין געוועזען אונמעכטיג געגען די שטאַרקע אָפּאָזיציעס. נאָך אָטטאָס טוידט (1002) האָבען די רוימער זיך ערקלעהרט ריין פון זייער שבועה צום דייטשישען קעניג און זיי האָ־בען אַוועקגעשטעלט הארדואין פון איווראַ אַלס געגנער צום דייטשישען. אַ בלוטיגע מלחמה האָט אויסגעבראָכען צווישען הענרי פון דייטשלאַנד און הארדואין, זי האָט זיך צופלאַקערט איבער אַלע שטעדט, און איז געענדיגט געוואָרען מיט דעם טוידט פון הארדואין אין 1015. דעמאָלט איז ווידער הענרי פּראָקלאַמירט געוואָרען אַלס קעניג פון איטאַליען. נאָך הענרי האָט געפאָלגט קאָנראַד. די סקאַנדאַלען מיט דעם מסחור פון פּאַבסטען־שטוהל איז אָנגעגאַנגען אימער פאָרווערטס, און ווען הענרי דער

דריטער, דער טראָהנ-פאָלגער פון קאָנראַד, איז אָנגעקומען אין איטאַליען (1046) האָט ער שוין געפינען דריי פּאַבסטען אין רוים קאָנקורירענדיג מיטאַנאַנדער. ער האָט זיי אַלע אָבגעשאַפט און אויף זייער אָרט אַוועקגעזעצט קלעמענס II. העִנרי איז געשטאָרבען אין 1056. ער האָט איבערגעלאָזען זיין מינעדריעהריגען זוהן צו הערשען אונטער די אויפזיכט פון דעם אַרכי-בישאָף הילדעבראַנד פון מילאַן, אַבער, הילדעבראַנד האָט געשפּיעלט אַ נייע ראָלע וועלכע האָט מיט דער צייט בעקומען אַ גרויסען איינפלוס אויף דער געשיכטע פון איטאַליען.

הילדעבראַנד האָט זיך גענומען רעפאָרמירען די מאָראַלען פון די קריסטליכע אינסטיטוציע וואָס איז קאָרופּירט געוואָרען דורך די איינמישונג פון די הערשענדע אויסלענדישע פּאָליטיק, וועהרענד אין דער ווירקליכקייט האָט ער גאָר געוואָלט די אויסלענדישע פּאָליטיק אַרונטערווערפען אונטער דער רוימישע קלעריקאַלע הערשאַפט. הילדעבראַנדס פּראָגראַם איז געוועזען: 1) די גייסטליכע צו פערביעטען די הייראַט, 2) אָבשאַפען דאָס רעכט פון פּאָליטיקער צו וועהלען די גייסטליכע, און 3) צו וועהלען אַ פּאַבסט נאָר אַן איטאַליענער. דיזע דריי פּרינציפּען דורכצופיהרען האָט געקאָסט פיעל צייט, פיעל בלוט און לעבען, די ערשטע צוויי זיינען געבליבען פערקערפּערט אין דעם רוימישען קאַטאָליציזם ביז דעם היינטיגען טאָג.

די סטראַטעגיע פון הילדעבראַנדס פּאַרטיי איז געוועזען צו שטיצען יעדעס קעניגרייך וואָס וועט אַנערקענען די סוזעראַניטעט פון דעם וואַטיקאַן. די נאָרמאַנדען האָבען זיך בענוצט מיט דיעזען פּריווילעגיום און זיי האָבען מיט דער הילף פון וואַטיקאַן גליקלעך געשפּיעלט, פריהער געגען די גריכען צו גונסטען פון די לאָמבאַרדען, נאַכהער געגען די לאָמבאַרדען צו גונסטען פון די גריכען, אַזוילאַנג ביז די גריכען מיט די לאָמבאַרדען זיינען אָבגעשוואַכט געוואָרען. גיסעקאַרד, זייער פיהרער האָט בעקומען די ברכה פון וואַטיקאַן ביי יעדען זיעג וואָס ער האָט געמאַכט. אינצווישען צייט איז הילדעבראַנד געוואָרען פּאַבסט, און ער האָט די נאָרמאַנדען געהאָלפען פערטרייבען די סאַראַצענען פון סיציליען, און מיט דער געווינונג פון סיציליען פאַר דעם וואַטיקאַן האָט זיך די פּאַבסטליכע מאַכט גענומען פיהלען כמעט איבער גאַנץ איטאַליען.

פינפטע פּעריאָדע—(1073-1453)

אין זיין פּאַבסטליכען שטוהל האָט הילדעבראַנד פיגורירט אונטער דעם נאָמען: גרעגאָרי דער זיבענטער. מאַטילדאַ, די הערשערין פון טאָסקאַני און פיעלע אַנדערע שטעדט האָט איהם געשטיצט, צוליעב אורזאַכען וואָס מען זאָגט נישט אויס. מען זאָגט אַבער אַז ביי איהר אין שלאָס האָט ער דריי טאָג געפאַסט און תפילה געטהון. העִנרי דער פירטער האָט פערשטאַנען אַז מאַטילדאַס הילפע פאַר גרעגאָרי איז פון גרויס וויכטיגקייט און אַ געפאַהר געגען זיין מאַכט אין איטאַליען. ער האָט דאַרום גרעגאָרס קאַמף אָנגענומען, אַ קאַמף וואָס איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ צייט נאָך ביידענס טוידט. גרעגאָר איז ענדליך געשטאָרבען אין גלות אַ געבראָכענער, זיין פאַל האָט זיך אָנגעהויבען גלייך באַלד נאָך מאַטילדאַס טוידט אין 1115.

דער קאַראַקטער פון זייער קאַמף שפּיגעלט זיך אָן אין דער פאָלגענדע טהאַטזאַך. העִנרי האָט פערופען אַ קאָנסול פון גייסטליכע נאַך וואָרמס, געקומען זיינען נאָר די פון די וועסטליכע פעלקער, און דיעזע האָבען אויף דעם פערלאַנג פון העִנרי ערקלעהרט דעם

פּאַבסט גרעגאָר אַלס אָבגעזעצט. פון דער אַנדערער זייט האָט גרעגאָר פערופען אַ קאָנ־ציל פון גייסטליכע אין רוים, געקומען זיינען די פון טאָסקאַני, מאַנטואַ, לאָמבאַרדי און אַפּעניגאַ; און דיזע האָבען ערקלעהרט אַז די בירגערליכע שבועה פון טריזהייט צום דייטשישען קייזער איז בטל ומבוטל. געדויערט האָט דער קריעג איבער פירציג יאָהרען.

צווישען דיעזער קריעגס־צייט זיינען אָבער אויסגעוואַקסען נייע עלעמענטען וואָס האָבען זיך געציעלט צו אַ פעראייניגטעס איטאַליען. דאָס זיינען געוועזען די קאָמונען אין יעדער שטאָדט. דאָס איז מעגליך גע־וואָרען דורך די נייע טאַקטיק וואָס בײדע צדדים האָבען אַנגענומען. יעדער צד וואָס האָט געוואָלט געווינען דאָס פאָלק פאַר זיך, האָט גענומען געבען מעהר הנחות אַלס דער אַנדערער. די שטעדט האָבען זיך דער־וויל אָרגאַניזירט אין קאָנסולס, און זיך צוביסלעך גענומען לערנען פיהרען זיינע אייגענע עסקים דורך דיעזע קאָמונען. שפּע־טער, ווען די בישאָפען האָבען גענומען דרינגען אויף די קאָמונען זיי זאָלען געבען די ערוואַרטעטע סימפּאַטי געגען דעם אימ־פּעריאַליזמוס האָבען זיי אַלס ענטפער די בישאָפען אָבגעשאַפט פון זייערע סאָציאַלע פּאָזיציעס. שפּעטער אַביסעל, האָט דאָס פאָלק געענטפערט אויף אַלע פאָדערונגען פון בײדע צדדים: "געהט צו אונזערע קאָנסולס" דערמיט זיינען די קאָנסולס אַנערקאָנט גע־וואָרען אַלס פאָהרשטעהער פון פאָלק.

די קאָנסולען זיינען ערוועהלט געוואָרען פון די נאָבעל־לייט. זיי פלעגען זיך אָפט פערזאַמלונג אין אַ "קרעדענציאַ" צו פער־האַנדלען די אינטערעסען פון לאַנד. נעבען זיי איז אויך מיט דער צייט געוואָרען אַ "פּאַרלאַמענטאַ" אין וועלכען עס זיינען געזעסען די ערוועהלטע פון פאָלק. די בײדע הייזער האָבען געהאַט די בעציהונג צווישען זיך ווי דאָס ענגלישע פּאַרלאַמענט, נאָר מיט וועניגער בעשטימטהייטען. די קאָמונען האָבען געהאַט אַ לאָקאַלען קאַראַקטער. אין יעדער זיינען געזעסען: דער בישאָף, די קאָנ־סולען, אָליגאַרכען, און אַרבייטער. אמת אַזעלכע רעפאָרמען זיינען נישט געוועזען איבער גאַנץ איטאַליען האָבען זיי אָבער געוואונען צוביסלעך איבעראַל, און די אַנ־דערע האָבען די ערשטערע מיט דער צייט נאָכגעטהון.

זייענדיג בעהערשט פון פרעמדע קעניגע איז דער שיקזאַל פון איטאַליען שטענדיג געוועזען אָבהענגיג אָן דעם שיקזאַל פון דעם פרעמדען פאָלק וועלכענס קעניג עס האָט איבער זיי געהערשט. די איטאַליענער האָבען אַלזאָ געהאַט צו ליידען אַחוץ אייגענע צרות אויך פרעמדע. האָבען זיך פרעמדע קעניגע געשלאָגען אונטעראַנאַנדער, האָבען זיי אָפט געמאַכט איטאַליען אַלס זייער שלאַכט־פעלד. פיעלמאָל האָבען אויך פיעלע פרעמדע קע־ניגע געהערשט איבער פיעלע טיילען פון איטאַליען צו איין צייט. רעפאָרמען וואָס זיינען זייט יאָהרען איינגעפיהרט געוואָרען זיינען מיט דער ערשיינונג פון אַ נייעם טיראַן מיטאַמאָל ווי אָבגעווישט געוואָרען. אַזוי האָט געטהון לאָטהאַר פון זאַקסען וועלכער האָט געהערשט פון 1125 ביז 1135; דאַן קאָנראַד פון שוואַבען וועלכער האָט געהערשט פון 1138 ביז 1152; דאַן איז אָנגעקומען פריעדריך באַרבאַראָסאַ און האָט אָבגעשאַפט די קאָמונען, פון די איטאַליענער אויך צוגענומען דאָס רעכט צווישען זיך צו ערקלעהרען קריעג, און אויף צו איינ־פיהרען בעדייטענדע רעפאָרמען אָהן זיין צושטימונג. ער האָט רוים געצוואונגען איהם צו קרוינען אַלס קעניג פון איטאַליען, און

איז אַהיים איבערלאָזענדיג דעם פּאַבסט אַכטונג צו געבען אַז די שבועה פון לאָיאַליטעט זאָל אויסגעהאַלטען ווערען. די לאָמבאַרדען האָבען זיך אָבער נישט געקאָנט איינהאַלטען. זיי האָבען זיך גענומען בונטעווען. פריעדריך איז גלייך אַריבערגעקומען מיט אַ גרויסע אַרמיי איבער די אַלפּען, ער האָט לאָמבאַרדי בעלאַגערט און איהר געצוואונגען דורך הונגער זיך אונטערצוגעבען. ער האָט אויך צוגלייכער צייט, אונטערדריקט קרעמאָ, קרעמאָנאַ, מילאַן, און זיך נאַכהער ווידער צוריקגעצויגען. אין זיין אַבוועזענהייט האָבען זיי זיך שטילערהייט פעראייניגט מיט וויציענאָ, פּאַדואַ, טרעוויסאָ, און וועניציאַ אין אַ בעפרייאונגס־בונד. פריעדריך האָט וואַרשיינליך דערפון בעקומען אַ ידיעה, אַבער נישט אַ זיכערע. האָט ער געמאַכט אַ בעזוך אין איטאַליען מיט אַלע זיינע ריטער בכדי צו מאַכען אַ מורא'דיגען איינדרוק. ער האָט ערוואַרטעט אַז אַלע פאָרשטעהער פון אַלע שטאַאַטען זאָלען איהם ענטגעגען קומען צו בעגריסען, אַבער קיינער פון דעם נייעם בונד איז געקומען. זעהענדיג אַז די קלעריקאַלע זיינען אויך אין סימפּאַטיע מיט די אַנטי־אימפּעריאַליסטען האָט ער שוין פערשטאַנען אַז דאָס מיינט אַן ערענסטע מלחמה. ער איז דאַרום אַהיים און האָט גענומען 3 יאָהר זיך צו פּאָרבערייטען פאַר אַ נקמה. דערווייל האָבען זיך די פעראייניגטע פערשטאַרקערט דורך דעם צושלוס פון נאָוואַראַ, ווערצעלי, קאָמאָ, אַסטי, און אָטראַנטאָ צו זייער בונד. ווי נאָר פריעדריך איז אָנגעקומען אַטאַקירען רוים, זיינען איהם אַלע בעפאַלען פון אַלע זייטען אויף איינמאָל, און ער איז קוים מיט זיין לעבען ענטלאָפען.

אין 1174 פּרובירט ער נאָכאַמאָל זיין גליק אַבער ער ווערט ווידער געשלאָגען. מיט צוויי יאָהר שפּעטער קומט ער ווידער אַבער, דיעזעס מאָל איז ער שוין געפאַלען אין די הענד פון פּאַבסט אַלעקסאַנדער, און איז געצוואונגען געוואָרען צו אונטערשרייבען אַ וואַפען־שטישטאַנד פאַר 6 יאָהר. איטאַליען האָט דאָ נישט געוואָלט אויספיהרען אַ ראַכע געגען איהם וויל, אַלעס וואָס עס האָט געוואָלט איז געוועזען: מנוחה. אַ ראַכע וואָלט בלויז פערלענגערט דעם קאַמף, די דייטשען פון דער היים וואָלטען דאָס זיכער נישט פערשוויגען. דער וואַפענשטילשטאַנד האָט ביידע צדדים געגעבען די געלעגענהייט זיך איינצושטילען דעם כעס. צו ענדע פון דיעזען טערמין איז פריעדריך אויך איינגעגאַנגען אויף אַ פּערמאַנענטען שלום וואָס האָט אָנגעהאַלטען ביז זיין טוידט (1190).

ווי נאָר דאָס איטאַליענישע פאָלק האָט זיך געפיהלט פריי פון דר'אויסען האָבען זיי גלייך צוגעלאָזען די פלאַמען פון די פערשיעדענע פּאַרטייען וועלכע זיינען קיינמאָל אויסגעשטאָרבען. דיעזעס מאָל איז עס געוועזען אַ קאַמף צווישען די קלעריקאַלע און די אַנטי־קלעריקאַלע. עס איז דעמאָלט געוועזען אַ פראַנצויזישער פּאַבסט, קלעמענס דער פינפטער. די קלעריקאַלע האָבען דאַרום איינגעלאַדען די פראַנצויזען צו קומען אונטערדריקען די אַנטי־קלעריקאַלען. די סיציליאַנער האָבען די פראַנצויזען פערטריבען. דער פּאַבסט האָט אַריבערגעפיהרט דעם פּאַבסטליכען שטוהל נאָך פראַנקרייך אין אַוויניאָנג, ד.ה. אַז די פּאַבסטען האָבען אויפגעגעבען זייער רעכט זיך צו מישען אין די איטאַליענישע אַנגעלעגענהייטען. די פּאַבסטליכע בעגלייטער האָבען אין אַוויניאַנג געמאַכט אַ זעהר שלעכטען איינדרוק. מען האָט דאָרט גענומען ריידען פון עהנליכע סקאַנדאַלען וואָס פלעגען זיך הערען אין רוים. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט זיי

געגעבען צו פערשטעהן אַז רוים איז פאַר זיי אַ בעסערער פּלאַץ. זיבען פּאַבסטען האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין אַוויניאָנג פון 1309 ביז 1377. פּאַבסט גרעגאָר האָט זיך צוריקגעצויגען פון אַוויניאָנג נאָך רוים, כלומרשט צו מאַכען שלום צווישען די שטרייטענדע. אין 1453 האָט זיך גענומען ווייזען אַ אונפערמיידליכער שונא פאַר איטאַליען. די טירקען זיינען אַריין אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין אַ צייט ווען דאָס מאַהאָמעדאַנערטום האָט געבושעוועט ווי אַ ווילד פייער. זיי זיינען שוין אַריין אין אָטראַנטאָ, אַן איטאַליענישער האַפען צווישען דעם אַדריאַטישען און דעם יאָנישען ים. זיי האָבען פערכאַפּט איניגע איטאַליענישע האַנדעלס קאָלאָניען, דער פּאַבסט איז אַרוים מיט אַ געוואַלד פון געפאַהר פאַר דעם קריסטענטום. דאַרויף האָבען זיך אַלע פאַר דערצייט פעראייניגט געגען די טירקען, אָבער זיי זיינען אַוועק דערפון מיט אָהן אַ סכנה. די טירקען האָבען זיך געלאָזט געהן אויף אונגאַרן.

זעקסטע פעריאָדע—(1453-1861)

ביי דיעזער צייט איז איטאַליען געוועזען אין זעהר גוטע עקאָנאָמישע אומשטענדען. דער גרעסטער טייל פון דעם האַנדעל איז ביי יענער צייט געפיהרט געוואָרען דורך דעם מיטלענדישען און דעם אַדריאַטישען ים. די איטאַליענישע האַפענס אַמאַלפי, פּיסאַ, גענואַ און ווענעציאַ זיינען געוועזען זעהר גוט פּאַטראָניזירט. די קרייץ-ציגע (ז.ד.) האָבען איהר אויך אַריינגעטראָגען פיעלע געראַבירטע אוצרות. זיי האָבען אָבער קיינמאָל אויפגעגעבען זייערע צאַנקערייען צווישען זיך. דאָס איז געוועזען אַ גוטע געלעגענהייט פאַר פיעלע פרעמדע זיך אַריינצומישען. דערפאַר זעהען מיר אין יאָהר 1415 אַרגאָניען און סיציליען אונטער דער שפּאַנישע הערשאַפט, שפּעטער אויך נעאַפּעל. אין דער מיטע פון 14טען יאָהר-הונדערט האָבען 5 וועלט-מעכטע געהערשט אין איטאַליען. די פראַנצויזען, די שפּאַניער, די דייטשען, די עסטרייכער און די אונגאַרן. שפּאַניען האָט איהר טייל געהאַלטען אָנדערהאַלבען הונדערט יאָהר. אונטער דיעזע צייט האָט זי עס אויסגעזויגען ביז דאָס לעצטע. קוקענדיג אויף די גלייכגילטיגקייט פון פאָלק צו אַזעלכע טהאַטען האָבען זיך אַלע פרעמדע הערשער געפיהלט זיכער מיט זיי צו טהון וואָס עס האָט זיך זיי געוואָלט. זיי האָבען אויך פון זיי אַוועקגענומען דאָס געפיהל פון זעלבסטשטענדיגקייט. פון 1530 ביז 1796 האָט איטאַליען גאָרנישט געהאַט אַן אייגענע געשיכטע. דיעזע גאַנצע צייט איז פערנומען געוואָרען מיט דיספּוטען צווישען פרעמדע הערשער איבער איטאַליען. אַפילו די מלחמות צווישען די דיספּוטאַנטען זיינען אויפגעפיהרט געוואָרען אויף דעם איטאַליענישען באָדען מיט פרעמדע אַרמייען, פערוויסטענדיג איטאַליענישע דערפער און שטעדט. אין אַפּריל פון יאָהר 1713 איז דאָס לאַנד גאָר צוטיילט געוואָרען צווישען די פרעמדע הערשער דורך אַ פערטראַג אין אוטרעכט. אין 1796 האָבען די פראַנצויזען גענומען פערכאַפּען גאַנץ איטאַליען נאָר די עסטרייכער האָבען זיי איינגעהאַלטען. דער סוף דערפון איז געוועזען, דאָס נאָך אַ צוואַנציג יעהריגען צאַנק האָבען ביידע דעם ווענעציאַנישען שטאַאַט צווישען זיך פערטיילט. דיעזע פערטיילונג איז געמאַכט געוואָרען דורך אַ פערטראַג אין קאַמפּאָ פאָרמינאָ אין 1797. אַ יאָהר שפּעטער האָט באָנאַפּאַרטע אָבגעזעצט דעם פּאַבסט פּיוס ד. 6טען. אַ יאָהר שפּעטער האָט דער רוסישער גענעראַל סואוואַראָוו געשלאָגען די פראַנצויזען ביי טרעביאַ, ביי דערזעלבער

ציַיט האָט באָנאַפּאַרטע געשלאָגען די עסטר. ביי מאַרענגאָ. אין 1802 ווערט איטאַל. ער קלעהרט אַלס אַ רעפּובליק מיט באָנאַפּאַרטע אַלס איהר פּרעזידענט. אין 16טען מאַי פון 1805 ווערט באָנאַפּאַרטע געקרוינט אַלס איטאַליענישער קעניג און איטאַליען איז פּראָקלאַמירט געוואָרען אַלס אַ פראַנצויזישע אַבהענגיגקייט. די איטאַליענישע סאָלדאַטען וועלכע האָבען געדיענט אין די פראַנצויזישע אַרמייען, זיינען דורך דער איינהייט פון זייער לעבענס־וויזע, געוואָרען בעאיינפלוסט פון אַן אַלגעמיינעם פּאַטריאָטיזמוס. די גרויסע פראַנצויזישע נצחונות מיט דער הילפע פון איטאַליענישע סאָלדאַטען האָט געהאַט אַ גינסטיגען איינפלוס אויף גאַנצען איטאַליענישען פאָלק. עס האָט זיך גענומען פיהלען בכות עפּיס צו טהון, אויך פאַרזיך ווען נייטיג. דאַרין ליגט אייגענטליך דער קרן אוים וועלכען עס איז אַרויסגעוואַקסען דער ערפאָלג פאַר דעם בעפרייאונגס־קאַמף.

דער אָנהויב פון דער בעפרייאונג

אין יאָהר 1831 האָט מאַזיני (ז.ד.) געגרינדעט די רעוואָל. פּאַרטיי "יונג־איטאַליאַ" מיט דעם צוועק צו פערטרייבען יעדען הערשער פון איטאַליען, און דאָס פאָלק צו אָרגאַניזירען אונטער אַ רעפּובליק. דאָס איז געוועזען די ערשטע אונטערנעהמונג פאַר די גרעסטע אידעע איבער דעם האַלב־אינזעל. די פּאַרטיי איז איינגעגאַנגען אויף אַ רעוואָלוציאָנערען פּראָגראַם מיט אַ קאָנספּיראַטיווע און אַן אָפענע טאַקטיק. ער האָט איהר פריהער אָרגאַניזירט אין אויסלאַנד, און דאַן אין איטאַליען. די ציַיט איז רייף געוועזען פאַר אַן אויפשטאַנד שוין פון לאַנג. קעניג פערדינאַנד II פון שפּאַניען האָט טיראַניזירט נעאַפּעל מיט סיציליען דורך בעצאָהלטע שווייצאַרישע סאָלדאַטען. ער האָט אַלע געפענגניסע געפילט מיט פּאָליטישע פערדעכטיגטע. 13,000 פון זיי זיינען געוועזען געפאַנגען און 19,000 האָבען זיך בעהאַלטען. דער הערצאָג פון מאָדענאַ האָט ווידער טיראַניש געהערשט איבער דעם פאָלק פון מאָדענאַ מיט אַ יעזואיטישען אַבסאָלוטיזמוס. קייזער פראַנץ יאָזעפס רעגיערונג איז געהאַסט געוואָרען אימער שאַרפער. עס זיינען געוועזען די פיהרער פאַר אַן אויפשטאַנד נאָר זיי האָבען זיך נישט געקאָנט אייניגען איבער דעם פאָרם פון דער נייע רעגיערונג איינצואָרדנען נאָכהער. מאַזיניס גלענצענדע פעדער און קלינגענדע צונג האָט דאָ געשאַפען די נייטיגע ווענדונג. שוין אין מאַרסייל, זשענעוואַ און לאָנדאָן האָט ער געמאַכט פון די איטאַליענישע קאַטערינטשיקלעך גרויסע העלדען פאַר דער רעוואָלוציע. מאַזיני האָט געשריבען צום קעניג קאַרלאָ אַלבערטאָ פון סאַרדיניען, ער זאָל מאַכען אַן אויפשטאַנד צו בעפרייען איטאַליען פון די פרעמדע הערשער; ווייל מאַזיני האָט צו איהם געשריבען בלשון זיינס־גלויבען, האָט דער קעניג נישט געענטפערט. מאַזיני האָט איהם דערפאַר גערופען "פעררעטהער פון פאָלק", און איז אין 1833 מיט אַ פּאָאָר הונדערט אַריבער די שווייצאַרישע גרענעץ, און געמאַכט די ערשטע אונגעלונגענע אַטאַקע אויף סאַוואָי. דאָס האָט אָבער אויפגעוועקט די געלעהרטע פון איטאַליען פון זייערע רוהיגע דיסקוסיעס. זיי האָבען געוואוסט אַז מאַזיני איז סאָציאַליסטיש געזונען. זיי האָבען מורא געהאַט אַז ווען זיי וועלען נישט אונטערקומען מיט זייער אַנטייל וועט די רעוואָלוציאָן פערקריכען צו־וויַיט. זיי האָבען דאַרום געגרינדעט אַ פּאַרטיי, אויך אַ רעוואָלוציאָנערע, נאָר מיט אַ קאָנסטיטוציאָנעלען פּראָגראַם. אייניגע יאָהר זיינען פאָריבער מיט דיסקוסיעס אונטער דער ציַיט וואָס בלוט פערגיעסונגען זיינען אָנגעגאַנגען איבער דעם

גאַנצען לאַנד, מיט קיין האָפנונג פאַר אַ זיעג אויף אירגענד וועלכען צד. דערווייל האָט זיך אָנגעריקט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1848. גאַנץ עוראָפּאַ האָט זיך געטרייסעלט ווי אַ אויסברעכענדער וואולקאַן. דער פרייהייטס־רוף האָט אָבגעהילכט אין אַלע לופטען. אַלע אונטערדריקטע עלעמענטען האָבען זיך גענומען בעוועגען, און איטאַליען, די שכנה פון פראַנקרייך, האָט נאַטירליכער ווייזע נישט געקאָנט בלייבען גלייכגילטיג צו אַזאַ גוטע געלעגענהייט. מאַזיניס גליק האָט איהם צוגעפיהרט צוויי פערזאָהנען פון גרויסער וויכטיגקייט, גאַריבאַלדי און קאַוואָור. דער ערשטער אַ קריעגס־העלד נאָך אָהן אַ קריעגס רעפּוטאַציע און דער צווייטער, אַ דיפּלאָמאַט מיט אַ קליינע פערגאַנגענהייט. ביידע זיינען זיי אָבער געוועזען בעגייסטערט מיט אַ פייער וועלכער האָט געוויזען ליכטיג גענוג אַז זייער צוקונפט איז אַ היסטאָרישע. גאַריבאַלדי איז געוועזען אַ קינד פון אָרימע עלטערען און קאַוואָור אַ קינד פון דעם אַדעל־קלאַס. ביידע זיינען נישט געוועזען אַזוי וויט ראַדיקאַל ווי מאַזיני. זיי האָבען אָבער געגלויבט אַז מאַזיני איז פערנונפטיג איינצוגעהן אויף דאָס מעגליכע. קאַוואָורס דיפּלאָמאַטיע איז געוועזען פיעל עפעקטיווער ווען ער האָט דערוויזען צוריקצוהאַלטען די וועלט־מעכטע פון זיך אַריינמישען פאַר דערצייט פון דעם פּראָגרעס פון דער רעוואָלוציע. ער האָט אויפגעשפּיעלט אַ פעראייניגונג פון די פראַנצויזען מיט די איטאַליענער געגען עסטרייך. זיין אָבמאַך מיט פראַנקרייך איז געוועזען, אַז ווען די עסטרייכער וועלען פערטריבען ווערען פון איטאַליען, זאָל פראַנקרייך קריעגען סאַוואָי און ניצאַ. פאַר אַ פּראַקטישען פּלאַהן איז עס נייטיג געוואָרען צו וועהלען איין קעניג פון די פיעלע קליינע וואָס האָבען דעמאָלט געהערשט איבער די קליינע שטאַאַטען אין איטאַליען, אַלס אַ פּראָטעקטאָר איבער דער רעוואָלוציע. אויף קאַוואָורס פאָדערונג איז געוועהלט געוואָרען דער קעניג פון סאַרדיניען. דיעזער קעניג האָט געגעבען זיין וואָרט, אַז ווען די רעוואָלוציע וועט זיין ערפאָלגרייך, וועט ער זיין קאָנסטיטוציע מאָדיפיצירען זו זאָל זיך צופּאַסען פאַר אַ פעראייניגטעס איטאַליען; און ער האָט אויך זיין וואָרט געהאַלטען.

דאָ איז כדאי צו שטודירען די ביאָגראַפיען פון "גאַריבאַלדי", "מאַזיני", און "קאַוואָור".

עס איז געוועזען אין 1858 ווען קאַוואָור האָט אָבגעשלאָסען מיט לואי נאַפּאָליאָן באַנאַפּאַרטע די פעראייניגונג מיט איטאַליען געגען עסטרייך. דאָס האָט ער געטהון נאָכדעם דעם ווי ער האָט זיך זיכער געמאַכט מיט דער ענגלישער נייטראַליטעט. ווען עסטרייך האָט געפאָדערט פון סאַרדיניען זי זאָל זיך ענטוואָפנען האָט נאַפּאָליאָן זיך צוגעריקט צו די אַלפּען אַריבערצומאַרשירען אויף דעם ערשטען סיגנאַל. וויטאָרע עמאַנועלאַ האָט ערעפענט דאָס ערשטע איטאַליענישע פּאַרלאַמענט, און זיין ערשטער אַקט איז געוועזען צו ערקלעהרען קריעג געגען עסטרייך. באַלד דאַרויף האָבען נאַפּאָליאָנס אַרמייען אַריבער מאַרשירט די אַלפּען, גאַריבאַלדי פון איין זייט און מאַזיני פון דער אַנדערע זייט האָבען אַטאַקירט די פעסטונגען פון עסטרייכישע גאַריסאָנען. דער ערפאָלג איז געגאַנגען אויף איטאַליענס זייט און די עסטרייכישע קאָמאַנדאַנטען מאַגענטאַ און סאָלפעריגאָ זיינען געוועזען די ערשטע צו ענטלויפען. נאַפּאָליאָן האָט דערגרייכט דאָס דאָרף פראַנקאַ, וואו ער האָט זיך בעגעגנט מיט קייזער פראַנץ יאָזעף. ער איי

עפּעס ווי פון אַ כישוף אָבגעשטעלט געוואָרען ער האָט בעת המעשה מורא בעקומען אַז עסטרייך זאָל גלייך נישט אָנגרייפען פראַנקרייך דורך דעם רהיין, און ער איז איינגעגאַנגען מיט פראַנץ יאָזעף אויף אַ וואַפען־שטילשטאַנד אָהן זיך צו בעראַטהען מיט זיינע פערבינדעטע. ער האָט שפּעטער אין פּלאָמביע ערקלעהרט, אַז זיין אַבזיכט איז געוועזען בלויז פריי צו מאַכען די איטאַליענער פון די אַלפּען ביז דעם אַדריאַטישען ים. גאַריבאַלדי, מאַזיני און קאַוואָור האָבען געטראַכט אַז עס איז בעסער פאַר זיי פאָרטצוזעצען די רעוואָלוציע ווי זיך אָבשטעלען דיסקוטירען איבער די עוולה וואָס איז דאָ געטהון געוואָרען. זיי האָבען דעם קאַמף גענומען אויף זיך אַליין.

די פאָרטזעצונג פון קאַמף געגען די עסטרייכער איז געגאַנגען ראַש נאָכאַנאַד. מיט יעדע נייע פערטרייבונג פון די עסטרייכער איז אַ איטאַליענישע פּראָוויזאָרישע פערוואַלטונג אויפגעשטעלט געוואָרען. גאַריבאַלדיס פּראָגרעס איז געוואָרען אַ טויד־שרעק אַפילו צום סאַרדינישען קעניג. דיעזער האָט געוואוסט גאַריבאַלדיס סאָציאַליסטישע אַנזיכטען, און ער האָט מורא בעקומען אַז פון דיעזע נצחונות זאָל נישט אַרויסקומען אַ נידערלאַגע פאַר דער גאַנצע וועלט. נאַפּאָליאָן האָט זיך צוריקגעצויגען, און געלאָזט וויסען, אַז ער לאָזט איבער די רעוואָלוציע אַ פרייע האַנד. דאָ איז בעקאַנט געוואָרען דער אָבמאַך צווישען קאַוואָור און נאַפּאָליאָן וועלכער איז פאַר דער גאַנצע צייט געהאַלטען געוואָרען בסוד. גאַריבאַלדי איז אויפגערייצט געוואָרען געגען קאַוואָור ווייל, ניצאַ איז געוועזען זיין געבורטס־שטאַט. ווען ער האָט דאָס דערהערט האָט ער אויסגערופען: "קאַוואָור האָט מיך געמאַכט פאַר אַ פרעמדער אין מיין אייגענע היים!". אַ שינאה איז זייט דעמאָלט געוואָרען צווישען זיי. קאַוואָור פיהלענדיג די וויכטיגקייט פון גאַריבאַלדיס אַרבייט איז אַרויס פון דער עפענטליכקייט, בכדי אויסצומיידען אַ ברידער־קאַמף, זיי האָבען זיך אַבער שפּעטער איבערגעבעטען. קעניג עמאַנועל האָט מורא געהאַט אַז גאַריבאַלדי זאָל איהם נישט בעזייטיגען צוליעב זיינע סאָציאַליסטישע אידעען. צו זיין ערשטוינונג האָט ער זיך בעגעגנט מיט איהם אויף אַ זיעג־צוג, און גאַריבאַלדי האָט אויסגערופען: קעניג פון איטאַליען!, דערויף האָט עמאַנועל געענטפערט: איך דאַנק אייך. ביידע האָבען זיי דאַן פאָרטגעזעצט דעם צוג נאָך נעאַפּעל.— נאָך אַ צוויי יעהריגען קאַמף מיט די פערשיעדענע איטאַליענישע שטאַאַטען איז איטאַליען בעפרייט געוואָרען און פעראייניגט אין דעם יעצטיגען שטאַאַט, וועלכער איז אויבען בעשריבען אונטער דעם אָבשניט: "קאָנסטיטוציע". ווייטערע וויכטיגע פּאַסירונגען זיינען היער קראָנאָלאָגיש פערצייכענט:

1861 ענגלאַנד אַנערקאָנט דאָס נייע פעראייניגטע איטאַליען אין 31טען מערץ.

" דער פּאַבסט האָט פּראָטעסטירט געגען דעם פעראייניגטען איטאַליען אין 15 אַפּריל.

" קאַוואָור פאָרמירט דאָס נייע מיניסטעריום, אין וועלכען ער שליעסט איין מיטגליעדער פון אַלע אַמאָליגע שטאַאַטען, אין אַפּריל.

" קאַוואָור שטערבט אין 6טען יוני, ווען 52 יאָהר אַלט.

" פּאָרטוגאַל און בעלגום אַנערקאָנען דאָס נייע איטאַליען אין 1שטען אָקט.

1862 פּרייסען אַנערקאָנט איטאַליען אין 1טען מערץ.

" רוסלאַנד אַנערקאָנט איהר איז 3טען יולי.

„ גאַריבאַלדי לאָזט אַרויס זיין לעצטע
פּראָקלאַמאַציע, דעם 25טען אַוג.

1866 איטאַליען פעראייניגט זיך מיט פּריי־
סען אין 12טען מאַי, און ערקלעהרט
קריעג געגען עסטרייך.

„ איטאַליענישער קעניג מאַרשירט מיט
זיין מיליטער געגען עסטרייך און
ווערט געשלאָגען ביי קוסטאָזאַ אין
24טען יוני.

„ גאַריבאַלדיס וואָלונטיערס ווערען גע־
שלאָגען ביי מאָנטע־סועלאָ אין 4טען
יולי.

„ איטאַליענישע פלאָטע געשלאָגען פון
די עסטרייכשע ביי ליסאַ, אין 20טען
יולי. 2 טאָג שפּעטער ווערט אויך
איהר מיליטער געשלאָגען ביי ווערסאַ.

„ געשלאָסען שלום מיט עסטרייך אין
3טען אָקטאָבער.

„ פּאַרלאַמענט ערעפענט פון קעניג אין
15טען דעצ. וואו ער ערקלעהרט אַז
איטאַליען געהער יעצט צו זיכזעלבסט.

1867 גאַריבאַלדי מאַרשיערט אויף רוים,
ווערט אָבער פון דעם איטאַליענישען
מיליטער געפאַנגען, און פערשיקט נאָך
אַלעסאַנדראַ אין 23טען סעפּט. 4 טעג
שפּעטער ווערט ער אַריבערגעפיהרט
נאָך קאַפּרעראַ; ער ענטלויפט פון דאָרט
ער ווערט געפאַנגען און צוריקגעשיקט
אין 2טען אָקט. 13 טעג שפּעטער ענט־
לויפט ער ווידער. אין 22טען אָקט:
מאַכט ער בעקאַנט אין פלאָרענץ אַז
ער געהט אויף רוים, 3 טעג שפּעטער
ווערט ער געשלאָגען ביי וויטערבאָ;
צוגלייכער צייט זיעגט ער אָבער איבער
די פּאַבסטליכע אַרמיי אויף דער רוי־
מישער טעריטאָריע. וויקטאָר עמאַנועל
לאָזט אַרויס אַ פּראָקלאַמאַציע געגען
גראַבאַלדיס פּראָגרעס אין רוים. פראַנ־
צוויזישע און איטאַליענישע סאָלדאַטען
זיינען אָנגעקומען אין רוים צו שטיי־
רען גאַריבאַלדי אין זיין פּראָגרעס.
זיי שלאָגען איהם ביי מאַנטואַ און
נעהמען איהם מיט זיין זוהן געפאַנ־
גען. מאַזיני מאַכט אַן אַפּיעל, און
דאָס פּאַרלאַמענט פּראָקלאַמירט אַן אַמ־
נעסטי פאַר גאַריבאַלדי מיט זיינע
מענשען, אין 5טען דעצ.

1870 ווערט מאַזיני אַרעסטירט אין פּאַלער־
מאָ און פערשיקט נאָך גאַעטאַ אין
14טען אויגוסט.

„ דער קעניג שיקט צום פּאַבסט אַ בריעף
אין 8טען סעפּט. בעווייזענדיג אַז
רוים דאַרף זיך אָנשליעסען אין דעם
פעראייניגטען איטאַליען. 4 טעג שפּע־
טער ווערט דאָס איטאַליענישע מילי־
טער אַרויפגעשיקט אויף דער רוימי־
שע טעריטאָריע. דאָס פּאַבסטליכע
מיליטער שטעלט זיך דאַגעגען, עס
ווערט געשלאָגען, גענעראַל קאַדאָרנאַ
קומט אָן מיט זיין מיליטער אין רוים
דעם 20טען סעפּט. אַן אָבשטימונג פון
פאָלק אין רוים צייגט 133,681 צו־
גונסטען און 1507 געגען די איינ־
שליעסונג פון רוים אין דעם איטאַ־
ליענישען טשאַאַט.

„ אין 16טען אָקטאָבער ערקלעהרט דער
קעניג אַן אַמנעסטי פאַר מאַזיני מיט
אַלע זיינע סאָלדאַטען.

1871 ווערט רוים די רעזידענץ פון איטאַל.
אַנשטאָט פלאָרענץ.

1873 ווערען די יעזואיטען פערטריבען פון
איטאַליען.

1874 די ענטשטעהונג פון דער קאַמאָרראַ,
מאַפּיאַ, און דער בריגאַנטיאַגיאַ (ז.ד.)
וועלכע האָבען ביי יענער צייט טעראָ־
ריזירט דאָס גאַנצע זידליכע איטאַ־

ליען, און עקזיסטירען נאָך היינט בעהאַלטענערהייט.

1875 גאַריבאַלדי ערשיינט אין רוים, נעהמט זיין זיץ אין פּאַרלאַמענט, שווערט טריי־הייט צום קעניג, ווערט אויפגע־נומען מיט שטורמישע אָוואַציעס אין יאַנואַר 24.

1882 גאַריבאַלדי שטערבט אין 2טען יוני. אין זיין צוואה פערלאַנגט ער פער־ברענט צו ווערען, אָבער דאָס פאָלק האָט דיעזע צוואה געבראָכען, און איהם געגעבען אַ פאָלקס־לויה.

„ האָט איטאַליען געשלאָסען אַ דריי־בונד מיט דייטשלאַנד און עסטרייך.

1888 ווערט אָבגעשאַפט דער טוידט־שטראָף, איטאַליען הויבט אָן אַ לאַנגע מלחמה מיט אַבעסיניען צוליעב אַ האַפען־שטאָדט ביים רויטען ים.

1894 הויבט זיך אָן אַ טהעטיגקייט פון אַנאַרכיסטען, זייער ערשטער אַקט איז געוועזען, אַן אַטענטאַט אויף קריספּי, און דער צווייטער, דער מאָרד פון סיניאָר באַנדי, אַ צייטונגס אייגענ־טימער, דערפאַר ווייל זיין צייטונג האָט געפאָדערט שטרענגע מאַסרעגעל געגען די אַנאַרכיסטען. 2500 אַנאַר־כיסטען זיינען אַרעסטירט געוואָרען. אַ געזעץ איז אַרויס צו אונטערדריקען אַלע רעוואָלוציאָנערע פעראיינען, אַפילו אויך די פריעדליך סאָציאַ־ליסטישע אָרגאַניזאַציעס.

1896 ווערט דאָס איטאַליענישע מיליטער געשלאָגען פון די אַבעסיניער ביי אַדואַ און אין 16טען נאָוועמבער ענדיגט זיך דער קריעג מיט אַ זיעג פאַר אַבעסיניען.

1900 מאַכט דער אַנאַרכיסט געטאַנאָ ברעסצי אַן אַטענטאַט אויף קעניג הומבערט ביי מאָנצאַ, דער קעניג ווערט געפעהר־ליך געוואונדעט פון אַ קויל, ער שטערבט אין 29טען יולי.

1904 איז געמאַכט געוואָרען די ערשטע דראָטלאָזע פערבינדונג צווישען באַרי איטאַליען, מיט אַנטיוואַרי אין מאָנ־טענעגראָ, דעם 3טען אויגוסט.

„ האָט אין רוים שטאַטגעפינדען אַ קאָנגרעס פון פרייערקער, וועלכער איז בעזוכט געוואָרען פון 400 דע־לעגאַטען.

„ צום ערשטען מאָל וואָס די קלעריקאַלע האָבען אָן אַנטייל גענומען אין די פּאַרלאַמענטאַרישע וואַהלען.

1905 די רעגיערונג נאַציאָנאַליזירט די אייז־זענבאַהנען, פאַר וועלכע זי האָט בע־צאָהלט 420 מיליאָן לירעס.

1906 סיניאָר ערנעסטאָ נאַטאַן, דער ערשטער יודישער מעיער (בירגער־מייסטער) אין רוים, ערוועהלט פון די ראַדי־קאַלען.

1910 די רעגירונג האָט זיך אונטערגענומען צו פלאַנצען וועלדער, וועלכע זאָלען גוט מאַכען מיט האָלץ, וואָס עס פעהלט דאָרט אין קויהלען.

„ אין מערץ האָט אייגעטרעטען דאָס לוצאַטי־מיניסטעריום, זיין מאַיאָריטעט איז אָבער געוועזען קוים 190, צוליעם דעם פערראַטה פון אייניגע ראַדיקאַלע מיטגליעדער איז דיעזעס מיניסטעריום געפאַלען אַ פּאָאַר מאָנאַט שפּעטער.

„ דער קעניג עמאַנועל שיקט רופען סיניאָר ביסאָלטי, דעם סאָציאַליסטי־שען פיהרער, זיך מיט איהם דורכ־צוריידען וועגען דעם מיניסטעריאַלען קריזיס. דיעזע טהאַט האָט אַרויסגע־רופען ערשטוינונג איבעראַל.

„ איטאַליען פייערט דעם 50 יעהריגען

יובילעום פון איהר אייניגקייט. דער
פּאַבסט האָט אַרויסגעלאָזען אַן אויפ־
רוף צו די קאַטאָליקען, זיי זאָלען
טרויערן אַ גאַנץ יאָהר, ווייל דאָס
איז דער 50ציגסטער יאָהר וואָס דער
וואַטיקאַן האָט פערלוירען זיין וועלט־
קראַפט.

„ אין מאָנאַט יולי האָט אויסגעבראָכען
די אַזיאַטישע חלי־רע.

1911 ערקלעהרט איטאַליען קריעג צו דער
טירקיי, זי אַטאַקירט טריפּאָלי און
שטורמט עס אָהן גרויסען ווידער־
שטאַנד, זינקט 3 טירקישע טאָרפּעדאָ־
שיפען ביי פּרעוועזאַ, באָמבאַרדירט
די פעסטונג פון טריפּאָלי אין 3טען
אָקט., אין 5טען לאַנדעט זי 2 באַטאַל.
מאַטראָזען און סאָלדאַטען, און בע־
זעצט טריפּאָלי מיט 25,000 סאָדאַטען.

די טהאַט ווערט פערדאַמט פון דער
איטאַליענישע פּרעסע און ווערט אָנ־
גערופען "אַ מיליטערישע סטראַטעגי"
צו פאַרשטעלען דעם פראַנצויזישען
פּראָגרעס אין מאָראָקאָ. אויך די סאָל־
דאַטען האָבען געוויזען זייער אונצו־
פריעדענהייט דאַביי. פיעלע זיינען
ענטלאָפען. עס איז בלויז די שוואַכ־
קייט פון דער טירקיי וואָס האָט
מעגליך געמאַכט אַזאַ גרינגען ערפאָלג.

1912 דער פּראָצעס פון דער קאַמאָראַ וואָס
האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַ יאָהר
צוריק האָט זיך געענדיגט אין 9טען
יולי. 650 עדות זיינען עקזאַמענירט
געוואָרען, די ריכטער האָבען געהאַט
300 זיצונגען אין דיעזען פּראָצעס.

„ אַן ערפאָלגלאָזער אַטענטהאַט איז גע־
מאַכט געוואָרען אויף דעם קעניג פון
דעם אַנאַרכיסט ד'אַלבאַ. ביידע קוילען
האָבען נישט געטראָפען זייער ציעל.
ד'אַלבאַ האָט בעקומען 30 יאָהר גע־
פענגניס.

„ אין אָקטאָבער איז דער קריעג מיט
דער טירקיי געשלאָסען געוואָרען,
בלויז אויף איין צד. איטאַליען האָט
ערקלעהרט אַז, אַזוי ווי זי פערלאַנגט
נישטס מעהר האָט זי נישט נייטיג
די צושטימונג פון דער טירקיי.

1914 אין דעצעמב. האָט פּרעמיער סאַלאַנד־
ראַ ערקלעהרט אין פּאַרלאַמענט אַז
זיין מיניסטעריום האָט בעשטימט צו
האַלטען אַ בעוואָפענטע נייטראַליטעט
צו דער וועלט־מלחמה. די סאָציאַליס־
טען האָבען דאַרויף פּראָטעסטירט.

1915 אַן ערד־ציטערנים האָט חרוב געמאַכט
דאָס שטעדטעל אַזעוואַנאָ. פון דער
11,000 בעפעלקערונג זיינען ניצול
געוואָרען בלויז 800. אַנדערע שטעד־
טלעך וואָס האָבען דאַביי געליטען
זיינען: צעלאַנאָ, סקורקאָלאַ, באַלסאָ־
ראַנאָ, קאָלאַרמעלע, און אַרפּינאָ.

„ אין מאַי האָט דער איטאַליענישער
פּאָעט גאַבריעל ד'אַנונציאָ געגעבען אַ
פייעריגע ריידע: "די נאַציאָנאַלע אי־
דעע", אין וועלכער ער האָט אויפגע־
פאָדערט דאָס איטאַליענישע פאָלק, עס
זאָל זיך אָנשליעסען אין די רייהען
פון די אַליערטע געגען די צענטראַל־
מעכטע.

דער וועלט־קריעג

„ אין 24טען מאַי האָט איטאַליען אָב־
געבראָכען דעם דריי־בונד, האָט ערקלעהרט
קריעג אויף איהרע פערבינדעטע, און אַרויס
געלאָזען פאָלגענדע ערקלעהרונג:— פאַר דער
גאַנצע צייט פון אונזער פערבינדונג זיינען
מיר בעהאַנדעלט געוואָרען נישט מיט דעם
רעספּעקט וואָס אונז קומט. די איטאַליענער
אין עסטרייך זיינען בעהאַנדעלט געוואָרען

זעהר שלעכט. עסטרייך האָט פערכאַפּט באָס־ניאַ־הערצעגאָווינאַ מיט דער צושטימונג פון דייטשלאַנד, אַבער ביי אונז האָט מען גאָר נישט אָנגעפרעגט. ביידע האָבען זיי ערקלעהרט קריעג אויף סערביען אָהן ביי אונז צו פרעגען. מיר קאָנען נישט בלייבען אין אַזאַ בונד. מיר קאָנען נישט בלייבען נייטראַל ווייל מיר זיינען אַרומגערינגעלט מיט קעמפענדע פּאַרטייען אויף אַלע זייטען. אַזאַ נייטראַליטעט קאָסט אונז פיעל שאַדען און גיט אונז קיין האָפנונג אויף שאַדענ־ערזאַץ. די דייטשע אַגענטען וואָס האָבען זיך אָנגעזאַמעלט אין אונזער לאַנד, מאַכען אַ נייטראַליטעט אונמעגליך. זיי העצען אונזער פאָלק צום אויפשטאַנד. אין מילאַן האָבען זיי אונז פעראורזאַכט פיעל שאַדען אין לעבען און אין אייגענטום. די קאָנ־צעסיעס וואָס מען האָט אונז אָנגעבאָטען פון דייטשלאַנד צו בלייבען נייטראַל נעהמען מיר נישט אָן ווייל, דייטשלאַנד האָט גע־וויזען אַז זי קאָן צורייסען אַן אונטער־שריפט ווען עס געפעלט איהר.

דער פאָרגאַנג פון דעם קריעג אויף דער איטאַליענישער זייט איז בקיצור אַזוי:— 1916 דעם 16טען מאַי האָט עסטרייך אָנ־געהויבען אַטאַקירען איטאַליען ביי טרענ־טינאָ. דעם 9טען פון אויגוסט האָט גענעראַל קאַדאָרנאַ גענומען גאָריציאַ פון די עסטרייי־כער. אין 24טען אויגוסט פון 1917 נעהמען די איטאַליענער מאָנטאָ סאַנטאָ. אין 24טען אָקטאָבער נעהמען די עסטרייכער קאַפּאָרעטאָ, און 4 טעג שפּעטער נעהמען זיי צוריק גאָריציאַ. אין 6טען נאָוועמבער ציהען זיך די איטאַליענער צוריק אויף דער ליניע פון פּאַוויאַ. אין 4טען נאָוועמבער פון 1918 האָבען די איטאַליענער געמאַכט זייער לעצ־טע אַטאַקע אויף עסטרייך, בעת די בולגאַרען האָבען זיך שוין אונטערגעגעבען. די עסט־רייכער האָבען דעמאָלט שוין נישט מעהר געענטפערט ווייל דייטשלאַנד איז שוין גע־ווען געבראָכען אויף אַלע פראָנטען.

די קאָסטען פון קריעג זיינען געוועזען ביז נאָוו. 1918 בערך: 49,089,700,000 ליר. 5 מיליאָן סאָלדאַטען האָבען אָנטייל גענומען אויף אַלע פראָנטען. די פערלוסטען זיינען געוועזען:

גע׳הרגט	467,934
פערקריפּעלט	500,000
געפאַנגענע	345,000
געוואונדעט	962,,196

אויף דעם וואַסער האָט זי פערלוירען:

2 קריעגס־שיפען פו	48,770 טאָן
2 געפאַנצערטע קרוזיערס	17,240
1 טאָרפּעדאָ־שיף	,902
4 טאָרפּעדאָ־צושטערער	1,620
2 סוב־מאַרינס	,592

אויף די פראַנצויזישע פראָנטען האָט זי פערלוירען 2391 גע׳הרגטע, אין דער נייווי 3169 דערטרונקענע, האַנדעלס שיפען און שיפעלאַך געזונקען 995, און 72 זיינען פערכאַפּט געוואָרען.

—

1916 האָט דאָס פּאַרלאַמענט געגעבען צו די פרויען דאָס רעכט צו שטימען אין אַלע וואַהלען.

„ האָט די רעגירונג בעשלאָסען צו געבען יעדען סאָלדאַט נאָך דער מלחמה $200 אויב ער וועט זיך נעהמען צו דער ערד־אַרבייט.

1917 איז אַן איטאַליענישע קאָמיסיע גע־שיקט געוואָרען אין דער יונייטעד־סטייטס נאָך פינאַנציעלע הילפע.

אין יאַנ. פון 1918 האָט די רעגיערונג געגרינדעט אַ דעפּאַרטמענט צו שפּייזען און קליידען די פרויען און קינדער פון די סאָלדאַטען. די אַרבייט איז געפיהרט גע־

וואָרען פון 16 צענטערס. די רעגיערונג האָט געהאַט איבער 104,000 קינדער וואָס זיינען געבליבען אויף איהרע הענד.

1919 אין סעפּטעמבער 17 האָט ד'אַנונציאָ מיט אַ קליינע אַרמיי פון אַרדיטי אויפגעשטעלט אַ פּראָוויזאָרישע רעגיערונג, געגען דעם וואונש פון די אַליערטע. איטאַליען איז געצוואונגען געוואָרען פון די אַליירטע דיעזע רעגיערונג אומצואווערפען, און אין 16טען נאָוועמבער איז דאָס אויסגעפיהרט געוואָרען (ז. "פיומע").

1920 אין יוני האָט דער פּרעמיער גילאָטי ערקלעהרט אין פּאַרלאַמענט, אַז דער אימפּאָרט פון איטאַליען בעטרעפט מיט אַ ביליאָן לירעס מעהר ווי דער עקספּאָרט. דער דיפרענץ, זאָגט ער, ווערט ערזעצט מיט דעם וואָס די איטאַליענער פון דער פרעמד, שיקען אַהיים בערך 200 מיליאָן דאָלאַרס יעהרליך צו זייערע פאַמיליעס, און פון די אַמעריקאַנער טוריסטען וואָס ספּענדען 120 מיליאָן דאָלאַרס יעהרליך אין איטאַליען.

אין נאָוו. 1920 האָט איטאַליען זיך אויסגעגליכט מיט יוגאָ־סלאַוויאַ איבער דעם סכסוך פון פיומע.

סאָציאַליזמוס

מאַזיני איז געוועזען געגען דעם סאָציאַליזמוס ווייל ער האָט איהם געפינען פאַר צופיעל מאַטריאַליסטיש. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג פאַר עטהיקס און אידעאַליזמוס. ער האָט געגרינדעט די בעוועגונג Patto di Fratellanza אויף קאָאָפּעראַטיווע און אידעאַלע פּרינציפּען, וועלכע איז אָבער שפּעטער, צוביסלעך אָבגעטרעטען פון די עטהיקס, און איז אַריין אין דער פּראַקטישע געשעפטס־וועלט אַריין. וועגען קאָאָפּעראַציאָנען אין איטאַליען ז. אויבען.

באַקונין האָט אין נעאַפּעל געגרינדעט אַ סעקציע פון דעם "אינטערנאַציאָנאַל" אין יאָהר 1867, און האָט דאָרט ארויסגעגעבען אַ ציימונג "גלייכהייט". אַנדערע סעקציעס זיינען געגרינדעט געוואָרען שפּעטער אין גענואַ, מילאַן, און אין אַנדערע שטעדט פון איטאַליען. דיעזע סעקציעס האָבען בעקעמפט מאַזיניס בעוועגונג מיט אַזאַ אייפער, דאָס די רעגיערונג האָט זיי גענומען אונטערדרוקען. אין 1875 זיינען זיי ווידער אויפגעשטיגען, אָבער די רעגיערונג האָט זיי ווידער אונטערדריקט. זיי זיינען נישט מעהר טאָלערירט געוואָרען ווייל, זיי זיינען געוועזען אַנאַרכיסטען פון דעם ערשטען פייער. אין 1882 האָט זיך געגרינדעט די ערשטע אַרבייטער־פּאַרטיי. די אַנאַרכיסטען האָבען זיך אין דיעזער פּאַרטיי אַריינגעוואָרפען, און דער פאַר האָט די רעגיערונג דיעזע פּאַרטיי פערבאָטען. אַ נייע פּאַרטיי האָט זיך געגרינדעט, און דיעזע האָט די אַנאַרכיסטען אויסגעשלאָסען. אויף איהר ערשטען קאָנגרעס אין גענואַ אין 1892 האָט זיך דיעזע פּאַרטיי ערקלעהרט סאָציאַליסטיש. אַ יאָהר שפּעטער האָט זי אויף דעם קאָנגרעס אין רעגיאָ (רעדזשאָ) אַדאָפּטירט דעם נאָמען Partito Socialista dei Lavoratory Italiani = איטאַליענישע סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי. שפּעטער האָט זיך דיעזע פּאַרטיי געשפּאָלטען אין אַ סאָציאַל־רעפאָרם פּאַרטיי, און אַ רעוואָלוציאָנערע. דער פיהרער פון דער ערשטע איז געוועזען טוראַטי, און דער פון די צווייטע ענריקאָ פעררי. אין דער טאַקטיק זיינען ביידע פּאַרטייען געוועזען מעהר רעוואָלוציאָנער ווי די פון אַנדערע לענדער. אַ סטרייק און אַ רעוואָלוציאָן געהען דאָרט צוזאַמען די אָפּטע בלוטיגע פאָלגען פון די סטרייקס צורייבען דעם מיטעל־קלאַס וועלכער האָט קיין שולד אויף קיין צד. דערפאַר ענדיגען זיך דאָרט די מעהרסטע סטרייקס ערפאָלגלאָז.

דיעזע מיטעל־קלאַסע מיט איהר אונשולד געווינט די סימפּאַטיע פון פאָלק צוגונסטען פון די פאַבריקאַנטען.

די אַגראַר־בעוועגונג שפּיעלט דאָרט אַ גרויסע ראָלע. איהר מיטגליעדערשאַפט איז בערך, אַ פירטעל מיליאָן. זי שיצט איהרע אינטערעסען גאַנץ אונאַבהענגיג פון די איבריגע. זיי העלפט אַמאָל די אַנדערע, אַבער נאָר פון ווייטען.

1920 אין יולי האָבען די אַרבייטער גענומען פאָדערן בעסערע בעהאַנדלונג און העכערען געהאַלט. די פאַבריקאַנטען וועלכע האָבען געטראַכט וועגען שניידען די עקזיסטירענדע פּרייזעס האָבען זיך בעזאָרגט מיט זשאַנדאַרען, צו ענטפערען די אַרבייטער, אויב זיי ווערען פרעך. דער פּרעמיער גילאָטי האָט אָבער דער רעגיערונג געלאָזט וויסען אַז זי דאַרף זיך פערהאַלטען נייטראַל. די זשאַנדאַרען זיינען דערפאַר אָבגעצויגען געוואָרען. דאָס מיליטער איז אָבער פאָרבערייט געוואָרען געגען אַן ערענסטען אויפשטאַנד. די אַרבייטער זיינען אַבער דאַדורך ביי זיך געוואָרען מוטהיגער און שטאַרקער זייער קאַמף פאָרטצוזעצען. זיי האָבען פערנומען די אייזען־פאַבריקען פון טורין און מילאַן. זיי האָבען די פאַבריקאַנטען ערקלעהרט אַז די פאַבריקען וועלען געאַרבייט ווערען אויף שותפות. די רעגיערונג האָט געפינען אַז געוואָרפען אַ שרעק אויף דער רעגיערונג, זי האָט דאַרום אַרויסגעלאָזען אַ דעקרעט, אַז די אַרבייטער האָבען דאָס רעכט צו זאָגען אַ דעה אין דער פערוואַלטונג פון די פאַבריקען, ווי אויך אַ רעכט אויף אַ טייל פון די פּראָפיטען.

די פאַבריקאַנטען און דער מיטעל־קלאַס פון דעם איטאַליענישען פאָלק האָט דאַרין איינגעזעהען אַ שוואַכקייט פון דער רעגיערונג אין איהר קאָנטעסט מיט דעם סאָציאַליזמוס. זיי האָבען מורא געהאַט אַז דאָס וועט אויפמונטערען די אַרבייטער צו פאָדערען אַ באָלשעוויסטישען רעזשים, זיי האָבען זיך דערפאַר פעראייניגט אין אַ פּאַרטיי: "פאַשיסטי". דאָס פּראָגראַם פון דיעזער פּאַרטיי איז צו קעמפען געגען דעם באָלשעוויזמוס, פּאָליטיש אָדער מיט געוואַלד. אַלע פּאַרטייען פון פּאַרלאַמענט האָבען זיך בעטייליגט אין דיעזער בעוועגונג. אַפילו די קאָנסערוואַטיווע סאָציאַליסטען האָבען געהאַט איניגע מיטגליעדער צווישען זיי. זייער מאָטאָ איז געוואָרען: "אַן אויג פאַר אַן אויג". פאַר אַ יעדען פון זיי וואָס ווערט גע'הרגט פון אַ סאָציאַליסט מוז אַ סאָציאַליסט גע'הרגט ווערען. אין 1921 האָבען זיי געצעהלט 100,000 מיטגליעדער צווישען זיך, פערצווייגט אין 400 שטעדט און שטעדטעלעך. זייער טהעטיגקייט האָט געוואָרפען אַ שרעק אויף דער רעגיערונג און די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען האָבען די רעגיערונג געסטראַשעט מיט אַ רעוואָלוציע אויב זי וועט נישט איינהאַלטען די פאַשיסטי. דערויף האָט גלייך דער פּרעמיער אַרויסגעלאָזען אַ בעפעהל, אַז אַלע בירגער זאָלען אָבגעבען זייערע וואַפען, אַבער די אַרבייטער פיהרער האָבען די אַרבייטער געראַטהען, צו בעהאַלטען די וואַפען פאַר אַ נויט־פאַל, איבערהויבט צו פערטהיידיגען די קאָמוניזירטע פאַבריקען.

אין סעפּט. 1920 האָט די איטאַליענער אַרבייטער פּאַרטיי געשטימט אויב איטאַליען זאָל סאָוויעטיזירט ווערען אָדער סינדיקאַליזירט. די שטימען זיינען געוועזען:

סינדיקאַליסטען	591,000
סאָוויעטיסטען	245

די אַרבייטער פּאַרטיי האָט אַרויסגעלאָזען פאָלגענדע קאָנדיציעס, אונטער וועלכע זיי וועלען אָנפיהרען די פערכאַפּטע פאַבריקען:

1) זיי וועלען קאנטראלירען דעם איינקויף פון רויה-מאטריאל.

2) ווי אויך דעם פערקויף פון פערטיגע סחורה.

3) זיי וועלען בעשטימען די פרייזעס פון די פראדוצירטע ארטיקעל.

4) זיי וועלען בעשטימען דעם געהאלט פון יעדען קלאס ארבייטער

5) זיי וועלען קאנטראלירען דעם ארויספיהר פון די פראדוצירטע ארטיקעל.

6) זיי וועלען איינפיהרען די נויטיגע ארבייטס-שטונדען, און אלע אנדערע ארבייטס-ארדנונגען.

7) זיי וועלען בעשטימען וועלכער ארבייטער עס פאסען זיך צו וועלכע ארבייט.

8) זיי וועלען איינפיהרען די עקאנאמיע פון די אויסגאבען און זארגען אז דער פראפיט זאל דעקען די עקזיסטענץ פון די פאבריקען.

9) זיי וועלען האבען די דעה ווען און וועלכע מאשינען עס זאלען געקויפט ווערען.

01) זיי וועלען זארגען פאר די סאניטארישע קאנדיציעס פון די פאבריקען.

11) דער פאבריקאנט דארף שאפען אלע נויטיגע געצייג.

12) ער טאר נישט ברענגען א קריזיס אין מארק.

13) ער טאר אויך נישט הייסען ארבייטען מעהר אלס ער קאן פערקויפען.

וואָרום די רעגיערונג האט געגעבען די ארבייטער א פרייע האנד אין דיזען אקט, ערקלעהרט זיך אויס פאלגענדע פאקטען:

פידעמאנט: דארט זיינען געוועזען 14 פאבריקען וואס האבען געארבייט מיט א קאפיטאל פון 286 מיליאן לירעס, און אין 1919 האבען זיי געמאכט 9 און א האלב פראצ. פראפיט; 6 פאבריקען מיט 18 מיל. לירעס האבען געמאכט א פערלוסט פון 9 און א האלב פראצ., דיזע האבען זיך גאנץ געשלאסען און זייערע ארבייטער זיינען געבליבען ארבייטסלאז.

לאמבארדי: 35 פאבריקען מיט א קאפיטאל פון 286 מיליאן לירעס האבען געמאכט 6 פראצ. פראפיט; און 26 פאבריקען מיט א קאפיטאל פון 63 מיליאן לירעס האבען געהאט א פערלוסט פון 26% און האבען זיך גאנץ געשלאסען.

ליגוריע: 13 פאבריקען מיט א קאפיטאל פון 66 מיליאן לירעס האבען געמאכט 10% פראפיט; און 5 מיט א קאפיטאל פון 12 מיליאן לירעס האבען פערלוירען 10% און האבען זיך געשלאסען.

מיט די ערשיינונג פון די פאשיסטי איז די רעגיערונג געווארען ביי זיך שטארקער, די רעגיערונג געווארען ביי זיך שטארקער. אויבוואויל זי האט איינגעשטימט אויף האט זי דאך נישט געוואלט לײדען, אז לענין און טראצקי זאלען זיך מישען אין איטאליענישע אנגעלעגענהייטען. אויך פיעלע סאציאליסטען האבען מורא בעקומען אז מיט דעם באלשעוויזם זאל נישט אנקומען אויף די איטאליענישע ארבייטער, אזא סוף ווי דער פון די רוסישע ארבייטער. די רעגיערונג האט, מיט דער צושטימונג פון די מעסיגע סאציאליסטען, ארויסגעלאזען צו די פאליציי-פערפעקטען א בעפעהל, צו אונטערדריקען יעדע געוואלד-טהעטיגע בעוועגונג, און אנצוהאלטען דעם רעספעקט פאר דעם געזעץ. דארוף האבען די ראדיקאלערע סאציאליסטישע דעפוטאטען פון פארלאמענט געלאזט וויסען דעם פרעמיער, אז זיי וועלען איהם נישט מעהר שטיצען. דאס האט געמיינט אז דער פרעמיער פערליערט זיין מאיאריטעט.

לויט א בעפעהל פון מאסקווא, איז אין 14טען אקט. פון 1920 ארויסגערופען געווארען א גענעראל-סטרייק איבער גאנץ

איטאַליען. פערזאַמלונגען זיינען געהאַלטען געוואָרען אין אַלע אידוסטריעלע צענטערען. די באָלשעוויסטישע רײדנער האָבען געפאָדערט צו פאָלגען דעם ביישפּיעל פון רוסלאַנד דער סטרייק האָט אָבגעשטעלט די באַהנען, שיפען, און פאַבריקען. דאָס פאָלק, אַחוץ די סטרייקערס, איז געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט און עס האָט געפאָדערט פון דער רעגיערונג פּראָטעקציע געגען אַ באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע. אַלע עקסטרעמע סאָציאַליסטישע פיהרער, צווישען זיי אויך דער אַנאַרכיסט ענריקאָ מאַלאַטעסטאַ מיט זיינע מיטאַרבייטער פון זיין זשורנאַל "די נייע הומאַניטעט" זיינען אַרעסטירט געוואָרען. צו ענדע פון אָקטאָבער האָבען די פריעדליכע אַרבייטער זיך אָבגעשאָקעלט פון די עקסטרעמע סאָציאַליסטען. די מוניציפּאַלע וואַהלען האָבען געוויזען אַז דער אַנטי־סאָציאַליסטישער בלאָק האָט שרעקליך געשלאָגען די סאָציאַליסטישע. פון 6600 רעפּרעזענטאַנטען האָבען זיי בעקומען קוים 1900. אין סעפּט. האָבען די אַרבייטער אַריינגעשיקט אַ דעקלאַראַציע צום פּרעמיער, אַז זיי מיינען נישט צו קאָנטראָלירען די פאַבריקען, נאָר זיי צו אָרגאַניזירען פאַר אַ גרעסערע פּראָדוקציע וואָס איטאַליען האָט נייטיג נאָך דער מלחמה, אַז די מייסטער ווערען נישט בערויבט, נאָר זיינען שותפים און מיטהעלפער צו דער פערגרעסערטע פּראָדוקציע. אַז די נייע אָרגאַניזאַציע מיינט אויסצומיידען סטרייקס און סכסוכים וועלכע פעראורזאַכען פיעל פערלוסט אין דער אינדוסטריע. אַלס אַן ענטפער דערויף, האָט דער פּרעמיער בעשטימט אַ קאָמיסיע פון 12 פּערזאָהן, 6 פון די אַרבייטער און 6 פון די מייסטער, וואָס זאָלען רעגולירען די בעציהונגען צווישען אַרבייטער און מייסטער.

1921 אין יוני האָט זיך געעפענט דאָס פּאַרלאַמענט צום 27טען מאָל, דאָס גילאָטי מיניסטעריום איז געוועזען אַ געמישטעס אויס פאָלגענדע פּאַרטייען:

ליבעראַלע דעמאָקראַטען	106
ליבעראַלע	41
אַנטי־סאָצ. אַגראַריער	26
פאַשיסטען	28
רעפאָרמערס	21
אונאַבהענגיגע	16
	275

די אָפּאָזיציע איז בעשטאַנען פון:

קאַטאָליקען	107
רעפּובליקאַנער	8
סאָציאַליסטען	121
קאָמוניסטען	14
סלאַווען	6
דייטשען	4
	260

די מאַיאָריטעט פון דער רעגיערונג איז געוועזען בלויז 15, אויב עס זאָל זיך האַנדלען אין אַ געפאַהר געגען די סאָציאַליסטען, האָט זי גערעכענט אויף די הילף פון די קאַטאָליקען

אין אָקטאָבער האָט שטאַטגעפינדען גרויסע אויפשטענדע צווישען די סאָציאַליסטען, אַנאַרכיסטען, און פאַשיסטען. די סאָלדאַטען זיינען מיטאַמאָל קאָמאַנדירט געוואָרען צו שיעסען אויף די פאַשיסטען. שטאַט צו געהאָרכען די קאָמאַנדאָ, האָבען זיי אַרויסגעטרעטען פון די רייהען, און געשריען: "נידער מיט די אָפיצירען!". אַ געשלעג האָט געפאָלגט, צוויי סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען זיינען גע'הרגט געוואָרען, 7 פיהרער און 40 טוילנעהמער זיינען שטאַרק געוווּנדעט געוואָרען אין מאָדענאַ.

אין 1922 ווען די אַליירטע האָבען אָבגעהאַלטען דעם קאָנפערענץ אין גענואַ, האָט

דער דעפּוטאַט מוסאָליני, דער הויבט פון די פאַשיסטי, אַרויסגעלאָזען אַן אויפרוף צו דיעזער פּאַרטיי, זי זאָל אַכטונג געבען אויף די רוסישע שלוחים אין איטאַליען, און צו זיין גרייט אין עסקאַדראָנען, אינפאַל עס ווערט נייטיג. גענואַ איז בעוואַכט געוואָרען פאַר יענער צייט מיט 2000 פאַשיסטי וועלכע האָבען געוואַרט אויף אַ סיגנאַל.

אין אָקטאָבער 1922 האָט זיך די פאַשיסטי פּאַרטיי פערשפּרייט איבער גאַנץ איטאַליען ווי אַ פלאַם פייער. זי האָט אָנגענומען אַ מיליטערישען קאַראַקטער מיט אַ אויסער געוועהנליכע דיסציפּלין. אינמיטען פון דיעזען מאָנאַט האָט זי געלאָזט וויסען דער הערשענדע רעגיערונג אַז די צייט איז געקומען פאַר דער פאַשיסטישע פּאַרטיי צו איבערנעהמען די רעגיערונג אין איהרע אייגענע הענד. זי האָט געפאָדערט אַז דאָס מיניסטעריום זאָל רעזיגנירען, דאָס מיניסטעריום האָט פאָרגעלעגט פאַרן קעניג אַן ערקלעהרונג פאַר קריעגס-צושטאַנד, דער קעניג האָט דאָס ענטזאָגט, אַנגעבענדיג, אַז ער וויל קיין בלוט פערגיעסונג. דאָס מיניסטעריום האָט דעמאָלט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי רעזיגנירען. דאָס האָט עס גלייך געטהון, און דער קעניג האָט געשיקט נאָך מוסאָליני, און איהם בעאויפטראַגט צו בילדען אַ פאַשיסטישע רעגיערונג.

דער קעניג האָט געהאַנדעלט לויט דעם מוסטער ווי עס האָט געהאַנדעלט גילאָטי, דער פּרעמיער, בעת די אַרבייטער זיינען געווען אין דער אויבערמאַכט. גילאָטי האָט דעמאָלט געענטפערט דיזעלבע רייד, און ער האָט די אַרבייטער געלאָזען זייער וועג אָהן צו שיצען די פאַבריקאַנטען. אין דיעזען פאַל איז דער קעניג אויך אונטערשטיצט געוואָרען פון וואַטיקאַן. דער פּאַבסט האָט בעפוילען די קאַרדינאַלען זאָלען פּרעדיגען פריעדען צווישען פאָלק. צו פערלאַנגען אַז עס זאָל זיך רוהיג פערהאַלטען. די פאַשיסטי האָבען אַרויסגעלאָזען אַ פּראָקלאַמאַציע צו די אַרבייטער אַז זיי האָבען נישט וואָס מורא צו האָבען. אַז זיי וועלען ווערען פּראָטעקטעד. אַז אַלעס וואָס די פאַשיסטי וויל, איז צו רעאָרגאַניזירען די פּראָדוקציעס און ברענגען דאָס לאַנד צו אַ פּראָדוקטיווען באַזיס. ווייטער זאָגט דער מאַניפעסט: "מיר וועלען נישט ענדערען די קאָנסטיטוציע אויב מען וועט אונז צולאָזען רוהיג צו דער הערשאַפט, דאָס מיליטער און די פּאָליציי וועט בלייבען ווי עס איז"

איטאַליענישע קאָלאָניעס

סאַן מאַרינאָ:— די עלטעסטע רעפּובליק אין עוראָפּאַ, אונטער דער איטאַליענישע פּראָטעקטאָראַט. איז 38□ מיילען גרויס און האָט אַ בעפעלקערונג פון 12,000 איינוו.

עריטעראַ:— אַ קאָלאָניע אויף דער קיסטע ביים רויטען ים, צווישען קייפּ-קאַזאַר און קייפּ-דומיראַ, און פערנעהמט 670 מייל פון די ברעגעס אַרום דעם רויטען ים. איהר אינהאַלט איז 45,800□ מיילען מיט אַ בעפעלקערונג פון 450,000 איינוואוינער, צום גרעסטען טייל פאַסטוכער. דיעזע קאָלאָניע ווערט רעגיערט פון אַ גאָווערנאָר וואָס דער קעניג בעשטימט פון צייט צו צייט.

סאָמאַלילאַנד:— אַ פּראָטעקטאָראַט פון 139,430 □ מיילען מיט 450,000 איינוו.: געפינט זיך נעבען דעם בריטישען סאָמאַלילאַנד אין אַפריקאַ.

טריפּאָלי און סיראַנייקאַ:— דיעזע זיינען אָבגעריסען געוואָרען פון דער טירקיי אין 1911 און זיינען 406,000 □ מיילען גרויס מיט אַ בעפעלקערונג פון 523,276 איינוואוינער (ז. אונטער זייערע אייגענע נעהמען).

די יודען אין איטאַליען

די געשיכטע פון די יודען אין איטאַליען הויבט זיך אָן זעהר פריה. שוין ביי דער צייט פון צווייטען בית-המקדש זיינען פיעלע יודען געוועזען אין אייניגע קליינע שטאַאַטען וועלכע זיינען יעצט פעראייניגט אונטער איטאַליען. דאָס אַמאָליגע מעכטיגע רוים וואָס בילדעט היינט בלויז אַ פּראָווינץ אין דעם איטאַליענישען שטאַאַט, האָט דאָס יודישע פאָלק אין גלות געפיהרט, און פיעלע פון זיי געשלעפּט נאָך רוים. דאָס אַ גרויסער טייל פון די בני-גולה זאָלען פון דאָרט מיט דער צייט זיך פערשפּרייטען איבער אייניגע אַנדערע קאָלאָניעס פון דיעזען האַלב-אינזעל איז בלויז נאַטירליך. זיי האָבען זיך דאָרט מיט דער צייט גוט איינגעלעבט אונטער די נייע אומשטענדען, האָבען אַדאָפּטירט די לאַנדס-שפּראַך און אַוועקגעלעגט דאָס העברעאישע. אַפּילו אויף זייערע מצבות האָבען זיי געשריבען גריכיש אָדער לאַטיין (שטיינשניידער). זיי האָבען אין דיעזע שפּראַך געשריבען זייערע וויסענשאַפטליכע אַרבייטען, און אין סאַלערנאָ, האָבען זיי נאָך געקאָנקורירט מיט די איינגעבוירענע, אין דער אויסבעסערונג פון דער לאַנס-שפּראַך.

זיי האָבען דאַדורך געוואונען אַ זעהר גרויסען איינפלוס איבעראַל. זייערע ווערק זיינען געוועזען קלאַסאַלע. פיעל גרעסערע ווי די וואָס זיי האָבען געשאַפען אין ארץ-ישראל. זיי האָבען זיך דערשלאָגען צו אַ זעהר גרויסע מדריגה אין די קליינע שטאַאַטען. אַחוץ אין וויסענשאַפט, האָבען זיי זיך אויך אויסגעצייכענט אין פינאַנצען און אין קאָמערץ.

ווען רוים איז שוין געלעגען אין דער ביטערע לאַגע וואָס זי האָט פעראורזאַכט די יודען, האָבען די יודען געלעבט אין ראַווענאַ ווערנאָ, רוים, מאַילאַנד, גענואַ, נעאַפּעל, פּאַלערמאָ, מעסינאַ, אַגריגענטאַ און סאַרדיניען. דאָך, די רייבערייי וואָס האָט פּאַסירט דורך די פערשיעדענע מלחמות און רעוואָלוציעס איבער גאַנץ איטאַליען, האָט אויך די יודישע לאַגע זעהר אָפט געענדערט. אונטער די הערשאַפט פון טהעאָדאָריך, האָט עס אָפט פּאַסירט, אַז די איינוואוינער האָבען געשלאָגען די יודען פאַר כעס אויף דעם פרעמדען הערשער. טהעאָדאָריך זעלבסט האָט אויך חשק געהאַט זיי צו שמד'ן. ער האָט עס אָפטמאָל עפענטליך געזאָגט, אַבער ער האָט זיי דערצו נישט געוואָלט צווינגען. ער האָט נישט געוואָלט צושטעלען נאָך נייע שונאים צו די אַלטע געגען זיך.

זעהר פיעל האָבען זיי געליטען פון דעם ביזאַנטינישען קעניג יוסטינאַן. איבער זייער העלדענטהאַט אין נעאַפּעל געגען יוסטינאַנס קריעגס-העלד בעליזאַרוס ז. "נעאַפּעל".

אין 855 האָט לודוויג דער צווייטער אַרויסגעלאָזען אַ בעפעהל, אַז ביז דעם ערשטען אָקטאָבער פון זעלבען יאָהר, זאָלען אַלע יודען פון איטאַליען זיין פערטריבען. לודוויג האָט געמיינט אַז ער איז דער אַלמעכטיגער איבער גאַנץ איטאַליען, ער האָט נישט אויסגערעכענט אַז, איטאַליען איז פּאַנאַנדער געוואָרפען נישט נאָר געאָגראַפיש, נאָר אויך פּאָליטיש. די קליינע שטאַאַטען האָבען שטענדיג געהאַט מיט זיך צו טהון. יעדעס מאָל האָט אַן אַנדערע פון זיי גערדונגען די טירקען צו שלאָגען דעם אַנדערען שטאַאַט, ביז די טירקען האָבען זיך אויסגעלערנט צו בעפאַלען די איטאַליענישע שטאַאַטען אויך אונגעבעטענערהייט. לודוויגס בעפעהל איז געפאַלען אין אַזאַ צייט. די שטאַאַטהאַלטער האָבען דאַרום נישט געהאַט די צייט אָדער דעם מוטה, דיעזען בעפעהל אויסצופיהרען, און די יודען זיינען אַנ-

געקומען מיט אַביסעל שרעק.

די יודישע דאָקטוירים און יודישע פינאַנצירען זיינען געווען די בעליעבטעסטע אין איטאַליען. פיעלע פון די פּאַבסטען האָבען געהאַט ידישע לייב־דאָקטוירים אין וואַטיקאַן. זעהר אָפט האָט עס דיעזע געלונגען צו קריעגען איינפלוס צוגונסטען פון די יודען. אין 1179 האָט פּאַבסט אַלעקסאַנדער דער דריטער געהאַט אַ יודישען פינאַנצפערוואַלטער, יחיאל בן אַברהם. אין דער געשיכטע ווערט ערצעהלט אַז דיעזער פּאַבסט איז געווען אַ גוטהערציגער. ווי גרעגאָר I אַזוי האָט אויך ער פערבאָטען צו נייטין יודען צו שמד. אַלס 300 גייסטליכע האָבען זיך פערזאַמעלט צו גרויסען קאָנסול, זיינען פיעלע פון זיי געקומען מיט נייע גזרות געגען יודען דורכצופיהרען. די יודען פון איטאַל. האָבען דערפון זיך דערוואוסט, און זיי האָבען געפאַסט דריי טעג. פּאַבסט אַלעקסאַנדער, וואַהרשיינליך אונטער דעם איינפלוס פון ר׳יחיאל, האָט מבטל געווען אַלע די גזרות, די שונאי ישראל זיינען ביטער אַדורכגעפאַלען, און דער קאָנסול האָט אַרויסגעטראָגען אייניגע פּראָטעקטיווע געזע׳ץ צוגונסטען פון די יודען. עס איז דעמאָלט בעשלאָסען געוואָרען דאָס קיין יוד זאָל אָנגעגריפען ווערען אָהן אַ משפּט, און אַז אַ קריסט זאָל מעגען זאָגען עדות אין אַ יודישען פּראָצעס. אין נעאַפּעל, און אין סיציליען, וואו די יודען זיינען געווען אונטער די הערשאַפט פון די נאָרמאַנען, איז זיי געווען גאָר נישט שלעכט.

צווישען 15טען און 16טען יאָהר־הונד. איז די לאַגע פון די יודען אין דער וועלט געווען אַזוי שלעכט, אַז איטאַליען איז פעררעכענט געוואָרען אַלס די בעסטע. דער וועלט-פערקעהר האָט זיך דעמאָלט געדרעהט אַרום די רעפּובליקען: וועניציאַ (ווענעדיג) פלאָרענציאַ, גענואַ, און פּיסאַ. די בערזע, דער האַנדעל און דער געלד-וועקסעל האָבען געהאַט אַ שטאַרקערען איינפלוס אויף די גענאַנטע פעלקער ווי דאָס דיסקרעדיטירטע פּאַבסטום. די יודען האָבען אין דיעזע אָבטיילונגען דעמאָלט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע. די אינטריגען, די שטרייטיגקייטען, און די אימער נייע ענטדעקטע סקאַנדאַלען אין וואַטיקאַן האָבען שטאַרק דערצו בייגעטראָגען. די פּאַבסטען זעלבסט האָבען אויך נייטיג געהאַט געלד וואָס די יודען האָבען געהאַט. די רעפּובליקאַנישע פאָרשטעהער האָבען אויך געפינען די יודען אַלס פּראַקטישע יועצים, וועלכע זיינען ניצלעך וואו זיי זיינען. די היסטאָריע דערצעהלט, אַז ווען ראַווענאַ האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן דער ווענעציאַנישע רעפּובליק, איז אין אָבמאַך געווען אַ תנאי, אַז רייכע יודען זאָלען געשיקט ווערען פון ווענעציאַ, צו עפנען אַ לייה־באַנק, צו העלפען דאָס פעראָרימטע פאָלק פון ראַווענאַ. בכדי דיעזעס געשעפט צו קאָנען פרייער פיהרען האָבען די יודען געמוזט קריגען אויך גרעסערע פריוויליגיען. דער ערצ-בישאָף האָט עפענטליך ערקלעהרט אַז דער פּאַבסט האָט ערלויבט די יודען צו פערלייהען געלד אויף פּראָצענט. דער רייכסטער יוד אין איטאַליען איז ביי יענער צייט געווען יחיאל פון פּיסאַ. מען זאָגט אַז ער האָט בעהערשט דעם געלד־מאַרקט פון טאָסקאַנאַ ער איז אָבער אויך געווען אַ גרויסער בעל־צדקה. ווען אַבאַרבאַנעל (ז.ד.) האָט צו איהם אַפּעלירט נאָך געלד אויסצוקויפען די יודישע שקלאַפען פון אַרזילאַ און טאַנגיר, האָט ער געענטפערט מיט אַ פולע האַנד.

נעבען דעם געלד־געשעפט האָבען די יודען אין איטאַליען זיך אויך אויסגעצייכענט אין דער מעדיצינישע און אַנדערע וויסענ־

שאַפטען אין דער מעדיצין האָבען זיי איבערטראָפען די קריסטליכע דאָקטוירים אין יעדע הינזיכט. דאָס איז צו זעהען פון דעם פאַקט, דאָס די פּאַבסטען זעלבסט, אַפילו די שונאי ישראל, פלעגען זייערע "הייליגע לייבער" אָנפערטרויען צו די פערשאָלטענע יודען. דיעזער מאָראַלישער ווידערשפּרוך האָט פיעלע פון זיי ענדליך געצוואונגען צו ווערען פריינדליך צו דעם פאָלק פון זייערע דאָקטוירים. צווישען די יודישע און קריסטליכע דאָקטוירים האָט זעהר אָפט עקזיסטירט האַרמאָניע און גוטע בעציהונג. ווען דער יוד, לעאָ פון קרעמאָ האָט התונה געמאַכט זיין זוהן, האָבען קריסטליכע דאָקטוירים געטאַנצט אויף דער חתונה, אַ פּאָאָר מאָנאַט נאָכדעם ווי דער פּאַבסט ניקאָלאַוס דער פינפטער האָט פערבאָטען די בעציהונג צווישען די יודען און קריסטען. פיהלענדיג זיך אַזוי הויך געשעצט האָבען די יודישע דאָקטוירים זיך ענטזאַגט צו טראָגען די געלע לאַטע אויף זייערע קליידער און האָבען זיך געקליידט ווי זייערע קריסטליכע קאָליעגען.

אין אָנהויב פון 16טען יאָהרהונדערט, ווען די קאַטוילישע אינקוויזיציעס פון שפּאַניען, פּאָרטוגאַל, און דייטשלאַנד האָבען גע'רודף'ט די יודען מיט די ווילדעסטע אַכזריות, איז די יודען פון איטאַליען געוועזען פערהעלטניסמעסיג, זעהר גוט. מאַנכע רוימישע פּאַבסטען, אַשטייגער ווי: אַלעקסאַנדער דער פירטער, לעאָ דער צעהנטער יוליוס דער צווייטער, און קלעמענס דער זיבענטער, האָבען אַלע געהאַט יודישע לייב־דאָקטוירים, און זייער שטעלונג צו די יודען איז געוועזען אַ זעהר גינסטיגע. דאָס בעווייזט אַז, וואו די מאַטריעלע אינטערעסען זענען געקומען אין ווידערשפּרוך מיט דער הייליגע שנאה, האָט דאָס מאַטריעלע געזיעגט. אַבער אויך פון דער יודישע זייט איז נישט אַלעס געוועזען גלאַט. ווען די גע'רודף'טע יודען האָבען אָנגעהויבען קומען אין אַ בעדייטענדע צאָהל, איז געוואָרען אַ אונפריינדליכע בעציהונג צווישען זיי און די אַלט בעזעסענע. פיעלע פון די אימיגרירטע האָבען דאַרום פון דאָרט אויסגעוואַנדערט נאָך דער טירקיי און גריכענלאַנד. פון די וואָס זיינען דאָרט פערבליבען האָבען דריי פערנומען הויכע שטעלען און האָבען איבערגעשיינט די אַלט בעזעסענע. דאָס זיינען געוועזען דאָן יצחק אַבאַרבאַנעל (ז.ד.) און זיינע צוויי זוהן לעאָן יהודה דער עלטעסטער, און שמואל דער יונגסטער.

לעאָן איז געוועזען דער לייב-דאָקטאָר צום שפּאַנישען וויצע־קעניג אין נעאַפּעל. זיין איינפלוס איבער דעם וויצע־קעניג זעהט זיך אויס פאָלגענדע טהאַטזאַך:

אַלס נעאַפּעל איז געפאַלען אונטער די הערשאַפט פון שפּאַניען (1504), האָט דער שפּאַנישער קעניג בעפוילען, אַז אַלע יודען זאָלען פון דאָרט פערטריבען ווערען. דערויף האָט דער וויצע־קעניג געענטפערט: עס זיינען דאָ אין נעאַפּעל זעהר ווייניג יודען. פון די איינגעוואַנדערטע מאַראַנען זיינען אַ טייל איבערגעגאַנגען צום קריסטענטום, אַ טייל האָט אויסגעוואַנדערט, און די פּאָאָר וואָס זיינען געבליבען, זיינען רייכע הענדלער. ווען מען זאָל זיי פערטרייבען, פאָהרען זיי אַריבער נאָך וועניציאַ, און וועלען פון דאָרט קאָנקורירען מיט נעאַפּעל. מיט איניגע יאָהר שפּעטער איז דער וויצע־קעניג, גאָנזאַלוואָ ד'קאָרדאָוואַ אָבגעשאַפט געוואָרען פון זיין אַמט, און לעאָן מיט דעם גרעסטען טייל פון די דאָרטיגע יודען זיינען אַוועק נאָך וועניציאַ.

שמואל דער יונגסטער ברודער פון דעם

אויביגען האָט זיך געהאַלטען אויף זיין פאָטערס דרכים. ער איז געוועזען דער פינאַנצמיניסטער פון דאָן פעדראָ ד'טאָלעדאָ. ער איז געוועזען רייך, און האָט פערוועַנדעט אַ גרויסען טייל פון זיין רייכטום פאַר וואוילטהעטיגע צוועקען. זיין דיפּלאָמאַטיע איז געוועזען אַזוי שאַרף ווי די פון זיין פאָטער. עס זיינען דאָ לייט וואָס זאָגען אַז דאַרין האָט ער נאָך זיין פאָטער איבערטראָפען. דערצו האָט ער געהאַט אַ פרוי— בענווענידאַ אַבאַרבאַנעלאַ— וועלכע האָט בעזעסען אַלע מעלות פון אַ מוסטער־פרוי. איהר ריהם האָט זיך געהערט איבער גאַנץ איטאַליען. דאָן פעדראָ האָט זיין צווייטע טאָכטער איבערגעגעבען צו בענווענידאַ ביי איהר צו לערנען זיטען און מאַנירען. ווען דאָן פעדראָס טאָכטער איז שוין געוואָרען די הערצאָגין פון טאָסקאַנאַ האָט זי נאָך גערופען די יודין בענווענידאַ — מוטער. שמואל האָט געבילדעט אַ מיטעל־פונקט פאַר יודישע חכמה אין איטאַליען. אויך קריסטליכע געלעהרטע זיינען געקומען אין זיין הויז הערען די פאָרטרעגע פון ר' יחיאל און דעם בעל־מקובל ברוך בענעוועַנטאָ.

דער בעקאַנטער אַלבערט ווידעמאַנשטאַדט, אַ שילער פון רייכלין, האָט דאָרט שטודירט זיינע קענטניס אין דער העברעישע ליטעראַטור. דאָס האָט געהאַט אַ גוטען איינדרוק אויך אויף רייכלינס אַנדערע שילער.

די גרעסטע ישיבה פון איטאַליען ביי יענער צייט איז געוועזען די פון פאַדואַ. דער ראש־הישיבה איז געוועזען אַ דייטשער יוד, יהודה מענץ. די פּאָפּולאַריטעט פון דער ישיבה האָט געבראַכט תלמידים פון דער טירקיי און דייטשלאַנד. נאָך איהם האָט זיין זוהן אַברהם די פיהרערשאַפט איבערגענומען. פון די איטאַליעניש געבוירענע יודען האָט זיך קיינער אַרופגעאַרבייט צו אַ בעדייטענדען נאָמען.

דאָ מוז דערמאָנט ווערען דאָס דאָן יצחק אַבאַרבאַנעל האָט דאָ גענאָסען גרויס כבוד פאַר זיין טאַלאַנטפאָלע האַנדלונג אין דעם דיספוט, צווישען פּאָרטוגאַל און דער ווענעציאַנישע רעפּובליק איבער אַן אָסט־אינדישע קאָלאָניע, וועלכע ער האָט בעענדיגט. ווייטער וועגען דעם ז. "אַבאַרבאַנעל"

אין ערשטען דריטעל פון 16טען יאָהרה. ווען די שונאי ישראל האָבען גענומען טומלען און העצען דאָס פאָלק געגען די יודען אין וענעציאַ, איז ערשינען אַ ווערק פון דעם דאָרטיגען ראבינער ר' שמעון לוצאַטאָ וואָס האָט געהאַט אַ זעהר גרויסע געגענווירקונג צו די העצעריי. דאָס ווערק איז צו בעוואונדערען ווען מען ווייסט אַז זיי פערפאַסער איז אַ רב. עס איז דורכגעדרונגען מיט גרינדליכע קענטניס איבער פּאָליטישע עקאָנאָמיע און פינאַנץ, געשריבען אין אַ שעהנעם לאַטיין און אַ קלאָהרען חוש. דאַרין ווערט בעוויזען ווי דורך די שטענדיגע יודען־העצען ווערט געשטערט דער פּראָגרעס, פון פעסטצושטעלען דעם וואוילשטאַנד פון פאָלק, אויף אַ זיכערען באַזיס. אַז צווישען די אורוהיגע צייטען געווינען די ענגלישע און האָלענדישע האַפענס אויף דעם פערלוסט פון די ווענעציאַנישע. אַז די ווענעציאַנישע רעפּובליק געווינט פון די יודען 450,000 דוקאַטען יעהרליך, און 4000 אַרבייטער מאַכען פרנסה נעבען זיי. ער ווייזט נאָך אַז ווייל די יודען פינאַנצירען די פאַבריקאַנטען איז עס מעגליך צו פּראָדוצירען לעבענסמיטעל ביליגער.— דאָס ווערט דאָ דערמאָנט ווייל עס טראָגט קאַראַקטער־שטריכען פון יענער געגענד אויס יענער צייט.

ווייטערעס איבער דער געשיכטע פון די יודען אין איטאַליען ז. "אַנקאָנאַ", "גענואַ"

"ווענעציאַ", "וועראָנאַ" "טאָסקאַנאַ", "לי-
וואָרנאָ", "נעאַפּעל", "סיציליען", "פּיעדע-
מאָנט", "פלאָרענץ" און "רוים".

* * *

אונטער דעם איינפלוס פון נאַפּאָליאָנס פּאָליטיק, וועלכע האָט געגעבען רעליגיאָנס פרייהייט צו אַלע פעלקער וואָס זיינען געש-טאַנען אונטער זיין איינפלוס, האָט ער פּאַבסט פערלוירען זיין מאַכט איבער די יודען אין איטאַליען. דאָס האָט אַריינגע-בראַכט אַ פרייערען אָטעם אין דעם יודישען לעבען. די איינבערופונג פון דעם סנהדרין דורך נאַפּאָליאָן אין 1807 האָט אַרויסגע-וויזען אַז די יודישע אינטעליגענץ אין איטאַליען איז געוועזען די העכסטע. איטאַ-ליען האָט געשיקט 4 דעפּוטאַטען: אברהם וויטאַ ד'קאָלאָנאַ, איזאַק בן-ציון סעגרע, גראַזיאַדאָ נעפּפּי, און יעקב ישראל קאַרמי. דער ערשטער איז ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט, און דער צווייטער אַלס וויצע-פּרעזידענט פון סנהדרין. מיט דעם פאַל פון נאַפּאָליאָן איז אויך די פרייהייט פון דער יודישע רעליגיאָן צוריקגעפאַלען אין די הענד פון פּאַבסט פּיוס דעם זיבטען. ער האָט אָבגעשלאָסען די יודען אין געטהאָס.

אין מיטען פון 19טען יאָהר-הונדערט, ווען די ערשטע קאָנסטיטוציע פון אַ פער-איינעגטעס איטאַליען איז פּראָקלאַמירט גע-וואָרען, האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע עפּאָכע פאַר דעם גאַנצען יודענטום אין גאַנץ איטאַ-ליען. עס האָט אויפגעהערט צו לעבען אונ-טער דעם קאַפּריז פון פּאַבסט, און פון די פערשיעדענע קליינע מלוכה'לעך וועלכע האָבען זיך אַזוי אָפט געביטען פון צייט-צו-צייט. די רעליגיאָנס-פרייהייט איז געוואָרען אַ קאָנסטיטוציאָנעלעס רעכט איבער אַלע שטאַאַטען, און די ענגע גרענצען פון דער יודישע וואוינשאַפט איז מיטאַמאָל אָבגע-ווישט געוואָרען. זיי זיינען מיטאַמאָל אַלע געוואָרען איטאַליענער, אָבער נישט צוגלייך אויך בעסערע יודען — גאָר אומגעקעהרט.

אין דעם קאַמף פאַר אַ פעראייניגטעס איטאַליען האָבען אויך די יודען זייער אַנטייל גענאָמען. יצחק פּעסאַראָ מאַוראָגאָנאַטאָ איז געוועזען דער פינאַנץ-מיניסטער פון דער ווענעציאַנישע רעפּובליק בעת זי האָט געקעמפט געגען עסטרייך. אַ בראָנזענער מאָ-נומענט איז איהם געשטעלט געוואָרען אין ווענעציאַ. דער היסטאָריקער שמואל ראָמאַנין האָט זיך פערדיענט אַ מאַרמאָר בוסט אין דעם דאָגע פּאַלאַסט פון ווענעציאַ. שלמה פיאָרענטינאָ דער בעליעבטער איטאַליעני-שער פּאָעט איז פעראייביגט געוואָרען דורך אַ בראָנזענע טאַבליצע וואָס איז אויפגעהאָנ-גען געוואָרען, אויף דעם הויז פון זיין געבורט. דער פּריוואַט-סעקרעטער פון גראַף קאַוואָור איז געוועזען יצחק אַרטאָן פון פּיעדעמאָנט. מאַזינים יועץ איז געוועזען דער ראַבינער ל'אַלפּער. אויף דעם מאָנומענט וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרען פאַר די געפאַלענע סאָלדאַטען אין דעם בעפרייאונגס קאַמף, זיינען אויך פאַראַן די נעמען פון די יודישע העלדען.

פון די שטעדט וואָס האָבען אַ בעדייטענדע יודישע בעפעלקערונג זיינען: אַנקאָנאַ, אַסטי באָלאָניאַ, גענואַ, וועראָנאַ, וועניציאַ, ווערצי-ליאַ, טורין, ליגהאָרן, מאָדענאַ, מאַנטואַ, מילאַן, נעאַפּעל, פּאַדואַ, פּיעדעמאָנט, פּיסאַ, פלאָרענץ, פעראַראַ, און רעגיאָ. אַלע איבריגע שטעדט האָבען יודען אונטער די צאָהל פון 400. גאַנץ איטאַליען האָט 80 שוהלען און 50 גראַנד-ראַבינער. די יודיש-איטאַליענישע צייטשריפטען זיינען זעהר אָרים און אונבע-דייטענד.

די סטאַטיסטיק פון 1915 ווייזט אַז פון די יודען וואָס קאָנען נישט לעזען

איז פאַראַן, אונטער 1% געגען די איטאַליענער אין דורכשניט פון 36%.

אין קיין לאַנד וואו די יודען האָבען פרייהייט האָט די אַסימילאַציע אַזאַ שטאַרקען איינפלוס אויף דעם יודישען גייסט, ווי אין איטאַליען. די מיש-הייראַטס זיינען לויט די לעצטע סטאַטיסטיק 57% פון אַלע יודישע חתונות. אין 1870 זיינען געוועזען 300,000 יודען אין איטאַליען. לויט די נאַטירליכע פערגרעסערונג דורך דעם צוּוואוקס פון דער אַלגעמיינע בעפעלקערונג האָט איטאַליען געדאַרפט האָבען ביי דיעזער צייט, 460,000 יודען, די לעצטע סטאַטיסטיק צייגט בלויז 150,000 יודען. ד.ה. קוים אַ העלפט פון 1870. פיסאַ האָט אַמאָל געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין יודישען לעבען פון איטאַליען; זי האָט געהאַט אַ גרויסע יודישע בעפעלקערונג, אַ גרויסע ישיבה, מיט אַ געריהמטע דרוקעריי פאַר העברעישע ספרים; אַלעס איז יעצט געזונקען, און די דרוקעריי האָט זיך געמוזט פערוואַנדלען אויף צו דרוקען ביכער פון אַנדערע שפּראַכען. דאָס "קאָללעגאָ ראַביניקאָ" פון פלאָרענץ, וואָס איז געוועזען פאַר 30 יאָהר אונטער די לייטונג פון דר. שמואל מאַרגליות, און האָט אַרויסגעגעבען גוטע רבנים, און שוחטים, איז זייט זיי פטורה געזונקען פון איהר מדריגה. אַזוי איז אויך דער גורל פון דעם ראַבינער-סעמינאַר פון ליוואָרנאָ, וועלכעס איז פאַר אַ צייט געשטאַנען אונטער די לייטונג פון דר. סאַמועלאָ קאָלאָמבאָ.

דער עפעקט פון דר. מרגליות טהעטיגקייטען פיהלט זיך נאָך היינט, אין דעם נייעם יודישען לעבען פון איטאַליען. דאָס ביסעל ציוניזמוס וואָס געפינט זיך דאָרט היינט, שטעהט צו זיין קרעדיט. דער פאַקט אַז כמעט אַלע ציוניסטען פון איטאַליען געהערען צו דער "מזרחי" בעווייזט דאָס. דר. מרגליות איז דאָס געוועזען דער, וואָס האָט געפיהרט דר. הערצעל צום איטאַליענישען קעניג. מען קאָן זאָגען אַז, יודישקייט איז דאָרט פאַראַן אַזויפיעל וויפיעל עס איז פאַראַן ציוניזמוס, אָדער ציוניזמוס וויפיעל יודישקייט. די רייכע יודען זיינען נאָר סימפּאַטיזירער פון יודישקייט. זיי שטיצען אַ יודישע קהילה, אָדער אַ יודישע אינסטיטוציע בדרך "נדבה". מען דאַוועֶנט דאָרט אין לעדיגע שוהלען, אַפילו אין ימים-נוראים. די לעצטע רדיפות אויף יודען האָט זיי אַביסעלע אויפגעוועקט, אַבער נישט חלילה צו-פיעל.

אין אַפּריל 1922 האָט דר. ח. וויצמאַן בעזוכט רוים. דער הערצאָג ד'צעזאַראָ האָט פּרעזידירט דעם מאַסענפערזאַמלונג אין דעם רוימישען "קאָלעגיאַ" לכבוד דעם ציוניסטישען פאָרטעהער. פיעלע סענאַטאָרען און דעפּוטאַטען זיינען געקומען, דער זאַאַל איז געוועזען געפּאַקט; וואָס וויצמאַן האָט אויף דיעזע פערזאַמלונג געלערנט איז, אַז די איטאַליענישע שטאַאַטס-מענער זיינען זעהר גינסטיג פאַר דעם ציוניזמוס, נאָר די יודישע עפענטליכע מיינונג איז זעהר ווענינ בעקאַנט מיט דיעזער אידעע.

אין אַלע אַנדערע הינזיכטען שפּיעלען זיי דאָרט אַ גרויסע ראָלע אין דעם איטאַליענישען נאַציאָנאַל-לעבען. לויט זייער בעפעלקערונג (1922) האָבען זיי געדאַרפט האָבען בלויז 2 דעפּוטאַטען און 1 סענאַטאָר, זיי האָבען אָבער 25 דעפּוטאַטען, און 17 סענאַטאָרען.

איטאַליענישע ליטעראַטור

דער אונטערגאַנג פון דער רוימישע הערשאַפט האָט מיטגעבראַכט דעם אונטערגאַנג פון דער לאַטיינישע ליטעראַטור. דאָס קריסטענטום האָט געברויכט די לאַטיינישע שפּראַך

נאָך צום קאַמף געגען די היידנישע קלאַסי־קער. קוים אַבער איז דאָס היידנישע רוים געבראָכען געוואָרען, האָט די קירכע געזוכט דיעזע שפּראַך אויסצומיידען, ווייל אין איהר איז דעמאָלט געוועזען אַ גלענצענדע אונ־קריסטליכע ליטעראַטור.

פערגלייכט מען דעם סטיל פון די רוימישע קלאַסיקער צו דעם פון די קריסט־ליכע אַפּאָלאָגעטיקער, זעהט זיך די אור־זאַך פון דיעזער שנאה. דער סטיל פון ציצעראָ און האָראַץ פליעסט פון אַ הויכע אינטעליגענץ, און דער פון די קריסטליכע איז גראָב, און באַרבאַריש. עס פעהלט באַזוי יענער פיינער סינטאַקס, די מעטריק, און איז פערמישט מיט אַ גרויסע צאָהל פון פּראָווינציאַליזמען און רויהע באַרבאַרישע אויסדריקע. מען קאָן דאַרוים זעהען ווי שלעכט עס איז זיי געוועזען, מיט אַזאַ אונקענטניס, צו בעקעמפען אַזעלכע ריעזענ־גייסטער. די רויהע פויסט פון די ווילדע לאַנגאָבאַרדען האָט פאַר דעם קריסטענטום מעהר אויפגעטהון ווי די קריסטליכע אינ־טעליגענץ פון יענער צייט.

אונטער די הערשאַפט פון פרעמדע קעניגע, און אונטער אַ שטענדיג רעוואָלוציאָנערען טעמפּעראַמענט, האָט דאָס איטאַליענישע פאָלק נישט געקאָנט שאַפען אַן אייגענע ליטעראַ־טור פאַר דעם 13טען יאָהר־הונדערט. דערצו זיינען נאָך די פערשיעדענע דיאַלעקטען געשטאַנען אין דעם וועג פון איהר ענט־וויקלונג, ווי עס איז נאָך היינט דער פאַקט, וואָס דאָס איטאַליענישע פאָלק איז אין אַלגעמיין ווייט הינטערשטעליג אין דער וועלט־ליטעראַטור. די געניאַליטעט פון די קליינע גרופּעס ליטעראַטען איז אַפילו הויך, אַבער די מאַסען פון פאָלק, זיינען זעהר ווייט פון ליטעראַטור. דער צושטאַנד פון דער אונשרייבפעהיגקייט ביים פאָלק בעוויזט דאָס. אין פּיעדעמאָנט איז די צאָהל פון די וואָס קאָנען נישט שרייבען 11%, און אין קאַלאַבריאַ 69%. די צאָהל פון די איבריגע פּראָווינצען געפינט זיך צווישען דיעזע צוויי.

די טראָבאַדורס: פון ענדע 11טען ביז ענדע 13טען יאָהר־הונדערט, זיינען אַרומ־געפאָהרען די טראָבאַדורס פון פּרעווענץ, איבער אַ גרויסען טייל פון איטאַליען, ווי אויך אין דעם נאָרדליכען פראַנקרייך, צו זינגען און אַמוזירען די פירשטען אין זייערע פּלאַצען. מען האָט זיי גערופען: די פּאָעטען פון פּרעווענץ. די ליעדער וואָס זיי האָבען געזינגען אָדער האָבען דעקלאַמירט זיינען געוועזען מעהרסטענטיילס ליערישע. און אייגען געדיכטעטע. דיעזע פּאָעטען זיינען געוועזען פון דעם נידריגערען אַדעל־קלאַס. זייער שפּראַך איז געוועזען — די פּרעווענץ שפּראַך — אַ סאָרט זשאַרגאָן, גע־מישט פון לאַטיין מיט אַ פערדאָרבענעם גריכיש. דיעזע שפּראַך איז גערעדט גע־וואָרען אין לימאָוסין, אַווערן, פּרעווענץ, און קערצי. זי איז אויך צוביסלעך פער־שטאַנען געוואָרען אין די אַרומיגע געגענד פון דיעזע פּראָווינצען.מיט זייער אַרומ־פאָהרען האָבען די טראָבאַדורס דיעזע שפּראַך פערברייט נאָך אַלע געגענדען וואָהין זיי זיינען געקומען. זיי האָבען זיך אויך גע־האַלטען זעהר שטאָלץ, און האָבען אויסגע־מיידט אַלע פּלעצער וואו מען האָט זיי נישט אויפגענומען מיט כבוד.

אין די געגענדען וואו די טראָבאַדורי זיינען נישט געקומען, אַשטייגער ווי אין זידליכען אָדער אין מיטעל־איטאַליען, האָט זיך דאָרט גענומען ענטוויקלען אַן אייגענע פּאָעזיע אין דעם טאָסקאַנישען דיאַלעקט. אָנגעהויבען האָט עס זיך אין דעם סיציליאַ־נישען הויף פון פריעדריך דעם צווייטען

פריעדריך זעלבסט האָט געדיכטעט. ער, זיינע צוויי זיהן, זיין סעקרעטער פּיער דעלאַ ביניאַ, זשיאַקאָמאָ דאַ לענטינאָ, און גידאָ דעלאַ קאָלאָנאָ, האָבען געבילדעט די ערשטע שוהלע פון די נאַציאָנאַל־דיכטער אין איטאַליען. די טראָבאַדורס, זיינענדיג אָנגעוויזען צו לעבען ווי די וואַנדערער האָבען נישט געקאָנט דיכטען נאַציאָנאַל. דאָך דאָס פאָלק האָט זיי נאָכגעזינגען. דאָס האָט פריעדריך בעוואויגען צו דיעזען שריט.

דיעזע נייע ריכטונג האָט גענומען צייגען גוטע פרוכטען. עס זיינען אויפגעשטאַנען פעראייניצעלטע קרעפטען אין די פערשיעדענע פּראָווינצען. זייערע דיכטונגען פון פאָלקס לעבען האָט דאָס פאָלק וואַרם אויפגענומען. צווישען דיעזע דיכטער איז ערשיענען אין פלאָרענץ, ברונעטאָ לאַטיני, דער גרויסער שטאַאַטסמאַן, ענציקלאָפּעדיסט און דיכטער; וועמענס נאָמען ס׳האָט געקלינגען איבער גאַנץ איטאַליען. ער האָט געהאַט פיעלע שילער וועלכע האָבען אין זייער צייט געשפּיעלט בעדייטענדע ראָלעס, דער גרעסטער פון זיי איז געוועזען, דער אונשטערבליכער דאַנטע אַלעגהירי.

מיט דאַנטע האָט זיך אָנגעהויבען די גלענצענדסטע פּעריאָדע פאַר דער איטאַליענישע ליטעראַטור. ער איז מיטאַמאָל אויפגעשטיגען אין דעם איטאַליענישען פירמאַמענט ווי אַן עמוד־אש פאַר אַלע קינפטיגע דורות פון איטאַליען. ער האָט אין זיין האַנד גענומען דעם פּולס פון דער איטאַליענישע נשמה, און ווי מיט אַ צויבער־קראַפט איהר געקרירט פון איהרע וואונדען, און איהר אַרופגעפיהרט אין די העכערע אַטמאָספערי אַריין, וואו זי זאָל קענען פרייער אָטעמען. אַ שטראָם פון בעגייסטערונג האָט זיך געגאָסען פון זיין גייסטרייכע נשמה אַ שטראָם וואָס דינט נאָך היינט אַלס אַ קוואַל פון ערפרישונג פאַר פיעלע דיכטער איבער דער גאַנצע וועלט.

דאַנטעס לעבען און ווירקען נעהמט אַרום די צייט צווישען 1265 ביז 1321. זיין La Divina Comedia = ״די געטליכע קאָמעדיע״ האָט איהם געשטעלט אויף דער שטופע, וואו זיין ריהם שטעהט נאָך יעצט. אין איהר האָט ער געשאַפען די פּאָעטישע שפּראַך פאַר דעם איטאַליענישען פאָלק. זי לעזט זיך נאָך היינט ווי אַ מעלאָדיע. צווישען זיינע צייליען רעדט די אינטעליגענץ פון אַ גאַנצעם צייט־אַלטער. דאַנטע איז געוועזען אַ פלאָרענטינער, ער האָט אָבער געלעבט אין גלות, פערטריבען פון זיין געבורטס־אָרט צוליעב פּאָליטישע געגנערשאַפט פון דער רעגיערענדע פּאַרטיי. אין אַזעלכע אונרוהיגע צייטען האָט ער געשאַפען זיינע בעסטע ווערק. פיעלע פון זיינע שריפטען זיינען פון אַ לעקסיקאַלישען און אַ פילאָזאָפישען קאַראַקטער. מיט איהם האָט אויך געלעבט אין גלות פּעטראַקאָ, דער פאָטער פון פראַנטשיעסקאָ פּעטראַרקאַ. אונטער דאַנטעס אינפלוענץ איז פּעטראַרקאַ ענטוויקעלט געוואָרען אַלס דער גרעסטער סאָנעטען־דיכטער אין דער איטאַליענישע שפּראַך. אין זיינע סאָנעטען צו לאָוראַ ברענט די ליעבע מיט אַ אונפערלעשליכעם פייער. לאָוראַ איז געוועזען אַ פערהייראַטעטע פרוי אין אַוויניאָנג, וועלכע ער האָט געליעבט און נישט געקאָנט דערגרייכען. אויך אין זיין פּראָזאַ האָט ער געפינען שפּאַנענדע אונדערגרייכבאַרע פאָדערונגען פאַר זיין אונרוהיגען גייסט. נעבען זיין קאָכענדען הערץ, זעהט מען אין זיינע שריפטען אויך גרויסע געלעהרזאַמקייטען. די פילאָזאָפיע און די עטהיק פון יענער צייט שפּיגלען זיך אָב אין אַלעס וואָס ער האָט געשריבען. צו דיעזע צוויי ריעזען

איז נאָך צוגעקומען אַ דריטער, דער גרעסטער פראָזאַיקער אין דער איטאַליענישע ליטעראַטור, דער אונשטערבליכער באָקאַטשיאָ. אַלע דריי בילדען זיי די גאָלדענע פעריאָדע פון דער איטאַליענישע ליטעראַטור. פיעלע האָבען פרובירט זיי נאָכאַהמען, אַבער קיינער איז צו זיי נאָהנט צוגעקומען.

צווייטע פעריאָדע: דיעזע נעהמט אַרום דאָס פינפצעהנטע יאָהר-הונדערט, און צייכענט זיך אויס מיט דער אויסערגעוועהנליכע אינטערעסע פאַר די אַלטע קלאַסיקער. פיעלע אומשטענדען האָבען דערצו בייגעטראָגען די איטאַליענישע שפראַך זאָל פאַר דיעזע צייט פערנאַכלעסיגט ווערען. די ערשטע זינדיגער זיינען געוועזען פעטראַרקאַ און באָקאַטשיאָ. אין זייער גדולה האָבען זיי פערגעסען דעם גרונד-פרינציפ פון זייער מייסטער. דאַנטעס שטרעבען איז געוועזען צו איטאַליעניזירען דאָס איטאַליענישע פאָלק. זיי אָבער, וועלענדיג בעווייזען אַז זייער קראַפט איז אויך גרויס אין לאַטיין, האָבען זיי פערנאַכלעסיגט דאָס איטאַליענישע. די פאָלגען דערפון זיינען געוועזען, וואָס אַ גרויסע צאָהל פון טאַלאַנטפולע איטאַליענישע דיכטער, האָבען זיך געמאַטערט אין אַ שלעכטען לאַטיין נאָכצואַהמען גוטע קלאַסיקער. אין דיעזער פעריאָדע זיינען נאָך אָנגעקומען פון קאָנסטאַנטינאָפאָל, גריכישע געלעהרטע מיט גאַנצע פעק פון גריכישע מאַנוסקריפטען פון די אַלטע קלאַסיקער. אין איטאַליען האָט דעמאָלט געהערשט אַביסעל רוה. די הערשער פון אַלע זייטען איטאַליענס האָבען גענומען אייפערען צווישען זיך, אין דער פערברייטונג פון קונסט און ליטעראַטור. דאָס שאַפען פון אייגענעם איז פאַר זיי געוועזען אַ צו-לאַנגער פראָצעס. בפרט, אַז די איינגעוואַנדערטע האָבען מיט זיך געבראַכט פיעל פערטיגעס. אַ טייל פון די פאַבסטען האָבען אויך אָנגעהויבען נעהמען אַן אָנטייל אין דיעזען קאָנקורס. אַלע מאַנוסקריפטען זיינען אויפגעקויפט געוואָרען; אַזוי, אַז אין פערלויף פון אַכט יאָהר, האָט ניקאָלאַוס דער פינפטער צוזאַמענגעשטעלט אַ ביבליאָטעק אין רוים פון 5000 בענד. קאָסמאָ ד'מעדיצי האָט געגרינדעט איין ביבליאָטעק אין ווענעציאַ, 3 אין פלאָרענץ, און אין דערזעלבע שטאָדט אויך אַן אַקאַדעמיע צו שטודירען די פלאַטאָנישע פילאָזאָפיע. לאָרענצאָ, אַן אייניקעל פון דעם פאָריגען, האָט געבראַכט נאָך עוראָפאַ 200 מאַנוסקריפטען פון וועלכע אַ גרויסער טייל, איז געוועזען אונבעקאַנט. אין דערזעלבע פעריאָדע איז אויך די דרוקעריי ערפינדען געוואָרען. דרוקערייען זיינען גלייך עטאַבלירט געוואָרען אין ווענעציאַ, באָלאָניאַ, און אין רוים. דאָס איבערשרייבען פון מאַנוסקריפטען האָט אויפגעהערט. מען האָט גענומען דרוקען פיעלע עקזעמפלאַרען. די בעגייסטערונג איז געוואַקסען פאַר די דרוקזאַכען און די אינטערעסען פאַר דער ענטוויקלונג פון דער שפראַך, האָט דאַדורך פיעל פערלוירען. אַבער נישט אויף לאַנג האָט געדויערט דיעזער ריקשריט. אַיידער עס איז פאַריבער דיעזער יאָהר-הונדערט, האָבען זיך שוין גענומען ווייזען סמנים פאַר אַ ווייטערען פאָרטשר. אַנדזשעלאָ פאָליציאַנאָ, אַן אָנגעשטעלטער אין דעם הויף פון לאָרענצאָ, האָט פאַר דער צייט פון דיעזען קריזיס נישט אויפגעהערט צו געברויכען די איטאַליענישע שפראַך, און האָט אין איהר פאָרטגעזעצט צו שאַפען זיינע שעהנע ווערק, וועלכע האָבען איהם געגעבען דעם העכסטען ריהם פון זיין צייט. איהם קומט דער כבוד צו האָבען פערפאַסט די ערשטע מוזיקאַלישע דראַמאַ אין איטאַליענישען, און די ערשטע וואָס איז אויפגע-

פיהרט געוואָרען אויף דער איטאַליענישע ביהנע. זיינע צייט־גענאָסען זיינען ביז צום שלוס פון 15טען יאָהר־הונדערט גע־וועזען בעשעפטיגט מיט נאָכאַהמונגען פון דאַנטע, פעטראַרקאַ, און באָקאַטשיאָ. די בעסטע פון די נאָאַהמער זיינען געוועזען: מאַטעאָ פאַלמירי, דער נאָכאַהמער פון דאַנטע; סעראַפימאָ אַקוילאַנאָ דער נאָכאַהמער פון פעטראַרקאַ, אַבער באָקאַטשיאָ, איז קיינער נאָהנט צוגעקומען. אַלס היסטאָריקער פון דער פראָזאַ צייכנען זיך אויס אין דיעזער פעריאָדע: סאַלערינטיאַנאָ, קאָלענוטשיאָ, און קאָריאָ. פון די רייזע בעשרייבער זיינען: אינטעריאַנאָ, קאַדאַמאָסטאָ, און וועסטפוטשי. די פילאָזאָפישע פאָהרשטעהער פון דיעזער פעריאָדע זיינען געוועזען: פאָדזשיאָ, בראַק־יאָלינאָ, פילעלפיאָ, לאָורענטיאַס, באַלאַ, ברו־ני, טראַווערסאַרי, לאַנדינאָ; אַלע דיעזע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דער גריכישע פילאָזאָפיע, אָהן צו זוכען דאָס נייע.

דריטע פעריאָדע: דער 15טער יאָהר־הונד. ווערט בעצייכענט אַלס דער גלענצענדסטער פון אַלע, אי פאַר דער שפּראַך ווי אויך פאַר דער ליטעראַטור. צו ענדע אַבער, צייגט זיך אַ ריקפאַל. אָנגעהויבען האָט עס זיך מיט דער ענטוויקלונג פון דער גראַמאַטיק, מיט גרויסע פאָרטשריט פאַר שעהנ־שרייבען, און פאַר עסטעטישע פאָרמען. דאָס שטודיום פון פרעמדע שפּראַכען האָט אויפגעהערט צו שע־דיגען די איטאַליענישע, אומגעקעהרט, עס האָט דאָס איטאַליענישע אויפגעפרישט, דורך די צופיהרונג פון פרישע גייסטיגע שטרע־מונגען פון די פרעמדע ליטעראַטורען. דאָס שריפשטעלערטום האָט אָנגעהויבען ווערען אַ מאַכט ביים פאָלק, און די הערשער האָבען זיך גענומען פעראינטערעסירען מיט די שריפטשטעלער. אין 1513 האָט דער פאַבסט לעאָ דער צעהנטער אונטערשטיצט די וואָס האָבען געשריבען אין איטאַליעניש, ער האָט אָבער אין אויג געהאַלטען די וואָס זיינען נישט געגאַנגען צו־ווייט איבער די גרענצען פון זיין דיפּלאָמאַטיע. אַזוי האָבען אויך געטהון די פרינצען אַלס קאָנקורענץ צום פאַבסט. די ערשטע גלענצענדע ערשיי־נונג אין דיעזער פעריאָדע איז געוועזען: ערנאַרדאָ טאַסאָ, אַ פאָעט מיט אַ אויסער געוועהנליכע קראַפט אין דער עפּיק, און זיין אונשטערבליכער זוהן, טאָרקואַטאָ טאַסאָ דער דיכטער פון (Gerusalemme liberato) "דאָס בעפרייטע ירשלים". צו דערזעלבע צייט האָט אויך געגלאַנצט אַריאָסטאָ, דער דיכטער פון דעם (Orlando Furioso) "דער ראַסענדער ראָלאַנד" אַ ראָמאַנטישער עפּיק פול מיט פייער און קאָלירען. טאַסאָ דער יונגערער האָט אין זיין יוגענד געזוכט נאָכצודיכטען אַריאָסטאָ, אַבער, ווי נאָר ער האָט ענטדעקט אין זיך די אייגענע אָריגי־נאַלע קוואַליטעט האָט ער זיך אָבגעטיילט פון אַריאָסטאָ'ס שוהלע. ער שטעהט אַליין אין זיין צייט, אין שעהנהייט פון פערז, אין דער זאַנפטהייט פון האַנדלען, און אין דער זיעסקייט פון דער שפּראַך. אַריאָסטאָ און טאַסאָ האָבען ביידע געהאַט פיעלע נאָכאַהמערס, אַבער קיינער פון זיי פערדיענט דערמאָנט צו ווערען. צווישען די זוכער נאָך אָריגינאַליטעט איז ערשינען אַ נייע פיגור, מערלינאָ קאָקאַיאָ, דער בעשעפער פון אַ נייע פאָעזיע וואָס מען האָט גערופען: "די מאַקאַ־ראָני־ (לאָקשענ־) פאָעזיע", וואָס איז פון געמיינעם פאָלק אויפגענומען געוואָרען מיט אַ הייסען הונגער, ווי דער "דזשאַז" פון צוואַנציגסטען יאָהר־הונדערט. אויפגעמונ־טערט פון דיעזען ערפאָלג, האָבען זיך אַלאָז געטהון אַ רייהע פון בורלעסקען און פאָרנאָגראַפישע פּראָדוקטען וועלכע האָבען איינגעדרינגען אַפילו אין די הויכע קרייזען.

די קאָמעדיע איז בעגרינדעט געוואָרען פון אַריאָסטאָ, און איז פאָרטגעזעצט געוואָרען פון ביביענאַ, און מאַכיאַוועלי. נעבען־ביי האָט זיך ענטוויקעלט אַ נייע סאָרט קאָמעדיע וועלכע האָט זיך אַריינגעפאַסט אין דעם דיאַלעקט פון יעדער פראָווינץ. מען האָט איהר גערופען: "די קאָמעדישע קונסט". זי איז בעשטאַנען בלויז אין אַ סקיצירטען פלאַהן פאַר די האַנדלונג, מיט אַן אָנווייזונג אויף די נאַטור פון די סצענעס; דער דיאַלאָג איז איבערגעלאָזען געוואָרען פאַר די אַקטיאָרען אויסגעפילט צו ווערען. אויך די אידיליסטישע דראַמאַ האָט אין דיעזער פעריאָדע דערגרייכט איהר העכסטע שטופע. דער ערשטער אָנהויבער איז געוועזען באָקאַטשיאָ, און איז געפאָלגט געוואָרען פון סאַנאַזאַרא. פאָולאָ די טשעפאַלאָ האָט די אידיליסטישע דראַמאַ דערהויבען צו איהר העכסטע שטופע. פאַסטאָר פידיאָ האָט אין איהר אַריינגעפיהרט קאָר־געזענגע. אַ טהאַט־וועלכע האָט מיט דער צייט געפיהרט צו דער שאַפונג פון דער אָפערא. די פראָזאַ פון יענער צייט איז געוועזען פאָליטיש. דער בעדייטענדסטער אין דיעזער ליניע איז געוועזען ניקאָלאָ מאַכיאַוועלי, וועמענס שריפטען עס ווערען נאָך היינט דעבאַטירט. פון די וואָס האָבען געשריבען אין לאַטיין ווערט דאָ נישטס דערמאָנט. דער נעכסטער צו מאַכיאַוועלי זיינען געוועזען פאַרוטאַ און גואיטשאַרדיני. נעבען זיי זיינען געוועזען אייניגע בעדייטענדע פראָזאַיקער צוואָרפען אין די פערשיעדענע פראָווינצען. דער ערשטער פון די איטאַליענישע היסטאָריקער וואָס האָבען געשריבען איבער ענגלאַנד, איז געוועזען דאַוואַנזאַטי, דער פערפאַסער פון דער "געשיכטע פון דער רעפאָרמאַציע אין ענגלאַנד". אין דער פילאָזאָפיע האָבען זיך ביי דיעזער צייט אויסגעצייכענט: זשיראָלאַמאָ קאַרדאַנאָ, זשיאָרדאַנאָ ברונאָ, און זשוליאָ צעזאַרע. זיי האָבען אַלע געשריבען אין לאַטיין.

פיערטע פעריאָדע: דיעזע פערנעהמט דאָס 17טע יאָהר־הונדערט, וועלכעס צייכענט זיך אויס מיט וויסענשאַפטליכע טהעטיגקייטען. די אוניווערזיטעטען וואָס פריעדריך דער צווייטער האָט עטאַבלירט האָבען דאָ גענומען צייגען רעזולטהאַטען. עס איז ענטשטאַנען אַ בעגייסטערטעס לעבען פאַר דער פאָרשונג אין דער וויסענשאַפט, און צווישען דיעזען איז ערשינען דער אונשטערבליכער גאַלילעאָ גאַלילייו, מיט זיינע שילער וויוויאַני, טאָריטשעלי, און קאַסטעלי. אויך דער געריהמטער מעדיצינער פראַנטשעסקאָ רעדי, דער גרעסטער יוריסט פון יענער צייט ווינטשענזאָ גראַווניאַ, דער פילאָזאָף טאָמאַסאָ קאָמפאַנעלאַ (אַ שילער פון ברונאָ), און זשאַמביקאָ וויקאָ זיינען געוועזען אַלע ריעזען־גייסטער וואָס לייכטען נאָך יעצט אין דער גאַנצע וועלט. די וויכטיגסטע היסטאָריקער זיינען געוועזען דאַווילאַ, בענטיוואָגליאָ און זשיאַנאָנע. און אין דער פיזיק זיינען געוועזען: באָרעלי, גיגליעמיני, ריקאַלי, און גרימאַלדי.

פינפטע פעריאָדע: אינמיטען פון 18טען יאָהר־הונדערט האָט זיך די איטאַליענישע דיכט־קונסט אויפגעוועקט, וואהרשיינליך דורך די בעגייסטערונג פון די וויסענשאַפטליכע פאָרטשריט, און די נייע דיכטער האָבען זיך גענומען רייניגען די שפראַך פון די איבעל וואָס איז אָנגעוואַקסען אינצווישען דיעזער צייט. דאַביי האָבען זיי גענומען הייבען דעם אידעאַליזמוס און די מאָראַל צו אַ העכערע מדריגה. די ראָמאַנטיקער האָבען געפאָדערט רעספעקט פאַר די בירגערליכע און סאָציאַלע רעכט. אַ קאַמף איז דאַדורך ענטשטאַנען צווישען די רעאַליסטען

און די אידעאַליסטען — אַ קאַמף צווישען די רעפאָרמער זעלבסט.

זשיזעפּי פּאַריני האָט מיט אַ בייסענדע איראָני געשמיסען דאָס אונזיטליכע לעבען פון דעם אַדעל־קלאַס. נעבען איהם האָט זיך געשטעלט דער דיכטער איפּאָליט פּיעאָמאַנטי די עלעגאַנטע שפּראַך פון דיעזע צוויי האָט אָנגעוויזען אַ שעהנעם וועג פאַר פיעלע נאַכפאָלגער. פּאַריני האָט געשאַפען אַ נייע עפּאָכע אין דער ליערישע פּאָעזיע. די מעהרסטע נאַכפאָלגער האָט ער בעקומען פאַר זיין סאַטיריק און דידאַקטיק. וויטאָריאָ אַלפיערי וועלכענס טאַלאַנט איז געשעצט געוואָרען גלייך צו דעם פון פּאַריני, האָט בעשאַפען די נאַציאָנאַלע טראַגעדיע. אַלס ליעריקער און דראַמאַטיסט איז נעבען זיי אויפגעשטאַנען ווינטשיענטאָ מאָנטי, אַ מאַן וועלכער האָט אין זיין סטיל זיך געקאָנט גלייכשטעלען מיט דאַנטע. נאָך איהם איז אָנגעקומען אַלעסאַנדראַ מאַנצאָני מיט צוויי היסטאָרישע דראַמען וועלכע האָבען געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון בעסטע קריטיקער און קינסטלער. מאַנצאָני האָט געאַרבייט אונטער דעם איינפלוס פון סער וואָלטער סקאָט. אויף דעמזעלבען וועג איז אויך געגאַנגען מעסימאָ ד'אַזעליאָ און פיעלע אַנדערע נאָך איהם. מיט דער צייט האָט דיעזע שוהלע גענומען פּראָדוצירען פּאַטריאָטישע נאָוועלען פון אַ איטאַליענישען קאַראַקטער. אין דער פּאָעזיע האָט געטהע ביי דיעזער צייט אויסגעאיבט אַ גרויסען איינפלוס אויף די איטאַליענישע דיכטער. זיינע נאַכפאָלגער זיינען געוועזען: זשיאַקאָמאָ פּאַרדי, מאַרקעטי, פּעריאָ, טערענציאָ, און מיאַמאַני. פון די היסטאָריקע אין דיעזער פּעריאָדע צייכנען זיך אויס: צעזאַרע קאַנטו, דער פּערפאַסער פון דער בעסטער וועלט־געשיכטע אין דער איטאַליענישע שפּראַך, און אַנדערע היסטאָרישע ווערק. אויך דער אויבענדערמאָנטער מאַסימאָ ד'אַזעליאָ, באַלבי, זשיאָבערטי, און מאַזיני. קאַנטו'ס מאָטיוו איז געוועזען אַ פּאַבסטליכער צענטער פאַר אַ פּאָליטישע איינהייט. די נעקסטע דריי, פאַר אַ פראַנצויזישעס איטאַליען. און מאַזיני, פאַר אַ סאָציאַלע רעפּובליק. ווי מען ווייסט שוין אויס דעם היסטאָרישען טייל פון דיעזען אַרטיקעל, האָט מאַזיניס ראָלע אין דער בעפרייאונג פון דעם פּאַבסטום און פון די פרעמדע הערשאַפטען איבער איטאַליען, פיעל געהאַט צו פערדאַנקען זיין שאַרפע פעדער. ער האָט מיט זיין פעדער דאָס פאָלק געלערנט צו קעמפען מיט דעם שווערט. אין 1842 איז אין פלאָרענץ געגרינדעט געוואָרען אַ היסטאָרישער אַרכיוו פאַר פאָרשער און שטודירענדע. אַ רייהע פון וויסענשאַפטסמענער פון אַ וועלטליכע אַנערקענונג, זיינען באַלד אויפגעשטאַנען איינער נאָך דעם אַנדערען: וואָלטאַ, גאַלוואַני, סקאַרפּאַ און ספּאַלאַנצאַני. שפּעטער אויך דער אַסטראָנאָם שאַפּאַרעלי און זיינע צייטגענאָסען דאָנאַטי און קאַפּאָטשי. פּאַסקאַל גאַלופּי האָט צוערשט אַריבערגעפיהרט די דייטשע פילאָזאָפיע אין דער איטאַליענישע שפּראַך אַריין. די צוויי גרעסטער געאָגראַפּישע שריפטשטעלער זיינען געוועזען: מאַרמאָטשי און אַדריאַנאָ באַלבי.

די שטענדיג שלעכטע עקאָנאָמישע לאַגע פון איטאַליענישען פאָלק און די זוכונג פון מיטעל איהר צו העלפען, האָט אַרופגעפיהרט דעם סאָציאַליזמוס מיט אַלע זיינע אוטאָפּיען, אויף דער ליטעראַרישע ביהנע. פיעל ליטעראַטור איז אויף דיעזען געביעט געשאַפען געוואָרען, אַבער קיין אָריגינאַל ווערק פון וועלטליכער אַנערקענונג. דערפאַר אָבער פערברייטעט זיך דאָרט די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור פון דייטשע און ענגלישע פערפאַסערס, איבערזעצט אין איטאַ־

ליענישען. אויך די וואַדערענדע איטאַיענער וואָס קומען צוריק אַהיים ברענגען מיט זיך אויסלענדישע קענטניס איבער דעם סאָציאַליזמוס, און זיי ווערען מיטאַמאָל שרייבער אָהנע וועלכע אַנדערע בילדונג. דאָס גרעסטע ווערק וואָס איז געשאַפען געוואָרען איבער פּאָליטישע עקאָנאָמיע אין איטאַליעניש איז Primi elementi di economia politica פון קאָסאַי. אַנדערע פּאָליטיש עקאָנאָמישע שריפטשטעלער זיינען געוועזען: ראַזאַני, פּעראַרים, גאַבאַליאָ, ראָטאַ, קוסומאַנאָ, ריקאָליני, און לאָראַ. זיי האָבען אָבער אַלע זיך געשטעלט אויף די פּרינציפּען פון די דייטשישע און ענגלישע פּאָליטישע עקאָנאָמען.

אין דער קאָסמאָלאָגישע וויסענשאַפט שפּיעלט די איטאַליענישע ליטעראַטור אַ פיהרענדע ראָלע פאַר אַ געוויסע צייט אַליין, און שפּעטער צוזאַמען מיט שפּאַניען פאַר אַ לענגערע צייט. שוין דאַנטע צייגט קאָסמאָלאָגישע קענטניס, און אין זיין צייט האָט מאַרקאָ פּאָלאָ געליפערט אַ בעדייטענדע שילדערונג פון זיינע רייזען איבער דער אַלטע וועלט. קאָלומבוס (?) און וועספּוטשי זיינען איטאַליענס קינדער. לעאָנאַרדי דאַ ווינטשי האָט דער וועלט געגעבען דעם ערשטען בעגריף איבער דער וועלט־געביידע. פראַקאַסטאָראָ האָט ערקלעהרט די פערשטיינערונג פון די שטיינ־שיכטען אין דער ערד. ניקאָלאַי סטענאָ גיט די ערשטע ערקלעהרונג פון אַ וויסענשאַפטליכע געאָלאָגיע. אַלס די דרוקעריי איז ערפינדען געוואָרען האָבען די איטאַליענער איהר פריהער פערברייטעט אַלס אירגענד וועלכעס פאָלק, און זייער קרעדיט פאַר דער וויסענשאַפט אין דיעזער הינזיכט, בעשטעהט אין דעם וואָס זיי האָבען גלייך פערפיעלפאַכט די קלאַסישע מאַנוסקריפּטען, וועלכע האָבען געהאַלטען אין פערלוירען געהן. מיט די ערשיינונג פון דיעזע, איז אויפגעמונטערט געוואָרען אַ רייהע פון גלענצענדע אויסטייטשער פון די קלאַסישע ווערקע פון פּליניוס, טהעאָפראַסטוס, דיאָסקאָרידעס און אַריסטאָטעלס. מאַטטיאָלי האָט געלעגט דעם ערשטען פונדאַמענט צו דער באָטאַנישע וויסענשאַפט. פאַבריציוס גיט די ערשטע גרונדלאַגען צו אַ פערגלייכענדע אַנאַטאָמיע. סטעלוטי מאַכט די ערשטע בעאָבאַכטונג איבער די ביענען, און מאַלפּיגהי די ערשטע מיקראָסקאָפּישע אונטערזוכונג איבער די טיערע און פלאַנצען. אין דער פיזיאָלאָגיע צייכענט זיך אויס פראַנטשעסקאָ רעדי, דערמיט וואָס ער ווייזט נאָך צום ערשטענמאָל די ענטוויקלונג פון אינזעקטען. דער ערפינדער פון דעם פאָטאָגראַפישען אַפּאַראַט איז געוועזען פּאָרטאַ (1600) דער וואָס האָט געלעגט דעם פונדאַמענט צו אַ טיער־ און פלאַנצען־געאָגראַפיע. די עלטעסטע אַקאַדעמיע—לויט דעם היינטיגען סיסטעם—איז פון פלאָרענץ. אויס איהר קומט דער אונשטערבליכער גאַלילעי דער ענטדעקער פון דעם פאַל־געזעץ. טאָריצעלי ענטדעקט דאָס באַראָמעטער. גרימאַלדי ענטדעקט די ברעכונג פון ליכט. עמערי און גראַסי ענטדעקען די וועקסעל־בעציהונג צווישען פלאַנצען און די חיות. אין די לעצטעסטע צייטען האָט געגלאַנצט קאַרדוטשי, דער איינציגסטער אָריגינאַלער פּאָעט אין עוראָפּאַ זינט וויקטאָר הוגאָ; די נאָוועליסטען פאָגאַצאַראָ, ווערגאַ, און ד'אַמיטשיס האָבען בעקומען אַ וועלטליכען ריהם; מאָנטעגאַזאַ אין דער אַנטראָפּאָלאָגיע, לאָמבראָזאָ אין דער קרימינאַל־פּסיכאָלאָגיע, מאָרסעללי און פּערי אין דער פּסיכאָלאָגיע; ווילאַרי אין דער היסטאָריע און מאַרקאָניע אין דער ערפינדונג, האָבען עבענפאַלס בעקומען די אַלוועלטליכע אַנערקענונג.

פון קאַרדוטשיס שוהלע איז ערשיענען גאַבריעלאָ ד'אַנונציאָ, דער היים-בלוטיגסטער פון אַלע איטאַליענישע פאָעטען ביז זיין צייט; אַ מאַן וועלכער האָט בעוויזען וויאַזוי מען קאָן מיט אַ שעהנעם סטיל, בעגעהן די גרעסטע פערברעכען געגען דער מאָראַל, און בלייבען געאַכטעט. אַחוץ דעם ריהם פאַר זיין וואונדער שעהנעם סטיל קומט איהם אויך דער קרעדיט, פאַר זיין, דער ערשטער פון זיין פאָלק צו בעזינגען די ימים וואָס וואַשען אַרום די ברעגעס פון זיין פאַטעלאַנד.

איטאַליענישע שפראַך

דאַנטע ווייזט נאָך, וויאַזוי די איטאַליענישע שפראַך איז ענטשטאַנען אויס דער לאַטיינישע. די פרויען, זאָגט ער, האָבען די לאַטייניש ליטעראַרישע שפראַך נישט גערעדט. וואָס זיי האָבען גערעדט איז געוועזען אַ פערדאָרבענעם לאַטיין. די פרויען, די מוטערס, האָבען דיעזעס פערדאָרבענע לאַטיין איבערגעטראָגען צו זייערע קינדער. אַזוי איז דאָס פאָלק מיט דער צייט אַוועק פון דעם ליטעראַרישען לאַטיין, ביז דאָס פערדאָרבענע איז געוואָרען, אַ שפראַך פאַר זיך. שפעטער, ווען די אינטעליגענץ האָט איינגעזעהן אַז צוריקברענגען אַ פאָלק צו זיין אַמאָליגע שפראַך איז אונמעגליך האָט מען זיך גענומען אויסאַרבייטען דעם זשאַרגאָן צו אַ ליטעראַרישע שפראַך.

אַלס ריידענדע שפראַך צופאַלט דאָס איטאַליענישע אין פיעלע דיאַלעקטען. די דיאַלעקטען אונטערשיידען זיך פון אַנאַנדער פיעל שטאַרקער אַלס פון אַנדערע שפראַכען. דער אונטערשיעד איז מעהרסטענס אין דער אויסשפראַך. עס איז דאַרום פשוט אונמעגליך אָנצוגעבען דעם שטודירענדען, אַ פאָנעטישע אויסשפראַך. עס איז דאַרום פשוט אונמעגליך די דיאַלעקטען פון דער נאָרד זיינען האַרט וויל, דאָרט וואוינען די מעהרסטע פון גערמאַנען און קעלטען. דאַגעגען אין זידליכען איטאַליען איז דער וואָקאַל-קלאַנג זעהר ווייך. די געבילדעטע פון גאַנץ איטאַליען בעדיענען זיך מיט דעם פלאָרענטינישען דיאַלעקט. די אורזאַך איז בלויז אַ געאָגראַפישע. אַרום יענע געגענד האָבען געוואוינט די גרעסטע צאָהל פון שריפטשטעלער אין אַלע צייטען. דאַנטע, פעטראַרקאַ, און באָקאַטשיאָ קומען אַפילו פון דער נאָרד, די גרעסערע צאָהל אָבער האָט געווירקט פאַר אַ לענגערע צייט. אין 15טען יאָהר-הונדערט, ווען די קלאַסישע פילאָלאָגיע איז געוועזען דאָס ליעבלינגס שטודיום האָט די נאַציאָנאַלע שפראַך דאַדורך פיעל געליטען. אין 16טען יאָהר-הונדערט האָט מען פיעלעס פון דער קלאַסישע פילאָלאָגיע אַריבערגעפיהרט אין דער נאַציאָנאַלע שפראַך אַריין. די נאַציאָנאַלע האָט דאַדורך בעקומען דעם קלאַנג פון אַ ביכער-שפראַך. דער אונטערשיעד צו דער געשפראָכענער איז אַבער צוגלייך פערגרעסערט געוואָרען. אין 1582 האָט די אַקאַדעמיע פון פלאָרענץ געצוואונגען די סטודענטען צו לערנען דעם פלאָרענטישען דיאַלעקט, און אָנצונעהמען בלויז דיעזע קלאַסיקער וואָס די אַקאַדעמיע האָט אָנגעוויזען. קיין אַנדער אַקאַדעמיע האָט זיך געגען דעם געשטעלט, איז דער פלאָרענטינישער דיאַלעקט נאַטירליכער ווייזע געוואָרען דער הערשענדער אין דער איטאַליענישער שפראַך. היינט וואַקסט די איטאַליענישע שפראַך מיט דעם שוואונג פון דער וועלט-ליטעראַטור. מאַנכעמאָל קריעגט דאָס פראַנצויזישע אַן איינפלוס, מאַנכעמאָל די דייטשישע, און אָפטמאָל אויך די ענגלישע. די איטאַליענישע שפראַך פערקערפערט אַלזאָ די עלעמענטען פון פיעלע שפראַכען. דאָס פאָלק וואָס לעזט נישט, בלייבט ביי זיינע דיאַלעקטען, אונבעאיינפלוסט פון אַלע ענ־

דערונגען וואָס קומען פאָהר אין דער שריפט־ליכער שפּראַך.

פאַר דער צייט וואָס די פּרויען־שפּראַך איז רעפאָרמירט געוואָרען, האָט דער בעסער־ער קלאַס זיך בעדיענט מיט דער לאַטיינישע שפּראַך. ביז דאַנטעס אויפטרעטען האָבען שוין פיעלע פּרובירט שרייבען פּראָזאַ אין דער נייע שפּראַך. עס זיינען געשריבען געוואָרען נאָכאַהמונגען פון לאַטיינישע שריפטען און, וועהרענד עס איז די שרייבער אָנעקומען שווער צו שרייבען האָט אָבער דאָס פאָלק נישט געוואוסט אַז דאָס איז אַ נייע שפּראַך. די אורזאַך איז וואָס, דער געשריבענער לאַטיין איז געוועזען כמעט אַ גאַנץ אַנדערער ווי דער געשפּראָכענער. די נייע איטאַליענישע שפּראַך פון פאַר דאַנטעס צייט איז געוועזען זעהר נאָהנט צום לאַטיינישען. דער אונטערשיעד איז נישט געוועזען אַזוי גרויס אַז דאָס פאָלק זאָל קאָנען בעמערקען דעם איבערגאַנג. עס זיינען נאָך היינט פאַראַן געגענדע אין איטאַליען, וואו מען גלויבט אַז מען רעדט לאַטיין. דער וואָקאַבולאַר פון דער איטאַליע־נישער שפּראַך האָט דעם גרעסטען טייל פון זיינע ווערטער אַריבערגעטראָגען פון דעם לאַטיינישען ווערטערבוך. דער פראַנצויזישער און דער דייטשער אינהאַלט איז קליין, ווייל די הערשאַפט פון דיעזע פעלקער איבער איטאַליען איז קיינמאָל געוועזען קאָמפּלעט, און קיינמאָל אויף לאַנג. די וויסענשאַפט־ליכע טערמינאָלאָגיע איז פאַר דער איטאַ־ליענישע שפּראַך גאַנץ פערשטענדליך ווייל זי איז, ענטוועדער גריכיש אָדער לאַטיין. דער אַראַבישער עלעמענט אין דער איטאַליענישע שפּראַך בעציהט זיך מעהרסטענס מיט שיפ־און טראַנספּאָרט־זאַכען.

פרעמדע שפּראַכען ווערען גערעדט אין איטאַליען לויט די אַרומיגע גרענצען. דיעזע ווערען געטיילט אין 6 גרופּען: 1) פּראָווינ־ציאַל-פראַנצויזיש, 2) דייטש, 3) סלאָוועניש 5) אַלבאַנעזיש, 5) גריכיש, און 6) קאַטאַ־לאָניש. די מגיפה פון 1630 האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער שפּראַך. די פיעלע איטאַליענישע גייסטליכע וואָס זיינען געפאַלען אין דער מגיפה, זיינען ערזעצט געוואָרען דורך פרעמדע. די קירכען און די שוהלען זיינען געשטאַנען אונטער די לייט־טונג פון דיעזע גייסטליכע, און זיי האָבען נאַטירליכער ווייזע נישט געקאָנט דאָס אי־טאַליענישע אַזוי גוט ווי די היימישע.

ווען דאַנטע האָט גענומען רעפאָרמירען די איטאַליענישע שפּראַך האָט ער געפינען 14 דיאַלעקטען, אַסקאָלי האָט אין 19טען יאָהר־הונדערט געפינען פיעל מעהר. אין די ביבליאָגראַפישע פערצייכניסע געפינט מען באָקאַטשיאָס ווערק איבערזעצט אין כמעט הונדערט דיאַלעקטען. די פערשיעדענ־הייט פון מאַנכע צווישען זיך איז אַזוי גרויס, דאָס מען וואונדערט זיך, ווי צוויי אָדער דריי איטאַליענער צוזאַמען קאָנען זיך נישט צוזאַמענריידען. די רעגיערונג איז יעצט בעשעפטיגט מיט דער אוניפיצי־רונג פון די געזעצע צווישען אַלע פּראָ־ווינצען וועלכע ווערען נאָך בעהערשט מיט אַ גרויסען טייל פון זייערע אַמאָליגע געזע־צע. דאָס בילדונגס-מיניסטעריום איז פיעל געשטערט אין זיין פאָרטשריט צו שאַפען אַן אייגהייט אין דער שפּראַך צוליעב די געזונקענע לאַגע פון די איטאַליענישע פינאַנצען, און צוליעב די שטענדיגע סאָ־ציאַלע אונרוהען וואָס שאַרפען זיך דאָרט פון יאָהר צו יאָהר. די ליטעראַטור פון איטאַליען פערטיעפט זיך, אַבער זי פער־ברייטערט זיך נישט. עס פעהלט איהר די הילף פון דעם בילדונגס-מיניסטעריום און האָט דאַרוף לאַנג צו וואַרטען.

גראַמאַטיק:

די איטאַליענישע שפּראַך שרייבט זיך מיט רוימישע בוכשטאַבען ווי לאַטיין. איהר אַלפאַבעט האָט בלויז 21 בוכשטאַבען. עס פעהלען אין איהם דאָס J, K, W דיעזע ווערען פערטרעטען דורך פאָלגענדע דריי: C, I, V אין דער אויסשפּראַך זיינען פאָלגענדע 17 בוכשטאַבען גלייך צו די דייטשע:

a, b, d, e, f, i, l, m, n, o, p, q;
r, s, t, v, z.

די אויסשפּראַך פון די איבריגע איז ווי

נ׳י = Gn
ק = Ch
שע = Sce
שי = Sci
סקאַ = Sca
סקאָ = Sco
סקו = Scu
שאַ = Scia
שאָ = Scio
שו = Scie
C * a, o, u, = k
G * a, o, u, = g
G * e, i, = dsch
Gl * i, = lj
C * e, i, = tsch

דיעזער * צייכען מיינט "פאַר"

* * *

דער יודישער בייטראַג

וועגען דעם יודישען בייטראַג צו דער דער איטאַליענישער שפּראַך און איהר ליטעראַטור, איז שווער צו מאַכען אַן אָבשאַצונג, אַפּילו לפי־ערך. די שטאַרקע יודישע נייגונג פאַר דער אַסימילאַציע אין דיעזען לאַנד, און די פעראיטאַליעניזירונג פון די יודישע נעמען, זיינען די גרעסטע שטערונגען פאַר דיעזען צוועק. אַזוי איטאַליעניש זיינען לעצטענס די דאָרטיגע יודען, אַז מען קאָן זעהר זעלטען געפינען אין זייערע שריפטען, אַ שפּור פון זייער אָבשטאַמונג. אַפּילו דאָרט וואו אַ קריסטליכער איטאַליענער וועט בעריהרען אַ יודישע פראַגע וויל ער מוז, וועט איהר דער יודישער איטאַליענער אויסמיידען. אויב מיר ווייסען אַז וועלכער פון זיי איז אַ יוד, איז עס חלילה נישט זיין שולד. צופעלע האָבען דאָס אויסגעזאָגט, און פיעלע פון זיי האָבען עס ליגנערישער ווייזע אָבגעלייגענט. שטיינשניידער האָט אַן אַרטיקעל וועגען דער יודישע ליטעראַטור אין איטאַליען, דיעזען וועלען מיר בענוצען ביי דער בעהאַנדלונג פון דער "העברעישע ליטעראַטור"; דאָ, האַנדלען מיר וועגען דעם יודישען בייטראַג צו דער איטאַליענישע ליטעראַטור און איהר שפּראַך.

די איטאַליענישע שפּראַך איז צו די יודען פון איטאַליען קיינמאָל נישט פרעמד געוועזען. זי איז געבוירען געוואָרען אין זייער געגענוואַרט. זיי האָבען איהר געהאָלפען ענטוויקלען, ווי זיי טהוען דאָס נאָך היינט אין אַלע לענדער וואו זיי וואוינען. דער יוד איז אַ גרויסער בעלן אויף צו בעסערען שפּראַכען. דאָס קומט צו איהם אויס דער נאַטור פון זיין וואַנדער־לעבען. אין איטאַליען האָט ער געמאַכט אַן איסנאַהם ווי אַנדערש וואו, דערמיט, וואָס איבעראַל האָבען יודען צוגלייך געשאַפען אַ יודישע ליטעראַטור אין דער לאַנדס־שפּראַך, האָבען זיי אין איטאַליען געאַרבייט פאַר דער איטאַליענישע שפּראַך און ליטעראַטור אַלס איטאַליענער. טאָמער האָט אייגער פון זיי שוין יאָ געוואָלט שרייבען וואָס פון יודען אָדער פון יודענטום, האָט ער עס געטהון אין העברעיש. דערפאַר איז די העברעישע ליטעראַטור אין די ערשטע יאהרען געוועזען אַזוי רייך, ווהערענד היינט, איז די העברעישע דאָרט שוין גאַנץ טוידט, און דאָס יודישע אין דער איטאַליענישע שפּראַך, זעהר אונבעדייטענד.

די יודען האָבען פיינד געהאַט די לאַטיינישע שפּראַך (ל. גייגער) צוליעם די פערפאָלגונגען וואָס זיי האָבען געהאַט אויסצו-

שטעהען פון די פּאַבסטליכע הערשאַפטען מיט זייערע לאַטייניש "ענציקליקאַ", וועלכע זיינען כמעט שטענדיג געווען פול מיט נייע גזרות געגען יודען. זיי האָבען איהר גערופען: "לשון־גלחות". שוין דאָס אַליין איז געווען אַ גענינעגענדע אורזאַך זיי זאָלען ליעבען די נייע איטאַליענישע שפּראַך און צו העלפען איהר ענטוויקלען.

נעבען דאַנטע געפינען מיר שוין זיין יודישען פריינד מאַנועלאָ אַרבייטען פאַר דער איטאַליענישע שפּראַך. זייער פערבינדונג האָט געמוזט זיין זעהר אינטים, ווייל, דאַנטע האָט געלערנט העברעיש און קיין אַנדערער האָט איהם דערצו נישט געקאָנט פערשאַפען אַ חשק ווי ער. אַפילו די העברעישע שריפטשטעלער, און איבערזעצער פון יענער צייט האָבען אויסגעטייטשט זייערע טערמינאָלאָגיען אין איטאַליעניש. מאָזעס ריעטי האָט פערפאַסט אַ איטאַליעניש ווערק געמישט מיט העברעישע דורכווערפונגען. דאָס איז דעמאָלט געווען אין איינקלאַנג מיט די פאָדערונגען פון דער צייט. דער שטודיום פון אָריענטאַלישע שפּראַכען איז געגאַנגען האַנד־און־האַנד מיט דער ענטוויקלונג פון דער איטאַליענישע שפּראַך. מעסער לעאָן פערפאַסט אַ היסטאָרישעס ווערק אין איטאַליעניש, וואו ער בענוצט זיך מיט די לאַטיינישע קלאַסיקער און יודישע קוואַלען. דער פילאָזאָף דעל מעדיגאָ האָט אונטעריכטעט פילאָזאָפיע אין פלאָרענץ, און איז פון סענאַט ערוועהלט געוואָרען אַלס שיעדסריכטער איבער אַ פילאָזאָפישע שטרייטיגקייט אין וועניציאַ. צווישען זיינע שילער זיינען געווען די געריהמטע קריסטליכע געלעהרטע פּיקאָ דעלאַ מיראַנדאָלאַ, פלאַוויוס מיטרידאַטעס, און אַלמענאַ. אויך דער זוהן פון אַבאַרבאַנעל, לעאָ עברעאָ האָט פערפאַסט זיין דיאַלאָג אין איטאַליעניש. ספאָרני, דער מאַטעמאַטיקער און פילאָזאָף, יאַקאָב עמאַנועל דער פּאַבסטליכער לייב־דאָקטאָר און אַסטראָנאָם האָבען געשריבען זייערע אַבהאַנדלונגען אין איטאַליעניש אין דער צייט ווען דיעזע שפּראַך איז נאָך געווען אין איהר קינדהייט. אליהו לעוויטאַס (אליהו בחור) האָט פערפאַסט אַ ביבעל־קאָנקאָרדאַנץ אין איטאַליעניש פאַר דעם קאַרדינאַל עדזשידאָ דע וויטערבאָ. לעון ד'סאָממי, דער גרויסער דראַמען־דיכטער, פּאָרטאַלעאָן דער פּילאָלאָג און מעדיצינער, ווי אויך פיעלזייטיגער שריפטשטעלער, האָבען געהאַט אַ גרויסען איינפלוס מיט זייערע ווערק אויף דער ליטעראַטור. אויף דער פערזאַמלונג פון דעם יודישען סנהדרין וואָס נאַפּאָליאָן האָט איינגערופען אין אָנהויב פון 19טען יאָהרהונדערט, האָט דער פּאָרזיצענדער ראַבינער איינצהיים געהאַלטען זיין ערעפנונגס־ריידע אין איטאַליעניש, טראָצדעם וואָס איטאַליען איז דאָרט פערטרעטען געוואָרען פון בלויז 4 דעלעגאַטען, און איינצהיים האָט געקאָנט גוט העברעיש. ראַבינער וויטאָרע קאַסטיליאָני האָט איבערזעצט די משנה אין איטאַליעניש; און פיעלע אַנדערע איבערזעצען גרויסע טיילען פון סידור און מחזור. די קריסטליכע איבערזעצונג פון דער ביבעל אין דער איטאַליענישע שפּראַך איז די איינציגע וואָס די איטאַליענער יודען האָבען.

אין די מאָדערנע צייטען, זינט דאָס העברעישע האָט אויפגעהערט און דאָס יודישע איז אין דער איטאַליענישע שפּראַך נישט געשאַפען, איז דער שליאַד פון דעם יודישען פאָרטשריט אין דער איטאַליענישע ליטעראַטור, כמעט ווי אָבגעווישט. עס איז נאַטירליך צו גלויבען, אַז די גרויסע שטעלונג וואָס די יודען פערנעהמען אין איטאַליען, איז צום גרעסטען טייל דערגרייכט

געוואָרען דורך בייטרעגע צו דער ליטעראַטור און קולטור. איטאַליענס גרעסטער היסטאָריקער, אַלעסאַנדראָ ד'אַנקאָנאַ, איז אַ יוד; אַזוי איז אויך דער גרויסער פאָליטיש-עקאָנאָמישער שריפטשטעלער מאַרקאָ קאָסין, גענעראַל-מאַיאָר אַשילע קאָען איז אַ מיליטערישער שריפטשטעלער. לודזשי לוצאַטאָ, דער עקס-פרעמיער, האָט פיעל געשריבען איבער סאָציאָלאָגיע און פאָליטישע-עקאָנאָמיע. באַראָן סאָנינאָ, דער עקס-מיניסטער פון אויסערען, האָט פאַר יאָהרען שריפטליך געאַרבייט צוזאַמען מיט פראַנטשעטי. פראָפ. פיאָ פאָאַ, דער פרעזידענט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען פאַטאָלאָגישען קאָנגרעס אין טורין פון 1911, האָט געמאַכט וויכטיגע בייטרעגע צו דער פאַטאָלאָגיע. פראָפ. עמאַנ. לעווי, דער פרעזידענט פון דעם אינטערנאַצ. אַרכעאָלאָגישען קאָנגרעס אין רוים 1911, האָט דיעזען כבוד פערדיענט דורך זיינע גרויסע אַרכעאָלאָגישע בייטרעגע. פראָפ אַזעליאָ פאָליקאָרפאָ איז צוליעב זיינע אַסטראָנאָמישע בייטרעגע דערהויבען געוואָרען (1911) אַלס דירעקטאָר פון דעם אָבזערוואַטאָריום אין נעאַפעל. אין 1915 איז מאַנדאָלפאָ ראָדאָלפאָ געוואָרען פראָפ. דער פילאָזאָפיע אין באָלאָניאַ; אין 1917 קאָלאָמבאָ אַדאָפע, דירעקטאָר פון דעם נאַציאָנאַלען מוזעום פון רענאַזאַנס אין טורין. אינזעלבען יאָהר איז מאָרטאַראָ לודאָוויקאָ געוואָרען פרעזיד. פון קאַסאַציאָנס-געריכט. קומען מיר צו, צו פראָפ. אַסקאָלי, האָבען מיר פון דיעזען איינעם יודען, אַ בייטראַג צו דער איטאַל. שפראַך און ליטעראַטור וואָס איבערוועגט אַלעס מיט אַלעמען. אַסקאָליס פילאָלאָגישע אַרבייטען, איבערהויבט זיינע אָריגינעלע פאָנעטיקס, האָבען געשאַפען אַ הויכען פלאַץ פאַר איטאַליען אין דער פילאָלאָגישע וועלט. דאַן האָבען מיר אַ רייהע פון יודישע פראָפעסאָרען אין די פערשיעדענע אַקאַדעמיען מיט אַ הויכע רעפוטאַציע. אַשטייגער ווי: איזראַעל, בענעדיטי, ראַוואַ, מאָרפורגאָ, פוביני, מאָראַנאָס, און לעווי. אין דער יוריספרודענץ שטעהען די איטאַליענישע יודען נישט הינטערשטעליג פון די אין ענגלאַנד אָדער דייטשלאַנד. אַ גרויסע צאָהל פון פראָקוראָרען אין איטאַליען זיינען יודען. צעזאַראָ מאָרטאַראָ איז פראָקוראָר גענעראַל אין מאָדענאַ, און צעזאַראָ קאָלאָמבאָ פראָקוראָר גענעראַל אין באָלאָניאַ. אויך יודישע דיפלאָמאַטען שוינען צו האָבען חן אין די אויגען פון קעניג עמאַנועל III. אַלאַטיני לאַזאַראָ איז זיין קאָנסול אין לאָנדאָן, רעוואַלי ד'פאָלאַקאָ דער אַמבאַסאַדאָר אין בולגאַריען, גראַף די קאַרובאָ אין קאָפענהאַגען. סענאַטאָר זשיאַקאָמאָ מאַלוואַנאָ דער אויבער-פרעזיד. פון שטאַאַטס-ראַטה, איז אויך געוועזען פאַר אַ צייט דער גענעראַל דירעקטאָר אין מיניסטעריום פון אויסערע אַנגעלעגענהייטען. צו שלום איז כדאַי צו ציטירען די שטאַרק אַנטיסעמיטישע צייטונג 'Giornalo d' Italia' וואו זי זאָגט אונטער אַנדערעס:—”צווישען אַלע יודען וואָס מיר האָבען אין איטאַליען, וועט זיך זעלטען געפינען אַ פוילענצער, אָדער אַ שלימ-מזל-ניק. זיי נעהמען אַן אַנטייל אין אַלעס וואָס גוט איז פאַר אַלעם, אָהן אונטערשיעד צו ראַסען אָדער רעליגיאָנען...

איטאַליענישע- ז.”אַרכיטעקטור”, ”מאַלעריי”, ”מוזיק”, ”סקולפטור”.

איטאַליקער, אַ וואַנדערענדער שבט אויס דעם אינדאָ-גערמאַנישען שטאַם, וועלכער האָט נאָך אַ לאַנגע וואַנדערונג, זיך בעזעצט אויף אויף דעם באַלקאַנישען האַלב-אינזעל, אין דער געגענד פון דעם יעצטיגען טורין. בלויז זיך צו אונטערשיידן פון די עטרוס-

קיער האָבען זיי זיך דיעזען נאָמען געגעבען. דאָס יעצטיגע איטאַליען האָט פון דיעזע שבט איהר נאָמען אַדאָפּטירט.

איטאַליש, אַלעס וואָס האָט צו טהון מיט דעם אַלטען איטאַליען, אין געגענזאַץ צו "איטאַליעניש" וואָס מיינט אַלעס וואָס האָט צו טהון מיט דעם מאָדערנעם איטאַליען (ז."איטאַליען").

איטאַלישע שפּראַכ-גרופּע, (פילאָל.) לויט שלייכער בעשטעהט דיעזע גרופּע פון אַלט-לאַטיין, אומבריש, אָסקיש, ראָמאַניש, וואַלאַכיש, איטאַליעניש, כור-וועלש, שפּאַניש פּאָרטוגעזיש, פּרעווענציאַליש, און פראַנצויזיש מיט אַלע איהרע דיאַלעקטען.

איטאַסען, אַ קליין פאָלק וואָס לעבט אויף איינעם פון די פיליפּינער אינזלען. די שפּאַניער רופען זיי: נעגריטען. וועיל זיי זיינען קליין געוואַקסען, האָבען אַ דונקלע הויט, מיט קרויזיגע האָאַר אויף די קעפּ. זיי זיינען אין פיעלע הינזיכטען עהנליך צו די בושמאַנען אין זיד-אַפריקאַ. האָבען פלאַכע נעז, די הינטער-טייל פון קערפּער געבויגען נאָך הינטען צוריק ווי ביי אַ פערד. זייער דורכשניטליכער וואוקס איז פיער און אַ האַלב פוס הויך. זיינען אָבער ריערעווודיג יון שטענדיג קאַמפּ-בערייט. זיי בעדיענען זיך אין קאַמף מיט פערגיפטעטע שפּיעזען און האַלצענע שילד. זיי לעבען פון פיש און חיות וואָס זיי פאַנגען אויף דעם געיעג. זיי וואוינען צו 30 אָדער 50 אין אַ חרובע, צייגען אָבער קיין לוסט צו אַרבייטען אויף אַן אָרט. די קינדער לויפען אַרום ביי די וואַסערען און שיעסען פיש מיט זייערע פייל און בויגען. זיי לעבען מאָנאָגאַמיש און זיינען זיך זעהר טריי. אויב אַ שידוך דאַרף געשלאָסען ווערען שיקט דער פאָטער זיין טאָכטער אין וואַלד צו מאָרגענס מיט דער פריהיוט אַרומצולויפען וואו זי וויל. דער יונגערמאַן לויפט איהר זוכען, אויב ער ברענגט איהר נישט אַהיים פון וואַלד איידער זונענאונטערגאַנג, איז דער שידוך נישט געמאַכט; ברענגט ער איהר אָבער יאָ, דאַן געהער זי איהם, אָהן צערעמאָניעס. נאָך דער חתונה געהען ביידע בעזוכען די קברים פון זייערע פערשטאָרבענע צו בעטען, און לאָזען דאָרט איבער נוס און טאַבאַק פאַר די מתים.

איטאַ-פּאַלמע, אַ קאָלבענ-אַרטיגע פּאַלמע (ז.'פּאַלמע"), וואַקסט אין טרינידאַד, בראַז. דער שטאַם וואַקסט ביז 32 מעטער הויך און אַ זעקסטעל מעטער דיק. דער אינערליכער קערפּער איז שוואַם-אַרטיג און ווייך. אויף איהם וואַקסט אַ זאָרט זאַגאָ. מען שניידט זיין קערפּער ווי ברוידט און מען עסט איהם. אויס דעם זאַפט פון די בליטהען ווערט געמאַכט אַ סאָרט פּאַלמענ-וויין וואָס פער'שכורט גלייך נאָך דעם טרינקען. די בעוואוינער פון די געגענד אַרום דיעזע פּאַלמען, מאַכען פון זייערע בלעטער, שטריק און הענג-בעטען.

איטאַקאַי טאַיסוקאַ, אַ יאַפּאַנעזישער גראַף, פיהרער פון דער ליבעראַלע פּאַרטיי און געגנער פון איטאָ (ז.ד.), געב. אין טאָאַ 1838. מאַכט דורך אַ מיליטערישע שולע, נעהמט אַן אָנטייל אין דער ווידער-אויפבויאונג פון דער יאַפּאַנעזישע אימפּעריע. זיין ציעל איז געוועזען יאַפּאַן אוועקצושטעלען אויף אַ קאָנסטיטוציע ווי די ענגלישע, אָדער די יונייטעד-סטייטס. דאַגעגען האָט איטאָ געשטרעבט צו אַזאַ איינע ווי אין דייטשלאַנד, אין ווילהעלמס צייטען. ער האָט אָבער נישט געקאָנט אויסהאַלטען אין זיין קאַמף געגען איטאָ, ער האָט אָנגעהאַלטען זיין מיניסטער שטעלע

בלויז אַ פּאָאַר מאָנאַט, און איז געשטירצט געוואָרען פון איטאַס פּאַרטיי.

איטאַקאָלומיט, אַ מעטאַמאָרפאָזישעס שטיינ-מעטאַל, אין פערמענגונג מיט כלאָריט. איז אין דער נאַטור קערענדיג. ווען ער ווערט געמאַכט בייגזאַם הייסט ער דעמאָלט: "געלענק-קוואַרץ".

איטהאַקאַ, דער אַלטער נאָמען פאַר דעם יעצטיגען "טהעאַקי" (ז.ד.)

איטילמען, ז. "קאַמטשאַדאַלען".

איטעם, דעסגלייכען.

איטיום, אַ זעהר זעלטענער מעטאַלישער עלעמענט וואָס האָט פּאָרלויפיג קיין גרויסען ווערטה פאַר פּראַקטישע צוועקען. דאָס אינ-טערעסאַנטע ביי איהם איז, וואָס ער איז נישט לאַנג צוריק ערפינדען געוואָרען, וואָס ער געפינט זיך זעלטען געאָגראַפיש ווי געאָלאָגיש. מען האָט איהם געפינען אין דעם נאָרדליכען העמיספער פון רוסלאַנד. געאָלאָגען וואונדערען זיך איבער זיין דאָ זיין, אויף אונזער ערד. ער איז פרעמד צווישען אונזערע עלעמענטען. עס איז דאָ אַ טעאָריע אַז ער קומט צו אונז פון דער אויסען, מיט די מעטעאָרישע רעגענס דיעזע טעאָריע בעגרינדעט זיך אויף דעם פאַקט וואָס אין יענע געגענד פאַסירען אַזעלכע רעגענס.

איטשאַנג, אַ האַפען-שטאָדט ביים טייך יאַנגסטער. י האָט בערך 55000 איינ-וואוינער.

איי, אַלגעמיינער נאָמען פון אַ רונדען קערפּער, וואָס האָט אין זיך די פעהיגקייט פון לעבען און וואַקסען; און פון וועלכען עס ענטשטעהען מענשען, חיות און פלאַנצען. פאַר ביאָלאָגישע צוועקען רופט מען זיי: "אָוואום", "עמבריאָ", "פּלאַזמאַ", "צעל" א.ז.וו. וועלכע ווערען בעהאַנדעלט אין זייער אַלפאַבעטישען סדר. דאָ האַנדלען מיר נאָר מיט דאָס, וואָס עס קאָן אַנדערשוואו נישט בעהאַנדעלט ווערען.

פאָרמען: אייער אונטערשיידען זיך אין דער גרויס, אין פאָרם, קאָליער, און בעשטאַנדטייל. עס זיינען דאָ רונדע, האַלב-רונדע, אָוואַלע, צילינדער-פאָרמיגע; עס זיינען דאָ גלאַנציגע, מאַטע, דונקלע, ברוינע, ווייסע און גרויע. עס זיינען דאָ געפלעקעלטע, געשפּרינקעלטע, און געפּינטעלטע. אין דער גרויס זיינען ווידער פאַראַן, פון דעם גרויסען שטרויס-איי ביז די פיש-רויגען מיט אַ אונגעהייער גרויסע צאָהל פון פער-שיעדענע גרויסקייטען אינצווישען דיעזע. עס זיינען אָבער אויך פאַראַן אַזעלכע קליינע וואָס מען קאָן נאָר זעהען דורך דעם מיק-ראָסקאָפּ. דיעזע ווערען בעהאַנדעלט אויף אַן אַנדער אָרט.

עס זיינען נאָך דאָ אייניגע אייער אין די מוזעאומס פון דעם אויסגעשטאָרבענעם קלאַס פייגעל "מאָאַ", פון נייזעעלאַנד, דיעזע אייער זיינען פיעל גרעסער אַלס די גרויסע שטרויס-אייער. זיי האַלטען 12 צאָל לאַנג און 7 צאָל ברייט. אַזאַ איי האָט מען געקויפט אויף אַ לאָנדאָנער אוקציאָן פאַר 350 פונט שט. אָדער 1750 דאָלאַרס.

עס זיינען . . פייגעל וואָס זיינען אַליין קליין און לעגען גרויסע אייער, דאַגעגען זיינען דאָ אַזעלכע וואָס זיינען זעהר גרויס און לעגען קליינע אייער. דערמיט ווערט בעוויזען אַז די גרויסקייט פון אַ פויגעל האָט וועניג צו טהון מיט דער גרויסקייט פון די אייער. עס איז אויך ווערט צו בעמערקען אַז די וואָס לעגען קליינע אייער לעגען מעהר, און די וואָס לעגען גרויסע לעגען ווייניגער. אַ וואַסער-הוהן וואָס איז אַזוי גרויס ווי אַ ראָב, לעגט אַן איי וואָס

מעסט אַרום די שאָל, פון איין זייט 5 צאָל און פון דער אַנדערער 8 צאָל, ד.ה. 10 מאָל אַזוי גרויס ווי דאָס איי פון אַ ראָב. דאַ־געגען דער קוקוק, וואָס האַלט אַליין 13 צאָל, לעגט אַן איי וואָס איז קוים אַזוי גרויס ווי דאָס פון אַ פעלד־לערכע; אַ פויגעל וואָס איז קוים אַ פירטעל אַזוי גרויס ווי דער קוקוק דאָס איי פון אַ בראַכ־פויגעל איז 8 מאָל אַזוי גרויס ווי דאָס איי פון אַ זאַאַט־הוהן; וועהרענד ביידע זיינען איין גרויס. די שנעפּ לעגט אַפּיעל גרעסער איי אַלס די רעב־הוהן, וועהרענד די רעב־הוהן איז דריי אָדער פיער מאָל אַזוי גרויס ווי די שנעפּ.

פאַראַנען אייער וואָס וואַקסען נאָכדעם ווי זיי זיינען געלעגט געוואָרען. דאָס איי פון אַ מוראַשקע אָדער פון אַ זשאַבע, די אייער פון מאַנכע אינזעקטען, און די פון פון דעם ווייסען פיש — איינער פון די סאַל־מאָן־פאַמיליע— וואַקסען אַלע אין דער פרייע וועלט נאָך דעם לעגען. דאָ פון דער זשאַבע ווערט געלעגט אין וואַסער, און זעהט אויס ווי אַ לויז־געגליווערטע מאַסע, בעצויגען מיט אַ דינע הייטעל, אַזוי אַרום געשיצט, דאָס קיין טראָפּען וואַסער קאָן דורכדרינגען. ווי נאָר עס האָט זיך אינוועניג געזעצט, עפענט די הייטעל איהרע קליינינקע לעכער־לעך דאָס וואַסער זאָל אַריינדרינגען, און דאָס ענדיגט איהר ענטוויקלונג דורך דעם אַרומזייטיגען דרוק פון וואַסער.

ביי די זויגענדע חיות קומט דאָס איי קיינמאָל אויף דער וועלט. זיי ווערען אין דעם מוטער־לייב ענטוועדער בעפרוכטעט, אָדער מאַנאַטליך אויסגעריננען פון מוטער־לייב.

קוואַנטיטעט: אייער ווערען געלעגט איינס נאָך דאָס אַנדערע, און אויך אין גרויסע מענגעס. פויגעל לעגען איינס נאָך דאָס אַנ־דערע, דאַגעגען פיש, זשאַבעס און געוויסע אינזעקטען לעגען שוין זעהר פיעל מיטאַמאָל די מוראַשקע קעניגין לעגט 80,000 אייער אין 24 שטונדען, און דער איינפּאַכער האָאַר־וואורם 8,000,000 אין אַ טאָג. אַזוי ווייט ווי די סטאַטיסטיקער האָבען צוזאַמענגעקלי־ציפערען וועגען דעם, איז אָנגעגעבען, אַז די צאָהל פון אייער פון פערשיעדענע חיות איז ווי פאָלגט:

אַסקאַרוס לומבריקאָדים	60,000,000
סאַלמאָן פיש	10,000,000
צאַרסינוס מענאַס	3,000,000
אויסטער	1,000,000
עכינוס ספּערא	1,000,000
הערינג	36,000
זשאַבע	3,800
וואַסער קרעבס	200
היישרעק	100
קראָקאָדיל	90
הויז־פליעג	70
פּייפער	70
שנעק	70
מויז	50
פוקס	7
שאָף	3
מענש	1
עלעפאַנט אין 4 יאָהר	1

ניַשט אַלע היהנער לעגען אַן עגאַלע צאָהל פון אייער. אויך איין און דיזעלבע היהן וועט אונטער אַנדערע אומשטענדען לעגען מעהר אָדער וועניגער. דורכשניטליך לעגט אַ היהן פון 90 ביז 200 אייער יעהרליך. פּאַסענדע שפּייזען מיט גענייגענדען פּלאַץ צום אַרומלויפען זיינען גינסטיג פאַר אַ לעגענדע היהן. דאָס פעהלען פון אַ געוויסע שפּייז לאָזט זיך גלייך מערקען אין די געלעגטע אייער. די אייער־שאָל בעשטעהט פון קויהלענזויערע פון ליים, פון פאַספאָר פון ליים און מאַגנעזיע, און פון איי־ווייס; טאָמער פעהלט ליים אויף דעם פּלאַץ וואו די היהנער לויפען אַרום, וועלען זיי לעגען

אייער אָהן אַ שאָל, בלויז מיט אַ הויטעל איבערצויגען.

זעלטענהייטען: אין מאַדאַגאַסקאַר זיינען געפינען געוואָרען הוילע אייער־שאָלען פון אַן אויסגעשטאָרבענעם קלאַס פייגעל וועלכע מען רופט: "אַפּיראָני". די איינוואוינער פלעגען זיי נוצען אַלס כלים פאַר ווייןָ. אין אַזאַ שאָל איז אַריין איבער צוויי גאַלאָן ווייןָ. אַרומגענומען האָט עס געהאַלטען 36 צאָל, דאָס מיינט: אַזוי גרויס ווי 6 שטרויס אייער, אָדער 150 היהנער־אייער. עס טרעפען אויך אויסנאַהמען ביי געוועהנליכע היהנער. אין מערץ פון 1922 איז אין אַנדאָווער געוויזען געוואָרען אַ היהנער־איי וואָס האָט געהאַלטען 12 צאָל לאַנג און 8 צאָל ברייט. דער אייגענטימער האָט געזאָגט אַז דיעזע היהן האָט שוין געלעגט 12 אַזעלכע אייער, און יעדעס האָט געהאַט מעהר איין געלכעל.

לעגען: אויך דאָס לעגען פון די אייער פּאַסירט אויף פערשיעדענע אופנים. מאַנכע לעגען בעהאַלטענערהייט און מאַנכע אין דער עפענטליכקייט. מאַנכע זיצענדיג, מאַנכע שטעהענדיג, און מאַנכע אויך פליהענדיג. אייער ווערען געלעגט און בעגראָבען אין דער ערד, אָדער אין הוילע ביימער, אָדער גאָר אין בויך פון אַ טוידטע חיה. מאַנכע הענגען זיי אויף אין געפלאָכטענע קערבלעך אויף צווייגען פון הויכע ביימער. מאַנכע זינקען זייערע אייער ביז אויף דעם אָבגרונד פון וואַסער, און פערקניפּען זיי דורך ריטער אַז זיי זאָלען בלייבען הענגען נאָהנט צו דער אויבערפלעך פון וואַסער.

אַלס שפּייז: די וויכטיגקייט פון אייער אַלס שפּייז איז בעקאַנט אויך צווישען די חיות. עס איז נישט דאָ איין שפּייז־אַרטיקעל וואָס קאָן קאָנקורירען מיט אייער אַלס שפּייז. די יונגע פייגעל ווערען אויפגעהאָדעוועט אויף אייער, דער מענש קאָן זיי געברויכען רוי, געקאָכט, געבראָטען; אָדער גאָר זיי לאָזען בריהען אויף צו האָבען פלייש. די כעמישע קאָמפּאָזיציע פון אַן איי וואָס וועגט 1000 גריינס, בעשטעהט פון:

ווייסעל	600 גריינס
שאָל	100 "
געלכעל	300 "

צו יעדע 100 טיילען געפינט זיך אין דעם ווייסעל:

וואַסער	80%
אַלבומען	15%
זאַלץ	5%

צו יעדע 100 טיילען פון געלכעל געפינט זיך

וואַסער	53%
אויל	19%
אַלבומען	18%

עס ענטהאַלטעט אויך אַן אונבעשטימטען געהאַלט פון פאָספאָר־זויערע און אייזען. דאָס געלכעל איז פעטער אַלס חזיר־פעטס. 14 היהנער־אייער געבען דיזעלבע נאַהרונג וואָס 1 פונט פלייש.

די גאַנצע וועלט ווייסט אַז אַ פרישׁ איי געזונטער אַלס אַן אַלטעס, אַבער זעהר ווענִיג ווייסען ווי אַלט דאָס איי איז וואָס זיי קויפען פאַר פרישׁ. מען האָט לעצטענס שוין אויסגעפינען פיעלע מיטלען אויפצוהאַלטען די פרישקייט פון אַן איי פאַר לאַנגע צייט. דיעזע מיטלען זיינען אַזוי קלוג, אַז עס נעהמט אַ גרויסען פאַכקענער גרויס מיה אויסצוגעפינען אַן אַלט איי. עס איז געבליבען בלויז איין מיטעל וואָס קאָן נישט אָבגעשוואַכט ווערען, און דיעזער איז:— אַריינלעגען דאָס איי אין אַ גלאָז וואַסער. אַ גאָר פרישׁ איי וועט גלייך זינקען ביז דעם באָדען, אַ האַלב־פרישעס וועט בלייבען אין דער מיט וואַסער, און אַן אונגעברויכבאַר איי וועט שווימען אויף דער אויבערפלעך פון וואַסער. די אורזאַך דערפון איז אַ

כעמישער פּראָצעס. וואָס עלטער דאָס איי ווער,ט ווערט עס רק קלײנער. דער וואַעריגער אינהאַלט פון איי טרוקענט אויס און לופט פילט אויס דעם לעדיג ווערענדען רוים. אָט דיעזע לופט מאַכט עס אַז דאָס איי זאָל שווימען נאָך אויבען.

סימבאָליש:

די פעהיגקייט פון אַ טוידט איי אַרויסצוברענגען אַ לעבענדיגעס זעלבסטשטענדיג וועזען האָט אַרויסגערופען די בעוואונדערונג פון די נאַטור-מענשען. דערפאַר איז עס קײן וואונדער צו געפינען דאָס איי שפּיעלעדיג אַזאַ גרויסע ראָלע אין אַלע רעליגיאָנען. עס איז אַבער אינטערעסאַנט צו וויסען די פערשיעדענע פאָרמען פון דער ראָלע וואָס עס שפּיעלט ביי די פערשיעדענע פעלקער. מען לערנט דאַרויס דעם כח פון דער פאַנטאַזיע וואָס יעדעס פאָלק האָט דערביי אָנגעווענדעט.

די בראַהמינען גלויבען אַז בראַהמאַ איז געבוירען געוואָרען אין אַ גאָלדען איי. ער האָט דאַרין געוואוינט פיעלע יאָהרען. ענדליך האָט ער דאָס איי געשפּאָלטען, און ער האָט פון די צוויי העלפּטען געמאַכט הימעל און ערד. די צאָראָאַסטער מאַכען דאָס נאָך קלאָהרער ווען זיי זאָגען אַז דער הימעל מיינט "טאָג" און די ערד מיינט "נאַכט". די עגיפּטער האָבען געלערנט, אַז דער גאָט קנעף האָט געלעגט אַן איי דורך זיין מויל, און דערפון איז אַרויסגעשפּרונגען אַ גאָט. זיי לערנען ווייטער: די גאַנצע וועלט איז אַן איי.אין דיעזען איי ליגט דער קיום פון לעבען, נישט נאָר פון מענשען און חיות, נאָר אויך פון די געטער. ווען קנעף האָט געלעגט דאָס איי פון מויל האָט עס געמיינט אַז: ער האָט געזאָגט עס זאָל ווערען, און עס איז געוואָרען. די אָרפען האָבען געלערנט: דער שליים פון וואַסער האָט זיך אָנגעזאַמעלט און פון איהם איז אַרויס אַ שלאַנג מיט אַ לייבען-קאָפּ, און אין מיטען פון זיי קערפּער איז געוועזען דער פנים פון אַ גאָט. דיעזער שלאַנג האָט געלעגט אַן איי, ער האָט דאָס איי געשפּאָלטען אויף צוויי און דערפון איז געוואָרען הימעל און ערד. אין דער סלאַווישע מיטאָלאָגיע איז פאַראַן אַ הייליגע שלאַנג מיט אַן איי אין מויל. די קריסטען געברויכען אייער אוי זייער פסח אַלס אַ סימן, אַז יעזוס איז ווידער לעבענדיג געוואָרען. אין אינדיען איז אויך דאָס איי אַ סימבאָל פון זכר ונקבה; ווייל, אויף איין זייט איז עס רונד, און דיעזע זייט רעפּרעזענטירט די מוטער, און אויף דער אַנדערער זייט וואָס איז שמאָל און לענגליך רעפּרעזענטירט זיך דער פאָטער. אין כינאַ גלויבט מען אַז דער קעניג שוה איז געבוירען געוואָרען פון אַן איי וואָס איז געפאַלען אין דעם וואַסער בעת אַ געטין האָט זיך געבאָדען. די פעניקער האָבען געהאַט אין זייער טעמפּעל אַן איי געמאַכט פון שטיין, וואָס האָט געהאַלטען אַרום 30 פוס. די דרואידס אין אַלטען ווילס האָבען פעהייליגט אַ שטיין אין דעם פאָרם פון אַן איי. אין רוים טראָגט יעדער עהרליכער קריסט אַן איי מיט זיך אין קריסטליכען פסח. אין די עטרוסקישע קברים האָט מען געפינען שטרויס-אייער בעמאָלט מיט געפליגעלטע קעמעלס. די אַראַבער העגנען אוף אייער אין זייערע טעמפּלען. די סיריער גלויבען אַז אַן איי קאָן שיצען פאַר אַן עין-הרע.

די גמרא בעציכענט דאָס איי פון אַ אונרײנעם פויגעל מיט דעם סימן וואָס עס איז, אויסערליך, ביי איין ענד שטומפּ אָדער פלאַט, און ביים אַנדערען ענד לענגליך און שמאָל; און אינערליך, וואָס דער ווייסעל נעהמט אַרום דאָס געלכעל. דאַגעגען ביי אונרײנע פויגעל זיינען דיאייער אויף בביידע

ענדען ענטוועדער שטומפּ אָדער שפּיציג, און אינוועניג נעהמט דאָס געלכעל אַרום דאָס ווייסעל (חולין ס״ה 1). דערזעלבער אונטער־שיעד גילט אויך איבער די אייער פון די פיש. דער רויגעגען־שטאַק פון ריינע פיש שטומפּ און שפּיציג, און דער פון די אונ־ריינע פיש איז ענטוועדער אויף ביידע ענדען שטומפּ אָדער שפּיציג. אויף דעמזעלבען אָרט ווערט אויף געזאָגט אַז, ביי די אַמפּי־ביען איז נישט פאַראַן אַ ווייסעל בעזונדער פון געלכעל, זיי זיינען באַזיי אויסגעמישט. —אין די מנהגים האָבען מיר צום סדר אַ געבראָטען איי, און געקאָכטע אייער צו עסען אין זאַלץ־וואַסער. ערב תשעה־באָב אַן איי מיט אַש אַלס זכר לחורבן, און ל״ג בעומר קאָלירטע אייער. אין דער פאָלקס־שפּראַך רעדט זיך: איבער אַן איי איז אַ שטאָדט חרוב געוואָרען (גיטין נ״ב 5); אַ קליין איי איז אויך אַ כפּרה; די אייער ווילען זיין קלוגער פון די היהנער; מיט איין איי מאַכט מען וויים אַ גאַנצען טאָפּ באָרשטש; אויב מען גנב׳ט אַע איי האָט מען 7 יאָהר קדחת. און נאָכ׳ן טוידט קייקעלט זיך דער גוף אַרום אין קבר.

פיר ווייטערעס ז. ״אייער״, ״ביאָלאָגיע״, ״בריהען״, בעפרוכטונג״, ״עמבריאָלאָגיע״, ״עוואָלוציע״, ״צייגונג״, און ביי יעדען פויגעל אָדער חיה וואָס ווערען אין דיעזען ווערק בעהאַנדעלט.

אַייאָוואַ, דער 16טען שטאַאַט פון דער ״יונייטעד־סטייטס״. ליגט צווישען די טיי־כען מיסיסיפּי און מיסאָורי. איז 56,025□ מיילען גרויס מיט אַ בעפעלקערונג פון 2 און אַ האַלב מיליאָן. זיינע גרענצען זיינען: נאָרדליך מיט מינעזאָטאַ, אָסטליך מיט וויס־קאָנסין און אילינאָיס, זידליך מיט מיסאָורי און וועסטליך מיט נעבראַסקאַ און סויטה־דאַקאָטאַ. די רעזידענץ איז ״דעס־מאָינס״. דער גאַנצער שטאַאַט האָט 560□ מיילען וואַסערען.

רעגיערונג: אַייאָוואַ איז אויפגענומען געוואָרען אַלס מיטגליעד אין דער יונייטעד־סטייטס- אין דעצעמבער 28 פון 1846. פאַר זיין אייגענע אַדמינסטראַציע האָט ער אַ ״דזענעראַל־אַסעמבלי״ מיט 50 סענאַטאָרען און אַ ״האַוז־אָוו־רעפּרעזענטאַטיווס״ מיט 208 מיטגליעדער. די סענאַטאָרס ווערען געוועהלט אויף 4 יאָהר און די רעפּרעזענטאַטיווס אויף 2 יאָהר. אַ העלפט פון די סענאַטאָרס פאַלען אַרויס אַלע 2 יאָהר. אין קאָנגרעס פון דער יונייטעד־סטייטס האָט ער 2 סענאַטאָרס און 11 רעפּרעזענטאַטיווס. פאַר אינערליכע אַדמינסטראַטיווע צוועקען איז דיעזער שטאַאַט געטיילט אויף 99 קאָונטיעס (דיסטריקטען), און ווערט פערוואַלטעט פון אַ גאָווערנאָר. זיין געהאַלט איז 5000 דאָלאַרס אַ יאָהר.

די גרעסטעע שטעדט מיט איבער 10,000 איינוואוינער זיינען:

דעס־מאָינס	105,100	קלינטאָן	27,200
סיוקס ס.	58,500	בולינגטאָן	25,200
דאַווענפּאָרט	49,600	מאַסאָן ס.	25,000
דובוק	40,100	קיאָקוק	25,200
קאָנ.בלאַפס	31,800	אָטומוואַ	24,700
סידער ראַפּ.	38,000	פ.־דאָדזש	21,100
וואָטערלו	37,000	מוסקאַטיין	17,800
מאַרשאַלט.	15,000		

אינדוסטריע: די הויבט פּראָדוקטען זיינען אַגריקולטורעלע. האָט 200,000 פאַכטען וואָס האָבען צווישען זיך אַן ערך פון 23 מיליאָן אַקער־ערד. אַ העלפט דערפון איז פערנומען מיט געמיזע, און די אַנדערע העלפט מיט אַלע אַנדערע פּראָדוקטען. האָט קוילען־פעל־דער בערך 19,000□ מיילען. גיפּס, מינעראַל־וואַסער , זאַמד־שטיינער און ליים־שטיינער ווערען דאָרט פּראָדוצירט אין אַ בעדייטענ־דע צאָהל. צעמענט בערך 5 מיליאָן פעסלעך

אַ יאָהר. האָט בערך 10,000 מיילען אייזענבאַהנען און 500 מיילען עלעקטרישע באַהז. טראַנספּאָרט ווערט אויך געפיהרט דורך די דערמאָנטע טייכען.

קלימאַ: דער ווינטער איז זעהר שטאַרק, אַבער ערטרעגליך צוליעב דעם וואָס דאָרט זיינען נישט דאָ קיינע זומפּען. די פראָסטען זיינען דאָרט פון 110 ביז 40 גראַד אונטער זעראָ. דער דורכשניטליכער רעגען־פאַל איז 31 צאָל וואַסער. צוויי דריטעל דערפון פאַלט צווישען אַפּריל און אָקטאָבער.

אייביגקייט, די שטענדיגע דויער פון אַן עקזיסטענץ ,וואָס האָט קיין אָנהויב און קיין ענד; אָדער די צייטלאָזע עקזיסטענץ פון דאָס אַבסאָלוטע און דאָס אונבעגרענצטע. די צייט בעציהט זיך בלויז רעלאַטיוו צו דאָס פּאַסירענדע אין דער אייביגקייט, זי איז די מאָס מיט וועלכער מען מעסט די אַקטיוויטעטען אין דער פּאַסירונג, דערפאַר האָט זי אַן אָנהויב און אַן ענדע, דערפאַר איז זי אויך פערגענגליך. די צייט איז אויך קיין איינהייט, ווי מען דריקט זיך אויס: ”פערגאַנגענע צייטען”, אָדער קינפטיגע צייטען”, אַזוי קאָן מען נישט ריידען וועגען די אייביגקייט., ווייל זי איז אַן איינהייט.

אַריסטאָטעלס לערנט: דער אוניווערזום איז אייביג, זיין אינהאַלט ווערט קיינמאָל נישט געמינדערט. אַלעס וואָס אין איהם ענטשטעהט, ענטשטעהט אויס דאָס וואָס עס געפינט זיך אין איהם. די ענטשטאַנענע געגענשטענדע אונטערשיידען זיך פון זייער אורשפּרונג, בלויז אין זייערע פאָרמען. אין זייער נאַטור אַבער, זיינען זיי אַ טייל פון דעם אוניווערזום. גאָט איז די אייביגקייט. ער איז דער בעוועגער פון אַלעס אָהן צו ווערען בעוואויגען.

אַ בעגריף איבער דער אייביגקייט איז אַבסאָלוט אונמעגליך ווייל, יעדעס אונגעהייערע שטעהט איבער אונזערע חושים. מיר רופען איהר אייביגקייט ווייל אונזער מאַטעמאַטיק קאָן איהר נישט מעסטען און די אַריטמעטיק קאָן איהר נישט אויסרעכנען. אונזער לאָגיק רוהט צו מיסטענטיילס אויף אונזערע ערפאַהרונגען, און דערפאַר ווייל די מעטאַפיזיק געפינט זיך אויסערהאַלב אונזערע ערפאַהרונגען קאָן אונזער לאָגיק דאָ נישט האָבען קיין פּראַקטישען ווערטה.

דער מענש געפינט זיך צווישען אַ פערגאַנגענהייט וואָס האָט קיין אָנהויב און אַ צוקונפט וואָס האָט קיין ענדע; דאָס בעגרייפען מיר. אויס דיעזען בעגריף שטעלען מיר זיך פאָהר די אייביגקייט צו זיין: אַ קרייזפאָרמיגע עקזיסטענץ פון עפּעס, וואָס געפינט זיך אויסערהאַלב פון אונזער שכל.

לויט שפּינאָזאַס פילאָזאָפיע קאָן די צייט אָדער דאָס צייטליכע, נאָר בעגרייפליך ווערען ווען מען פערגלייכט עס מיט דער אייביגקייט. שלייערמאַכער נעהמט אָן דיעזע אידעע אין זיין ווערק ”רעדען איבער רעליגיאָן”. קאַנט גלויבט אַז פאַר די עקזיסטענץ פון דער מאָראַל איז נויטיג זיך צו שאַפען אַ קלאָהרערע פאָהרשטעלונג איבער דער אייביגקייט. דער פאַר שטרעבען די טעאָלאָגען דאָס צו שאַפען אויף די רעליגיעזע דרכים. גאָט ווערט פון דער טעאָלאָגיע גערופען: ”דער אייביגער זיי ווערען דאַרין אונטערשטיצט פון דער מעטאַפיזיק, וועלכע לערנט, אַז איבער דאָס געבוירענע און דאָס שטערבענדע, אָדער דאָס ענשטעהענדע און דאָס אונטערגעהענדע, מוז עקזיסטירען אַן אייביגער וואָס זאָל צוזאַמענהאַלטען דעם וועקסעל־פּראָצעס פון דאָס דאַזיין. דער ”אייביגער קאָן נאָר געדאַכט ווערען אין אַ אונבעשטימטען, און אין אַ אונבעגרענצטען פּלאַץ. ד.ה. איבעראַל. דאָס איז אייגענטליך דער קערן־פּונקט פון דעם שפּינאָציזמוס.

אין דער העברעישע שפּראַך איז נישט דאָ אַ נאָמען פאַר "אייביגקייט" אין דעם אַבּ־סטראַקטען זינן. די ווערטער: נצח, עד, עולם, און קדם זיינען אַלע בעשרענקט, ווי פאָלגענ־דע ערקלעהרונג ווייזט:—

"נצח" לעזט זיך נעצאַך, נייצאַך, און נאָצאַך; אַלע פון דעם שורש "נץ". די בע־דייטונגען זיינען: אָבטיילען, אָבשיידען, אויסברייטען, אויסשפּאַנען; אָבטיילונג, אָב־שיידונג, אויסשפּרייטונג און אויסשפּאַנונג; דאַן ווידער "מנצח": הערשער, זיעגער, רע־גיערע אָדער קאַפּעל־מייסטער; דאַן אויך: גלאַנץ, ריהם, ריינהייט, וואַהרהייט, און אָרדנונג.

"עד" = צייט, צייט־אָבשניט; ביז־אַהער, פאָרטגאַנג, אַזוילאַנג, און ביז־דעמאָלט.

"עולם" = דויערענדע צייט, איינע וואָס האָט אַן אָנהויב מיט אַן ענדע אין דער דונקעלהייט. בלויז אין פּאָפּולערען זינן גלייך צו אייביגקייט. עטימאָלאָגיש האַלט דאָס אָבער נישט אויס צוליעב "עולמים". די אייביגקייט האָט קיין פּלוראַל, זי איז אַן איינהייט.

"קדם" = אַמאָל, נישט היינט; פריהער נישט יעצט; פּאָרלויפיג נישט שטענדיג; און אורשפּרינגליך.

"תמיד" = דויער, רעגולאַר, און פּער־מאַנענט.

אַלע דיעזע ווערטער זיינען בעשרענקט, און אַליין שטעהענדיג דריקען זיי נישט אויס דאָס וואָרט אייביגקייט. סיידען, מען בע־דיענט זיך מיט אַדיעקטיווען, צובייזשפּיעל: עדי־עד, עולמי־עולמים, קדמות־עולם. אין אַבסטראַקטיווען זינן קאָן דאָס וואָרט איי־ביגקייט נישט געפאָרמירט ווערען אַדיעקטיוו ווייל, עס איז אַן אַבסאָלוטע איינהייט. דער־פאַר האָט שפּינאָזאַ געזוכט די געטליכקייט אין דער אייביגקייט, ווי עס איז שוין אויבען דערמאָנט געוואָרען (ז. "אלהים").

שלום פון צווייטען באַנד